בס"ד

# קובץ כל ספרי ניקור המובהקים

# חלק י"ד

## שער כללי

הו"ל בחמלת ה' עלי בזכות אבותי ורבותי הקדושים זי"ע

**הק' שלום יהודה גראס, אבדק"ק האלמין יצ"ו**

## כולל 3 ספרים, 401 עמודים

**ספר א: די שוחטים שטימע - SHTIMME SCHOCHTIM - ירחון חודשי יוצא לאור על ידי אגודת שוחטי עופות דניו יארק רבתי - מאנאטליכער זשורנאל, ארויסגעגעבעם ביי די אגודת שוחטי עופות דניו יארק רבתי שנה תרצ"ב – תרצ"ג, 144 עמודים.**

**ספר ב: סדר הניקור הפנים והקדמי - עם תמונות – הלכה למעשה מאת הרב מרדכי גבריאל מלאכי - רב בביהמ"ד דהחסידים "יבנה" תל –אביב – וראש ביהמ"ד הלכה למעשה – בני ברק - ביאור מקיף על ניקור חלב הפנים – הקדמי מהתלמוד ושו"ע מהראשונים והאחרונים ומספרי ניקור. - בזמנו של הגאון מוילנא זצ"ל נכשלו כל העיר באיסורי חלב. יצא לאור ע"י בית המדרש הלכה למעשה בני ברק - 200 עמודים, 200 עמודים**

**ספר ג: ספר שפע חיים - דרוש ומאמר ברית שלש עשרה - מאת כבוד קדושת אדומו"ר הגה"ק מרן יקותיאל יהודה הלברשטאם שליט"א [זצוקללה"ה] אבדק"ק צאנז - אשר בשר צדק בקהל רב - ביום י"ג מדות שנת תש"נ לפ"ק - דרשה וקול קורא מהגאון הצדיק הקדוש והטהור כ"ק אדמו"ר מקלויזנבורג זצוקללה"ה שיצא בקול חוצב להבות אש נגד הרבנים המכשירים המכשילים שמאכילים נבילות וטריפות חלב ודם להכלל ישראל, רחמנא ליצלן. 29 עמודים**

# די שוחטים שטימע

מאנאטליכער זשורנאל, ארויסגעגעבעם ביי

די אגודת שוחטי עופות

דניו יארק רבתי

# SCHOCHTIM SHTIMME

| | |
|---|---|
| מאנאטליכער זשורנאל, ארויסגעגעבעם ביי די<br>אגודת שוחטי עופות דניו יארק רבתי<br>**ערשטער יארגאנג נומער 1 ניו יארק, אדר שני, תרצ"ב**<br>**VOL. 1. NO. 1 March, 1932** | **די שוחטים שטימע**<br>**SCHOCHTIM SHTIMME**<br>20 עמודים |
| מאנאטליכער זשורנאל, ארויסגעגעבעם ביי די<br>אגודת שוחטי עופות דניו יארק רבתי<br>**ערשטער יארגאנג נומער 2**<br>**ניו יארק, ניסן, תרצ"ב**<br>**VOL. 1. NO. 2 April, 1932** | **די שוחטים שטימע**<br>**SCHOCHTIM SHTIMME**<br>20 עמודים |
| מאנאטליכער זשורנאל, ארויסגעגעבעם ביי די<br>אגודת שוחטי עופות דניו יארק רבתי<br>**ערשטער יארגאנג נומער 3**<br>**ניו יארק, אייר, תרצ"ב**<br>**VOL. 1. NO. 3 May, 1932** | **די שוחטים שטימע**<br>**SCHOCHTIM SHTIMME**<br>20 עמודים |
| מאנאטליכער זשורנאל, ארויסגעגעבעם ביי די<br>אגודת שוחטי עופות דניו יארק רבתי<br>**ערשטער יארגאנג נומער 4**<br>**ניו יארק, סיון, תרצ"ב**<br>**VOL. 1. NO. 4 June, 1932** | **די שוחטים שטימע**<br>**SCHOCHTIM SHTIMME**<br>20 עמודים |

| | |
|---|---|
| מאנאטליכער זשורנאל, ארויסגעגעבעם ביי די<br>אגודת שוחטי עופות דניו יארק רבתי<br>**ערשטער יארגאנג נומער 5**<br>**ניו יארק, תמוז, תרצ"ב**<br>**VOL. 1. NO. 5 July, 1932** | **די שוחטים שטימע**<br>**SCHOCHTIM SHTIMME**<br>20 עמודים |
| מאנאטליכער זשורנאל, ארויסגעגעבעם ביי די<br>אגודת שוחטי עופות דניו יארק רבתי<br>**ערשטער יארגאנג נומער 6**<br>**ניו יארק, אב, תרצ"ב**<br>**VOL. 1. NO. 6 Aug, 1932** | **די שוחטים שטימע**<br>**SCHOCHTIM SHTIMME**<br>20 עמודים |
| מאנאטליכער זשורנאל, ארויסגעגעבעם ביי די<br>אגודת שוחטי עופות דניו יארק רבתי<br>**ערשטער יארגאנג נומער 7**<br>**ניו יארק, אלול, תרצ"ב**<br>**VOL. 1. NO. 7 Sep, 1932** | **די שוחטים שטימע**<br>**SCHOCHTIM SHTIMME**<br>20 עמודים |
| מאנאטליכער זשורנאל, ארויסגעגעבעם ביי די<br>אגודת שוחטי עופות דניו יארק רבתי<br>**ערשטער יארגאנג נומער 8**<br>**ניו יארק, תשרי, תרצ"ג**<br>**VOL. 1. NO. 8 Oct, 1932** | **די שוחטים שטימע**<br>**SCHOCHTIM SHTIMME**<br>20 עמודים |

| | |
|---|---|
| מאנאטליכער זשורנאל, ארויסגעגעבעם ביי די<br>אגודת שוחטי עופות דניו יארק רבתי<br>**ערשטער יארגאנג נומער 9**<br>**ניו יארק, חשון, תרצ"ג**<br>**VOL. 1. NO. 9 Nov, 1932** | **די**<br>**שוחטים**<br>**שטימע**<br>**SCHOCHTIM**<br>**SHTIMME**<br>**20 עמודים** |
| מאנאטליכער זשורנאל, ארויסגעגעבעם ביי די<br>אגודת שוחטי עופות דניו יארק רבתי<br>**ערשטער יארגאנג נומער 10**<br>**ניו יארק, כסלו, תרצ"ג**<br>**VOL. 1. NO. 10 DEC, 1932** | **די**<br>**שוחטים**<br>**שטימע**<br>**SCHOCHTIM**<br>**SHTIMME**<br>**20 עמודים** |
| מאנאטליכער זשורנאל, ארויסגעגעבעם ביי די<br>אגודת שוחטי עופות דניו יארק רבתי<br>**ערשטער יארגאנג נומער 11**<br>**ניו יארק, טבת, תרצ"ג**<br>**VOL. 1. NO. 11 JAN, 1932** | **די**<br>**שוחטים**<br>**שטימע**<br>**SCHOCHTIM**<br>**SHTIMME**<br>**20 עמודים** |
| מאנאטליכער זשורנאל, ארויסגעגעבעם ביי די<br>אגודת שוחטי עופות דניו יארק רבתי<br>**ערשטער יארגאנג נומער 12**<br>**ניו יארק, שבט, תרצ"ג**<br>**VOL. 1. NO. 12 FEB, 1932** | **די**<br>**שוחטים**<br>**שטימע**<br>**SCHOCHTIM**<br>**SHTIMME**<br>**20 עמודים** |

| | |
|---|---|
| די<br>שוחטים<br>שטימע<br>SCHOCHTIM<br>SHTIMME<br>20 עמודים | מאנאטליכער זשורנאל, ארויסגעגעבעם ביי די<br>אגודת שוחטי עופות דניו יארק רבתי<br>**צווייטער יארגאנג נומער 1**<br>**ניו יארק, אדר, תרצ"ג**<br>**VOL. 2. NO. 1 MAR, 1933** |
| | |
| די<br>שוחטים<br>שטימע<br>SCHOCHTIM<br>SHTIMME<br>20 עמודים | מאנאטליכער זשורנאל, ארויסגעגעבעם ביי די<br>אגודת שוחטי עופות דניו יארק רבתי<br>**צווייטער יארגאנג נומער 2**<br>**ניו יארק, ניסן, תרצ"ג**<br>**VOL. 2. NO. 2 Apr, 1933** |
| | |
| די<br>שוחטים<br>שטימע<br>SCHOCHTIM<br>SHTIMME<br>20 עמודים | מאנאטליכער זשורנאל, ארויסגעגעבעם ביי די<br>אגודת שוחטי עופות דניו יארק רבתי<br>**צווייטער יארגאנג נומער 2**<br>**ניו יארק, אייר, תרצ"ג**<br>**VOL. 2. NO. 3 MAY, 1933** |
| | |
| | |
| | |
| | |
| | |

THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY
1328145
ASTOR, LENOX AND TILDEN FOUNDATIONS
R 1941

THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY
ASTOR, LENOX AND TILDEN FOUNDATION
R L

RABBI S. L. HURWITZ, Editor.

הרב שמריהו ליב הורוויץ, רעדאקטאר.

# די שוחטים שטימע
# SCHOCHTIM SHTIMME

מאנאטליכער זשורנאל, ארויסגעגעבען ביי די אגודת שוחטי עופות דניו יארק רבתי
Monthly Magazine, published by the Poultry Schochtim Union of Greater New York
Affiliated with the American Federation of Labor, Local 440
229 East Broadway, New York, N. Y. — Telephone: ORchard 4—1938 — 4602

VOL. I. No. 1. MARCH, 1932. — ב"ה ניו יארק, אדר שני, תרצ"ב — ערשטער יאהרגאנג, נומער 1

## אינהאלט:

עדיטאריעלם:
א. אונזער צייטונג
ב. רבנים און שוחטים
ג. די אידישע צוקונפט אין געפאהר
ד. עזרת תורה
די מצוה פון שחיטה ביי אידען — — הרב שמריהו ליב הורוויץ
וואס איז א שטימע? (פעליעטאן) — — אחר מדרי מטה
שחיטה און שוחטים אמאל און היינט — — הרב רפאל מרדכי בארישאנסקי
פרדסים אין ארץ ישראל — — מ. בונים
הכל שוחטין ואחרים רואין אותן — — יוסף חיים קאפלאוויץ
באגריסונג — — דר. יזראעל ה. לעווענטהאל
אין אונזער אייגען ווינקעל

## השומר

מרכז רוחני — — הרב שמריהו ליב הורוויץ
הלכות שחיטה ובדיקה — — על פי פרד"ס
אות ברית — — דר. שמואל כהן
מעשה בשוחט שנתגלה — — מספר עתיק
מכתבי ברכה ועדוד
ספרים חדשים — — בן דוב
מודעות

Subscription Price, $3.00 a year. — סובסקריבשאן 3 דאלאר א יאהר.

Application for Entry as Second Class Matter is Pending

# א וויכטיגער און אינטערעסאנטער מיטינג פון דער אגודת שוחטי עופות דניו יארק רבתי

ניט לאנג צוריק איז אבגעהאלטען געווארען א מיטינג פון די „אגודת שוחטי עופות“, אין 96 קלינטאן סטריט, ניו יארק. עס איז באשלאסען געווארען צו פראטעסטירען עפענטליך נעגען די בעריכטען אין די צייטונגען, אז עס הערשט א געוואלדיגע הפקרות אין די שחיטת עופות מארקעטס, א זאך וואס איז אבסאלוט פאלש. אין זעכציג פראצענט פון אונזערע מארקעטס קומען אריין רבנים, חברים פון די לאקאלע ועדי הכשרות יעדען דאנערשטאג, און זעהן די חלפים ביי די שוחטים, און זיי גיבען אכטונג ווי די שחיטה געהט פאר. און די שוחטים זיינען אימער גרייט צו עמפאנגען בכבוד די רבנים, וועלכע ווילען זעהען חלפים און שחיטה. און 90 פראצענט שוחטים פון די אגודת שוחטי עופות דנויארק רבתי זיינען שוחטים פאר די לעצטע 25-30 יאהר, וועלכע זיינען תלמידי חכמים יראים ושלמים. און אויך עוסקים אין שוהלען, תלמוד תורה'ס און ישיבות. און ווען רבנים ווענדען זיך צו דער אגודה מיט ערענסטע קלאגען אויף שוחטים און ווען נאך א גרינדליכע חקירה ודרישה מצד שוחטים און רבנים ווערט אויסגעפונען אז די שוחטים זיינען ניט פאסיג צו זייער מלאכת הקדש, צווינגט די אגודה די שוחטים אויפצוגעבען שחיטה. אזא קראפט האט נאך קיין רבנים ארגאניזאציע ביז יעצט ניט געקענט באווייזען, און דאס האט באוויזען צו טהאן די שוחטים יוניאן, וועלכע האט 300 חברים שוחטים מומחים, יראים ושלמים.

דער סעקרעטער פון דער אגודה רעוו. יוסף ראזענמאן גיט א ברייטען איבערבליק איבער די וויכטיגע ארבייט פונ'ם אפיס און ווייזט אויף פאקטיש אז די לאגע פון די שוחטים יוניאן איז נארמאל, געזונט און שטארק. און די אגודה העלפט יעדען ברודער שוחט, וועלכער ארבייט זיין הייליגע ארבייט און מען שטיצט אויך דעם ארבייטסלאזען ברודער שוחט.

הרב י. א. ראבינאוויץ און רעוו. נאוואגראדסקי האלטען אינטערעסאנטע רעדעס וועגען דער לאגע פון שוחטים און שחיטה. די ברידער שוחטים רעוו. ווילנער און רעוו. מ. ראטשטיין פון בראנקס און רעוו. א. כהן פון פלעטבוש זיינען ערוויילט געווארען אין דער פינאנס קאמיטע.

דער טשערמאן פונ'ם פאנד פאר די אונבאשעפטיגטע שוחטים, ברודער באשקאוויץ ברייננט אריין א באריכט דורך דעם סעקרעטער רעוו. מעלצער, אז די אומבאשעפטיגטע ברידער שוחטים האבען באקומען פון 20 ביז 25 דאלאר יעדע וואך. עס איז באשלאסען געווארען צו ערוועהלען א ספעציעלע קאמיטע אז צוזאמען מיט דער עקזעקוטיוו קאמיטע פון דער אגודה זאלען אויסארבייטען פלענער ווי אזוי צו פארבעסערען די אלגעמיינע לאגע פון די אונבאשעפטיגטע ברידער שוחטים. די קאמיטע באשטעהט פון די ברידער שוחטים רעוו. חרש. ח. י. הורוויץ, יוסף גארדאן, רעוו האלפערין פון בארא פארק.

עס ווערט דאן אריינגעבראכט א רעזאלוציע דורך ברודער ח. י. הורוויץ און ווערט אנגענומען מיט באגייסטערונג, אז די שוחטים שפרעכען אויס א הארציגען דאנק און אנערקענונג צום פרעזידענט פון דער אגודה, ברודער רעוו. יעקב בלום, צום וויס־פרעזידענט ברודער מעלצער, צו די סעקרעטארים ברודער ראזענמאן און באשקאוויץ, צום טרעזשורער ברודער ש. נאוואגראדסקי, און צו דער גאנצער עקזעקוטיווע פאר זייער גוטע נוצליכע ארבייט וואס זיי האבען געטהאן ביז יעצט און עס ווערט איינשטימיג באשלאסען דאס קיינער פון די שוחטים טאר ניט און וועט ניט פארהאנדלען קיינע שוחטישע אינטערעסען אויף איינענע פאראנטווארטליכקייט, און די ברידער שוחטים גיבען פולע מאכט און אויטאריטעט צו די יעצטיגע בעאמטע מיט דעם ועד הפועל פון דער אגודה צו פארהאנדלען מיט וועמען עס זאל ניט זיין וועגען אלעם וואס איז נוגע די אגודה ווי זיי וועלען געפינען פאר נויטיג און פאסיג, און נאכהער באריכטען צום אלגעמיינעם מיטינג.

דער פרעזידענט ר' יעקב בלום האלט א פייערדיגע רעדע וועגען דער לאגע פון די שוחטים און ערקלעהרט די נויטינקייט פון ארויסגעבען א זשורנאל פון שוחטים פאר די שוחטים פון אמעריקא און קענעדע. עס ווערט באשלאסען פייערליך און מיט גרויס ענטוזיאזם צו ארויסגעבען דעם זשורנאל „די שוחטים שטימע“. און אלס רעדאקטאר פונ'ם זשורנאל ווערט ערוועהלט דער באוואוסטער רב, דרשן, גלענצענדער רעדנער, מחנך און שריפטשטעלער הרב שמריהו ליב הורוויץ, דער מחבר פון 16 בארימטע ספרים אין הלכה, אגדה, דרוש, חכמת ישראל, ספרי חנוך ולמוד. דער געוועזענער רעדאקטאר פון די רבנישע זשורנאלען „דער וועג ווייזער“, „דגל ישראל“ און שרייבער פון הונדערטער ארטיקלען, כמעט אין אלע אידישע און העברעאישע צייט שריפטען אין דער גאנצער וועלט. הרב רש"ל הורוויץ דער רב און הויפט פיהרער פון דער גרויסער שוהל און תלמוד תורה תפארת הגר"א פון 425 האווארד עווענין, ברוקלין, איז ערקלעהרט געווארען איינשטימיג דאן אלס דער פאראנטווארטליכער רעדאקטאר פונ'ם שוחטים זשורנאל.

עס איז געמאכט געווארען א הזכרה נאך די פארשטארבענע ברידער שוחטים ר' יעקב סאקאלאוו ז"ל און נאך ברודער שמאי ראטשילד ז"ל ביי די נוס באוואוסטע ברידער שוחטים און חזנים חזן גאלדבערג און ברודער מישקין. דער וויס־פרעזידענט ברודער מעלצער ערקלעהרט דאן דעם מיטינג געזעצליך געשלאסען.

י. באשקאוויץ, סעקרעטאר.

# די שוחטים שטימע

אדר ב׳ תרצ״ב

ערשטער יאהרגאנג. נומער 1

## אונזער צייטונג

עס איז דעם ערשטען מאָל אין דער געשיכטע פון אמעריקאנער יודענטום דאָס די עפות שוחטים פון גרויס ניו יארק גיבען ארויס א מאנאטליכען זשורנאל וועמעס צוועק איז צו פארבעסערען די לאגע פון די שוחטים אין אמעריקע און קאנאדע, צו אָרגאניזירען די שוחטים פון לאנד אין איין גרויסען קרעפטיגען פארבאנד, ווייל נור אין אייניגקייט, אין אחדות, ליגט שטארקייט. די שוחטים יוניאן פון גרויס ניו יארק איז שטארק, קרעפטיג און מעכטיג, באזארגט איהרע מיטגלידער און פארזיכערט זייער עקזיסטענץ, טיילט אויס פיעל צדקה פאר חזוק היהדות. און דוקא דורך דער „יוניאן" האבען זיי די מעגליכקייט צו באזארגען ריכטיג די כשרות פון שטאדט, און ניט זיין פארשקלאפט צו קיינע „באסעס". און יעצט גיבען זיי ארויס „די שוחטים שטימע".

„די שוחטים שטימע", וועלכע איז דער אפיציעלער ארגאן פון די שוחטי עופות דניו יארק רבתי, וועט זוכען, ווי געזאגט, צו פעראייניגען אלע שוחטים פון לאנד און פארבעסערען זייער עקאנאמישען און גייסטיגען מצב. די צייטונג וועט אבער זיין געווידמעט ניט נור צו די אינטערעסען פון די שוחטים. נור ווי דער בעקאנטער האמלער רב, הרב ר׳ רפאל מרדכי באדישאנסקי באמערקט זעהר ריכטיג אין זיין הארציגער באגריסונג צו אונזער צייטונג אין דיזען נומער, אז „די שוחטים שטימע" דארף זיין ניט נאר די שטימע פון די שוחטים, נאר אויך די שטימע פון כל ישראל. „די שוחטים שטימע" וועט זיין געווידמעט צו אלעס וואס ביי אידען איז ליעב, הייליג און טייער, און ניט נאר שוחטים, וועלכע זיינען באמת די אייגענטימער פון דיזע צייטונג, נאר אויך רבנים און אלע אידען וועמענס הערצער עס טוט וועה פאר דעם כבוד פון תורה און אידענטום וואס ווערט זעהר אפט פארשוועכט אין דיזען לאנד, זיי אלע וועלען געפינען אין אונזער צייטונג א זיכערען און פאסינגען פלאץ צו געבען אויסדרוק צו זייערע געפיהלען און געדאנקען וועגען אידען און אידענטום.

„די שוחטים שטימע" מיט איהר העברעאישען שכן דער „השומר", וועט זיך געפינען אין דעם הויז פון יעדען שוחט, פון יעדען רב, פון אלע משרתים בקודש ביי אידען, ווי אויך ביי די פיהרער און בעאמטע פון אלע ארטאדאקסישע שוהלען, חברות און ארגאניזאציעס. די צוויי צייטונגען „די שוחטים שטימע" און דער „השומר" וועלען זיין די שטימע פון דעם ארגאניזירטען אידענטום פון אמעריקא און קאנאדא. „די שוחטים שטימע" אין אידיש, און דער „השומר" אין העברעאיש, וועט זיין די קהל׳שע בימה פון די רבנים, שוחטים, לעהרער, מוהלים, חזנים, ווי אויך די פיהרער פון אידענטום, פון קהל׳שען לעבען. און אט דיזע צייטונג אונזערע וועט בויען אלעס וואס איז הייליג און נוצליך אין אידישען לעבען, און וועט ברעכען אלעס וואס דארף געבראכען ווערען, אלעס וואס איז ניט על פי דרך התורה. די צייטונג וועט זיך פאר קיינעם ניט שרעקען, נאר פאר דעם בורא עולם, און דער הייליגער אמת און די הייליגע תורה וועט זיין אונזער שטענדיגע פראגראמע. אין זייער ליכט וועט די צייטונג געהן מיט פעסטע זיכערע טריט.

די אלע וועלכע האבען באהאלטען אין זייערע נשמות א הייליגען פייער, א בענקעניש נאך אמת און קדושה, די אלע וועלכע ווילען בויען דאס טראדיציאנעלע אידישקייט אין דיזען לאנד, זאלען זיי זיך גרופירען אין געשלאסענע רייהען מיט פאראייניגטע הערצער און נשמות ארום „די שוחטים שטימע" און דעם „השומר".

„די שוחטים שטימע" וועט זיך פון היינט אן לאזען שטארק הערען אין דער אידישער גאס פון אמעריקא, און דער „השומר" וועט היטען אונזערע הייליגטימער אז זיי זאלען חס ושלום ניט פארשוועכט ווערען ביי אומרייני נשמות וועלכע ווילען הערשען איבער הייליגע גייסטיגע ענינים, צו וועלכע זיי האבען קיין רעכט ניט צו צו ריהרען זיך אפילו. און אונזער צייטונג רופט צו אלע נשמה אידען פון אמעריקא, מי לה׳ אלי!!!...

## רבנים און שוחטים

הרב ר׳ ישראל הלוי ראזענבערג, דער עהרען פרעזידענט פון „אגודת הרבנים" אין אמעריקא און קאנאדא, אין זיין הארציגער באגריסונג צו אונזער צייטונג אין דיזען נומער, באמערקט זעהר שארף, אז עס איז ווינשענסווערטה עס זאל באשאפען ווערען א בעסערע בעציהונג צווישען די רבנים און די שוחטים פון אמעריקא.

הרב ראזענבערג מאכט ניט שולדיג די שוחטים ווארום זייער באציהונג צו רבנים איז ניט אזוי גוט ווי ער וואלט געוואלט אז עס זאל זיין אין דער ווירקליכקייט, ווייל אלס פעהיגער גייסטיגער פיהרער און מענשען קענער, פארשטעהט ער גאנץ גוט דעם ריינעם אמת, אז די שוחטים זיינען ניט שולדיג אין דעם, נאר שולדיג אין דעם זיינען די אומשטענדען פון אידישען לעבען, א לעבען ניט קיין ארגאניזירטער, א הפקר לעבען, און אט די אומשטענדען לאזען ניט פארווירקליכען זאכען און ענינים, וועלכע הא־

בען על פי דין און על פי יושר שוין גאנץ לאנג נעדארפט פארווירקליכט ווערען.

דער אמת איז, אז שוחטים ווייסען גאנץ גוט, אז זיי דארפען זיין אונטערווארפען אונטער דער דיסציפלין פון דעם שולחן ערוך, און זיי האבען אימער גרויס רעספעקט און זיינען פאלשטענדיג געהארכזאם צום רב, וועלכער איז דער פארטרעטער פון שולחן ערוך. דער רב וואס האט קיין אנדער זאך ניט אינזינען נאר דעם שולחן ערוך, וועלכער קוכט צו שוחטים אין נאמען און אין גייסט פון דער הייליגער תורה, יענער רב איז אימער באליבט און רעספעקטירט ביי די שוחטים און זיי זיינען אימער גרייט צו פאלגען איהם, וויסענדיג אז דאמיט פאלגען זיי דעם שולחן ערוך, וועלכער איז און דארף זיין דער אמת'ער און איינציגער דעה זאגער פון די שוחטים.

די שוחטים, פון זייער זייט, זיינען זעהר צופרידען, אז עס זאל באמת בעשאפען ווערען א נאטירליכע, הארציגע, און זעהר פריינדליכע באציהונג צווישען זיי און די רבנים פון אמעריקא, ווייל דאס וואלט געווען א גליק פאר ביידען, פאר די רבנים און פאר די שוחטים, און איבערהויפט פאר דאס אידענטום פון אמעריקא, וועלכעס ליידט זעהר פיעל פון צושפליטערטע כחות פון אינווייניג און פון דרויסען. אחדות איז נויטיג אי כלפי חוץ אי כלפי פנים. און דערפאר נעמען מיר אן מיט פערגעניגען דעם פארשלאג פון דעם נייסטינגען פארשטעהער פון די אגודת הרבנים, און מיר זיינען גרייט צוזאמען מיט די רבנים צו פערווירקליכען און לעבען דעם פארשלאג פון הרב ראזענבערג.

די שוחטים ווילען אחדות און שלום, און זיינען גרייט צו העלפען בויען דאס יודענטום אין דיעזען לאנד, ווי עס פאסט פאר אידען וועלכע האבען געווידמעט זייער לעבען צו מלאכת הקודש, וואס איז דער יסוד פון יודענטהום.

---

## די אידישע צוקונפט אין גרויס געפאהר

די אידישע צוקונפט איז נאר דאן אין א גליקליכען צושטאנד ווען די יונגע אידישע קינדער, זיהן און טעכטער, געניסען א גוטע אידישע ערציהונג. נאר דאן ווען מיר האבען א תורה־טרייע יוגענד, א יוגענד וועלכע איז באוואוסטזיניג אידיש, האט אידישע בילדונג און אידישען שטאלץ, איז דורכגעדרינגען מיט ליבשאפט און רעספעקט צו דער אידישער תורה, רעליגיאן, און די הייליגע אידישע קולטור. און דאס קען פאסירען נאר דאן ווען די יונגע אידישע קינדער געניסען אן אמת'ע גרינדליכע אידישע רעליגיעז־נאציאנאלע ערציהונג. און עס איז נאר דאן מעגליך צו געבען קינדער א גוטע אידישע ערציהונג ווען די תלמוד־תורה'ס און ישיבות זיינען זיכער מיט זייער עקזיסטענץ, און די לעהרער און פרינסיפאלס קענען זיך אפגעבען צו זייער גרויסע הייליגע ארבייט מיט רוהיגקעט און פרעהליכע הערצער.

ווי די לאגע איז יעצט אבער, זעהען מיר ניט איין

ווי אזוי איז גאר מעגליך צו געבען א אידישע ערציהונג צו אונזערע קינדער. די ערציהער פון דעם נייעם אידישען דור, די לעהרער און די פרינסיפאלס האבען ניט באקומען זייערע קלעגליכע געהאלט שוין א גאנץ לאנגע צייט און מאנכע פון זיי הונגערען. הונגעריגע לעהרער קענען ניט לעהרנען תורה מיט קינדער „אם אין קמח אין תורה". און די לאגע איז אזא אז די אלע תלמוד תורה'ס פון גרויס ניו־יארק געפינען זיך אויף דעם שוועל פון באנקראט, זיי האלטען זיך אלע ביי צושליסען זיך.

דער „ועד הרבנים" פון ניו יארק צוזאמען מיט די „אגודת מנהלי בתי הת"ת דניו יארק והסביבה", די פרינסיפאלס פון אלע ניו יארקער תלמוד תורה'ס האבען איינגעזעהן די שרעקליכע גרויסע געפאהר אין וועלכע מיר געפינען זיך. די סכנה איז אז אלע תלמוד תורה'ס זאלען זיך ווירקליך צומאכען און זעכציג טויזענד אידישע קינדער זאלען בלייבען הפקר קינדער, אהן א ברעקעל אידישע דערציהונג. און דערפאר איז גערופען געווארען פונ'ם „ועד הרבנים" און „אגודת המנהלים" א שטאדטישע קאנפערענץ, אין גאווערנאר קלינטאן האטעל, וועלכע איז ערעפענט געווארען ביים פרעזידענט פון „ועד הרבנים" הרב ר' ישראל דושאוויץ, און דארט, ביי יענער גרויסער היסטארישער קאנפערענץ, איז געלייגט געווארען דער גרונדשטיין פון א שטאדטישען קאמיטעט פון רבנים, מחנכים, און חנוך עסקנים, וועמענס הייליגע ארבייט וועט זיין צו ארגאניזירען די אידען פון ניו יארק פאר דעם אידישען חנוך צו שאפען די פינאנציעלע מיטלען, און גרינדען א שטאדטישען ועד החנוך וועלכער זאל אויסארבייטען א פראגראם פאר אלע תלמוד תורה'ס פון שטאדט, און פארבעסערען דאמיט די פינאנציעלע און ערציהערישע לאגע פון אונזערע תלמוד תורה'ס.

די קאנפערענץ איז אפגעהאלטען געווארען ניט אומזיסט אין גאווערנאר קלינטאן האטעל, ווייל דאס איז געווען דער סימבאל פון די צוקונפטיגע ארבייט. גאווערנאר קלינטאן — ווי עס ווייסען די יעניגע וועלכע זיינען בעהאוועגט אין דער אמעריקאנער געשיכטע — האט געשאפען דעם „אירי קאנאל", וועלכער האט פאראייניגט די „איסט" און די „וועסט" פון לאנד, און דער קאנאל האט געהאלפען, אז ניו יארק זאל ווערען גרויס און רייך און די לאנד זאל זיין גליקלעך. די קאנפערענץ אין גאווערנאר קלינטאן האטעל האט אויך געמאכט א פארזוך צו שאפען א גייסטיגען קאנאל, וועלכער זאל פאראייניגען די רבנים, ערציהער, פעדאגאגען, ווי אויך די בעלי בתים, אין איין גרויסען שטארקען פארבאנד פאר'ן אידישען חנוך, און דער ענד ציעל זאל זיין צו פאראייניגען דעם אלטען דור מיט דעם נייעם דור, פאטער און זון, מוטער און טאכטער, אום מיר זאלען חס ושלום ניט בלייבען קינדערלאז, און אונזערע קינדער זאלען איבערנעמען פון אונזערע הענד אונזערע אלטע הייליגע רייכע

5



ירושה, תורה־שבכתב און תורה־שבעל־פה און די גאנצע הייליגע אידישע ליטעראטור און קולטור.

מיר באגריסען דיזע נויטיגע פאראייניגונג און וויג־שען די אלע וועלכע ארבייטען פאר א רעליגיעז־נאציאָנאלען חנוך, יהי רצון שתשרה שכינה במעשה ידיכם!!

## עזרת תורה

דער „עזרת תורה" פאנד, וועלכער איז געגרינדעט געוואָרען ביי די „אגודת הרבנים" און פון וועלכען פאנד הרב ר' ישראל הלוי ראזענבערג איז דער פרעזידענט און הרב ר' יוסף אליהו הענקין איז דער סעקרעטער, די ביידע רבנים וועלכע זיינען גדולי ישראל, באליבט און רעספעקטירט בא אלע רבנים און תלמידי חכמים פון לאנד, האבען אריינגעלייגט מסירת־נפש ארבייט צוזאמען מיט די רבנים און שוחטים פון לאנד אין אויפהאלטען דיזען נויטיגען און נוצליכען הייליגען פאנד, וועלכער איז באמת א פקוח נפש פאנד.

דער „עזרת תורה" פאנד האט אין דער צייט פון זיין עקזיסטענץ מחיה מתים געווען, ער האט געהאָלפען טויזנדע ליידענדע צובראָכענע און קראנקע רבנים און שוחטים, אלמנות און יתומים פון רבנישע און שוחטישע פאמיליען אין ארץ ישראל און אין אלע לענדער פון יוראפ, אז זיי זאָלען ניט אונטערגעהן און זאָלען ניט שטארבען פון הונגער.

די רבנים אין סאוועט רוסלאנד געפינען זיך יעצט אין אזא שרעקליכע געפעהרליכע לאגע וואס אפילו די רייכסטע פאנטאזיע קען זיך ניט פארשטעלען ווי גרויזאם שרעקליך זייער לאגע איז. זיי און זייערע פאמיליעס געפינען זיך איצט אין דער גרויסער געפאהר פון א הונגער טויט חס ושלום. זייער שטימע גרייכט צום „עזרת תורה" פאנד און אונזער אידישע הארץ ווערט צוריסען פון וועהטאג און צער. זאָלען מיר זיי ניט העלפען? זאָלען מיר לאזען די רבנים און שוחטים פון אייראָפא ח"ו אונטערגעהן? זאָלען מיר? קענען מיר? מעגען מיר? וועט אונזער אידישער געוויסען אונז לאזען רוהען?

ניין! טויזענד מאל ניין! די אידישע הארץ אין אמעריקא איז ניט געשטאָרבען, זי קלאפט נאך ווארעם און אידיש געגוג, און מיר האפען דאס יעדער איד וועלכער לייענט איצט אָט די פאר ווערטער וועלכע מיר שרייבען ניט מיט די טינט פון פען, נאר מיט די בלוט פון הארצען, יעדער איד וועט באלד אנשרייבען זיין משעק און צושיקען זיין ביישטייערונג פאר דעם הייליגען פקוח נפש פאנד. פאר דעם עזרת תורה פאנד (214 איסט בראָדוויי, ניו יארק) אום אז דער עזרת תורה פאנד זאל האבען באלד די מעגליכקייט צו באזארגען די רבנים און שוחטים פון ארץ ישראל און אנדערע לענדער פון יוראפ, מיט א כשר'ען פרעהליכען פסח. מיט אייער ביישטייערונג יעצט וועט איהר העלפען ווי גוטע מלאכים אריינברייגנען גליק און פרייד אין דעם שעהנעם הייליגען יום טוב פסח אין פיעלע רבנישע און שוחטישע הייזער איבער גאנץ אייראפא וועמעס הענד זיינען אויסגעשטרעקט צו אייך נאך הילפע.

העלפט דעם „עזרת־תורה" פאנד, און דער בורא עולם וועט אייך העלפען.

# די מצוה פון שחיטה ביי אידען

פון הרב שמריהו ליב הורוויץ

לויט דעם רמב"ם איז די מצוה פון שחיטה א נויטווענדיגקייט, ווייל די נאטירליכע שפייז פון א מענשען איז פרוכט, קערענדלאך, גראזען, פארשידענע פלאנצונגען, און אויך די פלייש פון א בעל חי, און די ריינסטע, בעסטע און געזונדסטע פלייש צום עסען איז די וועלכע די תורה האט מתיר געמאכט. און דער רמב"ם באמערקט נאך דערצו אז אין דעם זיינען מודה אלע דאקטוירים פון דער גאנצער וועלט, אז ווי באלד אז דאס מענשליכע געזונד פאדערט פלייש, האט די תורה געזוכט פאר'ן בעל חי דעם לייכטעסטען טויט. און דער לייכטעסטער טויט פאר די בהמה איז — די אידישע שחיטה. (און דערפאר טאר מען ניט קוילען די מוטער מיט'ן זוהן צוזאמען — אותו ואת בנו לא תשחטו ביום אחד — ווייל דאס איז אויסער די פיעלע אנדערע אורזאכען פארבונדען מיט צער בעלי חיים, און דער צער פון די שטומע בהמה איז אזוי גרויס און שמערצליך ווי פון דעם קלוגען ציוויליזירטען מענשען). און די תורה וויל רחמנות און ניט אכזריות, איז דערפאר מיט וואס מען קען נאר לייכטער מאכען דעם טויט און די שמערצען פון דער בהמה מוז מען דאס טאן, און די לייכטסטע וועג איז — דורך אידישע שחיטה, ווי דאס האט ניט לאנג צוריק וויסענשאפטליך באוויזען דער בערוואוסטער דר. דעמבא אין זיין בוך וועלכען ער האט פארעפענטליכט צוליב דיזען צוועק (זעה אויך דעם מורה נבוכים, חלק ג' פרק מ"ח).

דער באוואוסטער גאון און פילאזאף ר' משה חפץ ז"ל זאגט דאס דער יעניגער וועלכער באשעפטיגט זיך ניט צו העלפען שאפען און בויען די וועלט, איז בעסער פאר איהם דער טויט. די בהמה שאפט ניט און בויט ניט, מיט דעם אבער וואס מען קוילעט איהר, העלפט זי צו שטארקען דעם מענשען וועלכער בויט און שאפט. אויסער דעם ליגט א טיעפער סוד אין דעם ענין פון שחיטה. (מלאכת מחשבת, נח, י"ן).

מען קוילעט די בהמה פון האלדז, ווייל פון האלדז נעהט ארויס די בלוט שנעלער און בעסער ווי פון אלע אנדערע אברים. און א איד טאר דאך קיין בלוט ניט עסען. און ווען מען קוילעט די האלדז מיט א גוטען כשר'ען שארפען חלף פיהלט די בהמה קיין וועהטאג ניט. בעפאר זי קען אנפאנגען פיהלען א וועהטאג איז זי שוין טויט און פיהלט קיין זאך ניט. און די גאנצע אידישע שחיטה איז דאך, ווי געזאגט, צו פארקלענערען דעם צער פון דער בהמה. ווייל צער בעל החיים איז מן התורה (חולין פ"א ב', רמב"ם הלכות שחיטה פרק א', ספר המצות מ"ע קמ"ג, סמ"ג עשין ס"ג, יורה דעה סימן א', סמ"ס סי' קצ"ו).

***

די לעצטע צייט האט זיך אנגעפאנגען א באוועגונג בלומריט אונטער דעם נאמען „צער בעלי חיים" צו אסר'ען די אידישע שחיטה. אזא באוועגונג קומט פאר אין שווייץ, אין פינלאנד אויך אין ענגלאנד און אין אנדערע לענדער. דיעזע באוועגונג איז ניט באמת א צער בעלי חיים באוועגונג. זי איז געווים ניט וויסענשאפטליך, נאר, דאס איז אן אנטיסעמיטישע באוועגונג. דער הויפט מאטיוו איז; אידען האס. ווארים ווען איהר זעהט ווי ניט אידען קוילען די בהמה, מען נעמט א שארפען שטארקען אייזען און מען האקט דאמיט די בהמה אין קאפ אריין, די יסורים וואס די אומשולדיגע בהמה ליידעט דאן איז שרעקליך, איבער נאטירליך. דער פאקט איז אז דאן ווערט די בלוט איהרע ניט רויט נאר שווארץ. און די גמרא זאגט „דם שחור אדום הוא, אלא שלקה", די שווארצע בלוט איז אויך רויט, די שווארצ־קייט צייגט אבער אז די בלוט איז קאליע געווארען, און אט די שלעכטע פארדארבענע שווארצע בלוט ווערט דאך אריינגעשלינגען אין אלע איהרע אברים. און עס מאכט שעדליך איהר פלייש וועלכע מען שטאפט אין מאגען אריין. דאגעגען ביי אידישע שחיטה בלייבט די בלוט פון דער בהמה רויט ווי געוועזן, אהן קיין שום ענדערונג. דאס אליין צייגט אז די אידישע שחיטה איז די גרינגסטע. ווייל דער שוחט מוז זיין א זריז, א פאכמאן אין זיין ארבייט, דער חלף מוז זיין חד וחלק. שארף און גלאט. יעדערער ווייס דאס ווען מען שניידט איין א פינגער מיט א שארפען און גלאטען מעסער פיהלט מען ניט קיין וועהטאג ווי מען זאל זיך איינשניידען מיט א טומפען און פארזשאווערטען מעסער. אזוי אז אין דעם מאמענט ווען די בהמה ווערט געקוילעט ביים ריכטיגען שוחט מיט א כשר'ען חלף פיהלט די בהמה קיין וועהטאג

---

# וואס איז אַ שטימע?

פון אחד מדרי מטה

וואס איז אַ שטימע? אַ שטימע איז בלע"ז אַ קול, און אַ קול איז אַ גרויסער ענין.

אַלע און אַלץ האט אַ קול.

עס איז קול המון בקול שדי, — שדי האט אַ קול, אויך דער המון־עם האט אַ קול.

עס גיט אַ קול וואס איז חוצב להבות אש, עס פלאקט, עס ברענט, אָבער עס איז אויך פאראַן אַ קול עלה נדף, — אַ שוואַך קול, אַ קול איז עס אָבער, ווארום עס טרעפט אַז מען אנטלויפט אויך פון אַ קול עלה נדף...

ווייסט איהר, אַז אפילו אַן אבן דומם, ממש אַ שטיין האט אויך אַ קול? אַ ליאדע שפענדעל ענטפערט?

אדרבה, גיט אַ קלאפ אַ שטיין אין וואַנט, — כי אבן מקיר תזעק! עס וועט נעהמען שרייען! פרואווט אַ ריהר טהאָן אַ שפענדעלע — וכפיס מעץ יענה, — דאס שטיקעל שפענדעלע וועט אייך אַן ענטפער געבען...

אַלץ שרייט! אַלץ רעדט! אַלץ און אַלע ענטפערען אויף אַן אייגען קול.

האט מען נאר אַ קול קריגט מען אויך אַן ענטפער, פריהער־שפעטער, — מען קריגט...

און מען דארף ניט מיינען אַז נאר אויב אריה שאג מי לא ירא? אַז נאר אויב אַ לייב שרייט קריגט מען פחד און מען ענטפערט איהם, עס טרעפט אַז אויך ויחרד מקול צפור, — מען גיט אַ ציטער אפילו אַז אַ פויגעלע גיט אַ פיפס, — מען דארף נאר האבען אַ קול...

שלים איז, אַז מען האט קיין קול ניט.

שרייט מען ניט אליין איז ווער וועט ענטפערען? ווער איז עס מחויב צו ענטפערען?

שרייט מען אָבער — מעג מען זיין שטאַרק און בייז ווי קין, שוואַך און הילפלאַז, ווי הבל, — שרייט מען וועט מען אַן ענטפער קריגען.

ס'וועט נישט העלפען — קינ'ען זיין תירוץ: השומר אחי אנכי? ניין, — דער קול פון הבל'ס בלוט שרייט!...

פיהרט זיך אַ גאַנצע מדינה אויף איהר שטייגער, האט איהרע געזעצען און דינים, — מען מאַר ניט, און מען דארף ניט, אין פלוג, מישען זיך אין פרעמדע אינערליכע עסקים — אָבער אַז עס איז פאַרט אַן עולה געטהאָן געוואָרען און מען שרייט פאַרט פון יענער מדינה אויף די מעשים רעים, — דערהערט מען...

און אַז מען דערהערט, — זאָגט מען: ארדה נא ואראה הכצעקתה הבאת אלי עשו? איך וועל מיך זיך אַרונטערלאַזען

ניט. און נאָך דער שחיטה ווען זי ווערט טויט דאַן קען זי דאָך גיווים ניט פיהלען קיין וועהטאָג. און דאָס וואָס זי צאַפּעלט זיך נאָך דער שחיטה איז ניט מחמת וועהטאָג, נאָר דערפאַר ווייל בעפאַר די בלוט רינט ארויס פון קערפּער באַקומט די בהמה גרויס קראַמפּט, ווייל הדם הוא הנפש, די בלוט דאָס איז דער נפש, דער חיות, די קראַפּט, און עקזיסטענץ פון יעדע לעבעדיגע באַשעפעניש, דער פאַקט איז דאָך, אַז זאָגאַר ווען מען שניידט אָפּ די קאָפּ פון קערפּער, באַוועגען זיך נאָך אַלץ די באַקען און די אויגען אייניגע מינוטען און דאָס איז ניט פון וועהטאָג נאָר ווייל די בלוט לויפט דאַן ארויס, און די לויפענדע בלוט שאַפט די באַוועגונג, ניט דער וועהטאָג. פון די אידישע שחיטה קומט ניט קיין וועהטאָג און קיין צער.

דר. דעמבא פון קאָוונא האָט געהאַלטען וועגען דעם אַ וויסענשאַפטליכען פּאַטראַג אין יאָהר 1883 פאַר די גרעסטע פּראָפעסאָרען אין פּעטערבורג, ווען די צער בעלי חיים חברה האָט פאַרקלאָגט די אידישע שחיטה פאַר דער רעגירונג, און ער האָט אויפגעוויזען וויסענשאַפטליך אַז **די אידישע שחיטה איז דער לייכטסטער וועג צו טויטען די בהמה אָהן שמערצען און צער.** און די גרעסטע פּראָפּעסאָרען האָבען איינגעשטימט צו זיינע ווערטער וועלכע האָבען געמאַכט זעהר אַ שטאַרקען און טיפען איינדרוק אויף די גרעסטע געלעהרטע פון יענער צייט און מען האָט איהם דאַן געשאָנקען אַ גאָלדענעם מעדאַל. און נאָכהער אין 1913 האָט דער סענאַט פון פינלאַנד דערלאַנגט אַ פאָרשלאָג צום מיניסטעריום פון פּעטערסבורג דאָס מען זאָל ערלויבען די אידישע שחיטה וועלכע פאַרשאַפט די בהמה פיעל וויינינגער שמערצען ווי די ניט אידישע.

און מיר אידען, דאָס פאָלק פון אַ געטליכער תורה, אַ פאָלק פון מאָראַל און רחמנות, אַ פאָלק וואָס רופט נאָט „רחמנא", ווייל זיי גלויבען אין רחמנות אַזוי שטאַרק, דאַרפען ניט נעהמען קיין לעקציעס פון צער בעלי חיים־ניקעס, וועלכע פאַרניסען מענשליכע בלוט אָהן רחמנות, אויף זיי קען מען זאָגען די ווערטער פון דעם נביא „זובחי אדם, עגלים ישקון" (תרי עשר) מענשען קוילען זיי, מאַכען שרעקליכע פּאָגראָמען, גיסען אידישע בלוט ווי וואַסער, און קעלבער קושען זיי!... מיר אידען האָבען רחמנות אויף אַלעמען, אויך אונזער שחיטה איז אַ רחמנות שחיטה, און מיר דאַרפען ניט גרינדען ספּעציעלע חברות פאַר צער בעלי חיים, ווייל יעדער וועלכער איז ריכטיג רעליגיעז, איז ער ממילא אַ מיטגליעד צו די צער בעלי חיים פאָלק!...

---

אַ קוק טהאָן איז עס באַקאַנט געטהאָן געוואָרען אַזוי ווי מען שרייט?...

אַ כלל: שרייט מען — דערהערט מען, דער עיקר איז אַ שטימע זאָל מען האָבען, — אַ קול...

און עס טרעפט אַפילו אַז „ידים" האַלטען מלחמה מיט'ן „קול", און די ידים זייבען שטאַרקע, זעהר שטאַרקע, ידי עשו, און דער קול — זעהר אַ שוואַכער, אַ יעקב'ס קול, פונדעסט־וועגען איז דער קול גובר, דער בעל הקול קריגט די בכורה...

ווייל אַ קול איז שוין גאָר אַ גרויסער כח.

דאַרף אָבער דער קול זיין אַן אייגענער, אַ מיינער, אַן אויפריכטיגער, ניט אַ נאָכגעמאַכטער, ניט אַ איבערגענומער און ניט אַ שרעקענדיגער, ניט פון יענע קולות וועלכע ברומען ווי...

ברומען „ווי" טויג נישט, מען דאַרף אַן אייגענעם „ברום" האָבען...

כל זמן די אידען האָבען געלעבט אין זייער אייגען לאַנד האָבען זיי זיך באַנוצט מיט'ן קול, מיט זייער אייגענער שטימע, מיט אַ „בת קול" האָט מען זיך גענומען באַנוצען לאחר החורבן...

פון די חורבות פון ירושלים פלעגט זיך הערען אַ בת קול, וועלכע ברומט ווי אַ טויב... פון די חורבות...

דיזעלבע „טויב" ווען זי האָט געברומט אין איהר אייגען לאַנד האָט זי געהאַט אַ קול, קול התור — נשמע בארצנו, — אויף אונזער לאַנד האָט זיך געהערט דער קול פונ'ם טויב...

און אַפילו ווען אויס'ן אייגען לאַנד איז אויך שלעכט געווען, און די טויב איז געזעסען אינ'ם שפּאַלט פונ'ם פעלז, געווען אין אַ מצב פון „בסתר המדרגה" האָט מען זיך אויך אינטערעסירט מיט איהר שטימע, — השמיעיני נא את קולך, לאָז מיר דיין שטימע הערען, זאָגט מען צו איהר...

אין דער פרעמד, אין די חורבות פון ירושלים האָט מען שוין קיין אייגען קול ניט געהאַט — אַ בת קול פלעגט ברומען ווי אַ טויב.

נאָר ווער הערט זיך צו צו אַ בת קול? — אין משגיחין בבת קול אַפילו ווען ער פאַלט אַראָפּ פון הימעל, על אחת כמה פון אַ חורבה, וואו עס ברומט ווי אַ טויב...

ברומען „ווי" טויג נישט, מען מוז אַן אייגען ברום האָבען...

און זאָל מען ניט מורא האָבען, אויב די שטימע איז ניט שטאַרק, ניט הילכיג, — אַ קול דממה דקה איז אויך אַ קול...

אַפילו פון אַ קול דממה דקה אויב זי איז נאָר „ישמע", אויב מען לאָזט עס נאָר הערען אין צייט, טרעפט אַז מלאכים יחפזון וחיל ורעדה יאחזון... מלאכים דערשרעקען זיך פון אַזאַ קול, — ווייל אַ קול אַ וואָסער ניט איז, איז אַ גרויסער, גאָר אַ גרויסער ענין...

און אָפט... זעהר אָפט געשעהט אַז דער קול דממה דקה איז הערבאַרער פונ'ם קול רעש, וועלכער ברעכט בערג, איז עוקר מיגנענבוימער, — אויב נאָר אינ'ם קול דממה דקה איז גאָט, אויב אמת...

אשרי, — וואויל און גוט איז יענעם, וועלכער לאָזט הערען זיין אייגענע שטימע, אשרי, וואויל און גוט איז יענעם וועמענס אייגענע שטימע איז פון ריינעם האַרצען, מיט אמת און מיט אויפריכטיגקייט, אַזאַ קול וועט דערהערט ווערען, אַזאַ קול וועט אָנגענומען ווערען.

# שחיטה און שוחטים אַמאָל און היינט

פון הרב רפאל מרדכי באַרישאַנסקי

זעהר שעהן ווערט אויסגעדריקט אין דעם בריעף וואָס איך האָב ערהאַלטען פון פרעזידענט פון די „אגודת השוחטים", אַז דער צוועק פון דעם זשורנאַל מיט'ן נאָמען „שוחטים שטימע" וואָס די אגודה וויל אַרויסגעבען, איז צוליעב ח י ז ו ק ה ד ת און הטבת מצב השוחטים ועניני השחיטה על פי דת תורתנו. וואָרום עס איז נעקער מען די צייט צו קלאָר מאַכען פאַר דעם אומוויסענדיגען עולם, אַז שחיטה איז ניט קיין אַרבייט נאָר פון שניידען די העלדזלאַך פון די עופות, דאָס קענען דאָך אַלע, אפילו ניט קיין שוחטים מיט קבלות. נאָר עס האָט אין זיך אַ קדושה, ווי דער ספר „תבואות שור" שרייבט אין אָנהויב פון זיין ספר, אַז אין כלל הקדושה איז דאָס וואָס ווערט געשריבען „להבדיל בין הטמא ובין הטהור" וואָס אונזערע חכמים האָבען בקבלה, אַז דאָס גייט אויף שחיטה, דאָס איז צוזאַמענגעקניפט מיט פיעל דינים אין קדושת הנפש, ווייל דאָס איז דער קראַפט פון יודענטום, אַז אין אַלעם וואָס עס דוכט זיך אַז דאָס איז מעהר ניט ווי אַ קערפּער זאַך, ווערט דאָס איבערגעאַרבעט און עס ווערט דערפון אַ נשמה זאַך, ווי מען האָט געוויזען רבה בר בר חנה'ן (בבא בתרא ע"ד) היכא דנשקא ארעא ורקיעא אהדדי, דאָס הייסט, דער יודענטום איז באַהעפט פון ערד מיט הימעל, קערפּער און נשמה.

מיר פאַרשטייען די מימרא אין מסכתא סנהדרין (נ"ב ע"ב) פון רב יהודה אמר רב, אַז אדם הראשון האָט ניט נעטאָרט עסען קיין פלייש ביז נאָך דעם מבול, דאָס איז נאָך דעם צאָהל פון חומש 1656 יאָהר איז ניט געווען ערלויבט פלייש צו עסען. ער האָט געמוזט זיין אַ וועגעטעריאַנער. דאָס איז דער שכל וואָס דעם מענשען איז די גאַנצע תקופה פון 1656 יאָהר ניט ערלויבט געווען צו שעכטען אַ בעל חי און עסען איהם? נאָר דאָס איז איינפאַך, ווייל דער מענש איז ניט געווען אַנטוויקעלט און ער איז געווען ניט פיעל העכער פון אַ בעל חי, טאָ וואָס איז ער פאַר אַ יחסן צו עסען לעבעדיגע באַשעפענישען, אָבער מיט דער צייט, עס איז אַוועק די גרויסע תקופה פון 1656 יאָהר, דער מין מענש האָט פּראָגרעסירט, זיין נשמה איז געוואָרען פיל העכער, ער איז געוואָרען פון נאָט איינגעצאַמט אין זיבען מצוות, פיל מדרגות העכער פאַר די איבעריגע באַשעפענישען, האָט מען איהם ערלויבט עסען פלייש.

מיט דעם פאַרשטייען מיר אַ מדרש אין צוויי ערטער (בראשית רבה פ' כ"ב און ל"ב) שטייט דער לשון אזוי, „קין היה תלוי ברפיון ;בא המבול ושטפו", קין איז געהאנגען אין דער לופטען און דער מבול האָט איהם אָפּגעוואַשען, נאָך אונזער ערקלערונג מיינט דער מדרש איינפאַך, קין האָט ערמאָרדעט זיין ברודער, איז זיין שטראָף געווען קליין, געלעבט אַ צייט נאָכ'ן מאָרד, און האָט געהאַט פיעל טענות צום באַשעפער אַזוי ווי ער איז נאָך גערעכט, וואָס האָט מען צו איהם, אַ שעהנער בחור, ווייל דער מענש איז ניט געווען פיעל העכער פון די אַנדערע באַשעפענישען, קין האָט געזעהן אַז זיין ברודער הבל האָט געטויט אַ בעל חי, איז בּאַ קין ניט געווען קיין אונטערשייד פון דער באַשעפעניש ביז'ן ברודער, אָבער נאָך דער צייט פון מבול האָט זיך אָפּגערוקט דער מענש פון בעל חי, ער איז געוואָרען אַנטוויקעלט הייליק, האָט גאָט געזאָגט, אַז דער מענש מאָג עסען די לעבעדיגע באַשעפענישען, אָבער ווען ער טויט אַ מענשען, זאָל די בלוט פון מערדער פאַרגאָסען ווערען, גאָט וועט ניט שווייגען דעם מערדער. דאָס זאָגט דער מדרש, אַז אַזאַ געשעהעניש ווי קין'ס איז געהאַנגען אין דער לופטען, אָבער אין דער צייט פון מבול האָט זיך דאָס אָפּגעשווייגקט, עס האָט זיך פאַנאַנדערגעטיילט מענש פון אַנדערע באַשעפענישען.

לאָמיר זיך אומקערען צו אונזער תכן. פון מבול אָן און ווייטער האָבען זיך יעקב'ס קינדער אויסגעצייכענט מעהר ווי אַלע פעלקער, ביז וואַנען זיי זיינען געוואָרען אַ הייליגע פאָלק מיט אַ תורה, גייט אַוועק פיעל פסוקים אין דער תורה וועגען עסען פלייש מיט דינים ווי מען זאָל עסען די פלייש, און ווי מען זאָל געברויכען פיעל פון די בעלי חיים אויף קרבנות, איז בכלל אַריין אַ הייליגקייט אין דעם נוצען פלייש. און דערפאַר זאָגט דער תלמוד אין (פסחים מ"ט) „עם הארץ", דאָס הייסט אַזאַ וועלכער איז ווייט פון גייסט, פון הייליגקייט, „אסור לאכול בשר" טאָר ניט עסען קיין פלייש, וואָרום מיט וואָס פאַר אַ רעכט האָסטו צו עסען אַ לעבעדיגע באַשעפעניש וואָס לעבט ווי דו און שטייט ניט נידעריגער פאַר דיר, און דאָס זעלבע זאָגט דער תנא אין אבות, אַז דריי האָבען געגעסען און האָבען ניט גערעדט אין תורה, איז גלייך ווי זיי וואָלטען עסען זבחי מתים, וואָרום אויב אָן תורה וואָס פאַר אַ רעכט האָט איהר צו עסען זיי? ! מיר געפינען אין ספר „אגרת בעלי חיים", וואָס איז פאַרפאַסט פון איינעם פון די ראשונים, שטעלט ער פאַר ווי עס איז געווען אַ דין תורה פון די לעבעדיגע באַשעפענישען מיט'ן מענשען. זיי האָבען געמאָנט פאַר וואָס דער מענש עסט זיי, און דער מענש האָט געענטפערט אויף זייערע טענות, איז נאָך אַלעמען האָבען זיי געזיגט און אַרויס גערעכט נעגען דעם מענשען, נאָר זיי האָבען פאַרלאָרען מיט דעם פסוק כל רמש אשר הוא חי לכם יהיה לאכלה, דאָס הייסט אַז די תורה פון גאָט האָט אַרויסגעגעבען אַ דעקרעט, אַז זיי זיינען גאָרנישט און מען מאָג זיי עסען, דערפאַר איז שחיטה הייליג. דער שוחט האָט זיך גערופען „אכלי קודש". אַ חבר געווען מיט'ן היימישען רב, זיי זיינען ביידע גע־

# פרדסים אין ארץ ישראל

פון מ. בונים, (תל אביב)

ואמר רבי אבא: אין לך קץ מגולה מזה,
שנאמר: ואתם הרי ישראל ענפכם תתנו
ופריכם תשאו לעמי ישראל.
(סנהדרין צ"ח ועיין ברש"י ובמהרש"א).

דאס איז ניט א לעגענדע, דאס איז אן אמת. דער וואס לעבט אין ארץ ישראל און האט געהאט דעם זכות צו אקלימאטיזירען זיך, צו בליהען און וואקסען גלייך מיט דער לאנד, דער וואס האט דעם זכות צו מאכען די ברכות: המוציא לחם און בורא פרי הארץ פון אייגענע ארבייט, פון אייגענע אויסגעפלאנצטע בוימער, זעהט דאס בחוש ווי די ארץ זבת חלב ודבש ווארפט אראפ פון זיך די וויסטע אנקליידונג אין וועלכע זי איז געווען טויזענדער יאהרען איינגעהילט און ענטפלעקט זיך פאר אונז מיט איהר גאנצען פראכט און גלאנץ, מיט איהר גאנצער ברכה וואס דער וועלט-באשעפער האט איהר געגעבען. עס ווענדעט זיך נאר אין ארבייט, אין ענערגיע און גערולד. לעבען טאקי אין ארץ ישראל טויזענדער אידען גליקלעך און צופרידען וואס דער גאלדענער עפעל ברייגנט זיי אריין די הכנסה. 15 דונאם גוטער פרדס קען געבען פרנסה א פאמיליע. 20-25 דונאם קען געבען א לעבען בהרחבה. און מיר וויסען צו דערצעהלען פון א סך פאקטען פון צענדליגער מענשען וועלכע האבען מיט יאהרען צוריק געקויפט לאנד און געפלאנצט א פרדס אין ארץ ישראל, נאר פון פאנטאזיע וועגען, ווייל ווירקליך און „רעאל" זיינען געווען די פאבריקען, די הייזער אין די לענדער וואו זיי האבען געוואהנט. און ווען דער גלות האט זיי צובראכען איז נאר די איינציגע „פאנטאזיע ארבייט" זייערע אין ארץ ישראל געבליבען ממשותדיג פון א גרויסע ווירדע וואס גיט זיי יעצט א לעבען צו מאכען. און ווי ביי יעדער גרויסער אונטערנעמונג זיינען אין ארץ ישראל אויך פארגעקומען געוויסע און מאנכע מאהל גרויסע פעהלערען אין פארשידענע אונטערנעמונגען. לייטע וועלכע פאסען זיך ניט צו זיין איינפאכע פויערשע ארבייטער, האבען געוואלט ווערען אכרים פון ווייץ און גערשטען, און אין א וויסטער לאנד מיט א נידעריגען סטאנדארד פון לעבען. פון דעם קליינעם פאלק וועלכער זיצט דארט האט מען געוואלט ברייגנען און איינפיהרען אן אינדוסטריע וואס פאסט פאר א גרויסער ציוויליזירטע לאנד. נאר עס מוז איין מאהל פאר אלע מאהל געזאגט און קלאר ווערען:

1) מיר האבען צוגעטראטען בויען אונזער היים לאנד אהן קיינע ערפאהרונגען און דאך זיינען געמאכט געווארען פיעל פיעל קלענערע פעהלערען ווי אנדערע ערפאהרענע פעלקער מאכען ביים אויפבויען א נייעם ווינקעל.

2) מיר האבען אויסגעבילדעט און ענטוויקעלט אין ארץ ישראל פאך לייטע אין פולען זינען פוןווארט. אלע וויסען אז די אראבער וועלכע האבען מיט א סך יאהרען פריהער פאר אונז געפלאנצט פרדסים, לערנען זיך יעצט די ארבייט ביי אידישע פרדסים, און אפילו די דייטשען וועלכע זיינען אויסגעצייכענטע אגריקולטורען לערנען זיך די מעטאדען פון ארבייט פון די אידישע שכנים. דער נסיון פון 50 יאהר ארבייט האט אויסגעטראטען דעם ריכטיגען וועג און מען ווייסט שוין יעצט ווי און וואס מען דארף טאן צו מאכען א לעבען אין ארץ ישראל.

מיר רעקאמענדירען פאר אמעריקאנער אידען וועלכע ווילען האבען דעם זכות צו ל ע ב ע ן אין ארץ ישראל און וועלכע קענען ניט מיט איין מאהל אוועקגעהן אין א"י, זיי זאלען צוגרייטען פאר זיך א פרדס פון אראנדזשעס.

ניט אין גאנץ ארץ ישראל איז דער באדען פאסיג פאר ארענדזשעס. נאר פון צפון זייט פון תל אביב ביז דעם אומגעגענד פון חדרה און פון דרום זייט ביז דעם אומגעגענד פון רחובות, דאס זיינען די פאסיגסטע ערטער, לויט דער קוואליטי פון באדען און די קלימאטישע באדינגונגען. און אויך אין דעם געגענד דארף ווערען יעדער שטח אונטערגעזוכט פריהער, ווייל אין ארץ ישראל בייטען זיך זעהר נאהענט די קוואליטעטען פון באדען. מען פלאנצט אפילו אין איינינע ערטער ארום חיפה, און אפילו אין עמק יזרעאל האט מען אנגעפאנגען פלאנצען גרייפפרוכט, אבער די ערטער זיינען ניט ראטהזאם פאר אידען וועלכע דארפען פלאנצען אונטער די אויגען.

א פרדס ווען ער ווערט געפלאנצט אויפ'ן ריכטיגען באדען, און ווערט גוט בעהאנדעלט, קען דערגרייכען ביז א לעגענדארישע הכנסה פון 40-50 פונט פון יעדען דונאם (א דונאם איז 1000 קוואדראט מעטער). אזעלכע פרדסים זיינען דא אין פתח תקוה, עין גנים, נס ציונה, און רחובות. בדרך כלל אבער, רעכענט זיך אין ארץ ישראל 20-25 פונט ריינע הכנסה פון דונאם. דעם פינפטען יאהר פון פלאנצען, אויב דער פרדס איז גוט בעארבייט, דארף ער שוין געבען פרוכט צום פארקויף פאר

---

שטאנען הויך ביי דאס אידישע פאלק, דאס פאלק האט אויף זיי געקוקט ניט ווי אויף ארבייטער, נאר ווי אויף נושאי דגל הדת, די פאן טרעגער פון די עקרי הדת. אין אמעריקע אבער איז געווארען ביליג דער נאמען שוחט, דארפען די שוחטים ווייזען דעם פאלק, אז זיי שטעהען אויף זייער אמאליגען באשטאנד ווי אין דער אלטער היים, זיי דארפען זיין הויך אין גייסט, בני תורה, וועט דאס פאלק האבען רעספעקט פאר זיי. און דאס וועט די „שוחטים שטימע" ערקלערען פון צייט צו צייט.

3 פונט פון דונאם, און זיין הכנסה שטייגט פון יאהר צו יאהר ביז דעם צעהנטען און צוועלפטען יאהר.

אין דעם אומגעגענד פון פתח תקוה גיבען פרדסים ריינע הכנסה אויפ'ן זעקסטען יאהר ביז 10 פונט פון דונאם, געוויינטליך, דאס איז אבהענגיג אין דער קוואליטעט פון באדען און אין דער ארבייט.

פיעל בלוט און שווייס איז אויסגעגאסען געווארען ביז מיר האבען זוכה געווען צו זעהן פיעל פון דעם אומגעגענד פון תל אביב פארפלאנצט מיט אידישע פרדסים, ביז מיר האבען זוכה געווען צו זעהן דעם זומפיגען עמק יזרעאל בליהען ווי א שעהנע רויז. א סך בלוט און שווייס האבען מיר פארגאסען ביז מיר האבען זוכה געווען צו זעהן דעם יסוד, און אפשר די וועגט אויך אויף א געזונטען באדען. אויב יעדער איד וועט צולייגען א האנד, אויב ווער עס קען נאר וועט בויען פאר זיך, פאר זיין פאמיליע זיין זיכערען לעבען אין דער אייגענער לאנד, דאן איז גאנץ נאהענט דער טאג וואס דער דאך וועט אויך ווערען פארטיג, און מיט אונזערע אויגען וועלען מיר זעהן דעם אויסגעמאטערטען אידישען פאלק לעבען אין זיין לאנד מיט זיין שפראך אין דער ארץ זבת חלב ודבש.

# הכל שוחטין ואחרים רואין אותן שחיטתן כשרה

באגריסונג פון יוסף חיים קאפלאוויץ

מיט גרויס פערגעניגען בעגריס איך אייער אגודה צו די ערשיינונג פון אייער מאנאטליכע צייטונג, וועלכע וועט שרייבען די היסטארישע קאפיטלען פון שחיטה און שוחטים דא אין אמעריקא. איהר וועט דערמיט מקיים זיין דעם ערשטען דין אין דער ערשטער משנה מסכת חולין, „הכל שוחטין ואחרים רואין אותן שחיטתן כשרה". זאלען אלע אידען פון ניו יארק און אלע אנדערע שטעדט זעהן, באקאנט ווערען מיט דער לאגע פון שחיטה און שוחטים, סיי אין דעם הינזיכט פון כשרות און סיי אויף דעם געביט פון מענשליכע באהאנדלונג. זאלען זיך די אידען איבערצייגען דעם אמת וואס אייער אגודה האט אויפגעטאהן. דאס וועט אייער צייטונג טאהן וואס איך בעטראכט פאר א הייליגע ארבייט אין דער היסטאריע פון שחיטה בכלל און פון שוחטים בפרט, צו וואס איך בעגריס אייך, בעזאנדערס אייער פובליקאציע זעהר הארציג, ווייל א נ י ה נ ב ר! וועלכער איז בעהאווענט מיט דער דאזיגער היסטאריע פאר די לעצטע 40 יאהר צייט, פון די ערשטע עמיגראנטען יאהרען ווען דער יוראפישער שוחט איז געקומען מיט זיין קבלה, מיט זיינע חלפים, געהיט עס זאל חלילה קיין פגימה ניט זיין אויף זיך און אויפ'ן חלף, אויף זיין מלאכת הקודש, איז דאן אריינגעפאלען אין די אידישע שלאכט הייזער וואו ער איז שרעקליך געפייניגט געווארען פון אידישען באס און ארבייטער, געווען א שקלאף מיט'ן גוף און מיט דער נשמה, געארבייט לאנגע שטונדען, אויפגעשטאנען צו דער עבודת פרך בחצות הלילה, פאר מאכען טרפה א בהמה האט דער באס זיך נעכאפט שלאגען און גערדראהט מיט ענטזאגען פון זיין ברויט.

אין יענע צייטען האב איך אריינגעקומען נאך בראנזוויל מיט מיין ברודער שו"ב ר' אברהם יעקב קאפלאוויץ אין איין הויז. האב איך זיך דעריבער טעגליך געזעהן און געטראפען מיט שוחטים גדולי תורה, יראים ושלמים, צווישען זיי ר' ישראל בלידשטיין, ר' יוסף מאנדעלבאום, דער נים לאנג פערשטארבענער ר' זכריה קאפלאוויץ עה"ש און אנדערע, ביז דורך זיי בעקאנט געווארען מיט זייער שרעקליכען גלות און שפל המצב. ערגער פון אלעם איז געווען דער פאקט וואס זיי האבען זאגאר ניט געהאט צו וועמען צו ווענדען זיך נאך הילפע, געוויס ניט צום כלל אידען פון ניו יארק, ווייל אזא זאך ווי א קהילה האט ניט עקזיסטירט דאן, און גאט ווייס אויב עס וועט עקזיסטירען אין דער צוקונפט. אויך ניט צו רבנים, ווייל אויב ניט אן אוטאריזירטע קהילה, זיינען ניטא קיין אוטאריזירטע רבנים, און אויך דעריבער האט דער רב משגיח אין א שלאכט הויז פון וואנען ער האט געצויגען זיינע ארעמע פאר דאלאר זעלבסט, גארניט געקענט העלפען דעם שוחט. און אט נאך דאן האב איך אלס פשוט'ער בשר ודם געראטהען די שוחטים אויסצוטאהן דעם מלאכת הקודש מאנטעל וועלכער קען אייך גארניט העלפען, נאר זיך בעסער בעטראכטען אלס ארבייטער און אלס אזעלכע פאדערען מענשליכע רעכט, און דאן וועט איהר געווינען ביידע זאכען, ספוק הנפש והגוף, איהר וועט די כשרות קענען אפהיטען ווי איהר ווילט און די מאטעריעלע לאגע פארבעסערען. זעלבסט פערשטענדליך דאס עס איז זיי ניט געווען צום הארצען צו ערנידעריגען זיך צו דער מדרגה פון אן ארבייטער וואס עס איז נגד זייער עבודת הקודש'דיגע נשמה, אבער דאס האט שפעטער פאסירט, זיי האבען זיך פאראייניגט און דערצו האט גאט געהאלפען דאס די גסה שלאכט הייזער זיינען מאנאפאליזירט געווארען פון די גרויסע רייכע קאמפאניס און די שוחטים האבען אנגעפאנגען צו קריגען מענשליכע בעהאנדלונגען אלס נוצליכע ארבייטער און בעסערע שכירות.

נון, איז אבער די ש ו ח ט י ע ו פ ו ת לאגע געווען נאך אין א פיעל ערגערע לאגע ווי די גסה שוחטים. ע ו פ ו ת מ א ר ק ע ט ס זיינען געוואקסען ווי שוועמליך מיט א סך באסעס און דאס ערגסטע צו אונזער אלעמענס באדויערען זיינען די עופות מארקעט באסעס געווען דאס מעהרסטע פון זיי פון דעם נידעריגסטען סארט נפשות. האבען דעם שוחט בעהאנדעלט מיט די שרעק־

ליכסטע ברוטאַליטעט. אַרויסוואַרפען אַ שוחט עופות מיט זיין פּעקעל חלפים מיט'ן טלית און תפילין איז געווען זייער פערגעניגען, מרגיש זיין אַ חלף אַ סעקונדע לענגער, ליינען תפילין אָדער ניט וועלען שעכטען פריטאָג; נאָך ליכט בענטשען פאַר אַזאַ זאַך האָט דער שוחט געקראָגען די סעק. די ווייזעדשעס זיינען געווען פון 8 ביז די מאַקסימום 20 דאָלאַר אַ וואָך. דער מאַרקעט פּלאַץ שמוציג, און ווינטער קאַלט און חושך. דער שוחט האָט געשלאָפען גאַנצע נעכט, טויזענדער טשיקענס שעכ־טען אָהן אַפּרוה, האָט אַ וואָרט ניט געטאָרט ריידען, ניט נאָר געגען באָס נאָר אויך ניט געגען פאָרמאַן אָדער אַר־בייטער. זייער שקלאַפעריי איז געווען ערגער ווי ביי פּרעה אין מצרים. און ווער געדיינקט ניט די פּאַסירונג מיט איינינע יאָהר צוריק, ווען דיזע שקלאַ־פען האָבען שוין ניט געקענט מעהר אויסהאַלטען, האָבען אָנגעפאַנגען צו שרייען מיט דער זעלבער טענה וואָס די אידען אין גלות מצרים, „תבן אין נתן לעבדך ולבנים אומרים לנו עשה והנה עבדך מכים וחטאת עמך.” קיין ווייזעדשעס צו דערהאַלטען דעם לעבען פון אונזערע פרויען און קינדער גיט איהר ניט, שקלאַפען הייסט איהר אונז אָהן אַפּרוה און מיר די שקלאַפען כאַפּען אריין קלעפּ פון אייך באָסעס און אַרבייטער און מיר פאַרזינדיגען דערצו אונזער נשמה מיט ניט קענען אָפּהיטען כשרות. און אָנ־שטאָט צו קריגען די הילפע אויב ניט פון די ניו יאָרקער אָרטאָדאָקסישע אידען וועלכע זיינען ליידער קיינמאָהל ניט אָרגאַניזירט, און דער האָלסייל לאָקאַל איז געקומען פון די באָסעס, האָט דאַן ליידער פּאַסירט ווי אַלעמען איז בעוואוסט די סקאַנדעליעזע האַנדלונג מצד אַ געוויסער פערזאָן איבער וועלכער גוים אַרבייטער האָבען נע'נבל'ט עופות אין אַלע מאַרקעט הייזער. דיזער טרויעריגער פּאַקט איז גוט באַוואוסט. אַ שענדליכער קאַפּיטעל אין דער שחיטה היסטאָריע.

דאַן האָט אייער טרויעריגע לאַגע אייך געצוואונגען זיך זעלבסט צו באַפרייען. די נויט האָט אייך געצוואונגען צו אָרגאַניזירען זיך אין אַ יוניאָן. איהר האָט אָראָפּגע־וואָרפען אייערע שקלאַפּישע קייטען און דערהויבען אייער מאַטעריעלע לאַגע און דעם גייסטיגען מצב הכשרות. גע־צוואונגען די מאַרקעט באָסעס צו לאָזען אייך אָפּהיטען אייער קבלה שעכטען על פי דין, אַרויסגעבען פון אייערע הענד כשר'ע געשלאַכטעטע עופות און אָפּ־היטען שבת.

ליידער איז די קנאה מצד איינינע ברידער שוחטים, וועמען עס פעהלט אויס אַ שטעלע און פון אַנדערע קוו־לען צוליעב קנאה האָט מען פאַרשפּרייט אַלערליי קלאַנגען אונטערצוגראַבען אייער מצב, מיט וואָס דער ברייטער אידישער עולם איז ערשטענס ניט באַקאַנט מיט די אַלע פּאַקטען און צווייטענס זיינען ליידער אידען גלייכגילטיג, און דעריבער איז אייער צייטונג זעהר נויטיג קלאָר צו מאַכען וואָס אייער אגודה האָט אויפגעטאָהן, טויזענד פּאַ־ביג פאַרבעסערט כשרות און פאַרבעסערט אייער איינענע לאַגע וועלכע איז איינג פאַרבונדען מיט כשרות. פּובלי־צירט אייער מאָנאַטליכע צייטונג, מאַכט בעקאַנט אַלע פּאַקטען און זייט מקיים דאָס וואָס די ערשטע משנה לערענט הכל שוחטין. אַז די אַלע וואָס שעכטען און אַלע זעהן און פאַרשטעהען דעם מצב אין זייער שחיטה אַ כשר'ע, אַ גערעכטפערטיגטע.

---

# Dr. Israel Herbert Levinthal

**RABBI OF THE**

**BROOKLYN JEWISH CENTER**

November 20, 1931.

Rabbi S. L. Hurwitz, Editor,
New York, N. Y.
229 East Broadway,

Dear Rabbi Hurwitz:

I want to take this opportunity to extend my sincerest congratulations to the "shochtim" of this city who will begin the publication of a journal in which will be brought home to our people some of the problems that face the members of this profession. I want especially to congratulate them in having selected you as the editor of this paper. Through your many valuable contributions in the field of Hebrew literature you have proven yourself master of the pen as well as of the voice, and I know that through your pen the cause which these men represent will be presented to American Jewry in the most efficient manner.

I want to wish you great success in this new undertaking, which I feel can be a source of much good to our community.

With all good wishes, I am

Sincerely yours,

I. H. Levinthal.

---

## צו די שוחטים פון אַמעריקא און קאַנאַדע!

די צייטונג איז אייער צייטונג, אייער פליכט איז צו שאַפען סובסקרייבער פאַר אייער צייטונג, זאָל יעדער שוחט שאַפען לפחות איין סובסקרייבער. שרייבט אונז פון אייער מצב און פון דעם מצב השחיטה אין אייער קהלה און מיר וועלען דאָס פאַרעפענטליכען.

שרייבט אויף דעם פאָלגענדען אַדרעס:

**SCHOCHTIM SHTIMME**

**229 East Broadway New York City**

1328148

# אין אונזער אייגען ווינקעל

שבת פ' נח, האבען רעוו. און מיסעס יעקב בלום פון 141 טאפיסקאט סט., ברוקלין, געפייערט די בר מצוה שמחה פון זייער נעראטענעם זון שלום בלום אין דער גרויסער תלמוד תורה תפארת הגר"א 425 האווארד עוועניו. וואו רעוו. בלום איז א חשוב'ער דירעקטאר און טשערמאן פון דעם ועד החנוך. פארטרעטער פון די „אגודת שוחטי עופות" און פון די „אגודת המוהלים" זיינען געקומען אין שוהל צו דער בר מצוה שמחה. דער יונגער חזן שלמה'לע באשקאוויץ האט געדאווענט לכבוד די שמחה און האט באגייסטערט דעם עולם. דער בר מצוה בחור איז אויפגערופען געווארען צו מפטיר ביי חזן באשקאוויץ אין ביי א גרופע תלמידים פון תלמוד תורה. דער בר מצוה האט געלייענט אין דער תורה און די הפטרה כזקן ורגיל און האט איבערראשט דעם עולם מיט א לומדישע העברעאישע דרשה. דער רב פון שוהל הרב שמריהו ליבהורוויץ האט גערעדט צום בר מצוה אין העברעאיש. און האט געגעבען דעם בר מצוה א מתנה א סעט תנ"ך און שולחן ערוך אין נאמען פון תלמוד תורה און א זילבערנעם בעכער אין נאמען פון דעם עלטערען פארבאנד פון תלמוד תורה. נאכ'ן דאווענען האט דער גאנצער עולם קידוש געמאכט. אבער די רעכטע שמחה איז געווען ביי רעוו. בלום אין זיין אייגענער הויז. ביי אן אמת'ען גוטען טשאלענט מיט משקה כיד המלך, האט דער ברודער שוחט רעוו. יוסף גארדאן און מר. מ. א. זעלדין געזונגען הארציגע און פייערדיגע ליובאוויטשער נגונים. מען האט געגעבען אן אפשאצונג װעגען רעוו. יעקב בלום, וועלכער איז א באוואוסטער כלל טוער, גלענצענדער מטיף, בארימטער מוהל, איז די נשמה פון די שוחטים יוניאן, און גלאט א ליבער איד. שבת נאכט האט זיך די שמחה געשלאסען מיט א גרויסארטיגער מלוה מלכה סעודה, ווען די חברים שוחטים און בעאמטע פון דער אגודה, וועלכע האבען ניט געקענט קומען שבת אין בראנזוויל, זיינען געקומען שבת נאכט און האבען זיך משמח געווען מיט הארציגע חסידישע נגונים.

צווישען די אנוועזענדע זיינען געווען דער זיידע און די באבע מר. און מרס. אברהם בלום, רעוו. און מרס. ראזענמאן, רעוו. און מרס. באשקאוויץ, רעוו. און מרס. נאווינראדסקי, הרב און מרס. מ. מ. ראבינאוויץ, רעוו. און מרס. מעלצער, רעוו. און מרס. בעלקין, רעוו. און מרס. גארדאן, און רעוו. יוסף גארדאן.

* * *

אונזער ברודער הרב און מרס. משה מאיר הכהן ראבינאוויץ שו"ב האבען חתונה געמאכט זייער געראטענעם זוהן ישראל, א גרויסער משכיל, א שטענדיגער מיטארבייטער אין די „נויארק אמעריקאן", צו זיין געראטענע כלה העניע לאה, די געראטענע געבילדעטע טאכטער פון דעם חשוב'ען איסט ניויארקער בעל הבית און בן תורה בנימין ביאלי, די חתונה האט שטאטגעפינדען דעם 12טען דעצעמבער מוצאי שבת קדש ח' חנוכה אין מאייבאכס עמפייער מענאר האל, 70 טהאמפארד עוו., ברוקלין. דער מסדר קדושין איז געווען הרב ווארשאווסקי, א מחותן פון דער כלה'ס צד. פארטרעטער פון די אגודת השוחטים דנויארק רבתי, פון די שוחטים בענעוואלענט אססאסיאיישאן, פון שוהלען און חברות, פון די איסט נויארקער הדסה, פון בושוויק דזשוניאר הדסה און פילע פראמינענטע פערזאנען פון נויארק און איסט נויארק האבען באשיינט די שמחה. דער טאסט מייסטער איז געווען קלמן שאפירא, און רעדעס זיינען געהאלטען געווארען פון הרב ווארשאווסקי, רעוו. יעקב בלום פרעזידענט פון די אגודת השוחטים און פון רבי מרדכי שאפירא, וועלכע האבען שטארק געלויבט די חתן כלה און די חשוב'ע מחותנים, איבערהויפט אונזער ברודער הרב משה מאיר הכהן ראבינאוויץ, וועלכער ציייבענט זיך אויס אלס גרויסער תלמיד חכם, מוסמך להוראה, און איז א בעל מדות טובות און א ירא שמים באמת.

* * *

א גרויסארטיגע פערלאבונג איז געפייערט געווארען שבת אװענד, חמשה עשר בשבט, אין שווארץ'ס רעסטאראנט, ביי עוועניו „עי", נויארק, ביי די געראטענע טאכטער פון רעוו. און מרס. יוסף ישעיה קירשענבוים פון 3015 איסט 6טע סטריט, ברייטאן ביטש, נויארק. זייער געראטענע טאכטער מיס פנינה קירשענבוים איז פערלאבט געווארען צו מר. שמואל חיים ניימאן א זוהן פון דעם בעוואוסטען איכט סיידער ביזנעסמאן און חסיד ר' ברוך ניימאן פון 164 עללען סט., נויארק. הרב הגאון ר' אלטער שאול פעפער און הרב הג' ר' משה שאפירא דער רב פון אטלאנטיק סיטי האבען דורכגעפיהרט די צערעמאניע פון די תנאים אויף אן עכט אידישען שטייגער ביי רייך געדעקטע טישען פון כל טוב. דער טאסטמייסטער פון אװענד איז געווען דער פרעזידענט פון דער אגודת עזרת הגליל פון צפת, ארץ ישראל, און א שוחט אין נויארק פאר די לעצטע 27 יאהר און דער כלה'ס אן אנקעל רעוו. פנחס מרגלית. געלונגענע רעדעס זיינען געהאלטען געווארען ביי הרב הגאון פעפער, ביים פרעזידענט פון די אגודת השוחטים רעוו. יעקב בלום און פון הרב הגאון ר, משה שאפירא, דער כלה'ס אן אנקעל. דער כלה'ס א ברודער דער באוואוסטער קאנצערטיסט און

(פארזעצונג אויפ'ן קאווער זייט 3)

# השומר

ירחון מוקדש לחזוק התורה והיהדות לבירור ולבון שאלות החיים על פי רוח התורה והאומה

יוצא לאור ע"י אגודת שוחטי עופות דניו יארק רבתי במדינת אמעריקא.

הרב שמריהו ליב הורוויץ, העורך.

## מרכז רוחני

### לרבנים, דרשנים, שובי"ם, מחנכים, ולכל העוסקים במלאכת הקודש

כשאתה אוחז ובודק בשעה זו, ברגע זה, את גליון „השומר" החדש, הגליון הראשון, שיצא זה עתה לאור עולם, ואתה מעיין בו, והוא מעורר בך מחשבות ורגשות, צריך אתה, קורא נכבד, לעשות חשבון נפשך, להבין ולהרגיש, כי פרק גדול וחדש נפתח עתה על ידי ירחון חרדי זה, בדברי ימי היהודים החרדים הנאמנים לה' ולתורתו הקדושה. ירחון זה איננו חולוני, המוקדש רק לעניני ספרות ועניני חיים שאין בהם אהבת תורה ויראת שמים, חקוי זר לרוח האומה, כדרך שהגוים עושים, מה להם יש ירחון ספרותי אף לנו יש כבושם הזה, לא ולא! אלא ירחון זה בא לשמור את רוח האומה בטהרתה ובקדושתה, „השומר" הזה בא לשמור את חומת ישראל סבא, שלא יפרוצו בה ערלי לב, ושלא יערערו את יסודות הדת והאמונה, בנים משחיתים שעזבו את ה' ואנצו את קדוש ישראל, כופרים ופורקים, מתבוללים חדשים וחדישים מכל המינים ומכל הסוגים שונים ומשונים שפרצו לרבבות במחנה ישראל לאכול ולהשחית כל חלקה טובה בישראל סבא, לשום מתג ורסן בפיהם ובפי עטם כי שקר עשו עט סופרים, להכחיש באלקי ישראל ובתורתו שהיא תורת חיים, ויחד עם זה לשמור את כרם ישראל משועלים מחבלים כרם ה' צבאות, הני בריוני שנכנסו לעולם החנוך, קדשי קדשים של האומה הישראלית, יסוד היהדות, ועושים בו שמות, עוקרים אילנות, משחיתים ענפים, אוכלים ומהרסים שרשים, שרשי הדת והיהדות, ומכניסים שרץ במוחם של התלמידים הקטנים, אלה מזה הרסו הגשרים, אין להם עבר מזהיר, לא תורה, ולא קדושת החיים, ולא קדושת הלשון העברית. לא תרבות עתיקה שהדרת הקדושה והשיבה חופפת עליה, אלא מלמדים תינוקות של בית רבן את תורתו של שלום אש, ולא את תורת משה רבנו, ובאו מחנכים חדשים שבחדשים מהצפרדע שבמצרים שהולידה הרבה צפרדעים כאלה במחנה ישראל שמלמדים בבתי ספר שלהם את תורתו של לעניו, ואת שפת הגלות, שפת ההמון, הקדישו והעריצו ועשו לשון בלולה זו ללשון האומה, וכל הכופר בה כאילו כופר בכל קדשי האומה, ובאו עברים עורים היודעים לפטפט עברית „ואיבריט" ואינם יודעים את תורת הלשון והדקדוק כראוי, ואינם מעיינים בתורת ישראל, וחשכו עיניהם מלראות את המאור שבתורת ישראל, והעמידו את חנוך הדור הצעיר רק על יסוד הלשון, ההיסטוריה והארץ, ואת ה' אלהי ישראל שכחו, ואינם יודעים ואינם מרגישים קטני מוח אלה כי בלי קדושת הדת אין טעם ללשון, לארץ ולהיסטוריה, מפני כי יש בהם חולין ולא קודש. הלשון היא קדושה — מפני שבה ועל ידה מוכשרים להבין את תורתנו הקדושה, מאור פני התורה נתקדשה הלשון ונעשית לשון קודש. ארץ ישראל היא ארצנו הקדושה, וההיסטוריה העברית־עלובה זו נטמאה ונפגעה על ידי מגע של זרים, שהכניסו בה מה שהכניסו, אבל לא את נשמת האומה ורוח ה', ויש צורך בחנוך ובמחנכים שיש בהם קדושה עליונה.

„השומר" שהתחיל להופיע עתה, שואף להיות מרכז רוחני לרבנים, דרשנים שובי"ם, מורים בעלי דת וכל העוסקים במלאכת הקודש בכל מקום שהם. כלי מבטא לאנשי רוח ודת, לתלמידי חכמים, להוגי תורה, ולחושבי מחשבות ביהדות, אלה שלב להם ונפש להם ושואפים לרוחניות, למשא נפש נאצל, לדורשי אלקים, לבעלי רגש, אלה שיש להם געגועים לקדושת החיים, כל אלה וכיוצא בהם יש להם עכשיו בימה ספרותית להביע על ידה את מחשבותיהם, רגשותיהם, ופרי רוחם, ולהפיץ את דעותיהם ברבים.

„השומר" שואף גם כן לאחד את הרבנים, שהם הם נושאי דגל התורה והדת, יחד עם השובי"ם וכל העוסקים במלאכת הקודש לרבות את המוהלים, לאגודה אחת גדולה נהדרה ונאדרה במטרה כפולה — להטבת מצב התורה והדת ולהטבת מצב הרבנים והשובי"ם. המצב הוא כל כך מעציב, עד שאין מוצא ממנו רק על ידי התאחדותם של הרבנים והשובי"ם.

שערי „השומר" פתוחים לרוחה לפני כל אנשי הרוח שבמחנה ישראל, שמרו נא את „השומר", לחזוק הוא צריך, לתמיכה רוחניות ולהפצה ברבים „השומר" הוא שומר ישראל, יש לו צורך בכם, ויש לכם צורך בו, בשעה נוראה נולד, בשעה שעם ישראל טובע בים של צרות ויסורי גוף ונפש נוראים ומבוהלים עד מאוד, בתקופה נוראה זו בא „השומר" לעולם, והלואי שתהא הופעתו לברכה בקרב ישראל.

שמריהו ליב הורוויץ.

# הלכות שחיטה ובדיקה

על פי רמז, דרוש, סוד ומוסר היהדות

## א.

הכל שוחטין לכתחילה, אפילו נשים ועבדים, כולם הם בכלל גדר שחיטה, לזבוח את זבח היצר הרע שבקרב האדם פנימה, כי זהו עבודת האדם בעולמו, ובבאר היטב פירש ועבדים ר"ל משוחררים, היינו; שהוא משוחרר מתחת יד יצר הרע, מתאוות גסות ונמבזות, ואותם האנשים שהם בבחינת נוקבא, יש אומרים שאין להניח נשים לשחוט, שכבר נהגו שלא לשחוט, וממילא סר צלם מהם, ואיך יתכן להם לשחוט? כי עיקר השחיטה הוא בתמונת שם הו'י'ה המאיר על הפנים כמבואר ליודעי סוד, ולהיות כי כן, על כן מצוה על כל אחד ואחד מישראל בראותו שהוא הולך בחושך ואין נוגה לו והוא משוקע בתאוות ואין ידו משגת ליתן עצות לנפשו באיזה אופן ילחום מלחמותיו נגד יצרו, ילך לחכם, ע"ד מאן דכאיב ליה ליזל לאסיא, לרפא את נגעו, אמנם כן דרכו של היצה"ר חרל להשכיל להיטיב, ואפילו כשרוצה לילך ולכתת רגליו לאחד מן החכמים, מוצא כמה חסרונות בהחכם, לאמור כמוני כמוך, ועדיין הוא עצמו אינו מוחזק לשחוט היצה"ר שלו ומראה לו ק"ן פנים לטומאה בת"ח זה בבמה וכמה ספיקות, וכיון שלא תיקן את שלו, איך יתקן אצל אחרים, ולזה רמזו בשו"ע וכל אדם אפילו אין מכירים אותו שמוחזק לשחוט שלא יתעלף, וגם אין יודעין בו שהוא מומחה ויודע הלכות שחיטה מותר ליתן לו לכתחילה לשחוט, שרוב הרגילין לשחוט מומחים הם ומוחזקים, והכלל הכל הוא מפתוי היצה"ר שרוצה לדחותו מלפני יתברך, ומסיק בשו"ע כ"ז בדיעבד, אבל לכתחילה אין לסמוך על החזקה במקום שיכולין לבררו, היינו לדעת אם הוא מצד פתוי היצה"ר, או אפשר כי האמת אתו, וכ"ז מיירי באחרים שאינן בקיאין ויודעין במעשיו, אבל השוחט בעצמו לא ישחוט אפילו שיודע הלכות שחיטה ומומחה, עד ששחט שלוש פעמים בפני חכם ומומחה בהלכות שחיטה שיודע שהוא רגיל וזריז שלא יתעלף, מכאן אזהרה גדולה לכל אחד מישראל הרוצה לגשת אל עבודת הבורא ב"ה, כמה צריך זריזות וחריצות, לדעת מה מעשהו בעוה"ז, ובאיזה אופן יקום קדם מלכא להשיב לשולחו דבר שנשלח בעוה"ז רק לשחוט את היצה"ר, ואין להשען על בינתו.

וכאשר שנו חכמים במשנה. עשה לך רב וקנה לך חבר, כי לפעמים הולך האדם בעולמו בטעות כל שבעים שנה שלו, וכאשר בא כן ילך, ומאומה אין בידו, ונמצא להבל ולריק בלה ימיו ושנותיו, ולא די שלא גרם במעשיו לשחוט את היצה"ר המוטל עליו לעשות בעוה"ז, עוד זאת שנתן החרב ביד שונאו לשחוט אותו בסכין פגום כאשר נבאר סוד הדברים אי"ה בהמאמרים הבאים, ולזה בא הרמז שאינו רשאי לסמוך על עצמו ובינתו, כי אם עד ששחט שלוש פעמים לפני חכם, והחכם עיניו בראשו ומבין מדעתו לדעת כל אנשי מעשהו אם הולך בדרך מלכי של עולם וראוי לעשות כמעשהו ולא יתעלף, להיות מנוצח ח"ו מצד שכנגד, ולזה צריך שלוש פעמים הוי חזקה, היינו; ג' בחינות מחשבות אדם, אהבה, יראה, התפארות בחינת חג"ת, לקנות בעצמו אהבתו ויראתו ותפארתו, ואם יהיה תמים בשלשה אלה, מסתמא כל מעשהו באמונה, מתוקנים ולא מקוקלים, וגם הרמז בג' פעמים על שלשה דברים שהעולם עומד עליהם, תורה, עבודה וגמ"ח, כ"ז צריך להראות לפני חכם הכולל אם עבודתו בהם בשלימות, ואין מלאכתו מלאכת ה' בידו רמיה ח"ו ולכן נוהגין שאין שוחט אא"כ נטל קבלה לפני חכם, ואם לאו ידע נאמנה שכל מעשיו מקולקלים, ולא דרך ולא פסע עדיין אפילו פסיעה אחת בעבודת ב"ה באמת, ואין חכם נותן לו קבלה עד שיודע בו שהוא יודע הלכות שחיטה ובקי ביד, ע"ד אין מוסרים ס"ת אלא לחכם ומבין מדעתו ויראת ה' לנגד פניו תמיד, ואם לאו אסור לגלות לו ס"ת, כי למה לו מחיר ביד כסיל לקנות חכמה ולב אין להכנים התורה והמדע שמקבל מרבו לבחינת עובדא, וזהו שנרמז עד שיודע הלכות שחיטה ובקי ביד כלומר שמכנים הדעת לידים בבחינת עובדות ממש, מעשים טובים.

ונוהגין להחמיר עוד, דהמקבל נוטל בכתב מן החכם לראיה שנתן לו קבלה, והכוונה; להורות כי כן דרכי הצדיקים האמתיים, כל דבריהם היוצאים מן הלב נכנסים בלב השומעים, ובכל מקום שנותנים עיניהם ומסתכלים בתורה, נראה ונדמה להם זה הדבר אשר נשמע מהצריק שהורה להם דרכי העבודה, וזה אות ומופת על המזהירים כזוהר הרקיע, ותורתם אמת בפיהם, ואל יפרוש את עצמו אפילו שעה אחת מבית מדרשם, וזהו בחינת הכתב שנוטל לראיה, היינו; כתב התורה כנ"ל.

(המשך יבא).

# אות ברית

תולדות המילה בישראל מימי אברהם אבינו עד היום הזה (קטעים ופרקים מתוך ספרו הגדול).

מאת שמואל כהן, רופא חולים ומוהל

## א.

## המילה על פי כתבי הקודש

המקור הראשון ע"ד המילה הוא ספר תורת משה (בראשית י"ז), כל המקורים האחרים, בספרי הנביאים, בתלמוד או בשאר הספרים, הם אך מלואים להמקור הראשון הזה. אברהם היה בן תשעים ותשע שנה וישמעאל בנו היה בן שלש עשרה שנה בהמלו ואת יצחק בנו מל בן שמונת ימים כשאר צוה אותו אלהים. אופן המילה ומכשיריה לא נזכרו במקום הזה, כן לא נזכר אם מל אברהם את בניו אשר נולדו לו אחרי מות שרה אשתי מפלגשו קטורה, יען כי כזרים נחשבו לו, ככתיב; „ולבני הפלגשים אשר לאברהם נתן אברהם מתנות וישלחם מעל יצחק" (בראשית כ"ה) או אולי מל גם אותם ולא נזכר זה מטעם פשוט, כי כבר נחשבה המילה לחק, כמו שלא נזכרה המילה אצל יעקב ובני יעקב, אף כי היו נמולים.

בספר בראשית (ל"ב) הננו מוצאים ספור ע"ד דינה בת לאה, ושכם בן חמור; כאשר בקש חמור את יעקב ואת בניו לתת את דינה בתו לשכם בנו לאשה, השיבו בני יעקב; „לא נוכל לתת את אחותינו לאיש, אשר לו ערלה, כי חרפה היא לנו, אך בזאת נאות לכם, אם תהיו כמונו להמול לכם כל זכר".

בספר שמות הננו מוצאים עוד הפעם ספור ע"ד המילה; „ותקח צפורה צר ותכרת את ערלת בנה, ותאמר חתן דמים למולת" (את המבטא „חתן דמים" הננו מוצאים אצל רבים מעמי המזרח ובפרט אצל המחמדים, החוגגים את ברית המילה במשתה ושמחה והנמול נקרא אצלם „חתן דמים", גם בהמשנה (נדה פ' ה') הננו מוצאים את המבטא „חתן" להנמול; תינוק בן יום א' מטמא בזיבה וכו' וההורגו חייב והרי הוא לאביו ולאמו ולכל קרוביו כ„חתן" שלם. התוי"ט כותב במקום הזה; דלקטן הנמול קרינן חתן, וקמל"ן דאע"ג דעדיין לא נכנס לברית מתאבלין עליו ומשום דנהיגין לימול לקטן שמת ולא נימול, קרי להנימול לשמונה חתן שלם „כי חתן דמים אתה לי, צא וראה מי קרוי חתן הוי אומר זה התינוק" (נדרים ל"ב א'). והר"ן ז"ל שם מפרש שנעשה חתן על ידי ברית. בכתוב הזה מזכרת לנו התורה אחד ממכשירי המילה „צר", כי העמים הקדמונים לא השתמשו עוד בעת ההיא בברזל, כי אם באבן, כן השתמשו המצרים, למרות מדרגת השכלתם הגבוהה בעת ההיא, באבן לנתוח החנוטים. ולא יפלא איפוא, כי השתמשה גם צפרה בצר ולא בברזל לנתוח המילה, וכזאת הננו קוראים גם ביהושע ה', ויעש לו יהושע חרבות צורים.

כאות לאומי, הננו מוצאים את המילה בספר שמות (י"ב מ"ח) אצל קרבן הפסח. כי בחג הלאומי הראשון והכי נכבד יוכלו לקחת חלק אך הנמולים. (בויקרא מ"ב) הננו מוצאים עוד הפעם זכר למילה, אולם בספר דברים, אשר בו נשנו כל החוקים ואשר בו ידובר ברחבה על דבר קרבן הפסח ולא נמצא אף דבר ע"ד המילה, ובאמת נפלא הוא הדבר עד מאד, ויש לפלפל בזה הרבה.

בספר יהושע (ה') כתיב; „בעת ההיא אמר ה' אל יהושע, עשה לך חרבות צרים ושוב מל את בני ישראל שנית וכו' ויאמר ה' אל יהושע היום גלותי את חרפת מצרים מעליכם, גם פה הננו רואים, כי הביטו על המילה כעל אות לאומי; טרם שנכנסו לארץ צוה ה'.

במקומות רבים בכתבי הקודש הננו רואים, כי העברים הביטו על הערלים בעיני בוז וחרפה, וכעל אויבי ה' ועמו, ובדברים ע"ד הפלשתים. האויבים היותר נוראים להם, מכנים אותם בשם „ערלים", ולא לבד העם בכלל, אלא גם מלכיהם ונביאיהם בזום וינאצום, (שופטים י"ד) ויאמר לו (לשמשון) האין בבנות אחיך ובכל עמי אשה, כי אתה הולך לקחת אשה מפלשתים הערלים?! וכן קרא שמשון אל ה' „ועתה אמות בצמא ונפלתי בידי הערלים", (שמואל א' י"ד), ויאמר יהונתן אל הנער נושא כליו לכה ונעברה אל מצב הערלים האלה, ובשמואל א' י"ז, כי מי הפלשתי הערל הזה כי חרף מערכות אלהים חיים? גם את הארי ואת הדוב הכה עבדך והיה הפלשתי הערל הזה כאחד מהם, כי חרף מערכות אלהים חיים, ובשמואל א' א' נ"ח, ויאמר שאול כה תאמרו לדוד אין חפץ למלך במהר, כי במאה ערלות פלשתים להנקם מאויבי המלך, „ויבא דוד את ערלותיהם". ובשמואל ב' א' אל תגידו בגת, אל תבשרו בחוצות אשקלון, פן תשמחנה בנות פלשתים תעלוזנה בנות הערלים. ובישעיהו נ"ד א', עורו עורי לבשי עוזך, ציון, לבשי בגדי תפארתך ירושלים עיר הקודש, כי לא יוסיף יבא בך עוד ערל וטמא. הנביא ירמיהו, (ט' כ"ד) מנבא; הנה ימים באים נאום ה' ופקדתי על כל מול בערלה, על מצרים ועל יהודה ועל אדום ועל בני עמון ועל מואב ועל כל קצוצי פאת, היושבים במדבר, כי כל הגוים ערלים, וכל בית ישראל ערלי לב". הנביא מחלק את העמים לנמולים ולערלים, ואומר כי גם הנמולים הם ערלי לב, וע"כ השיגתם חמת ה'. הנביא יחזקאל מנבא על פרעה מלך מצרים לאמר והורדת אל ארץ תחתית, בתוך ערלים תשכב, את חללי חרב. יחזקאל ל"א י"ח, מזה הננו רואים, כי מלכי מצרים היו נמולים, לולא זאת מדוע מאים הנביא על פרעה כי ישכב בתוך ערלים? והנה עזרא הבדיל מתוך העדה את כל הערלים, כי המילה היא אות ברית קודש בין ה' ועמו הקדוש.

(המשך יבא).

# מעשה בשוחט שנתגלה

שוחט היה בכפר דוראוויץ, הסמוך לעיר פרעמיסלא, אשר בגאליציה המדינה, ור' יצחק אייזיק שמו. אשר איש לא ידע את דרכי חייו; ורבים החזיקו אותו לבור ולמטורף קצת, רחמנא לצלן. נסתר היה האיש כל ימי חייו, וכל דרכיו דרכי אדם גס; אך לפרקים גלה גם לאחרים מה שראו עיני רוחו. כל אדם לא יכול לעמוד על טיבו. גם הרב הצדיק רבי אהרן הגדול מקרלין, שהכיר בטיב כל איש ואיש בראיה בעלמא, לא יכול לעמוד על טיבו של אותו שו"ב ומנהגי חייו. פעם עבר ר' אהרן דרך אותו הכפר, וערב שבת היה, ופנאי לא היה אז להגיע לאיזו עיר, והתאכסן בבית הקטן של אותו שו"ב, ובעל הבית לא היה בבית באותה שעה, רק בעלת הבית לבדה, ויצו לשאול אותה; איה בעלה? והשיבה, שהוא איננו כעת בבית, אך ישוב לעת ערב עם הדלקת הנרות. הרב הקדוש הביט בבית אל כל אשר סביבו, וירא והנה בשר מונח על השולחן, והרגיש ששכינת השבת עליו, וישאל את בעלת הבית אם אפשר לו ולמשמשו לשבות את שבתם בביתם, והשיבה לו; אפשר. לפנות ערב, בשעת הדלקת הנרות, בא האיש מדרכו, מלובש במלבוש שאינו נאה לו ויכנס הביתה, ובראותו את הרב הצדיק רבי אהרן אורח ביתו הוסיף עוד להסתיר את עצמו מפניו. קבל רבי אהרן את השבת בהתלהבות גדולה בשעת התפלה, כדרכו בקודש; והשוחט התפלל כאחד האנשים הפשוטים, הרגיש הצדיק מקרלין קדושה יתרה בבית, בדק בכל פנה ופנה והסתכל בעין פקוחה בבעל הבית, אך לא ראה בו מאומה. אחרי התפלה קדש הצדיק הקרליני על היין בהתלהבות, והוא קדש במהירות ובחפזון, כדרך האנשים הפשוטים, כדי להסתיר את עצמו הסתר גמור, ויאכלו יחד, ורבי אהרן הרגיש בטעימתו את המאכלים קדושה רבה, וכשהביט עליו לא ראה בו מאומה, ויהי הדבר לפלא בעיניו, כן היה בכל יום השבת. במוצאי יום שבת קודש רצה רבי אהרן לשלם את מחיר הסעודות ולנסוע לדרכו, והשו"ב וזוגתו אינם; שניהם נמלטו מהבית תיכף אחרי ההבדלה. חכה להם רבי אהרן ושמשו עד חצות הלילה ולא שבו עוד, ויסעו לדרכם בלי ברכת הפרידה.

ועוד מספרים עליו, שפעם בא אליו אחד ויבקש ממנו שילמד אותו הלכות שחיטה ומלאכתה. „איני רוצה ללמדך אומנות זו" ענה ואמר שוחט הכפר. „ומדוע? — שאל האברך — הן רוצה אני לעבוד עבודת קודש זו בכל כחי ונפשי". לא ענה השוחט כלום, אך אחז את האברך השואל בידו ויוציאהו החוצה, ונענע בכף ידו לעיני האברך ויאמר אליו; „שא עיניך וראה"! האברך נשא את עיניו וירא, והנה על ראש הגג מלמעלה עומד איש אחד וסכין בידו, ובה הוא חותך את ורידי צוארו, והדם הולך ושותת, הולך ושותת... כשנתמצה כל דמו, נזדקר האיש מלוא קומתו ונפל ארצה, ואחרי רגעים מספר הוא עומד שוב על ראש הגג ושוחט את עצמו עוד הפעם, וכן הדבר חוזר חלילה. „רואה אתה מה שלפניך"? שאל את האברך, ואחר הוסיף לדבר אליו; „להוי ידוע לך, שהאיש הזה היה שו"ב בחייו, ומאחר שנפטר זהו ענשו, מפני שקבל עליו עבודת הקודש שלא היה ראוי לה". האברך הקשיב לדבריו ושיניו דא לדא נקשן, הבין את כונתם וילך לו.

ככה חי השוחט בדוראוויץ את חייו, חיי נסתר, ויהי לפלא בעיני כל יודעיו ומכיריו.

ימים מספר אחרי התארחותו של רבי אהרן הגדול מקרלין בבית השוחט שלח השוחט את זוגתו העירה, להודיע לחברה קדישה כי בעלה נוטה למות, וכי ישלחו אליו תיכף את השמשים מחבורתם לעמוד על מטתו בשעת יציאת הנשמה, וגם יעשו לו את כל צרכיו להביאו העירה לקבורה. הלכה האשה לעשות את דברי בעלה. ויבאו השמשים הכפרה ויסורו אל בית השוחט, ולא מצאו אותו בבית, וישאלו את אשתו, היכן בעלך? הלא אמרת שגוסס הוא, שכיב מרע לפני יציאת נשמה? השיבה להם האשה, בעלי הלך, ומן הסתם ישוב תיכף, ואותי שלח להודיע לחברה קדישה כי קצו בא. התחילו השמשים לחרף אותה וישפכו עליה בוז וקלון, באמרם; את משוגעת ובעלך משוגע! אמרת שבעלך שלחך להביא את השמשים, כי הוא נוטה למות, ולבסוף נראה הדבר שהוא בריא ושלם, ולמה הטרחת אותנו חנם? ויהי בדברם ככה, והנה בא בעלה והוא מחזיק בשתי ידיו מעט תבן ופניו כלפידי אש, ויבהלו השמשים מפניו מאד. ויאמר אליהם: רבותי! שמעו נא מה שפי מדבר אליכם; הנה קרבו ימי למות, כל ימי חייתי חיי נסתר והסתרתי את מנהגי בעיני הבריות. בעת, כאשר הגיע קצי, רצוני שתודיעו תיכף ומיד, אחר יציאת נשמתי, בעיר שנפטרתי, ויבאו אנשים ובידיהם נ י ר ו ד י ו ויעתיקו כתבי המונחים בתיבה הזאת, וידפיסום אחרי כן, והעתקה זו תעשה ב פ נ י, על כן יעבדו האנשים ההם את ה ע ב ו ד ה ה ז א ת כ ל ז מ ן ש א ה י ה מ ו ט ל ע ל ה א ר ץ ט ר ם י ל ב י ש ו נ י ה ת כ ר י כ י ם.

אחרי הדברים האלה לא דבר עוד מאומה, רק הניח את מעט התבן אשר בידיו על הקרקע וישטחהו היטב, אחר כך השכיב את כל גופו עליו אפרקדן, פשט את ידיו ואת רגליו, פניו בערו כלפידי אש, ורהושי מרחשן שפתותיו, וכך נסתלק אותו צדיק מן העולם, ונשמתו יצאה בקדושה וטהרה. מיד הודיעו שמשי החברא קדישה את דבר מותו ליושבי העיר, גם את צוואתו האחרונה שצוה לפני יציאת נשמתו הודיעו לראשי החברה, ותיכף נסעו כל אנשי העיר, אנשים ונשים וטף אל הכפר וביניהם

# מכתבי ברכה ועדוד

## א.

### מאת הנשיא הנכבד של אגודת הרבנים באמעריקע וקנדה

בעה"י ו' עש"ק תרומה תרצ"ב. נויארק.

כבוד ידידי ורב חביבי הרב הג' המפורסם חריף ובקי, חכם וסופר, מוכתר בנימוסים, משכיל ביראת ה', אשכול המעלות וכו', כש"ת ר' שמריהו ליב הורוויץ שליט"א.

שלום וברכה! את יקרתו קבלתי. האמת אגיד לכבוד ידידי כת"ה, שאעפ"י שאני מונה ידידים רבים בין השוחטי־עופות של נויארק רבתי, אנשים נאמנים לה' ולתורתו ויראי ה' באמת. בכל זאת היתה קשה עלי כתיבת מכתב זה, כי נפוצה שמועה בין רבני נויארק, כי חסרים אותם היחסים הרצוים וראוים, יחסים קרובים, שהיו צריכים להיות בין רבנים ושוחטים. בטח האשם בזה אינו תלוי רק בשובי"ם, אלא שאי הסדר ואי המשטר ששורר בארץ זו בשדה היהדות גרם הרבה לזה, בין כך וכך חסרים אותם היחסים היסודיים לטובת היהדות החרדית. אך בשמעי מהרבה שוחטים שהם שואפים להביא סדרים בנידון זה, והעיקר בידעי היטב את כת"ר המתמכר לבנין היהדות המסורתית ולהחזקתה, וגם להרמת כבוד הרבנות בארצנו, ופעל הרבה בענין זה הן בדבור, הן בכתב, מקוה אנכי שעל ידי עריכת כת"ר את העתון החדש „שוחטים שטימע", ושבהשפעתו הכבירה והעמוקה, יקרב את הלבבות ויעזור להביא את אותה האחדות ואותו הארגון שנתקיים תמיד בין רבני ישראל ושוחטיו.

ובזה אני בא בברכתי היוצאת מקרב לבבי; יצליח ה' את דרכו בקודש, דרך התורה והמצוה, וקול „השוחטים שטימע„ ישמע במחנה ישראל, ותבנה יהדות חרדית מסורתית כראוי. — חזק ואמץ!

ידידו הנאמן, המצפה להרמת קרן התורה וישועת ה' בקרוב,

ישראל הלוי ראזענבערג.

---

## ב.

### מאת הרב הגאון ר' רפאל מרדכי בארישאנסקי

ב"ה, יום א' לחדש כסלו, תרצ"ב.

לראשי אגודת שוחטי עופות בנויארק רבתי, ובראשם לנשיא האגודה הנכבד ר' יעקב בלום נ"י.

שלום לו ולכל חברי האגודה!

אחדה"ש כיאות!

סבלתי החלטתכם להוציא לאור עתון אורטודוקסי בשם „שוחטים שטימע", וכי ידידי החשוב הרב ר' שמריהו ליב הורוויץ המומחה לאותו דבר יערכנו, מה אומר לכם? מצד אחד אני שמח, כי לזה אני מצפה מיום שבאתי לכאן, אחרי שנחוץ עד מאד עתון אורטודוקסי נקי וטהור מ„בלאף" ו„פוליטיקה" מזויפה, כי בעת אין אתה חפשי כלל במדינה זו, ברצונך או שלא ברצונך אתה מוכרח לרקד לקול החליל שביד מנהלי הפוליטיקה, בשעה שרוצים ירימו לשמי שמים איזו חברה שבאמת אינה שוה כלום, או איזה איש שאין בו לא תורה ולא חכמה, ולהיפך, אם אין אתה מוצא חן בעיני הסופר, אז גם אם ישפכו עליך קתון של רותחין,

---

כמאה תלמידי חכמים ובידיהם ניר ודיו. וישבו תלמידי החכמים ויעתיקו לפני המת, בשעה שהיה מוטל עוד על הארץ, את הכתבים הקדושים הנמצאים בתיבה אשר לפניהם. בשעת העתקתם את הכתב נראתה פתאום השתנות בפני המת והתיבה אשר בה היו הכתבים נסגרה מאליה טרם גמרו להעתיק את כולם... אז טהרו את גופו, הלבישו אותו תכריכים ויעשו לו את הכבוד האחרון כראוי לו והספידוהו כהלכה.

אחרי הסתלקותו של השוחט נסע הרב הקדוש רבי אהרן דרך העיר פערמיסלא, ויספרו לו אנשי העיר על הסתלקותו של אותו הצדיק ואת הדברים שצוה לפני מותו, ויתאונן הרב מאד על שלא זכה להכירו היטב ולהתבשם מקדושתו, אף על פי ששכן בארבע אמותיו שבת אחת, ויתמרמר מאד מאד על הדבר הזה, וינמור בלבו לנסוע דרך הכפר ההוא, כדי לדבר עם זוגתו הקדושה ולהיות על כל פנים בתוך כתלי בית הצדיק אחרי מותו. ויסע לכפר דוראוויץ, ויבא לבית הצדיק, וידבר עליו עם זוגתו ויחפץ לדעת את דרכי חייו הנסתרים, אך היא לא גלתה לו מאומה, באמרה, שבעלה הקדוש לא נתן לה רשות לגלות את דרכי קדושתו. אך דבר אחד אגלה לכבודו, אמרה אליו, והוליכה אותו אל החלון, ושם עמדו שתי מנורות קטנות ובתוכן שתי חתיכות נר, והראתה בידה עליה ותאמר: בעת שנשאתי לאיש הקדוש היו לי שתי המנורות הקטנות האלו ובתוכן שתי חתיכות נר אלו, והם היו דולקים כל ימי חייו, ועכשיו שנסתלק ונר נשמתו כבת, כבו גם הנרות....

(קהל חסידים החדש, פשעמישל 1902; ספר מעשיות למרדכי בן יחזקאל הוצאת „דביר")

אין לך מקום להראות צדקתך ולהגן על כבודך, וגם אם תשתחוה ותתרפס לא תועיל, אם רק דבריך אינם מוצאים חן בעיני שונאיך ומנדיך הקשורים בעבותות הפוליטיקה להסופר, להעורך או להמוציא לאור. אך מצד שני מתירא אני מהשם המיוחד די שוחטים שטימע, כי מה יועיל אם העתון יהא נערך אפילו בידי ו״ב העורך שהוא משכיל ומומחה בזה, אחרי שהעתון הוא רק בעל גון אחד, ודן רק מה שנוגע לחוג השוחטים, ולא יקיף את כל מה שנוגע לחיי האורטודוקסיה בכל הפרטים ופרטי פרטים? אז הרי שמחתי היא שמחת שוא, ודעו לכם אחים, אם לא תפתחו שערי עתונכם לכל המתרחש בחיי האומה, ותתכנסו בחוג צר של שוחטים בלבד לא תצליחו, והעתון לא יאריך ימים. והנני מבקש מכם, אחים, שתהא מקום בעתונכם לכל השאלות, הענינים וההשקפות הנוגעות לכל עמנו, וגם הכניסו את יפיפותו של יפת באהלי שם, ואז תזכו שהעתון שהוא באמת עתון נחוץ יאריך ימים לשמחת לב המצפים לזה, ויהי נועם ה׳ עליכם ועל הרב העורך הנכבד אשר לכם, לכו נא בדרך שאתם הולכים בה, ושמכם יהא לשם ולתפארת, כברכת ידידכם באמת, דו״ש והצלחתכם,

רפאל מרדכי בארישאנסקי, חופ״ק.

בגליון הבא נפרסם בע״ה עוד מכתבי ברכה מאת רבנים, גאונים ומפורסמים בישראל.

# ספרים חדשים

(שהגיעו אל המערכת)

ספר המדרש והמשנה, חלק ראשון, על משניות ברכות, מאת הרב אב״ד לעדת ישראל ה״ת בית אברהם בבראנקס, אברהם נפתלי גאלאנטי.

הרב גאלאנטי ידוע ומפורסם בעולם הדרוש על ידי ספריו הטובים במקצוע הדרוש וההטפה שזכו לשם טוב, וספריו נתפשטו ונתקבלו אצל הרבנים הדרשנים די בכל אתר ואתר ורבים נהנים מדברי דרוש שלו. עכשיו הו״ל ספר חדש במינו; דברי דרוש ומוסר על משניות, זהו ספר חדש במינו ונחוץ לרבנים דרשנים ולאלה שמקריאים שעור במשנה ברבים. דבריו הם כעין טל תחיה לאלה הזקנים שבאים לשמוע פרק במשנה, ורוב מגידי השעורים מתחשבים עם מלים ופשט ולא עם נשמת המשנה, מוסרה ורוחה, מעכשיו יפיחו רוח חיים בדברי המשנה, יתבלו מוסר השכל ביראת ה׳ וכל מדה נכונה בדברי המשנה הקדושים והמחוכמים.

הרב המחבר הנכבד מתבל את דבריו בדברי חכמה ומדע ומעיר דרך אגב הערות מושכלות, כגון מה ששמע משמו של החכם הכולל ר׳ נתן בירענבוים בדברו על דבר המדה של צביעות והתחפשות, אמר שמנהג ישראל תורה היא המנהג הוא להתחפש בפורים, יען שנהפכו הימי אבל ליום טוב, ומדוע זה לא נתחפש גם בחנוכה, להזכיר לגנאי את המתחפשים, אותם ההעלענים־טים המתיונים שפשטו את צורתם היהודית בדי ללבוש צורת יון? והתירוץ הוא, שהחילוק בין פורים לחנוכה הוא בזה: שפורים אנו חוגגים רק יום אחד, ולהופיע כמתחפש ביום אחד אין סכנה, מה שאין כן בחנוכה, — הן חנוכה אנו חוגגים שמונת ימים, ואם אנו נוסיף להתחפש במשך שמונה ימים, יכולים אנו להתרגל לחיות חיי מתחפש, וזו רעה חולה מאד, וד״ל. יש בו ג״כ דברי הלכה נאמרו באופן הגיוני, והרי הוא ספר רב ערך במינו!

ספר שערי רצון, כולל חדושים ובאורים, דברים נעלים בפלפול ובהלכה ובאגדה מאת מנחם הכהן ריזיקאוו, רב ואב״ד בברוקלין.

הרב ריזיקאוו חבר הרבה ספרים בהלכה, בפלפול ובדברי אגדה שנונים, והגאון המובהק ר׳ אברהם יצחק הכהן קוק ראש הרבנים בארץ ישראל, והגאונים הגדולים המפורסמים ר׳ אברהם דובער הכהן שאפירא הגאב״ד דקאוונא ור׳ צבי הירש מהיפית הגאב״ד דווילקאווישקי, ור׳ משה מרדכי עפשטיין שליטא אב״ד וריש מתיבתא דסלאבאדקע וכעת בירושלים, ור׳ מאיר שאפירא אב״ד ור״מ דפיעטרקוב, ור׳ מאיר דן פלאצקי זצ״ל הגאונים והצדיקים האלה מפליגים בשבחו של המחבר הגאון שליט״א ובשבח ספרו, ספר גדול בכמות ואיכות, מלא וגדוש בחדושי תורה עמוקים ובפלפולא דאורייתא, ובדברי טעם ודעת קדושים. ויש בו גם כן הספד על הפרעות שהיו בירושלים ובחברון ובצפת בחודש אב שנת תרפ״ט, ודברי אגדה חשובים לדרשנים ומאמרים קצרים על ענינים גדולים וחשובים, וכל המכנים ספר זה אל תוך ביתו, ברכה הוא מכנים בביתו ומקרב בזה ת״ח גדול ויקיים בזה מה שכתוב „תן לחכם ויחכם עוד“, וד״ל.

בן דוב.

אין קומענדען נומער וועט געדרוקט ווערען א גרויסע וויכטיגע ערצעהלונג פון דעם בארימטען שריפטשטעלער אברהם שוער אונטער דעם טיטול „אין א פרעמדער וועלט“. עס וועלען אויך איינגעפירט ווערען נייע אינטערעסאנטע פיטשורס פאסינע פאר אונזער זשורנאל

רעדאקציע.

# אין אונזער איינגע ווינקעל

(פארזעצונג פון זייט 10)

ראדיא זינגער שאול קירשענבוים האט אמוזירט דעם עולם מיט שירה וזמרה און איז אקאמפאנירט געווארען ביי זיין כלה מיס בוירטע קאפמאן. מען האט פארבראכט ביז שפעט ביינאכט און מיט די געזאנג פון התקוה האט זיך געשלאסען די גרויסארטיגע פייערונג.

* * *

זעהר א שעהנע און איידרוקספולע בר מצוה איז געפראוועט געווארען, שבת פ' נח ביי מר. און מרס. טשארלס הערבערט, וועלכער איז דער איבערגעגעבענער ביזנעס אגענט פון דער שוחטים יוניאן, ביי זייער געראטענעם זוהן שלמה אליהו הערבערט. אין דער גרויסער „בני ישראל" שוהל אויף בערפארד עווניו, וואו א גרויסע צאהל שוחטים זיינען געקומען אין שוהל צו דער בר מצוה. דער בר מצוה בחור האט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין לייענען אין דער תורה און אין דער הפטורה, ווי אויך מיט זיין ברילאנטענער דרשה. נאכ'ן דאווענען זיינען אלע געסט ארונטער אונטען אין שוהל און זיך משמח געווען ביי רייך געדעקטע טישען מכל טוב. מר. הערבערט האט מנדב געווען 100 דאלאר פאר דער שוהל, און עופות פאר דער ישיבה „מתיבתא" און אויך הינער און אייער פאר די „אסאשיאייטעד היברו דעי נוירסערי" פון 273 איסט 17-טע סטריט, ניו יארק.

די גאנצע שוחטים יוניאן ווינשען די עלטערען זיי זאלען האבען פיעל נחת פון זייער זוהן.

* * *

רעוו. יוסף ראזענמאן דער סעקרעטאר פון די שוחטים יוניאן איז ערוועהלט געווארען אלס דירעקטאר פון דער גרויסע בראנזווילער תלמוד תורה „תפארת הגר"א", 425 האווארד עווניו, ברוקלין.


## יעדער איד

וואס איז רעליגיעז געזאנען דארף ווערען א סובסקרייבער פון אונזער זשורנאל.

„די שוחטים שטימע", וועט זיין געווידמעט נישט נאר בלויז צו די אינטערעסען פון די שוחטים אליין, נאר וועט אויך באהאנדלען פראגען וואס האבען א שייכות צו דעם אידישען ארטאדאקסישען לעבען אין אלגעמיין.

„די שוחטים שטימע" וועט זיך באמיהען צו באקענען אייך אויף וויפיעל עס וועט נאר מעגליך זיין מיט אלע פראבלעמען פון אונזער אידישען טראדיציאנעלען לעבען דא אין לאנד.

לענט נישט אפ אויף שפעטער, שיקט גלייך אריין אייער סובסקריפשאן, (3 דאלאר פאר א גאנץ יאהר), כדי אונזער צייטונג זאל צו אייך גרייכען רעגעלמעסיג.

מיט דרך ארץ,

די פארוואלטונג.

---

ווענדעט זיך צו אונז לויט פאלגענדען אדרעס:

**SCHOCHTIM SHTIMME**

**229 East Broadway,**

**New York, N. Y.**

Telephone: ORchard 4—1938—4602



## סופרים ומחברים

המפוזרים בכל רחבי ארצות הברית דאמריקה וקנדה, שהדפיסו את ספריהם בבית הדפוס הידוע

## אריאָם פרעס

יעידו שאין כמוהו לדייקנות, ליישרנות ולמלאכה יפה ונקיה

הסדרנים שלנו הנם בקיאים במלאכתם והמגיה שלנו הנהו חרוץ, מהיר, בעל־תורה ובקי בספרותנו העתיקה והחדשה בכל המקצועות.

מדפיסים אנו גם באותיות רש"י יפות ובהירות

פנו אלינו על פי הכתובת:

**ORIOM PRESS, Inc.**

**42 West 18th Street New York, N. Y.**

Telephone: CHelsea 3—8164

# „נחלת השבים"

איז אן ארגאניזאציע פון שוחטים, וועלכע ווילען זיך פערזארגען מיט א זיכערען איינקונפט אויף די עלטערע יאהרען און ניט צו זיין אבהענגיג אין גאנצען אויף שחיטה.

**מיט א קליינע וועכענטליכע איינצאלונג קאנט איהר זיך פארזארגען מיט א זיכערע איינקונפט פון $25 א וואך פאר דעם גאנצען לעבען**

ווערט א מיטגליד אין די נ ח ל ת  ה ש ב י ם, וועלכע געהען פלאנצען א פ ר ד ס אין א"י פאר איהרע חברים, וואס דאס איז היינט צו טאג דער זיכערסטער און בעסטער אינוועסטמענט אויף דער גאנצער וועלט.

פאר איינצעלהייטען ווענדען זיך צו:

**REV. JACOB BLOOM**
President, Schochtim Union
229 East Broadway, New York

**רעוו. יעקב בלום**
פרעזידענט שוחטים יוניאן,
229 איסט בראדוויי, ניו יארק

ORIOM PRESS, Inc., 42 W. 18th St., New York, N. Y. Telephone: CHelsea 3-8164

RABBI S. L. HURWITZ, *Editor.*

הרב שמריהו ליב הורוויץ, רעדאקטאר.

# די שוחטים שטימע
# SCHOCHTIM SHTIMME

מאנאטליכער זשורנאל, ארויסגעגעבען ביי די אגודת שוחטי עופות דניו יארק רבתי

**Monthly Magazine, published by the Poultry Schochtim Union of Greater New York**

**Affiliated with the American Federation of Labor, Local 440**

**229 East Broadway, New York, N. Y.** **Telephone: Orchard 4—1938 — 9605**

**Vol. I. No. 2.** **APRIL 1932.** ב"ה ניו יארק, ניסן, תרצ"ב ערשטער יאהרגאנג, נומער 2

## אינהאלט:

עדיטאריעלם:

פסח — — — — — — — — — — — — הרב שמריהו ליב הו[illegible]

אין א פרעמדער וועלט — — — — — — — — — — אברהם ש[illegible]

חד וחלק (פעליעטאן) — — — — — — — — — — — — לץ מן [illegible]

א באזוך אין דער שוחטים יוניאן — — — — — — — — מ. שעפטעל[illegible]

מה נשתנה — — — — — — — — — — — — רעוו. יעקב בל[illegible]

## השומר

זמן חרותנו — — — — — — — — — — — — הרב ר' אברהם יצחק הכהן קוס

הג"מ ר' יוסף זאנענפעלד ז"ל — — — — — — — — — — הרב ר' אליהו לאנדא

הג"מ ר' יחזקאל ליפשיץ ז"ל — — — — — — — — — — — ש. ל. ה.

הלכות שחיטה ובדיקה — — — — — — — — — — — — על פי פרד"ב

אות ברית — — — — — — — — — — — — — דר. שמואל כהן

מכתבי ברכה ועדוד

ספרים חדשים — — — — — — — — — — — — — בן דוב

סובסקריבשאן 3 דאלאר א יאהר.

**Subscription Price, $3.00 a year.**

Entered as second-class matter, April 7th, 1932, under the Act of March 3, 1897.

# אגודת שוחטי עופות דנויארק רבתי באשליסט צו העלפען די ישיבות און צדקה אנשטאלטען

די אגודת שוחטי עופות דנויארק רבתי האט אפגע־האלטען דעם מאנאטליכען מיטינג דעם לעצטען מאנטאג אין גרייט סענטראל פאלאס, 96 קלינטאן סט. נויארק.

דער פרעזידענט פון דער אגודה, רעוו. י ע ק ב ב ל ו ם ערעפענט דעם מיטינג און שטעלט פאר די צוויי ארץ ישראל געסט א י ת מ ר ב ן א ב י און מ. בונים, וועלכע האבען באגייסטער די 300 שוחטים מיט־גליעדער פון די שוחטים יוניאן מיט וואונדערבארע שעהנע העברעאישע רעדעס מיט די הברה הספרדית, וועגען די וויכטיגקייט פון אויפלעבען צוריק אונזער הייליגע לאנד. די צוויי חשוב'ע געסט האבען נאכהער פארלאזען דעם מיטינג מיט א הארציגער ברכה און מיט דעם געזאנג נעלה לארצנו ברינה.

דער פרעזידענט ר' י ע ק ב ב ל ו ם ערקלעהרט דאס דערהויפט צוועק פון היינטיגען מיטינג איז וועגען אונזער זשורנאל „די שוחטים שטימע", וועלכע האט גע־מאכט זעהר א גוטען איינדרוק אויף די רבנים און שוחטים פון דער וועלט. „די שוחטים שטימע" ווערט געשיקט צי אלע רבנים און צו אלע שוחטים פון אמעריקא, קאנאדא, ארץ ישראל און אנדערע לענדער. עס קומט אן אין אפיס פון דער רעדאקציע גאנצע פעק מיט בריעף פון רבנים, שוחטים און באוואוסטע כלל טוער. מען לויבט „די שוחטים שטימע" און מען פאדערט שיקען צו מעהרערע שוחטים און בעלי בתים פארשטעהער פון שוהלען, דער־פאר ליגט א הייליגער חוב אויף יעדען ברודער שוחט צי־שאפען נייע סובסקרייבער פאר אונזער צייטונג, אום מיר זאלען האבען די מעגליכקייט צו ארויסגעבען די „שוחטים שטימע" אלס וועכענטליכע צייטונג.

דער פרעזידענט נעמט דאן אויף די פראגע פון די ישיבות וועלכע געפינען זיך יעצט אין א שרעקליכע פי־נאנציעלע לאגע, און די ישיבות ווענדען זיך צו די שוחטים יוניאן נאך שטיצע און אזוי ווי אין טרעזשורי איז קיין געלט ניטא, וואס זאל מען טאן? עס ענטוויקעלט זיך אן אינטערעסאנטע דעבאטע אין וועלכע די ברודער שוחטים נעמען אן אנטהייל און א פארשלאג איז געמאכט געווארען ביי רבי וויים אונטערשטיצט ביי ברודער רעוו. דוד מענ־דער צו נעמען פון דעם פאנד פאר די אונבאשעפטיגטע שוחטים $500 און דאמיט העלפען די ישיבות און צדקה אנשטאלטען. דער פארשלאג איז איינשטימיג אנגענומען געווארען. דער וויים פרעזידענט ברודער מעלצער ער־קלעהרט דעם מיטינג געזעצליך געשלאסען.

י. באשקאוויץ, רעק. סעקרעטאר.

## וויכטיגע הייליגע תקנות וועגען כשרות אנגענומען ביי די אגודת שוחטי עופות דנויארק רבתי

בא דעם לעצטען מיטינג פון דער אגודת שוחטי עופות זיינען אנגענומען געווארען פאלגענדע צוויי זעהר וויכ־טיגע רעזאלוציעס:

1) ווען דער שוחט איז זיכער אז די עוף וועלכע איז געקוילעט געווארען דורך איהם איז טריף, און אום זי זאל ניט פערקויפט ווע־רען אלס כשר'ע און ניט מכשיל זיין אידען אין טרפות ח"ו, האבען די אגודת שוחטי עופות באשלאסען צו צוברעכען די פאלקע פון די עוף מארכובה ולמעלה, און ווען א פרוי וועט קומען צו א רב מיט א שאלה אויף אזא עוף און דער רב וועט זעהן אט דיזען סימן דארף ער וויסען, אז דאס איז א סימן מובהק געמאכט פון דעם שוחט אז די עוף איז א טרפה.

2) יעדער שוחט איז מחויב אנזאגען דעם מארקעט מאן ערב פסח בעפאר ער געהט אהיים, אז מען זאל פסח ניט קארמענען די עופות מיט חמץ, און ווען ער וועט קומען חול המועד פסח שעכטען און וועט געפינען חמץ אין די האלדז פון עוף, וועט ער פאזיטיוו ניט ארויסנעמען דעם חלף צום שעכטען.

אלע יאהרען פלעגען די שוחטים געפינען פיעל חמץ פסח אין די מארקעטס, די חלפים פלעגען פסח אנגעפילט ווערען מיט חמץ פון די העלדזער פון די געשאכטענע עופות, רבנים פלעגען פאר פסח ארויסגעבען א שטרענגע אזהרה וועגען דעם, אבער עס פלעגט גאר ניט העלפען, פאר איאהרען אבער האט די שוחטים יוניאן מיט דעם שטארקען כח פון א יוניאן דורכגעפיהרט אט די תקנה, שטרענג און ריכטיג, און היינטיגען יאהר האט די שוחטים יוניאן ווידער באשלאסען דאס יעדער ברודער שוחט פון גרייטער ניו יארק זאל אזוי ווי לעצטען יאהר חול המועד פסח ניט ארויסנעהמען דעם חלף צו שעכטען אויב די עופות וועלען געשפייזט ווערען מיט חמץ. די שוחטים זאלען דאס באקאנט מאכען ערב פסח צו די מארקעט לייטע, און דאס זאל דורכגעפיהרט ווערען אזוי שטרענג ווי מעגליך לטובת הכשרות.

24



האבען זיך צוריק געפענט נ י ט מיט דער הילף פון די אידען פון נויארק, נאר מיט די שוואכע פלייצעס פון די הונגעריגע מלמדים. און ווען די תלמוד תורה'ס פון גרויס נויארק וועלען זיך מ ו ז ע ן צושליסען און 60 טויזענד אידישע קינדער וועלען ווערען ג א ס ע ן ק י נ ד ע ר, הפקר קינדער, און דער נייער אידישער דור פון אמעריקא איז אין געפאהר פון גייסטיגען שמד און אסימילאציע, און די גרעסטע אידישע קהלה פון דער גאנצער וועלט איז גלייכגילטיג, זעהען דעם גייסטיגען טויט פאר די אויגען, קוקען דעם טויט פון אידישקייט גלייך אין פנים אריין און ווערען ניט פארציטערט, דאן מוזען מיר אויסשרייען מיט דעם גרעסטען און טיפסטען וועהטאג פון אונזערע נשמות ניט עבדים היינו, נאר עבדים הננו, מיר זיינען פארשקלאפטע אידען, ניט קיין פרייע זעלבסט שטענדיגע אידען. דער טויט פון אונזער פאלק, פון אונזערע היילינגטימער שוועבט פאר אונזערע אויגען, און מיר שווייגען, מיר שלאפען. אט דאס איז געווארען פון די אייניקלעך פון רבי עקיבה, פון רבי חנינא בן תרדיון, פון די קדושים און הייליגע צדיקים. אה, גאט, ווי שרעקליך דאס איז!!...

פסח ביי נאכט צום סדר נעמען מיר א כוס וויין אין האנד און מיר זאגען, דאס אין יעדען דור וויל מען אונז אומברייגנען פון דער וועלט, די גאנצע וועלט איז געגען אונז, נור — והיא שעמדה לאבותינו ולנו. דער כוס וויין, וואס מיר טרינקען ניט קיין וויין מיט אנדערע פעלקער, וואס זייער וויין איז ביי אונז טריף, יין נסך, אט דאס וואס מיר זיינען אפגעזונדערט פון די פעלקער! אט דאס וואס מיר אסימילירען זיך ניט מיט זיי, אט דאס איז אונז ביינעשטאנען אז שלא אחד בלבד עמד עלינו לכלותינו אלא שבכל דור ודור עומדים עלינו לכלותינו והקב"ה מצילנו מידם. אז מיר ווערען שרעקליך פארפאלגט שוין צוויי טויזענד יאהר און דאך עקזיסטירען מיר.

ווען אבער דער נייער אידישער דור וועט ניט געניסען קיין גוטע גרינדליכע רעליגיעז־נאציאנאלע אידישע ערציהונג, ווען מיר וועלען ניט ראטעווען אונזערע תלמוד תורה'ס און ישיבות, דאן זיינען מיר אין געפאהר פון אונטערגאנג. און דאס טאר ניט דערלאזען ווערען. זאל דער הייליגער יום טוב פסח באפרייען אונזערע נשמות פון גייסטיגע שקלאפעריי און אסימילאציע. דאן וועלען מיר באפרייען אונזערע קינדער, דעם נייעם אידישען דור אין אמעריקא, פון ניט אידישען איינפלוס, מיר וועלען העלפען אונזערע תלמוד תורה'ס און ישיבות אוועקשטעלען זיי אויף א געזונטען זיכערען באזיס, און מיר וועלען העלפען בויען אונזער אלטע נייע הייליגע לאנד — ארץ ישראל, השתא עבדי, היינט זיינען מיר פארשקלאפט, ווייל השתא הכא, ווייל מיר זיינען דא, אין גלות, אבער לשנה הבאה בני חורין, קומענדען יאהר וועלען מיר זיין פריי, ווייל — לשנה הבאה בארץ ישראל.

שמריהו ליב הורוויץ

---

# אין א פרעמדער וועלט

(א בילד פון ווירקליכען לעבען אין אמעריקא) פון אברהם שוער

מר. פעלדמאן פיהלט זיך ניט מיט אלעמען.

„פיהלען זיך" — איז ניט גוט.

אן ארבייטער טאר זיך נישט פיהלען, דארף זיך נישט פיהלען, פיהלט ער יא, — איז עס שוין גאר ניט קיין גוטער סימן...

פיהלט ער תמיד א קעלט אין די ביינער, גיט איהם אפט א שוידער, לויפט דורך ווי א פרעסטעל איבער'ן לייב און כאפט איהם ארום — און באותה שעה שלאגט איהם אויס א שווייס ארום די לענדען, נעהנטער צום גארטעל צו, שוויצט און פיהלט קאלט...

און אלע ווייטע שטיקט איהם אזא מין הוסט מיט א שטעכעניש אין א זייט, — ס'איז א בזיון אין שאפ צו הוסטען.

אין דרויסען איז זומער. מענשען, וועלכע האבען צייט און מזומן אביסעל, פאהרען צום ים, אין קאונטרי — און איהם איז קאלט...

— ווייזט אויס, — טראכט ביי זיך מר. פעלדמאן אינ'ם הארצען, — אז מען דארף נעהמען דאס פעקעלע... אלט...

אויפ'ן בלאק זיינעם רופט מען איהם שוין: דער אלטער פעלדמאן, די קינדער, די ווייב — יענע רופען איהם שוין לאנג: דהי אלד מען.

„זיינע" קינדער האבען איהם שוין פאר יאהרען און יאהרען פארלאזען, אפגעפרעמדט זיך פון איהם און צו־גאנגען זיך, די „איהרע" קינדער — האבען זיך אפילו נישט געדארפט „אפפרעמדען", — זיי זיינען איהם פון אלע מאל געווען פרעמדע, — קינדער פון א פרעמדער ווייב.

די צווייטע ווייב איז א פרעמדע ווייב.

פרעמד איז ער צו אלעמען, פרעמד זיינען אלע צו איהם, פרעמד איז צו איהם דאס לאנד, פרעמד איז ער צו זיך אליין.

פינף און צוואנציג יאהר איז ער אינ'ם לאנד און קאן

זיך נישט צופאסן צום לעבען, צו מענשען, צום קלימאט, צו אלעם און צו אלעמען!

האט ער קיין גליק נישט געהאט? אפשר קיין שכל נישט געהאט? איז ער גערעכט? איז ער אומגערעכט? ווי עס זאל נישט זיין, געבליבען איז ער פרעמד אין דער פרעמד!

מיט פינף און צוואנציג יאהר צוריק איז ער געקומען אהער פון זיין לומדיש און השכלה'שער ליטווישׁ שטעדטעל, — ער, מיכל פעלדמאן, אין זיינע פילע קרעפטען פון א דרייסיג יאהריגען באזעצטען מאן — און פאר'ן משך יאהרען זינט ער איז געקומען אהער קאן ער זיך נישט פארגעסען וואס ער איז געווען און וואס ער איז געווארען.

מיכל פעלדמאן...

דער שעהנער מיוחס'דיגער למדן און משכיל און — תקיפער, כמעט, דער נגיד פונ'ם שטעדטעל.

ווער האט נישט געקענט, נישט גערעכענט זיך מיט מיכל פעלדמאן? און ביי וועמען האט מען געקענט א גוטען העברעאישען בוך לייען אויב נישט ביי איהם? און ווער פלעגט אויסשרייבען דעם „השלוח" פאר א גאנצען יאהר אין פאראוים? און ווער פלעגט אליין אהן שותפים אויסשרייבען דעם "המליץ", די „הצפירה"? און ווער האט גענומען אויסשרייבען דעם „הצופה"?...

איז ער געווען דער „מורשה" פון שטעדטעל. איז ער געווען דער ערשטער פון די „חובבים", האט שאול פינחס ראבינאוויץ צו איהם געשריבען בריף וועגען הערצלען, און ווער האט געוואוסט פון אחד העם און פארשטאנען איהם, אויב ניט ער?

איז אין זיין הויז איינגעשטאנען דער קאמעניצער מגיד, איז צו איהם אריינגעפאהרען דער באריהמטער מטיף לאומי — ניסענבוים? זיין הויז איז געווען א בית ועד למשכילים. אין זיין הויז האט זיך געגרינדעט די חברה: דורשי שפת עבר, און נאר ער האט פאר'ן עולם בין מנחה ומעריב געזאגט „פסוק" מיט'ן „ביאור", און אז מען האט געמאכט דעם „חדר מתוקן" אין זייער שטעדטעל, איז ער געווען דער ערשטער „דירעקטאר" פונ'ם חדר מתוקן...

און אט האט זיך די „רעדעלע" א דרעה געטאן, — מענשען פון נאר דער וועלט האבען גענומען פאהרען אין דער גאלדענער מדינה — מיט'ן שטראם איז ער אויך געקומען אהער מיט זיין רחל'ען און מיט זייערע צוויי עופה'לעך.

גענומען זיך צו „כל המלאכות", — פארדינען ברויט פאר ווייב און קינד, און אלץ און אלע איז גוט געווען און רעכט געווען, נאר ברויט פארדינען.

אט איז ער מגולגל געווארען אין א שניידער, אין א פרעסער, אין א באטענהאל מאכער, אין א... וואסערע מלאכות האט ער ניט געטאן? וואסערע עבודת־פרך איז ער נישט אויסגעשטאנען?

געשטארבען איז איהם רחל פון פיין און פון צער, — געבליבען צוויי קליינע קינדער אויפ'ן האנט, — אונטער־גערוקט זיך „זי", מענשען האבען זיך אריינגעמישט, גע־ווארען א שידוך, געשטעלט א חופה — נייע קינדער זיינען געקומען...

אונטערגעוואקסען זיינען רחל'ס קינדער פרעמדע אין הויז, אהן אן אויג פון א מוטער, אהן אן אויג פון א פאר־

---

# חד וחלק

## וועגען פסח'דיגע הכשרים (פעליעטאן) פון לץ בן לץ

אמר לץ בן בנו של לץ, די פסח'דיגע הכשרים אין אמעריקע וואקסען ווי אויף הייוועו, יעדען פסח קומען צו נייע פרישע הכשרים, היינטיגען פסח וועט מען געבען א הכשר אויף — כרעפס אויף וואס? אויף ברוים, יע, לאכט ניט, איך בעט אייך, אויף ברוים, עס וועט זיך געווים געפינען עפעס א „פייק" רב, וואס וועט ארויסגעבען הכשרים אויף פרישע חמצ'דיגע ברוים, עס וועט זיין אנגעקלעפט אויף די ברוים א געדרוקטער הכשר און דארט וועט זיין געדרוקט שווארץ אויף ווייס כהאי לישנא „פרישע ברוים כשר לפסח" בהכשר הרב הגאון בלאף בן בלאף, דער גרעסטער דובר שקרים וואס אידען אין אמעריקע פארמאגען. האט ארויסגעגעבען א הכשר אויף חמצ'דיגע ברוים, וואס דורך דעם הכשר וועלען אלע אידען פון אמעריקא קענען עסען פרישע קארענע ברוים כשר לפסח כשר למהדרין מן המהדרין. „יאכלו ענוים וישבעו".

לאכט ניט, איך פארזיכער אייך אז אלץ קען פאסירען אין אמעריקא, אויב נאר דער „פארווערטס" וועט מסכים זיין דער־צו, זועט דאס זיין „אלרייט". טאמער גלויבט איהר ניט, גיט נאר א טראכט וואס איז געווארען פון דעם ועד הכשרות אין אלבאני. די „אגודת הרבנים", דער „ועד הרבנים", דער „דגל הרבנים" האבען געזאגט אז מען מוז אפשאפען הפקרות, עס מוז ווערען א שטאדטישער ריכטיגער ועד הכשרות? רבנים האבען געגעבען א הכשר אויף דעם ועד הכשרות, דער הייליגער „פאר־ווערטס" האט ניט אנערקענט דעם הכשר פון דעם ראבינאט אין אמעריקע, האט אלבאני געפאלגט דעם „פארווערטס" און די אלטע חטאתים וועלכע עס לוינט זיי ניט אז עס זאל זיין א קאנבראל ביי אידען פאר אידען, און דער ביל פון ועד הכשרות איז טוידט. פרעג איך אייך, רבותי, איז דא א דעת הקהל אין אמעריקא? ניין, טויזענד מאל ניין, עס איז דא א קהל אהן דעת, נים קיין דעת הקהל.

א שאד כ'לעבען, וואס שוחטים האבען ניט צו טאן מיט הכשרים, ווען ניט וואלט מען אדווערטייזט אין די ציימונגען

טער, — אויסגעוואקסען שטיל, פאנאנדער געגאנגען זיך שטיל — און ניטא זיי!

וואקסען זיך אומבאמערקט „איהרע“ קינדער, ווערען גרויסע, — סען ער זיי אפילו ניט, טוען וואס זיי ווילען — און אזוי לעבט ער פרעמד אין דער פרעמד אין זיין אייגען פרעמדען הויז.

צו פיערציג יאהר איז ער שוין גרוי געווארען, ווייס ווי טויב, אלע רופען איהם: אלטער, ער ווייסט נישט אפילו ווי און וואס ער איז.

איינמאהל זיך אינ'ם שפיגעל דערזעהן — א שרעק איז איהם באפעלען: אן אלטער מאן קוקט אויף איהם, — זיך אליין האט ער ניט דערקענט!

און אט די שאפ־מענשען, זיינע מיטארבייטער גיבען זיך א זאג צו איהם אין האלבען שפאס און העלבען ערנסט: צייט, מר. פעלדמאן, אפצורוהען זיך, אנדערע גיבען איהם „עצות טובות“.

מעהר פאר אלעמען אבער „עצה'ט“ איהם דער פארמאן ביי יעדעם מאהל פון דער פיידע אויסטהיילען, זאגט איהם, אז פאר איהם איז בעסער אן אנדער דזשאב צו קריגען, א מעהר צוגעפאסטען פאר זיינע כחות.

און איינמאל אין א שווערען זומער שטיקענדען הייסען טאג, ווען דער הוסט זיינער האט ניט נאר איהם אליין נאר אויך נערווירט אלע ארבייטער אין שאפ איז צוגעגאנגען צו איהם דער פארמאן און עטליכע מינוט געשטאנען שטילשווייגענדיג און באטראכט איהם און מיט א רחמנות פריינדליכקייט ווייך צו איהם געזאגט: נישט פאר אייערע כחות דער שאפ, נישט פאר אייך איז דער שער און אייזען ארבייט, ליבער מיסטער פעלדמאן.

פאהרענדיג אהיים אין דער פון מענשען פולער סאבווי, הייגענדיג אויפ'ן סטראפ, שטיקענדיג זיך פונ'ם הוסט האט זיך די עצה פונ'ם פארמאן שטארק גענומען באמבלען אין קאפ: צי איז עס טאקע ניט נענוג? און ביז ווענען איז עס א שיעור צו ארבייטען אין א שאפ? און צי איז שוין אויך נישט צייט ווען אין א שוהל אריינגעהן? היטען אמאל א שבת? א קוק טאן אמאל אין א אידישען ספר?

און אט — גענומען זיך צו פעדלען מיט מלמדות...

ניו יארק איז א שטאט פון פעדלער. מיט וואס פעדלט נישט ניו יארק? בעיקר די אידישע ניו יארק? מען פעדלט מיט עפעל און קארטאפעל, מיט להבדיל תפלין און מזוזות, מיט ווילדע קרייטעכצער און שאר ירקות פון אלערליי געמויזעכצען, מיט תורה, מיט חכמה, מיט נסין און קדושין, מיט הכשרים און פרומקייט און מיט—מלמדות...

אויף איין בלאק טאקע גופא האט ער נעפינען קינדער פאר זיין „פעדלעריי“, קיין יקרן איז ער ניט; מאכט עס אויך שנעל און הארי־אפעדיג; פופצעהן מינוט לערענט ער מיט אייבי'ן עברי, צעהן מינוט לערענט ער ווילע'ן ניט נאר עברי, נאר אויך לייענען דעם פארווערטס, מילטאן לערענט גאנצע דרייסיג מינוט, ער ווערט אין צוויי יאהר ארום ברמצות...

און אהן „זייטיגע סחורה“ קומט ער נישט אויס. האט ער אויף זיין „וואגען“ נאך פעדעל ארטיקלען: זאגט ער קדיש נאך איינעם א נפטר, וועמעס קינדער האבען נישט קיין צייט, אמאהל באשטעלט מען איהם זאגען א קאפיטעל תהלים פאר א קראנקען, וועלכען מען דארף מאכען אן אפעריישאן, מאכט זיך אמאל פאר א מקשה לילד צו זאגען, און — איז ער אויך א בעל תוקע אמאהל, טרעפט אז ער דאווענט א שחרית'ל אינ'ם בייסמענט פונ'ם שוהל, צי ער „פראוועט“ מוספים אין א טאנץ־זאל ימים נוראים...

און אין שטוב ביי זיך זעהט ער זיך נישט אן. די קינדער רופען איהם ניט „טאטע“ און ניט „דעדי“, ווייל זיי ריידען מיט איהם קיינמאהל נישט און ער מיידט זיי

---

אז עס איז דא צו פארקויפען חלפים נייע, גוטע, שטארקע און ביליגע, וועלכע קענען קיין מאל ניט זיין חד וחלק.

אין א הפקר לעבען, א אידישער לעבען וועלכער איז ניט ארגאניזירט, קען ניט זיין ח ד ו ח ל ק, עס קען זיין חלק, גלאט, אבער ניט חד, ניט שארף, דארט וואו עס איז שארף איז ניט גלאט, דארט וואו עס איז גלאט קען מען ניט פארטראגען שארף...

ווען אבער אלע שוחטים פון אמעריקא און קענעדע וואלטען פארשטאנען ווי נויטיג עס איז פאר זיי צו זיין ארגאניזירט צוזאמען, דאן וואלטען אונזערע בהמות געפיהלט דעם טעם פון חד וחלק, אונזערע אקסען מיט זייערע הערנער וואלטען דאן פארזוכט דעם טעם פון אן אמת'ע כשרה שחיטה, און אלץ וואלט געווען חד וחלק!...

און ווען דער רעדאקטאר פון „די שוחטים שטימע“ האט מורא אז מען וועט מיך ניט גוט פארשטעהן, און מען וועט אריינלעגען שלעכטע רעיונות אין מיינע פעליטאניסטישע דבורים, וואס דאס קען שאדען די שוחטים, וויל איך איהם בארוהיגען און זאגען צו איהם, פאני רעדאקטאר, איך מיין דערמיט צו זאגען אז שחיטה מיינט קוילען דעם יצר הרע פון פאלשע הכשרים, פון פאלשע כשרות, פון פאלשען יודענטהום, ניט קיין שולחן ערוך יודענטהום, פון פאלשע פרומקייט, פון בהמות און אקסען וואס ווילען ניט קיין ריכטיגען יודענטהום, וואס ווילען חלק און ניט חד, אדער חד און ניט חלק, פארשטאנען פאני רעדאקטאר?!..

און אז איך רעד שוין וועגען פסח'דיגע הכשרים וויל איך אלט לך בן לך דערלאנגען א שטאך מיט א פסח'דיגע נאדעל, עס זאל גוט וועה טהאן, די אלע וואס גיבען אונז עסען כשר א גאנץ יאהר און איבערהויפט יעצט פאר פסח, וועלכע זארגען כלומרשט פאר א כ ש ר'ע ן מ א ג ע ן און זיי ארט ניט אז 60 טויזענד אידישע קינדער אין ניו יארק זאלען ניט האבען קיין ברעקעל אידישע ערציהונג און זאלען זיך אויפהאדעווען מיט כשר'ע וואורשט און טרפה נשמות!...

די אלע וועלכע פארזארגען אונז מיט כשר'ע שפייז פאר'ן גוף, האבען געדארפט און געקענט לייגען א ר ע ל י ג י ע ז נ א צ י א נ א ל ע ן ט ע ק ס אויף אלעס וואס איז כשר און די געלד זאל געהן אויף ישיבות און תלמוד תורה'ס, דאס

אויך אוים, הינטער די אוינען איז ער: רהי אַלד־מען און „זי", — זיקעהרט נישט פאַר איהם און האָט קיינמאָל נישט נעקעהרט.

און וואָס אַרט איהם? ער איז דאָך אַ פרעמדער אין אַ פרעמדע וועלט, אַ דורכגעהער איז ער...

ער געהט דורך... וואָס? און אַ וואו אהין?... ער געהט אָהן אַ ציעל, אָהן אַ ברעג, אָהן אַ תכלית.

ער איז אַ דוב שכול!

אַ דוב שכול בשדה... געהאַט האָט ער אַ בער מאָל אַ בערלאָגע אין וואלד, קינדער בערעלאַך געהאַט. יענער האָבען איהם פונ'ם בערלאָגע ארויסגעהויבען, נישט געלאָזט הויערען אויף זיינע קינדער, צוגענומען... דערשאָסען די קינדער... לויפט ער ארום אַ פאַרפּראָרענער אינ'ם פעלד, בייז, פרעמד, פאַרפאָלגט.

ער איז אַ דוב שכול אינ'ם גרויסען פעלד, אינ'ם וויסטען, אין ניו יאָרק!..

און ווען ער פיהלט זיך נים מיט אלעמען ווערט דאָס שכול'קייט, דער ווילדער געפיהל פונ'ם פאַרוואָרפענעם בער שרעקליכער און שטאַרקער אין זיין הארצען; ער געהט ארום פול מיט מורא און מיט פחד, און וואָס ערגער — מיט אַ טיפען, פיינליכען האַס!

— דו בינסט איבעריג דאָ — זאָגט איהם יעדע אויג,

— דו ביסט איבעריג דאָ, — שרייט צו איהם די גאַנציע וועלט, — דו ביסט איבעריג דאָ, — כמורען זיך אויף איהם די ווענט פון זיין דירה.

און בכלל איז ניו יאָרק אפילו פאַר אנדערע סאָרטען מענשען, ווי ער, — דוכט זיך איהם, — איז אַ שטאָדט פון פרעמדקייט. דאָס אַרט לעבען, די איינפיהרונג אין הויז און אין גאַס האָט קיין קביעות'דיגקייט נישט, קיין שורש, קיין וואָרצעל אינ'ם לעבען. דיין הויז וואו דו וואוינסט איז נישט דיינע, די מעבעל אין הויז איז אויך נישט דיינע, קליידער אפילו, — אלץ אויף אויסצאָהלונג. אלץ קען מען צונעהמען ביי דיר, אפילו דעם „מגלימא דעל כתפאי"...

און דאַרף דיר דיין ווייב אפילו אַ קינד האָבען האָסטו פאַר איהר קיין צימערל נישט אין דיין הויז, — זי געבוירט דיר די קינדער דיינע אינ'ם פרעמדען האָספּיטאָל. ווערסטו קראַנק — ניטאָ קיין היים, קריינקסט אין דער פרעמד, קיין איינענעם „ערש־דוי" האָט דאָך נים אַ מענש אין ניו יאָרק!

און שטאַרבען...

ניטאָ דאָ דיין בעט, קענסט נישט מאסף את רגליך זיין על המטה, אויף דיין בעט, — שטאַרבט מען נישט אין ניו יאָרק; און וואו זיינען די קברות „אבותיך" דיינע? אין ניו־יאָרק זאַמעלט מען זיך נים צו די עלטערען, פרעמד איז אויך דער בית־עלמין דאָ, אינ'ם פרעמדען קבר לייגט מען דעם „דוב שכול" אינ'ם ווילדען פרעמדען וואלד, אויף דעם אזוי גערופענעם פרעמדען נאָמען: סעמעטערי!...

---

ליגט ער שוין פון עטליכע וואָכען ערגעץ אין אַ האָספּיטאָל, — די ווייב האָט זיך שוין פאַסטאַרעט פאַר איהם..

גענומען האָט איהם פיבערען שטאַרק קומענדיג אהיים פון זיין פערלען מיט'ן סידור'ל; עס האָט איהם געכאַפּט אַ שטעכעניש אין די זייטען, אַ האַרטער הוסט און אַ ברען אין קאָפּ, — די ווייב האָט געבראַכט אַן אַמבולאַנס — און אַט... ער ליגט אינ'ם האָספּיטאָל.

געיאָגט האָט זיך דער יעגער, זיין בייז מזל, נאָך איהם, „דעם פאַרוואָרפענעם בער", געיאָגט זיך טעג און נעכט און — געכאַפּט...

ליגט ער אינ'ם „וואָרד" אויף אַ בעט, ליגט בהרחבה, — הוסט זיך הויך און הילכיג, שרייט און איקעט פריי,

---

וואָלט געמיינט אויך כ ש ר ' ע ש פ י י ז פ אַ ר ד י נ ש מ ו ת פ ו ן א ו נ ז ע ר צ ו ק ו פ ט י ג ע ן ד ו ר, כשר פאַר'ן גוף און אויך כשרות פאַר די נשמה.

די „שוחטים שטימע" געהט שאַפען אַן אָרגאַניזאַציע פון שוחטים ובודקים, בודק זיין אַלע אָקסען מיט די גרויסע הערנער, ארויסנעמען פון זיי אַלעס וואָס איז טריף, אַלעס וואָס איז פאַלש, אַלעס וואָס איז נים אידיש נים על פי רוח התורה. און אויפהענגען פאַר דער ליכטיגער זון, די וועלט זאָל זעהן אונזערע בהמות און אָקסען ווי זיי זיינען פאַר די וועלט, און וואָס עס טוט זיך ביי זיי אינווייניג. דאָרט וואו קיינער זעהט נים, מען דאַרף האָבען אַ ריכטיגע בדיקת פנים... נים נאָר בדיקת חוץ. ווייל עס איז דאָ גענוג ארביים אי כלפי חוץ, אי כלפי פנים!...

און עס וואָלט נויטיג געווען איבערהויפט יעצט פאַר פסח צו שאַפען אַ ספּעציעלע קאָמיטע וועלכע זאָל געבען השגחה אויף די משגיחים פון כשרות, וועלכע זאָל דאַרפען געבען אַ ה כ ש ר א ו י ף ד י ה כ ש ר י ם ג ע ב ע ר. אוי איז דאָס נויטיג, נויטיג ווי לעבען, וועט דאָס דער „פאָרווערטס" וועלען?!.. וועלען דאָס געוויסע מאַנופעקטשורערס פון כשרות וועלען? וועלען דאָס געוויסע „בוטשערס" וועלכע האָבען כשר'ע „סיינס" מיט גאַנץ כשר'ע „ווינדאָוס" נאָר נים קיין כשר'ע פלייש, וועלען זיי דאָס וועלען? הא? אַט, רבונו של עולם, וואו נעמט מען אַ כשר'ן חלף פאַר'ן צופוילטען אידישען לעבען? ער זאָל זיין חד און חלק...

דער רעדאַקטאָר פון די „שוחטים שטימע" וויל נים דרוקען דיזען פעליטאָן מיינעם, ער האָט מורא אַז דאָס וועט אויפרייצען די געגנז... בעט איך איהם, האָט רחמנות הערט קיינעם ניט: האָט נים מורא פאַר קיינעם, לאָזט מיך זאָגען דעם אמת! דער אמת שאַדט נים, דער אמת איז געזונט, און ווען די שוחטים זאָלען נים זאָגען דעם אמת, ווער דען זאָל זאָגען?!

און איך האָב אַ גוטען פּראַקטישען פאָרשלאָג פאַר די אידישע פרעסע און פאַר אונזערע קהל'שע טוער (וואו זיינען זיי יעצט?...) אַז מען זאָל זאָפאָרט ערוועהלען אַ שטאָדטישע קאָמיטע פון בעלי בתים, רבנים און מחנכים און אַט די קאָמיטע זאָל ארומגעהן אין אונזערע שוהלען, קהל'שע אינסטיטוציעס און אין יעדער אידישען עפענטליכען פּלאַץ און דאָרטען — ב ו ד ק ח מ ץ ז י י ן. „געווער מיינד", זייער ארביים וועט נים זיין ארויסגעוואָרפען. זאָלען זיי, דרך אגב, אַ שטעק

ווען סע נעהמט איהם דאס שטעכעניש אין זייט, קיינער קוקט נישט קרום, קיינעם איז ער נישט שווער, — קיינעם נעהמט עס ניט צום הארצען, — א פרייע וועלט א פרעמדע...

קאלט, רוהיג, פרעמד.

ווערט איהם דער אטעם קורץ — קומט צו א נוירס אינ׳ם קאלטען פרעמדען ווייס און מיט א געניטע פרעמדע גלייכגילטיגע באציהונג, גיט זי א פארט דא, א קנייטש דארטן, א קלאפ אין רוקען, א פאכע איבער׳ן ברוסט און דער אטעם כאפט זיך ווידער אפ; גיט איהם אמאהל א נעהם שטיל פאר׳ן דופק, גיט א פיל צי א טראפען — און רוהיג, קאלט, שטיל און ערענסט נעהט זי אטענדען אן אנדערען.

האט איהם איינמאל דער דאקטאר א זאג געטהאן: עס וואלט גוט געווען פאר זיין קראנקהייט א פאהר טהאן קיין... פארגעסען שוין דעם נאמען פון יענעם ארט, — קיין נפקא מינה ניט, — מען דארף דערצו האבען געלט.

געלט... יאהרען געהארעוועט, געפראצעוועט און נישט צונויפגעשלאגען א פאר דאלער צו ראטעווען דאס שטיקעל לעבען.

לעבען... און וואס איז לעבען? און ווער דארף עס?

און עס ציהען זיך לאנגע טעג, נודנע וואכען, ציהען זיך פאמעלאך שווער, קומט אמאהל דאס ווייב פון יוצא וועגען, קומען אמאהל די קינדער און ווילען זיך, — זיינען אלע גערן אז די שעה פאר די וויזיטארס איז צום ענדע און דער גלעקעל קלינגט.

ער דארף זיי ניט.

ער וועט אין גיכען שטארבען, ארט עס איהם אויך ניט.

אויב איהם ארט וואס, איז עס דאס שטארבען א פרעמדער. דוכט זיך איהם אז אפילו דער יום המיתה איז אויך נישט זיינער, קיין אייגענער, א מין פרעמדער שטארבען!

ער וועט שטארבען און וואס פאר א שעה עס וועט נישט זיין, — איינער אליין אהן אן אייגענעם ביים בעט זוכען וועט זיין האלב־טויטע האנט אן אייגענע ווארעמע האנט דעם לעצטען דריק צו טהאן און וועט געפינען א פרעמדע קאלטע, גלייכגילטיגע האנט — און אפשר אויך דאס ניט. זיין האלב פארלאשענע אויג וועט קוקען, זוכען אן אייגעם פנים, דעם לעצטען קוק צו טהאן און א פרעמד אויג וועט קוקען אויף איהם מיט א געמאכטען רחמנות — און אפשר דאס אויך ניט.

און מען וועט לאזען וויסען אוואו אהין מ׳דארף און עס וועלען קומען גלייכגילטיגע פרעמדע מענשען און וועלען נעהמען טהאן זייער פליכט מיט יענעם אמעריקאנישען האריי־האפיגען טועכץ: א ביסעל א וואש, א שלעפ ארויף, א שלעפ אראפ, דעם „צניף" אויפ׳ן קאפ, די „כתונת־בד", דעם „אבנט" — שנעל... שנעל... און אט — פרעמדע גויים גראבען דעם פרעמדען קבר אינ׳ם ווילד־פרעמדען ארט, — פאשאטען דעם גולל, — און א פרעמדער איד זאגט מיט זיינע צו איהם פארפרעמדעטע קינדער פרעמדע פאר זיי מארנע ווילדע ווערטער: יתגדל ויתקדש שמיה רבה, — און דידאזיגע ווילדע ווערטער זיינען פאר זיי די ערשטע און די לעצטע פרעמדע ווערטער נאכ׳ן פרעמדען טאטען...

א גאנץ לעבען געארבייט פאר פרעמדע, צווישען פרעמדע, געניים, געפרעסט פרעמדע קליידער, געלערנט מיט פרעמדע קינדער פרעמדע פאר זיי, פרעמדע פאר זיך ווייטע־ווייטע ווערטער, — נישט אמאל פאר זיך א בגד געמאכט, נישט אמאל אן אייגען קינד געלערנט...

---

טהאן דארט וואו מען פארקויפט פסח׳דיגע קייק, כשר לפסח, וועלכער איז על פי רוב חמץ גמור, און אויב זיי וועלען דארט געפינען א הכשר זאלען זיי דרוקען דעם הכשר אין „פארווערטס" צוזאמען מיט די אלע הכשרים וועגן „פסח׳־דיגע קענדי" ובדומה אזעלכע זאכען, און די אלע הכשרים צו־זאמען מיט דעם קהל׳שען חמץ וועט מען מוזען נוצען גוטע חלפים, וועלכע זיינען באמת חד וחלק...

האט קיין פאראיבעל ניט, רבותי, פאר דערלאנגען א שטאך אין אייער נשמה און זאגען דעם ביטערען אמת, אימיצער דארף דאך א מאל אין א יובל זאגען אן אמת ווארט, מיר ווערען דאך דערטרונקען אין א ים פון שקר אדער ווי מען רופט דאס אין אמעריקא „בלאף", ווי לאנג קען דאס אזוי אנגעהן? מען קען דאך משוגע ווערען, מען קען דאך דערשטיקט ווערען אין א וועלט פון שקר און צביעות, דער אמת שאדט ניט, דער אמת איז געזונט, און אויב די שוחטים זאלען ניט זאגען דעם אמת, ווער דען זאל זאגען?!..

דער אמת דארף קיין הכשר ניט האבען, הכשרים זוכט מען אויף דאס וואס איז ניט אמת... וואס מער און וואס גרעסער דער שקר אלץ גרעסערע הכשרים דארף מען האבען!..

רעפארמירטע רבנים זוכען א הכשר אויף תורת משה, אויף דאס אידענטהום, זיי ווילען אז די מאדערנע וויסענשאפט צוזא־מען מיט גאנץ אמעריקא זאלען געבען א הכשר אויף אונזער תורה, מיר אבער דארפען קיין הכשרים ניט אויף אידישקייט, ווייל דער אמת דארף ניט קיין הסכמות און קיין הכשרים.

און ווען איהר, רבותי, האט מורא זאגען דעם אמת, און איהר זוכט א הכשר, קום איך לץ בן לץ, דער לץ פון די „שוחטים שטימע" און זאג אייך דעם אמת, און טוט מיר עפעס!

און דעם ריינעם ביטערען און הייליגען אמת וועט איהר ערשט הערען פון מיר, דאס איז נאר אן אנפאנג און — כל התחלות קשות.

און די אלע אונזערע קהל׳שע קליאמקעס, וועלכע זיינען עוסקים בצרכי צבור ניט באמונה וועלען מיך מוזען הערען, און איך בין זיי אסור מקנא. זייט גרייט פאר׳ן קאנטשיק!

דער אמת, מוזט איהר וויסען זיין, איז א שופט צדק, און ווער וועט זיין צו די וועלכע טרעטען דעם אמת מיט די פיס.

זייט גרייט צום יום הדין!..

שטיל, אוועגט, טונקעל, ברענט אן עלעקטרישער לעמפעל אינ׳ם סופיט פונ׳ם וואך.

די שווערע קראנקע ווארפען זיך אינ׳ם קראנקען שלאף, די לייכטע קראנקע שלאפען שטיל. פונ׳ם עטוואס אפענעם פון אויבען פענסטער גנב׳עט זיך א שטיל פריהלינג זוינטעל און טראגט דעם ריח פון קארשען בליטהען...

אלע שלאפען — ער נאר איינער ליגט וואך.

ליגט וואך און טראכט...

געהן איהם אויף אלטע ווייטע עראינערונגען, ווייטע פארגעסענע טעג, ווי שיטערע האלבע חלומות, אפגעריסענע, אפגעהאקטע אין מיטען אהן אן אנהויב, אנדערע — אהן א סוף.

ווערט ער מיד פון זיי, — ווילט זיך איהם וואס טהאן, עפעס טהאן. עפעס טהאן פאר זיך... פאר זיך אליין טאקע.

ער׳ט נאר מתפלל זיין... פאר זיך בעטען גאט... פאר דער נשמה זיינער, פאר׳ן גוף, פאר זיינעם...

ער׳ט זאגען תהלים פאר זיך, פאר זיך אליין...

שטיל כאפט ער עס ארויס פון אונטער׳ן קישען, „גנב׳עט" דאס תהלים׳ל, — ער האט ער נאך פון דער אלטער היים, — א רעשט פון זיינע ספרים, פון די השלוח׳ס, הצפירה׳ס און הצופה׳ס, א קליין „צידה לדרך"־סידור׳ל.

קליינינקע אותיות׳לאך, — פינטעלאך...

— מז־מור לד־וד... בבר־חו מפני אבישלום בנו...

אויך אין דער פרעמד געווען... אנטלאפען פונ׳ם אייגענעם־פרעמדען זוהן...

ואביך כדוב שכול בשדה... דערמאנט זיך איהם די ווערטער פון חושי הארכי...

פרעמדע מזמורים...

און ער פליסטערט שטיל דעם תהלים. עס טראגען זיך, יאגען זיך, קלאגען זיך ווערטער...

פרעמדע ווערטער... ווייטע ווערטער... לאנג פארגעסענע ווערטער, לאנג פארלארענע, פארלאזענע, אנגעווארענע...

פרעמדע ריהרען איהם נישט דאס הארץ.

פעהלט יענע פרעמדע אמונה, פעהלט יענע אלטע־יונגע תמימות, פעהלט אפילו די פרומע־אפיקורסישע געדאנקען זיינע, די אמאליגע דער דוב־שכול האט שוין לאנג קיין בערלאגט...

ארום און ארום ליגען מענשען פרעמדע, ער ליגט אין א פרעמדע בעט.

איז ער דאך אייגען כאטש צו זיך, — אוואו איז זיין „איך"? און וואו איז „ער"... ער, דער גאט, זיין גאט, זיין אייגענער גאט. אוואו איז ער, דער הייליגער? דער אייגענער?

וואו איז יענער היימישער גוטער גאט, דער נאהענטער צו א יעדען רופער צו איהם?

פאר די גאנצע פינף און צוואנציג יאהר האט ער „איהם" אפילו אין די שוהלען נים געזעהן, און די סאמע הייליגסטע טעג.

און אינ׳ם שטעדטעל... אין אפילו זיינע אפיקורסישע יאהרען איז גאט איהם אזוי נאהענט געווען.

**אפשר...**

אפשר אז מענשען זיינען דיר נאהענט איז דער „קרוב לכל קוראיו" אויך נאהענט דיר, ווערסטו ווייט פון דיינע מיטמענשען, ווערט אויך גאט ווייט פון דיר?...

פאלט אויף איהם א מאדנע אימה, נעהמט איהם ארום א פחד, האט קיינמאל זיך נישט נעפיהלט אזוי עלענט אזוי „דוב־שכול׳דיג" ווי איצט, — גאט איז פון איהם ווייט, ווייל ער איז ווייט פון אלעמען!

און אפען ליגט פאר איהם דאס תהלים, שווארצלען זיך די אותיות׳לאך—פינטעלאך.

ער׳ט נעהמען ווערען נאהענטער צו די מענשען, ער וועט זיך נעהמען דערנעהנטערען צו זיי.

עס ליגט פאר איהם דאס תהלים׳ל; ארום און ארום ארעמע קראנקע מענשען, ליידענדע... נישט פאר זיך, — פאר זיי וועט ער גאט בעטען, פאר זיי וועט ער תהלים זאגען, רחמים רופען...

נים פאר זיך... פאר דידאזיגע אלע פרעמדע, וועלכע ער סען נישט, ווייסט נישט, ווייסען איהם נישט, קענען איהם נישט, — פאר זיי וועט ער זאגען, פאר זיי פרעמדע תפלות אויף א פרעמדע שפראך צו א פרעמדען צו זיי גאט.

און אויפ׳ן קישען עטוואס העכער גיט ער זיך א רוק ארויף און האלט דעם סידור׳ל. הויך צו די אויגען אויסמערקזירענדיג, אז דאס ליכט פונ׳ם עלעקטרישען לעמפעל זאל באלייכטען די קליינע אותיות׳לאך און זאגט...

שטיל סודות׳דיג טראגען זיך פרעמדע מאדנע ווערטער, יאגען זיך למנצח׳ס נאך למנצח׳ס און פלאטערען אין דער לופטען פונ׳ם אינ׳ם טונקעלען פארהילטען וואָרד פונ׳ם האספיטאל, און טראגט זיך דער ניגון אנגעזאפט מיט טרערען פון ווייטע — ווייטע דורות, פרעמדע פאר קראנקע פרעמדע און הויבען זיך און פליהען... און פלוצלונג ער זעהט:

א האל... ער דאווענט פאר׳ן עמוד. ער זאגט הויך מיט׳ן סקארבאווען יום־נוראים׳דיגען ניגון יום־כפור׳דיגע שמונה עשרה און אט — ער האט דערזעהן פאר זיינע אויגען אויפ׳ן וואנט סענען איבער איהם הייננט א פארגעסענער פארטרעטעל אינ׳ם ראם פון א טענצערין, זי ווארפט פארשייט מיט איהרע פיס, עס פאלדעוועט זיך איהר קורצע קליידעל...

ער איז געווען א בעל תפלה, געדאווענט פאר געלט פאר פרעמדע, ווי ער, צו גאט אידען, פרעמדע הייליגע ווערטער אין אן אומריינעם הויז...

דאס תהלים׳ל גליטשט זיך פארשעהמט ארויס פון צווישען זיינע פינגער און פאלט אויפ׳ן בעט אויף דער צעפאלדעוועטער געלער האספיטאל קאלדרע. — — — — — — — — — — — — — — — — — —

---

עס טיילען זיך אוים נאכט־שאטענס איבער די ווייסע ווענט פונ׳ם האספיטאל צימער. ברענט טונקעל דאס עלעקטרישע לעמפעל און שעמערירט אין דער טונקעלקייט; פון די פון אויבען אפענע פענסטער טראגט זיך דאס פליסטערן פון די בוימער, סנאסען שטיל צו די פארהאנגלעך.

— פליהען אריין ווייסע קארשען בליטהען אינ'ם צימער, פליהען ווי ווייסע פויגעלאך און שטיל לאָזען זיך ארונטער אויפ'ן דיל.

שטיל מיט האלב פארכמארעטע אויגען ליגט פעלדמאַן, עס פיבערט איהם... פיהלט יענעם אונאַנגענעהמען שוויים, וועלכער כאַפּט איהם אזוי אָפט ארום צום גארטעל צו, ארום די לענדען. שווערט איהם דער קאָפּ אזוי, — וואָלט ער אזוי וועלען אימיצער זאָל שטעהן לעבען איהם...

פון ווייטענס זיצט די נוירס אויף א שטול און דרעמעלט.

שטיקט איהם דער הוסט... שטיקט און הערט אויף. דוכט זיך איהם: עס ווערט איהם לייכטער, — אפשר וועט ער א דרעמעל טהאָן, מען דארף נישט טראכטען גאָר נישט טראכטען, ליגען...

ער מאכט צו די אויגען און זעהט:

העכער צו צום סופיט וואָס איבער'ן ווייסען טיר גלייך קעגענאיבער איהם וואָלקענט זיך... וואָלקענס אויף וואָלקענס... און אָט ער איז א קליין, קליין איינגעל קוקט אויף די וואָלקענס און טראכט און וואָס ער וויל ווערט ווערען פון די וואָלקענס. — און ער טראכט פונ'ם דוב שכול, דעם פארוואָרפענעם בער...

און אָט. —דער בער נעהט!...

ער זעהט דעם בייזען בער, דעם אויפגעהויבענעם פון זיין בערלאָגע נעהט מיט שווערע טריט אינ'ם לופטען און נעהט צו איהם... צו איהם... ער זעהט זיינע ברענענדע מיט שנאה האָס אויגען... ער איז נאָהענט... נאָהענט... ער שטיקט איהם... ער הויכט אויף איהם מיט זיין אָפענעם גרויסען שרעקליכען מיט די שאַרפע ציינער מויל... און א ברום... א שרעקליך בייזער בדום, — און שטיל...

---

אויסגעצויגען, פארגליווערט ליגט דער מענש אויפ'ן בעט אונטער דער קאָלדרע מיט ווייט־ווייט אָפענע פארשטיינערטע אויגען אינ'ם פרעמדען חלל פונ'ם האָספּיטאָל ברייטען צימער. אלס ארום איהם שלאָפט שטיל, רוהיג, קאלט און טויט פרעמד.

---

# אַ באזוך אין דער שוחטים יוניאָן

(סצענעס און בילדער) פון מ. שעפטעלזאָן

עס איז ארום דריי בייטאָג און איך לאָז זיך געהן צו א פארזאמלונג פון דער שוחטים־יוניאָן.

איך נעה אהין מיט געמישטע געפיהלען. אייגענטליך איז די שוחטים־יוניאָן מיר נים פרעמד איך בין שוין געווען עטלאכע מאָהל אויף איהרע פארזאמלונגען פון דעם אָדער יענעם כאראקטער. אינטערעסאנט איז אָבער דער פאקט, אז יעדען מאָהל האָב איך געפינען ביי זיי עפּעס נייעס. יעדען מאָהל האָב איך זיך אָנגעשטויסען אויף זאכען וואָס האָבען ארויסגערופען ביי מיר א שטיקעל איבעראשונג.

האָב איך, געהענדיג דאָס מאָהל צו דער פארזאמלונג, נעטראכט צו זיך: „און וואָס וועט איצט פאָרקומען ביי די שוחטים? וואָס פאר א נייעס וועל איך דאָרטען זעהן? וואָס קומט איצט פאָר אין דעם איינענארטיגען און פארבינען שוחטים־וועלטעל?

און אָט מיט די מחשבות בין איך געקומען צו דער נעבײדע פון דער „יאָנג איזראעל" אויף איסט בראָדוויי, וואו עס געפינט זיך דער אָפיס פון דער שוחטים־יוניאָן, האָב ארויפגעקלעטערט די עטלאכע שטאָק און דערזעהן זיך אין דעם גרויסען פאָדערצימער. דער פאָדערצימער איז ברייט, רחבות'דיג, און מען קען דאָרטען אָפּהאַלטען א גרויסע פארזאמלונג. דאָס מאָהל האָבען זיך דאָרטען געפינען עטליכע צענדלינג שוחטים, וועלכע זיינען געזעסען און פארבראכט צווישען זיך אין א געמיטליכען שמועס.

איידער איך בין אריינגעגאנגען אין אָפיס פון מנהל רעווערענד ראָזענמאַן בין איך פארבליבען א ווייל אין אָט דעם פאָדערצימער. איך האָב עס געטאָן מיט אַן אבזיכט. איך האָב געוואָלט זיך איינהערען אין די שמועסען וואָס די שוחטים פיהרען צווישען זיך און אויך באטראכטען די טיפּען וואָס האָבען זיך דאָרטען געפינען. איך האָב עס געטון צוליעב דעם ווייל אלס א ערפארענער זשורנאליסט ווייס איך, אז אויב מען וויל אויסגעפינען וועגען די געפיהלען און סענטימענטען פון א געוויסער גרופע מענשען און שאַפען זיך א באגריף פון דעם וואָס זיי דענקען און צו וואָס זיי שטרעבען, זאָל מען זיך איינהערען אין די רייד וואָס די מענשען פיהרען צווישען זיך. נים אומזיסט האָבען אינזערע תלמודיסטען געגעבען די קלוגע עצה וואָס דריקט זיך אוים מיט די ווערטער „געה ארויס און זעה און הער וואָס דאָס פאָלק רעדט". וואָרים די רייד פון פאָלק זיינען דער שפּיגעל פון דער נשמה פון פאָלק, דורך די רייד פון פאָלק קענען מיר געפינען דעם שליסעל צום הארצען פון פאָלק.

בין איך געזעסען און זיך איינגעהערט אין די שמועסען וואָס זיינען אָנגעגאנגען ארום מיר. דער טאָג איז געווען א גרויער און א מאָנער ליכט האָט איינגעהילט דאָס צימער. איך בין געזעסען אין א ווינקעל און מען האָט מיך אזוי גוט ווי נים באמערקט. צו מיינע אויערען האָט דערגרייכט פאָלגענדער שמועס:

„איז וואָס הערט זיך אין אייער מארקעט"? האָט

איין שוחט א פרעג געטון ביים צווייטען.

„וואס זאל זיך הערען?" — האט דער צווייטער געענטפערט מיט א פראגע אויף א פראגע ווי דער אידישער שטייגער איז,—„מען ארבייט, דער בעל הבית פון מארקעט האט זיך אפילו מיט א פאר וואכען צוריק גענומען בריקען, ער האט געוואלט איין שוחט אוועקשיקען, אבער אונזער יוניאן זאל לעבען, — איך האב אנגעקלונגען צו אונזער מנהל ראזענמאן און ער האט שוין געטון דאס איבערינע. איז וואס זאל איך אייך ברייען האט דער שוחט פארענדיגט, דער בעל הבית איז געווארען בעסער."

"און אין מיין פלאץ האט אויך געטראפען אזא מעשה מיט א פאר וואכען צוריק" — האט דער צווייטער שוחט א זאג געטאן — „ביי אונז ארבייטען פיער שוחטים, האט דער בעל הבית מיט אמאל באשלאסען, אז דריי איז אויך גענוג. ער האט א פנים פארגעסען אז מיר האבען א יוניאן וואס רעגולירט אזעלכע זאכען און אז עס איז נים אמאליגע צייטען, הפקר פעטרישקע, און מען קען טאן מיט דעם שוחט וואס מען וויל. האט מען איינגעלאדען דעם בעל הבית צו אונזער עקזעקוטיוו און איהם געגעבען צו פארשטעהן, אז „לא זה הדרך" און ער האט קיין ברירה נים געהאט און געמוזט לאזען שטעהן דעם שוחט ווי געוועז".

„עך, דו זאגסט אמאליגע צייטען". האט א דריטער, שוין אן עלטערער שוחט, זיך אפגערופען, און א זיפץ געטון. „דו זאגסט אמאליגע צייטען! וואס ווייסטו פון דעם, דו ביזט נאך אזוי צו זאגען א גרינער, ערשט א יאהר צעהן־צוועלף אין לאנד. דו פרעגסט ביי מיר ברודערקע וועל איך דיר דערצעהלען פון אמאליגע צייטען, איידער אונזער יוניאן איז געבוירען געווארען, מיר געהט דורך א סקרוך איבער'ן לייב ווען איך דערמאן זיך אין יענע צייטען... עך, ווי מיר האבען געשקלאפט, און ווי מען האט זיך געבאדען אין אונזער בלוט... מיר האבען אפטמאל מקנא געווען די שווארצע וואס האבען געארבייט אין די מארקעטס... אט איז אבער געקומען אונזער יוניאן און עס האט זיך אנגעהויבען א נייע, ליכטיגע צייט... יא..."

אין אן אנדער ווינקעל האבען די שוחטים גערעדט צווישען זיך וועגען דער נייער ארגאניזאציע „אגודת השבים". און איין שוחט אין מיטעלע יאהרען האט אויסגערופען מיט א מאל מיט באגייסטערונג:

„איך זאג אייך, מיינע פריינד, אז די „אגדת השבים" איז דער גרעסטער אויפטו פון אונזער יוניאן. דאס איז א גרויסע אידעאליסטישע און צו דערזעלבער צייט פראקטישע אונטערנעמונג. שטעלט אייך פאר: אט נעמט טאקע מיך אליין, איך האב מיין גאנצען לעבען גע'חלום'ט פון ארץ ישראל. דאס איז געווען דער שענסטער חלום וואס איך האב פארמאגט. אבער מען איז געקומען קיין אמעריקע און זיך אנגעהויבען דא פלאגען. די ערשטע יאהרען איז געווען שווער און ביטער און ווען די יוניאן איז געקומען איז געווארען בעסער און מען מאכט א לעבען בהרחבה. מען טראכט אבער פון דעסטוועגען וועגן דער נשמה אויך. די נשמה האט דאך איהרע בענקענישען. חוץ דעם הויבט מען אן ווערען עלטער און מען נעמט זארגען וואס וועט זיין?... איז טאקע דער בעסטער ענטפער „נחלת השבים". איך וועל זיין דער גליקליכסטער מענש אין דער וועלט, ווען איך וועל זיך אויסצאלען א נחלה אין ארץ ישראל, א פרדס, און זיך פארברענגען רוהיג אויף די עלטערע יאהרען. איך וועל זיך אויך פיהלען גליקליך דערמיט וואס איך וועל זיין אין מיין אייגענער סביבה, צווישען שוחטים־פריינד מיט וועלכע איך האב אזוי פיעל יאהרען מיטגעארבייט... און דערפאר טאקע זאג איך אייך, מיינע פריינד, אז די „נחלת השבים" איז דער גרעסטער אויפטו פון אונזער ארגאניזאציע. אין לאנג־לעבען זאלען די יעניגע וואס האבען אונטערנומען אט דעם וואונדערבארען פלאן".

„איהר האט רעכט! איהר האט רעכט!" האבען עטליכע אויסגערופען.

איך בין דערנאך אריין אין אפיס וואו עס איז אנגעגאנגען א זיצונג פון דער עקזעקוטיווע. מיך האבען אויפגענומען מיטווארעמער פריינדליכקייט דער פרעזידענט פון דער „שוחטים יוניאן" רעווערענד בלום און דער מנהל רעווערענד ראזענמאן און זיי האבען מיך פארגעשטעלט פאר די אנדערע מיטגלידער פון דער עקזעקוטיווע. מען האט מיך געבעטען זיצען און מען איז דערווייל אנגעגאנגען מיט די פארהאנדלונגען.

די פארהאנדלונגען האבען זיך גערדרעהט ארום יוניאן־פראגען וואס ריהרען אן די עקאנאמישע לאגע פון די שוחטים. עס האט זיך געהאנדעלט וועגען א מארקעט מאן וואס האט געוואלט אוועקשיקען א שוחט און וואס דאס האט געמיינט, אז ערשטענס זאל דער שוחט פארלירען זיין ברויט און צווייטענס זאל די ארבייט פאלען שווערער אויף די אקסלען פון די אנדערע צוויי שוחטים וואס זיינען דארטען אנגעשטעלט. רעווערענד ראזענמאן האט איבערגעגעבען אייניגע פאקטען אין פארבינדונג מיט דער דאזיגער געשיכטע. דער פרעזידענט האט געשטעלט א פאר פראגען. די אנדערע מיטגלידער פון דער עקזעקוטיווע האבען גענומען א ווארט. די גאנצע אנגעלעגענהייט איז פארהאנדעלט געווארען בכובד ראש. און ענדליך איז באשלאסען געווארען, אז די יוניאן זאל פאר קיין פאל נים דערלאזען, אז דער מארקעט־מאן זאל דורכפיהרען זיין בייזען פלאן.

איך האב באוואונדערט די גאנצע צייט דעם טיפען ערנסט פון די פארהאנדלונגען און די איבערגעבענהייט וואס די פיהרער פון דער שוחטים־יוניאן האבען ארויסגעוויזען צו די מיטגלידער פון דער ארגאניזאציע. עס איז געווען קענטיג, אז דא זיצען מענשען וואס האבען נאר הענט צום הארצען די אינטערעסען פון 'יעדען שוחט און אז זיי זיינען גרייט צו פארטיידיגען איהם און באשיצען איהם, אז מען זאל איהם נים באליידיגען און עקאנאמיש אונטערדריקען. עס איז אויך געוועזן קענטיג, אז מען קאן דא צו טאן מיט אן ארגאניזאציע וואס איז שטארק באפעסטיגט, דיסציפלינירט און וואו סיי די פיהרער און סיי די מיטגלידער ווייסען, אז די ערשטע זאך וואס עס פאר

# מה נשתנה?

פון רעוו. יעקב בלום

הא, פּאָטער, ווארום?

מה נשתנה?

מה נשתנה? פאַרוואָס איז אַנדערש דאָס אידישע פֿאָלק פון אַלע פעלקער פון דער וועלט? זוארום נאָר מיר זיינען צוזייט און צושפּריים? ווארום באַגעגענט מען אונז מיט שימף־ווערטער איבעראַל אין יעדען לאַנד? ווארום זיינען מיר ווי די שלאַכט־שאָף פריי פאר יעדען איינעם? ווארום נאָר אונז טרייבט מען ארויס פון אונזערע היימען און מיר מוזען וואַנדערען?. ווארום איז דער נאָמען איד געוואָרען צו שאַנד און שפּאָט, וואָס ווערט ניט דערמאָנט צווישען אַנשטענדיגע מענשען? ווארום נאָר אויף אונז קוקט מען ווי אויף פאַרברעכער וואָס די גערעכטיגקייט דאַרף אויסראָטען? ווארום זיצען אַלע פעלקער רוהיג אויף זייער לאַנד און לעבען אין פאַרגעניגען נאָר מיר וואַנדערען ארום צווישען די פעלקער און האָבען ניט קיין שטיקעל אָרט וואו אָפּצורוהען אונזער מידען קאָפּ? איז דאָס ריכטיג, אַז מיר זיינען נידעריגער פון אַלע פעלקער אויף גאָט׳ס ערד?

הא, פּאָטער, הא? ענטפער!
מה נשתנה? מה נשתנה?

מה נשתנה דאָס אידישע פאָלק פון אַלע פעלקער אויף דער וועלט? ווארום נאָר איהם יאָגט מען ארום און זיין לעבען האָט קיין ווערט ניט? וואו איז דאָ נאָך אַ פאָלק, וואָס זאָל אַזוי ליידען ווי דאָס אידישע? ווארום איז צו אַלץ פאַראַן אַן ענדע נאָר צו זיינע צרות איז קיין ענדע ניטאָ? ווארום נאָר אין זיין קערפּער שלאָגט מען טשוועקעס און זיינע קינדער ווערען דורך די פענסטער געוואָרפען צום זיכערן טויט? ווארום איז דאָס, אַז אויך די פאָרטגעשריטענע און געלערנטע פון דער וועלט לעגען־צו האָלץ צום פייער, צו דעם פייער פון שנאה וואָס ברענט געגען אונז? איז דאָס ריכטיג, אַז אונזער פאַרברעכען איז אַזוי גרויס?

הא, פּאָטער, הא? ענטפער!
מה נשתנה? מה נשתנה?

מה נשתנה דאָס אידישע פאָלק פון אַלע פעלקער? ווארום איז עס, אַז אַנדערע שלאָגען זיך און מיר קריגען די קלעפּ? ווארום נאָר אונז טרעט מען מיט די פיס, זאָגענדיג דאָס מיר זיינען די קוועלען פון אַלע שלעכטס, און אונזערע פרעסער און אונטערדריקער פאַרמעהרען זיך מיט יעדען טאָג? הא? ווארום געפינט זיך ניט ווער עס זאָל זיך דערבאַרימען איבער אונז און באַשיצען דעם באַרויבטען פון די רויבער? ווארום זיינען מיר אַזוי אומגליקליך, אַז אונזער בלוט פאַרגיסט מען ווי וואַסער אָהן אַן אורזאַך? ווארום נאָר אויף אונז וואַרפט מען אַרויף בלבולים, אויסגעטראַכטע פאַלשקייטען, צו פאַרגרעסערען די שנאה צו אונז? ווארום קענען מיר ניט געפינען איין רוהיגען אָרט פאַר אונזער ערשיטערטען געמיט.

ענטפער, פּאָטער, ענטפער!
מה נשתנה? מה נשתנה?

דער אַלטער פאָטער זיצט און הערט זיך צו צו זיין זוהנ׳ס פראַגען און מיט ציטערנדע הענט גלעט ער זיין קינד׳ס לאָקען און מיט פיעל ליעבע קוקט ער אין זיין זוהנ׳ס אויגען וואָס פרעגען דעם מה נשתנה?

און אַ שווערער זיפץ רייסט זיך ארויס פון דעם אַלטענ׳ס ברוסט; און צוויי בלישטשענדע, הייסע טרערען ציינען זיך אין זיינע אויגען, קייקלען זיך אַרונטער איינער נאָכ׳ן אַנדערען אויף די דאַרע באַקען, און דאָס קינד זיצט און וואַרט אויף אַן ענטפער, אויף זיין מה נשתנה?

עבדים היינו! קנעכט זיינען מיר געווען! — שלוכצט־אויס דער אַלטער — און אויך קנעכט זיינען מיר איצט...

---

רערט זיך פון אַן אָרגאַניזאַציע איז איינינקייט, און אַ פאַרשטענדניש פאַר די איינציגע אויפגאַבען.

און אָט האָט פּלוצים איינער פון די אַנוועזענדע אַ זאָג געטון:

„רבותי, מען דאַרף דאַווענען מנחה!“

דער עולם האָט זיך באַלד אויפגעהויבען און מען האָט זיך געשטעלט דאַווענען. מען האָט פאַרגעסען אין אַלע יוניאָן־עסקים. עס זיינען פאַרשווינדען די אייגענע עקאָנאָמישע אינטערעסען און מען האָט זיך איבערגעטראָגען אויף אַ וויילע אין העכערע וועלטען, אין וועלטען פון האַרציגער תפילת.

איך האָב באַטראַכט דעם עולם און דערזעהן פאַר זיך מיט אַמאָהל דאָס בילד פון די אַמאָליגע שוחטים אין דער אַלטער היים. איך האָב געטראַכט צו זיך „עס איז טאַקע אַמעריקע וואו די באַדינגונגען זיינען אַנדערש און וואָס דאָס גאַנצע אידישע לעבען האָט אָנגענומען אַן אַנדער פאָרם. די שוחטים זיינען אָבער נאָך אַלץ אונזער כלי־קודש אויך דאָ אין דער נייער וועלט ווי אין דער אַלטער. זיי זיינען נאָך אַלץ אין דער קאַטעגאָריע פון רעליגיעזע פאַרשטעהער. זיי ווייסען, אַז זיי האָבען אויף זיך אַ הויכע מיסיע און זיי זיינען אויך דאָ אין אַמעריקע בערופען צו טראָגען מיט ווירדע די „עטרת השחיטה“ ווי דאָס איז געווען אין די אייראָפּעאישע לענדער.“

איך האָב פאַרלאָזען די פאַרזאַמלונג מיט אַ געפיהל פון גייסטיגער באַפרידיגונג.

# השומר

ירחון מוקדש לחזוק התורה והיהדות לבירור ולבון שאלות החיים על פי רוח התורה והאומה

יוצא לאור ע"י אגודת שוחטי עופות דניו יארק רבתי במדינת אמעריקא. הרב שמריהו ליב הורוויץ, השו"ר.

# זמן חרותנו

**רעיונות עמוקים ורגשי קדש על דבר חג הפסח, מאת הגאון המובהק, ראש הרבנים בארץ ישראל מרן הרב ר' אברהם יצחק הכהן קוק שליט"א**

בנוגע לחג הקדוש והנהדר זמן חרותנו, הנה המחשבה הכללית ע"ד התפשטותם של הרגשות הנאצלים של קדושת הזמן — מחוץ לזמנן, כהמשכת קדושת שבת בימי המעשה, היא צריכה תמיד לבא בההכרה הפנימית שהקדש העליון חבוי הוא בכל„ האידיאליות האלהית חיה היא במלואה בכל פנה ונקודה של חיים זמן ומקום ומקוריהם ותולדותיהם לאין תכלית בגדול ובקטן, תוכן החול איננו כי אם מסוה המסתיר, הפועל תעלומה על כל זהרי האורה של החיים הנחמדים והחביבים, שבנעם ה' המה מפכים והולכים במלא — עולמים, במלא נשמות ובמלא חיינו פנימה, הקדש בא במועדו ומסיר את הצעיף, מגלה את פני הלוט, והאורה הקדושה בכל חמודותיה, הנה נראה, מלבבת היא אותנו, בנעימות — שיחיה מרוה אותנו נחת משד תענוגיה, והננו מתענגים על ה' ועל טובו, ולבבנו מתמלא רום וערן ברווי תענוגים „אז תתענג על ה'", ובאים אנו מרוב שקיקת חדות דודים להשתעשע במצותיו אשר אהבנו אהבת נפש לעולמים, אשר אהבנו סלה ממקור נשמותינו מראש צורים ועד אחרית כל ימי עולמים ודורי דורים, „אם יתן איש את כל הון ביתו באהבה בוז יבוזו לו".

ובליל התקדש חג, והננו מלאי גאולה מלאי ח ר ו ת ע ל י ו נ ה, וחרותנו משחררת את רוחנו ורוח כל היקום, מגלה את האשר הצפון בנו פנימה, כי רוח אל חי העולמים בנו חי „בקרבך קדוש", והחיים כלם באים למעמדם ורוחנו רואה את יקרת ערכם, את גודל שוויים ואת רוממות תשוקת תקותם, אשר תבא בטח „בטחו בה' עדי עד, כי ביה ה' צור עולמים".

ומתוך מקרא הקדוש אשר לחג הקדוש, הננו עומדים על המצפה ונחזה את רוח החרות ההולך ונגאל, העולה במעלותיו מתוך כל עצמת הסבוכים, ומתוך המאפליות נראה נהורים, ונפשנו תגיל בה' תשיש בישועתו ובכל עצמותינו תאמרנה; ה' מי כמוך! ונאולתנו גאולת עולמים היא, חודרת היא בכל מרומים ובכל מעמקים, רעיוננו העליון, הרחב מכל מרחבי מרומים, שכבלי העבדות של הגות רוח בן אדם תולעה וחכמותיו הזעירות חפצים הם בני אדם, מלכי ארץ והמון לאומים, לאסור אותו בהם, מראה הוא בימי חג חרותנו, וביותר בכל נדל בלילה הזה „בשעה שמצה ומרור מונחים לפניך", את חרותנו המוחלטה, נצחנו והננו מנצחים את כל, וההוד והנצח עמנו לנצח עוד עדי־עד, שרינו עם אלהים ועם אנשים ויכולנו, והננו עדים חיים וקיימים, שהיה בעולם נשמת עם כזאת שאין קצה לתעלומותיה, שטללי כל אורות — עדנים היותר עליונים מרוים הם אותה, ולרגעים ישקוה, ויחידי הסגולה העוסקים בתורת ה' ודבקים באהבת נצח במצותיו, המלאות לרויה עדני עדנים משמי שמי קדם, הם הם הצנורות, אשר על ידם תשוקה נשמת הגוי כלו מפלגי קדשי קדשים אלה היוצאים מנחל היוצא מבית ה', המרוה את כל החיים, שעתיד הוא להשקות גם את נחל השטים ולהעלות גם עליו כל עץ נחמד וכל עלה תעלה ותרופה, ומלאכת שמים זו בידינו היא מסורה, מה מאוד תעלזנה כליותינו, מה טוב חלקנו ומה נעים גורלנו, אשרי העם שככה לו, אשרי העם שה' אלהיו! וגדולה היא ערובתנו, שאור חדש הולך ומאיר מתוך מחשכים ופליאות עולמים עתידות להופיע, בתוך מסבות החיים וממעל להם וגם במעמקי מחשכיהם ורוח טהר, רוח קודש מלא תעצומה יופיע בכנסת ישראל, וצמאון חי מלא גבורה והוד לשוב אל מסום אהלנו, לבחר את נחלתנו את גאון יעקב אשר אהבנו סלה, ברוח מלא אור ה' ומטרת גבורת קודש, בזרע אדם וזרע בהמה גם יחד, יוסיף לפעם בכפלי כחות כבירים במהרה בימינו, אמן כה יאמר ה' המדבר טוב על ישראל מתוך מחשבותיו המלאות שלום וברכה לכל יצוריו (אגרות ראיה, סל"א).

## מודעה רבה לאורייתא!

בגליון הבא נדפים אי"ה תשובות בדיני הריאה מאת הגאון הקדוש ר' שניאור זלמן מלאדי זצ"ל.

התשובות האלו היו מונחים בכתב־יד תחת ידי שו"ב מובהק וחסיד מפורסם באירופא, ונמסרו במתנה לידי הרב המובהק ר' יצחק בונין שליט"א, אב"ד בברוקלין, והוא הואיל בטובו למסור את התשובות יקרי המציאות הללו לידינו.

**המערכת.**

## הג"מ ר' יוסף חיים זאנענפעלד ז"ל

ידעתי את הרב הגאון הצדיק הזה, כי הייתי שכן קרוב בדיורו של בתי מחסה על הר ציון, שישב שם כל ימי חייו. אין לשער ולספר את מדותיו ומעשיו בקיום סור מרע ועשה טוב, והיה מקיים מצוות ה' בכל פרטיהן ודקדוקיהן באש קודש שלהבת יה, ובמקום שאחז"ל על איזו מצוה בלשון חייב היה מקיים מצוה זו במסירת נפש ממש.

מנהגו היה שבכל מועדי ה' ושלש רגלים לקיים ככתוב ג"פ בשנה יראה וכו' והיה הולך להתפלל תפלת מוסף בחצרות בית ה' לפני כותל המערבי, ומחיל אל חיל הלך לקיים את המצוה חייב אדם להקביל פני רבו ברגל, את הני תרי צנתרי דדהבא בירושלים דדהבא את מרן הגאון הקדוש מוהרי"ל דיסקין זצ"ל ואת מרן הגאון הצדיק מוהר"ש סאלאנט זצ"ל והמה קבלוהו ברוב חבה כאהבת אב את בנו*) וגם את פני הגאון הקדוש ר' שניאור זלמן מלובלין זצ"ל.

פעם אחת קרה שהג"מ ר' יוסף חיים זאנענפעלד היה חולה גדול עד מאוד מוטל על ערש דוי במחלת חום עזה בחג השבועות, אחרי חצות היום הרגיש ונזכר שלא קיים עוד את מצותו להתפלל במקום הקדוש אצל כותל המערבי שלא זזה שכינה משם וגם לא קבל עדיין את פני רבותיו ברגל, ורד וקפץ ממטתו, התגבר כארי והלביש א"ע בבגדי שבת ויו"ט שלו וקם ללכת ברגליו ולא יכול מרוב חולשתו, וביחוד אחזהו אז מחלת השבץ באופן נורא, אמר; שזהו מעשה שטן ומצוה להתגבר עליו, ולקח את בניו הגדולים לסמוך עליהם בהליכתו, וכששאלו אותו ; אבינו, עטרת ראשינו, כיון שהנך מצטער וחולה אין לך להכנים את עצמך בסכנה, ענה ואמר להם בזה"ל; רבנו מרן הגר"א מווילנא פוסק שבכ"מ שאחז"ל חייב אז החוב אף במסירת נפש. והלך ברוב עוז ושמחה לקיים את שתי המצוות, ושליחי מצוה אינן נזוקין לא בהליכתן ולא בחזירתן. הוא גר בבתי מחסה על הר ציון חמשים שנה רצופות ובשום אופן לא רצה להעתיק את מעונו למקום אחר, מפני — כי חלונות ביתו היו לנוכח הר הבית !... כל ימי חייו לא עבר עליו חצות לילה בשינה. אלא היה מתגבר אז בעבודת הבורא בקדושה ובטהרה. וכל ימי חייו התפלל כותיקין, וחכמת הנסתר היה לומד באישון לילה. בעל גימטריא גדול ונפלא היה כמעט במדרגת בעל הטורים ז"ל. אף כי היה עני גדול בכ"ז היה בעל צדקה נפלא מאוד, וביחוד פזר נתן מכספו להחזקת בתי ספר לנערות, כי הוקיר מכל יקר את החנוך הישראלי הדתי והרגיש בנחיצת חנוך דתי לבנות ישראל. ידע לשונות שונות, והיה צדיק תמים וקדוש. היה נשיא להחברה קדישה נחש"א בירושלים, ממונה ומנהל הכולל פקיד ואמרכל של כולל אונגריא שומרי החומות בירושלים כמה וכמה שנים. היה בונה ומיסד ע"י השפעתו הקדושה עיירות ושכונות בארצנו הקדושה המתנוססות עד היום לפאר ותפארת לעמנו. יהי' זכרו ברוך.

**ת'נ'צ'ב'ה.**

הרב אליהו לאנדא, נכד הגר"א.

---

## הג"מ ר' יחזקאל ליפשיץ ז"ל

המות חטף מאתנו בשעה קשה ונוראה את מבחר בנינו, בעל המדרש והמעשה, בחיים ובספרות, בנו של אותו גאון וצדיק ר' הלל אריה ליב הגאב"ד דלובלין.

הרב ר' יחזקאל ליפשיץ מי שהיה רב אב"ד בערי יורבארת, בויסק, פלאצק, קאליש ונשיא ועד ההנהגה של אגודת הרבנים בפולין, היה מיחידי סגולה שבדור. הוא קנה לו שם עולם בישראל על ידי ספרו הנפלא „המדרש והמעשה" שנתפשט התפשטות מרובה בין רבני ישראל ודרשניו, רבים שתו ורבים ישתו מבאר תורתו וחכמתו, כמעט שאין לך רב ודרשן בישראל שלא השתמש בדברי „המדרש והמעשה" בדרשותיו מעל הבימה. בספר זה נזדמנו לפינדרק אחד הגאון בהלכה והגאון בדרוש. שני גאונים שהם אחד. כשאנו קוראים עכשיו את הפרטי כל של האספה הכללית של אגודת הרבנים בפולין בשנת תרפ"ו, ואנו קוראים את דבריו שם, את השקפתו הבהירה והחדרה על עניני החיים ועניני האומה, דברי הגיון וחכמה שלו, השפעתו העמוקה, אנו בוכים על הלקח מאתנו ענק רוחני בדור עני שכזה. הוא היה בעל השכלה כללית, ובעל ידיעות רחבות ועמוקות בכל מקצוע שבתורה ובחכמת ישראל, שר התורה, גאון המחשבה, בעל שלטון השכל ושלטון הרגש, מושל במכמני הלשון העברית, בעל שפה וסגנון, מנהיג האומה, לא הניח תמורתו. צרור פרחים אנו מניחים בזה על קברו, בלב דוי קרוע ומרתח. יהי' זכרו ברוך ותורתו שמורה בלב בני הדורות הבאים.

**ת'נ'צ'ב'ה.**

ש. ל. ת.

---

*) בש"ק ד' דחוהמ"ס י"ט תשרי, בנו יחידו של הגאון רש"ס ז"ל הרב ר' בנימין בינוש שחל"ת, טרם קבורתו שלח לקרא את חביבו הג"מ ר' יוסף חיים זאנענפעלד, וכאשר בא לפניו אמר לו בזה"ל; ר' יוסף חיים יקירי, עכשיו שבני יחידי מת, מעתה כבודו יהיה לי לבן, וכן היה, ששרת אותו בכל עניני הצטרכות כבן חביב עד יום פקודתו ועד בכלל.

# הלכות שחיטה ובדיקה

## על פי רמז, דרוש, סוד ומוסר היהדות

### ב.

מי שרוצה לגשת אל העבודה הקדושה הפנימית **להראות בעצמו הלכות שחיטה**, מלא קומתו, מראש עד עקב. העיקר הוא בנין הקומה הוא רמ"ח אברים ושס"ה הגידים המורים מ"ע ול"ת, כי זה **כל האדם**, מלא קומת אדם מראש עד עקב, ובזה נאות לו לאדם להשרות עליו קומה עליונה, להיות מרכבה לשכינה, כפי אחיזת נשמתו באורות הרוחניים המורים על רמ"ח מ"ע ושס"ה מצוות ל"ת, ונודע כי זה לעומת זה עשה אלקים, ובהיפך נעשה ח"ו מרכבה לקומת הטומאה, וזאת עבודת האדם בעוה"ז ללחום מלחמותיו, כי כשזה קם ונעשה מרכבה לקומת הקדושה, זה נופל נפילה נוראה, ובהיפך, ח"ו כשזה קם ישולט על מלא קומתו לעשות עם פרטי איבריו כרצונו, אז זה נופל למטה ח"ו, ע"כ החוב על האדם **להראות בעצמו הלכות שחיטה**, במה אפשר לו לזבוח זבחי אלהים ברוח נשברה, ובזה סוד נורא במה דאתא הקב"ה ושחט למלאך המות דשחט לשוחט דשחט לתורא וכו' חד גדיא חד גדיא.

**בחד גדיא** יש סודות נוראים עמוקים מאוד המרמזים על אחדותו יתברך כידוע למי שהאיר הקב"ה את עיניו בחכמת הקבלה, וכן בהדבור דזבין אבא, אב הרחמים, בתרי זוזי, רמז עמוק מאד למדות ומחשבות האדם באחדותו יתברך כידוע. **ואתא שינרא** בחינת השכחה ואכלה לגדיא, היינו אם האדם נוטה ח"ו לצד הרע משם יורש מדת השכחה בבורא יתברך, והולך כל ימי חייו לעבודתו הגשמיית ואינו ממשיך עליו השגחת אבא כי זה דרכו של היצה"ר להפריד בין הדבקים ומביאו לידי שכחה ברוממות אלהות, אמנם הקב"ה ברא התרופה קודם למכה, היינו התשובה שקדמה לבריאת עולם, וברצות ה' דרכי איש בתשובה ותפלה גם אויביו ישלים אתו יעובד את הקב"ה בשני יצרים, יצ"ט ויצה"ר, ונמצא היצה"ר הנקרא **כלב** הוא בעזרו, וזהו **ואתא כלבא** הוא היצה"ר הנקרא כלבא ונשך לשינרא דאכלא לגדיא ומונעו מהשגחת עינא פקיחא דאבא כידוע.

**ואתא חוטרא והכה לכלבא**, הכוונה; שיש בבחינת התעוררות לתשובה. א) מפני הרצועה בישא, לבלתי הכות הכסיל מאת. ב) תשובה באהבה עזה. וזהו ואתא חוטרא, הרצועה בישא המלקה ורודה בעם והכה לכלבא דנשך לשינרא, כי תקנתו היא לקנות אהבתו ית"ש לעובדו באהבה והתלהבות באש בוערת בקרב לבו, וזהו **ואתא נורא** ושרף לחוטרא וד"ל, ואי אפשר לבא לאהבת הבורא ב"ה כי אם ע"י התורה הקדושה.

ונודע כי זכה התורה היא לו סם חיים ואם לא זכה נעשה לו סם המות ח"ו, ולעומת מיים חיים יש מים הזידונים כידוע וצריך לזה מסירת נפש ממש, וזהו **ואתא מיא** וכבה לנורא, אם נוטה ח"ו מדרך השכל העליון תורתו נעשית לו סם המות ח"ו מים הזידונים וכבה לנורא, אש התלהבותו, ע"כ צריך האדם לעסוק בתורה בכל רגע ורגע מימי חייו ולא להתרפות מד"ת וכמ"ש ויסעו מרפידים, שנסעו מאת המקום בסבת רפיון ידים מלימוד התורה הקדושה, והכתוב מכריז ואומר ורב תבואות בכח שור, וכמאמרם ז"ל ספי ליה כתורא, וזהו **ואתא תורא ושתא למיא**, כלומר: אם השיג התורה, להרבות התורה בכח שור ולא ברפיון ידים, אז כחו מרב תבואות בכח שור שתה למים, מים הזידונים, בשביל להעמידו על דרך האמת, אבל יש שלומד הרבה תורה ואין לו **המאור** שבתורה ומדותיו אינן מדות טובות ונכונות, חושב כי שחט את היצה"ר ע"י התורה, ואינו יודע כי עיקר שחיטת היצה"ר הוא רק בהכנעה ובשפלות ולא על ידי גאוה כי זבחי אלהים ברוח נשברה, וזהו **ואתא השוחט** הנזכר שנדמה לו ששחט את היצה"ר וכבשו תחת סטרא דימינא, ושחט לתורא, לא די שלא פעל כלום עם היצה"ר לכבוש אותו תחתיו אלא עוד זאת **ושחט לתורא** מה שקבץ כל ימי חייו תבואתו בכח שור גם זה אבד ממנו ונתן ליצה"ר לשוחטו בסכין פגום, וזהו **ואתא מלאך המות** הוא היצה"ר ושחט לשוחט הנ"ל על כח תורתו של עצמו שנתן כח בזה לעומת זה, כן הוא התנהגות העולם מדור דור עד ישקיף ממרום ה' וירחם את עמו וישחוט את היצ"ה בעצמו וכבודו וכדין יתקיים בלע המות לנצח, יתגבר סטרא דימינא על שמאלא כדברי הזוהר על אל נשא ידיך, ויוציא בחינת הקדושה מהטומאה, היינו שם הקדוש א"ל ונשאר ס"ם, וזהו **ואתא הקב"ה ושחט לשוחט** למ"ה הוא הסמאל" הוא היצה"ר דשחט וכו' וכו' והשוחט צריך שידע עכ"פ (לדברי הנהות מיימוניות) **ששהיות מצטרפות**, כלומר שאסור לשהות עצמו בטעותו ויעלה עצמו ויעשה תשובה ואם הוא מסתפק ושואל לחכם רופא הנפשות קרינן בו שפיר **יודע הלכות שחיטה**... וד"ל.

בגליון הבא נפרסם בע"ה עוד מכתבי ברכה מאת רבנים, גאונים ומפורסמים בישראל.

# אות ברית

**תולדות המילה בישראל מימי אברהם אבינו עד היום הזה (קטעים ופרקים מתוך ספרו הגדול).**

**מאת שמואל כהן, רופא חולים ומוהל**

## ב.

## גזירות על המילה

פעמים רבות השתדלו מלכים עריצים לבטל את המילה. הראשון אנטיוכוס הרשע, ככתיב בספר החשמונאים; „ויצו לבלתי המול להם כל זכר" (חשמונאים א' א' מ"ז) וכל איש אשר ימרה את פי המלך מות יומת „והנשים אשר מלו את בניהן הומתו עפ"י המלך", וימולו את היהודים אשר לא נמול בשר ערלתם, „ויהי בימי אנטיוכוס מלך יון בשנת עשרים ושלש שנים למלכו הוא שנת מאתים ושלש עשרה לבנין הבית, בא אנטיוכוס לירושלים ובוגרוב משנהו עמו ונזר עליהם שלא ישמרו שבת ומילה, אבל ישראל מסרו נפשם ומלו את בניהם, ובהיות דבר המלך נחפז מצאו איש אשר מל את בנו והביאו האיש ואת אשתו ויתלו אותם כנגד הילד, וגם אשה אחת אשר ילדה בן אחרי מות בעלה ותמל אותו לח' ימים ותעל על חומת ירושלים ובנה מהול בידה ותען ותאמר, לכו ואמרתם לבוגרוב הרשע; ברית אבותינו לא נבטל ותפל את בנה לארץ ותפול אחריו וימותו שניהם" (מגילת אנטיוכוס, תענית י"ח א', ב"ב ס' ב'), אך היהודים מרשיעי ברית המתיונים ומתבוללים משכו את בשר ערלתם, עד העת ההיא, עד ימי אנטיוכוס, לא נשבתה מצות מילה מימות אברהם והלאה, מלבד דור המדבר מפני ענוי הדרך (לפי רז"ל) וגם עשרת השבטים החזיקו בה, בתוכחות הנביאים לא מצינו כל רמז שיוכיחו על מצות מילה מלבד יחידים בגלות בבל וכל הכתות אשר קמו בישראל, כמו: השמרונים, הצדוקים ועוד ועוד, לא ערבו את לבבם לבטל מצות מילה.

אחרי חורבן בית שני גזרו אחדים ממלכי רומא גזרות על המילה. קיסרי רומא אספסינוס וטיטוס שמו מס על היהודים לבית יופיטר הקאפיטולי, ומלבד המס הזה לא נמצא כי הבדילו אז את היהודים לרעה, אבל הרשע דומיציאנוס הרע עשה; את היהודים אשר חבלו תחבולות להעביר את המכס, אשר שמו על ראשם, בהעלימם את אמונתם ולאומם, הפשיטו פקידי רומא את בגדיהם מעליהם ויעמידום ערומים בחוץ לבדקם אם נמולים או ערלים הם, וסופר אחד, סופר דברי ימי התקופה ההיא יספר, כי בעיניו ראה, כאשר הפשיטו ערום איש זקן בן שמונים שנה לבדוק אותו, אם יהודי או בן עם נכר הוא. ואם שנא דומיציאנוס את היהודים, הנה עוד הרבה לשנוא מהם את הגרים מבני רומא, נטית בני רומא לדת ישראל נחשבה בעיניו לבוגד במלכות רומא והרמת יד במלכות הקיסרים, ובימים ההם כבר נמצאו גדולי רומא וקרובים למלכות, אשר נהו אחרי דת ישראל בגלוי או בסתר, ואותם הועיד דומיציאנוס למשפט ונידונו לגלות או למיתה, גם המקור העברי יספר על גר צדק ממשפחת הקיסר ושמו ק ל ו נ י מ ו ס, אשר נהרג בידי רבי הטבחים, ברומא, וכן כתבו חז"ל (ר"ה י"ט) גזרה המלכות שלא יעסקו בתורה ו ש ל א ל מ ו ל ולחלל שבת, ובדברים רבה פ' ב' יסופר; מעשה שהיו רבותינו ברומי וכו' גזרו סנקליטין של מלך לאמר מכאן ועד שלשים יום לא יהיה בכל העולם יהודי וכו' נכנסה לתוך הקיטון והוציא להם קופסא שהיתה המילה בתוכה וסמרטוטין מלאים דם נתונים עליה וכו' ויש בזה אגדה יפה עד מאוד.

(המשך יבא)

---

## פרפראות לחג המצות

המנהג בתפוצות ישראל להכין זמן רב לפני הפסח מחמצת הנקרא בפי ההמון „שטעלען בארשט", בוודאי יש טעם הגון במנהג ישראל זה, והנה אפשר הדבר כי המקור הוא, כי הקראים פירשו את הכתוב כל מחמצת לא תאכלו, דהוא כל מיני דברים חמוצים שבעולם, ולאו דוקא לחם, ולכן להוציא מלב ישראל דעת הקראים להראות שאיננו מסכימים אתם ח"ו בדעותיהם, אנו מכינים שבועות אחדים לפני חג הפסח את המחמצת הנקרא בארשט, ויש בזה משום בטול דעת הקראים.

⁂

עושים סימנים לסדר של פסח קדש ורחץ כרפס וכו, כידוע, הטעם הוא, מפני כי בימים הראשונים ספרים נדפסים לא היו במציאות כלל, כי מלאכת הדפוס עדיין לא נתגלה בעולם, וממילא לא היו סדורים נדפסים בידי כל אחד מישראל שעל פיהם אפשר היה לדעת כיצד להתנהג בליל פסח, והיו עושים הכל על פה, והיו צריכים לזכור הרבה דברים הנוהגים בלילה הזה, ולכן עשו את הסימנים, ועל ידי הסימנים נקל היה להם לזכור את סדר הלילה.

# מכתבי ברכה ועדוד

יו"ר מנהלי אגודת שוחטי עופות הנכבדים, ובראשם נשיאם הנעלה הוא ניהו ידידי יקר רוח ורב פעלים וכו' רבי יעקב בלום הי"ו, שלו' רב.

בחפץ לב ובאהבה נאמנה הנני שולח לכם ברכה להצלחת שאיפתכם ורצונכם לערוך ולהוציא לאור עתון חדשי אשר ישמש כלי־מבטאה של חברתכם הנכבדה, ובתקוה להביע השקפתכם ודעתכם אתם על הדרכים המובילים „לחזוק הדת, ולהטבת מצב השוחטים ועניני השחיטה עפ"י דת תורתנו הקדושה", — ברכתי זו תפלתי מעין תפלת ש"ץ הידועה: יהי רצון שיהא „לקול השוחטים" הוא ירחונכם, „ושליח צבורכם" זה קול נעים ומקובל לא יכשל בלשונו ואל יאמר פיו דבר שלא ברצון ה' ואל ימות לפני זמנו. ואני אקוה שכשם שחוננתם ב„סיעתא דשמיא" עד כה, וחפצכם הטהור ללכת בדרכי ה' לאחוז במדותיו ולעשות כמעשיו הצליח בידכם, ומה הוא „זוקף כפופים" כן גם אתם „זקפתם כפופים", עמלתם להרים ראשי מאות שוחטים, אנשים יראים ויקרים מתחת עול אדונים קשים ולישר את גביהם הכפופים תחת רגלי שועלים קטנים וגדולים אשר הלכו פסעו רמסו ודרסו עליהם — ועלתה בידכם, וכשם שזכיתם עוד לסדר עבודת מלאכת הקודש שבידכם באופן יאות ורצוי והנותן ליעף להחליף כח כן תזכו עתה „לפקוח עורים", ומי עור כעבד ה'? הרבים מאד לצערנו דאמעריקא, לא „עבדי ה'" אמתים והגונים מלומדי תורה ויודעי דרכיו ואמונת חכמים נטועה בלבותם אשר הנאה לעולם מהם, לא כן דרך כעבדי ה', כונתם אולי רצויה; אבל לא כן מעשיהם ודבורם, ויען כי ידיעת התורה בל אתם ואמונה בחכמים עקורה מלבבם, רק יחפשו חסרונות הם ומטילים מום אף בקדשים תמימים, ואני מקוה שבדברי חכמים שבנחת בעתונכם יהיו נשמעים, תפקחו עיני רבים לראות נכוחה, ויהיה זה לכם לזכות גדול.

מוקירכם ומכבדכם,
הרב אלי' אינזעלבוך, ברוקלין, נ. י.

---

לכבוד אגודת השוחטים דנויארק.

שמועה טובה שמעתי כי נכונים ומזומנים אתם להפיץ עתון על פני תבל בשם „קול אגודת השוחטים" ורצונכם בזה לאגד את כל בני ישראל החרדים לטובת היהדות, אשריכם וטוב חלקכם כי באתם עד כה. לא אמנע מלהגיד לכם כי מעשיכם רצוים ובזה תפיקו רצון מאת ד' וישראל, וד' הטוב יצליח את מעשיכם ותעלו מעלה מעלה על במתי הצלחה ותעשו חיל.

דברי ידידכם המברך אתכם בגדיא טבא.
מנחם מענדיל גוזיק, חופ"ס.

---

לכבוד הנשיא הנכבד של אגודת השוחטים השו"ב המופלג בתורה ויראה, הרבני מ"ר ר' יעקב בלום נ"י לנצח.

איתא בחולין דף י"ז ע"ב במערבא בדקי לה בשימשא, בנהרדעא בדקי לה במיא, רב ששת בדק לה בריש לישנית, רב אחא בר יעקב בדק לה בחוט השערה. ליבע ברידער שוחטים, אונזערע הייליגע חכמים האבען מיט זייער רוח הקודש אנגעמאסטען וועגען אונזער אידישען מצב אין אמעריקע און וועגען זאייך שוחטים, מכהנים במלאכת הקודש בפרט. במערבא בדקי לה בשימשא אין מערב דאס מיינט אמעריקע, וואס די זון פון אידישקייט איז אונטערגעגאנגען ווי וועט זיך א שוחט אויפפיהרען? אויך מיינט שימשא ווען אייער זון וועט שיינען אזוי ווי יעצט וואס איהר נעהמט גרויסע שכירות און קורצע ארבייטס שטונדען אין מענשליכע באהאנדלונגען, ווי וועט איהר זיך פיהרען? צי וועט איהר בלייבען געטריי אייער תורה ויראת שמים?

בנהרדעא אין אייער גלות שטאנד, ווען איהר זענט געוועזען בשפל המצב, פארשקלאפט צום מארקעטמאן, און געליטען דחקות און נויט, בדקי במיא האט די השגחה אייך בודק געוועזען במיא, למה נמשל התורה למים, מה מים הולכים במקום נמוך (תענית דף ז') דאך זענט איהר שוחטים בייגעשטאנען דעם נסיון העוני, הש"י זאל אייך שטארקען בייצושטעהן אויך דעם נסיון העושר און בלייבען יראים ושלמים. רב ששת בדק בריש לישניה, אייער שפיץ צונג, אייער ארגאן „די שטימע פון שוחטים" זאל לאזען הערען איהר שטימע פון תורה ויראת שמים, להשמיע במרום קולכם, צו שטארקען אונזער הייליגען דת און גלויבען, וואס בעו"ה מושפלת עד לעפר, רב אחא בר יעקב בדק בחוט השערה, אייערע ברידער שוחטים מיט דעם אידישען הדרת פנים דיוקנא דמלכא זקן אהרן, דער חוט השערה, דער טראדיאציאנעלער טיפ שוחט מיט דעם פייער נעם בארד, זאל געשעצט ווערען אין דער צוקונפט אזוי ווי אין דער פארגאנגענהייט. בזכות זה וועט איהר שעכטען און זיין שוחטים אין בית המקדש, שחיטה כשרה בזה, און איהר וועט מעלה ומתקן זיין דעם חי צו בחינת מדבר און מדבר צו בחינת מלאכי השרת, עס וועט אויך מקוים ווערען זבחו זבחי צדק ובטחו אל ה'.

כחפץ ידידכם המברך אתכם בברכה המשולשת פורש כפיו בתפלה וארשת.

בנימין בינוש ב"ר יעקב שלמה הכהן פליישער,

בע"ה הראב"ד דבית המדרש הגדול דניו יארק

# ספרים חדשים

(שהגיעו אל המערכת)

ספר „התורה והמדע", כולל שלשה חלקים: א) עניני הלכה ושאלות ותשובות בענינים זמניים; ב) דרשות לפרשיות ומועדי השנה; ג) מאמרי מדע בעניני חכמת ישראל מאת הרב יעקב לעווינזאן.

הספר החדש הזה כולל שלשה חלקים, חלק א' בעניני הלכה דן בדבר ישוב ארץ ישראל חליפת מכתבים בזה עם ראש הרבנים בארץ ישראל הרב ר' אברהם יצחק הכהן קוק שליט"א, ועל דבר זכות בחירת הנשים, קונטרס יפה שהדפיס המחבר בשנת תר"פ על דבר זכות בחירת נשים בארץ ישראל שהיתה אז שאלה בוערה ודן על זה מנקודת ההלכה והדפיס בספרו זה עוד הפעם קונטרס זה בהוספות חדשות והערות חשובות. עניני ההלכה שבספר זה מצטיינים בזה שהם דנים בשאלות הזמן כמו, לדוגמא, על דבר המנהג החדש שנהגו עשירים לקבור את מתיהם בארונות של מתכת ולא בארון של עץ, וע"ד שני בני מצוה ששניהם חפצים דוקא להיות נקראים למפטיר ויש בזה חשש ברכה שאינה צריכה, וכדומה. הרב המחבר איננו מטפס ומרקיע לשחקים בפלפול של הבל, אלא הוא בעל הגיון ובעל סברה ישרה, ונחית לעומקא דדינא. החלק השני כולל דרשות לפרשיות ומועדי השנה, הדרשות — קצרות, והן לפי רוח הזמן, נכתבות בלשון עברית יפה ובסגנון רענן ויש בהן דברות של חיים. החלק השלישי כולל מאמרי מדע בעניני חכמת ישראל ויש בהם דברי חכמה הגונים, טוב טעם ושכל טוב, כתובים ברוח התורה והאומה, והננו מתעשרים בספר חשוב חדש שברכה בו לספרותנו. הרב ר' יעקב לעווינזאן חבר את הספר הידוע „מחקרי אבות" על פרקי אבות, ספר דרושי מדעי, ו„רעיונות וחומר לדרוש" על פרשיות השנה, ויחד עם ספרו החדש „התורה והמדע" קבע לו מדור ספרותי הגון באוצר הרוח של עם הספר. אוהבי תורה וחכמה ודרשני ישראל ימצאו בספריו חומר הגון, כי ברכה בהם.

ספר זכרון שמואל, שני חלקים, רעיונות ביהדות ובאורים להרבה פרשיות התורה, חבר מאת שמואל מנחם הלוי פיין, רב בעיר דעטראיט, מישיגען.

יש מטרה קדושה להרב המחבר הנכבד להראות גלוי לכל „שהד קולות החיים בתקופות שונות מימי חיינו, יש להם מקום בתורה ובדברי חז"ל, ומי שהוא נגד התורה הוא גם כן נגד החיים", ועכשיו „אמונה נכרתה, נתקררו הלבבות, נתטשטשו הצורות, הגבה השפילו, והשפל הגביהו, מהפכה גדולה באה ועקרה הכל משורש. עתה ההכרח לגלות גלוי להדור הצעיר ולכל אלה שברחו ממערכות התורה, כי דוקא על ידי שמורת התורה זוכה האדם אף לחיי העולם הזה, לחיי אושר והצלחה, שזהו כל מגמתם ומטרתם להתענג בחיים". הדרשות נסדרו, נערכו ונכתבו במטרה קדושה, ויש בהן אוצר של אהבת קדשי האומה, נכתבו בלשון צחה וסגנון ספרותי, הדרשות קצרות ויפות, הודרות אל הלב והנפש, הדרשנים ומטיפים ימצאו בו חומר לדרשותיהם והרצאותיהם, הספר בכלל עושה רושם טוב על לב הקורא בו.

פסח א זאמלונג פון אינטערעסאנטע דערצעהלונגען און פאלקס מעשה'לאך וועגען דעם הייליגען יום טוב פסח, צוזאמענגעשטעלט פון הרב שמריהו ליב הורוויץ, און ארויסגעגעבען ביי דער גרויסער בראנזוויללער תלמוד תורה תפארת הגר"א (425 האווערד עוועניו, ברוקלין, ניו יארק.)

בספר זה נקבצו ובאו אגדות יפות עד מאוד, ספורים מענינים ומלבבים, ואגדות עם שהוד השיבה והדרת הקדושה חופפת עליהן, ספורים ע"ד ר' ישראל סלנטר, ר' יאשע בער בריסקער, ר' יונתן מפראג, ר' זונדל סאלאנטער, הנצי"ב מוואלאזשין, ר' נפתלי ראפשיצער, ר' לוי יצחק מברדיטשעוו, ר' יוסף שאול נאטאנזאהן, ר' עקיבא איגר, ר' יחיאל מיכל בעל „ערוך השלחן" ועוד. ספר נחוץ מאוד להורים ומורים ולכל אדם מישראל.

---

# די שוחטים פון אמעריקא און קאנאדא באשליסען לעהרנען צוזאמען גמרא, משניות און יורה דעה

דער ועד הפועל פון די אגודת שוחטי עופות דנויארק רבתי האבען באשלאסען אויפצופאדערען די שוחטים פון אמעריקא און קאנאדא לעהרנען צוזאמען יעדען טאג א בלאט גמרא, א פרק משניות און שלחן ערוך, און ווען מען וועט מאכען א סיום, זאל דער סיום געפייערט ווערען צוזאמען ביי א צוזאמענפאהר פון אלע שוחטים פון לאנד און בא א סעודה של מצוה זאל אויך פארהאנדעלט ווערען אלע ענינים פון חזוק הדת בכלל און די ענינים פון שחיטה און שוחטים בפרט.

**דף יומי**

בש"ק פ' מצורע — חולין דף א'

**פרקא דיומא**

בש"ק פ' מצורע — ברכות פרק א'

**הלכה יומית יורה דעה**

בש"ק פ' מצורע — הלכות שחיטה סימן א'

נחלת השבים

# NACHLATH HASHOVIM

Office: 229 EAST BROADWAY
NEW YORK

Telephone ORchard 4-9602

ר נכבד :

האט איהר אמאהל זיך גענומען די מיהע צו בעט־אכטען וואס איז געווארען פון אלע אייערע אינוועסט־
נטס אין דיזען לאנד ? אויב איהר האט געקויפט א הויז אדער ווערטה־פאפירען, ווייסט איהר גאנץ גוט וואס
ר סך הכל איז געווארען דערפון. עס איז כמעט ווי אוועק מיט'ן רויך. אויב איהר זייט א שוחט וועלכער מאכט
לעבען פון אייערע שכירות, וואס וועט זיין מיט אייך אין 5 אדער 10 יאהר שפעטער ווען איהר וועט שוין מעהר
ו זיין דער יונגער און שנעלער שוחט ? און דאן ערשט צו דער עלטער צו פאנגט זיך אן די אמת גרויסע טראגעדיע,
ם דער אלטער שוחט מוז פאלען א קרבן פון דעם נאטירליכען פראצעס וואס מיר מוזען און וועלען אי"ה אלט
רען.

נעהכענדיג דאס אין אמבעטראכט, האבען מיר זיך געשטעלט די פראגע : **וואס קענען מיר טאהן כדי זיך צו פארזארגען מיט א זיכערען איינקונפט אויף דער עלטער, אז מיר זאלען נים זיין א לאסט אויף זיך און אויף יענעם, און קענען האבען א בכבוד'טע איינגאהמע אויף די עלטערע יאהרען ?**

כדי דאס צו פערענטפערען, האבען מיר גע־גרינדעט די **נחלת השבים**, וועלכע קויפט לאנד אין ארץ ישראל און פלאנצט פרדסים פאר איהרע חברים. דאס איז א פעסטע און זיכערע אינוועסט־מענט, פאר א אידען וואס האט א ווייטערען בליק, אויף צו קריגען די פרוכט פון זיין געלד אין עטליכע יאהר שפעטער ; פאר אידען וואס ווילען זיך באזעצען אין ארץ ישראל און צו האבען א קוואל פון חיונה, אדער פאר אידען וואס ווילען פארבלייבען אין גלות־לאנד און האבען א שטענ־דיגע הכנסה.

**דערום רעקאמענדירען מיר צו יעדען שוחט אין לאנד, אדער צו יעדען ארטאדאקסישען אידען וואס איז א שומר דת און וויל מאכען ארץ ישראל פאר זיין היים און אויך האבען די מעגליכקייט צו מקיים זיין די מצוה פון גאולת הארץ, און דערביי געניסען פון זיינע פרוכטען. -- רעקאמענדירען מיר איינצושאפען זיך איינעם אדער מעהרערע יוניטס אין נחלת השבים, דאס וועט געבען א זיכערען קוואל פון הכנסה לויט דעם שעהנעם אידישען אויסדרוק : איש תחת גפנו ואיש תחת תאנתו.**

פארנאכלעסיגט נים דעם הייליגען מאמענט און שליסט זיך אן אלס חבר אין נחלת השבים.

בשם **נחלת השבים,**

**יעקב בלום,** טשערמאן

# די פרייז און סיסטעם פון צאהלונגען פאר איין יוניט פון צען דונאם

## 5 יאהר פלאן פאר 1 יוניט פון 10 דונאם

**דעפאזיט**

ביים אונטערשרייבען דעם קאנטראקט 500.00 $

### ערשטער יאהר

ערשטער קווארטעל — — — $250.00
צווייטער קווארטעל — — — 250.00
דריטער קווארטעל — — — 225.00
פערטער קווארטעל — — — 225.00
ס"ה — — — $ 950.00

### צווייטער יאהר

ערשטער קווארטעל — — — $195.00
צווייטער קווארטעל — — — 195.00
דריטער קווארטעל — — — 195.00
פערטער קווארטעל — — — 195.00
ס"ה — — — $ 780.00

### דריטער יאהר

ערשטער קווארטעל — — — $120.00
צווייטער קווארטעל — — — 120.00
דריטער קווארטעל — — — 120.00
פערטער קווארטעל — — — 120.00
ס"ה — — — $ 480.00

### פערטער יאהר

ערשטער קווארטעל — — — $105.00
צווייטער קווארטעל — — — 105.00
דריטער קווארטעל — — — 105.00
פערטער קווארטעל — — — 100.00
ס"ה — — — $ 415.00

### פינפטער יאהר.

ערשטער קווארטעל — — — $100.00
צווייטער קווארטעל — — — 100.00
דריטער קווארטעל — — — 100.00
פערטער קווארטעל — — — 75.00
ס"ה — — — 375.00

ס"ה — — — — 3500.00

נאך די ענדע פון 5 יאהר קריגט דער אינוועסטאר 10 דונאם געפלאנצטען פרדס.

איהר קענט קויפען מעהר ווי איין יוניט אונטער דעם זעלבען סיסטעם פון דיזע צאהלונגען פון דעם 5 יאהר פלאן.

# 10 יאָהר פּלאַן פאַר 1 יוניט פון 10 דונאַם

עפּאזיט
ביים אונטערשרייבען דעם קאָנטראַקט 400.00 $

## ערשטער יאָהר

| | |
|---|---|
| ערשטער קוואַרטעל — — — | $62.50 |
| צווייטער קוואַרטעל — — — | 62.50 |
| דריטער קוואַרטעל — — — | 62.50 |
| פערטער קוואַרטעל — — — | 62.50 |
| ס"ה — — — | $ 250.00 |

## צווייטער יאָהר

| | |
|---|---|
| ערשטער קוואַרטעל — — — | $62.50 |
| צווייטער קוואַרטעל — — — | 62.50 |
| דריטער קוואַרטעל — — — | 62.50 |
| פערטער קוואַרטעל — — — | 62.50 |
| ס"ה — — — | $ 250.00 |

## דריטער יאָהר

| | |
|---|---|
| ערשטער קוואַרטעל — — — | $62.50 |
| צווייטער קוואַרטעל — — — | 62.50 |
| דריטער קוואַרטעל — — — | 62.50 |
| פערטער קוואַרטעל — — — | 62.50 |
| ס"ה — — — | $ 250.00 |

## פערטער יאָהר

| | |
|---|---|
| ערשטער קוואַרטעל — — — | $62.50 |
| צווייטער קוואַרטעל — — — | 62.50 |
| דריטער קוואַרטעל — — — | 62.50 |
| פערטער קוואַרטעל — — — | 62.50 |
| ס"ה — — — | $ 250.00 |

## פינפטער יאָהר

| | |
|---|---|
| ערשטער קוואַרטעל — — — | $62.50 |
| צווייטער קוואַרטעל — — — | 62.50 |
| דריטער קוואַרטעל — — — | 62.50 |
| פערטער קוואַרטעל — — — | 62.50 |
| ס"ה — — — | $ 250.00 |

## זעקסטער יאָהר

| | |
|---|---|
| ערשטער קוואַרטעל — — — | $62.50 |
| צווייטער קוואַרטעל — — — | 62.50 |
| דריטער קוואַרטעל — — — | 62.50 |
| פערטער קוואַרטעל — — — | 62.50 |
| ס"ה — — — | $ 250.00 |

## זיבעטער יאָהר

| | |
|---|---|
| ערשטער קוואַרטעל — — — | $62.00 |
| צווייטער קוואַרטעל — — — | 62.50 |
| דריטער קוואַרטעל — — — | 62.50 |
| פערטער קוואַרטעל — — — | 62.50 |
| ס"ה — — — | $ 250.00 |

## אכטער יאָהר

| | |
|---|---|
| ערשטער קוואַרטעל — — — | 62.50 |
| צווייטער קוואַרטעל — — — | 62.50 |
| דריטער קוואַרטעל — — — | 62.50 |
| פערטער קוואַרטעל — — — | 62.50 |
| ס"ה — — — | $ 250.00 |

## נייענטער יאָהר

| | |
|---|---|
| ערשטער קוואַרטעל — — — | $25.00 |
| צווייטער קוואַרטעל — — — | 25.00 |
| דריטער קוואַרטעל — — — | 25.00 |
| פערטער קוואַרטעל — — — | 25.00 |
| ס"ה — — — | $ 100.00 |
| ס"ה — — — | $2500.00 |

דאָס מאַכט אוים אַ צאָהלונג פון 5 דאלאר אַ וואָך. נאָך די ענדע פון 10 יאָהר קריגט דער אינוועסטאָר 10 דונאָם גע־פלאַנצטען פּרדס.

איהר קענט קויפען מעהר ווי איין יוניט אונטער דעם זעלבען סיסטעם פון דיזע צאָהלונגען פון דעם 10 יאָהר פּלאַן.

(42)

פאר מעהרערע איינצעלהייטען ווענדען זיך צו :

# נחלת השבים

229 איסט בראָדוויי, ניו יארק, נ. י.

טעלעפאָן אָרטשאַרד 4 - 1938, 9602

Nachlath Hashovim, 229 East Broadway, New York

# שוחטים פעראייניגט זיך!

די שוחטים פון גאנץ אמעריקא און קענעדע מוזען זיך פאראייניגען אין איין גרויסער, שטארקער מעכטיגער ארגאניזאציע. זייער פאראייניגונג וועט זיין א גליק און א ברכה פאר'ן יודענטום ווי אויך פאר זיי אליין.

די שוחטי עופות פון גרוים נויארק זיינען פאראייניגט אין א גרויסער שטארקער שוחטים יוניאן, — 300 שוחטים מופלגי תורה יראים ושלמים האבען א שטארקע מעכטיגע ארגאניזאציע — זיי זיינען דערפאר שטארק און זעלבסטשטענדיג און האבען די מעגליכקייט צו באזארגען ריכטיג די עניני הכשרות.

ווארום זאלען אלע שוחטים פון גאנצען לאנד ניט נאכטאן דעם גוטען ביישפיל פון די שוחטים יוניאן פון גרייטער נויארק ? !

אין פאראייניגונג ליגט שטארקייט. די שוחטים יוניאן פון נויארק איז גרייט צו העלפען אלע שוחטים פון לאנד צו ארגאניזירען זיך. שרייבט אונז אלעס וואס עס קומט פאר ביי אייך אין אייערע קהלות: וועגען אייער לאגע, וועגען דעם מצב פון שחיטה און פון שוחטים, מיט וואס קענען מיר און דארפען מיר אייך העלפען ? שיקט אונז צו אייערע אדרעסען, ווען איהר וועט דארפען אונזער הילף וועלען מיר אייך שיקען אונזערע בעסטע און פעהיגסטע רעדנער און ארגאניזירער צו העלפען אייך. מיר ווילען אייך העלפן מאראליש, מיר ווילען זעהען א פאראייניגטע שוחטים יוניאן איבער'ן גאנצען לאנד.

די שוחטים פון לאנד מוזען זיין פאראייניגט. ווען דער שוחט באלאנגט ניט צו קיין שטארקע שוחטים יוניאן איז ער שוואך און הילפלאז, קען גאר ניט טאן, ניט פאר זיך און ניט פאר כשרות. ווען ער באלאנגט אבער צו א שטארקע שוחטים יוניאן איז ער שטארק ניט נאר פינאנציעל, נאר אויך גייסטיג.

אין פאראייניגונג ליגט אייער צוקונפט. אייער גליק ווי אויך די צוקונפט פון ריכטיגע כשרות אין אמעריקא.

שיקט אונז אריין אייערע אדרעסען און לאזט אונז וויסען פון אלעס וואס ביי אייך קומט פאר, מיר ווילען אייך העלפען, ווייל דאס איז אונזער ציעל און אויך אונזער הייליגע פליכט צו שחיטה, וועלכע איז א מלאכת הקדש און צו אונזערע ברידער שוחטים בכל תפוצות ישראל.

ווענדעט זיך לויט פאלגענדען אדרעס:

**SCHOCHTIM STIMME**

**229 EAST BROADWAY,**

**NEW YORK, N. Y.**

# „נחלת השבים"

איז אן ארגאניזאציע פון שוחטים, וועלכע ווילען זיך פערזארגען מיט א זיכערען איינקונפט אויף די עלטערע יאהרען און ניט צו זיין אבהענגיג אין גאנצען אויף שחיטה.

**מיט א קליינע וועכענטליכע איינצאלונג קאנט איהר זיך פארזארגען מיט א זיכערע איינקונפט פון $25 א וואך פאר דעם גאנצען לעבען**

ווערט א מיטגליד אין די נ ח ל ת ה ש ב י ם, וועלכע געהען פלאנצען א פ ר ד ס אין א"י פאר איהרע חברים, וואס דאס איז היינט צו טאג דער זיכערסטער און בעסטער אינוועסטמענט אויף דער גאנצער וועלט.

פאר איינצעלהייטען ווענדען זיך צו:

**רעוו. יעקב בלום**
פרעזידענט שוחטים יוניאן,
229 איסט בראדוויי, ניו יארק

**REV. JACOB BLOOM**
President, Schochtim Union
229 East Broadway, New York

45

RABBI S. L. HURWITZ, Editor.

הרב שמריהו ליב הורוויץ, רעדאקטאר.

# די שוחטים שטימע

# SCHOCHTIM SHTIMME

מאנאטליכער זשורנאל, ארויסגעגעבען ביי די אגודת שוחטי עופות דניו יארק רבתי

**Monthly Magazine, published by the Poultry Schochtim Union of Greater New York**

**Affiliated with the American Federation of Labor, Local 440**

**229 East Broadway, New York, N. Y.** **Telephone: Orchard 4—1938 — 9605**

**Vol. I. No. 3. MAY, 1932.** ב"ה ניו יארק, אייר, תרצ"ב ערשטער יאהרגאנג, נומער 3.

## אינהאלט:

עדיטאריעלס:

א. אן אל־וועלטליכע שוחטים ארגאניזאציע.

ב. דער מצב פון שוחטים און שחיטה אין דעטראיט, מיש.

ג. די „אגודת השוחטים" פון פוילען באגריסען אונז.

דער מצב פון שוחטים אין ניו יארק — — — — — — — — — רעוו. יוסף ראזענמאן

חד וחלק (פעליעטאן) — — — — — — — — — — — — — — — לץ בן לץ

ספירה (שיר) — — — — — — — — — — — — — — — — הרב הלל יעקב הורוויץ

צאתכם לשלום — חברים יקרים — באגריסונג.

## השומר

ספירה — — — — — — — — — — — — — — — — — — הרב שמריהו ליב הורוויץ

תא שמע (זכרונות) — — — — — — — — — — — — — — — יהושע נוביגרודסקי

שאלות ותשובות בדיני הריאה — — — — — — — — — — הקדוש ר' שניאור זלמן מלאדי

אבל גדול לאחד מיחידי סגולה — — — — — — — — — — — — — — הר"י סומין

מכתבי ברכה ועדוד

„גלילי זהב" — — — — — — — — — — — — — — — — — הרב מנחם הכהן ריזיקאוו

ספרים חדשים — — — — — — — — — — — — — — — — — — — בן דוב

**Subscription Price, $3.00 a year.** סובסקריבשאן 3 דאלאר א יאהר.

**Application for second-class matter is pending.**

# באגייסטערטער מיטינג פון „נחלת השבים“ ערוועהלט בעאמטע

די „נחלת השבים“ האבן אפגעהאלטען א גוט באזוכטען מיטינג אין אפיס פון די שוחטים יוניאן 229 איסט בראדוויי.

פרעזידענט חבר בלום ערעפענט דעם מיטינג.

סעקרעטער, חבר ווילנער לעזט פאר פארהאנדלונגען פון דער לעצטער פארזאמלונג און פון די אלע איינגעצאהלטע געלטער, און מיט גרויס באגייסטערונג ווערט עס ביי די חברים גוטגעהייסען.

פרעזידענט חבר בלום באריכטעט וועגען זיין אויפגאבע צו עפענען אן אקאונט מיט א בייאנק פאר די „נחלת השבים“. דאס ער און דער טרעזשורער חבר קרולאוויטש האבען דאס פינקטליך דורכגעפיהרט און האבען געעפענט דעם אקאונט מיט די גאראנטי טראסט קאמפאני, וועלכע האט א ברענטש אין תל אביב, די בארקלי בייאנק, און דערפאר וועלען אונזערע געלט טראנזעקשאנס קענען זיין דירעקט דורך די בייאנק.

אלס קאמיטע צו פאהרען קיין ארץ ישראל קויפען לאנד פאר די „נחלת השבים“, ווערען ערוועהלט פרעזידענט חבר בלום און חבר זילבערמאן.

דאן קומט פאר אינסטאליישאן פאר די ערשטע געזעצליך ערוויילטע בעאמטע פון די נחלת השבים. חבר באסקאוויטש ווערט געלאדען אינסטאלירען דעם פרעזידענט. ער נעמט עס אן מיט פארגעניגען, און אינסטאלירט חבר בלום אלס פרעזידענט פאר די נחלת השבים, ווינשט איהם געזונד און גליק. אויך ווינשען אלע חברים אז דער פרעזידענט און מיר אלע צוזאמען זאלען זוכה זיין פרייען זיך אין אונזער הייליג לאנד ארץ ישראל. חבר בלום נעמט איבער דעם אמט פון פרעזידענט און אינסטאלירט די אלע אנדערע ערוועהלטע בעאמטע; אלס 1-טער וויים פרעזידענט, חבר ברוקס( 2-טער וויים פרעזידענט, חבר באסקאוויטש; טרעזשורער, חבר קרולאוויטש, און אלס סעקרעטאר, חבר ווילנער.

פרעזידענט חבר בלום האלט זעהר א געלונגענע פייערדיגע הארציגע רעדע, אויך טרעזשורער חבר קרולאוויטש און אלע אנדערע בעאמטע, באדאנקען די חברים פאר דעם כבוד וואס מען האט זיי צוגעטהיילט. אלע חברים שטעלען זיך אויף און זינגען התקוה, וועלכעס האט ביי פילע חברים ארויסגערופען דמעות של שמחה.

אין אלגעמיין איז דער אווענד געווען דורכגעפיהרט מיט גרויס ענטוזיאזם., א אווענד וואס וועט זיך קיין מאל נים לאזען פארגעסען. עס האט בולט ארויסגעצייגט ווי אלע נשמות פון די חברים זיינען פערקערפערט אין איין גייסט וועלכער שטרעבט צו מאכען דעם לעבען שעהנער, הייליגער אין אלע פרטים, הן אין רוחניות הן אין נשמיות, און ערווארטען א שעהנערע גליקליכע צוקונפט.

פאלגענדע חברים האבען געקויפט נחלה ביי די „נחלת השבים“ און האבען איינגעצאהלט זייער ערשטע איינצאהלונג.

פנחס פריידער — 10 דונאם; שלמה פריידער — 10 דונאם: מרדכי ברוקס — 30 דונאם; ישכר בעררי — 100 דונאם; שלמה ווערניק — 20 דונאם; יעקב גאלדוואסער — 10 דונאם; עזריאל טאבאטשניק — 10 דונאם; צבי שיף — 20 דונאם; אברהם שראן — 10 דונאם; חיים ראובן בערענסנאפ — 10 דונאם; יעקב גלייזער — 10 דונאם; אלתר זיבערמאן — 10 דונאם; משה חיים כיעל — 10 דונאם; יעקב בלום — 50 דונאם; יוסף ראזענמאן — 25 דונאם; שמואל קרולעוויטש — 20 דונאם; זלמן ריטשמאן — 15 דונאם; משה צבי ווילנער — 15 דונאם; יעקב לוריה — 20 דונאם; ה. מארנאלים — 10 דונאם; חיים נאהאן — 10 דונאם; ישראל באסקאוויטש 10 ד.

ם. ווילנער, סעקרעטאר פון „נחלת השבים“.


## וויכטיג פאר שוחטים

איןווארשא (פוילען) ערשיינט א מאנאטליכער הודש ארגאן א. נ. „די שוחטים שטימע“ (5טער יאהרגאנג) וועלכער איז געווידמעט אלע שוחטים אינטערעסען.

אין „די שוחטים שטימע“ געפינט זיך אן אבטיילונג א. נ. „תורת הזבח“ וואו שוחטים שמועסען זיך אדורך וועגען עניני שחיטות וטריפות.

**דער פרייז פאר אמעריקא א. א. לענדער איז $1 א יאהר.**

ביי די רעדאקציע „די שוחטים שטימע“ איז אויך צו באקומען ע כ ט ע ב ע ל ג י ש ע ג ר א ב ע ם און ג ר י נ ע ש ט י י נ ע ר. די שטיינער ווערען אויסגעקליבען דורך שוחטים מבינים, און אזא שטיין גיט יעדען שוחט די מעגליכקייט אבצושטעלען א חלף אין פארלויף פון עטליכע מינוט.

ביי די רעדאקציע איז אויך צו באקומען ח ל פ י ם אין אלע גרויסען און פון די בעסטע סארטען, אויך ש י י ד ע ן קונסטליך און פרעכטיג אויסגעארבייט אין אלע גרויסען. עס איז א ציהרונג פאר א שוחט צו האלטען אין זיי א חלף.

דער אדרעס פון דער רעדאקציע איז:

**RED. DIE SZOCHTEM-SZTYME**
**Warszawa, Muranowska 4, m. 30, Poland**

# די שוחטים שטימע

איר, תרצ"ב

ערשטער יאהרגאנג. נומער 3


## אן אלוועלטליכע שוחטים ארגאניזאציע

אין א באזונדער פלאץ אין דיזען נומער פון אונזער ארגאן „די שוחטים שטימע", וועט דער לעזער געפינען א הארציגע באגריסונג צו אונזער ארגאן, פון די אגודת השוחטים אין פוילען און פון זייער ארגאן „די שוחטים שטימע", וועלכער ערשיינט מאנאטליך אין ווארשא.

דער חשוב'ער ענערגישער רעדאקטאר פון די ווארשעווער „שוחטים שטימע" אין זיין באגריסונג צו אונזער ארגאן, באמערקט צווישען אנדערש, אז „יעדער ארגאניזאציע פרואוו, באזונדערס יעדע נייע ציימונג, געווידמעט די שוחטים אינטערעסען, דערפיהרט צו דעם גרויסען און ערהאבענעם מאמענט, ווען פון אלע שוחטים ארגאניזאציעס אין די באזונדערע לענדער וועט געשאפען ווערען אן אלוועלטליכע שוחטים ארגאניזאציע, וואס וועט זיך געגענזייטיג העלפען מיט אלעם נויטיגען, כדי צו פארלייכטערען דאס לעבען פון די שוחטים בכל מקומות מושבותיהם".

די שוחטים פון אלע פערשידענע לענדער אין דער גאנצער וועלט זיינען דאך פאראייניגט. דער שוחט פון אמעריקא און דער שוחט פון פוילען, ארץ ישראל, אפריקא און מצרים, וואו נאר עס געפינט זיך אין א ווינקעל פון דער וועלט א אידישע קהלה מיט א שוחט וואס טוט זיין מלאכת הקודש, טוט אט יענער שוחט די זעלבע נוצליכע הייליגע ארבייט וואס זיין ברודער שוחט טוט אין אן אנדער טהייל פון דער וועלט. אלע שוחטים פון דער וועלט לעהרנען די זעלבע דינים פון שחיטה, אלע האבען די זעלבע פליכט, אלע שוחטים פון דער וועלט שטעהען אונטער איין און דעם זעלבען קאנטראל, אונטער דעם קאנטראל פון אונזער הייליגען שלחן ערוך. די שוחטים פון דער גאנצער וועלט זיינען פאראייניגט.

די שוחטים זיינען פאראייניגט גייסטיג, נשמה'דיג. זיי לעבען אלע אין די זעלבע גייסטיגע און מאראלישע וועלט. דער אומגליק אבער איז וואס זיי זיינען נים פאראייניגט אלע צוזאמען ווי ברידער און חברים פון איין הייליגע ארבייט, אום צו פארטיידיגען זייערע עקאנאמישע אינטערעסען, און צו פארשטארקען דעם מצב הכשרות און דעם מצב פון אידישקייט אין דער גאנצער וועלט.

און עס מוז פארשטאנען ווערען, עס מוז קלאר ווערען פאר יעדען ווימעס הארץ קלאפט פאר'ן יודענטהום, פאר קדושה, פאר ריכטיגע כשרות, וועלכעס איז דער נעזונטער יסוד פון אידישקייט, פאר שוחטים, רבנים, אדער פאר יעדען אמת'ען פרומען איד, אז דארט וואו דער שוחט איז נים זיכער מיט זיין פרנסה, דארט וואו ער ליידט, קען נים זיין קיין ריכטיגע כשרות. דער שוחט מוז האבען א רוהיגע קאפ, כדי אויף זיין חלף זאל קיין פגימה נים זיין, כדי זיין שחיטה זאל זיין אמת כשר, און ווען דער שוחט איז נים פארזארגט, ווען אים פעהלט פרנסה צו ערנערען זיינע קינדער, ווען ער ווערט באליידיגט און ערנידעריגט ביי זיינע בעלי בתים, דאן איז דא די גרויסע געפאהר אז די יסודות פון כשרות ווערען שטארק אנגעגריפען און די אידישע נשמה אין איהר שורש און מקור זאל אויפגעטרייסעלט ווערען פון שרעקליכע פגימות נים נור אויף דעם שוחט'ס חלף נור אויף די נשמה פון יעדען כשר'ען אידען.

עס ליגט דערפאר א הייליגע פליכט אויף יעדען שוחט וואו ער זאל נים זיין, ער זאל זיך אנשליסען אין די אגודת השוחטים, וועלכע עקזיסטירט. און ווען אזא ארגאניזאציע עקזיסטירט נים, איז די פליכט פון יעדען שוחט צו שאפען א שוחטים ארגאניזאציע אין זיין לאנד אדער אין זיין קהלה. יעדער שוחט מוז ארבייטען מיט מסירת נפש פאר די אויפהאלטונג פון א שוחטים ארגאן ווי „די שוחטים שטימע" פון ניו יארק און פון ווארשע און פארשפרייטען זיין צייטונג צווישען די מיטגלידער פון זיין קהלה, און ווען יעדע לאנד וועט האבען אן אמת'ע ריכטיגע שוחטים יוניאן אזוי ווי עס האבען געשאפען אין ניו יארק די אגודת שוחטי עופות און די שוחטים אין פוילען, דאן וועט זיין מעגליך און אויך נויטיג צו שאפען אן אלוועלטליכע שוחטים ארגאניזאציע. וועלכע זאל פארטרעטען פאר דער גאנצער אידישער וועלט די אינטערעסען פון שחיטה און שוחטים, און אויפהויבען דעם פרעסטיזש און דעם כבוד פון דעם שוחט אויף דער גאנצער וועלט, און דורכדעם פארזארגען די ענינים פון ריכטיגע און אמת'ע כשרות על פי דת תורתנו הקדושה.

די לאגע פון די שוחטים איז שרעקליך און זעהר ביטער. די לאגע פון אונזערע רבנים שליט"א איז אויך א שרעקליכע און א פארצווייפעלטע. דער שרעקליכער עקאנאמישער קריזיס פון דער גאנצער וועלט, און וואס נאך ערגער, דער שרעקליכער גייסטיגער קריזיס, צוטרייסעלט יעצט און מאכט חרוב די יסודות פון יודענטהום. אונזער הייליגע אמונה געפינט זיך יעצט אין דער גרעסטער געפאהר, און צוזאמען מיט איהר אויך די טרעגער און אונטערשטיצער פון אונזער אמונה והת; די רבנים און די שוחטים. עס איז ניטא קיין אנדער וועג יעצט נור אז די רבנים און די שוחטים מוזען זיך פאראייניגען און מיט געמיינשאפטליכע קרעפטען קעמפען קעגען די הפקרות פון דער אידישער גאס, געגען פיהרער פארפיהרער. אבער צו ערשט מוז קומען די פאראייניגונג פון אלע שוחטים, אפריהער מוזען זיך פאראייניגען די שוחטים פון יעדע לאנד באזונדער.

און דאן וועט מוזען קומען אן אלוועלטליכע שוחטים ארגאניזאציע.

עס וואלט דערפאר געווען נויטיג צו רופען א שוחטים קאנווענשאן פון אלע שוחטים פון דער גאנצער וועלט. אויף יענע גרויסע הייליגע שוחטים קאנווענשאן זאל גע־לעגט ווערען דער יסוד פאר אן אלוועלטליכע שוחטים ארגאניזאציע, וואו אלע שוחטים פון דער גאנצער וועלט זאלען זיך פאראייניגען.

מיר וואלטען וועלען הערען וועגען דעם די מיינונג פן אנזערע ברידער שחטים אין דער גאנצער וועלט בכלל, און פון די ברידער שוחטים אין אמעריקא און קאנאדא בפרט.

אונזער חודש זשורנאל „די שוחטים שטימע" איז אפען פאר די שוחטים פון דער גאנצער וועלט. מיר וועלען דרוקען די מיינונגען פון אלע שוחטים וועגען דער וויכטיגער פראגע פון פאראייניגונג בכלל און וועגען דעם מצב השוחטים און שחיטה בכל מקומות מושבותיהם בפרט.

---

## דער מצב פון שוחטים און שחיטה אין דעטראיט, מישיגאן

מען שרייבט אונז פון דעטראיט, מישיגאן, אז די לאגע פון די שוחטים און שחיטת עופות דארט איז שרעקליך. די רבנים פון דארט האבען פיעל מאל געוואלט פאר־איינינען די שוחטים, אבער עס האט זיך זיי ניט איינגע־געבען, ווייל יערען מאל האבען זיך געפינען שוחטים, וועלכע האבען געשטערט די פאראייניגונג. שחיטת עופות איז דארט כמעט ווי הפקר. ווער עס וויל קומט און ווערט א שוחט. די קאנקורענץ איז גרויס. גע'אסר'טע שוחטים שטייען און שעכטען און זיינען מאכיל נבלות און טרפות. דער מאטעריעלער מצב פון די שוחטים איז זעהר שלעכט.

דעטראיט מישיגען האט חשוב'ע רבנים, אויך אונזער פריינד דער באוואוסטער רב הרב ר' שמואל מנחם הלוי פיין וואלט געוויס געהאלפען ארגאניזירען די שוחטים ווי געהעריג איז. געבענשט זאלען זיין די הענד וועלכע וועלען ארגאניזירען די שוחטים פון דעטראיט. זאלען יענע שוחטים נעמען א גוטען ביי־שפיעל פון די שוחטי עופות פון ניו יארק, וועלכע האט א שטארקע יוניאן, און די חברים שוחטים זיינען דערפאר געזיכערט מיט זייער פרנסה, און דורכדעם איז אויך כשרות געזיכערט. ברידער שוחטים! פאראייניגט זיך, קענען מיר אייך העלפען? שרייבט אונז, מיט וואס קענען מיר אייך העלפען?

---

## די „אגודת השוחטים" פון פוילען און זייער ארגאן די „שוחטים שטימע" פון ווארשא, באגריסען די „שוחטים שטימע" פון ניו יארק

אין דעם מאנאטליכען זשורנאל „די שוחטים שטימע" פון ווארשא (פוילען) לייענען מיר פאלגענדעס: א נייער שוחטים ארגאן אין ניו יארק.

„דער געדאנק צו ארגאניזירען די שוחטים אין דער גאנצער וועלט, וועלכער איז געווארפען געווארען מיט א שטארקען אימפעט דורך אונזער ארגאן „די שוחטים שטימע". האט אין אלע אידישע קבוצים ארויסגערופען גרויס באגייסטערונג און א התעוררות ביי די שוחטים, צו ארגאניזירען זיך ווי אויך ארויסצוגעבען אייגענע שוחטים ארגאנען. אין אלע לענדער פיהלען זיך די שוחטים פאר־איינזאמט און בעדראהט אין זייער עקזיסטענץ און זיי קומען צו דער איבערצייגונג, אז דער איינציגער רעטונגס וועג איז צו ארגאניזירען זיך אין איין קערפערשאפט, וועלכע זאל פארטיידיגען די אינטערעסען פון די שוחטים.

און מערקווירדיג: איבעראל פארשטעהט מען צו פאר־בינדען די ארגאניזאציע מיט אן אייגענעם שוחטים ארגאן. דאס איז איבעריגענס גאנץ פארשטענדליך, ווייל אויסער די אויסגאבען פון אזא ארגאן כלפי חוץ צו פארטיידיגען די שוחטים אינטערעסען, איז אזא ארגאן דער איינציגער פארבינדונגס פונקט פאר די שוחטים וואס זיינען צוזייט און צעשפרייט איבער פאר־שידענע שטחים און א פערזענליכע פארבינדונג איז פאר זיי כמעט אוממעגליך.

לעצטענס האבען מיר ערהאלטען פון ניו יארק דעם ערשטען נומער פון א נייעם שוחטים ארגאן, וואס ווערט ארויסגעגעבען פון „אגודת שוחטי עופות דניו יארק רבתי", אונטער דעם נאמען „די שוחטים שטימע".

מיר באגריסען אונזערע ניו יארקער שוחטים חברים צום ערשיינען פון זייער ארגאן, מיר האלטען, אז יעדער ארגאניזאציע פרוב. באזונדערס יעדע נייע ציטונג געווידמעט די שוחטים אינטערעסען, דערפיהרט צו דעם גרויסען און ערהאבענעם מאמענט, ווען פון אלע שוחטים ארגאניזאציעס אין די באזונדערע לענדער וועט געשאפען ווערען אן אלוועלטליכע שוחטים ארגאניזאציע, וואס וועט זיך געגענזייטיג העלפען מיט אלעם נויטיגען, כדי צו פאר־לייכטערען דאס לעבען פון די שוחטים בכל מקומות מושבותיהם.

די צייטונג האט אויך א ביילאגע אויף לשון הקודש אונטער דעם נאמען „השומר". בכלל איז די צייטונג שעהן ארויסגעגעבען און מאכט זעהר א גוטען איינדרוק.

מיר ווינשען אונזער ברודער ארגאן אין ניו יארק אריכת ימים און א גרויסען טיראזש, און מיר ווילען האפען אויף א פריינדליכער צוזאמענארבייט אזוי, אז אונזער ארגאן „די שוחטים שטימע" ווי אויך דער ניו־יארקער ארגאן „די שוחטים שטימע" און „השומר" אין בכלל אלע שוחטים אויסגאבען צוזאמען וועלען לייסטען ממשות'דיגע מעשים לטובת הרמת קרן השוחטים בכל תפוצות ישראל".

---

די שוחטים פון ניו יארק מיט זייער ארגאן „די שוחטים שטימע" שטרעקען אויס א פריינדליכע ברודער האנד צו די חברים שוחטים פון פוילען. מיר זיינען גרייט ארבייטען צוזאמען: ניו יארק און ווארשא האבען זיך פאראייניגט!! און זאל אונזער פאראייניגונג זיין א גליק און א ברכה צו די שוחטים ווי אויך צו כשרות און חזוק התורה והדת!

# דער מצב פון שוחטים אין ניו יאָרק

(די לאַגע אמאָל און די לאַגע היינט צו טאָג) פון רעוו. יוסף ראָזענמאַן, סעק. פון דער אגודת השוחטים

די גרויסע שרעקליכע דעפרעסיע וואָס האָט ארומגענומען די גאַנצע וועלט, האָט אויך ניט דורכגעלאָזען די שוחטים יוניאָן, וועלכע איז קליין אין איהר צאָל מעמבערס, אָבער גרויס און מעכטיג אין איהרע אויפטוהונגען, וואָס זי האָט באַוויזען דורכצופיהרען פון דער צייט וואָס זי האָט צונויפגעבראכט און אָרגאַניזירט אַלע ניו יאָרקער שוחטים אונטער איין פאַרבאַנד, אונטער דעם נאָמען „אגודת השוחטים דניו יאָרק רבתי“ לאָקאַל 440, און עס איז ווירקליך געקומען די צייט אז ניו יאָרקער אידען זאָלען וויסען כאָטש עפּעס פון די פאַרצווייגטע שווערע אויפגאבען וואָס די שוחטים יוניאָן האָט גענהאַט פאַר זיך, אום צו קענען געבען חיונה צו אַלע מעמבערס, ווי אויך אָפּשאַפען דעם הפקר צושטאַנד וואָס עס האָט געהערשט אין דעם פעלד פון שחיטת עופות. דער שוחט איז אַלעמאָל געווען הפקר, מען האָט געצאַפּט זיין בלוט ווי וואסער, ווייל ער האָט ניט געהאַט וועמען עס זאָל זיך פאַר איהם אָננעמען, ווייל די שוחטים זיינען ניט געווען פאַראייניגט, און דאָס האָט געבראכט דערצו, דאָס יעדער איינער האָט געטראָטען דעם שוחט מיט די פיס, מיט די גרעבסטע באַליידיגונגען. און ווען א שוחט האָט געפּרובט זיך פאַרטיידיגען און געקראַנגען דעם שמינית שבשמינית גאוה וואָס א תלמיד חכם דאַרף באַזיצען, האָט ער גלייך דערפילט זיין טעות. און אך און וועה איז צו איהם באַלד געוואָרען. מען האָט איהם גלייך ארויסגעיאָגט פון זיין מאַרקעט, כאָטש ער האָט באַצאָלט גוטע געלד דעם מאַרקעט מאַן פאַר זיין ארבייט, און א צווייטער שוחט א מסיג גבול (א סקעב), האָט גלייך פאַרנומען זיין פּלאַץ אין מאַרקעט. דער שוחט האָט נעבאַך גלייך איינגעזעהן אז ער איז באַגאַנגען א טעות מיט זיין שטעלען זיך נעגען זיין בעל הבית, פאַר ניט לאָזען זיך באַליידיגען פון איהם, און האָט גלייך חרטה געקראָגען, און געטרייעט גלייך לויפען איבערבעטען זיין באָס און זאָגען איהם „אהבתי את אדוני!“ איך וועל שוין זיין געהאָרכזאַם, פאָלגען און העלפען דעם באָס, א חוץ שחיטה, העלפען אויסקערען דעם מאַרקעט, סענוועסען קאָסטימערס, איינריידען קונים אז ער האָט די בעסטע טשיקענס, און זיי זאָלען נאָר קויפען אין זיין מאַרקעט זייער סחורה, ווייל אויב דער מאַרקעט מאַן וועט נישט האָבען קיין קאָסטימערס, וועט דאָך דער שוחט ניט האָבען פאַר וועמען צו שעכטען, און פרנסה דאַרף מען דאָך האָבען, מען האָט דאָך א פרוי מיט קליינע קינדער וואָס בעטען עסען, און מען דאַרף צאָלען דעם מלמד שכר למוד, און אז מען פאַרלירט דעם „דזשאָב“

# חד וחלק

(פעליעטאָן) פון **לץ בן לץ**

אמר לץ בן לץ, איך בין א איד קאָטאָרי וועלכער האָב באַזוכט די גאַנצע וועלט, בין געווען כמעט אין אַלע אידישע קהלות פון דער גאַנצער וועלט, און איך האָב ערגעץ ניט געטראָפען אַזוי פיעל כשרות ווי אין אַמעריקא. עס איז פשוט הימעל, ערד און כשרות. וואו מען שטעהט, וואו מען געהט, אויף יעדען שריט און טריט וואו אידען וואָהנען טרעפט איהר גרויסע פייערדיגע בוכשטאַבען, וועלכע שרייען צו אייך כשר! כשר! כשר!

די פענסטער פון די קצבים זיינען כשר (די פלייש? זועד וויים? מען זאָגט אַז ניט... אָבער ווער דאַרף די פלייש? אַבי די פענסטער זיינען כשר, איז דאָס'ס אַלל!...) די שטייגער פון גאָס אַרום אַ מאַרקעט זיינען — כשר! אָטאָמאָבילען, טראָקס, אויף זיי אַ גרויסער אויפשריפט כשר! כשר! אפילו זאַלץ און וואַסער האָבען אַ הכשר, און זיינען כשר למהדרין מן המהדרין, בידוע! און ניט נור עסענווארג, שפּייז, זיינען כשר, נור אויך מענשען און אינסטיטוציעס זיינען כשר. עס געפינט זיך אין בראָנזוויל און אין ניו יאָרק — כ ש ר ' ע באָרבערס... פּרוסטע אידען, איבערהויפט אידען וואָס באַלאַנגען צו אַ „שטיבעל“ שערען זיך נור ביים „כשר'ען באַרבער“, ושחיטתן כשרה!...

פון די אַלע „כשר'ע“ וועלכע אַמעריקא איז געבענשט פאַרנעמט אַ חשוב'ען פלאַץ דער כ ש ר ' ע ר ב ו ט ש ע ר, וועלכער איז אַ אינסטיטוציע פאַר זיך אַליין און פאַרנעמט זעהר אַ וויכטיגען פלאַץ אין דעם מזרח וואַנט פון כשרות. אין דער אַלטער היים איז געווען אַ קצב מיט גרויסע שטיוועל, מיט די לאַנגע כאַליעוועס, פלעגט שטעהן אין שוהל אַרום טיר, האָט געהאַט געוואַלדיגען דרך ארץ פאַר'ן שוחט, האָט געוואוסט זיין פלאַץ, דאָ אין אַמעריקא האָט זיך דער קצב אַרויפגעאַרבייט און איז געוואָרען אַ „כשר'ער בוטשער“.

געפינען זיך עטליכע סאָרטען כשר'ע בוטשערס. אַ גרויסער טייל זיינען כשר ביים נאָמען אָבער ניט ביי די פלייש. אַנדערע זיינען כשר אי ביים נאָמען אי זיי זיינען באמת מדקדק אויף כשרות, און אַנדערע רופען זיך אַליין כשר'ער בוטשער אַז מען רופט זיי טריפה בוטשערס.

אַ גרויסע טייל פון די זאָגענאַנטע כשר'ע בוטשערס, יונגע

קען מען קיין צווייטען ניט באקומען, ווײלע שוחטים זיינען
דאך אין דעם זינען געווען דאמאלסט ערגער פון יע יער
בעל מלאכה וואס האט געהאט מעהר אדער ווינציגער א
יוניאן צו וועמען זיך צו ווענדען, איימיצער זאל זיך אנ־
נעמען פאר זיין עולה וואס מען באגעהט נעגען אים. אבער
שוחטים זיינען ניט געווען ארגאניזירט און דארום זיינען
זיי געווען הפסר.

אמת עס איז פילע מאל געשאפען געווארען אין גע־
ווסע טיילען פון שטאדט קליינע אגודות פון שוחטים,
אבער לײדער אהן ערפאלג, ווייל דער סיסטעם פון שחיטות
עופות איז געווען אין יעדער טייל פון שטאדט אנדערש,
און די שוחטים זיינען געווען פשוט נעגנער איינער דעם
אנדערען אהן א פארוואס, ביז ענדליך מיט עטלעכע יאהר
צוריק, שוחטים האבען אויפגעוואכט פון זייער לעטאר־
גישען שלאף, האבען מעהר ניט געקענט אויסהאלטען דעם
גייסטיגען און מאטעריעלען דרוק, און פילע אלטע שוחטים
פיאנערען זיינען זיך צוזאמענגעקומען אין אן ענגען קרייז,
און נענומען זיך אריינטראכטען מיט קאפ, וואס וועט זיין
דער סוף פון אונז שוחטים? און באלד טאקע פארשטאנען,
אז „אם אין אני לי מי לי“? און אנגעפאנגען רופען מיטינ־
גען, ווי אויך אניטירען פאר א פאראייניגטער שוחטים
יוניאן פון גרייטער ניו יארק, מיט א צענטראלער קערפער־
שאפט, אויף דעם שטייגער פון אלע יוניאנס.

אבער דא פאנגען זיך ערשט אן אונזערע צרות, ווייל
יעדער בארא האט זיך געהאט באזונדערע שחיטה קאנדי־
ציאנען, דהיינו, אין יארקוויל, הארלעם און בראנקס האבען

די שוחטים נעארבייט פאר „ווײדזשעס“, ־קריגענדיג
צאלט דירעקט פון מארקעט מאן פאר זייער ארבייט.
דער איסט סייד און בראנזוויל איז אנגעגאנגען א שקלא
סיסטעם, דאס הייסט, קאנטראקטינג ביזנ
איין שוחט האט געהאט א קאנטראקט מיט דעם מאר
מאן, באצאלט גרויסע רענט צום מארקעט מאן פאר
פריווילעגיע צו זיין ביי איהם דער באס שוחט, און
שוחט האט קאלעקטעט איין סענט פון יעדען טשיקען ו
ער האט קעשחט'ען פון דעם בוטשער דירעקט, דאס חי
דער מארקעט מאן האט גאר ניט געצאלט צום שוחט.
דאס נאטירליך איז געווען א גרויסער שטער, עס ה
צוליעב דעם געהערשט גרוים שקלאפעריי, שוחטים הא
געשקלאפט ביי זייערע אייגענע ברידער די קאנטראקט
פאר א קליינעם געהאלט, פון 3 ביז 5 דאלאר א וו
נאטירליך האט דאס געשטערט צו דער פאראייניגונג.

אמת מיט 12 יאהר צוריק האט א ביסעל א שיין געט
די זוהן פאר די שוחטים, וועלכע האבען געמיינט, אז
גאולה קומט שוין. עס האט זיך געפונען א רייכער איד מ
דעם נאמען טראווים, וועלכער האט זיך געלאזט קאס
ארום 40 ביז 50 טויזענד דאלער אפצושאפען דעם ה
צושטאנד פון כשרות און האט אנגעפאנגען מיט די שוחט
זיי צו ארגאניזירען. ער האט געעפענט אין 5־טע עווע
אן אפיס, געצאלט די שוחטים וועכענטליכע שכירות,
דער שפיצע איז דאן געשטאנען די אגודת הרבנים מ
איינפלוס רייכע בעלי בתים, לײדער האט דאס ניט
האט קיין לאנגע יאהרען, און דעם חלום וואס שוחט

ליום, זיינען גוואלדיגע שומרי שבת, זוי עס קומט נור דער
ליבער זומער ווארטען זיי אפ שבת אין דערפריה אויף די
פלייש וואס ווערט געבראכט צו זיי אויף פארקויפען, (ווען
אידען געהען שבת אין דער פריה אין שוהל דאן זעהט מען
ארום יעדען בוטשער שאפ טראקס פון פלייש וואס ווערט דער
ליווערט אום שבת, צו אלע בוטשערס...) פארטיג גע־
ווארען מיט באזארגען די פלייש, פאהרען זיי אוועק שבת פריה
אין קאני איילענד, צו לעבען דארט א גוטען טאג, ווייל זיי
זיינען דאך „כשר'ע“ בוטשערס, שומרי שבת, ווילען זיי מקיים
זיין דעם פסוק פון דער תורה „וקראת לשבת עונג“, פאהרען
זיי אין קוני איילענד, אדער ערגעץ אנדערש נעבען ים, אדער
אין די בערג, צו האבען א עונג שבת דורך חלול שבת. זיי
ווייסען מסתמא וואס זיי טוען, ווייל זיי ווילען אז מען זאל
זיי האלטען פאר כשר'ע בוטשערס... און אידישע פרויען געהן
צו זיי קויפען כשר'ע פלייש, ביי זיי איז נים זעהר טייער
אויך, און די ווייבער זאגען „אז מען רופט איהם מענדעלי מעג
מען עסען פון זיין פענדעל“ און דאט'ס אלל...

פאראן אבער סטריקטלי כשר'ע בוטשערס, און אין אמעריקא
זאלט איהר וויסען רבותי, דארף מען זיין קלאר, מען דארף
וויסען וואס עס מיינט כשר, און וואס עס מיינט „סטריקטלי“
כשר. אט וועל איך אייך דערצעהלען, רבותי, א שעהן מעשה'לע
וואס עס האט פאסירט לעצטען זומער מיט מיר אליין. איך,
אייער שטענדיגער לץ פון „די שוחטים שטימע“ האב געפונען

פאר נויטיג פאהרען אין די בערג צו נעמען וואקיישאן, אפרו
זיך א ביסעל, ווייל די הארץ האט מיר געזאגט אז איך
דארפען ווערען דער שטענדיגער לץ פון „די שוחטים שטי
און דאס איז נים אזוי לייכט ווי איהר דענקט, מען ד
חנפ'ענען דעם רעדאקטאר וועלכער האלט זיך פאר א רב א גא
און גאט ווייס און איך ווייס אז ער איז ווייט פון גאו
ווי איך פון מאכען א לעבען (ווען איהר פרעגט מיסעס
וואלט זי אייך קלאר געמאכט מיינע גליקען...) מען ד
לעבען גוט מיט די באמטע פון די שוחטים יוניאן ווע
ווילען פון מיר פטור ווערען, ווייל — זאגען זיי איך ש
זיך צופיל, איך האב א נאטור אנצוטרעטען אויף יענעמס הי
אויגען... איך זאג צופיעל דעם אמת, צו פיעל און צו שא
און שוחטים זיינען נאך אלעמען כלי קודש, דארפען לע
גוט מיט דער גאנצער וועלט, איבערהויפט מיט רבנים, „יר־נא
וכדומה , און איך דארף זיך אויך היטען פון לאיער לעמ
פאר זאגען צופיעל דעם אמת... און טאקי דערפאר האב
געוואלט זיך גוט אויסרוהען בעפאר איך ווער דער לץ פון
„שוחטים שטימע“. אנב וועל איך דארט אין די בערג, טרע
זיך מיט רבנים און „גוטע אידען“ וועלכע האבען דארט א
וואקיישאן רוהיגע קעפ און זייגען פארזארגט מיט עסען
טרינקען, נים ווי אין ניו יארק... בקיצור, איך פאהר
מיינע קינדער צוזאמען אין זייערע אטאמאבילס אין די ב
זוכען א כשר'ען האטעל. „קינדערלאך — זאג איך שטעלע

האבען גע"חלום'ט פאר פילע יאהרען צו ווערען באפרייט פון זייערע ברויט געבער, איז געגצליך אוועקגעפלויגען. זייערע האפענונגען זיינען צורונען געווארען, ווייל אין גאר א קורצער צייט האט אויסגעבראכען א מחלוקת צעווישען פארשידענע רבנישע פראקציעס. און מסיגי גבול (סקעבס) האבען פארנומען די פלעצער פון די אלטע שוחטים, וואס זיינען שוין געשטאנען און געארבייט אין זייערע מארקעטס מעהר ווי א צענדליג יאהרען, און דער גאנצער בנין איז צובראכען געווארען, די שוחטים זיינען ווידער געווארען שקלאפען און הפקר.

אבער דער געדאנק פון צו האבען א גרויסע פאראייניגטע יוניאן לאזט נישט די אלטע שוחטים רוהען, און מען נעמט ווייטער ארגאניזירען, אגיטירען, רופען און ערקלערען, אז דער כח פון פאראייניגונג ליגט אין אונזערע אייגענע הענד, און שטארקער דערפילען מיר די באדייטונג פון דעם „אם אין אני לי מי לי, וכשאני לעצמי מה אני". און די שוחטים וואס זיינען געשטאנען אויף ווידזשעס אין די אויבענדערמאנטע טיילען פון שטאדט ארגאניזירען זיך אין א לאקאל יוניאן פון די א. פ. אף ל. און זייער לאגע ווערט באלד פיל פארבעסערט. אין די באראס אבער וואו עס איז אנגעגאנגען קאנטראקטינג ביזנעס, ווערט די לאגע אויך בעסער, אבער ניט פאר אלע שוחטים נאר פאר די קאנטראקטארס. און דער סיסטעם פון שקלאפעריי גייט ווייטער אן.

נאטירליך די יעניגע שוחטים וואס האבען שוין אפילו אויסגעבעסערט זייער לאגע מאטעריעליש, אבער גייסטליך צו א גרויסער שטופע האט מען ניט געקענט דערגרייכען. ביזוואנען מיר האבען געצוואונגענערהייט איינגאנצען אפגעשאפט די קאנטראקטינג סיסטעם. און אלע שוחטים פון גרייטער ניו יארק האבען זיך ארגאניזירט. דער צוועק איז געווען, ערשטענס, אוועקצושטעלען דעם שוחט מיט רעספעקט, וויפיל דער שוחט איז בארעכטיגט, ווי אויך זעהן צו קענען מאכען א לעבען בכבוד. און מען קען זאגען, אז די אגודת השוחטים ווען זי איז געווארען א יוניאן האט דערגרייכט איהר ציעל. די לאגע איז פון יעדען שוחט געווארען א 100 פראצענט פארבעסערט, סיי גייסטיג און סיי מאטעריעליש. מען באציט זיך צו איהם מעהר מענשליך, שוחטים ארבייטען קורצערע שטונדען, און מאכען אן אנשטענדיגען לעבען, און דאס אליין ברייגגט צו ריכטיגע כשרות.

און מיט דעם וואס מען ארבייט קורצערע שטונדען האט די יוניאן איינגעפירט מיט דער צייט אז מען האט געקענט נאך אנשטעלען צענדליגע נייע שוחטים צו דער ארבייט, די לאגע האט זיך פיעל פארבעסערט, מען באציהט זיך צום שוחט מיט כבוד ווי עס פאסט און ווי עס האט זיך געפירט אין יעדער אידישער קהלה, און אנשטאט וואס דער שוחט האט גענדארפט מיט יאהרען צוריק אויך טהאן אנדערע ארבייט אויסער די שחיטה, וואס האט ערנידעריגט די מלאכת הקודש, ניט דער שוחט יעצט אפ זיין גאנצע צייט ווען ער שטעהט אין מארקעט נאר צו שחיטה, און מיט אלעם וואס האט צו טהאן מיט כשרות: דהיינו, שטעלען דעם חלף און בודק זיין לויט דעם דין און אויך ניט טהאן

מיינע יענקעוואטע קינדער — איהר באזארגט מיך מיט אן אטאמאביל צו פאהרען אין די בערג, און דערפאר וועל איך אייך בעזארגען מיט כשרות, ריכטיגע כשרות, יו־נאו!.."

פאהרען מיר אין די בערג, און מיינע פרומע כשר'ע אייניקלאך זינגען אן אמעריקאנער ליעד, „וואס דהי העל דו ווי קער?..." איך רייד צו זיי וועגען כשרות... חזוק הדת... ארץ ישראל, וויל זיי זאלען באלאנגען צו די אגודת ישראל... איך וויל זיי זאלען אבכונג געבען אויף די פרומקייט פון הרב קוק... השגחה געבען צו טראגען ציצית, צו קענען לערנען... כדי זיי זאלען זיין פרומער פון הרב קוק... אט כדומה למשל, ווי די אגודה'ניקעס... און זיי, מיינע אמעריקאנער חברה שרייען „וואס דהי העל דו ווי קער?!.." אה גאט, קלעהר איך זיך, וואוהין געהט די אמעריקאנער יוגענד?! און, פלוצים די מאשין שטעלט זיך אפ ארום א פראכטפאלען האטעל, א גאלדענע סיין „כ ש ר" גיט מיר א בליץ גלייך אין די אויגען אריין, איך זעה זיך מיט דעם אייגענטימער פונ'ם האטעל און פרעג איהם: „איז ביי אייך 100 פראצענט כשר?" „ניט הונדערט — ענטפערט ער מיר, נור 90 פראצענט כשר". „מיט וועלכע צעהן פראצענט איז ניט כשר?" — פרעג איך איהם. „מיט דערמיט וואס מיר זיינען ניט „פראקטיקלע" מיר קאכען פליישיגס מיט מילכיגס צוזאמען, אזוי אבער איז 90 פראצענט כשר..."

מיר פאהרען ווייטער און מיר זעהען א וואונדערבארען האטעל און — כ ש ר! איך רייד מיט דעם אייגענטימער פונ'ם האטעל וועגען די כשרות און ער דערצעהלט מיר דאס ער האט אן אלטען פאטער וועלכער איז א „געפעהרליכער ארטאדאקס", און דאך איז ער געווען אין זיין האטעל א גאנצען זומער. „וואס פלעגט ער עסען?" — פרעג איך איהם. „וועל — ענטפערט ער מיר, „ער איז א „פאני גאי", ער האט געגעסען נור מילכיגס און פרוכט, און האט געהאט מיט זיך זיין אייגענעם טעפעל אויף צו קאכען.."

און ווען נאך א טאג זוכעניש בין איך ענדליך געקומען צו באסת א פראכטפאלען האטעל, וואו א סיין כ ש ר האט פארנומען א חשוב'ען פלאץ, און דער אייגענטימער פון האטעל פארזיכערט מיר אז ביי איהם איז געוויס כשר, ער חאלט, זאגט ער, זייער שטארק פון כשרות, זיין פרוי איז פאר כשרות, אפילו זיין שוויגער האלט אויך פון כשרות. בין איך שוין כמעט בארוהיגט, און איך הער די „בעל" ריגגט, מען רופט דעם עולם צו דער אכילה און דער האטעל־קיפער גיט מיר א גוטע עצה, בלייבט דא צום דינער, וועט איהר זיך אליין איבערצייגען אז דא איז כשר און גוט, און פיינע געסט האבען מיר דא, זעהר אינטעליגענטע מענשען. פאלג איך איהם. „איך עס ניט יעצט" — זאג איך איהם, „ווייל איך האב יאהרצייט נאך מיין שוויגער, פאסט איך היינט, איך וועל אבער זעהן ווי אנדערע עסען", און איך זעה טאקע — מען סערווירט פלייש, פשיקען, סטייקס מיט — פ ו ט ע ר. ווער איך דאך א פאר־

מעהר ארבייט וויפיעל א שוחט דארף און קען טהאן לויט דעם דין, און דארום קענען מיר באשטימט זאגען אז די כשרות וואס אנבאלאנגט צום שוחט איז מיט הונדערט פראצענט פארבעסערט געווארען. קיין מארקעט מאן וואגט ניט מעהר צו טרייבען דעם שוחט מיט דעם אמעריקאנער האָרי אפ אז ער זאל ניט קענען אפהיטען די דינים פון כשרות.

נאטירליך וואלט דאס אלעס שוין געווען גוט, אבער לײדער האבען מיר פילע אומזיסטע שונאים וואס פארגינען נישט אונזער ערפאלג אהן א שום אורזאכע. פילע שוחטים פון די קאנטרים אויסגעפינענדיג אז דער מצב השוחטים האט זיך אין ניו יארק פארבעסערט, האבען זיי פארלאזען זייערע שטעלעס און געקומען נאך ניו יארקער שחיטה מזלזל מקח זיין, ארויסרייסען פון אונז דעם ביסען ברויט. אויך סתם אידען האבען זיך גענומען צום לערנען שחיטה, נישט רעכענענדיג זיך מיט דעם פאקט, אז שעכטען אין ניו יארקער מארקעטס פאדערט זיך א שוחט א גרויסער אומן יד, אום צו קענען נאכקומען די פאדערונגען פון שחיטת עופות אין ניו יארק. און אין דערזעלבער צייט איז אגב די שחיטת עופות אין ניו יארקער מארקעט אויך באדייטענד פארקלענערט געווארען, פילע מארקעטס האבען זיך צוגעמאכט דורך די האלז שניידערייי וואס עס גייט אן אין די פאולטרי ביזנעס, וואו איינער קאנקורירט מיט דעם צווייטען, אום איהם ארויסצוטרייבען פון די ביזנעס. און צוליב דער אלגעמיינער דעפרעסיע וואס האט ארומגענומען דאס גאנצע לאנד זיינען, נאטירליך, מיר שוחטים אלס א

טייל אין די פאלטרי אינדוסטרי אויך פיעל געטראפען ג[...] ווארען פון דעם קריזיס, עס האט אונז געשאדט אויך דאס[...] וואס מיר האבען געקראגען ארבייטסלאזע. אבער ד[...] שטעהט די יוניאן על המשמר און פארטיידיגט מיט א[...] איהרע כחות מיט דער הילף פון אונזער פרעזידענט, עקז[...] קוטיוו באארד, און ביזנעס איידזשענט, וועלכע זיינ[...] איבערגעגעבען מיט זייער לייב און לעבען פאר דעם בענ[...] פיט פון די שוחטים יוניאן. מיר האבען פילע ארדענונג[...] געשאפען וועלכעס האט געפאדערט א וועלט מיט כחות[...] דהיינו איין זמן שחיטה פאר גרייטער ניו יארק, ווען אנצו[...] פאנגען שעכטען און ווען צו ענדיגען שעכטען. איינגעפיר[...] קורצערע שטונדען, אז דער שוחט זאל זיין אויסגעריהט, ע[...] זאל האבען די געהעריגע הרגשה. מיר האבען אויך א פאנ[...] וואס שטיצט די שוחטים וואס האבען פארלוירען זייער[...] שטעלעס ביז מיר שאפען נייע ארבייט פארזיי. מיר האבע[...] א רעקארד פון 10־ער טויזענדער דאלער וואס מיר האבע[...] שוין אויסגעצאלט צו ארבעטסלאזע שוחטים. אויך האבע[...] מיר א רעקארד פון טויזענדער דאלערס וואס מיר האבען[...] אויסגעצאלט צו תלמוד תורות, ישיבות און אנדערע וויכ[...] טיגע אינסטיטוציעס, און מיר טיילען זיך כמעט מיט דעם ביסען ברויט מיט אונזערע ארבייטסלאזע, וועלכע זיינען געווען שוחטים אין ניו יארק, פארטראטען שטעלעס און קענען נאך פארטרעטען שטעלעס און זיינען בארעכטיגט צו א טייל פון דער שחיטה. דערפאר אנערקענען די שוחטים די יוניאן מיט רעספעקט צו זייערע פירערס, און זיינען אימער גרייט אלע צוזאמען פעסט און שטארק צו קעמפען

---

ציטערטער און שריי צום האטעל איינגענטימער, איך שריי ניט מיט מיין קול, — „גוואלד! איהר האט דאך מיר פארזיכערט אז ביי אייך איז כשר, כשר איז ביי אייך, הא? איז דאס כשר?!...״

און ער עפענט אויף אויף מיר א פאר אויגען, קוקט מיך אן ווי א משוגענער, און זאגט צו מיר כהאי לישנא, „מיסטער, איהר זענט משוגע צו חסר דעה זענט איהר? וואס שרייט איהר, וואס? כשר? אוודאי איז ביי מיר כשר, איך האב קיין ליגען ניט געזאגט, זאל מיר גאט אזוי העלפען ווי ביי מיר איז כשר״.

ווער איך שיער משוגע פון כעס, כאפ איהם פאר די הענד, שלעפ איהם צום טיש און ווייז איהם, „סטעיק מיט בוטער איז כשר?! תא?״

„אזא יאהר אויף מיר ווי עס איז כשר״ — ענטפערט ער מיר פילאזאפיש קאלט און געלאסען — „די פלייש איז כשר, די פוטער איז אויך כשר, איך קען דאס אייך איבערציינגען.״

„אבער פלייש מיט פוטער צוזאמען — שריי איך — איז דאס כשר, הא? כשר? כשר?״

„אח,״ בארוהיגט זיך דער האטעל איינגענטימער, און זאגט צו מיר אזוי, „איך פארשטעה אייך יעצט, יעצט פארשטעה איך, איהר מיינט סטריקטלי כשר? סטריקטלי כשר איז ביי מיר ניט, — ניט עסען פלייש מיט פוטער צוזאמען, דאס איז דאך סטריקטלי כשר, דאס ניט! וואס אמת איז אמת! לייענט איבער מיין פון האטעל זועט איהר זעהען;

אז עס שטעהט כשר אבער ניט סטריקטלי כשר, ווייל סטריקטלי כשר איז ביי מיר ניט, דאס איז דער ריינער אמת, ביי מיר קאכט מען אום שבת און מען סערווירט פלייי־שיגס מיט מילכיגס צוזאמען, עס איז ניט סטריקטלי כשר, אבער עס איז דאך כשר!...״

פאהרען מיר ווייטער, די מאשין לויפט, א רעגען געהט, און עס איז ערב שבת, גוואלד, וואס טוט מען? און איך זעה א איד מיט הדרת פנים געהט צופיס אין דעם שלאקס רעגען. איך נעם איהם אריין אין דער מאשין כאפ מיט איהם א שמועס, און דערוויס זיך, אז ער איז דער שוחט פון דעם געגענד, און ער זאגט מיר: „וואו כשרות? ווען כשרות? זיי קאכען דאך אלע אום שבת! פארברענטע חטאתים! אויב איהר ווילט אמת'ע כשרות זיצט אין דער היים, מיסטער לעבען, אדער נעמט א ציטער פאר זיך אליין און היט אייער נשמה, עס איז פאראן כשר'ע האטעלס אויך, דאס איז אמת, אבער סטריקטלי כשר'ע זיינען זעהר ווייניג, אזוי ווי ביי אייך אין ניו יארק זיינען פאראן זעהר ווייניג סטריקטלי כשר'ע בוטשערס.״

און ווענען אונזערע „סטריקטלי״ כשר'ע בוטשערס, וועל איך כאפען מיט אייך א שמועס אן אנדערש מאל, אפשר אין דעם קומענדען נומער פון „די שוחטים שטימע״. און דערווייל, ווי זאגט דער מארגנער העברייזור; שאלאם אובראכא, וואס דאס מיינט שלום וברכה! צום ווידערזעהן!...

אלע ווי איינער פאר די קאנדיציאָנען וואָס מיר האָבען זיך ערוואָרבען, דורך אזוי פיל שווערע כחות.

מיר וועלען אין קיין פאל ניט אָפּטרעטען פון אונזער פּאָזיציע, מיר זיינען די יעניגע שוחטים, וועלכע האָבען זיך נעפּלאגט און ·אריבערגעטראָגען די שרעקליכסטע ליידען און צרות. מיר זיינען די שוחטים וואָס שטעלען צוזאמען די גרויסע שוחטים יוניאָן אונטער דעם נאָמען אגודת השוחטים דניו יארק רבתי לאָקאל 440. זיינען מיר דערפאר פאלקאָם בארעכטיגט צו געניסען די פרוכט פון אונזער ארבייט לטובתנו ולטובת הכשרות.

# ספירה

פון הרב הלל יעקב הורוויץ (הללי"ה)

(געווידמעט צו די „נחלת השבים" פון די שוחטים)

פון פסח ביז שבועות, די נאטור איז א גבירה.
עס וואקסען די גראָז, עס בליהען די בוימער.
עס קלינגט אין דער לופטען א הערליכע שירה.
די נאטור בענשט: על ספירת העומר.

וואס טרויערט דער חזן, וואס ציטערט זיין שירה,
וואס קלאגט ער דער אידישער בעטלער?
— פון פסח ביז שבועות, דער איד ציילט דאן ספירה
און וויינט אויף די שיינהייט פון וועטער.

פון פסח ביז שבועות, לא לנו, לא לנו!
ניט פאר אונז דאך עס בליהען די בלומען,
ניט מיר געניסען די שעהנע מתנה.
מען האט עס פון אונז צוגענומען...

פון פסח ביז שבועות, וועט זיין ביי אונז פריידען,
מיר וועלען דאן זינגען און טאנצען,
ווען דורך „אונז" וועט בת ציון זיך הערליך באקליידען,
און „מיר" וועלען דארט זייען און פלאנצען...

# צאתכם לשלום! חברים יקרים!

א גליקליכע רייזע צום פרעזידענט פון די אגודת השוחטים דנויארק רבתי, ווי אויך פרעזידענט פון די „נחלת השבים" רעוו. ר' יעקב בלום, און צו אונזער חבר רעוו. זילבערמאן, וועלכע פאָהרען יעצט אין ארץ ישראל אין א הייליגע שליחות; צו קויפען לאנד און גרינדען א קאָלאָניע פון שוחטים אונטער'ן נאָמען „נחלת השבים".

„שליחי מצוה אינם נזוקים לא בהליכתן ולא בחזירתן". פאָהרט געזונטערהייט, זייט מצליח אין אייער הייליגע שליחות און קומט צוריק געזונטערהייט.

א גליקליכע רייזע צום פעהיגען ענערגישען פיהרער און סעקרעטער פון די שוחטים יוניאָן פון גרויס ניו יארק, רעוו ר' יוסף ראָזענמאן, וועלכער פאָהרט יעצט אין פוילען באזוכען זיין משפחה און פון דארט נאך ארץ ישראל.

חבר יוסף ראָזענמאן! פאָהרט געזונט און קומט צוריק געזונטערהייד.

די שוחטים יוניאָן פון ניו יארק.

„די שוחטים שטימע".

„נחלת השבים".

## צו די שוחטים פון אמעריקא און קאנאדע!

די צייטונג איז אייער צייטונג, אייער פליכט איז צו שאפען סובסקרייבער פאר אייער צייטונג, זאָל יעדער שוחט שאפען לפחות איין סובסקרייבער. שרייבט אונז פון אייער מצב און פון דעם מצב השחיטה אין אייער קהלה און מיר וועלען דאס פארעפענטליכען.

שרייבט אויף דעם פאלגענדען אדרעס:

**SCHOCHTIM SHTIMME**

**229 East Broadway New York City**

# השומר

ירחון מוקדש לחזוק התורה והיהדות לבירור ולבון שאלות החיים על פי רוח התורה והאומה

יוצא לאור ע"י אגודת שוחטי עופות דניו יארק רבתי במדינת אמעריקא. הרב שמריהו ליב הורוויץ, העורך.


## ספירה

מאת הרב שמריהו ליב הורוויץ

וידבר ה' אל משה לאמור; דבר אל בני ישראל ואמרת אליהם כי תבאו אל הארץ אשר אני נותן לכם וקצרתם את קצירה והבאתם את עומר ראשית קצירכם אל הכהן. (ויקרא כ"ג, ט' י').

וספרתם לכם ממחרת השבת מיום הביאכם את עומר התנופה שבע שבתות תמימות תהיינה; עד ממחרת השבת השביעית תספרו חמשים יום (ויקרא כ"ג, ט"ו).

שבעה שבועות תספר לך, מהחל חרמש בקמה תחל לספור שבעה שבועות; ועשית חג שבועות לה' אלהיך (דברים ט"ז ט').

תניא, א"ר יהודה משום ר' עקיבא, מפני מה אמרה תורה הביאו עומר בפסח, מפני שהפסח זמן תבואה הוא, אמר הקב"ה, הביאו לפני עומר בפסח כדי שתתברך לכם תבואות שבשדות (ר"ה דף ט"ז ע"א).

תספרו חמשים יום — אמר אביי, מצוה לממני יומי ומצוה לממני שבועי, מצוה לממני יומי, דכתיב תספרו חמשים יום, ומצוה לממני שבועי, דכתיב (פ' ראה) שבעה שבועות תספר לך (חגיגה י"ז ע"ב).

„כיון שראה מרדכי את המן בא כנגדו והכוס בידו, אמר; דומה אני שרשע זה בא להרגני, והוון תלמידיו יתבי תניין קמוי, אמר להם; עמדו וברחו, שמא תכוו בגחלתו, אמרו לו; בין ליקטול בין לחיי אנן עמך ולא נשבקך, מה עשה? נתעטף בטליתו ועמד בתפלה לפני הקב"ה, ותלמידיו יתבון ותניין, אמר להם המן במה אתם עוסקים? אמרו לו; במצות העומר שהיו ישראל מקריבין במקדש ביום הזה. אמר להון; הדין עמרא במאי הוה דדהב או דכסף? אמרו לו; דשעורין! אמר להון וכמה הוה טימי (שויו) דידיה, בעשרה קונטרין? אמרו לו סגין בעשרה מנין, אמר להון; קומו דנצחו עשרת מנכון לעשרת אלפיא קנטריא דכספא וכו' (ויק"ר, פכ"ח, ו') — אם הדור הצעיר מקבל חנוך עברי דתי מלא ושלם על ידי מורה כמרדכי היהודי, אם מתחנך בקדושת התורה, חבת הארץ, ומתפרנס מן העבר הרחוק היפה והמלא הד קדושה אלהית, אז אין מה לירא מהמן ומכל המשטינים והמקטרגים, כי הדור הצעיר שנתחנך בקדושת התורה ינצח הכל. וד"ל.

וז"ל הרמב"ם ז"ל (הלכות תמידין ומוספין, פרק ז', הלכה י"א) עומר זה מן השעורים הוא בא, ודבר זה הלכה ממשה רבינו, וכיצד היה נעשה? מערב יום טוב יוצאין שלוחי בית דין ועושין אותו כריכות במחובר לקרקע כדי שיהא נוח לקצור, כל העיירות הסמוכות לשם מתכנסות כדי שיהיה נקצר בעסק גדול, וקוצרין שלש סאין שעורין בשלשה אנשים, ובשלש קופות, ובשלשה מגלות, כיון שחשכה אומר להם הקוצר לכל העומדים שם, בא השמש? אומרין לו הין, בא השמש? אומרין לו הין, בא השמש? אומרין לו הין, מגל זה? אומרין לו הין, מגל זה? אומרין לו הין, מגל זה? אומרין לו הין, קופה זו? אומרין לו הין, קופה זו? אומרין לו הין, קופה זו? אומרין לו הין, ואם היה שבת אומר להן שבת היום? אומרין לו הין, שבת היום? אומרין לו הין, שבת היום? אומרין לו הין, ואחר כך אומר להן אקצור? והן אומרין לו קצור, אקצור? והם אומרים לו קצור, אקצור? והם אומרים לו קצור. שלש פעמים על כל דבר ודבר, וכל כך למה? מפני אלו הטועים שיצאו מכלל ישראל בבית שני, שהן אומרין שזה שנאמר בתורה ממחרת השבת הוא — שבת בראשית, ומפי השמועה למדו שאינה שבת אלא יום טוב, וכן ראו תמיד הנביאים והסנהדרין בכל דור ודור שהיו מניפין את העומר בששה עשר בניסן בין בחול בין בשבת, והרי נאמר בתורה ולחם וקלי וכרמל לא תאכלו עד עצם היום הזה, ונאמר ויאכלו מעבור הארץ ממחרת הפסח מצות וקלי, ואם תאמר שאותו הפסח בשבת אירע כמו שדמו הטפשים, היאך תלה הכתוב היתר אכילתם לחדש בדבר שאינו העיקר ולא הסיבה אלא נקרה נקרה, אלא מאחר שתלה הדבר במחרת הפסח הדבר ברור שמחרת הפסח היא העילה המתרת את החדש ואין משגיחין על איזה יום הוא מימי השבוע".

שם הלכה י"ב, קצרוהו ונתנוהו בקופות, והביאוהו לעזרה וחבטוהו, וזורין ובוררין, ולוקחין את השעורין ומהבהבין אותו באור, באבוב מנוקב, כדי שיהיה האש שולט בכולן, שנאמר אביב קלוי באש גרש כרמל, מפי השמועה למדו שאינו מדבר אלא במנחת העומר בלבד, ואחר שקולין אותו שוטחין אותו בעזרה והרוח מנשבת בו, ונותנין אותו לריחים של גרוסות וטוחנין את השלש סאין ומוציאין מן הכל עשרון שהוא מנופה בשלש עשרה נפה, ולוקחין זה העשרון של סולת השעורים ובוללין אותו בלוג שמן בששה עשר בניסן ונותנין עליו קומץ לבונה כשאר המנחות, ומניפו במזרח, מוליך ומביא מעלה ומוריד ומגישו כנגד חודה של קרן מערבית דרומית כשאר המנחות, וקומץ ומקטיר (שם הלכה י"ג) אסור לקצור בארץ ישראל מין מחמשת מיני תבואה קודם לקצירת העומר שנאמר ראשית קצירכם, שיהיה תחילה לכל הנקצרים ועיין (מנחות ע', ע"א, ס"ז, ע"ה, ס"ח, ספר המצוות להרמב"ם מ"ע קס"א, סמ"ג עשין ד', או"ח סימן תפ"ט, סמ"ק סימן קמ"ה).

ביום הראשון של ימי הספירה בזמן שבית המקדש היה קים גדולה היתה באותו יום שמחת הקציר של היבול הראשון, ועכשיו בהיותנו פזורים בארצות הגולה, אין לנו

לא בית המקדש ולא עומר, ואנו יוצאים ידי חובתנו בזה שאנו סופרים אותם הימים שהיו מביאים בהם את העומר, אנו סופרים לשם זכר הבאת העומר והקרבתו, בשבת בני ישראל על אדמתם הקדושה.

ימי הספירה בימינו הם ימי אבל לנו, כי בין פסח לשבועות מתו תלמידיו של ר' עקיבא במגפה רעה מפני כי לא חלקו כבוד איש לרעהו (יבמות ס"ב ע"ב) או מפני כי הביטו בעין קנאה אחד על השני, לא התגדרו באהבת התורה ולא כבדו נושאי דגל התורה (ב"ר ס"א) ור' עקיבא זה הלוחם והחולם הקדוש הגדול אסף עוד הפעם תחת דגלו תלמידים חדשים וירבין תורה ברבים, ומאז אלף שנים עברו, ובימי הספירה אלה, בין פסח לעצרת, ביחוד בארץ אשכנז, הרגו נוסעי הצלב ביהודים שישבו על גדות נהר הרינוס אלפים ורבבות, שקדשו את שם ה', והקריבו את חייהם בגלל האמונה הקדושה, ופשטו את צוארם תחת המאכלת וקדשו את שם אלקי ישראל, מסרו את נפשם עד נטף הדם האחרון (גזירת תתנ"ו), לפיכך ימי הספירה הם ימי אבל לכל ישראל, ועלינו להבין לכבד ולהוקיר מכל יקר את חכמי התורה וגם להזכיר לכל בן ובת בישראל, כי בימים ההם מתו אבותינו, מות גבורים, מות ישרים וקדושים, ויהיו מופת לרבים למסירת נפש וקדוש השם, ועלינו לחנך את בנינו, הדור הבא אחרינו, בקדושת התורה ובשלש אהבות, אהבת הקדוש ברוך הוא, אהבת התורה ואהבת ישראל, ביום ל"ג בעומר נעצרה המגפה אשר באה על תלמידי ר' עקיבא, ולפיכך היום הזה הוא יום שמחה לנו ובני ישראל ישמחו באותו יום, בערכם חגיגות וטיולים. תלמידי החדרים ובתי הת"ת הפטורים ביום זה מלמודיהם, ילכו היערה לטייל בלוית מוריהם, ישתעשו שם, יקפצו, ירקדו ויזמרו. היום הזה יום שמחה הוא ביחוד לתלמידים, כי בו נעצרה המגפה בתלמידי ר' עקיבא ולאחר ל"ג בעומר עד שבועות ישובו להתאבל, כי המגפה שבה להפיל חללים בתלמידי ר' עקיבא שנשארו עוד בחיים.

ולהלכה אין אומרים שהחיינו על ספירת העומר, שלא מצינו ברכת זמן אלא בדבר שיש בו הנאה או שמחה, כמו הלולב וכמו תקיעת שופר לזכרון בין ישראל להקב"ה, ופדיון הבן שיצא מכלל נפל. וספירת העומר אין בזה שום זכר הנאה ,הרשב"א סי' קכ"ו, תמים דעים סי' כ"ט אבודרהם בתחילת ספרו שער ג', הר"ן סוף מסכת סוכה, בן חביב סימן ס"ב, הרדב"ז חלק א' סי' רנ"ו, כנה"ג על הגהות הטור סימן תפ"ט) וכתב הרדב"ז סי' הנ"ל כל מצוה שהיא הכנה למצוה אחרת תקנו שיברך שהחיינו על העקרית, הלכך ספירת העומר היא הכנה לעצרת, ומברך על השבועות ועולה לכאן ולכאן, מאחר שנגמרה המצוה היא סוף ותשלום הספירה, ועיין (בדב"ש סי' נ"ט ופי' ס"ב, מהרי"ל דף כ"ו ע"ב) ובפירוש מהר"ר נא"ל על שו"ע או"ח פי' תפ"ט אות נ' וז"ל ואין אומרים זמן על ספירת העומר לפי שמצוה זו היא זכר לחורבן ויש בה עגמת נפש. כך כתב בעל „כפתור ופרח" פ' נ"ח בשם הר"ן והרשב"א סימן קכ"ז, סוכה ו„בן חביב" סימן ס"ב.

הכותב אגרת לחברו וכתב ביום ארבעה או חמשה לעומר וכו' כנהוג, והיה אז בין השמשות, אם יכול לספור אח"כ בברכה? נראה דחייב, כי הרהור לאו כדבור דמי, וא"ת דבענין חיוב ברכת התורה בשו"ע או"ח סי' מ"ז נאמר דהלומד על ידי הרהור פטור מבה"ת אבל הלומד על ידי כתיבה חייב? אפשר דהתם הוא כי הכתיבה נעשה על הרוב ע"י אמירה בלמוד אבל בשאר מילי לא.

ולענין תספורת ושלא לישא אשה ש"ע או"ח סימן תצ"ג משם הרדב"ז כ"ו תשובה אלף תתקל"ה כתב הרב בעל שתי ידות דף נ"א ע"ב שנשאל על מה שנהגו להסתפר בר"ח אייר אם הוא מנהג הגון או לא? והשיב שהוא היה מסתפר בכל חודש ניסן ור"ח כיון שהם אסורים בהספד ותענית אין מנהג אבל זה נוהג בהם וחולק על הב"י שכתב שהוא מנהג בטעות ולדעתו הוא מנהג ממוצע, וכיון שעיקר האיסור אינו אלא ממנהג, אתי מנהג ומבטל מנהג בטעמא כל דהו ע"ש ותו איכא טעמא שיש צער בגידול השער למי שרגיל להסתפר, ולא עדיף האי מנהגא ממ"ע של סוכה, דקיי"ל מצטער פטור מן הסוכה ובל"ג יום רבי טפי והאדם מצטער. וכתב שם וז"ל ובר מן דין אני ראיתי במה קהלות שלא נהגו מנהג זה כלל ומסתפרים בכל שבוע במנהגם לכבוד שבת וכיון שאין זה קבוע בכל ישראל אעפ"י שאותו מנהג שנהגו להסתפר בר"ח אייר לא יהיה מנהג כלל נקטינן כוותיה דהוה מנהג ממוצע ומיניה לא תזוז, וכן מה שנהגו שלא לישא נשים עד ל"ג בעומר, בזמן שיש לו שם סבה וטעם לא חיישינן למנהגו, כגון שלא קיים מצות פו"ר או שאין לו מי שישמשנו וכיוצא בזה, ובתנאי שלא ירבה בשמחה, שטעם המנהג הוא מפני השמחה דלא עדיף מנהג זה מאבלות של שלשים יום, וברור הוא.

ובלקט הקמח א"ח דף מ"ב ע"א ובהלק"ט חלק א' תשובה ל"ג, שכנה"ג סי' תצ"ג ס"ק ח' מתיר לאבי הבן ולסנדק להסתפר בעומר ביום המילה עצמו דוקא כי יו"ט שלהם הוא. אך אם המילה בשבת יוכל להסתפר יום ו', ועל המוהל נסתפק ולא מלאו לבו להתיר אבל כתב דנהגו להסתפר, ועיין (מטה משה אות תרפ"ו ובתשובת רשד"ם סימן א' וכנה"ג על הגהות הטור סימן תפ"ט ומהרש"ל סימן י"ג, רוקח בסימן דצ"ד ופר"ח שם ד"ה ומ"ש, הר"ם טראני סימן ק"פ).

והאברבנאל ז"ל (פ' אמור) כתב דברים יפים ונפלאים באמרו; העומר היה הבכורים מראשית קציר השעורים שהיה בא ביום הראשון מחג הפסח כפי טבע ארץ ישראל שהיו התבואות ממהרות לבא, ולפי שישראל בצאתם ממצרים היו כבהמות מבלי תורה ודעת, צוה יתברך שיקריבו אז עומר השעורים (מאכל בהמה) ובחג השבועות שקבלו את התורה ונעשו בעלי שכל ומביני מדע, צוה שיקריבו מנחה חדשה, כמו שהיה בהם אז רוח חדשה, ושהמנחה תהיה שתי הלחם, מאכל בני אדם החכמים והנבונים,

ולכך היתה הספירה מחג הפסח עד חג שבועות. לאמר; מתי יבא יום ה' לדבר עמנו, כי האדם כשיכסוף דבר מאד, ויקוה ביאתו. יספור הימים עד בואו. עכ"ל.

ובעל עוללות אפרים" כתב; אם חרוצים ימי יושבי חלד ומספר ימיהם מעט ורעים, הנה המשכיל החי יתן אל לבו שלא להוציא הזמן הקצר לבטלה. ועל זה בא ההערה בספירה זו, שכל משכיל יהיו עיניו פקוחות על ימי חלדו, כי כל יום ויום הוא דבר חשוב. ויכול לקנות בו הרבה מן השלימות. עד שאמרו יש קונה עולמו בשעה אחת. ולזה בא הרמז בספירה שהמשכיל ימנה ימי חלדו וישמור את הרגעים מכל יקר. כי אין אבדה כאבדת הזמן היקר מכל יקר.

והנה אחרי ספירת העומר אנו שופכים את נפשנו לפני ה' בתפלה נשגבה רבש"ע אתה צויתנו ע"י משה עבדך לספור ספירת העומר וכו', יהי רצון מלפניך שבזכות ספירת העומר שספרתי היום יתוקן מה שפגמתי בספירה. והנה ענין הספירות הוא ענין עמוק חשוב גדול וקדוש עד מאד בעיני כל בעלי הסוד, והן אחד מעיקרי חכמת הקבלה (עזרת ה'). הספירות הן הכלים או הצנורות שברא הקב"ה, ושעל ידיהן משפיע שפע קודש בכל העולמות. ועל ידיהן מתגלות פעולותיו וכמו שאמר רמ"ח לוצאטו „כל ספירה היא מדה אחת מן המדות של אין סוף ב"ה, אשר ברא בם את העולמות ומנהג אותם" (קל"ח פתחי חכמה, פתח ו') והספירות תופסות מקום גדול בספר יצירה (משנה א' ט') ובמשנה (אבות פ"ה, א') בעשרה מאמרות נברא העולם (ראה מערכת אלהות פ"ו דף פ"ב ובספר, וכוח על חכמת הקבלה" לשד"ל עמוד 78 בהערה, רמ"ק. שיעור קומה סי' י"א).

לדעת המקובל רבי עזריאל ז"ל נגזרה מלת „ספירה" מן הפעל „ספר", נקרא ספירות שהם כח לכל מצוי הנגדר בגדר מספר (עזרת ה' דף ב' ע"ב) ר"מ אבן גבאי מונה שלש הוראות להשם ספירה מלשון, ספור, ספר, וספיר (דרך אמונה) המספר עשר שבספירות הוא לפי דעת המקובלים לא פחות ולא יותר „עשר ולא תשע, עשר ולא אחת עשרה" (ספר יצירה, משנה ד') והמספר הזה מורה לסודות נסתרים (ברית מנוחה, דרך א') „סוד המספר אינו כי אם בעשרה... ולהם סוד חתום למה עמד החשבון על עשרה לא פחות ולא יותר" (כוזרי, מאמר ד', כ"ה).

הספירות נקראות כפי בעלי הקבלה בשמות מיוחדים; כתר, חכמה, בינה, חסד, גבורה, תפארת, נצח, הוד, יסוד, מלכות. והשל"ה ז"ל נותן טעם לכל שם משמות הספירה (עשרה מאמרות, מאמר ד') שלש הראשונות הן בעולם האצילות. והאחרונות — מעולם הבריאה ולמטה. ויש להן עוד שמות (עיין אולימה, מעין א' חמר ו', קונטרס כללי חכמת האמת, פ"א, אוצרות חיים שער א', ובתורה אור תולדות ד"ה להבין ביאור הדברים) ודברים עמוקים כזה תמצא (ספר הזוהר, ויקרא רפ"ח, עץ חיים, שער אבי"ע פ"א, אוצ"ח, שער א' פרדס, סדר האצילות, תקונים תקון כ"ב, של"ה בהקדמתו, ובדברי הגאון מווילנא ז"ל בספרא דצניעותא, בלקוטים, לקוטי תורה, בחקותי אות ג', קונטרס כללי חכמת האמת, פ"ד, לקוטי תורה ואתחנן שו"ת הריב"ש סימן קנ"ז, שו"ת הרשב"ש סימן קפ"ח, בסוף התשובה, מערכת אלהות, פ"ב, תורה אור, תולדות, דרך אמונה להמקובל ר"מ אבן גבאי פ"א סי' ב').

הרחמן יזכנו להבין את גוף התורה יחד עם נשמתה ורוחה, והוא יזכני למה שהבטיחנו; אז תפקחנה עיני עורים ואזני חרשים תפתחנה, העם ההולכים בחשך ראו אור גדול, יושבי בארץ צלמות אור נגה עליהם.

# תא שמע*)

זכרונות מאת יהושע נוביגרודסקי

זכורני וילד הייתי אז. שבתי הביתה מבית הספר, בצהרים, ואבא איננו בבית. באתי בערב, חפשתיהו, ולא מצאתיהו.

„איה אבא? איה אבא?" שאלה זו נקרה במוחי בלי הרף. לשאול את אמא עוד הפעם לא העזתי ולא רציתי. הלא כבר שאלתיה בבקר, אולם תשובתה לא השביעתני רצון: „אבא ישוב בערב." צחוק קליל רפרפה על פניה. צחוק זה, מטרתה היתה לא לצערני ולא להפריעני מלמודי. אך לשוא צחקה אמא — צחוק מהול בבכי, שמחה מהולה בתוגה. האם אפשר היה לי לא להצטער ולא להזניח את למודי.

ביום המחרת שאלתי שוב: „איה אבא?"

— יש שביתה. השוחטים שובתים, אבא נואם לפניהם.

— מה זאת שביתה?

— שביתה? פשוט השוחטים שובתים. שלש מאות משפחות סובלות על יד זה. השוחטים, בעלי המשפחות האלו, אינם עובדים.

— ולמה אינם עובדים, אמא?

— כי ישנם ואינם נותנים להם לעבוד. השוחטים רוצים לעשות את מלאכתם באמונה, ואינם נותנים להם. הם חפצים להעמיד את השחיטה ואת הכשרות על בסיס נאמן, ומפריעים בידם.

— מי הם המפריעים, אמא?

*) כותב המאמר הזה הוא צעיר בן כ"ב שנולד באמריקה. חניך ישיבת ר' יעקב יוסף. מורה בבי"ס אנגלי גבוה, מסור לכל היקר והקדוש לעמנו, בנו של השוחט המפורסם ר' נוביגרודסקי, אחד ממנהיגי אגודת השוחטים בנויארק רבתי.

# שאלות ותשובות בדיני הריאה

מאת הגאון הקדוש אדמו"ר ר' שניאור זלמן מלאדי זצוק"ל

מורינו ורבנו נרו יאיר לנצח ויתרומם קרנו למעלה למעלה אמן.

א. נידון ריאה שנמצא עליה קרום והוא כעין בשר בלוי ומן הדין צריכין לקלוף אותו מעל הריאה לראות אם תחתיו שלם ויפה ולפעמים כשקולפין אותו הקרום יוצא מן הריאה דם, דהיינו שמזיע מעט מעט כמו זיעת הפנים וכשבודקין אותו במי פושרין אינו מבצבץ והוא כמעט שכיח בבהמות שלנו ולפע"ד נוטה לצד היתר, כי רובא דרובא יש על אותו האומה תחת אותו הקרום שורייקא סומקי, ואפשר באו אותו הדם מן השורייקי סומקי מחמת שנקבל השורייקי ממשמוש ידי דטבחא ואפשר הוא רק ליחות הריאה מבין שני הקרומים, כי השורייקי המה הקרום העליון ואנו רואין בבדיקת הפושרין כי לא נקבו שני הקרומין, ואפשר י"ל כי הבדיקה בפושרין היא לחומרא כי אין אנו בקיאין בבדיקה.

ועוד יש צד להתיר כי בשפולי הריאה יש דלדולים וא"צ להסיר אותם כי הכי רבתייהו ואך כשקולפין אותם יוצא ג"כ דם מהריאה, לכן בקשתי ממורנו ורבנו הרה"ג שי' שיורנו איך להתנהג כי זה הקרום כמעט שכיח בבהמות שלנו.

ב. והשנית בנידון אם נמצא סרכא על ריאה ועוברת ע"י מעוך ומשמוש ונקרע מעט מן קרום הריאה במקום הסרכא אם מהני בדיקה על מקום השלם הנשאר רוב ממקום הסרכא וזה המקום אינו מבצבץ ועל מקום הקרע נידון אותו כנאבדה הריאה מחמת שהבדיקה אינו אלא לחומרא כי הסרכא עברה ע"י מעוך ומשמוש או אפשר להיפך כי נאמר שבמקום נקב נקרע הריאה וא"א להיות שם בדיקה.

ג. שנמצא לפעמים קרום על האומה באמצע עורו כמין נידין לבנים ותחת אותו הקרום נגלד קרום העליון מעל הריאה ולפעמים נמצא כנגד אותו הקרום נשבר הצלע וכשקולפין אותו הקרום מן הריאה נשאר תחתיו כמין נגלד קרום העליון עם שפת סביבות הגלידה ואינו מבצבץ בבדיקת פושרין. יורנו מורנו נר"ו יאיר לנצח איך לדין אותו כדין קרום שעלה מחמת מכה בריאה ואין מועיל שום בדיקה או כדין שארי דלדולים וקרומים שעל הריאה שצריכים לראות אם תחתיו שלם ויפה ונלע"ד כי אינו ריעותא כ"כ כי אפי' בדיקה א"צ.

ד. אם נמצא מורנא על נקב הריאה תחת הסרכא איך להתנהג בבדיקת הפושרין, לכן נפשי בשאלתי ועמי בבקשתי למלאות שאלתי וריקם אל ישיבני ודרך אמת ינחני ואורח חיים יודיעני הכו"ד עבדו ותלמיד תלמידו המתאבק תחת כפות רגליו לשתות בצמא את דרכיו דא"ח.

יעקב בן רחל שו"ב. ממאהאליב.

## תשובה

שאלה הראשונה והשלישית יש להתיר בפשטות ושאלה השניה אם נקרע מן קרום הריאה, וכן שאלה הרביעית הנה אם היה מיעוך ומשמוש הנהוג עכשיו כמיעוך ומשמוש שכתב רמ"א ט"ז וש"ך היה הדבר פשוט להתיר כשאירע שא"א לבדוק מחמת הקרע או נקב המורנא משום דהבדיקה אינו רק לכתחילה בדאפשר לבדוק כת"ש. אך

---

— רשעים. אנשים שאינם אנשים. יהודים שאינם יהודים. אם עדיין אינך מבין, חכה עד שתגדל ואז תבין היטב.

---

מתוך שנתי נדמה לי ששמעתי קול. אמנם בכה. קול צרוד ומלא תוגה — הייתי רוצה לאמר יאוש, אולם עכשיו יודע אני שבמקום יאוש היתה החלטה גמורה — קול צרוד ומלא תוגה הקיצני. מי זה המדבר בקול צרוד כל כך? אח! יודע אני! אבא נאם לפני השוחטים, וזה עכשיו שב הביתה וקולו צרוד. לאכול לא היו לו די כוחות ולכן שתה לו כוס חלב חם.

---

עברו עוד ימים אחדים, והשביתה שבתה — עברה ובטלה מן העולם. השעה לא היה מוכשרת עוד לשביתה — אדישות מצד הקהל, חוסר כסף, חוסר נסיון, השוחטים נוצחו, אך לא לעולם, זמני רק היה הנצחון הזה.

* * *

חלפו שנים. מלחמת העולם חלה, ומלחמת השוחטים תחלה שוב — מלחמה לשכלל את מצב השוחטים ואת מצב השחיטה, מלחמה להטבת מצבם הכלכלי יחד עם מצבם הרוחני. הכחות וההשפעות שפעלו בעד השביתה הראשונה לא הומתו. אלו הכחות וההשפעות הודחו רק. גרעינים אינם צומחים אלא באדמה מוכשרת.

השוחטים פועלים הם. יש פועלים סתם, ויש פועלים במלאכת הקדש. ומנין לך שהאחרונים גרועים מהראשונים? לאלו יש אישיות ולאלו יש אישיות ואם אסור להחניק את האישיות של הפועלים סתם, זו של הפועלים במלאכת הקדש על אחת כמה וכמה אם מציקים לאלו האחרונים, הם נעשים עבדים, ועבד, כיצד יכול הוא לשרת בקדש?

כל הנסיונות לשעבד את השוחטים שוב לא הועילו. הרי אי אפשר להתעקש כנגד רוח הזמן. השוחטים רוצים להיות מאוחדים. הם רוצים לעזור לאחרים, להשתדל לטובת הכלל. אולם... השוחטים אנשים הם, בעלי אישיות, ואנשים בעלי אישיות לא יחפצו להיות משועבדים.

באמת מו"מ שלנו אינו כשלהם כלל וכלל, כי בימיהם היו מגלגלין הסרכא הרבה באצבעות במקום אחד מהסרכא עד שנימוחה כליחה בין האצבעות מחמת רכותה ונפסקה באמצעה דכאן שנימוחה ע"י גלגול מחמת רכותה דהוא הפשטת ליחה בעלמא לפי"ז לא היו צריכים כלל להסיר הסרכא מעל הריאה כלל, וכש"כ הדלדולים רק לפי שנהגו להוסיף חומרא להצריך לבדוק בפושרין החמירו בדורות האחרונים שאחרי ט"ז והש"ך להסיר הסרכא והדלדולים מעל הריאה ולבדוק גם שם אבל בימי הש"ך והט"ז היו בודקין בפושרין רק במקום תליית הסרכא לבד כמו שהיא בריאה אחר שנימוחה ונפסקה באמצעה סמוך לריאה או מופלג קצת ממנה, וכ"ז כשנימוחה בין האצבעות ממש כליחה מחמת רכותה אך בדורות הללו סילקלו הבודקים מעשיהם ופרשו פירוש משובש בלשון מיעוך ומשמוש שברמ"א. וש"פ לומר דהיינו שע"י גלגול באצעות הסרכא הולכת ועוברת ומתקלפת מעל הריאה אף שאינה נמוחה כלל במקום אצבעות כליחה, והנה בזה עיקר ההיתר הבדיקה שאח"כ ואין להקל כלל כשאירע שא"א לבדוק באיזה מקום אפי' משהו שא"א לבדוק טריפה אם לא שיש עוד צד להקל גם בלי מו"מ כלל כגון שקצה השני שלה הסרכא דבוק למקום שאין הנקב פוסל כגון לשומן הלב וכה"נ או לצלעות דכל כה"ג איכא למ"ד דתלינן שהסרכא יוצא מאותו מקום שאין הנקב פוסל בו ופגעה בריאה ונסרכא בה ולא להיפך אבל אם שני ראשי הסרכא דבוקים בריאה והיא שלא כסדרן בענין שום צד להקל רק מחמת מו"מ שלנו לבד הנה בזה הבדיקה מעכבת בודאי ואף גם בבדיקה יפה שומר נפשו ירחק ממנה, רק שקשה מאד לבטל המנהג שנתרבה ע"י הבודקים ומקצת חכמים בעיניהם מחכמי הדורות. ה' הטוב יכפר בעדם. והנה הטעמים והראיות על פרטי חילוקיהם חיל נשיא במכתב וע"כ יהי' דברי אלו לבדוק ולא לזרוק וד' הטוב ימלא חסרונך וישלח לך עזרה מקודש כנפשך ונפש אוהבך דו"ש מלונ"ת.

שניאור זלמן.

# אבל גדול לאחד מיחידי סגולה

מאת הר"ן קומין מנהל ועד הישיבה חפץ־חיים מראדין

## ר' יוסף שטערן ז"ל
### למלאת שלשים לפטירתו

והמשכילים יזהירו כזהר הרקיע
ומצדיקי הרבים ככוכבים לעולם ועד.
(דניאל י"ב)

ביום א' פ' ויקרא נאסף על עמיו האדם היקר ומאד נעלה, הגדול בתורה וכל מדה טהורה ר' יוסף שטערן בברונזוויל.

עודנו צעיר כבן עשרים ושלש בא לאמריקא מלא וגדוש בתלמוד חניך הישיבות „חפץ חיים" מרדין, וישיבת נרובין של הגה"צ ר' שמחה זיסל מקעלם ז"ל, עדין נפש בטבעו, ומחונך ברוח מוסרית, מצא פה עולם זר לנפשו, סביבה רחוקה לרוחו, זרם חיים אחרים לגמרי, בתקופה ההיא ההפקרות שלטה אז שלטת בכל ענפי החיים. כל דאלים גבר, וחטוף ואכול, היו השטות היותר מקובלות ברחוב. ואז היה ר"י שטערן מתחיל לבנות העתיד של חייו בארץ הלזו.

בשנים אלו היו הרבה אנשי מעלה שבאים לכאן מעבר לים משתנים בעל כרחם במהלך רוחם והרגלם התדירי, תנאי החיים הקשים. נסיונות היהדות, שמירת השבת, והמכשולים שהיו פוגשים על כל צעד הכריחם להסתיף במעט את מהותם. ואם שהיה מכאיב להם הדבר להג־יר ולחסום על רגשותיהם רגשי קודש אשר היו כאש עצורה בקרבם, יד הזמן ומלחמת החיים הכבדה עשו את שלהם, וקימעא קימעא שנו את דרך חייהם ונימוסיהם הישנים, והנטיה במקצת מדרך הישר והסלול אם כי היתה רק למראית עין הבריות ולעצמם למורת רוח מראש, פעלה בהדרגה והשפיעה על מבט עולם הרוחני שלהם שינתה הצדה וכל צורתם הרוחנית קבלה פנימות הרבה, פושטים צורה ולובשים צורה.

סבה נוספת להפרוצם הזה היתה גידול הבנים והבנות בארץ זו, שהחנוך העברי טרם נשרש אז בארץ החדשה, והילדים שנתגדלו ונתחנכו בבתי ספר הכלליים, ספגו לתוכם מבט חיים חדש, ופסיכולוגיה אחרת משל האבות וכל הקנינים הרוחניים שרכשו שם לא היה בהם אף ריח של יהדות ונעשו לנוטרים את הכרמים של אחרים, וכרמם שלהם עזבו לגמרי, וכה היו שני הדורות אלו הזקן והצעיר בבית אחד תחת תקרה אחת מתרוצצים ומתאבקים זה עם זה, אין מבינים איש „שפת רעהו" ונתקיים הפתגם אלו זכינו היינו קוראים „מה טובו אהליך יעקב", עכשיו שלא זכינו אנו קוראים „נחלתינו נהפכה לזרים בתינו לנכרים", ובתי ישראל נמלאו ריב ומצה, אבל סוף סוף היה הנצחון רגיל ובא לצד הצעיר, ורב יעבוד צעיר, ויד הבנים גברה והאבות השתדלו להשביע רצון הבנים ולהתרפס לפניהם ברוחם, בזה שהתחילו להתדמות ולחקות את דרכי חייהם, וכה היה רוח ישראל סבא הולך וכלה באהלי יעקב.

לא כן היה הנפטר היקר הזה. אוירא דאמריקא לא

פעלה עליו שום שינוי, לא נחלה במחלת בישול היש וקיים על עצמו „הוי עז כנמר לעשות רצון אביך שבשמים", לא התבייש בפני בני אדם המלעיגים, ואדרבה הצליח להשפיע על זולתו מכחותיו אלו ולכנוף מתי מספר הנמשכים אחריו ולברוא סביבה רוחנית של תמימים ואנשי מעשה, יראים ושלמים. גם שאלת חינוך הבנים נפתרה אצלו לטוב ובעצמו קיים „ושננתם לבניך" וזכה לראות שני בנים שהם תפארת אבותם וברכה לרבים.

טיפוס מיוחד במינו היה במדותיו ובדרכיו, לא היה מפורסם כ"כ ברחוב, אבל כל בני עליה ידעו אותו ויחידי עיר נויארק הכירוהו, הוא היה פקח אמיתי, יורע ומכיר היטב רוחות הזמן והויות העולם. מעורב עם הבריות, אם כי היה חי חיי בודד בעולמו המיוחד. מי שיודע את החפץ חיים שליט"א ראה והכיר בו הרבה ממדותיו אשר רכש לו כנראה בהסתופפו בצלו בשבת תחכמוני בישיבת רדין, שמירת הדיבור, התרחקות מכבוד, יחס שלילי לקניני הלוקסוס, היה מתרחק מן הכבוד ומפירסום האי נחוץ בתכלית הריחוק ולא היה איכפת לו אם אפילו אחרים יקבלו הכבוד וההכרה החברותית על שמם בעד מפעליו הטובים, שטתו היתה להוציא הדבר הטוב אל הפועל, ומאי נפקא מינה למי יכירו הטובה? כחטיבה בפני עצמה, בשמן על המים היה שח בים החיים הסואנים דאמריקא, בהספדי נשאתי עליו הקינה הזאת, „וימת יוסף בן מאה ועשר שנים וכו' וחנטו אותו וכו'", ובמ"ר מי חנטו? אמר ר' פנחס אחיו חנטו אותו, לכאורה תמוה מדוע אחיו ולא הרופאים כמו ביעקב אביו שנאמר „ויחנטו אותו הרופאים"? אלא כנראה יוסף לא היה מפורסם לצדיק כמו יעקב שהיו המצרים רואים נילוס עולה לקראתן ויוסף בתור מושל היו לו מתנגדים, ולכן העם ובעלי הדעת לא רצו לתת לו כבוד מלכים, כי החניטה מסמנת גדולה וכבוד שהיה ניתן ליחידי סגולה. (עיין ספורנו על הכתוב „ויחנטו הרופאים את ישראל" לרמז כי החניטה ניתן לאדם המעלה „ישראל" ולא ליעקב), ולכן חנטו אותו אחיו, כי הם הכירו את חסידותיו, צדקותיו המרובים שרק יחידי עולם הגיעו למדרגה זו וחלקו לו הדרת הכבוד הזה.

גם בארץ זו ישנם יחידים יקרים שנסתרים הם להקהל הגדול, שמם אינו מופיע בפומבי ואין נודע בשערים, מצניעי לכת המה, מעשיהם הטובים ידועים רק לחוג צר של סביבתם והסביבה שנשפעים מהאיש הטוב מכרת ומערכת את המשפיע, ולא העולם.

איש צדיק וישר כזה היה ר' יוסף שטערן ז"ל, ולהספידו באו לא עם המון רב, אלא מי שבאו היו מסלתה ומשמנה של נויארק שחלקו לו הכבוד האחרון ברגשי קודש והדרת הכבוד הראוי לו.

מן הנכון להזכיר כי הנפטר עמל כל ימיו ועמד על המשמר להיטיב לאדמו"ר חפץ חיים וישיבתו הק'.

חבל על האי שופרא דבלי בארעא!
חבל על דאבדין ולא משתכחין!

תנצב"ה.

# מכתבי ברכה ועדוד

## מאת הרבנים המפורסמים באמריקה

שלום כבוד וברכה להוד כבודם ה"ה הרבנים המופלגים הנספחים לאגודת השוחטים של המטרפולין של ניו יארק ואגפי' ד' עליהם יחי'.

ראיתי כי יצאה חוברת מאגודתם ובשם „שוחטים שטימע" ו„השומר" יכונה והנני מברכם בברכה שלמה שיה' בהצלחה להגדיל הדת ולהאדירה.

הנה בביתינו שמעבר לים אכלנו מפת אחה, וזהו שגרם קירוב הדעת, אבל פה במדינה זו אנו כאכסנאים, שכל אחד ואחד אוכל מפתו וזהו גורם ריחוק.

אבל לאשרנו אנו משתתפים ומסובין כלנו כאחת ואוכלין אנו מזון רוחני על שלחן אחד המלא כל מיני מגדים חדשים וגם ישנים, ופרחי חמד הנותנים ריח טוב למרחוק וכלנו יחד אנו נזונים מזה. הלא הוא „השלחן הטהור והקדוש" שערך לנו רבינו הקדוש מרן הבית יוסף בשלחנו הטהור.

ואם ינש אל שלחננו הטהור איש אשר לא טהור וידיו לא שטף במים וירצה לקריב לחם אלהי' אשר לא לנו, או אם ירצה לתסנו וליפותו כאות נפשו, נאחז כלנו יחד בהשלחן הטהור ונאמר בקול גדול הזהרו שלא תגעו בשלחן שלא תטמאהו, כי הוא שארית הפליטה לנו מכל כלי חמדתינו, ואנו נהרגים ונטבחים על אשר אין אנו רוצים לאכול בשר פיגולים על שלחנות אחרים ואנו בשארות כחנו נחזקנו ולא נעזבנו, ויהא רעוא מן שמיא שבנינו יהי' סועדים על שלחן המלך, מאן מלכי וכו', ולא יחליפו ולא ימירו אל שלחנות אחרים אשר הברק החיצוני יעור עיניהם ובתוכו מלא סחי ומאוס, כ"א יהי' נזונים ממזון רוחני הנותן ריח טוב למרחוק.

ואסיים בברכה שלמה שפעולתם הקודש, ישגשג ויפרח להרים הדת על תילה ולרומם את כבוד התורה ומשמשיה בטהרה בארץ החפשית.

ממני ידידכם המברכם בכל אלה,

הרב אלי' גארדאן רב בבראנקס ומקודם רב בעיר ווילנא — מחבר הספרים „דברי אליהו", „ישראל בעמים", „דמעת העשוקים", „מערכת ישראל", „הדר הכרמל", „סדר אליהו על יו"ד".

ודבר חשוב קובע ברכה לעצמו הלא הוא הוד כבוד

ידידי הרב הג' איש האשכלות חובר חיבורים מחוכמים חכם וסופר מו"ה שמרי' ליב הורוויץ שליט"א, העורך והמסדר של הירחון. הנני מברך את כתר"ה והמסעיים אותו בברכה שלמה והצלחה וחפץ ד' בידו יצליח.

כנפש ידידו הרב אלי' גארדאן, רב בבראנקס.

---

לכבוד אגודת שוחטי עופות דניו יארק רבתי,

שלום וברכה!

שמועה טובה שמעתי כי אתם מוציאים לאור ירחון „די שוחטים שטימע" בארצנו זאת שלחלק גדול מאחב"י שי' פה זר ורחוק המאור שבמצוות מעשיות שבתורה ואף גם במצוה שהחזיקו בה ביותר — „בשר כשר" לדאבוננו העורבים מביאים להם בשר, ובהעתונים האורתודוכסיים היומיים אין מקום להאיר השאלות במלואן ובלי שום ספק ירחון למטרה זאת רצוי למאה, ויש מקום לקות שהצד הכספיי לא יירט הדרך ולא יחסרו האמצעים להסתדרות חזקה וגדולה כאגודת השוחטים פה, כן ירבו אי"ה, והירחון יאריך ימים.

לפי השם והתוכן של הירחון, דבר מובן מאליו שמוכרח יהי' לבאר באורך וברוחב כל ענין הכשרות, כי עצם השחיטה אף ע"י שוחטים אומנים וי"ש, כן ירבו, עוד איננה פותרת השאלה ובלתי השגחה ראויה מרבנים מובהקים עפ"י דעת מורינו מאורנו בעלי השו"ע ז"ל, שנתפשטה ההלכה כמותם בכל תפו"י, כשרות הבשר עדיין רופפת ואיננה עומדת בשום אופן על הגובה שלה הדרושה. כן בשערי ענפי התורה והחיים, שחיי מאות משפחות שוחטים ת"ח וי"ש תלוים בהם, ואמת ברור הוא שלא הפרחים ויופי המליצה הוא העיקר אך השרשים, התקוה שבודאי הירחון ילך בדרך הסלולה לפניו ולא יטה ימין ומכש"כ שמאל בדרך צד חברותיי (פארטייני).

בכל לבי הנני מברך אתכם שיהא רעוא שהירחון יולד בעת מוצלחת ויזכו לגדלו לחנכו ולחכמו ויעלה ויפרח ויביא פרי טוב ובימיו ובימינו תושע יהודה וישראל ישכון לבטח ובא לציון גואל כנפשם ונפש תדרשם לטובה תבה"י.

בכבוד גמור,

הרב מנחם מענדל לאקשין
רב ואב"ד לקהלות המאוחדות „אגודת החסידים"
וביהכ"נ ליובאוויץ — צמח צדק.

# „גלילי זהב"

מאת הרב מנחם הכהן ריזיקאוו, רב ואב"ד בברוקלין

א. איך מצינו דשוחט צריך דוקא שלא לבדוק הסכין קודם השחיטה ואז מותר לו לשחוט?

ב. איך מצינו ששחט עוף בסכין כשר וגם השני סימנים במקומן ואפ"ה אין זה נקרא שחיטה?

ג. צעב"ח הוי דאוריתא ואיך מצינו שצריכים דוקא לעשות צעב"ח בידים?

ד. איך מצינו ששחטו ה"ב סימנים בעוף והוא טרפה אבל אם שחטו רק סימן אחד כשרה?

ה. איך מצינו אם נמצא נקב בעוף אז הוא כשר ואם לאו טרפה?

ו. איזה אבר מצינו בעוף שיש בו שני מיני טריפות, אחד משום עתיד ואחד ממפרע?

ז. איך מצינו באם שחט הקנה בעוף והוי טרפה?

ח. איך מצינו דעוף חמיר מבהמה?

ט. איזה מקום שבעוף הוי עצם ובבהמה הוי עור?

י. איך מצינו שבדיקה צריך סמיכה?

יא. איך מצינו שהבדיקה הוא רק אחר שני מראות?

יב. איך מצינו אפילו קרע העור ויצא דם אפ"ה כשרה?

יג. איזה מוסר יש ללמוד מסכין של שחיטה?

יד. איך מצינו שריקן טוב יותר ממלא והוא בהפס"מ?

טו. איך מצינו שאפילו שחט יותר מרוב ואפ"ה טרפה?

טז. איך מצינו ששחיטה צריכה דוקא תיכף ואף ששחיטה הדין שצריך במתינות?

יז. איך מצינו מקום שנקב בו כשר ואם שחטו בו טרפה?

יח. איזה חילוק נמצא לבין שחיטת עוף לשחיטת בהמה לבד הסימנים?

יט. איך מצינו הרבה ואין זה רק יחיד?

כ. קללות שקילל משה בתוכחה איך הוא נמצא בשוחטים?

כא. איך מצינו ששחט עוף בידו ובסכין והיא טרפה מטעם שנשחטה שלא ע"י אדם?

כב. איך מצינו איסור שהיה גם בעוף בקנה?

כג. איך מצינו שהבדיקה על הסכין הוא על האופן שלא יהא נמצא בו פגימה חילוף מכל הבדיקות?

כד. נמצא באותו ענין קיל מבנמצא בענין אחר, אבל איך מצינו בשחיטה כזאת?

כה. איך מצינו עשה מפורש בתורה ונכללת גם ברמז בכ"ע אחרת אפ"ה אינו מחויב להשתדל אחריה?

## תשובות

א. כגון שהכין סכין בעיו"ט לשחוט ביו"ט אם יהא נצרך לו, ואח"כ ביו"ט אם צריך לשחוט אין לו לבדוק

את הסכין כדי שיכול לסמוך על חזקת כשרות הסכין מעיו"ט. אבל אם יבדוק הסכין ביו"ט קודם השחיטה יש חשש פן ימצא פגימה ואז אסור לו לתקן הסכין מדינא ולא יכול לשחוט.

ב. כגון ששבר הקליפה והוציא האפרוח ושחטו. (יו"ד סס"ו ובכרו"פ ובשמ"ח).

ג. כגון נשבר הגף סמוך לגוף יש חשש שמא הוי שמוט וינקוב את הריאה ולכן מהני לשבור תיכף הגף לגמרי שלא ינקוב הריאה.

ד. כגון שהיה בין הסימנים בשר בלוי כמו גיעל ובדומה ולפעמים נמצא כזאת בעוף ואם שחטו הב' סימנים הוי טרפה משום שהייה אבל אם שחט רק סימן אחד ושחט ג"כ הבשר בלוי כשרה דאין כאן שהייה דאפילו אם יחתוך כל היום כשרה.

ה. כגון אם נמצא דבר בחלל גוף העוף אז אם נמצא נקב בזפק יש לתלות בהפס"מ שנכנס בחלל הגוף דרך הזפק אף דאין דרך שאפשר שיוצא מן נקב הזפק ומטעם זה כשר נקב בזפק אבל בהפס"מ יש להקל ובשעהד"ח.

ו. זהו גף העוף והוא, באם נמצא שמוט יש בו חשש נקיבת הריאה שנקבה בשעת השמוטה ואם נמצא נשבר בזה יש חשש על אח"כ.

ז. כגון ששחט בר אוזא ולבר אוזא יש שני קנים והוא שחט רק קנה אחד אף שניכר שזהו הקנה שהולך ישר והשני הטפל אפ"ה טרפה.

ח. כגון ניטל האם כשר בבהמה אבל בעוף יש דעות דסברי דהוי טרפה.

ט. כגון בבהמה יש כרס הפנימי וכרס החיצון אבל בעוף יש במקום הזה עצם ונקרא עצם הבוליג.

י. כגון שאינו מרגיש בפגימה בבדיקה באצבע אחד וצריך לסמוך באצבע אחרת הסמיכה לה, למשל שטבעו להרגיש באצבע ומוכרח לסמוך באצבע הקמיצה מותר לו אף לכתחילה להסמיך הקמיצה ולבדוק באצבעו האמה וכן בכל האצבעות שמרגיש בסמיכת האצבע הסמיכה לה.

יא. זהו על חוד הסכין והוא על נקודת מראה לבן או על מראה שחור, אבל על הריאה יש ד' מראות.

יב. אם תלש צמר מצואר הכבש מפני שאין שם חשש נקיבת הושט.

יג. כגון איסור גאוה דאם יש רושם על הסכין ואם האותיות הם שקועים הוי ריעותא אבל מ"מ מותר לשחוט בו. אבל אם האותיות הם בולטים אסור לשחוט בו וזהו מדת גאוה כיון שהוא בולט ויוצא לחוץ אפילו בדיעבד אסור מן הדין לשחוט בו. וכן ג"כ האדם צריך להתרחק מגאוה. וכן הוא יתרת מגבה על הריאה טרפה כן הוא מוסר על האדם דאם הוא יתר ומתנשא הוי טרפה.

יד. כגון אם נמצא בחלל העוף כיס מלא מים כשרה רק בהפס"ק ובכיס ריקן כשרה אף בלא הפס"מ.

טו. כגון ששחט שני חצאי סימנים וא"כ הוי יותר מרוב אפ"ה טרפה דצריך דוקא סימן אחד או רוב אחד.

טז. זה כששחט רק רוב סימן אחד בעוף (אף הקנה) צריך תיכף להיות במ"ע שיש בו רוב אבל לא במדידת.

יז. כגון על סוף מקום השחיטה בושט בעוף ושם תחלת הזפק ונקב בזפק הדין דכשר שם, אבל אם נשחט שם טרפה משום איסור גרמא וצריך לשחוט כשעדיין אדום. וסימן לזה הוא כך הושט הוא אדום והזפק הוא לבן, וכיון שמתחיל הלבנות הוי סימן שמתחיל שם הזפק. עוד סימן יש, הושט יש לו שני עורות והזפק יש לו רק עור אחד.

יח. בשחיטת עופות צריכים להשגיח שיחתוך גם הוורידין שיוצא דם מפני שרגילין לצלותו שלם, אבל להכשיר השחיטה אין זה שייך כלל.

יט. כגון ששחט בלילה נגד הרבה חוטים והם מחופים בחלב או בשעוה אסור לשחוט בפניהם שצריכים להיות דוקא קלועים ואז דינם כאבוקה, אבל אם אינם קלועים יש להם דין נר יחיד (פרמ"ג ולא כפרמ"ג).

כ. כגון בתוכחה קלל משה צ"ח קללות, וכן בשוחטים יש קללה זו והוא דמותר לשחוט עד בן פ' שנים, ונער עד אחר י"ח שנים וביחד הם צ"ח שנים.

כא. כגון שנדנד העוף בידו בעת השחיטה יש לחוש שמא נגמר השחיטה ע"י הנדנוד והוי שלא ע"י אדם, רק אם השוחט אומר בריא לי שלא הגיע הנדנוד להשחיטה יש לסמוך עליו ודוקא אם ידע בעת השחיטה.

כב. אף דחצי קנה פגום כשר וכשנעשה רוב הוי גמר שחיטה וכשרה, אפ"ה צריך הרוב שיהא רוב הנראה לעינים ואף שההוספה הוי רק מיעוט אבל בזה המיעוט גופא אם פסק מלשחוט ושחט אח"כ הוי שחיטה דלית שיעור בזה.

כג. כגון ששכח עיו"ט מלבדוק וע"י הדחק צריך לבדוק ביו"ט, תכלית מבדיקה זו הוי שלא ימצא פגימה, דאפשר דיתרמי שלא ימצא בו פגימה.

כד. ע"כ דחמיר וכגון בענין שמוטה דאם נשמט סימן אחד אחר ששחט סימן הראשון והעוף עדיין חי כשר בהפס"מ (יו"ד סט"ו ושמ"ח ס"ב ובספרו שערי זבח), אבל אם הוא עדיין בעת השחיטה שלא פסק עדיין מלשחוט הוי נבלה. ובדרך זה הוא בכל חמש ה"ש. אבל בשאר ענינים אם הוא עומד עדיין באותו ענין כגון לענין ברכת ועוד ועוד ואכמ"ל.

כה. כגון מצות כיסוי הדם דכתיב (בפ' אחרי) ושפך את דמו וכסהו בעפר וגם הוא מרומז במצוה של זבחת שהיא הכשרת אכילה בלכתחלה. וכיון שהוציא הכתוב בלשון ושפך ולא בלשון ושחט לאשמועינן דאף שלא שחטו לאכילה רק לצורך הדם ג"כ חייב בכיסוי ולזה הוי כיסוי הדין חובת הגוף ולא חובת קרקע אפ"ה אינו מוטל על השוחט להוציא את הדם בשחטו את העוף כדי שיהא לו אפשר לקיים המצות עשה מן כה"ד. וכן שנינו במשנה בחולין (ד' ל"ג) השוחט את הבהמה חיה ועוף ולא יצא מהן דם כשרים. אבל מ"מ מונח חיוב גדול על השוחט שיקיים את מצות מן כיסוי הדם ולא בלבד שמונח על השוחט אלא שמונח על כל ישראל חוב מן המצוה זו. אלא השוחט קודם.

# ספרים חדשים

(שהגיעו אל המערכת)

**ששה סדרי משנה**, מנוקדים ומפורשים על ידי ח. נ. ביאליק, סדר הראשון, זרעים, הוצאת „דביר“, תל אביב.

המשורר הגדול **ח. נ. ביאליק** שב אלינו אחרי נדודים הרבה במחנה המשכילים והמשוררים, ותשורה בידו, פירוש על ששה סדרי משנה. בראש הספר נותן לנו **הקדמה**, והיא — מעשי ידי סופר אמן. בהקדמה זו שנכתבה בסגנונו המיוחד של ביאליק, מבאר הוא את הנחיצות של הוצאת ספרי המשנה מנוקדים ומפורשים לפי דרכו, והוא מודיע לנו כי „הפירוש הקצר שלו לא בא בשום פנים להתחרות עם הפירושים הקודמים, או להתגדר בחידושים משלו. אדרבה, רובו כבולו נסמך על דברי הפירושים שקדמוהו, ישנים וחדשים, כל עיקר חדושו אינו אלא בצורה ובאופן ההרצאה וכו' **להקל על יודעי ספר מישראל את הבנת המשנה לפי פשוטה** במקומה ומגופה ובלי דקדוקים יתרים, והשתדל בכל כחו להשמר מעודף וחוסר. והפירוש — לפי דעתו של ביאליק — הוא ברור ושלם ומספיק די הצורך להבנת דברי המשנה על בורים במקומם ומתוכם ולפני כל מסכת ומסכת הוקדם **מבוא קטן מיוחד לה**, בענינה. במבוא זה מתבארים בקצרה, בראשי דברים, עיקרי הענינים הנדונים במסכת הסמוכה לו, לפי סדר בואם בפרקיה ובראש כל מבוא הובאו כתובי התורה המשמשים יסוד לעניני אותה המסכת, למען שמור את הקשר שבין התורה שבכתב לתורהשבעל פה. ודרך אגב הוא מעיר על הערך החנוכי שבלמוד המשנה ומרמז על הלקוים והפגימית שבחנוך העברי „הלאומי“ וכי יש צורך גדול בלמוד מתוך המקור הראשון.

אין ספק כי דבר גדול מאד עשה המשורר ביאליק בעבודה רוחנית זו, עבודה פוריה ונהדרה בקודש, ואם יזכה לגמור את עבודתו על ששה סדרי משנה, ישאר שמו לברכה ולמזכרת נצח בספרות ישראל המקורית. אבל מתגנב הוא היאוש בתוך הלב העברי מנקר ומחטט שם ושואל: המשורר שקדמהו שאל „למי אני עמל“? ביאליק אינו שואל למי אני עמל? חושב הוא כי עמלו לא לשוא, עמל הוא בעד „העברים“, אלה שחטפו את „ספר האגדה“ שלו, הם יחטפו גם את ששה סדרי משנה עם פירוש, הלואי! אבל מסופקני מאד. „העברים“ שלנו בדורנו מתרחקים מן המקור, אינם יודעים אפילו את התנ"ך. הם יקראו את „ההקדמה“ של ביאליק לששה סדרי משנה, בהיותה יצירה ספרותית הגונה, אבל לא **ילמדו** את המשנה. „העברים“ שלנו **קוראים** הם ולא **לומדים**. קריאה ולא למוד, שטחיות ולא העמקה.

ובזה חלקם ונחלתם. ואלה שלומדים משנה בכל יום מימי חייהם, להם יש צורך בדברי מפרשי המשנה המקובלים באומה, רש"י, ברטנורא, תוספות יו"ט, ומהם יש שמבינים לעיין בדברי הרמב"ם על המשנה, מלאכת שלמה, הגר"א, תפארת ישראל, כף נחת, הרידב"ז ואחרים הרבה נחוצים ומועילים, ולהם פירושו של ביאליק שהשקיע בו **הרבה עבודה וכשרון** איננו פירוש מספיק די הצורך להבנת דברי המשנה **לפי טעמם**, אבל מודים אנו כי עבודה גדולה מאד ונחוצה לסוג ידוע של קוראים היא עבודתו הפוריה של ביאליק, ומי יודע. אפשר כי הספר יתפשט ויהיה לברכה וכלי שרת להפצת דברי המשנה בין יודעי ספר בישראל.

ואולי ישפיע בזה ביאליק על המורים והמחנכים העברים „החדישים“ שישימו לב ללמוד המשנה במקום ללמוד מתוך ספרי קריאה ולמוד שאין להם פרי כי אם פרחים, ולפעמים הפרחים נובלים. הרבה השפיע ביאליק לחבב עליהם את האגדה על ידי ספרו „ספר האגדה“, הלואי שיצליח להשפיע ולחבב עליהם את **המשנה**, שהיא היא התורה שבעל פה, ואם יצליח בזה הרי אין קץ להברכה המרובה ולנכסי הרוח של האומה שיכנים במחנה קוראי עברית ובין יודעי ספר בישראל. וכשם שזכה להתחיל בסדר זרעים כן יזכה לגמור את עבודתו הפוריה על ששה סדרי משנה בהצלחה מרובה.

---

ספר המדרש וההגיון, דרשות למועדי השנה ולכל מקצעות החיים, גם הדרנים על ששה סדרי משנה, מאתי **אפרים** בלא"א ר' אברהם דוד **בערמאן**, רב דביהכנ"ס בית אהרן בית שלום, ברוקלין נ. י. תרצ"ב.

„המדרש וההגיון“ הוא שם הספר החדש הזה, וכשמו כן הוא, בכל מאמר ומאמר ובכל דרוש ודרוש שבו אתה מוצא הגיון, רעיונות דקים ונפלאים, ובמדרש שבו יש גם כן הגיון, הרמוניה ומזיגה נפלאה של דרוש והגיון. הדרשות הן קצרות, יפות, חודרות אל חדרי הלב והנפש, ויש בהן משום פרנסת המוח והלב, השכל והרגש, הדרשות הן לראש השנה, לשבת שובה, לעשרת ימי תשובה, ליום כפור, לפסח, לשבועות, לשבת נחמו, לכשרות, להספד, לבר מצוה והדרנים ומשנה, וגם דרשות לפרשות: בראשית, נח, לך, וירא, ויחי, שמיני, ועוד. הדרשנים והמטיפים ימצאו בו חמר רב לדרשותיהם מעל הבימה.

**בן דוד.**

בגליון הבא נפרסם בע"ה עוד מכתבי ברכה מאת רבנים, גאונים ומפורסמים בישראל.

# צו אונזערע לעזער!

מיר שיקען אייך אונזער מאנאטליכען זשורנאל, „די שוחטים שטימע" אין אידיש און דעם „השומר" אין העברעאיש, וועמעס פרייז איז בלויז 3 דאלאר א יאהר, און $1.50 פאר א האלב יאהר און מיר בעטען אייך צו אפשיקען אייער סובסקריבשאן פרייז, אזוי שנעל ווי מעגליך, אום מיר זאלען נים זיין געצוואונגען צו אויפ־הערען שיקען אייך די צייטונג.

„די שוחטים שטימע" איז געווידמעט פאר די אינ־טערעסען פון אידענטהום בכלל און פאר די אינ־טערעסען פון רבנים און שוחטים בפרט, ווי אויך פאר יעדען באוואוסטזיניגען ארטאדאקסישען אידען.

„די שוחטים שטימע" וועט דרוקען אין אידיש און אין העברעאיש ארטיקלען פון די גרעסטע רבנים און ארטאדאקסישע שרייבער פון דער גאנצער וועלט. עס וועלען זיך דרוקען ארטיקלען, בילדער, חדושי תורה בהלכה ואגדה, ערצעהלונגען, לידער, דרשות, וויסענשאפטליכע ארטיקלען, בריף, היסטארישע דאקומענטען, שאלות ותשובות, פעליעטאנען, און פיעלע נייע אינטערעסאנטע און באלעהרענדע „פיטשורס" וועלען איינגעפיהרט ווערען אין דיזען זשורנאל.

„די שוחטים שטימע" איז נים געגרינדעט געווארען צוליב געשעפט, צוליב פראפיטען, נאר צוליב די אינטערעסען פון אידישקייט און פאר די אינטע־סען פון רבנים און שוחטים און אנדערע כלי קודש, און יעדער דאלאר וואס ווערט צוגעשיקט געהט נאר פאר די שוחטים שטימע, און מיר ווילען און האפען אז די „שוחטים שטימע" וועט פארגרעסערט ווערען און וועט אין גיכען ערשיינען אלס וועכענטליכע צייטונג.

„די שוחטים שטימע" וועט נים אונטערגעהן, ווייל 300 שוחטים יראים ושלמים, חברים פון די אגודת השוחטים האבען זיך אליין ביינעשטייערט און מען האט באזארגט די עקזיסטענץ פון די „שוחטים שטימע" פאר א גאנצען יאהר. אזוי אז יעדער סובסקרייבער קען זיין זיכער און פאזיטיוו צו ער־האלטען דעם זשורנאל א גאנצען יאהר, אהן אן אפ־האלט. די שוחטים יוניאן, וועלכע איז א שטארקע און זיכערע יוניאן איז פאראנטווארטליך פאר די געלד.

מיר קענען נים שיקען דעם זשורנאל נאר ווען מיר ערהאלטען דעם סובסקריבשאן פרייז, און ווען מען וועט אונז נים שיקען די געלד, וועלען מיר נים שיקען מעהר דעם זשורנאל צו יהיה מי שיהיה. „סעמפעל קאפיעס" קען מען שיקען נאר א פאר מאל און נים שטענדיג, מיר מוזען צושטעלען צום פאסט אפים א ליסט פון באצאלטע סובסקרייבערם.

בעטען מיר דארום, שיקט אונז באלד, אזוי שנעל ווי מעגליך, דעם סובסקריפשאן פרייז, און איר וועט ער־האלטען „די שוחטים שטימע" אין צייט. איהר וועט האבען א גייסטיגען פערגעניגען, און גלייכצייטיג וועט איהר העלפען אויפלעבען דאס שטארקע ארטאדאקסישע אידישע ווארט אין אמעריקא און אין קענעדע.

בברכת התורה והיהדות.

די פארוואלטונג.


## מדפיסי ספרים אנחנו זה יותר מחמש־עשרה שנה

### בעברית, אידית ואנגלית

ספרים לאלפים ולרבבות יצאו, במשך הזמן הזה, מתחת מכבש הדפוס שלנו מאת המחברים מפורסמים המפוזרים בכל רחבי ארצות הברית — וכולם פה אחד מהללים ומשבחים אותנו.

**יען כי: —**

א. בית הדפוס שלנו משוכלל הוא במכונות הכי־חדישות והכי טובות.
ב. מסדרי האותיות שלנו הנם יודעי תורה ובקיאים במלאכתם על צד היותר טוב.
ג. יש לנו מבחר גדול של כל מיני אותיות מרובעות שונות וגם אותיות בכתב רש"י.
ד. המגיה שלנו הנהו אומן יד במקצוע שלו.
ה. הניר שלנו הנהו יפה ומשובח.
ו. הכריכות היוצאות על ידינו אין כמוהן ליופי ולהידור.
ז. המחירים שלנו הנם נמוכים והתנאים נוחים.

ובכלל הננו משתדלים, בכל האמצים האפשריים ועד היכן שידינו מגעת, להפיק רצון המחברים, העומדים אתנו בקשר מסחרי, על צד היותר טוב ונאמן.

תעודות וכתבים המעידים על אמיתת דברינו נוכל להמציא לכל דורש.

פנו אלינו ותוכחו.

**ORIOM PRESS, Inc.**

**12 West 18th St. New York, N. Y.**


## חברה אחוזת שוחטים דנויארק רבתי

די אויבענדערמאהנטע חברה האט זיך געגרינדעט אויף דער איניציאטיווע פון שוחטים. נעמענדיג אין אנבא־טראכט דאס עס איז פאראן אידען אין ניו יארק, וועלכע זיינען פאראינטערעסירט, לאחר מאה שנה, צו זיין בא־ווארענט מיט אחוזת קבר, וועלכע זיינע שכנים זאלען אויך האבען געוועזן ביים לעבען סטריקטלי שומרי שבת, און די אויבענדערמאנטע חברה נעמט אריין אלס מעמ־בערס, אידען יראים ושלמים, נים דוקא שוחטים נאר שומרי שבת. און אויך פארקויפען מיר איינצעלנע קברים.

יעדער איד וועלכער וויל זיך אנשליסען אלס חבר, זאל זיך ווענדען צום פרעזידענט ברודער שרגא פיוויש, פאר אינפארמיישאן.

שרגא פיוויש חדש, פרעזידענט.

**888 Faile Street**

אברהם זאב שארפשטיין, סעק.

# א הייליגער און פייערדיגער אויפרוף צו די שוחטים פון אמעריקא און קאנאדא

ברידער שוחטים!

עס איז געקומען די העכסטע צייט וואס איר מוזט זיין אלע פאראייניגט, ווען איהר זענט ניט פאראייניגט, ווערט איהר ערנידעריגט, באליידיגט, איהר פארנעמט ניט אין אידישען לעבען דעם געהעריגען פלאץ וואס איהר זענט בארעכטיגט צו פארנעמען. אייך פעלט פרנסה בכבוד. אייערע קינדער ווערען ניט ערצויגען אזוי גוט ווי זיי האבען געדארפט און געקענט ערצויגען ווערען. ווען אבער איהר וועט זיך פאראייניגען אין א שטארקען פארבאנד פון שוחטים, אין א יוניאן, וועט איהר זיין שטארק און מעכטיג. איהר וועט זיין זיכער מיט אייערע שטעלעס. איהר וועט האבען פרנסה בכבוד. און איהר וועט רעספעקטירט ווערען ווי עס דארפען רעספעקטירט ווערען שוחטים, וועלכע זיינען זיך עוסק אין א מלאכת הקודש.

די עופות שוחטים פון נויארק, 300 שוחטים מופלגי תורה, יראים ושלמים, זיינען פאראייניגט אין א שטארקע מעכטיגע שוחטים יוניאן, און פיהלען זיך שטארק און גליקליך. מיר ווילען, ברידער שוחטים, איהר זאלט נעמען א גוטעןביישפיל פון אונז. פאראייניגט זיך! שרייבט אונז און מיר וועלען אייך העלפען צו פאראייניגען זיך. לאזט אונז וויסען אייערע נעמען און אדרעסען, שרייבט אונז וועגען אייער לאגע. אין פאראייניגונג ליגט אייער גליק און אייער צוקונפט, ווי אויך די צוקונפט פון כשרות און אידישקייט אין אמעריקא און קאנאדא.

**אגודת שוחטי עופות**
**דנויארק רבתי**

ווענדעט זיך לויט פאלגענדע אדרעס:

**SCHOCHTIM STIMME**

**229 EAST BROADWAY,**
**NEW YORK, N. Y.**

RABBI S. L. HURWITZ, *Editor*. | הרב שמריהו ליב הורוויץ, רעדאַקטאָר.

# די שוחטים שטימע
# SCHOCHTIM SHTIMME

מאָנאַטליכער זשורנאַל, אַרויסגעגעבען ביי די אגודת שוחטי עופות דניו יאָרק רבתי

**Monthly Magazine, published by the Poultry Schochtim Union of Greater New York**

**Affiliated with the American Federation of Labor, Local 440**

**229 East Broadway, New York, N. Y.** | **Telephone: ORchard 4—1938 — 9602**

**Vol. I. No. 4.** | **JUNE, 1932.** | ב"ה ניו יאָרק, סיון, תרצ"ב | ערשטער יאָהרגאַנג, נומער 4.

## אינהאַלט:

עדיטאָריעלס:

א. וואָס די שוחטים פון אמעריקא דאַרפען טאָן.

ב. אַלע תלמוד תורות און ישיבות אין געפאַהר.

ג. הגאון ר' אליהו קלאצקין, זצ"ל

צו דער פאַראייניגונג פון די שוחטים — — — — — — — — — — רעוו. אליהו מעלצער

חד וחלק (פעליעטאָן) — — — — — — — — — — — — — — ליץ בן ליץ

בריעף פון שוחטים.

שמחות ביי שוחטים.

## השומר

סיון — — — — — — — — — — — — — — — — — הרב שמריהו ליב הורוויץ

בוקר על מפתן המטבח של עופות — — — — — — — — — — — — — א. פערעלבערג

הרבנים והשוחטים — — — — — — — — — — — — — הרב מנחם שמואל הלוי פ"י

„דבר תורה" — — — — — — — — — — — — — — — הרב מנחם הכהן ריזיקאָוו

מכתבי ברכה ועדוד

ספרים חדשים — — — — — — — — — — — — — — — — — בן דוב

**Subscription Price, $3.00 a year.** | סובסקריבשאָן 3 דאָלאַר אַ יאָהר.

**Application for second-class matter is pending.**

# די שוחטים יוניאן פון ניו יארק גיט א הארציגע צאתך לשלום צו זייערע בעאמטע

די 300 שוחטים, וועלכע באלאנגען צו די אגודת שוחטי עופות דנוי יארק רבתי, האבען לעצטען דינסטאג אווענט געגעבין א פראכטפאלען הארציגען „צאתך לשלום" צום פרעזידענט פון דער אגודה רעוו. יעקב בלום און דעם סעקרעטאר רעוו. יוסף ראזענמאן, און רעוו. זילבערמאן, וועלכע זיינען געפאהרען נאך ארץ ישראל קויפען לאנד און גרינדען א שוחטים קאלאניע אין ארץ ישראל אונטער דעם נאמען „נחלת השבים"

הרב ר' זאב גאלד, פרעזידענט פון „מזרחי", איז געוועזן דער הויפט רעדנער, וועלכער האט באגייסטערט די שוחטים מיט זיין רעדע. עס האבען אויך גערעדט די ברידער שוחטים מען האט שטארק געלויבט די באאמטע פון דער יוניאן פאר זייער מסירת נפש ארבייט לטובת די ארגאניזירטע שוחטים. מען האט געזונגען חסידישע הארציגע נגונים, עס איז געוועזן אויך א רקוד'על.

רעוו יעקב בלום דער פרעזידענט פון דער אגודה, האט באדאנקט אלע ברידער שוחטים פאר דעם כבוד וואס זיי טיילען איהם צו. ער האט ערקלערט, דאס כאטש איהם איז זעהר שווער צו שיידען זיך מיט זיינע ברידער, און די אינטערעסען פון דער שוחטים יוניאן זיינען אימער נאהענט צו זיין הארצען, אבער דער אידעאל פון גרינדען א שוחטים קאלאניע אין ארץ ישראל צווינגט איהם צו פארלאזען די יוניאן אויף א קורצע צייט און פאהרען דורכפיהרען זיין הייליגע שליחות אין ארץ ישראל. ער באַרוהיגט די ברידער דאס די אינטערעסען פון די שוחטים יוניאן וועלען ניט פארנאכלעסיגט ווערען דורך זיין אבּוועזענהייט, ווייל דער שטעל-פארטרעטער וועלכען רעוו. בלום לאזט איבער אויף זיין פלאץ, דער וויס פרעזידענט פון דער אגודה חבר אליהו מעלצער דער טיכטיגער און איבערגעגעבענער ענערגישער טוער וועט געוויס דורכפיהרען אלעס וואס ס'איז נויטיג לטובת האגודה על צד היותר טוב

סעקרעטאר און מנהל פון דער יוניאן חבר יוסף ראזענמאן זעגענט זיך הארציג מיט אלע חברים און ברידער און ווינשט אז זיי זאלען אין גיכען האבען די מעגליכקייט צו נאכפאלגען זיין ביישפיעל. און ער מאכט אויך באקאנט אז ער לאזט איבער אויף זיין פלאץ אונזער באליבטען וויס פרעזידענט, וועלכער וועט טאן בשלמות די נויטיגע ארבייט. אויך חבר זילבערמאן זעגענט זיך הערצליך מיט די ברידער שוחטים

צו דער ענדע מאכט חבר יעקב בלום, דער פרעזידענט א שטארקען אפיעל צו אלע ברידער שוחטים. זיי זאלען שאפען סובסקריבער פאר דעם שוחטים ארגאן „די שוחטים שטימע", וועלכע ווערט יעצט פארשפרייט צווישען די שוחטים פון אמעריקא און קאנאדע ווי אויך אין אנדערע לענדער און אויך צווישען רבנים פון דער וועלט, און די השפעה פון אונזער „שוחטים שטימע" איז זעהר גרויס. ווען יעדער שוחט, זאגט דער פרעזידענט, וואלט געשאפען געגוג סובסקרייבער וואלטען מיר געהאט די מעגליכקייט צו פארגרעסערען און פארשענערען אונזער זשורנאל וועלכער איז פון די גרעסטע וויכטיגקייט פאר אונז אין יעצטיגען מאמענט.

רעקארדינג סעקרעטאר, חבר באשקאוויץ און וויס פרעזידענט חבר מעלצער, גיבען איבער אין נאמען פון דער עקזעקוטיווע א הארציגע ברכה צו די דריי חברים שוחטים וועלכע פאהרען נאך ארץ ישראל. די ברכה איז געוועזן אזוי הארץ-רירענד, מיט פייער און באגייסטערונג, אז אלע ברידער זיינען געווארען גערירט און זייערע הערצער זיינען אנגעפילט געווארן מיט הייליגע געפיהלען צו די קדושת וחיבת הארץ און פון גרויס באגייסטערונג האבען אלע חברים געזונגען „ברוך אלקינו" און „התקוה".

---

## תפארת הגר"א תלמוד תורה געזעגענט זיך מיט איהרע דירעקטארען בעאמטע פון דער „שוחטים יוניאן"

די גרויסע בראנזווילער תלמוד תורה „תפארת הגר"א", 425 האווארד עוועניו, ברוקלין, האט אויך אראנזשירט א צאתך לשלום אווענד מיט א גרויסארטיגע מלוה מלכה סעודה צו רעוו. יעקב בלום דירעקטאר און טשערמאן פון ועד החנוך פון תלמוד תורה און פאר רעוו. יוסף ראזענמאן דירעקטאר פון תלמוד תורה.

הרב שמריהו ליב הורוויץ דער רב און פיהרער פון תלמוד תורה און שוהל, ווי אויך דער רעדאקטאר פון די „שוחטים שטימע", דער באוואוסטער כלל טוער יוסף חיים קאפלאוויץ פרעזידענט פון תלמוד תורה, רעוו. שמואל קרולעוויטש, טרעזשורער פון „נחלת השבים", הרב רייטער פון דער חברה משניות, דער רב פון „חברה ש"ס", דירעקטארען פון תלמוד תורה, ווי אויך די פרעזידענטין פון די ליידיעס אקזיליארי און אפרים זעלדין פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, האבן געהאלטען הארציגע רעדעס לכבוד רעוו. יעקב בלום און רעוו. יוסף ראזענמאן. רעוו. מרדכי ברוקס, דער וויס פרעזידענט-פון „נחלת השבים", וועלכער איז א באריהמטער חזן און מנגן, האט באגייסטערט דעם עולם מיט שירה וזמרה. דער קינדער כאר פון תלמוד תורה האט געזונגען זמירות. אם ענדע האבן רעוו. יעקב בלום און רעוו. יוסף ראזענמאן געהאלטען קורצע רעדעס אין וועלכע זיי האבען זיך געזעגענט מיט אלע פריינט. און מיט „התקוה" און „ברוך אלקינו" איז געשלאסען געווארען דער צאתך לשלום אווענד.

# די שוחטים שטימע

**סיון, תרצ״ב**

ערשטער יאהרגאנג. נומער 4


## וואס די שוחטים פון אמעריקא דארפען טאן

די שוחטים פון אמעריקא און קענעדע דארפען יעצט מער ווי אימער האבען א חשבון הנפש, באטראכטען זייער לאגע, די לאגע פון זייערע פאמיליעס, די לאגע פון אידישקייט בכלל און כשרות בפרט, און דאן וועלען זיי מוזען קומען צו דער איבערצייגונג אז די איינציגע וועג וואס קען פיהרען צו זייער גליק איז — **פאראייניגונג.**

דער מצב פון אידישקייט דא אין לאנד ווערט ערגער פון טאג צו טאג, מיר לעבען אין א שרעקליכע צייט, א צייט וואו נשמה, גייסט, קדושה, שפילט זייער א קליינע ראליע. די וועלט ווערט אלץ מעהר מאטעריאליסטיש, מעהר פארגרעבט, מען הערט אויף גלויבען אין דעם בורא עולם, אין העכערע אידעאלען, דער דאלאר און פיזישע קראפט ווערט פארגעטערט, די וועלט האט זיך אומגעקערט צוריק צו דער עבודה זרה עפאכע, מען דינט דעם אקס, די פיזישע קראפט, מען דינט צום דאלער, דער עגל הזהב, די עקאנאמישע לאגע ווערט ערגער פון טאג צו טאג. אין אזא צייט איז דאס אידענטום אין דער גרעסטער געפאהר, און שחיטה מיט די שוחטים ווערען, פשוט, איבעריג, מען הערט אויף גלויבען אז מען דארף האבען שוחטים וועלכע שעכטען לויט דעם שולחן ערוך דוקא. א שוחט זאגט זיינע בעלי בתים וועלכע באלאנגען צו אן ארטאדאקסישע שוהל ניט ווייט פון ניו יארק, אז יענער שוחט האט געמאכט א שמוטה, לאכען די פרומע בעלי בתים, שוהל מעמבערס, און זאגען דעם שוחט; „זייט ניט קיין נרינער, אין אמעריקא איז ניטא קיין פלאץ פאר אזעלכע נארישקייט ווי שמוטה, דרסה און אזוי ווייטער".

אין אזא שרעקליכע עבודה זרה צייט געפינען זיך די פרעגער פון רעליגיאן, רבנים און שוחטים, אין דער גרעסטער סכנה, און דער איינציגער מיטעל איז צו פאראייניגען זיך אין א שטארקען שוחטים פארבאנד. יעדע שטאדט וועלכע האט עטליכע שוחטים, דארפען די שוחטים גרינדען אן אגודת השוחטים, נאכהער ווען אלע שטעדט פון לאנד וועלען האבען לאקאלע שוחטים ארגאניזאציאנען, דאן וועלען מיר זעהען ארגאניזירען די אלע שטאדטישע שוחטים ארגאניזאציעס, אין איין גרויסע **שוחטים יוניאן פון גאנץ אמעריקא און קענעדע.**

אלץ פאראייניגט זיך איצט, אפילו די באנקירען, אין דער צייט פון פראספעריטי האבען זיי געגלויבט אין אינדיווידואליזם, איצט אבער האבען זיי זיך פאראייניגט אין א „רעקאנסטראקשאן פאינענס קארפאריישאן", די פארמער פון לאנד פאראייניגן זיך אויך אין קאאפעראטיוו, און אפילו די דאקטורים באטראכטען איצט פלענער פאר א געוויסער פארמע פון געזעלשאפטלאכער מעדיצין. אלעם ווערט יעצט פאראייניגט, אפילו די שמשים פון ניו יארקער שוהלען האבען געפונען פאר נויטיג צו פאראייניגען זיך, און מען זאגט, אז זיי האבען א שטארקע יוניאן. פאראיינען און יוניאנס — דאס איז דער איינציגער וועג ווי אזוי צו באקעמפען ארימקייט און ערנידערונגען. די שוחטים פון לאנד אויב זיי פארשטעהען זייער לאגע און ווילען באזארגען זייער צוקונפט און די צוקונפט פון כשרות אין אמעריקא, מוזען זיי שאפען שוחטים ארגאניזאציעס אין יעדע אידישע קהלה, שטארקע שוחטים יוניאנס — דאס איז דער געבאט פון דער שטונדע. ווי נאר די שוחטים וועלען זיך אנפאנגען צו ארגאניזירען דאן וועט נויטיג זיין צו רופען **א קאנווענשאן פון אלע שוחטים ארגאניזאציעס פון אמעריקא און קאנאדע.**

שוחטים! פאראייניגט זיך! אייער פאראייניגונג וועט זיין א ברכה פאר אייך און פאר'ן אידענטום.

---

## אלע תלמוד תורה'ס און ישיבות פון גרויס ניו יארק אין געפאהר

אלע תלמוד תורה'ס און ישיבות פון גרייטער ניו יארק זיינען אין די גרעסטע סכנה. די לעהרער הונגערען, זיי האבען שוין פאר א גאנץ לאנגע צייט ניט געקראגען זייער קלענגלעבען געהאלט. די היילינע ערציהונגס אנשטאלטען זיינען איינגעטונקען אין חובות און קענען ניט צאהלען, זיי זיינען אזוי גוט ווי באנקראט, ווייל דאס ארטאדאקסישע אידענטום איז באנקראט. דער גרויסער טעגליכער „מארגען זשורנאל" ווידמעט יעדען טאג פייערדיגע ארטיקלען צו די אידען פון אמעריקא צו ראטעווען די תלמוד תורה'ס און ישיבות פון אונטערגאנג, און עס קומט אריין אונבאדייטענדע סומען. דער עקאנאמישער קריזיס האט גישאפען **א גייסטיגען קריזיס** וועלכער איז פיעל שטארקער, ערגער און סכנה'דיגער ווי דער עקאנאמישער קריזיס. די „אגודת הרבנים", דער „ועד הרבנים" האבען פארעפענטליכט אין דער אידישער פרעסע היילינע הארציגע אויפרופען צו ראטעווען די ישיבות און תלמוד תורה'ס, דער „דגל הרבנים" האט נעהאט א שטורעמדיגען מיטינג וואו אלע חברים רבנים האבען גערונערט אז מען מוז ראטעווען אונזערע קינדער פון אסימילאציע, און אידען זיינען קאלט ווי אייז.

איז חס ושלום נעשטארבען די אידישע נשמה? האט די אידישע הארץ אויפגעהערט קלאפען? פיהלען ניט די אידען פון אמעריקא די גרויסע פאראנטווארטליכקייט וואס די השגחה העליונה האט אויף זיי יעצט ארויפגעלייגט?

פאר וועמען וועלען בלייבען די טויזענדער שוהלען.

פון לאנד אויב מיר וועלען נים ערציהען א נייעם דור וועלכער זאל דארפן א שוהל? ווער וועט לייענען אין אונזער תורה פאר וועלכע מיר האבען פארגאסען טייכען בלוט און געשפרונגען אין פייער? ווען נים די תלמוד תורה'ס און ישיבות. וועלען מיר דאך בלייבען א פאלק פון ציגיינער, דער „עם הספר" וועט בלייבען אן עם „הפייפער", ער וועט לייענען אנשטאט א אידישען היילי־גען ספר א אידישען „פייפער" און אביסעל שפעטער קיין אידישען „פייפער" אויך נים דארפען, אוים אידישען לעבען, און מיר וועלען חס ושלום אונטערגעהן.

מיר דארפען זיך דערפאר באפרייען פונ'ם גייסטיגען קריזיס אזוי שנעל ווי מעגליך. יעדער איד, ארעם אדער רייך, מוז זיך אנשטרענגען, מוז א ביסעל מסירת נפש האבען און העלפען ראטעווען אונזערע היילינע תלמוד תורה'ס און ישיבות.

מיר אפעלירען צו אלע אונזערע לעזער בכלל, און צו אונזערע ברידער שוחטים בפרט בכל מקום שהם, אז זיי זאלען זיין די ערשטע צו אפרופען זיך אויף דעם קרעכין פון די שכינה, אויף דעם עלבון התורה און קומען צו הילף אונזערע מוסדות התורה, די פעסטונג פון יודענטהום, ווי עס פאסט פאר שוחטים וועלכע זיינען יראים ושלמים און זיינען זיך עוסק במלאכת הקודש באמונה.

## 6 מאנאטען געפענגעניש פאר איבער־טרעטען שחיטה פארבאט

עס ווערט געמעלדעט פון בערלין דורך איטא, אז זעקס חדשים געפענגעניש און גרויסע סומען געלד שטראף דאר־פען באקומען די וואס וועלען אריבערטרעטען דעם אנטי־שחיטה געזעץ וואס די נאצ. פראקציע אין דייטשלאנד האט אריינגעבראכט נים לאנג צוריק אין דעם פרייסישען לאנד טאג, לויט א פונקט אין דעם פארגעשלאגענעם גע־זעץ. דער שחיטה פארבאט באציהט זיך נים נאר אויף שאף נאר אויך אויף עופות.

מיר האבען שטארק מורא, אז דער שחיטה פארבאט אין דייטשלאנד וועט ווירקען צו שלעכטען אויף אלע אנדערע לענדער, ווייל דייטשלאנד איז דער פראבע־שטיין פון דער מערב ציוויליזאציע. דער ביישפיעל פון אסר'ען שחיטה אין דייטשלאנד, וועלכע איז דאך פארערכענט אלס הויך קולטורעלע לאנד, זאל ווירקען זעהר שלעכט אויף די איבעריגע לענדער. עפעס האט געדארפט געטאן ווערען וועגען דעם מצד די רבנים, שוחטים און אידישע כלל טוער פון דער גאנצער וועלט. יעצט זעהען מיר ווי נויטיג עס איז צו האבען אן א ל ו ו ע ל ט ל י כ ע ש ו ח ט י ם א ר ג א נ י ז א צ י א ן, וועלכע זאל שטעהן על המשמר און זאל קענען עפעס טאן אין אן עת צרה.

די פיהרער פון „צענטראל פאראיין" אין בערלין האבען ערקלעהרט אז אויב היטלער וועט קומען צו דער מאכט וועט אהן צווייפעל ארויסגעגעבען ווערען אן אל־געמיינער שחיטה פארבאט אין דייטשלאנד.

## דער הפקר צושטאנד פון שחיטה און שוחטים

מיר לייענען אין דער טעגליכער פרעסע פאלגענדעס:

„די קאנגרעגיישאן בני אברהם פון איסטאן, פא. זוכט א פאסענדען מאן פאר די שטעלע פון חזן שוחט און בעל קורא, קיין סאלארי, בלויז הכנסה... קיין כהן דארף מעלדען.... (?!)"

ה ו ד ע ה ו א ז ה ר ה. — איך, דער שוחט פון איכטאן, פא. מיט א פאמיליע שיחיו, בעט אז קיין שוחט זאל קומען אהער, ואסור הסגת גבול ידוע, ווער ח"ו עס וועט קומען, וועט גרעסער מאכען די מחלוקת, און וועט זיכער דורכפאלען

מ. קליין, שו"ב דפה.

* * *

„ד י א ג ו ד ת ה ש ו ב י"ם פ ו ן ד ע נ ו ו ע ר ק א ל א ר א ד א, מאכט באקאנט אז איינינע מענשען ווילען אנמאכען מחלוקת אין שטאדט און זוכען נייע שוחטים, כדי צו טאן שאדען די עקזיסטירענדע שטאד־טישע אגודת השובי"ם. מיר אפעלירען צו אלע שוחטים פון אמעריקא, נים לאזען זיך פארפיהרען פון די מחלוקת זוכער און נים קומען אין דענווער שעכטען"...

מיר זיינען זיכער אז קיין פאראנטווארטליכער שוחט וועט נים פאהרען אין דענווער, ווייל דערמיט וועט ער ברעכען די אגודת השובי"ם פון שטאדט און וועט זיך אליין צוברעכען!

## הגאון ר' אליהו קלאצקין זצ"ל

אין עלטער פון 81 יאהר איז נפטר געווארען אין ירושלים דער געוועזענער לובלינער רב, הגאון ר' אליהו קלאצקין זצ"ל.

די דאזיגע טרויעריגע ידיעה וועגען דער פטירה פון איינעם פון די גרעסטע גאונים פון היינטיגען דור, האט ארויסגערופען אין דער גאנצער אידישער וועלט א גע־וואלדיגען טרויער.

נאך אלס קינד איז הגאון ר' אליהו קלאצקין זצ"ל געווען בארימט אלס גרויסער עילוי, חריף און בקי, אלס יונגערמאן נאך ווערט ער רב אין איזאבעלין, נאכדעם אין מאריאמפאל און פון דארט גלייך אין לובלין, וואו ער האט פארנומען די כסא הרבנות א סך צענדלינער יאהרען ביז'ן יאהר תרפ"ה, ווען ער איז עולה קיין ירושלים עיר הקודש.

הגאון ר' אליהו קלאצקין איז געווען א גרויסער משיב אין הלכה, איבערהויפט אין עניני עגונות. ער האט מחבר געווען פיעל ספרים, ווי „אבן ראשה", „אמרי ספר", „דבר אליהו" „דבר הלכה" און אנדערע. דער כלל ישראל האט אין איהם פארלארען איינעם פון די לעצטע גאונים פון פריערדיגען דור. יהי זכרו ברוך.

ת'נ'צ'ב'ה'

69



# צו דער פאַראייניגונג פון די שוחטים

פון רעוו. אליהו מעלצער, וויצע־פרעזידענט פון די אגודת השוחטים דנויארק רבתי.

זינט „די שוחטים שטימע” איז ארוים מיט א קול קורא צו אלע שוחטים, דאָס זיי זאָלען זיך פאַראייניגען, אום דאַמיט צו פאַרבעסערען דעם מצב השוחטים און אפּשאַפען די גוואלדיגע הפקרות וואָס הערשט אין פעלד פון שחיטה און כשרות, ווערען מיר פאַרפלייצט מיט בריעף פון שוחטים פון איבער'ן גאַנצען לאַנד, וועלכע זיי לאָזען אונז וויסען אַז זיי טראַכטען זיך טיעף אריין אין דער פיעל אַנגעוועהטאַנטער פראגע, און וואָלטען וועלען עפּעס טאָן צו מאַכען אַן ענדע צו דער שרעקליכער לאַגע פון שוחטים און כשרות. אָבער, ליידער, פיעלע פעלט מוטה און ענערגיע און אנדערע פעהלט ערפאַהרונג, אָבער זיי מאָלען אין זייערע בריעף צו אונז, די לאַגע מיט די שוואַרצעסטע פאַרבען וואָס עס קאָן געבען. עס איז פשוט שומו שמים! אזא שרעקליכע הפקרות זאָל קענען הערשען נאָך יעצט, ווען אין יעדער שטאָדט געפינען זיך דאָך אמת'ע אידען, וואָס וויסען און פאַרשטייען אַז שחיטה און כשרות איז דער פונדאַמענט פון די אידישע רעליגיאָן פון יעצט און פון אלע צייטען, און מיט זייער גלייכגילטיגקייט און נישט נעמען קיין פעסטע שטעלונג צו פאַרבעסערען דעם מצב, לאָזען זיי דירעקט און אונדירעקט דעם פונדאַמענט פון אונזער הייליגע אמונה באַנאַנדערפאַלען, און איבערהויפּט דאָ אין לאַנד אין די קליינע שטעט. ווען ניט שחיטה און כשרות בלייבט דאָרט גאַנץ ווינציג פון אונזער אמונה. די שוחטים וואָס שרייבען די בריעף בעטען זיך מיר זאָלען זיי קומען צו הילף מיט ראַט און טהאַט, און ווען מיר ענטפערען זיי ניט גלייך, ווייל מיר זיינען יעצט אויסער געוועהנליך באַשעפטיגט, שרייבען זיי ווייטער מיט גרויס פאַרדרוס. דאָס צייגט אַז די „שוחטים שטימע” האָט אויפגעוועקט און ערמינטערט די באַוואוסטזיינינע און די דענקענדע שוחטים פון לאַנד.

אָבער יעצט שטעלט זיך די פראגע, ליגט טאַקע ביי אונז דער שליסעל צו לייזען די פיעל אַנגעוועהטאַנטע פראגע? און אויף וויפיעל קענען מיר העלפען צו פאַרבעסערען דעם מצב השוחטים אין לאַנד? און מיר די אגודת השוחטים דניו יאָרק רבתי קענען אין געוויסען זין ענטפערען; יאָ! ווען נור די שוחטים פון לאַנד זאָלען נעמען אונזער אגודה מיט אונזער ערפאַהרונג אלס ביישפּיעל.

שטעלט זיך פאָר, חברים שוחטים, אזא שטאָדט ווי ניו יאָרק, וואָס האָט דעם גרעסטען אידישען קבוץ אין דער אידישער געשיכטע, די גרעסטע אידישע קהלה פאַר

---

# חד וחלק

(פעליעטאָן) פון ליץ בן ליץ

אמר ליץ בן ליץ, אין דעם פאַריגען נומער פון די „שוחטים שטימע” האָב איך הייליג פאַרשפּראָכען צו כאַפּען אַ שמועס מיט די לעזער פון „די שוחטים שטימע” וועגען די „סטריקטלי” כשר'ע בוטשערס. איך האָב דאָן באַמערקט אַז אין דער אַלטער היים פלעגט דער היימישער קצב מיט די גרויסע שטיוועל שטעהן אין שוהל ארום מיר מיט אַ געוואַלדיגען דרך ארץ פאַר דעם שוחט און פאַר'ן רב און דאָ אין אַמעריקא האָט זיך דער היימישער קצב אַרויפגעאַרבייט און איז געוואָרען אַ „כשר'ער בוטשער” אַ מין כלי קודש רחמנא יצילנו. נו פרעגט שוין בעסער ניט, איך האָב איצט גענוג צרות פון דעם רעדאַקטאָר. איך קום אַריין צו איהם, ווי געוועהנליך, מיט אַ גוטמאָרגען אויף די ליפּען, און ער בעט מיך אַפילו ניט זיצען, איז ברוגז, דערלאַנגט מיר אַ פּעקעל בריעף פון בוטשערס, וואו מען שיט פעך און שוועבעל אויף מיין קאָפּ, אויפ'ן קאָפּ פונ'ם רעדאַקטאָר, און אויך אויף די שוחטים, ווארום מען משפּעט די כשר'ע הייליגע בוטשערס, וואָס האָט מען זיך אַנגעזעצט אויף זייער קאָפּ? ווארום, זאָגען זיי שרייבט מען ניט דעם אמת וועגען שוחטים, רבנים, קהל'שע קליאַמקעס מכל המינים, ווארום עפּעס „בינט” מען זיך נאָר צו די כשר'ע בוטשערס דאָס מוז זיין — אַזוי שרייבען זיי — עפּעס אַ נייער מאָדע רעקיטירונג ביזנעס, און מען וועט באַלד בעטען פון זיי אַ דאָלאַר אַ וואָך, אויב ניט וועט מען צומאַכען זייערע בוטשער שעפּער זונטאָג מיט דער הילף פון פּאָליציי, און מען וועט זיי אָנטאָן גענוג צרות.

דער רעדאַקטאָר שרייט צו מיר; גזלן, רוצח, פאַרדאַמטער ליץ, זעהט וואָס איהר האָט אָנגעמאַכט, איהר האָט זיך פאַרמשפּעט מיט די כשר'ע בוטשערס, עס וועט אונז קיין צרות ניט פעלען. ווייל איך איהם באַרוהיגען און מענה צו איהם, פאַני רעדאַקטאָר, הרב „הגאון” הגדול! (ער האָט אַ שוואַכקייט צום טיטעל „הגאון”, ווי אַלע אַמעריקאַנער רבנים...) נאָט איז מיט אייך, די כשר'ע בוטשערס האָבען אייך קיין בריעף ניט געשריבען, ווייל אַ כשר'ער בוטשער קען דאָך קיין אידיש

די לעצטע צוויי טויזענד יאָהר, וואו עס געפינען זיך אריבער דריי הונדערט עופות שוחטים אליין, שוחטים וואָס זיינען געקומען פון פארשידענע לענדער, וואָס קאָנען זיך זאָגאר נישט גוט צוזאַמענרעדען זיך און פארשטעהן זיך ווי געהעריג צוליעב די פארשיעדענע אויסשפּראַכען און דיאלעקטען, אַ שטאָדט וואָס איז צוטיילט אין פיעלע נאַכבאַרשאַפטען, און יעדע נאַכבאַרשאַפט איז אַ שטאָדט פאַר זיך אליין, און אין יעדער נאַכבאַרשאַפט האָט גע־הערשט אַ גאַנץ אַנדער סיסטעם און הנהגה אין עניני שחיטה וכשרות, אַ שטאָדט וואָס האָט קיין מאָל ניט געהאַט אַ גוט אָרגאַניזירטע אידישע קהלה־מאַכט, וואָס זאָל האָבען צו זאָגען אין דער פראַגע, און אפילו רבנים האָבען געהאַט גאַנץ ווינציג צו זאָגען אַז מען זאָל הערען זייער שטימע, שרעקליכע הפקרות אויף אַלע געביטען — איז אַ וואונדער דאָס עס האָט געהערשט אַ געוואַלדיגע הפקרות אויפ'ן געביט פון שחיטה וכשרות ? ! און ווער עס האָט נאָר געוואָלט האָט געקענט נעמען אַ חלף אין האַנד און שעכטען, און ווער עס האָט נאָר געוואָלט האָט גע־קאָנט מאַן מיט'ן שוחט וואָס זיין האַרץ גלוסט. דער שוחט איז געווען פאַרשקלאַפט, און עס איז ניט געווען די אַטאָריטעט, וואָס זאָל קענען מאַכען אַ סוף צו אַזאַ שרעקליכע הפקרות.

און אָט אין אַזאַ שרעקליכע פאַרצווייפעלטע לאַגע, האָבען זיך געפונען עטליכע אידעאַליס־טישע שוחטים, איבערגעגעבען מיט מסירת נפש צו מאַכען אַן ענדע פון אַזאַ הפקרות. זיי האָבען ניט גערוהט פאַר צעהנדליגע יאָהרען, זיי האָבען געזוכט דעם איינציגען מיטעל און די אמת'ע רפואה צו דער מכה, און דאָס איז — די פאַראייניגונג פון אַלע שוחטים פון שטאָדט, און ווען איין אגודה אָדער יוניאָן איז אונטערגעגאַנגען, האָט נישט גענומען לאַנג און אַן אַנדער אגודה איז געשאַפען געוואָרען, ווייל די שוחטים

ניט שרייבען, דאָס האָבען מיינע חברים ל צ י ם געשריבען די בריעף מען זאָל מיינען אַז כשר'ע בוטשערס האָבען דאָס געשריבען, אום צו שעדיגען מיין קאַריערע אַלס דער לץ פון דער „שוחטים שטימע", זיי די לצים, ווילען צונעמען מיין „דזשאָב", וואָס טוט מען ניט היינטיגע צייטען צוליעב אַ דזשאָב ? ! פאַניע רעדאַקטאָר לאַכט זיך אויס פון זיי, הערט זיי ניט, האָט ניט מורא פאַר זאָגען דעם אמת, דער אמת איז הייליג, איך וועל זיך איבגיבען נעמען צו די שוחטים, רבנים, תלמוד תורה און שוהלען פיהרער, צו אַלע קהל'שע טוער, צו אונזערע ציימונגען, צו די אידישע פרעסע, צו אונזערע לעהרער און פרינסיפּאַלס, האָט קיין מורא ניט, עס וועט זיין ליהודים ! אוי ווערען זיי זיך איבערשרעקען פאַר'ן אמת. זיי אַלע, גלויבט מיר, דאַרפען האָבען אַ קאַנטשיק, און ווער זאָל זיי דערלאַנגען אויב ניט אַ לץ ? ! "

דער רעדאַקטאָר האָט זיך אַביסעל באַרוהיגט, און איך וואַש די הענד און נעם זיך באַלד צו די „סטריקטלי" כשר'ע בו־טשערס. א מ ת'ע כשר'ע בוטשערס איז דאָ אין ניו יאָרק — אַזוי זאָגט מען — ניט מער ווי פינף פּראָצענט, און זיי זיינען דאָס די „סטריקטלי" כשר'ע בוטשערס, איך קען זיי, וועמען קען ניט אַ לץ ? און איך האָב די עהרע צו פאַרשטעלען אייך איינעם פון זיי, טוט אָן, איך בעט אייך, די ברילען און קוקט זיך גוט איין אין איהם, ווען איהר וועט איהם דער־קענען, דאַן זייט גוט צו מיר, שרייבט אָן אַ פּאָר ווערטער, שיקט מיר, איך בעט אייך, אַ דאַנק בריוועלע, זאָלען די שוחטים און דער רעדאַקטאָר זעהען אַז איך האָב אויך גוטע פריינד פאַר זאָגען פון צייט צו צייט דעם בימערען און הייליגען אמת, וועלען זיי האָבען אַביסעל רעספּעקט פאַר מיר.

אַלזאָ, איך נעם זיך צו דער אַרבייט, רבותי ! איך שטעל אייך יעצט פאַר אַ „סטריקטלי" כשר'ען בוטשער, ער האָט אַריינגעטופּט פון דאַון טאַון אין אַ נייעם רייכען אידישען געגענד, וואו עס געפינען זיך רייכע און פרומע בעלי בתים, און אידישע פרויען וועלכע ו ו י ל ע ן ב א מ ת כ ש ר ו ת, ער ווערט אַ מעמבער אין אַ נייער שוהל, גלאָצט מיט די אויגען, לעהרענט אַ בלאַט גמרא הויך מיט אַ שטאַרקען אומעטיגען נגון, אַז די ווייבער אין דער ווייבערשער שוהל זאָלען הערען ווי ער, דער צדיק, לעהרענט גמרא, ער דאַווענט פאַר'ן עמוד, ווערט באַוואוסט אַלס פרומער און „סטריקטלי" כשר'ער בוטשער. קיין שמייכעל אויף די ליפּען קענט איהר ביי איהם קיין מאָל ניט זעהען, נאָר ער איז אין כעס, איז אַ שרעקליכער עזות פנים, שרייט אויף די ווייבער וועלכע קומען קויפען פלייש, בייזערט זיך אויף זיי, רייסט שרעקליכע הויכע פּריי־זען, און ווען אַ פרוי פּראָטעסטירט פאַר האַלדז שניידענדע ווילדע פּרייזען, שרייט ער מיט כעס, געהט צו די טרפה בוטשערס, געהט צו די „חטאתים" דאָרט איז ביליג, ביי מיר קען ניט זיין ביליג, אַרויס פון דאַנען, און וואָס מער ער שרייט אויף די ווייבער, אַלץ מער לויפען זיי קויפען „סטריקטלי" כשר'ע פלייש. עס איז אַ „בום" אויף „ריעל עסטייט", ער קויפט הייזער, ווערט רייך, די פּרייזען שטייגען אויף די „סטריקטלי" כשר'ע פלייש, רעגט האַלט ער אין איין העכערען, שרייט אויף היינטיגע אפיקורסים, יונגאַטשעס, טריפניאקעס, חטאתים, ער דאַווענט ימים נוראים שחריתים פריי, אַ נדבה פאַר דער שוהל, ער לעהרענט משניות, לצים זאָגען, ער פאַרשטעהט ניט וואָס ער לעהרענט, עס איז משניות, משניות, יאַ טעביע ניע זנאַיעש, טי מעניע ניע זנאַיעש, ער זינגט גמרא ניט ער לעהרענט — דאָס דאַרף מען דאָך קענען — נאָר ער ז י נ ג ט גמרא, און זינגט דוקא פון אַ גרויסע לאַנגע גמרא, אַלע זאָלען זעהן די גמרא, רייסט די פּרייזען פון פלייש, און האַלט אין איין העכערען רענט אויף זיינע הייזער, ביז דער געגענד ווערט חרוב, אידען צולופען זיך פון דאָרט, אַ קראַך אין ריעל עסטייט, די הייזער אויף צרות, ער פאַרלירט געלד אין וואָל סטריט. יעצט זוכט ער אַ נייעם געגענד, וואו צו דאַווענען פאַר'ן עמוד, זינגען גמרא, עפענען אַ בוטשער שאַפּ און צו נעמען „סטריקטלי" כשר'ע פּרייזען. האָט איהר פאַר איהם אַ נייעם פּלאַץ ? לאָזט מיר באַלד וויסען !..

און איהר דאַרפט ניט פאַרגעסען, אַז ווען מען וויל ברענ־גען אַ מאַלק אין כשרות, איז ער דער ערשטער ניט צו דער־

האבען אנגעהויבען צו פארשטעהן בעסער זייער לאגע און וויסען וואס ס'איז גוט פאר זיי, ביז נאך זעהר פיעלע אנשטרענגונגען איז געלונגען, שוין באלד פינף יאהר, צו פאראייניגען און פארבינדען אלע שוחטים אין א י י ן גרויסע שטארקע יוניאן, וואס קיין שוחט קען ניט האלטען א חלף אין האנד, סיידען ער איז א מיטגליעד פון דער אגודה.

דאס האט געבראכט צו דער אפשאפונג פון הפקרות אין שחיטה און כשרות אין ניו יארק, דער מצב איז באדייטענד פארבעסערט געווארען הן ברוחניות והן בגשמיות. און דער שוחט לעבט ווי א מענש ווי עס פאסט פאר א כלי קודש, און די מלאכה גופא האט צוריקגעקראגען דעם ריכטיגען נאמען מלאכת הקודש, וואס דאס דארף דאך זיין דער עיקר.

יעצט זאל יעדער באוואוסטזיניגער שוחט אריינטראכטען זיך אביסעל טיעפער און שטעלען זיך די פראגע; אויב דאס האט געקענט באשאפען ווערען אין דער גרויסער וועלט שטאט ניו יארק, וואָרום נישט אין א קלענערע שטאדט, און געוויס אין א גאנץ קליינע שטאדט?! אונזער ענטפער אויף אלע בריעף וואס מיר האבען באקומען וועגען דעם ענין איז קורץ און שארף. שוחטים פאראייניגט זיך!! עס מאכט נישט אויס אין וואס פאר א פארעם איהר ווילט אליין, אבער זייט אלע ; אמען בלב אחד ובנפש אחת, ווערט גלייך אייער מצב בעסער, און דאן, ווען עס וועט געשאפען ווערען אין א פאר צעהנדליג שטעט אזעלכע אגודות אדער יוניאנס. וועלען מיר דאן רופען א קאנווענשאן פון אלע אגודות, און מאכען איין געמיינזאמע פאראייניגונג מיט א גוט אויסגעארבייטען פלאן וואס וועט ציעלען צו די פארבעסערונג פון דעם מצב השוחטים והכשרות אין יעדער קהלה בכלל ובפרט.

---

לאזען, ווייל אויב איבעראל וועט זיין כשר, זועט ער דאך ווערען אויס יחסן, אויס כלי קודש, ער וועט ניט קענען נעמען הויכע משוגע'נע פרייזען, און דאס אפשר מיינט די גמרא כ ש ר שבטבחים, דוקא דער כשר'ער בוטשער איז שותפו של עמלק...

איך וויל אז איהר זאלט פארשטעהן, רבותי, אז ניט אלע כשר'ע בוטשערס זיינען אזוי ווי דער וועלכען איך האב אייך פארגעשטעלט, פאראן פרומע און גוטע אויך, אבער זיי, די פרומע און די גוטע ווערען בטל ברוב. און יעצט האף איך און ערווארט צו קריגען וועגען דעם בריוולאך אין דער רעדאקציע פון „די שוחטים שטימע", ווייל די „סטריקטלי" כשר'ע בוטשערס, גלויב איך, קענען יא שרייבען אידיש. געוועהנלאך קענען זיי שרייבען בילס צו זייערע קאסטאמערס א סך בעסער ווי בריעף אין רעדאקציע, דאך אבער וועלען זיי קענען אנשרייבען א פאר ווערטער און וועלען פראטעסטירען קעגען דעם לץ פון דער רעדאקציע וואָרום ער משפט זיך צו זיי פאר גאר נישט, און זיי זיינען באמת גאט די נשמה שולדיג. איך ערווארט זייערע בריעף און בין גרייט צו געבען זיי א תשובה כהלכה.

* * *

און איך האב א שטארקע בקשה צו אלע אידען פון אמעריקא. איך זוך א וויכטיגען אדרעס. אפשר קענט איהר מיר זאגען וואו דער אדרעס איז? איך זוך דעם אדרעס פון דעם ארטאדאקסישען אידען פון אמעריקא. ער, דער ארטאדאקסישער איד איז פארפאלען געווארען ערגעץ, איז פשוט, נעלם געווארען, און מען ווייסט ניט וואו ער געפינט זיך. אלע תלמוד תורה'ס און ישיבות פון גרויס ניו יארק האלטען ביי צוזאמענברעכען, 65 פראצענט אידישע קינדער זיינען אין דער גרעסטער געפאהר צו ערצויגען ווערען אהן תורה, אהן מדות, אהן יראת שמים, און דער ארטאדאקסישער „תורה טרייער איד" טוט גאר ניט דערצו. וואו זיינען אהינגעקומען אונזערע אידישע בעלי בתים, זיי שרייען כסדר וואו זיינען די רבנים, די שוחטים? וואָרום טוען זיי גאר ניט פאר אידישקייט און פרעגען ניט זיך אליין וואו זיינען מיר? אמאליגע אידען האבען געליטען פון קריזיס זייער גאנצען לעבען, האבען געלעבט אין ארימקייט און דחקות, און דאך האבען, זיי דעם לעצטען ביסען פון מויל אוועקגעגעבען דעם ישיבה בחור, הייגטיגע בעלי בתים זאגען דעות און טוען גאר ניט און גיבען גאר ניט „א דעה אהן א מאה" איז ניט מענטשליך און ניט אידישליך. אויף הייגטיגע אמעריקאנער „פרומע" בעלי־בתים פאסט דאס וואס דער קעלמער מגיד האט אמאל געזאגט. די זועלט דערציילט, אז דער קעלמער מגיד איז אמאל געקומען אין א שטאדט, אויפדער ער איז ארויף אויפ'ן בימה, זעהט ער צווישען עולם א איד א גלות. פרעגט ער זיך נאך אויף איהם, זאגט מען איהם, אז יענער איז א קל שבקלים, און דערצו נאך א מורא'דיקער קמצן, גיט נישט א גראשען צדקה. גייט דער קעלמער ארויף אויפ'ן באלעמער און זאגט; רבותי, איך וועל אייך דערצעהלען א מעשה:

איך בין אמאל געגאנגען אין וועג, טרעפט מיך אן א אקס און זאגט; גוט מארגען, קעלמער.

— דו אקס איינער — פרעג איך איהם—וואס פאר א מחותן ביסטו מיט מיר?

— דו עסט מיין פלייש — זאגט דער אקס.

א טענה.

גיי איך ווייטער, טרעפט מיך א קוה

— גוט מארגען, קעלמער.

— וואס פאר א מחותן — פרעג איך זי — ביסטו מיט מיר?

— דו טרינקסט מיין מילך — זאגט זי.

א טענה.

גיי איך ווייטער, טרעפט מיך אן א בעק.

— גוט מארגען, קעלמער.

— וואס פאר א מחותן—פרעג איך איהם—ביזטו מיט מיר?

— איך האב א בארד — זאגט ער — און דו האסט א בארד.

אויך א טענה.

— גיי איך נאך ווייטער, טרעפט מיר אן א דבר אחר, גוט מארגען, קעלמער. דא ווער איך שוין אין כעס; דו דבר אחר

# בריעף פון שוחטים

## דער מצב פון שוחטים און כשרות אין אמעריקא

להרב שמריהו ליב הורוויץ, רעדאקטאר פון „די שוחטים שטימע"

איך האב געלייענט אייער וואונדערבארען עדיטאריעל, מיין מיינונג איז, אז עס איז נאך ניט געקומען די צייט דאס די רבנים און די שוחטים פון אמעריקא זאלען זיך פאראייניגען, כאטש דאס איז די איינציגע וועג ווי צו פארבעסערען די לאגע פון רבנים און די לאגע פון שוחטים און ממילא פארבעסערען און פארשטארקען דאס ריכטיגע טראדיציאנעלע אידישקייט.

ווייל די רבנים פון אמעריקא ווי אויך די שוחטים זיינען נאך צווישען זיך ניט פאראייניגט. כל זמן עס וועלען זיין „אגודת הרבנים", „דגל הרבנים", „ועד הרבנים" און „כנסת הרבנים" וועלען די רבנים פון אמעריקא ניט זיין פאראייניגט. דאס גלייכען שוחטים. די שוחטים פון ניו יארק זיינען פאראייניגט, דערפאר זיינען זיי באזארגט מיט פרנסה בכבוד, אבער די שוחטים פון גאנץ אמעריקע זיינען ניט פאראייניגט.

דערפאר מוזען אלע רבנים פון לאנד זיך פאראייניגען ניט אויפ'ן פאפיר נאר מיט אן אמת. פון אלע רבנישע ארגאניזאציעס מוז ווערען איין גרויסע שטארקע רבנישע ארגאניזאציע, און די שוחטים פון יעדער שטאדט מוזען זיך פאראייניגען, און נאר דאן ווען רבנים וועלען זיין פאראייניגט און די שוחטים וועלען זיין פאראייניגט צווישען זיך וועט מעגליך זיין א פאראייניגונג פון רבנים און שוחטים.

מיר שוחטים, טארען ניט ווארטען ביז די אלע רבנים וועלען זיך פאראייניגען, ווייל עס וועט נעמען צו לאנג צו ווארטען, נאר די אלע שוחטים פון אמעריקא מוזען נאכטאן דעם גוטען ביישפיעל פון די אגודת שוחטי עופות דניו יארק רבתי און פאראייניגען זיך. איבערהויפט ווען מיר האבען זוכה געווען צו האבען אן אייגענעם זשורנאל פון שוחטים פאר שוחטים די „שוחטים שטימע" אונטער די רעדאקציע פון דעם חשוב'ען רב און געלעהרנטען הרב רש"ל הורוויץ. וועט אונז לייכטער זיין צו פאראייניגען זיך. לאמיר אויסנוצען די גוטע געלעגענהייט וואס מיר האבען יעצט.

יוסף מנחם האפמאן, שו"ב.

ווערטהער רעדאקטאר!

לעזענדיג אייער חשוב'ען און נוצליכען זשורנאל די „שוחטים שטימע", אז די רבנים און שוחטים מוזען זיך פאראייניגען, און אז די „שוחטים שטימע" איז אפען פאר די שוחטים פון דער גאנצער וועלט, געוועהנליך איז גם אני בתוכם, דערפאר ערלויב איך מיר צו שרייבען א פאר ווערטער מעניגא.

מיין מיינונג איז אז ביז עס וועט ניט ווערען פאלשטענדיגע אחדות צווישען די פארשידענע רבנישע ארגאניזאציעס צווישען זיך, איז ממש אונמעגליך אז די אגודת השוחטים זאל קענען טאן בשותפ'ישע ארבייט מיט די רבנים. כי מבשרי אחזה, אט איז דא א שוחט וועלכער האט זיך א נאמען גענעבען „רב", און די גדולי הרבנים פון אמעריקא הגאונים המפורסמים הרב ישראל ראזענבערג, הרב ראזין, הרב כ"ץ סטאוויסקער רב, הרב גוט, והרב זעלצער, אט די אלע רבנים האבען איהם על פי דין נאך א גרינדליכע אונטערזוכונג גע'אסר'ט, לסוף הערט ער קיינעם ניט און איז ווי געוועזן רב, שוחט, מוהל ומסדר קדושין, נאר דערפאר וואס שטילערהייט ווערט ער אונטערשטיצט און געשטארקט דורך אן אנדער רבנישע ארגאניזאציע, און דורך דעם איז דא ביי אונז דער גאנצער ענין פון שחיטה געווארען ללעג ולקלס לחרפה ולבוז. דאס איז א פאקט פוןווירקליכען לעבען. דערפאר מיין איך אז מיר שוחטים דארפען זיך דערווייליגע ביז א געוויסע צייט אליין גרופירען זיך אין פעסטע שוחטים אגודות.

און פארלויפיג דארף מען רופען א קאנווענשאן פון אלע ברידער שוחטים, וועלכע געפינען זיך אין אמעריקא און קאנאדא, נאכהער וועט מען קענען און באדארפען רופען א קאנווענשאן פון אלע שוחטים פון דער גאנצער וועלט.

מיט ברידערליכען גערוס,

זלמן בער מאגאריק, שו"ב דפה וואודרידזש, נ. י.

---

לאגודת השוחטים דניו יארק רבתי!

שלום מרחוק לקרובים אקרא!

איהר פארערט אויף די שוחטים פון גאנצען לאנד צו שרייבען אייך וועגען דער לאגע פון שחיטה און כשרות, טו איך דאס. אבער צוליעב געוויסע טעמים זאלט איהר ניט פארעפענטליכען מיין נאמען און דעם נאמען פון מיין שטאדט.

מיין שטאדט וועלכע איז זעהר ווייט פון ניו יארק, פארמאגט 10 טויזענט נפשות. מיר האבען 3 שוהלען אשכנזישע, 3 שוהלען ספרדישע, דאס הייסט פון טערקישע אידען און א רעפארמירטע שוהל מיט א ראביי.

---

איינער, נישט איך עס דיין פלייש, נישט איך טרינק דיין מילך, נישט דו האסט א בארד, וואס פאר א מחותן ביזטו מיט מיר?!...

אידען אהן בערד, אהן תורה ויראת שמים. גיבען ניט און העלפען ניט אויפהאלטען אידישקייט, און זאגען דעות אויף רבנים, שוחטים, לעהרער. וואס פאר א מחותנים זענען איהר מיט אונז?!...

73



דאצו האבען מיר צוויי באוואוסטע ארטאדאקסישע רבנים וואס עס איז ניטא קיין אחדות צווישען זיי... און שוחטים האבען מיר דא אהן א צאל, אפיציעלע און נים אפיציעלע..

צוויי שוחטים זיינען פאראייניגט און זיי שעכטען אין א שלאכט הויז שחיטת שני שוחטים, און זיי זיינען אונטער דער השגחה פון א באוואוסטען רב, זיי שעכטען דריי מאל אין וואך דקות וגסות, די שלאכט הויז צאלט זיי 17 דאלער א וואך, און די 3 קצבים צאלען זיי 44 דאלער א וואך פאר שחיטת בשר ועופות, האבען זיי סך הכל 61 דאלער צו 30.50 דאלער א וואך, און דער מצב פון זייערע קצבים איז געדריקט, ווייל עס איז דא נאך קצבים וואס פארקויפען ביליגער מיט 5 סענט א פונט. זיי האבען ניט קיין שום השגחה פון רבנים, און אפילו ניט פון זייערע שוחטים, און זיי זיינען זעהר ווייט פון כשרות... האבען זיי אבער גענומען דעם „טרייד" ווייל זיי פארקויפען אלעס ביליגער. זייערע קצבים האבען דערפאר זיי אנגעהויבען שניידען די שכירות. עס איז ביי אונז דא נאך א שוחט וואס האט 5 קצבים, ער שעכט נים טייער, און פליקט עופות, ארבעט טאג און נאכט. און אז עס איז גאר שווער האט ער צוגענומען א מאן און לעהרענט איהם שחיטת עופות פאר א פאר מאנאט, העלפט ער איהם שוין און שעכט שוין אליין אהן אן עומד על גבו ובלא קבלה מהרב... איין שוחט דא שעכט פאר זיך אליין, פריוואט. ער האט א בוטשער שאפ, ער מיט א זוהן, פארקויפען זיי פלייש און מאכען ווארשט אהן שום השגחה און מיר האבען דא נאך א שו"ב וואס שעכט פאר א ספרדישען קצב, ער פארקויפט זעהר פיעל פלייש אהן השגחה, דערצו זיינען פאראן 2 ספרדישע שוחטים וואס שעכטען עופות וועלכע ווערען אריינגעפיהרט פון קאונטרי און ווערען פארקויפט אין גאס אהן קיין שום קאנטראל, און איינער שעכט און איז כלל נים ראוי צו זיין א שו"ב, ער איז פאר לענגערע יאהרען געוועזן א פעדלער, נאך דער קריזיס האט איהם געמאכט פאר א שוחט, ער און נאך פיעלע ווי ער שעכטען יעדערער ביי זיך פריוואט עופות... ממש א הפקר וועלט! און די רבנים פון שטאדט קענען נים סטאפען די שרעקליכע הפקרות, ווייל אין אונזער סטייט איז ניטא קיין „בשר כשר ביל", און אזא הפקרות קומט פאר אין א פיינע אידישע שטאדט אין אמעריקא, וואו עס זיצען רבנים און פיינע בעלי בתים, מען לעהרענט אין דער פריה בצבור א פרק משניות און בין מנחה למעריב א בלאט גמרא, און אייניגע אט פון די אידען קויפען פלייש דוקא דארט וואו מען האט זיי פיעל מאל מתרה געוועזן אז דארטען איז נים כשר, און מען איז נים פאראנטווארטליך פאר כשרות, מען מאלט נים כשר'ע פלייש פאר אלעמען אין די אויגען, און עס איז אלעס נים כדת. נאר דערפאר ווייל דארט איז ביליגער און זיי זאגען אז אויב זיי וועלען נים קויפען פון דעם קצב, וועלען די קינדער אנהויבען קויפען נאר טרפה.

אט דאס איז די לאגע פון שחיטה און כשרות ביי אונז אין שטאט.

צו דער רעדאקציע פון דער „שוחטים שטימע"!

אדונים נכבדים!

אייער זש רנאל ערהאלטען מיט דאנקבארקייט. מיר האבען איהם געלעזען בא דעם מיטינג פון אונזער אגודה, און מיר גראטולירען אייך פאר דעם גרויסען אידעאל צו וועלכען איהר שטרעבט הן אין רוחניות, הן אין גשמיות, און אהן קיין שום צווייפעל אז איהר וועט דאס אוועקשטעלען על יתד נאמן און וועט מאכען דעם גרעסטען סוקסעס. אשריכם חברים, לכו והתחזקו איש את רעהו יאמר חזק ויהי ד' עמכם להצליח דרכיכם אשר תלכו בה.

און מיט דער גרעסטער צופרידענהייט וואלטען מיר וועלען ווערען א צווייג אין אייערע ארזי הלבנון, דאך אבער איז ביי אונז פארגעבראכט געווארען די פראגע, אין וואסערע הינזיכטען קענט איהר אונז מיטהעלפען. אין אן עת צרה, פון אזוי ווייט? איך וועל אייך געבען א קלארע ערקלערונג. ביי אונז דא אין לאס אנדזשעלעס עקזיסטירט א אגודת שוחטי עופות שוין צעהן יאהר, וואס צעהלט זיך ביי 40 חברים, כן ירבו. די שוחטי' גסות ווילען נים צושטעהן צו אונז, ווייל זיי זיינען ביי זיך גדול'דיק. געוועהנליך, וואס דער אקס איז גרעסער, איז אלץ דער שוחט מעהר מיוחס. אבוואהל אין אונזער אגודה איז דא שוחטים וועלכע זיינען מוסמכים און משכילים, וואס עס איז א שטאלץ אין יעדער געזעלשאפט, דאך אבער וואלט דאס אונז גאנץ ווייניג נעארט זייער יחוס. אבל על דא עקא, וואס אט די מיוחסים טוען אונז אן שארען און זיי זיינען מקפח די פרנסה פון די שוחטי עופות. זיי זיינען נים צופרידען מיט זייערע שכירות, וואס דורכשניטליך מאכען זיי 50 דאלער א וואך פון די שלאכט-הייזער און אז עס קומט דאנערשטאג זיינען זיי בודק בחורין ובסדקין וואו עס איז דא א בוטשער שאפ און א האלסייל, צו שטיין דארטען דעם דאנערשטאג צו מאכען נאך עטליכע דאלער, און מיט דעם האבען זיי אונטערבראכען דעם גאנצען יסוד פון דער פרנסה פון דעם ארעמען שוחט עופות, ווייל ווען אין די האלסייל פלעצער ווערט אפגעשלאכט טויזענדער טשיקענס, אלזא בלייבט פאר די ריטייל ביזנעס פון מוכרי עופות גאר נישט, און זיי זיינען נים אום שטאנד צו האלטען א שוחט. פיעלע ריטייל פלעצער האבען זיך געשלאסען און די וואס האלטען יא, איז דער שוחט ביי זיי משתכר אל צרור נקוב. וועט איהר געווים פרעגען וואו איז יושר? מיר פרעגען דאס אויך ביי די שוחטי גסות, און זייער ענטפער איז, אז מען זאל ווייזען דעם סימן אין יורה דעה, אז א שוחט טאר מער נים האבען ווי 50 דאלער א וואך, און יושר? כי אקח מועד אני משרים, זיי טייטשען פון דער ווארט מעדו קרסולי, ווייטער פרעגט איר, נו, וואס זאגען אויף דעם די רבנים. דער תירוץ איז דיזעס, אז אונזער לאס אנושעלעם האט ג' געבענשט מיט רבנים, רבבה כצמח השדה און יעדער רב באנוענט זיך נים מיט דעם טיטעל גאון אליין, נאר ער איז א מאור הגולה און יעדערער איז פאר זיך אליין. געוועהנליך אין אזא צושפאלטונג האט מען

ניט צו וועמען זיך צו קערען. אז עס מאכט זיך א סכסוך צווישען א שוחט מיט א בעה"ב און דער שוחט וואלט וועלען סטרייקען, איז באלד אויף זיין ארט דא אן אנ־דער שוחט, מיט דעם הכשר פון אן אנדער רב. מיר זאלען אלע, אונזער גאנצע אגודה ארויס אין א סטרייק, איז דאס א גרויסע ריזיקע, ווייל סקעבס איז דא גענוג וואס וועלען באלד איבערנעמען די פלעצער. איהר פרעגט ווי קומט סקעבס, און פאר וואס נעמען מיר זיי אלע ניט אריין אין אונזער אגודה? ווייל ניט אלעמען ווילען מיר אריינגעמען, ווייל פיעל פון זיי זיינען עם הארצים, בורים גמורים, זיי ווייסען ניט גום די ערשטע הלכה עקור הכי דמי? דאס הייסט דער עיקר ווי אזוי מאכט מען נעלט? און זיי זיינען קוים דורכגעקראכען עפעס די חמש הלכות אין א זשארגאנישען ספר, ווייל דער אהל יצחק און דער זבחי תמים זיינען געשריבען אין רש"י כתב און דאס איז שוין פאר זיי אביסעל צו שווערליך, און חוץ דעם איז דא אזעלכע וועלכע זיינען מחרחרי ריב, שאין רוח הבריות נוחה מהם, אלזא מוזען זיי שטעהן מחוץ למחנה. סטרייקען איז פאר אונז אונמעגליך, ווייל צו א סטרייק מוז מען זיין פארבארייטעט צו דורון און צו מלחמה, און ביידע זאכען פארמאגען מיר ניט. אונזער קאסע איז א פוסטע און פייטען זיך ווי אנדערע יוניאנס טוען זיינען שוחטים צו דעם ניט פאסיג צו געהן שלאגען זיך, אלזא אונזער לאגע איז א פארצווייפעלטע.

חבר לאגודת שוחטי עופות בלאס אנדזשעלאס.

---

צו דער שוחטים יוניאן אין ניו יארק!

זייענדיג אייער אבאנימענט פון דעם זשורנאל „די שוחטים שטימע", און לעזענדיג מיט פרייד די לעצטע ווענדונגען איירע צו ברידער שוחטים צו פאראייניגען זיך אין א שטארקע קערפערשאפט, וויל איך אינפארמירען אייך פון אונזער לאגע דא מיר זיינען דא 8 שוחטים, 4 זיינען שוחטים חזנים, וועלכע קריגען די שחיטה דורך חזנות, (פון זיי 2 וועלכע זיינען שוין דא מיט א חזקה) 4 שוחטים זיינען בלויז אויף שחיטה, 2 פאר עופות, נסות ודקות און 2 בלויז אויף עופות.

מיר האפען צו פאראייניגען זיך אלע צוזאמען באגודה אחת.

אין נאמען פון אלע שוחטים,

רעוו. מיכאל באראן, פעטערסאן נ. דזש.

---

# שמחות ביי שוחטים

אונזער א חשוב'ער מעמבער, איינער פון די שוחטים מצוינים, החסיד המופלג ר' מרדכי יוסף הורוויץ נ"י, האט לעצטען שבת הגדול געפייערט די שמחת בר מצוה פון זיין אייניקעל יצחק אליהו, דער זוהן פון מר. שלמה און נאסי הורוויץ נ"י אין דער ספרדישער שוהל אין הארלעם. דער בר מצוה האט געזאגט א שארפען פלפול. מיט א זעלטענער הסברה און טאלאנט האט ער ווי א אלטער למדן אויפגעפלאכטען שווערע קשיות אין מסכת מנחות אין דער סוגיא פון תפילין אינן מעכבות זו את זו און מיט שארפזיניגע קשיות פון שאגת ארי'. נאכ'ן דאוונען איז געגעבן געווארן א קידושא רבא און דער זיידע פון בר מצוה המופלג ר' מרדכי יוסף הורוויץ נ"י הט מכבד געווען זיין פריינד השו"ב המפורסם ר' משה פינחס גאלדבערג נ"י ער זאל איהם מוציא זיין מיט א רעדע, וועלכעס ער הט טאקי ריכטיג איבערטרעפליך ערפילט זיין פליכט אין ארומריידען דעם פסוק פון די הפטורת שבת הגדול והשיב לב אבות על בנים, און אין אווענד איז געגעבען געווארען אין עלסמער האל א סעודת מצוה לכבוד דעם בר מצוה, וואו א גרויסער עולם איז אנוועזענד געווען און השו"ב המפורסם ר' משה פינחס גאלדבערג האט געהאלטען א איינלייטונגס רעדע צום בר מצוה און דער באליבטער חזן ר' ברוך רייך האט גע־געבען דעם עולם א טרים מיט שירה וזימרה און דער חשוב'ער בר מצוה האט נאך אמאל געהאלטען א טיפ־זיניגע רעדע אויף דער גמרא אין סוטה סח בין תפילה לתפילה און דער זיידע ר' מרדכי יוסף הורוויץ נ"י האט געהאלטען א הארציגע ווארימע באגייסטערטע רעדע צום בר מצוה. די מוטער פון בר מצוה, די אמת'ע בת תלמיד חכם, האט באוויזען אז אמאל קענען פרויען מוציא זיין מענער, און זי האט טאקי מוציא געווען איהר מאן ר' שלמה הורוויץ מיט א פייערדיקע רעדע, און נאכהער האט גערעדט נאך א בת תלמיד חכם מיסס חנה גאלד־בערג, די שעהנע געבילדעטע טאכטער פון השו"ב המפורסם ר' שלמה פנחס גאלדבערג און דער עולם האט זיך משמח געווען ברקידה, שירה וזמרה אונטער די מוזיק קלאנגען עד שהגיע זמן קריאת שמע של שחרית, וויג־שענדיג די עלטערען זיי זאלען פיעל נחת האבען פון איהם.

מענדיל זעלניק, א אנקעל פון בר מצוה.

---

# למזל טוב

חברנו הכי חשוב מר מ' מענדיל דייווידסאן ורעיתו הנכבדה, הביאו לשמחת נשואין את בנם המצוין, מר שניאור זלמן עם בת זוגו המהוללה בת תלמיד חכם מרת חנה פארסמאן. הקדושין נסדרו על ידי הרב ה"ג החסיד רבי שמעון מבארא פארק, וחברנו המנגן הנפלא מר ברוקס.

החתונה היתה ל"ג בעומר שעבר, בהאולם „ראיאל פאלאס" דבענסענהוירסט. אחרי רקודים ומחולות של אחר החופה כדרך חסידי חב"ד ישבו המחותנים על יד השלחנות המלאים כל טוב ויתענגו מהמאכלים הטובים. בתוך הסעודה, אבי החתן, הלהיב את לבות החתן־כלה, כשאמר להם שידעו תמיד את הצור שחוצבו ממנו כדי שילכו בדרך החיים אשר דרכו אבותיהם לפניהם, גם חברנו המשכיל מר ד. שאליט נאם, נאום אנגלי לבבי, לכבוד החתן והכלה, ואחרון חביב, הוא חברנו מר ברוקס ששימח את כל המחותנים בנגינותיו הנעימות.

בשם כל משפחתם ומיודעיהם,

ז"נ גוטקין, חבר אגודת השוחטים.

# השומר

ירחון מוקדש לחזוק התורה והיהדות לבירור ולבון שאלות החיים על פי רוח התורה והאומה

יוצא לאור ע"י אגודת שוחטי עופות דניו יארק רבתי במדינת אמעריקא. הרב שמריהו ליב הורוויץ, העורך.


## סיון -:-

השקפה חדשית תורנית—ספרותית, הגיונות וסקירות, קורות ישראל בחדש הזה, פטירת גדולי חכמי ישראל, מאורעות, טעמי הדינים והמנהגים ומאמרים קצרים על ענינים גדולים.

מאת הרב שמריהו ליב הורוויץ

סיון הוא החודש השלישי מניסן והתשיעי מתשרי, ונזכר בכתובים (אסתר ח' ט'), מזלו תאומים, והוא מלא שלשים יום, וחל רק באחד מימי א' ג' ו', ולא בבה"ז (או"ח סי' תכ"ח), באשורית נקרא סיונו, וענינו עת להט השמש, מן סיו-זיו, ובגמרא סוי לבה (כתובות ס"ב) שענינו קדח לבה. בסיון הוא זמן קצור חטים, ובו מקיימים את המצוות לקט שכחה ופאה, תרומות ומעשרות.

לקט נקרא השבלים הנושרים מיד הקוצר בשעה שקוצר את התבואה. איזהו לקט? הנושר בשעת הקצירה (פאה, פ"ד, משנה י') והתורה אומרת על חיוב לקט שכחה ופאה „ובקצרכם את קציר ארצכם לא תכלה פאת שדך לקצור, ולקט קצירך לא תלקט, וכרמך לא תעולל ופרט כרמך לא תלקט, לעני ולגר תעזוב אותם". (ויקרא י"ט, ט', י') „כי תקצור קציר בשדך ושכחת עומר בשדה לא תשוב לקחתו, לגר ליתום ולאלמנה יהיה וכו' כי תחבוט זיתך לא תפאר אחריך" (דברים כ"ד, י"ט, י') וזהו פאה לאילן (חולין קל"א).

הבה נראה נא מה בפי חכמי התלמוד והפוסקים על דבר לקט שכחה ופאה. בירושלמי פאה פ"ב הלכה ה', תניא, את "קציר ארצכם" ולא קציר חו"ל, זהו מדאורייתא, כי זוהי מצוה התלויה בארץ, אבל בדרבנן נוהג אף בחו"ל (חולין קל"ז; רמב"ם מתנות עניים פ"א הלכה י"ד) באו הפוסקים האחרונים ואמרו כי לקט שכחה ופאה אינו נוהג בזמן הזה לא בא"י ולא בחו"ל מפני כי רוב המדינה בידי נכרים ואם יניחו ישראל לקט שכחה ופאה יבאו הם ויטלום (יורה דעה סי' של"ב) ובענין הלכה למעשה. יש להאריך בזה, ובפאה נאמר בתורה „לא תכלה פאת שדך לקצור". א"ר שמעון בשביל ד' דברים אמרה תורה להניח פאה בסוף שדהו, מפני גזלנים, ומפני בטול עניים, ומפני החשד, ומפני הרמאין (שבת כ"ג) ודוקא שבלים הנושרים אחת אחת או שתים שתים, אבל שלש אינו לקט. וכן בפרט ענבים, שלשה אינן פרט (ת"כ, פאה פ"ח, ירושלמי פאה פ"ו ד') והרוצה לעמוד על פרטי הענינים האלה יעיין נא היטב (בירושלמי פאה פ"ה ו', ז', סוטה מ"ה, ב"מ י"א, וירושלמי פאה פ"ד ה'. רמב"ם הלכות מתנות עניים פ"ד י"ז, ופ"ד הלכה י"ח, עיי"ש).

מצות תרומה מפורשת בתורה. „וזה יהיה משפט הכהנים מאת העם וכו' ראשית דגנך תירושך ויצהרך וראשית גז צאנך תתן לו" (דברים י"ח, ג', ד') תרומה גדולה לכהן ותרומת מעשר (מלוי) והחלה והבכורים כולן נקראו תרומה, בתרומת מעשר נאמר והרמותם ממנו תרומת ה' ואומר כתרומת גורן, ובחלה נאמר חלה תרימו תרומה, ונאמר לא תוכל לאכול בשעריך מעשר דגנך תירושך ויצהרך וכו' ותרומת ידך (ערלה פ"ב א', רמב"ם הלכות תרומות פט"ז כ') כל אחד מישראל עובד אדמתו היה מחויב לתת תרומה לכהן מתבואותיו ומעשר ללוי, וגם היה צריך לתת תרומה לכהן, זהו מעשר מן המעשר. תרומת הישראל לכהן לא נתפרש שיעורו בתורה, אבל החכמים נתנו השיעור; אחד מארבעים הוא עין יפה, בינונו, נותן אחד מחמישים, והנותן אחד מששים הוא עין רעה (משנה תרומות פ"ב ב') הזר אסור לאכול תרומות שנאמר וכל זר לא יאכל קודש, ולוקה על אכילתו, כהן טמא אסור לאכול תרומה (רמב"ם שם פ"ז א') ועיין היטב (רמב"ם תרומות פ"ג א", פי"א ט', פ"ז א', סוף פט"ו, פ"א כ"ו, ובמסכת תרומות, כתובות כ"ד; ילקוט שמעוני ח"א שס"ג, ספרי סי' ק"י).

ומצות מעשר ג"כ מפורשת בתורה „כל מעשר מזרע הארץ מפרי העץ וכו' וכל מעשר בקר וצאן כל אשר יעבור תחת השבט העשירי" וכו' (ויקרא כ"ז, ל"ב) עשר תעשר (דברים י"ב כ"ב) בשתי מעשרות הכתוב מדבר, אחד מעשר בהמה ואחד מעשר דגן (ר"ה ח', בכורות נ"ג, נ"ד) ומעשרין את המעשר פעם אחת בשנה (ירושלמי שבועות פ"ב ה') ויש עוד מעשר שיפרשו בני ישראל, קדש לה' להביא לירושלים לאכול שם והוא מעשר שני (ויקרא שם) ועוד מעשר שלישי נקרא מעשר עני שמפרישין מקצה שלש שנים מתבואות הזרע ונותנים ללוי לגר ויתום ולאלמנה (במדבר י"ח כ"ח, דברים כ"ו י"ב) והרוצה לרכוש לו ידיעה רחבה ועמוקה על עניני המעשר יעיין (יבמות פ"ו, מכות כ"ג, חולין קל"א, סוטה מ"ח, ברכות ל"ח, ב"מ פ"ז, פ"ח, אדר"נ פ"ב, שבת ל"ב, אבות פ"ג י"ג, פסחים קי"ג, ועיין ב"ח וט"ז ליו"ד סי' של"א, וספר יוסף אומץ דף קע"ו).

והנה המצוות לקט שכחה ופאה תרומות ומעשרות שהיו מקיימים בחודש סיון רוח אחד, מטרה אחת, ומגמה אחת לכולן בידוע, ולפיכך נקרא המזל של החודש הזה תאומים, ולרמז כי הבעל הבית הנותן והעני המקבל

הם קרובים זל"ז קרבת הנפש והרוח והם ת א ו מ י ם... ובמ"ר שה"ש על הכ' שני שדיך כשני עפרים ת א ו מ י צביה, אלו משה ואהרן, מאהרן — הכהנים, וממשה — הלוים, ובחדש סיון נותנים תרומה ומעשרות ומתנות לכהנים וללוים שהם — ת א ו מ י ם, מזל תאומים..

ו ב ז ו ה ר (תזריע דף מ"ח ע"ב) תא חזי דהא ליואי דאתי מהאי סטרא דדינא לא מתדכאין עד דאתעברו מנהון שערא, דכתיב (בהעלותך ח') וכה תעשה להם לטהרם והעבירו תער וכו' ובגין דיתבסמון יתור, בעי כהנא דאתי מסטרא דחסד עלאה לארמה לון וכו' ובכן — הכהנים והלויים הם בענין קדוש זה גם כן ת א ו מ י ם.

מראש חודש עד ח' בו, אין אומרים תחנון ולא מתענין, באחד בסיון מתחילים ימי הקיץ בארץ ישראל, לר' יהודא (ב"מ ק"י ע"ב) בחודש סיון לכד אספסיינוס קיסר הרבה ערים מיהודה וגליל בתוכם, ובר"ח סיון בקריאת ההלל קדשו קהל וורמיזא במדינת אשכנז שנת ד"א תתנ"ו פעם שנית את השם ומסרו את נפשם להריגה על קדושת השם יתברך (קינות לתשעה באב, קינה מי יתן ראשי מים) ובג' סיון נהרגו קהל מגנא ונהרבו שמה מקדשי מעט ונהרגו שם כאלף ושלש מאות יהודים על קדוש השם בעת נוסעי הצלב ד"א תתנ"ו.

מי המה נוסעי הצלב? חילות נוצרים שהתגודדו בסוף המאה הי"א למה"נ לעלות לירושלים לשחרר את העיר הקדושה וכל קברות קדושיהם מידי המחמדים מושלי הארץ, וכל אחד מהם הדביק שתי וערב של בד על מעילו בצד שכמו הימני, ולפיכך נקראו בשם נוסעי ה צ ל ב. והאפיפיור החדש אורבן השני הבטיח סליחה ומחילה גמורה מכל חטאת ופשע לכל נושאי הצלב, ויתאספו מכל הארצות פושעים ופוחזים מדלת העם ומאבירי אשכנז וצרפת, ומספרם עלה לרבבות, ויצאו חלוצים לגזול ולשפוך דם, וכשיצאו לדרכם מצפון צרפת אמרו „הנה אנו הולכים לבקש חרפתנו ולנקום נקמתנו מן הישמעאלים, הנה היהודים אשר הרגוהו נגקמה מהם תחלה ונכחידם מגוי" (הראב"ן) ויהרגו ביהודים הרג רב ונורא עד מאד, שפכו את דמם כמים, והרבה בחרו לשים בידיהם קץ לחייהם מנפול בידי בני עולה וחיתי טרף אלה, אבות שחטו את בניהם ואמות רחמניות את ילדיהן, ואלה אשר נ ס ב ל ו על כרחם בחרו אחרי בן במות מחייהם, קדשו אז בני ישראל את השם ברבים, ובכל המקומות שעברו נוסעי הצלב באשכנז ובביהם ובשאר הארצות טבחו והחריבו לגמרי קהלות ישראל ולא חמלו אף על טף ויונק, וכל הנהרגים קדשו את השם ובלב שלם קבלו עליהם דין שמים ומתו בקריאת שמע ישראל (הראב"ן) ועיין (קונטרס גזירת תתנ"ו, לרבנו אליעזר בר' נתן הראב"ן, הוצאת יעלינעק, ליפסיא תרי"ד קונטרס וירמיזא. יעלינעק. ווינא, תר"ס. באריכטע איבער די יודענפערפאלגונגען, וועהרענד דער קרייציגע, הוצאת נייבויער, ברלין 1892, גראץ דברי ימי ישראל תרגום שפ"ר „יון ה', והרכבי שם). ובב' שבועות פרצו נוסעי הצלב בבית ר ב נ ו ת ם (ר' יעקב בר' מאיר) אחד מגדולי בעלי התוספות בצרפת, אחי הרשב"ם ז"ל ומהרי"ל בלקוטים בסוף הספר כתב „שמעידין על ר"ת כשהיה רוצה ללמוד תמצית מהלכה חמורה, היה נותן תל של זהובים לשמות בהם ונתרחב לבו ולמד בכח, כי היה עשיר גדול ומקורב למלכות (ספר הישר סי' תקצ"ה), והיו לו תלמידים הרבה, ובפרק אחד למדו לפניו שמונים מבעלי התוספות, וכל אחד הגיע להוראה, וכתב הרא"ש ז"ל בתשובה (מובאה בהקדמת ים של שלמה לב"ק) שקבלה בידו שרבנו תם ור"י הצרפתים היו גדולים בחכמה ובמנין יותר מן הרמב"ם.

ו ה ר י ב"ש בתשובתו לר"ח בן גליפפה כתב (שו"ת סי' שצ"ד) „כמוהו (ר"ת) בפלפול לא נהיה מאחר שהתלמוד נחתם ותלמוד ערוך בפיו ושגור, סיני ועוקר הרים וטוחנן זה בזה מפלפול ועומק שכלו ורוחב בינתו כל חכם לב הן נר ינור, וכל חכמי ישראל הנמצאים היום כלם כקליפת השום וכגרגיר שומשמין נגד אחד מתלמידיו הקטנים."

ונוסעי הצלב פרצו בסופה וסערה בבית ר ב י נ ו ת ם ויבוזו את כל רכושו וספר תורה קרעו לפניו לקרעים וחשבו להמיתו במיתה משונה ואכזריה, ויפצעו בו חמשה פצעים, סחבו אותו ברחובות העיר וכפסע היה בינו למות נורא לולא עמד שר אחד משרי החילים להצילו, כי הבטיח בערמה להרוצחים להביאו בברית דת הנוצרים או להשיבו לידם אם לא יקבל את דתם. ובכ' סיון ד"א תתקל"ו היה יום צרה ליהודי צרפת כי נשרפו בעיר בלואש שלשה צדיקים קדושים ותמימים על קדוש השם ובעלות הלהבה היו משוררים עלינו לשבח. ואותו היום קבלו כל יושבי צרפת ואנגליא ליום הספד ותענית עפ"י מאמרו של ר ב נ ו ת ם, וימים אחדים אח"כ נפטר לעולמו ותלמידו ר' חיים כהן היה אומר: אלמלא הייתי שם כשנפטר ר"ת הייתי מטמא לו, שאותו היום בטלה קדושת כהונה (תוס' כתובות ק"ג) ובכ"ב סיון שנת ת"ח הקאזאקען ושר צבאם ח מ ע ל נ י צ ק י ימ"ש באו על היהודים להרגם, כידוע למי שבקי בקורות האומה.

בסיון נולד ר' א ב ר ה ם ב ן ה ר מ ב"ם ז"ל ד"א תתקס"ו בשנת נ"א לחיי הרמב"ם, ובו נפטר ר' י ש ר א ל ב ע ש"ט ז"ל.

וכשחלה הבעש"ט קודם פטירתו לא שכב במשכב, רק נעשה כחוש וקולו לקה והיה יושב לבדו בחדר התבודדותו, בליל שבועות, הלילה האחרון לחייו, נאספו אליו אנשי סגולתו ודרש לפניהם על ענין מתן תורה, בבקר שלח אחריהם שיתאספו כולם והורה להם איך שיתעסקו עמו אחר פטירתו, אח"כ צוה שיתנו לו הסידור ואמר; אשוחח עוד מעט עם השם יתברך, אח"כ שמעו שהוא אומר; „אני מוחל לך, אותן שתי שעות אל תענה אותי". ושאלו אותו עם מי הוא מדבר, אמר להם: „אין אתם רואים את מלאך המות שהיה תמיד בורח ממני, ועכשיו שנתנו לו רשות עלי נתרחבו כתפיו ושמחה גדולה עליו". ואחר נכנסו כל אנשי העיר לקבל פניו ביום טוב ואמר לפניהם דברי תורה.

אח"כ, בעת הסעודה, צוה להמשרת, שיתן דבש בצלוחית ג ד ו ל ה ונתן ב ק ט נ ה, נענה ואמר; „אין שלטון ביום המות, אפילו הגבאי אינו מציית

לי". אח"כ אמר: „עד כאן גמלתי עמכם חסד ועכשיו תגמלו עמי חסד" ונתן להם סימן, שכאשר יפטור יעמדו שני השעונים שבבית.

רחץ ידיו ועמד השעון הגדול וסבבוהו אנשים שלא יראוהו, אמר להם „אין אני דואג על עצמי, כי יודע אני בבירור שאצא מפתח זה ותיכף אכנס בפתח אחר", וישב על מטתו וצוה שיעמדו מסביב ואמר להם דברי תורה, על עמוד שעולין מג"ע תחתון לג"ע עליון. וכן בכל עולם ועולם ובביאור על סדר עבודה, וצוה להם לאמר ויהי נועם, ושכב וישב כמה פעמים וכיון בכונות עד שלא שמעו חיתוך אותיות, וצוה לכסות אותו בסדין והתחיל להזדעזע ולחרוד כמו בשמונה עשרה, ואח"כ נח מעט מעט, וראו שעמד השעון הקטן, והמתינו עד בוש וראו שנפטר ז"ל, נפטר שבועות תק"כ.

בב' דר"ח סיון תקמ"ח נפטר הצדיק רבי מנחם מנדיל מוויטבסק ז"ל. שעה אחת קודם פטירתו הזהיר להנצבים עליו: „סורו נא מעלי, כי ה' נצב עלי", וכמעט רגע חזרו אליו ונגשו ודבר כפעם בפעם עד שנפלו עליו הזיעה האחרונה. ושאלו בנו על הזיעה מהי והאיך מהותה. והשיב לו: „הס! באשר הוא סוף כל"! ומתוך אותם הדברים חלף — והלך לפניו צדקו.

הצדיק ר' ישראל איציק מזידיטשוב נפטר ט' סיון תרל"ג, באחר מלילות חליו לן אצלו נכדו ר' בעריש מוורצקי, ונגש אל מטתו על בהונות רגליו לראות אם הוא ישן, ומצאוהו בוכה וידו אוחזת בדיקנא קדישא שלו. שאל אותו על מה הוא בוכה, השיבו שהוא בוכה ומתפלל בעד כל אנשי שלומו קודם פטירתו, שיתקן כל אחד מהם מה שבא לתקן בזה העולם דלא ליעול בכסופא לעלמא דאתי.

לחג השבועות נתקבצו לזידיטשוב המון חסידים, אבל היום ההוא נהפך להם לאבל. תקפה מחלתו של רבנו. התפללו אמנם מספר קטן של חסידים בביתו והוא גם עלה לתורה וגם קרא עשרת הדברות בעצמו, אבל כשל כחו וקולו לא נשמע, געו כולם בבכיה למשמע קולו החלש שהיה בוקע תמיד רקיעים בשעה שקרא בתורה בחג השבועות.

ביום אסרו חג כשהניח תפלין אמר לבנו ר' אליהו; „אנחנו אמנם פטורים כבר היום מן התפלין ומן התפלה ואנו נפטרים מן העולם הנם הזה". כשרווח לו מעט, אמר לבניו, שראבה נפשו עליו על כמה מאות מאנשי שלומו שכתתו רגליהם ובאו אליו מרחוק ומקרוב, וצוה להניח להם שיעברו אחד אחד לפני מטתו שיברכם. כה עברו לפניו בדמעה רוב החסידים והוא ברכם בנענוע ראשו, למחרת בתחילת הלילה אחרי תפלת מעריב הפך את פניו אל הקיר וגם שנתו וקול נחרתו נשמע בכל החדר. פתאם נפסק קול נשמת אפו וראו כי השיב את רוחו לקונו ויצאה נשמתו בטהרה (ספר ההסתלקות).

בחודש סיון נהרג הקדוש המקובל ר' שמשון מאסטרופולי בעמדו בביהכנ"ס מעוטף בציצית ותפילין (שה"ג סי' ק"פ) הוא היה רב בפולוניה וכאשר צרו הקוזקים על עיר פולנאה היה שם הרב ר' שמשון ועמו

כשלש מאות יהודים. :בידעם כי יפלו בידי הערלים וסופם למות, לבשו תכריכין ויתעטפו בטלית ויניחו תפילין ויתאספו כלם בביהכנ"ס להתפלל ויחכו עד אשר באו הרוצחים ויהרגום נפש וכלם מתו על קדוש השם. (יון מצולה פרק גזירת דק"ק פולנאה, נורלאנה, לקורות הגזירות חלק ב' 25, ח"ד 60).

בכ"ו סיון נשרף ר' חנניה בן תרדיון וס"ת עמו (טוש"ע תק"פ) היה תנא בדור השלישי, עיין (ע"ז י"ז י"ח, ר"ה ר"ז, יומא ע"ח, מנחות נ"ר, תוספתא מקואות ח"ו ג') הוא היה אומר שנים שיושבין ואין ביניהם דברי תורה שכינה ביניהם (אבות פ"ג ב') אתיוהו לר' חנניא אמרו ליה אמאי קא עסקת באורייתא? אמר להו „כאשר צוני אלהים", מיד גזרו עליו לשרפה ועל אשתו להריגה ועל בתו (ברוריה אשת ר' מאיר) לישב בקובה של זונות (ע"ז י"ז י"ח) ובכ"ז סיון מיתת ר' שמעון בן גמליאל, תנא בדור הראשון ונשיא הסנהדרין כמו י"ח שנה לפני חורבן הבית. ור' חנינא סגן הכהנים (טוש"ע או"ח סימן תק"פ) בשנת ג"א תתע"ח.

בז"ך בסיון הלך לעולמו הרב הגאון המפורסם ר' מרדכי בהרב ר' אשר קלאצקי הנקרא בשם ר' מרדכי מעלצער זצ"ל נצר מגזע הגאון מהר"ם פאדווא ר"ם מ"מ ומ"צ בווילנא כשלשים שנה ואב"ד בקאלווארי י"ב שנה ובק"ק לידא תשע עשרה שנה.

ואומרים אב הרחמים בשבת שמברכים סיון, כי תפלה זו היא באמת הזכרה לנשמות הקדושים שנהרגו בימי הגזרות והפרעות. תפלה זו לא נמצא בסדור הרמב"ם ובאבודרהם ובכל סדורי הספרדים, וכנראה נערכה ונתקנה תפלה זו באשכנז בימים הרעים של גזרות ה"א תתנ"ו ותתק"ו. מהרי"ל מביא מנהג מדינות ריינוס שאין אומרים אב הרחמים אלא בשבת שלפני שבועות כשמזכירין הקדושים מגזירות תתנ"ו, ומפני כי החודש סיון הוא נאד של דמעות ודם לעם ישראל, שבו נהרגו ונשחטו קדושי האומה לאלפים ולרבבות אומרים אב הרחמים, הזכרה לנשמותיהם.

בחודש סיון קבלו בני ישראל את התורה, זהו המעמד הגדול הקדוש והנהדר והנורא שאין כדמותו! בששה בסיון (ובארצות הגולה גם בשבעה) חג השבועות זמן מתן תורתנו. ביום ההוא ירד ה' בקולות וברקים על הר סיני לעיני כל קהל ישראל, וידבר ה' אלהים מתוך האש את עשרת הדברים ויתן להם תורת אמת ביד משה עבדו, ותהי תורת אל עולם לנשמת חיים לישראל ויהי ישראל ביום ההוא לעם עולם אשר לא ישבות עוד מהיות גוי כל הימים, „ואני זאת בריתי אותם אמר ה' רוחי אשר עליך ודברי אשר שמתי בפיך לא ימושו מפיך ומפי זרעך ומפי זרע זרעך אמר ה' מעתה ועד עולם".

לחג הקדוש הזה שלשה שמות ואלו הם; שבועות, זמן מתן תורתנו, וחג הבכורים. שבועות — כי למן ליל ראשון של פסח עד שבועות, זמן של שבעה שבועות; זמן

מתן תורתנו — כי ביום הזה נתן ה' לנו את עשרת הדברות; חג הבכורים — על שם הבאת הבכורים, הפירות שבוכרו ונתבשלו למנחה ביום זה בזמן שבית המקדש היה קים. ובתלמוד נודע החג הזה רק בשם „עצרת" שהוא נעצר ונאסף להחג העיקרי, כי באמת חג השבועות אינו חג לעצמו אלא הוא זקוק ונקשר לחג הפסח על ידי הספירה של חמשים יום. חג הפסח סמל החירות, ואין לך בן חורין אלא מי שעוסק בתורה. וסופרים הימים שבין פסח לשבועות, כלומר; מתי יגיע חג קבלת התורה. ונהגו להיות נעורים כל הלילה בליל חג השבועות, בהיותם מוכנים לקבל את התורה רק בקדושה וטהרה ונוהגים לקרות רות בשבועות כי רות נתגיירה ונכנסה תחת כנפי השכינה והוא יום מתן התורה, להודיעך כי השפעת התורה והיהדות היא גדולה ועמוקה עד מאד (עיין שערי תשובה לאו"ח תצ"ד).

ונוהגים להעמיד אילנות בביהכנ"ס ובבתים, כדי שיזכירו שבעצרת נדונין על פירות האילן ויתפללו עליהם (מג"א סי' תצ"ד וחק יעקב ס"ק ז') ונוהגין לשטוח עשבים בביהכנ"ס ובבית, לזכר שבמתן תורה היו אצל ההר שמלא עשבים, שנאמר גם הצאן והבקר אל ירעו, משמע שהיה שם מרעה (לבוש, שם) ועיין (במנהגי מהרי"ל הלכות שבועות, ובמשנה ברורה סימן תצ"ד ס"ק י', ובספר ארחות חיים סי' תצ"ד בשם שו"ת הריב"ש, ולקוטי הלוי צד 18). נהגו לאכול מאכלי חלב ביום הראשון של שבועות, כי בשעה שעמדו ישראל על הר סיני וקבלו את התורה וירדו מן ההר לביתם לא מצאו מה לאכול תיכף כי אם מאכל חלב, כי לבשר צריך הכנה רבה לשחוט בסכין בדין וניקור הגידין ומליחה ולבשל בכלים כשרים, ע"כ בחרו להם לפי שעה מאכלי חלב. ועיין (בכל בו סי' ק"י, דבר יום ביומו סימן ס"ו ע"א, מנהגי מהר"י טירנא, ספר מטעמים 59, 60, משנה ברורה, שם).

בחג שבועות אוכלים לבובות בעלי שלשה צלעים ממולאים בבשר, דאיתא בגמרא שכל מעשה אותו יום משולש, ודרש ההוא גלילאה: בריך רחמנא דיהב אוריין תליתאי (תורה, נביאים וכתובים) לעם תליתאי (כהנים לוים וישראלים) על ידי תליתאי (משה שלישי לבטן אחרי מרים ואהרן) ביום תליתאי (שלשה ימי הגבלה) בירחא תליתאי (חדש סיון שלישי לחדשים, רש"י). (שבת פ"ח), (מנהגי ישורון דף ס"ז). ביום ב' דשבועות פטירת דוד המלך ע"ה (בשנת כ"א תתקכ"ט), והמנהג לומר בו תהלים לזכר נשמתו. ואומרים אקדמות בא' דשבועות, והא פיום בלשון ארמית, והוא שיר הכבוד לתורתנו הקדושה, חברו ר' מאיר בר' יצחק שליח ציבור שהי בגרמייזא ומת קודם שנת ד"א תתנ"ו. ולרוב קדושת הפיוט מפסיקין בקריאת התורה ומנגנין אקדמות אחר הפסוק הראשון של בחדש השלישי וכן היה המנהג במגנצא (ספר מהרי"ל הלכות שבועות). והמנהג היום בהרבה קהלות לאמר אקדמות קודם ברכת הכהן, והרוצה לעמוד על ענין זה בשלומותו יעיין (בשו"ת עפר יעקב סי' יו"ד, ובשו"ת שבות יעקב חלק ב' דף נ"ט, ט"ז או"ח סי' תצ"ב).

שלשה ימים קודם חג השבועות נקראים „שלשת ימי הגבלה" ע"ש הפסוק, והיו נכונים ליום השלשי וכו', והגבלת את העם סביב (שמות י"ט, י"א, י"ב) שלשה ימי הגבלה הם קצת יו"ט ואין נוהגים בהם אבילות של ספירת העומר.

ובכן — החודש סיון ספג לתוכו אוצר של דמעות ודם, וים קדושה אלהית, ושל קדושי האומה.

# בקר על מפתן המטבח של עופות

מאת א. פערעלבערט

תרנגל רך
לבן וצח.
נמלט מכלוב
ושם ככרוב
לפתח לדרור מזימו
רק הסבך הכלימו
ויעמוד על המפתן משתאה,
לא טוב, לא יאה,
בעל הבית השונה לו ערבה
והעזרה אל המלאכה לא קרבה,
חכי נחר מצמא
בקרבי הקבה רעמה,
כל הלילה כבר כבר
חלמתי מפתי בר,
חזן מהולל כמוני
אשר כל כחי בגרוני
האשב דום

ולפי אשים מחסום?
קרקרי קרקרא
להיוצר — אשר עולם ברא,
שמע וקשוב שועתי
שלח גואל לרוחתי,
ויאנח וידום,
מי בא הלום?
השוחט! מה שלום?
ויאמר גש אלי ידידי,
מעולם לא רעדתי
לראות פניך חביבי,
נוח לי אתה מאד
כי בא מועד
לספר לך את המאורעות
האכזריות ואת השערוריות
ראה! שם חדר לול

שם עומד אבוס חלול
ואצלו עומד בעל הכרס
וחיינו באכזריות דורס,
מי בכשיל או בקופיץ חלוט
ומי במערצה או באת חלוד,
יודע אני ברור
כי המים הרותחים בפרור
הנוצות שלנו מנלחים
בעוד גופינו מפרכסים,
אבל בך השוחט הרחמן
היודע ידיו להאמין
לא אמות מיתת חניקה
רק מיתה קלה, מיתת נשיקה,
גש אלי לאט לאט
קח את הסכין החד,
מרוט הנוצות מצוארי
ועל מקומו הל ף הרליל השני.

# הרבנים והשוחטים

מאת הרב שמואל מנחם הלוי פיין רב בעיר דעטראיט

כשרות במלוא מובן המלה ובכל הקיפו בעניני אכילה שתיה והנאה, זהו אחד מהיסודות שכל בית ישראל נשען עליו. כשרות זהו התרים שמגין על ישראל בכל ארצות פזוריו, וזהו מחיצה של ברזל שמפסיק בין ישראל לאומות העולם, שלא יתבולל בהם. גזרו פתם משום שמנן, ושמנן משום יינם, ויינם משום בנותיהן.

וע"כ מאז ומעולם היו זהירים מאוד בכל הפרטים, והדקדוקים, בכל עניני כשרות, וכל אחד ואחד מישראל לא היה מפגל ומטמא את נפשו במאכלות אסורות בעד כל חללא דעלמא. ויודעים אנו היטב את גודל מסירות נפשם של הקנטאניסטים בימי מלכות ניקולי הראשון מלך רוססיא, שסבלו כל מיני יסורים קשים ורעים, אך בכדי להזהר ממאכלות אסורות וטרפות, כמסופר בתולדות דברי הימים מהעת ההיא. (והפרק הזה חרות בלב ישראל בדם ובאש) ועוד מקרים הרבה כאלה בדברי ימי ישראל, כידוע.

והשוחטים שבידם מונח חלק גדול, רוב מנין ורוב בנין מכשרות, ע"כ רגילים אנו לראות אותם מימים ימימה בערי פולין וליטא ובשאר מקומות שישראל נחתים שמה בתוך אנשים של צורה, חשובים ומכובדים, שלומי אמוני ישראל, השוחטים היו במעלה שני' להרב מרא דאתרא בכל מקום ומקום, וכל הקהל הסתכל עליהם בכבוד ובדרך ארץ. ובאמת היו השוחטים ראוים לזה, לכל הכבוד שרחשו לחלקו להם. השוחט היה זהיר מאוד במלאכתו מלאכת הקודש. הוא נתן לבו לבדיקת הסכין והריאה, ושארי ענינים השייכים לשחיטה. בכל הדינים שהשולחן ערוך הטיל על השוחטים היו זהירים, ומסורים היו ברמ"ח אבריהם ושס"ה גידיהם, בכדי שלא יצא ח"ו מתחת ידם דבר שאינו מתוקן ולהכשיל את ישראל אף במנהג קל של פוסק אחרון. ותנאי מינויו והעמידו על מלאכתו מלאכת הקודש, נתנו בידו היכולת לשמור ולעשות הכל עפ"י דיני השו"ע. יען שהשוחט היה ממונה מן הקהל וצבור, וכמו שמינו רב אב"ד כן מינו את השוחט, ובשום אופן לא היה טובו של השוחט בידי הקצב או „ההאלסיילער" וע"כ לא חת ולא פחד מהם ומהמונם. להיפך, הקצבים יראו מפני השוחט. ואחרי דברו לא שינו אף כמלא שערה, וקבלו את דעתו אף אם הטריף להם את השור היותר גדול וסבלו היזק הרבה, שמו יד לפה. ופה באמעריקא שערורי' נהיתה בארץ, נגד הדין ונגד הנהוג מימות עולם ושנים קדמוניות, ואשר מזה להרבה תקלות תוצאות, ולגרום הרבה טרפות. ואוי לעינים שכך רואות ושכך עלתה בימינו, והוא: שהשוחטים מתמנים „מההאלסיילער", מקצבים ומסוחרי עופות, ואף בערים המרובות באכלסי ישראל כן ירבו, נוהג כן הדבר. השוחט הוא בידי המפרנסו כחומר ביד היוצר, ויטנו לרצונו, ובתנאים כאלה מובן לכל כאור היום שהכשרות לקויה מאוד, כי אדם בהול על ממונו ומכש"כ אם כל פרנסתו ומחיתו תלויה בו, בידי הממנה אותו ומעמידו על מלאכתו. באמת אין הקולר תלוי בצוארי השוחטים בכל מכל כל, כי מה להם לעשות אחרת אם אין קהלות מסודרות שימנו אותם לשוחטים ?!

אבל לאידך גיסא, יש ויש ביד השוחטים בכל אתר ואתר לתקן בזה הרבה, והתיקון הוא בשנים, הן מה שנוגע לכשרות גופא והן מה שנוגע למצבם החומרי של השוחטים, והוא: **שהשוחטים יתאגדו לאגודה אחת** קימה וחזקה **על יסוד התורה והדין** ועל יסוד האנושית, תחת הנהגת והשגחת הרבנים שבעירם, והרבה טובות תצמחנה מזה, ראשית „שההאלסיילערס" והטבחים שהם נוגעים בדבר לא יהיו הם הבעב"ת על השוחטים אך הרבנים והקהל, ויגמרו וידונו בזה כפי דיני התורה, וענין הכשרות ירויח בזה הרבה, כי הרבנים והקהל אך לכשרות עיניהם, וכמו שנהג מקדמת דנא בכל הקהלות הגדולות והקטנות בישראל. ושנית, שהשכירות של השוחטים יהיה בטוח וקים ולא יחליפו אותם עשרת מונים, כאשר עד עתה כשנמנים מ„ההאלסיילערס" והקצבים.

וזכרו נא, אחים, את אשר בידכם לעשות, אמצו והתחזקו לטובת הכשרות ולטובתכם, כי בנפשנו הוא.

על השוחטים בכל מקום שהם, להתאחד ולתאגד „באגודת השוחטים", השוחטים צריכים להיות מאוחדים יחד עם הרבנים ותחת השגחתם, וכבר הגיעה השעה, ואם לא עכשיו אימתי ?!..

---

## צו די שוחטים פון אמעריקא און קאנאדע!

די צייטונג איז א י י ע ר צייטונג, אייער פליכט איז צו שאפען סובסקרייבער פאר אייער צייטונג, זאל יעדער שוחט שאפען לפחות איין סובסקרייבער. שרייבט אונז פון אייער מצב און פון דעם מצב השחיטה אין אייער קהלה און מיר וועלען דאס פארעפענטליכען.

שרייבט אויף דעם פאלגענדען אדרעס:

**SCHOCHTIM SHTIMME**

**229 East Broadway New York City**

# „דבר תורה"

מאת הרב מנחם הכהן ריזיקאוו, רב ואב"ד בברוקלין

בקונטרס „השומר" של העתון „שוחטים שטימע", מן חודש אייר תרצ"ב נדפסה תשובה יקרה מן רבינו הקדוש הגאון רש"ז זצ"ל, אשר אין ערך לדבריו הקדושים. ודעתו הגדולה והעמוקה מהים והיא נדפסה „מחמת רוב חביבות דברי קדשו" אבל היא נדפסה שלא בידיעתו בארץ החפשי הזאת אוהבי הקולות. וחזינן שבשאלה הב' והה' הוא מראה צדקתו ויראתו, לכן אקח לי מזה לימוד אף שגם על השאלה הראשונה והשלישית שכתב יש להתיר בפשטות ע"ש אבל דעתי העניה והפשוטה דעת כהן הדיוט כמוני אני אומר אמת כי דעת הגאון רבינו הק' אומר בפשטות זהו לפי דעתו הגדולה שפתוחים לו שערי התורה כנתינתה על הר סיני. אבל דעתי הקטנה צריך להבין שזהו ענין לאו פשוט כאנשים קטנים הדיוטים כמוני. ומה גם במדינה הנקרא הארי"אפ משונה מאייראפא המדקדקים במתינות-הבדיקה, כשיבא שאלה זו לפניו צריך לעיין בלב"ש סל"ט ס"ק ר"ג שאלה זו וכו' אף שאינה מבצבצה וכו'. וסיים שצריך שאלת הרופאים ע"ז ע"ש. אבל בשו"ת בית אפרים הגאון מרגליות המפורסם זצ"ל סי"ם חולק על הלב"ש ומסיק דהוי ודאי טרפה ע"ש דאם אין מכה קורם דם מניין. ועיין בסמ"ע שורש ד' ענף ג' סקי"ח ומסיק כהב"א דטרפה ע"ש. ועיין בד"ק סקפ"א ג"כ דטרפה ע"ש. ועיין בס' ערוגת הבושם על יו"ד מוביא הלב"ש ומסיים, מי שיש בידו כח למחות בהמקילין בזה מחויב למחות ע"ש. ועיין בשו"ת דברי חיים ס"ל שכתב בענין זיעה שהוא טרפה ע"ש. ועיין בראש יוסף שהדין הוא כהב"א שטרפה כי הוא איסור דאוריתא ע"ש. ועיין במנחת יוסף בקו"א ס"ל ומחמיר ע"ש. ובשו"ת בגדי ישע ס"ה כתב דהבהמה טרפה מדאוריתא ע"ש. ועיין בספר אדרת אליהו על יו"ד בי"א ס"ק ס"ח אות ט' מזה עיי"ש. הנה יש פוסקים גדולים דמטרפי בזה כמו בשו"ת שאילת שלום קסי"ט שכתב דכל המקיל בזה עתיד ליתן את הדין ע"ש. אבל להיפך יש גם ספרי שו"ת דמקילין בזה כמו בשו"ת ש"ש ומובא בס' אדרת אליהו ע"ש. אבל לאחר בדיקתו והמצאתו כעין המובא בשו"ת ש"ש ע"ש. ויש עוד שו"ת דמקילין בזה אבל הרוב הפוסקים מחמירין בזה. ורבנו הק' כתב תשובה זאת לעיר מאהיליב אבל מי יודע אם הסכים זאת לאמעריקא לכן כתבתי להבודקים דפה שאין ההפסד גדול כל כך יבינו את אשר לפניהם ודוקא בהפס"מ. וגם השואל השאלה בודאי היה איש יר"א. אבל ימחול לי שכתב בלשונו בשאלתו קרום כעין בשר בלוי ע"ש, אבל באמת הוי קרום גרע מב"ב אף לשיטת השמ"ת דב"ב הוי סתם ריעותא ולהלב"ש הוי ב"ב רק ריעותא כ"ד ע"ש, אבל קרום איתא בגמרא מפורש ששני קרומים הוי לריאה ע"ש. ולא שלשה קרומים. וגם שאין מזכיר דבריו איך היה הקרום אם היה פרוש על כל הריאה בעין מעשה דריינוס. או רק על מקצת מקום שיש חילוק בדין ע"ז.

וכן מה שרצה השואל להביא ראיה להתיר מדלדולים ע"ש. הלא בדלדולים אין בהם ריעותא כלל והוא תלוי בעיני הבודקים וזכות הגאון יעמוד לנו וימחול לי אם יש עולה בי וכונתי לטובה.

(המשך יבא)

## וויכטיג פאר שוחטים

אין ווארשא (פוילען) ערשיינט א מאנאטליכער חודש ארגאן א. נ. „די שוחטים שטימע" (5טער יאהרגאנג) וועלכער איז געווידמעט אלע שוחטים אינטערעסען.

אין „די שוחטים שטימע" געפינט זיך אן אבטיילונג א. נ. „תורת הזבח" וואו שוחטים שמועסען זיך אדורך וועגען עניני שחיטות וטריפות.

**דער פרייז פאר אמעריקא א. א. לענדער איז $1 א יאהר.**

ביי די רעדאקציע „די שוחטים שטימע" איז אויך צו באקומען עכטע בעלגישע גראבעם און גרינגע שטיינער. די שטיינער ווערען אויסגעקליבען דורך שוחטים מבינים, און אזא שטיין גיט יעדען שוחט די מעגליכקייט אבצושטעלען א חלף אין פארלויף פון עטליכע מינוט.

ביי די רעדאקציע איז אויך צו באקומען חלפים אין אלע גרויסען און פון די בעסטע סארטען, אויך שיידען קונסטליך און פרעכטיג אויסגעארבייט אין אלע גרויסען, עס איז א ציהרונג פאר א שוחט צו האלטען אין זיי א חלף.

דער אדרעס פון דער רעדאקציע איז:

**RED. DIE SZOCHTEM-SZTYME**
**Warszawa, Muranowska 4, m. 30, Poland**

81



# מכתבי ברכה ועדוד

## מאת הרבנים המפורסמים באמריקה

לכבוד ידידי הרב הג' חריף ובקי, דרשן מפואר וכו' כקש"ת ש מ ר י ה ו ל י ב ה ו ר ו ו י ץ שליט"א רב בני יארק.

אחדשה"ט באה"ר!

כאשר ראיתי את העתון „שוחטים שטימע", אשר כתר"ה הוא העורך, שמחתי מאד בזה, מפני שאקוה אשר העתון הלז יהי' לחזוק הדת והאמונה בארץ היאת אשר הדת רופפת ומאד נחוץ הוא להיות לנו עתון כזה, כדי לחזק את היהדות בכל מה שאפשר, ולכן אני מבקש מכבודו הרב להדפיס מכתבי זה בהעתון שלו, כי הוא דבר גדול לחזק הכשרות ושלא להרבות מחלוקת בישראל, כאשר קרה זה איזה פעמים בסביבתנו שאיש אחד הי' תופר בגדים או מוכר בשר ודגים כמה שנים ולעת זקנתו אשר אין בו כח לעבוד עבודתו יחפוץ ללמד מלאכת הקודש. מלאכת השחיטה להתפרנס מזה, וכאשר הרב דעירו יודע ומכיר את האיש הזה כי בשום אופן איננו ראוי והגון לכך מכמה טעמים, יסע לעיר אחרת וישיג קבלה מאיזה שו"ב ומרב יהי' מי שיהי', ואח"כ יבא לעירו וישחט בלא רשות הרב, ומלבד שמאכיל טרפות לישראל נתהוה מחלוקת בעיר, כי הרב מודיע לרבים כי אסור לאיש הזה להיות שו"ב, וכמה אנשים אשר לא ישמעו לדברי הרב, אחרי שיש לו קבלה, ולכן תתפרץ מחלוקה גדולה. לכן אחפוץ לבקש מכבוד הרב העורך שידפיס במ"ע שלו מודעה כזאת, שכל שו"ב ורב לא יתנו קבלה לשום איש אם אין לו קבלה מהרב דעירו. וישתדל שאגודת הרבנים יעשו ויסכימו להתקנה הזאת ויפרסמו הדבר לא רק במ"ע שלו אלא גם ביתר העתונים, ובזה תעשה תקנה גדולה לחזק הכשרות ולמעט מחלוקת בישראל, ואבקש שלא לדחות הדבר, רק יעשה זה תיכף. כי בכל יום ויום יקרו מעשים כאלה,

וכאשר מובטחני שימלא בקשתי אסים בברכה, ידידו המברכו שיצליח ד' דרכו בקודש ויחזיק חילו שיוכל תמיד לעמוד על המשמר כדי לחזק הדת, כחפצו וכחפץ ידידו המברכו מוקירו ומכבדו.

הרב יוסף דוב הורוויץ, חופ"ק סאנט פאול.

---

שלום וברכה להרב העורך של ה„שוחטים שטימע" ו„השומר".

אחדשה"ט כראוי הנני בזה לברך את א ג ו ד ת ש ו ח ט י ע ו פ ו ת ד נ ו י א ר ק ר ב ת י על שנגשו לעבודה פוריה וחשובה עד מאד שיש בה משום חזוק הדת והיהדות. וזהו: הוצאת ירחון הגון לטובת השוחטים והכשרות ולחזוק דת תוה"ק.

הירחון יהיה למאור דרך ונתיב בחיים של קדושה וטהרה, אהבת תורה ויראת שמים. ואני מברך אתכם בהצלחה רבה שקול ה„שוחטים שטימע" ישמע במחנה ישראל, ו„השומר" ישמור את כל היקר והקדוש לעמנו.

בברכת התורה והדת, ידידם בלב ונפש.

הרב ישראל מאורשאוויץ, בראנקס, ני"ו יארק.

---

ב"ה, כבוד מערכת „די שוחטים שטימע" בנויארק.

שלום!

בלב מלא רגש, קראתי שעל פי היזמה של אגודת שוחטי עופות בנויארק, מופיע כעת בעריכתו של הרב הגאון פה מפיק מרגליות חכם וסופר ר' ש מ ר י ה ו ל י ב ה ו ר ו ו י ץ ש ל י ט"א, עתון חדשי בעד השוחטים עם מחלקה מיוחדה בשפתנו הקדושה.

בשורותי אלו חפץ אני לשלוח לכם ברכתי, ברכת רע נאמן שצעדכם החדש על מפתן ההסתדרות יביא תועלת לכם בפרט ולכל השוחטים בארצות הברית וקנדה; ויוכל להתקיים לאורך ימים לעבודה אינטסיבית ופוריה לכלנו.

תצליחו שהעתון הזה יהי' לבמה ספרותית והסתדרותית במלא מובן המלה, לארגן ולרכז סביב, כל העוסקים במלאכת הקודש — בארצנו פה — לחטיבה, שנשמע איש שפת רעהו, ולא נהי' כעלים בודדים הנופלים מהאילן מכל רוח מצויה, ומי יותר מאתנו יודעים את האמת המרה מהרוחות רעים הנושבים פה על כל צעד ושעל לעשות את מלאכתנו זאת למלאכה בזויה ושפלה.

תצליחו, לשפר ולשכלל את מצב השוחטים בארצות הללו שלא יהיו למרמס לכל ההולכים על גחון... להעמידם על בסיס נאמן וחזק בלי להתמוטט.

תצליחו, ע"י העתון הזה להביע רגשי הקודש והדת על מצות השחיטה בישראל שלדאבוננו, בשנים האחרונות ע"י המחלוקת והתפוררות שנתהוו בערי ישראל פה, אבד כל רטט קודש וחרדת הדת לכל הקדוש לנו.

תצליחו, לקומם הנהרסות בכל עיר ועירה ע"י אגודה כללית בארצות הברית וקנדה להביא סדר ומשטר בכל הנעשה תחת סוג מלאכה קרושה זו בכל הענינים הצריכים תקון וסיג, כאויר לנשמה.

ברגשי כבוד והוקרה,

יעקב יצחק וואהלגעלערנטער

מחבר ספר „ביאורי יעקב", מזכיר הסתדרות השוחטים בטורונטו, קנדה.

# ספרים חדשים

(שהגיעו אל המערכת)

ספר הדר הכרמל — חלק שני, חלק מהדרושים שדרשתי לפני עדת ישרים ותמימים, תוכם רצוף הגיוני קודש, אשיות הדת והאמונה מקימים מפיצים אור יקרות ומוסיפים נעם במאמרי חז"ל הנעימים על הדר הכרמל וחבת קדשי בני ישורון, לוית חן משיבים. גם נלוו לו פרקים בהלכה, בפלפול ובסברא, מאתי הרב שלמה לעווין רב בבראנקס, שנת תרצ"ב.

הספר הזה כולל דרוש, הטפה מוסר ופלפול ביחד, ומעיד על מחברו ז"ל שנקטף מן העולם במבחר שנותיו, כי היה מלא וגדוש בתורה, ודרשן נפלא. יש בו דרוש לראש השנה, לתקיעת שופר ומדבר נשגבות על התורה שבכתב ושבעל פה. ולא רק תורה שבכתב אלא גם תורה שבל פה היא מפי הגבורה וזה מבואר בפסוק. משה (כל תלמיד חכם נקרא משה, עיין חולין ד"ג ורש"י שם) ידבר (בעתיד) והאלקים יעננו בקול, כי הכל מה', ומדבר ע"ד קדושת השבת והאדם שמחלל את השבת ועושה את עצמו לאלקים באמרו כחי ועוצם ידי עשה לי החיל הזה. וזהו המרומז בכתוב „אלקי מסכה לא תעשה לך", כלומר שלא תעשה לך בעצמך למסכה... ומבאר את הפסוק וראית את אחורי — הבט תמיד מאחריך, איך שחיית בחסד השם עד עתה, „ופני לא יראו" סגור העינים ואל תביט מלפניך, כי נורא לחשוב על העתיד איך יחיה ואיך יתקיים... וממתיק מאמר נפלא (בירושלמי ביצה פרק ה') ר"י ורשב"ל אמרו אנן לא זכינן לאורייתא אלא בגין דחמינן אצבע דרבי, עיין המאמר בכתובות (ק"ד) שר' יהודה הנשיא קודם פטירתו זקף עשר אצבעותיו כלפי מעלה ואמר: שלא נהנה מהעוה"ז אפילו באצבע קטנה, ולמוד זה למעט בתענוגי העולם למד רבי לתלמידיו וז"פ המאמר „אנן לא זכינן לאורייתא אלא בגין דחמינן אצבע דרבי" וד"ל. ומטיב לדבר ע"ד חנוך הבנים ומבאר בזה את הכתוב (בא) והגדת לבנך ביום ההוא לאמר בעבור זה עשה ה' לי בצאתי ממצרים, והיה לך לאות על ידך ולזכרון בין עיניך, למען תהיה תורת ה' בפיך, לא המדרש עיקר אלא שהוא בעצמו יעשה ויקיים את המצות בפועל ממש להיות מופת לבניו, וזהו „והיה לאות על ידיך ולזכרון בין עיניך". למען „תהיה" תורת ה' בפיך שתהא הויה, קיום, לתורת ה' שבפיך ושדבריך יעשו אז רושם על לב בניך. והעיקר הוא בחנוך בית עברי, בית אב, וזהו מליצת הירושלמי (פסחים פ"ז). „כל תורה שאין עמה בית אב אינה תורה" והמקונן צווח נחלתנו (נחלת ה' בנים) נהפכו לזרים (מפני כי) בתינו לנכרים... הבית נתנכר לאבינו שבשמים.. ועיקר הוא אם עבריה, כשהיתה עוברת על פתח בתי ע"ז עשו מפרכם לצאת, וכשהיתה עוברת על פתח בתי מדרשות יעקב מפרכם לצאת, אם האם עוברת על פתחי בתי ע"ז או בנה הוא עשו... ואם האם עוברת על פתח בתי מדרשות אז בנה — יעקב.. ובזה מבאר הגמרא (יבמות ס"ג) עה"כ בניך ובנותיך נתונים לעם אחר, אל תקרא לעם אחר אלא לאם אחר.. אם האם היא לא אם עבריה אז הבנים שלה נתונים לעם אחר... ובעשרת הדברות יש טעם עליון וטעם תחתון, להמון — טעם תחתון לפילוסופי אלקים, לקדושים, טעם עליון...

---

כנסת ישראל — ירחון לתורה ודעת. יוצא לאור ע"י הסתדרות תלמידי סלובודקה באמריקה, ניו יארק, אייר, תרצ"ב, שנה ראשונה, חוברת א'.

ישיבת סלובודקה השפיעה שפע קדש על תלמידיה חניכיה. לא רק ללמוד אלא גם לחנוך במדה גדושה, נתנו מקום בישיבה קדושה זו, ולא זרעו על צחיח סלע, הנה באו תלמידי הישיבה באמריקה „ארץ הדולרים, מקום „שלטון החמר" ויסדו ירחון לתורה ודעת במטרה „להמשך ולחזק בין החברים את הרוח וההשפעה ששאבו בישיבה", וכמגמתנו לפתוח לנו חלון שמבעדו תזרח לנו שמשה של הישיבה באור תורה ודעת ה', ותלהיב נפשותינו באש קדש שלהבת יה, והמוציאים מבטיחים לנו להביא בירחונם זה חדושי תורה בעמק ההלכה מגדולי ובחירי הישיבה, ושיחות וביאורי עניני מוסר ודעת ה' ברוח ושיטת אדמו"ר הגה"צ מרן נתן צבי פינקל זצוק"ל ומאמרים ערוכים בטוב טעם ודעת בשאלת החנוך והנהגת הבית עפ"י התורה והמוסר, והערכי מהותה וערכה של הישיבה בחיי עמנו והשפעתה הגדולה על מהלך חיינו והערכות ורשימות בתולדות שיטת המוסר של הגר"ים ז"ל ושאר חכמי המוסר.

תכנו של ירחון זה מחברת א', שיחה מאדמו"ר הסבא זצ"ל ע"י הרב מרדכי שולמאן, שיחה מוסרית מאת ראש הישיבה הגאון ר' יצחק אייזיק שעהר שליט"א, דוב זוכבסקי, בענין לינה בקדשים, זלמן אידל קרבוז, בענין קדשים שמתו, יצחק הוטנר בענין בכור אינו נוטל במוקדשין, יצחק פרידמאן — לשנוי ערבין ביהדות האמריקאות ושיר להרב ראובן מילצקי ומכתב חוזר ע"ד הישיבה מאת הרב יהודא העשיל לעווענבערג, יו"ר האקסקוטיבא. והרב משה דן שיינקאפ. מזכיר. ומאמר חשוב באידיש מאת הרב טוביה גאלאמבעק בשם „דער לעצטער מיטעל", וגם ידיעות חדשות ע"ד פעולות לטובת הישיבה.

זהו ירחון נחוץ שיש בו מטרה קדושה ושאיפה מוסרית רוחנית. הלואי שיתקיים ויאריך ימים!

---

בגליון הבא נפרסם בע"ה עוד מכתבי ברכה מאת רבנים, גאונים ומפורסמים בישראל.

# חדשה בספרות הדרוש!

יצא לאור ונמצא למכירה הספר הנפלא

## כרם פתחיה

מאת הרב הגאון הדרשן המפורסם

## מוה"ד פתחיה מענקין שליט"א

הספר מלא וגדוש באורים, מאמרים, רעיונות ודרושים בשטה חדשה ונפלאה במינה, חומר רב, עשיר ומגוון בשביל רבנים, דרשנים, לשבתות, מועדים ולכל עת וזמן. כל אלה כתובים בסגנון קל ויפה. גאון עוזנו הגא"י קוק שליט"א כותב בהסכמתו על הספר „הספר היקר והנחמד הזה יקנה לו לבבות רבות ויחשב בין הספרים רבי הערך שנתחכבו בדורנו". הספר נדפס בהדור רב ועל נייר יפה.

**מחירו בכריכת בד שני דולרים**

להשיגו עפ"י הכתובת:

**מ. צ. מנקין, ירושלים.**

**M. S., P. O. BOX 10**
**Palestine**



# צו אונזערע לעזער בכלל און ברידער שוחטים בפרט!

עס איז אייער הייליגע פליכט צו שאפען סובסקרייבער פאר אייער זשורנאל, פאר אייער ארגאן, זאל דאס זיין אייער הייליגע אויפגאבע און לעבען צו מאכען אייערע פריינד און באקאנטע ווי אויך די מעמבערס פון שוהלען פאר סובסקרייבער פאר די „שוחטים שטימע" און „השומר". דאמיט וועט איהר געבען די מעגליכקייט די פארוואלטונג פון די „שוחטים שטימע" צו פארגרעסערען און פארשענערען די „שוחטים שטימע" און איינפיהרען נייע וויכטיגע און נוצליכע „פיטשורס" פאר אייער איינענעם בענעפיט. און פאר'ן בענעפיט פון ארטאדאקסישען יודענטום.

שרייבט אונז וועגען דעם מצב פון שוחטים און כשרות פון אייער שטאדט און שטעדטעל, איהר קענט זיך גאר ניט פארשטעלען ווי נויטיג דאס איז פאר אייך, און ווי דאס קען מיט דער צייט פיהרען צו לייזען וויכטיגע פראבלעמען פון שחיטה און כשרות אין אמעריקא. אום צו לייזען די פראגע פון שחיטה און כשרות מוז מען דאך וויסען דעם מצב מיט אלע איינ־צעלהייטען.

שרייבט אויף פאלגענדען אדרעס:

**SCHOCHTIM SHTIME**
**229 East Broadway, New York, N. Y.**


# די טשעכישע רעגירונג קעגען שחיטה פארבאט

צוליב דעם וואס אין א גאנצע ריי שטעדט אין טשעכאסלאוואקי איז דורך די זעלבסט פארוואלטונגען פארבאטען געווארען די אידישע שחיטה, האט דער אויבער ראטה פון די אידישע קולטור געמיינדעס וועגען דעם אינטערוועניערט ביי דער צענטראלער מאכט אין פראג, אין רעזולטאט פון דער דאזיגער אינטערווענץ האט די מאכט צירקולאריש פארארדנט די אלע באצירקס אמטען ניט צו דערלאזען פארווירקליכען און לעבען די אנגענומענע דורך די שטאדט־ראטען שחיטה פארבאטען, ווייל זיי זיינען אין סתירה מיט דער קאנסטיטוציע, וועלכע גיט יעדער רעליגיע די פרייהייט פון אויסאיבען אירע דינים און מנהגים.


# מדפיסי ספרים אנחנו זה יותר מחמש־עשרה שנה

## בעברית, אידית ואנגלית

ספרים לאלפים ולרבבות יצאו, במשך הזמן הזה, מתחת מכבש הדפוס שלנו מאת המחברים מפורסמים המפוזרים בכל רחבי ארצות הברית — וכולם פה אחד מהללים ומשבחים אותנו.

**יען כי: —**

א. בית הדפוס שלנו משוכלל הוא במכונות הכי־חדישות והכי טובות.
ב. מסדרי האותיות שלנו הנם יודעי תורה ובקיאים במלאכתם על צד היותר טוב.
ג. יש לנו מבחר גדול של כל מיני אותיות מרובעות שונות וגם אותיות בכתב דש"י.
ד. המגיה שלנו הנהו אומן יד במקצוע שלו.
ה. הניר שלנו הנהו יפה ומשובח.
ז. הכריכות היוצאות על ידינו אין כמוהן ליופי ולהידור.
ז. המחירים שלנו הנם נמוכים והתנאים נוחים.

ובכלל הננו משתדלים, בכל האמצעים האפשריים ועד היכן שידינו מגעת, להפיק רצון המחברים, העומדים אתנו בקשר מסחרי, על צד היותר טוב ונאמן.

תעודות ומכתבים המעידים על אמיתת דברינו נוכל להמציא לכל דורש.

פנו אלינו ותוכחו.

**ORIOM PRESS, Inc.**
**12 West 18th St. New York, N. Y.**

האט הנאה פון אייער וואקיישאן
באזוכט די

# יפה הויז

**THE JAFFE HOUSE**

**Glen Wild, N. Y.**

Telephone Woodridge 57-R

א מאדערנע הויז, לופטיקע רומס, הייסע און קאלטע לויפענדע וואסער אין יעדער רום, אויך שאוערס הייסע און קאלטע טאג און נאכט, נעשמאקע עסענס, ריינליכקייט פונקטליך אפגעהיט, און אייגענעם טייך צום באדען און שיפען זיך.

די פרייזען זיינען מעסיגע און צוגיינגליך פאר־אלעמען. ספארטס און פארוויילונגען אין אלע הינזיכטען, הן ברוחניות והן בגשמיות.

## שמעון יפה שו״ב,

חבר דאגודת שוחטי עופות
דניויארק רבתי — אייגענטימער.

# ברודער קלמן שאפירא

(חבר דאגודת שוחטי עופות דנויארק רבתי)
לאדעט איין אלע ברידער שוחטים מיט זייערע פאמיליעס צו פארברייננען זייער וואקיישאן
אין זיין

## פוירנדייל מענאר האטעל

וועלכער איז איינער פון די שענסטע האטעלן
אין דעם גאנצען געגענט.

דער האטעל איז אויסגעשטאטעט מיט די מאדערנסטע איינריכטונגען, ווי: הייסע און קאלטע וואסער, בעטהס און שאוערס, א וואונדערליכע קאסינא מיט פיינער מוזיק, אלערליי ספארטס און פארוויילונגען. די פרייזען זיינען מעסיגע. קומט, איהר וועט געוויס הנאה האבען.

פאר מער איינצעלהייטען שרייבט אדער
טעלעפאנירט צו:

**REV. K. SHAPIRO**

**566 Bristol Street, Brooklyn, N. Y.**

Tel., LOuisiana 9-3575



## קלייבט איהר זיך מאכען א רייזע קיין
## ארץ ישראל אדער איראפע ?

די אמעריקאן פאלעסטיין טוריסט ביורא וועט אייך בעזארגען פאר דער רייזע אויף די בעסטע שיפען צו די מעסיגסטע פרייזען.

אזוי שנעל ווי איהר בעשליסט צו מאכען א רייזע, צו וועלכען עס איז טהייל פון דער וועלט, שטעלט זיך אין פארבינדונג מיט דער ביורא און זי וועט אייך באזארגען מיט אלצדינג נויטיג פאר דער רייזע, א וויזא, די באגאזש, און די בעסטע קאבינעס וואס
מען קען נאר קריגען.

## ספעציעלע דירעקטע טורס קיין
## ארץ ישראל דורך איראפא און
## דירעקט, ווערען אראנזשירט פון
## צייט צו צייט.

די רייזע קיין ארץ ישראל דויערט בלויז 11 טעג.

**AMERICAN PALESTINE**
**TOURIST BUREAU**

**38 Park Row, Suite 509, New York**

Phone BArclay 7-0973

RABBI S. L. HURWITZ, *Editor.*

הרב שמריהו ליב הורוויץ, רעדאקטאר.

# די שוחטים שטימע

# SCHOCHTIM SHTIMME

מאנאטליכער זשורנאל, ארויסגעגעבען ביי די אגודת שוחטי עופות דניו יארק רבתי

Monthly Magazine, published by the Poultry Schochtim Union of Greater New York

Affiliated with the American Federation of Labor, Local 440

229 East Broadway, New York, N. Y. — Telephone: ORchard 4—1938 — 9602

Vol. I. No. 5. — JULY, 1932. — ב"ה ניו יארק, תמוז, תרצ"ב — ערשטער יאהרגאנג, נומער 5.

## אינהאלט:

עדיטאריעלס:

א. הבנים און שוחטים.

ב. חלול שבת אין ווילנא און אין ניו יארק.

ג. פון אונזער ניט ארגאניזירטער וועלט.

ד. אלון בכות.

מאדערנע רבי יוחנן בן זכאי'ס — — — — — — — — — הרב הלל יעקב הורוויץ

חד וחלק (פעליעטאן) — — — — — — — — — — — — — — לץ

אונזער דערגרייכונג — — — — — — — — — — רעוו. אליהו מעלצער

בריעף פון שוחטים.

די שוחטים און זייער „נחלת השבים" — — — — — — — — רעוו. שמואל סראלעוויטץ

### השומר

תמוז — — — — — — — — — — — — — — הרב שמריהו ליב הורוויץ

מאכלות אסורות ותוצאותיהן — — — — — — — — — הרב שמואל מנחם הלוי פיין

הבנה בדברי חז"ל — — — — — — — — — — — שמואל ר. מהרשק שו"ב

מכתבי ברכה ועדוד

„דבר תורה" — — — — — — — — — — — הרב מנחם הכהן ריזיקאוו

ספרים חדשים — — — — — — — — — — — — — — בן רוב

סובסקריבשאן 3 דאלאר א יאהר.

Subscription Price, $3.00 a year.

Application for second-class matter is pending.

## מופת לרבים

א באוואוסטער חשוב'ער רב, איז נעווען רב פיעלע יאהרען אין גרויסע קהלות אין אייראפא, יעצט איז ער רב אין דעטראיט מיש. זיין נאמען איז הרב הגאון ר' שמואל מנחם הלוי פיין שליט"א, ארבייט אונערמידליך צו שאפען סובסקרייבער און פאר־שפרייטען „די שוחטים שטימע" צווישען אלע זיינע באקאנטע.

זאל הרב פיין זיין א גוטער ביישפיעל פאר אלע אנ־דערע רבנים און שוחטים פון לאנד, וועלכע קענען און דארפען העלפען פארשפרייטען „די שוחטים שטימע" צווישען אלע תלמידי חכמים און בני תורה איבער'ן גאנצען לאנד.

---

## וואס א חברה ש"ס וועט אויפטאן

אויף א מיטינג וואס איז אפגעהאלטען געווארען אין בית המדרש הגדול פון קענזעס סיטי, איז באשלאסען גע־ווארען צו גרינדען א חברה ש"ס הכללית פון גרייטער קענזעס סיטי אויפצופאסען אויף אלע ארטא־דאקסישע ענינים פון שטאדט. לומדות איז די „קוואלי־פיקאציע" אויף אריינצוקומען און האבען א דעה אין דער ארגאניזאציע.

דאס איז דעם ערשטען מאל אין דער געשיכטע פון אמעריקאנער יודענטום. אז נים „אלרייטניקעס" עמי הארצים זיינען די טאן געבער און פיהרער פון אידישע אינטערעסען, פון אידישע קהלות, נאר אזוינע וואס קענען לעהרנען א בלאט גמרא, בעלי בתים לומדים און רבנים וועלען זיין די פיהרער און וועג ווייזער...

## כשרות אסאסיאיישאן פון ניו יארק

ניט לאנג צוריק האט שטאטגעפונדען אין בראדוויי סענטער האטעל א פארזאמלונג פון אריבער צוויי הונדערט באוואוסטע רבנים פון ניו יארק, וועלכע האבען ערוועהלט פון זיך א קאמיטע פון פופציג רבנים, צווישען זיי הרב ר' ישראל הלוי ראזענבערג, הרב ר' ישראל דושאוויץ, הרב ר' שמחה סאלאווייציק, הרב רא"ש פעפער, הרב נאר־טענהויז, הרב בוראק, הרב קאפלאן, הרב נאלאנטי, הרב ישר, הרב דאכאוויץ, הרב טעלושקין, הרב פרעדמעצקי, הרב עבין, הרב נארפינקעל, הרב לעווענסאן, הרב נאלה, הרב מאיראוויץ, הרב רש"ל הורוויץ, רעדאקטאר פון „די שוחטים שטימע", הרב הענקין, און אנדערע חשוב'ע בא־וואוסטע רבנים פון ניו יארק. ווי אויך איז ערוועהלט געווארען א קאמיטע פון פראמינענטע בעלי בתים. די רבנים און די בעלי בתים האבען ערוועהלט פון זיך אונ־טער דעם פארזיץ פון דעם פרעזידענט מר סעמועל ראטענבערג א קאמיטע פון 22 פערזאן, וועלכע זאלען צוזאמען מיט דער קאמיטע פון 50 פארוואלטען די כשרות פון גרויס ניו יארק.

---

בשורה טובה לכל העוסקים בתורה וחכמת ישראל!

יצא לאור ספר חשוב יחיד במינו

הלכות דעות להרמב"ם

עם באור רחב מאת

הרב שמריהו ליב הורוויץ

יש בו מאמרים קצרים על ענינים גדולים בש"ס ופוסקים, שו"ת, קבלה, פילוסופיא דתית ומחקר וספרות המוסר.

מחירו — בכריכה נחדרה ויפה, דאלאר אחד.

לפנות אל הרב המחבר:

RABBI S. L. HURWITZ
1503 Eastern Parkway, Brooklyn, N.Y.

הרבנים והמחברים

המפוזרים בכל רחבי ארצות הברית דאמריקה וקנדה, שהדפיסו את ספריהם בבית הדפוס הידוע

אריאם פרעס

יעידו שאין כמוהו לדייקנות, ליישרנות ולמלאכה יפה ונקיה

הסדרנים שלנו חנם בקיאים במלאכתם והמגיה שלנו הגהו חרוץ, מהיר, בעל־תורה ובקי בספרותנו העתיקה והחדשה בכל המקצועות.

מדפיסים אנו גם באותיות רש"י יפות ובהירות

פנו אלינו על פי הכתובת:

ORIOM PRESS, Inc.
42 West 18th Street New York, N.Y.
Telephone: CHelsea 3—8164

# די שוחטים שטימע

תמוז, תרצ"ב

ערשטער יאהרגאנג. — נומער 5

## רבנים און שוחטים

פון די זעהר פיעלע בריעף וואס מיר ערהאלטען טאג טעגליך פון די שוחטים פון אמעריקא און קאנאנא, ווייסען מיר, דאס די באציהונג פון רבנים צו שוחטים און פון שוחטים צו רבנים איז ניט אימער א פריינדליכע און הארציגע באציהונג, ווי עס האט געזאלט און געדארפט זיין. שולדיג אין דעם זיינען ניט די רבנים און ניט די שוחטים, שולדיג איז דער הפקר צושטאנד פונ'ם יודענטום בכלל, די שרעקליכע ניט נארמאלע לאגע פון רבנים און שוחטים, דאס ניט ארגאניזירטע יודענטום. אט די הפקרות העלפט שאפען א ניט פריינדליכע באציהונג צווישען רבנים און שוחטים אין דיזע לאנד.

אבער אזא לאגע איז ניט געזונט, און שאדטביידען, אי די רבנים אי די שוחטים. געווינען דערפון געווינען נור הפקר מענשען און ניט פאראנטווארטליכע פערזאנען. כשרות בכלל, רבנים און שוחטים בפרט מוזען ליידען פון אזא ניט אידישע און ניט כשר'ע לאגע, און דערפאר איז נויטיג א שטארקע פאראייניגונג צווישען רבנים און שוחטים לטובת כשרות בכלל און לטובת רבנים און שוחטים בפרט.

אויף אן אנדער פלאץ פון אונזער צייטונג אין היינטיגען נומער, וועט דער לעזער געפינען אן אינטערעסאנטען בריעף געשריבען אין העברעאיש פון א באסטאנער שוחט, אין וועלכען ער דערצעהלט אונז וואס עס האט פאסירט אין באסטאן מיט א שוחטים יוניאן, וועלכע איז צובראכען געווארען, און די שוחטים האבען זיך פאראייניגט מיט דעם „ועד הרבנים דמאסס." און ווי אזוי די השפעה פון די פאראייניגטע רבנים האט געשטארקט די הענד פון די שוחטים און זיי האבען געוואונען א מלחמה מיט בעלי בתים, און די גליקליכע און שטאלצע שוחטים האבען אנערקענט אז זייער זיעג איז צו פארדאנקען נור די שטארקע השפעה פון די רבנים. און — שרייבט אונז דער באסטאנער שוחט — עס איז געוועזען א צייט ווען מיר האבען געצווייפעלט אין דעם כח און השפעה פון די רבנים אין אמעריקא, אם ענדע האבען מיר זיך אבער איבערצייגט אז דער כח פון די רבנים אין אמעריקא איז גוואלדיג גרויס ווען זיי זיינען באמת פאראייניגט און קעמפען אונערשראקען מיט דעם כח פון אונזער היילינגער תורה.

מיר גלויבען אז עס איז געקומען די העכסטע צייט צו רופען א קאנווענשאן פון אלע שוחטים פון לאנד, אויף צו פארבעסערען די לאגע פון כשרות און די לאגע פון די שוחטים. או אט אויף יענע גרויסע שוחטים קאנווענשאן דארף אויך פארהאנדעלט ווערען די פראגע פון פאראייניגען זיך מיט די רבנים פון יעדער קהלה אום צו פארבעסערען די לאגע פון כשרות, פון שחיטה און שוחטים.

מיר וואלטען געוואלט דאס אלע שוחטים פון לאנד זאלען אונז לאזען וויסען אזוי שנעל ווי מעגליך זייער מיינונג וועגען דעם צי זאלען מיר רופען א שוחטים קאנווענשאן? ווען? און וואו?

די שוחטים פון לאנד זיינען אונז שולדיג א קלארען און גיכען ענטפער וועגען די שוחטים קאנווענשאן, וועלכע דארף גערופען ווערען, נאך אונזער מיינונג, אזוי שנעל ווי מעגליך. מיר עפענען וועגען דיזע פראגע די שפאלטען פון די „שוחטים שטימע" פאר אלע שוחטים פון לאנד.

שוחטים, וואס איז אייער מיינונג?!

---

## חלול שבת אין ווילנא און אין ניו יארק

ווען מיר זיינען געקומען מיט פיעלע יאהרען צוריק נאך אמעריקא און האבען זיך דערוואוסט אז עס עקזיסטירען חברות פאר „שומרי שבת" און „תומכי שבת", האבען מיר זיך געוואונדערט; חברות פאר שמירת שבת?! אויב אזוי בארארף מען גרינדען א חברה „אוכלי לחם". יא א חברה פון ברויט עססערם. ווער ווייס דען ניט, אז יעדער איד מוז א שומר שבת זיין? די צייטען בייטען זיך אבער און מיר בייטען זיך אויך. און יעצט האבען מיר שוין דערלעבט צו הערען וועגען חלול שבת אין ווילנא, די ירושלים דליטא, אין ווילנא זיינען אפען די געשעפטען אום שבת און חלול שבת בפרהסיא ווערט דארט פארשפרייט וואס ווייטער אלץ ערגער.

און אין ווילנא געפינט זיך יעצט א חברה „שומרי שבת", וועלכע האלט אפ איהרע שטענדיגע מיטינגען אין דעם לאקאל פון די „ועד הישיבות", און ניט לאנג צוריק האט זיך דארט געגרינדעט א נייע חברה אונטער דעם נאמען „מזהירי שבת" וועמעס מיטגלידער געהן ארום ערב שבת פארנאכט, צו ליכט בענשען און אויך א גאנצען טאג שבת און אגיטירען צווישען די אפענע געשעפטען אום שבת, פאר שמירת שבת. און אין „דאס ווארט" פון ווילנא איז פארעפענטליכט געווארען א בריעף פון דעם באוואוסטען גאון פון אונזער דור ר' חיים עוזר גראדזענסקי שליט"א, וועגען שומרי שבת און מחללי שבת אין ווילנא, און מיר גיבען דא איבער דעם בריעף פון דעם גאון גראדזענסקי אין העברעאיש אזוי ווי ער האט איהם געשריבען:

„הלא למותר להזכיר לפני אחינו, גודל ערך קדושת השבת, יסוד כל התורה, ועונש מחלל שבת ובפרט מחלל שבת בפרהסיא אשר דינו כמומר.

ומה ידאב הלב לראות הפרצה הגדולה בעירנו עיר ואם בישראל, אשר הפרצה מתגברת, החנויות נפתחים וחלול שבת בפרהסיא תגדל משבת לשבת.

ומה גדולה עבודת הנכבדים חברי „מזהירי שבת", העוסקים באמונה לסבב בערב שבת לפני השקיעה, וגם ביום השבת לדבר השכם ודבר ולהוכיח את השוגגים ואת המזידים. ואבקש מאד את הבע"ב הנכבדים שומרי תורה ומצוה להשתתף בעבודת הקודש להיות מסייעים לזה ללכת ולסובב בעיר ולהמנות בין חברי מ ז ה י ר י ש ב ת ולעשות בפועל ולכתוב ידיהם לה', בעצה ובמעשה, וגם בהוצאות לכשיצטרך, ואשרי להמסייעים והמחזיקים בענין הגדול והקדוש הלזה, ומי שיש בידו למחות עליו למחות, ושכרו יהיה כפול, ויתברכו בנחלה בלי מצרים, כמשאלות הכותב וחותם ו' עש"ק כ' סיון, תרצ"ב, ווילנא.

היים עוזר גראדזענסקי

פירושים איז איבעריג, דער בריוו רעדט פאר זיך אליין, און רעדט זעהר פיעל!...

---

## פון אונזער ניט ארגאניזירטער וועלט

### אזהרה גדולה מועד הכשרות דאלבאני!

„בשם הרבנים הרב מ"ר שמואל מאושאוויץ והרב ר' שבתי באום שליט"א. קיין שוחט זאל זיך ניט דער־וועגען קומען קיין אלבאני אלס שוחט אין דער אלבאני שלאכט הויז, אהן דעם רשות פון ועד הכשרות והרבנים הנ"ל. לאזט זיך ניט פארפיהרען פון קיינעם. הרב שמואל יעקב הלוי מאושאוויץ החופק"ק, הרב ר' שבתי באום החופק"ק, חיים ליבער, פרעזידענט, יצחק קליין, סעק."

ה ו ר ע ה! מהרב אברהם יעקב הורוויץ רב פון אלבאני, ניו יארק. „איך בעט אז קיין שו"ב זאל ניט נעמען אין אכט די אזהרה פון ועד הכשרות דאלבאני, איך האב זיי מתרה געווען לד"ת המרוצה לשני הצדדים, אדער צו אונפארטייאישע בעלי בתים, און זיי האבען „רעפיוזד" צו ענטפערען, דאריבער האט זייער אזהרה קיין מאכט ניט. אברהם יעקב הורוויץ רב דאלבאני".

נאך די צוויי אויבען דערמאנטע מודעות אין „מארגען זשורנאל" לייענען מיר אזא סארט מודעה „ ל י י ט ע וועלכע ווילען לעהרנען הלכות שחיטה גרינדליך און קריגען קבלה, זאלען זיך מעלדען שריפטליך צו רעוו. פלוני בן אלמוני...."

אין אזא הפקר צושטאנד ווי די שוחטים און שחיטה געפינט זיך יעצט, דארפען מיר ניט האבען קיין נייע „לייטע" וועלכע זאלען קריגען „קבלה". מיר האבען אין לאנד איבער גענוג שוחטים, זאלען אפריהער די פרי־הערדיגע שוחטים ריכטיג ארגאניזירט ווערען און האבען פרנסה בכבוד. און ווען עס וועלען אויספעלען שוחטים, וועלען מיר זוכען „לייטע וועלכע זאלען קריגען קבלה" און שיקען צו יענעם רעוורענד...

---

## א נאציאנאלע הלואה

די לאזאנער קאנפערענץ ארבייט אויף א פלאן צו־שאפען הלואות צו אונגארען, רומעניען, עסטרייך, יוגא־סלאוויע און בולגאריע, וועלכע געפינען זיך אויף דעם שוועל פון פינאנציעלען צוזאמענבראך.

די ישיבות און תלמוד תורה'ס פון גרויס ניו יארק געפינען זיך יעצט אויך אויף דעם שוועל פון פינאנציעלען צוזאמענבראך, וואו זיינען אונזערע עסקנים, ווארום זוכט מען ניט שאפען א נ א צ י א נ א ל ע ה ל ו א ה צו ראטעווען די מוסדות התורה פון א זיכערען און שרעק־ליכען טויט?!...

## אלון בכות

די אגודת השוחטים דריקט אויס דעם טיעפסטען צער און עגמת נפש אויף דעם פלוצלינגען און פריהצייטיגען טויט פון איינעם פון אונזערע בעסטע און נאבעלסטע חברים ר' י ה ו ד א ל י ב ב ע ר מ א ן ז"ל, וועלכער איז געווען באליבט און געאכטעט ביי אלע שוחטים פון ניו יארק.

אבוואהל ער איז געווען פון דער נאטור זעהר א באַ־שיידענער שטילער און געלאסענער מענש, פונדעסט־וועגען האט ער אלעמאל גענומען זעהר א טיכטיגען און באדייטענדען אנטהייל אין יעדע באוועגונג און פראק־טישע ארבייט אויף צו פארבעסערען דעם מצב השוחטים, און ער איז מיט איינינע יאהר צוריק אויך געווען דער טרעזשורער פון די שוחטים יוניאן לאקאל 440.

דער נפטר איז געווען א למדן און א משכיל ביראת ה' און האט פיעל געלעהרענט אין זיין לידיגע צייט. ער איז געקומען נאך אמעריקא פון רינא מיט אריבער 40 יאהר צוריק, נאך אלס יונגער מאן, און האט זיך באַ־שעפטיגט מיט די מלאכת הקודש פון שחיטה די גאנצע צייט זייט ער איז דא, מיט כבוד און זעלבסט רעספעקט, געווינענדיג די אכטונג פון אלעמען.

ער לאזט איבער א פרוי מיט 2 זיהן און 4 טעכטער, א חשוב'ע נאבעלע אידישע פאמיליע. די שוחטים יוניאן באדויערט זייער ד י א ב ד ה ש א י נ ה ח ו ז ר ת. מיר גיסען ווארימע טרערען אויף זיין פרישען קבר, מיר דריקען אויך אויס דעם צער און סימפאטיע צו זיין פא־מיליע, הקדוש ברוך הוא זאל זיי געבען כח זיי זאלען קענען אריבער טראגען זייער גרויסען צער, און זיי זאלען גע־טרייסט ווערען בנחמת ציון וירושלים.

יהי זכרו ברוך, ת'נ'צ'ב'ה.

אגודת שוחטי עופות דניארק רבתי.

# מאדערנע רבי יוחנן בן זכאי'ס

פון הרב הלל יעקב הורוויץ גאלוועסטאן, טעקסאס.

ראבאי אייבערהעם שעכטער, א רב פון איינע פון די גרעסטע ארטאדאקסישע שוהלען און איינע פון די גרעסטע שטעט אין טעקסאס, איז ארויס מיט אן עדיטאריעל אין דער ארטינער אידיש־ענגלישער וועכענטליכער צייטונג, מיט א זעהר קלוגער עצה נעגען דער יעצטיגער נעדריקטער לאגע. אן עצה וועלכע וועט העלפען די ישיבות און עס וועט קיין געלד ניט קאסטען. און נעמליך: די ישיבות זאלען אויף א פאר יאהר זיך צוריקציהען פון ארויסגעבען סמיכות צו ישיבה לייט, וועט דאך ווערען א דוחק אויף רבנים, וועט מען אנהויבען שרייען „הבה לי רבנים!" און דאדורך וועט די ישועה קומען.

וואס פאר א טיפער קאנטראסט עס איז פון אזעלכע סארט רבנים צו אזעלכע ריעזען וואס דאס יודענטום האט געהאט אין זיינע פארגאנגענע דורות. און עס ערשיינט פאר מיר דאס בילד פון ר' יוחנן בן זכאי, אין דער צייט ווען ירושלים איז באלאגערט, דאס פאלק ליידעט שרעקליך פון הונגער, דארשט און נויט און איז שרעקליך נעפייניגט דורך די רוימישע לעגיאנען. דאן, דער שונא האט ארומגערינגעלט ירושלים פון אלע זייטען און דאס אידישע פאלק האט הונגער און דארשט געליטען, האט זיך געראנגעלט מיט די פינסטערע כחות פון פעסט און קראנקהייט, האבען יענע רבנים, אשטייגער ווי ר' יוחנן בן זכאי, און געווים לויט דעם סענטימענט פונ'ם דעת הקהל געזאגט „תן לי יבנה וחכמיה", ניט דאס שטעדטעל יבנה מיט איהרע דריי גודס סטארס, מיט איהרע קלאדהינג סטארס, מיט איהרע שעפער און פאבריקען און דזשאנק שאפס, נאר י ב נ ה ו ח כ מ י ה. די חכמים מיט די סמיכה אינסטיטושאנס. און אזעלכע מסירות נפשות האבען ארויסגעצייגט ר' עקיבא, ר' חנינה בן תרדיון, ר' יהודה בן בבא, ר' אלעזר בן שמוע, א. א. וו., און נאך פיעלע און פיעלע פון יענער אגודת הרבנים.

און היינט קומען רבנים און הייסען שליסען די יבנות, וייל צו וואס דארף מען ישיבות מיט רבנים ווען ס'איז ניטא קיין שטעלעס פאר רבנים, ווען דאס פאלק דארף זיי ניט. (אמת ער זאגט ניט צו שליסען די ישיבות, ער הייסט בלויז פארהאלטען דאס ארויסגעבען סמיכות, אבער דאס איז בלשון סגי נהור, ס'איז אביסעל איידעלער פארשלייערט).

שלמה המלך, דער גרעסטער חכם פון דער וועלט, האט געזאגט „כי טוב סחרה מכל סחורה ומפז ומפנינים יקרה", קומען מאדערנע רבנים און לייקענען אפ שלמה המלך'ס באשטעטיקונג. מוז איך זאגען, אז די מאדערנע רבנים פארשטעהען ניט ריכטיג די ווערדע פון דער תורה און ווייסען ניט ווי צו פאפולאריזירען דיזע טייערע סחורה, אז עס זאל צוריק קריגען איהר גלאנץ און ווערדע, און דאן, ניט נאר וועט מען ניט דארפען שליסען ישיבות און ת"ת און פארהאלטען דאס ארויסגעבען פון סמיכות און מאכען אפיעלס, נאר עס וועלען זיך עפענען

# חד וחלק

(פעליעטאן) פון א לץ

אמר הלץ הגדול והנורא, ווען מען באטראכט די הפקרות פון היגען אידישען לעבען, מוז מען א לץ ווערען, מען קען זיך ניט העלפען, מען מוז לאכען אדער וויינען, וויינען מיט בלוטיגע טרעהרען, אזוי ווי איך בין אבער פון דער נאטור א לץ, האלט איך ניט פון וויינען, זאלען אנדערע וויינען, איך — לאך, אזוי שטארק ווי מעגליך, איך טרייב ליצנות, פון מיין ליצנות דארפען און זאלען גיסען טרעהרען אנדערע, וועמען איך טרעט אן אויפ'ן גראבען פינגער, איך גיב ניט א קרעכץ, ניט א זיפץ, נור א געלעכטער, אויף מיינע שונאים און אייערע שונאים צו להכעיס. לאכען איז געזונט פאר דעם וואס לאכט, עס איז אבער אומגעזונט פאר דעם יעניגען פון וועלכען מען לאכט. אלזא צום פונקט!

איהר ווייסט דאך מסתמא וואס א פרינציפאל פון א תלמוד תורה דארף זיין? אויב איהר ווייסט ניט, וועל איך אייך זאגען. הערט זשע זיך איין, עס וועט אייך גוט צונוץ קומען. א פרינציפאל פון א תלמוד תורה דארף קענען גוט לעהרנען חומש, נביאים, דקדוק, העברעאיש, גמרא, אידישע געשיכטע דארף און מוז אויך קענען די לאנדס שפראך, דארף זיין בעקאנט מיט אלגעמיינע וויסענשאפט, און ועל כולם דארף ער זיין א גוטער פעדאגאג, ערציהער און ארגאניזירער און א בערימטע פערזענליכקייט, בעל מדות טובות און א גרויסער פייערדיגער איד. און א חזן פון א שוהל דארף האבען א זיסע און שטארקע שטימע, דארף קענען דאווענען מיט א כאחר ווען נויטיג, מוז זיין א גוטער מנגן, דארף וויסען לכל הפחות פירוש התפלות, און מאקי א ירא שמים אויך. מען קען זיין א גוטער חזן און ניט קיין פרינציפאל. א חזן דארף האבען דעם קאטער טאן, און א קאטער טאן מיט פעדאגאגיע, מיט אידישע ערציהונג האט להלוטין גאר ניט צו טהאן. מען קען

נייע און נייע תורה אנשטאלטען און די מוסמכים וועלען ניט זיין גענוג צו אויספילען די פאדערונג.

ניין! ניט די עקאנאמישע געדריקטע לאגע איז שולדיג, נאר דאס אידישע פאלק.

די היימישע אייראפייאישע שטעדט און שטעדטלעך פון דער נאהענטער פארגאנגענהייט זיינען ווירקלעך געווען פרעס אלע מאל און דאך האבען זיי געהאט ת״ת און ישיבות אויסער פריוואטע חדרים. און דאס פאלק האט שטאלצירט מיט זיינע מוסמכים און עס האט קיין שטעלעס פאר רבנים ניט אויסגעפעלט, און אויך דא די יעצטיגע עקאנאמישע לאגע איז זיכער ניט קיין ערגערע ווי עס איז געווען בעפאר דער מלחמה, דאך איז נאר אזא שרעקלעכע גייסטיגע ארעמקייט ניט געווען.

עס זיינען בעפאר די מלחמה יאהרען, ווייס איך, געגרינדעט געווארען אין ניו יארק די ישיבת ר׳ יצחק אלחנן, די ישיבה תורה ודעת, די מחזיקי ת״ת, די ישיבת ר׳ יעקב יוסף, די אפטאון ת״ת, די ר׳ ישראל סאלאנטער ת״ת, אויסער די פארשיידענע סאניטאריומס; די מושבי זקנים וזקנות, דער בית ישראל האספיטאל, דער בית דוד האספיטאל, דער לבנון האספיטאל, די מאנטיפיארע האם, א. א. וו. א. א. וו. אויסער די י. מ. ה. א., הכלל עס איז כסדר אנגעגאנגען א גייסטיגע טהעטיגקייט אהן שטארקע חבלי לידה.

טא וואו ליגט דא די צרה, פון וואנען האט זיך גענומען אזא רעאקציע? און עס איז דער אלטער כלל, פון „וישמן ישרון ויבעט״. און שולדיג זיינען אפשר אין א גאנץ גרויסען טייל אט די זעלבע רבנים צו וועלכע ס׳איז צוגעשטעלט די הויך קלינגענדע שמות התואר ווי: דר. D.D., B.A., M.A. א. א. וו., און זיי שטאלצירען מעהר מיט׳ן סרך העודף, ד. ה. מיט׳ן „זנב״ ווי מיט׳ן „ראש״. ווייל אום צו ארויסצייגען זייער קענטשאפט אין דער שפראך פונקט ווי דאס וואלט געווען דער עיקר העיקרים פונ׳ם יודענטום, האט מען אנגעהויבען איינפיהרען „פריידעי נאיט סוירוויסעס״. מיט מענער און פרויען צוזאמען און פרויען זינגערינס און מיט חילול שבת ויו״ט, מיט „קארד פארטיעס״ און מיט „סאנדעי סקולס״ אנשטאט ריכטיגע ת״ת מיט „קאנפירמישאן סערעמאניעס״, און אום אנצוהאלטען אזא סארט יודענטום, האבען זיי אנגעהויבען מותר זיין זאנאר די מוסמכי ישיבות ר׳ י״א ובמל״ת, און אט די גייסטיגע ירידה האט אזוי דעמאראליזירט דעם יודענטום, דאס מאנכע רבנים האבען איינגעפיהרט „ריידיא בראדקעסטינג סוירוויסעס״ פאר פרייטאג נאכט און שבת ויו״ט. און עס האלט שוין דערביי, אז די בראדקעסטינג סטיישאנס וועלען אנשטעלען בראדקעסטינג ראבאים, וועלכע וועלען באזארגען טויזענדער קהילות מיט פרי לופט ראבאים אהן טראבעל צו דארפען צאהלען שכירות צו א ראבאי.

זא לאנג דער אמעריקאנער איד איז געווען בבחינת יענעם רייכען ישובניק וואס האט געהאט בהמות, אקסען, ציגען, הינער, הענער א. א. וו., כאטש ער האט קיין טעכטער ניט געהאט, האט ער פונדעסטוועגען געקענט זיך פארגינען צו נעמען זיך אן איידעם אויף קעסט, אט זאל זיך האדעווען צוזאמען מיט די אנדערע באשעפענישען אויך א איידעם אויף קעסט, ד. ה. זאל זיין א רב אויך — כאטש מען דארף איהם ניט. אבער דער רייכער ישובניק איז אביסעל פאראָרעמט געווארען און אביסעל קליגער אויך, איז צו וואס דארף ער יעצט דעם איידעם אויסהאלטען, אז ער האט גאר קיין טאכטער ניט, ד. ה. צו וואס דארף ער דעם רב אז קיין שאלות פרעגט ער ניט, קיין קינדער לערנט ער ניט, קיין דרשות דארף ער

אויך זיין אן אויסגעצייכענטער גוטער פעדאגאג און ניט קיין גוטער חזן. וואס פאר א שייכות האט א חזן צו א פרינסיפאל. פרינסיפאל און חזן זיינען צוויי באזונדערע וועלטען, וועלכע האבען ניט קיין שייכות איינע מיט די אנדערע, און ווען איינער איז ביידע זאכען, איז ער על פי רוב ביידע זאכען ניט, און דערפאר קען איך זיך ניט איינהאלטען און ניט לאכען ווען איך לייען אין די טעגליכע אידישע צייטונגען פון ניו יארק אזא באצאלטע מודעה „גוטער חזן און פרינסיפאל פארלאנגט צו א גרויסע שוהל און תלמוד־תורה אין ברוקלין, דארף האבען — צעהן טויזענד דאלער...״

ווי העפעלט איך די גרויסע שוהל און תלמוד תורה פון ברוקלין?! זיי ווילען א גוטען חזן און פרינסיפאל, און ער דארף האבען — ניט קיין תורה, ניט קיין חכמה, ניט קיין שמיכע, נאר — צעהן טויזענד דאלער, ווארום היינטיגע ציטען ווען מען האט צעהן טויזענד דאלער קען מען זינגען און זאגען און ערציהען — „מאני מאקס״. עס איז נור א וואונדער א גרויסער וואונדער אויף „די גרויסע שוהל און תלמוד תורה פון ברוקלין״ ווארום זיי באנוגענען זיך מיט אזוי ווייניג, זיי זיינען מסתפקים במועט, א גוטער חזן און פרינסיפאל און צעהן טויזענד דאלער, איז דאס׳ס אלל?!...

און איך, לץ, נעם זיך אונטער זיין א שדכן צווישען דעם „גוטען״ חזן, פרינסיפאל און צעהן טויזענד דאלער פון איין זייט, און די „גרויסע שוהל און תלמוד תורה פון ברוקלין״ פון דעם צווייטען צד, און „אלבעטשיו״, אז זיי, די גרויסע קעפ און קלוגע פיהרער פון די „גרויסע״ שוהל און תלמוד תורה, וועלען מסכים זיין צונעמען די צעהן טויזענד דאלער, און איבערלאזען פאר דער וועלט דעם חזן און פרינסיפאל. אדרבא, זאגט איהר, האט איהר א „גוטען״ חזן, פרינסיפאל און צעהן טויזענד דאלאר דערצו?! אויב איהר זוויסט, פליעז, לאזט מיר וויסען, איר וועט האבען א גאלדענעם מעדאל וועלכער וועט געגעבען ווערען צו איך פון די אגודת הלצים דניו־יארק רבתי.

וואס? איהר האט קיין מאל ניט געוואוסט — זאגט איהר — אז אין ניו יארק עקזיסטירט אן ארגאניזאציע פון לצים?!... געהט, שוין, געהט, איך בעט איבער אייער כבוד, איהר זענט נאך גאר א גרינער, אט די אלע „אגודות״ און א סך ארגאניזאציעס וועלכע עקזיסטירען אין ניו יארק, קאסטען אפ

ניט. קיין כשרות נוצט ער ניט, קיין מסדר קדושין ברויכט ער ניט. איז בכן חסל סדור כהלכתו, שליסט צו די ישיבות, פארמאכט די ת"ת, צוטרייבט די רבנים ושלום על ישראל.

ווען אבער די רבנים וואלטען ניט געווען קיינע מקילים מיט'ן נאמען „קאנסערוואטיזם" און וואלטען ניט מתירי איסורים געווען, נאר געהאלטען ביי דעם "יקוב הדין את ההר" און פאדערען פארשטארקונג פונ'ם יודענטום ניט פארשוועכונג, וואלט די פאדערונג פאר רבנים געווען א באוואוסטזיניגע און א נויטווענדיגע און לויט די אידישע באפעלקערונג אין אמעריקע (4 מיליאן כן ירבו) וואלט געווען פלאץ פאר אמוייניגסטענס 40 טויזענד רבנים, 40 טויזענד שוחטים, 40 טויזענד חזנים און איבער הונדערט טויזענד מלמדים, אויסער אנדערע משמשים בקודש.

עס זיינען דא אין אמעריקע הונדערטע שטעדט וואס האבען גאנץ גרויסע אידישע ישובים, וואס האבען פלאץ פאר רבנים, פאר שוחטים, פאר מלמדים א. א. וו. און דאך האבען זיי קיין זאך ניט און קימערען זיך ניט דאס זיי האבען ניט קיין אידיש-גייסטיגע פארבינדונג מיט'ן כלל ישראל. אזא מצב, איז אויסער וואס עס שוואכט אפ דאס אידישע פאלק קערפערלעך דורך אסימילאציאן, איז עס זעהר שעדלעך פאר די אידישע אינסטיטוציעס און פאר'ן ציוניזם.

די אגודות הרבנים האלטען אפ יעהרלעכע קאנווענשאנס אום, הפנים, ארויסצייגען איינער פאר'ן צווייטען זייערע לומדות און כח הדרוש והפילפול. קיינער צוויי־פעלט ניט חו"ש אין זייער לומדות. זיי מאכען עטליכע תקנות א שטייגער, אז א שוחט זאל זיך ניט ערלויבען צו רופען רבי, אדער חו"ש רב. דיינק איך, אז ס'איז פיעל חשוב'ער אז א שוחט-רופט זיך רב אויידער מען נוצט גאר ניט קיין שוחט.

וואס די רבנים דארפעןווירקליך פארהאנדלען אויף די קאנווענשאנס און טאקע ארויסברייננען מן הכח אל הפועל, איז צו פארשפרייטען יודענטום, להבדיל ווי די אומות העולם, מיט „רעוויוועל מיטינגס", ארויסשיקען רייזענדע רבנים, וועלכע זאלען פארען פון שטאט צו שטאט און זעהן, אז שטעט וואו ס'איז ניטא קיינע שוחטים זאל מען נעמען שוחטים, וואו עס פאדערט זיך רבנים זאל מען אנגעמען רבנים, וואו עס פאדערט זיך מלמדים זאל מען אויפנעמען מלמדים און רופען, און וועקען דאס פאלק לתחיה, און דאס וועט העלפען. עס איז א פאקט וואס עס קען באשטעטיגט ווערען, משג עס זיין די קלענסטע שטעטעל מיט א גאנץ קליינע צאל אידען, קוים איז אבער דארט פאראן א שוחט פולסירט שוין דארט אין יענער שטעטעלע דאס אידיש לעבען מיט אלע זיינע גייסטיגע פארבינדונגען; היט מען אפ כשרות, לערענט מען די קינדער, קומען דארט משולחים פון אינסטיטושאנס, טוט מען ציוניסטישע ארבייט, און מען איז בעהיט פון אסימילאציאן, די פרויען פון יענער שטעטעלע נעמען אן אנטייל אין די אקזילערים פון דער קאנגרעגיישאן, מען פארמירט הדסה טשאפטערס יונגע און אלטע און אויב זאגאר מען מאכט אמאל א טענצעל, הערט זיך אויך דער הללויה במחול בתוף ובכינור. דאגע־גען אבער שטעט מיט גאנץ היבשע אידישע באפעלקערונ־גען, קוים האבען זיי ניט קיין שוחטים, וועלכער דינט זיי זאגאר אלס רב אדער ראבאי, זיינען זיי ערי הנדחות ר"ל, דארט איז קיין כשרות ניטא און קיין פארבינדונג מיט'ן כלל ישראל אין זיינע גייסטיגע באוועגונגען און

---

א שלל מיט געלד, און טויזענדער אידען ווערען מגיב פון זייערע אפיעלס און „פובליסיטי" געשרייען, אט כמעט ווי אלע, ווערען אנגעפיהרט פון מיינע חברים, די לצים, און זייער ארבייט איי באמת — א ל י צ נ ו ת!

און דערפאר די יעניגע נוצליכע און הייליגע אנשטאלטען וואו קיין לצים איז ניטא, מוטשען זיי זיך צום טויט און האלטען ביי אונטערגעהן, אלע ישיבות און אלע תלמוד תורה'ס פון גרויס ניו יארק האלטען ביים שטארבען, און קיינעם ארט ניט, קיינער וויל אפילו ניט זיין ביי יציאת נשמה, מען צו־לויפט זיך פשוט, און די לעהרער און פרינציפאלס בלייבען איינזאם, הונגעריג, דערשלאגען און ערנידעריגט. לצים אוואו זענט איהר?!..

* * *

האט דער רבונו של עולם צוגעשיקט די רפואה פאר דער מכה, די תלמוד תורה'ס האלטען ביי צושליסען זיך, לעהרער הונגערען און עס איז ניטא די ש ט א ר ק ע האנד ווער עס זאל זיי צושליסען אינגאנצען, מיט אן אכת. זיינען געקומען די „אגודת המורים" און בעטען זיך ביי די „אידישע געווערק־שאפטען" האט רחמנות „געגאסען", און מאכט חרוב אינגאנצען די תלמוד תורה'ס, צוטרייבט — מיר בעטען אייך — די ביסעל איבערגעבליבענע תורה דירעקטארען, די נדבות געבער, אט די אלע שוהל אידען, אט די פינסטערלינגע, צוטרייבט זיי אינ־גאנצען, גיט זיי פארזוכען דעם טעם פון אן אמת'ע יוניאן, וועלען זיי צולויפען וואו זער שווארצער פעפער וואקסט, און דאן וועלען די תלמוד תורה'ס פון ניו יארק בלייבען אין די הענד פון די אידישע געווערקשאפטען אונטער די ספעציעלע השגחה פון דעם „פארוועראס הקדוש" און אויך אונטער די השגחה פון דעם „ועד הכשרות" פון-די „כנסת הרבנים"...

שא! שטיל זאל זיין! איהר הערט ווי מען לאכט? עס איז א שרעקליכער געלעכטער, עס שניידט די נערוועז, עס ווערט פארגליווערט די בלוט פון אזא געלעכטער, איהר ווייסט, רבותי, ווער לאכט דאס? דער טייוועל! דער אשמדאי! צוזאמען מיט לילית, זיי געהען א שדים טאנץ, טופען מיט די פיס, קריצען מיט די ציינער, לאכען א טייפעלשען געלעכטער, הפקר פעטרושקע! אוים תלמוד תורה'ס! אוים כשרות!... הפקר! הפקר! הפקר!....

נאציאנאלע שטרעבונגען, און אסימילאציאן ווערט דארט פארמערט.

איך וועל ברענגען א ביישפיעל פון טעקסאס. וואו דער ווירדיגער אויבענדערמאנטער. דר. שעכטער, ווייס עס אזוי גוט ווי איך. אט איז פאראן אין טעקסאס קליינע שטעטלעך מיט גאנץ קליינע אידישע געמיינדעס. ווי צ. ב. ש. גאלוועסטאן, באומאנט, טיילער, קארסיקאנא, אסטין, אבער די אידען זיינען אידען, וועלכע האבען נים געוואלט אפרייסען זיך פונ'ם טראדיציאנעלען אידענטום. האלטען אן אימער שוחטים. יענע שטעדטלעך זיינען אידישע שטעדט אין פולען זינען, מיט פארבינדונגען מיט אלע אידישע אינסטיטוציעס. איינס פון די מוסטער שטעטלעך קען זיך רעכענען וואהרטאן, זיי האבען אינגאנצען 12 אידישע פאמיליעס, איז נאך קיין מאל געווען זיי זאלען זיין אהן א שוחט. און צאלען א גאנץ פיינע געהאלט דעם שו"ב און קיין משולח לאזט וואהרטאן ניט דורך מיט ליידיגען, און דער ציוניזם גניסט פון די עטלעכע אידען מעהר ווי פון די גרויסע שטעדט. און די אלע אידען זיינען ניט רייך עקאנאמיש, זיי זיינען אבער גייסט רייך.

דאגעגען קען איך אויסרעכענען א ליסט פון פיעלע שטעדט אין טעקסאס מיט א היפשע צאל אידען, ווי קארפוס, קרעסטי, בראנזוויל, לארידא, מימסיאן, מאקאלין, וויקטאריא, גוס קריק, טעקסארקאנא, א. א. וו. זיי האבען אבער ניט קיינע שוחטים, ממילא ניט קיין רבנים און קיין פארבינדונג מיט'ן גייסטיגען יודענטום.

ניין, מיר האבען ניט צופיעל רבנים, נאר צו וויניג. ניט די עקאנאמישע לאגע דריקט אונז, נאר די גייסטיגע.

# אונזער דערגרייכונג

פון רעוו. אליהו מעלצער, וויים פרעז. פון „אגודת שוחטי עופות" און סעקרעטאר פון „שוחטים שטימע".

עס זיינען ביז איצט ערשיענען בלויז פינף נומערן פון אונזער זשורנאל „שוחטים שטימע", און איך גלויב דאס מיר קענען שוין מאכען א סך הכל וואס די „שוחטים שטימע" האט אויפגעטהאן, דורך דער קורצער צייט פון איהר עקזיסטענץ, פאר יהדות בכלל און פאר די שוחטים בפרט.

עס וועט נישט זיין איבערטריבען ווען איך וועל זאגען, דאס לויט די צאל בריעף וואס מיר באקומען פון שוחטים איבער'ן לאנד, אז די „שוחטים שטימע" האט ארויסגערופען א געוואלדיגען אינטערעס אין דעם זינען צו פארבעסערען דעם מצב השוחטים והכשרות. די „שוחטים שטימע" האט אריינגעבלאזען א רוח חיים ביי די יאוש'דיגע און האפענונגלאזע שוחטים, וואס האבען געדיינקט, אז עס איז קיין אויסזיכט פאראן דאס זייער מצב זאל ווען עס איז פארבעסערט ווערען. עס איז פאר זיי, נאר פשוט, א פונק פון האפענונג ערשיענען. עס איז נור די פליכט פון יעדען שוחט צו זעהן דעם פונק וואס מעהר פאנאנדערצובלאזען, עס זאל מיט דער צייט אין אן אמת'ע גרויסע ליכט פארוואנדעלט ווערען, וואס זאל בלייבען לדורות. מיר זעהן פון די פיעלע בריעף, אז די „שוחטים שטימע" האט זיי פשוט מחיה געווען, און זיי ליינען זעהר גרויסע האפענונגען אויפ'ן זשורנאל.

אבער די פארווירקליכונג פון די גרויסע האפענונגען פון די שוחטים וואס שטייען מיט אונז אין קאנטאקט, ווי אויך פון אלע שוחטים פון אמעריקא און קענאדא, ליגט אין די הענט פון די שוחטים גופא. עס איז א חוב אויף יעדען שוחט מיטצוהעלפען אז דער ארגאן וואס איז געשאפען געווארען זאל ווערען וואס ווייטער שטארקער און שטארקער, מעהר איינפלוסרייכער, און אז מיט דער צייט זאל ער קענען ערשיינען וועכענטליך.

„די שוחטים שטימע" איז געשאפען געווארען נישט צוליעב פינאנציעלע פראפיטען. עס איז געשאפען געווארען צוליעב א גרויסען אידעאל; און דאס איז צו דערהויבען דעם מצב השחיטה עס זאל צוריק באקומען דעם רעספעקט און כבוד וואס דער נאמען טראגט „מלאכת הקודש". אויך פאר דעם יהדות בכלל וועט די „שוחטים שטימע" קענען א סך אויפטהאן, דאס איז צו זעהן פון די ארטיקלען וואס ווערען געדרוקט וועגען חינוך און אלעס וואס האט צו טהאן מיט חזוק היהדות.

אלזא דאס איינציגע וואס בלייבט צו טהאן כדי די שוחטים פון אמעריקע און קאנאדא זאלען האבען א אייגענעם ארגאן וואס זאל זיי באשיצען און פיהרען זייערע קאמפען איז — אז יעדער שוחט פון לאנד זאל ווערען א סובסקרייבער און זאל זיך נישט באנוגענען מיט דעם אליין, נאר זעהן פאראינטערעסירען בעלי־בתים אויך צו ווערען סובסקרייבערס. דאן וועלען מיר האבען צו וועמען צו ריידען, דאן וועט דער ארגאן קענען פארבינדען אלע שוחטים אין איין גרויסע קערפערשאפט, וואס יעדער קהלה וועט זיך מיט איהר מוזען רעכענען. עס וועט געוויס אפגעשאפט ווערען די הפקרות אויף דעם פעלד פון שחיטה וכשרות; עס וועט נישט זיין מעגליך פאר די נישט פאסענדע פערזאנען, וועלכע באשמוצען דעם נאמען שוחט, צו זיין שוחטים און ברייגנען הפקרות און צרות פאר די שוחטים פון צעהנדליגער קהילות; עס איז נאר נאהענט די צייט, ווען עס וועט גערופען ווערען א קאנווענשאן פון שוחטים פון דעם גאנצען לאנד צו לייגען דעם פונדאמענט פאר דעם גרויסען גייסטיגען בנין וואס וועט זיין א ברכה הן פאר רוחניות והן פאר גשמיות. שוחטים! שטעלט זיך פאר וואס פאר א רושם עס וועט מאכען אין דער אידישער גאס דער צוזאמענקומען פון

שוחטים פון גאנץ אמעריקא וקענאדא ; עס וועט געווים ברייגגען די געווינשטע רעזולטאטען ; עס וועט קומען א צייט דאס קיין שוחט וועט נישט קענען נעהמען א שטעלע פאר שחיטה נישט זייענדיג א חבר צו די גרויסע אגודת השוחטים דאמעריקא וקענעדא.

איך האף דאס מיינע ווערטער היוצאים מן הלב וועלען זיין נכנסים אל הלב און וועלען טיעף אין אייערע געדאנקען אריינדריגגען און יעדערער וועט געווים טהאן זיין חוב.

יעצט וויל איך זאגען א פאר ווערטער צו אונזערע אייגענע חברים פון דער שוחטים יניאן. עס איז אמת, דאס א גרויסע צאל שוחטים האבען געטהאן זייער פליכט און האבען אריינגעבראכט צו עטליכע סובסקרייבערס יעדערער. אבער עס איז נאך פאראן א גאנץ גרויסער צאל וואס האבען נאך גאר נישט געטהאן.

עס איז א פליכט אויף יעדען איינעם עפעס צו טהאן צו שטארקען אונזער ארגאן. עס איז פאר אייער אייגענעם בענעפיט; דער בענעפיט פון אונזער יוניאן און פאר'ן בענעפיט פון די שוחטים פון גאנצען לאנד. וואס ליינגן זייער פיעל האפענונג אויף אונז, און אז יעדערער וועט טהאן זיין פליכט און חוב וועט געווים באשאפען ווערען א שוחטים ארגאן וואס וועט זיין לשם ולתפארת נישט נאר פאר די שוחטים, נאר אויך פאר'ן יהדות בכלל.

# בריעף פון שוחטים

## דער מצב פון שוחטים און כשרות אין אמעריקא

ב"ה, באסטאן.

מערכת נכבדה!

הנני בזה למלאות דרישתם הצודקת ולמסור למערכתם סקירה קצרה ממהלך מצב אגודת השוחטים דבאסטאן, מאסס. והסביבה. אגודתנו המונה ערך 30 חברים נתארגנה (בזמן עלית תנאי החיים וחשיבת הפועל ויוקר העבודה) בעת המלחמה העולמית, התקשרה עם הפועלים בשוק העופות, לסניף יוניאן עם „הפעדעריישאן אוו לייבאר", ורכשה מדרגת משכרת ממשית ויחס כבוד רצוי.

בזמן ירידת יחום הפועל, והבע"ב התאוננו בצדק על עזות ושפלות נפשות פועליהם בשוקי העופות, התאחדו הבע"ב ושברו בזרוע כח פועליהם ולהשוחטים הבטיחו להשאירם על מדרגתם. השוחטים הוכרחו אז להפרד מהפועלים ולהחלץ מחסות הפעדעריישאן, וכך נשארו השוחטים עומדים על מדרגת משכרתם במנוחה משך זמן ארוך.

לפני שתי שנים בערך בזמן קץ תור הזהב והמשבר התחיל להראות אותות ביאתו, הרגישו השוחטים את מצבם רופף ותסיסת הבע"ב לחזור למצב ההפקרות באותו הזמן הורגשה התסיסה, להתאחדות ועדות רבנים בכל עיר וגליל. הודות לזה התארגנו הרבנים דפה ל ו ע ד ה ר ב נ י ם ד מ א ס ס. ועמדו להנהיג השנחה רצוי' ותקנות מועילות לטובת הכשרות. השוחטים נתנו ידם לאחיעזר לועד הרבנים המאורגנים והשינו חתימות התחיבות בעלי השוקים והחניות מבשר כשר ועופות לעמוד תחת השנחת הרבנים ולמלאות פקודתם בנונע לכשרות. גם השוחטים חתמו התחיבות לעמוד תחת השנחת הרבנים, והרבנים מצדם החליטו באספתם והצהירו במכתב להשוחטים, אשר עליהם להתיעץ תמיד עם השוחטים בהעמיד שוחט חדש, והכירו אשר מצב פרנסת השוחט וכבודו הוא אחת מיסודי תקנת הכשרות, ואשר: מהיום טענת חזקה להשוחטים על מקומותיהם.

עם מאורע חשוב זה של התארגנות הרבנים והתקשרות השוחטים אתם, נתחדשה ונתחזקה שוב אגודת השוחטים. זאת הפעם נשען על כח הרבנים.

היו זמנים אשר פקפקנו בכח זה בכלל, ובהתארגנות הרבנים אם יהי' קימא בפרט. לאחרונה נוכחנו לדעת כי כח חשוב הוא כח הרבנים אשר עליו נשעננו, ע"י מאורע רציני במשפט בע"ב אחד אשר מתחילה סרב לחתום התחיבות לעמוד תחת השנחת הרבנים, והפסיד אנב חלק ממסחרו עי"ז, ולאחרונה פרץ הגדר בקציצת משכרת השוחט באופן אכזרי, וכאשר יצא השוחט לשביתה נסה להעמיד שוחט שאינו הגון, ובכלל משך ע"ע חשד מכשיל הרבים ביד רמה.

השוחטים הגישו קובלנא להרבנים ודרשו בטחון כשרות המקום ובסים חזקת משכרת השוחט. הודות לעמדה החזקה של הרבנים ואמץ לבם לא חתו ולא יראו מאיומיו של בעל השוק כי יעמידם למשפט, והי' נעזר מכל בעלי השוקים. בכדי לשבר כח הרבנים והשוחטים, הם קימו לא תגורו והכריחוהו להכנע תחת השנחתם ולהנהיג במקומו סימני כשר על כל עוף, מה שלא נהוג עדיין ביתר המקומות, ולהעמיד השוחט על חזקתו במשכרת הרצוי' עליו, ועי"ז ראוים הרבנים לתהלה ולברכה, אשר הבענו להם במכתב מיוחד ערוך אליהם. מאורע חשוב זה ותכליתו יצא לפועל זה עתה בשבוע העבר, וזה הראה אותנו לדעת כח תורה"ק גם בארה"ב, וכמה גדול כח הרבנים אם רק יכירו בכחם וישתמשו בו למען האמת וחזוק דתוהה"ק, ועל משמרתם יעמדו להיות כנסי' מאוחדה ומאורגנת. כי אז גם מצבם הפרטי ייטב, ועם הטבת מצב נושאי התורה

יתרומם קרן תורתנו ודתנו בארץ גלותנו עדי נזכה לשוב פדוים לארצנו במהרה א"ס.

כן ארהיב להעיר שיטיבו לדרוש מהרבנים המובהקים שיחקרו עפ"י אופקי מקומותיהם, כמה מינוטין אחר השקיעה הנראית אלינו מתחיל זמן היתר מלאכה במוצש"ק, ויתנו מקום בירחונם לחוו"ד רבנים ממקומות שונים, לברר הענין היטב, זהו ענין נחוץ בכלל ולהשוחטים בפרט.

בכבוד ובברכת התורה,

**אחד השוחטים בבאסטאן**

---

ב"ה, קליוולאנד.

שלום רב, ברכה וכבוד, להרבנים המופלגים והשוחטים המושלמים, החרדים לדבר ד', הנספחים לאגודת שוחטי עופות דעיר נויארק רבתי המיסדים והמאדנים בימה להשמיע בקהל ישראל את קול השוחטים: זהו הירחון „די שוחטים שטימע" ו„השומר". יהי רצון שיתקיים ויופיע לאורך ימים וישמיע קול קורא ומחריד לדבר ד', קול מעיר להעשות אגודה אחת להיטיב את המצב הכלכליי של השוחטים למען יהיה לאל ידם לעבוד עבודת הקודש מתוך נחת ושים לבב, כי אם אין קמח אין תורה.

זה כבר בצפייתנו צפינו אנחנו השוחטים בתפוצות אמעריקא, בעינים כלות ומיחלות, לעת כי יבוא הזמן לבבוש מעמד מוצק ומצב נכון בתוך עדת ישראל, ולרכוש איזה פנה ומקצוע ספרותית, פומבית, להשמיע לעם ישראל קול חוצב להבות אש־דת מגודל מצות השחיטה, וגם מעינינים הכלכליים הנוגעים לחזקת מעמד השוחטים.

והנה עתה בהופעתו של הירחון „די שוחטים שטימע", מחויבים אנחנו השוחטים לברך ברכת שהחיינו לזמן הזה, אשר השוחטים בנויארק כבשו להם מעמד ומצב חזק, יפה ומועיל להם, הן במוסר והן בחומר. בהתארגנם לאגודה חזקה, ויש לאל ידם להוציא לאור ירחון אשר ישמיע קולם בכל תפוצות ישראל, ויכירו כל העם, וידעו את גודל מצות השחיטה, וגם יחזיר עטרת השוחטים ליושנה. הנה מה טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד. וגם אנחנו שוחטי תפוצות ארצות הברית מחויבים אנחנו לתמוך בפרוטותינו את הירחון, להחתים עליו קוראים, כי ירחונם ירחוננו הוא, אשר יתוה לנו את הדרך נלך בו אל הטוב והמועיל בדרכי המוסר והכלכלה, והבה נקוה כי כן יקום וכן יהיה הירחון לגאון ולהפארת לשוחטי ארצות הברית ואמריקה.

בברכת התורה והדת,

**שמואל לנדוי,**

סגן יושב ראש לאגודת שוחטי עופות דקליוולאנד, אה.

---

## די גרינדונג פון אגודת שוחטי עופות אין דעטראיט

### פון הרב שמואל מנחם הלוי פיין

שוין איינינע וואכען ווי עס געהט אן א שטארקע באוועגונג ביי די שוחטי עופות ביי אונז אין דעטראיט, צו גרינדען אן „אגודת השוחטים". עס זיינען שוין פאר־געקומען אייניגע מיטינגען פון רובא דרובא שוחטי עופות, און אלע זיינען באגייסטערט פאר דער גרינדונג פון א אגודת שוחטי עופות. די פראטאקאלען פון די מיטינגען וועלען בע"ה פארעפענטליכט ווערען אין די נעקסטע נו־מערען פון דער „שוחטים שטימע". בלויז אייניגע שוחטים, וועלכע פארשטייען נאך ניט די וויכטיגקייט פון דעם גאנצען ענין, זיינען ניט אינגאנצען מסכים צו דער גרינדונג פון אזא אגודה. אבער, ווי אויבען געזאגט, זיי־נען די רובא דרובא שוחטי עופות פעסט באשלאסען צו גרינדען די אגודה, און ווירקען אויף אלעמען אז זיי זא־לען צושטיין. די שטערער פון פאראייניגונג, וועלען זייערע נעמען פארעפענטליכט ווערען אין דער „שוחטים שטימע", כדי מען זאל וויסען ווער עס זיינען די מהרסים און די מחריבים.

דער ועד הרבנים פון דעטראיט פיהרט אן מיט דער ארבייט, און אין נאמען פון ועד הרבנים ווערען גערופען די מיטינגען, און רבנים נעמען אן אנטייל אין די מי־טינגען. זעהר פיעל האבען אויך געווירקט די שטארקע אפיעלען פון דער „שוחטים שטימע", אז אלע שוחטים זאלען זיך פאראייניגען לטובת הכשרות ולטובת השוחטים בעצמם.

איך דריק אויס א גרויסען יישר כח צו דער „שוחטים שטימע" פאר די פרוכטבארע ארבייט, און עס איז צו האפען אז אלע שוחטים פון אמעריקע וועלען זיך ערוואַ־כען פון זייער פארנאכלעסיגקייט און וועלען זיך פאר־אייניגען אין אגודות לטובתם ולטובת הכשרות. וואס נור דורך פאראייניגטע קרעפטען וועט מען קענען לייזען די אנגעווערטאגטע כשרות פראגע און אויסראטען די הפקרות וואס יעדער אידישע הארץ בלוטעט צו זעהן אזא באאס אין אזא הייליגען יסוד אין אידישקייט ווי כשרות.


### צו די שוחטים פון אמעריקא און קאנאדע!

די צייטונג איז א י י ע ר צייטונג. אייער פליכט איז צו שאפען סובסקרייבער פאר אייער צייטונג, זאל יעדער שוחט שאפען לפחות איין סובסקרייבער. שרייבט אונז פון אייער מצב און פון דעם מצב השחיטה אין אייער קהלה און מיר וועלען דאס פארעפענטליכען.

שרייבט אויף דעם פאלגענדען אדרעס:

**SCHOCHTIM SHTIMME**

**229 East Broadway New York City**

# השומר

ירחון מוקדש לחזוק התורה והיהדות לבירור ולבון שאלות החיים על פי רוח התורה והאומה

יוצא לאור ע"י אגודת שוחטי עופות דניו יארק רבתי במדינת אמעריקא.

הרב שמריהו ליב הורוויץ, העורך.


# תמוז

## השקפה חדשית תורנית־ספרותית

מאת הרב שמריהו ליב הורוויץ

**החודש ומזלו — דברי ימי החודש, בקורות האומה — מהר"ם מרוטנבערג — בעל „תוספות יום טוב" — רבנו יעקב בעל הטורים — הפרושים והצדוקים — ר' חיים בן עטר — שבעה עשר בתמוז — בעל „אפיקי יהודה" — ר' משה קורדובירו — פטירת צדיקים — רש"י —**

חודש תמוז הוא החודש הרביעי בשנה מניסן, והעשירי מתשרי, עד החודש העשירי (בראשית ח' ה') תרגם יונתן ירח תמוז, תמוז הוא גם כן שם אליל הנקרא בפי הצורים והסורים בשם תמוז (באשורית; דומיזי) ולפי תרגום הבולגאטה הוא האליל אדנות היוני, ובשנה החמישית לגלות יהויכין ראה הנביא יחזקאל בחזון הנבואה, והנה נשים מבני ישראל יושבות בפתח שער בית ה' אשר אל הצפונה, ומבכות את התמוז (יחזקאל ח' י"ד), מנהג יושבי ארץ הקדם גם היום שהנשים המתאבלות על מת יושבות בפתחי בתיהן ובוכות ומיללות על מתיהן, ונשי בני ישראל בימי יחזקאל הנביא חשבו את תמוז לאלהים ולכן ישבו בפתח שער בית ה' לבכות על מותו של האליל תמוז, כאשר עשו אז נשי עמים אחרים אשר סביבותיהן. ודבר נפלא בזה במורה נבוכים להרמב"ם חלק ג' פרק כ"ט עיי"ש.

מזל חודש תמוז הוא סרטן, שרץ המים (קרעבסע). הכמי הטבע אומרים על סרטן זה שאוכל דנים קטנים ונמצא בנהרות ומקוה המים, ויש במזל של חודש זה רמז מוסרי לדברי הנביא (חבקוק א' י"ד) ותעשה אדם כדגי הים, ובאבות (פ"ג י"ב) שאלמלא מוראה איש את רעהו חיים בלעו, ואנו בני ישראל נמשלנו לדגי הים עפ"י המשל של רע"ק לפפוס בן יהודה (ברכות ס"א ע"ב) וכשאנו נמצאים במים, אין מים אלא תורה, אז על ידי קדושת התורה אנו קיימים ומתקדשים בקדושה עליונה, ויש בזה קיום האומה, כידוע למבינים.

החודש תמוז הוא לעולם חסר ואינו חל (ב' דר"ח) כ"א באחד ימי השבוע א', ג', ה', ו'. תמוז, מהלכת החמה בישוב, כדי לבשל את הפירות (פסחים צ"ד) אבל בשר שור בלפת ולן בלבנה בלילי י"ד או ט"ו בתקופת תמוז אחזתו אחולי (גיטין ע') חמרא אפילו בתקופת תמוז קרירא ליה (שבת נ"ג) ר' יהושע דרש במעשה מרכבה בתקופת תמוז (חגיגה י"ד) בר"ח תמוז נולד יוסף הצדיק, ובו היה דבר ה' אל יחזקאל על נהר כבר (יחזקאל ג') תשעה בו הבקעה העיר ירושלים. בראשונה על ידי נבוכדנאצר (ירמיה ל"ט ב') ונבקעה העיר בבית שני, בי"ז תמוז ואז בטל תענית של ט' תמוז ונקבע תענית הי"ז, „לפי החורבן בית שני חמירא" (טור או"ח סי' תקמ"ט) וכתב המג"א ולא רצו לגזור תענית גם בט' בו, דאין מטריחין על הצבור יותר מדאי (רמב"ן).

באחד בתמוז מתחילין ימי הקיץ בארץ ישראל לר"ש (ב"מ ק"י ע"ב) ובזוהר החדש איכה עד אשר לא יבאו ימי הרעה, ימי הזקנה, ימי הרעה ממש, ואינון תמוז, אב, טבת, שבט. בא' בתמוז נפל מגדל אנטוניא ביד טיטוס ימ"ש ד"א תת"ל, ובתוספות לזוה"ק שמות (דף רע"ו ע"א) „תרין ירחין ואלין תמוז ואב וכו' זכאה איהו מאן דאשתזיב מינייהו"...

וכתב התניא כי ביום הששי פ' חקת נהגו יחידים להתענות, מפני כי באותו יום נשרפו עשרים קרנות מלאים ספרים בצרפת (שנת ה"א ת') ומתוך שאלת הכם נודע להם שיום הפרשה גורם נזירת התורה, זאת חקת התורה מתרגמינן דא גזירת אורייתא, ובו נפטר הרב הצדיק ר' קלונימוס קלמן מקראקא, בעל מח"ם „מאור ושמש" על התורה (תקפ"ז), בג' תמוז העמיד יהושע בן נון את השמש בגבעון וכו' (יהושע י' פי"ב, סדר עולם פי"א).

ביום ד' תמוז שנת ה"א מ"ו בנסוע ר' מאיר ב"ר ברוך מרוטנברג (מהר"ם מרוטנברג) פוסק ופייטן, מבעלי התוספות האשכנזים, נפל עליו שודד הבישוף מבאזיל בעזרת משומד אחד ומסרו לרודלפוס קיסר רומי אשר העליל עליו ויאסרהו תפוס במגדל עזוסהיים, ומת בתפיסה, כי הקיסר בקש מן הקהלות סך גדול פדיון נפשו, הקהלות רצו לפדותו ולא הניחם הרב, כי אמר אין פודין את השבוים יותר על כדי דמיהם, ושלא ליתן מקום להקיסר לאסור חכמי ישראל ולהכריח את הקהלות לפדות אותם. וגם בהיותו תפוס במגדל הרביץ תורה לתלמידים (הגהת סמ"ק סי' קמ"ו ובתשב"ץ סי' ר"ה) והשיב תשובות לשואליו (תשובות מיימוניות לס' נשים סי' ל') והשיב להרא"ש וסיים „ואם תמצא שהתוספות וספרי הפוסקים חולקים עלי בשום דבר, דעתי מבוטלת להם, כי מה לעני יודע שיושב חשך וצלמות ולא סדרים זה שלש שנים.

ומחצה. העני הנשכח מכל טובה, אסקופה הנדרסת הנקרא בשכבר מאיר בר' ברוך זלה"ה. ומהרש"ל (ביש"ש יבמות פ"ד סי' י"ח) אומר: „כל היכא שחותם בסגנון זה היה בתפיסה במגדל", ותלמידו ר' שמשון ב"ר צדוק חבר שם המנהגים והדינים אשר קבל מפיו. והמהרש"ל (בהקדמתו לב"ק ולחולין) אומר עליו שהיה „איש עניו וטהור אשר אין באחרונים כמוהו" ועיין (מהר"י מטראני בתשובה חלק ב' ח"מ סי' קכ"ד) וגם בדורו לא היה כמוהו מופלג ובקי, וידע דעת כל הקדמונים (הנהגות מיימוני הל' חמץ ומצה פ"ח ב'). והרשב"א (בתשובה ח"א סי' תרכ"ט) אומר על הוראתו „כבר הורה זקן יושב בישיבה חכם עם איש שיבה".

מהר"ם מרוטנברג כתב הרבה ספרים ומהם תוספות ופירושים לכמה מסכתות ושו"ת למאות ולאלפים הלכות ופסקים וחדושים וספר קבלה בשם „באר מים חיים" על ספר יצירה וחבר הרבה פיוטים ובתוכם „שאלי שרופה באש" בקינות ויוצרות. ת'נ'צ'ב'ה.

בחודש זה גזירת טולטשין בשנת ת"ח ות"ט כמבואר בקונטרס „מגילת איכה" מהש"ך ז"ל, זבו פטירת הגה"צ ר' פנחס הלוי איש הורוויץ בעל ההפלאה (תקס"ה) ובעת גזירת חמלניצקי ימ"ש שרפו הקוזאקים את העיר ווילנא והרגו את היהודים בעיר וסביבותיה.

בה' תמוז עמד למשפט ר' יום טוב ליפמאן העליר מחבר תוספות יו"ט על משניות, כי הלשינו עליו אנשי בליעל לפני הקיסר פרדינאנד כי הוא נושא פנים לעשירים בהערכת מסים על הקהלות מטעם הממשלה, גם הלשינו על ספריו „מעדני מלך" ו„לחם חמודות" על הרא"ש, כי בשמות האלה הוא פוגע בכבוד המלך (במהדורא שניה הוסב שמם „מעדני יו"ט" ו„דברי חמודות") ויצא משפטו כי חייב מיתה. אך הקיסר משך לו חסד וישת עליו כופר נפשו י"ב אלפים טהאלער ואם לא ישלם הסכום הזה ילקו אותו מלקות בשערי פראג וישימו אותו בכלא. בהשתדלות הקהלות הקטינו את מכסת הכסף לעשרת אלפים פלורין ולשלם לפרקים. אחרי שישב במאסר ארבעים יום יצא לחפשי בר"ח אב. אך הממשלה גזרה עליו שלא ישא עוד משרת הרבנות בפראג, וגזר תענית על זרעו בכל ה' תמוז.

ובמס' כתובות (ס"א ע"א) ואמר רב יצחק בר חנינא אמר רב הונא, הכל משהין בפני השמש, חוץ מבשר ויין, אמר רב חסדא בשר שמן ויין ישן, אמר רבא; בשר שמן כל השנה כולה, יין ישן בתקופת תמוז (רש"י, שריחו חזק וחום היום מחרחר בו כארס).

בתמוז נהרגו בעיר אומאן ובערים הרבה בפולין על ידי הצורר נאנטו ימ"ש הרבה אלפים יהודים ה"א תקכ"ח (לוח זכרון) ובז' תמוז בשנת תתנ"ו התנפלו נוסעי הצלב על היהודים אשר בקאלן (קולוניא) ויהרגו בהם הרג רב נורא מאד.

בי"ב תמוז הובל לקבר רבנו יעקב בן אשר („בעל הטורים") פוסק מפורסם בישראל, שקבץ את כל הדינים מתלמוד בבלי וירושלמי ומכל דברי הגאונים והמפרשים והפוסקים שהיו לפניו ובפרט פסקי אביו הרא"ש ז"ל, וחלקם לארבעה טורים, וכל טור נחלק לכמה הלכות, וכל הלכה נחלקה לסימנים. טור אורח חיים — על דיני הברכות והתפלות והמועדים, הנהגות האדם מקומו עד שכבו בערב, דיני ערב שבת ושבת עם כל הדינים והמנהגים וסדר מוצאי שבת, סדר ראש חודש והרגלים והצומות כסדר כל השנה וכל דיניהם. טור יורה דעה — על המאכלים המותרים והאסורים, דיני עבודה זרה ורבית, הלכות בדיני שחיטות וטריפות ודיני איסור והיתר ושארי דינים הנוהגים בזמן הזה. טור אבן העזר — על דיני הנשואין והגטין והחליצה וכתובות. טור חשן משפט — בדינים שבין אדם לחברו ומשפטי הדיינים וכדומה.

רבנו יעקב הכניס בהטורים רק את הדינים הנוהגים בזמן הזה, והרבה מנהגים אשכנזים שהביא עמו אביו הרא"ש ז"ל נוסף על מנהגים ופסקים של הספרדים שלמד בבואו לספרד. ספרו נתקבל בתור פוסק בכל הארצות (עיין תשובת מהרשד"ם, תשובות תורת אמת סימן ק"ט, רשב"ץ חלק ג' סי' פ"ג. תשובת ר' אליהו מזרחי סימן ד') וגדולי חכמי ישראל עשו חבורים ובאורים עליו, הוא חבר גם כן דרשות על התורה בגימטריאות ונוטריקון, והן מעשה ידי חרוץ ואמן נפלא. פרפראות נעימות לבני תורה.

בי"ד תמוז נחלו הפרושים נצחון גדול על הצדוקים. כך כתוב במגילת תענית (פ"ד ו') בארבעה עשר בתמוז עדא ספר גזורתא (נתבטל ספר פסקי דינים לצדוקים) דלא למספד. מפני שהיה כתוב ומונח לצדוקין ספר גזירות, אלו שנסקלין, אלו שנשרפין, ואלו שנהרגין, ואלו שנחנקין, וכשהיו כותבין אדם שואל והולך ורואה בספר, אומר להם (השואל) מניין אתם יודעים שזה חייב סקילה וזה חייב שריפה וזה חייב הריגה וזה חייב חניקה? ! (הלא הצדוקים אינם מאמינים אלא בתורה שבכתב, ודברים אלה אינם מפורשים בתורה שבכתב?...) לא היו יודעין להביא ראיה מן התורה אשר יורוך (תצא י"ז י"א) (יורוך משמע בעל פה) שאין כותבין הלכות בספר, ועוד שהיו בייתוסין אומרים עין תחת עין, שן תחת שן (משפטים כ"א כ"ד) הפיל אדם שינו של חברו וסמא את עינו, יהיו שוים כאחד (ולנו דמי שינו ודמי עינו) ופרשו השמלה (תצא כ"ב י"ח)) הדברים ככתבן (ולנו הרי זה משל, כלומר; מחוורים הדברים כשמלה) וירקה בפניו (תצא כ"ד ט') שתהא רוקקת בפניו (ולנו כנגד פניו, ע"ג קרקע) אמרו להם חכמים; והלא כתיב (משפטים כ"ד י"ב) והתורה והמצוה אשר כתבתי להורותם (הרי שהתורה שבע"פ נתנה להורות) וכתיב (וילך ל"א י"ט) ועתה כתבו לכם את השירה הזאת ולמדה —זה מקרא — שימה בפיהם — אלו הלכות (הרי שההלכות המה בע"פ) ואותו היום שבטלוהו עשאוהו יו"ם, עכ"ל.

הפרושים הם בוני היהדות, חכמי התורה ומנהיגי

האומה. פרושים הם נבדלים, נבדלו מעם הארץ בשמרם בכל לבם ונפשם את כל דברי התורה והקבלה. ובפרט נזהרו בדיני טהרות ומתנות כהונה ולויה ובכל קדשם, ומסרו את נפשם עד נטף הדם האחרון בימי הרדיפות והגזירות בעד אמונתם ודתם. לא פרשו מן החיים, אלא השתדלו שהחיים יהיו חיים של קדושה וטהרה, קדושת החיים. וחיי האומה יהי' על פי התורה והמצוה. ונקראו ג"כ פרושים כי הם מפרשי התורה עפ"י שיטה מיוחדת להם. התורה המסורה לנו עתה בתלמוד היא תורת הפרושים זכרם לברכה. והצדוקים התנגדו להם ולא האמינו בתורה שבעל פה, בכל המדות והדעות הטובות שמנו חכמי המוסר; מוסר, צניעות, שלום, למעט בהבלי הזמן ותענוגים, בבישת היצר ועוד, הן הן המדות שהיו יקרות בעיני הפרושים חכמי התורה, ודאגו לשלום האומה וקיומה.

הצדוקים היו חברי כתה דתית בימי הבית השני ומהם אצילי הארץ עשירים ומקורבים למלכות צאצאי צדוק וביתוס תלמידי אנטיגנוס איש סוכו. התנגדו לתורה שבע"פ ואל האמונה בתחית המתים שאינה מפורשת בתורה. וכפרו בשכר ועונש לעוה"ב, ובביאת המשיח, ושנאה כבושה היתה בלב הצדוקים לחכמי הפרושים, ומלחמה היתה בין הצדוקים והפרושים. יש אומרים כי מהצדוקים יצאו הקראים עיין (סנהדרין צ"ט יוסיפון, קדמוניות סי' י"ח פ"ב, ומלחמות ס"ב פי"ב, ידים פ"ד ו', תוספתא שם, ירושלמי חגיגה, ברכות כ"ב, ב"ק פ"ב ו', תוספתא שם, ירושלמי חגיגה, ברכות ב"ב, ז'. חגיגה ט"ז, קדושין ס"ו, כס' ד"א פ"א, מגלת תענית פ"ה, ב"ב קט"ז).

בט"ו תמוז נפטר רבנו חיים בן עטר בעהמ"ח ספר "אור החיים" תק"ג, עניו ושקדן גדול בתורה חסידות וסגופים. לפעמים התענה ב' או ג' ימים רצופים, יסד ישיבה בירושלים ויצא לו שם גדול בין חכמי ישראל והחסידים ובכל ארצות תבל העריצו את שמו. מת בירושלים בלי הניח זרע אחריו, אחד מתלמידיו היה הרב חיד"א הדפים חרושים על ש"ע יו"ד, חרושים על גפ"ת ולשונות הרמב"ם, על חמש מגילות ונביאים ראשונים ואהרונים ומשלי, וספרו "אור החיים" שנקדש בעיני העם.

שבעה עשר בתמוז — בשבעה עשר בתמוז הבקעה ירושלים לפני חורבן בית שני לפני מיטוס הרשע העריץ הרומי, ככל אשר הבקעה באחרית ימי הבית הראשון בחודש ההוא לפני נבוכדנאצר מלך בבל.

וגבורי ישראל חרפו נפשם על ארצם ויכו אחור את חיל רומי הכבד מאד אשר צר על ירושלים. ולוא היה לבני ישראל לב אחד כי עתה שבה כל גבורת רומי ריקם. אך רוח רעה שלח ה' בין ראשי העם וילחמו איש באחיו בכל אשר נלחמו באויב הרומי האכזרי הבא בשערי ארצם. על כן לא יכלו לעמוד מפני אויב ותבקע לפניו העיר, חלק לבם עתה יאשמו. שם הצום הזה שבעה עשר בתמוז והצום אשר צמו בחודש תמוז בימי גלות בבל לזכר יום הבקע העיר בימי חורבן הבית הראשון הוא צום הרביעי, יען כי בחודש הרביעי הוא.

אנו מתענים ביום הזה כי בו אירעו חמש צרות: א) נשתברו הלוחות, כשירד משה מן ההר, ב) נתבטל קרבן התמיד, ג) הובקעה העיר ירושלים בחורבן בית שני, ד) אפוסטומוס הרשע שרף את התורה, ה) העמיד צלם בהיכל על ידי רשעי ישראל.

משבעה עשר בתמוז עד תשעה באב שלשה שבועות שבין המצרים הם. על שום שבימים אלה באו צרות החורבן, ואנו נוהגים קצת אבלות. ויש נזהרים בהם שלא לאכול בשר ושלא לשתות יין (תניא סי' נ"ח, ועיין טור או"ח סי' תקנ"א) מפני שבימים אלה בטל התמיד ונסוך המים לכן אין אוכלים בשר ואין שותים יין, ואין אוכלים פרי חדש ואינם לובשים בגד חדש, כדי שלא יצטרך לברך שהחיינו. (עיין נגיד ומצוה ק"ד ע"ב. ירושלמי פסחים פ"ד הלכה א', סדור רש"י סי' ת"ה, תשובות הרשב"א, ב"י לטור או"ח סי' תקנ"א, רמב"ם תענית פ"ה הלכה ו' ומגיד משנה שם. שבות יעקב חלק ב' סי' ל"ה).

בי"ח תמוז פטירת הדרשן הגדול והנפלא ר' יהודה ליב מגיד מישרים בק"ק סלאנים, מחבר הספר "אפיקי יהודה" (תקפ"ח) ספר דרוש נפלא שהיה שגור בפי הדרשנים והמגידים ותורתו על לשונם. בכל תמוז יום צום ופדיון נפש לעדת ישראל בווילנא לזכר היהודים שנהרגו בעיר ההיא בשנת תקנ"ד במרד פולין.

משבעה עשר בתמוז עד תשעה באב אומרים בכל בתי כנסיות ובתי מדרשות בארצנו הקדושה סדר תקון חצות בצבור, והרבה מיושבי ירושלים אומרים תפלות וקנות לפני הכותל המערבי. בכ"ג תמוז בשנת ד"א תתנ"ט כבשו נוסעי הצלב את ירושלים מידי הישמעאלים ושחטו כחמשת אלפים יהודים בבתי התפלה שבעיר.

בכ"ג תמוז נפטר רבנו משה קורדובירו בעל מקובל מפורסם בצפת. תלמידו של מרן הבית יוסף. שיסד והחזיק בית מדרש לקבלה והעמיד תלמידים רבים, מהם ר' חיים וויטאל, ר' אברהם גאלאנטי ור' אליהו די ווידאש (בעל "ראשית חכמה"). והיה חבר לאר"י הקדוש והרחיב את שיטתו של האר"י בכמה פרטים וחבר ספר "פרדס הרמונים", "אור נערב", "סדר עבודת ה'", "ספר גירושין", "ספר אלימה", "ספר תומר דבורה", "אור יקר" על הזוהר ורעיא מהימנא ואידרות וספרא דצנועותא וספר יצירה ותיקונין. הרמ"ק ז"ל אסף בספריו את כל ענפי הקבלה ושכלל את החכמה עפ"י תורת הנפש. וחבר עוד ספרים (שם הגדולים ח"ב ערך אור יקר).

בכ"ד תמוז בשנת ה"א תט"ו היו פרעות ביהודי ליטא ונמלטו יושבי ווילנא ובתוכם הג"מ משה זקש בעל "באר הגולה", ובר"ח תמוז נפטר הנה"צ ר' משה טייטעלבוים מפרעמישלא אבד"ק אוהעל, בעמ"ס "ישמח משה".

בה' תמוז תרל"ח נפטר ר' מאיר. בנו של ר' אליעזר מדזשיקוב. נפטר בהיותו יושב על כסאו וקנה מקטרתו

בפיו. פתח ואמר: — הנשמה לך והגוף פעלך. חוסה על עמלך. וכאשר סיים את הדברים האלה, יצאה נשמתו הטהורת.

בי"א תמוז תקצ"א נפטר רבנו צבי הירש מזידיטשוב, ביום עשירי בחודש תמוז תקפה עליו מחלתו ושאל לחתנו. אם מותר לו לאינש למצוא בעצמו איזו מעלה טובה. וחתנו פסק לו עפ"י דין תורה שמותר. ויאמר: „בדקתי כל שנותי וחפשתי מכל צד ולא מצאתי בי שום מעלה רק מה שהשאתי ארבעים יתומים, ובכל פעם שהשאתי את אחד מצאצאי הכנסתי גם כלה יתומה והספקתי לה נדוניה ומזונות על שולחני. אחרי עבור איזה שעות פתח ואמר; רבי שמעון בן יוחאי עם הזוהר, מי ילמוד אתכם כמוני, לילות וימים עלו למרום וקוננו עלי כי מי יתנהג אתכם עוד כמוני. ואח"כ אמר תורה ופירש המדרש „בד דמך ר' אבהו אחזו ליה י"ג נהרי אפרסמון" ובאמצע הדרוש עלתה נשמתו השמימה.

בכ"ד תמוז תרמ"ה נפטר ר' יצחק יואל מקנטיקוזיווה. סמוך ליציאת נפשו קרא לבנו וצוה להלבישו תפילין דרש"י, והתחיל להתפלל בדעה צלולה ומיושבת ובפנים שוחקות. ואחרי שסיים שמונה עשרה אמר; בני חלוץ לי התפלין, כי אין פנאי, ולאחר שחלצו את התפלין פשט ידיו ורגליו וצוה לכסות כל גופו בסדין וקמץ שתי עיניו, וברגע אחד מסר נפשו לחי עולמים.

ביום ה' כ"ט תמוז ה"א ס"ה פטירת רבנו רש"י (ר' שלמה יצחקי) מפרש התורה והתלמוד, היותר מקובל ומפורסם באומה (בעל „צדה לדרך") אומר עליו „לפניו לא קם כמוהו מורה דרך ומאיר נתיבות ים התלמוד בפירושו בלשון צח וקצר, ואלמלא הוא נשתכח דרך התלמוד מישראל". ר' בצלאל אשכנזי בתשובותיו (סי' ר"ח) כותב „אביהן ורבן של ישראל היה רש"י ז"ל, הוא המגלה לנו כל סתרים, ובלעדו היה הגמרא כספר החתום". ר' משה דאנון אמר; „כל פירושי צרפתה השלך לאשפתה, חוץ מפרשנדתא (רש"י, מפרש הדת) ובן פורתא (נכד רש"י ר יוסף טוב עלם)" כל דברי רש"י ז"ל שקולים, בלי תוספות ובלי מגרעת אף מלה אחת, ובזה אחד הוא ואין שני לו. ורמז הרבה חדושים נפלאים בשינוי אות אחת (שה"ג בערכו) ובאוריו ופירושיו עה"ת ונביאים וכתובים הם סלת שמן משחת קודש. קדושת כתבי הקודש חלה על פירוש רש"י ויקדש בעיני כל העם, והרבה פירושים נעשו על פירוש רש"י. וחבר עוד ספרים רבי ערך מאד, יהי זכרו ברוך, ותורתו שמורה בלב ישראל.

# מאכלות אסורות ותוצאותיהן

מאת הרב שמואל מנחם הלוי פיין, דעטראיט מיש.

כבר נתעוררה השאלה בעתונות היומית באמעריקא ואירופא, על החזיון המוזר והטראגי ביחד, שמשחיר פני ישראל כשולי קדרה, והוא: שגם במערכת עמנו בדורנו אנו נראתה על אופקו פה ושם גזלנים ורוצחים, הפושטים ידם, בחייהם, בגופם ובממונם של אחרים. עסק ביש וענין רע שלא ידענו אותם עד ימינו אלה בעם ישראל, ולהיפך, שתמיד היינו מתפארים ומשתבחים בזה שעם ישראל ידיו נקיות מלשפוך דם נקי, וידיו לא שפכו הדם הזה. ובמדרש רבה תולדות, „וכיון שראה שמואל את דוד אדמוני דכתיב וישלח ויביאהו והוא אדמוני, נתיירא ואמר אף זה שופך דמים כעשו. א"ל הקב"ה עם יפה עינים. עשו מדעת עצמו הוא הורג, אבל זה מדעת הסנהדרין הוא הורג".

וזהו דבות דיוקנו של העם כולו שכל דבר והדבר שבנפש יסודו היה עושה עפ"י הסנהדרין, ו„בי"ד ההורגת אחת לשבעים שנה היתה נקראת קטלנית" (מכות ז').

ולדעתי אחת מהסבות מהבראה הנוראה והקשה הזאת ושינוי הטבע בצעירים, שמורך הלבב ונפש עדינה נתהפכו לקשה כאבן ולנפש עכורה למעול מעל. ולידים מסואבות ומגואלות בדם האדם. הוא יען שאינם זהירים בכשרות ובמאכלות המותרות עפ"י תורתנו הקדושה וחוקיה, וזאת משריש אצלם ומוליד בהם טבע רע, ואת הטבע הזאת מורישים לבניהם אחריהם. וע"כ באיסור דם בפ' ראה כותבת ומזהרת התורה, לא תאכלנו למען יטב לך ולבניך אחריך, (עיין ברש"י על מקומו והוא ממסכת מכות דף ה') יען שאם האדם הוא זהיר מאכילת דם, וע"כ אינו מוריש לבנו את טבעו הרע שנולד אצלו מאכילת דם, ואז ייטב לו וגם לבניו אחריו, מה שאין כן בכיבוד אב ואם ושילוח הקן כתיב אך שם למען ייטב לך והארכת ימים ולא נזכר מבניו.

והנה אלה האנשים שאינם זהירים בטרפות ומאכלות אסורות, וגואלים וסואבים נפשם וגופם בפגול ובדבר טמא, בבשר חזיר השקץ והעכבר, ועוד שתים רעות עושות עצם העבירה של אכילת דברים אסורים, ועל כל כזית וכזית עוברים בלאו. עוד גורמים בזה רעה לבניהם אחריהם, שמוליד אצלם טבע רע ומורישים את הטבע הזה לבניהם אחריהם, כמו שכתבתי לעיל.

ושמעתי מהרב ר' שאול זילבער נ"י משיקאגא, שהמעשה מקין והבל, שקין הרג את הבל אחיו, קרה אחר שאדם אכל מעץ הדעת, וד' לא התירו לאכול ואכילתו היתה באיסור, וע"כ השריש בבנו טבע רע ע"י אכילתו עד שהרג את אחיו. וע"כ ענין הכשרות במלוא הקיפו בכל הפרטים והדקדוקים. אין זה דבר פרטי, אך הוא ענין כללי וציבורי, מה ששייך לכל הכלל והציבור, כי מי שאינו זהיר בכשרות שדיה תוכליה במשפחתו, ומשפחתו בתוך משפחות אחרות, וכה הולך ונמשך ומתפשט הקלקול יותר

ויותר, ומארס בארס צפעוני את כל כלל ישראל ואחריתה מי ישורנה. ולמה הדבר דומה לבני אדם שהיו יושבין בספינה נטל אחד מקדח והתחיל קודח תחתיו, אמרו לו חבריו מה אתה עושה, אמר להם מה איכפת לכם, לא תחתי אני קודח? אמרו לו שהמים עולים ומצפים עלינו את הספינה. (מדרש רבה ויקרא).

ועיקר זה לבד די הוא שהשוחטים בכל מקום שהם, יתאחדו לאגודות ולהגן בכל כחם נפשם ומרצם על השחיטה שיהיה הכל כדת של תורה, ועיין ביורה דעה פ"א סעיף ז' ברמ"א, וכן לא תאכל המינקת אפילו ישראלית דברים האסורים, וכן התינוק בעצמו, כי כל זה מזיק לו בזקנותו, ועיין בש"ך ס"ק כ"ו וז"ל, אבל מ"מ יפרישו מפני שמזיק לו בזקנותו שמטמטם הלב וגורם לו טבע רע, ועיין בביאור הגר"א סעיף קטן ל"ג, ובמסכת גיטין ז' ע"א בתוספות השתא בהמתן של צדיקים אין הקב"ה מביא תקלה על ידיהם צדיקים לא כל שכן. אומר ר"ת דלא פריק אלא במידי דאכילה דגנאי הוא לצדיק לאכול דבר איסור. (ועיין בספרי זכרון שמואל חלק ב' לפ' שמיני) וכמו שביארתי יען שמוליד בו טבע רע ומוריש את טבעו גם לבניו אחריו וע"כ לא יביא הקב"ה תקלה לצדיק בזה.

# הבנה בדברי חז״ל

מאת שמואל ד. מהרשק, שו"ב, ברומשסטר, נ. י.

אברהם תקן תפלת שחרית, שנאמר וישכם אברהם בבקר אל המקום אשר עמד שם את פני ה', ואין עמידה אלא תפלה, שנאמר ויעמוד פנחס ויפלל (ברכות כ"ו ע"ב).

לכאורה קשה להבין את דברי בעל האגדה „ואין עמידה אלא תפלה", האם בכל מקום שנאמרה המלה „עמידה" הוראתה תפלה? הלא מלה זו אינה באה אלא בדי לציין את פעולתו של הנושא, כמו, ואתה פה עמוד עמדי (דברים ה' כ"ח) ויעמוד בין המתים ובין החיים (במדבר י"ג י"ז) ומינלן שעמידה זו גבי אברהם היא תפלה? ומדוע לא נתרגם גם פה את הכתוב כפשוטו, שאברהם השכים והלך אל אותו המקום שעמד שם אתמול?

וגם ראייתו שהביא מ„ויעמוד פנחס ויפלל", היא גם כן בלתי מובנת, הלא גם שם אנו יכולים לתרגם את הפסוק כצורתו, שפנחס עמד להתפלל והמגפה נעצרה, וא"כ מנ"ל שעמידה היא תפלה?

אך בזה הנני נותן תודה להשי"ת שהאיר את עיני בפירושה של אגדה זו, ולדעתי לא החטאתי את המטרה, ומצאתי פתרון נכון לדברי חז"ל הסתומים.

אחרי התבוננות ועיון רב מצאתי שלרוב במקום שהנושא מציין תפלה או בקשה, הוא בא במלת היחס „את" כמו, ויחל משה את פני ה' (שמות ל"ב י"א) את פניך ה' אבקש (תהלים כ"ז ח') ועוד בהרבה מקומות. ובמקום שהוא מציין רק את הפעולה של עמידה, הוא בא במלת היחס „לפני" כמו, הנני עומד לפניך, (שמות י"ז ו') ועמדת בהר לפני ה' (מלכים א' י"ט י"א) או במלת היחס „על", ויעמוד העם על משה (שמות י"ח י"ג), נצב עליו (בראשית כ"ח י"ג) וזהו מפני שהיחס „את" מציין למי הפעולה מכוונת. ויחל משה את מי? את פני ה', והיחס „לפני" או „על" מציין את מקומו של הפועל, ויעמוד העם, איה? על משה, הנני עומד, איה? לפניך.

ובאן אם נאמר שכוונתה של המלה „עמד" היא עמידה פשוטה, והכתוב בא רק לסמן את המקום שעמד שם אברהם הלא צריך להיות „לפניה" ולא „את פני", כי המלה „את" באה תמיד אחר פעל יוצא ולא אחר פעל עומד, לכן דייק בעל האגדה שעמידה זו, כלומר, זו העמידה הנאמרה בפסוק הזה, היא תפלה, שאברהם התפלל וחנן „את פני ה'".

וראיה לדבריו שלפעמים בא השם „עמד" בהוראת תפלה, הביא מהכתוב „ויעמוד פנחס ויפלל", משום שגם שם קשה לו, מדוע נאמר „ויפלל" שהוא פועל יוצא ולא „ויתפלל" שהוא פעל חוזר, כמו בכל מקום שנזכרה המלה הזאת במשמעותה של תפלה?

אלא ודאי, שהוראתה של המלה „ויפלל" אין משמעותה תפלה, כי אם היא על משקל „ויסקלהו" (ישעיהו ה' ב') שהוראתה שם, הסיר את האבנים מהכרם, וכן גם כאן ר"ל הסיר את הפלילים ומגפה נעצרה, ובמה הסיר את הפלילים? ב„ויעמוד פנחס", כלומר בעמידתו הסיר את הפלילים ושיכך חרון אף ה' על כרחך, שגם עמידה זו היא תפלה.

# מכתבי ברכה ועדוד

## מאת הרבנים המפורסמים באמריקה

שלום וברכה לכבוד המנהלים הנכבדים דאגודת שוחטי עופות דנויארק רבתי.

נעים לי לראות, כי אגודת השוחטים מוציאה לאור ירחון מוקדש לחזוק הדת ולהטבת מצב השוחטים ועניני השחיטה על פי דת תורתנו הק'.

ואמנם טוב ויפה הוא להשמיע לקהל עדת ישראל דנויארק ע"י ירחון כזה עניני יהדות תמימה לבצר ולקים את יסודות עקרי האמונה בארץ הזאת ע"י מאורי וגדולי הרבנים דפה, לחזק נפש האומה ע"י שמירת וזכירת יום השבת, לענג, לקדש ולכבד את נשמת היהדות, לרומם ולהטיב מצב הכשרות בכלל ולבאר להקהל פרטי ודקדוקי ושכר שמירת כשרות בפרט, לעורר את אחינו להכשיר ולהעמיד דור ישרים ע"י החזקת בתי החנוך בתי ת"ת וישיבות, ובראשם הישיבה המפוארה כתרה ותפארתה של היהדות ישיבת ר' יצחק אלחנן, לארגן את השבלים הבודדות לאלומות בכדי לפתור לטובה את חלומות עמנו. בצביונם הראוי, בעד קדשי עמנו וארץ חמדתנו, כי כל החלומות הולכים אחרי „הפה". אם מדברים, כותבים ומבארים את יסודות חיי עמנו להצבור, יתעוררו ויתחזקו לכל הקדוש לנו.

ואני אומר שלום וברכה לאגודת שוחטי עופות נושאי מלאכת הקודש, למנהליה ולהרב העורך הסופר המצוין הרב שמרי' ליב הורוויץ, תתברכו שהירחון יצליח לרכוש לא רק קוראים כי אם גם לבבות בעד חזוק הדת והאמונה.

ברגשי ברכה,

אהרן דוד בוראק,

הרב דביהכנ"ס אהל משה חברה תהלים, ברוקלין

---

בעזהית"ש.

לאגודת השוחטים בנויארק!

הגיעני הירחון „שוחטים שטימע", קול הדד של חברי אגודת השוחטים דנויארק רבתי הנערך ע"י מופלא שבערוכין חו"נ סופר ובלשן חשוב ומומחה מהרש"ל הורוויץ נ"י, רב בביהמד"ר ת"ת תפארת הגר"א בראנזוויל, ומצאתי בו ברכה שיסוד אחדותם בקיום, חבר אני לכל אשר יראוך ולשמור בו, לעמוד על המשמר להזהר ולהזהיר ממכשולים וכו' ויהי נועם ה' עליהם ומע"י יכונן לברכה.

לעשות רצונך א' חפצתי ותורתך בתוך מעי (תהלים מ' ט'), באור הדברים בשם ש"ב הג"מ ר' יצחק אלי' לנדא זל"ה מ"מ דווילנא. האדם מורכב משני כחות; א) כח הנפש. מאכלי מזונותיו ובריאותו מלחם שמים ענינים רוחנים תורה ומצות וכל תענוגי הזמן מתעב נפשו. ב) כח חחומר נדון ממאכל ומשתה, לחם ובשר וכל תענוגי הזמן, אבל בכל תושיה יתגלע, לכן הפליא עצה הבוית"ש לשתף במזון הגוף ומחיתו הרבה מצות — במזון הלחם, בזריעה, קצירה, חרישה, ערלה, נטע רבעי, חלה, תרומה ומעשר. במזון הבשר, שחיטה, בדיקה, טריפות, מליחה והדחה, נקור, דם, חלב, בשר וחלב וכו' וזהו לעשות רצונך א' חפצתי — חפץ נפשי בשותף כח החומרי ותורתך בתוך מעי במצות התלויות גם בהם ודפח"ח.

ולפי הנ"ל עלינו להחזיק טובה להשובי"ם ועוזריהם ולהודותם באשר מצות אלו שחיטה בדיקה וכו' המה שלוחי דידן לזכות אותנו בטהרת הנפש ולהצילנו מטומטם ווהמא וכו' וע"י מלאכתם מלאכת הקודש שאנו מוסרים בידם המה גם שלוחי דרחמנא. ועלינו לתמוך בעתון „די שוחטים שטימע", ובמקום שאנו רואים כי נאמנים הם לשולחיהם, ושלוחי מצוה אינן נזקין.

נאמן הוא בעל השכר שישלם שכר לכל המנוים מסייעיב ועוזרים להופעת העתון והפרחתו, לעורר על ידו את כל חברי אגודת השובי"ם ועוסקיהם ללכת הלאה בקודש להיות עם קודש שבזה נזכה כולנו לביאת הקודש בארץ הקודש בב"א.

אלי' לנדא, נכד הגר"א זל"ה, רב בביהמ"ד

מדרש אליהו, 468 ווייאנא סט., ברוקלין

---

בגליון הבא נפרסם בע"ה עוד מכתבי ברכה מאת רבנים, גאונים ומפורסמים בישראל.

---

## וויינבערג שחיטה מעטאָדען וועט איינגע־פיהרט ווערען אין לאָנדאָן

די וויינבערג מעטאָדע צו וואַרפען בהמות פאַר'ן קוילענען, וועט באַלד איינגעפיהרט ווערען אין די לאָנ־דאָנער שלאַכט הייזער, וואו מען שעכט פיה פאַר בשר כשר.

עס ווערט ערוואַרטעט, אז דאָס וועט מאַכען א סוף צו דער שטעלונג פון די צער בעלי חיים'ניקעס, וועלכע זיינען געגען די אידישע מעטאָדע פון שחיטה.

די וויינבערג מעטאָדע איז נוט געהייסען געוואָרען פון לאָנדאָנער ראַבינאַט און ועד השחיטה, און זי איז אויך אָנערקענט געוואָרען פון די אידישע הומאַניטאַריער אַלס זעהר צופרידענשטעלענד.

# "דבר תורה"

מאת הרב מנחם הכהן ריזיקאָוו, רב ואב"ד בברוקלין

(סוף מגליון הקודם)

## ועל שאלה הי"ב

מלשון השואל משמע שהסרכא כבר עברה מקודם ע"י מו"מ רק שצריך לבדוק בבחינת הבצבוץ, בזה הדין אם יודע בודאי שהיתה מיעוך בלא שום חזוק יד רק בנחת ממש אז יש להקל בהפס"מ דכיון דנקלפה בנחת כ"כ חזינן דהוא רק ריר ולא סרכא, אבל אם הוא מסופק אם עברה בנחת ומכש"כ אם מיעך בחוזק אז הוי הבדיקה דפושרין חיובא מדינא לכן א"א להקל בנקרע במקום הסרכא משום דהוי שני קולות להקל, דהמיעוך הוי קולא וגם להקל במקום שא"א לבדוק ע"י הקרע והוי טרפה אף בהפס"מ, דאין אומרים בזה דלא היתה מבצבצה, ועיין בפרמ"ג במשבוצות סק"ו וסקי"ב ע"ש. ועיין בשו"ת נבעת שאול, ועיין בשו"ת בנין עולם ע"ש, ועיין בפת"ש סק"י בשם השבו"י וחב"י ע"ש, ועיין בשמ"ח מסל"ר עד ל"ם ע"ש, ובב"א מס"ק קט"ז עד סקכ"ז ע"ש, ודוקא בשו"ב אומן ומוחזק, זכן הוא תשובת אדמו"ר הגאון הקדוש ע"ש.

## ועל שאלה הי"ג

עיין בעצ"ל סל"ה כתב דזה הוי טריפה ודאי ע"ש, ועיין במנחת הזבח בתר"ל אות ג' ס"ק ובעשרון סק"ד דהוא טרפה ואין שום בדיקה מועיל בו אף אם יקלוף הקרום בנחת ואף שאינו יבצבץ דהוא קרום שעלה מחמת נשבר הצלע רק אם נודע בבירור שלא נשבר הצלע וכו' ע"ש, ועיין במנחת יוסף סל"ט ענף ט' ס"ח דכתב דבאם יש נישבר הצלע יש להחמיר אף בספק מבוון, דיש גם חשש מנקב והבריא ע"ש, ועיין בשו"ת טטו"ד ק' ס"ז ע"ש. וקצרתי בזה דאכמ"ל.

## ועל שאלה הי"ד

בנמצא נקב מורנא תחת הסרכא איך להתנהג בבדיקת הפושרין ע"ש. הנה השואל לא ביאר שאלתו על איזה סרכא אם סרכא בסדרן ממטה ולתצאין או סרכא ממל"מ או על סרכא שלא כסדרן דיש בזה חילוק גדול דסרכא שלא כסדרן בכל ענין טרפה, ובסרכא כסדרן יש להתיר לצו"ג, ועיין בב"א ובר"א סק"ע ע"ש.

ובכל זה והנ"ל יש לי עוד לדבר ורק כתבתי בקיצור שהבודק יעיין בה כשיבא לידו להלכה, ונם לא כתבתי שיסמכו עלי בהלכה.

מנני מנחם הכהן ריזיקאָוו, רב ואב"ד בברוקלין

# כהן שדעתו יפה

ראיתי את העתון הנכבד היוצא מאגודת שוחטי עופות נויארק בשם הנכבד "די שוחטים שטימע", והעורך הוא המפורסם הרה"ג חו"ב משכיל, מליץ מפואר, ר' שמריה' ליב הלוי הורוויץ שי', וחזקתו שאינו מוציא דבר שאינו מתוקן ולהיפך תבלין גדול יש בו. וכנראה יפה עשו השוחטי עופות בזה כי טובה גדולה נשקפה שתצמית לכם בזה, שיתן חיזוק ועצמה להאגודה וגם למצבכם שקולכם ישמע בין החיים.

ובזה מתורץ לי קושיא אחת: דקשה לכאורה, מדוע בחומש ויקרא חשיב בין העופות נאמר "רחם" ומשמע לשון זכר אבל בחומש דברים במשנה תורה נאמר שם לשון "רחמה" משמע לשון נקבה, ומדוע כן?

ונראה לענ"ד לתרץ דגבי ויקרא ר"ל אם יש לו כח הקריאה לדבר ולצעוק ולמחות וללחום בכח הקריאה, אז הוא בגדר זכר, אבל אם הוא באלה הדברים במשנה תורה בשתיקה וביסורין בן תורה בד' אמות של הלכה, אז הוא בגדר נקבה — כן הוא אצלכם השוחטים, אם הייתם בגדר השתיקה היה מצבכם גרוע לא כן כאשר יצאתם בקול הקריאה תהיו לבני חיל.

ובזה ניחא הגמ' במס' חולין (דס"ג) אר"י כיון שבא רחם בא רחמים לעולם ומסיים שם הגמ' ונמירא דאי יתיב ארעא ועביד שרקרק אתי משיחא ע"ש. הענין הוא דעופות אינם יושבים ורק תמיד הם עומדים כך הן בטבען, לכן כשיושבים הוא פלא והוא סימן להגאולה. ומה שקורא שרקרק איתא שם בהגמ' הנ"ל על שם הכתוב אשרקה וכו' ע"ש, אבל לדעתי אוכל לאמר כך לאגודת השוחטי עופות, העתון הנכבד שלכם יצא בקול קריאה ליסוד נחלה בשם "נחלת השבים" בארץ ישראל ובקול קריאה זו נשמע הקול שרקרק, ר"ל אמעריקא ר"ת עם ריקה. "שרקרק" בין בזמן שהיינו כהפקר בלא יוניאָן, ובין בזמן שנמצאים אנו תחת צל וחסות של היוניאָן, בין כך ובין כך הכל הוא "שרקרק". כלי קודש אנחנו, עובדים אנחנו, בגלות אנחנו, לכן טוב מאוד להתיישב ארעא דחלקא "נחלת השבים" בארץ ישראל ונעשה מחרבנו "החליף" שלנו כנבואת הנביא בן אמוץ שחזה וכתתו חרבותם לאתים ולא ילמדו עוד מלחמה, בין אחים שוחטים ובין כל כלי הקודש שמבליעים זא"ז ויבא משיח ע"י השלום, ויתיישב בזה הלשון בגמ' דיתיב על ארעא, ע"ש הכונה דהישיבה על קרקע בא"י הוי ישיבה בטוחה וחזקה דהוי נכסים שיש להם אחריות תחת חסות הקב"ה, אבל הישיבה מביזנעס ומכש"כ מהכלי הקודש נקראת נכסים שאין להם אחריות יתלייב בנם שלא להתבלע מחבירו. וד' הטוב יגאלנו בקריב לארצנו ע"י משיח האמיתי, אמן.

# ספרים חדשים

(שהגיעו אל המערכת)

**ספר הלכות דעות.** חלק מספר המדע לרבנו משה ב"ר מימון הספרדי, עם באור רחב בשם מדות ודעות מאת הרב שמריהו ליב הורוויץ. הוצאת „מצפה" תל אביב, תרצ"ב.

ראש הרבנים בארץ ישראל הגאון המובהק מרן ר' אברהם יצחק הכהן קוק שליט"א, כותב בראש הספר כי כל ימי חייו היה משתוקק שיבא חכם לב שיקד בעבודת התורה והמוסר לעשות ספר שכזה, והנה בא הרב רש"ל הורווין ועשה מלאכה זו, שהיא, לפי דעת הרב קוק עבודה גדולה וקדושה, והספר הוא — ספר יקר.

ספרו החדש של הרב הורווין מראה מקור דברי הרמב"ם ז"ל בראשונים ואחרונים ויש בו מאמרים קצרים על אודות ענינים גדולים בש"ס ופוסקים במדרשים וילקוטים, קבלה וחסידות, פילוסופיא דתית, ספרות המוסר, ספרי שו"ת.

הלכות דעות להרמב"ם יחד עם ספרו של הרב הורוויץ הוא אוצר של דעות ומדות, ספר שלם שכולל תורת המדות והמוסר בישראל, ספר נחוץ מאד לכל מי שעוסק בתורה וחכמת ישראל, ספר נחוץ מאד הדרשנים ומטיפים שימצאו בו הרבה חומר לדרשותיהם מעל הבמה. בראש הספר מבוא מדעי שבו יש השקפה שלמה על הרמב"ם וספריו. ספרות ישראל נתעשרה בספר חדש חשוב, יחיד במינו, הופעה חדשה בספרותנו. צריך היה לתרגם ספר הלכות דעות להרמב"ם יחד עם הבאור והמאמרים של הרב רש"ל הורוויץ באנגלית, להשקות את הצאן, צאן הקדשים שלנו, את הדור הצעיר, מתורת המוסר של גדולי חכמי ישראל, אבל גם בעברית הוא יחיד בבינו, ומובטחני כי ספר זה יתפשט התפשטות מרובה בין קוראי עברית בדורנו.

הספר נדפס בתל אביב, והדפוס יפה ונהדר, יש בו בישום קדושת הארץ ויפיה, כל המכניס ספר זה אל תוך ביתו, ברכה מרובה מפרי רוחם של גדולי חכמי ישראל הוא מכניס אל תוך ביתו.

**מסכת אבות** עם שני ביאורים, אחד רחב ומפורש נקרא בשם „מאור הבנים" ואחד מקוצר בשם „מוסר היהדות", חוברו מאתי ארי' מרדכי מירוויס חוב"ק ראדין, ורשה, תרצ"ב.

בראש הספר הסכמות מאת הסבא קדישא הגאון הצדיק ר' ישראל מאיר הכהן מראדין, מחבר „חפץ חיים" ועוד, שמעיד על המחבר כי הוא „רב גאון בתורה ויראה, משרידי דור הישן". וההסכמה השניה היא מאת גאון דורנו שר התורה ר' חיים עוזר גראדזענסקי מווילנא שמעיד על הספר כי יש בו באורים ישרים, הערות והארות, דרוש ומוסר, ודברי חפץ לקרב לבן של ישראל לאביהם שבשמים.

והנה ספר נפלא זה מבאר ומברר במאמרי התנאים ברחבה בענינים השייכים לעיקרי הדת והאמונה ושיטותיהם ודעותיהם בזה ומחזק אותם בכתובים בכה"ק ודברי הז"ל בשני התלמודים והמדרשים, ומבאר בשכל וחכמה נפלאה את ערכן של המדות הטובות בחיי אדם מישראל ועד כמה להזהר ממדות רעות. מגלה המוסר הנפלא שבדברי התנאים ומפיח רוח חיים, רוח מוסרי בדבריהם הקדושים.

בכלל אפשר לאמר על ספר זה כי הוא אוצר של מוסר היהדות, כלי מחזיק ברכה לדת ולמוסר, מרגלית טובה בספרות הדרוש והמוסר, ספר בן 398 עמודים מלא וגדוש בתורה ומוסר.

בן דוב.


## וויכטיג פאר שוחטים

אין ווארשא (פוילען) ערשיינט א מאנאט-ליכער חודש ארגאן א. נ. „די שוחטים שטימע" (5טער יאהרגאנג) וועלכער איז געווידמעט אלע שוחטים אינטערעסען.

אין „די שוחטים שטימע" געפינט זיך אן אבטיילונג א. נ. „תורת הזבח" וואו שוחטים שמועסען זיך אדורך וועגען עניני שחיטות וטריפות.

**דער פרייז פאר אמעריקא א. א. לענדער איז $1 א יאהר.**

ביי די רעדאקציע „די שוחטים שטימע" איז אויך צו באקומען עכטע בעלגישע גראבעכע און גרינגע שטיינער. די שטיינער ווערען אויסגעקליבען דורך שוחטים מבינים, און אזא שטיין גיט יעדען שוחט די מעגליכקייט אבצושטעלען א חלף אין פארלויף פון עטליכע מינוט.

ביי די רעדאקציע איז אויך צו באקומען חלפים אין אלע גרויסען און פון די בעסטע סארטען, אויך שיידען קונסטליך און פרעכטיג אויסגעארבייט אין אלע גרויסען, עס איז א ציהרונג פאר א שוחט צו האלטען אין זיי א חלף.

דער אדרעס פון דער רעדאקציע איז:

**RED. DIE SZOCHTEM-SZTYME**
**Warszawa, Muranowska 4, m. 30, Poland**

1.03

# די שוחטים און זייער נחלת השבים

פון רעוו. שמואל קראַלעוויטש, טרעשזורער פון „נחלת השבים"

די שוחטים יוניאָן האָבען אויך דערהויבען זייער נאָמען מיט דער גרינדונג פון דער „נחלת השבים", דאָס מיינט צו פלאַנצען אַ שוחטים־קאָלאָניע אין ארץ ישראל. דאָס איבערצייגט, אַז שוחטים אין אַמעריקע זיינען נאָך נישט פאַרזונקען אין דעם תהום פון וואַכערינגן לעבען, פון נאָר פיזיש און מאַטעריעליש צו עקזיסטירען. זיי האָבען זיך נישט פאַרלאָרען.

אמת, זיי האָבען פאַרשטאַרקט זייער עקאָנאָמישע לאַגע און צו אַ געוויסע מדרגה זייער גייסטיגען מצב אַלס שוחטים, האָבען זיי אָבער אויך גענומען טראַכטען וועגען זייער צוקונפט דאָ אַלס שוחטים אין אַמעריקע און די צוקונפט וואָס שטייט דאָ פאָר פאַר זייערע קינדער.

דער ווירדיגער פרעזידענט פון די שוחטים יוניאָן ר ע ו ו. י ע ק ב ב ל ו ם, האָט זיך אַלע זיינע יאָהרען אַרומגעטראָגען מיט דעם אידעאַל פון ארץ ישראל און האָט אַלעמאָל געזוכט אַ געלעגענהייט זיין אידעאַל צו פאַרווירקליכען, נישט נאָר פאַר זיך נאָר אויך פאַר זיינע חברים שוחטים. ער איז איינינע מאָל געקומען אין באַריהרונג מיט מיר אין דער פראַגע, און איך וועל אַלעמאָל געדיינקען דעם ערשטען קאָנפערענץ אונזערען ביי איהם אין הויז. איך האָב געפונען פאַר מיר אַ איד מיט אַ ארץ ישראל נשמה, אַ איד וואָס אונטער אַלע אומשטענדען פון זיין ערפאָלגרייכען איינלעבען זיך אין אַמעריקע, פילט ער אַז ער איז אין גלות, און לעבט נישט צופרידען, וועט קיין מאָל נישט פילען צופרידען דאָ אונטער די בעסטע אומשטענדען ביז ארץ ישראל וועט זיין צוקונפט זיין. און דאָס איז געוועזען זיין אויסדרוק: „ווי קען אַ איד לעבען צופרידען דאָ אין אַמעריקע? בפרט אַ שוחט? ארץ ישראל דאַרף זיין אונזער צוקונפט און מיר דאַרפען זוכען אַ געלעגענהייט צו פאַראינטערעסירען אונזערע חברים שוחטים".

און אַזוי האָט עס פּאַסירט, אַז ר ע ו ו. י ע ק ב ב ל ו ם מיט זיין טאַלאַנט און כח פון אַן אָרגאַניזאַטאָר און מיט דער הילף פון יחידים איז איהם געלונגען צו אָרגאַניזירען די „נחלת השבים" — דורך אַ גרופּע שוחטים פון אונזער יוניאָן, און ער האָט געפונען פאַר זיין היילינגען חוב און זכיה צו זיין דער שליח, מיט דער באַגלייטונג פון נאָך צוויי פון אונזערע חברים, פאָהרען קיין ארץ ישראל קויפען לאַנד פאַר די „נחלת השבים".

פאָהרענדיג אויפ'ן שיף האָבען זיי צופעליג געהאַט די הצלחה צו באַגעגענען אויפ'ן שיף דעם פרעזידענט פון דער אַלוועלטלאַכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, נחום סאָקאָלאָוו. זייער געשפרעך איז געווען אין לשון הקודש, און זעהר איינדרוקספול איז געווען זייער געשפרעך און אויך זעהר פראַקטיש. נחום סאָקאָלאָוו האָט זיי בעטאָנט, אַז פאַר ארענזשעס און גרייפּ־פרוכט ווערט גרעסער דער מאַרקעט איבער דער גאַנצער וועלט, און די מעלה פון ארץ ישראל ארענזשעס איז, וואָס זיי דערגרייכען דעם וועלט מאַרקעט אין סעזאָן, וואָס דאָס קען נישט פּאַסירען אין קיין אַנדערע לענדער.

אויך איז פיעל וויכטיג איבערצוגעבען, ווען דער פרעזידענט פון דער אַלוועלטלעכער אָרגאַניזאַציע, נחום סאָקאָלאָוו, איז געקומען קיין פּאַריז און האָט איבערגעגעבען צו די פּאַריזער אידען אין אַ רעדע דעם איינדרוק פון אַמעריקאַנער אידען, ווי אַ סך אַמעריקאַנער אידען האָבען גענומען טראַכטען ערענסט אין דער לעצטער צייט פון באַזעצען זיך אין ארץ ישראל האָט נחום סאָקאָלוו געבראַכט פאַר אַ ביישפּיעל די „נ ח ל ת ה ש ב י ם", און גע־מאָלען פאַר זיי זיין באַגעגענען זיך מיט די שוחטים דעלעגאַציע אויפ'ן שיף, און ווי באַגייסטערט ער איז געווען פון דער באַגעגניש, און דאָס איז געווען גדרוקט אין פּאַריזער „היינט".

אונזער דעלעגאַציע איז בשלום געקומען קיין ארץ־ישראל, און דעם איינדרוק וואָס ארץ ישראל האָט אויף זיי געמאַכט, דאָס וועלען מיר הערען מונדליך בקרוב, ווען זיי וועלען בשלום קומען צוריק. אָבער דער פאַקט, אַז זיי האָבען ערפילט זייער שליחות, זיי האָבען אָ פּ ג ע־ק ו י פ ט אַ ש ט ר ע ק ע פ ו ן 1000 ד ו נ א ם ל אַ נ ד, גוט פאַר פּרדסים. דאָס איז דער באַריכט פון די לעצטע טעלעגראַמעס.

און יעצט קומענדיג אין באַרירונג מיט צייטונגס לייטע וועלכע זיינען נאָהענט צו אונז און אַזוי וויכטיגע פּער־זאָנען באַטאָנען זיי און פרעגען, צי מיר פילען די גרויס־קייט פון אונזער מיסיאָן? זיי אַלס זייטיגע זעהן און הערען דעם געוואַלדיגען איינדרוק וואָס דאָס האָט געמאַכט אין דער אָרטאָדאָקסישער וועלט. רבנים שאַצען דאָס אָפּ און זיינען פשוט מסנא, מען קוקט אויף אונז, נישט נאָר אַלס אַ גוטע אָרגאַניזירטע סערפערשאַפט אין עקאָנאָמישען זינען, נאָר אויך אַלס שוחטים, וואָס באַנוגענען זיך נישט מיט די יעצטיגע אומשטענדן; שוחטים וואָס טראַכטען וועגען ערענסטע פאָלקס ענינים, שוחטים וואָס טראַכטען וועגען צוקונפט, אַ צוקונפט פאַר זיך, אַ צוקונפט פאַר שפּעטערדיגע דורות, טראַכטען אַז מיר זאָלען נאָך קענען דערגרייכען דעם ציעל אַלס אַ אידישע פאָלק נישט אין קיין גלות: אין גלות ביי פעלקער, אין גלות ביי אונז אידען, דאַן וועט אונזער שולחן ערוך, אונזער תורה ווערען אָפּגעשאַצט נאָך איהר ווערדע ביי אונז, און רעספּעקטירט ווערען ביי אַנדערע פעלקער. דאָס קען נאָר זיין ווען ארץ ישראל וועט געהערען לעם ישראל.

(1.04)

# אן אפענער בריעף

## צו די שוחטים פון אמעריקא און קענעדע

געשעצטע חברים במלאכת הקדש!

ענטפערט אונז, שרייבט אונז אזוי שנעל ווי מעגליך, צי:

1) זאלען מיר רופען א קאנווענשאן פון אלע שוחטים פון לאנד, אדער ניין?

2) ווען יא, וואו זאל זיין די קאנווענשאן? און ווען?

3) האט איר געשאפען סובסקרייבער פאר אייער ארגאן, „די שוחטים שטימע"? אויב איהר האט געשאפען סובסקרייבער, וועלען מיר דרוקען אייער נאמען למזכרת נצח אין דעם ערען ליסט פון די יעניגע וועלכע ארבייטען פאר די פארשפרייטונג פון די „שוחטים שטימע".

4) מיר דרוקען אין אונזער זשורנאל „בריף פון שוחטים", איהר זענט דאך א שוחט, וואו איז אייער בריף? האט איהר גאר ניט צו זאגען? קענט איהר אונז און אלע שוחטים פון לאנד, אייערע ברידער און חברים, ניט דערצעהלען פון אייער מצב? ווארום ניט?! ווען דער מצב פון די שוחטים אין לאנד וועט גוט געשטודירט און ערקלעהרט ווערען, וועט דאן זיין לייכטער צו פארבעסערען אייער מצב ווי אויך דעם מצב פון די שוחטים בכלל.

5) ווילט איהר אז מען זאל גרינדען אן „אגודת השוחטים דאמעריקא וקאנאדא" און איהר זאלט זיך אנשליסען אלס חבר אין די לאנד ארגאניזאציע פון שוחטים?

ווארום זאלט איהר אונז ניט שרייבען וועגען דעם, און טאקי לאזען אונז וויסען אייער מיינונג. מיר ווילען אז אלע שוחטים פון לאנד זאלען ווערען איין גרויסע שטארקע משפחה, פארבונדען און פאראייניגט צווישען זיך מיט די שטארקע פעדים פון ברודערליכקייט, אמת'ע פריינדשאפט, חברים בלב ונפש. ווילט איהר באלאנגען צו די גרויסע משפחה פון די שוחטים פון אמעריקא? לאזט אונז וויסען אז איהר ווילט דאס, שרייבט אונז אייער נאמען, אדרעס, ווי לאנג זענט איהר שוחט? אין וועלכע קהלות? פון וועלכע רבנים האט איהר קבלה? און די טעטיגקייט און דער מצב, דער עקאנאמישער און גייסטיגער, פון אייער קהלה.

העלפט אונז, ברידער שוחטים, צו אויפבויען א שטארקע שוחטים ארגאניזאציע, און האבען אן אייגענע פרעסע, א גוט פארשפרייטע „שוחטים שטימע".

„ווען איהר ווילט, איז דאס ניט קיין לעגענדע".

מיר ווארטען אויף אייער ענטפער.

אגודת השוחטים דנויארק רבתי

ווענדעט זיך לויט דעם אדרעס:

**SCHOCHTIM SHTIMME**

229 EAST BROADWAY NEW YORK, N. Y.

1.05


RABBI S. L. HURWITZ, *Editor.*

הרב שמריהו ליב הורוויץ, רעדאקטאר.


# די שוחטים שטימע

# SCHOCHTIM SHTIMME


מאנאטליבער זשורנאל, ארויסגעגעבען ביי די אגודת שוחטי עופות דניו יארק רבתי

**Monthly Magazine, published by the Poultry Schochtim Union of Greater New York**

**Affiliated with the American Federation of Labor, Local 440**

**229 East Broadway, New York, N. Y.** **Telephone: ORchard 4—1938 — 9602**

**Vol. I. No. 6. August, 1932.**

ערשטער יאהרגאנג, נומער 6. ב"ה ניו יארק, מנחם אב, תרצ"ב


## אינהאלט:


עדיטאריעלם:

א. דער שוחט אין אמעריקא.

ב. הלכות שחיטה אין אידיש.

וואס אונזער יוניאן האט אויפגעטאן — — — — — — — — — — — רעוו. אליהו מעלצער

חד והלק (פעליעטאן) — — — — — — — — — — — — — — — — — לץ

אנטיסעמיטיזם, עלילות דם און דער תלמוד — — — — — — — — הרב שמריהו ליב הורוויץ

בריעף פון שוחטים.

מיין חלף'ס טענה (חלום בהקיץ) — — — — — — — — — — — — הרב הלל יעקב הורוויץ

שמחות ביי שוחטים.

די דערגרייכונג פון „נחלת השבים" — — — — — — — — — — — רעוו. שמואל קראלעוויטץ


## השומר


חשבון הנפש — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — ש. ל. ה.

מנחם אב — — — — — — — — — — — — — — — — — — — הרב שמריהו ליב הורוויץ

מכתבי ברכה ועדוד.

— כל מי שיש בידו למחות — — — — — — — — — — — — — הרב שמואל מנחם הלוי פיין

ספרים חדשים — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — בן דוב

שיר — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — א. פערעלבערג

קול קורא — — — — — — — — — — — — — — — — — — — הרב אברהם יצחק הכהן קוק

ספרים חדשים — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — בן דוב



**Subscription Price, $3.00 a year.**

סובסקריבשאן 3 דאלאר א יאהר.

**Application for second-class matter is pending.**

## די פיהרער פון די שוחטים יוניאָן צוריק פון ארץ ישראל.

די הויפט פיהרער פון די „אגודת השוחטים דנויאָרק רבתי", דער באליבטער און חשוב'ער פרעזידענט פון דער אגודה רעוו. יעקב בלום, און דער ענערגישער סעקרעטער און פיהרער רעוו. יוסף ראָזענמאן, זיינען געקומען בשלום צוריק פון זייער רייזע נאך ארץ ישראל.

די שוחטים פון גרויס ניו יאָרק האָבען ערוואַרטעט זייער צוריקקומען מיט אונגעדולד, ווייל זיי ווייסען פון די געטריישאפט און מסירת נפש פון אויבען דערמאָנטע פיהרער צו די אינטערעסען פון די שוחטים יוניאָן און פון זייער גרויסע נוצליכע און הייליגע ארבייט פאר די שוחטים, וועלכע באלאנגען צו די שוחטים יוניאָן.

די שוחטים גרייטען זיך צו פייערען זייער צוריקקומען מיט א גרויסארטיגען קבלת פנים.

גרויסע נוצליכע און פרוכטבארע ארבייט לטובת השוחטים ווארט אויף זיי!

בואכם לשלום, מלאכי השלום!

---


יצא לאור ונמצא למכירה — ספר חשוב ויחיד במינו

# הלכות דעות להרמב"ם

חלק מספר המדע לרבנו משה ב"ר מימון הספרדי עם באור רחב בשם „מדות ודעות"

מאת

## הרב שמריהו ליב הורוויץ

עם מכתב בראש הספר מאת ראש הרבנים בארץ ישראל הגאון מהרא"י קוק שליט"א שמפליג בשבח הספר כי הוא ספר יקר ועבודה גדולה וקדושה עם מבוא שבו השקפה על ספרי הרמב"ם ז"ל

הביאור של הרב הורוויץ מראה מקור דברי הרמב"ם ז"ל בתורת המוסר של ש"ס בבלי וירושלמי, תוספתא, ספרא, ספרי, מכילתא, מדרשים וילקוטים, קבלה וחסידות, פילוסופיא דתית, שו"ת וגדולי הפוסקים.

ספר נחוץ לרבנים, דרשנים, ולכל העוסקים בתורה וחכמת ישראל.

**מחירו — דאָלאר אחד.**

לפנות אל הרב המחבר:

**RABBI S. L. HURWITZ**

**1503 Eastern Parkway, Brooklyn, N.Y.**



# הודעה!

זה שלש שנים רצופות שמופיע ירחון העולמי המיוחד בטשעכאסלאוואקיי, מיועד לכל דברי דת ודעת תורה, הנקרא בשם

## שערי תורה

בהשתתפות כל הגאונים והמאורים הגדולים בכל התבל.

דמי החתימה:

**שני דאָלאר לשנה תמימה.**

סניפים בכל הארצות ובארצות הברית:

H. WOHLBERG, for "Shaare Orah"
313 E. 10th Street, New York, N. Y.

RABBI KAHN, for "Shaare Orah"
1233 N. Hoyne Avenue, Chicago, Ill.



# מדפיסי ספרים אנחנו זה יותר מחמש־עשרה שנה

## בעברית, אידית ואנגלית

ספרים לאלפים ולרבבות יצאו, במשך הזמן הזה, מתחת מכבש הדפוס שלנו מאת המחברים מפורסמים המפוזרים בכל רחבי ארצות הברית — וכולם פה אחד מהללים ומשבחים אותנו.

תעודות ומכתבים המעידים על אמיתת דברינו נוכל להמציא לכל דורש.

פנו אלינו ותוכחו.

# ORIOM PRESS, Inc.

**42 West 18th Street New York, N. Y.**

Telephone: CHelsea 3—8164

# די שוחטים שטימע

מנחם אב, תרצ"ב

ערשטער יאהרגאנג. נומער 6

## דער שוחט אין אמעריקע

די איינגעוואנדערטע אידען פון דער גאנצער וועלט, וועלכע געפינען זיך יעצט אין אמעריקא, גלויבען באמונה שלמה, אז אלץ וואס ס'איז געווען אין אייראפא איז גוט, הייליג, ארענטליך און ריכטיג, און אלץ וואס עס איז דא אין אמעריקא איז ניט גוט, ניט ריכטיג, און ניט ווי עס בעדארף צו זיין.

די היימישע רבנים און די היימישע שוחטים זיינען געווען גרויס און הייליג, די רבנים און שוחטים פון אמע־ריקא זיינען ניט ווי עס בעדארף צו זיין. עפעס פעלט זיי, זיי זיינען ניט ווי אין דער אלטער היים.

דאס איז אבער א געוואלדיגער טעות. אמעריקא פאר־מאגט איצט רבנים גאונים אין תורה, חכמה און יראת שמים, וועלט בארימטע דרשנים, און אמעריקע פארמאגט שוחטים וועלכע וואלטען געקענט זיין א צירונג פאר די גרעסטע און וויכטיגסטע אידישע קהלות פון דער אלטער וועלט.

עס געפינען זיך יעצט אין אמעריקע א גרויסע צאל שוחטים וועלכע זיינען מוסמכים להוראה פון די גאוני הדור, שוחטים וועלכע ווייסען גוט ש"ס און פוסקים, שוחטים וועלכע זיינען יראי שמים באמת, און שוחטים וועלכע זיינען עסקנים פאר חנוך, ארץ ישראל, כשרות, טהרת המשפחה, שמירת שבת א. ז. וו.

פיעלע אידישע קהלות אין אמעריקע וואלטען באהיטע נאט שוין לאנג אסימילירט געווארען, ווייל פיעלע פון זיי זיינען קליין, און ווייט פון א גרויסען געדיכטען אידישען ישוב, קיין רב איז דארט ניטא, און ווען זיי האלטען יא א רב, איז דאס ניט קיין רב נאר א „ראביי" וועלכער קאר־מעט זיי מיט דעם „קאנסאמפשאן" יודענטהום, דער „קאנ־סערוואטיווער" אדער „ליבעראלער" אדער רעפארם יודענ־טהום, און ווען ניט דער שוחט פון שטעטל וואלט דארט אין גאנצען פארגעסען געווארען אלעס וואס ביי אונז איז הייליג און טייער. דער שוחט אבער איז דער יעניגער וועל־כער דינט אלס שומר חומת ישראל, ער לאזט ניט איינ־גאנצען צעברעכען און פארניכטען די הייליגע אידישע פעסטונג. ער פארבינדט און פאראייניגט די „שארית הפלטה". די געבליבענע אידישע הארץ און נשמה. און בלאזט אריין לעבען, אידישען לעבען, און די אידען פון די קליינע צעווארפענע אידישע ישובים אין אמעריקע, דארט וואו א שוחט געפינט זיך, דארט איז דער אדרעס פון שלחן ערוך יודענטהום, און די קלייניגקע אידישע קהלה ווערט ניט אפגעריסען פון כלל ישראל.

די שוחטים פון אמעריקע טארען אבער ניט זיין צואווארפע, צוברעקעלט, זיי מוזען זיך אלע פאראייניגע. און זייער פאראייניגונג וועט זיין א גליק און א ברכה פאר זיי אליין ווי אויך פאר כשרות און פאר'ן יודענטהום בכלל ובפרט.

ווען די שוחטים וועלען זיך באמת פאראייניגען אלע צוזאמען וועלען זיי דאן ווערען א ק ר א פ ט אין אמעריקאנער יודענטהום, א בויענדע און שאפענדע קראפט, לחזוק התורה והיהדות דא אין לאנד.

---

## הלכות שחיטה אין אידיש -

כמעט אין יעדען נומער פון די „שוחטים שטימע" ווערען געדרוקט „בריעף פון שוחטים", די בריעף זיינען על פי רוב זעהר איטטערעסאנט און באלערענד. לייענענדיג די בריעף ווערט מען גוט אינפארמירט און מען ווערט באמת גוט באקאנט מיט דער אמת'ער לאגע פון שוחטים, כשרות, און מצב היהדות דא אין לאנד. אין היינטיגען נומער וועט דער לעזער געפינען א בריעף פון א שוחט אין וועלכען ער מאכט א פראקטישען פארשלאג, אז מען זאל אפדרוקען א ספר אין א י ד י ש (ניט אין לשון קודש), וואו דארט זאל ערקלעהרט ווערען די דינים פון שחיטה ובדיקה לויט די בעסטע און גרעסטע אידישע פוסקים, ראשונים און אחרונים. פאר די יעניגע שוחטים וועלכע זיי איז לייכטער צו פארשטעהן א גוטען ליטערארישען אידיש בעסער ווי לשון קודש.

מיר גלויבען ניט אז עס זיינען דא זעהר פיעל שוחטים וועלכע פארשטעהן ניט קיין העברעאיש. על פי רוב איז יעדער שוחט, אויב ניט קיין גרויסער למדן, אבער א בן תורה, א יודע ספר איז ער דאך, אבער ווען עס געפינען זיך יא אזוינע שוחטים איז קיין צווייפעל ניט, אז עס איז נויטיג און נוצליך דאס א רב מובהק אדער א שוחט וועלכער איז ראוי להוראה זאל אנשרייבען אזא ספר אין א גוטען אידיש און אפדרוקען איהם בהסכמת הרבנים הגאונים פון היינטיגען דור.

די גרויסע פוסקים ביי אידען אמאל, און די פארצייר־טיגע גאונים (פון די תקופת הגאונים) האבען געלאזט דרוקען דינים און הלכה ברורה אין אראביש און אין אנ־דערע אריענטאלישע שפראכען, וועלכע אידען פון יענער צייט האבען גערעדט. זעהן מיר ניט איין וואָרום זאל מען ניט לאזען דרוקען דיני שחיטה וטרפות אויך אין אידיש, די שפראך אין וועלכע דער ו ו י ל נ ע ר ג א ו ן און ר' ש נ י א ו ר ז ל מ ן פון ליאדי האבען געלערענט תורה און געטראכט זייערע הייליגע מחשבות.

דערפאר, א ספר וועלכער זאל ענטהאלטען דינים פאר א שוחט אין אידיש איז נויטיג און נוצליך פאר די יעניגע שוחטים וועלכע דארפען אזא ספר. מיר זיינען אבער ניט איינפארשטאנען מיט דעם שוחט, דער שרייבער פונ'ם

# וואָס אונזער יוניאָן האָט אויפגעטאָן

פון רעוו. אליהו מעלצער, וויס פרעז. פון „אגודת שוחטי עופות“ און סעקרעטאר פון „שוחטים שטימע“.

אין „די שוחטים שטימע“ איז ערשינען חשוב׳ע ארטיקלען, וועלכע האָבען ערקלערט די גרויסע און וויכ־טיגע אויפטואונגען וואָס די „יוניאָן“ האָט אויפגעטאָן פאר די שוחטים און פאר כשרות, און ווי ווייט די יוניאָן האָט באפרייט די שוחטים פון שרעקליכע שקלאַפעריי, אונטערדריקונג און דחקות, און האָט די שוחטים געמאכט זעלבסטשטענדיג און באוואוסטזיניג.

איך וויל דאָ באמערקען נור איין קליינע באמערקונג, וועלכע וועט איבערצייגען די ברידער שוחטים בכל מקום שהם ווי אויך אלע אידען פון אמעריקא וועגען די וויכ־טיגקייט פון דער יוניאָן פאר שוחטים און כשרות. איך וועל אייך איבערגעבען אין קורצען א פאסירונג פון לעבען, א פאקט, וואָס עס האָט פאסירט, וואָס פיליכט ניט אלע האָבען זיך ארייננעטראכט אין דעם, עס איז אָבער כדאי צו באטראכטען דאָס גרינדליך אלס איד בכלל און אלס שוחט בפרט.

תשעה באב פון היינטיגען יאָהר ווי באוואסט, איז אויסגעפאלען דאָנערשטאָג. וואָס די געוועהנליכע צייט פון שחיטה איז 12 שטונדען, פון 5 אוהר מאָרגענס ביז 5 אוהר נאָכמיטאָג, אָבער צוליעב תשעה באב איז פארקלע־נערט געוואָרען דער זמן השחיטה אויף 5 שטונדען, ניט 12, כדי יעדער שוחט זאָל האָבען די מעגליכקייט געהן אין דער פריה אין שוהל זאָגען קינות בצבור, און נאכהער דאַוונען מנחה בצבור, אָבער מיט יאָהרען צוריק, ווען די שוחטים האָבען ניט געהאט קיין ריכטיגע יוניאָן, זיינען ניט געווען פאראייניגט צוזאמען, האָבען די בעלי המארקעטס ניט געגעבען דעם שוחט די געלעגענהייט ער זאָל וויאלע אידען געהן תשעה באב אין שוהל זאָגען קינות, אויסגיסען זיין ביטער הארץ אויף חורבן הבית והמקדש, זיי האָט ניט געארט וואָס דער שוחט פיהלט זיך אומגליקליך און פארשקלאפט אז ער קען ניט ווי אלע פרומע אידען קומען אין שוהל תשעה באב און געבען א קרעכץ און א טרעהר אויף דעם גרויסען נאציאָ־נאלען אידישען חורבן, און די מארקעט לייט האָט ניט געארט וואָס דורך דעם ווערען די שוחטים ערנידעריגט און עס ווערען באליידיגט זייערע הייליגע אידישע געפיהלען. יעצט אָבער ווען די שוחטים זיינען פאראייניגט און זיינען א שטארקע יוניאָן האָבען זיי געקענט געהן אין שוהל צו־זאמען מיט אלע שלומי אמוני ישראל און זאָגען קינות על חורבן הארץ והמקדש און דאַוונען בצבור.

דאָס צייגט, וואָס א פאראייניגטע מאכט פון שוחטים קען אויפטאָן לטובת היהדות בכלל און פאר שוחטים בפרט. און דאָס וואָס די שוחטים באלאנגען צו דער פעדעריישאָן אָוו לייבאָר איז גאָר א טובה פאר יהדות און כשרות בכלל און פאר שוחטים בפרט, ווייל דער אמת איז אז די פעדעריישאָן אָוו לייבאָר מישט זיך גאָר ניט און האָט אבסאָלוט גאָר ניט צו זאָגען מיט עניני שחיטה, און האָט גאָר נישט צו זאָגען וועגען די אינערליכע הנהגה פון די שוחטים, אדרבה זי העלפט שוחטים און כשרות מיט אלעם וואָס איז מעגליך, און דערפאר שטאָלצירען מיר, שוחטים, מיט אונזער יוניאָן וועלכע העלפט אפשאפען הפקרות און אויפהויבען דעם מצב השוחטים בגשמיות וברוחניות.

---

בריעף, אז אזא ספר זאָל אויך זיין אין אידיש פאר פסקנ׳ען שאלות, ווייל אויב איינער איז אונפעהיג צו פארשטעהן א בלאט גמרא, א סימן יורה דעה, יענער האָט קיין רעכט ניט צו ווערען א רב און פסקנ׳ען שאלות בשום אופן ניט. א שוחט איז ניט מחויב צו ווערען א רב, און אויב ער געפינט פאר נויטיג לטובת הדת צו פסק׳נען שאלות אין איסור והיתר, דאַן מוז ער זיין קלאָר אין מסכת חולין, נדה, עבודה זרה, און וויסען דעם אלפס מיט דעם רא״ש ווי אויך דעם טור מיט דעם שלחן ערוך, יורה דעה און זיינע מפרשים, דאַן, נור דאַן וועט ער קענען גרינדליך פסקנ׳ען א שאלה פון שיסעל־לעפעל און דאָס גלייכען. פסקנ׳ען דינים פון א קיצור איז א געפאר פאר א אידען מיט א נשמה.

מיר וואָלמען וועלען הערען וועגען דעם די מיינונג פון אונזערע לעזער בכלל און פון שוחטים בפרט.

## ברכות לראש השנה

שיקט ארייו אזוי שנעל ווי מעגליך אייערע ברכות צום נייעם יאָהר, פאר דעם קומענדען נומער פון „די שוחטים שטימע“, וועלכער וועט זיין גע־דרוקט בעפאר ראש השנה, און וועלכער וועט ענטהאלטען חשוב׳ע ארטיקלען וועגען ראש השנה, יום כפור, סוכות און אנדערע וויכטיגע ארטיקלען.

# אנטיסעמיטיזם, עלילת דם און דער תלמוד

פון הרב שמריהו ליב הורוויץ

ניט לאנג צוריק האט דער וויים פרעזידענט פון קאנאדער פארלאמענט, באשולדיגט עפענטליך די אידען אז זיי נוצען בלוט פון קריסטען, און האט געטאדעלט דעם ריכטער וועלכער גלויבט ניט אין עלילת דם. און גאר אין גיכען וועט קומען צו א גרויסען היסטארישען פראָ־צעס, וועלכער וועט אייגענטליך זיין א משפט אי־בער'ן תלמוד. די קאנאדער אנטיסעמיטען האבען באקאנט געמאכט, אז זיי וועלען בארעכטיגען זייער אנטי אידישען קאמפיין אויפ'ן גרונד וואס דער תלמוד ערלויבט אידען צו מארדען קריסטען, און צו אונטערצינדען און באַ'גנב'ענען זייערע פארמעגענס, ווי אויך אז אידען נוצען קריסטליך בלוט פאר רעליגיעזע צוועקען. דער אידישער צד גרייט זיך צו אן ערענ־סטען פראָצעס, זיי האבען בדעה צו רופען עקספערטען וועלכע וועלען אפלייקענען אלע בלבולים וואס די אנטי־סעמיטען וועלען מאכען אויפ'ן תלמוד.

מען קען זיך ניט פארשטעלען אז אנטיסעמיטען פון פוילען, רומעניע און דייטשלאנד זאלען וואגען צו שרייבען מיט אזא ברוטאלען העצערישען טאן ווי די שרייבער פון דער קאנאדער אנטיסעמיטישער באנדע. מען קען זיך ניט פארשטעלען אז א „ספיקער" פון א פוילישען סעים צי פון א רומענישען פארלאמענט זאל זיך ניט שעמען ארויסצוקומען עפענטליך און באהויפטען אז ער גלויבט אין ריטועלען מארד ווי דאס האט געטאן דער וויים פרעזידענט פון קאנאדער פארלאמענט.

די אנטיסעמיטישע באוועגונג, אידען האס, איז געבוירען געווארען כמעט אין דער זעלבער צייט ווי דאס אידיש פאלק איז געבוירען געווארען. ווען מיר עפענען דעם חומש לייענען מיר ווי די פלישתים זאגען צו אונזער פאטער יצחק, נעה אוועק פון אונז! דו ביסט רייך גע־ווארען פון אונזער פראצע. דאס איז געווען דער ערשטער אידישער גרוש. דער קעניג פון מצרים פראקלאמירט נאך מיט טויזענדער יאהרען צוריק א פראקלאמאציע פון ניפטיגע שנאה צו אידען (שמות א' ח'). און המן איז געווען אן אויסגעצייכענטער אנטיסעמיט.

מען דארף שרייבען א גרויסען בוך אין פיעלע בענדער וועגען דער געשיכטע פון אנטיסעמעטיזם, אום מען זאל וויסען די קראפט פון אידען האס, און ווי די שנאה צו אידען איז א שטענדיגע, און אייביגע, וואס קען קיין מאל ניט אונטערגעהן, דאס איז ווי דער העברייער זאגט שנאת עולם לעם עולם, אן אייביגע שנאה צו אן אייביגע פאלק, און קיין כח אין דער וועלט קען ניט אונטערברייגען די שווארצע פינ־סטערע כחות פון אידען האס. עס איז דא „עפעס" וואס טיילט אפ דעם אידען פון דעם גוי, קדושה פון חולין, טהרה פון טומאה, און אט דער „עפעס" לאזט ניט צונויפ־

# חד וחלק

(פעליעטאן) פון א לץ

אמר הלץ הגדול והנורא, מיר אידען פון אמעריקע האבען קיין מזל ניט, א גאנצען זומער קעניגט דער יצר הרע, ער הערשט איבער אלעמען. ער געפינט זיך איבערהויפט אויף די בערג, ארום ים, וואו דארט ווארפען אידען אריין זייערע חטאים פון א גאנצען יאהר, ווארטען ניט ביז תשליך, נור ביי זיי איז תשליך א גאנצען זומער, יעדען טאג פון יאהר, ווארפען זיי זינד אין ים, אפילו תשעה באב באדט מען זיך אויך אנשים, נשים וטף אלע צוזאמען. דערפאר אבער האט מען אלץ אט וועט קומען חודש אלול, דער שופר פאנגט אן בלאזען, עס וועט פאלען א שרעק אויף יעדען אידען, די אידישע פאר'תלש'טע נשמה וועט זיך אויפכאפען פון שלאף, אט אזוי איז איטער געווען ביי אידען, האט מען דאך געזאגט אז אין אלול „א פיש אין וואסער ציטערט", און אט אזוי אייגענטליך האט געדארפט זיין, אבער — אין מזל לישראל.

דוקא אום חודש אלול פאר דעם יום הדין ציינט זיך ארויס דער חורבן פון אידישקיים. וואו נאר א געוועזענער סאלון, א מאווינג פיקטשור פלאץ, א טאנץ האל, א טעאטער, אן אונמאראלישער פלאץ, דארט ווערט געמאכט, צוליב געשעפט („ביזנעס") א שוהל צום דאווענען ימים נוראים, און אט די שוועמלעך שוהלען קאנקורירען מיט די ישיבות, תלמוד תורה'ס און אמת'ע שוהלען, אזוי עס קומט אוים ומי שמיחדים בתי כנסיות לתפלה, מי שמיחדים — דארט וואו טענער מיט פרויען זיינען זיך מיחד א גאנץ יאהר, דארט וואו בחורים און מיידלאך טאנצען ניט מאראלישע טענץ, דארט ווערט ימים נוראים געמאכט „בתי כנסיות

שמעלצען איד און גוי צוזאמען, זאל דער איד זיין פאלשטענדיג אסימילירט. וועט דאך דער גוי פיהלען אז דער שורש נשמה פונ'ם אידען איז צו הייליג פאר דעם וועמעס עלטערען זיינען ניט געשטאנען אויפ'ן בארג סיני. ואבדיל אתכם מן העמים, להיות לי... עס מוז אימער זיין אן אונטערשייד. א פסיכאלאגישע גשמה אונטערשייד, פון איד און גוי. עס מוז זיין להבדיל!...

און פון דאנען די טיעפע שנאה צו אידען און דער שרעקליכער עקעלהאפטער בלבול אז אידען נוצען קריסטליך בלוט. וועלכעס איז פארשריבען אין דער אידישער געשיכטע מיט טייבען הייליגע בלוט און טרערען, באקאנט אונטער'ן נאמען „עלילת דם" — עלילת דם!! ווי פיעל שרעק און עקעל עס רופען ארויס אט די צוויי ווערטער ביי דעם יעניגען וועלכער האט געלערענט אידישע געשיכטע און ווייס ווי פיעל צרות און אומגליק דער עלילת דם האט געבראכט צום אידישען פאלק. די גריכישע שרייבער מיט טויזענדער יאהרען צוריק, ווען זיי האבען געוואלט רעכטפערטיגען די שרעקליכע ברוטאלע אויפפיהרונג פון זייער קעניג אנטיוכוס וועלכער האט געשענדעט דעם בית המקדש, האבען זיי נאך דאן געלאזט דרוקען און פעלשען די וועלט געשיכטע דורך א פארדאמטען נארישען ליגען, אז אנטיוכוס האט געפונען אין בית המקדש ליגענדיג אויף א בעטעל א גריך און ארום איהם שטעהט א טיש אויף וועלכען עס האט זיך געפינען עסען און טרינקען מכל טוב. און דאס האט מען געשפייזט דעם אומגליקליכען גריך, אום צו דערמארדען איהם נאכהער, ווייל אזוי הייסט די אידישע רעליגיאן.

— און וואס פאר א שרעקליכע טראגעדיע! אלע אלטע פארצייטיגע פעלקער פלעגען עסען בלוט. בלוט שאפט אין דעם יעניגען וואס עסט די בלוט געפיהלען פון רציחה. א בלוט עסער איז א בלוט פארגיסער. און די תורה האט געזאגט אזוי שטרענג ווי מעגליך אז אידען טארען ניט עסען קיין בלוט. און פאר עסען בלוט קומט די שטרענגסטע שטראף וואס קען געבען — כרת! די נשמה פון דעם בלוט עסער ווערט אפגעשניטען פונ'ם אידישען פאלק! און א איד איז פארזיכטיג מיט די אדערען וועלכע ענטהאלטען בלוט. מען זאלצט און מען שווייקט די פלייש בעפאר מען קאכט, אום מען זאל ניט פיהלען דעם טעם פון בלוט. און ווען מען געפינט א בלוט'ס טראפען אין אן איי ווארפט מען ארויס די איי, מען טאר איהר ניט עסען צוליעב דעם טראפען בלוט. און אויף די איינציגע הייליגע פאלק אין דער גאנצער וועלט וועלכע אנטלויפט פון בלוט, אויף אט דיזע פאלק האט מען אויסגעטראכט אזא שרעקליכען עקעלהאפטען בלבול פון עלילת דם?!...

ניט אין די אמאליגע פינסטערע מיטעל אלטער צייט, נאר היינט, אין א וועלט פון פראגרעס, קולטור און ציוויליזאציע קומט א וויים פרעזידענט פון קאנאדער פארלאמענט און באשולדיגט עפענטליך פאר די גאנצע „ציוויליזירטע" וועלט דאס אידישע פאלק אלס פאלק וואס טרינקט קריסטליכע בלוט און מען געהט פארפיהרען א

לתפלה", שוהלען צום דאווגען, איז דאס נים שרעקליך און עקעלהאפט הא? וואס זאגט איר? אז מי שמיחדים, זאלען מאכען בתי כנסיות לתפלה?!

איך, לץ, גלויב מיט'ן גאנצען הארצען אז די געשיכטע פון יונה הנביא וועלכע מיר לייענען יום כפור צו מפטיר יונה, שטעלט פאר א שוועמעל שוהל נאך אין יונה הנביא'ס צייט, יונה הנביא האט געזעהען א קיקיון דיונה, וואס בין לילה היה ובין לילה אבד, דער קיקיון דיונה איז געווים געווען א שוועמעל שוהל, היינט איז דארט א שוהל און מארגען — אן אונמאראלישער פלאץ.

און עס פרעגט זיך, ווי אזוי קענען אמעריקאנער אידישע קינדער האבען רעספעקט פאר זייערע עלטערען, ווימענדיג אז די אידען פונ'ם אלטען דור האבען נים קיין רעספעקט פאר זיך אליין און פאר אידישקייט, און צוליב א פאר דאלער נוצען זיי אויס די הייליגקייט פון ימים נוראים פאר א צוועק וועלכער ברייגגט צו א חלול השם, און איר קענט זיכער זיין אז איר וועט געבעטען ווערען קומען דאווגען היינטיגען ימים נוראים אין א מואווינג פיקטשור „פלאץ", וואו א „אינגעלע" וועט דאווגען, (דאס „אינגעלע ביזנעס" איז אויך א גומער חלול השם) און דערפאר וועט מען אייך געבען א „פרים" אומזיסט, באלד נאך כל נדרי וועט איהר זעהן א מואווינג פיקטשור פריי... כל נדרי און מואווינג פיקטשור, די הייליגע עבודה און א טעאטער, נעילה און א מאנץ זאל, מאטע דו לאכסט? אז אך און וועה צו אזא געלעכטער!...

* * *

און ווען איך בין געקומען נים לאנג צוריק אין דער רעדאקציע פון „די שוחטים שטימע", טרעף איך דעם רעדאקטאר מיט א שמייכעל אויף די ליפען, א זאך וואס פאסירט זעהר זעלטען, און ער דערלאנגט מיר א פעקעל מיט בריעף, וואו מען לויבט מיך אין הימעל ארויין פאר זאגען דעם אמת, פאר מאכען „אפעראציעס", פאר „נעמען דעם לעבער", האב איך הנאה פון די בריעף און באדאנק הארציג די בריעף שרייבער און פארזיכער זיי בהן צדקי, אז איך וועל אימער זאגען דעם אמת, דעם גאנצען אמת, און נאר דעם אמת צווישען יענע בריעף געפין איך אבער א בריעף וועלכער מאדעלט מיך שטארק, און איך גיב אייך איבער דעם לשון פונ'ם בריעף, ווי ער שטעהט און געהט, ווארט ביי ווארט, נאט לייענט:

„לכבוד העורך הרב הג' ר' שמריהו ליב הורוויץ. עורך נכבד! אזוי ווי איך לעז די „שוחטים שטימע" פון דעם ערשטען טאג וואס איז ערשיענען, בעט איך מיר ערלויבען צו פרעגען עפעס אייער ווערטהען פעליעטאניסט, דעם הלץ הגדול והנורא, אמת, אין מקשין על הלץ, נור ווען ער באפט איבער די מאס מוז מען איהם באמערקען. אין דעם לעצטען נומער „שוחטים שטימע" האט זיך אייער פעליעטא־

פראַצעס און איבערציינגען אַז דער תלמוד ערלויבט אידען צו מאָרדען קריסטען.

א ווילדער אומגעלומפערטער עקעלהאַפטער ליגען, וואָס נור אַזוינע ניט נאָרמאַלע מענשען ווי אַנטיסעמיטען זיינען, קענען אויסטראַכטען אַזאַ בלבול אויפ'ן תלמוד. וועלכען מען האָט פיעל מאָל געברענט אויפן פייער צוזאַמען מיט'ן אידישען פאָלק, דורך גיפטיגע שנאה פון אַנטיסעמיטיזם אין אַלע צייטען און אין אַלע לענדער.

זעקס הונדערט יאָהר אידישער לעבען און שאַפען ליגט באַהאַלטען אין תלמוד. א איד אָהן תלמוד איז קיין איד ניט, די אידישע נשמה און דאָס אידישע גייסט ליגט באַהאַלטען אין תלמוד. דער תלמוד איז אַן אוצר פון ריינע הייליגע מענשען ליבע. איר האָט נאָך ניט אין קיין בוך און אין קיין ספר אין דער וועלט אַזוי פיעל מאָראַל און עטיק, מענשען ליבע און גוטע מדות ווי עס געפינט זיך אין תלמוד. באַזוכט די אַלע פלעצער וואו עס האַלטען זיך אויף מערדער, רעקעטירער, גענגסטער, אַלערליי פאַרברעכער און איר קענט זיכער זיין אַז זיי האָבען ניט געלערענט דעם תלמוד!...

ווען ניט דער תלמוד וואָלטען אידען שוין לאַנג אויף דער וועלט ניט געווען, מיר וואָלטען זיך אַסימילירט און אינגאַנצען אונטערגעגאַנגען. דער תלמוד האָט אונז געהאַלטען מאָראַליש און עטיש הויך, אַלס אַ גייסטיגע פאָלק צווישען אַמאָליגע ווילדע באַרבאַרישע פעלקער, ניט דער תלמוד וועט שטעהן צום משפט. נור די אַנטיסעמיטען פון קאַנאַדאַ צוזאַמען מיט דעם וויים פרעזידענט פון דאָרטיגען פאַרלאַמענט, וועלען שטעהן צום משפט.

און זיי וועלען מוזען אָפּגעבען דין וחשבון פאַר'ן אידישען פאָלק, און פאַר דער וועלט געוויסען, וואָרום זיי האָבען געוואָנט אַרויסקומען מיט אַ שרעקליכען עקעלהאַפטען בלבול אויפ'ן אידישען פאָלק און אויף זיין הייליגען אוצר — דער תלמוד!

---

## אזהרה גדולה מאגודת השוחטים דפעטערסאָן

די פאָלגענדע אזהרה איז צו אונז צוגעשיקט געוואָרען פון פעטערסאָן. די אזהרה רעדט פאַר זיך אַליין און נויטיגט זיך נישט אין קיינע פירושים.

„מיר די אגודת השוחטים דפעטערסאָן, ניו דזשוירזי, וועלכע שליכט איין אַלע שוחטים אין פעטערסאָן, זיינען מזהיר, אַז קיין שוחט טאָר ניט קומען אין פעטערסאָן משיג גבול זיין, ווייל אַפאַר מחרחרי ריב ווילען צוברעכען די עקזיסטענץ פון די היגע שוחטים דורך מזלזל מקח זיין.

אויך גיבען מיר מיט דעם אַן אזהרה צו חזנים, אַז זיי זאָלען ניט קומען אויף פראָבע, ווייל מען האָט נאָך ניט געסעטעלט מיט דעם אַלטען חזן אין עניני ממונות.

אגודת השוחטים דפעטערסאָן, ניו דזש.

מיר זיינען זיכער דאָס קיין שוחט וועט ניט קומען נאָך פעטערסאָן משיג גבול זיין די דאָרטיגע אגודת השוחטים, און קיין שוחט וועט ניט וואַגען צו ברעכען די עקזיסטענץ פון די פעטערסאָנער שוחטים דורך מזלזל מקח זיין.

---

ניסט שטאַרק צעוויינט אויף דעם חורבן פון אונזערע תלמוד תורה'ס און איז געקומען צום באַשלוס אַז מיט דעם וואָס די „אגודת המורים" האָט זיך אָנגעשלאָסען אין די אידישע געווערקשאַפטען איז אויס תלמוד תורה'ס, און דער אידישער חנוך וועט חרוב ונחרב ווערען, וויל איך פרעגען, זערטהעהער לין, מיט וואָס איז די אַמעריקאַן פעדערייזשאַן אָף לייבאָר בעסער ווי די אידישע געווערקשאַפטען? איר ווייסט געוויס, אַז די „אגודת השוחטים" איז אָנגעשלאָסען אָן דער אַמעריקאַן פעדערייזשאַן אָף לייבאָר, איז דורך דעם די כשרות אין שחיטת עופות ערגער געוואָרען? גראַדע פאַרקערט; זינט דער שוחט איז אינדעפענדענט און דאַרף ניט שטעהן פאַר זיין באָס בעבדא קמי מרא, איז די שחיטה אין די מאַרקעטס פיעל בשר'ער און שענער ווי געווען, דאָס זעלבע וועט זיין ווען דער לעהרער וועט פיהלען אַז ער דאַרף ניט ליגען אונטער דעם פאַנטאָפעל פון יעדען דירעקטאָר, סעקרעטאַר פון ת"ת אָדער זאָגאַר שמש פון ת"ת. דאָס וואָס איהר שרעקט זיך אַז דער „פאָרווערטס" הקדוש וועט האָבען די השגחה איבער דעם חנוך, קען איך אייך פאַרזיכערען, אַז דער „פאָרווערטס" וועט אַזוי האָבען צו זאָגען וועגען חנוך וויפיעל ווי. גרין אָדער סעמיז וואָהל האָבען צוזאָגען וועגען שחיטת עופות. האָפענדיג אַז איהר וועט געבען פלאַץ פאַר דיזען בריעף אין דער „שוחטים שטימע", פאַרבלייב איך ברגשי כבוד אהרן פאַפיש".

מיין ענטפער אויף דיזען בריעף מוז זיין קורץ און שאַרף ווי מעגליך. די שוחטים מוזען האָבען אַ יוניאָן, און די לעהרער בפירוש ניט. וואָרום? דער שוחט אַרבייט זיין מלאכת הקודש ביי אַ פריוואַט מאַן, דער משיקען מאַרקעט איז אַ פריוואַט ביזנעס אָנגעפיהרט פון אַ יחיד, זוען די שוחטים האָבען ניט געהאַט קיין יוניאָן, זיינען זיי געווען הפקר און פאַרשקלאַפט צו אַ יחיד, וועלכער האָט געמאַכט געלט דורך זייער אַרבייט, און די שחיטה האָט דערפאַר ניט געקענט זיין כשר ווי שוחטים האָבען געוואָלט, די יוניאָן האָט דערפאַר געהאָלפען דירעקט און אינדירעקט צו פאַרבעסערען די לאַגע פון דעם שוחט און אויך דעם מצב הכשרות. די העברעאישע לעהרער אָבער האָבען ניט צו טאָן מיט קיין יחיד וועלכער מאַכט ביזנעס דורך זיי. די תלמוד תורה'ס זיינען ניט קיין פריוואַטע משיקען מאַרקעטס נאָר קהל'שע הייליגע אַנשטאַלטען וועלכע ווערען אויפגעהאַלטען דורך די שוהל אידען וועלכע ווילען יעצט ניט שטיצען תלמוד תורה'ס ווען עס לעהרער האָבען צו טאָן מיט דעם „פאָרווערטס" און מיט די געווערקשאַפטען, פאַרשטאַנען הער פאַפיש?...

די גאַנצע אידישע פרעסע, ווי אויך דער „פאָרווערטס" האָבען זיך אַרויסגעזאָגט געגען אַזאַ פאַראייניגונג, זוויל דער שדוך איז ניט קיין גלייכער, און דער זיווג וועט ניט עולה יפה זיין. הלואי, רבונו של עולם!....

# בריעף פון שוחטים

## דער מצב פון שוחטים און כשרות אין אמעריקא

ווערטהער רעדאקטאר!

ווי לאנג וועלען מיר שוחטים שווייגען? עת לדבר! ס'איז געקומען די צייט צו רעדען און צו אויפטאן ממשות'דיג פאר די שוחטים פון לאנד. מיין מיינונג איז, אז מיר שוחטים פון די מאונטעינס דארפען תיכף נאכ'ן סעזאן רופען א מיטינג פון די אלע מאונטעינס שוחטים אום צו מכין זיין זיך צו די גרויסע שוחטים קאנווענשאן, וועלכע מיר אלע ערווארטען אז עס זאל גערופען ווערען ביי די ניריארקער אגודת השוחטים. אויף די אלגעמיינע גרויסע שוחטים קאנווענשאן וועלען מיר דארפען קלאר מאכען די אלע פראגען און פראבלעמען פון די שוחטים, וועלכע מען קען ניט שרייבען מיט אלע איינצעלהייטען פאר די עפענליכקייט. מיר וועלען פילייכט מוזען רופען גרויסע מאס מיטינגען, אויפקלערען דעם ברייטען עולם און באסענען די אידישע וועלט מיט אונזער שלעכטע לאגע וועלכע ווערט ערגער פון טאג צו טאג. מיר מוזען צוזאמען מיט די רבנים ברייגען ארדענונג אין כשרות, ניט ווי יעצט וואו א האטעל קיפער אדווערטייזט אז ביי איהם איז „סטריקטלי" כשר און באמת איז נאר דער עסען פון בארעל קאטשקעס מיט טריפה ריפען און כדומה טריפות ונבלות, און מיר מוזען אויך ברייגען ארדענונג צווישען זיך אליין, מיר דארפען וויסען ווער איז ווער? אויב א שוחט איז ניט ווי א שוחט בעדארף זיי, ער הערט ניט רבנים, איז ניט מקיים א פסק בית דין, איז מסיג גבול, איז ניט ראוי לאיצטלא זו, מאכט א במה בפני עצמו, מאכט זיך פאר א רב, ווייזט קיינעם ניט דעם סכין של שחיטה, און טוט אפ מעשים תעתועים, דארף זיין ש ח י ט ת ו א ס ו ר ה.

און דערפאר איז נויטיג צו רופען א קאנווענשאן פון אלע שוחטים פון לאנד, צו גרינדען דארט א גרויסע שטארקע לאנד ארגאניזאציע, און ערשט דאמאלסט וועלען צו אונז צושטיין די אמת'ע רבנים, די גדולי הדור, וועלכע ווילען כשרות ב א מ ת. און דאמאלסט וועט אויפגעהויבען ווערען דער פרעסטיזש פון די שוחטים און רבנים, צו דער רב וועט ממלא זיין באמת דעם רצון הבורא, וועט דער שוחט ממלא זיין דעם רצון הרב, און די אידישע וועלט וועט דאן רעספעקטירען אי דעם רב אי דעם שוחט.

מיין מיינונג איז אז די שוחטים פון די מאונטיינס זאלען זיך פארזאמלען באלד נאך לייבאר דעי, אין ליבערטי אדער וואודרידזש, פאלסבוירג אדער מאנטיסעלא. זאלען די שוחטים לאזען גלייך וויסען דורך אונזער צייטונג „די שוחטים שטימע" וואו מיר זאלען אפהאלטען אונזער ערשטען מיטינג בעפאר די גרויסע אלגעמיינע קאנווענשאן.

באהבה ובחבה לחבירי השוחטים,

זלמן בער מאנאריק, שו"ב פה וואודרידזש, נ. י.

---

לאגודת השוחטים בנויארק רבתי — שלום שלום לרחוק ולקרוב!

איך בין פאלשטענדיג איינשטימיג מיט אייך אז עס איז זעהר נויטיג און וויכטיג צו רופען א קאנווענשאן פון אלע שוחטים פון אמעריקא און קאנאדא. עס זאל דארט געגרינדעט ווערען אן א ג ו ד ת ה ש ו ח ט י ם ד א ר צ ו ת ה ב ר י ת ו ק נ ד ה, ווייל נור דורך די פאראייניגונג פון אלע שוחטים צוזאמען וועט מעגליך זיין צו פארבעסערען דעם מצב פון שוחטים און דעם מצב הכשרות.

און איך גלויב, אז כל זמן איינער רופט זיך שוחט, און האט קבלה, איז ער אונזערער א ברודער, און ער קען אריין אין דער אגודת השוחטים פון אמעריקא. און מיר, שוחטים, מוזען פארשטיין אז דער דין פון יורה דעה א' „ולכן נוהגין שאין אדם שוחט אלא אם כן נטל קבלה מחכם", מיינט ניט אז דער „חכם" דארף דוקא זיין א רב אין יוראפ, אין ארץ ישראל, אדער פון אגודת הרבנים, „דגל", „כנסת" אדער אנדערע רבנים. איך גלויב אז יעדער רב מובהק האט א רעכט צו געבען קבלה, געוועהנליך, איך שטים איין מיט דעם פארשלאג פון הרב י ו ס ף ד ו ב ה ו ר ו ו י ץ פון סאנט פאול „שכל שו"ב ורב לא יתנו קבלה לשום איש אם אין לו קבלה מהרב דעירו", דאס איז ווירקליך גוט, כדי צו פארהיטען אז א איד וואס כל ימיו איז ער געווען א מחלל שבת, און פלוצים ווערט ער א שוחט אויף די עלטערע יאהרען, אבער ווען דער שוחט האט א בריעף פון זיין שטאדט רב קען יעדער רב געבען קבלה און עס מאכט ניט אויס צו וואס פאר אן אגודה ער באלאנגט אבי נור ער איז א רב מובהק, און עס מאכט אויך ניט אויס, לפי דעתי, דורך וואס פאר א ספר ער איז געווארען שוחט, צו דורך דעם יורה דעה אדער „בית דוד", „אהל יצחק", אדער גאר אזוי ווי איינער האט זיך אויסגעדריקט אין „די שוחטים שטימע". אז ס'איז פאראן שוחטים וואס לערנען הלכות שחיטה פון זשארגאנישע ספרים, אויב עס איז טאקי פאראן אזעלכע ספרים ווי יענער שרייבט, און זיי זיינען אנערקענט ביי מורי הוראות בישראל, ווארום ניט לערנען פון זיי? ווייל נאך אלעמען

געפינען מיר דאך אין יורה דעה „אם הוא לפנינו צריך לבודקו אם הוא מומחה ויודע הלכות שחיטה". און עס מאכט ניט אויס ווי אזוי און פון וואס ער ווייס הלכות שחיטה!

און וואס קומט ארויס אז א שוחט לערענט מסכת חולין מיט תוספות רא"ש, רמב"ם, אלפסי, טור און בית יוסף מיט יורה דעה און אחרונים, און קיין יראת שמים איז ניטא?! ווי מיר זעהען בעונותינו הרבים שוחטים וואס „שייווען" זיך מיט „רייזערס" און נאך אזוינע זאכען וואס א פראסטער געווענהליכער פרומער איד וועט דאס בשום אופן ניט טאן?!... לכן, ווען א שוחט האט נאר יראת שמים און האט ניט אויף זיך קיין פסול ווי חלול שבת ח"ו וכדומה, און ווייס הלכות שחיטה קען ער גאנץ גוט זיין אונזערער א ברודער און א חבר צו די אגודת שוחטים פון אמעריקא.

דורך די שוחטים קאנווענשאן וועט באשאפען ווערען די געווינשטע פאראייניגונג פון אלע שוחטים פון אמעריקא און עס וועט זיין שלום ביי אונז אלעמען. אמן.

אייער ברודער,

מיכאל בן הרב ר' נחום שו"ב. יליד א"י.

---

ווערטהער רעדאקטאר!

מיין מיינונג איז אז א קאנווענשאן פון אלע שוחטים פון לאנד מוז גערופען ווערען אזוי שנעל ווי מעגליך אין ניו יארק. און ביי אט די ערשטע גרויסע היסטארישע קאנווענשאן מוז געגרינדעט ווערען אן אגודת השוחטים פאר אלע שוחטים פון לאנד. און יעדער שוחט מובהק מוז באלאנגען צו דער גרויסער „אגודת השוחטים פון אמעריקא און קאנאדע".

עס איז אויך זעהר נויטיג און וויכטיג, אז עס זאל אפגעדרוקט ווערען הלכות שחיטה אין אידיש, ניט בקיצור נור טאקע מיט אלע פרטים ופרטי פרטים פון די גרעסטע פוסקים ראשונים און אחרונים, כדי אז אפילו די יעניגע שוחטים וועלכע זיינען ניט קיין לומדים און פארשטעהען ניט גוט קיין לשון קודש זאלען קענען לערנען הלכות שחיטה ובדיקה והלכות טריפות או אפילו אנדערע דינים פון איסור והיתר אלעם אין א גוטען פארשטענדליכען אידיש, ווייל אין די קליינע קאונטרים פון אמעריקא מוז דער שוחט אויך פסקנ'ען דינים, און א ספר אין אידיש וואלט איהם זעהר גוט צונוץ געקומען.

מיט ברודער גרוס צו אלע שוחטים

בכל מקום שהם

גדליה אברהם דווארקין

---

## א באזוך ביי א מיטינג פון די שוחטי עופות אין שיקאגא

אין די אינטערעסען פון מיין „זכרון שמואל" האב איך באזוכט יום ג' פ' אמור אן אלגעמיינעם מיטינג פון „אגודת שוחטי עופות".

און איך רעכען, אז עס איז ווערטה דאס צו פארצייכענען אין דער פרעסע דער פאקט אליין, אז שוחטים קלייבען זיך צוזאמען און פארהאנדלען זייערע אייגענע אינטערעסען, וואס דאס מיינט אויך פארבעסערען עניני כשרות, איז זעהר און זעהר א דערפרעהענדע ערשיינונג אין דעם לעבען פון די העוסקים במלאכת הקודש. די פאראייניגונג פון די שוחטים האט שוין פון לאנג געדארפט קומען, נאר ווי דער שפריכווארט זאגט, בעסער שפעטער ווי גארניט ווען עס איז. דער מיטינג איז געפירט געווארען כמתוקנים שבהם: א פרעזידענט, א סעקרעטאר און אפיסערס. דער פרעזידענט עפענט דעם מיטינג, מען מעלדעט זיך צום ווארט, און עס געהט אן א לעבעדיגע דעבאטע וועגען טאג־טעגליכע פראגעס אין דעם לעבען פון די שוחטי עופות.

עס איז אויך געווען א חזיון וואס עס איז מרנין את הלב צו הערען און זעהן ווי די אגודה האט זיך תיכף אפגערופען אויף דעם אפיל וואס הרב אלשוואנגער נ"י האט געמאכט פאר איינעם א תלמיד חכם, און האט גלייך באשטימט א באדייטענדע סומע צו העלפען, באגלייט מיט דברי פיוסים פון דעם פרעזידענט מר בעסקין נ"י. אלעס איז צוגעגאנגען ערדעל און שעהן, ווי עס פאסט פאר מענשען וועלכע טראגען אויף זיך דעם דגל הקודש. און זאל די אגודת שוחטי עופות פון שיקאגא זיין א מוסטער פאר אלע אנדערע שטעדט אין אמעריקא, אז נאר אחדות קען ראטעווען די סיטואציע פון שוחטים און אויך פון שחיטה זעלבסט. די צייט איז שוין לאנג געקומען.

שמואל הלוי פיין, רב בדעטראיט.

---

## חלול שבת בשוק העופות

ב"ה, ערב ר"ח אב.

לכבוד הרב הגאון ר' ש"ל הורוויץ, עורך „שוחטים שטימע" ו„השומר".

בהיותי אחד מבעלי שוק העופות, הקוראים את „קול השוחטים", ארהיב בנפשי עוז לפנות אל כבודך כלאחד מהרבנים העומדים על משמרתם, לעצור בעד נבלה אשר שמה קן לה במסחר העופות בנויארק רבתי.

כמעט כל בעלי שוק העופות הנם יהודים שמחללים את השבת בפרהסיא, הם שוחטים את העופות ושמים אותם במים רותחים על האש, ומוכרים אותם לנכרים בכל יום השבת, ובערב, אחרי שקיעת החמה, סומכים על אנשים כאלה שהם בחזקת כשרות ולקנות מאתם עופות, על חזקתם שנשחטו כדין, שומו שמים! הלא דין מפורש הוא והלכה ברורה היא: כל המחלל את השבת בפרהסיא, הרי הוא כמומר לכל התורה כולה?!

ובהיות כת"ר עורך הירחון, חובה קדושה מוטלת עליו להציע את הדברים האלה לפני קהל קוראי העתון, שהם רבנים שובי"ם ובני תורה, ולך ולהם המשפט.

בברכת התורה והאמת, ז. א. ה.

# מיין חלף׳ס טענה

פון הרב הלל יעקב הורוויץ גאלוועסטאן, טעקסאס.

(חלום בחקיץ.)

קומענדיג אין אמעריקא באלאדען מיט האפענונגען אויף א גוטער צוקונפט, האבענדיג די היילינע פּראָפעסיאָן פון א שו״ב מומחה ומוחזק, באזיצענדיג קבלות פון גרויסע אייראפּאישע גאונים און אויך שטיצענדיג זיך אויף מיינע תלמודישע ווי אויך וועלטליכע קענטניסע. דאס אלעס האט מיר געגעבען האפענונג דאס איך וועל זיכער קריגען אנערקענונג און א גוטע שטעלע. לײדער אבער נאך פיעלע וואכען פלאגעניש און זוכעניש, צווישען פאַרשיעדענע שלאכטהייזער ווי אויך ביי רבנים, האט זיך פון מיינע האפענונגען גאר נישט אויסגעלאזט. איך בין געווארען פארביטערט און שרעקליך ענטוישט. האב איך באשלאסען איינצופאקען מיינע חלפים מיט די קבלות, און אוועקלייגען זיי עד שיבא המשיח, און לערנען זיך א פשוטע מלאכה פון וועלכער איך זאל קענען מאכען א לעבען. האב איך זיך גענומען פאר מיינע חלפים אויף וועלכע איך האב אזוי פיעל מיה געגעבען צו שארפען און גלעטען זיי, און האב אנגעהויבען איינפאקען און באהאלטען זיי לזכרון.

ערשט איך דערהער א מיטען זיפץ מיט א פארשטיקטען קול „אוי!!״ איך קוק זיך ארום אין אלע זייטען צו הערען פון וואנען עס קומט דעם קרעכץ, אבער איך זעה קיינעם נים. אפשר דוכט זיך עס מיר, — טראכט איך, — דער „אוי״ קומט ווארשיינליך פון מיין אייגענע הארץ, ער האט זיך אינסטינקטיוו ארויסגעריסען. אבער א צווייטער, מעהר דייטליכער קרעכץ באגלייט מיט א הארצרייסענדיגער שניידענדער שטימע וואס זאגט:

— וואס קוקסטו זיך אזוי ארום? איך, דיין חלף קרעכץ, איך, דיין חלף רעד יעצט צו דיר, גלויבסטו אפשר נים? דענקסטו אז א חלף קען נים רעדען? דו גלויבסט דאך, אז פון א שטעקען קען ווערען א שלאנג, און פון א שלאנג א שטעקען. דו גלויבסט דאך, אז אויף א שטעקען קען איבער א נאכט אנוואקסען מאנדלען. דו גלויבסט דאך, אז אויך אן עזעל קען רעדען א שלאנג קען רעדען, איז אויב אזוי, מא ווארום זאלסטו נים גלויבען אז אויך א חלף קען רעדען?!

אהא, נאך ווי אזוי קענען מיר חלפים רעדען! שארפער און דייטליכער ווי די בעסטע רעדנער... אלזא הער זיך צו מיין פריינד, ווארף מיך נים אוועק, דו האסט אויף מיר צופיעל מיה געלייגט, דו האסט מיט מיר גענוג גע׳שחט׳ן עופות, קעלבער, שעפסען, אקסען א. ז. וו., מא האלט זיך ווידער מיט מיר, און זועסט איה״ש ווייטער שניידען. שאף און רינדער, און אויב דו דענקסט אז ביי אן אנדער פּראפעסיאן דארף מען נים קיין חלפים האסטו, בטחילת א טעות: ווען דער ארבעטער נים האלטען דעם חלף, ווען עס דער באס האלטען, און ער וועט שניידען מיט איהם לינקס און רעכטס, ער וועט שניידען די פרייזען, שניידען די שבירות, ער וועט שניידען די הוים. אויב דו ווילסט פיעל ווייניג האבען ערפאלג, ראט איך דיר; האלט זיך אן מיר און באנוץ זיך מיט מיר ביי יעדע געלעגענהייט און אין אלע צייטען.

איבערראשט פון מיין חלף׳ס שארפע שניידענדע שטימע, האב איך דאך געענטפערט:

— ניין! האסט א טעות, דו רעדסט לוים דיין קאלטע נאטור, נאך דיינע בלוטדורשטיגע געפילען, אבער איך גלויב אין מענשליכקיים, אין שטילע רוהיגע, פריעדליכע און פריינדליכע באנעהמונג פון מענש צו מענש.

— בא, בא, בא!! — האט זיך דער חלף שארף פארנאנדערגעלאכט. — פריעדליכע און פריינדליכע מענשליכע באנעהמונג? אט דעריבען, מיין נאאיווער פריינד ליגט דיין טעות, דעריבען איז דיין שוואכקיים וואס דו גלויבסט אין די הויך קלינגענדע ווערטער. און אויב דו ווילסט זיך מיט מיר נים באדינען וועסטו זאגאר אויף בפרות אויך נים טויגען... דו גלויבסט אין מענשליכקיים, אין אידעאלע ברידערליכקיים, וואס אהן מיין שניידענדע אפעראציאן איז עס אוממעגליך. זאגאר די תורה הקדושה, הייסט אויך מאכען אן אפעראציאן אויף דאס מענשליכע הארץ, אום דאס הארץ זאל ווערען גוט, ווייל זי זאגט: ו מ ל ת א ת ע ר ל ת ל ב ב ך, ד. ה. זאלסט בעשניידען די פארשטאפונג פון דיין הארץ וועסטו נים זיין אפהענגיג. ווייסטו דען נים די אורזאכע פון דעם הויך ציוויליזירטען פּראגרעסיווען וועלט קריג.. און יעדע קריג וואס איז געווען, איז, און וועט זיין, איז נים מעהר ווי בירורגישע אפעראציאנען אויסצושניידען די אפענדיקסעס אדער אי קאנסערס פארצעהרונג, וועלכע פאראורזאכען גרויסע לייב שמערצען און פארגיפטען דעם מענשליכען ארגאניזם, און מען מוז עס אויסשניידען און אויסרייניגען די באצילען א שטייגער ווי צאריזם, יונקעריזם, היטלעריזם, בארבאריזם, אבאקראטיזם, א. ז. וו. און אט דיזע צנועה׳דיגע, היילינע, ליבהארציגע בע׳צלם׳טע שוועסטער „מ ל ח מ ה״ וועט שאפען אן אמת׳ען אלגעמיינעם דעמאקראטיזם, און ווער, דענקסטו, וועט עס אלעם אויפטאן, אויב נים איך, — איך מיט מיינע שטאלענע חברים. די ביקסען, די שווערדען, די שפיזען, די קאנאנען א. ז. וו.. דארום האלט זיך, מיין פריינד, אן מיר!

— ניין! — האב איך אויסגעשריען, — דאס איז פאלש! איך האלט נים פון אזא דעמאקראטי, וועלכעס ווערט דיקטירט מיט א חלף אין האנד. איך האס אזא פרידען וואס ווערט ארויסגעדינגערט מיט הארמאטען שטיקען און פילט אן די לופט מיט גיפטיגע גאזען. ניין, א חלף איז נים קיין מלאך השלום. די תורה הקדושה זאגט אן דאס זאגאר דער מזבח האט געדארפט ווערען געבוים אן אייזען, און ווען מיר געהען בענשען מוז דער מעסער פון טיש אוועקגענומען ווערען, און דער נביא זאגט: לא בחיל ולא בכח כי אם ברוחי אמר ה׳,

ניט מיט ארמייען, ניט מיט פיזישע קראפט, נאר מיט געטלעבקייט דארף געשאפען ווערען פרידען...

— יא, מעגליך, אז דו וואלסט געוועז גערעכט, — האט מיר דער חלף געענטפערט, — ווען די וועלט וואלט אזוי געטראכט, אבער מיר זעהן דעם געגענטייל. דארף מען דען מאכען אן אפעראציאן ווען מען קען היילען א קראנק דורך מעדיצין? דארף מען דען האבען א בעסערען מיטעל צו שאפען אן אמת׳ען פרידען אויף דער וועלט, ווי דער מיטעל וואס דער געטליכער נביא ישעיהו האט געגעבען? נעמליך: „וכתתו חרבותם לאתם וחניתותיהם למזמרות, ולא ישא עוד גוי אל גוי חרב ולא ילמדו מלחמה.“ ד. ה. ווען אלע פעלקער וועלען פארניכטען זייערע מארד אינסטרומענטען, און אנשטאט דעם צו שאפען מעהר טעכנישע קולטורעלע געציייג, די זעלבע לעהרע, די זעלבע אגיטאציאן פון עקאנאמיע, אום מען זאל קענען אנפיטערען דעם הונגעריגען קריגס גאט, וועלבער פארצערט ביליאנען דאלערס וואס ווערט ארויסגעזויגען פון די ארימע מאסען, די ביליאנען דאלערס וואס ווערען געאפפערט אויף׳ן אלטאר פון דעם אפגאט מארס, דער מאדערנער מולך, וועלבער פארמעהרט הונגער, נויט, דלות, קראנקהייטען, וואהנזין, קאליקעס און זעלבסטמארד. די ביליאנען וועלבע פארוואנדלען די וועלט אין א גרויסען גהינום־האספיטאל, האבען זיי דאך געקענט שאפען די וועלט צו זיין ווי א גן עדן, וואו יעדער מענש וואלט אויסגעלעבט זיינע יאהרען, אין רוה און פרידען, אבער מען וויל עס ניט טאן, ווייל זיי גלויבען בעסער אין עשו׳ס ברכה, אין דעם ועל חרבך תחיה. אונזערע הערשער, אונזערע פיהרער און קאפ מענשען האבען געענדערט די געטליבע צען געבאט, זיי האבען די לא׳ס אראפגעווארפען און ס׳איז געבליבען תרצח! תנאף! תגנב! א. ז. וו. און הפנים אז די אלגעמיינע מאסע איז איינפארשטאנען מיט די ענדערונגען.

אויב דו ווילסט מיר ניט גלויבען, אט שווים זיך דורך אביסעלע מיט דער שיפעלע פון דיינע נאבעלע רעיונות אויף דעם נאך ניט פארטריקענטען בלוט־ים פון דיינע געפאלענע מיטמענשען. טראג זיך מיט די נייע לופט שיפען איבער׳ן אריענט, וואו דאס בלוט איז נאך פריש אוןווארעם און וואו די לופט איז אנגעפילט מיט עקספלאדירענדע שטאפען, און פרעג די בלוט אטאמען, וואס האט זיי געצוואונגען צו זייער פארניכטונג, ווער האט געטריבען די באזיצער פון יונגע שטארקע לעבענס וועלבע האבען געקענט זיין נוצליבע לעבענס שאפער, צו ליגען יעצט טויט, קופעס הרוגים, באמיסטיגען די אזיאטישע פעלדער און וועלדער און זעטיגען די חיות, ווערים און שלאנגען און פארפעסטען די לופט און שפרייטען עפידעמיעס?

— דו ביזט דאך א שוחט, האסטו דאך געזעהן, ווי א גרויסע סטארע אקסען, וואס. דאכט זיך, מיט אבריק פון די פיס קענען זיי צוטרעטען דעם שטארקסטען מענשען, מיט א שטאך מיט די שארפע הערנער קענען זיי דורבלעכערען די געדערים פון גרעסטען ריעז. און דאך ווערען דיזע מאסע אקסען געטריבען פון א קליין יונג פאסטוכל, און זיי לויפען פאר איהם אין שרעק און ציטערניש צום שלאכט הויז. אט אזא סטאדע אקסען זיינען עס די מענשען, זיי באזיצען קראפט און מאכט צו שטעלען זיך געגען יעדען זאגענאנטען פאסטוך און דאך לאזען זיי זיך טריבען פון איינצלנע קליינע אבער גרויסע חוצפה׳דיגע מענשעלעך, וועלבע הייסען זיי זיך אליין שטיי־סען, רייסען, בייסען, שעכטען, ברעכען, טויטען און פארניכטען, און די מאסע, דער „עולם־גולם“ פאלגט, ווייל א י ד ת ל ף ה ע ר ש. דיינע אויפגעקלערטע, דיינע פרעדיגערס, דיינע ישעיה׳ס, מיכה׳ס א. ז. וו. די אלע טרוימער פון מענשען ליבע, פון אחדות, דיינע מאדערנע שלום פרעדיגער און ערמוטיגער, וועלבע לערנען דיך צו קעמפען געגען דעספאטיזם און ניט שרעקען זיך פאר קיינע באהערשער, נאר האלטען זיך פעסט ביי דעם פרינציפ, אט די אלע בראווע לעהרער זייגען שוין לאנג טויט, געפאלענע קרבנות פאר זייערע אידעאלען, און די וועלבע לעבען נאך לויפען אין שרעק צו באהאלטען זיך פון די שוחטים מיט די חלפים, און סוף כל סוף וועלען זיי דאך פאלען קרבנות פון האוויצערס, פון גאזען, פון סאבמארינס און אנדערע מלאכי חבלה. חלומות, חלומות, מיין פריינד, זייגען דיינע אידעאלען, אז דורך אויפקלעהרונג, דורך ציוויליזאציאן, דורך אסימילאציאן, דורך „גוד וויל“, רבי־גלת דרשות וועט די מענשהייט אוועקווארפען איהר ברוטאליטעט. אדרבה, וואס מעהר געבילדעט, איז מען מעהר בעסטיאליש. אמאל האט מען געקעמפט מיט פייל און בויגען, און מיטשיינס געזאגט, וואס האט מען געקענט אויסטויטען. הייגט אבער, איין שאס דורך איין האוויצער, און טויזענדער פאלען טויט צוקריפעלט, שטעדט ווערען חרוב, פעלדער פארוויסט, און טאמער איז ווייניג ווארפט מען פון דער הויך טויט און פארניכטונג, שווימט מען אונטער׳ן וואסער, מאכט מען אייך ווייגען, שפרייט מען אויס דם ואש ותמרות עשן. הכלל עס לעבע די ציוויליזאציאן.

און דארום האלט זיך אן מיר חלף, איך בין דער אלהערשער, מיט מיר וועסטו שטענדיג זיגען, באנוץ זיך מיט מיר אנשטאט דרשות. „לא המדרש עיקר אלא המעשה“, שנייד, און וועסט זעהן אז דו וועסט האבען ערפאלג, מען וועט דיר רעספעקטירען, פארווארף מיך ניט, נעם ארויס די שארף־שטיינדלאך און שארף מיך אן, מאקע כדין. חד וחלק, און זיי גרייט צו שניידען...

* * *

א קלאפ אין מיין מיר האט געשטערט דעם ווייטערדיגען געשפרעך, ווייל איך האב מיך אויפגעכאפט פון שלאף און זעה מען האט מיר געבראכט א בריעף, איינלאדענדיג מיך צו פארנעמען א שטעלע אלס שוחט אין א שלאכט הויז...

יהי רצון שיהיו חלומותי עלי ועל כל ישראל לטובה!...

## אונטערזוכען כשרות אין זומער האטעלען

ניט לאנג צוריק האט א קאמיטע פון דער „אגודת הרבנים“ אפגעהאלטען זיצונגען אין וואודריזש און אויסגעהערט די שוחטים פון פיעלע געגענדען אין די „מאונטעינס“. די קאמיטע האט נאכהער באזוכט עטליכע שטעדט אין די קאונטרי פלעצער און אויסגעפונען אז די כשרות לאגע איז דארט זעהר א כאאטישע. און מען האט זאגאר געפינען עטליכע פלעצער וואו מען גיט עסען טרפות.

# שמחות ביי שוחטים

## א גרויסארטיגע חתונה

ר׳ יהודה יואל ראזען, א חשוב׳ער מיטגליד פון די „אגודת שוהטי־עופות דניו־יארק" א באוואוסטער שוחט און מוהל פון די בראנקס, האט צוזאמען מיט זיין פרוי חוה פיינע געפיהרט זייער ערשטע קינד, די געראטענע שעהנע און הויך געבילדעטע טאכטער חנה, צו דער חופה.

דער חתן איז מר. מיכאל בענדעס, א באוואוסטער לאיער, וועלכער האלט א הויכע רעגירונגס שטעלע. ער שטאמט פון א גרויסען רבנ׳ישען יחוס. די חתונה איז פארגעקומען זונטאג, דעם 14טען אויגוסט, אין שעהנעם טעמפעל פון ערת ישראל, אויף גרענד קאנקארס און 169 סטרים. א קאמיטע פון די שוחטים יוניאן באשטעהענד פון די פאלגענדע חברים: רעוו. אליהו מעלצער וויס פרעז. רעוו. טוביה בעלקין עקזעקוטיוו מעמבער, רעוו. יאלעס און רעוו. חיים יהודה הארוויץ, זיינען געווען פארטראטען.

רעוו. א. מעלצער האט איבערגעגעבען א דרשה געשאנק מתנה פון דער שוחטים יוניאן צו דעם יונגען פארפאלק און האט זיי געוואונשען אין זיין נאמען און אין נאמען פון דער גאנצער אגודה פיעל גליק, און אז די עלטערען זאלען האבען פון זיי א סך נחת. אויך די „אגודת המוהלים" זיינען געווען פארטראטען דורך זייער פרעז. רעוו. זיידמאן.

מיר ווינשען זיי גליק, וה׳ יתן את ברכתו על הצמד הנחמד שנצמד ברצונו הטוב, ויאמר לדבק טוב הוא.

## [illegible] בר־מצוה

בשבת פרשת פנחס חגג חברנו הנכבד והנעלה מר אליעזר ניסן ראבינזאהן, את חגיגת בר מצוה של בנו המצוין יצחק יוסף נ"י, בבהכנ"ס „אנשי חברה קדישא", 92 מאאר סט., ברוקלין. הבר מצוה קרא בטוב טעם ודעת את המפטיר וההפטרה, ואח"כ דרש פלפול עמוק בענין אם שבת ויו"ט זמן תפילין או לאו, ובא לידי מסקנא בי שבת ויו"ט לאו זמן תפילין יען כי הם בעצמם אות. אבל בימות החול צריכין אנו לעשות אות, ולכן מקבל עליו לעשות את האות של תפילין וגם לשמור האות של שבת בפי אשר הורוהו הוריו ומוריו.

אחר התפלה הוזמנו כל המתפללים לקידוש היום בבהכנ"ס, ואח"כ נהרו כמעט כל הקהל לבית הבעל שמחה. ועל שולחנות ערוכים במאכלי ערבות ומיני מטעמים ויינות מבושמים קראו לשבת עונג, ובינתים הרבו לבוא הרבה ממכיריו ומיודעיו אשר קטן הי׳ הבית מהכיל ועומדים צפופים ואוכלים ושותים רוחים. החסידים ואנשי מעשה נצחו בנגינות מזמורי שבת. ואחרי אשר אכלו משמנים ושתו ממתקים נפרדו בחיבה יתירה ובברכות מאליפות כי ירוה נחת מכל יוצ"ח מלא חפנים. והבר מצוה יהי׳ בן מסור למסורת אבותיו.

בשם כל המזומנים, ידידו לעד,

חיים אליעזר לוריא, שו"ב.
(איש ירושלים).

## פראפעסאר מאכט וועגען שחיטה און כשרות.

פראפעסאר דר. י. מאכט, פון באלטימאר, האט ניט לאנג צוריק אין א רעפעראט פאר א קאנפערענץ פון די אגודת הרבנים אין אטלאנטיק סיטי, איבערגעגעבען זיינע עקספערימענטאלע ערפינדונגען. ער האט דערקלעהרט, אז ער האט אויסגעפינען, אז בהמות וואס ווערען געהאקט אין קאפ, ענטהאלטען מעהר גיפט ווי די, וואס ווערען געשאכטען, און אויך, אז די בלוטען ביי די ערשטע זיינען לענגער אין לעבען, און דאדורך איז דער צער בעלי חיים מעהר ווי פון שחיטה. אויך האט ער דערקלעהרט, אז פלייש געקאכט אין מילך האט א געוויסען גיפט, און איז שעדליך פאר געוויסע מענשען. בשר עוף בחלב ענטהאלט אביסעל ווייניגער גיפט, אבער האט עטוואס, נור אין 60 מאל אזוי פיעל ווערט די גיפט בטל, פיש אין מילך האט קיין גיפט.

## פערזוך צו פארבאטען שחיטה אין נאטינגהעם, ענגלאנד, פאלט דורך

די שטאדט פארוואלטונג פון נאטינגהעם, ענגלאנד, האט צוריקגעוויזען אן אמענדמענט צו איהר נייער פארארדענונג וועגען באטויבען בהמות, וועלכע האט פארלאנגט אז מען זאל די אידישע פארם פון שחיטה אויסשליסען פון דער פאראָרדנונג און זי איינגאנצען פארבאטען, ווייל זי איז גרויזאם.

די מוניציפאליטעט האט ערקלעהרט, אז זי קען ניט פארבאטען שחיטה, ווייל עס איז נעגען געזעץ.

## שיקט אריין אייערע ברכות לראש השנה

117


# השומר

ירחון מוקדש לחזוק התורה והיהדות לבירור ולבנון שאלות החיים על פי רוח התורה והאומה

יוצא לאור ע"י אגודת שוחטי עופות דניו יארק רבתי במדינת אמעריקא. הרב שמריהו ליב הורוויץ, העורך.


## חשבון הנפש

עבר קציר, כמעט שכלה קיץ, עשינו חשבון הגוף, האמידים ובעלי היכולת שבנו השכימו לכרמים, רחצו את הגוף בים הגדול, שאפו רוח אויר טהור על ההרים הרמים תחת השמים, ובמקומות מרפא שונים, בלו את זמנם בהבלי ותענוגי הזמן והגוף, שקלו את בשרם למען דעת כמה „לטראות" בשר הוסיפו על הגוף בימי הקיץ, וסוד גלוי הוא כששוקלים את „בשרו" של ר' עקיבא אז יוצאה נ ש מ ת ו... וכמה נורא הוא לראות את ר' עקיבא בשעת י צ י א ת נ ש מ ת ו, ו„שוקלים" את בשרו...

הנה עכשיו כשמגיע החודש אלול, שהוא כידוע, מזכירנו את חשבון ה נ פ ש, באומר; די לכם לחשוב חשבונו של הגוף, התחילו לחשוב חשבון ה נ פ ש, כי „הנפש לך, והגוף שלך", „הנשמה לך והגוף פעלך". הבדל גדול ועמוק בין הנפש והגוף, הגוף הוא רק „פעל", אבל הנפש הוא „לך"... ובכן — החודש אלול הוא מזכיר עון להתפש... אלול — אני לדודי ודודי לי, כידוע. על כן יאמרו המושלים על יצרם באו חשבון — באו ונחשוב חשבונו של עולם.

אשרי אדם ה ח ו ש ב את דרכו, מונה את פסיעותיו בדרך החיים, יודע שבילי החיים ואינו תועה בדרכי החיים, אוי לו לאיש שאיננו חושב את דרכו בחיים, חי בלי חשבון, גוף ולא נפש, בשר ולא רוח, „בעל גוף", הוא טפוס נורא ומשונה, ישמרנו האל מבן אדם שהוא בשר ולא רוח.

וכשם שחובה קדושה מוטלת על כל אחד ואחד מישראל לחשוב חשבונו ונפשו הוא, חשבון עולמו, כך חובה מוטלת על כל קהלה ועדה וקבוץ עברי, על כל חבר אנשים, אגודה, כנסיה, הסתדרות, לחשוב חשבון נ פ ש ה כ ל ל, נ פ ש ה א ו מ ה. לדעת להבין ולהתבונן במה שעבר, ולקחת לקח טוב מן העבר על העתיד, העתיד הקרוב והעתיד הרחוק.

הנה בעוד ימים אחדים השופר יבא ויתקע, ורמז גדול יש בו כלומר עורו ישנים משנתכם, „שופר" זה שמתחיל את עבודתו הקדושה בימי אלול וגומר את עבודתו במוצאי יום כפור, הוא — החלוץ העובר לפני העם, מעורר את העם לעבודה קדושה פוריה, כשבאים ההכנות לימים נוראים, ימי הדין והתשובה, הוא התוקע והמעורר את הלב והנפש, והוא מודיע במוצאי יום כפור — שובו לכם לעבודתכם הרגילה, אחרי שבמשך החודש אלול ותשרי התקדשתם והייתם קדושים וטהורים, עכשיו בתור קדושים וטהורים שובו אל החיים, ואז החיים יהיו חיים של קדושה וטהורה ויראת שמים טהורה וכל מדה נחונה.

ימי אלול הולכים ובאים, נשכח את חשבון הגוף, ונזכר את הנפש, ונעשה חשבון הנפש. בימי הקיץ היינו כל

---

בשם ה' אלקי ישראל! ברוכים הבאים!!

## בואכם לשלום שלוחי השלום האמת והצדק!!

הנשיא הנכבד של אגודתנו, המופלג בתורה ויראת שמים טהורה, וכל מדה נכונה ר' י ע ק ב ב ל ו ם, והמזכיר הנכבד של אגודתנו, החרוץ, הפקח והמנהיג הגדול, ר' י ו ס ף ר א ז ע נ מ א ן.

בכליון עינים חכינו לכם, מנהיגים נכבדים וחביבים, והננו מאחלים לכם ברכה מעומק הלב והנפש, בואכם לשלום! חברים ומנהיגים יקרים! והלואי שתזכו לאושר בלי קץ, ועבודה פורית וקדושה לטובת היהדות ולבנין ארצנו הקדושה ולטובת אגודתנו היקרה.

בשם אגודת שוחטי עופות דנויארק רבתי, ובשם מערכת „השומר" ו„השוחטים שטימע",
א ל י ה ו מ ע ל צ ע ר, סגן הנשיא ומזכיר הירחון.

ובשם נחלת השבים,

ש מ ו א ל ק ר א ל ע ו ו י ץ, גזבר של כספים.

118

# מנחם אב

## השקפה חדשית תורנית־ספרותית

מאת הרב שמריהו ליב הורוויץ

**דברי ימי החודש — רמ"ע מפאנו — אר"י הקדוש — שאגת אריה — תשעה באב — חמשה עשר באב —כ"ב אב**

חודש אב הוא החודש החמישי. מזלו א ר י ה, והוא בן שלשים יום. חודש אב הוא אחד מששה חדשים שבהם שליחי בית דין יצאו מירושלים בזמן הבית להודיע לבני הגולה מתי קדשו את החודש, ובאב — כדי שידעו בני חו"ל לקבוע התענית בתשעה בו (ר"ה פ"א, ג') משנכנס אב ממעטין בשמחה (תענית פ"ד, י') אמר רב פפא הלכך בר ישראל דאית ליה דינא בהדי נוי לישתמיט מינה באב דרוע מזליה (שם כ"ט) ועל הדינים הנוהגים בחודש הזה משום אבלות זכר לחורבן הבית עיין שו"ע או"ח סי' תקנ"א.

בחודש זה פטירת אהרן הכהן ע"ה, (במדבר ל"ג ל"ח) ועיין (סדר עולם רבה פ"ט, הערה י"ב, הוצאת ראטנער, ובטןש"ע או"ח ס' תק"פ, (ובשנת ה"א ק"ו היה בחודש הזה גזירת שמד על היהודים שבצרפת (סה"ד). ובב' אב בשנת ג"א תת"ל העמיד טיטוס הרשע ימ"ש את איל הברזל נגד האולם המערבי אשר לחצר המקדש ויהרסהו ששה ימים רצופים (ל"א). ובד' אב פטירת המקובל ר' מ נ ח ם ע ז ר י ה. (הרמ"ע) מפאנו ומנוחתו כבוד במאנטובה ש"פ.

ר' מנחם עזריה מפאנו היה רב פוסק ומקובל והיה תלמידו של המקובל ר' משה קורדיבארי ותלמיד ר' ישראל ברוך בקבלה, ותלמיד האר"י ז"ל, והחליף מכתבי אהבה וידידות עם מרן ה ב י ת י ו ס ף, שהדפיס ספרו „כסף משנה" בעיר ויניציא מקום מגורו של ר' מנחם עזריה ובקש את ר' מנחם עזריה לשום עינו על הדפסת ספרו שיצא לאור בלי שגיאות וכן עשה והשתדל בכל כחו, ויצא לאור הקובץ הראשון בשנת של"ד. הרמ"ע היה ראש ישיבה בעיר ריגיו ואח"כ היה רב במנטובה והשיב שאלות רבות לשואליו במדינות שונות. הוא היה עניו מאד, וכאשר השיב הר"י סאמונה על ספרו „ימין ה' רוממה" בדין הקפת הלולב, השיב בזה הלשון; „שאלת מה אני משיב על לשון מדברת גדולות וצפצופי עופות כנגד מה שנתפרסם בשמי על הקפת הלולב. תשובתי; אני אני הוא החתום בי רבנן מ נ ח ם ע ז ר י ה זה שמי מעביר עון וזה זכרי מוחל עלבון, וזו תשובה נצחת לכל מי שעתיד לכתוב נגד ימין ה' רוממה דידן, כי לא מראש לכבודי דברתי, ובמקום קנטוריא עת לחשות, כי האמת יורה דרכו ליראי ה' ולחושבי שמו, אני שלום וכי אדבר לעשות רצון אבינו שבשמים, כל הנשמה תהלל יה הללויה". הוא חבר ערך שלשים ספרים בנגלה ובנסתר.

בה' אב פטירת רבנו י צ ח ק ל ו ר י א אשכנזי ב"ר שלמה ה א ר " י ז"ל שיצר שיטה חדשה בחכמת הקבלה; נולד בירושלים בשנת רצ"ד ונפטר בעיר צפת שנת של"ב, כשהיה בן ט"ו שנים גבר בחכמתו ובפלפולו בגמרא על כל חבריו, ובהיותו בן כ"א שם כל מעינו בספר ה ז ו ה ר שנדפס אז בפעם ראשונה, והתבודד בקדושה ופרישות בבית מיוחד על נהר נילוס, והיה בא לבית המיו בכל ערב שבת עם חשיכה, ולא היה מדבר עם שום איש רק בדרך קצרה בלשון הקודש, ובמוצאי שבת שב למקום התבודדותו, בהיותו בן שלשים ושש נגלה אליו אליהו ז"ל ואמר לו כי בעוד שנתים יסתלק מן העולם, והגיעה השעה שיעלה לא"י להשיג קדושה עליונה ושפע קודש של חכמה אלהית, ושם ימצא את ר' ח י י ם ו י ט א ל וימסור לו את כל סתרי התורה שלמד, ויעלה ה א ר " י ז"ל לארץ ישראל הוא וביתו ויקבע מושבו בצפת, ור' חיים ויטאל אשר למד חכמת הקבלה מפי ר"מ ק ו ר ד י ו ו י ר א בא אל האר"י לשמוע תורת חכמתו ותדבק נפשו בו ולא מש מאהלו אפילו רגע אחד. בין החברים ותלמידי האר"י היו ה ר מ " ק, ר' ש ל מ ה א ל ק ב ץ מהן ר' י ו ס ף ק א ר ו, ר' מ ש ה א ל ש י ך, ר' אליהו די ווידאש (בעל „ראשית חכמה"), ר' י ו ס ף ח ג י ז, ר' א ל י ש ע ג א ל ד ו א ור' מ ש ה ב א ס ו ל א. והם התחברו לאגודה אחת לשמוע תורה מפי האר"י הקדוש, והאר"י אשר היה כמעין הנובע גלה להם חדושים נפלאים וסודות עמוקים ורובם בדברי הזוהר, והיה מנהגו להתאסף יחד בכל ערב שבת ולהתודות על חטאיהם, והלך עמהם לעיר מירון מקום קבר רשב"י ובנו אלעזר והושיב את תלמידיו במקומות שישבו תלמידי רשב"י ושמעו את האידרא רבה, והיה האר"י משתטח על קבר רשב"י ומכוין ומיחד נשמתו עם

---

כך עסוקים וטרודים בעניני הגוף, עד ששכחנו כי „הנשמה שנפחת בנו טהורה היא". נשוב ונזכור כי נפש יש לנו, נשמת ה', חלק אלוה ממעל, והנפש יש לה צורך במזון רוחני, בספוק הנפש, בתי הת"ת והישיבות שלנו כמעט שנחרבו. חורבן נפש נורא ואיום. חנוך הדור הצעיר נמצא בסכנת מות, ואנחנו מחשים?!... חלול שבת קודש על כל פסיעה ופסיעה, אוכלי טריפות, נבלה ושקץ מתרבים בנו ואין נודר גדר ועומד בפרץ. לא עת לחשות עתה, אנחנו בעצמנו עוזרים בזה לחרבן המקדש שלנו. עת לעשות היא, הבה נעשה חשבון הנפש, חשבון עולמנו, העולם הישראלי הקדוש שעומד על סף החרבן והכליה, נחשבה דרכינו ונשוב אל ה', ואל תקון נשמתינו, ולרפא את מזבח ה' ההרוס!...

שמריהו ליב הורוויץ.

נשמת התנא ומדבר עמו כאשר ידבר איש אל רעהו. ורשב"י היה מגלה לו רזין דרזין שלמד בישיבה של מעלה. בשבת קודש היה האר"י לבוש בגד לבן מקופל ארבעה ויכוין בו השם של ארבע אותיות.

עיקר שיטת האר"י בנויה על ספר הזוהר וקבלה מעשיות. וגלה חדשות בסדר התפשטות והשתלשלות אצילות העולמות העליונים ותחתונים מסוד הצמצום של אין סוף, ומהות עצמות הספירות ויחוסם זה לזה. ר' אלעזר אזכרי אומר עליו; „הרב המקובל מוהר"ר יצחק אשכנזי באשר הופיע עליו רוח הקודש, השיב רבים מעון, כי למדם גודל פגם כל עון בספירותיו של אדון יחיד, ולמד למשכילים התיקון אשר יעשו לנפשם דברי הצומות וזעקתם במספרם כמשפטם ובכונתם הגדולה והחזקה על דרך האמת ע"י שמות הקודש" (ספר חרדים פ"ב) דרכי התשובה כלולים בנוטריקון של השם תשובה: תענית שק ואפר בכיה הספד (ראשית חכמה, שער התשובה, בשם האר"י) תלמידיו כנו שם רבם האר"י ר"ת האשכנזי ר' יצחק, או מפני כי היה „הארי" שבחבורה.

לדברי הרב חיד"א חבר האר"י שיטה על מס' זבחים, ונמצאה ממנו שאלה בדיני שותפות אשר שאל ממרן הבית יוסף (אבקת רוכל סי' קל"ו) גם חבר שירי זמירות לשבת בלשון ארמית ע"ד הקבלה ושמו חתום עליהן, והן „אזמר בשבחין", „אסדר לסעודתא בצפרא בשבתא", „בני היכלא" ועוד „יום זה דר במרומים" פיוט לשחרית ר"ה במחזור ספרד ועוד פיוטים. וחבר עוד; א) דרך אמת, הגהות על הזוהר. ב) זוהר חדש, הגהות. ג) זוהר הרקיע, פרושים. ד) כוונות האר"י ז"ל, סודות וכונות על התפלות ע"ד קבלה. ה) כללות החכמה להאר"י ז"ל, ראשית יסודי הקבלה שלו על עליות העולמות. ו) לקוטי ש"ס, פירוש על מאמרי חז"ל ע"ד קבלה, ז) לקוטי האר"י ח) מבחר שבאבות, על פרקי אבות, ט) מעין החכמה, מפתח וכללים לחכמת הקבלה, י) מרפא לנפש, תקוני הנפש ורפואתה, י"א) סדר לתקון קריאת שמע, י"ב) פירוש על ספר יצירה, י"ג) קול ברמה, פירוש על אידרא רבה וספרא דצניעותא, י"ד) רעמים ורעשים, שתקן האר"י ז"ל לדעת עתידות, ט"ו) שולחן ערוך של האר"י ז"ל, דינים וכוונות וטעמים עפ"י סוד וקבלה בסדר שו"ע או"ח קראקא, ועוד.

באב נפטר הגדול בדורו ר' אריה ליב בר' אשר מחבר „שאגת אריה" (יש אומרים בחודש סיון), היה רב בפינסק ואח"כ ראש ישיבה במינסק, ואח"כ נתקבל לרב במיץ. רבני הדור אשר פנו אליו בשו"ת כנו אותו בשם אריה דבי עילאה, כי היה גדול בחריפות ובקיאות כאחד הראשונים. במיץ היה ג"כ ראש ישיבה והעמיד תלמידים הרבה. וביניהם ר' רפאל הכהן הרב באלטונא ור' חיים מוואלאזין (עיין ההקדמה ב„נפש החיים"). בסוף ימיו כהו עיניו מראות, במותו הספידו בעל „חות יאיר" בספרו חלק „אור יקר" דרוש כ'. הוא חבר „שאגת אריה" שו"ת ק"ח סימנים השייכים לש"ע, ועם הוספות ותשובות בשם חובת קרקע ודיני חדש. וספר „גבורות ארי" על מס' תענית, ו„טורי אבן" ו„אבני מלואים" חדושים על מס' ר"ה, חגיגה ומגילה ועוד. ותשובות בענין גם.

**תשעה באב.** אנחנו מתענים בתשעה באב, כי ביום זה חרבה ירושלים עיר קדשנו ותפארתנו ובית ה' אלהינו נשרף באש פעמים; בימי נבוכדראצר מלך בבל בראשונה ובידי העריץ הרומי האכזרי טיטוס הרשע בשניה. בית המקדש הראשון נבנה על ידי שלמה בן דוד מלך ישראל ועמד ארבע מאות ועשר שנים. ובית המקדש השני נבנה על ידי זרובבל ברשיון מלך פרס ועמד כארבע מאות ועשרים שנה.

בשנה השנית לצאת בני ישראל ממצרים שלח משה עבד ה' שנים עשר איש מן המדבר לתור את ארץ ישראל. וישובו האנשים מתור את הארץ בשמונה לחודש החמישי. ויוציאו האנשים דבת הארץ רעה מאד וישמעו העם ויבכו בלילה ההוא. וידבר משה על לב העם ויוכח להם כי שקר בפי דברי המרגלים וכי טובה הארץ מאד ולא האמינו לו וישובו ויבכו, ויקצוף ה' ויאמר; בכי חנם אתם בוכים בית ישראל, לכן ליל בכי יהי' הלילה הזה לדורותיכם, כי גלה תגלו מעל הארץ בעצם הלילה אשר מאסתם בה. וכאשר דבר ה' כן היתה, כי גם נבוכדראצר גם טיטוס הציתו אש במקדש ה' וישרפו את עיר אלהינו ביום המר והנמהר הזה, היום ההוא הוא יום החרבן לישראל, ראשון לכל ימי גלותינו ועניינו אשר לא כלו ולא תמו עוד זה אלף ושמונה מאות שנה, כחמשים שנה אחרי חרבן הבית השני התקוממו גבורי בני ישראל לפרוק עול רומי מעל צואריהם, וינגפו בתשעה באב ויעברו לאלפים ולרבבות בחרב רומי האכזריה. וכאלף וארבע מאות שנה אחרי כן גורשו בעצם היום ההוא שלש מאות אלף נפש מישראל מארץ ספרד ולא נשארה מהם כי אם העשיריה.

יום חרבן הבית השני הוא היום הרע בכל ימי ישראל מיום היותנו עד היום הזה יום עברה היום ההוא, יום צרה וצוקה, יום שואה ומשואה, יום חושך ואפלה, יום ענן וערפל.

יום חורבן הבית הראשון אשר היה גם הוא בחודש החמישי נקרא כפי הנביאים — צום החמישי.

וחז"ל ברוח קדשם אמרו; מקדש ראשון מפני מה חרב? מפני שלשה דברים שהיו בו, ע"ז, גלוי עריות, ושפיכות דמים. אבל מקדש שני שהיו עוסקין בתורה ומצות ובמגילות חסדים מפני מה חרב? מפני שהיתה בו שנאת חנם (יומא ט').

**חמשה עשר באב** — חג יפה ונהדר בזמן בית שני, ולפי דברי רבן שמעון בן גמליאל לא היו ימים טובים לישראל כט"ו באב וכיום הכפורים, שבהן בנות ישראל יוצאות בכלי לבן שאולין שלא לבייש את מי שאין לו וכו' ובנות ישראל יוצאות במחולות בכרמים. (תענית פ"ד א', כ"ו) מקור היו"ט הוא במגילת תענית ונקרא „זמן אעי כהניא" (במשנה מגילה פ"א „זמן עצי כהנים") שבו הביאו קרבן עצים למערכת המזבח בזמן

בית שני, ואותו היום עשו יו"ט, דלא למספד ביה, מפני כשעלו בני הגולה בראשונה לא מצאו עצים בלשכה, התקינו נביאים שביניהם שאפילו לשכה מלאה עצים יהיו מתנדבים העם עצים ביום הזה, שנאמר „והגורלות הפלנו על קרבן העצים הכהנים והלוים והעם להביא לבית אלהינו לבית אבותינו לעתים מזומנים שנה בשנה לבער על מזבח ה' אלהינו ככתוב בתורה" (נחמיה י' ל"ה, תענית כ"ח), רבה ורב יוסף נתנו טעם להיו"ט בט"ו באב, שבו פסקו מלכרות עצים למערכה, וראיה לדברי ר' אלעזר הגדול שמט"ו באב ואילך תשש כחה של חמה והעצים הנכרתים אינם מתיבשים, ואותו היום קראו „תבר מגלא" לדברי ר' מנשיא. ועשוהו יו"ט להוציא מלבן של הצדוקים שהתנגדו לקרבן עצים מן הצבור, שאינו מפורש בתורה.

ועוד כי יום ט"ו באב הוא יום שהותרו שבטים לבא זה בזה, ויום שהותר שבט בנימין לבא בקהל, אחרי אשר גזרו עליהם במצפה. ועוד הרבה טעמים.

כ"ד אב חג בזמן הבית השני, אחר שנצחו הפרושים את הצדוקים והקימו דין ישראל על מכונו, נגד כח הצדוקים שדנו כדיני היונים כדבר הירושה ואמרו „תירש הבת עם הבן" ודרשו ק"ו „מה בת בנו הבאה מכח בנו (הכח השני של האב) תירשנו, בתו הבאה מכחו לא כ"ש!" אבל ר' יוחנן בן זכאי השיב להם; „מה לבת בנו שכן יפה כחה במקום האחים (כגון בנות צלפחד) תאמר בבת שהורע כחה במקום האחים (ואינה יורשת בין אחיה) ולכן דין הוא שלא תירשנו." ואותו היום שבטלו דין היונים הסותר ד"ת עשאוהו יום טוב (מגילת תענית, פ"ה).

# מכתבי ברכה ועדוד

## מאת הרבנים המפורסמים באמריקה

לכבוד האלופים הנכבדים ראשי אגודת השוחטים דנויארק, עם כל קהל אגודתם יחיו, שלום!

נתכבדתי בעתונם הנכבד, „די שוחחטים שטימע", ו„השומר", ומאד עלץ לבי, לא אוכל לעצור בעדי מלתת לכם את ברכתי ברכת גדא טבא, ומי יתן כי תפקחנה עיני החרדים לראות נחוצת עתון כזה, וכי הוא דבר בעתו, ונחוץ הוא לנו כאויר לנשימה.

ועתה, ידידים נכבדים, מזלכם גרם כי השכלתם לאגוד אגודתכם ולהעמידה על בסיס נכון, אקוה כי גם בעתונכם תצליחו להיות ממזכי הרבים, וקולכם ישמע בין כל שדרות האומה, וביחוד נוכל לסמוך בזה על ידידנו הרב הג' ר' שמריהו ליב הורוויץ שליט"א, כי ישתדל לשכללו ולעטרו בפרי הלולים כיד ה' הטובה עליו, והאמת והשלום יהיו מטרתכם, ואז יהא קולכם קול גדול ולא יסף.

כחפץ לבבם וכנפש המברכם בהצלחה, דו"ש ואשרם.

יצחק בונין, החופס"ק ברוקלין.

---

לחברי אגודת השוחטים. כולם יעמדו על הברכה בברכת חי וקים!

מאוד שמח לבי בראותי העתון הירחי „שוחטים שטימע" שיצא לאור וקול השובי"ם נשמע בארצנו ארצות הברית. הקול קול יעקב, ואי"ה יצא ממנו תועלת גדול לחזק היהדות בכלל והכשרות בפרט שהוא יסוד מוסד לכל אחד מישראל ובל יטה מן דרך התורה ולבבו יהי' פתוח להבין אמרי בינה של התורה, כדבר האמור בס' „תנא דבי אליהו", עד שאתה מבקש שיכנסו דברי תורה בפיך בקש שלא יכנסו אכילה ושתיה לתוך מעיך ע"כ. אשר הנראה לי בכונתו, עד הוא לשון טרם, ור"ל טרם שאתה מבקש שיכנסו ד"ת בפיך, קודם בקש שלא יכנסו אכילה ושתיה של איסור בתוך מעיך, כי אכילה ושתיה של איסור מטמטם את הלב מלהבין התוה"ק כדרשת חז"ל על פסוק ונטמתם בם, (ולדעתי אפשר לומר שזהו נ"כ כונת חז"ל שדרשו על פסוק למען תהיו תורת ה' בפיך מן המותר בפיך. ר"ל כדי שתהיו בך תורת ה' תשתדל מקודם שיהיו מן המותר, היינו מאכל היתר בלי שום חשש איסור בפיך) ואף גם מזאת שמח לבי כי מזריחת שמש ה"שוחטים שטימע" מתפוצצים קרני אור התקוה אשר בהמשך הזמן יתאחדו ויתקשרו השובי"ם והרבנים גם יחד ויטו שכם אחד לעבוד עבודת הכשרות בלי שום פניה כלל, ודגל הכשרות יתרומם ויתנשא בכל פנה ופנה מארצות הברית. ובעבור זה אני אומר לחברי האגודה, יישר ה' חילם ופעלם ירצה ויצליחו בכל דרכיהם דרך הקודש ויהי ה' עמם.

כחפץ הדורש שלומם וטובתם.

שמואל באאמו"ר הראב"ד מרבינו זללה"ה
המכונה מיראפאליר רבי

---

**ברכו את קרוביכם ומיודעיכם מעל עמודי ירחוננו**

## כל מי שיש בידו למחות

כבר מוסכם ומקובל אצלנו, שכל מי שיש בידו למחות ואינו מוחה נתפס באותו עון.

וכשהוא אומר מי שבידו למחות, איננו אומר דוקא על יחיד, אך הוא הדין על הרבה יחידים, אף כשכל אחד הוא לעצמו אינו יכול למחות, אבל אם היחידים האלו יתאגדו ויתאחדו לאגודה אחת וההתאגדות בידם היא, ואז יהיה ביכולתם למחות ולהתריע על הקלקלה, הלא בודאי מחויבים הם לעשות כך, ואם לא יתאגדו ולא יתריעו על הקלקלה, ולא יתקנו, אז הקולר תלוי בצוארם, וחמה נחפסים בעון אותו דבר.

ומתוך השקפה זאת, הנה התאגדות והתאחדות השוחטים מוכרחת לבוא, לא בכדי להטיב מצבם החמרי, ולא אך להעמיד את כל ענין השחיטה על מקומה הראויה כמו שמקובל לנו מדור דור וכמו שבאמת צריך להיות ביסוד עקרי וחשוב בתוה"ק כמו שחיטה וכשרות, בכלל ובפרט. אך אם ההתאחדות לא תבוא, וממילא ישאר כל ענין השחיטה מקופל ובמצב פרוע, אז הקולר תלוי בצוארם ר"ל, כי בידם להיטיב המצב ע"י כח כללי כי הקלקול רבה הוא מאוד, אם בבתי המטבחים של נסות ודקות אשר בהרבה מקומות השוחטים נמנים מההאָלסיי־לערם או מהמטבחים בעצמם, ובאופן זה הנה כל טובו של השוחט מונח בידי השוכר אותו, והרבה הרבה מאוד סובל מזה ענין הכשרות כמובן לכל, וכבר רמזתי על זה במאמרי „הרבנים והשוחטים“ מחודש סיון.

וביחוד מצוי הקלקול אצל שוחטי עופות, וביחוד בזמן הזה בשעת משבר כללי, שיש הרבה אנשים שאין להם מה לעשות, ואינם ראוים למלאכת קודש זו, והולכים ולומדים מלאכת שחיטת עופות במשך שני חדשים או שלשה, ועומדים לשחוט בכל מקום אשר יקרה לפניהם, ומסיגים גבול שוחטי עופות אחרים, אשר מלאכת קודש זו מלאכתם מימים ימימה, ואשר באמת הם שוחטים חשובים ונכבדים ואשר רוח חכמים נוחה מהם, וכמובן הנה הרבה תקלות צומחות מזה. ואל יטעון הקורא שגם בשאר עיקרי היהדות כמו שבת ומקואות ועוד, גם שם הפרוץ מרובה על העומד והקלקול רבה מאוד, אבל במטותא מינייכו, בשאר עיקרי היהדות אין בידינו לתקן, אין בכחנו לעשות בזה דבר ממשי בכדי להיטיב את המצב, ואין לי להאריך בדבר המפורסם וידוע לכל במדינת אמריקה, אבל בענין מצב השחיטה יכולים השוחטים בעצמם תחת השגחת הרבנים לתקן בזה הרבה ולמנוע כל התקלות השכיחות עתה כשהשחיטה היא במצב הפקרות, ע"י אגודת השוחטים בכל עיר בפרט, וע"י אגודת השוחטים באמעריקה וקאנאדא בכלל.

וזכרו נא אחים את גודל האחריות המוטל בזה עליכם וע"י התאחדות והתאגדות הכחות המפוזרים לכח אחד כללי, הנה אז אין לשער ואין לספר את רוב הטובות שיצמח מזה. וכבר הגיעה השעה — ועד מתי!

שמואל מנחם הלוי פיין,
רב בעיר דעטראיט, מישיגאן.

# ספרים חדשים

(שהגיעו אל המערכת)

ספר „נפש חיה“, כולל הנהות, הערות וחדושי דינים לארבעת חלקי השלחן ערוך, וממנם יסתעפו חקירות שונות בהרבה מקצעות התורה וכללי ההלכה אשר חנן ה' אותי, צעיר התלמידים ראובן במוה"ר משה מרגליות ז"ל, חלק אורח חיים, לבוב, תרצ"ב, לפ"ק.

בראש הספר נדפס „הורמנותא דמלכי“ כי „יורה יורה, , ידין ידין“ מאת הרבנים הגאונים מאיר אריה אבד"ק בוטשאטש והגאון ר' משה -באב"ד חופק"ק לבוב והגליל. ומכתב תהלה ועדוד מאת ראש הרבנים בארץ ישראל הגאון מהרא"י קוק שליט"א, ודברים קצרים מעין הקדמה, מאת המחבר החותם את שמו „ראובן בן מרים“, והוא מודיע כי כתב את ספרו זה בעצם ימי התבערה, ימי מלחמת העולם, אחרי שובו מגלות פליטי גליציא בתור מוכשר לצאת על שדה קטל, ובתנאים רעים נוראים ומשונים עד מאד כתב את ספרו זה.

והנה עונג רוחני הוא לקרא בדברי הרב המחבר, כי בעל הגיון ובעל סברא הוא, והנה, לדוגמא, באה"ט אות ב' ובשכבו על משכבו מעיר ואומר, יעוין ירושלמי סנהדרין פ"ת ה"ז שאר"י ישנים הם קמעה כדי שתהא דעתו מיושבת וכו' ובזה יובן נוסח ברכת המפיל שבברכות סי' ע"ב שתשכיבנו לשלום ותן חלקי בתורתיך וכו' שלכאורה אין זה מעין ברכה זו. אבל הכוונה שתהא השינה לתכלית הנרצה שתהא דעתו מיושבת לתורה כן יתן לידידו שינה, עיין ט"ז אחע"ז סי' כ"ח סק"א, ויש לו דברים ע"ד הרמב"ם הפוסק וידיעותיו ברפואה סי' קע"ט. התנגדות לקראים, חיי עצמו וחיי חברו, לימוד תורה לנכרים, תוספות ורמב"ם הלכה כמי, וענינים חשובים וחדושים נפלאים, בהרבה עניני הלכה.

ספר אהבת יהונתן. יפליא ת"י יפרש פירוש י'ה'ו' (אהי' דבינה) נתן לב להבין דברי חכמים וחדותם בתרגום המיוחס אל יונתן בן עוזיאל על חמשת חומשי תורה אשר ה' נתן לעדת בני ישראל בימין עוזו וזרוע תפארתו. חובר מאת בנימין בן ישראל שמערלער מקרית סטאניסלאב יצ"ו, חוברת ראשונה, ספר בראשית ת"ל כל הש"ת, בולגוריי, תרצ"ב.

המחבר הראה בחבורו זה על תרגום יונתן את בקיאותו בש"ס ומדרשים, ובפתח דבר של המחבר נותן לנו בקצור נמרץ מאד סקירה על התרגומים, ממה שכבר נאמר בארוכה חקירות עמוקות בענין התרגומים מפי מחברים וחכמים שונים, עד שכמעט אין מה לחדש עכשיו בשדה חקירה זו.

ופירושו זה הוא באמת פירוש חשוב, נחוץ, יש בו משום פרנסת המות והלב של הקורא הותיק, ומי שלא טעם טעם החכמה שיש בתרגום יונתן, טעם טעם זה ע"י פירושו היקר של מחבר דנן, כי הוא מושים לנו בעטו

דברי חכמה שכל וטעם ומאיר את העינים על ידי פירושו זה. ואולי יועיל בזה שתורנים ובני תורה יתחילו להבין ולהרגיש את ערך התרגומים. שיש בהם תורה וחכמה ועל ידם אפשר להבין את עומק הכוונה שבדברי התורה. הגיעה השעה להעמיק בדברי התרגומים וללמוד מהם הרבה. אוצר גדול של תורה וחכמה נמצא בדברי התרגומים, ועלינו להיות אסירי תודה להמחברים שמפרשים ומבארים את דברי התרגומים. וספר חדש וחשוב זה — הוא אחד מהם. בן דוד.

---

## שיר

א. פערלבערג.

„לקבלת פנים" של שלוחי „נחלת השבים"

ברוכים הבאים שלוחי דידן,
השבים אלינו מארץ, מארץ כנען.

א.

ספרו נא לנו מה נשמע שם.
מהיי ארצנו ומחיי העם.
ומה שלום אמנו האלמנה העזובה.
העוד היא יושבת בדד העלובה?
ברוכים הבאים...

ב.

ספרו נא לנו ממערת המכפלה.
ההרביתם שם תפלה בעד אחינו בגולה?
ומכותל המערבי העומד כגבור ולא זע.
הפגשתם את השועלים המבשרים: הנה הוא בא?
ברוכים הבאים...

ג.

ספרו נא לנו מהר הכרמל הרם.
ומקבר שמעון בן יהיא בכפר מרן.
ומחמי טבריה אשר מימיה לא יכזבו כמעין.
ומאפיקי מי הירדן השולח גלוי בעין.
ברוכים הבאים...

ד.

ספרו נא מים המלח אשר בו אוצרות כרוכים.
ומשדמות וכרמים ומגנים ברוכים.
ומפרותיהם אשר שמנם ויינם אגורים כבנאד.
ומאשכול ענבים אשר נשאוהו במוט.
ברוכים הבאים...

ה.

ספרו נא לנו מצלצלי המגלים והמזמרות.
ומשדדי האדמה והופרים בארות.
וממכבשי בית הבדים וממשקות היגבים.
ומה נשמע מנחלת השבים?

---

## קול קורא!

מאת ראש הרבנים בארץ ישראל. הגאון המובהק. אור ישראל. ר' אברהם יצחק הכהן קוק שליט"א.

שלום וברכה מעיר קדשנו ותפארתנו לכל אוהבי תורה וחובבי ארץ חמדה המיתוקקים לראות אור ישועה מקדש.

מהררי ציון וירושלים!

בכל לשון של בקשה ודרישה הנני כופל ומרבה את קריאתי הגדולה אליכם אחי ועמי בכל מקום שהם, לתת את ידכם עמנו, לעזרת מרכז התורה העולמי, המתנוסס לתפארת בעיר המטרופולין שלנו. „הישיבה המרכזית העולמית" הקדושה. בעיה"ק ירושלים ת"ו.

גדולים לאין ערוך הם תלי"ת מצעדי התפתחותו והתגדלותו של מפעלנו הגדול והקדוש הזה, אורו הגדול מאיר ומתפשט בארץ ובתפוצות הגולה. ע"י הכחות הרבים והמעולים המרוכזים בתוכו. פרחי רבנן מצוינים עלויים מופלגים בוגרי הישיבות ומרכזי התורה המפורסמים שבארץ ובגולה, ההולכים ומתעלים בכל מקצועותיה של תורה והמחשבה הישראלית הקדושה. להיות אי"ה למאורות גדולים בשמי היהדות, מרימי קרנה תורה בהוד ותפארת ונושאי נס היהדות הנאמנה בגאון עז שב ד' ותחית עם קדשו וחבל סגולתו.

נוסף לכל פעולותיה הגדולות, העוזרות ברום עולם התורה והיהדות, הוטל עכשיו על ישיבתנו המרכזית הק', תפקיד מיוחד: הצלת אחינו תופשי התורה ברוסיא הנתונים שם בסכנת גוף ונפש; מרכזנו המקודש. אשר עלית כחות התורה ורכוזם בארץ־קודש־חיינו, היא אחת ממטרותיו היסודיות מוכרח הוא להקדיש את ההתאמצות הראויה, לעליתם ורכוזם של מיטב צעירינו אלה המצפים לעזרת הצלה. ואמנם עלה כבר בידינו. בחסד ד', להמציא רשיונות עליה וכרטיסי אניה למספר חשוב של צעירים יקרים ונעלים מופלגי תורה משם. אשר חלק מהם עלה כבר לארצנו ולישיבתנו הק' והמאמצים בכוון זה הולכים ונמשכים בעז"ה.

אחי ועמי! ממעקי לב דואב, הנני מתריע לפניכם על דחק מצבה הכללי של ישיבתנו הקדושה. המזעזע ומסכן חלילה את כל קיומה המפואר. המכאובים האיומים אשר חלו בנו במשך הזמן האחרון באה"ק. עם מסיבות החיים אשר עברו גם הם בחלק ממרכזי הגולה — כל זה השפיע על מצבו של מרכזנו הקדוש באופן נורא ומחריד מאד, וכך הגיעה ישיבתנו המרכזית הק' לידי מצב כלכלי חמור הכבד מנשוא. והדורש את השתתפות עזרתכם המזורזות.

בתקופה המורה זו, בשעה שאורות וצללים משמשים בערבוביא, נחוצה והכרחית עוד יותר התגלות אדירה של התעוררות רגשי האחריות. של כל כחות החיים של נצחיות ישראל, לבצורו וטפוחו של אור התורה והקדושה. אשר יחיה ויבהיק את כל מהשבינו בעז"ה. ולמלוי חובה גדולה וקדושה זו. הנני קורא אליכם אחי ועמי היקרים והחביבים: התעוררו נא והושיטו לנו בהקדם את עזרתכם הרחבה. לבדק בית מקדש התורה שלנו אשר בירושלים. המכון היסודי והמרכזי לבצרונה של תורה וחיי הקודש בישראל ובארץ־ישראל. יתנייסו נא כל העסקנים המעולים שבנו, לעורר את שלהבת המעמיקים לתורת חיים וארץ קודש, אשר בגנזי הנשמה של כל אדם מישראל, ולהתבעם להצלתו וקומבותו של משכן התורה המרכזי באה"ק!

# די דערגרייכונג פון "נחלת השבים"

פון רעוו. שמואל קראלעוויטץ, טרעשזורער פון „נחלת השבים"

מיט פיעל פרייד לאָזען מיר וויסען אונזערע חברים שוחטים, דאָס אונזער אונטערנעמונג „נחלת השבים" האָט נושא פרי געווען, אונזער חלום איז פאַרווירקליכט געוואָרען נאָך מער און בעסער ווי אונזער פאַנטאַזיע האָט אונז געמאָלען. אונזערע שלוחים האָבען שוין ב"ה געקויפט פאַר אונז א נחלה. לויט ווי עקספּערטען ערקלערען איז דאָס הונדערט פּראָצענט פּרדס־באָדען, און זיי האָבען שוין א קושאַן (א דיד) געקראָגען, וועלכעס דאָס איז אין ארץ ישראל פון די שווערסטע זאכען אזוי שנעל צו קריגען. אויך זיינען נעקויפט געוואָרען מגרשים פאַר אונזערע חברים.

חברים שוחטים! עס איז געקומען די צייט וואָס מיר קענען זיך ראַטעווען מיט אונזער ביסעל איינוועסטמענט. מיר קענען זיך העלפען אָן שום ריזיקע. דיינקט דאָס איבער טייערע חברים. מיר גייען מיט'ן אמת, מיר זוכען נישט קיין ביזנעס. די צייט איז געקומען וועלכעס אידען, און ווער רעדט ארטאָדאָקסישע אידען, האָבען גענומען הערען דעם רוף פון ארץ ישראל צו אונז. אונז רופט שוין ב"ה א ארץ ישראל זבת חלב ודבש, א ארץ ישראל וואָס רופט דעם עם ישראל, מחמת קיין אנדער פאָלק איז נישט געווען אומשטאנד צו בויען זי, פאַר קיין אנדער פאָלק האָט ארץ ישראל נישט געוואָלט געבען די ברכה. זי האָט נישט אנטפּלעקט איהרע לעבענס זאָמען נאָר פאַר איהר פאָלק וואָס טראָגט איהר נאָמען, און דאָס ווייסט איהר אלע אזוי גוט ווי איך. דערפאַר איז שוין צייט, אז מיר זאָלען נעמען קוקען אויף דעם פּראָבלעם מיט קלאָרע אויגען, נישט לאָזען פאַרטונקלען מיט שטן'ס פון קנאה און מיט טונקעלע שטראַלען פון שנאה. לאָמיר אוועקגיין פון גלות־וואַקעלדיגען לעבען, פון אומצוטרויען איינער צום צווייטען. לאָמיר טרייען אריינקריגען אביסעל פון דעם אוירה דארץ ישראל, וואָס טראָגט א מער שטאָלצען לעבען, א לעבען פון מער אחדות, א לעבען פון פאַרגינען איינער דעם צווייטען. פאַרוואָס זאָלען־מיר נישט וועלען הערען דאָס וואָס די אָרטאָדאָקסישע וועלט רעדט וועגען אונז. פילע רבנים וואָס האָבען שוין קאָנפערירט מיט אונז און האַלטען זיך אין פאַראייניגען מיט אונזער אונטערנעמונג, ווילען זיך אָנשליסען אלס חברים אין אונזער אגודה. פאַר וואָס זאָלען מיר אוועקגעהן פון אונזער סביבה און נישט העלפען בויען א רעליגיעזע קאָלאָניע? פאַר וואָס זאָלען מיר נישט העלפען פאַרשטאַרקען, אז אונזער נייע ארץ ישראל זאָל נאָכפאָלגען אונזער אַלטע טראַדיציאָנעלע ארץ ישראל, און דאָס דאַרפען מיר יעצט טאָן. הערט וואָס די גרעסטע מוחות פון ארץ־ישראל, ווי: הרב אי"ה קוק, הרב מאיר בערלין, הרב אראנסאָן, הרב עוזיאל, דיזענהאָף ראש העריה פון תל אביב. הערט און לייענט די דאָקומענטען פון זיי וואָס געפינען זיך דאָ בא אונז אין אָפיס ווי אזוי זיי זיינען באַגייסטערט פון אונזער אונטערנעמונג און פון דעם רעזולטאַט פון אונזער אויפטהו אין ארץ ישראל. אונזערע פּרעזענטאַנטען אין ארץ ישראל און ווי איהר ווייסט אויך די מנהלים אין דער יוניאָן קומען שוין ב"ה צוריק דעם 27טען אויגוסט, שבת פ' ראה פון ארץ ישראל, און די „נחלת השבים" גרייט צו פאַר זיי א קבלת פנים. מיר ווילען זיי ציינען אונזער דאַנקבאַרקייט פאַר זייער אָפּפער פאַר אונזער אַלעמענס טובה וועגען.

איהר אלע חברים שוחטים זענט איינגעלאַדען צו אונזער אַלעמענס שמחה, ווי איהר וועט הערען א ריכטיגען גרוס פון ארץ ישראל און דעם איינדרוק וואָס עס האָט אויף זיי געמאַכט, ווי אויך א גענויעם באַריכט וועגען זייער גרויסען אויפטו פאַר די „נחלת השבים". די צייט און דער פּלאַץ וועט אַנאָנסירט ווערען אין די טעגליכע אידישע צייטונגען.

און איך האָף, אז אונזערע שלוחים, צו וועלכע מיר האָבען דעם גרעסטען צוטרוי און אכטונג, האָבען אין זיך איינגעזאַפּט ארץ ישראל הייליגע געפילען פון באַגייסטערונג, און אז זיי וועלען אויך אויף אונז קאָנען משפיע זיין און באַלייכטען אונזערע הערצער און מוחות מיט די הייליגע שטראַלען פון האָפענונג וואָס קומט פון דער ארץ ישראל זון אשר מרפא בכנפיה.

---

ימלא נא כל אדם מישראל את חובתו הגדולה לתורת ה' אלהיו וארץ קדשו! הצילו וכוננו את מרכז התורה בעיקו"ת, הצילו את מיטב צעירינו שבויי התורה המצפים לעזרת הצלה! עורו והתעוררו לעזרת ה' בגבורים, להשתתפותכם בבנין המכון המרכזי של רוממות התורה ותחית הקודש בארץ חמדת אבות.

ענוני נא אחים יקרים יפה שעה אחת קודם להצלת המצב, והייתם לברכת עולמית מאת ה' הבוחר בתורה בעם קדשו ונחלת סגולתו בהר ציון וירושלים.

כעתירת אחיכם הנאמן, מברככם מקדש.

אברהם יצחק הכהן קוק.

תרומות ונדבות לשלוח על פי הכתבת דלמטה:

**UNIVERSAL YEHIVAH**
38 Park Row, New York, N. Y.

ח ו ב ה ק ד ו ש ה מוטלת על כל אחד מישראל ל מ ה ר ולשלוח את תרומתו, תרומת קודש, לישיבה קדושה זו, כי ברכה בה לחנוך הדור הבא.

ה מ ע ר כ ת.

RABBI S. L. HURWITZ, *Editor*. הרב שמריהו ליב הורוויץ, רעדאקטאר.

# די שוחטים שטימע
# SCHOCHTIM SHTIMME

מאנאטליכער זשורנאל, ארויסגעגעבען ביי די אגודת שוחטי עופות דניו יארק רבתי.
**Monthly Magazine, published by the Poultry Schochtim Union of Greater New York**
**Affiliated with the American Federation of Labor, Local 440**
**229 East Broadway, New York, N. Y.** **Telephone: ORchard 4—1938 — 9602**

**Vol. I. No. 7. September, 1932.** ב"ה ניו יארק, אלול, תרצ"ב ערשטער יאהרגאנג, נומער 7.

## אינהאלט:

עדיטאריעלס:
א. ראש השנה.
ב. די שוחטים און זייער „שטימע".
ג. די „מתיבתא" מוז עקזיסטירען.
וואס איך האב געזעהן און געפיהלט אין א"י — — — — — — — רעוו. יצחק בלום
א מיש מאש (פעליעטאן) — — — — — — — — — — — — — — ישראל צרבינסקי
פון וואנען שטאמט דער מנהג פון „תשליך" — — — — — הרב שמואל מנחם הלוי פיין
די שוחטים פון די מאונטעינס
אגודת שוחטי עופות דלאס אנדזשעלעס
בריעף פון שוחטים.

## השומר

לקראת השנה החדשה — — — — — — — — — — — — — ש. ל. ה.
הלכות שחיטה — — — — — — — — — — — — — — — הרב שמריהו ליב הורוויץ
לתקופת השנה... שיר... — — — — — — — — — — — רעוו. יחזקאל ראזען
אל תשתכח תורה מישראל — — — — — — — — — — — הרב ניסן טעלושקין
הרב הירשנזון על „הקיצורים"
שיר — — — — — — — — — — — — — — — — — — א. פערעלבערג
אות לטובה — — — — — — — — — — — — — — — הרב ר' יצחק בונין
ספרים חדשים — — — — — — — — — — — — — — — בן דוב
ברכות לראשית השנה

**Subscription Price, $3.00 a year.** סובסקריבשאן 3 דאלאר א יאהר.

**Application for second-class matter is pending.**

# וויכטיגע בעקאַנטמאַכונג!

## צו אונזערע לעזער בכלל און צו אַלע רבנים און שוחטים בפרט!

„די שוחטים שטימע" וועט דרוקען אין קומענדען נומער ברכות לראש השנה אין העברעאיש און אין אידיש, דער קומענדער נומער וועט ערשיינען בעפאָר ראש השנה און וועט זיין זעהר אַן אינטערעסאַנטער באַלעהרענדער נומער, וועלכער וועט ערהאַלטען דרשות און אַרטיקלען וועגען ראש השנה יום כפור, שבת תשובה, סוכות און אַנדערע וויכטיגע און אינטערעסאַנטע אַרטיקלען. די „שוחטים שטימע" ווערט געלייענט ביי חשוב'ע רבנים, שוחטים, חזנים, פיהרער פון אַנשטאַלטען און אָרגאַניזאַציאָנען, שוהלען און ביי באַוואוסטע חשוב'ע בעלי בתים פון אַמעריקא און קאנאדא ווי אויך פון אַנדערע לענדער.

די ברכות לראש השנה וועלכע וועלען געדרוקט ווערען אין „די שוחטים שטימע" און „השומר", וועלען בלייבען לזכרון עולם, ווייל די „שוחטים שטימע" איז ניט אַ טעגליכע צייטונג וואָס לעבט נור איין טאָג און נאַכהער שטאַרבט זי אָפּ. די „שוחטים שטימע" איז אַ מאַנאַטליכער זשורנאַל וועלכער ווערט געבונדען סוף יאָהר אַלס וויכטיגער ספר, אין „די שוחטים שטימע" און „השומר" ווערט געדרוקט חדושי תורה און דאָרט געפינען זיך שמות הקדושים, אַזוי אַז מען טאָר דאָס ניט אַוועקוואַרפען, און אייער ברכה פאַר ראש השנה וועט בלייבען אין די „שוחטים שטימע" לזכרון עולם. עס קען אויך אַראַנזשירט ווערען אַז דער נומער פון די „שוחטים שטימע" וואו אייער ברכה צו אייערע פריינד וועט געדרוקט ווערען זאָל געשיקט ווערען אַלס אַ גרויסאַרטיגע לשנה טובה מתנה, צו אייערע פריינד און באַקאַנטע.

„די שוחטים שטימע" איז דאָס אייגענטהום פון אַלע שוחטים פון לאַנד, און אַלע שוחטים פון אַמעריקא און קאַנאַדע און פון אַנדערע לענדער דאַרפען אַריינשיקען זייערע ברכות לראש השנה צו זייערע פריינד דורך „די שוחטים שטימע". אונזערע לעזער בכלל און אַלע רבנים און שוחטים בפרט ווערען געבעטען ניט אָפּלייגען אויף שפּעטער, נור אַריינשיקען זייערע ברכות לראש השנה, באַלד, אַזוי שנעל ווי מעגליך.

זיך ווענדען צום סעקרעטער רעוו. אליהו מעלצער.

**SCHOCHTIM SHTIMME**

229 EAST BROADWAY — NEW YORK, N. Y.

# פייערדיגער באגייסטערטער קבלת פנים פאר די הויפט פיהרער פון די „אגודת השוחטים“

ניט לאנג צוריק האט שטאטנעפינדען אן אויסערגע־וועהנליכער באגייסטערטער קבלת פנים פאר דעם פרעזי־רענט פון די שוחטים יוניאן יעקב בלום און פאר דעם פעהיגען סעקרעטאר און אנפיהרער פון די שוחטים יוניאן רעוו. יוסף ראזענמאן און רעוו. זילבערמאן, די דעלעגאציע פון די „נחלת השבים“, וועלכע איז געקומען פון ארץ ישראל, וואו זיי האבען גע־קויפט בארען צו פלאנצען פרדסים און גרינדען א קא־לאניע פאר שוחטים און ארטאדאקסישע אידען און זיי באזעצען אין ארץ ישראל.

די 300 שוחטים מיטגלידער פון די שוחטים יוניאן ווי אויך רבנים און חשוב'ע פיהרער פון די שוחטים זיינען געקומען אפגעבען כבוד די פיהרער פון דער שוחטים יוניאן און הערען זייער באריכט פון ארץ ישראל. דער וויים-פרעזידענט פון „נחלת השבים“ רעוו. ישראל באשקאוויץ ערעפענט דעם מיטינג און האלט א קורצע און קלוגע רעדע, און שטעלט פאר אלס פארזיצענ־דער פון אווענד דעם טרעזשורער פון „נחלת השבים“ רעוו. שמואל קראלעוויץ, וועלכער ציינט טאלאנט און טאקט מיט פארשטעלען יעדען רעדנער אויף א גע־לונגענעם און פאסיגען אופן. דער ערשטער רעדנער איז געווען דער בעוואוסטער ציוניסטישער רעדנער מ. א. זעלדין, פון דער ציוניסטישע ארגאניזאציע פון אמעריקא. מר. זעלדין האלט א פייערדיגע רעדע, אטא־קירט שטארק די נייע מרגלים פון ארץ ישראל, אפעלירט צו אלע שוחטים אנשליסען זיך אלס מיטגלידער אין די „נחלת השבים“. דער גרויסער כאר פון די ברידער שוחטים חזנים זינגען פאסיגע שירי ציון און באגייסטע־רען דעם עולם מיט זייער טאלאנט און מתיקות.

הרב ר' שמריהו ליב הורוויץ, דער רעדאקטאר פון „די שוחטים שטימע“ און „השומר“. ווי אויך דער רב און פיהרער פון דער גרויסער תלמוד תורה תפארת הגר"א אין ברוקלין האלט א פייערדיגע באלערענדע רעדע אין אידיש און העברעאיש, באפעפערט מיט מאמרי חז"ל און געלונגענע איינפאלען ווי עס פאסט צו זאגען פאר שוחטים לומדים. נאכהער באקומט דאס ווארט איינער פון די דעלעגאציע פון „נחלת השבים“ רעוו. זילבערמאן, וועלכער רעדט קורץ און צום פונקט און גיט אפ א הארציגען נערוס פון ארץ ישראל.

רעוו. יוסף ראזענמאן דער סעקרעטאר פון די שוחטים יוניאן רעדט נאך איהם און נאך מר. אונגאר, א חשוב'ער בעל הבית, וועלכער איז געפאהרען מיט דער דעלעגאציע נאך ארץ ישראל. רעוו. ראזענמאן איז א געבוירענער פיהרער און ער רעדט הארציג, קלוג, צום פונקט און מאכט זעהר א שטארקען און טיפען איינ־דרוק אויף אלע צוהערער. ער שטעלט פאר בילדער פון ארץ ישראל וועלכע מאכען א גרויסען איינדרוק.

רעוו. אליהו מעלצער, דער טיכטיגער ארבייטער, וויים פרעזידענט פון די שוחטים יוניאן, סעק־רעטאר פון „די שוחטים שטימע“, באגריסט די דעלעגא־ציע אין נאמען פון די שוחטים יוניאן, ער זאגט, אבוואהל די שוחטים יוניאן האט ניט קיין דירעקטע שייכות מיט די נחלת השבים, איז אבער די יוניאן צופרידען וואס די אונטערנעמונג איז אן ערפאלג, און מעמבערס פון נחלת השבים זיינען אלע חברים פון די שוחטים יוניאן. ער רעדט זעהר לאגיש, ווארעם, הארציג און מאכט א שטאר־קען איינדרוק. און אחרון אחרון חביב, עס ווערט פאר־געשטעלט דער פרעזידענט פון די „שוחטים יוניאן“ און „נחלת השבים“ רעוו. יעקב בלום.

רעוו. יעקב בלום איז א גלענצענדער רעד־נער, א באוואוסטער און בארימטער מטיף, א גרויסער בעל משפיע און איז באליבט ביי אלע וואס קענען איהם. ער האלט א הארציגע רעדע וועלכע צייכענט זיך אויס מיט נוצליכע אינפארמאציע, לאגיק און געזונטער מענשען פארשטאנד. זיין רעדע מאכט א שטארקען און טיפען איינדרוק, און אלע אנוועזענדע פיהלען די נויטיגקייט צו אנשליסען זיך אין די „נחלת השבים“ און קומען אל המנוחה ואל הנחלה אין ארץ ישראל.

---


## לשנה טובה תכתבו!

ווערטהער פריינד:

מיר ווענדען זיך צו אייך מיט א דרינגענדען אפיעל, צו שיקען אייער „לשנה טובה“ בייששטייערונג פאר דעם גרויסען תורה צענטער פון ירושלים, די „ישיבה מרכזית עולמית“, וועלכע ווערט געפיהרט פון הגאון והצדיק מוהרא"י הכהן קוק שליט"א דער רב־הכולל פון א"י.

צוליעב דעם קריזיס איז די פינאנציעלע לאגע פון דער ישיבה קריטיש און עס איז פשוט א פראגע פון פקוח נפש.

די בני הישיבה ליידען הונגער און נויט! עס ליגט אויף אונז א חוב קדוש צו ראטעווען דעם מקדש התורה! דיזע רעטונגס־ארבייט טאר ניט אפגעלעגט ווערען!

דארום ווענדען מיר זיך צו אייך מיט דעם הייליגען רוף:

**שיקט זאפארט אייער ראש השנה נדבה!**

שיקט וועלכע סומע איהר קענט. יעדע סומע, קליין אדער גרויס, וועט העלפען די בני הישיבה.

**לאזט אונז ניט ווארטען—שיקט באלד אייער נדבה!**

מיר ערווארטען אייער שנעלען ענטפער מיט אייער בייששטייערונג לויט אייער מעגליכקייט, און דער זכות התורה והצדקה זאל אייך בייששטעהן, און מיר זאלען האבען א שנת חיים טובים, שנת ברכה והצלחה ושנת גאולה וישועה.

בברכת כתיבה וחתימה טובה לכל ישראל.

הרב ר' הוב אריה הכהן לעווינטאהל, פרעזידענט, הערי פישעל, טרעזשורער, הרב ר' משה זבולון מרגליות, הרב ר' ישראל הלוי ראזענבערג, הרב ר' אליעזר זילבער, הרב ר' אהרן טייטעלבוים, הרב ר' זאב גאלד, יוסף דאובער, דוד פרייבערגער, יוסף פאלשטיין, דזשארדזש אטא ראזאלסקי, סאמועל ראטענבערג, מאיר וועזעל, פרץ וויערניק.

ביטע שיקט אייערע בייששטייערונגען לויט דעם פאלגענדען אדרעס:

**Universal Yeshivah, 38 Park Row, N. Y. City**

127

# די שוחטים שטימע

אלול, תרצ"ב

ערשטער יאהרגאנג. | נומער 7

## לשנה טובה תכתבו

א נייעם גליקליכען יאהר, ברוחניות ובגשמיות, צו אונזערע לעזער, שרייבער, פיהרער, באאמטע און מיטגליעדער פון די אגודת שוחטי עופות דנויארק רבתי. ווי אויך צו אלע שוחטים און רבנים בכל מקום שהם, צוזאמען מיט'ן כלל ישראל.

זאל דער נייער יאהר ברייגגען גליק און פרייד צו יעדען אידען, והרמת קרן תורתנו הקדושה, גאולה לעמנו על ארצנו, אדמת קודש, ברוח התורת והאומה.

די שוחטים שטימע ו„השומר".

## ראש השנה

מיר זעגענען זיך יעצט מיט דעם אלטען יאהר תרצ"ב און מיר טרעטען אריין אין דעם נייעם יאהר תרצ"ג. מיר ווילען פטור ווערען פון דעם אלטען יאהר מיט'ן גאנצען הארצען, קיינמאל האט נאך אזוי גוט ניט געפאסט די הארציגע בקשה, תכלה שנה וקללותיה, דער אלטער יאהר מיט זיינע קללות זאל זיך ענדיגען וואס שנעלער, — ווי היינטיגען יאהר. א ביטערער יאהר איז דאס געווען. די אידען פון דער גאנצער וועלט געפינען זיך היינט אין א שרעקליכע פינסטערע לאגע, און אויך דער איד פון אמעריקא, „דער רייכער פעטער" פון דאס אידישע פאלק, איז ארעם געווארען, איז געווארען, נעבאך, א יורד.

די אידען פון דער רייכער אמעריקא לעבען יעצט איבער א שרעקליכע צייט, זיי ליידען פון אן עקאנאמישען קריזיס, און אויך פון א גייסטיגען קריזיס. און דער גייסטיגער קריזיס איז פיעל ערגער פון דעם עקאנאמישען קריזיס, דער יורד איז ניט נור א יורד אין פינאנציעלען און עקאנאמישען זין, נור — וואס פיעל ערגער — ער איז געווארען א יורד אין גייסטיגען נשמה'דיגען זין. אלע ישיבות און אלע תלמוד תורה'ס פון לאנד זיינען אין א מצב פון גסיסה. ראשי ישיבות און לעהרער הונגערען, עלטערען האבען אויפגעהערט שיקען די קינדער לעהרנען אידישקייט, און ווען זיי שיקען ווילען זיי ניט צאלען שכר למוד. חלול שבת ווערט פארשפרייט ווי א פייער אין יעדע אידישע שכונה, עס וואקסט אויף א נייער דור וועלכער האט קיין מאל ניט געזעהען א שבת'דיגען טיש, וועלכער האט קיין מאל ניט דורכגעלעבט די שעהנקייט און הייליגקייט פון שבת אין א אידישע הויז. אידען עסען טריפות, דער נייער דור האט טריפה רעסטאראנען אין יעדע אידישע סביבה, עס האט זיך געגרינדעט א כשרות אסאסיאיישאן פון גרויס ניו יארק, וועמעס צוועק איז צו באזארגען די אידען פון ניו יארק מיט כשרות, איז זי נאך פארלויפיג ניט שטארק גענוג און האט נאך ניט די פינאנציעלע מיטלען מיט וואס צו טאן נוצליכע ארבייט.

ראש השנה איז דער נייער יאהר און גלייכצייטיג א יום הדין, ראש השנה דארף יעדער איד טאן תשובה און האבען א ריכטיגען חשבון הנפש, און דיזען ראש השנה מוזען די אידען פון אמעריקא, פארזאמעלט אין די שוהלען פון לאנד, באשליסען צו שאפען א גרויסע באוועגונג פאר שמירת שבת, פאר א גוטע אידישע ערציהונג, פאר ריכטיגע כשרות, פאר טהרת המשפחה, און צו אפשאפען די הפקרות פון דער אידישער גאס, עס מוז זיין אן ארגאניזירטע יודענטהום, און די ערשטע ארבייט דארף זיך אנפאנגען ביי אונזערע רבנים, די גייסטיגע פיהרער פון פאלק, עס ליגט א הייליגע פליכט אויף די „אגודת הרבנים" צו פאראייניגען די אלע רבנישע קערפערשאפטען אין איין גרויסען שטארקען מעכטיגען רבנים פארבאנד, ווייל נור דורך פאראייניגונג קען געבויט און ארגאניזירט ווערען דאס יודענטהום, און דער מצב הרבנים והרבנות זאל פארשטארקט ווערען.

ראש השנה דארפען די שוחטים פון אמעריקא און קאנאדא האבען א חשבון הנפש, פארשטעהן זייער לאגע, און דאן וועלען זיי מוזען קומען צו די איינציגע ווירקליכע איבערצייגונג, אז דער גליק פון די שוחטים און זייער צוקונפט ליגט נור אין פאראייניגונג, די שוחטים פון לאנד דארפען זיך פאראייניגען אין א גרויסע שטארקע מעכטיגע שוחטים יוניאן, יעדער שוחט פון לאנד מוז זיך אנשליסען אלס מיטגליעד אין דער אגודת השוחטים דאמעריקא וקנאדא, א קאנווענשאן פון אלע שוחטים פון לאנד מוז גערופען ווערען, און אויף אט יענע ערשטע גרויסע היסטארישע קאנווענשאן, זאל געלייגט ווערען דער פונ-

דאמענט פון דעם גרויסען מעכטיגען הייליגען בנין „די שוחטים יוניאן פון אמעריקא און קאנאדא".

ווען די שוחטים פון לאנד זאלען זיך באמת פאראייניגען, וועלען זיי זיין א גרויסע נוצליכע קראפט. די אגודת שוחטי עופות דנויארק רבתי האט געוויזען די וועג, אין וועלכע אלע שוחטים פון לאנד דארפען געהן, די וועג פיהרט צו זעלבסטשטענדיגקייט, שטאלץ, פרנסה בכבוד, און ריכטיגע כשרות. די פאראייניגונג פון די נויארקער שוחטי עופות דארף דינען אלס גוטערביישפיעל צו אלע שוחטים בכל מקום שהם, ויעשו כולם אגודה אחת לעשות רצון הבורא בעבודת הקודש, בלב שלם.

דער שופר רופט און וועקט אלע שוחטים פון לאנד צו פאראייניגען זיך אלע צוזאמען אין א גרויסען שטארקען שוחטים פארבאנד.

---

## די שוחטים און זייער „שטימע"

ס'איז צום ערשטען מאל אין דער געשיכטע פון אידען אין אמעריקא און קאנאדא, אז די שוחטים פון לאנד זאלען האבען אן אייגענעם ארגאן, וועלכער זאל דינען זייערע אינטערעסען, זאל קעמפען זייער קאמף — ווען אזא קאמף וועט זיין נויטיג — און זאל זיי וועקען צו פאראייניגונג. אן ארגאן וועלכער זאל זיין די אפיציעלע שטימע פון די שוחטים כלפי פנים און כלפי חוץ.

„די שוחטים שטימע" אין אידיש, און דער „השומר" אין לשון קודש, איז דער אפיציעלער ארגאן און דאס אייגענטהום פון אלע שוחטים פון לאנד, אויב ניט אלע שוחטים פיהלען און פארשטעהן די נויטינקייט און וויכטינקייט פון צו האבען אן אייגענעם ארגאן, וועלען זיי דאס מוזען פיהלען אביסעל שפעטער, דער לעבען וועט זיי איבערציינען די נויטינקייט און די וויכטינקייט פון די „שוחטים שטימע".

יעדע פארטיי, יעדע לעבעדיגע נאציאנאלע ארגאניזאציע, זוכט צו האבען אן אייגענעם ארגאן, מען דארף זיי ניט ערקלערען די נויטינקייט דערפון, ווייל זיי וויסען און פיהלען דאס אליין. די אגודת שוחטי עופות דנויארק רבתי, האבען דאס פארשטאנען און דערפאר האבען זיי געגרינדעט די „שוחטים שטימע" און האבען איהר אוועקגעשטעלט אין דינסט צו אלע שוחטים פון לאנד.

די שוחטים פון פוילען און אנדערע לענדער זיינען סובסקרייבער פון „די שוחטים שטימע"; די שוחטים פון אמעריקא אבער זיינען ניט אלע פון זיי פעהיג צו אפשאצען די ארבייט און די גרויסע נוצען וואס „שוחטים שטימע" ברייגנט צו זייער הייליגע פראפעסיע און צום כבוד פון די שוחטים אין דיזע לאנד.

פיעלע הונדערטער שוחטים וועלכע ווייסען ווי צו אפשעצען די נוצען פון זייער ארגאן, שיקען אונז דאנק בריעף, הארציגע בריעף, וואו זיי. דאנקען די שוחטים יוניאן פון ניו יארק און די רעדאקציע פון „די שוחטים שטימע", שאפען סובסקרייבער פאר זייער „שטימע". זיי זוכען צו פארשפרייטען דעם שוחטים זשורנאל צווישען זייערע פריינט און באקאנטע. עס זיינען אבער דא הונדערטער שוחטים וועלכע שטעהן נאך פון ווייטען און טוען גאר ניט פאר זייער זשורנאל, און דאס איז ווירקליך א פארברעכען צו זיך אליין. זיי זיינען ניט באוואוסטזיניג גענוג, און פארשטעהען נעבאך נישט דעם נוצען וואס זיי קענען און וועלען האבען אין דער נאהענטער צוקונפט, ווען זיי וועלען שטארק מאכען זייער אייגענעם ארגאן.

די „שוחטים שטימע" וועט ניט אונטערגעהן, די שוחטים יוניאן פון ניו יארק איז גענוג פאראנטווארטליך דערפאר, די „שוחטים שטימע" איז באשאפען געווארען צו בלייבען א תושב אין דער אידישער גאס פון אמעריקא, אבער וואו זיינען אלע שוחטים? וואו זיינען אלע שוחטים פון גאנצען לאנד? ווארום העלפען זיי ניט די שוחטים יוניאן צו ארבייטען און פארשפרייטען די צייטונג אין אלע אידישע הייזער פון זייערע באקאנטע, צווישען זייערע בעלי בתים, צווישען די מעמבערס פון די ארטאדאקסישע שוהלען פון לאנד. עס איז דא ארבייט, זעהר פיעל ארבייט, און יעדער ברודער שוחט טאר זיך ניט באפרייען פון אזא נוצליכע הייליגע ארבייט, און ארויפווארפען די גאנצע ארבייט נור אויף די אגודת שוחטי עופות פון ניו יארק, אין דער צייט ווען די צייטונג איז דאס אייגענטהום פון אלע שוחטים פון גאנצען לאנד.

די צייטונג האט געדארפט זיין פול מיט באריכטען פון די טויזענטער שוחטים פון לאנד פון אלעם וואס ביי זיי קומט פאר, א נייע שטעלע, א פאמיליען שמחה, א חתונה, א פארלאבונג ביי א קינד, א בר מצוה וכדומה. די „שוחטים שטימע" האט געדארפט זיין די פאמיליע צייטונג פון אלע שוחטים, ווייל די „שוחטים שטימע" ווערט דאך געלייענט ביי די שוחטים פון לאנד, ביי רבנים, און חשוב'ע בעלי בתים, ווארום זאלען די שוחטים ניט וויסען פון אלעם וואס ס'קומט פאר ביי זייערע קאלעגען, חברים במלאכת הקדש, א טעגליכע צייטונג לעבט נאר איין טאג און שטארבט אפ, די „שוחטים שטימע" אבער, וועט געבונדען ווערען אם ענדע יאהר אלס יעהרליכער בוך, און די אלע פאסירונגען, ברכות, מזל טוב'ס וכדומה, וועט דאך בלייבען לזכרון עולם אין די „שוחטים שטימע".

ווען די טויזענדער שוחטים פון לאנד וואלטען אלע אריינגעשיקט זייערע ברכות, מזל טוב'ס, שמחה'ס וכדומה אין „די שוחטים שטימע", וואלט די צייטונג געהאט די מעגליכקייט צו ווערען גרעסער, בעסער, און זי מוז ווערען א וועכענטליכע צייטונג אנשטאט א מאנאטליכער זשורנאל.

און ווען די שוחטים פון לאנד וועלען ראש השנה האבען א חשבון הנפש, וועלען זיי מוזען באשליסען צו מאכען זייער ארגאן פאר א וועכענטליכע צייטונג, דורך שאפען נייע סובסקרייבערס, פארשפרייטען איהר צווישען די בעלי בתים פון זייערע

# וואס איך האב געזעהן און געפיהלט אין א"י

פון רעוו. יעקב בלום, פרעזידענט פון די „אגודת השוחטים" און פון די „נחלת חשבים".

איך וועל קיינמאל אין מיין לעבען נים פארגעסען יענע היילינע מאמענטען ווען איך האב ארויפגעטראטען אויף דעם היילינגען באדען פון ארץ ישראל. וואס משה רבינו האט דאס נים זוכה געווען, איך האב געפיהלט דאס וואס א קינד פיהלט ווען ער איז געבליבען עלענד, אליין, אהן זיין גוטע הארצינע מוטער, און ענדליך איז ער ארייננעפאלען צוריק אין דעם שוים פון זיין ליבע גוטע הארצינע מוטער, וועלכע דריקט איהם צום הארצען און וויינט פון פרייד. איך האב געפיהלט אז איך האב אימער געלעבט אין א פ ר ע מ ד ע וועלט און יעצט בין איך געקומען א ה י י ם, צוריק אין ארץ ישראל. איך וועל ביי אן אנדער געלעגענהיים אפשר האבען די מעג־ליכקיים צו ריידען און שרייבען באריכות וועגען מיין רייזע נאך ארץ ישראל. איצט אבער וועל איך זיך באגר־ענען מים טיילען זיך מיט די לעזער פון „די שוחטים שטימע" מים מיינע ברידער שוחטים נור מים איינינע עפיזאדען און איינדריקע בעת מיין זיין אין ארץ ישראל, געשיקט פון די „נחלת השבים" וועמעס צוועק איז צו גרינדען אין ארץ ישראל א רעליגיעזע נאציאנאלע קא־לאניע פון און פאר שוחטים און ארטאדאקסישע אידען שומרי תורה ומצות.

***

און אט זיינען איינינע קורצע פאסירונגען און פאקטען:

אן אראבישער עפענדי, ווען מען איז געקומען קויפען ביי איהם לאנד פאר א נייע קאלאניע און ווען די קויפער האבען איהם געזאגט אז ער בעט א צו טייערען פרייז, האט ער געענטפערט: איך וועל אייך דערצעהלען וואס עס האט פאסירט. ווען אייער גאט האט אייך ארויסגעטריבען פון ארץ ישראל, האט ער גענומען זוכען וועמען זאל ער איבערגעבען אייער לאנד, זי אפצוהיטען, ביז וואנען ער וועט אייך ברייננען צוריק. האט ער גענומען נאכזוכען אויף וועמען מען קען זיך פארלאזען, האט ער געפינען אז אויף אדום'ען אדער שעיר, און אלע אנדערע פעלקער, אז ער וועט זיי געבען די לאנד זיינען זיי דאך פעהיג און זיי וועלען איהר באארבייטען און מאכען איהר פאר א פרוכטבארע לאנד, און זיי וועלען איהר נים וועלען אב־געבען צוריק צו אייך. איז איהם איינגעפאלען, אז דער בעסטער איז די אראבער, זיי זיינען פויל און וועלען פון דער לאנד גארנים האבען נאר וועלען איהר אבהיטען פאר זיינע קינדער. האט ער אונז דערפאר געמאכט פאר די שומרים פון ארץ ישראל, און מיר היטען שוין די לאנד פאר אייך שוין באלד 2000 יאהר, בין איך נים בארעכטינט צו דעם פרייז וואס איך בעט פאר אזוי פיעל יאהרען שמירה?

דער אלטער אראבער איז פויל און וויל זיין לאנד פאר־קויפען, אבער מיר קענען פארשפעטינען די געלעגענהיים, ווייל דער יונגער דור אראבער איז שוין נאציאנאל שא־וועניסטיש, און ער ווערט ציוויליזירט. ער וועט שוין זיין באדען נים פארקויפען, ווען מיר וועלען זיך נים צוהיילען צו קויפען אין די נעקסטע 10 יאהר.

ביאליק זאגט מיר, אז אדער אידען קומען אין ארץ ישראל, אדער ח"ו זיי וועלען אומקומען. ער זאגט צו מיר, זאגט אייערע אמעריקאנער אידען, אז א ר ץ

---

שוהלען און חברות, באקומען אדווערטייזמענטס, און באריכטען אין דער צייטונג פון אלעס וואס ס'קומט פאר ביי זיי אין זייערע קהלות. אזוי אז די צייטונג זאל קענען אפשפיגלען דעם ווירקליכען לעבען און זאל ווערען א קראפט און א וועג ווייזער צו די אידען פון אמעריקא.

שוחטים! איהר האט יעצט אן איינענע „שטימע"; וואס לאזט זיך שטארק הערען אין דאס אידישע וועלט און פארשאפט אייך כבוד און פרעסטיזש, פארלירט נים אייער שטימע! צו דער ארבייט!! זאל יעדער חבר שוחט וואו ער געפינט זיך ווערען א נאהענטער מיטאר־בייטער פון די „שוחטים שטימע" וועלכע איז און דארף בלייבען אויף אימער אייער איינענטהום.

און אין דעם י ו ם ה ז כ ר ו ן פארגעסט נים אייער ארגאן, וועלכער דארף האבען אייער מיטווירקונג, און וועלכער וועט דינען די אינטערעסען פון שוחטים בכלל און פון כשרות און יודענטהום בפרט.

---

## די „מתיבתא" מוז עקזיסטירען

די „מתיבתא" איז א גרויסער נוצליכער היילינער ערציהונגס אנשטאלט פאר העכערע לומדות און יראת שמים באמת, די בחורים וועלכע לעהרנען אין דער מתיבתא, געניסען אן אמת'ע היילינע און גרינדליכע הע־כערע אידישע ערציהונג. אין דער „מתיבתא" איז דא ביידע זאכען, אי למוד אי חנוך. עס איז א היילינע פליכט אויף יעדען אידען צו שטיצען די „מתיבתא".

די „אגודת הרבנים", „ועד הרבנים", „דגל הרבנים" און „אגודת האדמורים" האבען פארזיכערט צו די רבנים די ראשי ישיבות אז ווען זיי וועלען זיך אומקערען צוריק צו זייער היילינע און פרוכטבארע ארבייט וועלען זיי גע־שטיצט ווערען פון אלע רבנים און חובבי תורה פון לאנד.

יעדער רב, יעדער שוחט און יעדער איד ביי וועמען תורה איז טייער און הייליג מוז זאפארט שטיצען די „מתיבתא". די מתיבתא דארף און מוז עקזיסטירען.

ישראל טוט פאר אידען מעהר ווי פיעל אידען טוען פאר ארץ ישראל. אידען האבען דאס גארניט פארדינט וואס ארץ ישראל טהוט פאר א אידען וואס באזעצט זיך דארטען.

## שבת אין ארץ ישראל

ארץ ישראל קערט אום צום אידען זיין שבת קודש, ניט א גלות „גוט שבת" נור א „שבת שלום", א פרידליכען רוהיגען שבת מנוחה. שבת איז די שטאדט תל אביב מיט איהרע 55 טויזענד איינוואהנער א אמת'ער רוה טאג. די אויטאבאסעס געהען ניט, דער פאסט און טעלעגראף אפיסעס זיינען צוגעמאכט. דער עולם שפאצירט געמיטליך אין די גאסען. פרייטאג פארנאכט ווען דער שטאדט שמש געהט ארום אין די גאסען מיט'ן טראמפייט און רופט צו צומאכען די געשעפטען, איילען זיך יונגע מענער און פרויען, אפילו ארימע צו די בלומען סטענדס צו קויפען בלומען לכבוד שבת. דער תימנער שיך פוצער הייסט מיר באצאלען פאר פוצען די שיך 1 פיאסטער אנשטאדט וואס אלע טאג נעמט ער ביי מיר נאר ½ פיאסטער. ווען איך פרעג איהם מה יום מיומים? ענטפערט ער הלא ערב שבת היום! ער דארף דאך מאכען שבת. די קדושה פון שבת דרינגט דורך אלעס און אלעמען. די יוגנט שפאצירט פרייטאג נאכט און שבת נאכט געשלאסען די ארעמס איינער אין אנדערען און מען געהט אין מיטען גאס, זינגען די שירים, וועלכע פילען אן די לופט מיט לעבען און האפענונג אין אונזער צוקונפט. און ווען זיי קומען צו א לידיגען פלאץ טאנצט מען ביז שפעט אין דערנאכט מיט התלהבות און געזאנג. דא זעהט מען די אידען לאכען מיט א נאטירליכען געלעכטער, וועלכעס מען קען ניט זעהן אין די גלות לענדער.

הייגט איז דער הימעל אין ארץ ישראל אן אמת'ער שמים חדשים. אזוי בלוי און קלאר אז עס דוכט זיך מען קען ארייגקוקען מיט די אויגען אין די הימלען און זעהן די געטליכקייט אליין. קיינע וואלקענס, די הימלען אין גלות זיינען פארוואלקענט. אבער דער הימעל אין ארץ ישראל קוקט מיט קלארקייט און ליבע אויף דעם אידען וואס קומט אין ארץ ישראל מאכען זיין היים. קוקענדיג אויף דעם ארץ ישראל הימעל האב איך פארשטאנען וואס עס מיינט עיני ד' בה מראשית השנה ועד אחרית השנה, און ביינאכט הענגען די שטערען ווי אין דער לופטען, ווי בלישטשענדע דיימאנדס און שיינען אין דעם קלארען אונענדליכקייט. אנהויב חודש שיינט די לבנה אזוי ליכטיג, אז מען צינדט ניט אן די לאמפען אין די גאסען. עס איז אזוי ליכטיג אז מען קען לעזען א צייטונג אין גאס.

## די ארץ ישראל אידען

דער סלאס אידען וואס האבען זיך באזעצט אין ארץ ישראל זיינען די אינטעליגענץ פון אידישען פאלק, וואס האט זיך ארויסגעריסען פון אלע גלות לענדער. דאס איז דער אמת'ער, אחד מעיר ושנים ממשפחה, דאס איז דער שארית הפלטה פון אידישען פאלק. א רוהיגען גליקליכען און צופרידענעם לעבען קען א איד לעבען נור אין

# א מיש מאש

(פעליעטאן) פון ישראל צרבינסקי, ירושלים

גערוידמעט צו מיין ערשטען בעסטען שיפס ברודער פון מיין ערשטער רייזע נאך אמעריקא, דער שעהנער בעל בית אין די בראנקס, ישראל שולמאן.

א רייזע מיט דער שיף, דער רעדאקטאר בעצאהלט, — 100 טויזענט דאלאר דעם גרינעם'ס קוואטא, אנעקדאט א אמתען. ארץ ישראל'דיקער ים הגדול דער קליינער, אמעריקאנער אטלאנטיק דער גרויסער.

---

כל מה שאתה ממשמש מוצא בהם טעם.

„חאחאחא און חאחאחא! — הער איך מיר די וואך און יענע וואך פאהרענדיג צוזאמען מיט חברה אין דער שיף „אדריאטיק". דער זעלבע „חאחאחא" ווערט געהערט אין סליפינג רום, אין דייגינג רום, ווי אין דענסינג רום, און אין סמוקינג רום, מען הערט גאר ניט אויף צו חאחאטשען...

איך אלס איד, איינער פון כלל ישראל, וואס ליידער בין נאך ניט געבענשט געווארען מיט א לאנגען נאז, איהם ארויגרוקען וואו מען דארף ניט, דאס הייסט אוואו צוויי זיין א דריטער — דאך בין איך געווען נייגעריג צו שטודירען יעדעס פיטצעלע פון דער געשיכטע וואס איז פארלאפען אויף דער שיף, וואס דאס האט ארויסגערופען אזא לאנגען לאכענדיגען געלעכטער, וועלכע מען לאכט נאך, מען חאחאטשעט נאך אפשר עד היום הזה..

ווען א לץ וואלט דאס דערציילען, וואס איז פארלאפען אויף דער שיף, וואלט מען געזאגט דאס איז אן אנעקדאט — אדער אן אויסגעטראכטער ליגען — זיך מיט דעם אביסעל פריילאך צו מאכען — דאך צי איהר וועט מיר יא גלויבען, צי ניט — מיר איז דאס גאנץ עגאל, דער רעדאקטאר וואס וועט דאס זיכער דרוקען (אפילו אדער לא כל שכן אז דאס איז א ליגען) וועט מיר סיי ווי בעצאהלען פאר יעדער שורה — אז ניט שרייב איך ניט — אדער ווי איהר לצים זועלען אפשר צוגעבען — אז ניט טראכט איך ניט אויס, איך בין דען מאקע „משה מחויב" קוסען אזש פון ארץ ישראל פאר אייך שרייבען, אדער

ארץ ישראל. איך בין זיכער אז בלויז מיט 25 דאלאר אוואך איינקונפט קען א איד לעבען אין ארץ ישראל בכבוד ווי מיט 75 דאלער אוואך דא אין אמעריקע.

זייענדיג אפאר וואכען אין ארץ ישראל האב איך צוריק געקראגען מיין אידישען איך. מיין אידישען זעלבסט באוואוסטזיין, זיך פילענדיג אז איך געפין זיך אין א אידיש לאנד, פון דעם סיטי מעיאר ביז דעם סטריט קלינער זיינען אלע אידען. דער סטריט קלינער הויבט אויף א העברייאישע צייטונג פון נאס און לייענט, היינט די עפליבקייט אויף די באסעס. ווען אלע סיטס זיינען שוין פארנומען, זאגט דער שאפער, סליחה גברתי אין מקום!

און זעהענדיג ווי אידען אין ארץ ישראל לעבען אמת רוהיג, אזא רוהיגקייט קען א איד אין אמעריקא בשום אופן נים האבען, א גליקליכע רוהיגקייט וואס מען מוז זיין אין ארץ ישראל און דורכלעבען אזא שטילע טיפע הייליגע רוהיגקייט, אום צו פארשטעהן וואס עס מיינט מנוחה נכונה, האב איך דאן אנגעהויבען צו פארשטעהן און פיהלען די אמת'ע באדייטונג פון דעם אויסדרוק אל המנוחה ואל הנחלה, דער חלוץ וואס ארבייט פאר 80 סענט א טאג, דער קרעמער, דער קאלאניסט, דער באנקיר, דער וואס רייניגט די שמוץ פון גאס, דער שוך פוצער, אויף אלעמען זעהט זיך אן די אמת'ע מנוחה, אלעס ווערט געטאן מיט אן פון פאלשטענדיגע רוהיגקייט. א מנוחה פנימיות, ניטא דארט די ווילדע משוגע'נע לויפעניש, דער האריי אפ לעבען. דער יאגען זיך נאך ווינד, די אומרוהיגקייט וואס האט זיך באזעצט דא טיף אין אונזערע הערצער און נשמות. דער שטילער באהאלטענער טרויער, וועלכער מאטערט אונז און לאזט אונז נים זיין אמת פרעהליך און גליקליך איז ניטא אין ארץ ישראל. דא אין אמעריקע האבען מיר נחלה אבער נים מנוחה. אין ארץ ישראל אבער האבען דארט די ארץ ישראל אידען. מנוחה אויך.

און די אידען פון אמעריקע ווען זיי וועלן פארשטיין און פיהלען אז זייער גליק און זייער צוקונפט ליגט נור אין ארץ ישראל, און וועלען קויפען לאנד, פלאנצען פרדסים, וועלען קומען אל המנוחה ואל הנחלה.

ווענגען די „נחלת השבים" איז אונז בעז"ה געלונגען צו קויפען א טייל פון דוש. פישער בארען וואס איז ביי 7 קילאמעטער פון נתניה און ביי 10 קילאמעטער פון ים וואס מאכט אונז צו זיין פראטעקטעט פון די ים ווינטען. דער בארען איז אונטערזוכט געווארען ביים באוואוסטען רעגירונגס עקספערט ס. צמח און ביי אונזער עקספערט ש. קאצפרבסקי אלס א 100-פראצענטיגען פרדס בארען. אונזער אונטערנעמונג האט ארויסגערופען באגייסטערונג אין ארץ ישראל ביי אלע שיכטען וואס האבען נים קיינע פערזענליכע אינטערעסען. עס האבען מיר צוגעשיקט בריף הרב קוק, די רבנים אהרנסאן און עזיאל פון תל אביב, מאיר דיזענגאף, הרב מאיר בערלין, די מנהלים פון די בענק „קפת עם" און בנק מזרחי, וועלכע לויבען שטארק די אונטערנעהמונג, און די ארגאניזאציע „השותל", וועלכע וועט האבען די אויפגאבע און אויפזיכט פון פלאנצען פאר אונז די פרדסים נאך די נייסטע און סיסטעמאטישע מעטאדען דאס אונזערע פרדסים זאלען נים זיין א פרדס אין נאמען, נאר זאל ברייגען גוטע און זיכערע איינקונפטע, וועלכע וועט געפירט ווערען אויף קאאפעראטיווע יסודות, אז אלעס פאר אלעמען. און מיר האבען זיך אוועקגעשטעלט אלס מאטטא; ושבו בנים לגבולם — לגבול אשר גבלו ראשונים.

אלע ארטאדאקסישע אידען בכלל און שוחטים בפרט דארפען זיך אנשליסען אן די „נחלת השבים, דאמיט וועלען זיי צוברעכען די שווערע אייזערנע קייטען פון גלות, באפרייען אונזערע נשמות פון פרעמדע איינפלוסען, און לעבען א הייליגען אידישען גייסטיגען לעבען אין ארץ ישראל. מיר וועלען דאן קומען באמת אל המנוחה ואל הנחלה. נחלת השובי"ם השבים.

---

פאר אייך אויסטראכטען און נאך אין מיטען רעכטען ווינטער, זיך אליין שטעלען אין געפאהר פאר אייער שטילינקען אמעריקאנישען אקעאנוסול? — נעבעך א שטילינקער, ער טשעפעט נים אפילו א פליג אויף דער וואנט... פונדעסטוועגען מאך איך נאר מיין קוואטע... וואס איך האב מיר זיך אוועקגעשטעלט... סך הכל נאר די ערשטע הונדערט טויזענד דאלאר — אפילו באלד די ערשטע וואך — בין איך קיין איד נים — אויב איך בלייב ביי אייך מעהר. און איך זאג מאקע אן מיינע קינדער און קינדס קינדער, נים מעהר מיט אייער שטילינקען אקעאנוסול זיך אנצוהייבען. רופט איהם אטלאנטיק אדער גאר א־אנטיק, ווי איהר ווילט, אבער איך וויל נים מעהר... האבען קיין משא ומתן מיט איהם, איהר ווייסט דען ווער איהר האט, און פערטאגט — אז איהר ווערט ווערבה זיין — אדער אז איך וועל ווערען גוט בעצאהלט, פאן רעדאקטאר, דאן וועל איך אייך דערציילען וואס פאר א תכשיט אייער שטילינקער אטלאנטיקל איז, נים אומזיסט האב איך געזאגט און איך חזר דאס נאך אמאל איבער — דען וואס דערלייג איך דערצו. אדרבה דערווייל קומט דאך צו מעהר שורות, כל המרבה הרי זה משובח. וואס מעהר שורות איז מעהר דאלארס — כדי איך זאל קענען האלטען מיין ווארט: אז ביי די ערשטע הונדערט טויזענד דאלאר אפילו דעם ערשטען טאג פון מיין אראפגעהן אין עלים איילאנד לאז איך אייך אוועק. — ס'איז מאקע נעבעך אויף אייך אמעריקאנער א רחמנות (אזא רחמנות אויף די ארץ ישראל אידען געזאגט געווארען) אבער משה איז בילכער, איך וויל שוין מעהר אייער אטלאנטיק נים קענען — ביי מיר איז ליבער... מיין ארץ ישראל'דיגער ים הגדול דער קליינער... איידער אייער אטלאנטיק דער גרויסער, קיין גוטער איד זאל איהם נים קענען, אלע אידען זאלען בעסער קענען... און מאקע בקרוב דעם

# פון וואַנען שטאַמט דער מנהג פון תשליך?

הרב שמואל מנחם הלוי, פיין, דעטראָיט, מיש.

אונטער אזא קעפעל איז ערשינען אַן אַרטיקעל אין „פאָרווערטס", דעם 22־טען סעפּטעמבער, 1930, פון ז. קדיש. און דער שרייבער ברייננט פארשידענע מיינונגען וועגען תשליך. איך האָב געמאַכט באַמערקונגען וועגען דעם אויבענדערמאַנטען אַרטיקעל, און אויפמערקזאַם געמאַכט דעם שרייבער אליין און אויך די לעזער, אַז די השערות וועגען תשליך וואָס ער שרייבט איז ניט קיין ריכטיגע, און איך האָב עס אריינגעשיקט אין „פאָרווערטס" פאַרינגען יאָהר צום דרוקען, אָבער לײדער איז עס ניט געדרוקט געוואָרען, און איך רעכען, אַז עס איז ראַטהזאַם צו דרוקען עס איז דער „שוחטים שטימע", און צו ערקלערען די באַדייטונג פון אונזערע הייליגע מנהגים.

דער שרייבער ברייננט נור צוויי טעמים פון ספרים וועגען דער מנהג פון תשליך, פון ווילנער גאון בשם המדרש צו דערמאָנען די עקדה, און אויך פון מהרי"ל, און עס לייענט זיך פאָלגענד אין דער אויבענדערמאָנטער צייטונג, דער מהרי"ל איז געווען דער גרעסטער פון די רבנים אין דייטשלאַנד ביים סוף פון 14־טען יאָהרהונדערט. אין זיין בארימטען ספר „מנהגים", רעדט ער וועגען דעם מנהג פון תשליך און ער זאָגט שטרענג אָן אַז מ'זאָל ניט וואַרפען קיין ברעקלאַך ברויט צו די פיש ווען מען גייט ראש השנה צום טייך, אפילו ווען מען טרעפט ביים וואַסער אַ גוי, זאָגט ער אָן, זאָל מען אויך ניט נעמען פון אים קיין שטיקלאַך ברויט פאַר די פיש.

מיר לערנען אלזאָ ארויס צוויי זאַכען פון דעם, ערשטענס, אַז אין דער צייט פון דעם מהרי"ל, אין 14־טען יאָהר הונדערט, איז שוין ביי די אשכנזישע אידען געווען דער מנהג פון געהן צו „תשליך". צווייטענס, זעהען מיר דערפון אַז דער הויפּט שטריך פון דעם מנהג פון „תשליך" איז באַשטאַנען אין וואַרפען שטיקלאַך ברויט אין טייך, אַז מאַנכע אידען שאָקלען נאָך איצט אויס די קעשענעס צו „תשליך", האָב איך אליין געזען אין מיין שטעטעל אין ליטע. געוועהנליך אָבער טוט מען עס ניט. עס ווייזט אָבער אויס, אַז לכתחילה האָבען עס אַלע געטאָן, אַז לכתחילה, איז שאָקלען ברעקלאַך פון די קעשענעס געווען דער עיקר פון דעם גאַנצען מנהג. מיר זעהען דאָ, אַז אין דעם מנהג פון „תשליך" ליגט די אַלטע פרימיטיווע פאָרשטעלונג פון געבען דעם טייוועל עפּעס אַ מתנה, כדי ער זאָל ניט שעדיגען, וואָרים אין טייכען, קוואַלען און ברונימער זיצען בייזע רוחות, ניט־גוטע, האָט מען פאַרצייטען געגלויבט, און איינער פון די בעסטע מיטלען זיך אָפּצוטשעפּען פון די ניט גוטע איז געווען זיי עפּעס צו געבען. — דאָס איז די ווערטער פון שרייבער אות באות.

— אָבער אין אמת'ן איז פאַראַן נאָך טעמים אויף דעם מנהג פון „תשליך" און אַז מיר וועלען זיי דורך שטודירען וועט פארשוואונדען די אויבענדערמאָנטע השערה פון שרייבער.

1) דער באַוואוסטער שריפטשטעלער קלמן שולמאַן אין

---

ארץ ישראל ים — דער קליינער ים הגדול...

איהר וועט מיך אָנקוקען ווי אַ אידענע, איך רעד אַ סך... און איך האַלט נאָך ביים אָנהייב — ביי מה טובו... פון דער מעשה וואָס איז פאָרלאָפען אויף דער שיף וואָס מען לאַכט נאָך אפשר עד היום הזה, אויף דעם חשבון מעגט איהר שוין אויך אָנהייבען צו לאַכען, איהר דאַרפט דען געהן וואו איינקויפען? בפרט אַז לאַכען איז געזונד, האָט געזאָגט שלום עליכם'ס דאָקטאָר.

מען דאַרף אויך ניט אריינשטעקען קיין פינגער אין מויל — איהר פאַרשטעהט מסתמא דאָס איך שרייב דאָס אויף דער שיף — דאַרף איך, שונאי ציון זאָלען משוגע ווערען לא עליכם דערמאַהנען דעם אַטלאַנטיק צווישען אונזער שמועס — נו, נו, נו, ער משעפּעט זיך שוין פון מיר ניט אָפּ, ווי אַ קלעק, שוין 3 וואָכען ווי איך קריך נאָך אַלץ ניט ארויס פון שיף, און ער טרייסעלט מיר, און לאָזט מיר ניט שרייבען אויף איהם קיין לשון הרע. אמת, די שיף טהוט זיך איהרס, זי קריכט... און דערקריכט אַלץ נעהנטער צו דעם גאָלדענעם לאַנד, צו מיינע ערשטע הונדערט טויזענד דאָלאַר. די שיף ווייטערט קעבלען מיר, מען גרייט מיר שעהנע מישען, 3 מאָל אַ טאָג אזוי ווי צום סדר. מען שפּיעלט מיר אונטער מוזיק אַ פּאָר מאָל אין טאָג — ביז מען לייגט מיך אַוועק אין מיין קאַבינע שלאָפען, ווי אַ קיסר אין ווייסע בעטגעוואַנד — פון זייערט וועגען, ניט צו אייך ריידענדיג, שטעה ניט אויף, וועלען זיי פארשפּאָרען מיר געבען צו עסען — אמת ס'איז אַ גרויסע סברה, זאָגט מען, ווי ווייט ס'איז אמת ווייס איך ניט, אַז די ווייטערס וואָלטען גאָר ניט געווען אזוי גוט. אַ סברה זאָגט מען דאָס יעדערער פון אונז אויף דער שיף — האָבען מיר דער קאָמפּאַני פון דער שיף פריער גוט בעצאָהלט, נאָר נאָך אַלע זיבען גליקען, נאָך דעם ווי מען קעבלעט מיך און מען פּאַשעט מיך אזוי גוט (פאַר מיין געלד) דאָך בין איך מתפלל שוין זוכה זיין דעם קומענדיגען מאָרגען ג' תרומה תרפ"ג בתוך כלל ישראל'ס ברודער, שוין אַמאָל זיך אָפּטשעפּען פון אייער שטילינקען גיונינקע אַטלאַנטיקל און מאַקע וואָס פריער מיט דעם רעכטען פוס ארויפטרעטען אויף אייער אונטערערדיגע אַמעריקאַ און גלייך אָנשאַרען... אַ יאָ? אַ יאָ? בוי אייך שאַרט מען דאָך... און מען וואַרט נאָר אויף מיר איך זאָל העלפען אָנשאַרען — מיינע ערשטע הונדערט טויזענד דאָלאַר, וואָס איך האָב צו מיר זיך צוגעזאָגט — און גלייך נעם איך די פיס הענדי פענדי צו־

„המליץ" שנה ה' גליון 14, ברייננט, אז יוסיפוס דער־מאַנט שוין דעם מנהג און עס איז אָנגעוואונסען אין נחמי', ויאספו כל העם כאיש אחד אל הרחוב אשר לפני שער המים וזה הי' בראש השנה (אוצר ישראל, חלק עשירי צד 317 מהדורה שניה תרפ"ד). 2) דער בית מאיר על אורח חיים שרייבט אַז דער עיקר מנהג פון „תשליך" איז פון דעם פסוק שמואל א' קפיטל ז'. וישאבו מים וישפכו לפני ה', ופירש רש"י סימן הכנעה הרי אנו לפניך כמים הנשפכים (ספר שדי חמד מערכת ראש השנה סימן ב' סעיף קטן ב' בסופו.)

3) דער ווילנער גאון אין ביאורי הגר"א או"ח סימן תקפ"ג זאָגט דעם טעם כדי לזכור את העקדה, ווי דער שרייבער אַליין ברייננט דעם מיינונג פון גאון.

4) דער לבוש (ר' מרדכי יפה) זאָגט אויך דעם טעם פון גאון, נאָר ער איז מוסיף, ורגילים לילך במקום שרואים שם דגים לזכור שאנו משולים כדגים חיים שנאחזים במצודה ומתוך כך נשוב בתשובה שלמה.

5) דער רמ"א אין ספר „תורת העולה". זאָגט אויך דעם זעלבען טעם און ער ברייננט א רמז פון זהר.

6) דער של"ה הקדוש ברייננט אויך דעם מנהג, און ער זאָגט אַז מען זאָל גיין צו אַ טייך וואָס איז פאַראַן פיש איבער דעם פריערדיגען טעם, און אויך לסימן שלא ישלוט בנו עין הרע כמו בדגים ונפרה ונרבה כדגים.

7) נאָך אַ טעם איז פאַראַן, כי לדגים אין גבינים ועיניהם פקוחות תמיד כדי להתעורר עינא פקיחא דלמעלה.

8) נאָך אַ טעם, מפני שאנו ממליכים היום את הקב"ה והדרך הוא למשוח את המלכים אצל הנהר לרמז שתמשיך מלכותו, (עיין בקיצור שולחן ערוך).

9) אין ספר מטעמים החדש, אין קפיטל „יום טוב וימים נוראים" ברייננט ער נאָך צוויי טעמים וועגען „תשליך".

10) אין זעלבען ספר מטעמים אין קאַפּיטל „ר"ת ויו"כ" ברייננט ער נאָך אַ טעם אויף „תשליך". טעם למה הולכין לתשליך אל הנהר ששם דגים כי ר"ת דגים י"ג מכילין דרחמי וע"כ אנו אומרים שם אצל הנהר הי"ג מדות.

11) דער ספר „נגיד מצוה" און „יוסף אומץ", און דער ספר „מנהגים" ברייננען אויך דעם מנהג פון תשליך און יעדערער גיט אַ טעם אויף דעם.

אַלזאָ זעט זיך דאָך קלאָר פון די טעמים אַז מען זאָל נאָר גיין צו אַ טייך וואו עס איז פאַראַן פיש און פילע מאָל קען דאָך טרעפען, אַז די פיש זיינען ניטאָ ביים ברעג, וועט מען זיי וואַרפען שטיקלעך ברויט אָדער אַנ־דערע קערנער, אום זיי זאָלען קומען צו שווימען און כאַ־פען די ברעקלעך ברויט. אויסהיטען פּינקטליך דעם מנהג פון תשליך אין אַ טייך וואָס איז פאַראַן פיש, דאַריבער שרייבט דער מהרי"ל, אַז מען זאָל די פיש קיין זאַך ניט וואַרפען וואָרום עס קען קומען צו אַ איסור פון כאַפּען פיש אום יום טוב ראש השנה, און אַזוי איז דער דין אין שולחן ערוך הלכות יום טוב סימן תצ"ז סעיף ב', אויך נאָכ'ן סדר ווי דער שלחן ערוך איז מסדר און ער האָט אַריינגעשטעלט דעם מנהג פון תשליך אין סימן תקפ"ג. וואו אין דעם סימן ווערט דערמאָנט נאָך זאַכען וואָס מען טוט דאָס פון סימן וועגען, ווי עסען אַ קאָפּ פון פיש לסימן

---

ריך צו מיין ים הגדול דעם קליינעם, און צו מיין ארץ ישראל (אַ: איהר ווילט איז ארץ ישראל אייערע אַזוי ווי מיינע...) — די גרויסע...

ניט פאַר געסט גאָר, איין קלייניגקייט, ווען איך האָב נאָר (ניט פאַר אייך געדאַכט — איהר וואַרט דאָך אויף מיליאָנען... און פאַר מיר איז דאָס גענוג) די הונדערט טויזענד פאַרשפּאָר איך דאָך ביי אייך אין דער אונטערערדיגער אַמעריקא צו זיין — ביי אייך ווייזט אויס איז שוין אַן אַלטער מנהג, פון קאָלאָמבוסען אָן, צו געהן מיט'ן קאָפּ אַראָפּ — איך ווי אַלע גרינע שטעלען זיך גאָר ניט פאָר אַנדערש. ווי־זשע דען? אַז דער כדור הארץ דער גלאָבוס איז רונד קיילעכדיג ווי הביצה שנולדה ביום טוב... און מען זאָגט, דאָס אַמעריקע ליגט פון אונטען... בשלמא אין די הייזער און די שטובען, פאַרשטעה איך נאָך, פאַר וואָס מען פאַלט אַליין ניט אום, און פאַר וואָס די געלד פון קעשענע פאַלט ניט אַרויס — ווייל מען שפּאַרט זיך צו, מען האַלט זיך אָן ביי די ווענט, אָבער אין גאַס, אין סטריט ווי איהר רופט דאָס — זאָל גאָט שומר ומציל זיין — אַלע געהען אָדער אַלע הענגען ווי די לימוואַקעס, איך מיין ווי די הערינג... מיט די פיס אַרויף און מיט דעם קאָפּ אַראָפּ.

זוים־זשע דער גרעסטער גבור און פאַלט־זשע ניט אַראָפּ?

אמת, אַביסעל איז דאָס פאַר אונז גרינע — וואָס מיר זיינען נאָר געקומען אין אַמעריקע אָנצושאַרען די דאָלאַרס — איז דאָס אַ גרויסע מעלה וואָס די אַמעריקאַנער מוזען געהן מיט דעם קאָפּ אַראָפּ — דורך דעם פאַלט זיי אַרויס תמיד פון פּאָקעט, ווי זיי רופען די קעשענע — די שווערע דאָלאַרס, און מיר חכמים, די גרינע, שאַרען דאָס גלייך אָן. ערשט איז שוין מיר פאַרענטפערט געוואָרען די קשיה פון וואַנען נעמט זיך אַזוי פיעל געלד? פון די קעשענעס! און אין אַמעריקע שאַרט מען גאָלד — מען דאַרף נאָר זיך אַביסעל איינבייגען צו דער ערד — דאָס הייסט ביי אונז אין ארץ ישראל, מיר שטעהען דאָך גלייך — הייסט דאָס זיך אַביסעל איינבויגען צום הימעל... ס'איז דאָך אַזוי וואָס ביי אונז איז הימעל, איז ביי אייך ערד... אַז אַמעריקע ווי מיר האָבען געשמועסט איז אונטער דער ערד... אין דאָן שאַרט מען שוין אָן די גאָלד. ס'איז גאָר קיין וואונ־דער ניט, וואָס איהר אַמעריקאַנער זענט אין די אויגען פון דער גאַנצער וועלט ניט קלענער, ווי מיליאָנערען — אַז מען הייגט געהענדיג און מען געהט הייגענדיג... מוז דאָך די געלד זיך וואַלגערען אין די גאַסען — און וויסענדיג דעם סוד בין איך טאַקע צו אייך געקומען, לאָמיך אויך ווערען אַ מיליאָנער ווי איהר... שאַדע כ'לעבען וואָס איך האָב פון איילעניש פאַרגעסען דעם שופפעל, וועלכען איך האָב מיר צוגעגריים נאָך אין ארץ ישראל איידער איך בין אַרויף אויף די שיף, איך זאָל האָבען

שנהי׳ לראש ולא לזנב. אויך עסען מערען לסימן שירבו זכיותינו. איז גיין צו תשליך אויך מער ניט ווי א סימן. ותשליך במצולות ים כל חטאתינו.

אלזא, ווי איך דערקלער דא, פאלט אפ די השערה פון געעהרטען שרייבער אז ווארפען ברעקלאך ברויט צו די פיש איז מקריב זיין וואס פאר דעם שטן, וואס אזוינס איז נגנען דעם אידישען גייסט בכלל, וועלכע גלויבען אין ג׳ ב״ה און השגחת פרטית.

און זעלבסטפארשטענדליך איז זייער לעכערליך וואס דער שרייבער וויל צוזאמענברייננען דעם מנהג פון תשליך מיט דעם שעיר לעזאזל, ווי ער שרייבט אין זיין ארטיקעל. אמת דער רמב״ן אויף חומש וויל זאגען אט דעם טעם, אבער די גמרא אין יומא ס״ז און דער רמב״ם אין סוף הלכות מעילה שרייבען אז שעיר עזאזל איז א חוק אהן א טעם, ווי פרה אדומה און נאך מצות.

אויך וויל איך באמערקען דעם שרייבער, וואס ער וויל צוזאמענברייננען דעם מנהג פון עסען אויף א שלום זכר באב, ארבעס, לינזען, מיט דעם מנהג פון תשליך מקריב זיין וואס פאר דעם שטן, כדי ער זאל קיין שלעכ־טעס ניט טאן דעם קינד.

דער טעם איז ווי איך האב געזען אין א ספר, אזוי ווי בא דניאל און זיינע חברים, וועלכע האבען זיך ניט געוואלט מטמא זיין מיט מאכלות אסורות, נאר זיי האבען געגעסען זרעונים, און דאך האבען זיי אויסגעזעהן שענער פון אלעמען, דאס זעלבע איז א סימן פאר דעם ניי געבארענעם קינד, אז ער זאל פירען א כשר׳ען לעבען און א כשרה פרנסה, און דאס וועט איהם אבגליקען אזוי ווי ביי דניאל׳ן. מיר דוכט אז דער טעם איז מער פאר־שטענדליך ווי עטוואס אנדערש.

## הרב קוק קייבעלט נויט־אפיעל פאר זיין ישיבה

הגאון אברהם יצחק הכהן קוק, דער רב הכולל פון ארץ ישראל האט געשיקט פאלגענדען טעלעגראפישען אפיעל צו די אמעריקאנער אידען צו העלפען דער „ישיבה מרכזית עולמית", וועלכע ער פארוואלטעט אין ירושלים:

„אמעריקאנער אפיס, ישיבה מרכזית, 38 פארק ראו, ניו יארק.

„די פינאנציעלע לאגע פון ישיבה מרכזית איז קאטאסטראפאל, די בני ישיבה ליידען ממש הונ־גער. טייערע ברידער, פון מיין פארוויסטאנדיגען הארץ שריי איך אויס צו אייך: ערוועקט זיך וואס פריער מיט אייערע ברייטע מיטהילף צו ראטעווען אונזער מקדש התורה אין ירושלים. איך ווינש אלע מנדבים א כתיבה וחתימה טובה.

אברהם יצחק הכהן קוק, הרב הראשי".

## קריסטליכע בוטשערס פאר אפשאפען שחיטה פארבאט אין בייערען

מינכען (בייערען). — דער „פארבאנד פון בוטשערס אין בייערען" האט צוגעשיקט א פעטיציע צום בייערישען פארלאמענט, בעטענדיג אפצושאפען דעם פארבאט אויף אידישער שחיטה, וואס איז אין קראפט אין בייערען די לעצטע צוויי יאהר.

די בוטשערס ערקלעהרען, אז זינט דער פארבאט איז די פלייש אינדוסטריע אין בייערען אין א קאטאסט־ראפאלער לאגע. די פארמער האבען שטארק געליטען ווייל די 170 אידישע קהלות אין בייערען פלעגען פאר־ברויכען זעכציג טויזענד בהמות יעהרליך. איצט ברייננען די אידען כשר פלייש פון אנדערע פראווינצען. זיי האבען אויך איבערגעפיהרט די װאורשט אינדוסטריע פון בייע־רען אין אן אנדער פראווינץ.

---

מיט וואס צו שארען די דאלארס... צום ביישפיל מיין שיף קומט מארגען אריין אין נעוו יארק, אדער ווי איהר רופט דאס ניו יארק — וואס זאל איך פריער טאן? לויפען... (ביי אייך געהט מען ניט נאר מען לויפט...) קויפען א שופפעל — אדער א שאדע די צייט און גלייך אנהויבען צו שארען אפילו מיט די הענד, זיי צו געוואהנען צו די דאלארס? איך ווייס ניט וואס פריער צו טאן — אדרבא ווי וואלט איהר אמעריקאנער געטאן אז איהר וואלט חלילה געווען גרינע... וואס האבען נאך ניט געזעהן ווי א דאלאר קוקט אויס, וואס פאר א פנים ער האט? אדער אײדער איהר זענט געווארען מיליאנערען וואס וואלט איהר געטאן — צי איהר וואלט געלאפען פון שיף קויפען א שופעל און אויסגעבען געלד? אדער — טאקע ארבייטען מיט די פיס און מיט די הענט צו מאכען געלד? און גלייך הענדי פענדי ווי איך גייט מיר ארונטער מארגען פון שיף, אויף אייער איבערערדיגע אמעריקע, און זעה דאס פון די משוגענע אמע־ריקאנער (ביי אונז איז מען שוין גאר ניט אזוי משוגע צו געהן מיט דעם קאפ אראפ... און ארויסווארפען... איבערפיהרען געלד...) פאלט פון די פאקעטס היינגענדיג... די געלד, נעהם איך זיך צו מיין ארבייט „מלאכה נקיה וקלה"... און שאר אן די גרינימשקע דאלארלאך — און מאך מיר מיינע ערשטע הונ־דערט טויזענד — און הענדי פענדי צוריק אהיים „דארט וואו די צעדער"... ווי זשע דען — אז ניט וואס איז גאר מיין גאנצע פאהרעניש צו אמעריקא? ...

דערוויל פארגעסט ניט, דאס איך האב חלילה — אמת אויף דער שיף איז ניט קיין פראהיבישאן, דאך שיכור... בין איך ניט, צו פארגעסען וואס איך האב אנגעהויבען. דער אט־לאנטיקל זאל מיר מוחל זיין שווייגט ניט. ער טרייסעלט מיר אונטער אביסעל שרייבענדיג אויף איהם... איהם צו להכעיס וועל איך דאך ניט פארגעסען די מעשה וואס איך האב אייך אנ־געהויבען דערציילען, אייך מאכען צו לאכען און גאר פאר־קראכען אין בויבעריק דאס הייסט צו אייך אין אמעריקע...

אלזא הערט צו, נאר מיט קאפ, „מעשה שהיה כך היה" און דוקא גיב קיין אויסבראכמעניש.

(פארטזעצונג קומט)

# אגודת שוחטי עופות אין לאָס אנדזשעלאס, קאליפאָרניע

כבוד חברים נכבדים חברי אגודת שוחטי עופות דנויאָרק רבתי.

שלום וברכה, ושנה טובה ומתוקה!

אין דעם נאָמען פון אונזער אגודת השוחטים דריקען מיר אויס אונזער הערצליכען דאנק פאַר אייער דרוקען דעם בריף וואָס אונזער ווירדיגער סעקרעטאַר האָט אייך געשיקט, און אַבוואָהל קיין מאַטעריעלישע הילפע האָט אונז דאָס ווייניג נעגעבען, אָבער מיר האָבען דאָס ניט ערוואַרטעט, ווייל מיר ווייסען גוט אַז איז אייער בעסטען ווילען קענט איהר אונז פון דערווייטען ניט העלפען, דאָך אָבער אין האָפענונג האָט אייער בריעף זעהר פיעל פרוכט געבראַכט, מיט דעם וואָס לעזענדיג אייער געשיכטע אַז כמוני כמוך, האָט איר אויך געליטען, אָבער איהר מיט אייער גרויסע עקשנות האָט איהר זיך ניט פאַרלאָרען און זיך ניט אונטערגעגעבען צו די פגעי הזמן, און מיט אייער ענערגיע האָט איהר דורכגעבראָכען די שווארצע כחות וואָס זיינען געווען קעגען אייך. אַבוואָהל נעווים איז נאָך דאָ ביי אייך אויך נאָך פיעלע זאַכען אויף אויסצר בעסערען, אָבער אויב ראשיתך מצער וועט זיין אחריתך ישגה מאד, ווייל אייער אגודה איז אַ שטאַרקע מאַכט, און ספּעציעל ווען איר פאַרמאָגט ביי זיך אַזעלכע גייסטיגע פירער, ועל כולם אייער ווירדיגער רעדאַקטאָר הגאון, פה מפיק מרגליות הרב שמריהו ליב הורוויץ, און אַלע אייערע אָפּיסערס וועלכע זיינען אנשי שם, המפורסמים אינם צריכים ראיה. מיט אַזעלכע פירערס דאַרפט איהר זיין שטאָלץ, אַז געווים וועלען זיי אייך ברייננען צו דער העכסטער שטופע פון רוחניות און גשמיות, און אָט דורכלעזענדיג אייער ווירדיגען זשורנאַל ביי אונזער מיטינג, האָט דאָס אין אונז אריינגעבלאָזען אַ נייעם רוח החיים אין דער צייט וואָס מיר האָבען זיך אינגאַנצען מיאש געווען פון וואָס עס איז עפּעס צו טון, אָבער אַ ביישפּיעל פון אייך האָבען מיר גענומען, אַז מען דאַרף ניט פאַרלירען די האָפענונג און מיר האָבען זיך גענומען יעצט מיט מעהר לעבהייט, מיט טהאַט און ראַטה צו קעמפען קעגען די גלים השואפים לבלענו.

נעוועהנליך מיט דער הילפע פון אונזערע חשוב'ע רבנים וואָס מיר פאַרמאָגען, וואָס מיר קענען זיי זעהר גוט אַז זיי וואָלטען אונז געווים געוואָלט העלפען און ע"מ שלא לקבל פרס, נאָר דורך דעם וואָס השטן של מחלוקת מרקד ביניהם, וואָס טעמם עמדם, און מיר שוחטים קענען ניט רעכטפערטיגען איין רב געגען דעם צווייטען, און דערווייל ליידען מיר. אָבער מיר האָפען גם זה יעבור, עס וועט דאָך קומען צו אַן אויסגלייכונג, און אַז די רבנים וועלען זיין פאַראייניגט, און דאַן הכל על מקומו יבא בשלום און דורך זייער שלום וועלען מיר אויך געהאָלפען ווערען.

ברגשי כבוד, יונה פריעד, שו"ב

# די שוחטים פון די מאונטיינס אָרגאַניזירען זיך

דער ערשטער וויכטיגער היסטאָרישער מיטינג פון די שוחטים אין די בערג האָט שטאַטגעפונדען דעם 18טען סעפטעמבער. מיט דעם הייליגען צוועק צו גרינדען אַן „אגודת השוחטים" פון אַלע שוחטים פון די מאונטיינס. דער מיטינג האָט שטאַטגעפונען אין פאולסבורג, און ווייל די שוחטים זיינען קיין מאָל ניט געווען אָרגאַניזירט ווי נעהעריג איז און האָבען דערפאַר דורכגעלעבט יאָהרען פון יאוש, דאָס האָט גורם געווען דאס מאנכע שוחטים זיינען ניט געקומען צום מיטינג, אָבער די שטענדיגע אגיטאַציע פון „די שוחטים שטימע" אַז די צוקונפט און גליק פון די שוחטים ליגט נור אין פאַראייניגונג, האָט פיעל געהאָלפען דאס די מאונטיין שוחטים זיינען געקומען צום מיטינג. דער מיטינג איז געווען אַ באַגייסטערטער. עס איז ערוועהלט געוואָרען אַ צייטווייליגער טשערמאַן, וועלכער זאָל וועקען און אָרגאַניזירען די חברים שוחטים, נאָר אַזוי ווי יעצט קומען אונטער די ימים נוראים און ימים טובים, וואו יעדערער איז אויסערגעוועהנליך באשעפטיגט און עס איז דערפאַר אונמעגליך קומען צו מיטינגען און טאָן פּראַקטישע אָרגאַניזאַציאָנס ארבייט, איז דערפאַר באשלאָסען געוואָרען, אַז דער טשערמאַן זאָל רופען אַ ספּעציעלען מיטינג אויף זונטאג פ' נח אין דער שוהל פון מאָנטיסעלא, און לאָזען וויסען אַלע חברים די שוחטים פון די מאונטיינס, אַז פון יאוש און עצבות, פון גאָר ניט טאָן, וועט גאָר נישט אַרויסקומען, אַז דער איינציגער וועג צו פאַרזיכערען זיך מיט פּרנסה און פּרעסטיזש און אויפהויבען דעם כבוד פון דעם שוחט און פאַרבעסערען דעם מצב הכשרות, איז נור דורך אַ שטאַרקע „אגודת השוחטים פון די מאונטיינס".

עס איז צו ערוואַרטען דאס אלע שוחטים פון די מאונטיינס וועלען פאַרשטיין די וויכטיגקייט פון שאַפען אַ שטענדיגע שוחטים אָרגאַניזאַציע פאַר די אינטערעסען פון די שוחטים, און זיי וועלען אלע קומען צום ספּעציעלען מיטינג וואָס וועט שטאַטפינדען פאַר דיזען צוועק יום א' פרשה נח אין מאָנטיסעלאָ.

בברכת שנה טובה צו אלע חברים שוחטים בכל מקום שהם.

דער צייטווייליגער טשערמאַן

זלמן בער מאַגאַריק, שו"ב דוואודרידזש, נ. י.

האבות והבנים יברכו מני עולמים. יפתח לכם את אוצרו הטוב מן השמים. רם ישרה שכינתו בתוכם. שפע ברכה והצלחה במעשה ידיכם.

משה צבי הירש ווילנער.
מזכיר „נחלת השבים".

---

## בברכת שנה טובה ומוצלחת

אני מברך את כל ראשי ומנהלי דאגודתנו וכל החברים בכלל, ובפרט למנהיגנו מר טשארלס הויר בערט עם כל ב"ב, כן אברך את כל המנהלים והחברים ד„נחלת השבים", ונזכה לעלות לארצנו בעגלא ובזמן קריב ברינה ולשבת איש תחת גפנו ותחת תאנתו, כאות נפש מוקירכם בלב ונפש.

ישראל באשקאוויץ.
מזכיר דאגודת שוחטי עופות
וסגן דנחלת השבים.

---

## לשנה טובה תכתבו ותחתמו

חברי אגודת השוחטים דנויארק רבתי וכל מרנן ורבנן, ידידים וקוראי ה„שוחטים שטימע" בכל מקום שהם, וכל מיודעי ובני משפחתי, בתו"ב עמב"י.

רעוז. אלי' משה דעשאליט, שו"ב וב"ב.

---

## א שנת חיים, ברכה והצלחה

ווינש איך מיינע פריינד בכלל, און בפרט אלע בעאמטע פון אגודת שוחטי עופות דניו יארק רבתי, אויך אלע ברידער שוחטים, אויך די חברה „אנשי ליבאוויץ" פון מאאר סט., אויך הרב לאקשין, אויך די חברה „צמח צדק" פון בארא פארק, אויך הרב סימפסאן, אויך די „ישיבת הגר"א".

מנחם דייוואדסאן.

---

## שנת „להצלחה טובה להשוחטים סלה"

מה טוב חלקינו ומה נעים גורלנו.
שזכינו להביע ברכה בירחונינו.
הנני מוצא על עצמי חובה.

פה לברך בכתיבה וחתימה טובה.
ניני ונכדי, וכל המשפחה.
חבירי השוחטים וכל הרבנים.
סמוכים ורחוקים מכל מערכה.

הידידים החדשים וגם הישנים.
רוח והצלה חיים טובים והצלחה.

זך שוכן מעונה יתן לחם ככה.
המעתיר ומברך וקורא באהב.
בשנה חפצה משה פינחס הר זהב.

**דר. ש. נאוואגראדסקי**

**רופא שניים**

מברך את כל ידידיו ומכיריו באגודת השוחטים ואת כל ישראל.

**בכתיבה וחתימה טובה**

**161 Clinton St., Cor. Grand St., N. Y. C.**

Tel. DRy Dock 4-8286

---

## א שנה טובה ומוצלחת

ווינש איך מיינע שותפים מר. לואיס און סעם וויטבערג, שמעיה אייזיקסאן, אברהם גאלדבערג, סיימאן לאפאוו מיט זייערע פאמיליעס.

אויך מיין שוואגער מאקס ראזען און זיין פאמיליע, אהרן האלפערן מיט זיין פאמיליע, מיינע שוחטים מיט זייערע פאמיליעס ובפרט רעוו. יוסף ראזענמאן, און מיין מחותן רעוו. שמעון נאוואפראדסקי מיט זייערע פאמיליעס, מר. טשארלס הוירבערט מיט זיין פאמיליע, אלע מיינע קאסטאמערס, מיינע קינדער מיט זייערע פאמיליעס און כלל ישראל. זאל דער עווינער געבען אלעמען א שנת ברכה ופרנסה טובה.

יצחק אייזיק ליפשיטץ.

---

# מאיר וואלאזין

50-52 עלדרידזש סטריט, ניו יארק.

מאנופעקטשורער פון וואלענע און סילקענע טליתים, ווי אויך פרוכת'ן, מענטעלאך, חופות א. ז. וו. ווינשט אלע זיינע פארהערער און קאסטאמער, ווי אויך אלע שוחטים, וועלכע קויפען ביי איהם די בעסטע מיללערס חלפים און שארפשטיינער.

א כתיבה וחתימה טובה.

**M. WOLOZIN**

**50-52 Eldridge Street New York**

---

# יעקב בראנפמאן

מאנופעקטשורער פון אלע סארטען כשר'ע פלייש פראדוקטען, ווינשט אלע רבנים און אלע שוחטים, ווי אויך דעם גאנצען כלל ישראל.

א כתיבה וחתימה טובה

**JACOB BRANFMAN**

**178 Delancey St. New York, N. Y.**

---

די פירמע פון

# בארנעט בראדי

וועלכע איז די איינציגע אין דעם ליין פון

## כשר פלייש פראדוקטען

וואס שטייט אונטער די משגחה פון דעם ועד הרבנים דניו יארק רבתי, ווינשט אלע רבנים און שוחטים פון אמעריקא און קענעדע, ווי אויך אלע אידען

## א כתיבה וחתימה טובה

בארנעט בראדי

127 וואלטאן סטריט, ברוקלין, נ. י.

---

# גאטליעבס כשר רעסטאראנט

260 וועסט 38טע סטריט, ניו יארק

ווינשט אלע רבנים, שוחטים און אלע אידען וועלכע פאטראניזירען דעם רעסטאראנט

## א כתיבה וחתימה טובה

א שנת ברכה והצלחה, עושר ואושר, חיים ארוכים ופרנסה טובה לכל ישראל די בארעא הדין ודי בארעא דישראל.

**It is our sincere wish that our firms and neighbors enjoy a PROSPEROUS and HAPPY NEW YEAR**

# The Public National Bank & Trust Co.

**of New York**

## לשנה טובה תכתבו

**ברוכים אתם** מלאכי מלאכת הקודש, ראשי וחברי אגודת שוחטי עופות דנויארק דבתי.

**ברוכים אתם** גאולי תהיה וכוניה חברי „נחלת השבים“.

**ברוכים אתם** מוציאי לאור ומשמיעי „קול השוחטים“ ו„השומר“ עם העורך הכי־נכבד הרב שמריהו ליב הורוויץ.

**בשנה טובה ומוצלחת, בגאולה שלמה, בשיבת בנים לגבולם יחד עם כל ישראל.**

מאת ידידיכם המברכים אתכם,

**יוסף חיים ובנו שבתי (סעם) קופלוביץ,**

1800 שדרת פיטקין, ברונזוויל, נ. י.

153

RABBI S. L. HURWITZ, *Editor*. — הרב שמריהו ליב הורוויץ, רעדאקטאר.

# די שוחטים שטימע
# SCHOCHTIM SHTIMME

מאנאטליכער זשורנאל, ארויסגעגעבען ביי די אגודת שוחטי עופות דניו יארק רבתי

**Monthly Magazine, published by the Poultry Schochtim Union of Greater New York**

**Affiliated with the American Federation of Labor, Local 440**

**229 East Broadway, New York, N. Y.** — **Telephone: ORchard 4—1938 — 9602**

**Vol. I. No. 8. October, 1932.** — ערשטער יאהרגאנג, נומער 8. ב"ה ניו יארק, תשרי, תרצ"ג.

## אינהאלט:


עדיטאריעלס:

א. דער גייסטיגער „פאגראם" אויף די שוחטים פון ניו יארק.

ב. די לאגע פון די שוחטים אין אמעריקא פאדערט א קאנווענשאן.

ג. וואס די שוחטים יוניאן טוט פאר כשרות.

די אורזאכע פון שלעכטען מצב השוחטים — — — — — — — — רעוו. אליהו מעלצער

מיין ערשטע עליה — — — — — — — — — — — — — — — רעוו. יוסף ראזענמאן

פון אונזער אלטען היילינען קוואל

די פרעסע — — — — — — — — — — — — — — — — הרב שמואל מנחם הלוי פיין

בריעף פון שוחטים.

תלמודישע ווערטלאך — — — — — — — — — — — אחד השוחטים המרגישים

### השומר

מלאכה שיש בה חכמה וקדושה — — — — — — — — — — — — ש. ל. ה.

הלכות שחיטה — — — — — — — — — — — — — — — הרב שמריהו ליב הורוויץ

במי האשם? — — — — — — — — — — — — — — — — הרב שמואל ד. מהרשק

למצב הכלכלי של שוחטי גסות — — — — — — — — — — הרב שמואל אהרן הלוי פרדס


**Subscription Price, $3.00 a year.** — סובסקריבשאן 3 דאלאר א יאהר.

Entered as second-class matter, August 15, 1932, at the Post Office at New York, N. Y., under the Act of March 3, 1879.

(154)

**STATEMENT OF THE OWNERSHIP, MANAGEMENT, CIRCULATION, ETC., REQUIRED BY THE ACT OF CONGRESS OF AUGUST 24, 1912,**

Of SHOCHTIM SHTIMME, published monthly at New York, N. Y., for Oct. 1, 1932.

State of New York
County of Bronx ss.

Before me, a Notary Public in and for the State and county aforesaid, personally appeared Ely Meltzer, who, having been duly sworn according to law, deposes and says that he is the Business Manager of the SHOCHTIM SHTIMME and that the following is, to the best of his knowledge and belief, a true statement of the ownership, management (and if a daily paper, the circulation), etc., of the aforesaid publication for the date shown in the above caption, required by the Act of August 24, 1912, embodied in section 411, Postal Laws and Regulations, printed on the reverse of this form, to wit:

1. That the names and addresses of the publisher, editor, managing editor, and business managers are:
Publisher: Poultry Shochtim Union, 229 East Broadway, New York, N. Y.
Editor: Rabbi S. L. Hurowitz, 1503 Eastern Parkway, Brooklyn, N. Y.
Managing Editor: None.
Business Manager: Ely Meltzer, 2709 Webb Ave., Bronx, N. Y.

2. That the owner is: (If owned by a corporation, its name and address must be stated and also immediately thereunder the names and addresses of stockholders owning or holding one per cent or more of total amount of stock. If not owned by a corporation, the names and addresses of the individual owners must be given. If owned by a firm, company, or other unincorporated concern, its name and address, as well as those of each individual member, must be given.)
Poultry Schochtim Union, 229 East Broadway, New York, N. Y.
Rev. J. Bloom, President, 141 Tapscott St., Brooklyn, N. Y.; Rev. Ely Meltzer, Vice-President, 2709 Webb Ave., Bronx, N. Y.; Rev. S. Novogrudsky, Treasurer, 826 Manida St., Bronx, N. Y.; Rev. J. Rosenman, Secretary, 341 Riverdale Ave., Brooklyn, N. Y.

3. That the known bondholders, mortgagees, and other security holders owning or holding 1 per cent or more of total amount of bonds, mortgages, or other securities are: (If there are none, so state.)
None.

4. That the two paragraphs next above, giving the names of the owners, stockholders, and security holders, if any, contain not only the list of stockholders and security holders as they appear upon the books of the company but also, in cases where the stockholder or security holder appears upon the books of the company as trustee or in any other fiduciary relation, the name of the person or corporation for whom such trustee is acting, is given; also that the said two paragraphs contain statements embracing affiant's full knowledge and belief as to the circumstances and conditions under which stockholders and security holders who do not appear upon the books of the company as trustees, hold stock and securities in a capacity other than that of a bona fide owner; and this affiant has no reason to believe that any other person, association, or corporation has any interest direct or indirect in the said stock, bonds, or other securities than as so stated by him.

5. That the average number of copies of each issue of this publication sold or distributed, through the mails or otherwise, to paid subscribers during the six months preceding the date shown above is ——— (This information is required from daily publications only).

ELY MELTZER, Business Manager.

Sworn to and subscribed before me this 13th day of October, 1932.

(Seal) HYMAN KOSSAR,
Notary Public, Bronx County.
Bronx County Clerk's No. 36, Reg. No. 26K33.
Commission expires March 30, 1933.

# ענטפערס צו די וואס פרעגען

שו"ב ב. — ווען איר זענט פריי געזאגט, ניט קיין מאמין, טארט איר ניט זיין קיין רב און ניט קיין שוחט, אלס ארענטליכער מענש מוזט איהר דערפון אנטלויפען. איהר זענט דאמיט א צבוע, און איהר וועט ווערען מיט דער צייט איינגאנצען פארדארבען. אייער נשמה וועט מיט דער צייט צוריסען ווערען און דאס וועט אויך מוזען ווירקען אויף אייער געזונט. אפשר קענט איהר אנפאנגען לעהרנען דעם „חובות הלבבות", 'כוזרי', „מסלת ישרים". מיר גלויבען, אז דיזע ספרים וועלען זיין א גוטע גייס־טיגע מעדיצין, וועלכע וועט קענען קורירען אייער קראנקע צוריסענע נשמה.

להשו"ב ד. מ. — פאלגט אונז און לעהרענט יעדען טאג גמרא און פוסקים, ספרי מוסר, און דעם „תניא" פון רש"ז מלאדי, דאן וועט איהר קענען קאנטראלירען צרות און ענמת נפש.

להשו"ב א. ז. ד. — דער רעדאקטאר האט גאר ניט צו טאן מיט שיקען אלטע נומערען פון צייטונג, און בכלל מיט שיקען די צייטונג צו סובסקרייבערס. דער רעדאק־טאר האט צו טאן מיט רעדאקטירען די צייטונג, און ניט מיט די ביזנעס זייט פון דער צייטונג. ווענדעט זיך צום סעקרעטאר פון „די שוחטים שטימע" רעוו. אליהו מעלצער. ער וועט אייך שיקען די אלע נומערען וועלכע זיינען ביי אייך פארפאלען געווארען.

להשואל כענין — רשי"ס פאטער איז געווען רבי יצחק, רש"י מיינט ר' שלמה יצחק, זיין מוטער איז גע־ווען די שוועסטער פון דעם גרויסען פייטן ר' שמעון בר יצחק, א תלמיד פון רבי אלפס. רשי"ס פאטער איז געווען א גרויסער תלמיד חכם און זיין זון רש"י בריינגט דברי תורה פון איהם (זעה אין מס' ע"ז דף ע"ה ע"א, ער זאגט דארט (וזהו לשון אבא מורי מנוחתו כבוד) ער האט אבער ניט געמאכט קיין לעבען פון תורה, נור ער האט געמאכט א לעבען פון פארקויפען וויין (זעה דעם ספר האורה פון רש"י ב' ק"ח) און א גרויסער יחסן, ער האט געשטאמט פון הלל הזקן און פון דוד המלך.

שו"ב מ. ז. — דער ש"ך (רבנו שבתי הכהן ז"ל) האט געדרוקט זיין ש"ך (שפתי כהן) אויף שלחן ערוך, יורה דעה ווען ער איז אלט געווען 24 יאהר. 81 רבנים גאונים האבען איהם דאן הסכמות געגעבען און זיי האבען באַ־וואונדערט די גאונות פון דעם 24 יעהריגען גאון. ווען ער איז אלט געווען 20 יאהר איז ער געווען קלאר אין ש"ס בבלי וירושלמי מיט אלע מפרשים און אלע פוסקים ראשונים און אחרונים. ער איז געווען א גרויסער פוסק און א בעל מקובל און אויך א פייטן און וואונדער־בארער מליץ, מחבר פון סליחות און שירים על פי דקדוק הלשון, און אויפ'ן סוף פון זיין ספר אויף שלחן ערוך יורה דעה און שלחן ערוך חשן משפט איז געדרוקט דארט זיינע שירים. ער איז געווען א מחבר פון פיעל וויכטיגע ספרים. נפטר געווארען 41 יאהר אלט. זי"ע ועל כל ישראל.

# די שוחטים שטימע

**תשרי, תרצ"ג**

ערשטער יאהרגאנג. | נומער 8


## דער גייסטיגער „פאגראם" אויף די שוחטים פון ניו יארק

אויף אן אנדער פלאץ אין דיזער צייטונג וועט דער לעזער געפינען א בריף פון א שוחט אין וועלכען ער פראטעסטירט געגען דעם „פארווערטס". וועלכער האט געלאזט דרוקען אן ארטיקעל אין וועלכען די אגודת שוחטי עופות דניו יארק רבתי ווערט אנגעגריפען און באליידיגט און ווערט באשולדיגט אין אזוינס וואס איז דורכאוים פאלש.

דער ארטיקעל פון דעם „פארווערטס" האט געהאט זעהר א שלעכטע ווירקונג אויף אלע שוחטים פון גרייטער ניו יארק וואס ווייסען אז דער שרייבער פון יענעם ארטיקעל האט, פשוט, געמאכט א מיאוסען און שרעקליכען בלבול אויף די עופות שוחטים פון ניו יארק, און אז אלעס וואס ער האט געזאגט וועגען דעם מצב השוחטים והשחיטה איז כזב ושקר, און דערפאר פראטעסטירען זיי געגען דעם „פארווערטס".

זיי קענען ניט פארשטעהן ווי קען א צייטונג זיין אזוי אונפאראנטווארטליך, לאזען דרוקען אן ארטיקעל וועגען 300 שוחטים, באשולדיגען זיי, ניט אויסגעפינען און ניט אונטערזוכען פריהער צי אט די אלע באשולדיגונגען זיינען אמת אדער ניט.

מיר גלויבען ניט אז די שוחטים זיינען גערעכט, און מיר האלטען ניט אז מען דארף פראטעסטירען געגען דעם „פארווערטס", מיר גלויבען אז דער „פארווערטס" איז פאלשטענדיג גערעכט. דער „פארווערטס" וועלכער ווערט געדרוקט שבת און יום טוב, וועמעס צוועק איז אימער געווען ברעכען אלעס וואס ביי אידען איז ליב, הייליג און טייער, וועלכער מאכט פון „א בינטעל בריף" און פון „יאשע קאלב" קונסט, הייליגע קונסט און די הייליגע אידישע צניעות וועלכע האבען אויפגעהאלטען דעם קיום פון אידישען פאלק ווערט דורך דעם „פארווערטס" אינגאנצען פארשוועכט, אט דער „פארווערטס" ברעכט וואס שוחטים בויען, דער „פארווערטס" דארף און מוז באליידיגען די געפיהלען פון די שוחטים, אויסטראכטען אויף זיי כל דבר אסור, זיין וואונש דארף נאר זיין ברעכען זייער ארגאניזאציע, האלט דען דער „פארווערטס" פון שחיטה, פון כשרות, פון קדושה? קענען מיר דען פארלאנגען פון „פארווערטס" אז ער זאל ארבעטען לטובת שוחטים, שחיטה און כשרות? דאס וואלט דאך געמיינט אז דער „פארווערטס" ארבייט פאר באפעסטיגען די אידישע רעליגיאן, וועלכע ער האט אימער געזוכט צו ברעכען און ערנידעריגען. און מיר ווילען ניט אז שוחטים זאלען האבען טובות פון „פארווערטס", שוחטים דארפען און טארען ניט זיין „גענאסען", „פארווערטס" אידען, ווייל דאן וואלט ווירקליך געווען אן ערנסטע פראגע צי מעגען נאך אזוינע שוחטים טאן זייער מלאכת הקודש.

ניט דער „פארווערטס" איז שולדיג, ווייל דאס איז דאך זיין שטענדיגע צושטערונגס ארבייט, וועלכע ער טוט די גאנצע צייט פון זיין עקזיסטענץ. שולדיג זיינען די יענינגע שוחטים מוסרים וועלכע שעמען זיך ניט געהן צו א געוועזענעם אידישען ריכטער, א „פארווערטס" גענאסע, און דערצעהלען איהם ניט געשטויגענע און ניט געפלויגענע זאכען, שקרים און פארלוימדונגען, דערפאר ווייל זיי ווערען ניט ארייגענומען אלס מיטגלידער אין די שוחטים יוניאן פון גרוים נויארק. אט די מיט רעכט ארויסגעשטויסענע זוכען צו פארלוימדען די שוחטים יוניאן און האבען געמאכט שותפות מיט דעם הייליגען „פארווערטס".

ס'איז לחלוטין אונמעגליך דאס א שוחטים יוניאן זאל קענען אלעמען ארייננעמען, און אלעמען צופרידען שטעלען, עס איז בכלל נאך ניט געבוירען געווארען דער מענש אדער די ארגאניזאציע, וועלכע זאל קענען אלעמען צופרידען שטעלען, נאר דער באוואוסטער טפש אחשורש, וואס די גמרא זאגט אז ער איז געווען א גרויסער טפש, האט געגלויבט אז מען קען אלעמען צופרידען שטעלען (לעשות כרצון איש ואיש) און אם ענדע האט ער זיך געמוזט איבערצייגען אז אלעמען צופרידען שטעלען איז אן אונמעגליכקייט.

ניט אלע שוחטים זיינען ראוי און פאסיג צו זיין מיטגלידער אין די אגודת השוחטים, און די ניט פאסיגע וועלכע א פאראנטווארטליכע שוחטים ארגאניזאציע קען און טאר זיי ניט ארייננעמען אלס חברים, אט יענע זיינען דאס די „פארווערטס" אידען וועלכע זוכען צו ווארפען א פלעק אויף די אגודת שוחטי עופות דנויארק רבתי און מאכען פארשידענע בלבולים אויף די שוחטים דימיטגלידער פון די אגודת השוחטים, און זוכען די הילף און די חבר'שאפט פון דעם סאציאליסטישען שבת'דיגען „פארווערטס".

די אגודת שוחטי עופות פון גרייטער נויארק האט ניט מורא פאר'ן „פארווערטס", האט אויך ניט מורא פאר מוסרים און פארלוימדער, ווייל „קושטא קאי", דער אמת איז הייליג און שטארק, די שוחטים יוניאן געהט אין דעם וועג פון אמת און גערעכטיגקייט, אין דעם וועג, וועלכען עס האט אונז אנגעצייכענט און געוויזען אונזער הייליגע תורה, דער שלחן ערוך איז געווען און וועט אימער בלייבען אונזער שטענדיגער וועג-ווייזער. דערפאר האבען מיר פאר קיינעם קיין מורא ניט, ה' לי — לא אירא, מה יעשה אדם לי?! ווען דער בורא עולם איז מיט אונז, ווארום דארפען מיר שרעקען זיך פאר מענשען? די שוחטים יוניאן איז גרייט אין יעדער צייט איבערגעבען

פאקטען צו א פאראנטוואָרטליכע קאָמיטע פון רבנים און פארטרעטער פון דעם אָרגאַניזירטען יודענטום וועלכע וועלען איבערציינגען אז די שוחטים יוניאָן געהט אימער מיט דעם אמת און טוט דאָס וואָס די תורה הקדושה הייסט טאָן. און דאָס איז איהר שטאַרקייט. און דערפאר וועלען איהרע שונאים גאָר ניט קענען טאָן. די אגודת שוחטי עופות דנויאָרק רבתי וועט זיין שטאַרק און מעכטיג און טאָן ווי אימער גרויסע נוצליכע פרוכטבאָרע הייליגע אר־בייט לטובת השוחטים בכלל ולטובת היהדות בפרט.

## די לאַגע פון די שוחטים אין אַמעריקא פאָדערט א קאָנווענשאָן

דער יעניגער וועלכער איז גוט בעקאַנט מיט די שלעכטע טרויעריגע לאַגע פון די שוחטים אין לאנד, יענער ווייס אז א קאָנווענשאָן פון אלע שוחטים פון לאַנד מוז גערופען ווערען אזוי שנעל ווי מעגליך.

מיט יאָהרען און יאָהרען צוריק איז די עקאָנאָמישע לאַגע פון די רבנים אין אמעריקא געווען זעהר א טרויע־ריגע, ערגער פון ערגער, פיעל ערגער ווי היינט אין דעם שרעקליכען קריזיס, דער פרעסטיזש, דער כבוד פון א רב איז אויך ניט געווען געהויבען, דער ערשט אריבערגעקומע־נער איד איז געווען צוטומעלט, ער האָט נאָך ניט געהאט קיין פעכטען באָדען אונטער זיך, ער האָט געזוכט נאָר צו מאַכען א דאָלער, און דער העכסטער צוועק איז געווען צו — „מאַכען א לעבען". קיין ישיבות און רעכטע אמת'ע גוטע תלמוד תורות איז ניט געווען, דער מענשען מאַטע־ריאַל איז ניט געווען דורכאויס מן המובחר, גייסטיגע אינ־טערעסען האָבען ניט פארנומען קיין געהעריגען פּלאַץ אין דער אידישער גאס, קיין וואונדער ניט אז אין אזא סביבה האָט דער רב קיין פּלאַץ ניט געהאַט. בפרט נאָך אז פאַל־שע רבנים זיינען ארויף געקראָכען און האָבען זיך אוועק־געזעצט אויף דעם כסא הרבנות, און דער עולם האָט אין גאַנצען פארלאָרען דעם צוטרוי און רעספּעקט צו רבנות בכלל און צו א רב בפרט. געראַטעוועט דעם כבוד הרבנות האָבען די רבנישע אגודות דורך די יעהרליכע רבנישע קאָנ־ווענשאָנס וועלכע פלעגען אָפּגעהאלטען ווערען, און אויף וועלכע ברענענדע פראַגען פלעגען דיסקוטירט ווערען, און די אידישע פּרעסע ווידמעט ארטיקלען און באריכטען וועגען די קאָנווענשאָנס. די קאָנווענשאָנס האָבען אויפ־געהויבען דעם כבוד פון רבנות אין לאַנד.

און דאָס וואָס האָט פּאַסירט מיט די רבנים פון לאַנד מוז, זאָל און דאַרף אויך פּאַסירען מיט די שוחטים פון לאַנד. עס איז פון די העכסטע וויכטיגקייט אז עס זאָל גערופען ווערען אזוי שנעל ווי מעגליך א קאָנווענשאָן פון אלע שוחטים פון לאַנד, צו זוכען וועגען און מיטלען, שאַפען פּלענער ווי צו פארבעסערען די עקאָנאָמישע לאַגע ווי אויך דעם גייסטיגען מצב פון די שוחטים, שאַפען א שוחטים אָרגאַניזאַציע וועלכע זאָל קענען ריידען אין דעם נאָמען פון די טויזענדער אָרגאַניזירטע שוחטים פון גאַנ־צען לאַנד, די שוחטים אָרגאַניזאַציע זאָל קעמפען פאַר דעם כבוד און פרנסה פון די שוחטים. דער שוחט זאָל ניט זיין הפקר, ער זאָל ניט ערנידעריגט ווערען ביי זיינע בעלי בתים, מען זאָל דעם עובד עבודת הקודש ווי געהעריג רעס־פּעקטירען.

די אגודת שוחטי עופות דנויאָרק רבתי וועלכע איז א שטאַרקע שוחטים יוניאָן, מוז געבען דעם טאָן, און רופען די שוחטים פון לאַנד צו די גרויסע היסטאָרישע קאָנווענ־שאָן, זי וועט דאָס אָבער טאָן נור דאַן ווען אלע לאָקאַלע שוחטים אָרגאַניזאַציעס און אלע באַוואוסטזיניגע שוחטים וועלען איהר אויפפאָדערען צו רופען די קאָנווענשאָן. די שוחטים פון לאַנד דאַרפען ציינגען אז זיי פיהלען און פאר־שטעהען די נויטווענדיגקייט פון א קאָנווענשאָן, זאָלען די שוחטים הועלען א קאָנווענשאָן, זאָלען זיי פאָדערען, דאַן וועלען זיי האָבען דעם פארגעניגען און דעם פולען נוּ־צען וואָס א קאָנווענשאָן פון אלע שוחטים פון אמעריקא און קאַנאַדאַ וועט זיי געבען. די קאָנווענשאָן וועט אויפ־לעבען די הייליגע שוחטים פּראָפעסיאָן, וועט פארבינדען אלע שוחטים אין איין גרויסען שטאַרקען מעכטיגען פאַר־באַנד. ס'וועט זיין א כח אין אַמעריקאַנער יודענטום.

## וואָס די שוחטים יוניאָן טוט פאַר כשרות

1) ארבייטער און מארקעט־לייט פלעגען נבל'ען אין דער צייט ווען דער שוחט פלעגט אוועקגעהן פון מאַרקעט, האָט די שוחטים יוניאָן אָפּגעמאַכט מיט די ארבייטער יוניאָן וואָס ארבייטען מיט די שוחטים אין די מאַרקעטס, אז קיין ארבייטער טאָר נשט נבל'ען קיין טשיקען פאר דעם כשר'ען „טרייד" נאָכדעם ווען דער שוחט געהט אוועק פון מאַרקעט, זאָגאַר דער מאַרקעט־מאַן אליין טאָר ניט נבל'ען פאר דעם כשר'ען „טרייד". און עס האָט פּאַסירט דאָס אין א געוויסען מאַרקעט האָט מען גע'נבל'ט פאר א אי־דישען בוטשער, איז גלייך געפאָהרען אהין א קאָמיטע פון די שוחטים יוניאָן, דער פּרעזידענט, סעקרעטער און דער „ביזנעס דעלעגאַט" און זיי האָבען ארונטערגענומען פון דאָרט די שוחטים, דער מאַרקעט־מאַן האָט געקלאָגט און געוויינט און האָט פארשפּראָכען אז נאָך אמאָל וועט דאָס ביי איהם ניט פּאַסירען, אָבער די קאָמיטע פון דער שוחטים יוניאָן האָט איהם ניט געגלויבט אויפ'ן וואָרט. נאָר ער האָט געמוזט אונטערשרייבען און גאַראַנטירען, אז מער וועט דאָס ביי איהם ניט פּאַסירען. און מען האָט איהם באַשטראָפט מיט געבען א געוויסע סומע געלד פאר תלמוד תורה'ס.

2) ווען עס קומט צו כשרות, דאָס וואָס האָט צו טאָן דירעקט מיט דעם שוחט, וואָס עס געהט דורך דעם שוחט'ס האַנד, האָבען אויף דעם די „ביזנעס אגענטען" פון דער שוחטים יוניאָן קיין מאָל קיין דעה ניט. די „יוניאָן" האָט גאָר ניט צו טאָן מיט שחיטה און כשרות. ווען די יוניאָן, אלס „יוניאָן" האָט יאָ צו טאָן מיט שחיטה און כשרות, איז נור צו העלפען שחיטה און כשרות, עס זאָל זיין פּינקט ווי דער שלחן ערוך וויל, אָבער ניט, חס ושלום, צו שטערען עפּעס בנוגע די דינים פון שחיטה.

3) ווען רבנים האָבען געמאַכט אויפמערקזאַם די שוחטים יוניאָן אויף א געוויסען שוחט, אז ער פיהרט זיך

# די אורזאַכע פון שלעכטען מצב השוחטים

פון רעוו. אליהו מעלצער,
סעקרעטער פון „די שוחטים שטימע"

אום צו באקאַנען זיך גרינדליך מיט די הויפט סבה וואָס האָט פאראורזאכט דעם נידעריגען און גאַנץ שלעכטען מצב פון די שוחטים און פון שחיטה דאָ אין לאַנד, מוז מען שטודירען גרינדליך און פאַרשטעהן דעם אונטערשייד פון דעם מצב השוחטים והשחיטה אין דער אַלטער וועלט, אין אייראָפּא, און דעם מצב השוחטים והשחיטה דאָ אין אמעריקא.

עס איז גוט באקאנט און באוואוסט צו יעדען דאָס דער שוחט אין יוראָפּ האָט גיהאט כבוד, איז געווען רעספעקטירט ביי אַלעמען, זיין קהילה האָט זיך מיט איהם גערעכענט אין אַלע אידישע ענינים, ער האָט געשפּילט זעהר אַ בכבוד'יגע ראָלע, איז געווען די צווייטע האַנד פון רב אין שטאָדט. און דאָס אַלעס איז געשעהן נור דער פאַר ווייל דער שוחט האָט געוואוסט ווי כבוד צו געבען און הייליג האַלטען זיין מלאכת הקודש. דער עיקר ביי איהם איז נישט געווען צו מאַכען טוידט דעם בעל חי, ווייל דאָס אַליין איז נישט אַזאַ אומנות וואָס פאַרדינט כבוד, און ביי די אומות העולם קריגט אַזאַ פּערזאָן טאַקע

---

ניט אויף ווי עס פאַסט פאַר אַ שוחט, האָט איהם די שוחטים יוניאָן גלייך מעביר געווען פון שחיטה, און ביז היינטיגען טאָג קען ער מער קיין שוחט ניט זיין.

4) ווען דער שוחט ערקונדיגט זיך אַז אַן עוף איז טריף געוואָרען מוז ער לויט אַ באַשלוס פון די אגודת שוחטי עופות צוברעכען די פאָלקע פון דעם עוף מארכובה ולמעלה, כדי אַז די עוף זאָל ניט קענען פאַרקויפט ווערן אַלס בשר, און ווען אַ פרוי קומט צום רב פרעגען וועגען דעם אַ שאלה, וועט דער רב זעהענדיג די צובראָכענע פאָלקע וויסען, אַז דאָס איז אַ סימן מובהק פון דעם שוחט אַז די עוף איז טריף.

5) ערב פסח מוז יעדער שוחט אָנזאָגען דעם מאַרקעטמאַן בעפאָר ער געהט אַהיים, אַז מען זאָל פסח ניט קאָרמענען די עופות מיט חמץ, און אַז ווען ער וועט קומען חול המועד פסח שעכטען און וועט געפינען חמץ אין האַלז פון עוף, וועט ער פּאָזיטיוו ניט ארויסנעמען דעם חלף צו שעכטען, רבנים פלעגען יעדען ערב פסח ארויסגעבען וועגען דעם אַן אזהרה, און עס פלעגט נאָר נישט העלפען, אָבער מיט דעם כח פון „יוניאָן" איז דער שרעקליכער מכשול אָפּגעשאַפט געוואָרען. די שוחטים יוניאָן טוט אימער וואָס די תורה הקדושה פאַרלאַנגט. און דוקא דורך די קראַפט און שטאַרקייט פון אַ „יוניאָן". עס זיינען דאָ נאָך פיעל תקנות בנוגע שחיטה און כשרות, וואָס די שוחטים יוניאָן האָט איינגעפיהרט, וועלכע וועלען פאַר עפענטליכט ווערען גאָר אין גיכען.

גאַנץ ווייניג אנערקענונג. ווייל קוילען אַ בעל חי קען יעדערער. ביי אונז אידען אָבער ווייל שחיטה איז פאַרבונדען מיט פיעל דינים, מיט אונזער הייליגער רעליגיאָן, מיט דעם גייסט און די מצוות פון אונזער הייליגע תורה, איז דער שוחט וואָס האַלט באמת הייליג זיין מלאכת השחיטה, איז ער אַ כלי קדש, און ווען ער לעבט און פיהרט זיך אויף ווי אַ שוחט דאַרף זיך אויפפיהרען, דאַן ווערט ער אנערקענט ביים פאָלק אַלס אַ ריכטיגער „כלי קדש" און ער קריגט דעם כבוד וואָס עס קומט איהם באמת. און די שוחטים האָבען טאַקע אימער געזעהן ניט צו פאַרשוועכען חס ושלום און ניט צו מאַכען ביליג און וואָכעדיג זייער מלאכת הקדש.

פאַרצייטען אין דער אַלטער היים ווען איינער האָט זיך געוואָלט לעהרנען שחיטה, האָט מען איהם גוט בודק געווען צי ער איז ראוי צו זיין אַ שוחט ביי אידען, ווען אידען זאָלען קענען גלויבען, אַז ער איז דער ריכטיגער פּערזאָן וועלכער וועט געווים ארויסגעבען פון זיין האַנד כשר לויט דעם שלחן ערוך, ער האָט געמוזט זיין לפחות אַ יודע ספר, אַ ירא שמים, אַז מען זאָל איהם קענען אנטרויען אַזאַ פאַראַנטוואָרטליכע הייליגע מלאכה. און געלעהרנט האָט ער זיך אַ 2־3 יאָהר. און אין דער צייט האָט ער זיך איינגעלעבט און האָט איינגעזאַפּט אין זיך די קדושת המלאכה, נישט נור די מלאכה אַליין, נאָר הויפּטזעכליך די קדושה פון מלאכת השחיטה, דערפאַר טאַקע איז די מלאכת השחיטה געשטאַנען אויף אַ געהעריגען הויכען מצב.

יעצט אָבער שטעלט זיך די פראַגע, ווי באַלד אַז כמעט 90 פּראָצענט שוחטים דאָ אין לאַנד זיינען אייראָפּעאישע שוחטים, וואָס האָבען אימער געוואוסט ווי אַזוי הייליג צו האַלטען די מלאכת השחיטה, וואָרום — פרעגט זיך — איז דאָס דאָ אין לאַנד אַזוי וואָכעדיג געוואָרען, אַז אין מאַנכע שטעדט איז די לאַגע ממש שוידערליך. דער שוחט ווערט געהאַלטען אַלס דער נידעריגסטער אין דער געביינדע, וועלכער האָט גאָר קיין ווערדע ניט. מען רופט איהם מיט אַזוינע נעמען ווי „קעטעל קילער" אָדער „טשיקען קילער" וכדומה. קיין כבוד, קיין אנערקענונג. וואָרום איז דאָס אַזוי? וואָס איז די אורזאַכע?

מיר גלויבען, אַז די הויפט אורזאַכע פון אַלע צרות, דער אומגליק איז געקומען פון אָט די צעהן פּראָצענט וואָס האָבען זיך איינגעלעהרענט שחיטה דאָ אין לאַנד, און

ערשטענס, איז די לאַנד פשוט ניט מסוגל ארויסגעבען ריכטיגע שוחטים לומדים און יראי שמים, און דאָ קען ניט געלעהרנט ווערען גרינדליך די מלאכת השחיטה. עס זיי האָבען פאַראורזאַכט דעם שרעקליכען מצב. ווייל, איז דאָ, ווי באַוואוסט, א האָרי־אָפּ... ביזנעס... און דער רבי וואָס לעהרנט שחיטה איז ניט מדקדק צו אויסגעפינען ווער איז דאָס דער פּערזאָן וואָס וויל זיך לערנען שחיטה, וואָס איז געווען זיין פאַרגאַנגענהייט, צי איז ער א ירא שמים באמת? נאָר מען גלויבט יעדען וועלכער קען נאָר באַצאָהלען א פּאָר דאָלער. און די גאַנצע מלאכה ווערט אויסגעלעהרנט העכסטענס אין 3-2 מאָנאַטען. איז מער ווי צו מאכען טוידט דעם בעל חי נישט געווען קיין צייט. און ווען אַזאַ פּערזאָן איז געוואָרען שוחט, און איז נעגאַנגען זוכען א שטעלע, האָט ער ניט געקוקט צו נעמען די שטעלע באיסור אָדער בהיתר, און אויך ניט וויפיעל ער קריגט באַצאָהלט פאַר זיין ארבייט, ווייל ער האָט, פּשוט, נישט געקענט אָפּשאַצען די ווערדע דערפון, אויך האָט ער זיך באַשעפטיגט נאָך די מלאכת השחיטה מיט אנדערע ארבייט וועלכע האָט וואָכעדיג געמאַכט דעם כבוד פון שוחט און שחיטה. און דאָס אַלעס האָט נישט געקענט ארויסרופען רעספּעקט און אנערקענונג מצד בעלי בתים פון קהלות. האָבען זיי ניט געקענט דערפאַר אנערקענט ווערען ביים פאָלק. און האָבען ארייגעבראַכט גיפט, מאָראַלישען גיפט, וואָס האָט דאָ איינגאַנצען פאַרגיפטעט דעם מצב השוחטים והשחיטה.

די אגודת השוחטים דנויאָרק רבתי, וויסענדיג פון וואַנען עס האָט זיך גענומען דער שרעקליכער איבעל, דער גיפט פון די שוחטים און שחיטה, האָבען זיי דערפאַר אָנגענומען איינשטימיג מיט עטליכע יאָהר צוריק א פּעסטען באַשלוס, איינגאַנצען אָפּצושאַפען לעהרנען די מלאכת השחיטה, אַפילו א פאָטער טאָר ניט לעהרנען שחיטה זיין קינד, ווייל ערשטענס, האָבען מיר דאָ אין לאַנד איבער גענוג שוחטים, און צווייטענס איז די לאַנד נישט מסוגל ארויסצוגעבען אמת'ע שוחטים וואָס זאָלען וויכען ווי היילינג צו האַלטען די מלאכת הקדש. אָבער דער באַשלוס אין ניו יאָרק אַליין איז נישט גענוג, עס מוז אָנגענומען ווערען אָט אַזאַ באַשלוס אין גאַנצען לאַנד, און עס ליגט א היילינגע פליכט אויף יעדען שוחט וואָס וויל מאכען א בכבוד'ען לעבען, און האַלטען טייער און היילינג זיין מלאכה, דעם באַשלוס אויספיהרען הונדערט פּראָצענט און פאַרדאַמען די יעניגע וואָס ווילען נישט אויספאָלגען דיזען באַשלוס, וואָס צוליב א פּאָר דאָלער איז ביי זיי רעכט צו ברייגנען אַזוי פיעל אומגליק פאַר שוחטים בכלל און פאַר שחיטה בפרט.

עס ליגען ביי מיר בריף פון שוחטים אין וועלכע זיי זאָגען דייטליך, אז זיי ליידען שרעקליך סיי אין פּרנסה סיי אין כבוד, ווייל מענשען וואָס האָבען ניט געטאָרט האַלטען א חלף אין האַנד, האָבען זיך אויסגעלעהרנט שחיטה, און פאַראורזאַכען גוואַלדיגע הפקרות אין זייערע שטעדט, און אַז דאָס איז די ריכטיגע אורזאַכע פון אַלע הפקרות ציינט דער פאַקט דאָס אפילו אין פּוילען איז געשאַפען געוואָרען די זעלבע לאַגע, און אויך דאָרטען איז מיט א הארבען איסור אָנגענומען געוואָרען דער באַשלוס אָפּצושטעלען דאָס לעהרנען פון די מלאכת השחיטה. ווייל דאָס ברייגנט אומגליק צו די אַלע שוחטים (זעה די „שוחטים שטימע" פון ווארשא) און ווען אין אמעריקע זאָל מער ניט געלעהרנט ווערען צו קיינעם די מלאכת השחיטה, וועט מיט דער צייט אויפהערען די שרעקליכע איבלען אין שחיטה, די הפקרות וועט אָפּגעשאַפט ווערען, די שוחטים וועלען מאַכען א בכבוד'יגען לעבען, און וועלען צוריק קריגען די אמת'ע אנערקענונג פון דעם אידישען עולם.

וויפיעל חלול השם האָט גורם געווען א באַקאַנטמאַכונג אין „מאָרגען זשורנאַל" פון א שוחט דאָס ער האָט א פּעקטאָרי וואו מען לעהרנט אויס אין 3-2 וואָכען צו ווערען א שוחט. וויפיעל אומגליק ברייגנט אַזאַ אונפאַראַנטוואָרטליכע פּערזאָן צו שוחטים בכלל און שחיטה בפרט. ער פאַראומרייניגט דאָס הייליגסטע אין יודענטום. און דערפאַר איז נויטיג דאָס דער באַשלוס ניט מער צו לעהרנען מלאכת השחיטה צו קיינעם דאַרף דורכגעפיהרט ווערען אין לעבען אַזוי שטאַרק און אַזוי שנעל ווי מעגליך, לטובת השוחטים והשחיטה, און דורכדעם וועט דערהויבען ווערען דער מצב השוחטים והכשרות, און דער כבוד פון די מלאכת הקדש.

פון דער רעדאַקציע. דער ארטיקעל פון רעוו. א. מ ע ל צ ע ר האָט אָנגעריהרט זעהר אַ וויכטיגע און ערנסטע פראַגע. עס איז דעם ערשטען מאָל אין דער געשיכטע פון אידישען פאָלק, וואָס אָט אַזאַ פראַגע ווערט אַוועקגעשטעלט אין דער אידישער פּרעסע, און ווייל די פראַגע ריהרט אָן אַן ענין וועלכער איז פון גרויס וויכטיגקייט פאַר שוחטים און שחיטה, פאַר די יסודות הדת והיהדות, וואָלטען מיר געוואָלט אַז די פראַגע זאָל גרינדליך דיסקוטירט ווערען אין די שפּאַלטען פון „די שוחטים שטימע". און די לעזער פון אונזער זשורנאַל זאָלען נעמען אנטייל אין די דיסקוסיאָנען, זיי זאָלען לאָזען וויסען זייער מיינונג וועגען דיזער פראַגע.

---

## ברכת מזל טוב

לידידינו היקר חבר במלאכת הקדש ר' ישראל מיכל כ"ץ שו"ב עם רעיתו וכל בני ביתו לרגלי נשואי בתו יחידתו לאהוב לבה ובן זוגה ר' דוב בנו של חברנו וידידנו ר' שמעון שיין שו"ב.

יהי רצון מלפני אבינו שבשמים שהצמד הנחמד שנצמד ברצונו הטוב יעלו מעלה מעלה בהצלחה מרובה, ויאמר ה' לדבק טוב, וההורים השובי"ם ירוו נחת מצאצאיהם, ויבנו ביתם בקרוב על אדמת הקדש בארץ ישראל, כברכת

אגודת שוחטי עופות דנויארק רבתי

# מיין ערשטע עליה

פון רעוו. יוסף ראזענמאן
סעקרעטער פון די אגודת השוחטים דנויארק

עס איז מערקווירדיג צו קאנסטאטירען דעם דער פרעהענדען פאקט, אז אין דער לעצטער צייט איז זייער פיעל געוואקסען די צאל פון אידען וואס פאהרען קיין ארץ ישראל פון ארבע פינות עולם. עס איז נישט וויכטיג וואס די אורזאכען פון דער גרויסער באוועגונג זיינען, צי דאס איז צוליעב דעם גרויסען וועלט קריזיס וואס האט ארומ־גענומען אלע טיילען פון דער וועלט און אמעריקע אויך בתוכם, צי דאס איז צוליעב אנדערע נאציאנאלע אדער עקאנאמישע סיבות. דער פאקט בלייבט פאקט, אז דער אידישער באוואוסטזיין האט ערוואכט און די שטרעבונג קיין ארץ ישראל איז געווארען זייער גרויס.

און אט אין דעם שטראם פון נייגיר און הייליגען פארלאנג בין איך אויך פארכאפט געווארען. ווי א פייער האט אין מיר געטליעט דער פארלאנג צו באזוכען אונזער הייליג לאנד, ביז ענדליך איך האב געקראגען די געלעגנ־הייט, מיט א הייליגער מיסיע נאך דערצו, — איינצוקויפען באדען פאר דער ניי געגרינדעטער קאלאניע אין ארץ־ישראל „נחלת השבים“. — איך האב די געלעגנהייט נישט דורכגעלאזען און געמאכט די לאנג ערווארטעטע רייזע קיין ארץ ישראל.

דעם גאנצען וועג האב איך ממש געברענט מיט נייגיר וואס ניכער צו באטרעטען דעם באדען פון אונזער אדמת קודש. איך געדענק די לעצטע נאכט פון אונזער נסיעה, שעה'ן לאנג בין איך געשטאנען אויף דעם דעק פון שיף און געקוקט אין דער ריכטונג פון ארץ ישראל. דערנאך האב איך זיך געלעגט אין מיין קאיוטע און בשום אופן נישט געקענט איינשלאפען. איך בין געלעגען מיט אפענע אויגען און זיך צוגעהערט ווי די כוואליעס פון ים וואשען די ווענט פון אונזער שיף. לאנג האט זיך געצויגען די נאכט. און ווען די ערשטע פריהמארגען גרויקייט האט זיך באוויזען בין איך אויפגעשפרונגען פון געלעגער און בין ארויף אויפ'ן דעק פון שיף.

פון וויטען האבען זיך אלץ קלערער און קלערער אנ־געהויבען ארויסצושיילען זיך פון דער טונקעלניש די ברעגען פון דער שטאט יפו. און מיט דעם אויפגאנג פון דער זון האב איך דערזעהן די פלאכע דעכער פון די יפו'ער מויערען וואס קוקען אויס ווי זיי וואלטען געווען אנגע־ווארפען איינער אויף די אנדערע. און ווען מען האט אנ־געשטריינגט דעם בליק אין דער ווייט האט מען געקענט זעהן די קלארע ווייסע הייזער פון תל אביב.

די שיף האט זיך אפגעשטעלט און מיר זיינען מיט קלענערע שיפלאך צוגעפארען צום ברעג פון יפו. ווען איך האב דעם ערשטען טראט מיינעם געטאן אויף דעם ארץ ישראל באדען איז מיין הארץ פארקלעמט געווארען.

עס האט מיר אפגענומען דאס לשון. איך האב נישט גע־קענט קיינעם ענטפערען אויף די באגריסונגען. איך בין געווען איבערפילט מיט רגשות קודש וואס ענדליך, ענדליך האב איך זוכה געווען צו קריגען מיין ע ר ש ט ע ע ל י ה.

* * *

איידער איך בין געקומען קיין ארץ ישראל האב איך באזוכט איינינע אנדערע לענדער. אבער ווי אנדערש קוקט אויס ארץ ישראל, ווי אנדערש קוקען אויס די גאסען, וואס זיינען באנאסען מיט א גאלדינען שיין פון דער העלער יום־טוב'דיגער ארץ ישראל זון. אויף דעם הארצען ווערט אזוי לייכט, אלעם ארום איז אזוי אידישלאך, די הייזער אידישע, אפילו די זונענשיין איז אידישער־זונענשיין. און איך דערפיהל זיך מיטאמאל, ווי איך וואלט געקומען אין דעם הויז פון מיינע עלטערען, וועלכע איך האב שוין יאהר־רען לאנג נישט באזוכט. און יעדער ווינקעל קוקט מיר אויס אזוי היימיש, גלייך ווי איך וואלט שוין דא געווען פון כמה וכמה יאהרען.

פארביי מיר פארט דורך אן אראבער אויף א קעמעל. איך בין זיכער, אז זיין עלטער עלטער זיידע האט דא גע־לעבט, קעמלען געטריבען, שאף געפאשעט, קינדער ערצוי־גען און דורות געשאפען.

און איך וואס בין ערשט היינט פון שיף ארונטער, פון א וויטען פרעמדען לאנד געקומען, נאך אפילו קיין איין נאכט נישט איבערגענעכטיגט, נאך קיין ריכטיגען מאל־צייט נישט געגעסען — און דאך האב איך געקוקט אויף דעם בארוויסען אראבער אויפ'ן קעמעל, ווי אויף א פרעמ־דען. ער איז א גר און איך בין דער תושב.

אט דאס איז דער כח פון ארץ ישראל! עס איז אונ־זערס און אונזער וועט דאס בלייבען לעולם ועד.

* * *

עס איז דארום קיין וואונדער נישט וואס דער רעלי־גיעזער לעבען אין ארץ ישראל איז אזוי נאטירליך ארייג־געוואקסען אין לעבען און במילא אזוי שעהן און וואונ־דערליך. דער שבת אין ארץ ישראל איז א פולער, א גאנצער און פארטרייבט לחלוטין די וואך, דעם חול. די קראמען געשלאסען, דער באס לויפט נישט, קיין אויטאמאבילען זעהט מען נישט, נישטא קיין זכר פון וואכעדיגקייט, עס איז נאטירליך צו היטען שבת. אפילו ראדיקאלען היטען זיך אפ פון חלול שבת בפרהסיא.

די קינדער פון די תלמוד תורה'ס, ישיבות און אפילו פון ראדיקאלע לעהר אנשטאלטען, פון זיי איז דאך שוין אפגערעדט, אז זיי פיהלען דעם שבת אין זייער בלוט. און עס איז אן אמת'ע דערהויבונג צו זעהן די יונגע ארץ ישראל אידעלאך, ווי זיי גיהען סטאטעטשנע איבער די

גאַסען אום שבת, פוסעים פסיעה קטנה און ציהען זיך אין די בתי מדרשים און שוהלען און פיהרען דורך אגב געשפרע־כען אין א קלינגענדען העברעאיש מיט דער ספרדישער הברה.

איך האָב אויך באַזוכט דעם כותל המערבי אין ירושלים אום שבת. עס איז פאר מיר אומעגליך אויסצו־דריקען אפילו טיילווייז די געפיהלען וואָס אונזערער א איד לעבט איבער אין אַזא מאָמענט, ווען ער דערנעענטערט זיך צום ערשטען מאָל צו דער וואַנט פון בית המקדש. ווען איך האָב דערזעהן די מאַיעסטעטישע וואַנט מיט די ריזיגע שטיינער פארשריבען מיט אלערליי תפילות ותחנונים, בין איך ווי פארשטיינערט געוואָרען און די אויגען האָבען זיך אָנגעפילט מיט טרערען דמעות של שמחה, און מיינע ליפען האָבען אומבאַוואוסט אָנגעהויבען מורמלען א תפילה אין דער שטיל.

איך האָב אויך באַזוכט איינינע אידישע קאָלאָניעס און אומעטום האָב איך געפונען אן אינטענסיווע איבער־געגעבענע ארבעט ממש מיט מסירות נפש. עס איז באמת א גרויסע פרייד צו זעהן די דערגרייכונגען וואָס די אר־בעטער האָבען דערגרייכט אין ארץ ישראל. די טויזענטער פראַכטפולע בנינים וואָס זיינען פון זייערע ענערגישע הענט געבויט געוואָרען, און די פראַכטפולע גערטנער, בוי־מער און בלומען וואָס די טיכטיגע בויער האָבען פאַר־פלאַנצט.

א לאַנד וואָס פארמאָגט אַזעלכע בויער מוז אויפגע־בויט ווערען, מוז וואַקסען און בליהען.

* * *

און נאָך מעהר ווערט דאָס הארץ אָנגעפילט מיט פרייד ווען מען זעהט, אז די גאַנצע פיבערהאַפטע טע־טיגקייט פון בנין הארץ ווערט געטאָן מיט אַזוי פיעל פאַר־זיכטיגקייט, אויסגערעכענטקייט, ניכטערקייט און פּלאַנ־מעסיגקייט. עס ווערען נישט פארלאָרען קיין אומזיסטע כחות, אלעס ווערט געטאָן לויט א פאָראויס באַשטימטען אויסגערעכענטען פּלאַן מען זאָל חלילה נישט מאַכען קיין פעהלערען.

און ווען איך הויב אָן צו פארגלייכען דעם מצב פון אונזערע אידען אין אנדערע לענדער וואָס איך האָב באַ־זוכט איידער איך בין געקומען קיין ארץ ישראל, למשל פוילען, דייטשלאַנד, רומעניע א. א., מיט דעם מצב פון די אידען אין ארץ ישראל — דערזעה איך ערשט דעם שוידערליכען קאָנטראַסט.

**אין אַנדערע לענדער:** ארבעטלאָזיגקייט, מרה שחורה, הונגער, נויט און פיין;

**אין ארץ ישראל:** ארבעט מיט דער פולער האַנט. עס פעהלען אוים ארבעטער, שטענדיגע פרייליכקייט, מען שאַפט, מען בויעט מיט אמת'ער חדוה, די חדוה פון יצירה.

**אין אַנדערע לענדער:** די יוגענט פארצווייפעלט, נעהט אַוועק פון אונז, אסימילירט זיך, בלאָנקען ארום ווי שאָטענס, אָהן אויסזיכטען אויף בעסערס.

**אין ארץ ישראל:** די יוגענט איז פול מיט האָפע־נונגען, האָבען ליב אידען און אידישקייט און בויען זייער צוקונפט אויף געזונטע יסודות.

עס איז היינט צו טאָג אן אָפענער סוד וואָס אלע ווייסען, אז ארץ ישראל איז דאָס איינציגע לאַנד וואו אינוועסטמענטס באַצאָלען זיך. דאָס לאַנד שטייט אויף געזונטע און פעסטע יסודות, אינדוסטריען ענטוויקלען זיך און פרישע קאַפּיטאַלען און אינוועסטמענטס וועלען בריינ־גען א ברכה הן פאַר'ן לאַנד און הן פאַר'ן אינוועסטאָר.

* * *

מיט דער דאָזיגער טיפער איבערצייגונג האָב איך מיט פארגעניגען מיטגעהאָלפען אין דער קניה פון דעם באָדען פאַר דער „נחלת השבים", וואָס איז געגרינדעט גע־וואָרען דורך א גרופּע שוחטי עופות, וועלכע זיינען אויך טהעטיג אין דער שוחטים יוניאָן. און איך בין זיכער, אז יעדער וואָס וועט מאַכען אן אינוועסטמענט אין ארץ־ישראל, פלאַנצען א פּרדס דורך דער נחלת השבים, וועט זיין אינוועסטמענט נושא פרי זיין און אין א קורצער צייט וועט ער קענען מאַכען א לעבען בהרחבה אין ארץ ישראל.

און פאַרלאָזענדיג ארץ ישראל און זאָגענדיג „להתראות בקרוב", האָב איך געפיהלט, אז ווען א איד קומט קיין ארץ ישראל, איז דאָס פאַר איהם אן עליה און ווען ער פאַרלאָזט ארץ ישראל איז דאָס פאַר איהם א ירידה.

---

## גרויסאַרטיגע חתונה אין פּאַר ראַקאָוויי

דינסטאָג, טוב אלול (12 סעפּטעמבער) האָט אונזער ברודער ר' ישראל מיכל כ"ץ שו"ב מיט זיין פרוי חיענע זעלדע געפירט צו דער חופה זייער גערָאָטענע בת־יחידה חי' בתי' מיט א. דוב דער געראָטענער זוהן פון ר' שמעון שיין שו"ב. די חופה איז געווען אין דער גרויסער שול „ת"ת כנסת ישראל" ביי א עולם פון 400 מענשען כ"י זייער איינדרוקספאָל און שטרייננ אָרטאָדאָקסיש.

די מסדרי־קדושין זיינען געווען הרב פּאָרטמאַן, דער רב פון שול, הרב קעסלער, רב דראַקאָוויי, רעוו. גערמאַנסקי. חזן פון שול און דער שוואָגער רעוו. נאַנעלעס.

רעדעס ביי דער חופה זיינען געהאַלטען געוואָרען פון הרב פּאָרטמאַן אין אידיש; רעוו. גערמאַנסקי, מיט א באַגריסונג פון דער אגודת השוחטים אין ענגליש און רעוו. נאַנעלעס האָט געלייענט די כתובה.

נאָך דער חופה איז מען אראָפּ אין האָלל פון שול, וואו עס איז געווען געגרייט א פּרעכטיגע סעודה פאַר 200 געסט.

נאָך א קורצער צייט פון מקיים זיין כיצד מרקדין מיט חסידישע טענץ, איז מען געגאַנגען צום סאַפּער, וואו אלע האָבען זיך זעהר שיין אמוזירט. ווייל אויסער די גוטע מאכלים איז געהאַלטען געוואָרען באַגריסונגס רעדעס באַ־לויכטען מיט דברי תורה און מיט טרעפליכע תורה וויצען. עס האָבען באַגריסט הרב פּאָרטמאַן, הרב קעסלער, הרב הערמאַן, פּרעזידענט פון שול מר. סמיטה, לאַיער סעם קרעמער, דר. סאָהן, ר' חיים זלמן קרעמער, ר' יעקב יוסף הערמאַן און די עלטערן ר' ישראל מיכל כ"ץ און ר' שמעון שיין.

# פון אונזער אלטען הייליגען קוואל

נעקליבענע פערעל פון אונזערע אלטע אוצרות פון וויכטיגע אידישע ספרים, איינגעטיילט אויף די סדרות פון דער תורה.

## בראשית

בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ — אין דעם ווארט „בראשית" איז מרומז די זעקס וויכטיגסטע עקרים, וועלכע זיינען נויטיג פאר'ן מענשען, נעמליך: בטחון, רצון, אהבה, שתיקה, יראה, תורה.

(ווילנער גאון).

ויניחהו בגן עדן — אין דעם נוסח פון די „שבע ברכות" מיט וועלכע מען בענשט חתן כלה, ווערט געזאגט: „שמח תשמח רעים אהובים כשמחך יצירך ב ג ן ע ד ן מקדם". דאס איז א קלוגער וואונש צו די יונגע פארעל וועלכע שטעהען אונטער דער חופה, אז זיי זאלען זיך ליבען און בלייבען געטריי פונקט ווי עס זיינען זיך געווען טריי אדם וחוה אין גן עדן, ווען עס איז נאך קיין פרעמדער מאן און קיין פרעמדע פרוי אויף דער וועלט נישט געווען, און דאן האבען זיי דאך זיכער איינער דעם צווייטען נישט פארראטען... און דאס איז ווירקליך א גוטע ברכה צו היינטיגע מאדערנע יונגע פארלעך.

(לוח ארז).

אעשה לו עזר כנגדו — רבי ישעיה'לע פראגער האט געהאט א ווייב אן ארורה, וועלכע האט איהם תמיד דאס לעבען פארביטערט, צו די אלע צרות איז זי נאך געווען גוואלדיג פרום און גאנצע טעג האט זי געהאלטען אין איין דאוונען, פלעגט רבי ישעיה'לע זאגען, אז דאס, ווייזט אויס, איז די כוונה פונ'ם מאמר חז"ל, „זכה — נעשית לו עזר, לא זכה — כנגדו". דער פשט דערפון איז; איז דער מאן זוכה און באקומט א גוטע ווייב, ווערט זי איהם א העלפערין, ער, דער מאן, זיצט און לעהרענט, און זי דערלאנגט איהם א גלאז טהע, ער דאוונט, און זי גרייט איהם צו דערווייל דעם פרישטיק. האט ער אבער נישט זוכה געווען און געטראפען אויף אן אשה רעה, דאן איז „כנגדו", ווערט זי זיינס א געגנעריו, א קאנקורענטין; ער דאווענט אין איין ווינקעל, זי—אין א צווייטען ווינקעל, ער זאגט תהלים, זי —מעמדות, ער לעהרענט — זי זופט דעם מנורת המאור, שלעכט איז נעביך דעם מאן — פלעגט ער זאגען — וועלכער האט א ווייב א מרשעת, אבער נאך ערגער איז, ווען זי איז דערצו א פ ר ו מ ע מרשעת...

היא נתנה לי מן העץ ואוכל — זאגט דערויף דער בעל הטורים; „היא נתנה לי מן העץ — שהכתני בעץ עד ששמעתי לדבריה", זי האט מיך, הייסט עס, געשלאגען מיט א שטיק האלץ, און איך האב זי געמוזט פאלגען...

## נח

נח איש צדיק תמים היה בדורותיו — אויף בדורותיו זאגט רש"י, „יש דורשים אותו לגנאי". רש"י וויל אונז דערמיט לאזען הערען, אז פאר מענשליכע מיילער איז קיינער, אפילו דער גדול הדור, נישט באוואר־רענט, און אז נישט שטענדיג דארף מען זיך רעכענען דערמיט וואס „מענשען זאגען". אט האבען זיך דאך געפינען אזעלכע, וועלכע האבען אויך וועגען נח'ן גערעדט און גערדרשנ'ט לגנאי, נישט קוקענדיג דארויף וואס די תורה אליין זאגט אויף איהם עדות — „נח איש צדיק תמים היה"...

(רבי מאיר'ל פרימישלאנער).

## לך לך

לך לך מארצך — דער וואס געהט קיין ארץ ישראל, געהט ער צ ו ז י ך, צו זיך אליין...

(יֵילֵלות אפרים)

לך לך מארצך וכו' ואגדלה שמך — גרויס ווערען קען מען נור אין דער פרעמדע. ווייל — „אין נביא בעירו".

(רבי משה חפץ).

אויף די ווערטער פון די חז"ל „לא אדו ראש", אז ראש השנה קאן ניט פאלען אין די טעג פון „אדו" (יום א', יום ד', יום ו') פלעגט זאגען רבי נ פ ת ל י ר א פ ־ ש י צ ע ר בדרך הלצה, אז א „דו", דארט וואו דער מענש איז היימיש און אלע זיינען מיט איהם „פער דו", קאן ער ניט ווערען קיין ראש...

אל נא תהי מריבה ביני ובינך... כי אנשים אחים אנחנו — ווען קרובים און פריינד צוקריגען זיך, איז די שנאה צווישען זיי פיעל טיעפער און שארפער, ווי צווישען גאנץ פרעמדע, א קלאפ וואס מען באקומט פון א קרוב, א פריינד, טוט מער וועה ווי א קלאפ פון א פרעמ־דען, דאס מיינט אויך דער פסוק „נאמנים פצעי אוהב", די „פצעי אוהב", די וואונדען פון א פריינד זיינען פיעל שארפער און פילבארער...

(הדרש והעיון).

## וירא

אולי יש חמשים צדיקים בתוך העיר — ניט קיין צדיקים ביי זיך אין הויז, ניט קיין צדיקים אין שוהל און אין בית מדרש, נאר — צדיקים ב ת ו ך ה ע י ר. אין שטאדט, אין גאס, צווישען מענשען, בין אדם לחברו...

(אהבת דוד ועוד).

ואנכי עפר ואפר — יעדער איד — פלעגט זאגען רבי מענדעלע קאצקער — דארף שטענדיג האבען ביי זיך

צוויי קעשענעס, איין קעשענע מיט „אנכי עפר ואפר" און א צווייטע — מיט „בשבילי נברא העולם"...

ויבואו שני המלאכים סדומה — פארוואס ווען די מלאכים זיינען געקומען צו אברהם'ען האבען זיי זיך פארשטעלט אלס מענשען, און צו לוט'ן האבען זיי זיך באוויזען אין זייער ריכטיגען געשטאלט?

ווייל אברהם, אלס גרויסער מכניס אורח, האט אפילו פשוט'ע מענשען אויפגענומען בכבוד גדול; לוט אבער, ווען ער וואלט נים זעהען פאר זיך מלאכים, נור געוועהנליכע מענשען — וואלט ער זיי אויף דער שוועל נים ארויפגעלאזען...

(רבי ליב שרת'ס).

והרבה ארבה את זרעך וכו' וכחול אשר על שפת הים — בשעת די שמד מגיפה אין רוסלאנד, ווען הונדערטער אידישע יונגע לייט פלעגען זיך שמד'ן צוליב „פראוועס" און קאריערעס, איז איין מאל א אידישער יונגערמאן געקומען צום לאדזער פרעדיגער, ראבינער דר' יעלסקי, זיך שואל עצה זיין, צי ער זאל זיך שמד'ן. מיר ווייסען דאך, הערר פרעדיגער — זאגט דער יונגער מאן — אז דאס ביסעל וואסער (דאס טויף וואסער) איז גאר נישט... קען איך דען נים נאכדעם בלייבען דער איינענער איד, וואס געווען?

איך וועל דיר זאגען —ענטפערט איהם דר' יעלסקי — אויב דו האסט אמאל געלערענט חומש, געדעקסטו דאך אודאי דעם פסוק „ובחול אשר על שפת הים", אז אידען זיינען געגליכען צו זאמד. פאר וואס עפעס צו זאמד? — ווייל זאמד האט א טבע, אז ווי מען זאל עס נים שליידערען אוןווארפען פון איין ארט אויפ'ן אנדערען, בלייבט עס אלץ זאמד. גיסט מען אבער ארויף וואסער — ווערט דערפון בלאטע...

# די פרעסע

פון הרב שמואל מנחם הלוי פיין, דעטראיט, מיש.

איינע פון די פראקטישע נויטווענדיגע מיטלען, וואס עס איז אנגענומען ביי דער היינטיגער מאדערנער ביווילירטער קולטורעלער וועלט, צו אניטירען, ערקלערען, פארשפרייטען א אידעע, א געדאנק, פאראינטערעסירען פארשידענע מענשען אז זיי זאלען זיך פאראינטערעסירען אין דער באוועגונג און אנשליסען זיך אין איהר. איז די פ ר ע ס ע. די פרעסע איז בכח להוריד להעלות אויפהויבען די זאך אדער ערנידערען, ברעכען אדער אויפבויען, שלאף מאכען אדער שטארקען. די פרעסע איז א שארפער שווערד וואס מען קען מיט איהר קעמפען און געווינען, יעכ"פ אטאקירען דעם געגנער און איהם אפשטויסען פון זיך. ספעציעל זעהען מיר די קראפט פון דער פרעסע דא אין אמעריקא, וואו טויזענטער און צענדליגע טויזענטער בלעטער זיינען פארשפרייט אין אלע טיילען פון דעם לאנד. אנהויבענדיג פון דער קלענסטער שטעטעלע און דארף, ביז די גרעסטע שטעט פון אמעריקא, און די צאהל רייכע בלעטער פאראינטערעסירען יעדען מענשען פון אלעם און וועגען אלעם.

און א צווייענדיגע אויפגאבע האט די פרעסע: אגיטירען פאר דעם געדאנק, פאר דעם אידעאל, פאר דער פראגראמע, און אויך פאראייניגען יענע איינצעלנע פערזאנען וואס סימפאטיזירען מיט דעם געדאנק אין איין קערפערשאפט. אט פון דעם שטאנדפונקט ליגט א מאראלישער חוב אויף יעדען איינעם וועלכער שטימט מיט דעם געדאנק אדער פראגראמע וואס די פרעסע וויל פארשפרייטען, אז ער זאל שטיצען און אונטערהאלטען די יעניגע וועלכע זיינען פאראינטערעסירט אין דער פרעסע. אום אז זיי זאלען זיין בכח אנגיין מיט זייער ארבייט און וואס מעהרער און מעהרער, פארשפרייטען זייער אידעאל וואס דאס איז אויך זיין אידעאל.

און אויב דאס איז געדערט וועגען א געדאנק אדער פראגראמע, וואס עס באלאנגט מעהר נים ווי צו קערפערליכע מאטעריעלע צילען. היינט וויפיעל דארף מען שוין זיך אנשטרייגנען און העלפען אזא סארט פרעסע, וואס אויסער מאטעריעלע ציעלען פארמאגט זי נאך א גרעסערען טייל גייסטיגע און נשמה'דיגע ציעלען.

ומתוך כך, ליגט א גרויסע פליכט אויף יעדען איינעם ביי וועמען אידישקייט איז ליעב און טייער, העלפען צו פארשפרייטען „די שוחטים שטימע" פון די אגודת שוחטי עופות אין ניו יארק, צווישען אלע שלומי אמוני ישראל, און נאך מעהר חוב ליגט אויף אלע שוחטים אין יעדער שטאט, צו פאראינטערעסירען די ברייטע שיכטען פון פאלק וועגען דער צייטונג, און זאלען אלע אידען וויסען וואס עס קומט פאר און וואס עס גייט אן אין שחיטה און כשרות, וואס דיזעס איז א עיקר גדול אין יודענטום.

מען דארף זיין אזוי פיל פאראינטערעסירט אין „דער שוחטים שטימע" און עס אזוי פיל העלפען און שטיצען, אז עס זאל קענען ווערען א וועכענטליכער בלאט, מיט נייעס און ארטיקלען וועגען אלעס וואס עס קומט פאר אין אלע צווייגען פון אידען און אידישקייט, און זאלען די אידען וואס ביי זיי איז ליעב און טייער תורה ומצות האבען אן אייגענעם ארגאן, און דארטען זיך ארויסזאגען אלעס נאך זייער מיינונג און פארשטאנד. און ווי אויבען געזאגט איז די פרעסע א גרויסער כח צו אניטירען אלעס נאך איהר פראגראם און אידעאל.

און אויב ביי דעם קריזיס איז שווער איינעם אליין זיין א סובסקרייבער אויף דעם זשורנאל, זאלען זיך פאראייניגען צוויי אדער דריי מענשען און אויסשרייבען דעם בלאט. ווי מיר האבען געטאן אמאל אין אונזערע ארימע קליינע ליטווישע שטעטלאך. און לאמיר האפען אז עס וועט טאקע זיין אזוי. ועוד נזכה לראות בהרמת קרן התורה בישראל. עס איז א הייליגע פליכט צו שטיצען און פארשפרייטען „די שוחטים שטימע" צווישען די אידען פון אמעריקא.

# בריעף פון שוחטים

## דער מצב פון שוחטים און כשרות אין אמעריקא

### אגודת השובי"ם בארץ ישראל

**אל כבוד אגודת השוחטים דנויארק רבתי באמריקה!**

שלום לכם, שלום לכם, אחים נאמנים, מאת אחיכם השובי"ם אשר בארץ ישראל המה המאורגנים כ"כ באגודה אחת בכל ערי ארץ ישראל ומושבותיה.

אחרי בקורי נשיאכם הנכבד בעל מרץ ורב פעלים מר יעקב בלום וחברו מר זילברמן במשרדנו בהתאספות אגודתנו לכבודו, ואחרי הודענו טובת ומהות אגודתכם, גם קראנו את הירחון של אגודתכם הנקרא בשם „שוחטים שטימע" ו„השומר", מצא חן בעינינו מאוד, כי הנה מה טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד בין בחומר ובין ברוח; ובזה מברכים אנחנו אתכם בשם אגודתנו בברכה נלהבה מעומק הלב שאגודתכם תשגשג ותעלה על במתי הצלחה וירוית ה' את גבולכם בפרנסה טובה בכפלי כפלים, ותהי' אגודה אחת לעשות רצון אבינו שבשמים בכל מילי דכשרות ויראת שמים, ואז יבטל רצון אחרים מפני רצונכם. וישלח לכם ברכה במעשה ידיכם, כי אין הברכה מצויה לא בדבר המדוד ולא בדבר המנוי, פי' שאם כל אחד מודד א"ע במדה טובה ואת חברו במדה גרועה או מונה את מעלותיו נגד חסרונות חברו אז אין הברכה מצויה רק בדבר הסמוי מן העין, פי' שאין עינו צרה בחברו רק צופה ומביט מחסרונות של עצמו ואז עינו טובה בחברו, ובזה תקיימו ואהבת לרעך כמוך שזהו כלל גדול בתורה ושנוי בנביאים ומשולש בכתובים. מצינו בתורה שהקב"ה צוה למשה רבינו, נשא את ראש בני „קהת" ואח"כ „נשא את ראש בני גרשון גם הם", והקשו המפרשים הלא גרשון היה הבכור ולו ראוי לימנות תחלה. ותירוצם ידוע כי בני קהת נושאי הארון המה. אבל גם ע"ז קשה, למה לא נתנו לבני גרשון לישא את הארון, וגם ע"ז כבר פי' המפרשים שלא יאמרו שבשביל הבכורה ניתנה לו התורה שאינה ירושה לך, ועוד כאלה. אבל יש גם רמז בזה על ענין האיגוד והאיחוד כי טוב הוא מאד, כי „קהת" הוא לשון אסיפה, כמו „ולו יקהת עמים" כשיתאספו בני ישראל יחד אז יהיה להם נשיאת ראש. וזה מה שרמזה לנו התוה"ק נשא את ראש בני „קהת", ובזה תתנשא ראש בני „גרשון" גם הם. אלה שגרשו מאתנו ולא רצו להתאחד עמנו, אבל בראותם כי בני ק'ה'ת מנושאי הארון המה, כי כל התאחדותם היא עפ"י דת תוה"ק המונחת בארון אז גם הם יבואו ויתאגדו להמנות עם בני קהת באגודה אחת. וכן „ויהי בישורון מלך", מתי היה בישורון מלך בהתאסף ראשי עם יחד עם שבטי ישראל. אז מלך במשפט יעמיד ארץ. שנוי בנביאים, „חבור עצבים אפרים הנח לו" וס"ו ב"ב של ק"ו, בהתחברות באגודה אחת עפ"י דת תוה"ק למען שמו הגדול באהבה בודאי אין כל אומה ולשון יכולה לשלוט בנו. משולש בכתובים, „לך כנוס את כל היהודים", כי צותה אסתר לעשות היפוך עצת המן הרשע שאמר „ישנו עם אחד מפוזר ומפורד" שכ"א מופרד מחברו ובזה תוכל לו, לכן אמרה אסתר „לך כנוס את כל היהודים" ובזה יבטלו עצת המן. והיה מה שהיה. מכל הלין נראה, שההתחברות וההתאגדות בלב שלם ובפרט החרדים לדבר ה' אנשי קודש העוסקים בעבודת הקודש ביראת ה' על פניהם טובה האגודה מאד מאד, ויהי רעוא שאגודתכם תשגשג ותפרח ותעשה פרי טוב לגאון ולתפארת, וגם אנחנו ניתן לכם יד ונאמר תהי נא חלקנו עמכם. ונהי' לאגודה אחת. ובטחוננו חזק כי עוד יבא יום וקרננו תרום למעלה, כל אחינו שבגולה ידעו ויבינו כי לא טוב להיות לפ'ל'א, פירוד לבבות אנשים, רק באחת יתקעו תקיעה פשוטה, פשוט לב אחד, בלב שלם ובנפש חפצה והיינו לאגודת השובי"ם אגודה עולמית, ובזה ישראל עם קדושים יעשו חיל.

ובקבלנו את הירחון „שוחטים שטימע" ו„השומר" מדי חודש בחדשו נופיע במאמרנו בו כתוב מפורש בין בעניני השחיטה, במוסר, ובכלכלי, ובין במצב השובי"ם בארצנו ככל אשר יעלה ברוחנו.

דברי אוהבכם מרחוק מקרב לב ונפש, יום ב' לסדר „ואתם הדבקים בה' א' חיים כולכם היום", לפרט ע'ל'ו'ת ל'צ'י'ו'ן.

החותם בשם האגודה,
ועד אגודת השוחטים בארץ ישראל,
יושב ראש נחום מרדכי פרום, שו"ב בתל אביב
מזכיר שמעון גלאכמן.

---

**ווערטהער רעדאקטאר!**

איך און אלע שוחטים וועלען אייך זעהר דאנקבאר זיין ווען איר וועט אין אונזער ווערטהער צייטונג איבער־געבען אונזער פראטעסט נעגען דעם „פארווערטס" וואס האט געדרוקט זעהר א באליידיגענדען ארטיקעל נעגען אונזער שוחטים יוניאן מיט אן עקעלהאפטען קעפעל אונ־טער'ן נאמען „איטאליענער נעמען צו די ביזנעס ביי שוחטים". עס איז שווידערליך צו גלויבען דאס א צייטונג זאל נישט האבען קיין פאראנטווארטליכקייט און שרייבען אלעס וואס אונפאראנטווארטליכע פערזאנען גיבען איבער, נישט קלעהרען — פיליכט איז דאס פאלש, ווארום ניט אונטערזוכען און אויסגעפינען דעם אמת בעפאר מען לאזט דרוקען אן עקעלהאפטען בלבול אויף שוחטים? איך און אלע שוחטים מיטגלידער פון דער שוחטים יוניאן לייקענען קאטעגאריש אף יעדען ווארט וואס איז גע־

ווען געדרוקט אין „פארווערטס" בנוגע אונזער שוחטים יוניאן, עס איז הונדערט פראצענט פאלש. די פאקטען וועלען צייגען דעם ריכטיגען צושטאנד ביי די שוחטים יוניאן.

דער שרייבער פון יענעם ארטיקעל האט זיך ניט גערעכענט מיט מענשליכע געפיהלען, ער האט ניט פארשטאנען אז די ווערטער, „איטאליענער העלפען אוים די שוחטים" האבען באליידיגט און וועה געטאן די 300 שוחטים פון דער יוניאן, שוחטים וועלכע האבען אוועקגעגעבען זייערע בעסטע יאהרען פאר שחיטה, און וועלכע ווייסען און פיהלען אז דער יעצטיגער צושטאנד פון שוחטים און שחיטה איז א הונדערט פראצענט בעסער ווי מיט עטליכע יאהרען צוריק. ווען דער שוחט איז געווען גערדיקט עקאנאמיש און אויך געליטען שרעקליכע גייסטיגע יסורים. ער איז געווען שרעקליך פארשקלאפט און ערנידעריגט, און די גרעסטע אידישע געמיינדע אין דער וועלט מיט איהרע צוויי מיליאן אידען (כן ירבו) האבען גאר נישט ניט גערעכענט טאן פאר איהרע שוחטים און פאר א ריכטע כשר'ע שחיטה וואס דאס איז דאך דער יסוד פון אידישקייט, און געלאזען זיי פלאגען זיך צעהנדליגע יאהרען מיט יסורי הגוף והנפש, דחקות און שרעקליכע ארעמקייט און שקלאפעריי. קיין וואונדער ניט, דערפאר וואס די שוחטים זיינען איצט צופרידען מיט מיסטער טשארלי הוירבערט, ווייל אין זיין צייט זיינען די שוחטים באפרייט געווארען פון שקלאפעריי, און דורכדעם האט זיך די כשרות באדייטענד פארבעסערט, און ווען פאר איין שוחט איז שווער צו אטענדען די שחיטה, ווערט גלייך אנגעשטעלט א צווייטער און א דריטער ווען נויטיג.

און צו באהויפטען אז „איטאליענער העלפען אוים דעם שוחט" דאס איז אן עקלהאפטער געמיינער בלבול. דאס איז דער שוידערליכסטער ליגען וואס דער גרעסטער אנטיסעמיט וואלט נישט געוואגט צו מאכען אזא שרעקליכען און שעדליכען בלבול.

די שוחטים יוניאן איז גרייט איבערגעבען אלע פאקטען צו א פאראנטווארטליכע קאמיטע. פארשטעהער פון שוהלען, נאציאנאלע ארגאניזאציעס, פון די אידישע צייטונגען, באוואוסטע און אנערקענטע כלל טוער, ווי אויך רבנים וועלכע זיינען דאך די אמת'ע פארטרעטער פון פאלק, די טרעגער פון דעם דגל התורה און דאן זיינען מיר זיכער וועט דער אמת זיין אויף אונזער זייט. די שוחטים יוניאן וועט אימער קענען איבערצייגען אז אין א מארקעט, וואו מען שחט איבער 100 קופעס שטייען אימער 2 שוחטים, און עס זיינען פאראן פלעצער וואו עס שטייען 3 און 4 שוחטים אויך, זאגאר 6 שוחטים ווען די שחיטה איז א גרויסע.

עס האט נאך ניט געטראפען אין דער היסטארי פון די שוחטים אין ניו יארק, אפילו אין יענע צייטען ווען עס האט געהערשט הפקרות אין די טשיקען מארקעטס פון ניו יארק, און דער שוחט איז געווען אינגאנצען הילפלאז. אפילו דאן האט ניט געקענט פאסירען אז דער שוחט זאל מיט זיינע אויגען זעהען ווי דער וואס איז ניט קיין שוחט מובהק זאל נעמען א מעסער אין האנד און שחט'ען, און דער שוחט זאל שווייגען און דערלאזען אזא שרעקליכע נבלה בישראל. בפרט יעצט ווען דער שוחט שטעהט אונטער די שוץ פון א שטארקע שוחטים יוניאן קען אזא זאך קיין מאל אין לעבען ניט פארקומען.

און ווען עס פאסירט יא דאס אין א „ריטייל מארקעט" וואו עס איז פאראן קריסטליכע קאסטאמערס, וואס עס ווערט פאר זיי באזונדער געשחט'ען און געבריהט אין הייסע וואסער די טשיקענס, האט דאס מיט'ן שוחט גאר נישט צו טאן, ניט דער שוחט איז פאראנטווארטליך דערפאר, ניט דאס האט עפעס צו טאן מיט זיין כשר'ע אמת'ע שחיטה. ניט דאס קען שאדען די אמת'ע כשר'ע שחיטה וואס ווערט גע'שחט'ען פאר אידען, דאס איז פונקט למשל, ווי אין א אידישע גאס זאל זיך געפינען א קירכע, די גאס בלייבט אידיש, די אידען קענען זיין גוטע און פרומע אידען, כאטש אין גאס געפינט זיך א גוישע קירכע. די שוחטים טוען זייער מלאכת הקדש באמונה, על פי דת תורתנו הקדושה, און יעדער ווארט פון „פארווערטס" בנוגע די שוחטים איז כזב ושקר. דאס קען איבערציינט ווערען מיט פאקטען צו א פאראנטווארטליכע קאמיטע.

בברכת התורה והדת

מ. א. שוחט.

---

## תלמודישע ווערטלאך

איבערזעצט און באארבייט

דורך אחד השוחטים המרגישים

ווער ס'איז צו א פרעמדען טיש אויסגעשטעלט,
איז פאר איהם פינסטער די וועלט.

(ביצה ל"ב)

---

דער פארלוסט פון א צדיק איז אזוי גרוים,
ווי ס'וואלט פארברענט געווארען גאטס־הויז.

(סנהדרין ק"ג)

---

דער וואס טוט מיטפיהלען דעם צדיק מיט הארץ און נשמה,
וועט זוכה זיין צו דער פאלקס־נחמה.

(תענית נ"א)

---

א מענש דארף זיין פרווי רעספעקטירען,
ווייל דורך איהר טוט די ברכה עקזיסטירען.

(בבא מציא נ"ט)

---

ווען דו דאווענסט, כאפ נישט דעמאלט קיין דרימעל,
נאר זעה, זיי מכוון די הארץ צום הימעל.

(ברכות י"ז)

---

רבי מאיר האט א מילגרוים געקראגען,
די אינעווענינסטע האט ער אויפגעגעסען,
די שאלעכץ — אויסגעשפיגען.

(חגיגה ט"ו)

# השומר

ירחון מוקדש לחזוק התורה והיהדות לבירור ולבון שאלות החיים על פי רוח התורה והאומה

יוצא לאור ע"י אגודת שוחטי עופות דניו יארק רבתי במדינת אמעריקא.    הרב שמריהו ליב הורוויץ, העורך.


## מלאכה שיש בה חכמה וקדושה

מלאכת השחיטה על פי דת תורתנו הקדושה, היא מלאכה שיש בה חכמה עליונה וקדושת התורה. הכל שוחטין, אבל לא הכל מוכשרים וראוים לשחוט עפ"י ד"ת רק אם מלאכתם היא מלאכת הקדש, ואין קדושה בלי קדושת התורה, ולפיכך כל אלה שעוסקים במלאכת השחיטה, מלאכת הקדש, צריכים ללמוד תורה בקדושה וטהרה כל ימי חייהם. הרב בישראל צריך לשקוד על התורה ולהיות מזוין בידיעת התורה, ידיעה רחבה ועמוקה, בשביל להורות לעם ה' את תורת ה', חקי החיים, לדעת מה יעשה ישראל, והשו"ב בישראל צריך ללמוד תורה לא רק בשביל לדעת את התורה אלא בשביל להיות מושפע שפע קדש, ולהקדיש את מלאכתו, מלאכה שיש בה חכמה וקדושה. כי בלי קדושת התורה ורוחה אי אפשר לשו"ב בישראל לעלות על שוחט דעלמא, חולוני, במאומה, יאם הוא דומה לסתם שוחט, לא שוחט מובהק ומוסמך, אז מלאכתו פסולה, ועבודתו עבודת עבד בגוף ובנפש. השוחט בישראל צריך לשחוט את יצרו תחילה, ורק אז שחיטתו היא שחיטה עליונה מעולה וקדושה, שיש בה משום „זבחו זבחי צדק", כי בלי קדושת יתורה אין „צדק" בזבח, כי מדוע יש לו רשות לשחוט בעל החי ולשפוך את דמו? האם עולה הוא על בעל החי הנשחט בידיעת התורה, במדות, ביראת שמים טהורה?! בלי קדושת התורה הכל הבל, והשחיטה היא מעשה רצח, אבל כששוחטים על פי התורה וקדושתה אז הזבח הוא זבחי צדק, ודו"ל.

ותא חזי מה שאמרו חכמי הסוד, חכמי האמת והצדק, „אינון דמשתדלי באורייתא קיימי בדרגא עלאה יתיר מנביאי, ומאן דלעי באורייתא לא אצטריך לא לקרבנין ולא לעלוון, דהא אורייתא עדיף מכלא וקשורא דמהמנותא דכלא" (זוהר צו ל"ה עיי"ש, ועיין כוזרי מאמר א' פרק ב, ופרק פ"ז, מורה נבוכים חלק ב' פל"ב, תשובת הרשב"א סי' תקמ"ח, עקידה שער י"ט).

והגאון החוקר והמבקר מרן יעב"ץ ז"ל אומר (לחם שמים, אבות פ"ג מ"ט) וז"ל ואמר הפילוסוף (בפ"ט משישי למדות) אי אפשר היות נבון מבלי טוב המדות, ואי אפשר להיות בעל מדות טובות אם אינו נבון, הוא דבר חז"ל אם אין יראה וכו', אמנם אלה אשר אין להם חלק ונחלה בחכמה האמתית והמה חכמים בידיעת האנושיות בלבד, המה אומנים נבונים יקראו בשמם, ואוילים מחודדים קראם החוקר היוני הנ"ל (שם) בעלי מלאכה פועלים משכילים יחשבו, כחרש ונגר ובעלי חנות וסוחרי ארץ, ואפילו הלסטים והרוצחים ומנאפים וכל אלה הדומים לבהמות בקיאוס באלה, הלבעבור זה יהיו נחשבים חכמים אמתיים? אחר שחשם אלוה חכמה ולא חלק להם בבינה ולא זכרון בחלק השכל האלהי, עכ"ל יעב"ץ ז"ל.

והלא כה דברי הרמב"ם ז"ל (הלכות שחיטה פ"ה הי"ב י"ג) שאפילו נודע להפך היות טרפה זו חיה וזו אינה חית, הרי הכתוב אומר על פי התורה אשר יורוך עיי"ש, ואחד מגדולי הפוסקים אמר (תשובות הריב"ש סי' תמ"ז) שאין לנו לדון בדיני תורתנו ומצותיה על פי חכמי הטבע והרפואה, שאם נאמין לדבריהם אין תורה מן השמים חלילה וכו' ואנחנו על חכמינו נסמוך אפילו על ימין שהוא שמאל, שהם קבלו האמת וכו' עד מרע"ה עכ"ל, וכן כתב הרי"ל (פחד יצחק ערך ניקור) אפילו תימא שבעלי הנסיון היו מוכיחים להיפך בדרז"ל, לא תאבה להם ולא תשמע לקולם עכ"ל. והרא"ש ז"ל כתב (בתשובותיו כלל נ"ה) וז"ל „חכמת הפולוסופיה היא טבעית וחכמים גדולים היו והעמידו כל דבר על טבעו, ומרוב חכמתם העמיקו שחתו והוצרכו לכפור בתורת משה, לפי שאין כל התורה טבעית אלא קבלה, וע"ז נאמר תמים תהית עם ה' אלקיך, כלומר, אפילו יבא לך הדבר חוץ מן הטבע אל תהרהר על הקבלה עכ"ל, (ועיין בספר הברית חלק א' מאמר ב' פכ"ב).

וגם באותיות התורה יש קדושה עליונה, וכבר אמרו בתדב"א שאפילו קרא כל היום פסוק ואחות לוטן תמנע הוא בן עוה"ב (עיין בדברי הגאון חיד"א שם הגדולים חלק א' אות י' סי' שנ"ג) כי האותיות מעוררות רוחניות ואור אלקי באוצר החיים, כידוע למי שלמד חכמת הקבלה והחסידות. ובזוהר אמרו (תולדות קמ"ה) ריב"ז הוה אמר ש' הלכות פסוקות ברזא דחכמתא עלאה בפסוק ושם אשתו מהט באל, והלא בה אמרו חז"ל (ספרי ח"ב פיסקא ש"ז) שאין לך פרשה בתורה שאין בה תחיית המתים, ובמדרש שוחר טוב (מזמור נ') אלמלי נתנו פרשיותיהן של תורה כסדר, כל מי שהיה קורא בהן היה יכול לברא עולם ולהחיות מתים (עיין עוללות אפרים מאמר מ', ועיין בדרשת הרמב"ן ט"ו).

סוף דבר הכל נשמע, אעפ"י שחובה קדושה מוטלת על כל אחד מישראל לקבוע עתים לתורה בכל יום ויום מימי חייו, חובה כפולה ומכופלת מוטלת על השובי"ם בישראל ללמוד תורה; תנ"ך, משנה, גמרא, פוסקים וספרי מוסר, וללמוד יחד, זאת אומרת; כל השובי"ם שבכל תפוצות ישראל ילמדו בכל יום ויום דף גמרא, פרק במשניות, סימנים בפוסקים כלם יחד באותה מסכת ובאותו הפרק ובאותן ההלכות, וכשסיימו פרק או מסכת או חלק מיורה דעה, לעשות סיום משותף, וסעודה של מצוה במעמד חברים שוחטים של כל קהלה וקהלה.

יש צורך לקרא לועידה גדולה מכל השובי"ם שבארצות הברית וקנדה, להטבת מצב השובי"ם ומצב הכשרות,

# הלכות שחיטה

עפ"י גדולי הפוסקים, הראשונים והאחרונים, עמודי ההוראה, הלכות פסוקות הנכללות במסכת חולין, אספן וקבצן וחברן בלשון התלמוד, רבנו יצחק בר' יעקב אלפסי ז"ל, עם הלכות רבנו משה ב"ר מימון הספרדי ז"ל,עם הרא"ש, הטור ובית יוסף, ושלחן ערוך יורה דעה ש"ך וט"ז עם הערות והארות בעניני הלכה, נסדרו ונערכו ע"י הרב ר' שמריהו ליב הורוויץ.

(המשך)

וכמו כן כתב שכח ולא בירך שחיטתו פסולה (הגהה; ולא אישתמיט לן בשום דוכתא דמשום הכי הוי שחיטה פסולה. פר"י מהרי"ת, והשוחט צריך לברך קודם השחיטה כר' יוחנן ולא חיישינן שמא תתנבל השחיטה. מיהו אם לא בירך קודם השחיטה, יכול לברך אחר השחיטה ויוצא ידי חובתה. שכל מצוות שלא בירך עובר לעשייתן מברך אחר עשייתן כדפירש בברכות, מא"ז) וכן כתב הרמב"ם ז"ל (פ"ד בהלכות שחיטה ה"ד) דנשים ועבדים אם היו מומחין שוחטין.

שמא יקלקלו בשחיטתן — בגמרא (דף י"ב) דייק שמא קלקלו לא קתני אלא שמא יקלקלו, זאת אומרת אין מוסרין להן חולין לכתחילה, פירש רש"י אפילו אחרים רואים אותם. וקשה, דמוכולן ששחטו שמעינן דוקא בדיעבד? ופירש ר"ת דאין מוסרין להן חולין אפילו להשליכו לכלבים דלמא אתי למיכל משחיטתם שיטעו לומר כשרה היא מתוך שמוסרין להן לשחוט, כדפטרינן לקמן (דף פ"ו) שחיטתן מכסוי, דלמא אתי למימר שחיטה מעליא הוא.

וחרש שדברו חכמים בכל מקום שאינו שומע ואינו מדבר, כתב הרמב"ם ז"ל (פ"ד מהלכות שחיטה ה"ט) מומחה שנשתתק והוא מבין ושומע שוחט לכתחילה, וכן מי שאין שומע הרי זה שוחט, בנשתתק כתב שוחט לכתחלה, אבל באין שומע כתב הרי זה שוחט ולא כתב לכתחילה, לפי שאין שומע הברכה אין לו לשחוט לכתחילה כדתנא בריש תמורה, חרש המדבר ואין שומע לא יתרום, ואם תרם תרומתו תרומה, והכי אמר בברכות פרק היה קורא (דף ט"ו) אהא דתנן הקורא את שמע ולא השמיע לאזנו יצא, ר' יוסי אומר לא יצא, אמר רב יוסף מחלוקת בס"ש, אבל בשאר מצוות ד"ה יצא, ותניא, לא יברך אדם ברכת המזון בלבו, ואם בירך יצא, ודוקא בדיעבה, אבל לכתחלה לא.

שוטה, מפרש בחגיגה (דף ג') היוצא יחידי בלילה והלן בבית הקברות והמקרע כסותו. ותניא, איזהו שוטה? זה המאבד כל מה שנותנין לו. וקאמר ר' יוחנן אפילו באחד מהן, והוא דקעביד דרך שטות, וכן הלכה, וקטן דמתניתין שאין שוחט לכתחלה אפילו כשגדול עומד על גביו, היינו בקטן שלא הגיע לחנוך, וחינוך דשחיטה היינו שיודע לאמן את ידיו. אבל קטן מומחה ויודע לאמן את ידיו שוחט לכתחילה כשגדול עומד על גביו. כדאיתא בסוכה (דף מ"ב) קטן היודע לשמור תפלין אביו לוקח לו תפלין, היודע לשחוט מותר לאכול משחיטתו. אמר רב הונא והוא שגדול עומד על גביו, ולשון מותר משמע אפילו לכתחלה. כתב הרמב"ם ז"ל (שם ה"ה) דשכור שנתבללה דעתו שחיטתו פסולה, ומסתבר דמיירי כשהגיע לשכרותו של לוט. וכ"כ בעל העטור (והגהות מיימוני כתבו דסמ"ג כתב כשם ר' יהודאי גאון שאדם המשתכר אסור לשחוט, כי רוב דרסות מחמת שכרות הן).

שחיטת עכו"ם נבלה ומטמאה במשא. ואפילו ראו אחרים ששחטו יפה, ופירש ר"י הטעם משום דכתיב וזבחת ואכלת, אותו שהוא בר זביחה אכול מזבחו, והרמב"ם ז"ל פירש משום דכתיב וקרא לך ואכלת מזבחו, מאחר שהזהיר שמא יאכל מזבחו, אתה למד שזבחו אסור, ואינם דברים של טעם, שהתורה הזהירה כשיקרא לך שלא תאכל מזבחו ממה שזבח בתוך ביתו (הרא"ש).

והיכי דראה אחד ששחט ואזל ליה לעלמא ולא ידע אי גמור אי לא גמור, אותה שחיטה מותרת, דרוב מצוין אצל שחיטה מומחין הן, דתניא, הרי שמצא תרנגולת שחוטה בשוק, או שאמר לשליחו צא ושחוט לי, הלך ומצאו שחוט, חזקתו שחוט, אלמא אמרינן רוב מצוין אצל שחיטה מומחין הן, וכן הלכתא, ואיכא מרבוואתא דס"ל כרבינא דאמר בלישנא קמא אבל אם אין יודעין אם יודע הלכות שחיטה אם לאו לא ישחוט, ואם שחט בודקין אותו אם יודע הלכות שחיטה מותר לאכול משחיטתו, ואם לאו אסור, וקאמרי דהלכתא כרבינא משום דבתרא הוא ואנן לא סבירא לן הכי דקיימ"ל דרוב מצוין אצל שחיטה מומחין הן הלכה היא, דהכין מסקנא דגמרא כלישנא בתרא דרבינא. ואי קשיא לך הא דאמר רב הונא, בהמה בחייה בחזקת איסור עומדת עד שיודע לך במה נשחטה וכו' דשמעת מינה דספק שחיטה לחומרא וקיל"ן דהלכתא הוא. התם כגון דאיתילידא ריעותא בסכין, אבל הכא כיון דקיל"ן דרוב מצוין אצל שחיטה מומחין הן (כמאן דאיתיידע במה נשחטת היא) הלכך איתא להא ואיתא להא, ולא קשיאן אהדדי (רב אלפסי).

## טור יורה דעה

הכל שוחטים לכתחילה, נשים ועבדים משוחררים וכל אדם אפילו אין מכירין אותו שמוחזק לשחוט שלא יתעלף.

---

ובאותה ועידה אפשר יהיה ליסד מוסד גדול וקדוש של למוד תורה בחבורה, חברה ש"ס של השובי"ם ב-כל תפוצות ישראל, וכן חברה משניות והוא הדין בכל מקצעות התורה, כי מלאכת השחיטה היא מלאכה שיש בה חכמה עליונה וקדושה, ואין קדושה אלא זו שבאה על ידי קדושת התורה ורוחה.

שמריהו הלוי הורוויץ.

וגם אין יודעין בו שהוא מומחת ויודע הלכות שחיטה, שרוב הרגילים לשחוט הם בחזקת מומחין ומוחזקין, בד"א שאינו בפנינו אז מותר לאכול משחיטתו וסומכים על החזקת, אבל אם הוא לפנינו צריך לבודקו אם הוא מומחת, ולשואלו אם נתעלף, וכתב בסמ"ג בשם ר"ת שאין צריך שידע כל הדינין, אלא אם אומר על דבר זה הייתי מסתפק ושואל קרינן ביה שפיר יודע, עד שיאמר על האסור מותר. ומיהו לכתחלה יכולין ליתן לו לשחוט על סמך שיבדקנו, ולא חיישינן שמא יאכלו משחיטתו בלא שיבדקנו וישאלנו. אבל מי שיודעין בו שאינו יודע הלכות שחיטה, אפילו שחט לפנינו ד' או ה' פעמים שחיטה הגונה וראויה ושחט אח"כ בינו לבין עצמו שחיטתו פסולה, אפילו שאלו לו עשית כך וכך? ומתוך תשובתו נראה ששחט כראוי, אין לסמוך עליו, ואפילו אמר ברי לי ששחטתי יפה, אבל כל מה ששחט לפנינו בשר, ואפילו לכתחלה יכולים ליתן לו לשחוט כיון שאחד עומד על גביו, ובלבד שיראה אותו מתחלת השחיטה עד סופה, ובעל העיטור כתב אי ידעינן ביה דגמור, אפילו לא אתחזק מותר לשחוט לכתחילה, ואי לא ידעינן ביה אי גמור אי לא, לכתחלה לא ישחוט, ואם שחט שחיטתו כשרה ואין צריך לבודקו ואפילו הוא לפנינו, והרמב"ם חילק בין מומחה ומוחזק לענין לשואלו שכתב; היודע הלכות שחיטה הרי זה לא ישחוט בינו לבין עצמו בתחילה עד שישחוט בפני חכם פעמים רבות עד שיהיה ר ג י ל ו ז ר י ז. ואם שחט בינו לבין עצמו שחיטתו כשרה, ולא כתב שצריך לשואלו אם הוא מ ו ח ז ק. ובמי שאין ידוע אם יודע הלכות שחיטה כתב שאם שחט בינו לבין עצמו שואלין אותו אם יודע הלכות שחיטה שחיטתו כשרה וא"א ה ר א"ש ז"ל לא חלק אלא אם הוא לפנינו בודקין אותו ושואלים אותו אם נתעלף, ואם אינו לפנינו סומכין על החזקה בשניהם, וכן היא סברת ר ב א ל פ ס. וכיון שרוב מצוין אצל שחיטה מומחין הן, המוצא בהמה שחוטה כראוי במקום שרוב ישראל מצוין — כשרה, ואפילו אם ננגבה ממנו ומצאה שחוטה אעפ"י שהוא חשוד על הגנבה אינו חשוד על השחיטה, וכתב ה ר מ ב"ם דוקא שמצאה בבית, אבל מצאה בשוק או באשפה שבבית אסורה, וא"א ז"ל התיר אפילו באשפה שבבית, ולא אסר באשפה שבשוק, וכן הרשב"א התיר אא"כ מצאה באשפה שבשוק.

## ב י ת י ו ס ף

ה כ ל ש ו ח ט י ן ל כ ת ח ל ה ו א פ י ל ו נ ש י ם — כ"כ התוספות בריש חולין, ודלא כהלכות ארץ ישראל שכתבו דנשים לא ישחטו מפני שדעתן קלה שמא יתעלפו, והפוסקים הסכימו לדעת הפוסקים, ו ה א ג ו ר כתב שאף על פי שדעת הפוסקים כן, המנהג בכל גלות ישראל שלא ישחטו, ולעולם לא ראיתי נוהג לשפוט, ולכן אין להניחן לשחוט, כי המנהג מבטל הלכה, מנהג אבותינו תורה היא.

ו א נ י אומר שאם היה אומר שהיו רוצות לשחוט ולא הניחום היה אפשר לומר שהיא ראיה, אך ראיות לא ראינו אינה ראיה, וכתב ה כ ל ב ו ה"ר יצחק, כתב שהנשים שוחטות לעצמן משמע שאין שוחטות לאחרים עכ"ל, ודבר תימה הוא, מה חילוק יש בין שוחט לעצמו לשוחט לאחרים? דכ"כ הכשר צריך לזה כמו לזה, ומ"ש ר"י ל ע צ מ ן, היינו לומר; שהן לבדן שוחטות וא"צ שיעמוד אחר על גבן.

(המשך יבא)

# במי האשם?

(למצבם האיקונומי של הרועים הרוחניים)

מאת הרב שמואל ד. מהרשק, שו"ב ברוטשסטר, נ. י.

ת"ר מעשה בשני כהנים שהיו שוין ורצין ועולין בכבש, קדם אחד מהם לתוך ארבע אמות של חבירו, נטל סכין והקע לו בלבו, עמד ר' צדוק על מעלות האולם ואמר: אחינו בית ישראל שמעו, הרי הוא אומר, כי ימצא חלל באדמה ויצאו זקניך ושופטיך ומדדו וכו', אנו (בואו ונמדוד תוספתא) על מי להביא עגלה ערופה, על העיר או על העזרות, געו כל העם בבכית, בא אביו של תינוק ומצאו כשהוא מפרפר, אמר: הרי הוא כפרתכם, ועדיין בני מפרפר ולא נטמא הסכין, ללמדך שקשה עליהם טהרת כלים יותר משפיכת דמים, והא לא נודע מי הכהו כתיב וזת נודע מי הכהו? אלא כדי להרבות בבכיה (יומא כ"ג ע"א).

שוב מעשה, שהיו שניהם שוין ורצין ועולין בכבש ודחף אחד מהם את חבירו ונפל ונשברת רגלו (שם כ"ב ע"א).

כדי לרדת לתוך עומק רעיונו של ר' צדוק ולהבין את המוסר הנעלה שבדבריו אלה, עלינו להכיר ולדעת את מעשיהם של הכהנים בתוך העם איזו עמדה הם תופסים, או צריכים לתפוס, בעבודת הקדש של האומה, ומה היא חובתם לעמם וחובת ויחס העם למו.

כלל גדול הוא, שכל עם מהעמים התרבותיים עומד ומתקיים על שני הדברים האלה, „על התורה ועל העבודה", הדבר השלישי גמ"ח ששמעון הצדיק מונה גם אותו בתוך שלשת הדברים שעליהם העולם עומד, הוא רק אחד מהתנאים ההכרחיים הנחוצים לחיים צבוריים המאגדים ומקשרים אנשים יחידים לקבוץ גדול עם תנאי חיים מיוחדים, כמו אלה שלשת הדברים שמונה גם רשב"ג „דין אמת ומשפט" שבלעדם אין שום אומה יכולה לעמוד ולהמשיך את קיומה.

אבל אותו החומר שממנו יבנה עם תרבותי אשר יש לו היכולת והאפשרות ליצור לו תנאים הכרחיים כמו אלה והמעורר בקרבו רצון ונטיה לפתח את כשרונותיו ולשכלל את מדותיו, הוא רק תורה ועבודה, כלומר, תרבות (קולטורה) ענינים רוחניים, ועבודת שדה או מלאכת בתי־

חרושת, ובהעדר אחד מהם, אז לא לבד שאין באפשרותו להחזיק מעמד במלחמת קיומו, כי אם גם שאין לכנותו בשם עם, אומה, קהל או צבור.

כשם שחבל אנשים הנקבצים למקום אחד, אם אין להם מושגים מוסריים הדדיים, אם אין להם שום יחס ושייכות אל איזה דבר רוחני וכל עמלם הוא רק לפיהם לאכול ולשבוע — הוא רק קבוץ אנשים פראים, שאין ביניהם ובין בהמות שדה וחיתו יער ולא כלום, וסופם שהם הולכים ומתדלדלים, עוברים ובטלים נופלים ואין להם תקומה.

ככה אין באפשרותו של עם להיות "כלו תורה". כלו חכמים מלומדים שאין להם דאגת אכילה ושתיה, ורק יושבים הם עם עטרותיהם בראשיהם, ספריהם בידיהם ונהנים מזיו החכמה והדעת. אומה שכל אנשיה כלם הם פרופיסורים בעלי המצאות חדשות בכל ענפי החיים ואין לה פועלים המוציאים לפועל את רוח המצאותיהם של הפרופיסורים והממציאים, גם היא תעבור ותבטל מן העולם בזמן קצר, משום "שכל תורה שאין עמה מלאכה סופה בטלה" (אבות פ"ב).

אף רשב"י שאמר "אם אדם חורש בשעת חרישה, זורע בשעת זריעה, קוצר בשעת קצירה, דש בשעת דישה וזורה בשעת הרוח, תורה מה תהא עליה?" (ברכות ל"ה ע"ב), ודאי לא כיוון בזה שכל אחד ואחד מישראל יעזוב את מלאכתו ועבודתו בבית ובשדה ויהיה יושב ועוסק בתורה, דהלא זהו רשב"י עצמו שאמר ר' יוחנן משמו "שאם לא קרא אדם רק קריאת שמע שחרית וערבית, קיים בזה לא ימיש ספר התורה הזה מפיך" (מנחות צ"ט ע"ב).

גם ר' נהוראי (סוף קדושין) שאמר "מניח אני את כל האומנות שמעולם ואיני מלמד את בני אלא תורה", דעתו היא גם כן רק על בנו, שכחו היה יפה לתורה וחילו לאורייתא, אבל אם כל בני העם כלם יהיו עושים ומתנהגים על פי התורה הזאת היה העולם חוזר לתהו-ובהו רוחני וכל האנשים לנשמות ערטילאות, בבחינת "דרי מעלה", כי באין עוזר ותומך לצרכי החיים הגשמיים, גם רגש המוסרי היה נהרס מעט מעט ולא יוכל להחזיק מעמד.

וכבר היה מי שאמר בדרך הלצה "מי יתן" אם "כל עם ה' נביאים", מי יתן להם את צרכיהם ההכרחיים ומי יספיק דרישותיהם הגשמיות. ברם, הלצה נכונה היא זו הקולעת אל האמת, אי אפשר לשום עם לחיות רק על טל השמים לבדו בלא משמני הארץ, ההבדל בין עם ישראל לשאר האומות הוא רק בזה; שבברכתו ליעקב הקדים יצחק את טל השמים על משמני הארץ, "ויתן לך האלקים מטל השמים ומשמני הארץ", ולעשו נתן את הבכורה למשמני הארץ, "הנה משמני הארץ יהיה מושבך ומטל השמים מעל". אבל האמת היא, שגם ליעקב וגם לעשו הם שניהם צרכים הכרחיים עד שאין כל שום אפשרות לחיות ולהתקיים בלעדם. כשם ש"אם אין תורה אין קמח" כך "אם אין קמח אין תורה" ולא עוד, אלא שראב"ע הקדים את ה"אם אין קמח" (אבות פ"ג) לומר לך: שכאיש פרטי כן גם אומה שלמה, אם אין היא שבעה ובריאה, נשמתה גם כן היא חלשה ורפויה, רוחה שפלה ומדוכאת, ואין רוח הקדש שורה מתוך עצבות ומרירות.

כיון שעלה עמוד השחר נכנסו חכמי ישראל אצל דוד המלך ואמרו לו, אדוננו המלך, עמך ישראל צריכין פרנסה (ברכות ב' ע"ב), מיד כשהאיר היום וכל היקום מתעורר לתחיה, אז התנאי הראשון לקיום הוא "פרנסה", זה הוא המקור והיסוד לחייהם כגשמיים כרוחניים.

ולא זו בלבד, שאין באפשרותה של אומה להתקיים אם כל בניה יפרקו מעליהן את עול החיים הגשמיים וכלם יהיו חכמים ונבונים שאין להם בעולם אלא ארבע אמות של תורה וחכמה בלבד, אלא גם, אם "הרבה עשו כרשב"י ולא עלתה בידם". אם סכום הידים העובדות ימעט לעומת מספר אנשי רוח, גם דבר זה הוא בגדר הנמנע לאותה אומה לנחול נצחון במלחמת קיומה ושלא ליפול תחת כובד תנאי החיים הסובבים אותה.

רק יחידים ישנם בכל דור, אנשים גדולים שתוכתם אומנתם והם הם הנושאים את דגלה של אותם, מפתחים את רוחה ומקיימים את נשמתה בזה שמעוררים בקרבה חשק ורצון ומעשים טובים, נוטעים בלבה מדות מוסריות, רחמנות, אהבה לצדקה וחסד, דאגה לצרכי צבור ועוד, על ידם פורחת תרבותה של האומה והם המה היוצרים ועושים את ההיסטוריה שלה.

אבל כשם שאלה הגדולים, חכמי הדור, הם נשמתה של האומה, הנושאים את האידיאל שלה, מכשירים אותה לחיים רוחניים וצבוריים ובלעדם היא רק מין חומר בהמי, קבוץ אנשים פראים בלי רוח חיים מוסריים ואידיאליים, כן גם היא, האומה, היא הגוף, הבסיס שממנו הנשמה יונקת את מזונה, ובלעדה היא נשמה ערטילאית שאין לה אחיזה בקרקע ושורש בחיים. וכמו באיש הפרטי הם, הגוף והנשמה, שנים שהם אחד, אחוזים ודבוקים זה בזה עד כשאתה בא להפריד ולחלקה ביניהם מיד הוא מת. כן גם באומה שלמה, נשמתה מחיה את גופה, משביעה אותו מזון רוחני, וממנו גם היא יונקת את מזונה הגשמי, שומרים זה את זו וזו את זה מגינים ומפקחים זה על זה, עד שאין אתה רשאי לחלק ולהפריד ביניהם.

"אומה זו בגפן נמשלה, אשכולות שבה אלו תלמידי חכמים" הם פרי העץ ותכליתו "עלין שבה אלו עמי הארץ" (חולין צ"ב ע"א) מה העלים סובלים הרוח ומגינים על האשכולות שלא יכם שרב ושמש, כך עמי הארץ חורשים, זורעים וקוצרים מה שת"ח אוכלים (רש"י שב). אבל אם אלה העלים יסירו מעליהם את חובתם להאשכולות ולא יגינו עליהם, כי אז לעץ כלו יאבד ערכו האמתי, וישאר אילן סרק שאינו עושה פירות או ימות כלו "אלמלא עליא לא מתקיימין איתכליא" (שם).

כשיצאו בני יעקב ממצרים שבטים בודדים, אברים נפרדים, ומשה רבנו התחיל לאחדם, לאגדם ולעשותם גוי אחד ועם אחד, ועם בני ישראל היה הולך ונוצר, הולך ומתהווה "היום הזה נהיית לעם", אז הבדיל אלקי ישראל את שבט הלוי מעדת ישראל להקריב אותם אליו, לעבוד את עבודת משכן ה' ולעמוד לפני העדה לשרתם (במדבר ט"ז ט'), בחר בכהנים הלוים לשמור את משמרת הקדש.

היות אחראים על „עוון כהונתם ולהסיר את הקצף מעל בני ישראל" (שם י"א א"ה) הכהנים הם נשמת האומה, מוריה ומדריכיה המפקחים על עבודת הקדש שלה ועל הרגש האלקי השוכן בקרבה „על כן אמרתי להם בתוך בנ"י לי ינחלו נחלה" (שם, שם כ"ד) אין לו לכהן להסיח דעתו מכהונתו, לעזוב את עבודתו הקדושה, להפסיק כלמודו וללכת לעבוד בשדה וכרם ולבקש שם חלקו בחיים, אני חלקך ונחלתך בתוך בנ"י (שם, שם כ') כי שפתי כהן ישמרו דעת ותורה יבקשו מפיו (מלאכי ב' ז'). עבודת הקדש עליך. חובתך היא להקדיש את חייך בעד העם, לשאת את דגלו ברמה ולשמור על רוחו מכל פגע רע ושטן משחית.

וללחם חוקיך והוצאת ביתך אין לך לדאג „בזמן שאתה עושה רצונו של מקום, מלאכתך תהי נעשית ע"י אחרים", בזמן שאתה עובד את עבודתה הרוחנית של האומה, הנה „חלף עבודתך נתתי לך מתנת כהנתך" כיון שאתה הוא המפקח והאחראי על חייהם הרוחניים של בני אומתך, ד"א גם המה ערבים ואחראים על חייך אתה, לסדר ולפקח על צרכיך הגשמיים.

ולא מתנת חנם הם נותנים לך, כי אם „איש אשר יתן לכהן לו יהיה" (במדבר ה' י') כלומר, השכר ותועלת מתנתו הוא להנותן עצמו, משום שבזה הוא בורא את היכולת לנושאי דגל אומתו להיות מוכשרים ומסורים לעבודתם למלאות את תפקידם באמונה ודעת, ושיוכלו להקדיש את עתם אונם ומרצם להאידיאל הנעלה של כלל האומה.

אם אי אפשר לו לעם להיות עם של כהנים, כלם קדושים ואנשי רוח, ברם „ואתם תהיו לי ממלכת כהנים" ההנהגה הרוחנית של העם צריכה להיות בידי כהנים, אנשים בעלי חכמה ודעת, בעלי נימוס ודרך ארץ, והם ישמרו על טהרת נשמתו ועל סידור חייו הרוחניים.

ואם העם אינו ממלא את חובתו לכהניו, וההכרח מביא את אלה האחרונים לפשוע על פת לחם ולעשות מעשים היוצאים מגדר כהונתם כדי להשיג בזה טרפם לביתם; אז פלאים יורד גם העם יחד עם כהניו.

אחרי הקדמה זאת תתברר לנו כוונתו האמתית של ר' צדוק, בהספדו על הכהן שתקע לו חברו את סכינו בלבו.

אין אנו יכולים לעשות שקר בנפשנו ולהאמין, שאותו הכהן היה כל כך טרוד בעבודתו, להוט לקיים מצות ה', עד כדי לשבור רגלו של חברו או גם להמית אותו, הראיתם מימיכם איש הורג נפש כדי לקיים איזו מצוה? למה זה דומה, לאיש שממיר דתו אך כדי שיוכל לקנות אתרוג נאה בכסף שקבל מידי מסיתו מחיר תמורתו.

לא, לא נרמה את עצמנו להאמין בזה, אלא ודאי שאיזה גורם אחר אנו צריכים לבקש במאורע זה, איזו סבה אחרת הביאה את הכהן העומד על המזבח בבית ה' ומקריב קרבן, להרוג נפש ולשפוך דם נקי.

אין כל ספק שהכהן המקריב היה מקבל איזו טובת הנאה בעד הקרבתו את הקרבן, אם חלק בעור או איזה שכר מבעל הקרבן, וכל אחד מהכהנים שהיו בעזרה הזדרז להקדים את חברו כדי לזכות בשכר ההוא, ואם השני עמד לו לשטן על דרכו ורצה לגזול ממנו את שכרו, הלא הוא יורד לחייו, והיתה לו הזכות להסיר המכשול מלפניו בכל התחבולות והאמצעים שהיו בידו, כדי להשיג את מטרתו.

ור' צדוק בנאומו התחיל לנתח ניתוח פסיכולוגי את המאורע המעציב הזה, התחיל לחקור אחר סיבת הפשע ומי המה אלה האשמים האמתים במיתת הכהן הצעיר הזה? האם הכהנים המה חבורת אנשים חטאים הלהוטים לצבור הון ולהרבות עושר, עד שקל הוא להם גם הריגת נפש, אם אך יש בזה איזה ריווח של פרוטות אחדות, והעיר, כלומר, העם כלו, הוא באמת כבשה תמה הנותנת את חלבה, צמרה ובשרה לחולביה, גוזזיה ואוכליה. — המה אלה הכהנים רועי שקר, השמים על פניהם מסוות של קדושה וצדק, ובו הם מוצצים את לשד העם וחלבו, ובכן על העזרה להביא עגלה ערופה, חבר כהניה המסתופפים בה, המה אשמים בהריגת של אותו הכהן הצעיר?

או אפשר שאיזו סיבה אחרת הביאה את הכהנים לחלל את כהונתם במעשים נוראים כאלה, אולי ההכרח הביאם לידי כך, מצבם השפל והדלותם היתרה, המה העבירו אותם על דעתם והביאום לידי שערוריות כאלו, ואם כן לא המה אשמים בהריגתו שלזה ולא עליהם להביא קרבן אשם ולהתוודות על חטאם, כי אם העם כלו, הוא שפך את הדם ועליו להביא עגלה ערופה ולהתוודות על פשעיו, הוא האכזר שהביא את כהניו לידי מצב כזה, ודם זה ההרוג על ראשם יחול?

ואת דבריו של ר' צדוק מלא אחריו גם אבי החלל, במר נפשו פנה אל קהל הנאספים בדבריו שיצאו מלב נשבר ואמר „הרי הוא כפרתכם" אתם הבאתם את בני הרך לכפרה על חטאתכם, כתרנגול תמים זה שמביאים אותו בעיו"כ לכפרה על חטאת האדם ופשעיו, „לא נטמא הסכין" כלומר, לא חרב פיפיות הם הסכינים בידי הכהנים, לא רוצחים והורגי נפש המה אלה, הסכין כנשמתן של בני הוא טהור וכשר, רק מצבם הנורא של הכהנים מביא אותם לידיכם, בני היה „מפרפר" בכוחותיו האחרונים למצוא פת לחם להשקיט רעבונו ורעבון ביתו, וכמוהו כיתר הכהנים עניותם מעבירה אותם על דעתם ושוללת מהם את טעמם ושכלם, אם עליכם בני העם כבד ו„קשה לטהר את הכלים" במקדש שלא יהפכו לכלי משחית בידי הכהנים לשפוך דם מרוב עוני ודלות, לא באלה האחרונים הוא האשם, אתם הנכם הרוצחים וידיכם מגואלות בדם בני הרך.

ובזכרי את מצבם של אנשי הרוח שלנו, פה בארצות הברית, מצבם של הרבנים האורתודקסים, מורי העם ומדריכיו, אלה העומדים או צריכים לעמוד בראש העדה להורות להם את הדרך ילכו בה והמעשה אשר יעשו, ובשמעי את התואנות החרפות והזלזולים שממטירים בני העדה על ראש הרבנים לנבל ולבזות את שמם וכבודם — עולה על זכרוני אותו המעשה בשני הכהנים ואותם הדברים שבהם הספיד ר' צדוק את הכהן ההרוג.

# למצב הכלכלי של שוחטי גסות*)

מאת הרב ר' שמואל אהרן הלוי פרדס

בעצם התוהו והבהו של החיים הדתיים של היהדות האמריקאית, בתוך ההפקרות הגדולה השוררת במחננו מצאה לה היהדות החרדית בארץ זו הנחמה האחת בעובדה המשמחת של הסדר הנפלא משחיטת גסות ודקות שעלה בידי היהדות האמריקאית לסדר על פי האופן היותר טוב ובתכלית כשרות גמורה שאפילו היהודים באירופא היו תמיד מקנאים אותנו בזה. תחת אשר לפי תנאי החיים באירופא היה השוחט לרוב תחת חתיתו של הקצב בשעת השחיטה והבדיקה והיה נוטה הרבה פעמים להקל משום הפסד מרובה (ולפעמים מחמת בעותיתא), הנה ב"ה פה באמריקא, הודות לזה שכמעט כל בתי המטבחיים מוכרים גם בשר טריפה, הבשר השחוטה היוצא משם הוא כשר בתכלית הכשרות בלי שום פקפוק כלל, כי מפני שאי: בזה משום הפסד אנו מחמירים ומטריפים כל סירכה וכל דבר שיש בו אפילו רק חששה דחששה דטרפות. חוץ מזה הנה כל בתי המטבחיים המה תחת השגחת הרבנים והשוחטים המה אנשים מומחים מובהקים והכל נעשה בסדר נפלא. שוחטים מיוחדים שוחטים, אחרים בודקים, ואחרים משחיזים ובודקים הסכינים, בלי שום ערבוביה, בנידון זה עולה מצב הכשרות באמריקא הרבה יותר על זה של איירופא לשמחת לב היהדות האמריקאית.

אך לעומת זה אם נתבונן אל הצורה השנית של המטבע אנו פוגשים בתמונה אחרת בלתי מרהיבה לגמרי. שם באירופא השוחט הוא פקיד הקהלה היהודית היודעת להעריך את ערכן הראוי של השוחט ואת התנאים שבהם יוכל למלאות את תפקידו באמונה. היהודים מעולם לא הביטו על השוחט בעל בעל מלאכה פשוט כי אם כעל איש העוסק במלאכת הקודש הטעונה אחריות גדולה שאין למעלה הימנה. היהודים תמיד ידעו והבינו כי כשרות השחיטה דורשת מלבד בקיאות ואומנות גם הרחבת הדעת גמורה והרבה ישוב הדעת להרגיש בפגימה אפי' דקה מן הדקה ועל כן השתדלה הקהלה לכל לראש לשחרר את השוחט מכל דאגת הפרנסה ושלמה לו משכרת הגונה שיוכל לפרנס את בני ביתו בריוח למען תהיה דעתו פנויה לגמרי מדאגת כלכלת בני ביתו ויוכל לעסוק במלאכתו, מלאכת הקודש, בהרחבת וישוב הדעת הדרוש; משכרת השוחט תמיד היתה גדולה מזו של יתר פקידי הקהלה. קהלות ישראל בכל קצוי התבל, אפילו העניות שבעניות מעולם לא עלה על דעתן לקמץ במשכרת השוחט מפני שידעו היטב כי עיקר הכשרות תלוי בזה.

מספרים על אדמו"ר הגאון הקדוש ר' שלמה הכהן אב"ד דרדאמסק, בעל ה„תפארת שלמה" זצ"ל: פעם אחת באו לפניו ראשי קהלתו בתלונה על השוחט דמתא שראו את תריסי חלונותיו מוגפים בכל יום השבת. משמע שהשוחט מבלה את כל יום הקדוש בשינה. כשמוע זאת הגה"ק ר' שלמה נהרו פניו משמחה. ויקרא להרבנית ויאמר אליה בזה הלשון: „מהיום והלאה אני מתיר לך לקנות לי בשר גם ביום הראשון". ראשי הקהלה השתוממו למשמע אזנם. ויבאר להם הגה"ק ר' שלמה, עד עכשיו החמרתי על עצמי לבלי לקנות בשר ביום הראשון בחששי שמא מפני שמחת השבת אין דעת השוחט מיושבת עליו כל צרכה למחרת השבת. אבל עכשיו ששמעתי שהשוחט שלנו מבלה את כל יום השבת במנוחה גמורה אין לי חשש ופקפוק כלל, כמותו ירבו בישראל. ככה התיחסו תמיד בכל קהלות ישראל אל השחיטה. המה ידעו כי הרחבת הדעת של השוחט היא תנאי הכרחי בכשרות השחיטה ולכן לא קמצו בכסף בכדי לתת לשוחט את הרחבת הדעת הזאת.

אך לדאבוננו כאן באמריקא נשתנו פני הדברים. השוחטים פה נמצאים תחת מרותם של בעלי המטבחיים — רובם אינם יהודים — שבודאי אינם יודעים בין ימינם לשמאלם בהלכות שחיטה, הם הורידו את השוחט למדרגת פועל פשוט כשאר פועלי בתי המטבחיים, וכמובן מזונותיהם ופרנסת בני ביתם תלויות בחסד אדוני הבשר הללו אשר כל מעינם הוא רק להתעשר על חשבונם של השוחטים שאינם מרויחים די פרנסתם, ועל חשבון הקהל העברי, שוכחים המה אדוני הבשר הללו כי אנחנו היהודים החרדים משלמים מחיר כל כך גדול בעד בשר כשר — שעולה פי שלשה או פי ארבעה על המחיר הרגיל — אך ורק למען תת להם היכלת לשלם להשוחטים משכרת הגונה כיאות להם, למען היות להם הרחבת הדעת הדרושה, לבלי שיצרכו לדאוג לכלכלת בני ביתם; ולא להוריד את הכסף בכיסיהם עצמם, אבל מה עושים המה בעל בתי המטבחיים האלה? בה במדה שהמה מעלים את המחיר של בשר כשר המה מקצצים הלך וקצץ במשכרת השוחטים עד שהורידו את פרנסתם למדרגת לחם צר ומים לחץ. בעיני אדוני הבשר הללו השוחט הוא כמו אי איזה פועל כושי המסתפק במועט שיכל לחיות על קב חרובין מערב שבת לערב שבת.

אנחנו היהודים האורתודוקסיים מוכרחים אנו למחות בכל תוקף נגד העול הזה מצד אדוני הבשר. כי איך יכולים אנו לצפות שחתיכת הבשר שאנו שמים לפינו היא כשרה בתכלית הכשרות בה בשעה ששמוחו של השוחט הוא טרוד בבקשת תחבולות איך למלאות את החסרון בתקציב כלכלת בני ביתו, הנוזלת ממנו את כל ישוב הדעת הדרוש לו על פי דין. ידעו נא בעלי בתי המטבחיים כי בעד הכסף המלא שאנו משלמים בעד לימרא בשר שחוטה יש לנו הרשות והחובה לדרוש מהם כשרות גמורה, מבלי שיהא לבנו נוקף. כשרות אנחנו דורשים מהם! דבר שהוא מן הנמנע אם יכריחו את השוחטים לעבוד בקיבה ריקה. ידעו נא, וישימו זאת על לב!

*) מאמר זה נדפס בירחון ה„פרדס". ובהיות לו ערך חשוב שמנו לו מקום ב„השומר" שלנו.

## צו אלע אונזערע שרייבער

מיר ערהאלטען ארטיקלען, בריעף, חדושי תורה פון רבנים, שוחטים, און ארטאדקסישע דענקער פון אמעריקא, קאנאדא, ארץ ישראל און פוילען אין א גאנץ גרויסער צאל, און עס איז פשוט אונמעג־ליך צו דרוקען אלע ארטיקלען און בריעף אזוי שנעל ווי זייערע פערפאסער ווילען, ווייל די „שוחטים שטימע" איז דאך דערווייל א מאנאטליכע צייט־שריפט. וואלטען אלע געהאלפען פאר־שפרייטען די „שוחטים שטימע" צווישען זייערע פריינד און בעקאנטע, און שאפען סובסקרייבער, וואלטען מיר דאן געהאט די מעגליכקייט צו דרוקען די „שוחטים שטימע" יערע וואך, וואלטען מיר דאן געקענט דרוקען שנעלער און אפטער די ארטיקלען, וועלכע ווערען אונז צוגעשיקט.

יעצט אבער, ווען די „שטימע" דרוקט זיך בלויז איין מאל אין מאנאט, מוזען די שרייבער האבען געדולד אוןווארטען ביז עס וועט קומען זייער רייע, און די אלע ארטיקלען וועלכע זיינען דרוק־פעהיג וועלען געוויס געדרוקט ווערען. די שרייבער מוזען האבען געדולד און ניט שטורעמען די רע־דאקציע מיט בריעף ווארום דרוקט מען ניט זייערע ארטיקלען. גוטע נוצליכע אינטערעסאנטע און באלעהרענדע ארטיקלען וועלען אימער האבען פלאץ אין די „שוחטים שטימע".

די רעדאקציע.


יצא לאור ונמצא למכירה — ספר חשוב ויחיד במינו

# הלכות דעות להרמב"ם

חלק מספר המדע לרבנו משה ב"ר מימון הספרדי עם באור רחב בשם „מדות ודעות"

מאת

# הרב שמריהו ליב הורוויץ

עם מכתב בראש הספר מאת ראש הרבנים בארץ ישראל הגאון מהרא"י קוק שליט"א שמפליג בשבח הספר כי הוא **ספר יקר ועבודה גדולה וקדושה** עם **מבוא** שבו **השקפה על ספרי הרמב"ם ז"ל**

הביאור של הרב הורוויץ מראה מקור דברי הרמב"ם ז"ל בתורת המוסר של ש"ס בבלי וירושלמי, תוספתא, ספרא, ספרי, מכילתא, מדרשים וילקוטים, קבלה וחסידות, פילוסופיא דתית, שו"ת וגדולי הפוסקים.

ספר נחוץ לרבנים, דרשנים, ולכל העוסקים בתורה וחכמת ישראל.

**מחירו — דאלאר אחד.**

לפנות אל הרב המחבר:

**RABBI S. L. HURWITZ**

**1503 Eastern Parkway, Brooklyn, N.Y.**



# מאיר וואלאזין

52־50 עלדרידזש סטריט, ניו יארק

טעלעפאן ארטשארד 4—4511

**מאנופעקטשורער**

פון וואלענע און סילקענע טליתים, פרוכתן, מענטעלאך, חופות, מכסות לשלחן ולארון.

**אימפארטער**

פון די בעסטע ספרי תורה, תפילין ומזוזות.

**דיסטריביוטאר**

פון אלערהאנד זילבערנע כלי קודש, עץ חיים'ס, ציי'ן, יד'ן, קידוש־בעכערס, שבת־לייכטער א. ז. וו.

די בעסטע טילערס חלפים און מוהל מעסערס, שארף און גלאט שטיינער.

—— אלעס צו שפאט ביליגע פרייזען ——



# מדפיסי ספרים אנחנו זה יותר מחמש־עשרה שנה

## בעברית, אידית ואנגלית

ספרים לאלפים ולרבבות יצאו, במשך הזמן הזה, מתחת מכבש הדפוס שלנו מאת המחברים מפורסמים המפוזרים בכל רחבי ארצות הברית — וכולם פה אחד מהללים ומשבחים אותנו.

תעודות ומכתבים המעידים על אמיתת דברינו נוכל להמציא לכל דורש.

פנו אלינו ותוכחו.

# ORIOM PRESS, Inc.

**42 West 18th Street New York, N. Y.**

**Telephone: CHelsea 3—8164**

# קרבן תודה

לעתיד לבא כל הקרבנות בטלין, וקרבן תודה אינו בטל. (מ"ר פ' צו)

די פארוואלטונג פון „די שוחטים שטימע" און „השומר" דריקט אוים א הערצליכען דאנק צו די אלע וואס האבען אריינגעשיקט דרוקען זייערע לשנה טובה ברכות אין דעם לעצטען נומער פון „די שוחטים שטימע".

די ברכות וועלען געווים בלייבען לזכרון עולם, ווייל „די שוחטים שטימע" ווערט אם ענדע יאהר געבונדען אלס א וויכטיגער יעהרליכער ספר און ווערט געלייענט ביי רבנים, שוחטים, בעלי בתים בני תורה אויף דער גאנצער וועלט.

אבער ניט נור ברכות לראש השנה, עס דארף אויך געשיקט ווערען צו „די שוחטים שטימע" פארשידענע באגריסונגען צו פריינד און באַ־קאנטע וועגען זייערע שמחות, א ברית, א בר מצוה, א חתונה וכדומה, אויך ווען חלילה א פריינד איז אין טרויער שיקט איהם דורך „די שוחטים שטימע" אייער טרייסט ווארט, אייער סימפאטי, דאמיט וועט איהר אויך העלפען „די שוחטים שטימע" וועלכע איז דער איינציגער שוחטים זשורנאל אין גאנץ אמעריקא און קאנאדא, און וועל־כער האט א שטארקע השפעה אויפ'ן אמעריקאנער יודענטום בכלל און אויף שוחטים בפרט, און וועלכער גרייכט די פיעלע טויזענדער שוחטים, רבנים, בעלי בתים, שוהלען, אנשטאלטען, רעדאקציעס, לייברערים אין אלע לענדער פון דער גאנצער וועלט.

רעוו. א. מעלצער, מזכיר

**SCHOCHTIM SHTIMME**

229 EAST BROADWAY NEW YORK, N. Y.

(173)

RABBI S. L. HURWITZ, *Editor.* הרב שמריהו ליב הורוויץ, רעדאקטאר.

# די שוחטים שטימע
# SCHOCHTIM SHTIMME

מאנאטליכער זשורנאל. ארויסגעגעבען ביי די אגודת שוחטי עופות דניו יארק רבתי

**Monthly Magazine, published by the Poultry Schochtim Union of Greater New York**

**Affiliated with the American Federation of Labor, Local 440**

**229 East Broadway, New York, N. Y.** **Telephone: ORchard 4—1938 — 9602**

**Vol. I. No. 9. November, 1932.** ב"ה ניו יארק, חשון, תרצ"ג. ערשטער יאהרגאנג, נומער 9.

## אינהאלט:


עדיטאריעל:

דער גייסטיגער צענטער פון די שוחטים אין אמעריקא.

צו דער פאראייניגונג פון אלע שוחטים — — — — — — — — — — רעוו. יעקב בלום

לאכול מפריה ולשבוע מטובה — — — — — — — — — — — — הרב מאיר ברלין

תפלות על ידי הפונוגראף — — — — — — — — — — — הרב הלל יעקב הורוויץ

די ארטאדאקסישע אידען און זייער פרעסע — — — — — — — — — — הרב קומין

פון אונזער אלטען הייליגען קוואל

די פראבלעם פון שוחטים אין דער צוקונפט — — — — — — — רעוו. יחזקאל ראזען

בריעף פון שוחטים.

די קומענדע קאנווענשאן פון נוארקער שוחטים — — — — — רעוו מרדכי עהרענקראנץ

### השומר

הרמב"ם והחנוך — — — — — — — — — — — — — — — ש. ל.ה.

חידה על דבר הלכה — — — — — — — — — — — — — א. פערעלבערג

הערה בתוספות — — — — — — — — — — — — — — — יצחק גולדברג

הלכות שחיטה — — — — — — — — — — — — — — הרב שמריהו ליב הורוויץ

איחוד בין אגודת השובי"ם בארעא דישראל ואגודת השוחטים דנויארק — — שלום קורן

ספרים חדשים — — — — — — — — — — — — — — — — — — בן דוב


**Subscription Price, $3.00 a year.** סובסקריבשאן 3 דאלאר א יאהר.

Entered as second-class matter, August 15, 1932, at the Post Office at New York, N. Y., under the Act of March 3, 1879.

# גרויסער מאססמיטינג פון די „אגודת שוחטי עופות"

עס איז אבגעהאלטען געווארען א מאססמיטינג פון די שוחטים יוניאן, נאוועמבער דעם 5־טען אין 96 קלינטאן סטריט, וואו עס איז באשפראכען געווארען זייער וויכטיגע פראגען.

צום ערשטען האט דער ווירדיגער פרעז. חבר יעקב בלום געגעבען א לענגערען איבערבליק אין אלגעמיין וועגען דעם צושטאנד פון דער יוניאן, נאכהער האט ער גערעדט וועגען די „שוחטים שטימע", און אויפגעצייגט מיט פאקטען דאס די „שוחטים שטימע" איז זייער וויכטיג פאר שוחטים בכלל און די שוחטים יוניאן בפרט. זי איבט אויס א געוואלדיגען מאראלישען איינפלוס אין דער אידישער גאס לטובת השוחטים והיהדות, און דאס איז דער איינציגער ארגאן וואס פארטיידיגט די אינטערעסען פון די שוחטים געגען זייערע אנגרייפערס, און דארום פאדערט ער אויף די שוחטים, אז יעדערער זאל זעהן מיטהעלפען און טרייען צו מאכען וואס מעהר סובסקרייבערס, אז עס זאל זיין אויך א פינאנציעלער ערפאלג, די שוחטים שטימע זאל אריינקומען נישט נאר אין די הייזער פון כלי קודש נאר אויך צו חשוב'ע בעלי בתים.

א צווייטע וויכטיגע פראגע איז אויפגענומען געווארען וועגען די כשרות אסאסיאיישאן וואס האט זיך געגרינדעט אין ניו יארק, און וואס פאר א שטעלונג די שוחטים יוניאן דארף נעהמען וועגען דעם. די פראגע רופט ארויס א הייסע דעבאטע און ענדליך איז מען געקומען צום שלוס, אזוי ווי די שוחטים יוניאן האט אלע מאל מיט מסירת נפש געארבעט צו פארבעסערען די כשרות אין די טשיקען מארקעטס און זיי איז זעהר פיעל געלונגען אין דיזער ארבייט, דארום ווילען זיי מיט צופרידענהייט מיטהעלפען דיזען ועד הכשרות צו ברייננען מעהר ארדענונג אין אלעם וואס אנבאלאנגט כשרות אין די טשיקען מארקעטס, כל זמן אז עס וועט נישט קומען אין צוזאמענשטוים מיט זייערע עקאנאמישע אינטערעסען. א רעזאלוציע איז געפאסט געווארען אין דעם זין וואס וועט איבערגעגעבען ווערען צו די כשרות אסאסיאיישאן פון גרייטער ניו יארק.

די לעצטע פראגע, וואס דאס איז געווען גאר פון די וויכטיגסטע, און דאס איז וועגען דעם נייעם אגרימענט וואס דארף אריין אין קראפט אנפאנג יאנואר, 1933. זעהר פיעל איז דעבאטירט געווארען אין דיזער פראגע, עס האבען איינטייל גענומען אלע בעאמטע דער פרעז. חבר יעקב בלום, וויים פרעז. חבר א. מעלצער, פינאנס סעק. חבר יוסף ראזענמאן, טרעזשורער חבר ש. נאוואגרודסקי און חבר ישראל באשקאוויץ, רעק. סעק. אויך מעהרערע ברידער פון פלאר, און יעדער האט אויפגעצייגט דאס די שוחטים יוניאן דארף און מוז זעהן מיט אלע כחות צו קריגען דעם זעלבען אגרימענט וואס איז געווען אין קראפט די לעצטע 3 יאהר. עס טאר נישט געמאכט ווערען קיין צוריק צוג, נאר זעהן וואס עס קען אויסגעבעסערט ווערען, אז אויך די פיעלע שוחטים וואס האבען פארלארען זייערע פלעצער זאלען אויך קענען מאכען א לעבען. דער וויים פרעז חבר א. מעלצער שליסט דעם מיטינג אין בעסטען ארדענונג און אין א געהויבענער שטימונג.

איבערגעגעבען געווארען פון א. מעלצער.

---

## פון די „נחלת השבים" באוועגונג

דינסטאג אוועגד, דעם 1טען נאוועמבער איז אבגעהאלטען געווארען א זייער באגייסטערטער מיטינג אין אונזער אפיס פון די „נחלת השבים", 229 איסט בראדוויי, ניו יארק. נאך דעם ווי דער נשיא, יעקב בלום האט אבגעגעבען זעהר א צופרידענעם באריכט פון די ארבייט וואס ווערט זעהר ערפאלגרייך דורכגעפירט אין ארץ ישראל אויף אונזער באדען. אזוי ווי דער ברונעם איז שוין קאמפליט פארטיג, און מען שטעלט זיך דיזען חודש פלאנצען אונזערע פרדסים. נאכהער איז אויפגענומען געווארען די פראגע פון צוטיילען די חלקים. איז באשטימט געווארען בפה אחד אז על פי גורל תחלק הארץ. הרב ירמי' קאץ האט געצויגען די גורלות, וואס האט באשטימט יעדען זיין חלק. פון גרויס באגייסטערונג האבען זיך די חברים אויפגעהויבען פון זייערע פלעצער און געזונגען התקוה, וואו אלע האבען זיך געוואונשען צו קומען אל המנוחה ואל הנחלה.

* * *

זונטאג, דעם 20טען נאוועמבער אום 5 אוהר אוועגד, אין די יאנג איזראעל שוהל, אין 229 איסט בראדוויי, האט דער פרעזידענט פון די אמעריקאנער מזרחי הרב גאלד, אבגעגעבען א גערוס צו די חברים פון „נחלת השבים" פון זיין באזוך אויף אונזער באדען. זיי רעדע האט געמאכט א שטארקען און טיפען איינדרוק אויף אלע צוהערער און אלע האבען פארשטאנען די נויטינקייט צו אנשליסען זיך אלס מעמבערס אין די „נחלת השבים".

## ברכת מזל טוב

מיר ווינשען גליק וכל טוב צו אונזערע ליבע חברים במלאכה הקודש חבר מ. בראון, וועלכער האט ניט לאנג צוריק געפיהרט צו דער חופה בשעה טובה ומוצלחת זיין ליבע געראטענע טאכטער, און חבר הלל גרשון צו דער חתונה פון זיין ליבען זוהן וואס האט שטאטגעפינדען אין א גליקליכע שטונדע.

יצו ה' את ברכתו על הזוגות הנחמדים שנצמדים ברצונו הטוב, ויאמר ה' לדבק טוב הוא. ויבנו את ביתם בארץ האבות והבנים, ארץ ישראל.

אגודת שוחטי עופות דניויארק רבתי.

לכין


# די שוחטים שטימע

**חשון, תרצ"ג**

ערשטער יאהרגאנג. נומער 9


## דער גייסטיגער צענטער פון די שוחטים אין אמעריקא

דער שוחט אין אמעריקא א סך מעהר ווי דער דורכשניטליכער איד פיהלט א שרעקליכע עלענדקייט. אין א גרויסע וועלט וואו דער מאטעריאליזם באהערשט אלעס און אלעמען, וואו גייסטיגע ענינים שפילען אן אונבאדייטענדע ראלע, וואו דער יורע ספר, דער איש הרוח פארנעמט קיין ארט ניט אין דעם זודיגען קאכעדיגען לעבען, אט ביי אזוינע אומשטענדען מוז דער שוחט וועלכער איז לויט זיין פראפעסיאן א רעליגיעזער פארשטעהער, א מענש פון גייסט, צוגעבונדען צו אן אלטע הייליגע קולטור. ער מוז בטל ווערען אין דעם שטורעמדיגען וואכעדיגען לעבען. אין א פארגרעבטע וואכעדיגע מאטעריאליסטישע סביבה, איז ניטא קיין פלאץ פאר א פערזאן וועלכער מאכט א לעבען פון א פראפעסיאן וואס איז פערהייליגט דורך דעם אייביגען גייסט פון דער אידישער תורה, און וועלכע איז ניט נויטיג, ניט „פראדוקטיוו" אין די אויגען פון דעם יעניגען וועלכער איז ווייט און פרעמד פון די קדושת התורה. ביי אן עם הארץ, אן אונוויסענדער, וועלכער איז ניט אידיש קולטורעל, און איז ווייט פון א גייסטיגען הייליגען לעבען, קען א שוחט ניט זיין א הויכער גייסטיגער מענש, א עובד עבודת הקודש, וועמען מען דארף ווירקליך רעספעקטירען, נור ער איז ניט מעהר ווי — א „טשיקען קיללער", א פאגראם מאכער פון עופות, א נפש וואס פארגיסט די בלוט פון אונשולדיגע בהמות און עופות, און בעט נאך דערפאר כבוד און געלד. דאס איז די פסיכאלאגיע פון אן אונוויסענדען וואכעדיגען מאטעריאליסטישען אידען בנוגע אונזערע שוחטים. און דער שוחט וועלכער איז א נפש היפה, דער יעניגער וועלכער איז צארט פיהלענדיג ער **פיהלט** אויף יעדען שריט און טראט ווי זיין נשמה און זיינע געפיהלען ווערען באליידיגט, און ער **מוז** האבען א גייסטיגען צענטער וואו ער זאל קענען אנווארימען די אידישע הארץ און די אידישע נשמה וועלכע ווערען פארפרארען אין די אייזקאלטע ביליגע און וואכעדיגע אידישע סביבה אין אמעריקא, א גייסטיגער צענטער וואו ער זאל טרעפען זיין גלייכען, חברים, פריינד, וועלכע קענען איהם פארשטעהן און מיטפיהלען, און וואו ער זאל קענען **זיך אליין געפינען**, און געפינען א ספוק הנפש, א נשמה צופרידענהייט, אום ער זאל כח האבען אין זיין גרויסען קאמף פאר'ן כשר'ען אידישען לעבען אין וועלכען ער און זיינע קינדער דארפען געפינען א מקום מנוחה.

די שוחטים פון אמעריקא זיינען אבער צואווארפען אין אלע ווינקעלאך פון לאנד, איינער ווייס ניט און קען ניט דעם צווייטען, מען איז זיך פרעמד, און דערפאר איז די שרעקליכע עלענדקייט וועלכע דריקט אזוי שטארק די בענקענדע אידישע נשמה, און פון וואס דער לעבען פון דעם „כלי קודש" איז אזוי פוסט און אומעטיג, עס פעהלט די אמת'ע אינערליכע פרייד פון לעבען, און דערפאר איז אזוי נויטיג א „קלאב", א חברותא פון אלע שוחטים פון לאנד, א גייסטיגער צענטער.

און דער גייסטיגער צענטער פון אלע שוחטים פון לאנד איז „די שוחטים שטימע", וועלכע ווערט ארויסגעגעבען פון די אגודת שוחטי עופות דנויארק רבתי און איז דאס אייגענטהום פון אלע שוחטים פון לאנד, דארט טרעפט מען זיך צוזאמען גייסטיג איין מאל אין חודש און מען ווערט נעהענטער איינער צום צווייטען.

הרב פיין פון דעטראיט און הרב קומין פון נויארק האבען אבער באמערקט זייער ריכטיג אין זייערע ארטיקלען אין דיזע ציימונג, אז דער צענטער איז צו קליין, די טויזענדער שוחטים פון לאנד (ביי א צעהן טויזענד שוחטים, כן ירבו) קענען און דארפען האבען **א וועכענטליכע** צייטשריפט וועלכע זאל קענען דינען אפטער, בעסער און שטארקער זייערע אינטערעסען וועלכע זיינען דאך די אינטערעסען פון אונזער רעליגיאן, און דאצו איז א חודש זשורנאל ניט גענוג, מען דארף און מען מוז האבען א גרויסען וויכטיגען **וועכענטליכען זשורנאל**, וואו עס זאל זיין פלאץ פאר ברענענדע וויכטיגע טאגעס פראגען, אויך חדושי תורה און הלכה ואגדה, ארטיקלען פון באוואוסטע ארטאדאקסישע דענקער, פון פרומע שריפטשטעלער און דיכטער, א וועכענטליכער ארגאן וועלכער זאל קעמפען פאר די אינטערעסען פון די שוחטים און זאל זיין דער חבר, דער עצה געבער, און דער וועג ווייזער פון די שוחטים פון לאנד, דער אמת'ער גייסטיגער צענטער און פריינד פון יעדען באוואוסטזיניגען שוחט.

עס איז קיין ספק ניט, אז ווען **אלע** שוחטים פון לאנד וואלטען פארשטאנען זייער לאגע, אזוי ווי די **וואכעדיגע** ארבעטער פון דער וועלט פארשטעהען **זייער** לאגע, וואלטען מיר געהאט א גרויסען שוחטים זשורנאל וועלכער וואלט ערשינען יעדע וואך און וואלט געוועזען א ברכה און א שטאלץ פאר יעדען שוחט פון לאנד, און די שוחטים וואלטען דאן געוועזען די אמת'ע דעה זאגער און טאן געבער אין דעם ארטאדאקסישען אידענטום, און זייער גייסטיגע און עקאנאמישע לאגע וואלט געוועזען ניט אין דעם ערך בעסער ווי יעצט. די שוחטים וואלטען דאן צוריק באקומען זייער פרעסטיזש און זייער בכבוד'ען פלאץ אין דער אידישער גאס פון אמעריקא, און כשרות

# צו דער פאראייניגונג פון אלע שוחטים

פון רעוו. יעקב בלום, פרעזידענט פון די שוחטים יוניאן און „נחלת השבים".

מיט איינינע וואכען צוריק האב איך געהאט א זעהר אינטערעסאנטע דיסקוסיע מיט אונזער חשוב'ן רעדאקטאר, הרב ש. ל. הורוויץ, וועגען אלגעמיינע שוחט'ישע פראבלעמען. אין פארלויף פון אונזער געשפרעך, האט ער מיר געשטעלט א דירעקטע פראגע, „וואס דענקט איהר, אלס פרעזידענט און פירער פון די אגודת שוחטי עופות, מיט א סך ערפאהרונג אין שוחט'ישען לעבען בכלל ובפרט, איז נישט געקומען די צייט אז מען זאל רופען א קאנווענשאן פון אלע שוחטים פון גאנץ יונייטעד סטייטס און קענעדע, וועלכע זאל נעהמען אויף זיך די אויפגאבע צו באשיצען שוחט'ישע אינטערעסען ברוח ובחמר?"

מיין ענטפער איז געווען א פאזעטיווער יא!

ניט נאר די צייט איז רייף פאר א קאנווענשאן פון שוחטים, נאר עס איז פון דאס גרעסטע און וויכטיגסטע נויטווענדיגקייט צו רופען א קאנווענשאן וואס שנעלער, ווייל עס איז געווען אמאל א צייט, און דאס איז ניט זייער ווייט פון אונז, מיר געדענקען דאס נאך זייער גוט. ווען דער אינדיווידואליזם האט באהערשט די וועלט, יעדער יחיד האט געקענט נאך זיינע אייגענע פעהיגקייטען, מעהר אדער וויינינער, זיך באפעסטיגען צו א מעמד, ווערען זעלבסטשטענדיג און ערווערבען זיך א פארמעגען, עס האט זיך ניט געפאדערט קיין אינטעליגענץ אדער געלעהרזאמקייט ארויפצוקלעטערן אויפ'ן לייטער פון ערפאלג. איינינע האבען זיך אפילו דערהויבען צו א שטופע פון ווערען משפיעים אויף אנדערע, דעה זאגער און טאן געבער.

היינט אבער, נאך די גרויסע וועלט קאטאסטראפע, וואס האט אומגעווארפען אלע אלטע סיסטעמען פון לעבען, האט עס געבראכט דערצו, אז דער פרט רעכענט זיך גאר ניט, ע. ה. דער פרט, ווערט ארויסגעשטויסען און ניט צוגעלאזען כדי צו קענען עפעס ערווערבען אויף זיין אייגענעם רעכענונג. עס איז אזוי ארום פארבליבען פאר דעם יחיד נאר איין וועג, און דאס איז — ערפאלג דורך קאלעקטיווע קערפערשאפטען, און ווי מיר באמערקען און זעהן האבען זיך אלע צווייגען פון לעבען גענומען צו פאראייניגען זיך אין גרויסע קאלעקטיווע כוחות, וואו דער פרט איז נישט מעהר ווי א קליינער שרייפעלע און איז שוין ניט מעהר א קליינע מאשין פאר זיך. דאס פארשטעהן היינט אלע, אז אום צו קענען עקזיסטירען, מוז יעדער פרט זיך באהעפטען צום כלל, פון זיין ספעציעלען קלאס, און מיט פאראייניגטע כוחות שטארקען און פארטיידיגען די אינטערעסען פון זיין פאך און ממילא אויך בענעפיטירען און עסען די פרוכט וואס אייניגקייט קען שאפען פאר יעדען וואס איז פאראייניגט מיט זיין קלאס.

אבער! מיר שוחטים, דוכט זיך, א אינטעליגענטער, מעהר אדער וויינינער א געלעהרענטער קלאס, האבען אפילו אין די גוטע צייטען זיך ניט געקאנט פארזארגען מיט א פעסטע פאזיציע אין לעבען, נאר אלע מאל געווען אנגעוויזען אויף דאס וואס **אנדערע** ווילען שאפען און צוגרייטען פאר אונז, וואס צום באדויערען זיינען די וואס דארפען אונז פארזארגען ניט אלע מאל פון די איידעלסטע און נאבעלסטע פון אונזער ארטאדאקסישען אידענטהום. און די דעה זאגער איבער אונז האבען אלע מאל געטאן צו שאפען סיסטעמען פאר אונז ניט רעכענדיג זיך מיט אונזערע געפילען, אויך ניט מיט רעספעקט צו אונזער פראפעסיע, נאר מיט א דיקטאטארישען כאראקטער, צו געבען ארדערס ווי צו באצאלטע אנגעשטעלטע שקלאפען.

זייענדיג מושפעים פון אזא קלאס משפיעים, איז קיין וואונדער ניט וואס זיי האבען געבראכט דערצו, אז אלע האבען פארלארען יעדען רעספעקט צו אונז, און מיר זיינען געווארען א קלאס, וואס מען קען טאן מיט אונז וואס מען וויל. מיר זיינען געווארען נכנעים צו יעדען וואס ניט אונז עפעס, און געווען געצוואונגען אויסצופאלגען ארדערס, ביז מיר זיינען געקומען צו א מדרגה פון פארלירען

---

וואלט געווען הונדערט פראצענט בעסער און זיכערער ווי יעצט.

זאל דערפאר יעדער שוחט שאפען נייע לעזער און נייע סובסקרייבער פאר „די שוחטים שטימע", זאל יעדער שוחט פיהלען און פארשטעהן אז „די שוחטים שטימע" איז **זיין** שטימע, זיין אייגענטום, און אויף יעדער שוחט ליגט די הייליגע פליכט צו פארגרעסערן און פארבעסערן **זיין** צייטונג, דורך גרעסער מאכען די משפחה פון „די שוחטים שטימע" לעזער וועלען דאן די שוחטים אליין געניסען דעם פולען נוצען פון זייער פרוכטבארע ארבייט.

מיר נויטיגען זיך יעצט אין **שוחטים חלוצים**, וועלכע זאלען געבען א ביסעל צייט, באזוכען זייערע פריינד און באקאנטע, און מאכען זיי פאר לעזער און סובסקרייבער פון „די שוחטים שטימע". אויף דער גרויסער היסטארישער קאנווענשאן פון די שוחטים פון לאנד וועלכע וועט אין גיכען מוזען שטאטפינדען, וועלען בעקאנט ווערען די נעמען פון **די שוחטים חלוצים** וועלכע העלפען צו שאפען א שטארקע רעליגיעזע פרעסע פון שוחטים, וועלכע זאל זיין דער געזונטער יסוד פון א שטארקע שוחטים ארגאניזאציע פון איין ברעג לאנד צו דער צווייטער ברעג פון לאנד.

**די „שטימע" פון די שוחטים מוז און דארף געהערט ווערען!**

דעם זעלבסט רעספעקט. און פארשקלאפען זיך איינע צו אנדערע דורך „קאנטראקטינג". און ווען אפילו די איירעלסטע נשמות, מיט גוטע הערצער פון אייגצעלנע רבנים, האבען אונז געוואלט העלפען, און מיט זייער בעסטען ווילען, האבען זיי גאר ניט געקאנט טאן, צוליב די צוריסענקייט פון די רבנים צווישען זיך גופא, ווי אויך צוליעב די רייבונגען און רייסערייען פון איין רבני'שער ארגאניזאציע מיט דער אנדערער, און מיר זיינען אזוי ארום נאך מעהר ארונטער געשטויסען געווארען צום אבגרונד. דורך אזעלכע רייסערייען אין דער רבנ'ישער וועלט, איז געשאפען געווארען דער תהו ובהו, אין וועלכען מיר, צוזאמען מיט'ן גאנצען ארטאדאקסישען אידענטהום געפינען זיך.

ביי די איננערע און מעהר פילענדע פון אונז איז די נשמות צוריסען געווארען פון צער. די הערצער האבען געבלוטיגט צוזעהענדיג אזא שפל המצב, און מיר האבען רעוואלטירט נעגען אזא לעבען. אוים רעספעקט צו אונזער פראפעסיע, מלאכת הקודש, וועלכע פארלאנגט פון אונז, אז מיר זאלען און מוזען זיין אונטער אלע אומשטענדען פרייע און אינדעפענדענט מענשען, מוזען מיר פריער פאר אלעם אליין האבען רעספעקט און קריגען רעספעקט פון אנדערע צו די מלאכת הקודש. אום דאס צו קריגען מוזען מיר ווערען אוים שקלאפען, ארונטער ווארפען פון זיך די גייסטיגע און מאטעריעלע שקלאפעריי, וואס מען האט אויף אונז ארויפגעצוואונגען. ווייל עס איז אלעם איינס, א גייסטיגער אדער קערפערליכער שקלאף, קיין פרייער מענש קען איהם ניט רעספעקטירען. מען קוקט אויף איהם פון אויבען ארונטער.

מיט אלע אונזערע כחות האבען מיר זיך אריינגעווארפען אין דער ארבייט, פון פאראייניגען די שוחטים. געמאכט קליינע אגודות אין פארשידענע טיילען פון שטאט, ביז מיט דער צייט איז אונז געלונגען נאך פארשידענע גלגולים, צו שאפען ד י ג ר ע ס ט ע א ו ן ש ט א ר ק ס ט ע ש ו ח ט י ם א ר ג א נ י ז א צ ע א י ן ד ע ר ג א נ צ ע ר ו ו ע ל ט, באוואוסט אונטער דעם נאמען „א ג ו ד ת ש ו ח ט י ע ו פ ו ת ד נ י ו א ר ק, לאקאל 440" וועלכע ציילט 300 חברים אן עין הרע. מיט אונזערע פאראייניגטע כחות האבען מיר אפגעשאפט א סך איבלען, אויסגעבעסערט די מאטעריעלע לאגע, וויינינער שטונדען ארבייט, בכבוד'ע שכירות, פארבעסערט דעם מצב הכשרות, געוואונען אכטונג און ליבע פון איינעם צום אנדערען, און רעספעקט ביי דער אויסערליכער אידישער וועלט.

נעהמענדיג דאס אויבען דערמאנטע אין אנבאטראכט, קען מען זיך לייכט פארשטעלען וואס א פאראייניגונג פון אלע שוחטים פון גאנץ יונייטעד סטייטס און קענעדע, וואלט קענען אויפטאן פאר שוחטים.

א פאראייניגונג פון שוחטים איז בכח צו ווערען די טאן געבער אין אונזער ארטאדאקסישען לעבען, און משפיע זיין אויפ'ן בעסטען אופן, אז דער כאאס אין דער אידישער נאס זאל אויפהערען.

דארום דענק איך, אז עס זאל גערופען ווערען א קאנ־ווענשאן פון שוחטים, צו פארהאנדלען און באשטימען פאלגענדע וויכטיגע זאכען:

1. צו פאראייניגען אלע שוחטים אין איין ארגאניזאציע, „אגודת השוחטים דארצות הברית וקנדה".
2. צו פארבעסערען די גייסטיגע און מאטעריעלע לאגע פון שוחטים.
3. צו גרינדען א פאנד פאר קראנקע שוחטים.
4. צו שאפען א פאנד פאר שוחטים וואס צוליב אלטקייט מוזען זיי אויפגעבען שחיטה.
5. צו ארויסגעבען „די שוחטים שטימע" אלס יודענטליכע צייטונג.
6. צו אבשאפען דעם איבעל פון לערנען ניט פאסינגע מענשען שחיטה.

חברים שוחטים! הערט זיך צו, צו דעם ברודערליכען רוף. לאמיר אלע זיך פאראייניגען אין איין אגודה.

נעשו ישראל אגודה אחת מיד התקינו עצמם לגאולת.

דאס וועט זיין א תקון פאר אונז, און פאר'ן גאנצען אידענטהום אין אמעריקא.

### אנמערקונג פון דער רעדאקציע

מיר גלויבען, אז דער פרעזידענט פון די שוחטים יוניאן ר' י ע ק ב ב ל ו ם האט דא ארויסגעזאגט אין זיין ארטיקעל דעם גרויסען פייערדיגען אמת פון די נויטיגקייט צו רופען א שוחטים קאנווענשאן אזוי שנעל ווי מעגליך. עס איז געקומען די העכסטע צייט, אז די שוחטים פון לאנד זאלען זיך פאראייניגען באמת לטובתם ולטובת הכשרות והיהדות, די פראגע איז ו ו ע ן זאל די קאנווענשאן גערופען ווערען? און ו ו א ו? מיר וואלטען דערפאר וועלען, אז אלע שוחטים זאלען אונז לאזען וויסען אזוי שנעל ווי מעגליך זייער מיינונג וועגען דעם. די „שוחטים שטימע" וועט דרוקען די מיינונגען, און על פי רוב דעות יקום דבר.

---

## נייער שחיטה ביל אין ענגלישן פארלאמענט

אין ניכען וועט אין פארלאמענט אריינגעטראגען ווערען א נייער געזעץ פראיעקט וועגען שחיטה, וועלכע וועט אויך באריהרען די מעטאדע פון געבען שוחטים סבלה אויף שחיטה.

די אפיצילע אידישע קהילה פון לאנדאן און די ארטאדאקסישע קאנגרעגיישאנס וועלען מאכען באזונדערע רעפרעזענטאציעס אין פארלאמענט וועגען געזעץ פראיעקט, און דיזע אונאייניגקייט וועט געבען א געלעגענהייט די געגנער פון אידישע שחיטה ארויסצוקומען אין פארלאמענט געגען שחיטה.

די געגנער פון שחיטה אויף דער גאנצער וועלט ווערען שארפער, ביטערער און גרעסער פון טאג צו טאג. די שוחטים פון דער גאנצער וועלט האבען געדארפט שאפען א ו ו ע ל ט פ א ר ב א נ ד פ ו ן ש ו ח ט י ם כלפי פנים און כלפי חוץ. מען קען קיינמאל ניט וויסען וואס מארגען קען פאסירען. מיר לעבען יעצט אין אזא צייט וואו אלס מוז זיין פאראייניגט. די שוחטים מוזן זיין פאראייניגט.

# לאכול מפריה ולשבוע מטובה

פון הרב מאיר ברלין

אין דער אידישער וועלט זאָגט מען אז א „סלקא דעתך" אין דער גמרא דאַרף מען אויך גוט פאַרשטעהן, מען זאָל ניט מיינען אז ווי באַלד עס איז דאָך ניט מעהר ווי א סברא וואָס עס האָט געקענט זיין און זי באַשטעהט ניט מעהר, איז דער ווערט דערפון ניט וויכטיג. עס איז אָבער ניט אזוי, ווי באַלד אז עס האָט געקענט „אַרויף געהן אויפ'ן זינען" אזא סברא, ליגט אין דעם אויך א שטיק אמת.

אין דעם נאָמען פון איינעם א באַריהמטען צדיק דער־צעהלט מען אז ער איז נעגאַנגען ווייטער. ער האָט געזאָגט, אז אויב עס איז דאָ א „סלקא דעתך" אין א געוויסען דין אין הלכה, אז אפילו אויב די מסקנא איז אַנדערש, דאַרף מען זוכען מקיים זיין אויך דעם „סלקא דעתך". אויב מען האָט געקענט מיינען אז דער דין איז אזוי, דאַרף מען דאָס אויך ניט מבטל זיין.

אויב מען קען געהן אין דעם צדיק'ס וועגען און מקיים זיין אַלע סלקא דעתך'ס פון די חז"ל—איז שווער צו ענט־פערען, עס קען זיין אז דאָס קען פיהרען אמאָל צו ווייט. אָבער איין סלקא דעתך דאַרף מען געוויס דורכ־פיהרען אין לעבען. מען דאַרף מען מוז און מען זאָל. דאָס איז דער „סלקא דעתך" וועגען דעם שטרעבען פון משה רבנו צו קומען אין אונזער הייליגער לאַנד, אין ארץ ישראל. און עס ווערט געפרעגט: „וכי לאכול מפריה ולשבוע מטובה הוא צריך?" געוויס, פאַר־שטעהן מיר אַלע אז ווען דער „גדול הגדולים" האָט גע־בעטען פאַר'ן טויט „אעברה נא ואראה", איז געווען אין דעם מעהר, פיעל מעהר ווי דער ווּאונש צו האָבען הנאה, אַן ערדישען פאַרגעניגען, אפילו ווען דאָס איז פאַרבונדען מיט ארץ ישראל. אָבער אויב מען מיינט דאָפון צו באַ־ווייזען אז דער ענין פון „לאכול מפריה ולשבוע מטובה" איז א קלייניגקייט, איז דאָס א גרויסער טעות. דאַרויף מעג מען געוויס זאָגען אז דער „סלקא דעתך" בנוגע משה רבנו קען דינען פאַר אַלע אידען אַן הלכה פסיקה...

ביי דער איצטיגער צייט ווען אויב מען איז מסכים דאַצו טעאָרעטיש אָדער ניט, זיינען מאַטעריאַליסטישע אַנגעלעגענהייטען א שטאַרקער פאַקטאָר אפילו ביי גייס־טיגע מענשען און אמאָל אויך אין רוחניות'דיגע פראַגען, איז א ברכה און א מצוה ווען דער אויפבוי פון ארץ ישראל ווערט פאַרבונדען ניט נאָר מיט מאָראַל נאָר אויך מיט מאַטעריאַל פון יעדען איינעם וועלכער העלפט באַזעצען און בויען דאָס אידישע לאַנד און אין דערזעלבער צייט זיין איינענע היים.

עס איז דאַריבער א פרעהליכע ערשיינונג דער באַשלוס פון די שוחטים, און ניט נאָר דער באַשלוס — עס פעהלען דען שעהנע החלטות אין דער אידישער גאַס? נאָר דאָס דורכפיהרונג פון גרינדונג א קאָלאָניע אין ארץ ישראל מיט'ן נאָמען „נחלת השבים". עס קלינגט אפשר צו גרויס ווען מען רעדט וועגען בויען א קאָלאָניע

# תפילות על ידי הפאָנאָגראַף

(פעליעטאָן)

פון הרב הלל יעקב הורוויץ, גאַלוועסטאָן, טעקסאַס

ווען ר' לוי יצחק באַרדיטשעווער, דער קדושת לוי ז"ל, דער באַריהמטער מלמד זכות וואָלט יעצט געלעבט, און ער וואָלט געווען אין אַמעריקא, און וואָלט דורכגעגאַנגען איבער די פאַרשיידענע אידישע קהילות און באַטראַכט ווי אזוי אידען דינען דעם רבש"ע א גאַנץ יאָהר בכלל, און בפרט אין די ימים הנוראים, וואָלט ער געפונען גאָר א סך מאַטעריאַל מיט וואָס צו מלמד זכות זיין אויף אחינו בני ישראל. נאָר לעזט וואָס עס קען טרעפען. טעקסאַס אין אַלגעמיין איז א באַריהמטע סטייט מיט א גאַנץ היפשע אידישע באַפעלקערונג. נאָך פון די ערשטע אימיגראַציאָנס צייטען. צוליב דעם גאַלוועסטאָנער פאָרט האָבען פיעלע אידען איינגעוואַנדערט אין טעקסאַס. דורך די הילף פון דזשייקאָב שיף ז"ל און דעם באַריהמטען ראַבאַי דר. הענרי כהן, און אידען געפינען זיך כמעט אין אַלע שטעדט און שטעטלאַך פון טעקסאַס, וואו מעהר און וואו ווייניגער.

איז פאַראַן אין טעקסאַס א באַריהמטע וואַלי ביי דעם ריא גראַנד ריווער, אויף דער מעקסיקאַנער גרענעץ, איז דאָס א גע־בענשטע שטיק לאַנד וואו דער קלימאַט איז אידעאַליסטיש, וואַקסען דאָרט אַלע טראָפּישע פרוכטען, ווי אָראַנדזשעס, לע־מאָנס, גרייפ פרוכט, באַנאַנאַס. געפינען זיך דאָרטען שטעטלאַך וואו אידען האָבען דריי גודס סטאָרס, דזשאַנק שאָפּס א. ז. וו. אין איניגע שטעטלאַך זיינען דאָ צו 10, 20, 40 אידישע פאַ־מיליעס, א. א. וו. א גאַנץ יאָהר האָט מען ניט קיין כשרות.

און מען מיינט פלאַנצען אַ פּרדס. אין דער אמת'ן איז דער אונטערשיעד נאָר אין קוואַנטום ניט אין קוואַליטעט. הערצל ז"ל האָט אַמאָל געזאָגט: „אַ גרויסע קאָלאָניזאַציאָן איז אַ שטאַאַט, אַ קליינע שטאַאַט איז אַ גרויסע קאָלאָניזאַציאָן". דאָסזעלבע קען אויך פּאַראַפראַזירט ווערן: אַ גרויסער פּרדס איז אַ קליינע קאָלאָניע...

ווען דאָס אונטערנעהמען פון די שוחטים זאָל האָבען הצלחה — און דער כלל פון הבא לטהר מסייעין אותו איז דאָ ביי ארץ ישראל אודאי און אודאי, אויב מען מיינט מיט אַן אמת העלפט די השגחה עליונה — און די טויזענד דונאַם לאַנד וועלכע די „שוחטים" און די גרינדער פון „נחלת השבים" האָבען געקויפט זאָל ווירקליך באַפלאַנצט ווערן, און אייניגע צעהנדליג פאַמיליעס פון די חברים זאָלען דאָרט אַרויסגעהן בויען הייזער און ניט נאָר „מאַכען אַ לעבען" ווי אין אמעריקאַ נאָר „הנאה האָבען פון לעבען" ווי טויזענדע און טויזענדע אידען אין ארץ ישראל האָבען, דאַצו שאַפען לעבען דעם פּרדס „שכונת עובדים" פאַר די דאָרטיגע אַרבייטער — נאַטירליך פרומע אַרביי־טער פון „הפועל המזרחי" — איז דאָך דאָס אַ קאָלאָניע. ווען עס זיינען דאָ אייניגע טויזענד אַזעלכע פּרדסים איז שוין אַ גאַנץ שעהנער אָנהויב פון אַ „מדינת היהודים"...

די שיינקייט פון דער אונטערנעהמונג פון די שוחטים איז אין דעם וואָס זיי האָבען ניט נאָר געזאָרגט פאַר'ן כלל, נאָר אויך פאַר'ן פּרט. דער בשלום פון „נחלת השבים" איז נאַטירליך וויכטיג פון דעם אַלגעמיינעם שטאַנדפּונקט, אָבער צו ערשט, דירעקט איז ער נוגע דעם פּרט, דעם איינצעלנעם, וועלכער באַטיי־ליגט זיך אין דער אונטערנעמונג מיט דער כונה צו באַ־זעצען זיך אין ארץ ישראל. און אויב מיט יאָהרען צוריק האָט מען גערעכענט אַז צוערשט מוז מען בויען דעם כלל ישראל דורך אַלגעמיינע פאָנדען, נאַציאָנאַלע אונטער־נעהמונגען און דאַן וועט ממילא געבויט ווערען דער פּרט און די פּרטים פון דעם אידישען פאָלק, איז מען איצט געקומען צו אַן אַנדער איבערצייגונג, איצט ווייס מען אַז ווען מיר וועלען האָבען אין אונזער לאַנד אויפגעבויט צעהנדליגע טויזענדע פּרטים, הונדערטע טויזענד און מיליאָנען פּריוואַט אידען, וועט ממילא דאַדורך געבויט ווערען דער כלל ישראל. באמת מאַכט דאָס ניט קיין אונטערשיעד אויב פון פּרט ענטשטעהט דער כלל אָדער דורך דעם כלל עקזיסטירט דער פּרט, די שאלה איז נאָר אַ טאַקטישע אָדער אַ צייטיגע, ווי און וואָס פריהער־צו טאָן. אַזוי וואויל איז צו דעם ווער עס פאַרשטעהט די ריכטיגע זאַך אין דער ריכטיגער צייט און טאָן.

די שוחטים האָבען מיט זייער גרינדונג פון'ם „נחלת השבים" באַוויזען אַז עס איז דאָ ביי זייערע פיהרער און חברים די ריכטיגע פאַרשטענדעניס, מען דאַרף האָפען אַז עס וועט אין זייער אונטערנעהמונג אויך זיין די נויטיגע הצלחה. עס איז דער וואונש פון יעדען וועלכער פאַרשטעהט די וויכטיגקייט פון דער אונטערנעהמונג, אַז דער פּרדס „נחלת השבים" זאָל גוט און שנעל געפלאַנצט ווערען און איהרע חברים זאָלען האָבען ניט נאָר די גייס־טיגע הנאה צו העלפען דעם אויפבוי פון ארץ ישראל, נאָר זיי זאָלען אויך זוכה זיין אַליין „לאכול מפריה ולשבוע מטובה".

הלואי!

---

קיין אידישען חינוך, און אויך אַ גאַנץ שוואַכע פאַרבינדונג מיט אידישע אינסטיטוציעס, אָבער אַז עס קומען אָן די ימים נוראים, קומען זיך צוזאַמען די אַלע אידישע פאַמיליעס אין איינער פון די צענטראַלע שטעדט און מען דאַווענט תפילה בציבור, וואו איינער פון די תושבים דינט אַלס בעל תפילה אָדער ראַבאַי. דערציילט מיר מיין שנור, אַן אַמעריקאַנער אידישע פרוי, וועלכע איז משיתה לפי תומה און וועמענס על־טערן געפינען זיך דאָרט אין איינעם פון די שטעטלאַך, און זוערענד, מיין זוהן איז געבליבען מיט מיר אויף יום כפור, איז זי געפאָהרען צו איהרע עלטערן, האָבען זיך אידען צוזאַ־מענגעקליבען אין דער שטעטעל מערסעדעס צו כל נדרי, זיינען דאָרטען געווען אַרום אַ 75 פּערזאָן, וועלבע זיינען געקומען פון די אַרומיגע שטעטלאַך ווי מעקקאַלען, האַרלענגען א. אַ. וו. אַ חזן האָבען זיי געהאַט עפּעס אַ דורכרייזענדען, און נאָך כל נדרי איז מען זיך צופאָהרען צוריק צו זייערע שטעדט. אויף מאָרגען האָבען זיך אייניגע מישב געווען און מען איז געפאָה־רען קיין בראַונזוויל, טעקסאַס, אומגעפעהר אַ 60 מייל ווייט פון מערסעדעס, און אַט ווי אַזוי מען האָט דאָרטען געפּראַוועט די עבודה. דער רבי איז געווען איינער פון די תושבים אַ מר. בעריל, וועלכער האָט אָנגעגרייט פאָנאָגראַף רעקאָרדס פאַר די תפילות יום הכפורים און ביי יעדע תפילה האָט ער אַרויפ־געשטעלט אויפ'ן פאָנאָגראַף אַ רעקאָרד און האָט אַנאָנסירט וועלכע תפילה מען געהט יעצט זאָגען. 12 אַזייגער האָט דער זאָגענאַנטער רבי אַנאָנסירט אַז יעצט איז לאַנטש טיים, און דער טעמפּעל „בית אל" ווערט געשלאָסען ביז 2 אוהר און נאָכהער וועט ווערען פאָרטגעזעצט די סורוויסעס, זועלכע האָבען זיך געשלאָסען צוים געגוג מען זאָל קומען צו סאַפּער אַהיים. האָט דער רבי געוואָלט אַנאָנסען ווען עס וועט זיין סוכות און האָט נעבאַך ניט געוואוסט, פרעגט ער ביי איין אינגעל וועלכער גייט אין סאַנדעי סקול: פיעל טעג נאָך יום כפור איז סוכות? ענטפערט דער אינגעל „איי עם נאַט שור, 4 אָר 5 דעיס", זאָגט דער רבי „אי מאַסט נאָו פאָר שור טו אַנאָונס איט. וועל, אַי טהינק איט איז 5 דעיס". און דער רבי האָט אַנאָנסירט סוכות מען זאָל קומען אין טעמפּעל „בית אל".

נו, זיינען אידען ניט אַ טייער פאָלק? אפילו פאָהרען אַנם יום כיפור קומט מען לעבודת הבורא צו הערען יום כפור'דיגע רעקאָרדס אויפ'ן פאָנאָגראַף.

# די אָרטאָדאָקסישע אידען און זייער פּרעסע

פון הר"י קומין

זעהענדיג די עקזיסטענץ פון דעם מאָנאַטליכען זשורנאַל „די שוחטים שטימע" פאַר א לענגערער צייט, לעבט אויף די האָפענונג אַז בּיליכט וועלען מיר אַמאָל זוכה זיין צו האָבען וועלכע עס איז אָרטאָדאָקסישע פּרעסע, און עס וואָלט זיך וועלען אַרויסזאָגען געוויסע מחשבות און הרהורים וועגען די נויטווענדיגקייט און אויך מעגליכקייט פון א רעליגיעזער אידישער וואָכענשריפט, וועלכע זאָל זיין געווידמעט ספּעציעל פאַר אַלע רעליגיעזע אַנגעלעגענהייטען און ליטעראַטור.

נאָר קודם כל דאַרפען מיר אויסדריקען א האַרציגען יישר כח צום ווירדיגען רעדאַקטאָר הרב רש"ל הורוויץ, און צו דער נעעהרטער „אגודת השוחטים" וואָס האָבען ערמעגליכט די ערשיינונג פון אָט דער חודש צייטונג.

די ביזאהעריגע געדרוקטע עקזעמפּלאַרען מאַכען א גוטען איינדרוק מיט זייער אויסערליכקייט ווי אויך מיט זייער פּנימיות, די לעזע־מאַטעריאַל שטייגט אין קוואַליטעט פון מאָנאַט צו מאָנאַט, די אָפּטהיילונג „השומר" צוגעפּאַסט צום קורא נכבד און למדן גיט איהם צו א באַזונדערען חן, קאָליר, פאָרם און געשטאַלט. די שוחטים אַלס פּראַקטישע מענשען האָבען גלייכצייטיג באַוואָרענט זיין לעבען און שאַפען אויף י"ב חודש ער זאָל ח"ו קיין טריפה ניט זיין...

מיר ווינשען איהם א אריכת ימים ושנים און ער זאָל פאָרטזעצען זיין עקזיסטענץ און ווירקונג אויף ווייטער אַלס א חי נושא את עצמו.

עס איז אויך ווערט צו באַגריסען מיט באַזונדערן דאַנק די אַרויסגעבער און חשוב'ן רעדאַקטאָר פאַר זייער פיינפילענדע שטעלונג צו געבען א פרייען צוטריט צו די אַלע פעדער מייסטער און הוגי דעות אין אידישען רעליגיעזען לעבען אין זייער צייטונג.

אָבער מיר ווילען דאָ אין דעם אַרטיקעל אויפמערקזאַם מאַכען די אנשי הרוח אין דער אָרטאָדאָקסיע פון אַלע שאַטירונגען דאָ אין דער לאַנד, איז דען ניט רייף די צייט גענוג צו קלערען וועגען שאַפען זאָגאַר איינאיינציגען אָרטאָדאָקסישען וואָכענטליכען אָרגאַן? וואָס זאָל זיין ניט נאָר א צענטראַל פאַר קהלשע רעליגיעזע ענינים, א קול שופר פאַר די ערוואַכונג און פאַרשפּרייטונג פון רעליגיעזען געדאַנק, נאָר אויך א בית ועד לחכמים פאַר תורה און פרומע ליטעראַטור.

עס זאָלען זיך אין איהם באַטייליגען אַזעלכע ליטעראַטור קרעפטען וועלכע זיינען באַקאַנט פאַר מענשען מיט א פרומע טענדענץ, ווייל אום צו ענטוויקלען און פאַרשפּרייטען רעליגיעזע סענטימענטען און קולטור דורך א צייטונג, דאַרפען די שרייבער זיין זעלבסט רעליגיעז און נעאיינענט דערצו.

מיר געפינען אין דער גמרא „א"ר יוחנן מאי דכתיב כי שפתי כהן ישמרו דעת ותורה יבקשו מפיהו, כי מלאך ד' צבאות הוא, אם דומה הרב למלאך ד' יבקשו תורה מפיהו," און אין יורה דעה רמ"ו, הרב שאינו הולך בדרך טובה אעפ"י שחכם גדול הוא וכל העם צריכין לו אין למדין ממנו עד שיחזור למוטב. אונזערע חכמים האָבען דאַמיט אויסגעדריקט זייער שטעלונג קלאָר און דייטליך, אַז די לעהרער פון פאָלק דאַרפען זיין נאָר אַזעלכע וועלכע זאָלען אין זייער אייגענעם פּראַקטישען לעבען דורכפיהרען די לעהרע וואָס זיי פּרייִדיגען צום צווייטען, און דאָס מיינט אין אַלעגאָרישען אויסשפּרוך ווי „מלאכים" אחד בפה ובלב, דער מלאך און זיין מיסיאָן זיינען איינס.

די זעלבע אַנשויאונג איז אויך פאַרשטאַנען פאַר א צייטונג וועלכע א גרויסער טייל פון איהרע פונקציעס זיינען ערציהעריש, און א באַזונדער צויבער קראַפט פאַרמאָגט דער געדרוקטער וואָרט וואָס אַלע לערנען זיך אָפּ פון איהם.

און מערקווירדיג איז אַז אַזאַ לאַנד וואו מיר פאַרמאָגען דעם גרעסטען אידישען קיבוץ פון דער וועלט כ"י, און אין וועלכער די אָרטאָדאָקסיע האָט אַרויסגעוויזען אַזעלכע גיגאַנטישע אויפטוהונגען אויפ'ן געביט פון צדקה, אויפבילדונג פון שוהלען, בתי־מדרשים, סענטערס, ישיבות, תלמוד תורה'ס, וועלכע די גאַנצע אידישע וועלט אומעטום באַוואונדערט, זיינען מיר וואָס אַנבעלאַנגט צו א זעלבסטשטענדיגע אָרטאָדאָקסישע פּרעסע די אָרימע פון די אָרימסטע.

זייענדיג לעצטענס אין פּוילען צו באַזוך, אין דער לאַנד וואו עס לעבט דער פאַראָרימסטער קיבוץ, געפין איך פאַר אינטערעסאַנט צו איבערגעבען פאַר די לעזער דעם פאַקט וואָס איך און אַלע באַמערקען עס זייענדיג דאָרט. אַז ניט קוקענדיג אויף זייער אָרימקייט, פאַרמאָגט די אינטענסיווע לעבעדיגע אָרטאָדאָקסיע דאָרט א באַזונדערע פיינע זעלבסטשטענדיגע פּרעסע, באַשטעהענד פון טעגליכע וועכענטליכע און פעריאָדישע צייטונגען און אויסגאַבען וואו אַלע שאַפענדע כחות אין די איינענע רייהען האָבען א פּלאַץ צו קומען צום וואָרט, און רעאַגירען אויף אַלע ערשיינונגען אין אידישען לעבען. עס איז איבעריג צו דערציילען וואָס פאַר א גרויסען איינפלוס און קאָנסטרוקטיווען כח אין ערציהונג, אין אויפהאַלטען אחדות און אָרגאַניזאַציאָן בכלל, די אויבענדערמאָנטע פּרעסע איבט אויס. דאָרטען זיינען אפילו אַלטמאָדישע גדולי תורה, וועלכע זיינען שטענדיג געווען קאָנסערוואַטיוו און זאָגאַר נעגאַטיוו צו דעם זכות הקיום פון פּרעסע איז מאָדערנע ליטעראַטור בכלל, יעצט געוואָרען וואַרימע אָנהייגער פון א פרומע פּרעסע און ליטעראַטור, דאָרטען

# פון אונזער אלטען הייליגען קוואל

געקליבענע פערעל פון אונזערע אלטע אוצרות פון וויכטיגע אידישע ספרים, איינגעטיילט אויף די סדרות פון דער תורה.

## חיי שרה

גר ותושב אנכי עמכם — דאָס וואָס עס האָט פּאַסירט צו אונזער פאָטער אברהם, פּאַסירט אויך די לעצטע צוויי טויזענד יאָהר צו זיינע קינדער. מיר זיינען אי גרים אי תושבים. אויף צו געניסען פון לאַנד זיינען מיר „גרים", באַקומען מיר נאָר ניט אָדער זעהר ווינציג, אָבער אַז עס קומט צו געבען, דאַן ווערען מיר "תושבים" מיר מוזען געבען וואָס מער...

ארבע מאות שקל כסף — די תורה האָט פאַראויס געזעהן די סכסוכים וואָס אידען וועלען אמאָל האָבען אויסצושטעהן אין ארץ ישראל צוליב די הייליגע מקומות, און דערפאַר איז די תורה אַזוי מאריך און דערצעהלט אונז מיט אַלע איינצעלהייטען ווי אַזוי מען האָט אָנגעקויפט די מערת המכפּלה און וואָס פאַר אַ גרויסע סומע מען האָט דערפאַר באַצאָלט „בכסף מלא" „ארבע מאות שקל כסף" „עובר לסוחר"...

(דרשות אל עמי).

ומשמע ודומה ומשא — אַ מענש דאַרף קענען הערען, שווייגען, און איבערטראָגען...

(רבי ר' בונם).

---

פאַרשטייען זיי גאָר ניט ווי קען עס זיין אַנדערש? ווי קען עקזיסטירען אַ אומן אָהן כלי אומנות? אַ מוסר השכל האָבען מיר זיך געמעגט אָראָפּנעמען פון אונזער עקאָנאָמיש פּאַראַרימטע אָרטאָדאָקסיע אין פּוילען וועלכע איז אָבער רייך אין באַוואוסטזיניגקייט, זעלבסטשטענדיגקייט און טעטיגקייט.

מיר טאָרען ניט דורכלאָזען די געלעגענהייט און גוטען איינדרוק וואָס „די שוחטים שטימע" האָט געשאַפען צו אויסנוצען עס אויף צו שאַפען אַ עכט אָרטאָדאָקסישען וועכענטליכען זשורנאַל, אָדער פּאַרוואַנדלען די חודש'דיגע שוחטים שטימע אין אַ וועכענטליכע צייטונג, און אויב די רעדאַקציע סימפּאַטיזירט מיט די אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען וואָלטען מיר בעטען דעם געעהרטען רעדאַקטאָר די ערלויבעניש צו פאָרמולירען די זאַך אין אַ פאָרשלאַג צו די לעזער מביני דבר, זיי זאָלען זיך אַרויסזאָגען וועגען דעם אויף די שפּאַלטען פון דער צייטונג.

### אנמערקונג.

דער אַרטיקעל פון הרב קוטין האָט אָנגערירט זעהר אַ וויכטיגען ענין, האָט אָנגעטאַפּט אַ שרעקליכע וואונד אין דעם אָרטאָדאָקסישען לאַגער, וועלכע פאָדערט באַלד אַ רפואה שלמה. די לעזער פון אונזער זשורנאַל ווערען דאַמיט געלאַדען צו אויסדריקען זייער מיינונג וועגען דיזען וויכטיגען ענין, וועלכער פאָדערט אַ גרונדליכע לייזונג.

## תולדות

ויתרוצצו הבנים בקרבה — עוברת על פתחי תורה — יעקב רץ ומפרכס לצאת, על פתחי ע"ז — עשו מפרכס לצאת (רש"י). פרעגט זיך למאי האָט יעקב זיך אַזוי געצאַפּעלט און געוואָלט אַרויס פון דער מוטערס בויך, ווען ער איז פאַרביינגעגאַנגען די פתחי תורה? די חז"ל זאָגען דאָך אַז בשעת דאָס קינד געפינט זיך במעי אמו לעהרענט אַ מלאך מיט איהם תורה, און דאַרף מען דען אַ בעסערען מלמד, ווי דער מלאך? — די תירוץ איז: צוזאַמען מיט עשו'ן איז אַפילו ביי אַ מלאך געפעהרליך צו לעהרנען...

(רבי ר' בונם).

וידו אוחזת בעקב עשו — אַזוי איז דאָס שטענדיג אין דער אידישער געשיכטע „וידו אוחזת בעקב עשו" כמעט אין אַלע צרות אויף אידען קומט צו הילף עשו'ן אַ פאַררעטערישע אידישע האַנד „ויד ישראל באמצע"...

(רבי לייבוש חריף).

וידו אוחזת בעקב עשו — טריט ביי טריט שלעפּען מיר זיך נאָך אין אונזער גלות לעבען נאָך עשו'ן, האַלטענדיג איהם אין איין נאָכטאָן, אין איין נאָכמאַלפּעווען...

(דרשות אל עמי).

ויאהב יצחק את עשו כי ציד בפיו — דער אָרטאָדאָקסישער יצחק אין אמעריקא האָט ליב אַ זוהן אַ עשו, ווייל „כי ציד בפיו" ער ברייננט אריין די „פּעידע" אין הויז פון דעם פרומען פאָטער...

(הרב שמריהו ליב הורוויץ).

## ויצא

ויפגע במקום וילן שם — למדנו שתקן תפלת ערבית (רש"י). מען האָט אמאָל דערצעהלט רבי יאָשע־בערען וועגען מאַנכע בריסקער בעלי בתים, אַז זיי קומען נישט אַ גאַנץ יאָהר דאַוונען, נאָר ווען זיי האָבען יאָהרצייט; האָט ר' יאָשע בער ז"ל דערויף געענטפערט בדרך הלצה, אַז דאָס איז דער פּשט פון דעם מאמר חז"ל „תפלות אבות תקנו"; די תפלות אין שוהל האַלטען זיך צוליב די טאַטעס; אַ גליק וואָס דער טאַטע אָדער די מאַמע איז געשטאָרבען, מוז מען קומען דאַווענען, קדיש זאָגען, ווען נישט דאָס וואָלטען אַ סך אידען אויף זייער גאַנצען לעבען קיין שוהל נישט אָנגעקוקט...

והנה סולם מוצב ארצה — סולם איז בגימטריא „ממון" געלד, געלד דערהויבט אַ מענשען און דערנידעריגט איהם, אָהן געלד איז דער מענש אַ „מוצב ארצה", מיט געלד איז „וראשו מגיע השמימה".

(בעל תפורים).

# די פראבלעם פון שוחטים אין דער צוקונפט

פון רעוו. יחזקאל ראזען

דער סעקרעטאר פון „די שוחטים שטימע" רעוו. אלי' מ ע ל צ ע ר האט אין דער אויסגאבע פון לעצטען מאנאט אנגערירט א וויכטיגע פראגע וואס דארף ערנסט באטראכט ווערען, ווייל מיט דער פראגע איז פארבונדען א גרויסע פראבלעם וואס דארף אינטערעסירען יעדען וואס אידישקייט איז ביי איהם טייער. נעמליך „די פראבלעם פון שוחטים אין דער צוקונפט".

מען מוז מסכים זיין צו א גרויסען טייל פון זיין מיינונג. ער זאגט: „אז דער איבעל און די הפקרות וואס הערשט אין דער מלאכת השחיטה והכשרות, אויך די אורזאכען וואס האבען געבראכט צו דעם שלעכטען מצב השוחטים, איז טאקע צוליעב די צעהן פראצענט אונפאר־אנטווארטליכע שוחטים וואס האבען זיך אריינגעשמוגעלט אין שוחטים לאגער, וואס לא קראו ולא שנו, זיי האבען אין קיינע ישיבות קיין מאל נישט געלערענט, און ווייסען נישט די קדושה פון דער מלאכה, נאר האבען זיך דא אויסגעלערענט אין האררי־אפ א פאך אזוי ווי שניידעריי אדער אן אנדער טרייד. און עס איז פארשטענדליך אז „בהדי הוצא לקי כרבא". דאס האט געבראכט צו ערני־דערונג אין די אויגען פון פאלק דעם גאנצען מצב השחיטה, און ממילא איז אויך דער מצב השוחטים אין א שלעכטען צושטאנד".

דער ארגומענט איז באמת א שטארקער, אבער זיינע רעקאמענדיישאנס וועלכע ער שלאגט פאר צו ענדערען די איבלען לאזען זיך דיסקוטירען. ער שלאגט פאר, אז עס מוז אנגענומען ווערען א פעסטער באשלוס פון אלע שוחטים אין גאנצען לאנד נישט צו לערנען קיינעם די מלאכת השחיטה, אפילו א פאטער זיין קינד. לאמיר אנאליזירען די מאטיוועו וועלכע צווינגען דעם דאזיגען באשלוס. ערשטענס זאגט ער „איז די לאנד נישט מסוגל ארויסצוגעבען אמת'ע שוחטים לומדים, יראי שמים, וואס זאלען וויסען ווי הייליג צו האלטען די מלאכת הקודש", טראץ דעם וואס די תורה אליין זאגט עדות „לא מעבר לים היא" אז קיין לאנד האט נישט אויף איהר קיין מאנאפאל, נאר זי איז דאס איינגענטהום פון גאנצען אידישען פאלק וואו זיי געפינען זיך, איז דאס אויך געגען די פאקטען, אלע וואס האבען צוטאן מיט חנוך פראבלע־מען האבען שוין לאנג אנערקענט אז אמעריקאנער קינדער זיינען אזוי מסוגל אויסצוואוקסען לומדים, אויב נאר דורך א גוטען סיסטעם אזוי ווי די אייראפייאישע. א לע־בעדיגער פאקט איז די ישיבת ר' יצחק אלחנן, וואס גיט ארויס יעהרליך יונגע לייט מוסמכים און גדולי תורה, וועלכע האבען אויך די התמדה וואס מען האט אמאל געהאט אין די אייראפייאישע ישיבות, און וועלכע זיינען אמעריקאנער געבארענע.

יעצט לאמיר באטראכטען דעם צווייטען מאטיוו. ער זאגט: „מיר האבען דא אין לאנד איבער גענוג שוחטים". לאמיר זיך נישט נארען, ניו יארק אליין באשעפטיגט אין די שלאכט הייזער און אין טשיקען מארקעטס בערך 500 שוחטים. א מערהייט פון זיי שטייען שוין אויף פלעצער פון 20 ביז 25 יאהר, דאס מיינט אז די מערהייט שוחטים זיינען שוין איבער 50 יאהר אלט, אזוי אז אין 10־15 יאהר ארום וועלען זיי מוזען אויפגעבען די שחיטה, מחמת אלטקייט אדער שוואכקייט, שווימט ארויף א פראבלעם „וואו וועלען מיר נעהמען שוחטים אין דער צוקונפט"? ווען די אימיגריישאן וואלט געווען א נארמאלע אזוי ווי אמאל, וואלט דאס נישט געווען קיין פראבלעם, ווייל יוראפ האט דעליווערט „די גודס". יוראפ האט עקספארטירט קיין אמעריקע רוחניות, אלע כלי קודש, און אמעריקע האט געצאלט מיט מזומן, עס איז געווען א מין האנדעלס טריט אזוי ווי יששכר מיט זבולן, אבער יעצט ווען די אימיגריישאן אין לאנד איז אפגעשטעלט, דארף אמעריקע זיך אליין פארזארגען מיט איהרע כלי קודש און דאס האבען טאקע שוין לאנג איינגעזעהן די פיהרער פון דער ישיבה צו באזארגען דעם אמעריקאנער יודענטהום מיט איינגענע רבנים, און האבען אויך געשאפען „א בית מדרש למורים" פון וואנען עס קומען ארויס גוטע אנערקענטע לעהרער, פאכלייט. דאס זעלבע דארף אויך געשאפען ווערען „א בית מדרש לשוחטים" אונטער דער אויפזיכט פון אגודת השוחטים דנויארק צוזאמען מיט'ן ועד הרבנים, פאר יונגע לייט וועלכע קענען לערנען און האבען די נויטיגע ידיעות, און ווילען לערנען די מלאכת השחיטה פון גוטע שוחטים לומדים, אומנים. זעלבסטפארשטענדליך וועט די אגודת השוחטים נישט נעהמען אויף זיך קיין מארטנייזדש צו באזארגען אלע מיט פלעצער, אבער האפענטליך אז די אגודת השוחטים פון נויארק וועט מיט דער צייט ווערען א לאנד ארגאני־זאציע פון אלע שוחטים אין אמעריקע און קענעדע אזוי ווי די אגודת הרבנים, וועט זי זיין אומשטאנד צו רעקא־מענדירען שוחטים צו אלע קהלות אין לאנד, און דאס איז די איינציגע לייזונג צו דעם פראבלעם פון שוחטים און שחיטה אין אמעריקע פאר דער צוקונפט, און אז דער ציעל זאל דערגרייכט ווערען וועט די אגודת השוחטים דנויארק פארשרייבען א שעהנעם קאפיטעל אין דער היס־טארי פון אמעריקאנער יודענטהום.

# בריעף פון שוחטים

## דער מצב פון שוחטים און כשרות אין אמעריקא

### ענטפערט אויף רב'ס טענות געגען מאָדערנע ברית'ן

חשוב'ער רעדאקטאר: —

דערלויבט מיר דורך די שפּאַלטען פון אייער זשורנאַל צו נעבען אַן ענטפער הרב לאַנדמאַן אויף זיין בריוו אין „טאָג" פון 14טען סעפּטעמבער, אין וועלכען ער פּראָטעסטירט געגען די מאָדערנע ברית'ן.

ערשטענס וויל איך איהם אויפמערקזאַם מאַכען, דאָס די אגודת הרבנים, צו וועלכע ער ווענדעט זיך מיט אַן אויפרוף אויף דעם בטול ברית מילה על ברכי הסנדק, דאָס די חברי אגודת הרבנים זיינען אחוץ יראי שמים, אויך גדולי תורה, וועלכע האָבען זיך אויפגעהאָדוועט על ברכי התורה. און איך גלויב, אַז די מקורים, וועלכע הרב לאַנדמאַן האָט ציטירט, קאָנען נים מאַכען קיין איינדרוק אויף אידען לומדים. ווייל אייגענטליך סנדקאות על הברכים האָט קיין מקור אין ערגעץ ניט אין ש"ס ופוסקים, נאָר איז געשטיצט אויף אַ מדרש שוחר טוב, וועלכען דער רב ברענגט בשם מהרי"ל; און אַלס רב מעג ער וויסען, דאָס „אין לומדין דין מן המדרש". און דרך אגב, האָט ער נים ציטירט ריכטיג דעם מדרש. וזה לשון המדרש: „בברכי אני נעשה בעל־ברית לילדים". און די מפרשים זוכען מכנה צו זיין דעם סנדק בשם בעל־ברית, ווייל זיי זוכען אַ פּירוש פאַר'ן וואָרט סנדק, וואָס איז אייגענטליך אַ רוימיש וואָרט און עס באַטייט שליחות. אָבער אַבסאָלוט ניט על הברכים, ועיין הגהות מיימנות פ"ג דמילה וז"ל: זה שחומדין ומתאוין לאחוז את תינוק בשעת שנמול על הברכים ולהיות בעל ברית (סנדק) יש סמך לזה, במדרש שוחר טוב ס' ל"ה על הפסוק כל עצמותי תאמרנה, און אויך הגהות מיימנות באַצייכענט ברית־מילה ניט על הברכים, זעה איך נים. וואו איז דאָ דער ברוך אין יהדות ח"ו? צווייטענס, אַזוי ווי הרב לאַנדמאַן דריקט זיך אוים, דאָס מנהג ישראל תורה, זאָל ער אַזוי גוט זיין און אַריינקוקען אין זכרון ברית לראשונים לר' יעקב הגוזר, איינער פון די עלטסטע מלקטים איבער אַלעס, וואָס האָט צו טאָן מיט מילה, דף רל"ט וזה לשונו: **והמנהג בק"ק רומי שאין הסנדק יושב אלא מניחים את התינוק על התיבה וב' סנדיקים עומדין ואוחזין רגלי התינוק מימינו ומשמאלו והמוהל באמצע ועושה מלאכתו בזריזות.** נו, מנהג ישראל תורה הוא? איז שוין במילא אַ שטעהענדיגער סנדק און נים על ברכיו ניט אַן אַמעריקאַנער ערפינדונג דורך ראבאי בלום, נאָר אַ מנהג ישראל... און על הברכים איז נאָר מתאוין וחומדין.... ווי הגהות מיימנות דריקט זיך אוים... היינט צו וואָס אַטאַקירען איינעם, וואָס האָט געטאָן אַלעס כדת וכדין?

און בנוגע מציצה איז „דער הכצעקתה" אויך נים אַזוי גרויס ווי דער רב וויל מאַכען צו גלויבען, ווייל אייגענטליך מציצה איז נים פון די חלקי המילה, נאָר מפני הסכנת, ואין סמך אפילו לזה, למציצה בפה, אין דער צייט, ווען דוד המלך ע"ה רעכענט אַלע איברים מיט וועלכע ער טוט מצוות, כמו צפרנים לפריעה, רעכענט ער ניט מציצה בפה. „החתם סופר" בשנת תקצ"ו כותב: לא נמצא מציצה בפה כ"א למקובלים ואין לנו עסק בנסתרות.. והגאון ר' שניאור זלמן מלאדי זאָגט אויך, אַז מציצה איז נאָר מפני הסכנה און נים פון די חלקי דמילה. והרה"ג ר' שלמה מו"צ בווילנע כותב: ענין המציצה אין לה ענין ושייכות למצות המילה רק היא מצד רפואה, ולכן לא נזכר בשום מקום באיזה אופן תהיה המציצה, משום דידוע דעניני רפואה משתנה מזמן לזמן וממקום למקום. און אויב די מאָדערנע מעדיצין אין אַמעריקע האָט אויסגעפונען, אַז אַ גלעזערנע רעהריל איז אַ סכנה לרך הנמול און האָבען מתקן געווען צו מאַכען מציצה מיט אַ שטיקעל ריינע גאַז, מיט אַ הסכמה פון אַ גאון הדור ווי ר' שלמה מווילנע, ווי ער דריקט זיך אוים „דעניני רפואה משתנים מזמן לזמן וממקום למקום", וויל איך, אַז הרב לאַנדמאַן זאָל אויפקלערען, וואו ברעכט זיך דאָ יהדות?

איך גלויב, אַז מצות מילה אפילו אין אַמעריקע, וואו אַנדערע מצות ווערען ניט אַזוי שטאַרק רעספּעקטירט, ווערט אָפּגעהיט הונדערט פּראָצענט, ווען אפילו די מצוה קומט אָן די אידען מיט בלוט. און איך גלויב, אַז קיינער האָט קיין פניה ניט דערביי. די מוהלים דאָ פיהרען דאָס דורך לויט דעם פאַרלאַנג פון דער מאָדערנער מעדיצין. און דעריבער דאַרף דער מוהל רעספּעקטירט ווערען אַנשטאַט קריטיקירט צו ווערען. ריינקייט און צוטרעטען ווי אַ דאָקטאָר צו אַן אָפּעראַציע, ווי דער רב דריקט זיך אוים, איז אַלץ בעסער, ווי דער אַלט־מאָדישער מוהל, וועלכער האָט ניט דורכגעפירט אַ ברית בעפאָר ער האָט נים גענומען אַ שמעק־טאַבאַק בין חתוך לפריעה און מען האָט ביי איהם נים געקענט פועל'ן צו נעמען אַ שמעק טאַבאַק פריהער אָדער דערנאָך.

טובי' מרדכי בעלקין, מוהל, בראָנקס נ. י.

### אַנמערקונג פון דער רעדאַקציע

מיר גיבען פּלאַץ אין אונזער צייטונג פאַר דעם אינטערעסאַנטען בריף פון ר' טובי' מרדכי בעלקין, ווייל דער ענין וועלכען ער ריהרט אָן איז פון גרויסער וויכטיגקייט. מיר זיינען אָבער נים איינשטימיג מיט איהם אַז מילה דאַרף נים זיין על הברכים, און מיר גלויבען נים אַז אַ סנדק קען שטעהן, דער דין איז אין שלחן ערוך יורה דעה הלכות מילה סימן רס"ח זאָגט דאָרט דער רמ"א י"א שכל העם

שהם אצל המילה יעמדו שנאמר ויעמדו העם בברית (מרדכי פר"א דמילה ובבל בו) ובן נוהגין, מלבד התופס שהוא יושב. דער תופס הנער איז דער סנדק, ווייל זאגט דארט דער יורה דעה (ס"ק מ') ונוהגין להדר אחר מצוה זו להיות סנדק לתפוס התינוק למוהלו (תג"מ פ"ג דמילה) און דער „מטה משה" ווי אויך דער „תורת חיים" זאגען גאנץ דייטליך „כיון שהילד נחשב כקרבן, כך רגלי הסנדק שמלין עליהן חשובין כמזבח. כמ"ש בהדיא מהרי"ל ז"ל בהלכות מילה. אט שטעהט דאך בפירוש אז מילה דארף זיין על רגלי הסנדק, און דער תרגום יונתן בן עוזיאל זאגט אין פרשה ויחי אויף דעם פסוק גם בני מכור בן מנשה יולדו על ברכו יוסף, „כד אתילידו גזורינון יוסף", דאס מיינט אז מען האט זיי מל געווען על ברכי יוסף, און אין די וויכטיגסטע סדורים פון באוואוסטע גאונים וצדיקים שטעהט דער לשון ; „ויקח המוהל את הנער מכסאו של אליהו ויניחהו על ברכי הסנדק, און אין דעם סדור פון דעם באוואוסטען גאון און מקובל יעב"ץ ז"ל שטעהט דער לשון סנדק — לאחוז התינוק על ברכיו להמול (אוצ ברית, הלכות מילה דף ק"א מ"א) און הגאון יעב"ץ אלס פוסק זאגט דארט כשמניח הסנדק התינוק על ברכיו למולו יזהר לקרב ברכיו זל"ז בדוחק, שלא יוכל הנער לפול בין רגליו (מ"ע) איז דאך קלאר און דייטליך אז ביים סנדק דארף דער קינד זיין נור על הברכים. דער זוהר זאגט (פקודי דף רנ"ה ע"ב) בזמנא דאתגזר ב"נ וכו' ההוא סמ"א אתבר ולא יבול לשלטאה ולקטרגא וכו' דאתעבד סניגוריא על ישראל ע"כ. וזהו שקורין אותו ס'נ'ד'ק ס'ניגור נ'עשה ד'ין ק'טיגור (הגהות מהרצ"א להגאון הקדוש מדינוב זצ"ל).

עס וואונדערט אונז אויף רעוו. יעקב בלום און רעוו. בעלקין, וועלכע מיר קענען זיי ביידען אלס אידען בני תורה ושומרי מצוה, באוואוסטע שוחטים און מוהלים, יראים ושלמים, ווי קומט דאס צו זיי אז זיי און אלע אנדערע מוהלים זאלען זוכען מאדערניזירען אן אלטען הייליגען אידישען מנהג! וואהרשיינליך האבען זיי געוויסע אורזאכע וועלכע צווינגט זיי דאס צו טאן, א סיבה נבונה, וואלטען מיר באמת וועלען וויסען וואס איז די אורזאכע? מיר גלויבען אז די לעזער פון די „שוחטים שטימע" זייגען בארעכטיגט צו וויסען די אורזאכע, ווייל נאך אלעמען האבען מיר צו טאן מיט א מנהג ישראל זועלכער דארף זיין ביי אונז טייער און הייליג, און מיר האבען צו טאן מיט שוחטים יראים ושלמים, וועלכע מען קען בשום אופן נישט חושד זיין ח"ו אין שלעכטע כוונות, און טאקע דערפאר פאדערען מיר אויף די חברים ר' יעקב בלום און ר' טובי' מרדכי בעלקין, אז זיי זאלען דורך די שפאלטען פון „די שוחטים שטימע" געבען א פאלשטענדיגע ריכטיגע ערקלערונג וועגען דעם. מיר ווארטען אויף זייער ענטפער.

---

## פעטערסאן, נ. דזש.

מיט פרייד האב איך געלעזען די שוחטים שטימע, וואו איהר רופט אלע שוחטים פון לאנד צו ארגאניזירען זיך און גלייכצייטיג שרייבען פון זייער מצב. עס איז שוין טאקי געקומען די צייט נאכצוטאן דעם שעהנעם און נויטיגען ביישפיל פון די ניו יארקער עופות שוחטים, וועלכע האבען באוויזען צו באזיכערען זייער זעלבסט עקזיסטענץ, און גלייכצייטיג אויפהייבען דעם כבוד פון א שוחט דא אין לאנד, ליידער אבער איז אין די מערסטע טיילען פון לאנד דער שוחט א מין הפקר זאך, א געוועהר צו יעדער מחלוקה, צו יעדערען, און מיט געוואלד ווערט ער אריינגעשלעפט אין א מחלוקה אין וועלכער ער איז אומשולדיג, און דאך ליידעט ער מיט זיין פאמיליע דערנאך. אלס פאסט פאר דעם וועט איהר מיר ווערטהער רעדאקטאר ערלויבען צו שרייבען וואס עס פאסירט בא אונז דא, און זאל עס טאקי זיין נישט סתם דערציילט א גערשיכטע, ווייל דאס איז בלויז איינע פון די פיעל טרויערינע פאקטען פון די שוצלאזע שוחטים דא אין לאנד, זאל עס דינען פאר א לעסאן פאר אלע ברידער שוחטים, אז עס מוז וואס געטהאן ווערען צום גונסטען פאר דעם עקזיסטענץ פון די ברידער שוחטים. פעטערסאן, וועלכע איז באוואוסט אלס זייד אינדוסטרי שטאדט האט אימער נעהאט די גרעסטע רבנים מיט א שטרענגע השגחה אויף כשרות, און שוחטים האבען געמאכט א לעבען, ביז מיט 10 יאהר בעפאר איז דא אנגעקומען א רב. דערוויסענדיג דא א צווייטען רב האט מען זיך שטילערהייד אונטערגעקריגט. די ענדע דערפון איז געוועז, אז דער פאריגער רב איז אוועק אין א צווייטער שטאדט, האט נאטירליך שטאדט גענומען א נייעם רב, א מיוחס, א גרויסער דרשן אין אידיש און ענגליש. דערצו איז ער יונג און מאדערן און ער קריגט טאקי גוט באצאלט אויך. די געלד קריגט ער פון דער שחיטה וואס ווערט פארוואלטעט דורך דעם היגען ועד הכשרות, וואס רעפרעזענטירט אלע שוהלען פון שטאדט. דער רב, ווילענדיג צוברעכען דעם ועד הכשרות אז זיי זאלען נישט האבען צו צאלען דעם נייעם רב, האט געקראגען אנהענגער בוטשערס, געמאכט בילינער דעם פרייז פון שחיטה, זיך אפגעטיילט פון דער שטאדט, פארפירענדיג א מלחמה מיט דער שטאדט. די העדקווארטערס איז געווען אין א ווינקעל פון שוהל. קורץ פון דער מחלוקה צווישען דעם רב מיט דער שטאדט האבען שוחטים שוין העכער 2 יאהר פארלארען זייער געהאלט וועכענטליך יעדער 10 דאלאר א וואך. 8 שוחטים מיט גרויסע פאמיליעס האבען געארבייט שווער בא גסות ועופות פאר 30 דאלאר א וואך יעדער, ביז ב"ה עס איז שלום געווארען. יעצט צום ענדע פון דעם אויבענדערמאנטען רב'ס אגרימענט, האט איהם דער היגער ועד הכשרות געשיקט נאטיס. דאס מאל זייגען פאראייניגט אלע 8 שוחטים פון שטאדט צוזאמען מיט די בוטשערס מארקעט לייט, מיט אלע שוהלען. נישט האבענדיג מיט זיך קיינעם, איז דער אויבענדערמאנטער רב אוועק צו א קריסטליכען מארקעט, ארויסגעשטעלט א סיין פאר כשר און געשניטען דעם פרייז פון שחיטה אויף א העלפט. האט אויך אריינגעשריבען אין היגען אידיש-ענגלישען פייפער, אז מער ווי העלפט פלייש וואס ווערט דא פארקויפט איז טרפה. איז דאך די קשיה ווארום האט ער געשוויגען ווען

ער האָט גענומען שכירות? איז ער מתריץ, אז מען האָט איהם געצוואונגען, איז אַ שאלה וועך האָט איהם געצוואונגען, דער עולם אָדער די געלד? נאַטירליך פון אַלעם איז דער חילול השם זייער גרויס, אומבאַשרייבליך, ווי יעדער דערזעהענדיג אַ שוחט, האַלט אין כסדר קריטיקירען כשר־טריף. ווי קומט עס אַ רב צו געהן מיט אַ גוי אין כשרות. נאָר דאָס לאָז איך איבער צו די רבנ'ישע אגודות, זייער אויפגאַבע איז מער אַכטונג צו געבען נישט מחולל השם זיין, לדין וועלען זיי ענטפערען. איך וויל בלויז אַ אָנמערקונג בנוגע די שוחטים וואָס דורך דער מחלוקה פון דעם רב וועלכער איז מזלזל מקח השחיטה שטעלט אין געפאַהר צו רואינירען 8 פאַמיליעס בלויז פון שוחטים, און ווי ער אַליין האָט זיך אויסגעדריקט, אויב שוחטים וועלען איהם נישט העלפען וועט ער זיי ברייננגען צו הונגער. אָט די הפקרות שניידט דאָס הארץ. וואָלטען אָבער שוחטים זיין אָרגאַניזירט, פאַרבונדען מיט אַ צענטראַלע אין ניו יאָרק, וואָלט עס נישט פאָרגעקומען. אויב דער רב וויל מחלוקה פירען מיט דער שטאָדט, געזונטערהייד, דעם שוחט געהט עס ווייניג אָן פון די שטאָרטישע קהל'ישע ביזנעס, אויף דעם איז דאָ גענוג שוהל־מזרח אידען, וועלכע וועלען זיך אָפּגעבען מיט דעם. דער שוחט טוט קיינעם קיין שאָדען נים. נישט דער שטאָדט און נישט דעם רב, ער וויל בלויז אַ לעבען מאַכען און נישט זיין הפקר פאַר יעדערען. עס איז אויך גלייכצייטיג ווינשענסווערטה אַז קיין שוחט זאָל נישט קומען דאָ משיג גבול זיין, ווייל דאָ איז נישטאָ קיין פּלאַץ פאַר אַ נייעם שוחט, סיידען קומען אויף צוברעכען דעם עקזיסטענץ פון די היגע שוחטים, וועלכע זיינען אַלע פאַראייניגט.

מיט ברודער גרוס,

רעוו. מכאל באַראָן,

סעקרעטאַר פון דער היגער שוחטים אגודת,

פת ק"ק פּעטערסאָן, נ. דזש.

---

# די קומענדע קאָנפערענץ פון נוארקער שוחטים

פון רעוו. מרדכי עהרענקראַנץ

אין דער אַלטער היים, וואו אידען האָבען אָפּגעהיט אַלע אידישע דינים, אַלע מנהגים, זאָגאַר אפילו ווען עס האָט זיך געפאָדערט מסירת נפש, ווייל ביי יעדען אין הארצען איז געווען פאַרפלאַנצט אַ גרויסע ליבשאַפט צו אַלעם וואָס הייליג איז האָבען די כלי קודש אימערצו פאַרנומען דעם אויבען אָן אין אידישען לעבען. מ'האָט זיך צו זיי באַצויגען מיט רעספּעקט מיט'ן גרעסטען יראת הכבוד. און אויב עס האָט זיך געטראָפען, אז עפּעס אַ גראָבער יונג האָט אמאָל פאַרלוירען זיין רעספּעקט, האָט ער זעהר טייער באַצאָהלט דאָפיר.

איך געדיינק אַ פאַקט ביי אונז אין שטעטל האָט אַ קצב באַליידיגט אַ שוחט, האָט דער רב איהם צוגעמאַכט זיי'ן יאַטקע אויף 2 וואָכען, קיין השתדלות האָט ניט געהאָלפען, ער האָט נאָך געמוזט בעטען דעם עפענען איבערבעטען דעם שוחט.

אזא האַנדלונג האָט געגעבען אַ געלעגענהייט יעדען אין זיין ראַנג אויפצוהיטען אַלעם לויט עס פאָדערט זיך פון אַ כלי קודש, צ. ב. לערנען אַ בלאַט גמרא, אָדער אַ פרק משניות יעדען טאָג, אָדער נאָר אַמאָל מחזק זיין לומדי תורה.

דאָ אָבער אין דעם געבענשטען פרייען לאַנד וואָס דורך פאַרשידענע אומשטענדען האָט מען אַביסעל אָפּגעטראָטען פון די אידישע פרינציפּען, פאַרבויגען זעהר פיל פון די אידישע מנהגים, וואָכעדיג געמאַכט אַלע אידישע טראַדיציעס, איז דאָך זעלבסט פאַרשטענדליך, אז די נושאי דגל התורה קריגען ניט געהעריגע באַהאַנדלונג.

שחיטה, וואָס איז אַ הייליגע אַרבייט, מלאכת הקודש, און ניט נור פאָדערט זיך אויך צו זיין אויסגערוהט גייסטיג, ווייל די דינים פון שחיטה זיינען במשהו, אַן אויגענבליק ניט ריכטיג און די שחיטה איז טריפת.

אָבער מ'גיט דעם שוחט ניט קיין געלעגענהייט אַז ער זאָל אָפּהיטען איינע פון די ביידע כללים, עס איז נאָך פאַראַן שטעטלאַך, וואו די שוחטים שקלאַפען יעדען טאָג פון פריה ביז נאַכט, ספּעציעל דאָנערשטאָג שטעהט דער שוחט 17־18 שטונדען איינגעטונקען אין בלוט, די דריטע מכה פון מצרים לאָזט זיך שטאַרק פיהלען, דאָס פאַרמאַטערט דעם שוחט קערפּערליך און לרוב מאַכט זיך, אַז דער שוחט קריגט באַליידיגט מיט פאַרשידענע זילזולים פון עמי הארצים בורים פונ'ם ערגסטען סאָרט, אַזוי אַז דער שוחט פיהלט, אַז די מלאכת הקודש איז ערגער ווי מלאכת חול, און עס פרעגט זיך אַ פראַגע זו תורה וזו שכרה?

יעצט אָבער ווען אַלעס אין דער וועלט פּראָגרעסירט, איז די העכסטע צייט אַז מיר שוחטים זאָלען זיך פאַראייניגען און נור דורך אַ פאַראייניגטע קראַפט וועלען מיר קענען אויפוועקען דעם דעת הקהל און פאַרבעסערען אונזער מצב הן אין רוחניות וגשמיות, אַז מיר זאָלען קריגען די געהעריגע באַהאַנדלונג וואָס אונז קומט. וכל הבא לטהר מסייעין אותו, יומא דף ל"ח.

די שוחטים פון נוארק, נ. דזש., רופען אַ קאָנפערענץ אויף א' פ' ויגש, יאַנואַר דעם 1טען, 1933. און עס איז צו האָפען אַז יעדער איינער פון די דזשוירזי שוחטים וועט אָנווענדען זיין ענערגיע און עס וועט דאָרט אַוועקגעליינט ווערען דער באַזיס פאַר אַ פאַראייניגונג פון אַלע שוחטים פון יונייטעד סטייטס און קענעדע, אַזוי ווי גאַנץ פּוילען און ארץ ישראל הקדושה זיינען אַלע שוחטים פאַראייניגט.

די תפלה פון „ויעשו כולם אגודה אחת" איז יעצט אויף דער טאָגעס אָרדענונג און דער צוועק איז לעשות רצונך בלבב שלם.

# השומר

ירחון מוקדש לחזוק התורה והיהדות לבירור ולבון שאלות החיים על פי רוח התורה והאומה

יוצא לאור ע״י אגודת שוחטי עופות דניו יארק רבתי במדינת אמעריקא. הרב שמריהו ליב הורוויץ, העורך.


## הרמב״ם והחנוך*)

לא קל כל כך להרצות או לכתוב ספר על הרמב״ם ז״ל, מבלי להקיף את כל המקצעות של תורה, חכמה, פילוסופיה, מוסר, דעות ומדות, שבהם הצטיין הרמב״ם בתור מורה ומחנך וראש המדברים בכל מקום, וכשאנו רוצים לתאר, בתאור רוחני הכתוב מדבר, את קלסתר פניו הרוחניים של הרמב״ם עלינו להעמיק את שכלנו ולרדת לסוף ועומק התורה והחכמה ולדבר או לכתוב על כל אותם העניינים הרבים והשונים שבהם הצטיין הרמב״ם—בארוכה ובעומק העיון, ויש לזה צורך בחבור הרבה ספרים, ואין זה מעניני ומטרתי הפעם. אלא מוכרח אני לגעת בקצה העט אשר בידי בדרך אגב וברפרוף קל שבקלים, בבחינת נוגע ואינו נוגע בהעניינים אשר בהם התמחה הרמב״ם ז״ל ולבא אח״כ אל סוף המטרה שלי, וזהו: לבאר להדגיש ולהטעים עד כמה שאפשר את ערכו של הרמב״ם בתור מחנך. ועד כמה יש ערך חנוכי גדול בהרבה ספריו לגדולים שבגדולים, וגם — לתינוקות של בית רבן, כל אחד לפי מדרגתו שכלו והשגתו, וכי הגיעה השעה להכנים את דברי רבנו הרמב״ם ז״ל המפוזרים כפנינים ואבני חן נוצצים מזהיבים, מזהירים, ומבריקים בחכמתם, הגיונם, דברי טעם ושכל שבהם, אשר בחבורו הגדול „משנה תורה״ או; „הי״ד החזקה״ שלו, וללמדם בתור ספר למוד בבתי הת״ת והישיבות שלנו.

פילוסוף היה הרמב״ם ונתן בספרו „מורה נבוכים״ פילוסופיה עמוקה בדת ישראל, רק בשביל יחידי סגולה, וכתב את חבורו המדעי הפילוסופי הזה ושאר חבוריו המדעיים בשביל אנשים אשר חונכו על ברכי היהדות ומושגי הפילוסופיא הערבית. והיה לו לבא במופתים ובוכוח מדעי עמוק דק מן הדק, כדי להעמידם על האמת שבתורת ישראל ודתו, ויצא מזוין במופתי הפילוסופיה של אריסטו, במקום שהיה לו צורך בזה, ושטתו הפילוסופית עמוקה היא מאד ובנויה על יסוד מופתי והגיוני. מי שבקי בשטת הרמב״ם בפילוסופיה הוא משתומם על עומק ידיעתו והגיונו בטבע הנמצאים, אחדות הטבע, הגלגלים, שכלים נבדלים, חדוש העולם, ואיך שסותר דעות הפילוסופים דעת אפלטון שהשמים הוים ונפסדים, דעת אריסטו שכל הנמצא הוא קדמון ושהעולם בלתי נפסד ובלתי משתנה, מופתי אריסטו לקדמות העולם, ומופתי הרמב״ם, מופתים הגיוניים, מופתים מטבע המציאותיו ומופתיו ועומק הגיונו על חדוש העולם. ובבטול הטענות נגד הדעה הזאת, ועומק מושג הכוונה האלהית בחדוש העולם, ועל נפש האדם, השארת הנפש, הנשמה המשכלת והשכל ההיולאני. האדם ושכלו, שלטון השכל בעולם וחקירה פילוסופית עמוקה על הזמן, ומושגו, אם יש לו מציאות בפני עצמו או לא, ודעות הרמב״ם במהות הנפש וכחותיה הן שיטה עמוקה וחשובה עד מאד, וכדאי ללמוד לדעת ולהבין את שיטת הרמב״ם באמונות ודעות, בריאת העולם והנסים, התכלית שבבריאה, השגחת השם, דעת הרמב״ם העמוקה והמקורויות על ידיעה ובחירה; שאלת צדיק ורע לו רשע וטוב לו, מהי ההצלחה האמתית? ההשגה האמתית בגדר אושר האדם, חיי עולם הבא, מהות החיים הנצחיים, תחית המתים, ועוד.

הרמב״ם היה תורני צדיק ופילוסוף, בחבוריו הדתיים ובמכתביו השתדל תמיד לרמז על התמצית המוסרית שבדת ישראל, ובחבורו הפילוסופי בחר דרך העיון בכל פרטיו ודבריו נאמרו בסגנון מדעי, וכשבא הרופא החכם אלבאזו בן דורו של רבנו סעדיה גאון, והיה חכם ובעל עיון גדול, ובשיטתו הפילוסופית היה מבעלי הפיסימיזמוס וקדם בזה לשופנהויר השיב עליו הרמב״ם (במורה נבוכים חלק ג׳ פי״ג) בדברי טעם ושכל טוב ובדבריו המעטים שאומרים הרבה מאד נמצא יסוד התשובה נגד בעלי הפיסימיזמוס.

והנה עמדו פילוסופים בישראל, כמו, למשל, פילון היה הפילוסוף הראשון בשיטה מסוימת אשר על פיה חקר לדעת את התוכן הפנימי של הדת הישראלית. פילון בעצמו היה נאמן לדת ישראל אבל שטתו הפילוסופית לא הביאה ברכה והצלחה לעם ישראל ולדת ישראל כידוע, אבל בא רבנו סעדיה גאון והשתדל לאמת את למודי הפילוסופיה הדתית על פי עקרים ידועים, טוען נגד דעת אריסטו שהורה בקדמות החומר ההיולי, טוען נגד המאמינים בשתי רשויות עפ״י דעת הפרסים, מוכיח במציאת הנפש והשארתה, תחית המתים גם מצד הטבע והשכל, תורה מן השמים, קדושת התורה, בחירה חפשית, ועוד.

והנה רבנו בחיי בן יוסף פקודה או סתם רבנו בחיי הדיין תפש מקום הגון בפילוסופיה הדתית ע״י ספרו „חובות הלבבות״ וידועה גם כן שיטתו הפילוסופית של ר׳ שלמה בן גבירול שנגרר בשטתו אחרי השיטה האפלטונית החדשה שיסד פילון ותלמידיו באלכסנדריא, והוא לא השפיע בשטתו הפילוסופית על האומה, כי הרחיק ללכת בשיטתו חוץ לגבול החקירה הדתית שהגבילו חכמי ישראל, והראב״ד אמר עליו, שדבר סרה על גדולי האומה, ומורה חולשת מדרגתו בפילוסופיה, והיה מגשש בה כמגשש באפילה (אמונה רמה, דף ג׳).

בא הפילוסוף הדתי הלאומי משורר היהדות ר׳

---

*) הרצאה ספרותית מדעית שהרצה בעברית הרב ר׳ שמריהו ליב הורוויץ, אצל האגודה „ברקאי״ במעמד חכמים וסופרים, מחנכים ופדגוגים, אנשי רוח מפורסמים.

יהודה הלוי בהתנגדות חריפה אל הפילוסופיה היונית „אשר אין לה פרי כי אם פרחים" והוא יסד שיטה לאומית. ובשביל להבין ולהרגיש את היהדות ברוח התורה והאומה, יש צורך להבין היטב את ספרו „הכוזרי" שהוא פירוש מדויק ומספיק על היהדות. והוא אינו מעריץ את הפילוסופים מחוסרי הדת אלא את הזקנים חכמי התורה בעלי הקבלה, שהם הם חכמי האמת והצדק.

ורבנו משה בן מיימון שב לשיטת אריסטו בתורת הפילוסופיה על פי הפרושים של אבן סנה ואבן רשד, ובמקום שיש בדבריהם סתירה לאמונת ישראל הוא מתרחק מהם וחולק על רבותיו בפילוסופיה, כמו בקדמות העולם ועוד. אין מטרתי בזה לכתוב השקפה מדעית על הרמב"ם בתור פילוסוף כי יארכו הדברים ויהיו לספר שלם, ולרגלי מלאכתי בהרצאה זו אין זה חובתי ותעודתי. מוכרח אני רק לרמז כי היה מחנך ומשפיע גם בפילוסופיה והשפיע גם כן על הפילוסוף החריף והעמקן הגדול באמת ברוך שפינוזה.

והנה דברי שפינוזה בתורת המדות שלו שהכנים אל האתיקה שלו את היסוד העקרי של אהבת אלהים הם כמעט תרגום מדויק של דברי הרמב"ם (ברנפלד על ברוך שפינוזה צד 93) וכשמגיע הרמב"ם להציע לקוראיו את רעיון אהבת אלהים, הוא מתרומם להתפעלות פיוטית, שמשכחת אותנו לשעה את השיטה הרציונלית שבתורתו, זה שהעמיד הכל על הידיעה ושבטל את כל הרהורי הדמיון, זה שכל דבריו הם השכל וההגיון, ושמתרחק מכל דמדומי השגה בלתי ברורה — כאן הוא פייטן, יוצר, קרוב להתפעלות סודית, להשגה של מסתורין, לסקירה פנימית מעין הפעולה „הנבואית". גם נחום סוקולוב בספרו „ברוך שפינוזה וזמנו" מודה כי אין ספק בדבר ששפינוזה קבל את ההערה ואת ההכנה הראשונה לחקירותיו הפילוסופיות מאת הרמב"ם והוא מביאו כמה פעמים. הרעיון שאלהים הוא מכיל את העולם ושהוא סכום ההויה אתה מוצא בדברי הרמב"ם (מורה א' ע"ג) וכששפינוזה יורד בנבכי הפילוסופיה בהענין הדק של אחדות המחשבה ואחדות הטבע שאינן יכולות להיות סוף סוף אלא אחדות אחת מפני כי המחשבה היא האמת שבטבע, סוף כל המדע, בהכרח ימצא בהאחדות המוחלטת, אשר אותה חפש שפינוזה וזו היתה הנקודה העיקרית שלו בתור תנאי של החיים הדתיים. אנו רואים בזה השפעת הרמב"ם, בזה שהוא אומר (בנ"ה מ"א למורה נבוכים) „כבר קדם לנו כי כל מה שמחייב נשמות ראוי בהכרח להרחיקו ממנו יתעלה, וכן כל הפעלות ירוחק ממנו, כי כל הפעלות יחייבו שנוי, ושהפועל להפעליות ההם בלתי המתפעל בלא ספק, ואילו היה הוא יתעלה מתפעל בשום פנים מאופני ההפעלות, היה זולתו עושה בו ומשנה אותו, וכן ראוי בהכרח שירוחק ממנו כל העדר, ושלא תהיה שום שלימות נעדרת ממנו פעם אחת ונמצאה פעם אחרת, שאם הונח זה היה שלם בכח, וכל כח יחובר אליו בהעדר בהכרח, וכל מה שיצא מן הכח הפועל, אי אפשר לו מבלתי מוציא זולתו נמצא בפועל שהוציאהו, ולזה יתחייב שיהיו שלמיותיו כלם נמצאים בפועל, ולא היה לה דבר בכח בשום צד, וממה שראוי בהכרח שירוחק ממנו גם כן הדמוי לשום דבר מן הנמצאית".

(עוד יבא)

---

# חידה על דבר הלכה

מאת א. פערעלבערג

בעל החי רבץ על הבור,
ועל צאורו חבל לפאר,
על הבור מכסה גולל
ואינו יוכל לקבל,
רתח וברח לסוכה להתחבאות,
ואין סולמת שמה במחיצתית,
בעל הבית שלח אחריו עבדו לחפש,
ויצו דרך חצר על הסוכה לטפס,
ונכשל העבד בחצר מעט
ונפל ושבר את היד.
אל תדאג אחרי השתים
קרא לבעל הבית איש עלם גבר,
פרק את החבל! והנח אותם על הידים,
וישובו בחצר בסוכה ובקבר.

את שמות פותרי החידה נפרסם בגליון הבא של ירחוננו.

---

# הערה בתוספות

(חולין ס"ו) בתוספות בד"ה יגדיל תורה ויאדיר. הרבה אמר לנו טעמים לידע מהו קשקשת. נשאלתי להגיד את פרוש המלות האלו שאינן מובנות כלל מה זה, הרבה אמר לנו טעמים? ואמרתי כי נקודה אחת תתקן את דברי התוספות.

אחרי מילת — הרבה — צריכה להיות נקודת הפסק, ונשמטה באשמת המדפיסים, וכונת בעלי התוספות היא כך: בראשונה פירשו את מלת „ויאדיר" — הרבה, מפני שלא נמצא בתנ"ך מהשורש הזה רק שתי פעמים בבנין נפעל, במובן: תקיף, גדול וחזק: נאדרי בכח (שמות ט"ו ו') נאדר בקדש (שם י"א) ופעם אחת בבנין הפעיל, ויאדיר (ישעיה מ"ב כ"א) ופרשו התוספות כי כונת המלה היא — הרבה. ואח"כ אמר לנו טעמים, כלומר: נותן התורה אמר לנו טעמים לידע מהו קשקשת אף כי גם בלי מלת סנפיר כבר אין מקום לטעות על קשקשת שהיא סנפיר, כי מקרא מלא הוא, ושריון קשקשים הוא לבוש (שמואל א' י"ז ה') ולא כתבה התורה מלת סנפיר אלא כדי לתת לנו טעמים מהו קשקשת, וזהו הפירוש האמתי בדברי התוספות.

יצחק גולדברג.

# הלכות שחיטה

עפ"י גדולי הפוסקים, הראשונים והאחרונים, עמודי התוראה, הלכות פסוקות הנכללות במסכת חולין, אספן וקבצן וחברן בלשון התלמוד, רבנו יצחק בר' יעקב אלפסי ז"ל, עם הלכות רבנו משה ב"ר מימון הספרדי ז"ל, עם הרא"ש, הטור ובית יוסף, ושלחן ערוך יורה דעה ש"ך וט"ז עם הערות והארות בעניני הלכה, נסדרו ונערכו ע"י הרב ר' שמריהו ליב הורוויץ.

(המשך)

ומ"ש ועבדים משוחררים פשוט הוא דעבד משוחרר הרי הוא בישראל לכל דבריו, אלא דקשיא לי מאי איריא משוחדר אפילו אינו משוחרר נמי, דהא כיון שמל וטבל לשם עבדות חייב בכל מצות שהאשה חייבת, וכיון דאשה כשירה לשחוט גם הוא כשר. (וכן הרמב"ם כתב שם דעבדים שוחטים לכתחילה. דרכי משה).

ומ"ש אפילו אין מכירין אותו שמוחזק לשחוט שלא יתעלף וגם אין מכירין בו שהוא מומחה וכו' בריש חולין (שם) אהא דתנן הכל שוחטין ושחיטתן כשרה בדיעבד, ואיכא התם אוקמתי טובא ורבינא (נ') אוקמא בתרי אוקמתי, באוקמתא קמייתא אוקי לכתחלה דמתניתין לומר דכל שהם מומחין, כלומר שבקיאין אנו בהם שיודעין הלכות שחיטה שוחטין אעפ"י שאין מוחזקים לנו שלא יתעלפו בשעת שחיטה מתוך רכות לבם, אבל כל שאין אנו בקיאים בו שיודע הלכות שחיטה לא ישחוט, ואם שחט בודקים אותו, ואם יודע הלכות שחיטה שחיטתו כשרה, והיינו דיעבד דמתניתין, ובאוקמיתא בתרייתא אוקמא איפכא, דהכי קתני הכל שהם מוחזקים לנו שאינם מתעלפים בשעת שחיטה, שוחטים אעפ"י שאין אנו בקיאים בהם אם יודעים הלכות שחיטה, והיינו לכתחילה דמתניתין, אבל כל שאינו מוחזק לנו שאינו מתעלף לא ישחוט, ואם שחט ואמר ברי לי שלא נתעלפתי. שחיטתו כשרה, והיינו דיעבד דמתניתין, ואמרינן בגמרא (שם) דהנהו אמוראי דמוקי למתניתין באוקימתא אחריני נאדו מהנו תרי אוקימתא דרבינא מאוקימתא קמייתא נאדו משום דרוב מצוים אצל שחיטה מומחים הם, ומאוקימתא בתרייתא נאדו משום דלעלפויי לא חיישינן, וכתב הרי"ף דאיכא מאן דפסק כרבינא דבתרא הוא, ודחה הוא ז"ל סברא זו משום דמסקינן בגמרא מבתר רבינא דרוב מצוין אצל שחיטה מומחין הם, וכן הסכימו הפוסקים, וכתבו התוספות בשם ר"י רוב מצוים אצל שחיטה מומחים הם, ושוחטין לכתחלה, וכתב הרא"ש והגאונים מפרשים משום דאית להו רוב מצוים אצל שחיטה מומחים הם ומוסרים להם לכתחלה לשחוט אעפ"י שאין יודע אם מומחה הוא אם לאו על סמך שיבדקנו אחר שחיטה, משום דאי ליתיה קמן סמכינן ארוב מצוים אצל שחיטה מומחין הם ושריא ליה, וכן אי אישתלי ואכליה בלא בדיקה לאו איסורא עבד וסמכינן ארובא, הלכך לא חיישינן דלמא אשתלי, ומיהו אי איתיה קמן, לא סמכינן ארובה ואסור לאכול עד שיבדקנו, עכ"ל. ורש"י כתב מומחין הן הלכך לא בעיא למבדקיה, וכתב הר"ן שכן דעת הרז"ה ושאין דבריו נכונים, ואפשר שזהו דעת העטור שכתב רבינו דכי אמרינן רוב מצוים אצל שחיטה מומחין הם לאו למימרא דלכתחלה מוסרין לו לשחוט, אלא לומר שאם שחט אין צריך לבדקו, וכ"כ במרדכי ובהג"א (וכ"כ באגור ור"מ משאלותות פרשת בהעלותך) ולפ"ז כי אמר דנאדו אמוראי מאוקימתא דרבינא משום דרוב מצוים אצל שחיטה מומחים הם, לא נאדו מתחלת דבריו אלא מסוף דבריו דאמר ואם שחט בודקין אותו הוא דנאדו, ולדברי הגאונים הוי איפכא, דעיקר פלוגתייהו הוי אתחלת דבריו, ומיהו גם אסוף דבריו פליגו במקצת לענין אי ליתיה קמן דנשייליה דלרבינא אסור ולדידן מותר משום דרוב מצוין אצל שחיטה מומחין הם.

ונ"ל שלא בא ר"י אלא לומר שלא נפרש הא דרוב מצוים אצל שחיטה מומחין הם דוקא בדיעבד דליתא, אלא אף לכתחלה נמי מוסרים לו לשחיטה, ואה"נ דמודה לסברת הגאונים דאי איתא קמן שיילינן ליה, וכ"נ מדברי רבינו שלא כתב סברא שלישית כזה, ודלא כר' ירוחם שכתב דלדעת ר"י א"צ לבדקו כששחט, וכתב הרשב"א שסברתן של גאונים תורה היא ואין לזוז ממנה, וכן הסכימו הרי"ף והרמב"ם והרא"ש ז"ל וכן הלכה.

כתב באגור דמשום דס"ל דלא סמכינן ארוב מצוים אצל שחיטה מומחים הם אלא ברליתיה קמן. נהגו באשכז שלא לסמוך על שחיטת אדם אלא אם כן יש לו רשות לשחוט מחכם שבדקו וחקרו בדיני שחיטות ושחט לפניו שלשה עופות, עכ"ל. ונ"ל דשחט לפניו שלשה עופות הוא לחוש לשאין מוחזקין וכרעת הרא"ש שיתבאר בסמוך בס"ד א"נ כדי שיראה החכם אם יודע לכוין מקום השחיטה.

וע"ז העיר רבנו ר' משה איסרלש ז"ל בספרו „דרכי משה" וז"ל „משמע דאינו מחלק בין לסמוך עליו בין שהוא עצמו ישחוט וס"ל דאין לסמוך עליו עד שידעינן שנטל רשות לזה, ולזה נשתרבב המנהג שמקצת בני אדם לוקחים כתב מאיזה מומחה שהם מומחים בהלכות שחיטה, ואין המנהג כן בזמן הזה, אלא כל הבא לשחוט מוסרין לו לכתחלה לשחוט ואין חוששין שמא לא נטל קבלה בפני חכם ואפשר דאנו סומכין ארבינו תם ואשר"י וטור ור"ן ושאר גאונים שכתבו כולן שסומכין ארובא אפילו לכתחלה, ובספר ב"י פסק נ"כ דהכי הלכתא, ועוד נ"ל דאפילו לדברי הא"ז בזמן הזה דנוהגין דאין אדם שוחט אא"כ נטל קבלה בודאי סמכינן ארובא אפילו דלא שכיח כלל ששום אדם ישחוט בלא קבלה, מצאתי במהרי"ל בשם מהר"ש דקבלה

בידו מר' יונה שיש לכל שוחט כשמתחיל לשחוט לחזור השחיטה בכל יום פ"א וכן יעשה ל' יום. ואח"כ כל חודש פ"א. וכן יעשה שנה תמימה. ואחר אותה שנה יחזור כל תקופה פ"א. וכן יעשה כל ימיו. ואם לא עשה כן אסור לאכול משחיטתו. עכ"ל. ונ"ל דאין להחמיר רק לכתחלה אבל לא בדיעבד. עכ"ל דרכי משה.

וכתב הב"י ז"ל וז"ל ולענין שאינם מוחזקים שלא יתעלפו כתב הרא"ש שמתוך דברי הרי"ף משמע דדין אחד למומחה ולמוחזק דהיכי דאיתיה קמן צריך לבדקו וגם לשאול אם נתעלף, והיכי דליתיה קמן שחיטתו כשרה עכ"ל. וכתב הרמב"ם בפ"ד דלכתחלה חיישינן לעלפויי. אלא שאם שחט בינו לבין עצמו לא כתב שצריך לשאלו, וטעמו משום שטעמא דעלפויי משום שהייה הוא. וכיון שזה יודע הלכות שחיטה וראי אילו שהה לא היה מאבילה לנו, וזהו פי' לעלפויי לא חיישינן, ורבינא הוה ס"ל דחיישינן דלמא יתעלף וישהה כשיעור והוא סבור שלא שהה כשיעור, ונדחו דבריו דכיון דנתעלף אינו יודע כמה שהה, ואם היה מתעלף היה אוסרה מספק, ולפי"ז אפילו ידעינן ביה שהוא רגיל להתעלף אפשר שמותר לאכול משחיטתו. ומטעם זה לא כתבו הפוסקים דין מי שרגיל להתעלף כמו שכתבו דין מי שאינו יודע הלכות שחיטה. והר"ן כתב שדעת הרי"ף דלעלפויי לא חיישינן כלל לא לכתחלה ולא בדיעבד. וכן דעת הרשב"א בת"ה דלבתחלה מוסרין לו לשחוט ואין צריך אח"כ לשאול אם נתעלף ואפילו איתיה קמן.

ומ"ש רבינו בשם סמ"ג גם המרדכי כתב כן בריש חולין שאם יודע פשוטן של הלכות שחיטה אעפ"י שאינו יודע דקדוקם שחיטתו כשרה, דהא חכמים נמי מספקא להו כמה מילי בהלכות שחיטה הלכך א"צ לידע כל הדקדוקים אך שידע לתת לב. וז"ל הג"מ פ"ד מה"ש בשם סמ"ג א"צ השוחט לידע כל חלוקי שהייה חלדה במיעוט הסמנים וכיוצא בהם וכשיסתפק בהם יחמיר. אבל צריך לידע דשהיות מצטרפות שזהו דבר הוה ורגיל הרבה. לכן צריך שידע אותו ע"כ וב"כ בהג"א פ"ק דחולין. וכתבו עוד וצריך שידע בדיקת הסכין אבישרא ואטופרא (ואתלת רוחתא) שלא ישחוט בסכין פגומה ופשוט הוא. וכן מבואר בדברי הרמב"ם בפרק הנזכר.

(עוד יבא).

# איחוד בין אגודת השובי"ם בארעא דישראל ו„אגודת השוחטים" דנויארק

בש"ס יומא ל"ח. ת"ר מה נסים נעשו לדלתותיו של נקנור. אמרו כשהלך נקנור להביא דלתות מאלכסנדריא של מצרים. בחזירתו עמד עליו נחשול שבים וטבעו ונטלו אחת מהן והטילוה לים ועדיין לא נח הים מזעפו. בקשו להטיל את חברתה עמד הוא וכרכה. אמר להם הטילוני עמה מיד נח הים מזעפו. היה מצטער על חברתה. כיון שהגיע לנמלה של עכו היתה מבצבצת ויוצאת מתחת דופני הספינה י"א בריה שבים בלעתה והקיאתה ליבשה ועליה אמר שלמה המע"ה קורות בתינו ארזים רהיטנו ברותים, אל תקרי ברותים אלא ברית־ים פירש"י כאילו כרתו ברית זו עם זו עכ"ל. מהאגדה הנפלאה הזאת יש לאלף ולהסיק. היות והשחיטה היהודית הטהורה והצרופה היתה והנה גם כיום תרים בפני הטמיעה שעם ישראל בכל מקומות מושבותיו בדול בזה מאוה"ע בכשרות. ולצערנו קמו בזמן האחרון נחשולים המשתרגים את המבצר הזה. ישנם תוקפים חיצונים — הם האנטישמים שונאי־ישראל ההיטלריסטים והקוזיסטים למיניהם שראשית דרכם בכדי להקניט ולהצר לעדת ישראל הם מעוררים בלאנד־טאניהם ובבתי מחוקקיהם התנגדות לשחיטה היהודית מטעמים הומניים כביכול. אלה האכזרים עוכרי האנושיות מתימרים לבעלי „צער בע"ח". נגד תופעות כאלה יש למחות ולהתריע ברם בדלית ברירה. נכנעים לגזירת אנטיוכס זו. שהיא בכל אופן רק זמנית, כמו שעשה נקנור לשער הראשון בתקוה שגזירה עבידא דבטלה וככר היה לעולמים שבמדינות שקבלו חק נגד השחיטה היהודית ואחרי שהתפכחו במקצת משכרון שנאת עולם לעם עולם בטלו את רוע הגזירה מה שאין כן. פורצי גדר שבתוך המחנה שבעוה"ר נמצאים כאלה שמזלזלין בשחיטה שסימניה מסיני ועוקרים עי"ז אחד העיקרים שבדת ישראל ועי"ז נגרם פירוד והתבדלות בתוך המחנה בתוך עם ישראל גופא ורבים המכשולים ועצומים התקלות, נגד הסתערות נלוזה כזו על אחד מעמודי התוך של ד"ת ישראל יש לנקוט אותה העמדה שנקנור נקט לגבי השער השני על השער הפנימי יש להגן במסירות נפש ואל זה ירמזון מילי על דרשת חז"ל בפסוק קורות בתינו ארזים רהיטנו ברותים, א"ת ברותים אלא ברית־ים ע"י הברית שכרתנו עם חברנו אגוה"ש שמעבר לים היא ארצות הברית של אמריקה. נקוה ונוחיל שבסייעתא דשמיא ובכחות מלוכדים ומשותפים נרע לשמור על השערים שערי שמים בדבר השחיטה שהופקדו לידינו בכבוד ובאומץ רוח. במסירות נפש, והבא לטהר וכו'.

תנאי ראשון להפקת התועלת המקסימלית מאורגננו שאיש לא יעדר, מבין כל שוב"י ארץ ישראל אל יעמוד אף אחד מחוץ למחנה — ובמיטב כוחותיהם יסייעו בידי קומץ אנשים מחוללי רעיון האיחוד ובידי נשיא האגודה מר פרוס העובד בלי ליאות להרמת קרן האגודה ויחידי הוא עודר במערכה והרבה עשה ועושה בהחשת עזרה לחברים המתלבטים במלחמת קיומם בפינות הנדחות בישוב. ומבלי קיומה של האגודה אין להם למי לפנות ולשעות לעזרה.

אנחנו שוב"י העמק והגליל המאוחדים קבלנו בשמחה רבה את בשורת הופעת חברינו מעבר לים בשערי ארצנו ולוקחים חלק פעיל בבנין הארץ. השי"ת ינחם במעגלי צדק בנתובות ישרים אף נחלת שפרה עליהם ויצליחו בכל

# ספרים חדשים

(שהגיעו אל המערכת)

ספר סדר אליהו, על שלחן ערוך יורה דעה הלא הוא שלחן ערוך והרמ"א בשלימות. ומשולב בתוכן ביאור לפי הכרעת גדולי האחרונית וכלול בתוכו תמצית מחידושי דינים, מראשונים ועד אחרונים, בלשון צח וקצר למבינים. כאילו מרועה אחד נתונים, איש איש על מקומו יבא בשלום, על סימנים ועל סעיפים הקימם, ולא ילאה הקורא לחפש בספרים שונים ובלכ אבות מצוינים, ומעין שאבתי מימיו הנאמנים, ומהקדמת הספר מבואר תכלית הספר ומעשהו להמעיינים. ונלוה להם איזה חידושים ממני אחד מהרבנים. חלק ראשון, על הלכות שחיטה וטריפות מסימן א' עד סימן ל"ח מאת הרב אליהו בר' דוד זאב ז"ל נארדאן רב בניו־יארק ומקודם רב בווילנא קאמיי ווארשא, תרצ"ב.

בראש ספר חשוב ונחוץ זה אנו מוצאים הסכמת הגאונים הרבנים המפורסמים ר' צבי הירש ראבינאוויץ בקאוונא, ור' חיים יהודא כאסניצער בסמארגאן, ר' מרדכי מסלאָנים ור' אברהם יצחק הכהן קוק ראש הרבנים בארץ ישראל ור' שלמה זלמן סנדר כהנא שפירא אב"ד ור"מ בקרינק. והרבנים הגאונים הנקובים לעיל מעידים על הרב המחבר ר' אליהו נארדאן שליט"א כי בספרו זה הוא „מברר הלכה מראשון ועד אחרון ומסיק שמעתתא אליבא דהלכתא וברכה בו, והוא חיבור מועיל מאד להפליא, והוא טוב מאד אפילו לרבנים היושבים על מדין כי הוא מעין טהור מראשון ועד אחרון לברר הלכה למעשה, נעמו אמרותיו וישרו סברותיו, ודבריו נכונים ויקרים בחריפות ובקיאות רבה בש"ס ובפוסקים".

הרב ר' אליהו נארדאן זכה לשם טוב בישראל בספרי אגדה ודרוש שחבר זה כבר „דברי אליהו" ב' חלקים עה"ת, „דמעת העשוקים", „ישראל בעמים", „מערכות ישראל". ספריו נתפשטו ונתקבלו בחבה יתירה בין הדרשנים והמטיפים שבדור, ועתה זכה את הרבים בחבורו זה שהוא ספר נחוץ מאד לרבנים ולשובי"ם.

והנה הרב המחבר כתב הקדמה נפלאה לספרו ובה הצליח להוכיח את הנחיצות הגדולה של חבורו זה ובפרט לרבנים צעירים בני דורנו וביחוד לשובי"ם. והנה בנה את ספרו על יסודות הזקים ונאמנים הלא המה השלחן ערוך והרמ"א שלא שנה כלום מלשונם, וכן הביא את התמצית מכל חדושי דינים של השמלה החדשה, כו"פ חות דעת, פרי מגדים, לבושי שרד, שלחן ערוך של הרב אדמו"ר מלאדי, דגול מרבבה, חכמת אדם, ויש ספרי פוסקים שהביא המחבר והם נחוצים גם כן מאד להלימוד, כי בלעדם ימשש כעור באפילה, והם: טורי זהב, שפתי כהן, באר היטב, בינת אדם, גליון רש"א, דעת קדושים, דרכי תשובה הגר"א, חיהדושי רע"ק, יד אפרים, מקדש מעט, פתחי תשובה, תבואת שור ועוד, והרי הוא ספר שכולל דברי הראשונים והאחרונים בסדר נפלא ונחוץ מאד לרבנים ולשובי"ם להורות ממנו הוראת.

ישמחו בו הרבנים ויגילו בו השובי"ם כי ברכה בו.

* * *

ספר דברים ככתבם, דרושים מאת יהודה ליב גרויבארט, טורינטו, קנדה, יוצא לאור בהשתתפות הרב הגאון המפורסם ר' שמואל אהרן הלוי עורך ירחון „הפרדס" בשיקגו, תרצ"ב.

זהו ספר דרוש מקורי, ספר דרוש מופתי, כולל מאמרים שיש בהם דברי ספרות, חכמה והגיון, רגשי לב בוער באש קודש לכל היקר והקדוש לנו, יש בו רעיונות יפים ודקים, לשון יפה וסגנון מצוין, יש בו דרושים למועדי השנה ועל כמה סדרות שבתורה, ודברי חפץ לשבת, מספד על הרוגי ארץ ישראל, משא חברון, מחאה נגד בריטניה, תלמוד תורה, הלבשת ערומים, יסוד מקוה, אספת רבנים, חתונה, ועוד. הספר כולל 251 עמודים מלאים וגדושים בדברים יקרים שיש בהם תורה וחכמה, יראת שמים טהורה וכל מדה נכונה, וספר זה הוא הופעה חדשה וחשובה בספרות הדרוש, יגילו בו הדרשנים, וישמחו בו המטיפים כי הוא כלי מחזיק ברכה לדרשני ישראל.

בן־דוב.

## ברכת מזל טוב

צו חבר יונה אפרים פעסין און זיין פרוי, צו דער בר מצוה שמחה פון זייער נער ראָטענעם זוהן שלמה אליעזר וועלכע האָם שטאָטגעפינדען מיט גרויס פראַכט און גלאַנץ שבת פ' חיי שרה אין חברה גמילת חסדים אנשי מאָטעלע.

ה' יאריך ימיהם ושנותיהם בטוב ובנעימים ויזכו לגדלו ולחנכו בדרך התורה והמצוה וירוו נחת מבניהם ובנותיהם, כברכת.

אגודת שוחטי עופות דניויאָרק רבתי.

---

מפעל ידיהם, תחזקנה ידי העושים והמעשים למען בנינה של ארצנו הקדושה.

בקורת רוח מרובה קבלנו את דבר האיחוד בין שתי האגודות של ארץ ישראל שנשיאנו ר' נחום מרדכי פרום שו"ב שליט"א עומד בראשה ושל נויאָרק שמר יעקב בלום שליט"א הוא נשיאת.

בברכת חברים נאמנה בשם שוב"י העמק והגליל המאוחדים.

שלום קורן שו"ב כנרת.

# שמחות ביי שוחטים

אונזער חבר ר׳ הלל גרשון מיט זיין פרוי האבען נים לאנג צוריק געפירט בשעה טובה ומוצלחת זייער איננסטען זוהן צו דער חופה. די חתונה איז דורכ־געפיהרט געווארען אויף א חסידישען אופן מיט א רבי, מיט חסידישע נגונים און טענץ, און דער באוואוסטער רב חבר פון די אגודת השוחטים הרב מ. לייטער איז געווען דער מסדר קדושין. די באוואוסטע שוחטים חבר א. מעלצער, וויס פרעזידענט פון די שוחטים יוניאן און חבר ש. נאוואגראדסקי דער טרעזשורער, זיינען געווען פארטראטען אלס א קאמיטע פון די אגודת השוחטים און האבען איבערגעגעבען אין נאמען פון די שוחטים יוניאן א דרשה געשאנק, א הארציגע מתנה פון די אגודת שוחטי עופות דניויארק רבתי.

---

זונטאג, י״ד חשון (13טען סעפטעמבער) האט אונזער ברודער שוחט משה ראובן בראון מיט זיין פרוי שרה גע־פיהרט צו דער חופה זייער געראטענע בת יחידה בתי׳ חוה, מיט דעם באריהמטען יונגען מאן אברהם יחזקאל שוהלגאססער, קאנצלער אין באפעלא, ניו יארק. די חופה איז געווען אין הויז פון אונזער חבר משה ראובן בראון, שטריינג ארטאדאקסיש. דער מסדר קדושין איז געווען הרב יוסף אידל בראון שילעלער רב, א ברודער פון משה ראובן, די לעצטע ברכה מעין שבע האט געזונגען דער באוואוסטער חזן בראכמאן ווי אויך ביי דער סעודה האט חזן בראכמאן געזונגען זעהר פאסיגעס, צו לעצט האט ער געזונגען אחינו בני ישראל הנתונים בצרה, האט ער אלעס איבערטראפען, ועל כולם האט הרב יוסף אידל בראון גע־האלטען זעהר א פראכטפולע רעדע מענינא דיומא דורכ־געפלאכטען מיט דברי תורה.

אויסער די געשמאקפולע מאכלים האבען זיך אלע זעהר פיין אמוזירט מיט דברי תורה ונגינה. די חתונה וועט געווים זיין איינגעקריצט אין אלעמענס הארצען און בלייבען פאר אן אנדענקונג.

א קאמיטע פון די „אגודת השוחטים" זיינען געווען פארטראטען מיט א פרעזענט צו די יונגע פאר און מיט א וואונש פון אלע חברים שוחטים שיהא זיווגם יעלה יפה און זאלען זיין געבענשט מאדון הברכות פון דאס בעסטע.


האט איהר שוין
דעם נייעם וויכטיגען ספר?
הלכות דעות פון רמב״ם ז״ל
מיט דעם וויסענשאפטליכען באור פון
הרב שמריהו ליב הורוויץ

ווען איהר האט נאך נים, איז כדאי איהר זאלט איהם האבען, גרויסע אידישע געלעהרענטע אויף דער גאנצער וועלט באוואונדערען איהם, א נוצליכער ספר פאר רבנים, שוחטים און בני תורה.

פרייז 1 דאלער

ווענדעט זיך צום מחבר:
RABBI S. L. HURWITZ
1503 Eastern Parkway Brooklyn, N. Y.
Telephone: HAddingway 3—9698



בשורה טובה לרבנים ולשוחטים!
יצא לאור ספר חשוב רב ערך לרבנים ולשוחטים
— בשם —
סדר אליהו
על יורה דעה חלק ראשון
מאת הרב אליהו גארדאן

רב בנויארק ומקודם רב בווילנא, מחבר הספרים דברי אליהו ב״ח, דמעת העשוקים, ישראל בעמים מערכות ישראל

בו המחבר מברר הלכה מראשון ועד אחרון, בכל סימן וסעיף משולבים דברי הראשונים והאחרונים כאלו מרועה אחד נאמרים בלשון צח וקצר, וכל אחד יכול לחזור את כל היורה דעה חלק ראשון בזמן קצר עם כל המפרשים לפי הסימן והסעיף ביורה דעה. ראוהו כמה מגאוני איירופה ויאשרוהו

מחיר הספר עם המשלוח $1.50

להשיגו אצל המחבר:
RABBI E. GORDON
609 Oak Terrace Bronx, N. Y.
Tel. MOtt Haven 9—7689


## א קול קורא צו אלע שוחטים פון דזשוירזי סטייט

די „אגודת השוחטים", יוניאן לאקאל 436 א. פ. א. ל. פון נוארק, נ. דזש. רופט א קאנפערענץ פון אלע שוחטים אויף א׳ פ׳ ויגש דעם 1טען יאנואר 1933

עס איז די העכסטע צייט, אז מיר די עוסקי במלאכת הקודש זאלען דורך א פאראייניגטע קערפערשאפט פארבעסערען אונזער מצב אין רוחניות און אין גשמיות

שטעלט זיך אין פארבינדונג מיט דעם סעקרעטאר
REV. M. DINERMAN
9 Magnolia Street Newark, N. J.

רעוו. ברוך ארונסאן, פרעז.


מאיר וואלאזין
50-52 עלדרידזש סטריט, ניו יארק
טעלעפאן ארטשארד 4—4511
מאנופעקטשורער
פון וואלענע און סילקענע טליתים, פרוכתן, מענטעלאך, חופות, מכסות לשלחן ולארון.
אימפארטער
פון די בעסטע ספרי תורה, תפילין ומזוזות.
דיסטריביוטאר
פון אלערהאנד זילבערנע כלי קודש, עץ חיים׳ס, ציץ׳ן, יד׳ן, קידוש־בעכערס, שבת־לייכטער א. ז. וו. די בעסטע מילערס חלפים און מוהל מעסערס, שארף און גלאט שטיינער.
—— אלעס צו שפאט ביליגע פרייזען ——

# די לעזער פון די „שוחטים שטימע" קענען שרייבען אידישע געשיכטע פון אמעריקא

מיר בעטען אונזערע לעזער בכל מקום שהם צו שרייבען אונז און ענטפערען אויף די פאלגענדע פראגען: דער נאמען פון זייער שטאדט, וויפיעל שוהלען געפינען זיך? וואס פאר א חברות פאר תורה געפינען זיך דארט? האט די שטאדט א רב? ווער איז ער? וויפיעל שוחטים האט די שטאדט? ווער זיינען זיי? (נעמען און אדרעסען) ווי אזוי לעבען זיי, און פון וואנעגט קומט זייער הכנסה? די באציהונג פון רב צו די שוחטים? וועלכע אידישע אינסטיטוציעס געפינען זיך אין שטאדט? (באשרייבט זיי גענוי און דייטליך) צי איז דא א תלמוד תורה? וויפיעל לעהרער? וואס ווערט דארט געלעהרענט? און ווער זיינען די גייסטיגע מנהיגים? דער מצב פון שוחטים און שחיטה, דער מצב החנוך, דער מצב הכשרות, צו עס איז דא גענוג שומרי שבת? וועלכע אידישע צייטונגען ווערען דארט געלייענט? מיט וואס באשעפטיגען זיך די מעהרסטע אידען פון שטאדט? וואס פעלט אין שטאדט? ווער זיינען די הויפט פיהרער פון דער אידישער קהלה?

אט די אלע בריף אדער ארטיקלען וועלען געדרוקט ווערען אין „די שוחטים שטימע" און וועלען קלאר מאכען פאר אונז און פאר אונזערע קינדער, דער צוקונפטיגער אידישער דור אין אמעריקא, די לאגע פון אידען און אידענטהום אין דער נייער וועלט. דאס וועט זיין פרוכטבארע נוצליכע ארבייט וועלכע וועט האפענטליך, האבען א גרויסע היסטארישע ווערט.

שרייבט לויט פאלגענדען אדרעס:

**SCHOCHTIM SHTIMME**

229 EAST BROADWAY — NEW YORK, N. Y.

193

RABBI S. L. HURWITZ, Editor

הרב שמריהו ליב הורוויץ, רעדאקטאר.

# די שוחטים שטימע

# SCHOCHTIM SHTIMME

מאנאטליכער זשורנאל, ארויסגעגעבן דורך די אגודת שוחטי עופות דניו יארק רבתי

**Monthly Magazine, published by the Poultry Schochtim Union of Greater New York**

**Affiliated with the American Federation of Labor, Local 440**

233 EAST BROADWAY, NEW YORK, N. Y. **Telephone: ORchard 4—1938 — 9602**

Vol. I. No. 10. December, 1932. ב"ה ניו יארק, כסלו, תרצ"ג. ערשטער יאהרגאנג, נומער 10.

## אינהאלט:

עדיטאריעלם: חנוכה; די שוחטים און דער ארבייטער קלאס; א קאנפערענץ פון שוחטים.

די שחיטה קאנווענשאן און איהר אויפגאבע — — — — רעוו. אליהו מעלבער

נשמע ונעשה — — — — — — — — — — — — — זלמן דער מאגאריס שו"ב

חד וחלק (פעליעטאן) — — — — — — — — — — — — — — א. לץ

הורות הללי — — — — — — — — — — — הלל יעקב הורוויץ

פון אונזער אלטען היילינגען קוואל.

בריעף פון שוחטים: טוריה מרצרי בעלקין; שמואל בל מהרש"ק; אליהו ליב פישער.

## השומר

הרמב"ם והחנוך — — — — — — — — — — — — — — ש. ל. ה.

לא נתנו המצוות אלא לצרף בהן את הבריות — — — הרב שמועל מנחם הלוי פיין.

שיר חנוכה — — — — — — — — — — — — — א. פערעלבערג.

התקוה והאמונה — — — — — — — — — — — הרב ש. ב. שולמאן

האמונה — — — — — — — — — — — — הרב ר' אברהם יצחק הכהן קוק.

נחום אבלים; שמחות ביי שוחטים; נייעס און מודעות.

**Subscription Price, $3.00 a year.** סובסקריבשאן 3 דאלאר א יאהר.

**Entered as second-class matter, August 15, 1932, at the Post Office at New York, N. Y., under the Act of March 3, 1879.**

# שמחות ביי שוחטים

—————

## בר מצוה

בשבת פ' נח חגג חברנו הנכבד היקר מר אברהם ראנ את חגינת בר מצוה של בנו היקר בביהכ"נ בית שלום תומכי הרב, 445 אלאבאמא עוועניו, ברוקלין. הבר מצוה קרא את המפטיר וההפטורה ממש כזקן ורגיל, ואח"כ דרש מעל הבימה דרוש נאה מענין הפטורת השבת בטוב טעם ודעת. וקבל על עצמו לשמור ולעשות כפי אשר הורוהו הוריו ומדריכיו. אחר התפלה הוזמנו כל המתפללים לקדוש היום בביהכ"נ ואח"כ הלכו כולם והרב מר ווארשאווסקי בראש לבית הבעל שמחה. השלחנות היו ערוכים במאכלי ערבות דגים וכל מטעמים משמנים ומעדנים, וכלים מכלים שונים עם יינות מבושמים. קטן היה הבית מהכיל ועומדים צפופים, אבל אוכלים ושותים רוחים. החבר וידידו רעוו. זלמן ריטשמאן שו"ב נשא מנגינותיו משירים נעימים מארץ ישראל והברה ללהב יצאת כ"כ עד שכל החברים והידידים רעוו. חיים יוסף מאטלין שו"ב, רעוו. ראובן האכשטיין שו"ב, הלכו בריקוד הנהוג בחסידת חב"ד ושם אני בתוכם, „אויפ'ן פאלעסטינער שטיינער". ורווחא שבק לפרפראות של הרב מר ווארשאווסקי שהטיף בנאומו רעיון יקר עד להפליא. ומתוך התרוממות הרוח נפרדו כולם בברכות מאליפות לרוה נחת ועונג מכל יוצ"ח בכלל. והבר מצוה יסק לדרגא ברא כרעיה דאבוהו

בשם כל המזומנים.

ידידו עוז

זלמן ריטשמאן

חבר אגודת השוחטים.

## ברכת מזל טוב

אומר נדא טבא לידידי מר ביילקין ורעיתו לחגינת הבר מצוה של בנו המהולל מוה' יעקב נ"י.

יהא רעוא מן שמיא שיהי' תולדותיכם כיוצא בכם. ותזכו לגדלו ולחנכו על דרכי התורה והמצוה על אדמת הקודש ציון וירושלים.

רעוז. אליהו מעלצר.

## ברכת מזל טוב

די אגודת השוחטים בכלל און די בעאמטע בפרט דריקען אוים א הארציגען מזל טוב צו אונזער חשוב'ען חבר, עקז. מעמבער, ט ו ב י ה  מ ר ד כ י  ב ע ל ק י ן ורעיתו, צו דער ב ר  מ צ ו ה שמחה פון זייער מצוינדיגען און נעראטענעם זון י ע ק ב וועלכער איז איינער פון די בריליאנטענסטע קינ־דער. ער איז נישט נור א שטאלץ פאר די עלטערן. נאר אויך פאר אלע פריינד. ויזכו לגדלו ולחנכו בדרך התורה והמצוה ויראו נחת ממנו, ויהיה לגדול בישראל., כברכת

אגודת שוחטי עופות דנויארק רבתי

# אלטער ברוקלינער שוחט ערמארדעט

אונזער ברודער שוחט ר' בנימין סאליטע איז שבת אין דערפריה געשטאכען געווארען פון א נעגער אין זיין היים 202 ווערעט סטריט, ברוקלין. דער נעגער איז ארעסטירט פאר מארד. פילע טרעהרען זענען פארגא־סען געווארען אויף זיין פריהצייטיגען טויט פון אלע וועל־כע האבען איהם געקענט. ער איז געוועזן באליבט און טייער ביי אלעמען. ער איז אלט געוועזן 62 יאהר.

ת'נ'צ'ב'ה'.

## די אגודת שוחטי עופות דנויארק רבתי שטיצט די מוסדות התורה

די אגודת שוחטי עופות דניו־יארק רבתי האט ערפילט איהר באשלוס וואס איז אנגענומען געווארען מיט איינינע מאנאטען צוריק, אז 500 דאלאר זאל צוטיילט ווערען פאר מוסדות התורה. עס זיינען ארויסגעשיקט געווארען טשעקס צו די „ישיבת רבינו יצחק אלחנן", צו די „פעדריישאן פון ישיבות קטנות", צו „עזרת התורה" און נאך איינינע ישיבות. און אבוואהל דער מצב פון די אגודה איז פינאנ־ציעל נישט אמבעסטען, פונדעסטוועגען האט זיך די אגודה אנגעשטרענגט צו העלפען די זיילען פון תורה.

## וויכטיגע באקאנטמאכונג צו אלע שוחטים און בפרט צו שוחטים פון ערי השדה.

אזוי ווי מיר האבען ערהאלטען איינינע בריף פון שוחטים אנפרעגענדיג, וואס מיר ווייסען וועגען א מודעה וואס עס איז ערשינען אין די צייטונגען, דאס אלע שוחטים פון די קאנטרים זאלען זיך ווענדען מיט שוחטים'שע אנגעלעגענהייטען צו די „אגודת השוחטים החרדים" — מאכען מיר באקאנט, דאס מיר ווייסען נישט פון אזא אגודה. די איינציגע אגודת השוחטים וואס עקזיסטירט אין ניו יארק איז די שוחטים יוניאן. די איבעריגע זיינען געווים פריוואט אונטערנעמערס וואס זוכען פערזענליכע פראפיטען פון מאנכע אונוויסענדע שוחטים, און מיר זיינען פאר זיי נים פאראנטווארטליך.


בשורה טובה לרבנים ולשוחטים!

יצא לאור ספר חשוב רב ערך לרבנים ולשוחטים

— בשם —

סדר אליהו

על יורה דעה חלק ראשון

מאת הרב אליהו גארדאן ז"ל

רב בנויארק ומקודם רב בווילנא, מחבר הספרים דברי אליהו ב"ת, דמעת העשוקים, ישראל בעמים

מערכות ישראל

בו המחבר מברר הלכה מראשון ועד אחרון, בכל סימן וסעיף משולבים דברי הראשונים והאחרונים כאלו מרועה אחד נאמרים בלשון צח וקצר, וכל אחד יכול לחזור את כל היורה דעה חלק ראשון בזמן קצר עם כל המפרשים לפי הסימן והסעיף ביורה דעה. ראוהו כמה

מגאוני אירופה ויאשרוהו

מחיר הספר עם המשלוח $1.50

להשיגו אצל המחבר:

RABBI E. GORDON

608 Oak Terrace Bronx, N. Y.

Tel. MOtt Haven 9—7689

195


# די שוחטים שטימע

כסלו, תרצ"ג

ערשטער יאהרגאנג. — נומער 10


## חנוכה

די חנוכה ליכטעלעך וועלכע ווערן יעצט געצונדען אין יעדע אמת'ע אידישע הויז, און וועלכע זענען די יאהר־צייט ליכט נאך די אונשטערבליכע גרויסע היילינגע חשמונאים, די גבורי ישראל, וועלכע האבען זייער לעבען אוועקגעגעבען פאר דאס היילינגע אידישע לאנד און פאר די היילינגע אידישע אמונה, ווינקען צו אונז און צינדען אן אין אונזערע הערצער דעם נר התורה און אפעלירען צו אונז, אז מיר זאלען אט פון די חנוכה ליכט שעפען די היילינגע ליכטיגקייט פון די תורה הקדושה, און מיר זאלען ערציהען אונזערע זיהן און טעכטער ברוח התורה והאומה.

ווען ניט דער אלטער פ ר ו מ ע ר מתתיהו כהן גדול, וואלטען ניט געקומען די גרויסע נ א צ י א נ א ל ע קעמפפער און העלדען, די קינדער פון מתתיהו. דער בע־ריהמטער אונשטערבליכער העלד י ה ו ד ה ה מ כ ב י, וועלכער איז פערהייליגט ביי די נאציאנאלע אידען, איז געווארען א גרויסער נאציאנאלער העלד א דאנק די גוטע ר ע ל י ג י ע ז ע ערציהונג וועלכע ער האט גענאסען אין דער הויז פון זיין פרומען רעליגיעזען פאטער מתתיהו דער כהן גדול „ב י מ י מ ת ת י ה ו ו ב נ י ו". דער אלטער דור מוז ערציהען א נייעם א י ד י ש ע ן דור, דאן האבען מיר מ ת ת י ה ו ו ב נ י ו, רעלי־גיעזע נאציאנאלע פאלקס־העלדען, וועלכע קעמפפען פאר'ן קיום האומה, פאר די אויפהאלטונג פון תורה ומצוות.

און זאל דער גייסט פון די חשמונאים וועקען די הערצער און די נשמות פון אלע באוואוסטזיניגע שוחטים פון דער וועלט צו קעמפפען פאר כשרות און חזוק הדת, און צו פארבעסערען זייער שלעכטע לאגע, דורך דעם וואס אלע שוחטים זאלען זיין פאראייניגט באגודה אחת און שאפען אן אייגענע שטארקע שוחטים פרעסע, וועלכע זאל קענען דינען די אינטערעסען פון די ארטאדאקסישע אי־דען בכלל און די שוחטים מיט זייערע אינטערעסען בפרט.

און אזוי ווי די חשמונאים אין זייער צייט האבען ארויסגעלאזען א פייערדיגען אויפרוף „מי לה' אלינו", אזוי דארפען יעצט די שוחטים פון נויארק ארויסלאזען א פייערדיגען אויפרוף צו אלע שוחטים פון לאנד, צו אפרו־פען זיך מיט באגייסטערונג אויף זייער קול קורא און קו־מען פון גאנץ אמעריקע און קאנאדא צו די ערשטע גרוי־סע שוחטים קאנווענשאן, וועלכע ווערט אין ניכען שטאט־פינדען.

מ י ל ה' א ל י נ ו ! דער חשמונאים גייסט רופט אונז און וועקט אונז צו פעראייניגונג און צו גרויסע טהא־טען. זאל זייער קול ניט זיין א קול קורא במדבר.

ע ת ל ע ש ו ת !

## די שוחטים און דער ארבייטער קלאס

די שוחטים זיינען דאך ארבייטער, האנדווערקער, הארעפאשניקעס, זייער ארבייט איז א ה י י ל י ג ע ארבייט, א מלאכת הקדש, נישט גלייך צו אלע אנדערע וואכעדיגע ארבייט. זייער ארבייט איז א חשוב'ער טייל פון די היילינגע אידישע רעליגיאן, אבער א ר ב י י ט איז דאך דאס און ניט עפעס אנדערש, און זיי, די שוחטים, האבען שכל געהאט צו באזארגען זיך ווי געהעריג איז דורך באלאנגען צו א ג ר ו י ס ע ש ט א ר ק ע י ו נ י א ן, אזוי ווי אלע אנדערע ארבייטער טוען, און דאס האט זיי געראטעוועט פון א הונגער לוין, פון שפלות הנפש, פון ערנידעריגט ווערען און ווערען הפקר אין די הענט פון וועלכע זיינען ניט ראוי צו שאלטען און וואלטען אויף א העכערען אינטעלעגענטנעם קלאס ווי שוחטים זיינען.

זיינען דאך די שוחטים א העכערער סארט ארבייטער קלאס, ארבייטער וועלכע מוזען נעמען שטרענגע „אר־דערס" פון דעם שלחן ערוך, און מוזען לעבען און אויפ־פיהרען זיך ווי עס פאסט פאר אידען וואס זיינען און דארפען זיין צוגעבונדען מיט זייער גייסט, מיט זייערע נשמות, מיט זייער גאנצען מהות, צו די גרונד פרינצי־פען פון תורה ומצוה, צו דעם מאור שבתורה, און צו אלץ וואס איז טייער און היילינג ביים אידישען פאלק. זיינען זיי אן אריגינעלער און א גאנץ אנדערער סארט אר־בייטער, זיי זיינען ר ע ל י ג י ע ז ע א ר ב י י ט ע ר וועלכע העלפען דורך זייער ארבייט אז די רעליגיעזע אידען פון דער וועלט זאלען קענען, זאלען האבען די מעגליכקייט געניסען פון לעבען, עסען פלייש און שטאר־קען זייער קערפער, אויפהאלטען זייער לעבען דורך די מלאכת הקדש פון די ארבייטער וועלכע רופען זיך שוחטים.

און אויב די וועלט בכלל קען ניט עקזיסטירען אהן די ארבייטער, קען די א י ד י ש ע וו ע ל ט ניט עסען קיין פלייש אהן די ארבייט פון די שוחטים, זיינען דאך די שוחטים נ ו צ ל י כ ע ארבייטער, היילינגע און פראדוקטיווע ארבייטער, וועלכע שאפען דורך זייער ארבייט פארגעניגען און געזונט, און זיי דארפען דער־פאר באהאנדעלט ווערען מיט ליבשאפט און רעספעקט און פרנסה בכבוד, מצד אלע פרומע אידען פון דער גאנצער וועלט.

טוען אבער ניט די שוחטים דאס וואס אלע ארבייטער פון דער וועלט טוען, ארבייטער האבען באשאפען אן אייגענע גרויסע שטארקע און מעכטיגע פרעסע, טעגליכע צייטונגען, וועכענטליכע, מאנאטליכע, פיעלע זשורנאלען, ביכער, בראשורען, און א ריזיגע ארבייטער ליטעראטור,

# די שוחטים קאנווענשאן און איהר אויפגאבע

פון רעוו. אליהו מעלצער, זוייס פרעז. פון אגודת השוחטים

עס דערנעהנטערט זיך דער גליקליכער טאג ווען די ערשטע שוחטים קאנווענשאן פון אמעריקע און קענעדע וועט אי"ה פארקומען, און דאס דארף זיין א הייליגע און היסטארישע פארזאמלונג.

עס טאר נישט טראגען דעם כאראקטער ווי אלע אנדערע הונדערטע קאנווענשאנס פון פארשידענע ארגא־ניזאציעס און ריכטונגען, וואס די קאנווענשאן אליין איז א תכלית און א צוועק פאר זיך אליין. מען האלט שעהנע פייערדיגע רעדעס, עס ווערט געוויס ניט פעלען קיין רעזאלוציעס, און וואהרשיינליך וועט זיך ענדיגען מיט נאר א שעהנעם גרויסארטיגען באנקעט, אבער אויסער דעם דארף מען נים פארגעסען אז די שוחטים קאנווענ־שאן האט א גרויסע הייליגע אויפגאבע, איהר תכלית און ציעל מוז זיין ווי אזוי צו דערהויבען באמת דעם מצב השוחטים והשחיטה, אוועקשטעלען די לאגע פון שוחטים אויף דער הויכער מדרגה צ וואס שוחטים און שחיטה זיינען בארעכטיגט, ארויסשלעפען זיי פון דעם נידעריגען מצב, אפצושאפען דעם איבעל און די הפקרות וואס געפינט זיך אין א באדייטענדע מאס אין דעם פעלד פון שחיטה, און דאן ווען די קאנווענשאן וועט דאס אויפטאן, וועלען נים נאר די שוחטים געהאלפען ווערען, נאר דאס אמעריקאנער יודענטום וועט זעהר פיעל גע־ווינען דערפון.

און דאס קען און וועט דערגרייכט ווערען, ווען עס וועט געשאפען ווערען א פאראייניגטער פראנט. איין גרויסע אגודת השוחטים דארצות הברית וקנדה, דאס אליין וועט האבען א געוואלדיגען מאראלישען איינפלוס, אי אויף די שוחטים פון לאנד, אי אויף דאס אידענטום. מען וועט דאן קוקען אויפ'ן שוחט מיט נאר אנדערע אויגען, מיט כבוד און רעספעקט, מען וועט דאן אנערקענען זיין הייליגע ארבייט.

און דער ערשטער אבן נגף וואס וועט אימער שטע־רען אונזער הצלחה, און וואס מוז באזייטיגט ווערען אזוי שנעל ווי מעגליך, איז דאס וואס איך האב שוין געזאגט אין א פריהערדיגען ארטיקעל אין די „שוחטים שטימע" — דאס עס מוז אין גאנצען אפגעשאפט ווערען יעצט דאס לעהרנען די מלאכת השחיטה. יעצט איז ניט די פראגע צו לעהרנען צו פאסענדע אדער נישט פאסענדע פערזא־נען, נור מען זאל אינגאנצען אויפהערען יעצט לעהרנען די מלאכת השחיטה, ווייל מיר האבען יעצט א געוואלדיגען איבערפלוס פון שוחטים, טראטץ דעם וואס ווינציג שוחטים קומען יעצט אריין פון יוראפ, און דאס ווייסען דאך אלע אז אן ארטיקעל וואס איז צופיעל אין מארקעט ווערט דאס ביליג, און אז אויף איין שטעלע פאר איין שוחט קומען צעהנדליגע שוחטים, ממילא ווערט דאס ביליג, און עס העלפען נים קיינע תקנות, ווייל אלע תקנות וועלען פון זיך אליין בטל ווערען, עס וועט נור זיין ארויסגעווארפען די גאנצע ארבייט וואס וועט אריינ־געטאן ווערען אויף צו פארבעסערען דעם מצב השוחטים.

יעצט מוז מען אויפהערען לעהרנען שחיטה, און ווען אין דער נאהענטער אדער ווייטער צוקונפט וועט ווערען א מאנגעל אין שוחטים, וועט דאן דער פראבלעם קענען גאנץ לייכט געלייזט ווערען, אדער דורך אימפארטירען מיט אייגענע שריפטשטעלער, דיכטער, זשורנאליסטען, אן ארבייטער וועט זיך מוסר נפש זיין, וועט אפשפארען דעם לעצטען ביסען ברויט פון מויל, און וועט שטיצען זיין ציימונג, די ארבייטער צייטונג, וויסענדיג דעם אמת, אז נור אן אייגענע פרעסע איז בכח צו שטארקען און אויפהאלטען די אינטערעסען פון דעם ארבייטער קלאס.

די שוחטים אבער ווייסען שוין (אויך נים אלע) ווי נויטיג עס איז פאר זיי א יוניאן, זיי ווייסען אבער נאך נים ווי נויטיג עס איז פאר זיי אן אייגענע צייטונג. וואלטען דאס די שוחטים פון לאנד יא גע־וואוסט וואלט שוין גאנץ לאנג צוריק די „שוחטים שטימע" פארוואנדעלט געווארען אין א וועכענטליכע אדער טעגליכע „שוחטים שטימע". די שוחטים פון אמעריקא און קאנאדא זיינען בכח צו שאפען אן אייגענע טעג־ליבע צייטונג, ווען זיי זאלען שטארק וועלען, באמת וועלען, און דער רצון קען געשאפען ווערען דורך פארשטעהן די נויטיגקייט פון אן אייגענע שוחט'ישע צייטונג, וועלכע זאל קענען דינען די אינטער־רעסען פון די שוחטים בכל מקום שהם, און פאראייניגען זיי אין א גרויסען שטארקען פארבאנד, וועלכער זאל פארבעסערען די לאגע פון די שוחטים ברוחניות ובגשמיות.

די ערשטע גרויסע היסטארישע קאנווענשאן פון אלע שוחטים פון אמעריקא און קאנאדא וועלכע וועט איינגיכען שטאטפינדען וועט מוזען נעמען א שטארקע שטעלונג בנוגע צו די שאפונג פון א גרויסע דייכע וועכענטליכע „שוחטים שטימע", וועלכע זאל זיין דאס אייגענטהום און דער קוואל פון גליק און באגייסטערונג פאר אלע שוחטים פון דער גאנצער וועלט.

„ווען איר ווילט איז דאס נים קיין חלום".

שוחטים פון יוראפ, אדער די „אגודת השוחטים" וועט דאן גרינדען א בית מדרש לשוחטים און אויסלערנען די מלאכת הקדש צו די יעניגע וועלכע זיינען באמת ראוי צו זיין שוחטים.

דיזע וויכטיגע פראגע מוז אופגעהויבען ווערען אין איהר גאנצע שארפקייט און ערענסטקייט אויף אונזער קאנווענשאן וואס דארף אין ניכען פארקומען. און די שוחטים פון לאנד וועלען נעמען א שטעלונג צו דיזער וויכטיגער פראגע.

עס איז אבער די הייליגע פליכט פון יעדען שוחט אין לאנד, פון יעדע שוחטים ארגאניזאציע, צו מאכען די ערשטע שוחטים קאנווענשאן פון לאנד פאר א גרויסען ערפאלג. יעדער שוחט מוז פארשטעהן און פיהלען אז אויף איהם ליגט די פליכט צו העלפען בויען דעם גרויסען בנין, און נישט איבער־לאזען איינגאנצען אויף אנדערע, עס איז יעצט א שעת הכושר, די ריכטיגע צייט און דער פסיכאלאגישער מא־מענט צו פאראייניגען זיך און ווערען שטארק באמת.

חברים שוחטים! פארנאכלעסיגט דאס ניט. די שוחטים יוניאן פון נויארק איז וויליג נעמען אויף זיך די איניציאטיווע און אריינווארפען זיך אין דער ארבייט, אבער איהר אלע מוזט אונז העלפען, מיר מוזען האבען די מיטווירקונג און די קאאפעראציע פון יעדע קהלה, פון יעדע שוחטי'שע אגודה, און פון יעדען שוחט. און דערפאר זאלען יעצט די שוחטים פון יעדער שטאדט און שטעדטעל, פון יעדע קהלה, רופען זאפארט מיטינגען און ערוועהלען דעלעגאטען פארטרעטער צו די ערשטע גרויסע היסטארישע שוחטים קאנווענשאן.

זאל יעדע אגודה און יעדער שוחט לאזען וויסען דער־פון צו זיינע חברים שוחטים און די שכנישע קהלות ווע־נען אונזער בעפארשטעהענדע קאנווענשאן, און באקאנט מאכען דאס איבער די גאנצע לאנד, און גלייך שטעלען זיך מיט אונז אין פארבינדונג. שיקט אונז נעמען און אד־רעסען פון שוחטים, שרייבט אונז די נעמען און אדרעסען פון אייערע פארטרעטער צו די קאנווענשאן און מיר ווע־לען אייך לאזען וויסען די צייט און דעם פלאץ וואו עס וועט פארקומען דיזע קאנווענשאן.

איך האף, ברידער שוחטים, אז מיינע ווערטער צו אייך וועלען ניט זיין ארויסגעווארפען ח"ו, עס וועט ניט זיין קיין קול קורא במדבר, נאר ווען אפילו דאס איז א קול דממה דקה וועט אבער זיין — ישמעו! עס וועט דער־הערט און אנגענומען ווערען ביי יעדען וואס זיין פראפעס־סיאן איז איהם טייער און הייליג. און ער טראכט וועגען דעם נעגענווארט און וועגען א צוקונפט, און מיר אלע צו־זאמען וועלען מיר קענען לייגען דעם פונדאמענט פאר א בעסערע צוקונפט.

עס איז אויך ניט אויסגעשלאסען דאס מיר אלע צו־זאמען וועלען קענען ביי דער קאנווענשאן שאפען אן אינטערנעשאנאל יוניאן פון שוחטים, וואס וועט איבערנעמען די גאנצע הנהגה פון אלע לאקאלע יוניאנס וואס זענען שוין געשאפען געווארען און עקזיס־טירען יעצט. מען דארף ניט ערקלעהרען וואס דאס וואלט געמיינט פאר אונז שוחטים, אלע ווייסען אז דאס מיינט פרנסה בכבוד פאר יעדען שוחט, א זיכערער און רוהיגער לעבען, און הטבת מצב השחיטה והכשרות על פי דת תורתנו הקדושה.

די ערשטע שוחטים קאנווענשאן וועט זיין אן עפאכע מאכענדע פאר די גאנצקייט, שטארקייט און פאר די פאר־בעסערונג פון די לאגע פון די שוחטים פון לאנד בפרט און פאר'ן יודענטהום בכלל, און מיר זאלען חו"ש ניט פערנאכלעסיגען און דורכלאזען די געלעגענהייט וואס מיר האבען יעצט. טראכט און נעמט זיך צו דער ארבייט גלייך. יעדע מינוט איז יעצט טייער. די צייט איז קורץ. פאר מעהר אינפארמאציע ווענדט זיך צו מיר, און אלס סעקרעטער פון די „שוחטים שטימע" בין איך גרייט צו דינען אייך און געבען אייך די גאנצע אינפארמאציע וועל־כע איהר וועט פאדערען. לאזט אונז וויסען וועגען אייער מיטווירקונג אין דער ארבייט פון דער קאנווענשאן אזוי שנעל ווי מעגליך. העלפט אונז בויען דעם גרויסען בנין.

---

## א קאנפערענץ פון שוחטים

די אגודת השוחטים (יוניאן לאקאל 436) פון נוארק, נ. דזש., רופט יעצט א קאנפערענץ פון אלע שוחטים פון דזשוירזי סטייט אויף קומענדען זונטאג, א' פ' ויגש, מיט דעם צוועק צו פאראייניגען אלע שוחטים פון דזשוירזי סטייט און מאכען פארבארייטונגען צו די גרויסע אלגע־מיינע היסטארישע קאנווענשאן פון אלע שוחטים פון לאנד וועלכע וועט אין ניכען שטאטפינדען.

מיר שיקען אונזער הארציגע ברכה צו אונזערע טייערע חברים שוחטים פון נוארק, אז זייער נויטיגע הייליגע פאראייניגונגס ארבייט זאל געקרוינט ווערען מיט ערפאלג. די קאנפערענץ זאל קענען אויפטאן פרוכטבארע נוצליכע ארבייט, און מיר זאלען דערלעבען ארבייטען אלע צוזאמען לטובת השוחטים והכשרות און חזוק הדת מיט פאראייניגטע קרעפטען.

יהי רצון שתשרה שכינה במעשה ידיכם.

תחזקנה ידיכם, עובדים נאמנים בעבודת הקודש.

# נשמע ונעשה

פון זלמן בער מאגאריק שו"ב
בוואודרידזש, נ. י.

מיט עטליכע חדשים צוריק האט די „שוחטים שטימע" געמאכט א פארשלאג אז עס זאל גערופען ווערען א קאנווענשאן פון אלע שוחטים פון אמעריקע און קאנאדע.

די אידייע האט ארויסגערופען גרויס באגייסטערונג אין אונזער שוחטישער וועלט, און פילע פראמינענטע פערזענליכקייטען פון צווישען אונז האבען געדרוקט אייגענע ארטיקלען, גרינדליך באלערנדע אין דער „שוחטים שטימע" וועלכע ווייזען אן ווי דרינגענד נויטיג עס איז, אז אזא קאנווענשאן זאל וואס שנעלער קומען צו שטאנד כדי עס זאל געלייגט ווערען דער גרונדשטיין פאר א פאראייניגונג און א פארשטענדיגונג צווישען אלע שוחטים, כדי מיט געמיינזאמע כחות קענען ווי געהעריג באשיצען אונזערע אינטערעסען אין אלע הינזיכטען הן בחומר והן ברוח.

די רעדאקציע פון דער „שוחטים שטימע" האט די ארטיקלען געגעבען א געהעריגען און פאסיגען פלאץ, האט זיך ווענגען דעם אפגערופען עדיטאריעל און האט די אידייע פון א קאנווענשאן געשטארקט דורך ספעציעלע אויפפאדערונגען צו די שוחטים, אז זיי זאלען ארויסזאגען זייערע מיינונגען בנוגע דעם פארשלאג און אויך ווען און אין וואסער שטאט זאל די קאנווענשאן אפגעהאלטן ווערן.

ווי אזוי די שוחטים פון לאנד האבען דעם פארשלאג אויפגענומען און וואס זייער ענטפער און מיינונג וועגען דעם ענין אין זיך גרינג פארצושטעלען. עס איז בלי שום ספק אז אלע שוחטים פון איבער'ן גאנצען לאנד זיינען באגייסטערט פון דער אידייע און ווארטען מיט אונגעדולד אויף דעם רוף, אויף דער אויפפאדערונג צו קומען צו דער קאנווענשאן.

עס איז גענוג איבערצולייענען בלויז די איינצעלנע בריף פון שוחטים וואס זיינען פארעפענטליכט געווארען אין דער „שוחטים שטימע" צו באמערקען דעם קאלאסאלען סענטימענט פון די שוחטים פאר א באלדיגער און שנעלער קאנווענשאן.

איז מיר דובט דער לאנישסטער וועג, דער פועל יוצא פון דעם הייליגען סענטימענט, אז די שוחטים יוניאן פון נויארק, די איניציאטארס פון דעם געדאנק, זאלען צוטרעטען צום עצם ענין און מיט טהאטען רעאליזירען דעם פארשלאג, איבערהויפט נאכדעם ווי זיי האבען זיך איבערציינט אין דער אויפריכטיגקייט פון דעם פארלאנג פון די שוחטים איבער'ן לאנד פאר א קאנווענשאן.

צום באדויערען אבער טוען דאס ניט די שוחטים פון נויארק. זיי האלטען אין איין שטעלען פראגען און שרייען

---

# חד וחלק

פון א. לץ (פעליעטאן)

אמר הלץ הגדול הגבור והנורא, שמעוני, רבותי, הערט מיך אוים, רבותי, איך וויל מיט אייך שמועסען וועגען אן ערענסטען ענין. ווי איר אלע ווייסט, אדער איר זאלט און דארפט וויסען, איז, דאס א תלמוד תורה, א ישיבה, אדער א גרויסע גוטארגאניזירטע שוהלע דארף און מוז האבען א פערזאן, וועלכע זאל זיין פעראנטווארטליך פאר'ן סדר הלמוד, וועלכער זאל אויפפאסען אז דער פראגראם פון תלמוד תורה זאל דורכגעפיהרט ווערען ווי געהעריג איז, אז די קינדער, וועלכע קומען דארט צו געניסען א גוטע אידישע ערציהונג, זאלען ווירקליך באקומען די ערציהונג צו וועלכער זיי זענען בארעכטיגט. ער איז און דארף זיין די צענטראלע פיגור צו וועמען עס זאלען זיך ווענדען די לעהרער, די קינדער, די עלטערען, די דירעקטארען, אלע וועלכע האבען עפעס צו טאן מיט די תלמוד תורה, און אט אזא פערזאן רופט זיך ד ע ר פ ר י נ ס י פ א ל פון תלמוד תורה, און אזוי גוט ווי א תלמוד תורה קען נים אויסקומען אהן לעהרער אזוי קען זי נים אויסקומען אהן א גוטען, פעהיגען פרינסיפאל, און זאלען, למשל, די לעהרער פון א תלמוד תורה איבערנעמען אין גאנצען די תלמוד תורה — א לא קאמוניסטען — און ווערען אליין די פערוואלטער, די פיהרער, דאן וועלען זיי מוזען אויסקלייבען פון זיך איינעם וועלכער זאל טאן די ארבייט וואס א פרינסיפאל דארף טאן, ער וועט מוזען ווערען א פרינסיפאל. דאס איז זעלבסטפארשטענדליך, דאס פארשטעהן אלע.

און דערפאר ביי די אומות העולם, אין יעדען לאנד פון דער וועלט, ביי יעדען פאלק וואו נאר עס געפינט זיך א שול פאר קינדער, געפינט זיך דארט א פרינסיפאל. אין די „פאבליק סקולס" האבען די פרינסיפאלס וועך עס זאל טאן פאר זיי די גאנצע ארבייט; יעדער פרינסיפאל האט א געהילף, אן „אסיסטענט" פרינסיפאל, וועלכער טוט די ארבייט; דער פרינסיפאל אבער קריגט באצאלט מער ווי די לעהרער, טראץ דעם וואס זיי טוען די גאנצע און די שווערע ארבייט, און א ספעציעלע פערזאן קריגט באצאלט צו טאן די ארבייט פון פרינסיפאל, ווייל די ארבייט פון פרינסיפאל איז די הויפט השגחה אויף דעם פראגרעם פון שול. ער איז דער יעניגער וועלכער האט די פעראנטווארטליכקייט פאר אלעס וואס ווערט געטאן און וואס דארף געטאן ווערען; נים ער מאכט אפילו דעם פראגראם, דעם סדר הלמוד, ער אבער איז פעראנטווארטליך פאר גוטע ארבייט, און דאס מיינט פיעל, זעהר פיעל. דאס פארשטעהען די אומות העולם, און דאס פארשטעהט אויך יעדער איד וועלכער האט מארך אין קאפ.

אבער דאס וואס אלע פארשטעהען, קען נים פארשטעהן און וויל נים פארשטעהן א שרייבער פון „טאג", ש ראזענפעלד. א מאדנער איד איז אט דער ראזענפעלד. ער זאגט אז מען דארף קיין פרינסיפאלס און ער גיסט פעך און שוועבעל אויף די דירעקטארען פון די תלמוד תורות. ער האט געמאכט אויף

„ונשמע" — לאמיר הערען וואס די שוחטים פון איבער'ן לאנד האבען צו זאגען. אין יעדען נומער פון דער „שוחטים שטימע" ווערען כמעט דיזעלבע פראגען פון „ונשמע" איבערגעחזר'ט ווידער אמאל און אבער אמאל.

עס איז שוין צייט אז איהר זאלט דעם ונשמע אוועקלייגען אן א זייט און זיך א נעם טאן צום ו נ ע ש ה, צוטרעטען צו מעשים ממשיים, צו קאנסטרוקטיווער ארבייט. מיט איין ווארט: ר ו פ ט ד י ק א נ ו ו ע נ ש א ן!

מיינע חברים שוחטים! איהר זאלט וויסען זיין, אז דוקא איצט אין דעם שעת חירום, אין דער צייט פון גרויסען „דעפרעשאן" וואס האט ארומגעכאפט אונזער לאנד, דוקא איצט ווען די יסודות פון רעליגיעזען אידענטהום ווערען אונטערגעגראבען ביז'ן יסוד; דוקא איצט ווען נים נאר דער עקאנאמישער מצב, נאר אויך דער גייסטיגער מצב ווערט שוואך און שוואכער פון טאג צו טאג; דוקא איצט ווען די באציהונג צו שחיטה וכשרות, איבערהויפט אין דער פראווינץ ווערט וואס א טאג אלץ מעהר פארנאכלעסיגט, איז דוקא איצט די פאסיגסטע צייט פאר אונז זיך צוזאמענקומען צו א שעהנער אידישער קאנווענשאן פון שוחטים איבער'ן גאנצען לאנד, צו באווייזען אונזער סאלידאריטעט, אונזער אחדות, און מיט געמיינזאמע כחות לעמוד בפרץ.

מיר אלע אין דער פראווינץ אזוי גוט ווי איהר אין נויארק וויסען אונזערע צרות וואס ריהרען אונז אן עד הנפש. מיר פיהלען אבער אז א קאנווענשאן וועט ראטעווען אונזער כבוד און וועט אונז אויפהויבען און שטארקען אין אונזער אייגענער שפלות.

לייגט זשע ברידער דעם „נשמע" אוועק אויף א זייט, הערט זיך אויף מתוכח צו זיין און נעמט זיך בלב ונפש פאר דעם נ ע ש ה. זאל יעדער שוחט, יעדער יחיד, יעדער פרט אויפהערען קרעכצען פאר זיך—ביחידות. לאמיר זיך צונויפקומען מיט ריינע געפיהלען און געלייטערטע הערצער און א קרעכץ טאן בציבור. עס קען זיין אז דער קרעכץ וואס קומט פון א ציבור האט אין זיך דעם כח צו דערגרייכען אהין וואוהין ער דארף דערגרייכען און דרינגט אריין אין די הערצער פון די יעניגע צו וועלכע ער איז געציעלט.

שוחטים פון נויארק! אייערע ברידער שוחטים וואס זייגען צוזייט און צושפרייט איבער'ן גאנצען לאנד רופען צו אייך און פאדערען אייך אויף, נעמט זיך פאר דער ארבייט, לייגט ניט אפ אויף שפעטער, ווייל עס קען חלילה זיין צו שפעט. עס קען חלילה מיט די קאנטרי שוחטים זיך טרעפען ווי מיט יענעם מלמד'ס ציג. דער מלמד האט כסדר געהאלטען אין איין ריידען פון דער ציג, וואס פאר א טייערע ציג זי איז, און וואס ער רעכענט פאר דער ציג אויפצוטאן, ווי אזוי די ציג וועט אויסקוקען שפעטער וכדומה. ער האט אבער פארגעסען איין קלייניגקייט — איהר טאג־טעגליכען געברויך. האט זיך די ציג ניט געקענט דערווארטען אויף דעם מלמד'ס גליקען און האט נעביך אויסגעהויכט איהר לעצטען אטעם.

מיר שטעהן גרייט אייך צו העלפען, מיר זיינען צו אייער פארדינסט, זאגט וואס מיר זאלען טאן וועלען מיר גלייך טאן. לייגט אבער ניט אפ אויף שפעטער.

מצוה הבאה לידך אל תחמיצנה.

---

זיי אן עלילת דם, פשוט א בלוט בלבול, אז די דירעקטארען זענען ב ל ו ט ־ ט ר י נ ק ע ר, זיי טרינקען די בלוט פון די לעהרער. וואלטען די דירעקטארען געווען דאס וואס ראזענפעלד וויל מאכען פון זיי, וואלטען זיי איהם פשוט גערופען אין געריכט און וואלטען איהם פערקלאגט פאר א שרעקליכע פערלוימדונג. ווי אזוי באשולדיגט מען דאס אידען וואס ארבייטען פאר תורה אז זיי טרינקען מענשליכע בלוט, ווען די אידישע תורה האט שטרענג פערבאטען מענשליכע בלוט, און קיין איד, אפילו א דירעקטאר פון א תלמוד תורה, איז נים קיין בלוט טרינקער אבער קיינער טשעפעט נים אם דעם ראזענפעלד'ן, ווייל זיי מוזען זיך קלעהרען, עפעס אן אויפגערעגטער איד, א שרעקליכער כעסן איז אפנים אם דער ראזענפעלד. ווער הערט איהם? ווער לייענט איהם? ווער דארף איהם? דער אמעריקאנער איד האט נאך אלעמען א געזונטען חוש פאר'ן אמת, און ער לאכט זיך אוים פון א בטלן וואס געהט ארום מיט א זויערען מאגען און דרעהט מיט'ן גראבען פינגער און סטראשעט די געגז, א מין משה קאפויר, רחמנא לצלן — אט אזוי מוזען אפנים קלערען וועגען איהם די עסקנים פון חנוך, און זענען איהם מבטל פונקט ווי מען איז מבטל ביי אידען חמץ ערב פסח.

צי זיי זענען גערעכט צי נים, ווייס איך נים; דעם אמת וויל איך אייך זאגען, אז חאטש איך בין נים קיין לעהרער, נים קיין פרינסיפאל און נים קיין דירעקטאר, נאר א פשוט'ער איינפאכער לץ, וואס לאכט זיך אויס פון דער גאנצער וועלט בכלל און פון זיך אליין בפרט. און ווען איך וואלט געהאט געלט וואלט איך געמאכט א גרויסארטיגע סעודה און וואלט איינגעלאדען די דירעקטארען, „די בלוט־טרינקער", און ראזענפעלד'ן, דעם עלילת־דם מאכער, און די הויפט פיהרער פון דער „יוניאן", די „געווערקשאפטען" און די לעהרער וועלכע זענען איצט געווארען כשר'ע „הארעפאשניקעס", און וואלט ביי א גוטער פלאש „פראהיבישאן" געמאכט שלום מיט זיי.

איך, וואלט זיי פשוט, מעשה לץ, געגעבען צו פארשטעהן אז דער גאנצער אומגליק זייערער איז וואס זיי פארשטעהן זיך אליין נים, פארשטעהן נים די לאגע פון אידישקיים בכלל און די לאגע פון אידישען חנוך בפרט. ראזענפעלד'ן וואלט איך זאגען: הער זיך איין, בחור, קריך נים וואו מען דארף נים; וואס ביזטו פאר א מחותן מיט תלמוד תורות? נים דו ווייסט, נים די ו ו י ל ס ט ווייסען, וואס דארט טוט זיך. דו ביזט א מקבל לשון הרע, פלאפלסט ווערטער וואס מען טראגט דיר אונטער פון די וועלכע זענען נוגעים בדבר. א תלמוד תורה, ברודער לעבען, איז נים קיין העברעאישער אוניווערזיטעט אין ארץ ישראל, וואו מען דארף לעהרנען ביבעל קריטיק.... א תלמוד תורה איז און דארף זיין א ר ע ל י ג י ע ז ע ר ערציהונגס אנשטאלט, און ווי קומסטו דארטען שטעקען דיין נאז, ראזענפעלד? טשעפע זיך אפ פון די תלמוד תורה'ס און נעם זיך מיט דיין פען וועלכע איז אימער גרייט לשבר למגר ולקרוע כרע אנדערע ברואים. לאז די תלמוד תורה'ס צו רוה, זיי האבען גענוג צרות אהן דיר.

די דירעקטארען וואלט איך זאגען: הערט זשע זיך איין צו מיר, מיינע ליבע, טייערע תורה פארזארגער; אויב מען זאגט

# הנרות הללו

געווידמעט די נחלת השבים

פון הרב הלל יעקב הורוויץ,
גאלוועסטאן, טעקסאס

ברענען קליינע ליכטעלעך,
פינקלען שוואכע פלעמעלעך,
דערציילען זיי געשיכטעלעך,
פון לייבען און פון לעמעלעך.

פון בליהענדיגע כרמים׳לעך,
פון פילע זאטע שייערלעך,
פון שרונ׳ס בלומען בשמים׳לעך,
שעפטשען אונז די פייערלעך.

דוכט זיך מיר א מורמלעניש,
הערט זיך פון די פלאקערען,
א בייזען א טומלעניש,
א, געהט שוין זייען אקערען!

פארנומען פון איין אנדערען
איז אייער לאנד דאס הערליכע,
און איהר ווילט דאס וואנדערען
צו קאנגרעסען צו יעהרליכע.

אויף מיטינגען און קאנגרעסלעך,
ווי שעהן איהר קענט דארט דרשה׳נען.
און לאזט אזוי ווי מת׳עלעך,
די פרעמדע פיינד אייך ירשה׳נען.

בייזערען זיך די ליכטעלעך,
קנאקען פייער שפריצעלעך:
איהר טוט ניט אייערע פליכטעלעך,
א! איהר זייט ווערט די שמיצעלעך...

א דעה דארף מען געבען די מאה — א דעת אהן א מאה איז א פאסקודנע געשיכטע. אויב איהר רופט לעהרער און שניידט זייערע געהאלטען, דארפט איר זיין פעראנטווארטליך אז דאס וואס עס קומט זיי נאך אייער רעכענונג זאלען זיי דאס האבען אין צייט. א דירעקטאר פון תלמוד תורה דארף געבען און שאפען געלד אויפצוהאלטען די תלמוד תורה. א דירעקטאר אבער וואס גיט א פעני ניט, און ארבייט ניט, נור ער זאגט דעות אויף די לעהרער, איז ער געגליכען צו א בהמה וואס גיט קיין מילך ניט.... פארקויפט מען איהר און מען ווערט פון איהר פטור.

די לעהרער וואלט איך זאגען: טייערע, הויך געשעצטע מלמדים! פליעז, האט רחמנות אויף זיך אליין, פארשטעהט אייער לאגע. אייערע סטרייקס מיט אייער ירגזון טאן, מיט דעם שטורעם אין א גלאז וואסער, מיט די הילף פון אייער אפאסטעל וועלכער אטאקירט די דירעקטארען און די פרינציפאלס און מאכט זיי פאר „בלוט־טרינקער" און „איבעריגער באלאסט" אויף די לעהרער — אט די אלע אומגעלומפערטע נארישע טענות וועלען אייך ניט העלפען נור ברעכען אין גאנצען. איר ווערט אליין אויסרייסען דעם וואָרצעל פון דעם בוים אויף וועלכען איר זיצט יעצט, און איר וועט מוזען פאלען צוזאמען מיט דעם בוים. איר וועט צווינגען דורך אזא טאקטיק ווי איר האט זיך גענומען יעצט צו אנפאקען די תלמוד תורה׳ס מיט אינגלעך מלמדים אדער עלטערע, רוהיגע אידען, פון וועלכע מען דארף ניט ליידען צרות, און קיין תלמוד תורה וועט ניט וועלען און וועט ניט קענען האבען צו טאן מיט „טיטשערס" וואס רופען ארויס „סטרייקס" און אטאקירען זייערע אייגענע פרינציפאלס. קיין מענש וואס האט שכל וועט ניט וואגען צו זאגען אז מען דארף ניט קיין פרינציפאל, מען דארף קיין זאך ניט האבען נאר לעהרער! מאכט זיך ניט נאריש! גענוג! עס געהט שוין צו וייט!....

און די פרינציפאלס וואלט איך זאגען: דזשענטעלמען! ראזענפעלד זאגט אז מען דארף ניט קיין פרינציפאלס. שרעקט זיך ניט; גלויבט מיר, אז קיינער נעמט איהם ניט ערענסט. פאר וואס זאגט ער ניט, אז מען דארף ניט קיין רעדאקטאר אין „טאג"? ניט קיין זעצער, ניט קיין פארלעגער, ניט קיין געלד, נור — שרייבער! הא?.... דאס זאגט ער ניט, ער זאגט נור אויף יענעם; זאגען דעם אמת האט ער מורא, ער קען נור אטאקירען דירעקטארען וועלכע לייענען איהם ניט און פרינציפאלס וועלכע זיינען איהם מבטל כעפרא דארעא. זאל ער אבער מבטל מאכען זיינע אייגענע פרינציפאלס פון „טאג" — דאס וועט ער ניט וואגען, אט דער שטרויענער העלד. איר, פרינציפאלס, דארפט ארבייטען מיט די לעהרער האנד אין האנד; איר ביידע האט די זעלבע פראבלעמען, די זעלבע צרות, און די זעלבע הייליגע פפליכט צו דעם יונגען דור אין אמעריקא. זאל אויפהערען דער נארישער, אומגליקליכער ברודער קאמף, וועלכע רואינירט אייך ביידען צוזאמען, און פערטרייבט ניט די בעסערע דירעקטארען פון די ת״ת.

איך וועל אין גיכען מאכען א באנקעט פאר לעהרער, פרינציפאלס און געטרייע דירעקטארען וועלכע שאפען געלד פאר תלמוד תורה (איז פאראן אזעלכע?!) און וועל זוכען מאכען שלום צווישען זיי.

וועט איר אלע קומען צום באנקעט? ענטפערט באלד!

# פון אונזער אלטען הייליגען קוואל

נעקליבענע פערעל פון אונזערע אלטע אוצרות פון וויכטיגע אידישע ספרים. איינגעטיילט אויף די סדרות פון דער תורה.

## וישלח

עם לבן גרתי — ותרי"ג מצוות שמרתי (רש"י) — זאל ביי דיר קיין חדוש נישט זיין, וואס אבזייענדיג צוואנציג יאהר ביי לבנ'ען, בין איך אלץ געבליבען א גר, וויל — ותרי"ג מצוות שמרתי, איך בין א איד, און א איד, מעג ער אבוואהנען אין א לאנד צעהנדליגער יאהרען, איז ער אלץ א גר, א פרעמדער...

(רבי אשר ריטענאווער).

הצילני נא מיד אחי מיד עשו — ער האט מורא געהאט פארביידע זארגען, פאר'ן „יד עשו" און אויך פאר'ן „יד אחי" פאר ווערען מיט עשו'ן גוט ברודער, פאר צו נאהענטע התקרבות, אינ'ם ערשטען פאל איז זיין גוף אין געפאהר, אין צווייטען פאל — זיין נשמה...

(רבי יאשע בער בריסקער).

וירא כי לא יכול לו ויגע בכף ירכו — ווען עשו זעהט, אז ער קען דעם אלטען יעקב'ן נישט בייקומען, איז „ויגע בכף ירכו" נעהמט ער זיך צו די קינדער זיינע, צום יונגען דור...

(אברבנאל).

ויאקב איש עמו — רבי שמואל בן נחמני אמר: כנוי נדמה לו, רב שמואל בר אחא אמר: כתלמיד חכם נדמה לו (חולין צ"א).

דער חתם סופר זצ"ל, וועלכער האט שטארק נעקעמפט קעגען דער דאמאלדיגער רעפארם באוועגונג ביי אידען, פלעגט זאגען אויף דיזען מאמר בדרך הלצה, אז ביידע מאן דאמר'ס זאגען ריכטיג; דער שר של עשו האט זיך באוויזען צו יעקב'ן סיי „כנוי" און סיי „כתלמיד חכם". וויל ער האט זיך באוויזען צו איהם אין דער געשטאלט פון — א רעפארם־ראבי, וועלכער פיהרט זיך אויף ווי א גוי און שפילט די ראליע פון א רב, א תלמיד חכם...

## וישב

לך נא ראה את שלום אחיך — זוכען זאלסטו ביי דיינע ברידער דאס שלימות, די גוטע זייטען, די מעלות — נישט די חסרונות (רבי ר' בונם).

דאמיט ווערט אויך נעטייטשט די משנה: „מעולם לא ראתה חמה פגימתה של לבנה" — דער אמת גרויסער מענש, דער מאור הגדול, זוכט קיין מאל נישט קיין חסרונות און קיין פגם אויף דעם, וועלכער איז קלענער פון איהם...

## מקץ

ויהי מקץ שנתים ימים — בשעת דער מענש קומט אויף דער עלטער, צום סוף פון זיינע יאהרען און טעג, ופרעה — דאן אנטפלעקט זיך פאר איהם (פון לשון כי פרעו אהרן) און ער דערזעהט — חולם, אז דאס גאנצע לעבען איז נישט געווען מער ווי א חלום, א קורצער חלום. „והנה עומד על שפת היאור" — אז ער שטעהט נאך אלץ ערשט ביים סאמע ברעג, ער האט גארנישט אויפגעטאן און גארנישט דערגרייכט...

(רבי משה מיכל מביאלע).

והנה שבע פרות אחרות וכו' לא ראיתי כהנה. „אין מראין לאדם אלא מהרהורי לבו", דער מענש חלומ'ט ביינאכט דאס, וואס ער זעהט און טראכט בייטאג, און — „לא ראיתי כהנה", אזעלכע משונה'דיגע זאכען האב איך גאר קיין מאל אין געדאנק נישט געזעהן...

(רבי איצעל וואלאזשינער)

## ויגש

אם לא ירד אחיכם הקטן אתכם — די תורה מיינט דערמיט יענע סארטען אידען וואס סיי קערפערליך און סיי גייסטיג זארגען זיי נאר פאר זיך; אבי איך האב צו עסען און צו טרינקען, אבי איך האב א גאנצען מלבוש און א ווארעם געלעגער. און דאס זעלבע אויך אין רוחניות: אבי איך בין א פרומער איד, א איד א למדן און א געוואלדיגער ירא שמים, אבי איך וועל לאחר מאה ועשרים שנה זיצען אויבען־אן אין גן־עדן... אי יענער? — וואס געהט ער מיך אן? פון מיינעטוועגען זאל יענער געהן אין גיהנם אריין!... וואס ארט מיך אז די תלמוד תורה'ס און ישיבות האלטען זיך ביי צושליסען? וואס ארט מיך דער נייער דור, אבי איך מיט מיין פרס משניות, מיט מיין בלאט גמרא וועל זיצען אין גן־עדן. זאגט אונז דערויף די תורה, אז זי קאן אזעלכע אידען נישט אנקוקען: „אם לא ירד אחיכם הקטן אתכם — לא תוסיפון לראות פני"!...

(רבי לוי יצחק בערדיטשעווער).

# בריעף פון שוחטים

## דער מצב פון שוחטים און כשרות אין אמעריקא

### א בריעף אין רעדאקציע וועגען מילה על הברכים

תשוב'ער רעדאקטאר פון דער „שוחטים שטימע":

איהר האט מיר אויפגעפאדערט, און אויך ר ע ו ו . י ע ק ב ב ל ו ם, דורך דער „שוחטים שטימע" צו געבען אייך אן ערקלעהרונג פארוואס מיר אלס מוהלים זוכען צו מאדערניזירען אן אלטען מנהג בישראל ווי סנדקאות על הברכים. ווי עס ציינט זיך אויס, זיינען מיינע ארגומענטען צו הרב לאנדמאן נים געווען צופרידענשטעלענד פאר אייך. וועט איהר זיך אבער זיכער אלס רב רעכענען מיט דעם נודע ביהודה וועלכע אידישע מנהגים זיינען איהם געווען זיכער טייער, אזוי ווי אונז אלעמען. און דאך ברייננט ער אין חלק ראשון ביורה דעה סימן פ"ו וואו ער ברייננט דעם מהרי"ל וואו ער איז מדמה די ברכים למזבח און ער פרענט איהם אפ און פיהרט אויס אין מיטען תשובה וזה לשונו: ועכ"פ כ ל ה ד ב ר י ם ה ל ל ו א י ן ל ה ם ש ר ש ו ע ק ר ב ג מ ר א והכל רק דרך דרש ורמז ולא לעכוב. ו ל א ל מ נ ה ג ק ב ו ע.

אט דאס זאגט הגאון נ ו ד ע ב י ה ו ד ה. שכל בית ישראל נשענים עליו.

מיר דאכט זיך, אז אזא גאון ווי דער נודע ביהודה איז גרויס גענוג צו פארלאזען זיך אויף איהם. ועיין תשובה נודע ביהודה חלק שני יורה דעה סימן קס"א, וואס ער זאגט ווענען אין למדין הלכות מן מדרשים, וזה לשונו: „אבל המדרשים והאגדות עיקר כונתם על המוסר ועל הרמזין ועל המשלים שבהם אבל אין עיקר כונתם על פסקי הלכות לכן אין למדין מהם לפסק הלכה".

אפילו דער ראב"ד, איינער פון די ראשונים דערמאנט בהלכות מילה דעם ווארט סנדק. אבער פרטים אז דארף זיין על הברכים דערמאנט ער נים. און עס איז גאר קיין ספק נים, אז דער ראב"ד רופט אז דעם תופס הילד נים על הברכים, אויך בשם סנדק. און בדרך כלל איז, אז יעדער זאך האט זיך איהר באזונדערען מזל. אט איז מצות מציצה. וועלכע ווערט דערמאנט אין חז"ל און אין ראשונים. אז עס זאל זיין בפה: און דאך האבען אלע גאונים געבויגען זיך פאר דער פאדערונג פון דער מעדיצין ווען זי איבערציינגט אונז, דאס די סכנה איז א פארקערטע (האי מאן דלא מייץ מעבירין אותו). און דער טעם וואס די חז"ל האבען אונז געגעבען איז אז אהן מציצה איז גאר די סכנה. אדער מיר וועלען נעהמען אלס ביישפיעל פריעה בצפורן — פסק'ענט דער מחבר בסימן רס"ד, וזה לשונו: ואח"ב פורעין הקרום בצפורן. און דער מקור איז אויך פון מדרש תהלים, אזוי ווי סנדק על הברכים, וואו ער רעכענט אויס די ארבייט פון יעדען אבר באזונדער, און דאך איז קיינער נים מרעיש עולם ווען עס איז כמעט בטל געווארען פריעה בצפורן, און עס ווערט געמאכט פריעה באזמל, ווייל עס קומט ארויס אזוי בעסער און היי־גיענישער, אין דער צייט וואס פריעה בצפורן איז די יסוד פון זעלבען מדרש. זוכען גאונים א היתר דערויף. ועיין אות ברית דף קכ"ז וואו ער ברייננט מנהג סלוניקי, דאס זיי טרייען מפריד זיין די עור הפריעה לכתחילה, קודם החיתוך פון דער עטרה, כדי עס זאל קע־נען געמאכט ווערען חתוך ופריעה בבת אחת, באזמל, און ברייננט א טעם לזה מהרה"ג ר' אריה ליב מנדלזון בהמאסף תרנ"ט ע"ד מנהג סלוניקי לעשות את המילה והפריעה בבת אחת, וז"ל: בסלוניקי עושים מקדמת דנא מילה ופריעה כאחת באיזמל והנה לפלא בעיני: הלא מימות גלות ספרד היו בה גאוני ארץ ועליה אמרו כי מסלוניקי תצא תורה וא"כ איזה סבה הביאתם לשנות מהפריעה בצפרנים, ע"כ נלע"ד כי ידוע מדברי הימים, כי כמה מגאוני ספרד היו רופאים גדולים, ומהם אשר באו לסלוניקי ובודאי בהיותם בעצמם הרבנים והמוהלים והרופאים וכאשר חלה איזה ילד, ואח"כ חקרו היטב ומצאו אצל אחדים כי דמם נתעכר מחמת מילה ויעו כי היד ממשמשת בכל מקום ע"כ נמצא תחת הצפורן ארס הרבה ואע"פ שינקו היטב בכל זאת אולי אחד מאלף לא ידקדק היטב וחששו לסכנה. לכן תקנו לעשות את המילה והפריעה כאחת, באזמל, וכל זאת מפני פקוח נפשות.

און אויך אין תשובת הגאונים לרבינו האי כתוב לאמר:

בני בבל יש להם חק משנים רבות שעושים חתוך ופריעה בפעם אחת. זעהען מיר דאס אז פריהערדיגע גאונים האבען גיזוכט היתרים אויפצוהאלטען די מצות מילה, און אין דער זעלבער צייט נאכגעבען די מעדיצינישע פאדערונג ווען עס ברעכט זיך אפילו א מדרש. היינט צו וואס מרעיש עולם זיין און פארלאנגען דורכאוים סנדקאות על הברכים, ווען די מאדערנע מעדיצין אין אמעריקא פארלאנגט דורכ־אוים, דאס דער רך הנימול זאל קומען אין וועניגער בא־ריהרונג מיט מענשליכע פלודערען אדער אנדערע קליידער און זיי פארלאנגען דאס די קינדער זאלען גע'מל'ט ווערען על השולחן און נים על הברכים? מען דארף נים פארגע־סען, אז קימפעטארינס ווערען געלעגען היינט אין האס־פיטאלס, וואו צענדלינע קינדער זיינען צוזאמען אין איין רום, און אויב די מעדיצין גלויבט דאס א פאר הויזען פון ברכי הסנדק זיינען גורם צו קראנקהייטען פאר פילע קינדער, זעה איך נים איין פארוואס מען זאל דאס נים נאכגעבען, אין דער צייט דאס דער סנדק זיצט. און קיין דין ברעכט זיך נים און קיין מנהג אויך נים און אונ־זערע גרויסע רבנים פון אמאל וואלטען זיכער נאכגעגעבען אזא קלייניגקייט. אין שפיטאלען וואו אידישע מוהלים ווערען נים אריינגעלאזט, היינט צו טאג, און קינדער ווערן נע'מל'ט דורך גויאישע דאקטוירים, אדער נים אין צייט, בזמנה, איז די שולד פון אונז אליין וואס מיר האבען זיי נים נאכגעגעבען זייערע פארלאנגען און באשטאנען אויף מדרשים. . . .

ביי דער געלעגענהייט וויל איך אויסדריקען א פאר ווערטער צו די כורעי הברכים, די וואס פאלען אזוי שטארק פאר קדושת סנדק על הברכים. דאס די קדושת סנדק בכלל דא אין אמעריקא ברעכט יסודות אין יהדות, ווי איהר קענט זיך פארשטעלען. און דאס וועלען אייך עדות זאגען מוהלים. פיעל מאל טרעפט זיך דאס ברית'ן ווערען אפגעליינט פון שבת אויף זונטאג, ווייל א זיידע קען נים זיין שבת ביים ברית און ער פארבייט דעם יום השמיני צוליעב א סנדק על הברכים. ווי קען דאס זיין אהן איהם? . . . און אז אנדער זיידע א כוואט איז גאר מחלל שבת צוליעב דער מצוה פון סנדק על הברכים און קומט צו פאהרען אליין אום שבת.

און ווי איהר וועט נים דרעהען האט די קדושה וואס

דאס פאלק האט אריינגעליינט אין סנדק געהאלטען איז צוברעכען אדער עס ברעכט שבת, אדער דעם ביום השמיני. און דאס זיינען מעשים בכל יום. היינט פרעגט זיך אויב עס איז כדאי אנצוהאלטען די גאנצע קדושה פון סנדק? איך בין זיכער, דאס דער מהרי"ל וואלט זיכער ניט וועלען ברייננען פאר א קרבן דעם שבת און דעם ביום השמיני אויף דעם מזבח פון ברכי הסנדק. ער וואלט בעסער וועלען מכנה זיין דעם שולחן, וואו א קינד ווערט נע'מל'ט אויף איהם מיט'ן נאמען מזבח, ווי די פיס פון א זיידען, וואס איז מחלל שבת צוליעב דער מצות סנדק על הברכים, אדער איז מבטל דעם ביום השמיני פון דער תורה צוליעב דער קדושת מצות הסנדק על הברכים, ווייל אין אמת'ן איז א איד וואס ווייס די וויכטינקייט פון שבת און ביום השמיני פארלאנגט נאר ניט סנדקאות על הברכים, ווייל ער ווייס דאס דער קיום מצות מילה איז דער עיקר . . .

וואו נעהמט מען א ירמיהו הנביא? ווען ער האט געזעהן דאס דער פאלק פארהייליגט צו פיעל דעם ארון און זיין קדושה ביים פאלק ברייננט מעהר שלעכטעס ווי גוטעס האט ער אויסגערופען מיט שמחה (ירמיהו ג' פסוק ט"ז): לא יאמרו עוד ארון ברית ה' ולא יעלה על לב, ולא יזכרו בו ולא יפקודו ולא יעשה עוד. דאס האט געקענט זאגען ירמיה. פארוואס זאל זיך ניט געפינען איינער צו זאגען דאס זעלבע אויף דער קדושת סנדק בכלל? וואס ווערט ניט דערמאנט אין די חז"ל, ווען מען זעהט לדאבוננו — און דאס וועלען דארויף אייך עדות זאגען די מוהלים וואס קומען אין פאלק — דאס די זיידעס כוואטעס ברעכען צוליעב דער קדושה וואס מ'האט אריינגעלייגט אין מצות סנדק אדער דעם שבת אדער דעם ביום השמיני.

איך פארהאף דאס איהר וועט אנבעהמען מיין ענטפער פאר צופרידענשטעלענד.

בברכת התורה והדת,
טובי' מרדכי בעלקין.

אזא וויכטיגע פראגע ווי מבטל מאכען א אידישען מנהג מוז גרינדליך דעבאטירט ווערען ביי רבנים מובהקים, שוחטים ומוהלים, זעהר ערנסט, בכובד ראש וביראת שמים טהורה. אין די קומענדע נומערען פון די „שוחטים שטימע" וועלען געדרוקט ווערען נאך ארטיקלען און בריעף וועגען דיעזען ענין. די יעניגע וועלכע האבען עפעס צו זאגען וועגען דעם זיינען געלאדען דאמיט. אבער עס מוז זיין א חרוש ולא לטחון קמחא טחינא.

די רעדאקציע.

---

## ראטשעסטער, נ. י.

ווערטהער רעדאקטאר:

לעזענדיג דעם ארטיקעל פון חשוב'ן רעוו. אליהו מעלצער אין „שוחטים שטימע", תשרי תרצ"ג, וואו ער לייגט פאר אין נאמען פון די „אגודת השוחטים דניו־יארק רבתי" אין גאנצען אפשאפען צו לערנען תלמידים די מלאכת השחיטה, כדי שלא ילמד אדם שאינו הגון; האב איך זיך דערמאנט די משנה (יומא ל"ח ע"א) „ואלו לגנאי של בית גרמו לא רצו ללמד על מעשה לחם הפנים של בית אבטינס לא רצו ללמד על מעשה הקטרת, הוגרס בן לוי היה יודע פרק בשיר, ולא רצה ללמד, בן קמצר לא רצה ללמד על מעשה הכתב", אע"ג דהם נתנו טעם לדבריהם „שלא ילמד אדם שאינו הגון" לא קבלו חכמים את דבריהם (ברטנורה).

די לאנדאנער „באָרד אוו דעפיוטיס" האט געוואלט דורכפיהרען א פארשלאג, „אז די אידישע קהילות אין ענגלאנד זאלען ניט באציהען קיין כלי־קדש פון אויסלאנד" און די „אגודת השוחטים דנויארק רבתי" זאגט, אז דוקא אימפארטירטע כלי־קדש זייגען כשר. מיין מיינונג איז: אזוי ווי דער פארשלאג פון די „באָרד אוו דעפיוטיס" איז דורכגעפאלען, ווייל ביי אידען איז פאראן א טראדיציע, אז עס זיינען ניטא קיינע גרענעצען פאר כלי־קדש, און דער רב אדער דער שוחט ווערען ניט געמאסטען מיט דעם מאשטאב פון דער לאנד וואו ער איז געבארען און ערצויגען, נאר נאך זיינע פעהיגקייטען, מידות און הנהגה, — אזוי דארף אויך דער פארשלאג פון „אגודת השוחטים" ניט דורכגעפיהרט ווערען, ווייל אין די יעצטיגע שטרענגע געזעצען פון אימיגריישאן, מוזען מיר אפשאצען די פראגע ניט נאר אויף וויפיעל עס באלאנגט אונז פערזענליך, נאר מיר דארפען אויך נעמען אין אכט די צוקונפט. מיר מוזען טרייען אז אמעריקע זאל זיך קענען אליין באזארגען מיט „עובדי מלאכת הקדש" רבנים און שוחטים, און אויב מיר זאלען זארגען נאר פאר אונזער מאטעריעלען פראפיט דארף מען פיעל ישיבות דא אין לאנד צושליסען עס זאלען ניט געשאפען ווערען נייע רבנים, ווייל פילע רבנים גייען ארום אהן שטעלעס. און גיט לאנג צוריק האט טאקע איינער געמאכט א פארשלאג מען זאל אויף איינינע יאהר צושליסען די ישיבת ר' יצחק אלחנן, כדי עס זאלען זיך קענען איינארדענען די רבנים וועלכע זיינען פאראן ביז יעצט. און מיר אלע האבען שטארק פראטעסטירט נעגען אזא פארשלאג.

דער געעהרטער רעוו. א. מעלצער, שטעלט זיך די פראגע: וויבאלד 90 פראצענט שוחטים דא אין לאנד זיינען אייראפעאישע שוחטים, טו ווארום איז די מלאכת השחיטה אזוי וואכעדיג געווארען, און ער זעהט די אורזאכע פון אלע צרות אין די 10 פראצענט וואס האבען זיך אויסגעלערענט שחיטה דא אין לאנד. צום באדויערען איז דער כלל ניט אין גאנצען ריכטיג. דער אומגליק איז וואס פילע פון די 90 פראצענט אייראפעאישע שוחטים, איבערהויפט אין די קאנטרים, האבען פארגעסען זייער היימישע תורה און זיינען דא אראפ פון דרך הישר. איך ווייס א פאקט פון א שוחט, וועלכער איז געווען אין א קאנטרי ניט ווייט פון דאנען און איז א סובסקרייבער פון דער „מארגען־פרייהייט", און זיין פרוי פלעגט קויפען ווואורשט דוקא פון א גוי'אישער גראסערי. און נאך פאקטען ווייס איך פון שוחטים אין א קאנטרי וואו עס געפינט זיך א היפשע אידישע קהלה מיט איינינע שוהלען, און זיי, די שוחטים געהן שבת אין די בענק און חתמה'נען נאוטס. און די אלע זיינען דוקא געקומענע שוחטים, וועלכע האבען „קבלה מגאוני וגדולי יוראפ". און מעגליך אז זיי זיינען דאמאלסט ווערט געווען זייערע „שעהנע קבלות", נאר דער הפקרות'דיגער לעבען אין אונזער אמעריקע און דער געפיהל צו רייך ווערען, האט זיי אראפגעפיהרט פון דרך הישר. און דאנענען קען איך איינעם וואס

האָט זיך דאָ אויסגעלערענט און פיהרט זיך עפ"י דרך התורה והמצוה. קיין באשטימטער כלל האלט דא ניט אוים.

מיין מיינונג איז, אז די פראגע דארף זיין די ערשטע אויף דער „שוחטים קאָנוועגשאָן", וועלכע דארף פאָרקר־מען. עס מוז געשאפען ווערען א קערפערשאפט זי זאָל זיין צוזאמענגעשטעלט פון איינינע רבנים און מיטגלידער פון „אגודת השוחטים", און אָט די קערפערשאפט זאָל קאָנטראָלירען, נאָכזוכען, ערשטענס: וועלכע שוחטים זיינען ניט ראוי צו פארנעמען זיך מיט די מלאכת הקדש, מהזען באפרייט ווערען פון זייער אמט. אין רחמים בדין. איך בין זיכער, אז יעדער קאנטרי, ווי פריי זי זאָל ניט זיין, וועט נעווים אויספאָלגען דעם באפעל ווען מען וועט זיי זאָגען אז דיזע מענשען טאָרען קיין שוחטים ניט זיין.

צווייטענס, דארף די זעלבע קאָמיטע קאָנטראָלירען אויך די וועלכע קומען לערנען זיך שחיטה, אויסגעפינען זיין פארגאנגענהייט, זיינע פעהיגקייטען, זיינע מידות און זיין הנהגה, און אָהן דער הסכמה פון דער קאָמיטע טאָר מען קיינעם ניט לערנען.

אויך אויפפאסען אז יענער שוחט וועלכער לערענט דעם תלמיד זאָל ניט אין זינען האָבען אין גאנצען דעם ביזנעס זייט פון דער ארבייט, ניט זיין געאיילט און ניט ארויסלאָזען פון האנד א „דבר שאינו מתוקן". דאָס איז איינע פון די וויכטיגסטע זאכען און אויך פון די גרינגסטע דורכצופיהרען, און דערמיט וועט וואקסען דער צוטרוי צו דער „אגודת השוחטים", ס'וועט דערהויבען ווערען דער מצב השוחטים והכשרות און אויך דער כבוד פון די מלאכת הקדש.

בכבוד רב

ש מ ו א ל ד. מ ה ר ש ק,

שו"ב בראטשעסטער, נ. י.

---

## ווילקעס־בערי, פא.

אין דער זעהר וויכטיגע פראגע וואָס איהר שטעלט לאחינו השובי"ם דארצות הברית וקנדה, אויב רופען א קאָנוועגשאָן פון אלע שוחטים אין לאנד, וואו און ווען?

לדעתי געפין איך אז רופען א קאָנוועגשאָן פון שוחטים אין אונזער מדינה, וואָלט זיין זעהר א וויכטיגע זאך, א דבר בעתו. אן אסיפה פון הונדערטער שוחטים זאָל זיין וואו עס וועט זיין, וואָלט אויפגעהויבען אביסעל דעם פרעסטיזש, דעם גייסט, און זיכער פארבעסערט דעם מצב הרוחני והגשמי פון אחינו השובי"ם אין אונזער אמעריקא, ובפרט כלפי חוץ. ליידער איז דער מצב פון אלע עוסקים בעבודת הקודש, רבנים אריינגערעכענט, אין דער לעצטער צייט געפאלען עשר ידות אחורנית, מיט דעם אלגעמיי־נעם תירוץ — פון דעפרעשאָן, פון וועלכען ס'איז „קצר המצע מהשתרע" צו שרייבען באריכות, ובפרט ס'איז א דבר ידוע ומפורסם, וואָס יעדער שו"ב וויים דאָס און פילט דאָס אין די ביינער, ס'איז בבחינת „מבשרי אחזה".

אין א פאָריגען נומער פון די „שוחטים שטימע", האָט איהר געגעבען א עצה דאָס די שוחטים זאָלען זיך צו ביסלאך מאכען אגודות אין זייערע געגענדען, און דאן וועט איהר זיי העלפען.

אלס א שו"ב אין א קאָנטרי, קאָן איך אייך זאָגען, אז ס'זיינען פאראן שוחטים אין שטעדט און שטעטלאך וואָס זיינען בבחינת „אין חבוש מתיר את עצמו" מ'איז נישט פאראייניגט צווישען זיך אליין, דאגת פרנסה מצד אחד, נגישות און רדיפות מצד השני, פאלט מען ביי זיך עד ונהי בעינינו כחגבים, און ממילא וכן היינו בעיניהם, ביי די עיני העדה, אונזערע פיהרערס, אונפאראנט־וואָרטליכע מנהיגים, פרעזידענטען פון שולען און ועדי הכשרות. אָט למשל זיינען פאראן ביי אונז אין שטאָדט 5 שוחטים מובהקים, מיט א ועד הכשרות, וועלכער איז פאראנטוואָרטליך פאר עניני הכשרות און אויך פינאנציעל, פארזאָרגען ווייזשעם פון אלע כלי קודש. אין די לעצטע צוויי יאָהר איז דער מצב הפרנסה פון די שוחטים בעירינו געפאלען כמעט אויף העלפט, און טאָמער מאכט זיך אמאָל מיר ווילען זיך צוזאמענרעדען און טרייען וואָס, און ווען, קאָן מען נישט די זכיה האָבען זיך בלויז אפילו צוזאמענקומען. איין שוחט דאכט זיך, אז ער האָט א גרעסערע שוהל, מיט 25 קבצנישע מעמ־בערס איז נגד כבודו זיך אוועקצוזעצען ביים טיש מיט די אנדערע. איינעם האָט דער פרעזידענט פארזאָגט זיך נישט צו מישען אין פאָליטיקס, טאָמער שרייט א שוחט ער האָט נישט קיין פרנסה, הייסט דאָס פאָליטיק?

וואָס איך מיין ארויסצוברענגען איז, אז אונזער ישועה דארף קומען לדעתי נישט דורך קליינע אגודה'לאך, נאָר טאקע דורך א איינהייטליכע „א ג ו ד ה א ח ת", וועלכע קאָן באשאפען ווערען מיט דעם כח פון די אגודת השוחטים דנויאָרק רבתי, מיט דער הילף פון „די שוחטים שטימע". וואָס ס'איז שוין היינט א יש מיש, נישט א יש מאין, און איז נויטיג. דאָס וועט אויפמונטערן דעם גע־וויסען פון די שוחטים אליין, און דאָס זעלבע פון אונזערע פארזאָרגערס און וועט שאפען א שטאַרקע אָרגאַניזאַציע פון שוחטים און סובסקרייבערס פאר דער „שוחטים שטימע" וועלכע דארף זיין א ציערונג פאר יעדען שו"ב אין זיין הויז. ולא אוכל להתאפק בתוך כדי דיבור להגיש תודה ותשואות חן להרה"ג הרשל"ה נ"י (ר' שמרי' ליב הורוויץ) פאר זיינע וואונדערבארע ארטיקלען און השקפות טובות, וועלכע זיינען א ל י מ ו ד ב פ נ י ע צ מ ם אפילו פ א ר ל ו מ ד י ם.

וועגען דער פראגע וואו זאָל גערופען ווערען די קאָנ־ווענשאָן. אזוי ווי איך בין ערשט א פאָר יאָר אין דער מדינה און קאָן ניט אזוי גוט די געאָגראפישע לאגע פון לאנד, זאָלען די מעהר ערפאהרענע ענטפערען דערויף.

וועגען דער פראגע ווען? ו ו א ס פ ר י ה ע ר א י ז ב ע ס ע ר, זריזין מקדימין למצוה. תיכף נאך די ימים הטובים הבעל"ט. וד' הטוב ירום קרננו למעלה למעלה ראש, ו'יתן ש'לום ב'ארצנו: ראשי תיבות של שו"ב. כאמור, ו'נתתי ש'לום ב'ארץ, ואז נזמר ש'ירות ו'תשבחון ב'רכות, וכו', ונזכה לשנת גאולה וישועה.

יעקב יצחק זמ"ן שו"ב וש"ץ פה ווילקס־בערי, פא.

## סט. לואיס, מיזורי

ב"ה יום ה' י"ד לחודש אלול תרצ"ב, פה סט. לואיס מיזורי.

לכבוד מערכת העתון „די שוחטים שטימע" !

נאכהער ווי איך באגרים אייך און דאנק אייך פאר די „שוחטים שטימע" וואו איהר גיט פלאץ און איהר בעט אז יעדער שוחט זאל שרייבען דעם מצב השוחטים פון זיין שטאדט, וויל איך ערפילען אייער פארלאנג און אויך שרייבען פון אונזער שטאדט סט. לואיס בקיצור האפשרי.

אין אונזער שטאדט הערשט יעצט אויך א הפקר צר שטאנד אין דער שחיטה מיט די כשרות. שוין העכער א האלב יאהר אז די שוחטים ווערען בארויבט פון זייער חיונה, און די כשרות איז צובראכען, טראץ דעם וואס ביז יעצט האבען מיר געהאט דעם בעסטען ארדענונג אין שחיטה. שוין העכער 20 יאהר, אז די שוחטים האבען אן אגודה און דורכדעם האבען זיי געהאט די מעגליכקייט דורכצופירען אז די געצאלט פאר שחיטה געלט זאל יעדער שלאכט הויז צאלען פון יעדער פונט פלייש וועלכע זי פארקויפט כשרה דורך דער וואך, צו א טרעזשורי פון די שוחטים.*) און מיר צעטיילען זיך חלק כחלק, און די שוחטים זיינען ניט פארקויפט ניט צום שלאכט הויז און ניט צום בוטשער, יעדערער קאן פארשטיין וואס פאר א געווינס דאס איז פאר די כשרות, אז דער שוחט דארף ניט מורא צו האבען טאמער ווערט צופיל טריפה, און עס האט זיך געפיהרט, פונקט ווי מיין פריינט הרב הג' ר' שמואל מנחם פיין שליט"א, פון דעטראיט, פאדערט אין נאמען פון כשרות, אז די שוחטים זאלען זיך פאראייניגען, ער האט פילע מאמרים געשריבען, און ספעציאל אין זיין מאמר „כל מי שיש בידו למחות" אין שוחטים שטימע פון חודש אב, און אזוי פארלאנגען אלע עהרליכע רבנים וועלכע זארגען דערפאר צו פארשטארקען דעם דת, צו פארשטארקען דעם חומת היהדות. עס זאל ניט זיין קיין הפקרות און נאכהער זארגען זיי פאר זיך זעלבסט, אבער אפנים אז עס גיט א צווייטער קלאס רבנים וועלכע האבען זיך אנגעכאפט צום קרדום לחפור בה, און מיט דעם קרדום שניידען זיי רעכטס און לינקס, זיי צעברעכען יעדער גוטע תקנה אין א שטאדט. זא ווי ביי אונז געפינט זיך א רב שוין 14 יאהר און ער האט שוין פיל מאל געטרייעט צו מאכען א שחיטה א באזונדערע מיט פרעמדע שוחטים און עס איז שוין געווען דיני תורות מיט פסקים, און יעצט האט ער ווידער געבראכט פרעמדע שוחטים, איינעם מיט'ן נאמען עסקין, פון דעטראיט, און א צווייטען א בן בלי שם, און זיי זיינען אונז מסיג גבול, און זיי האבען איינפאך אוועקגערויבט די חיונה פון 43 פאמיליעס, 19 שוחטי גסות, 14 שוחטי עופות, 10 משגיחים, אויסער די חיונה פון 40 עהרליכע בוטשערס. און יעדע גוטע ארדענונג האבען זיי צובראכען, די הפקרות איז געווארען זעהר גרויס, יעדער מנובל טוט וואס וואס זיין הארץ גלוסט, און דער עולם גולם, ספעציעל ביי איצטיגע שלעכטע צייט. לויפט ער קויפען וואו ער קאן נאר קריגען עפעס ביליגער. און עס העלפט ניט קיין איסור פון אונזער מרא דאתרא הרב הגאון ר' חיים פישל עפשטיין, יענע זיינען ארויס מיט א סירקולאר אז זיי ווערען געשטיצט פון די כנסת הרבנים, אז זיי טוען מיט זייער הסכמה ; זאל די וועלט וויסען פון דעם גרויסען פארברעכען וואס ווערט געטאן נעגען אונז פון איינעם וועלכער קליימט צו זיין א רב הכולל.

וועגען אייער פראגע צו מען זאל רופען א קאנווענשאן פון שוחטים פון גאנצען לאנד ? וואלט איך אויך זאגען אז עס איז נויטיג, און דער פלאץ זאל זיין ניו יארק אדער באסטאן.

אלי' ליב פישער

סעקרעטאר פון די „אגודת השוחטים" אין סט. לואיס.

### אנמערקונג פון דער רעדאקציע

מיר גיבען גערען פלאץ צו בריף פון שוחטים, וועלכע זיינען צו אונז זייער טייער, עס איז אבער אונמעגליך צו לאזען דרוקען די אלע סירקולארס, וועלכע וואלטען פארנומען כמעט א גאנצע „שוחטים שטימע". די רעדאקציע ווערט פארפלייצט מיט א מבול פון סירקולארס פון פארשיידענע שטעט אין לאנד וואו עס קומט פאר מחלוקת צווישען שוחטים און רבנים, שוחטים און קהלות, און אויך שוחטים צווישען זיך. דרוקען אט די סירקולארס איז איבעריג און נוצלאז, מיר פיהלען אבער אז עס מוז גערופען ווערען א שוחטים קאנווענשאן פון גאנצען לאנד אזוי שנעל ווי מעגליך. דארט וועט געזוכט ווערען א לייזונג צו פילע אנגעוועהטאגטע שוחט'ישע פראגען.

*) יעצט שוין איניגע יאהר ווי עס עקזיסטירט א ועד העיר קומט עס אריין צום ועד העיר און זיי גיבען איבער צו אונז.

# השומר

ירחון מוקדש לחזוק התורה והיהדות לבירור ולבון שאלות החיים על פי רוח התורה והאומה

יוצא לאור ע"י אגודת שוחטי עופות דניו יארק רבתי במדינת אמעריקא. הרב שמריהו ליב הורוויץ, העורך.


## הרמב"ם והחנוך*)

(המשך)

„וישם תכליתו תכלית האדם באשר הוא אדם, והוא ציור המושכלות, לא זולת זה... ואלו האנשים הם עם השם תמיד, והם אשר נאמר להם: בני אלהים אתם ובני עליון כלכם, וזהו המבוקש מן האדם, ר"ל היא תכליתו" (הרמב"ם בי"ד מג' למורה).

והנה לפי דעתו של שפינוזה העבודה השכלית צריכה לצעוד צעד קדימה, והוא, לחבר את העצמיות הנצחיות, ולהתרומם אל האחדות הכללית, שהיא סבתן המשותפת, וככה היא יכולה להגיע אל ההבנה העליונה, שהיא נקודת המוצא של המדע המוחלט, המכשיר את הפילוסופיה להתפתח עפ"י חוקי ההנדסה, והרמב"ם ביאר שתכלית החכמות הלימודיות (שעיקרן ההנדסה) בהרגל דרכי המופתים הברורים, שמהן ישכיל אדם במחקרו על אודות האלהות (בשמונה פרקיו).

שפינוזה אומר כי העצם הוא מקור ההויה, והרמב"ם ז"ל אומר; „וכבר הודעתיך שאין זולת השם יתעלה, וזה הנמצא, ואין ראיה עליו יתעלה אלא מזה הנמצא מכללו ומפרטיו, וכו' ואין במציאות זולתו השם יתברך, ומעשיו כולם, והם כל מה שכללה אותם המציאה בלעדיו, ואין דרך להשיגו אלא ממעשיו, והם המורים על מציאותו (הרמב"ם בע"א מא' למורה) וכן דעתו בנוגע לדברי הרמב"ם כי „השכל והמשכיל והמושכל אחד" (כ"מ מא' בהמורה).

השפעת הרמב"ם ניכרת בדעותיו של שפינוזה גם בזה שהאמין כי אך על ידי קנין שלימות ה ד ע ו ת ו ה מ ד ו ת יוכל היחיד, וכן גם הצבור, לזכות ליהנות מן החיים הנאה שלמה טהורה ואמתית, ולהיות שמח בחלקו, מאושר ושאנן.

דר' יואל במחברתו „שפינוזה'ס טהעאלאגיש-פאליטישער טראקטאט" (ברעסלא 1870) עשה הקבלה נכונה ופרטית בין הרבה מאמרים שבספרו „טראקטאטוס" ובין מאמרי הרמב"ם, והראה בדיוק, ששפינוזה השתמש בספר המורה לחצאין, וחלק עליו לא בצדק „היה אוכל לחמו של הרמב"ם והגדיל עליו עקב מתוך לב מר". (סוקולוב בספרו על „שפינוזה וזמנו" וליאון ראטה, פרופיסור במנשסטר בספרו ע"ד שפינוזה ולימודו מספר מורה נבוכים ועוד).

והנה שפינוזה זה הפילוסוף הגדול שכל חכמי הזמן כורעים כרך לפניו, שבנה שיטה ענקית בפילוסופיה שחכמי הפילוסופיה משתוממים על עמקה ואשר גם פילוסוף גדול מתנגד נורא לשיטת השכלניות כברנסון בימינו, עומד ומעיד, שאי אפשר לפילוסופיה בעולמנו בלי יחס ושייכות לשפינוזה. פילוסוף ענק זה היה מושפע לא רק מר' חסדאי קרשקש אלא גם כן מדעותיו והשפעתו של הרמב"ם ז"ל, זה שהיה ענק רוחני בכל המקצעות שאין כדוגמתו.

והנה מחוללי דת ישראל, נביאיה וסופריה, קדושי האומה, לא היו פילוסופים במובנה הטכני של המלה, אבל דת ישראל שהיתה למרכז התפתחותו הקולטורית של חלק גדול מן המין האנושי, כחה יפה היה גם בזה שהרחיבה את גבולה של המחשבה העיונית, ההגיונית, ושיטתו של הרמב"ם מורה לנו את הדרך בהסתכלותנו ההיסטורית והתחלותיה של פילוסופיה בישראל, ותפקידה הראשון של הפילוסופיה בישראל בזמן הזה; להרצות את תולדות העקרים בישראל· „מתוך השקפה פילוסופית". (דר' דוד נימרק „תולדות הפילוסופיה בישראל") ודר' נימרק אומר כי מ י מ ו נ י היה ה פ י ל ו ס ו ף ה י ו ת ר ג ד ו ל ב י ש ר א ל (שם, צד 109) בהרמב"ם, הוא אומר, מתאחדים באופן היותר גלוי שני היחסים שבין תורת הנביאים ותורת אפלטון, הרמב"ם דחה התורות הפנומות של הפילוסופים וקבל רק את תורת אצילות הרוח מן הרוח, הרמב"ם דלה מתוך סבך השיטות והדעות את ה ג ר ע י ן ה פ י ל ו ס ו פ י שבכל התורות המסתוריות שמצא בשיטות שקדמוהו, הרמב"ם מצא את ה פ י ר ו ש ה פ י ל ו ס ו פ י של תורת האידיאות.

וכדאי להעיר כי גם בספרי המקובלים אתה מוצא רעיונות פילוסופיים דקים עמוקים ויפים שיש בהם מתוך השפעת הרמב"ם ז"ל (לדוגמא, ספר „מערכת אלהות" שמבאר את ספר „הבהיר" פירוש לספר יצירה, ועוד כידוע למעיינים).

בעודנו בחיים זכה הרמב"ם להיות אחד הקלאסיים של פילוסופות ישראל, ואחרי מותו לא ארכו הימים, ומעריציו קבעו מקום לספריו בשורה אחת עם ספרי המקרא והתלמוד — מקום, שהרמב"ם עומד בו כמעט עד היום הזה, הפילוסוף השיטתי הראשון שאחרי הרמב"ם, הלל די לומברדיא, מתפאר הוא באחד ממכתביו, שהוא בקי ומומחה בספרי הרמב"ם מכל בני דורו (טעם זקנים ע' עמוד ב') ובדברם על מקורות הפילוסופיה הם מזכירים בשורה אחת את המקרא והתלמוד ו„ספרי חכמה" וגם, וביחוד, את ה מ ו ר ה של הרמב"ם (למשל, יצחק עראמה, עקידת יצחק, פתיחה) פרקים מיוחדים של המורה נעשים מוצא לספרים שלמים (ביחוד על ידי „יצחק אברבנאל"). הרבה מפילוסופי התקופה שאחרי הרמב"ם מוצאים די ספוק שאיפותיהם הפילוסופיות בזה, שהם כותבים פירושים והערות ל„מורה". הפילוסופים

*) מתוך הרצאה בעברית שהרצה אצל אגודת „ברקאי", הרב ר' שמריהו ליב הורוויץ.

207

היותר גדולים של אותה התקופה, רלב"ג, נרביני וקרשקש, מסננים את רעיונותיהם הפילוסופים מתוך וכוחיהם את הרמב"ם, ובכלל, כמעט שאין לך שום ספר בעל תבונה פילוסופית כל שהיא בתקופה שאחרי הרמב"ם שאינו מתווכח עם זה. חריפותם של כל הפילוסופים והמפרשים מנסה דבר אל „סתרי תורה" של המורה, וביחוד גם החריפות הנפלאה באמת של משה נרביני — אלא שלמרות התפארותו הבטיח כי הוא על פי רוב אינו מוצא את חידותיו, (תולדות הפילוסופיה בישראל, 360).

ספר המורה של הרמב"ם נמצא כל כך נחוץ עד שהעתיקהו אחד מחכמי אומות העולם במאה הי"נ ללשון רומית.

הפוסק ר' ישעיה די טראנו שרבנו יצחק אור זרוע היה פונה אליו בשאלותיו בהלכה (אור זרוע חלק א' 88, 218, 220) ושנחשב בתור בר סמכא גדול בעיני כל גדולי הרבנים מימי הבינים והלאה, והיו הכל סומכים על הוראותיו שכתב הרבה חבורים על התלמוד, פסקי הלכות ותשובות הרבה והוא אומר (לראש השנה ר"ג) „לדידי חזי לי ספר המועדים שעשה רבנו משה בר מימון זצוק"ל מביא חכמות נוראות ונפלאות, ואין חכם בעולם שיוכל לעמוד על דבריו אך מי שיהיה בקי בחכמת השמים".

## הרמב"ם וחכמת ההגיון

הרמב"ם הפילוסוף היה בעל הגיון גדול ונפלא עד מאד, ראש לחכמי ישראל בחכמה זו, וחבר „מלות ההגיון" בערבית והעתיקו ר' משה אבן תבון בשנת ה"א ט"ו, הספר הזה כולל באור קע"ה מלות ושמות המוסכמים והשאלות הבאות ומורגלות בפי חכמי ההגיון וספריהם , ונחלק לי"ד שערים, עם פירוש מאת החכם ר' משה מנדלסון בצרוף הגהות מאת ר' יצחק סטנוב והערות רבות ופירוש החכם ר' מרדכי בומטינו.

והנה חכמת ההגיון (לאָגיק) היא חכמה נחוצה עד מאד ור' משה מדעסוי מראה נחיצת חכמה זו, „ואם יאמר איש אחכם ולא אשתמש בדברי ההגיון, הרי הוא כאלו יאמר אעצום את עיני ואביט בכוכבי השמים ממעל, או אדבר עם בני אדם ואכתוב ספרים ולא אשתמש בדרכי דקדוק הלשון, וכי תאמר בלבבך, הלא כל המלאכה הזאת החדשה מאריסטו היוני ותלמידיו, ולמה לי ולבן ניקומארום כי אשקוד על דלתותיו לשמוע מאתו ארח ההשכלה ודרכיה, הלא הזהירונו רבותינו הפוסקים מלנטות אחריו, ואסרו לנו לקרות בספריו כי הם ספרים חצונים הממשיכים את הלב בסברות בדויות ודעות כוזבות, ואם בחכמי ישראל אמרו חז"ל אם דומה הרב למלאך ה' צבאות יבקשו תורה מפיהו ואם לאו אל יבקשו תורה מפיהו, ומכ"ש באיש הזה אשר לא מבני עמנו הוא, לא ראה אור התורה מימיו, ואם המצא ימצא בפיו דבר אמת, כמעט שיבטל ברוב הטעיות והשגיאות הנמצאות אתו? דע נא, ידידי, ירחמך השם! כי לא לקרות מספרי אריסטו היוני אני מסיתך, כי אם לשמוע דברי חכמה מפי שר התורה רבינו ר' משה בר מימון זצ"ל, אשר אסף ולקט אוכל מתוך הפסולת, ונהג עם היוני הזה כמנהג ר' מאיר עם אחר, תוכו אכל וקלפתו זרק, ואחרי אשר סקל המסילה והרים כל מכשול מדרך החכמה, ולא קבל מן החוקרים הנכרים כי אם דברים נכוחים וישרים המזוקקים מכל סיג וחלאה ואשר אין בהם נפתל, וכדאי הוא הרב הגדול הזה לסמוך עליו ולילך בעקבותיו, ולא נירא מפחד הרשת המזורה על דרכי החקירה האנושית, אחר שידענו שהיה לבב החכם הזה שלם עם אלהיו מדובק בתורתו ובמצותיו, ומה גם שיש יתרון לכלל, ההגיון מעל שארי החקירות, אחרי שאינן תלויות בשקול הדעת ובפלס הסברא, כי אם מבוארים ומוכרחים במופתים חותכים אשר לא יפול בהם שום ספק ומחלוקת, כאשר יארע בחכמת הטבע ואלהיות והמוסר אשר מעולם לא פסקה בהן המחלוקת וחלוף הסברא והאומר, לא כן חכמת ההגיון כי היא בנויה על אדני המופת האמת והיא כמו חכמת ההנדסה, וחשבון תקופות וגימטריאות, שאין מקום להטות בהם מדרך האמת ימין ושמאל, אף כי אין בדרכי ההגיון דבר משגיא ומתעה בתהו לא דרך ה', כי רחוקים המה מעל עיקרי הדת והאמונה ויסודי התורה ודבר אין להם עם המצוות והאזהרות, וכל יושבי תבל ושוכני ארץ אף אם יתחלפו במדות, בדעות ובדתות, כולם יודו לדברי בעלי ההגיון, אחרי שתכלית החכמה הזאת אינה לגזור על דברי אמת ושקר או רע וטוב בעצמם, כי אם להודיע הדרכים אשר בהם נגיע אל הבחנת האמת מן השקר והטוב מן הרע, וכו'.

וראוי לבחורים השוקדים על דלתי התורה שיקבעו שעה אחת או שתים בשבוע להתבונן בדרכים הללו (דרכי ההגיון) אחרי שהם רבי התועלת גם בלמוד הגפ"ת ופלפול חברים, לפי שהם מישרים את שכל האדם ומדריכים אותו בדרך נכונה ומתקנים גם את הדבור החצוני שהוא תפארת האדם ויתרונו על בהמת הארץ, ומי שלא יבין לכלכל דבריו כראוי וכמשפט, איך ישיג האמת בפירוש התורה מהמעתיקים ז"ל? ובאמת רואים אנחנו שמהמפרשים רובם ככולם לא נמנעו מהעמיק בעניניהם הללו, וקצתם העמיקו בהם עד מאד כגון רשב"ם והרא"בע והרא"ם וכו' והרב בעל מדת אהרן שחבר פירוש על שלש עשרה מדות, תוכו רצוף אהבה לכללי ההגיון.

(עוד יבא)


### אונזער נייער אדרעס

מיר לאָזען וויסען דאָס מיר האָבען זיך אריבערגעקליבען אין אן אנדער דירה, וואו עס געפינט זיך דער אָפיס פון דער שוחטים יוניאָן און אויך פון דער שוחטים שטימע.

ווענדעט זיך צו אונז לויט דעם נייעם אדרעס.

233 East Broadway, New York, N. Y.
Telephone ORchard 4—1938-9602

# לא ניתנו המצות אלא לצרף בהן את הבריות

מאת הרב שמואל מנחם הלוי פיין, דעטראיט מיש.

הרבה מאוד סבלו בני ישראל בתקופות שונות ובזמנים הרבה, מההתנפלות הנסה והמכוערה משונאי ישראל בהרבה מדינות שמתגוללים ומתנפלים על השחיטה על פי תורת משה ודיני ישראל. הם צועקים, חורקים שן ואומרים, ששחיטת ישראל היא נגד חוק צער בעלי חיים, וע"כ צריכים לאסור בכל מקום ומקום מטעם מלכות את השחיטה. ואף לאחר שקם החכם המהולל והרופא המפורסם דר' יצחק דעמבא ז"ל בעזרת הגאון רשכבה"ג אדמו"ר ר' יצחק אלחנן זצ"ל מקאוונא והכה אותם על קדקדם ושם לאל את כל טענותיהם של האנטיסימיטים, ולהיפך הראה לדעת עפ"י הנסיון ואותות קימות, ועפ"י חוקי המדע מהמלומדים הכי גדולים והמפורסמים בעולם, שדוקא שחיטת ישראל היא היותר קלה והיותר נוחה להבהמה ואינה סובלת מזה שום יסורים, תחת שאופני הריגות הבהמות באופנים שונים לא לפי חוקי ישראל, אצל שארי העמים, סובלת מזה הבהמה יותר כאב ויותר יסורים.

(עיין בספר השחיטה והבדיקה להרופא יצחק דעמבא ווארשא תרנ"ו, ובשוחטים שטימע נומער א' במאמרו של הרב שלי"ח).

מ"מ אלה האנטיסימיטים עושים את שלהם ואינם מודים על האמת, ולעתים תכופות שבים הם על קיאם, ומרימים קול צוחה על השחיטה, ופה מתגלה לעינינו השקר והצביעות של הבריות היפות האלו, שבאים בשם האידיאל של צער בעלי חיים, ובאותה העת רודפים הם בזעם אף ובחמה שפוכה את עם ישראל, אנשים בדמותם וצלמם, ועכ"פ אינם גרועים מהם ויש להם זכות הקיום והחיים בעולם כמו לכל העמים והלשונות והאם יש לך נועל נפש יותר מזה? אנשים שמחזיקים עצמם לחכמים ולבעלי תרבות עושים מעשים כאלו שסותרים זה את זה, ואם חסים הם על בעלי חיים שאינם יודעים את אשר לפניהם ואינם מרגישים ביסורים הבאים עליהם, מכש"כ שהיו צריכים לרחם על עם ישראל.

אבל באמת מצות השחיטה ניתנה לישראל, בכדי שממנה נלמוד לרחם ולאהוב את הבריות, השחיטה לפי תורת ישראל משרישה בלבנו להרגיש בצער של בעלי חיים ואין צריך לומר לחונן לרחם ולחוש בצערן של בני אדם כמונו, והוא דאיתא במדרש רבה בראשית פרשה מ"ד האל תמים דרכו אמרת ד' צרופה וגו', רב אמר לא ניתנו המצוה אלא לצרף בהם את הבריות, וכי מה איכפת ליה לקב"ה למי ששוחט מן הצואר או מי ששוחט מן העורף, הוי לא ניתנו המצות אלא לצרף בהן את הבריות, ופירש במורה נבוכים חלק שלישי פרק כ"ו, אחר שמאריך בענין זה מסיק וז"ל, אבל אמתת הדבר הוא, כי כאשר הביא ההכרח לאכילת בעלי חיים כיון למיתה הקלה עם קלות המעשה, שא"א הכאת הצואר אלא בסיף וכיוצא בו, והשחיטה בכל דבר, ולברור מיתה קלה התנו חידוד הסכין, ועיין שם בפירוש אפודי, ר"ל ויהיה תכלית בהלכות שחיטה ובסכין בדוקה שנבחר לבהמה מיתה קלה אחר שנצרכה למזוננו ולא נעשה צער בעלי חיים, וזהו הטעם והתכלית האמתי מהלכות שחיטה.

ועיין עוד במורה נבוכים חלק שלישי פרק מ"ח וכאשר הביא הכרח טעם המזון להריגת בעלי חיים כונה התורה לקלה שבמיתות ואסרה שיענה אותם בשחיטה רעה ולא בנחירה ולא יחתך מהם אבר, ובמדרש תנחומא שמיני באמת הגירסא וכי מה איכפת ליה להקב"ה בין ששוחט את הבהמה ואוכל או אם נוחר ואוכל, ובטח המורה נבוכים בפרק מ"ח כיון למדרש תנחומא ויקרא הנ"ל ועיין במנחת חינוך מצוה תנ"א בטעם השחיטה מן הצואר ובסכין בדוק כדי שלא נצער בעלי החיים יותר מדאי, כי התורה התירן לאדם שמעלתו ליזון מהם ולכל צרכיו ולא לצערם חנם.

א. פערעלבערג.

## שיר חנוכה

מבער שמשיות חלון
תחת זעי אגלי דמעות,
מתוחים קרני אור להלן
על אפלי חוצות ומבואות.

הפתילים והשמנים,
חביבים עלינו כך,
מדליקין אבות ובנים
לזכר הנס השמן בפך.

אורות חנכה הכהות
יאירו לבות ונשמות ממעל,
תמורתן חשך נרות למאות
ואף זרם החשמל.

השמן עוד נדבק בעורקינו,
מהשמן הנותר בגלות המר,
ירושת אבות חלקת גרלינו,
להדליקו לא יקרב בן נכר.

הן יזכירו מלכות יון העתיקה,
הנוכלת להעביר חוקי דת.
השוכן ממעל החליף השיטה,
הנרות הללו רומזים לנו רז.

השמן אין נודף ומתבולל
בין שהוא רב ובין מעט,
יהודי בין אומות נקודה בתבל
אבל זכרו לנצח וקיומו לעד.

# הלכות שחיטה

עפ"י גדולי הפוסקים, הראשונים והאחרונים, עמודי ההוראה בישראל
עם הערות והארות בעניני הלכה, מאת הרב ר' שמריהו ליב הורוויץ

(המשך)

כתוב בספר „מחזיק הבדק" בשם רב עמרם גאון שכל טבח שאינו יודע הלכות בדיקה אסור לאכול מבדיקתו, וכל שאינו מאכיל לאחרים אינו מותר להאכיל את עצמו, ויש לנו להכותם ולהלקותם ולנדותם כל אותם השוחטים או הבודקים לעצמם, עד שיקבלו עליהם שלא לעשות עוד עד שיהיו בקיאים בכ"ד ספרי הקדש ובתלמוד בכמה פרקים ויודעין הלכות שחיטה, וגם אם בקיאים בסרכות התלויות בריאה בלבד אסור לאכול משחיטתן ובדיקתן עד שיהיו בקיאים בכל הטריפות שמנו חז"ל. וכתיב עוד שם שהבא לבדוק צריך להיות בעל טרפיות, שאל"כ שמא יבאו לידו והוא לא ידע ואשם ונשא עונו, מפני שהוא מאכיל טריפות לישראל, עכ"ל.

כתב הרשב"א בתשובה סימן רי"ח שנשאל על ראובן שהיה ממונה על השחיטה והבדיקה ולאחר זמן בדקוהו ונמצא שאינו יודע, ויש ביד הקהל בשר מליח משחיטתו, והשיב, דבר ברור הוא, שאין אומרים רוב מצוים אצל שחיטה מומחים הם במי שנבדק ואין יודע, וכן אין אומרים העמד דבר על חזקתו אלא במי שהוחזק מתחלתו, אבל זה איזו חזקה יש לו כדי שנאמר העמידנו על חזקתו שמא לא למד ולא ידע ולא הוחזק, ולפיכך אינו רואה שום הכשר למה ששחט, ולא לכלים שלא נתבשל בהם, שאין כאן אלא חדא ספיקא, ספק אירע לו אחד מאלו או לא? עכ"ל.

ובטור יו"ד הלכות שחיטה א' מי שיודעין בו שאינו יודע הלכות שחיטה אפילו שחט לפנינו ד' או ה' פעמים שחיטה הגונה וראויה ושחט אח"כ בינו לבין עצמו שחיטתו פסולה, אפילו שאלו לו עשית כך וכך? ומתוך תשובתו נראה ששחט כראוי, אין לסמוך עליו, ואפילו אמר ברי לי ששחטתי יפה — כ"כ הרא"ש והמרדכי וכ"כ הר"ן בשם התוספות, וכ"ב בסה"ת וכן הסכים הרשב"א ודחה דברי החולקים על זה, וטעמא דמלתא דכיון שלא היה בקי בהלכות שחיטה, אפילו היה אומר ברי לי שלא שהיתי ולא דרסתי אין לסמוך עליו, דכל מלתא דלא רמיא עליה דאינש לאו אדעתיה (ב"י שם).

וכתב הר"ר יוסף דוקא בא"י ה"ש, אבל במי שרגיל להתעלף ואינו מוחזק ושחט בינו לבין עצמו מותר לאכול משחיטתו, ולדברי הפוסקים דסבירא להו דצריכים לשאול אם נתעלף, גם כאן צ"ל ברי לי שלא נתעלף, ולהרמב"ם אפילו שאלה בזה לא צריך, דמאחר דיודע הלכות שחיטה, אילו נתעלף הי' מגיד לנו (דרכי משה).

כתוב בטור „אבל כל מה ששחט לפנינו (זה שאינו יודע הלכות שחיטה) כשר, ואפילו לכתחלה יכולים ליתן לו לשחוט, כיון שאחר עומד על גביו, ובלבד שיראה אותו מתחלת השחיטה ועד סופה", בחולין, ב', א"ר נחמן אמר רב, ראה אחד ששחט, אם ראהו מתחלה ועד סוף מותר לאכול משחיטתו, ואם לא אסור, ואוקימנא לה בדידע דלא גמיר, וכגון ששחט קמן חד סימן שפיר, מהו דתימא מדהאי שחט שפיר האי נמי שחט שפיר? קמל"ן האי אתרומיי אתרמי ליה, אידך שמא שהה שמא דרס. ואמרינן נמי בההוא פירקא משמיה דרב יהודה דאפילו שחט בפנינו ד' וה' פעמים ושחט שפיר ואח"כ שחט בינו לבין עצמו, מהו דתימא מדאידך שחט שפיר האי נמי שחט שפיר קמל"ן (ב"י).

ובעל העטור כתב אי ידעינן ביה דגמר אפילו לא אתחזק מותר לשחוט לכתחלה, ואי לא ידעינן ביה אי גמיר אי לא, לכתחלה לא ישחוט, ואם שחט שחיטתו כשרה, ואין צריך לבודקו ואפילו הוא לפנינו, והרמב"ם חולק בין מומחה ומוחזק לענין לשואלו, שכתב היודע הלכות שחיטה הרי זה לא ישחוט בינו לבין עצמו בתחלה עד שישחוט בפני חכם פעמים רבות עד שיהיה רגיל וזריז, ואם שחט בינו לבין עצמו שחיטתו כשרה, ולא כתב שצריך לשואלו אם הוא מוחזק, ובמי שאין ידוע אם יודע הלכות שחיטה כתב שאם שחט בינו לבין עצמו שואלין אותו אם יודע הלכות שחיטה שחיטתו כשרה, וא"א הרא"ש ז"ל לא חלק, אלא אם הוא לפנינו בודקין אותו ושואלים אותו אם נתעלף, ואם אינו לפנינו, סומכין על החזקה בשניהם, וכן היא סברת רב אלפס.

כתב המרדכי בפא"ט בשם ר"ת שצריך שיהא השוחט נאמן, דלא חיישינן ביה שמא יאכיל נבלות וטריפות לישראל, וכתב שלא ידע מניין לו, כלומר דקיי"ל דסתם ישראל בחזקת כשרות הוא, ומדברי הרמב"ם בפ"ח מהמ"א נראה שסובר כדברי ר"ת וכבר הביא המגיד סמך לדבריו.

וכיון שרוב מצוין אצל שחיטה מומחין הן, המוצא בהמה שחוטה כראוי, במקום שרוב ישראל מצוין — כשרה, ואפילו אם נגנבה ממנו ומצאה שחוטה, אעפ"י שהוא חשוד על הגניבה אינו חשוד על השחיטה, וכתב הרמב"ם דוקא שמצאה בבית, אבל מצאה בשוק או באשפה שבבית אסורה, וא"א ז"ל התיר אפילו באשפה שבבית, ולא אסר אלא באשפה שבשוק, וכן הרשב"א התיר אא"כ מצאה באשפה שבשוק.

ובברייתא פ"ק דחולין (י"ב) הרי שאבדו לו גדיין

# התקוה? — האמונה!

הגיע כבר הזמן להחליץ מהרעיון הצנום והקר של הציונות החילונית נטולת הנשמה החיה של היהדות האמיתית, ושיחזור אותנו הרוח הפנימי של התחיה הלאומית שלנו בצורתה העמוקה והמקורית ביותר, כי לאן שנפנה ימינה או שמאלה אין אנו יכולים להנתק ממקורנו הראשון ונצחי.

היסודות החילוניים לבדם אינם מספיקים בשום אופן, ובשביל זה אנחנו סובלים כ"כ מפגורים פנימיים וחיצוניים, ומכשולים בכל המהלכים של התחיה. עלינו להכנס אל ההיכל הפנימי של מקור החיים הלאומיים ומקור של התחיה הלאומית שהיא מיוסדת על יסוד הקודש.

בשעה „שהתקוה" נוצרה לא נעשתה עוד שום עבודה באר"י וכל חיינו היתה תקותנו לעתיד, עכשיו יש לנו באר"י גם הוה וע"כ מטעם זה „ה ת ק ו ה" אינה מספקת, והקהל התחיל להביט על המנון התקוה בשויון נפש, ורבתה עליו הבקורת השלילית מצד תוכנו, וכן הדבר ביחס למנגינתו שהורגשה בה חולישה ושברון נפש. ההימנון הזה אינו מגלה כ"א רעיון אור של רגש חילוני לבד, שכיוצא בו מוצאים אנו בחוש הפטריוטי של כל העמים, ואינו מסמן את התוכן המיוחד של תחית ישראל בעצמיותה, המושג של „התקוה" הוא מונח על דרך מסופק והוא באמת מתיחס להתוכן של תחית האומה כל זמן שאיננו מתגלה מתוך מקורו העמוק, והוא המקור של קדושת האמונה שזהו יסוד החיים הלאומיים של עם ישראל, ולפיכך ובשביל כך בא ההימנון העממי של כ"ק נשיא ישראל רבנו הגרא"י קוק שליט"א — „האמונה!" המבטא את כל התוכן היסודי של שירת „התקוה" עפ"י המעמק המובטח של האמונה שהוא מבטא את כל הקישור של נשמת האומה עם תחייתה בארצה ותורתה לא בצורה מסופקת שיכולה לבטא רק בטוי של תקוה אלא ברוח ודאית ובטחון גמור הצפונים רק בכוחה הגדול והנצח של אמונתנו, הוא מבטא את הכרת האומן שבתחיה הלאומית הנובעת מהמקור העממי העתיק לישראל, היסוד המקורי של שאיפת האומה ונשמת חייה מעולם ועד עולם, שרש עליו בנויות כל התקוות העתידות.

להימנון הזה חוברה עתה מנגינה יפה ואמיצה מאת אמן הזמרה מר ל. ציפין בהטעמה הגונה מוסיקלית שהיא מבטאת לא רגש געגועים ושל הסתפקות, אלא רגש של גבורה, של בטחון ושל ודאות, וראוי לכל סופר בישראל שיעזור להשפעתו ולהפצת הרעיון הישגב הזה.

הרב ש. ב. שולמאן, יליד ירושלים.

# האמונה

(הימנון)

מאת הרב הראשי לא"י

רבי אברהם יצחק הכהן קוק שליט"א

פה נעבר צורנו
בחדוה וברננה
עלה נעלה לרגלינו
שלש פעמים בשנה
עלה נעלה לרגלינו
חי חי הוא גאלנו.

לעד חיה בלבבנו
האמונה הנאמנה
לנחל שוב נחלתנו
אב המון קנה
לנחל שוב נחלתנו
חי חי הוא גאלנו.

תורת חיים חמדתנו
מפי עליון נתנה
נצח היא נחלתנו
ממדבר מתנה
נצח היא נחלתנו
חי חי הוא גאלנו.

לעד חיה בלבבנו
האמונה הנאמנה
לנחל שוב נחלתנו
אב המון קנה
לנחל שוב נחלתנו
חי חי הוא גאלנו.

---

ותרנגולין והלך ומצאן שחוטים, ר' יהודה אוסר, ר' חנינא בנו של ר' יוסי הגלילי מתיר, אמר רבי נראין דבריו של ר"י שמצאן באשפה, ודברי ר' חנינא שמצאן בבית, ואסיקנא בגמרא נראין דברי ר"י לר"ח באשפה שבשוק, שאף ר"ח לא נחלק עליו אלא באשפה שבבית, וכתבו התוס' והרשב"א הרי שאבהו לו גדיין ה"ה נגנבו, דמשום דחשיד אגניבה לא חשיד אנבילה, וכן נמי לא חשדינן ליה באינו מומחה, ובתוספתא קתני בהדיא נ ג נ ב ה לו תרנגולת ומצאה וכו' וכ"כ ה ר א"ש ז"ל, וכתב בעל העטור איכא מ"ד דוקא אבדו אבל לא אבדו לא, בעל דבבא הוא דאזקיה, ולא דייק לן, מדקתני הרי שמצא תרנגולת שחוטה, והא דקתנו א ב ד ו אורחא דמילתא נקט, ע"כ. ובפרק אלו מציאות (דף כ"ד) מוקי לה ברוב ישראל או ברוב נכרים וטבחי ישראל.

(עוד יבא)

## הרב ר׳ אליהו גארדאן ז״ל
## איננו

בלב קרוע ומורתח הננו מורידים דמעות על פטירתו של ידידנו הרב הגאון המפורסם, גדול בתורה, בחכמת אלקים, ביראת שמים טהורה, ובמדות טובות, איש המופת, צדיק בדרכיו וחסיד במעשיו, שכל ימיו עמל בתורה,

### ר׳ אליהו גארדאן ז״ל

וה׳ ינחם את בני ביתו היקרים בנחמת ציון וירושלים. המתאבלים על מותו ומוקירים זכרו. יהי זכרו ברוך.

אגודת שוחטי עופות דנויארק רבתי

מערכת „השומר“ ו„שוחטים שטימע“

### נחום אבלים

די אגודת השוחטים דריקען אוים זייער צער און עגמת נפש אויף דעם פארלוסט פון אונזער חשוב׳ען חבר

### יודל ליבהארד ז״ל

איינער פון די עלטסטע שוחטים אין ניו יארק. מיר דריקען אוים אונזער צער און מיטגעפיל צו דער אלמנה און זיינע קינדער, זיי זאלען געטרייסט ווערען בנחמת ציון וירושלים.

### נחום אבלים

די אגודת השוחטים דריקען אוים זייער גרויסען צער און באדויערען אויף דעם אונגליק וואס האט געטראפען מיט אונזער חשוב׳ען חבר בנימין סאלים ז״ל וועלכער איז אוועק פון דער וועלט דורך א מערדער וואס איז איהם באפאלען אין זיין הויז. אונזער טיפסטע סימפאטיע צו דער אלמנה און קינדער. המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.


## מאיר וואלאזין

50-52 עלדרידזש סטריט, ניו יארק

טעלעפאן ארטשארד 4—4511

### מאנופעקטשורער

פון וואלענע און סילקענע טליתים, פרוכתן, מענטעלאך, חופות, מכסות לשלחן ולארון.

### אימפארטער

פון די בעסטע ספרי תורה, תפילין ומזוזות.

### דיסטריביוטאר

פון אלערהאנד זילבערנע כלי קודש, עץ חיים׳ס, ציצ׳ן, ידי׳ן, קידוש-בעכערס, שבת-לייכטער א. ז. וו. די בעסטע מילערם חלפים און מוהל מעסערס, שארף און גלאט שטיינער.

—— אלעס צו שפאט בילינע פרייזען ——

## האט איהר שוין
### דעם נייעם וויכטיגען ספר?
## הלכות דעות פון רמב״ם ז״ל

מיט דעם וויסענשאפטליכען באור פון

### הרב שמריהו ליב הורוויץ

ווען איהר האט נאך ניט, איז כדאי איהר זאלט איהם האבען, גרויסע אידישע געלעהרענטע אויף דער גאנצער וועלט באוואונדערען איהם, א נוצליכער ספר פאר רבנים, שוחטים און בני תורה.

פרייז 1 דאלער

ווענדעט זיך צום מחבר:

RABBI S. L. HURWITZ

1503 Eastern Parkway Brooklyn, N. Y.

Telephone: HAddingway 3—9698

# שוחטים, אויפמערקזאם!

## זייט גרייט צו דער ערשטער גרויסער קאָנווענשאַן!

רופט מיטינגען, קלייבט אויס דעלעגאַטען, לאָזט אונז וויסען די נעמען און אַדרעסען פון אייערע באקאנטע שוחטים, לאָזט אונז וויסען די נעמען פון די וועלכע וועלען קומען צו דער קאָנווענשאַן.

פאַר מעהר אינפאָרמאַציע ווענדעט זיך צום סעקרעטער פון די „שוחטים שטימע“, רעוו. אליהו מעלצער, לויט פאָלגענדען אַדרעס:

**SCHOCHTIM SHTIMME**

233 EAST BROADWAY NEW YORK, N. Y.

233

RABBI S. L. HURWITZ, Editor

הרב שמריהו ליב הורוויץ, רעדאקטאר.

# די שוחטים שטימע
# SCHOCHTIM SHTIMME

מאנאטליכער זשורנאל, ארויסגעגעבען דורך די אגודת שוחטי עופות דניו יארק רבתי

Monthly Magazine, published by the Poultry Schochtim Union of Greater New York

Affiliated with the American Federation of Labor, Local 440

233 EAST BROADWAY, NEW YORK, N. Y. Telephone: ORchard 4—1938 — 9602

Vol. I. No. 12. February, 1933. ב"ה ניו יארק, שבט, תרצ"ג ערשטער יאהרגאנג, נומער 12

## אינהאלט:

ברכה צו דער קאנווענשאן.
עדיטאריעלס: אין א גליקליכער שעה; א יאר „שוחטים שטימע".
א הארציגע באגריסונג — — — — — — — — — — — רעוו. יעקב בלום.
וואס די שוחטים קאנווענשאן דארף אויפטאן — — — — הרב שמריהו ליב הורוויץ.
חד וחלק (פעליעטאן) — — — — — — — — — — — — — — א. לץ
אונזער דאפעלטע טראגעדיע — — — — — — — — — — רעוו. זלמן בער מאנאריס.
אונזער שטרעבונג — — — — — — — — — — — — — הרב שמואל דוד מהרש"ק
תחזקנה ידיכם — — — — — — — — — — — — הרב שמואל מנחם הלוי פיין.
באו חשבון — — — — — — — — — — — — — — רעוו. יחזקאל ראזען
בריעף פון שוחטים;
שמחות ביי שוחטים.

## השומר

הגיעה השעה — — — — — — — — — — — — — — ש. ל. ה.
אגודת השוחטים, קול השוחטים ונחלת השבים — — — הרב רפאל מרדכי בארישאנסקי.
ברוכים הבאים (שיר) — — — — — — — — — — — — שלמה אונגאר.
מצב של הרבנים והשו"בים ברוסיא — — — — — — — הרב יוסף אליהו הענקין.
ברכה — — — — — — — — — — — — — אגודת השובי"ם בארץ ישראל.
קול קורא לעזרה — — — — — — — — — — — אגודת השובי"ם בארץ ישראל.
שאלה שצריכה להפתר — — — — — — — — — — — — שמואל לאנדוי.
הימנון — — — — — — — — — — — — — — — — א. פערעלבערג.
חדשות, מודעות, וקולי קורא.

Subscription Price, $3.00 a year. סובסקריבשאן 3 דאלאר א יאהר.

Entered as second-class matter, August 15, 1932, at the Post Office at New York, N. Y., under the Act of March 3, 1879.

# די ערשטע זיצונג

פון דער גרויסער היסטארישער

## קאנווענשאן פון אלע שוחטים אין אמעריקע און קאנאדע

וועט אפגעהאלטען ווערען, בעזרת השם,

## זונטאג, ז׳ אדר, 5טען מארטש, 1 אזייגער נאכמיטאג

## אין בראדוויי סענטראל האטעל

673 בראדוויי, ניו יארק. טעלעפאן ספרינג 2600—7

וואו אלע זיצונגען פון דער קאנווענשאן וועלען פארקומען.

**דער באנקעט וועט זיין מאנטאג אווענד**
**אין גרייט סענטראל פאלאס,**
90-96 קלינטאן סטריט, ניו יארק, נ. י.


די וועלט-בארימטע מצה-בעקעריי

## האראוויץ בראס. ענד מארגארעטען

באגריסען די שוחטים פון אמעריקא און קאנאדע צו זייער

## ערשטער קאנווענשאן


## כמה מעלות טובות

איינע פון די וויכטיגסטע און נויטווענדיגסטע חברות וועלכע עקזיסטירען אין אונזער שטאט ניו יארק פאר־דינט די אויפמערקזאמקייט — דאס איז די חברה אחוזת שוחטים און ניו יארק, מיט איהרע פילע מעלות, די גרויסע בענעפיטס וואס מען קען האבען אז מען ווערט א ברודער ביי דער חברה, און דאס מיינט צו האבען אמת׳ע פריינד ביים לעבען, וואו איין ברודער איז איבערגעבען דעם צווייטען בלב ונפש, דער אמת׳ער אהבת רעים. עס עקזיסטירט ניט קיין קנאה שנאה, נאר אלע זיינען ווי א איש אחד. יעדער איינער איז נור דורש די טובה און דעם וואהל און בעסטען פון דעם צווייטען און דאס איז דאך ידוע אז וואו אחדות איז ברכה. אויך עקזיסטירט אין דער חברה א קראנ־קען בענעפיט, ה׳ ירחם. אויסער די געלט בענעפיט, איז א חוב קדוש ביי דער חברה, אפהיטען די מצוה ביקור חולים, וואס דאס מיינט פאר דעם קראנקען ווי פיקוח נפש, אזוי ווי די גמרא זאגט אונז, דער יעניגער וואס איז מבקר דעם חולה נעמט ארונטער א זעכציגסטע טייל פון זיין קראנקהייט. וגם איינע פון די עיקרים, די יסודות פון דער חברה, אז לאחר מאה ועשרים שנה אפ־צוהיטען טהרה וכדומה כדת וכדין און ער איז זיכער אז ער וועט ניט ליגען מיט מחללי שבתות עברינים, ווייל אין דער חברה אחוזת שוחטים און ניו יארק ווערט נאר אריינגענומען הונדערט פראצענטיגע ארטאדאקסישע אידען שומרי שבת כדת ומניחי תפלין כדת וכדין. זיינען מיר איצט מודיע צו אלע ארטאדאקסישע אידען פון גרעיטער ניו יארק אז עס איז אפען פאר אלעמען צו קענען ווערען א ברודער אין דער חברה און צו געניסען פון די אויבען דערמאנטע פריווילעגיעס.

אלע אינפארמיישאנס צו פרעגען ביים פרעזידענט, פייוויש חדש., אדער ביים סעקרעטער, אברהם שארפ־שטיין.

Ph. Chodos, 882 Faile St., Bronx, N. Y.
A. Sharfstein, 222 Henry St., N. Y. C.


געברויכט

## דר. יעקב האלאן

דער ערשטער ערפינדער פון

## כשר שייוו פערפיום פוידער



Dr. Jacob Halon
TRADE MARK

זינט 1905 — אהן א רעיזאר נאר מיט זיין בילד און אונ־טערשריפט טרייד־מארק. דאס איז אייער גאראנטי פון דער באָרד אוו העלטה, זאנסט איז דאס נאכגעמאכט.

האט רעדוצירט די פרייזען צו:

**45, 75ס., $1, $1.50 און $2**

פער באקס פון 1 פונט

קאנטרי ארדערס פינקטליך אטענדעט. סענעדער רעדזשיסטריישאן און פאסטידזש קאסט 25ס. עקסטרא א באקס. שרייבט וואס פאר א נומער איהר ווילט, שטארקען אדער שוואכען.

DR. JACOB HALON
94 Attorney Street, New York, Dept. Sh.

שבתים און יום טובים געשלאסען.
ספעשעל פרייזען פאר איידזשענטס און האלסייל.

# די שוחטים שטימע

שבט, תרצ"ג

ערשטער יאהרגאנג. | נומער 12


# ברכה ושלום להשו"בים בארצות הברית וקנדה

## לאספתם השנתית הראשונה, בימי ז' וח' אדר תרצ"ג, בניו־יורק.

## ברוכים הבאים!

**צידים שו"בים, עובדי עבודת הקודש, נושאי דגל התורה והדת, — תחזקנה ידיכם!!! יהי רצון שתשרה שכינה במעשה ידיכם. הלואי שתצליחו להתאחד כולכם כאחד בלב אחד ובנפש אחת לאגודה אחת גדולה וחשובה, אגודת השוחטים באמריקה וקנדה והקב"ה יזכנו לשוב לארצנו הקדושה, ארץ האבות והבנים, גאולה לעמנו, לרוחנו, לארצנו, והרמת קרן תורתנו הקדושה, אמן!**

**המערכת.**

## אין א גליקליכע שעה

ענדליך האט דער שוחט אין אמעריקא געפונען א תיקון פאר זיין נשמה. ער האט זיך אליין געפונען. עלענד, איינזאם, הילפלאז, פארשקלאפט גייסטיג און עקאנאמיש, א צוריסענע נשמה פול מיט פגימות, ערנידעריגט, געטראטען אונטער די פיס פון מגושמ'דיגע ברואים; געציטערט פאר עמי הארצים און פאר הפקר־יונגען, — איז ער געקומען צו דער איבערצייגונג, אז ווייטער אזוי לעבען איז אונמעגליך. עס איז פשוט א פארברעכען. מען מוז זיך באפרייען, מען מוז צוברעכען די פעסטע שטארקע קייטען פון שקלאפעריי. די נשמה פון דעם שוחט מוז זיין פריי, ריין, הייליג. איז דאך דער שוחט דער יעניגער וועלכער איז פאראנטווארטליך פאר אמת'ע כשרות, וועלכעס איז דער פונדאמענט פון אידענטום. עס טאר ניט זיין קיין פגימה אויף זיין חלף, און עס טאר ניט זיין קיין פגימה אויף זיין נשמה. זיין נשמה און זיין געוויסען מוזען ריין זיין, און דאס קען דער שוחט יחיד בשום אופן ניט ערדייכען מיט זיינע אייגענע כחות, דערצו פאדערט זיך א קבוץ גליות. אלע שוחטים וועמעס נשמות זיינען איצט אין גלות, דארפען זיך פאראייניגען אלע צוזאמען און גרינדען א גרויסען שטארקען פארבאנד פון אלע שוחטים פון לאנד אונטער דעם נאמען „אגודת השוחטים דאמעריקא וקאנאדא".

א יחיד ווערט בטל, אן אגודה אבער וועלכע רעדט אין נאמען פון טויזענטער שוחטים פון אלע ווינקעלאך פון לאנד קען ניט בטל ווערען. אזא קאלעקטיווער כח מוז האבען השפעה אויף דער אידישער גאס, אויפ'ן אידישען לעבען אין אמעריקא, און די פאראייניגטע שוחטים פון לאנד וועלען דורך זייער יעצטיגע קאנווענשאן ווערען א פראדוקטיווער כח אין אידישען לעבען, וועלכע וועלען אוועקלעגען זייער חותם אויף אלע געביטען פון דעם אידישען רעליגיעזען לעבען. און מיר מעגען שוין גראטולירען דאס אמעריקאנער אידענטום מיט דעם נייעם גרויסען רעליגיעזען כח וואס זי האט יעצט געוואונען, און באשטעטיגען דעם פרעהליכען היסטארישען פאקט, אז די ערשטע קאנווענשאן פון די שוחטים פון אמעריקא און קאנאדא וועט ברענגען גליק און פרוכטבארע ארבייט ניט נאר צו שוחטים אליין נאר אויך צום גאנצען אידענטום וועלכע געפינט אין די שוחטים פון לאנד איהר הויפט יסוד.

א גאנצען יאהר האבען מיר אונערמידליך געוועקט די שוחטים פון לאנד צו פאראייניגונג. מיר האבען גערופען צו א שוחטים קאנווענשאן, צו גרינדען א לאנד־ארגאניזאציע פון אלע שוחטים פון לאנד, און, דאנקען השם יתברך, אונזער ארבייט איז נישט געווען אומזיסט. מיר האבען ניט געזייהט אויף שטיינער, נאר אויף כשר'ע ריינע אידישע הערצער, הערצער פון רעליגיעזע ארבייטער. אונזער רוף צו די שוחטים פון לאנד איז ניט געווען א קול קורא במדבר, אונזער אגיטאציאנס־ארבייט איז פרוכטבאר, אונזערע חלומות ווערען פארווירקליכט.

מיר באגריסען הארציג, מיט טרערען פון פרייד, אונזערע חברים און ברידער־שוחטים בכל מקום שהם, צו אונזער אלעמענס גרויסען הייליגען יום־טוב, דעם יום־טוב פון פרייהיים.

די ערשטע גרויסע היסטארישע קאנווענשאן פון די שוחטים פון אמעריקא און קאנאדא וועט אין א פאר טעג ארום אי״ה ערעפענט ווערען. זאל דאס פאר־קומען אין א גליקליכע שעה!...

## א יאהר „שוחטים שטימע"

מיט א יאהר צוריק איז געגרינדעט געווארען דער איינציגער שוחטים־ארגאן אין אמעריקא און קאנאדא, „די שוחטים שטימע". דער אידישער עולם אין אמע־ריקא איז שוין געוואוינט צו זעהן דאס ציימונגען ווע־רען געבוירען מיט שטורם, מיט א טרעוואגע, מיט א גאנצען טאראראם, זיי לעבען אפ א גאנץ קורצע צייט, און שטארבען זיך אפ שא־שטיל — ווערען געבוירען בקולי קולות און שטארבען בחשאי, א האן גיט נים קיין קרעה.

און דערפאר ווען מיט א יאהר צוריק איז באשאפען געווארען „די שוחטים שטימע" און דער „השומר", האבען אלע געגלויבט דאס אויף דעם גוואל־דיג גרויסען בית עולם פון אמעריקאנער יודענטום, וואו עס ליגען באגראבען אזוי פיל פאר דער צייט געשטאר־בענע טעגליכע און וועכענטליכע צייטונגען און מאנאט־ליכע זשורנאלען, אז דארט, אויף יענעם בית עולם, וועט נאר אין גיכען צוקומען נאך א פריש קבר'ל וואו עס וועט באגראבען ווערען דער נייער חודש זשורנאל פון די שוחטים — „די שוחטים שטימע".

און ווען די רבנים פון לאנד האבען באגריסט אונ־זער זשורנאל האבען זיי כמעט אלע אויסגעדריקט דעם וואונש, אז „די שוחטים שטימע" זאל מאריך ימים זיין און זאל נים האבען קצור ימים.

מיר זיינען יעצט אין דער לאגע צו טרייסטען אונזערע פריינד, די חשוב'ע רבנים פון לאנד, ווי אויך אלע אונזערע פריינד און אויך שונאים (יעדע לעבע־דיגע אינסטיטוציע און טעטיגע ארגאניזאציע מוז שונאים און נים־פארגינער האבען), אז „די שוחטים שטימע" האט געלעבט ביז יעצט און וועט, בעזרת השם, לאנג, לאנג לעבען.

„די שוחטים שטימע" האט זעהר פיל אויפגעטאן אין איין יאהר לעבען. די צוועלף נומערען „שוחטים שטימע", וועלכע ליגען יעצט פאר אייך, האבען פאר־אייניגט די שוחטים פון לאנד, האבען געהאלפען שאפען נייע אגודות פון שוחטים און פארשטארקט די אלטע אגודות, האבען אגיטירט פאר א גוטען רעליגיעזען אידישען חנוך, פאר שמירת שבת, פאר כשרות. „די שוחטים שטימע" האט געשאפען א נשמה־בריק צווישען די שוחטים פון ארץ־ישראל, פון פוילען און די שוחטים פון אמעריקא וועלכע האבען זיך דערנעהנטערט צוויי־שען זיך דורך די „שוחטים שטימע", וועלכע איז גע־ווארען די אכסניא של תורה, דער גייסטיגער צענטער פון די שוחטים פון דער גאנצער וועלט, די פרייד און די לייד, דער קרעכץ און זיפץ ווי אויך די שמחות פון דעם שוחט געפינען אן אפקלאנג אין די שפאלטען פון „די שוחטים שטימע".

„די שוחטים שטימע" איז יעצט די איינציגע צייר־טונג, וועלכע האט נים קיין מורא צו זאגען דעם אמת, צו אויפדעקען אלע אונזערע וואונדען און צייגען ווי צו היילען זיי, ווי דאס ווערט געטאן פון אונזער חשוב'ען מיטארבייטער „דער לץ", וועלכער האט מיט זיינע פייערדיגע, שארפע, פעפערדיגע פעליעטאנען אויפ־געשטורעמט די הערצער, און רייסט אראפ פאלשע מאס־קעס און דעקט אויף דעם נאקעטען הייליגען אמת און האט נים מורא פאר שונאים און געגנער.

„די שוחטים שטימע" קעמפט פאר די אינטערע־סען פון שוחטים און שחיטה, און ווען, למשל, דער „פארווערטס" איז ארויס מיט אן אטאקע אויף די שוחטים, איז געקומען „די שוחטים שטימע" און האט פארמאכט דעם גרויסען מויל פון „פארווערטס". דער קליינער הייליגער דוד האט מנצח געווען דעם גרויסען מנושמ'דיגען גלית הפלשתי.

ווען נים „די שוחטים שטימע" וואלטען מיר יעצט נים גע־האט קיין קאנווענשאן פון די שוחטים פון אמעריקא און קאנאדא. דאס איז א גוט באקאנטער פאקט, אז נאר דורך „די שוחטים שטימע" איז גערופען און געשאפען געווארען די ערשטע גרויסע היסטארישע קאנווענשאן פון לאנד. און ווען דאס האט געקענט אויפטאן א חודש־זשורנאל, איז לייכט צו פארשטעהן וואס עס קען און וועט אויפטאן א וועכענטליכע צייטונג. אויב צוועלף נומערען „שוחטים שטימע" האבען געקענט שאפען ממש א רעוואלוציע אין דעם עקא־נאמישען און גייסטיגען לעבען פון די שוחטים, היינט וואס וועט קענען אויפטאן פאר שוחטים און שחיטה פופציג נומערען „שוחטים שטימע"?!

עס מוז געשאפען ווערען אזוי שנעל ווי מעגליך א וועכענטליכע צייטונג פון שוחטים פאר שוחטים. די קאנווענשאן מוז פארוואנדלען „די שוחטים שטימע" אין א וועכענטליכען זשורנאל, ארויסגעגעבען דורך די אגודת השוחטים דאמעריקא וקאנאדא.

די וועכענטליכע „שוחטים שטימע" וועט העלפען בויען א גליקליכע צוקונפט פאר די שוחטים פון דער וועלט בכלל, און פאך די שוחטים פון אמעריקא און קאנאדא בפרט.

# א האַרציגע באַגריסונג

## צו די דעלעגאַטען פון שוחטים קאַנווענשאַן

### פון דעם פרעזידענט פון די אגודת שוחטי עופות דניו־יורק רבתי רעוו. יעקב בלום.

תחזקנה ידיכם, ידי עובדי עבודת הקודש!

שלום עליכם! וברוכים אתם!

זייט הערצליך נעגריסט, ברידער שוחטים! דעלעגאטען צו דער ערשטער קאַנווענשאַן פון אגודת השוחטים דארצות הברית וקנדה!!

בואכם לשלום, שוחטים דעלעגאטען! מיט הצלחה זאָלט איהר לייגען דעם פונדאמענט פאר א גרויסע שוחטים אָרגאניזאציע אין אמעריקע און קאנאדא.

איהר, וועלכע זענט די נושאי דגל התורה, וועט מיט פאראייניגטע כוחות קענען פארשטארקען את היהדות המסורה, גרוים און וויכטיג און הייליג איז דער מאָמענט אין וועלכען איהר פארזאמעלט זיך.

נייע שטורעמדיגע ווינטען בלאָזען אין דער אידישער גאס, מאכען חרוב און רייסען אוים מיט'ן ווארצעל אלעס וואס איז ביז איצט מיט אזוי פיל מיה געשאפען געווארען אין אָרטאָדאָקסישען אידענטום אין דיזען לאנד.

יעדערער פון אונז, וואָס זיינע פריוואטע אינטערעסען האָבען נאָך ניט אין גאנצען געטויטעט זיינע געפיהלען, פיהלט די גרויסע פעראנטוואָרטליכקייט, וואס די יעצטיגע אויסערגעוויינליכע צייט פאָדערט פון אונז פליכטען פון ממשת'דיגען כאראקטער. ניט אָפּקומען מיט א פרומען וואונש נאָר מעשים, ארבייט, צו פאראייניגען יעדען שוחט וואָס איז ווי א תינוק שנשבה, אין א איינזאמע שטעטעל, מיט ברידערליכע איבערגעבענהייט שטארקען איינער דעם אנדערען, גייסטיג און קערפערליך.

שאפען א פאראייניגטע פראָגראמע אונטער וועלכע אונזער אָרגאניזאציע זאל שאפען און ווירקען.

מאטעריעלע שטיצע צו א חבר ווען ח"ו ער ווערט קראנק. איהם העלפען ביז ער וועט קענען קומען צוריק צו זיין פראָפעסיע. זיך פארטיפען אין אונזער גרויסען און שווערען פראָבלעם וואָס הייסט „זקנה", וואס ווען די אויגען ווערען שוואכער, די הענד פאנגען אָן צו ציטערען, און דער שלחן־ערוך פאדערט פון אונז אז מיר מוזען אויף געבען שחיטה, אָבער צוליב דעם פת לחם ווערט מען א יפשע גבר, און מען איז געצוואונגען צוליב פרנסה האלטען א חלף אין א האנד וואס מאכט ציטערען דעם גוף מיט דער נשמה צוזאמען, וואס יעדער אלט געווארענער שוחט וואָלט זיכער אויסנעמען ווען ער זאָל האָבען עפּעס א פאָנד וואס זאל איהם פארזארגען, איהם און זיין פרוי, אויף דער עלטער און ניט דארפען זיין א קאַנדידאט פאר א מושב זקנים, אדער איבער געלאָזט ווערען אין גאנצען אויף הפקר.

די תורה הקדושה האָט אויף אונז ארויפגעלייגט הייליגע פליכטען, און אונז באַקליידט מיט א מלאכת הקודש, מוזען מיר איהר טראגען מיט רעספעקט און ווירדע, און ארויסרופען מיט אונזער פיהרונג און באַנעהמונג רעספעקט און אכטונג צו אונז, און דאדורך ערפילען די פליכטען וואס דער אָרטאָדאָקסישער איד מאָנט פון אונז.

מיט אונזער גאנצער מאכט און קראפט לאָמיר זיך שטעלען כאיש אחד, אנטקעגען די עם הארץ'שע און הפקורת'דיגע באנעהמונג צו אונז, מיט העלפען און שטארקען די בויענדע און שאפענדע כוחות אין אונזער יודענטום, העלפען אויפהויבען דעם כבוד התורה. דעם כבוד הרבנות, וואס ווערט פארשוועכט אויף שרים און טרים.

חברים דעלעגאטען! לאָמיר זיך נעמען מיט מוט, און באטראכטען אונזער טרויעריגע פארנאכלעסיגטע פארגאנגענהייט און זיך שטעלען מיט שטאָלץ בויען אונזער צוקונפט. אויב נאָהענט איז דער וועג וואס פיהרט צו אונזער ציל אדער ווייט, אויב עס וועט זיין שטרענגען און שטיינער וועלען געלייגט ווערען אין אונזער וועג, וועט דאָס אלץ אונז ניט אפּהאלטען. מיר וועלען זיך ניט אָפּשטעלען, ניט אפּטרעטען, ביז מיר וועלען בעזר השם עררייכען אונזער צוועק.

תחזקנה ידיכם, ויהי נועם ד' עליכם ועל מועצותיכם.

---

**ברכה לצירי הועידה הראשונה של השו"בים דארצות הברית וקנדה.**

ברוכים אתם בבואכם להשתתף בישיבות הועידה הגדולה שלנו, שעליה לפתור את השאלות החשובות הנוגעות למצב היהדות בכלל ולחיינו הפרטיים בפרט.

הלואי שתשכון אהבה, אחדות ושלום בגבולנו, ואנו תפלה כי הקבה"ה ימלא את כל משאלות לבנו לטובה.

**אגודת שוחטי עופות דניו יארק רבתי.**

# וואס די שוחטים־קאנווענשאן דארף אויפטאן

פון הרב שמריהו ליב הורוויץ

די „שוחטים שטימע" האט געשאפען די קאנ־ווענשאן פון די שוחטים פון לאנד. ווען ניט די „שוחטים שטימע" וואלטען מיר קיין קאנווענשאן ניט געהאט, און ווען ניט די „אגודת שוחטי עופות דניו יורק רבתי", אדער די שוחטים־יוניאן פון ניו יארק, וואלט ניט געווען קיין „שוחטים שטימע" און שוחטים וואלטען געווען פארשקלאפט ניט ווייניגער ווי אונזערע עלטערן אין מצרים, און די לאגע פון שוחטים אין ניו יארק וואלט געווען שרעקליך און עקעלהאפט.

דער יעניגער, וועלכער וויל האבען א באגריף פון אמת'ע שקלאפעריי ביי שוחטים אין ניו יארק מיט יאהרען צוריק, בעפאר עס איז געשאפען געווארען די גרויסע, שטארקע שוחטים־יוניאן פון די שוחטי עופות דנוירק רבתי, יענער זאל לייענען די ארטיקלען פון דעם פרעזידענט פון די שוחטים־יוניאן, רעוו. יעקב בלום, און פון דעם סעקרעטער פון דער יוניאן, רעוו. יוסף ראזענמאן, און פון דעם וויים־פרעזידענט, רעוו. אליהו חעלצער אין די „שוחטים שטימע" (אין די נומערען 3, 4, 9), וועט ער איבערראשט ווערען און וועט דאן, נאר דאן, קענען פארשטעהן דעם גרויסען כח פון א יוניאן, פון אן אמת'ע פאראייניגונג, און וועט דאן פארשטעהן, אז די איינציגע וועג צו פארזיכערען די פרנסה, דעם פרעסטיזש און די גייסטיגע לאגע פון די שוחטים און פון כשרות איז נאר דורך שאפען און גרינדען א מעכטיגען שטארקען פארבאנד פון אלע שוחטים פון לאנד אונטער דעם נאמען „אגודת השוחטים דארצות הברית וקאנאדא". די קאנווענשאן מוז שאַ־פען אַט אזאַ שוחטים־אָרגאַניזאַציע. און די ארבייט טאָר ניט אָפּגעלעגט ווערען. יעדע מינוט איז טייער און הייליג.

דער שוחט אין אמעריקא טאָר ניט בלייבען עלענד און הילפלאָז ווי ער איז געווען ביז יעצט. די אגודת השוחטים פון לאנד וועט מוזען באזארגען איהרע מיט־גלידער מיט קראנקען־בענעפיט; ווען א שוחט ווערט קראנק אָדער אונפעהיג צו דער ארבייט, דאַרף די אגודה איהם שטיצען בדרך כבוד ביז ער ווערט אר־בייטס־פעהיג. יעדער שוחט דאַרף דורך זיין אגודה זיין אינשורט, ער און זיין פאמיליע. די פאמיליע פון

# חד וחלק

(פעליעטאָן) פון א. לץ

אמר הלץ הגדול והנורא, עס איז מיר גוט, עס איז מיר וואויל ווי די וועלט, איך בין געלאדען צו דער ערשטער גרויסער היסטארישער קאָנווענשאָן פון אלע שוחטים פון אמעריקא און קאנאדע. און מיין הארץ זאגט מיר, אז די קאָנווענשאן וועט זיין א גליק פאר מיר. ראשית, וועל איך זעהן הונדערטער שוחטים פון גאנצען לאנד און איך וועל זיי נאך דער קאָנווענשאן א ביסעל באשרייבען... באפוצען און ארום„טרימען" ווי עס פאסט פאר א לץ... ותשנית, וועל איך האבען אן אומזיסטען און אמת'ען געשמאקען „סאפער" ביים באנקעט, וועלכער וועט שטאטפינדען באלד נאך דער קאָנווענשאן, און אזא באנקעט „סאפער" איז בבחינת למען „תסאפפער" באזני בנך ובן בנך... וד"ל. והשלישית, וועל איך קריגען א גוטען „דזשאב". אנשטאט צו שרייבען פעליעטאנען איין מאל א חודש ווי ביז יעצט, וועל איך דארפען אנפאנגען געבען א פעליעטאן יעדע וואך. ווייל די „שוחטים שטימע" וועט דאך זיכער ארויסגעהן נאך דער קאָנווענשאן יעדע וואך, און דאס מיינט נאך עטליכע „מאַ־ניער", א זאך — דער מאלער מיין איך — וואס שפילט א גרויסע ראליע. דאס פיהרט דעם קאנגרעס, דעם סענאט, די כשרות אסאסיאיישאן, די רבנישע ארגאניזאציעס, די כשר'ע בוטשערס, די אידישע „פייפערס" און אויך די „שטריימעל" פון חסידישע רביים.

ניט לאנג צוריק האט פאסירט אין ניו יארק — אזוי שרייבען די „פייפערס" — א גרויסער אומגליק. א גנב (א ליטוואק מסתמא) האט איינגעבראכען אין דער הויז פון א חסידישען רבי — א גאליציאנער מסתמא — און האט ארויסגעגנב'עט זיין שטריימעל, און די שטריימעל איז ווערט געווען — אזוי שרייבען די „פייפערס" — 75 דאלער. וואס א ליטוויק קען ?!... און וואס איז דער רבי אהן א שטריימעל ? גארנישט! ממש גארנישט!... א רב, למשל, האט תורה, תורה קען מען ניט גנב'ענען, און ווען איינער גנב'עט תורה און מאכט א ספר, מוז ער א רב זיין. א גנב א רב, אבער דאך א רב... ער מוז א תלמיד חכם זיין, גנב'ע־נען תורה מוז מען קענען. א רבי מיט א שטריימעל קען ניט די מלאכה... א רב אהן א שטריימעל איז אויך א רב, א רב בלייבט רב! א רב דארף האבען א יורה דעה, א חושן משפט, אזוי ווי א שוחט דארף האבען א חלף און דעם „אהל יצחק". ווען דער רב פארלירט דעם יורה דעה, קויפט ער אן אנדערען, ער ווערט ניט אויס רב, און א גנב וועט ניט גנב'ענען קיין יורה דעה — ווער דארף דאס ? דאס טויג נאר פאר א רב. ניט א רב קען דערפון קיין געלט ניט מאכען. ווען א שוחט פארלירט דעם חלף, מוז ער קויפען אן אנדערען, אבער ער ווערט ניט אויס שוחט. ווען א רבי פארלירט אבער די 75 דאלערדיגע שטריימעל, דאן, וועה איז מיר, ווערט ער דאך ממש אויס רבי... א רחמנות, א גרויסער רחמנות.

דער רעדאקטאר, דער קאלטער גזלן, ער טשעפעט זיך שוין צו מיר ווידער, ער לאזט מיך ממש ניט שרייבען,

שוחט טאָר ניט לײַדען הונגער, נויט און דחקות ווען
חר מאה שנה דער ברויט־געבער איז ניטאָ.

וועו א שוחט לײַדט פון זײַן קהלה, פון זײַנע
לי בתים, דאַרפען די שוחטים פון לאַנד איהם קומען
הילף. עס דאַרף זײַן: איינער פאַר אַלעמען און אַלע
ר איינעם. די נעגנער פון שוחט וועלען מוזען האָ־
ן דרך ארץ און רעספּעקט פאַר איהם ווען זיי וועלען
סען אַז ער איז ניט אַליין, אַז ער איז ניט עלענד, אַז
טויזענטער שוחטים פון לאַנד וועלכע זײַנען פאַר־
יניגט אין א שטאַרקע מעכטיגע אגודה זײַנען מיט
הם.

ווען עס ברעכט אויס א סכסוך צווישען שוחטים
א זאַך וואָס דאַרף און טאָר קיין מאָל ניט פאַר־
מען — קען קיינער ניט מאַכען צווישען זיי א ריכ־
גען שלום ווי זייערע אייגענע ברידער־שוחטים, די
רשטעהער פון די אגודת השוחטים פון לאַנד. דאָס
יכען ווען עס טרעפט א סכסוך צווישען דעם רב
שטאָדט און די שוחטים, צווישען די שוחטים און
קהלה, וועט דאַן די אגודת השוחטים פון לאַנד
מען צו הילף און שאַפען שלום.

א גרויסער שוחטים־פאַרבאַנד וועט האָבען בכח
האָבען א גרויסען טריבונאַל, א בית דין, צוזאַמען
ט די רבנים פון לאַנד, צו באַזאָרגען די אמת'ע
רות פון לאַנד ווי געהעריג איז. זעלבסטפאַרשטענד־
, אַז יעדער ועד הכשרות פון יעדע קהלה וועט מוזען
האָבען פאַרטרעטער פון די אגודת השוחטים. א ועד
הכשרות אָהן די מיטווירקונג פון שוחטים קען ניט
זײַן א ריכטיגער ועד הכשרות, און קען ניט פונקציאָ־
נירען ווי געהעריג איז.

עס איז זעהר וויכטיג און נויטיג, דאָס קיין שוחט
זאָל ניט טאָרען האַלטען א חלף אין האַנד, און וועט
ניט קענען אויפגענומען ווערען אַלס שוחט אָהן די
ערלויבניש פון רבנים און די אגודת השוחטים. ווען
א קהלה וועט דאַרפען אויפנעמען א שוחט, וועט זי
ניט דאַרפען, ווי ביז אַהער, זוכען איהם דורך די צײַ־
טונגען, נאָר זי וועט זיך דאַרפען ווענדען צו די אגודת
השוחטים פון לאַנד, און די אגודה וועט באַזאָרגען די
קהלות פון אַמעריקא און קאַנאַדאַ מיט די פּאַסינע
ריכטיגע שוחטים. א ספּעציעלע אינפאָרמאַציאָנס־ביוראָ
וועט דאַרפען געגרינדעט ווערען צוליב דיזען צוועק.

די אגודה וועט דאַרפען, ווי געזאָגט, באַזאָרגען
דעם שוחט ווען ער ווערט לא עלינו קראַנק, אַרבייטס־
לאָז, און גרינדען א ספּעציעלען פאָנד צו שטיצען איהם
ווען ער ווערט אַלט און איז אונפעהיג צו דער אַרבייט.
אָבער ניט נאָר מאַטעריעליש און עקאָנאָמיש וועט די
אגודה דאַרפען באַזאָרגען די שוחטים, איהרע מיט־
גלידער, נאָר אויך גייסטיג. די אגודה וועט מוזען
אַרויסגעבען די „שוחטים שטימע" יעדע וואָך. און די
וועכענטליכע צײַטונג זאָל קעמפען פאַר די אינטערעסען
פון די שוחטים און גלײַכצײַטיג זיי געבען גייסטיגע

---

רום איך טשעפּע זיך צו רביים ? דאָס פּאַסט ניט —
ה'ט דער רעדאַקטאָר — פאַר „די שוחטים שטימע", דאָס
שאַדען די שוחטים. א מאָדנער מענטש איז דער רע־
קטאָר אונזערער, ער ציטערט פאַר'ן אמת ווי פאַר'ן טויט.
נאָר דער רעדאַקטאָר אַזוי, צי אַלע רבנים זײַנען אַזוי ?...
און איך מאַך א פאָרשלאַג צו די שוחטים דעלעגאַטען
דער קאָנווענשאָן: ברידער שוחטים! וואַרפט אַראָפּ
רעדאַקטאָר, מאַכט איהם אויס רעדאַקטאָר, איך זאָג אַז
ב טאָר קיין רעדאַקטאָר ניט זײַן! מאַכט מ י ך פאַר
ער רעדאַקטאָר. ווען איך בין רעדאַקטאָר, קען איך אייך
ליג שווערען, אַז „די שוחטים שטימע" וועט לאַנג ניט
ויערען. העכסטענס וועט זי געדויערען א פּאָר מאָנאַט,
ם מעהר, און ווען איהר וועט גרינדען א פאַרבאַנד פון
שוחטים פון אַמעריקא און קאַנאַדע, מאַכט מ י ך פאַר
עקרעטאַר, פאַר א פּיתרער, דאַן קענט איהר זיכער זײַן,
די אגודה וועט געדויערען פון מאָנטאָג ביז דאָנערשטאָג.
ט מעהר. אָבער דעם אמת וועל איך זאָגען, און דער
, מעגט איהר מיר גלויבען, וועט אויפשטורעמען די
לט. און מיך וועט מען סוף כל סוף אַרײַנזעצען אין א
געים הויז, ווייל אין אַמעריקא זאָגען דעם אמת באַטש
שעה אין יאָהר איז גענוג אַז מען זאָל דעם אמת־זאָגער
סטירען און פאַרשיקען אין א משוגעים הויז.
אָט, למשל, איז אַדווערטייזט געוואָרען אין די אידישע
פּערס" פון אַן אָרטאָדאָקסישע שוהל, דאָס „א רב אָדער
ן פאַרלאַנגט צו זאָגען יעדען טאָג בין
חה למעריב, און שבת זאָגען א דרשה. געצאָהלט —
דאָלער א מאָנאַט". ווען איך וואָלט געווען א רב אָדער
רשן, וואָלט איך צוגעפאָהרען צו יענער שוהל, איך וואָלט
אָנגענומען דעם „דזשאָב" פאַר אַזאַ גרויסע געהאַלטסע סומע
ווי 25 דאָלער א מאָנאַט. און איך וואָלט אַרײַנגעשטעלט אין
די צײַטונגען די פאָלגענדע קורצע אַדווערטייזמענט: „קומט
הערען א דרשה פון דעם לץ! דער לץ הגדול הגבור והנורא
וועט זאָגען אַזאַ דרשה, וואָס די וועלט האָט נאָך ביז איצט
ניט געהערט! קומט אין מאַסען! ער וועט זאָגען —
ד ע ם א מ ת! איינטריט און אויסטריט פרײַ.
אָט אַזאַ קורצע „אַדווערטייזמענט" וואָלט געציהען אַן
עולם, מענשען וואָלטען געקומען צו פאָהרען אום שבת פון
אַלע עקען פון שטאָדט ה ע ר ע ן ווי אַזוי מען זאָגט
אין א ניו יאָרקער שוהל אויס'ן ביטח דעם אמת (א זאַך
וואָס האָט ביז איצט קיינמאָל ניט פּאַסירט), און ווען די
שוהל וואָלט געווען איבערגעפּאַקט, וואָלט איך דאַן אַרויף
אויף דער ביטח אײַנגעוויקעלט אין א לאַנגען כשר'ען טלית,
און וואָלט געזאָגט די פאָלגענדע קורצע דרשה:
באַזאָמע, אַפּיסערס און מעמבערס פון די שוהל אַנשי
לצון;
איך האָב בײַ אייך אָנגענומען דעם „דזשאָב" צו זאָגען
בײַ אייך י ע ד ע ן ט אָ ג בין מנחה למעריב און יעדען
שבת א דרשה. אַזאַ שטעלע איז ווילינג און פאַראַנטוואָרט־
ליך, און די אַרבייט איז א שווערע, א גייסטיגע. אַזאַ אַר־
בייט איז ווערט לכל הפחות 50 דאָלאַר א וואָך. איהר גיט
ניט א רב אָדער דרשן צו מאַכען א בכבוד'ען לעבען, נאָר צו
פאַרשקלאַפען איהם יעדען טאָג מיט — 25 דאָלאַר א מאָנאַט.
קענט איהר ניט פאַרלאַנגען פון מיר, אַז פאַר אַזאַ קליינע
סומע זאָל איך האַלטען א לאַנגע דרשה. איך וועל דעריבער
זאָגען קורץ, זעהר קורץ, א דרשה פון א פּאָר ווערטער, און
די פּאָר ווערטער זײַנען: א י ה ר ז י י נ ט ג ר ו י־

שפייז, וויסענשאפטליכע רעליגיעזע ארטיקלען, חדושי תורה, היסטארישע דאקומענטען וועגען שוחטים און שחיטה; ארויסגעבען א גרויסע רעליגיעזע ליטעראטור און שאפען אין יעדען סטייט א צענטער, א גייסטיגען צענטער פאר די שוחטים פון יעדען סטייט, צו טרע־פען זיך אמאל אין וואך און ארגאנזשירען לעקטשורס און שמועסען וועגען תורה ומוסר, ווי אויך וועגען ענינים פון שחיטה.

ווען די קאנווענשאן וועט ארגאניזירען א לאנד־פארבאנד, וועלכער זאל שטרעבען דורכצופיהרען אין פראקטישען לעבען די אויבען־דערמאנטע תקנות, וועט די קאנווענשאן בלייבען אין דער אידישער געשיכטע פון אמעריקא אלס א הייליגע און היסטארישע קאנווענ־שאן. זי וועט זיין א ברכה ניט נאר פאר די שוחטים נאר אויך פאר'ן גאנצען אידענטום אין אמעריקא.

און אין לך דבר העומד בפני הרצון — ווען די דעלעגאטען צו דער קאנווענשאן וועלען האבען א ריכ־טיגען חשבון הנפש, אויב זיי ווייסען, פארשטעהען און פיהלען זייער לאגע, אויב זיי שטרעבען צו א גליקליכע צוקונפט, אויב זיי זיינען באוואוסטזיניג — און מיר האפען, אז דאס זיינען זיי — דאן וועט די קאנווענשאן שאפען די אגודת השוחטים דאמעריקא וקאנאדא, לויט דעם פלאן וועלכער איז אנגעוויזען געווארען אין דיזען ארטיקעל.

די שוחטים־קאנווענשאן וועט אויך דארפען באַ־שליסען, דאס די שוחטים פון לאנד זאלען זארגען פאר דעם אידישען רעליגיעזען חנוך. דער אידישער חנוך איז יעצט הפקר, און די ארגאניזירטע שוחטים פון לאנד דארפען זארגען אז אונזער צוקינפטיגער יונגער אידי־שער דור זאל חס ושלום ניט אוועק פון אונז, און מיר זאלען ניט בלייבען קינדערלאז. די ישיבות און תלמוד תורהיס פון לאנד זיינען אין געפאהר. די ארגאני־זירטע שוחטים מוזען קומען די תלמוד תורה'ס און ישיבות פון לאנד צו הילף. די אגודת שוחטי עופות דנויארק האט ביינעשטייערט טויזענדער דאלארס צו העלפען די תלמוד תורה'ס און ישיבות פון נויארק, און די ניי־געגרינדעטע אגודת השוחטים פון גאנצען לאנד וועט קענען שטיצען די תלמוד תורה'ס און ישיבות פון לאנד און שאפען א ספעציעלען פאנד צו ארויסגעבען רעליגיעזע פעדאגאגישע לעהרביכער גע־שריבען ביי רעליגיעזע פעדאגאגען און ערציהער פאר דעם יונגען דור פון אמעריקא.

די אידישע קהלות, די רבנים, די שוחטים פון לאנד און דער יונגער אידישער דור קוקען אויף די ערשטע שוחטים־קאנווענשאן מיט גרויס שפאנונג און ערווארטונג. זאלען פארווירקליכט ווערען אלע גאל־דענע חלומות פון די שוחטים, און די ערשטע שוחטים־קאנווענשאן זאל געקרוינט ווערען מיט ערפאלגרייכע הייליגע פרוכטבארע ארבייט.

## נחלת השבים — לועידת השו"בים.

ברכה עמוקה מלב ונפש אנו שולחים לצירי הועידה הראשונה של השו"בים דארצות הברית וקנדה.

הלואי שנזכה לשוב לארצנו מתוך חדוה וישועה רוחנית וגשמית ונהיה אחרונים לשעבוד וראשונים לגאולה.

נ ח ל ת  ה ש ב י ם,
יעקב בלום, נשיא.

---

ס ט פ א ס ק ו ד נ י א ק ע ס ! . . און דהאט'ס אל!...

פארשטעהט איהר דאך שוין ווי אזוי איך וואלט געקענט זיין ביי אידען א רב אדער א דרשן ? ! דער „ברודער פרע־זידענט" וועלכער איז אפשר א בוטשער, וואלט מיך דורס געווען. די ברידער מעמבערס וואלטען אויף מיר זיכער גע־מאכט א פאגראם, און ווען מען וואלט מיך לעבען געלאזט וואלט מען מיך זיכער פארשפארט אין א משוגעים־הויז. ניין, איך וועל שוין בלייבען מיין גאנצען לעבען אליין מיט א רייגעם געוויסען, און וועל אימער זאגען דעם אמת, דעם ריינעם הייליגען אמת, און וועל ניט זיין קיין רב און ניט קיין שוחט און וועל ניט דארפען חנפ'ענען גראבע יונגען, פאסקודניאקעס, אפגעפרעסענע בייכער, עם הארצים, צבועקעס, דער גוטער יאהר זאל זיי ניט קענען!...

***

ברידער שוחטים! דעלעגאטען צו די ערשטע גרויסע שוחטים קאנווענשאן! ווען ניט די „שוחטים שטימע" וואלט איהר קיין קאנווענשאן ניט געהאט! און ווען ניט איך, אייער לץ, וואלט די „שוחטים שטימע" ניט געהאט דעם כח וואס זי האט יעצט, און דערפאר אפעליר איך צו אייך, אז אויף אייער קאנווענשאן זאלט איהר אויף מיר ניט פאר־געסען. איהר זאלט אויפפאדערען די קאנאקערס און די מעמ־בערס פון די שוחטים יוניאן און פון די קאנווענשאן־פיר־רער, אז מען זאל פארשטעלען פאר די דעלעגאטען דעם לץ פון דער „שוחטים שטימע". זאל דער לץ באגריסען די קאנווענשאן. זאל דער לץ זאגען א פאר ווערטער. זאלען די לעזער פון דער „שוחטים שטימע" זעהן איין מאל אין יאהר מיט זייערע אייגענע אויגען דעם לץ — ווי אזוי קוקט אוים דער לץ? צי קען ער ריידען א פאר ווערטער?

גלויבט מיר, מיינע טייערע און וואלוועלע שוחטים, אז איך וואלט באמת געוואלט זאגען א פאר ווערטער אויף דער קאנווענשאן. פון מיר וואלט איהר געהערט דעם אמת וועגען די „שוחטים יוניאן", די „אגודת הרבנים", דעם „דגל הרבנים", „ועד הרבנים", און טאקע וועגען דעם רעדאקטאר אליין. גלויבט מיר, איהר וועט קיין חרטה ניט האבען. לאזט מיך, איך בעט אייך, זאגען א פאר ווערטער אויף דער קאנווענשאן!

אח, ווי דערלעבט מען שוין די גליקליכע שעה צו זעהן אייך אלעמען אויף א ו נ ז ע ר קאנווענשאן. ווי דער־לעבט מען שוין צו עסען דעם ריכטיגען „סאפער" אויף דעם באנקעט פאר די שוחטים־דעלעגאטען פון דער גאנצער לאנד, און, דער עיקר, צו נעמען אין מויל אריין די אמת'ע טייע־רינע שמארקע „פראהיבישאן" און מאכען צו אייך אלעמען מיט דעם גאנצען הארצען —

לחיים! לחיים! לשנת הבאה בירושלים!

# אונזער דאָפּעלטע טראַגעדיע

פון רעוו. זלמן בער מאגאריק

יושב ראש דאגודת השוחטים דסוליוואן ואלסטער קאַנטיעס וסביבותית.

נאכדעם ווי איך האָב ערהאלטען די מעלדונג וועגען דער ערשטער קאָנווענשאָן פון אלע שוחטים פון אמעריקע און קאנאדע, וואָס וועט אי"ה אָפּגעהאלטען ווערען בקרוב, האָב איך באמת געפיהלט ווי צו מאכען שהחינו. — ווייל איך גלויב באמונה שלמה, אז די אידעע פון דער איצטיגער קאָנווענשאָן איז ארויסגעוואַקסען פון די דרינגענדע נויט־באדערפטיגקייט, פון די הכרחיות המצב אין וועלכען די שוחטים בכלל און איבערהויפּט מיר די שוחטים פון די ערי השדה המפוזרים בכל רחבי ארצות הברית וקנדה געפינען זיך.

לאָמיר זיך נישט נארען, מיינע ברידער! לאָמיר קוקען דעם לעבען גלייך אין די אויגען אריין און פארשטעהן, אז מיר לעבען איצט אין א שעת חירום. דאָס אלגעמיינע אידישע לעבען איז פּושט צורה ולובש צורה. די יסודות פון אונזער אמאָליגען טראַדיציאָנעלען לעבען האלטען אין צוזאַמענברעכען. די באציאונג צו כלי קודש, צו די עובדים במלאכת הקודש ווערט שרעקליכער פון טאָג צו טאָג. אונזערע לײַדען ווערען פּשוט אונערטרעגליך ווייל זיי זיינען דאָפּעלטע, נישט נאָר גייסטיגע, נאָר אויך מאַטעריעלע. ווייל מיר שוחטים טאָרען נישט פארגעסען דאָס, כאָטש מיר באלאַנגען צו דער קאַטעגאָריע פון כלי קודש, זיינען מיר דאָך אָבער אויך צו דערזעלבער צייט עובדים, דאָס הייסט פּראָסט און פּשוט אַרבעטער, און אלס אזעלכע זיינען מיר אויסגעשטעלט און אונטערוואָרפען צו די קאַפּריזען פון בעלי־בתים, וועלכע נישט נאָר קוקען זיי אויף אונז מיט ביטול ווי אויף לא יוצלח'ס, און אונזערע פאָדערונגען פון שולחן ערוך ווערען נישט נאָר איגנאָרירט נאָר אָפטמאָל אויסגעלאכט. — נאָר זיי, די בעלי־בתים, ווילען אויך ווי ווייט מעגליך ארונטעררייסען אונזערע אזוי אויך אָרעמע שכירות, שניידען די מאָגערע פארדינסטען ביז צום ביין אָהן רחמנות, און דארום איז אונזער טראַגעדיע א דאָפּעלטע. מיר ווערען פארפאָלגט נישט נאָר מבית נאָר אויך מחוץ — נישט נאָר ברוחניות נאָר אויך בגשמיות.

איז אָט דעם הויפּט פּונקט דארפען די ברידער שוחטים, איבערהויפּט די פיהרער, פארשטיין ווען מיר וועלען זיך פארזאמלען צו דער קאָנווענשאָן. מיר דארפען דאָס גוט פארשטעהן, כדי אויך צו קענען אונטערשיידען אונזער קאָנווענשאָן פון אנדערע רעליגיעזע און רבנישע קאָנווענשאָנס וועלכע קומען פאָר אזוי אָפט אין אמעריקע. זיי קומען פאָר יאָהר איין, יאָהר אויס. מען פארזאמעלט זיך, עס ווערען געהאלטען שעהנע רעדעס, עס ווערען אָנגענומען פארשידענע רעזאָלוציעס, החלטות. מען קלייבט אויס מנהיגים, מען טיילט כבודים והכל שריר וקים. און באלד ווי מען צופאָהרט זיך פארגעסט מען דעם עבר און מען הויבט זיך אָן גרייטען מכין זיין צו דער קומענדער קאָנווענשאָן פון נעקסטען יאָהר, וחוזר חלילה.

אָבער ווייסט איהר, ברידער שוחטים, פאר וואס דאָס איז אזוי? פאר וואס האָבען די קאָנווענשאָנס נישט דעם ריכטיגען ווערטה און ערפאלג? דאס איז דערפאר ווייל די אלע קאָנווענשאָנס ווערען אָפּגעהאלטען פון מענשען, וואס קומען זיך צוזאמען מיט דעם צוועק צו ראַטעווען אנדערע, העלפען דעם כלל ישראל, פארזארגען אידישקייט, רוחניות. —איז מאכען זיי דאָך דעם חשבון אָהן דעם בעל הבית. ווייל דאָס פאָלק, דער עם ישראל, וועמען זיי ווילען פארזארגען, זיצט זיך געמיטליך אין דער היים, לעבט זיך אויף זיין שטיגער, און עס איז איהם ווינציג וואס נוגע די החלטות וואס זיינע גייסטיגע פיהרער האָבען וועגען איהם אנגענומען און מיט וועלכע מען וויל איהם מזכה זיין שלא בפניו.

אנדערש איז אָבער אונזער לאגע און במילא אויך דער צוועק פון אונזער קאָנווענשאָן. מיר קומען זיך צוזאמען נישט ראַטעווען יענעם נאָר זיך אליין. מיר האָבען קודם כל אין זינען אונזער אייגענע לאגע, וועלכע איז אויך צו דער זעלבער צייט נוגע דעם כלל אלס א גאנצען. מיר ווילען זיך אויפהויבען פון דעם שפל'ן מצב אין וועלכען מיר געפינען זיך. מיר ווילען אויך אז אונזער ווארט וועגען דער הייליגקייט פון דיני שחיטה זאָל ניט איגנאָרירט ווערען. מיר ווילען פארטיידיגען אונזערע אינטערעסען עהרענהאפט, פארשטארקען אונזערע רייען, פארבעסערען אונזער לעבען בחומר וברוח. מיר זיינען דארום בלוטיג פאראינטערעסירט אין די אלע פראגען וואס וועלן אויף דער קאָנווענשאָן פארהאנדעלט ווערען. זיי זיינען נוגע אונזער עקזיסטענץ, אונזער כבוד, אונזער פּרעסטיזש אלס עובדים און דערצו נאָך במלאכת הקודש.

און אָט אין דעם ליגט דער גרויסער אונטערשיד צווישען אונזער קאָנווענשאָן און אנדערע קאָנעוונשאָנס פון דעם אָרטאָדאָקסישען לאגער. מיר פארטרעטען זיך אליין און מיר ווייסען וואס מיר ווילען און וואס אונז פעהלט.

ברידער שוחטים! מיר שטעהען יעצט פאר איינעם

פון די וויכטיגסטע געשעהענישען אין אונזער לעבען אין אמעריקע. די קומענדע קאנוועגשאן מוז און וועט אי"ה לעגען דעם יסוד פאר א בעסערען און בכבוד'יגען לעבען. אין אונזערע אייגענע הענט ליגט דער גורל פון אונזער צוקונפט. מיר מוזען זיין ארגאניזירט אין איין גרויסער אגודה איבער'ן גאנצען לאנד, כדי יעדער יחיד, יעדער פרט זאל פיהלען אז ער האט אימיצען וועלכער וועט איהם שטיצען מיט ראטה און טהאט לעת מצוא ולעת צורך.

לאמיר דארום פיהלען די גאנצע פעראנטווארטליכקייט וואס די קאנווענשאן לעגט אויף אונז ארויף. לאמיר אויסקליבען פאסיגע דעלעגאטען, אנשי־דעה, וואס זאלען מיט פולען ערנסט און איבערגעבענהייט פערהאנדלען בכובד ראש צו לעזען די פראבלעמען וואס שטעהען בעפאר אונז, געפינען די פאסיגע וועגען און מיטלען ווי אזוי געהעריג אויסצוליינען דעם יסוד פאר דעם נייעם בנין וואס די קאנווענשאן געהט בויען, און דאס איז א פאראייניגונג פון אלע שוחטים אין א פארבאנד אונטער דעם נאמען „אגודת השוחטים דארצות הברית וקנדה".

און איך בין הונדערט פראצענט זיכער אז אויב אלע דעלעגאטען וועלען קומען מיט דעם גוטען ווילען, אהן קיינע פערזענליכע פניות, וועלען מיר אי"ה דורכפיהרען אונזער פראגראם און דערגרייכען צו אונזער ציל בשלימות. אין לך דבר העומד בפני הרצון.

עס מוז און דארף בעשאפען ווערען אויף דער קאנווענשאן אן אגודת השוחטים דארצות הברית וקאנאדא.

# אונזער שטרעבונג

(צום סדר היום פון שוחטים קאנווענשאן)

פון הרב שמואל דוב מהרש"ק, שו"ב בראטשעסטער, ניו יארק.

די איניציאטארען פון „שוחטים קאנווענשאן" האבען מיט איינינע וואכען צוריק אונז געמאלדען, אז אונזער קאנווענשאן וועט פארקומען ז' און ח' אדר.

מיר דארפען נים פארגעסען, אז אונזער מטבעה האט צוויי זייטען, אונזער ארגאניזאציע האט א צווייענדיגע שטרעבונג און א געדאפעלטען ציל, און אז מיר מוזען מעסטען אונזער פליכט מיט א ברייטערען מאסשטאב און נים באנוגענען זיך נאר מיט פערזענליכע פראגעס, ווי דער פאל איז אין אנדערע עקאנאמישע יוניאנס און ארגאניזאציעס.

מיר טארען נים פארגעסען, אז אויסער דער פראגע ווי צו פארבעסערען דעם עקאנאמישען מצב פון די שוחטים אין אמעריקע, אוועקשטעלען אים אויף א געזונדען יסוד, ער זאל נים דארפען זיין אפהענגיג פון יענעמס רצון און ליידען פון א פרעמדען קאפריז, — האבען מיר אויך פאר זיך א העכערע און א טיפערע פראגע. עס איז פאראן געוויסע מאמענטען וואס מיר שוחטים דארפען פארגעסען אונזער פערזענליכען „איך" און באטראכטען דעם אינהאלט פון אונזער ארגאניזאציע אביסעל מעהר אביעקטיוו. ווי האט געזאגט דער „לץ הגדול הגבור והנורא" אין לעצטען נומער פון „שוחטים שטימע", אז „שוחטים דארפען אויך אמאל אין א יאהר זאגען אן אמת".

און דער אמת איז: אז די איינציגע ארגאניזירטע מאכט, וועלכע קען האבען די מעגליכקיים צו שטיין אין שפיץ פון ארטאדאקסישען אידענטום דא אין אמעריקע, איז נאר די שוחטים ארגאניזאציע, ווייל זי איז די איינציגע וועלכע האט נים קיין געגען ארגאניזאציע, קיין שטערענדע מאכט, וועמעס ציל איז צו צוברעכען וואס דער צווייטער בויט. אונזער ארגאניזאציע איז די איינציגע, וועלכע האט נים קיינע פארשידענע סארטען אידישקייט, פון באזונדערע מיינונגען און באזונדערע שטרעבונגען. מיר פארמאגען נים אין אונזערע רייהען נים קיין גאנצע און נים קיין האלבע רעפארמער. פאר אונז עקזיסטירט נאר די פראגראם וואס אונזערע פוסקים פון די ראשונים ביז די אחרונים האבען געשאפען. אונזערע רייהען זיינען נים קיין דורכגעבראכענע. די חברים זיינען נים צוטיילט אין „אגודות", „כנסיות", „ועדים" און „דגלים", איין ציעל און איין שטרעבונג האבען מיר אלע, און דאס איז פארשטארקען דעם ארטאדאקסישען אידענטום אין אמעריקע, פארפעסטיגען אונזער טראדיציאן און פארשפרייטען דעם אידישען גייסט אין אלע ווינקעלעך, וואו נאר א איד געפינט זיך.

געווים האט די התעוררות געדארפט קומען פון רבנים, וועלכע אין אלע צייטען און אין אלע ערטער זיינען זיי געווען די ערשטע פיאנערען צו פארשטארקען דעם אידישען גייסט. ליידער איז דא אין אמעריקע זייער כח שוואך, ווייל צוליב זייער געדריקטער עקאנאמישער לאגע, ווייל זיי האבען נים קיין געזונדען יסוד צו זייער מאטעריאלען לעבען, ברייננט עס זיי שטענדיג צו חלוקי דעות, מחלוקת און צוריסענקיים צווישען זיך... ביי אונז שוחטים (אויסער א קליינער אויסנאמע) איז די לאגע אין דעם פרט אביסעל בעסער. מיר זיינען פריי פאר זיך, מיר האבען אויף זיך נים קיין יאך

פון אנדערע מאכטהאבער, איז אונז פיל גרינגער מיט געמיינזאמע כחות פיהרען א קאמף נעגען די הפקרות און די עמי הארצות פון אנדערע רעדעל פיהרער און דעה־זאגער. מיר, מיט פאראייניגטע כחות קענען פיל טאן פאר דעם עקזיסטענץ פון די ישיבות און קעמפען נעגען דעם עמי הארץ'דיגען גייסט פון פילע ת"ת, אין וועלכע עס געוועלטיגען די ראביים מיט זייער „רזשודאאיזם" און די עמי הארצים מיט זייער פראגראם פון עברי זאגען און מפטיר זינגען.

און אונזער רוף צו די חברים אויפ'ן קאנווענשאן דארף זיין „כבשו את הקהילות" לאזט הערען אייער שטים ביי יעדער געלעגענהייט וועלכע איז נוגע צו דעם עקזיסטענץ פון אונזער פאלק בכלל און פון דאס אידענטום אין אמעריקע בפרט. זייט די ערשטע צו ארבייטען פאר מזרחי און ציוניזם, און בעטייליגט זיך מיט ענערגיע אין אלע ארטינע אידישע אינסטיטוציעס. ברענגט אהין אריין אייער גייסט, דעם גייסט פון טראדיציאנעלען אידענטום. לאזט עס ניט איבער פאר טשאריטי בעזארגער און כבוד־זוכער, ביי וועלכע דער לבוש איז טייערער פון תוך און די צערעמאניע שטעהט העכער פון אינהאלט.

געוויס איז כל התחלות קשות, און שטרויכלונגען וועלען מיר באגעגנען אויף יעדער טראט. מיר דארפען אבער זיך ניט אפשרעקען, און האפענדיג אז דער כח פון אונזער ארגאניזאציע וועט זיך וואס ווייטער און ווייטער שטארקען און שטארקען, איז אונזער פליכט צו נעמען אויף זיך די איניציאטיווע צו פארשטארקען און פארשפרייטען אונזער טראדיציאנעלען גייסט.

און דאס דארף זיין איינע פון די הויפט פראגעס אויף אונזער קאנווענשאן.

# תחזקנה ידיכם

(צו דער קומענדער אלגעמיינער שוחטים קאנווענשאן)

פון הרב שמואל מנחם הלוי פיין, דעטראיט.

מיט גרויס שמחה האב איך געלעזען די מעלדונג אין „שוחטים שטימע", אז עס גייט פארקומען אן אלגעמיינע שוחטים קאנווענשאן, גערופען און ארגאניזירט פון די שוחטי עופות אין ניו יארק. עס האט זיך פשוט ניט געגלויבט, אז דיזעס קען געשעהן, און ווען אפילו עס איז געוועזן השנים כתיקונן, און דער לעבען האט זיך נעפלאסען זיין נארמאלען וועג און אלעס איז געוועזן אין ארדנונג, אלעס כשורה געגאנגען, דאך איז באשטעטיגט געווארען דער פאקט, אז כינוס לצדיקים הנאה להם והנאה לעולם. מכל שכן ביי אזא אומנארמאלער צייט, וואס אלעס איז איבערגעקערט. די גרעסטע היילינקייט איז וואכעדיג געווארען. הגבה השפילו ושפלה הגביהו. און דא אין לאנד, וואו אלעס שטראמט הארי אפ, איז אהן א ספק אז עס איז נויטיג אן אסיפה כללית מכל השוחטים אין לאנד, צו דעבאטירען אזא עיקר אין יעדענטום ווי שחיטה, ווי אזוי עס קענען אוועקשטעלען אין דער מדרגה ווי עס דארף זיין על פי דת, און אז יא אן אלגעמיינע קאנווענשאן, דארף נאך מיין מיינונג פארהאנדעלט ווערען אט די 4 פראגען:

1) ס'דארף אוועקגעשטעלט ווערען אן ארדנונג, אז נאר דער וואס איז ראוי צו זיין א שוחט עפ"י ד"ת, און דאס ער זאל זיין א מומחה און מוחזק י"ש און בעל מדות, יענער זאל קריגען די ערלויבניש צו שעכטען נסות ועופות.

2) די שבירות און פרנסה פון שוחט דארף און מוז זיין געזיכערט, און ניט דער האלסיילער אדער בוטשער, אדער אירגענד אנדערער, זאל קענען דעם שוחט ענטזאגען ווען ער איז ראוי צו זיין שוחט עפ"י ד"ת.

3) עס מוז געשאפען ווערען א קופת השוחטים, אן אלגעמיינע אדער יעדע שטאט באזונדער, אום צו פארזארגען די יעניגע וועלכע זיינען אלט געווארען, קראנק ח"ו, אדער אירגענד אנאנדער סבה ר"ל, וואס דער שוחט קען ניט אדער טאר ניט שעכטען.

4) עס דארף אנגענומען ווערען מיטלען אז „די שוחטים שטימע" זאל ווערען א וועכענטליכער ארגאן, כדי די קארעספאנדענציעס פון שוחטים פון אלע פארווארפענע ווינקלען אין אמעריקע זאלען קענען ווערען פובליקירט, אום מען זאל האבען א קלארען באגריף און וויסען וואס עס קומט פאר ביי שוחטים און שחיטה אין גאנץ אמעריקא.

ומעמק הלב הנני מברך די קאנווענשאן, אז זי זאל האבען גרויס ערפאלג לטובת היהדות, לטובת השחיטה, ולטובת השוחטים.

---

# באו חשבון!

פון רעוו. יחזקאל ראזען.

מיט דער אויסגאבע פון „די שוחטים שטימע" פון דיזען מאנאט שבט ענדיגט זיך דער ערשטער יאהר זינט דער זשורנאל עקזיסטירט און די וועלכע האבען אין אנפאנג מורא געהאט, טאמער וועט ער נישט זיין קיין בר קיימא, קענען שוין יעצט זיין זיכער אין זיין עקזיסטענץ, ווייל דער דין אנערקענט אויך אז צוועלף חדשים לעבען איז א געזונגענדער באווייז אויף א געזונדען יסוד... און עס איז שוין יעצט די צייט צו מאכען א חשבון און אונטערציהען דעם סך הכל, וועלכע נוצען האט „די שוחטים שטימע" געבראכט פאר די שוחטים בפרט, און פאר דעם אלגעמיינעם ארטאדאקסישען אידענטום בכלל, און מיר מוזען צונעבען אז „די שוחטים שטימע" האט שוין אין דער קורצער פעריאדע זעהר פיל אויפגעטאן, חוץ דעם וואס זי איז דער איינציגער ארגאן וואס פארטיידיגט די אינטערעסען פון די שוחטים נעגען זייערע אנגריפערם — איבט זי אויך

אוים א געוואלדינגען מאראלישען איינפלוס אין דער אידישער גאס לטובת השוחטים והיהדות.

„די שוחטים שטימע" איז אויך דער גייסטיגער צענטער פון אלע שוחטים אין אמעריקע. די שוחטים אין די קאנטרים וועלכע זיינען צושפרייט איבער'ן גאנצען לאנד, זיינען פרעמד איינער צום צווייטען און פיהלען זיך זעהר עלענד. און דאס דריקט זעהר שטארק זייערע בענקענדע אידישע נשמות, וועלכע לעכצען נאך א גייסטיגער סביבה, און דאס גיט זיי „די שוחטים שטימע", — א גייסטיגע חברותא פון אלע שוחטים אין לאנד, א גייסטיגער צענטער.

„די שוחטים שטימע" קולטוריזירט אויך די שוחטים, מאכט זיי מעהר באוואוסטזיניג און ערציהט זיי צו זיין מעהר דענקענדע, ארויסצוברענגען זייערע מיינונגען אין געוויסע פראגען, וועלכע קומען פאר אין אידישען לעבען, און ערוועקט אין זיי דעם געפיהל פון קנאת סופרים תרבה חכמה.

„די שוחטים שטימע" העלפט אויך זעהר פיל צו פארשפרייטען דעם געדאנק פון בנין ארץ ישראל דורך דער „נחלת השבים" וואס איז געגרינדעט געווארען דורך שוחטים.

דעם גרעסטען קרעדיט קומט „די שוחטים שטימע" פאר דער איניציאטיווע צו פארווירקליכען דעם אידעאל צו פאראייניגען אלע שוחטים פון אמעריקע און קענעדע אין איין גרויסען פארבאנד, צו וועלכען צוועק זי רופט יעצט די ערשטע גרויסע היסטארישע קאנווענשאן אויף ז״ח אדער פון אלע שוחטים אין לאנד, וואו עס וועט ארגאניזירט ווערען אן „אגודת השוחטים דארצות הברית וקאנעדע", און ווען דאס זאל איהר געלינגען צו שאפען, — און ווי מיר האפען, וועט טאקע אזוי זיין — איז דאס אליין גיט איהר שוין דעם זכות הקיום, ווייל פאראייניגונג און אחדות וועט זיין א ברכה פאר דעם גאנצען אמעריקאנער ארטאדאקסישען אידענטום.

און מיר ווינשען די איניציאטארען און פיהרער און זאגען צו זיי די ווערטער וואס דער מלאך האט געזאגט צו גדעון:

„לך בכחך זה והושעת את ישראל".

# בריעף פון שוחטים

## דער מצב פון שוחטים און כשרות אין אמעריקא

### ליבערטי, נ. י.

ווערטער רעדאקטאר:

אין אייער אויסגאבע „שוחטים שטימע" פאדערט איהר, דאס יעדער שוחט זאל אייך שרייבען זיין מיינונג, וואס עס דארף פארהאנדעלט ווערען ביי דער קומענדער קאנווענשאן פון שוחטים, האף איך אז איהר וועט מיר ערלויבען אויך מיין מיינונג אויסצודריקען ווי פאלגט.

יעדער איינער פון אונז ווייס צו גוט דעם פאקט, דאס כמעט יעדער שוחט איז אין שטענדיגע געפאהר צו פארלירען זיין מצב הפרנסה דורך פארשיידענע אורזאכען, ווי צ. ב. ש.:

1) פילע טשיקען־מארקעטס ווערען צוגעמאכט, עס מאכט ניט אוים וואס די אורזאכע זאל ניט זיין.

2) דורך פארשידענע מחלוקות, וואס ווערען מייסטענס אינסצענירט פון די נידעריגסטע עלעמענטען און געשטיצט פון די באוואוסטע רע־בנים ארגאניזאציע, ווי עס ווערט טרויעריג געשילדערט פון הר' אליהו ליב פישער פון סט. לואיז (זעה „שוחטים שטימע" פון חודש כסלו. יעדען שוחט מיט רגש האט די מעשה דאס הארץ פארקלעמט, שומו שמים).

3) דורך פארשידענע שטרייטען מיט בוטשערס הן בעניני כשרות והן בעניני הפרנסה א. אז וו.

דאס זיינען עפ״י רוב די סיבות, וואס דער שוחט פאלט נידעריג ביי זיך און קאן דאדורך ניט אויספיהרען אין עניני כשרות און אויך ניט אין עניני פרנסה. לזאת דארף, לדעתי, די בעפארשטעהענדע קאנווענשאן טרייען מיט אלע כחות אפצושאפען די דאזיגע איבלען, ולענ״ד איז די ארגאניזיישאן וואס זאל יעצט באשאפען ווערען ביכולת די אנגעוויטאנטע פראבלעם צו לעזען באופן זה:

עס דארף געשאפען ווערען פאר יעדען שוחט וואס קומט אין דער אגודה א סארט אינשורענס־פאליסי, וואס זאל איהם פערזיכערען מיט 60—50 פראצענט פון זיין פארדינסט. למשל, א שוחט וואס פארדיגט 50 דאלאר פער וואך זאל קריגען א פאליסי וואס פארזיכערט איהם, דאס באם ער ווערט ארויסגעווארפען פון זיין פרנסה דורך וועלכע סיבה עס זאל ניט זיין, זאל ער קריגען למשל 30 דאלאר פער וואך.

איך דענק, דאס די שוחטים־ארגאניזיישאן קען זיך פארבינדען מיט וועלכע פון די גרויסע אינשורענס־קאמפאניס אויף פאלגענדען אופן, דאס באם וועלכער שוחט וואס האט זיין פרנסה פארלוירען און די שוחטים ארגאניזיישאן דארף איהם צאהלען 25 אדער 30 דאלאר לשבוע, זאל די קאמפאניע דארפען צאהלען 50% און די שוחטים ארגאניזאציע די אנדערע 50%. באופן זה וועלען ביידע, הן די אינשורענס קאמפאני הן די ארגאניזיישאן, פראטעקטעט זיין פון יעדען מענשליכען

שווינדעל. בהיות אַז די אָרגאַניזיישאַן וועט דארפען צאָהלען די העלפט, וועלען זיי טרייען מיט אַלע כחות דאָס דער סכסוך זאָל אויסגעגליכען ווערען. און אויך ווען דער שוחט וועט נאָר קריגען למשל 60 פּראָצענט פון זיין פאַרדינסט, וועט ער ניט וועלען אויפגעבען זיין ארבייט. דאַגעגען וועט יעדער שוחט קאָנען מעהר אויספיהרען הן אין עניני כשרות והן בדיני ממונות, אַז ער וועט זיך ניט דארפען שרעקען דאָס ער וועט בלייבען מחוסר לחם ח"ו. זעלבסטפארשטענדליך, דאָס יעדער שוחט וועט מוזען צאָהלען פאַר אַזאַ פּאָליסי אַ געוויסע פּרימיום לויט די יאָהרען און לויט זיין פאַרדינסט, אָבער יעדער בר דעת וועט דאָס מיט פאַרגעניגען באַצאָהלען.

נאַטירליך דארף דער פּלאַן גוט אויסגעארבייט ווערען מיט אַלע איינצעלהייטען לויט דעם סיסטעם וואָס די אינשורענס קאָמפּאַניס ארבייטען. אָבער באם עס זאָל זיך איינגעבען דאָס מוציא צו זיין מכח אל הפועל, וואָלט דאָס זיין לטובה גדולה אין אַלע פּרטים. עס איז אויך אמת דאָס צו פאַרזאָרגען אַלטע, קראַנקע און עלענדע שוחטים איז פון זעהר גרויס וויכטיגקייט, אָבער ווער עס זעהט בעין פּקיחה דעם מצב השוחטים אין דער מדינה, וואו הרוב מנין ורוב בנין מאחב"י זיינען לדאבוננו ניט מדקדק במצוות ובכשרות וממילא ווירקט דאָס אינסטינקטיוו אויף די מאַרקעטלייט און בוטשערס, און ליתר תוקף צו צושטערען דעם גאַנצען דרך ארץ פאַר'ן שוחט העלפט נאָך דאָס שטענדיגע מחלוקת צווישען אונזערע רבנים, און ביי אַזעלכע אומשטענדען זיינען באמת כמעט אַלע שוחטים בבחינת אַלט, קראַנק און עלענד. עבדים משלו בנו, פּורק אין מידם.

די געשיכטע פון סט. לואיס הנ"ל איז ניט די איינציגע. איך וואָלט די גאַנצע שוחטים-וועלט אויפגעטרייסעלט מיט באַקאַנט מאַכען די מיאוס'ע און ברוטאַלע מעשים שהיו. תסמר שערות הראש באלה אלהיך ישראל. אָבער איך דענק, אַז די צייט איז נאָך ניט מסוגל דאָס מפרסם ברבים צו זיין. אי"ה לעת מצוא וועל איך נאָך שרייבען. ולע"ע חבר אני לכל אשר יראוך. השי"ת יצליח את דרכנו ואגודתנו תשגשג, תפריח ותעשה „פרי" לשם ולתהלה.

ברגשי כבוד,

אברהם איללמאַן, שו"ב דליבערטי, נ. י.

---

## פּוירנדייל, סוליוואַן קאונטי.

ווערטער רעדאַקטאָר:

איך שרייב אייך דעם בריף מעומקא דלבא. אייער אַרטיקעל פון ר"ח טבת וועגען די שוחטים לעת הזקנה האָט גערירט מיין הארץ. ליידער איז עס זעהר שווער צו זיין אַ שוחט אַן אַלטער מאַן, דען מען נעמט ארויס פון איהם די כחות ווען ער איז יונג. וועלכע צרות און ליידען דארף ער דורכמאַכען ביז ער קריגט אַ שטעלע. נאָכדעם דארף ער ליגען אין פאַרשטיקעניש, קיין לופט, קיין זון, נאָר שמוץ און כנים און גראָבע ווערטער. עס קומט אויס צו ליידען פון בע"ב, פון ארבייטער בוטשערס און פון נאָך אַזעלכע.

אין יורא͏פּ האָט מען געהאַט רעספּעקט פאַר דעם שוחט. דער רב און שוחט זיינען געווען רעים אהובים. דאָ איז מען, ליידער, שונאים. דאָ וויל יעדערער זיין אַ האַן. דערווייל ווערט דער שוחט דערשטיקט. שומו שמים! אָבער ומה תעשו ליום אחרון? איך מיין, ווען דער שוחט ווערט אביסעל וויסלאַך, מען וויל איהם אין מאַרקעט ניט האָבען, קיין געלד האָט ער ניט וויל ער פאַרדינט ניט צופיל, און דאָ פיהלט ער ערשט די זקנה. אַ געוועהנליכער מענש נעמט אַ פּושקאַרט, אַ בעסקעט און פּעדעלט. אָבער אַ שוחט האָט קיין כח ניט — תורה מתשת כחו של אדם. דער שוחט האָט אין די יונגע יאָהרען זיך געוואַלגערט, געלערענט אין דער פּרעמד. ווידער, ווי פּאַסט דאָס פאַר איהם און פאַר אַלע שוחטים?!

איך גלויב, אַז דער פּלאַן איז גוט, מיר זאָלען מאַכען אַן אינשורענס פּאָליסי, און אַזוי ווי אַ שוחט ווערט אַ בן ששים זאָל ער האָבען פון וואַנען צו לעבען און זאָל זיך נישט דארפען ארומוואַלגערען און אָנקומען צו טשאַריטי, עס זאָל נישט זיין אַ שאַנדע פאַר די שוחטים. און מען קען דאָס לייכט אויספיהרען. לאָמיר אָנפאַנגען, וועט דאָס קומען ממילא.

די גמ' ב"ב השותפין. רבי פתח אוצרות בשני בצרות, אמר יכנסו בע"מ בעלי מקרא אבל עמי הארץ אל יכנסו. פרעגט די וועלט די קשיא: זוי טוט דאָס רבי הלא אין בודקין למזונות? נאָר דאָס האָט רבי געזאָגט, אַז אַלע האָבען יוניאָנס און מען נעמט זיך אָן פאַר זיי, אָבער ניט פאַר'ן ת"ח, מוז איך זיך אָננעמען. דאָס גלייכען איז מיט אונז. קיינער נעמט זיך ניט אָן פאַר אונז, טאָ לאָמיר אַליין עפּעס טאָן. אם אין אני לי מי לי?

איך גלויב, אַז דאָס איז זעהר אַ גלייכע זאַך. איך בעט אייך, העיר רעדאַקטאָר, דרוקט מיין בריף, אפשר וועט דאָס אַלעמען עפענען די אויגען און מיר וועלען זיין פאַרזאָרגט מיט אַ שטיקעל ברויט אויף די אַלטע יאָהרען.

ממני אחד מן השוחטים אוהבכם,

משה זאב וואולף,

שו"ב פּוירנדייל, סאָליוואַן קאונטי, נ. י.

---

## גאַלוועסטאַן, טעקסעס

לאחי השוחטים דארצות הברית וקענעדא.

שלום לרחוק ולקרוב.

ערלויבט מיר אַלס איינער פון די ערשטע גרינדער פון דער אגודת השוחטים, מיטשעמפּער מיט טאַט, וואָרט און שריפט, און געוועזענער סעקרעטאַר, צו

גראטולירען אייך אין אייער ערפאלג און ווינשען אייך סוקסעס אין אלע אויסבעסערונגען. איך וואלט געוואונשען צו זיין מיט אייך ווידער און געניסען די גייסטיגע הנאה פון אייער געזעלשאפט (אולי יש תקוה?).

אזוי ווי אויף דער קאנווענשאן וועלען פארהאנדעלט ווערען וועגען פילע תקנות און רעזאלושאנס, און צווישען די רעזאלושאנס, ווי איך האב באמערקט אין דער „שוחטים שטימע", איז: נים צו לערנען מעהר די אומנת השחיטה פאר אן אומבאשטימטער צייט צו נייע, זאגאר קוואליפיצירטע פערזאנען, — ערלויבט מיר צו זאגען, דאס: לא טוב הדבר אשר אתם עושים, לא זו הדרך! מיר דארפען נים זיין ענג־הארציג און נים נעמען קיין ביישפיל, נים פון די ווארשאוער שוחטים און נים פון די גאליציאנער שוחטים. אפשר האבען זיי זייערע טעמים ונמוקים. מיר זיינען אין אן אנדער לאנד און אונזערע השגות דארפען זיין ברייטערע, און נים זיין דאגעגען דעם מאמר חז"ל (חולין דט.) אמר רב יהודה אמר רב ת"ח צריך שילמוד ג' דברים: כתב, שחיטה ומילה. מיר מעגען אויך נעמען א ביישפיל פון דער געשיכטע פון חוני המעגל (תענית כ"ג), וועלכער האט גאנץ גוט געוואוסט די צייט וואס עס דארף נעמען פאר א חרוב צו ארויסברענגען פרוכט, נאר ער האט פילייכט נים פארשטאנען די נויטווענדיגקייט צו פלאנצען, וואס זיינע פרוכט וועלען ערשט ארויסקומען אין 70 יאהר ארום. אבער דער איינפאכער פארמער האט איהם גע־לערענט, אז א מענש דארף נים האבען בלויז זיך אליין אין זינען נאר די צוקינפטיגע דורות. און ווי שארף איז געווען דעם פארמער'ס אנטווארט: „אנא עלמא בחרובא אשכחתיה, כי היכי דשתלו לי אבהתי, אנא נמי שתלי לבנאי". מיר דארפען טאן אונזער פליכט און לערנען צו די ריכטיגע פערזאנען, וועלכע וועלען נים מסיג גבול זיין, נאר וועלען געפינען נייע כשרה פלעצער פאר זייער אומנת.

און דאס זעלבע איז מיט רבנים, חזנים און מלמדים. רצה הקב"ה לזכות את ישראל לפיכך הרבה להם תורה ומצוות. עס זיינען דא אין לאנד פילע שטעדט און שטעדטלאך מיט היבשע צאהלען אידען, און לײדער האבען זיי נים קיין שוחטים, קיין מלמדים און קיין רבנים (אפשר רעפארם ראבאים), און די פליכט דארף זיין צו שאפען ביי יענע עצמות היבשות דעם רוח החיים, וועלכעס וועט אנהויבען זוכען און פאדערען די גייסטיגע פרוכטען פון דעם כרם היהדות.

הלל יעקב הורוויץ,

שו"ב בגאלוועסטאן, טעקסעס.

# קליוולאנד

געעהרטער רעדאקטאר:

לעזענדיג די „שוחטים שטימע" מיט איהר גרויסען פארנעם הן בכמות והן באיכות, זיינען מיר געווארען איבערציינט אז די „שוחטים שטימע" איז א וועקענדיגער זייגער, א שופר וואס וועקט אלע שוחטים פון לאנד צו פאראייניגונג. און יעצט ווערט גערופען אונזער קאנווענשאן, וועלכע דארף פאראייניגען אלע שוחטים פון לאנד אין איין שטארקע אגודת השוחטים דארצות הברית וקאנאדא, וואס דאס מיינט אונזער בענעפיט, אונזער עקזיסטענץ. צו באזייטיגען פון דער אידישער גאס חלול השם, מכשולים פון נבלות וטרפות, וואס קומען פאר פאר אונזערע אויגען און מיר מוזען שווייגען. א תירוץ אויף דעם האבען מיר פון טפלא תלי בי, דער פחד פון ארויסגעווארפען ווערען פון דעם מארקעט־מאן, דאס מיינט פארלירען די פרנסה דורך דעם וואס דער שוחט וועט וואגען זאגען דעם מארקעט־מאן א דעה. איינינע מכשולים פון נבלה וטרפה קענען פארהיט ווערען נאר דורך א התחברות פון אלע שוחטים, דורך נעמען די איניציאטיווע אין אונזערע איינענע הענט און ארויסזאגען דאס שלאג־ווארט וועלכע שוחטים זיינען דערצו בארעכטיגט. פאר אונזער ארימען לעבען גיבען מיר אוועק דעם גוף מיט דער נשמה, קען קיינער ביי אונז נים אוועקנעמען אונזער ווארט און אונזער עקזיסטענץ. יעדער פראסטער ארבייטער שטעלט איין נאר זיין גוף פאר א לעבען צו מאכען, אבער נים זיין נשמה, אבער שוחטים העוסקים במלאכת הקודש, זיי שטעלען איין ביידע זאכען, דעם גוף מיט דער נשמה.

און איך וויל זאגען צו די שוחטים זיך נים איינצוריידען מיט קיינע תירוצים. איהר ווייסט דאס גוט, אז כל מי שיש בידו למחות ואינו מוחה נתפס על אותו עון. און שוחטים, ווייס איך, קענען א סך פארהיטען. אין חכם כבעל הנסיון. פארגעסט נים, חברים שוחטים, אז קיין פראטעקשאן פון קיינעם קענען מיר נים האבען, נאר פון זיך אליין. אלס יושב ראש פאר די לעצטע עטליכע יאהר ביי אונזערע שוחטים, האב איך אויסגענוצט אלערליי וועגען, הן בגשמיות הן ברוחניות, און געמאכט אלערליי קאמבינאציעס מיט די רבנים פון אונזער קהלה אום כדי צו פארבעסערען דעם מצב השוחטים און אפשאפען אביסעל דאס הפקרות, ולא עלתה בידי.

און יעצט איז באשלאסען געווארען צו פאררופען א קאנווענשאן פון אלע שוחטים דאמעריקא, ווייל נאר דורך א קאנווענשאן מיט א התקרבות מאנשי שלומנו, וואו יעדער איינער וועט זיך אויסשפרעכען צום וואהל און בעסטען פאר דעם עקזיסטענץ פון שוחט, הן בגשמיות והן ברוחניות, וועלען מיר קענען בעזרת השם עפעס אויפטאן.

איך וויל באמערקען, אז מיר, די שוחטי עופות אין קליוולאנד, זיינען ארגאניזירט אין א שטארקער יוניאן מיט קיין עין הרע 40 שוחטים. אבער א יוניאן מוז האבען יוניאן־לייטע, אבער צום באדויערען ביי אונז איז דאס ניטא. עס פעהלט זיי דער שטאלץ פון א יוניאן־מאן, וואס דאס מיינט אויף אונזער לשון אן עהרליכער איד מיט דעם געפיהל פון אחדות מיט'ן צווייטען חבר.

עס איז מיין מיינונג, אז די קאנווענשאן וועט מאכען א סוף צו די אלע איבלען פון אונזער מצב און וועט פאראייניגען צוזאמען די רבנים מיט די שוחטים פון אמעריקא כולם באגודה אחת. דאמאלסט וועט אויפגעהויבען ווערען דער פרעסטיזש פון שוחטים און פון רבנים, און די אידישע וועלט וועט דאן רעספעקטירען אי דעם רב, אי דעם שוחט, און דאן וועט זיין שלום ביי אונז אלעמען, אמן ואמן.

דוב בר' זאב שפיגעל,

יושב ראש באגודת השוחטים פה עיר קליוולאנד.

---

# שמחות ביי שוחטים

זונטאג, פ' יתרו, איז געפראוועט געווארען א גרויסארטיגע חתונה ביי אונזער חשוב'ען ברודער פון די שעהנסטע שוחטים אין בארא פארק, ר' אליעזר האלפערין צוזאמען מיט זיין פרוי האבען געפיהרט זייער געראטענעם זוהן צבי הירש צו דער חופה מיט דער געראטענער כלה, א כלילת יופי. דער חתן איז א באוואוסטער לאיער, וועלכער פארשאפט זיך א גרויסען נאמען מיט זיין חריפות און משפטים.

עס איז אנוועזענד געווען א שעהנער נעקליבענער עולם, יחידים און קאמיטעס פון לאדזשען און סאסייעטיס, צווישען זיי א קאמיטע פון די אגודת שוחטי עופות דניו יארק, באשטעהענד פון ר' ברוך רייכער, מ. שאליט, דייווידסאן, זיינען געקומען זיך משמח זיין מיט די גליקליכע עלטערען און זיי ווינשען א הארציגען מזל טוב.

זעהר שעהן האט געזונגען „מי אדיר" און די ערשטע ברכות חזן ושו"ב רעוו. נעכעס. מסדר קדושין איז געווען הרב גרינבערג. די שבע ברכות האט געזאגט זעהר שעהן חזן ושו"ב ר' ברוך רייכער. וואונדערבאר שעהנע און אמוזירענדע רעדעס צונויפגעפלאכטען מיט דברי תורה, מיט מילי דבדיחותא מענינא דשמחה זיינען געהאלטען געווארען פון די שוחטים הרב גרינבערג, רעוו. רייכער, רעוו. שאליט און רעוו. ישראל פין. טאוסטמייסטער איז געווען רעוו. דייווידסאן. צום לעצטען האט דער בעל שמחה אליין פארענדיגט מיט זיין פאטערליכע ברכה לצמד הנחמד און אלעמען באדאנקט. אלע האבען איהם אפלאדירט און געוואונשען איהם פיל נחת צו דערלעבען.

---

חזן שלמה'לע באשקאוויץ, דער גאון הנגינה והתפילה, האט חתונה געהאט מיט מזל מיט די שעהנע און געראטענע טאכטער פון הרב ירחמיאל קומין, דער פארטרעטער פון חפץ־חיים'ס ישיבה דא אין לאנד. די חתונה איז פארגעקומען יום א' פ' יתרו אין לינדען האיטס סענטער, בארא פארק. די פראכט און גלאנץ פון דיזער חתונה וועט בלייבען לאנג אין זכרון ביי דעם נעקליבענעם עולם פון געסט, וואס איז באשטאנען פון א גרויסער צאהל באוואוסטע רבנים, שוחטים און בעלי בתים נכבדים. די רבנים זיינען געקומען צוליב דער כלה'ס צד, און די שוחטים צוליב דעם חתנ'ס צד, ווייל דער חתן איז דער זוהן פון באוואוסטען שוחט און חזן ר' ישראל באשקאוויץ, רעקארדינג סעק. פון די אגודת השוחטים, וועלכער איז זעהר באליבט און געאכטעט ביי אלע שוחטים.

די חופה־צערעמאניע איז זעהר איינדרוקספול דורכגעפיהרט געווארען פון הרב יעקב צבי באשקאוויץ, אן אנקעל פון חתן. הרב ישר האט געהאלטען א רעדע אין ענגליש און געלייענט די כתובה. הרב ד"ס שטערן און רעוו. שמואל קראלאוויץ האבען גערעדט, און ר' ישראל באשקאוויץ, אבי החתן, האט געזאגט די ברכה אחרונה. א נעקליבענער כאר האט מיטגעהאלפען אין דער נגינה.

אויף דער פראכטפולער חופה־וועטשערע זיינען געהאלטען געווארען רעדעס. דער טאוסטמייסטער איז געווען הרב ישר, וועלכער האט פארגעשטעלט די רעדנער זעהר וויציג מיט דורכגעפלאכטענע מאמרי חז"ל. עס האבען גערעדט הרב י"ר קומין, דער פאטער פון דער כלה, וועלכער האט אנגעציינט דעם יונגען פארעל ווי צו לעבען כדי צו זיין גליקליך. רעוו. יעקב בלום, נשיא פון דער שוחטים יוניאן, האט זעהר הארציג באגריסט דאס יונגע פאר. רעוו. אלי' מעלצער, סגן האגודה, און רעוו. יוסף ראזמאן, מנהל. דער לעצטער רעדנער איז געווען הרב רודענסקי, דער פארטרעטער פון כולל קאוונא. דער חתן אליין האט מסיים געווען מיט זינגען א ליד פון פרנסה, וואס האט באגייסטערט אלעמען מיט די נעשמאקייט און זיסקייט פון זיין שטימע.

דער עולם האט זיך גרויסארטיג אמוזירט ביז אין דער פריה, טאנצענדיג היימישע טענץ, חסידישע האפקעס און זינגענדיג אידישע נגונים'לאך. פילע טעלעגראמען פון ארגאניזאציעס און פראמינענטע פיגורען זיינען געלייענט געווארען. מיר ווינשען חתן־כלה און מחותנים פיל גליק.

# השומר

ירחון מוקדש לחזוק התורה והיהדות לבירור ולבון שאלות החיים על פי רוח התורה והאומה

יוצא לאור ע״י אגודת שוחטי עופות דניו יארק רבתי במדינת אמעריקא. הרב שמריהו ליב הורוויץ, העורך.


## הגיעה השעה

בודדים נעזבים ועלובים הם השו״בים בארצות הברית וקנדה, נדחים ופזורים בכל קצוי הארץ. אין אגודה אחת כללית משותפת לכל השו״בים שבארץ, אין מרכז שינהל את כולם וידאג לצרכי הגוף והנפש של העובדים עבודת הקודש. כל אחד דואג לעצמו, ורק לעצמו, כל אחד ואחד מתבודד ביגונו וביסורי נפשו בפנה נדחה שלו, כל אחד וצרור צרותיו על שכמו, והבדידות היא נוראה, אוכלת הנפש והרוח, והשו״ב אשר רוח לו מרגיש בצערו ובבדידותו הנוראה ואין מי שיושיע לו.

והנה התחילו השוחטים שבניו־יורק רבתי להתאחד, להתאגד, להסתדר, יסדו להם „אגודת שוחטי עופות״. ועל ידי אגודה חזקה ואמיצה זו, התחילו להשתחרר מכבלי העבדות, והרוח התחיל לבקוע לו דרך, דרך הנשר בשמים, התחילו להרגיש ולהבין כי יש להם צורך בעתון משלהם, שיהיה בא־כחם לפני דעת הקהל שבאמריקה, שיתבע את עלבונם, וידרוש את עלבון הצדק והיושר, עלבון הקדושה הישראלית, ושלטון הרוח על החומר, ויסדו להם את הירחון המקצועי שלהם „די שוחטים שטימע״ עם מדור גדול בעברית בשם „השומר״. „השומר״ מוקדש ביחוד לתלמידי חכמים, לאנשי הרוח והעט, להוגי דעות ומפיצי דעות בישראל. בא הירחון וקרא לאחדות הכחות, לרכוז, ליצירת מרכז להשו״בים שבארצנו. וקולו לא היה קול קורא במדבר. הזדעזע המת, הקיץ השו״ב הרדם מתרדמתו, התחיל מבין ומרגיש את מצבו, מצב מעציב, והתוצאות הן — כי בעוד ימים אחדים, בימי ז׳—ח׳ אדר, ואספה גדולה ונכבדה, ועידה ארצית מאת השו״בים שבכל רחבי ארצות הברית וקנדה תתקיים, שבה יקחו חלק השו״בים הערים והפקחים, הזריזים ואנשי המעשה, אלה שקשה להם להיות במאסר החיים, מבקשים מוצא, חירות, ורוצים להיות שו״בים מכובדים אצל הקהל, ולהתפרנס בכבוד, בהיתר ולא באיסור, ואינם רוצים ללקוט פרורים אצל שלחנות של טבחים מנושמים ולהרכין את ראשם לפני כל גס ונבזה. ואלה יהיו „אחרונים לשעבוד וראשונים לגאולה״.

ואלה השו״בים שקוראים ומבינים את דברי אלה, והם המבינים ואנשי הרוח שלנו, הם בודאי ישפיעו שפע קודש על צירי הועידה לגשת לעבודה חשובה וקדושה ונחוצה עד מאד, והיא: יסוד „אגודת השו״בים שבארצות הברית וקנדה״.

הסתדרות אחת גדולה עד מאד, אגודה כללית אחת בכל רחבי המדינה צריכים ליסד, והאגודה הזו תגן על כל שו״ב ושו״ב, על עניניו החמריים והרוחניים, ולא יהין שום איש לפגוע בשו״ב לרעה, בידעו כי לא בודד ונעזב הוא השו״ב באמריקה, כי חברים לאלפים יש לו שעמו הם בצרתו, וכשצר להיחיד האלפים באים להושיט לו יד עזרה, יד חזקה ואמיצה, ומי שפגע בכבודו של שו״ב אחד הוא פוגע בכבוד אלפים שו״בים.

האגודה תוסד, מיטב הכחות יתאחדו, ודרושה להאגודה הארצית עבודה ארוכה לדורות, אשר תתנהל לאט לאט, לא בערבוביא, לא ברעש וחפזון, כי אם בזהירות ומתינות, וסבלנות, על פי סדרים נכונים וחוקים קבועים; אשר תקבץ מכל פנות הארץ את הכחות הפזורים והנדחים, ו„אגודת השו״בים דאמריקה וקנדה״ תלך הלוך וגדול בכמות, הלוך וחזוק באיכות, הלוך וקרוב אל המטרה העליונה, לאחד את כל השו״בים שבכל תפוצות ישראל, שבכל המדינות, לאגודה עולמית אחת, בעלת השפעה גדולה ועמוקה עד מאד, ותלך אל המטרה בפסיעות קטנות, אבל בטוחות. נחוץ רק לאחד איפוא את הכחות אשר לנו ולסדר את העבודה בכל הדרוש להשגת המטרה שלכך נוצרה הועידה הראשונה של השו״בים שבארץ. וצריך לעבוד בזהירות ומתינות ובהשתתפות כחות רבים על פי סדר ושיטה קבועה. ולהוציא לאור את „השומר״ ו„השוחטים שטימע״ מדי שבוע בשבוע.

ויש צורך גם כן לקבוע מרכז תמידי באחת הערים היותר גדולות שבארץ (ניו־יורק, למשל), אשר ינהל את כל עניני האגודה הכלליים בהנהגת והשגחת נשיא ועוזרים חרוצים שיעזרו לו בעבודתו הקדושה, ומזכיר מנהל חרוץ שעל ידי עבודתן התמידית החרוצה אפשר באמת לעשות גדולות ונפלאות.

וידעו נא הצירים, צירי הועידה, כי הם אחראים לדורות בעד כל פסיעה ופסיעה, בעד כל החלטה והצעה, ובעד כל מעשה ודבור, וביחוד בעד הצלחת הועידה. ימעטו בדבור כי „לא המדרש עיקר אלא המעשה״. ועת לעשות היא.

הגיעה השעה!...

שמריהו ליב הלוי הורוויץ.

על ידי שפע החומר שבגליון זה לרגלי הועידה הארצית של השו״בים הושמטו בגליון זה המדורות הקבועים, „הרמב״ם ותורתו״, „הלכות שחיטה״ להרב רש״ל הורוויץ, גם המדור הקבוע „פון אונזער צלמען הייליגען קוואל״.

המערכת.

# אגודת השוחטים, „קול השוחטים" ו„נחלת השבים"

השקפה כללית וברכה
מאת הרב רפאל מרדכי בארישאנסקי.

בעוד ימים אחדים תכלה שנת הופעת העתון „די שוחטים שטימע" על ידי העורך הנעלה הרב ר' שמריה ליב הורוויץ בהשתתפות סופרים חשובים שנתנו ידיהם לו. והנה לרגלי המקרה הזה הנני בא למסור לקוראי העתון הנ"ל השקפתי על השוחטים הנכבדים דעירנו בלי כחל ושרק, רק האמת כמו שהיא. אני רואה בעינים בהירות שהאגודה הזאת הולכת ומתקדמת בלי שאון ומהומה ומבלי כניסת אנשים זרים שאין להם יחס להאגודה. אנשיה התרכזו בתוך מקדשם לבדם, ומצליחים ויש שכר לפעולתם, ואם ישאל איש באיזה כח הגיעו לידי גובה כזה? התשובה היא פשוטה: נשמה כללית ואחדות שמה חופפת עליהם ואינה מניחה לאיזה פרטים, אם אולי יש, השואפים להתפרדות והתבדלות להוציא מחשבתם אל הפועל, ועל כרחם היא מטפחת על פניהם ומביאתם אל המחנה ומאחדת ומאגדת אותם. ומובן שהנשמה הכללית פשטה צורתה הקודמת ולבשה צורה חדשה, בראשונה באה רק בשם החומריות, מאסו בחיי עבדות להיות ככדור משחק בידי נותני לחמם, והרגישו בחושם הטבעי, שאם לא ייסדו בסיס נכון למחיתם, אז יהיו כאסקופה הנדרסת, וישלוט עליהם הרצון המשולה של אדוניהם, וברגע באפס יושלכו החוצה ככלי אין חפץ בו, והצליחו במעשיהם ויסדו אגודה חזקה, גוף מוצק בנוי על יסודות חזקים בל ימוטו לזמן רב, אבל באחרונה, בשעה שהגיעו למטרתם ונתהוו בטוחים במצבם הגשמי, באה הנשמה הכללית ולבשה צורת חדשה והופיעה הרוחניות והפיחה רוח חיים בהמאטריאליזם היבש בלי לחלוחית, כי אין חומר בלי צורה, ויבוא הרעיון הרוחני להנשמה הכללית ומוציא כפעם בפעם הניצוצות הגנוזים בתוכם לתקן דברים טובים ומועילים שאין ערוך להם, בשם הרוחניות. אגודת השוחטים שלחה נכבדיה העומדים בראש האגודה לארצנו הקדושה לבנות הריסותיה, וקנו חבל אדמה של אלף דונם,-ויסדה חברה למטרה זו בשם נחלת השבים, ופתחה לשכה מיוחדה לקבלת חברים — לנחלת השבים. זה כשנה יסדה עתון חדשי ושמו בישראל „די שוחטים שטימע" ועורכו הוא רב נכבד המומחה לזה והעתון הזה מאיר כל עניני השחיטה והשוחטים, אינו מניח דבר קטן שלא ישים עינו עליו, וגם לכל דבר הנוגע לעמנו יש בו מקום על ידי הרב העורך וסופריו הנכבדים. ובימים האחרונים האלה החליטו אנשי צורה וחושבי מחשבות שבהאגודה לברוא בריאה חדשה שתהא לגפן אדרת בישראל בקרב הימים, ותרבה להוציא פרי הלולים, היינו לאחד ולארגן את כל השוחטים הפזורים בכל מדינת אמעריקה, שכולם, לרבות גם השוחט השוכן בעירה היותר נדחה, יחסיון תחת נשמה כללית אחת שאחדות שמה, ובלי ספק שתצא מחשבתם אל הפועל אחרי שיש בהם בעלי מרץ ורצון חזק היודעים את אשר לפניהם. הקיצור, בשעה שכמה אגודות הן במצב הקפאון, כי נתקיים עליהן המאמר ביבמות, אין בן דוד בא עד שיכלו כל ה„נשמות" שבגוף, היינו שנשמה אין, ורק הגוף לבדו הוא המושל, ולכן לא תוכלנה האגודות להחזיק מעמד, ו„אגודת השוחטים" משלבת הרוחניות עם החומריות, ומצליחה במעשיה. ואני מברך אותה שיופיע ה' על מעשי ידיה ותעלה מעלה מעלה ותהא לסמל לחברותיה האגודות שתלכנה בעקבותיה לעשות כמתכונתה ואז תצלחנה גם הן.

# ברוכים הבאים

מוקדש להועידה הראשונה של השוחטים דארצות הברית וקנדה
מאת שלמה אונגאר.

ברוכים הבאים, חברים נכבדים,
צירים נאמנים לשולחיכם,
בואכם לשלום, חביבים נחמדים,
בזרועות אהבה תקובלו מאחיכם.

רב לכם הלוך מטה שחות,
הרפו היות מטרה לחץ,
פרקו עול, החליפו כח,
יתמו לוחציכם, הגיע הקץ.

לא עוד עבדים אתם, רק אדונים,
אדונים לאלה אנשי הזדון,
לא ידעו ולא יבינו אלו ההמונים
דין קונה עברי, שקונה לו אדון.

די לסבול יד אדונים קשה,
עברי בל יתן לחי למכהו.
מרים יד נקרא אמנם רשע,
אבל הבא להרגך השכם והרגהו.

הידעתם, רבותי, סוד גודל כחנו,
התדעו במה בטוח לנו השלום,
אין דבר עומד בפני רצוננו,
אם נרצה, לא יהיה זה חלום.

נתאחד, נתאגד, נרים נס המרד,
נתיצב יחד תחת דגל חרותנו.
לא עוד נשא בעול, כסוס ופרד,
ואלהי אבותינו יהיה בעוזרנו.

# מצב הרבנים והשו"בים ברוסיא

מאת הרב יוסף אליהו הענקין.

בבקשה להדפיס בגליון הבא של „קול השו"בים" ו„השומר" את הקטעים הבאים ממכתבי רבני רוסיא, שנתקבלו בלשכת „עזרת תורה". יקראו נא רבני ושו"בי מדינתנו מכתביהם בלשונם, אולי יחוסו, ואולי ירחמו על אחיהם ורבותיהם הנתונים בצרה ובשביה, ויחישו עזר להם על-ידי המוסד הקדוש „עזרת תורה".

הרש"ש מא... כותב: אחינו המעוטרים בשם „עזרת תורה", חוסו נא על שארית ת"ח שבכאן הנמצאים במצב נורא ואיום מאד. הם מתמוגגים ממש מרעב ומחסר כל. במסירות נפשם הם מתאזרים עוז להרביץ תורה ברבים, להפיץ המאור שבה במחשכי נאות יעקב. בשארית טפות דם לבם מתאמצים לחמם הלבבות הקרים והקפואים מקור הכפירה הנתעבה, להאירם בנוגה זיו תוה"ק... ועל דבר מצבנו אין דורש ואין מתעניין ממה אנו מתפרנסים ואיך אנו נזונים. פרוסת פת קיבר אצלנו לתענוג בלתי מצוי יחשב. שבועות שלמים עוברים ללא טעימת לחם ואפילו על יו"ט העבר לא השגנו כזית לחם לקידוש היום, ואפילו תפוחי אדמה להשיב לבנו המתעלף מרעב אינו בהישג יד, ועוכריני ומנדינו שוחקים על משבתנו.

עינינו נשואות אל ההרים, אליכם רבנים שבאמעריקא להשתדל בעדנו ולשלוח לנו עזר על-ידי הטארגסין להשיג לחם...

הרב בצזפ. כותב: בתמיכת עזרת תורה החייתם את נפשי ונפש עוללי הגועים מרעב ומקור, ומפני זה דבקה מחלת הטיפוס ר"ל בהם ונתדלדלו כחותינו, שבדרך נס נשארנו בחיים. והמצב כל כך קשה שלא היה ספק בידינו אפילו לקנות כוס חלב בעד הילדים בעת חליים. ועל ידי זכאים נתגלגלה הזכות להחיות נפשותינו ממש. וה' ישפיע על כל אחינו בני ישראל שיש להם חלק בזה שפעת חיים וברכה ולא ידעו רע. ויחיה אותם ואת זרעם כאשר החיו נפשות עוללי...

הרי"פ מל—ץ... כותב: גווע אנכי מרעב ומקור. בשנה העברה הייתי מתפרנס מלחם סובין, ובעת שהשגתיו היה אצלי שמחה כמו בשמחת תורה לפנים בישראל, ועתה גם לחם כזה אין ידי משגת כו'. נשארי בעיר מתי מעט עניים ואביונים וממי אשאל לחמי. כשהייתי קורא לפנים „נפוחי רעב" דמיתי כי הוא משל. כעת אנו מרגישים זה בעצמנו. כל המטלטלים והחפצים שבבית מכרתי להשביע ולהשקיט רעבוני, ועתה מה אעשה. אנא חוסו עלי שלחו לי עזר וכל המרחם עה"ב מרחמים עליו כו'.

הרשא"ה מב... כותב: הרעב כבד מאד. כו"כ נופלים ונעדרים ר"ל מרעב ויוקר. בעד 5 רוב' קשה להשיג פונט לחם שחור כו'. שלחו עזר על ידי טארג־סין... בעד דולר נותנים פוד קמח כו'.

הראמ"ם מח... כותב: פרשה זו של „ויחי" סתומה היא אצלנו ואי אפשר לבארה כי אם בעצת יעקב אבינו: „האספו, הקבצו". קשה עלי לדבר תחנונים. כי כל ימי הייתי מתפרנס ברוח ובכבוד, הייתי „משפיע" ולא „מושפע", אבל ירא אני לשתוק פן אתחשב לשופך דמים, דמי ודם זרעי כו'. צפויים אנו לגווע ברעב ממש, אם לא תחישו לעזרתנו. הצילו בעוד מועד כי הרגעים ספורים ר"ל...

הריק"ן מב... כותב: האצילו מהודכם גם עלי לשבור רעבון ביתי, עוללי וטפי התלויים בי. הלא ידוע לכם קושי חיינו מכל הצדדים, והמסים אשר יכבידו עלינו חדשים לבקרים, והגיע התור לדאוג על דבר קמח פסח, ואין לנו שום מראה מקום. הבו לנו עזרתכם על ידי טארגסין. וזכות מצוה זו תעמוד לכם לדור דור. ותנצלו מרעב וכל הצרות ומצוקות שנסבול פה ותברכו בכל מילי דמיטב.

הנה העתקתי לכם מקצת מן המקצת ממגילות קינות המגיעות אלינו, ואתם אחינו עשו את שלכם. שלחו עזרתכם הפרטית ו„הפעילית" לעזרת תורה. וה' יעזרכם בכל.

בשם הועד והנשיא, יוסף אליהו הענקין.

### הערת המערכת:

חובה קדושה מוטלת על הרבנים והשוחטים ועל כל מי אשר בשם ישראל יכונה להושיט יד עזרה להרבנים והשו"בים הנמצאים בסכנת רעב נורא ולהצילם ממות. שלחו נא תיכף ומיד את תרומת ידכם להמוסד הקדוש „עזרת תורה", 214 איסט בראדוויי, ניו יורק.

### ברכת תנחומין.

משתתפים אנו בצערו הגדול של חביבנו הרב ר' מאיר ברלין, נשיא ההסתדרות המזרחי העולמית, פאר האומה, על הלקח מאתו אמו המהוללה, נשים באוהל תבורך, ששבקה חיים לכל חי בארצנו הקדושה תובב"א.

בעבודתו הפוריה לארצנו, לעמנו ולתורתנו ימצא תנחומים.

אגודת שוחטי עופות דניו יארק רבתי.
נחלת השבים.

שוחטים שחטין דחינם

251



# ברכה לועידת השוחטים דארצות הברית וקנדה

יום שנכפל בו כי טוב לסדר „וגם הקימותי את בריתי".

לכבוד מערכת הירחון „שוחטים שטימע" ו„השומר",
שלום וברכה!

ברכתנו מהררי ציון וירושלים לחברי הועידה הכללית של כל השוחטים בארצות הברית וקנדה. מי יתן והיה כי תוציאו מחשבתכם לפועל טוב, ותהי הועידה הזאת כעין התחלה טובה ולמורה דרך לועידה כללית עולמית מהשו"בים מכל המדינות יחד, כי זו מטרתנו מאז. ובזה אנחנו, אגודת השו"בים בארץ ישראל מתכוונים בהצטרפותנו למנין המברכים אתכם בברכת כל כנסיה שהיא לשם שמים סופה להתקיים, ויהי נועם ה' עליכם וזכות הרבים תבוא על ידכם, וחפץ ה' יצליח בידכם לכונן ולשכלל מצב השחיטה בכלל, בעניני כשרות ובעניני כלכלה, בהצלחה מרובה, להרים קרן התורה ומשמשיה במלאכת הקודש, לשם ה' ולתפארת ישראל עם קדוש, ויתקדש שם שמים על ידכם, ואגודתכם תעלה ותפרח ותעשה פרי טוב, ובזה תמצאו חן בעיני ה' ואדם, ותהיה אתחלתא דגאולה לועידת השו"בים העולמית, בבנין ציון וירושלים, בבוא כל ישראל לראות פני ה', בגאולה שלמה במהרה בימינו אמן.

בשם אגודת השו"בים בארץ ישראל,
יושב-ראש נחום מרדכי פרום,
שו"ב בתל-אביב.

# קול קורא לעזרה!

יום ב' לסדר „ועתה הנה צעקת בני ישראל באה אלי", שנת ישועתי ועזרתי לפ"ק.

אל כבוד אגודת השוחטים בניו יורק רבתי ולכל השו"בים באמריקא, שלום.

הנה קול צעקת אחינו בשרנו המה השו"בים במושבות הארץ הסובלים חרפת רעב ועוני, הצועקים ללחם ואין, כי מהמושבות אין להם שום הכנסה, ואם נותנים להם לשחוט בחנם גם זו לטובה יחשב, כידוע ממושבות וקבוצות כאלו הנמצאות פה בארץ, ודי בזיון וקצף, והמה גוועים ברעב ממש ואין תומך בידם, כי גם הסתדרות המזרחי אשר מלפנים קיבל עליו תמיכתם כבר מטה ידו, כי גם יסודו נפל בנופלים, ובזה אין מחזיק בידם. והלא השו"בים האלה במושבותיהם המה תומכי אורייתא, המה נטורי קרתא, השומרים על יושביהם מלהתגאל בבשר פגול ונבלה, שזו עיקרה ויסודה של תורתנו הקדושה. כידוע שמאכלות אסורות מטמטמין את הלב, ובזה אוטם אזנם משמוע תורה. וברור הדבר שבמצב רעב ועוני כזה לא יוכלו עמוד השו"בים במושבותיהם, ואם כן תורה מה תהא עליה? וכאן הבן שואל מה נשתנו אלו מאלו, כי גם אגודת „עזרת תורה" באמריקא, הבאים לעזר הרבנים בארץ, נגרע חלקם של השו"בים בהחלוקה דרבנן. וכי שחיטה לא תורה היא? וכי בשביל שעוסקים בתורה גם בעבודה חנם אין כסף, כי בשביל זה יצאו מכלל בני תורה? אדרבא, מה יפה חלקם בזה, והמכשלה הזאת תחת ידי החרדים אשר בעולם המה, מדוע לא יתנו לב ואוזן קשבת לקדם פני הרעה ולתמוך בידי השו"בים האלה בפיתא סעדא דליבא, למען יוכלו להחזיק מעמד במושבותיהם, ובפרט בעת כי רבו השו"בים העולים מחוץ לארץ לארצנו, ואין הקומץ משביע את הארי. ולאחינו השו"בים בארצות הברית אנחנו פונים, אחים בצרה, עורו נא, התעוררו נא לעזרת השו"בים אחיכם העניים האומללים בעוד מועד ולפרסם בעתון הירחון שלכם „שוחטים שטימע" בקול קורא לאחינו החרדים בכלל ולהשו"בים בפרט, יפרשו נא תרומתם כל אחד כפי מסת ידו, מדי חודש בחדשו, לתומכי אורייתא, להחיותם ברעב. כל המקיים נפש אחת מישראל כאילו קיים עולם מלא, ובפרט כמה משפחות אנשים חכמים, יראי ה', בעלי השפעה לטובה שבמלאכתם מלאכת הקודש שומרים המה על הקודש בישראל לבל יתחלל, וכל המקיימם ודאי נחשב כאילו קיים עולם ומלואו, וצדקתם עומדת לעד. וגדולה צדקה שמקרבת את הגאולה, שנאמר שמרו משפט ועשו צדקה כי קרובה ישועתי לבוא. גאולת עולם תהיה לכל עמנו בית ישראל בבנין ציון וירושלים בב"א.

החותם בשם ועד אגודת השוחטים בארץ ישראל,
יושב-ראש נחום מרדכי פרום,
שו"ב בתל-אביב

### הערת המערכת:

חובה קדושה מוטלת על כל מי אשר בשם „שוחט" יכונה, להושיט יד עזרה תיכף ומיד לאחינו השו"בים בארץ ישראל. צועקים אלינו לעזרה, ועלינו להחיש את עזרתנו עד כמה שאפשר. אסור לנו להעלים עין ולאטום את אזנינו משמוע קול שועת אחינו בארצנו הקדושה. ואם אנו לא נחוש לרוחתם, לישועתם ולעזרתם, מי יושיע להם? אחינו הם. עלינו להכיר את אחינו השו"בים ולהיות להם עזרה בשעה שצר להם ועיניהם נשואות אלינו השו"בים בארצות הברית וקנדה.

בשביעת רצון אנו מוכנים להדפיס את שמות השו"בים שיתרמו את תרומתם לטובת אחינו השו"בים בארץ ישראל.

מי ומי הם התורמים?!

# שאלה שצריכה להפתר מאת ועידת השוחטים אשר תקרא אי״ה ביום ז׳ אדר

הכל מודים, כי ערך השוחטים בעיני הקהל העברי, אשר היה נכבד ומנושא, שם בארץ הישנה, מעבר לים, נפל פה בעמא־ריקא, נפל ערכם עד הדיוטא התחתונה. רגיל היה הקהל העברי להביט על השוחט כעל עוסק במלאכת הקודש, כעל מכהן על משמרת הקודש, לפני ולפנים בקודש הקדשים של היהדות, שם מעבר לים, ופה, בעמא־ריקא מביטים על השוחט כעל פועל מנושם, עוסק במלאכה מנושמת, חותך גרונות, ח״ו, ואיה היא הסיבה, לשנוי ההבטה הזאת?

הסיבה היא: כי מכל עברים שוטפים ובאים בקהל השוחטים פה, אנשים מנושמים, נפשות שאינן ראויות לאותה איצטלא, אנשים כנוה הצאן, מאחרי רכב הרחיים, רוצים ליטול את השם, ויבואו ויטלו, איש אשר כמעט־קט לא ידע פירוש המלות בברכת אשר יצר את האדם... עסק במכירת עופות (טשיקן דיעלער בלע״ז) או „סיגאר מאכער״ ומי יודע, אפשר בשבת אפילו (הס מלהזכיר), נפש כזו, כאשר ייגע וייעף מרוב שנות עבודתו, ילמוד מלאכת השחיטה, וברובא יעשה זאת כסומא בארובא, וילך אל האב״ד דק״ס .. ובעד עשרה, או עשרים וחמש דולארים, ישיג הורמנא על שחיטה, ונהיה לשוחט, ואישי ההמון כובשים פנים ושכם, ושואלים זה לזה: ההוא, הוא השוחט? ההוא, הוא העוסק במלאכת הקודש? ומן שאלות כאלה, תוצאה לנפילת ערכם ודעיבת קרנם של השוחטים בעיני הקהל העברי.

המעוות הזה מצפה לתקון על־ידי ועידת השוחטים, אם הרמת קרן וערך השוחטים יקר להם. הועידה מחויבת להחליט החלטה, לעשות חוזה עם אגודת הרבנים דארצות הברית וקנדה, כי תמנה מתוכה ועד של רבנים מובהקים, ואגודת השוחטים תמנה מתוכה ועד של שוחטים מובהקים, מומחים, יראים ושלמים, והועד המשותף הזה יסעף עבודתו, בשלש או חמש ערים גדולות, מרכזי ארצות הברית וקנדה, ולו, רק לו, להועד המשותף הזה יהיה הרשות ליתן לשוחט הורמנא על שחיטה, וכמובן, צריך הדבר הזה פרסום ברבים, נשגב ורחב, בכל תפוצות ישראל פה בארצות הברית וקנדה, כי שוחט אשר אין לו קבלה מועד המשותף הנ״ל, לא יוכל להתקבל לשוחט בשום קהלה, פה בארצות הברית וקנדה, והועד הקדוש הזה, אשר יכהן בתפארה ואומן, בטח ידע למי ליתן הורמנא על שחיטה, ולמי לחדול...

ומזאת תהיה תוצאה להרמת קרן וערך השוחטים בעיני הקהל העברי, ויהיו מביטים על השוחט כעל עוסק במלאכת הקודש, כאשר היו רגילים להביט עליו, לפנים בישראל, ותחזור העטרה ליושנה.

שמואל לנדוי,

חבר לאנודת שוחטי עופות דקליבלנד, אהייא.

# הימנון

מאת א. פערעלבערג.

לכבוד „נחלת השבים״
(לשיר בניגון „התקוה״)

כתוב על פי הצעת הנשיא מר יעקב בלום

א.

לארץ אבותינו אנו שבים,
די לשבת נגלות המר.
כגרים וזרים נחשבים,
בכל פנות התבל לנו צר.

במקהלה

נלכה שמה,
אל נשאל למה;
נלכה, נרוצה,
מהר נאוצה;
נלכה שמה,
אל נשאל למה,
נשא נס ביד רמה.

ב.

דוויי לב מכל עברים,
ינהרו לציון רוחם אותה:
ימושו אחריך כנשרים
לראותך לבד נפשם אותה.

נלכה...

ג.

צעד אחר צעד נסול שבילים
הנטושים מכל באי אורח,
שכם בשכם נעבוד, איננו נבדלים,
אף מרוב עמל ומרוב טורח.

נלכה...

ד.

רוח העם קם לתחיה,
הכל שוחק מרנן ער,
עם ישראל ישוב לנאונו שהיה
מלאי חיים, חסן ופאר.

נלכה...

ה.

נחלת השבים שב לגבולנו,
לגבול אשר נבלו הראשונים,
כבת קול הנשמע לרחל אמנו,
מפי שוכן מרומים.

נלכה...

254



# קול קורא!

צו די שוחטים און אַלע תורה טרייע אידן פון לאַנד.

ווערטע תורה פריינד!

איצט, צום אָנפאַנג פון חודש אדר, בעפאָר דעם יאָהרצייט פון משה רבנו ע"ה (ז' אדר) איז דער טראַדיציאָנעלער „עזרת תורה קאַמפּיין" צו העלפען די שרעקליך ליידענדע רבנים וצדיקים אין אַלע לענדער פון מזרח יוראָפּ און ארץ ישראל. דער עזרת תורה פאָנד האָט צוטיילט הילף פאַר 18 יאָהר צייט צו רבנים און אלמנות ויתומים פון רבנישע און שוחטישע פאַמיליעס, אַ סומע פון העכער אַכט הונדערט טויזענט דאָלער.

די לעצטע יאָהרען איז די הויפּט אויפגאַבע פון „עזרת תורה" צו העלפען די רבנים און שוחטים פון רוסלאַנד, וועלכע אָפּפערען זייער לעבען פאַר'ן אויפהאַלט פון אידישקייט דאָרט, אויף וואָס עס איז דאָרט אַ גזירת השמד ר"ל. די רבנים און שוחטים וואַלגערען זיך אָרום אָהן אַ דאַך איבער'ן קאָפּ, אָהן שוך און קלייד און אָהן אַ ביסען ברויט. ווען זיי באַקומען עטליכע דאָלער הילף פון „עזרת תורה" ווערט ביי זיי ממש אַ יום טוב, די קינדער טאַנצען פאַר פרייד, זיי האָבען אויף אַ חודש צו צוויי ברויט, זיי קויפען אַמאָל אַ שוך, אַ העמד. פילע זיינען געהאָלפען געוואָרען צו אַרויספאָהרען פון יענער לאַנד, און אָפּראַטעווען זייערע קינדער פון שמד ר"ל. זיי קוקען אויף „עזרת תורה" ווי אויף אַ לעבענס רעטער.

אַלזאָ, ברידער, שיקט צו באַלד אייער הילף פאַר דיזען וויכטיגען פאָנד, כדי די הילף זאָל אָנקומען צו די מאַרטירער היבש פאַר פסח, זיי זאָלען האָבען מצה אויף פסח און חמץ אויף נאָך פסח. עס איז אַ מצוה פון פקוח נפשות, ניט לאָזען אונזערע הייליגע אויסגעהן פון הונגער, איז עס אַ פליכט אויף יעדער אידען, די וואָס האָבען נאָך אַן איבעריגען ביסען ברויט. שיקט יעדערער נאָך זיין מעגליכקייט און גב"ה וועט אייך בענשען מיט לאַנגע גוטע נחת'דיגע יאָהרען עם כל ישראל.

הרב ישראל הלוי ראָזענבערג, נשיא.
הרב יוסף אליהו הענקין, מזכיר.

---

## וואַהלען פון דער אגודת שוחטי עופות בשיקאַגאָ

עס קומט מיר אויס שוין דעם צווייטען מאָל צו שרייבען אין דער „שוחטים שטימע" וועגען די אגודת שוחטי עופות אין שיקאַגאָ.

אוןווירקליך דאַרף עס פאַרצייכענט ווערען, און זאָלען שוחטים פון אַנדערע שטעדט נעמען אַ ביישפּיל פון דיזער אגודה, און אויך זיך אָרגאַניזירען אין אגודות לטובתם ולטובת השחיטה. אמת, אַז פון דעם רעפּאָרט פון ניי־ערוועהלטען פּרעזידענט, מר. יצחק לעווין, איז צו זעהן, אַז דער מצב פון פילע שוחטי עופות אין שיקאַגאָ איז גאָר ניט גלענצענד, אָבער ווען ניט די אגודת שוחטי עופות וואָלט געווען זייער מצב נאָך ערגער. און אַ דאַנק די אגודה, איז דער מצב נאָך ניט פאַרלאָרען, און עס איז צו האָפען, אַז בימים הבאים וועט עס אויסגעבעסערט ווערען.

אונזער אַלטער פּרעזידענט, מר. בעסקין, האָט געהאַלטען אַ רעדע און האָט באַטאָנט, ווי ליגעל און שעהן דער עלעקשאָן איז צוגעגאַנגען און זאָגאַר ער איז ניט עלעקטעט געוואָרען פאַר אַ צווייטען טערמין, וועט ער און זיינע נאָכפאָלגער אַרבעטען מיט אַלע קרעפטען לטובת האגודה ולטובת שחיטת עופות, אונטערשטרייכענדיג אַז אויב פאַר די עלעקשאָן האָט געקענט זיין חלוקי דעות און איינער זאָל דעם צווייטען קריטיקירען, אָבער נאָך די עלעקשאָן מוז ווערען צוריק איינס. אַזוי פיהרט זיך ביי אַלע קולטורעלע ענטוויקעלטע מענשען פון פאַרשיידענע שיכטען און ריכטונגען, צו וואָס פאַר אַ פּאַרטיי מען זאָל ניט געהערען, און מיר דאַרפען אויך אַזוי טאָן.

נאָך די אינסטאַלירונג פון די נייע אָפיסערס, האָט דער ערוועהלטער פּרעזידענט, מר. לעווין, געהאַלטען אַ לענגערע רעדע, מבטיח זייענדיג, אַז ער וועט מיט אַלע כחות אַרבייטען צו נוצען פון דער אגודה, און נכרים דברי אמת — די ווערטער זיינען אַרויס פון טיפען הארצען, און ער וועט געוויס ערפילען זיין צוזאָג און הבטחה.

עס איז אויך געווען ערפרעהענד דער אינהאַלט פון יענער טייל פון דער רעדע פון פּרעזידענט, אַז ער איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז נאָר אַ פאַראייניגטע קערפּערשאַפט פון אַלע שוחטים קען נאָך ראַטעווען די סיטואַציע פון די שוחטים.

דער שרייבער פון די שורות האָט אויך געהאַלטען אַ קורצען פאָרטראַג און האָט אויך באַטאָנט די וויכטיגקייט וואָס שוחטים אָרגאַניזירען זיך, און דאָס איז די איינציגע וועג ווי אויסבעסערען דעם מצב הן בחומר והן ברוח, און ווען די שוחטים וועלען זאָרגען איינער פאַר דעם צווייטען, וועט יעדערער פון זיי ווערען פאַרזאָרגט.

דער שרייבער פון די שורות האָט אויך אַפּעלירט צו די אגודת השוחטים, אַז זיי זאָלען זיך אָנשליסען צו די אגודת שוחטי עופות אין ניו יאָרק, וועלכע נעהמט רופען אַן אספה כללית פון אַלע שוחטי עופות אין אַמעריקע און קאַנאַדאַ, און אויך זאָל די אגודת שוחטי עופות אין שיקאַגאָ פאַרשפּרייטען דעם שוחטישען אָרגאַן „די שוחטים שטימע". דער פּרעזידענט און די אָפיסערס האָבען הייליג פאַרשפּראָכען נאָכצוקומען אַט די פאָדערונגען און זיי וועלען עס בלא ספק ערפילען.

און נאָך אַנדערע פאַרשיידענע אגודה־אַרבייט, האָט זיך דער מיטינג געשלאָסען אין אַ געהויבענער שטימונג.

הרב שמואל מנחם הלוי פיין,
דעטראָיט, מישיגען.

## טוב שכן קרוב מאח רחוק

איך לאד איין אלע דעלעגאטען פון דער שוחטים־קאנווענשאן צו קומען אין מיין

## מילכיגען רעסטאראנט

באקאנט אונטער'ן נאמען

## נימעץ און גאלדבערג

און איך פארזיכער זיי, אז איך וועל יעדען צו־פרידען שטעלען עד צד היותר.

דער רעסטאראנט איז איצט אונטער דער מענעדזשמענט פון הרב מענדעל סאקאל און ר' יצחק צבי פרענק.

**East Broadway, Cor. Jefferson St.,**
**New York, N. Y.**

---

קויפט דירעקט פון מאנופעקטשורער

**פרוכת'ן, מענטעלאך, חופות, בענערס, טישטיכער, מצה דעקלעך א. ז. וו.**

אלעס אין גאלד הענד עמבראידערי. די שענ־סטע פראכטפולע ארבייט.

אייער אלטער פריינט פאר פילע יאהרען

## יצחק נעכעס

**40 סאפאלק סט., ניו יארק, נ. י.**

(נעגענאיבער דעם פאסט־אפיס)

---

## א שייוו אהן א רעיזאר

סופערהיומען שייווינג פאודער — גאראנטירט ניט צו ברענען די הויט. האט קיין גערוך

**40 סענט א פונט**

ספעשעל פאודער פאר ליידיס — 60ס. א פונט. פולע צופרידענהייט גאראנטירט. ווען ניט גיבען מיר אייך צוריק אייער געלד. שרייבט פאר א פרייען סעמפעל.

„סופערהיומען העיר רעסטארער" ברענגט צו־ריק דעם נאטירליכען און יוגענדליכען קאליר פון גרויע האר.

**באטעל — 50 סענט**

**IMPROVED SHAVING POWDER CO.**
**107 Norfolk Street, New York, N. Y.**

---

## יעקב בראנפמאן

מאנופעקטשורער פון

**אלע מינים כשר'ע פלייש־פראדוקטען**

באגריסט די שוחטים פון אמעריקא און קאנאדא צו זייער קאנווענשאן!

**JACOB BANFMAN**
**178 Delancey St. New York, N. Y.**

---

## בארנעט בראדי

איז דער איינציגער מאנופעקטשורער פון

## כשר פלייש פראדוקטען

וואס שטעהט אונטער דער השגחה פון

## ועד הרבנים דניו יארק רבתי

אלע אידען וואס זיינען נזהר אין כשרות זאלען געברויכען בלויז די פראדוקטען פון בארנעט בראדי.

קאנטרי־ארדערס פינקטליך אטענדעט.

ווענדעט זיך צו:

**BARNET BRODY, Inc.**
**127 Walton St., Brooklyn, N. Y.**
Telephone: EVergreen 6-0318

---

## מצה כשרה מקמחא דפסחא

פריש געבאקען טעגליך ביי דער אלטער פירמע

## יהודה ליב הוראוויטץ בן הרב ר' יצחק הורוויץ מיאניסקעל

אונזער בעקעריי שטעהט אונטער דער השגחה פון די עלטסטע רבנים פון ניו יארק

**הרב הגאון ר' בנימין ברוך גוטה**
**הרב אורי קויפמאן**

אונזערע אויוועגס זיינען נאך פון אלטען סטייל.

אלע ארדערס פינקטליך אטענדעט.

**L. HOROWITZ MATZOH BAKERY**
**19 Ludlow Et., New York, N. Y.**

---

## מאיר וואלאזין

50-52 עלדרידזש סטריט, ניו יארק

טעלעפאן ארטשארד 4—4511

**מאנופעקטשורער**

פון וואלענע און סילקענע טליתים, פרוכתן, מענטעלאך, חופות, מכסות לשלחן ולארון.

**אימפארטער**

פון די בעסטע ספרי תורה, תפילין ומזוזות.

**דיסטריביוטאר**

פון אלערהאנד זילבערנע כלי קודש. עץ חיים'ס, ציץ'ן, יד'ן, קידוש־בעכערס, שבת־לייכטער א. ז. וו. די בעסטע מילערס חלפים און מוהל מעסערס. שארף און גלאט שטיינער.

— אלעס צו שפאט ביליגע פרייזען —

# פאָהרט מיט אונז קיין ארץ ישראל

## אויף אונזערע צוויי גרויסע טורס

### אויף פסח

דער פסח טור ווערט גע־
מאכט מיט דער שנעלסטער
שיף אין דער וועלט

**מאַנהעטען**

**UNITED STATES LINES**

פארלאָזט ניו יארק

**דעם 23טען מאַרטש**

און ברייננט אייך קיין ארץ
ישראל זעקס טעג פאר פסח.

**די מאנהעטען איז די גרעסטע שיף וואס איז ווען עס איז גע־בוים געווארען אין אַמעריקע און האָט איך אַ כשרה קיך.**



די צוויי גרויסע טורס
קיין ארץ ישראל שטע־
הען אונטער דער פער־
זענליכער אויפזיכט פון
מר. יצחק בערמאן, און
דאָס איז א גענינענדע
גאראנטיע, אז די טוריס־
טען וועלן באזארגט ווע־
רען מיט די בעסטע אקאָ־
מאָדיישאָנס על צד
היותר טוב.

### אויף שבועות

דער שבועות־טור ווערט
געמאכט אויף דער גרויסער,
ריזיגער, באריהמטער שיף

**בערענגאַריאַ**

**CUNARD LINE**

איבער 52,000 טאָן.

פארלאָזט ניו יארק

**דעם 26טען אפריל**

**כשרה קיך למהדרין מן המהדרין, אונטער דער השגחה פון ניו יאָרקער רבנים.**

דעם גרויסען פסח־טור פון דעם 23טען מערץ האָבען מיר אָרגאניזירט צוזאמען מיט דעם פארבאנד פון די ארץ ישראל אידען אין אמעריקע. א פערזענליכער פארטרעטער פון פארבאנד וועט מיטפאָהרען אויף דעם טור ביז ארץ ישראל.

## מיר אַראַנזשירען אייך רייזעס און טורס קיין פוילען און אַנדערע טיילען פון דער וועלט

אונזער ספעציעלע אינפאָרמיישאָן ביוראָ איז אלע מאל גרייט אייך צו דינען אין אלע הינזיכטען, אייך צו ראטהען ווי אזוי אויף דעם בעסטען און באקוועמסטען אופן צו אראנ־זשירען אייערע געפּלאנטע רייזעס אין אלע וועלט טהיילען. נוצט אויס די לאנגיאהריגע ערפאהרונג פון אונזער מר. אפרים שעכטער, וועלכער איז באקאנט אין אלע אינטער־נאציאנאלע לענדער רעגולאציעס פאר טוריסטען, און ער וועט אייך פארמיידען פיעלע אונאננעמליכקייטען וואס אונערפארענע טוריסטען האָבען.

מיר שיקען ספעציעלע אויפמערקזאמקייט צו אַנפראגען וואס קומען צו אונז פון אויסער ניו יארק. הונדערטער טוריסטען פון די פארוואָרפענסטע שטעט און שטעטלאך פון איבער גאנץ אמעריקא און קאנאדע זיינען דורך אונז באזאָרגט געווארען אויף דעם בעסטען און צופרידענשטעלענדסטען אופן.

אויב איהר פּלאנט א רייזע קיין ארץ ישראל אדער אין אנדערע לענדער שטעלט זיך מיט אונז אין פארבינדונג דורך קומען, שרייבען אדער טעלעפאָנירען צו:

**CENTRAL STEAMPHIP AGENCY**

**111-115 East 7th Street,** Telephone ORchard 4—4932-6490 **New York City**

# פאַהרט מיט אונז קיין ארץ ישראל
## אויף אונזערע צוויי גרויסע טורס

### אויף פסח

דער פסח טור ווערט גע־
מאכט מיט דער שנעלסטער
שיף אין דער וועלט

## מאַנהעטען
UNITED STATES LINES

פארלאָזט ניו יארק
**דעם 23טען מאַרטש**
און ברייננט אייך קיין ארץ
ישראל זעקס טעג פאר פסח.

**די מאנהעטען איז די גרעסטע שיף וואס איז ווען עס איז גע־בויט געווארען אין אַמעריקע און האָט אויך אַ כשרה קיך.**



די צוויי גרויסע טורס
קיין ארץ ישראל שטע־
הען אונטער דער פער־
זענליכער אויפזיכט פון
מר. יצחק בערמאן, און
דאָס איז א גענינענדע
גאראַנטיע, אז די טוריס־
טען וועלן באזארגט ווע־
רען מיט די בעסטע אקאָ־
מאָדיישאָנס על צד
היותר טוב.

### אויף שבועות

דער שבועות-טור ווערט
געמאכט אויף דער גרויסער,
ריזיגער, באריהמטער שיף

## בערענגאַריאַ
CUNARD LINE

איבער 52,000 טאָן.
פארלאָזט ניו יארק
**דעם 26טען אפריל**

**כשרה קיך למהדרין מן המהדרין, אונטער דער השגחה פון ניו יאָרקער רבנים.**

דעם גרויסען פסח-טור פון דעם 23טען מערץ האָבען מיר אָרגאַניזירט צוזאמען מיט דעם פארבאנד פון די ארץ ישראל אידען אין אמעריקע. א פערזענליכער פארטרעטער פון פארבאנד וועט מיטפאָהרען אויף דעם טור ביז ארץ ישראל.

## מיר אַראַנזשירען אייך רייזעס און טורס קיין פוילען און אַנדערע טיילען פון דער וועלט

אונזער ספעציעלע אינפאָרמיישאָן ביורא איז אלע מאָל גרייט אייך צו דינען אין אלע הינזיכטען, אייך צו ראטהען ווי אזוי אויף דעם בעסטען און באקוועמסטען אופן צו אראנ־זשירען אייערע געפלאנטע רייזעס אין אלע וועלט טהיילען. נוצט אויס די לאנג-יאהריגע ערפאהרונג פון אונזער מר. אפרים שעכטער, וועלכער איז באקאנט אין אלע אינטער־נאציאנאלע לעגאלע רעגולאציעס פאר טוריסטען, און ער וועט אייך פארמיידען פיעלע אונאנגענעמליכקייטען וואס אונערפארענע טוריסטען האָבען.

מיר שיינקען ספעציעלע אויפמערקזאמקייט צו אָנפראגען וואס קומען צו אונז פון אויסער ניו יארק. הונדערטער טוריסטען פון די פארוואָרפענסטע שטעט און שטעטלאך פון איבער גאנץ אמעריקא און קאנאדע זיינען דורך אונז באזאָרגט געווארען אויף דעם בעסטען און צופרידענשטעלענדסטען אופן.

אויב איהר פלאַנט א רייזע קיין ארץ ישראל אדער אין אנדערע לענדער שטעלט זיך מיט אונז אין פארבינדונג דורך קומען, שרייבען אדער טעלעפאָנירען צו:

## CENTRAL STEAMPHIP AGENCY
**111-115 East 7th Street,** Telephone ORchard 4—4932-6490 **New York City**

APR 4 33A

259

RABBI S. L. HURWITZ, Editor

הרב שמריהו ליב הורוויץ, רעדאקטאָר.

# די שוחטים שטימע
# SCHOCHTIM SHTIMME

מאָנאַטליכער זשורנאַל, ארויסגעגעבען דורך די אַגודת שוחטי עופות דניו יאָרק רבתי
Monthly Magazine, published by the Poultry Schochtim Union of Greater New York
Affiliated with the American Federation of Labor, Local 440
233 EAST BROADWAY, NEW YORK, N. Y. Telephone: ORchard 4—1938 — 9602

Vol. II. No. 1. March, 1933. ב"ה ניו יאָרק, אָדר, תרצ"ג צווייטער יאָהרגאַנג, נומר 1

## אינהאלט:


### קאָנווענשאָן באריכט

די ערשטע קאָנפערענץ פון דעם ועד הפועל דאגודת השו"בים דארצות הברית וקנדה.

משכני אחריך נרוצה — — — — — — — — רעזו. זלמן בער מאגאריק

חג האביב (שיר) — — — — — — — — — הרב הלל יעקב הורוויץ

### השומר

יום טוב אצל הכותל המערבי — — — — — — הרב חיים קרלינסקי

דרך ארוכה וקצרה — — — — — — — הרב שמואל מנחם הלוי פיין

מודעות.


Subscription Price, $3.00 a year. סובסקריבשאָן 3 דאָלאר א יאָהר.

Entered as second-class matter, August 15, 1932, at the Post Office at New York, N. Y., under the Act of March 3, 1879.

*PYG

# תספורת השמלית

## Schick Bladeless Electric Shaver

בימינו אלה נתפרצו בהרבה ארצות שאינם מגדלים זקנם, ובפרט בארצות הברית, רובם מגלחים הזקן, והרבה מפריצי עמנו משחיתים הזקן בתער, ועוברים על לאו מפורש בתורה, ולא תשחית פאת זקנך. ואמרו חכז"ל (מכות כ') שעובר בהשחתת הזקן בתער על חמשה לאוין, והחרדים מספרים זקנם במספרים, או במכונת מספרים המכונה קליי־פערס, ואף שהוא בעין תער נוהגים היתר לשיטת המחבר בשו"ע יו"ד סי' קפ"א דמותר לגלח הזקן במספרים כעין תער, וכן פסק הרמב"ם ושאר פוסקים, והמהדרין במצוות משחיתים זקנם בסם, וזהו היתר מפורסם שאין להרהר אחריהם, והנהיגו גם כן בארצות אונגארין אנשים חרדים במצוות להשחית זקנם בסם, ובארצות הברית הרבה נהגו כן ואשרי חלקם, ובזמן האחרון אותם אשר השחיתו זקנם בסם מנעו מזה, כי במשיחת הסם גדול הכאב, בשריפת הפנים, ולהרבה אנשים אמרו הרופאים כי יש סכנה בדבר, ושוב התחילו להשחית זקנם במספרים או במכונת מספרים (קליי־פערס) ומפאת העבודה הקשה בזה נכשלים הרבה לגלח זקנם בתער, והמציאו כעת „תספורת חשמלית", המכונה

## SCHICK SHAVER CO.

והרבה מעלות בזה, גם לפי הדין, כי נודע דברי רמ"א יו"ד סי' קפ"א ומקורו מתה"ד להיות נזהר במספרים לעשות היקף הגלוח בחלק העליון ולא בחלק התחתון דהוי כתער ובתספורת חשמלית זאת החלק התחתון איננו מגלח מאומה, ורק אוחז השערות פנימה, ובפנים התספורת יש מספרים המגלח השערות, ותמיד יש הפסק בין בשר הפנים למספרים, ואיננו כעין תער שהוא סמוך לבשר, וגם אותה תספורת חשמלית איננו צריך לעבודה מאומה, ורק כאשר מחבר קו החשמלי למאור חשמלי בבית מיד עושה פעולתו ומגלח, ואיננו מרגיש מאומה, ואיננו מאבד זמן בעשותו זאת, כי בהרף עין נעשה, וגם תמיד יוכל להיות עמו אף בנסיעתו בדרך, כי קטן הוא ומונח בקופסא קטנה יפה ונאה, וזו תקנה גדולה לאותם אנשים הנכשלים לגלות זקנם בתער, ועוברים על חמשה לאוין, לעשות תגלחת זקנם בתספורת השמלי זאת המכונה Schick Shavers וכן לאותם המגלחים זקנם במספרים כעין תער או במכונת מספרים, יותר טוב ונכון לעשות היקף הגלוח בתספורת השמלית זאת, וכל זה לתגלחת הזקן, אבל לתגלחת פאות הראש אסור במספרים כעין תער, כמבואר בשו"ע יו"ד סי' קפ"א, וגם כ"ז באותם המקומות שכבר נהגו כן וכבר הסכימו גאוני ארץ שאין להרהר אחריהם, אבל באותם מקומות שהנהיגו מימות קדם להיות זהיר אף מגלוח הזקן במספרים עלינו להחמיר בזה.    *)


**האט איהר שוין**
**דעם נייעם וויכטיגען ספר ?**

# הלכות דעות פון רמב"ם ז"ל

מיט דעם וויסענשאפטליכען באור פון

## הרב שמריהו ליב הורוויץ

ווען איהר האט נאך ניט, איז כדאי איהר זאלט איהם האבען, גרויסע אידישע געלעהרענטע אויף דער גאנצער וועלט באוואונדערען איהם. א נוצליכער ספר פאר רבנים, שוחטים און בני תורה.

**פרייז 1 דאלער**

ווענדעט זיך צום מחבר:

**RABBI S. L. HURWITZ**
**1503 Eastern Parkway     Brooklyn, N. Y.**
**Telephone: HAddingway 3—9698**


# ברכת מז"ט!

אגודת השוחטים דפלך נד"ז מברכת בזה את חברנו הנכבד מאוד מר ישראל באשקאוויץ, נ"י, המזכיר של אגודת השוחטים דנויארק רבתי, ורעיתו הכבודה, לנשואי בנם היקר ונכבד מר שלמה'לע נ"י, הש"ץ דביתכנ"ס „בני יעקב" בפאסייק, עם ב"ג הכבודה מרת צפורה, בת הרב ירחמיאל קומין שליט"א, מנהל דישיבת חפץ חיים. יתן ד' שההורים היקרים יקבלו רוב עונג ונחת מהצמד היקר הזה, ובשלות השקט יעבוד את עבודתו הכבירה לטובת חביריו השוחטים, ולטובת עם ישראל בארץ ישראל.

פרעס קאמיטע ביי די אגודת השוחטים
פון ניו דזשוירזי סטייט.

ב. אראנסאן, פרעזידענט.
מ. קארן, סעקרעטער.


# וויכטיג פאר שוחטים

אין ווארשא (פוילען) ערשיינט א מאנאט־ליכער חודש ארגאן אונטער'ן נאמען „ד י ש ו ח ט י ם ש ט י מ ע" (6טער יאהר־גאנג) וועלכער איז געווידמעט אלע שוחטים אינטערעסען.

**דער פרייז פאר אמעריקא און אנדערע לענדער איז בלויז 1$ א יאהר.**

ווענדעט זיך לויט פאלגענדען אדרעס:

**RED. DIE SZOCHTEM-SZTYME**
Warszawa, Muranowska 4, m. 30, Poland



ג ע ב ר ו י כ ט

## דר. יעקב האלאן

דער ערשטער ערפינדער פון

## כשר שייוו פערפיום פוידער



זינט 1905 — אהן א רעיזאר נאר מיט זיין בילד און אונ־טערשריפט טריידמארק. דאס איז אייער גאראנטי פון דער בארד און העלטה, זאנסט איז דאס נאכגעמאכט.

Dr. Jacob Halon
TRADE MARK

האט רעדוצירט די פרייזען צו:

**45, 75ס., 1$, 1.50$ און 2$**
**פער באקס פון 1 פונט**

קאנטרי ארדערס פינקטליך אטענדעט. קענעדער רעדזשיסטריישאן און פאסטיידזש קאסט 25ס. עקסטרא א באקס. שרייבט וואס פאר א נומער איהר ווילט, שטארקען אדער שוואכען.

**DR. JACOB HALON**
**94 Attorney Street, New York, Dept. Sh.**

שבתים און יום טובים געשלאסען.
ספעשעל פרייזען פאר איידזשענטס און האלסייל.

261

# די שוחטים שטימע


אָדר, תרצ"ג

צווייטער יאָהרגאַנג. 	נומער 1


## פּראָטאָקאָל

### פון דער ערשטער גרויסער היסטאָרישער קאָנווענשאָן פון די שוחטים אין אַמעריקא און קאַנאַדאַ, וועלכע איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין בראָדוויי סענטראַל האָטעל, ניו יאָרק, ז׳—ח׳ אדר, תרצ"ג.

אונטער אַן אויסערגעוויינליך יום־טוב׳דיגער שטימונג און הייליגע באַגייסטערונג האָט זיך ערעפענט די ערשטע גרויסע היסטאָרישע קאָנווענשאָן פון די שוחטים אין אמע־ריקא און קענעדע, וועלכע איז גערופען געוואָרען דורך די אגודת שוחטי עופות דנויאָרק רבתי. דער גרויסער זאַל פון דער קאָנווענשאָן איז געווען באַפּוצט מיט פלעגס און פאַרשידענע אויפשריפטען אין העברעאיש, איבערהויפּט די גרויסע שילד „ברוכים הבאים חברי הועידה הראשונה של השו"בים בארצות הברית וקנדה — תתחזקנה ידיכם".

500 דעלעגאַטען, שוחטים פון עטליכע און צוואַנציג שטאַטען, זיינען געקומען צו דער קאָנווענשאָן. עס זיינען אויך געקומען דעלעגאַטען פון פאַרשידענע שטעדט און שטעדטלאך אין קאַנאַדע. עס זיינען געקומען דעלעגאַטען פון אַזעלכע קליינע און פאַרוואָרפענע קהלות, פון וועלכע מען האָט גאָרניט געהערט.

אַ זעהר יום־טוב׳דיגע שטימונג האָט געהערשט אין האָל, און עס איז געווען אַ שעהנע אימפּאָזאַנטע פּאַנאָראַמע צו זעהען אַזאַ חשוב׳ען צבור פון גרויסע תלמידי חכמים, דאַרונטער אַ סך עלטערע שוחטים, באַקאַנטע גרויסע לומדים, יראים ושלמים, מאַנכע מיט סמיכות אויף רבנות און מיט הדרת פנים׳ער וואָס האָבען אַרויסגערופען צו זיך גרויס דרך ארץ.

די קאָנווענשאָן איז געעפענט געוואָרען פון דעם מנהל און עקזעקוטיוו סעקרעטער פון די אגודת השוחטים דנויאָרק רבתי, רעוו. יוסף ראָזענמאַן, וועלכער האָט אין עטליכע וואַרימע ווערטער באַגריסט די דעלעגאַטען. רעוו. יוסף ראָ־זענמאַן האָט דאַן פאָרגעשטעלט הרב משה מאיר הכהן ראַבי־נאָוויץ, איינער פון די עלטסטע שוחטים אין ניו יאָרק און איינער פון די גרינדער פון די „אגודת שוחטי עופות דנויאָרק רבתי", וועלכער האָט מיט טרערען פון פרייד באַ־גריסט די קאָנווענשאָן און האָט צווישען אַנדערעס געזאָגט: „איך אַנערקען דאָס פאַר אַ גרויסען זכות וואָס איך האָב דערלעבט צו זעהען פאַרווירקליכט דאָס וואָס איך האָב אַלע מיינע יאָהרען גע׳חלום׳ט צו זעהען — די פאַראייניגונג פון אַלע שוחטים פון לאַנד", און ער האָט געבענטשט די קאָנ־ווענשאָן מיט ברכת כהנים „וישמרך... מן המזיקים" — עס זאָלען זיך ניט געפינען קיין מהרסים ומחריבים, און די ארבייט פון קאָנווענשאָן זאָל זיין פרוכטבאַר און זאָל גע־קרוינט ווערען מיט ערפאָלג.

רעוו. יעקב בלום, דער פּרעזידענט פון די אגודת השוחטים, ווערט ערוועהלט אַלס דער פאָרזיצער פון דער קאָנווענשאָן. ער גיט זיין האַרציגע ברכה צו די דעלעגאַטען און שטעלט פאָר דעם מאָנאַסטרישצער רבי, הרב הגאון הצדיק ר. יהושע העשיל ראַבינאָוויץ שליט"א, וועלכער האָט גע־זאָגט אַז די שוחטים קאָנווענשאָן איז די ערשטע אין דער אידישער געשיכטע, און די קאָנווענשאָן וועט שאַפען אחדות צווישען אַלע שוחטים פון לאַנד, און אחדות איז די העכסטע מדרגה פון אידען.

הרב הגאון המפורסם ר׳ רפאל מרדכי באַרישאַנסקי, דער האָבאָלער רב, האָט דאַן באַגריסט די קאָנווענשאָן. ער האָט גערעדט וועגען די וויכטיגקייט פון אחדות, אָבער אחדות מיינט נישט — זאָגט הרב באַרישאַנסקי — אַז עס טאָר נישט זיין קיין קריטיק, אַזאַ אחדות איז אַ סטאַלין אחדות, אַ דיקטאַטור, ווייל קריטיק איז נויטיג און געזונט ווען דאָס איז באמת לשם שמים, ניט פאַר אייגענע פּניות. אָט האָבען, למשל, די חכמי התלמוד קריטיקירט איינער דעם צווייטען אין ענייני הלכה, אָדער זיי האָבען געמיינט דעם אמת, און נאָר דעם אמת. אַזוי אויך ווען שוחטים קריטיקירען די מנהיגים און מיינען אחדות, נישט קיין פּרוד, ווייל אָהן אחדות קען קיין זאַך ניט אויפגעטאָן ווערען, און די קאָנ־ווענשאָן זאָל פאַראייניגען די הערצער און די נשמות פון אַלע שוחטים, וועלכע זאָלען זיך אָנשליסען אַלס מיטגלידער אין די נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע פון לאַנד. הרב באַרישאַנסקי ווערט שטאַרק אַפּלאָדירט און געלויבט פון די דעלעגאַטען.

הרב שמריהו ליב הורוויץ, דער רב און פיהרער פון די גרויסע תלמוד תורה „תפארת הגר"א" אין ברוקלין און דער רעדאַקטאָר פון „די שוחטים שטימע", ווערט דאַן פאָר־געשטעלט ביים פּרעזידענט ר׳ יעקב בלום. הרב הורוויץ, וועלכער איז אַ גלענצענדער רעדנער, האָט געהאַלטען זיין רעדע אין אַ גוטען געשליפענעם העברעאיש, וועלכע האָט געמאַכט אַ טיפען איינדרוק אויף די שוחטים לומדים און משכילים.

## די העברעאישע רעדע פון הרב שמריהו ליב הורוויץ.

רבותי! הנני מתכבד בזה לברך את הצירים החשובים חברי הועידה הראשונה של השו"בים בארצות הברית וקנדה, ומפני כי הרגעים האלה קדושים הם, והסביבה עכשיו מלאה קדושה, קדושת החיים, והמטרה היא גם כן קדושה — התאחדות הכחות לשם עבודה קדושה, מועילה, נחוצה ופוריה, לפיכך אדבר אליכם לא בשפת הגלות, לא בשפה שיש בה מן החולין, אלא בשפה קדושה, הנני מדבר אליכם עכשיו בלשון הקודש!

רבותי! כולכם יודעים מה שחז"ל אמרו: כי תלמיד חכם צריך שידע שלשה דברים: כתב, שחיטה ומילה. והנה בנוגע לשחיטה —

כולכם יודעים מלאכת קודש זו, הלא רק אלה שהם שוחטים מובהקים ומומחים באו הנה מכל קצוי הארץ. יודעים אתם מלאכת השחיטה וכמעט כל אחד ואחד מכם יודע גם כן לאמן את ידיו במלאכת מילה. שוחטים ומוהלים הם שמות נרדפים באמריקה. עכשיו יש לכם צורך ב„כתב", לכתוב מאמרים ומכתבים בהירחון שהוא כולו שלכם — „שוחטים שטימע" ו„השומר" ולאפשר את קיומו, ולחזק את קול השוחטים שהוא צריך להיות קול גדול מאד. והכתב הוא קודם לשחיטה ומילה. אומה בזויה היא — אומה בלי „כתב ולשון". ובשאתם שוחטים ומוהלים ואין לכם „כתב" משלכם, אינכם תלמידי חכמים. יש לכם שני דברים ולא שלשה, וחז"ל אמרו, כי מי שהוא תלמיד חכם צריך שידע שלשה דברים, לא רק שחיטה ומילה, אלא כתב. ואני עבדכם הנני מדבר אליכם עכשיו לא בתור „רב" ולא בתור „דרשן", אלא בתור בא־כח הכתב, בתור העורך של „השוחטים שטימע", ואני מברך אתכם מעומקא דלבא שהועידה הראשונה שלכם תהיה הראשונה, אבל לא האחרונה, ואף על פי שבכל מקום אנו אומרים „אחרון אחרון חביב", זהו אחרון, אבל לא אחרונה, וביון שהועידה היא לא ראשון (בלשון זכר), אלא ראשונה, אז האחרונה אינה חביבה כל כך. והלואי שתהא לכם ועידה שנתית בכל שנה ושנה. והועידה הזו תהיה הראשונה, ואחריה פעולות ומעשים טובים ועבודה פוריה בהצלחה מרובה.

ואני אומר: ברוכים הבאים! כי רק הבאים המה היוצרים, הנוטעים, הבונים, הבנאים, ואל תקרא „בניך", אלא אם כן הם „בוניך"... וברוכים הבאים בשם ה', כי כנסיה זו היא כנסיה לשם שמים, יש בה משום בנין וחזוק הדת בארצנו זו; הטבת מצב הכשרות, ומצב השו"בים, שהם הם חלק חשיב מאד בדת ישראל.

יראים אנו את ה„פגימה" שעל הסכין, על ה„חלף", ואיננו יראים את הפגימות שבנשמת השוחט. אבל כשם שאנו צריכים להזהר עד מאד בפגימות הסכין, כך עלינו לדקדק עד מאד שלא תהיינה פגימות בנשמת השוחט העלוב, העני, הנרדף על לא חמס בכפו, וכשהשוחט עובד קשה במלאכתו הקדושה מן הבוקר עד הערב ולעת ערב כשהוא בא הביתה, ואשתו מחכה למשכורתו, ולו גם כן בנים ובנות, כולם אהובים, כולם ברורים וכולם קדושים וכולם פותחים את פיהם ואומרים: אבא, תן לנו לחם לאכול, ולחם אין, מפזר על השלחן את הפרוטות שהביא ואין בהן במה לפרנס את בני ביתו, אז הוא נאנח מעומק הלב, אנחה ששוברת את כל גופו, נאנח ואומר: אוי לי, מה שפגמתי — בספירה, אין מה לספור!... יש פגימה בלב ובנפש, עלוב ושפל בידי גסים והמונים ואין מה לספור, ספור הכוכבים... כי חושך וערפל מסביב... וחשב בלבו ובנפשו — מה שפגמתי בספירה!... ולפעמים בנפשנו נביא לחמנו... כידוע לשוחטים מבינים, וד"ל... ומלחמה לנו עם נותני לחמנו, עם סביבה זרה ונכריה חולונית, ומלחמה לנו לפעמים עם בנינו ובנותינו הדור הצעיר הבא אחרינו, שאינו הולך בדרך התורה והמצוה, מלחמה לנו עם מהרסי דתנו ומחריבי קדשנו, באלה שאין להם צורך בתורה ודת, ואין להם צורך בשוחטים יראים ושלמים ושחיטה כשרה באמת על פי ד"ת. ובשעה שיסודי הדת הולכים ונחרבים, נהרסים, אין צורך אז בשו"בים. „אם השתות יהרסון — יסודי התורה והדת" — אז אומרים על השו"ב „צדיק" זה מה פעל?!... למי יש צורך בפעולתו ועבודתו?!... למה לנו לבזבז כסף על שחיטה כשרה על פי דת אם אין לנו שבת ומועד ומבזים אנו כל קודש, אם השתות יהרסון, „צדיק" מה פעל?!...

וב„קול השוחטים" היוצא לאור על ידכם מדי חודש בחדשו, אתם שומעים, רבותי, את קול הנשמה שיוצאת מן הגוף, כי נשארים אנו בעלי „גוף", ולא בעלי „נפש"... כי בשעה שהנשמה יוצאת מן הגוף הקול הולך מסוף העולם ועד סופו — ואין הקול נשמע ברחוב, בסביבה חולונית, אבל בעתונכם „די שוחטים שטימע" אתם שומעים קול פרכוס הנשמה הישראלית... אתם קוראים מכתבים מאת שו"בים שפולחים את הלב וקורעים את הלב העברי לגזרים דקים מן הדקים. בעתונכם אתם שומעים את קול השכינה, גלות השכינה, ודאגה שבלב השוחט ישיחנה לחבריי השוחטים בכל מקום שהם, ישיחנה ויסיחנה מדעתו ורווח לו.

במס' מגילה דף ז' אנו קוראים כי רבא שחט לר' זירא, וישנם אצלנו „בעלי בתים" נחמדים ונעימים שבאלה שקוראים להשוחט „רבי" זעירא... ושוחטים אותו... שחיטת נשמה וגוף קיים... ויש בכל קהלה מלאך המות של שוחטים, מלאך מות מיוחד. אבל ועידה זו שמטרתה לאחד ולאגד את כל השו"בים לאגודה אחת, היא תהיה בבחינת „ואתא השוחט ושחט למלאך המות"... והועידה הזאת תקרא לחירות, חירות ממלאך המות על ידי כח התורה שחרות על לוח הלב של השוחטים. ואני מברך אתכם יהי רצון שתשרה שכינה במעשה ידיכם!!

הרב הורוויץ ווערט שטארק אפלאדירט.

א געקליבענער גרופּע באהר פון שוחטים און חזנים האט דאן געזונגען אונטער דער ליטונג פון דעם באוואוסטען קאמפּאזיטאר רעוו. שמואל מייערסאן, „ברוכים הבאים" און אנדערע רעליגיעזע געזאנג און תפילות, וועלכע האבען גע־שאפען א הויליגע שטימונג אויף דער קאנווענשאן.

„דער זקן הרבנים" פון אמעריקא, הרב הגאון רמ"ז מרגליות שליט"א, עהרען פּרעזידענט פון די אגודת הרבנים האט צוגעשיקט די פאלגענדע באגריסונג צו די קאנווענשאן:

כבוד ידידי הרב המופלג ר' יעקב בלום שליט"א, יו"ר לאגודת שוחטי עופות דניו יארק.

אחדישה"ט, הזמנתם אותי להועידה הגדולה של

השוחטים באמריקה וקנדה, ובאמת הייתי רוצה להופיע ולהשתתף בועידתכם ולהביע את ברכתי הלבבית לעבודתכם, אך מפני מצב בריאותי אי אפשר לי לצאת מן הבית. והנני דורש שלומם וטובתם בלב ונפש בכלל ובפרט.

ידיד השוחטים מ"ז מרגליות החופ"ק.

אין דעם זעלבען גייסט האָט אויך באגריסט די קאָנווענשאָן דער עהרען פרעזידענט פון די אגודת הרבנים הגאון המפורסם הרב ר' ישראל הלוי ראָזענבערג שליט"א, דורך אַ הארציגען בריעף.

עס איז אויך ערהאַלטען געוואָרען אַ באַגריסונג פון דעם פרעזידענט פון די אגודת הרבנים דארצות הברית וקנדה, דער באַוואוסטער גאון ר' אליעזר זילבער שליט"א. ער שרייבט:

להנכבדים בני תורה ויראה עובדי עבודת הקודש חברי הכנסיה הראשונה אגודת השוחטים דארצות הברית וקנדה, שלומכם ישגא לעולם.

בשם אגודת הרבנים אברככם באהבה ואחוה, יהי רצון שתשרה שכינה במעשה ידיכם. התאגדו להרים קרן התורה וכבוד שומרי הדת עובדי עה"ז ותביאו ברכה במעשיכם. התאחדו אחי, עמדו יחד את חכמי ישראל רבני הקהלות לסדר ולארגן עבודת הזבח, לפאר ולרומם נושאי דגל התורה והדת, נדע כי כבודכם כבודנו, ואתם תהיו לתפארת לנו בכל אשר תעשו, אתנו תעבודו, ואנחנו נכונים לתת ידינו לכם לבוא לעזרתכם, לרומם ולהאדיר קרן התורה והדת ולרומם קרנכם בכבוד.

עמדו כולכם על ברכתי סלה, כברכת ידיד כל תופש תורה ונושאי דגלה,

אליעזר זילבער,

נשיא אגודת הרבנים דארצות הברית וקנדה.

עס איז אויך ערהאלטען געוואָרען אַ באגריסונגס־טעלעגראמע פון דעם ערשטען אידישען גאָווערנאָר פון ניו יאָרק סטייט, גאָווערנאָר הערבערט ה. לעהמאַן, וועלכער האָט הארציג באַגריסט די שוחטים קאָנווענשאָן; ווי אויך פון דעם באַוואוסטען אידישען ריכטער אַטטאָ א. ראָזאלסקי; פון דעם ריכטער פון דעם העכסטען געריכט פון שטאַאַט ניו יאָרק, מיטשעל מעי; פון דעם סטייט סענאַטאָר פון האָדסאָן קאָונטי פון דזשוירזי סיטי, ווי אויך פון הרב הגאון המפורסם הרב לעווענטאל פון פילאדעלפיא שליט"א, הרב לעווענטאל באגריסט די שוחטים קאָנווענשאָן און ווינשט זיי גליק און פרוכטבאַרע הייליגע ארבייט.

עס איז אויך ערהאלטען געוואָרען אַ לאַנגע הארציגע טעלעגראמע פון העריסבורג, פון הרב ר' אליעזר זילבער, דער פרעזידענט פון די אגודת הרבנים און פון הרב ר' ישראל הלוי ראָזענבערג, עהרען פרעזידענט פון די אגודת הרבנים, אין וועלכע זיי בוידע באדויערען וואָס זיי קענען ניט קומען נאָך ניו יאָרק צו די שוחטים קאָנווענשאָן און זאָגען צו פאַלשטענדיגע מאָראלישע שטיצע און שטענדיגע קאָאָפעראציע מיט די פאראייניגטע שוחטים פון לאנד, און אלעס וואָס באַלאַנגט צו חזוק התורה והדת. עס זיינען אויך ערהאלטען געוואָרען טעלעגראמעס פון שוחטים אָרגאניזאציעס, פון שוחטים יחידים פון אלע ווינקלען פון לאנד, פון די אגודת השוחטים אין טאָראָנטאָ; פון די אגודת השוחטים פון שיקאגא, פון הרב ה. שאַרפמאַן פון וועסט ווירדזשיניא, פון הרב מהרש"ק ראָטשעסטער און פון פילע אנדערע שוחטים און רבנים.

עס איז אויך ערהאַלטען געוואָרען אַ הארציגע באגריסונג פון דעם פרעזידענט פון דעם ועד הרבנים דנויארק רבתי, הרב הגאון המפורסם ר' ישראל דושאָוויץ שליט"א, ווי אויך פון די רבנים מפורסמים הרב א. ל. גארטענהויז שליט"א און הרב א. דים שליט"א פון דעם „דגל הרבנים".

דער פרעזידענט פון די אגודת השוחטים און פאָרזיצער פון דער קאָנווענשאָן, רעוו. יעקב בלום, באַגריסט דאָן הארציג די קאָנווענשאָן אין נאָמען פון די „אגודת שוחטי עופות דנויארק רבתי", וועלכע האָט גערופען די גרויסע נאציאָנאלע קאָנווענשאָן פון אלע שוחטים אין אמעריקא און קאנאדא, און וועלכע האָט ארויסגעגעבען די „שוחטים שטימע", וועלכע האָט באמת געהאָלפען שאפען די גרויסע היסטאָרישע קאָנווענשאָן, און האָט נאָכהער געהאלטען די פאָלגענדע רעדע:

## די רעדע פון דעם פרעזידענט רעוו. יעקב בלום

חשוב'ע חברים דעלעגאטען!

אלס איינער וואָס האָט גענומען אויף זיך די איניציאַטיווע צו רופען די ערשטע קאָנווענשאָן פון שו"בים פון גאַנץ יונייטעד סטייטס און קענעדע, איז געפאלען אויף מיין גורל, צו האָבען די עהרע אייך אויפצונעהמען מיט אַ ברכת, „שלום עליכם" דעלעגאטען! איך וועל זיך טרייען צו פאסען אזוי קורץ ווי מעגליך, ווייל יעדערער פון אונז קען מעהר בייטראָגען צו אונזער זעהר וויכטיגער קאָנווענשאָן, אויב מיר וועלען מקמץ זיין אין ריידען און פארווענדען אונזערע דריי זיצונגען אין טאָן וויכטיגע ארבייט.

מיר זיינען זיך צוזאמענגעקומען צו לייגען דעם פונדאמענט פאר אונזער צוקונפטיגער גרויסער געביידע וואָס וועט זיך רופען „אגודת השו"בים דארצות הברית וקנדה" און לאָמיר זיך באַנוצען מיט פשוטע ווערטער, וועלכע וועלען אונז זיכער ברייגגען פראקטישע רעזולטאטען.

אלס איינער וועלכער איז געשטאנען ביי דער וויגעלע פון דער „אגודת שוחטי עופות דנויארק", קען איך אייך מיט זיכערקייט זאגען אז דער כח פון פאראייניגונג קען ממש אויפטאָן וואונדער.

חברים שוחטים! זייער טרויעריג איז געווען אונזער לאַגע ביז איצט. עס וואָלט גענומען וואָכען און חדשים אז מיר זאָלען יעדער איינער באזונדער, אויסדערציילען זיינע ליידען וואָס ער דאַרף אויסשטעהן, גייסטיגע ערנידעריגונג און קערפערליכע מאטערניש, אין די גרויסע שטעט, אין די שלאַכט־הייזער און מארקעטס, און אין קליינע שטעט, זיינען מיר געוואָרען חמין פארקויפער, חנוכה ליכט פעדלער, און בכלל זיך בוקען צו יעדען וואָס גיט אונז אַ שנד־ער, וואָס אזא לעבען האָט געטויטעט אונזער זעלבסט רעספעקט און אונז פארוואנדעלט אין גייסטיגע און קערפערליכע שקלאפען, וואָס קענען זיך ניט ערנעהרען פון זייער פראָפעסיע.

מיר רעדען דאָ ניט צו ערוועקען אַ רחמנות־געפיהל אָדער אימיצען צו ברייגגען צו טרעהרען אויף אונזער גורל. מיר זיינען בעלי רגש, און מיט שטאָלץ,

ווי עס פאסט פאר די וואס באקליידען אזא הייליגע פראפעסיע, נאר מיר זאגען דאס צו די ארטאדאקסישע בעלי בתים אונזערע אז זיי האבען אונז בכיון ניט גע־וואלט קענען, כדי זיי זאלען ניט דארפען אונז אנערקע־נען אלס זעלבסטשטענדיגע פארטרעטער פון אזא וויכ־טיגען טייל אין אונזער יהדות, און ניט קיין שקלאפען, און ארדערס נעהמער פון יעדען וואס שטופט זיך ארויף אויבען־אן, און ווערט א פיהרער אין דער ארטאדאקסי־שער וועלט, אין דיזען לאנד.

אונזער פראפעסיע פאדערט פון אונז אז מיר מו־זען זיין בעלי רגש, מיר מוזען האבען הרגשה צו פילען אפילו א פגימה דקה מן הדקה. דאדורך איז אומבא־דינגט נייטיג אז אונזערע בעלי בתים זאלען אויך הא־בען א הרגשה צו פילען אז דער שוחט מוז מאכען א בכבוד'ן און רוהיגען לעבען, כדי ער זאל האבען קלארע געדאנקען צו קענען מרגיש זיין וואו די פגימה איז אין דעם הפקרדיגען צושטאנד פון אונזער ארטאדאקסישען לעבען אין דיזען לאנד און זיין זעלבשטענדיג צו קענען ארויסזאגען זיינע ערליכע געפילען.

מיר, שוב"ים, האבען ביז יעצט פיל געליטען פון די צוריסענקייט צווישען רבנים, וואס זה אוסר וזה מתיר, יעדער וואס וויל נעמט זיך דעם טיטול „רב", קומט זעהן א חלף ביים שו"ב, אבער אום צו זעהן א חלף, דארף דער זעהער אליין זיין א חלוק, ניט קיין פנום. עס טרעפט פיל מאל, אז ביי דעם רב וואס זעהט דעם חלף איז צוליב פארשידענע אורזאכען דער נאגעל צו ווייך, אדער צו הארט, וואס אין ערש־טען פאל, פיהלט ער ניט די פגימה, און אין צוויי־טען פאל ווערט די פגימה, און אין בעסטען פאל זע־הען זיי ניט דעם חלף פריער אבשרה, ווי דער דין פא־דערט, מורא האבענדיג פיליכט וועלען זיי זיך וועה טאן. און דורך דיזער באציהונג, און מיט א גרוי־סען טייל דורך אונזער אייגענע שולד, איז אריין אין אונזער פראפעסיע נישט קיין פאסיגע פערזאנען, וואס זייער פארגאנגענהייט, בעפאר זיי האבען זיך אויס־געלערנט שחיטה, מאכט זיי ניט ראוי לאותה איצטלה.

די קאנווענשאן אנערקענט, אז אום אפצושאפען דעם כאאס און הפקר צושטאנד, מוז זיין אין גרוי־סע און שטארקע פאראייניגונג פון רבנים, אז א יחיד, ווי גרויס ער זאל ניט זיין, קען ניט און טאר ניט האנד־לען אויף זיין אייגענע פעראנטווארטליכקייט, אזא פאר־אייניגונג וועלען מיר געבען אונזער פולע אנערקע־נונג און שטיצע, און ארבייטען צוזאמען האנד און האנד לטובת הכשרות וחזוק היהדות. ווארים אויב רבנים מיינען באמת דורכצופיהרען זייערע החלטות אין פראקטישן לעבען, און מיר זיינען זיכער אז זיי ווילען דאס, מוזען זיי זיך שטיצען אויף אן ארגאני־זירטע ארמיי, וועלכע וויל און איז בכח צו קעמפען פאר דעם כבוד היהדות והרבנות און ארדענונג אין אונ־זער ארטאדאקסישען קהלה לעבען.

און אויב אונזערע גענעראלען, די מלכי רבנן, ווי־לען זיגען אין זייער קאמף, דארפען זיי האבען א פריינד־ליכע באציאונג צו די סאלדאטען וואס קענען טאן די ארבייט וועלכע גענעראלען קענען ניט, אלס די פרא־דוצירער פון א „מלאכת הקודש" וועלכע זיינען די צווייטע נויטווענדיגקייט נאך רבנים. וואו אין פילע קהלות באגעהט מען זיך מיט די צווייטע אליין, מוז געשאפען ווערען א איינגע פארבינדונג צווישען רבנים און שוב"ים אין דיזען לאנד. וואו ביידע ארגאניזא־ציעס זאלען ארבייטען צוזאמען אום אפצושאפען דעם כאאס, פון וועלכע ביידע ליידען גלייך, וויל מיר זיינען באמת דער בריח התיכון אין דעם ארטאדאקסישען לעבען.

מיר שוב"ים וועלען געבען דעם כח פון אונזער מלאכה, און די רבנים דעם כח פון תורה, וועט דאס צוזאמען שאפען די גרויסע קראפט פון א מלאכת הקודש.

דורך לערנען נקור, האבען מיר זיך אויסגעלערנט צו קענען אונטערשיידען פון כשר'ע שומן ביז חלב, וואס א אונגעניטע אויג קען ניט וויסען וועלכע איז כשר'ע פעטס, און וועלכע איז חלב החטאת, און מיר ווייסען אויך ווי אזוי צו בעהאנדלען דעם חלב החטאת, אז מען דארף „לחטט אחריו" אויסשניידען טרפה גידים מיט'ן ווארצעל...

דאס איז אויך איינע פון די אורזאכען וואס האט געבראכט צו א בטול־דיגע באציאונג פון בעלי בתים צו שוחטים, און פון שוחטים איינע צו די אנ־דערע, עס איז די אויפגאבע פון דער קאנווענשאן דאס צו באזייטיגען און פעסטשטעלען ווער איז ווער אין אונזער מחנה.

די אגודה וועט זאגען איהר באשטימטען און ווירקזאמען ווארט, ווי אזוי די ועדי הכשרות דאר־פען און זאלען פראטעקטען דעם שוחט, זיין פרנסה. אויב די ועדי הכשרות ווילען אז דורך שחיטה זא־לען אויפגעהאלטען ווערען וויכטיגע און נויטיגע אינ־סטיטוציעס אין דער קהלה, דארפען זיי און מוזען וויסען אז זיי האבען פליכטען צו דעם יעניגען וואס מיט זיינע כחות ווערט געשאפען די איינאמע פאר דער קהלה, אז זיינע עקאנאמישע און גייסטיגע רעכט זאל נישט פארקוקט ווערען.

די אגודה וועט שאפען דעם גרויסען כח וואס וועט באשיצען דעם שוחט געגען אלע איבלען, וואס האבען ביז יעצט אזוי פיל וועה געטאן דעם שוחט, אלס אן איינצעלנער אונבעהאלפענער מענש, און צו דער זעלבער צייט וועט די אגודה געבען דעם שוחט דעם באוואוסטזיין אז ער איז ניט אליין אין א עת צרה, אז די אגודה שטעהט מיט איהם, צו העלפען איהם אין זיין גערעכטען קאמף. די אגודה וועט זיך שטעלען אויף דער זייט פון שוחט מיט איהר גאנצער קראפט און מאכט ביז זי וועט זיגען, און אוועק־שטעלען יעדען שוחט בחומר וברוח, אויף דעם שטאנד

צו וועלכען ער איז בארעכטיגט, אלס איינער וואס טראגט אויף זיך די אחריות פון מלאכת הקודש.

שאפענדיג די נייטיגע פאראייניגונג פון שוחטים, איז אונזער גרויסע פליכט און אויפגאבע צו שאפען א פאנד פאר קראנקע שוב"ים. זעהר אונגליקליך איז דער שו"ב ווען ער ווערט קראנק. זיינע פליכטען אלס שוחט קען ער ניט ערפילען, און פון זיין הכנסה האט ער ניט געהאט די מעגליכקייט אפצושפארען גענוג געלד אויף צו קרענקען, און ווער רעדט נאך ווען ח"ו זיין קראנקהייט איז א פארצויגענע אדער א כראנישע, דאן איז ער אויסגעזעצט אנצוקומען צו בעטלעריי.

און יעצט לאמיר קומען צו אונזער שווערסטען פראבלעם, „זקנה", אונטער וועלכער מיר אלע, אלס מענשען זיינען אונטערווארפען און מיר בעטען דאך דעם השי"ת אז מיר זאלען דערלעבען די עלטער, אבער מיר, אלס שוב"ים, איז דאך די עלטער פאר אונז א טרויעריגע ערשיינונג, איבערהויפט אין דיזען לאנד, וואס די עלטער קומט פריער פאר די יאהרען. זי, די עלטער, ברענגט מיט זיך שוואכע אויגען, ציטערדיגע הענד, שוואכע פיס, וואס מאכט אונז ע"פ דין אונפעהיג און אונפאסיג צו פראקטיצירען אונזער מלאכת הקודש און מיר מוזען אויפגעבען שחיטה, אדער זיך אנשטרענגען און אנהאלטען אזוי לאנג ווי מעגליך. מיר זיינען קהלה אנגעשטעלטע אזוי לאנג ווי מיר זיינען געזונד און יונג און מיר קענען ארבייטען. אבער קיינער האט קיינע פארפליכטונגען צו אונז ווען מיר קענען שוין מער ניט דינען דער קהלה. און דער שרעק פון א לעבען מאכען איז א געפערליכער נסיון, וואס ברענגט צו ועל „פת לחם", צוליב א שטיקעל ברויט, ווערט מען א „יפשע גבר".

וואס מיר זיינען זיכער אז ווען א שו"ב זאל זיין געזיכערט מיט א קליינע הכנסה אזוי לאנג ווי ער לעבט, וועט ער קיין מאל ניט אנהאלטען שחיטה ווען ער איז שוין אלט.

מיר ווייסען פון פילע שוב"ים, וואס אין דער יוגענד זיינען זיי געווען פארמעגליך, געקראגען גרויסע געהאלט, און אויף דער עלטער, געדארפט אנקומען צו צבה און זעלבסטפארשטענדליך ניט קענען פארזארגען זיין פאמיליע לאחר מאה שנה.

וואס דאס איז אויך איינע פון די פליכטען וואס א פאמיליע מאן טראגט אויף זיך צו זיין פרוי און קינדער.

נעמענדיג דאס אויבען דערמאנטע אין אנבאטראכט קומען מיר צום שלום, אז נאר א פאראייניגונג קען אונז ארויסנעמען פון אונזער שפל המצב.

נאר א פאראייניגונג וועט שאפען פאר אונז א פעסטען, געזיכערטען באדען פאר אונזער עקזיסטענץ.

חברים דעלעגאטען! לאמיר זיך נעמען מיט מוט בעטראכטענדיג אונזער טרויעריגע, פארנאכלעסיגטע פערגאנגענהייט, מוזען מיר זיך נעמען מיט מוט, און זיך שטעלען מיט שטאלץ בויען אונזער צוקונפט. אויב נאהענט איז דער וועג וואס פיהרט צו אונזער ציל, אדער ווייט, אויב עס וועט זיין שטערונגען, און שטיינער וועלען געלייגט ווערען אין אונזער וועג, וועט דאס אלץ אונז ניט אפהאלטען. מיר וועלען זיך ניט אפשטעלען, ניט אפטרעטען, ביז מיר וועלען ערררייכען אונזער צוועק.

מיר זיינען זיכער אז מיר וועלען ערררייכען אונזער פערלאנג, ווייל מיר באזיצען דעם מסירת נפש, וואס איז נייטיג צו מאכען אונזער ארגאניזאציע אונבאזיגבאר.

תחזקנה ידיכם.

ויהי נועם ד' עליכם ועל מועצתיכם.

די שטארקע הארציגע רעדע פון דעם פרעזידענט מאכט א טיפען איינדרוק אויף די דעלעגאטען פון דער קאנווענשאן. ער ווערט שטארק אפלאדירט.

הרב יעקב אלי' ראבינאוויץ איז געווען דער לעצטער רעדנער פון דער ערשטער זיצונג. ער האט געשילדערט וואונדערבארע בילדער פון דער פארגאנגענהייט, ווי אזוי ער האט געזוכט צו גרינדען א פארבאנד פון שוחטים מיט 30 יאהר צוריק, און ער איז יעצט גליקליך וואס ער האט דערלעבט צו זעהן ווי זיין חלום איז פארווירקליכט געווארען. ער באגריסט הארציג די קאנווענשאן. דער פארזיצענדער שליסט דאן די ערשטע זיצונג און די 500 שוחטים דעלעגאטען, רבנים און געסט דאווענען מנחה בצבור ברגשי קדש ובהשתפכות הנפש.

## די צווייטע זיצונג

די צווייטע זיצונג אין אווענט איז געפיהרט געווארען פון דעם וויצע פרעזידענט פון די אגודת שוחטי עופות דנויארק, רעוו. אליהו מעלצער. ער האט אין זיין רעדע באלויכטען די לאגע פון די שוחטים און האט ערקלערט אז די קאנווענשאן וואס האט צוזאמענגעבראכט 500 דעלעגאטען, האט באוויזען וואס פאר א גרויסע מאכט די שוחטים ארגאניזאציע קען ווערען אין ארטאדאקסישען אידענטום. רעוו. מעלצער האט דאן פארגעשטעלט הרב מאיר ברלין, פרעזידענט פון דער אלוועלטלאכער מזרחי ארגאניזאציע, וועלכער איז אויפגענומען געווארען מיט גרויס באגייסטערונג. הרב ברלינ'ס גלענצענדע רעדע איז געווען אן איבערבליק אויף דעם מצב פון אידענטום דא אין לאנד און איבער דער גאנצער וועלט. ער האט זעהר שטארק געלויבט די שוחטים, וועלכע האבען זיך גענומען צו בויען ארץ ישראל דורך די „נחלת השבים" וואס זיי האבען געגרינדעט אין ארץ ישראל, צו באזעצען דארט שוחטים און אזוי ארטאדאקסישע אידען וואס ווילען קומען אל המנוחה ואל הנחלה, די שוחטים זאלען זיך פאראייניגען אלע צוזאמען — זאגט הרב ברלין — ס'זאל ווערען א שטארקע מעכטיגע נאציאנאלע שוחטים ארגאניזאציע פון אמעריקא און קאנאדא, זאלען די שוחטים פארבעסערען זייערע עקאנאמישע אינטערעסען און ממילא וועט דאן פארבעסערט ווערען די לאגע פון אידענטום בכלל און די לאגע פון כשרות בפרט „כנוס לצדיקים הנאה להם", און אויך אז הנאה להם וועט ממילא ווערען הנאה לעולם...

עס ווערט דאן פארגעשטעלט דער ענערגישער קעמפער און ארבייטער פאר די שוחטים אינטערעסען, דער עקזעקוטיוו סעקרעטער און מנהל פון די אגודת שוחטי עופות דנויארק רבתי, רעוו. יוסף ראזענמאן, וועלכער האלט געשפאנט דעם עולם מיט זיינע א קורצע הארציגע און אינטערעסאנטע רעדע.

### די רעדע פון מנהל רעוו. יוסף ראזענמאן

שלום שלום לרחוק ולקרוב.

ווען איך האב געזאגט, לרחוק, האב איך ניט גע־

מיינט רחוק ווייט פון הארצען, חס ושלום! ווייל איך קען אייך פארזיכערען, מיינע טייערע ברידער, דאס יעדער שוחט, נאהענט אדער ווייט, איז מיר נאהענט צו מיין הארצען. ווען מיר, די אגודת שוחטי עופות דניו יארק רבתי האבען געגרינדעט די „שוחטים שטימע", האבען מיר ניט נאר אין זינען געהאט די מיטגלידער פון דער שוחטי עופות יוניאן פון ניו יארק אליין, חס ושלום! נאר מיר האבען אויך אין זינען געהאט אלע ברידער שוחטים פון אמעריקא, קענעדא, פוילען, ארץ ישראל, און אפשר אויך די שוחטים פון דער גאנצער וועלט, ווייל איך דיינק, אז ס'איז ניט ווייט די צייט, אז די שוחטים פון דער גאנצער וועלט זאלען ווערען ארגאניזירט און פאראייניגט אין א שטארקען, גרויסען, מעכטיגען פערבאנד.

ווען איך האב געזאגט רחוק האב איך געמיינט רחוק ממקום, ווייט אין מרחק, ווייט פון ניו יארק, אבער קרוב בלב, נאהענט צו מיין הארצען, נאהענט צו מיין נשמה. און פונקט ווי דער גרויסער אידישער דיכטער רבי יהודה הלוי ז"ל האט געזאגט וועגען ארץ ישראל „אני במזרח ולבי במערב", אזוי זאג איך אייך: מיר, די אגודת שוחטי עופות דניו יארק רבתי, לאקאל 440, געפינען זיך אין ניו יארק, אבער אונזערע הערצער זיינען מיט יעדען שוחט וואו נאר ער געפינט זיך בכל מקום שהוא. מיר האבען שטענדיג געשטרעבט, אז מיר זאלען ניט זיין צו ווייט, צו פרעמד איינער פון צווייטען, און יעצט איז פארווירקליכט געווארען אונזער חלום, דאס מיר זעהען זיך אלע צוזאמען. שוחטים פון גאנץ אמעריקא און קענעדא טרעפען זיך אלע צוזאמען אין איין פלאץ, מיט איין געדאנק, מיט איין צוועק, מיט איין שטרעבונג און האפנונג.

און איך, אלס איינער פון די גרינדער און פיהרער פון דער גרויסער, שטארקער, מעכטיגער שוחטים יוניאן, בעגרים אייך הארציג, מיט פרייד, און זאג שלום לרחוק ולקרוב, פונקט ווי אונזערע עלטערען מיט טויזענטער יאהרען צוריק, ווען זיי פלעגען ברייגנען די בכורים נאך ירושלים פלייגען דאמאלסט די ירושלימער איינוואוינער זיי באגריסען און זאגען: אחינו אנשי מקום פלוני בואכם לשלום, אזוי בעגרים איך אייך אין נאמען פון אלע אונזערע ברידער שוחטים אין ניו יארק, אחינו השוחטים אנשי אמעריקא וקאנאדע בואכם לשלום!

טייערע ברידער! נאך דעם ווי איהר האט מיר געשאנקען אייער אויפמערקזאמקייט און אויסגעהערט מיין באגריסונג, בעט איך אייך, גיט מיר א געלעגענהייט איך זאל פאר אייך קענען שילדערען מיט לעבעדיגע פאקטען דאס לעבען פון אונזערע ברידער שוחטים אמאל, איידער מיר האבען זיך פאראייניגט אונטער א שטארקער מעכטיגער שוחטים יוניאן. ווייל ווען מיר וועלען וויסען, שטודירען און גוט פארשטיין אונזער עבר, אונזער פארגאנגענהייט, וועלען מיר דאן קענען האבען א באגריף וואס מיר קענען און וואס מיר דארפען טאן אין דעם עתיד און אונזער צוקונפט.

אונזער היסטאריע, וועלכע איז אזוי רייך אין ליידען און צרות איז אבער אין דער זעלבער צייט אויך רייך מיט די גרויסע אויפטואונגען וואס מיר האבען אויפגעטאן.

ווייסט איהר ברידער, אז עס איז געווען א צייט ווען מען האט דעם שוחט פשוט ארונטערגעריסען דעם טלית ותפילין פון קאפ און איהם נישט געגעבען קיין צייט צום דאווענען, ווייל עס איז „ביזי אין אמעריקע".

ווייסט איהר ברידער, אז עס איז געווען א צייט, ווען שוחטים זיינען געשלאפען ערב יום טוב אין די מארקעטס, אנגעשפארט דעם מידען קאפ אויף א זאק מיט סאודאסט, ווערענדיג מיד פון די לאנגע שטונדען ארבעט און נאטירליך האט דאמאלס נישט געקענט זיין ביים שוחט די געהעריגע השגחה. אבער וואס האט דער שוחט געקענט דאמאלסט טאן, אז דער שוחט איז געווען הפקר און קיינער האט נישט געזארגט פאר זיין עקזיסטענץ.

ווייסט איהר ברידער, אז עס איז געווען א צייט, ווען שוחטים האבען געארבעט 14 שטונדען א געוועהנליכען טאג פון דער וואך און דאנערשטאג, ערב שבת 20 שטונדען, און דאס אלעס פאר $3.50 א וואך. און ווייסט איהר וואָרום? ווייל די אומשטענדען האבען געצוואונגען דעם שוחט צו זיין א שקלאף, און עבד כנעני, נישט געהאט ווער עס זאל זיך פאר זיין בלוט אננעמען, מורא האבענדיג פאר דער מורא, אז דער באס וועט איהם ארויסטרייבען און אן אנדער שוחט, אדער בעסער געזאגט, א משיג גבול וועט פארנעמען זיין פלאץ.

אזוי איז די טרויעריגע לאגע אנגעגאנגען ביז מיר, שוחטים, האבען אויפגעוואכט פון אונזער לעטארגישען שלאף און זיך ארומגעזעהן און באגריפען דעם פסוק אם אין אני לי מי לי, ואם לא עכשיו אימתי, און דורך א פאראייניגטער מאכט אויסגעקעמפט באדינגונגען דאס א שוחט האט שוין צייט אפילו צו געהן אין א שוהל דאווענען, ווייל מיר פאנגען אן צו שעכטען ביי זונען שיין. קיין ארבייטסגעבער וואגט נישט מער און וועט נישט וואגען צו באליידיגען זיין שוחט, ווייל ער פיהלט און ווייסט, אז עס איז דא ווער עס זאל זיך אננעמען פאר דעם שוחט'ס בלוט און טרערען. און דאס אליין מיינע ברידער איז שוין במילא אויך כשרות.

דארום מיינע טייערע ברידער, האלט איך דאס אונזער שוחטים קאנווענשאן איז אן ערשיינונג פון דער גרעסטער וויכטיגקייט, אן ערשיינונג וואס רופט ארויס ערנסטע מחשבות און פיל געפיהלען. עס איז אן ענין וואס לאזט זיך טייטשען און לערענט אונז א סך. עס האט נאך קיינמאל נישט פאסירט, אז אן אידייע וואס איז ארויסגערופען געווארען ביי אייניגע מענשען זאל גלייך אפגעשאצט און אנגענומען ווערען פון אלעמען

פאר נוט. איך בין אבער זיכער אז אין משך פון א פאר יאהר וועלען מיר קענען זעהן די גרויסע צווייגען פון דעם קליינעם בוימעלע וואס מען האט דא היינט פארפלאנצט.

און דערפאר דארף אונזער קאנווענשאן זיין א קאנווענשאן פון מעשים, מיר דארפען וויסען וואס מיר שוחטים האבען צו טאן אין דער צוקונפט.

מיר דארפען לערנען מהעבר על העתיד, כדי אונזער מעמד זאל פארשטארקט און פארפעסטיגט ווערען, און דער בוים וואס מיר פלאנצען היינט זאל נישט נאר צואוואקסען זיך און פארמעהרען זיינע צווייגען אין דרויסען, נאר זאל אויך אריינדרינגען אין דער טיף און פארמעהרען זיינע ווארצלען און באפעסטיגן זיין שטאנד.

און עס איז מירווירקליך שווער איך איבערצוגעבען מיינע רעיונות אין דעם איצטיגען מאמענט. די געפיהלען וואס עס קומען פאר אין מיין הארץ ווען איך קוק אויף אייך, מיינע טייערע ברידער, אויף אייערע ערנסטע פנימ'ער, אויף אייערע ענטשלאסענע אויסדרוקען און מוט.

איהר זייט דאך שליחים מארבע כנפות אמעריקע וקנדה, פון ווייטע פארוואָרפענע קהלות, וואו עס געפינען זיך אחינו בני ישראל. איהר האט נישט געזשאלעוועט קיין מיה און צייט, פארלאזט אייערע היימען און מיט שמחה, מיט אפפערווילינקייט געקומען צו צו אייער קאנווענשאן גרייט פאר מעשים ממשיים. און איך פיהל בכל לבי ונפשי, אז איהר זיינט די חלוצים פון אונזער באוועגונג, און אזוי ווי די חלוצים וואס פארלאזען אמעריקא, די לאנד וואס איז זיי ליב, און צו וועלכער זיי זיינען דאנקבאר, אבער צוליב דער גרויסער אידייע פון בויען אן אייגען לאנד פארלאזען זיי אמעריקע אן טרויער, ווייל זיי ווייסען, אז זיי פאהרען ניט סתם אין א לאנד, נאר זיי פאהרען בייען אן אייגען לאנד, ארץ ישראל, דאס לאנד פון האפנונג. אונזער קאנווענשאן איז אונזער האפנונגס פונקט, דער מיטעל צו פארווירקליכען אונזערע שטרעבונגען און צילען וואס מיר האבען זיך געשטעלט.

און לאזט מיר אייך זאגען, ברידער, אז האפנונגען האבען מיר פיעל, אבער א סך דארף געטאן ווערען די האפנונגען צו פארווירקליכען. עס האט אונז, ניו יארקער שוחטים, ווי איך האב אייך פריהער דערציילט, גענומען גענוג צייט און מיר זיינען דורכגעגאנגען שבעה מדורי גיהינום ביז מיר האבען דערגרייכט צו אונזער איצטיגען מעמד, וואו א שוחט ווערט מענשלאך באהאנדעלט, א דאנק דעם פרעסטיזש פון אונזער יוניאן, און יעדער איינער פון אונז פיהלט זיך ביז צו א געוויסען גראד גייסטיג און עקאנאמיש דערהויבען. די שוחטים פון גאנץ אמעריקא און קענעדע דארפען און מוזען זיך פאראייניגען אונטער איין שטארקער, מעכטיגער ארגאניזאציע, און אונזער שלאגווארט זאל זיין „איינער פאר אלעמען און אלע פאר איינעם". אין פאראייניגונג ליגט אונזער שטארקייט.

אונזער פאראייניגונג וועט זיין א ברכה פאר די שוחטים פון לאנד בכלל און פאר דעם אידענטום און כשרות בפרט.

מיט גרויס פרייד און אמת'ן פארגעניגען באגריס איך די ניי געגרינדעטע ארגאניזאציע „אגודת השוחטים דארצות הברית וקנדה". זאל די נייע אגודה לעבען, פונקציאנירען און זיין טעטיג אלס א לעבעדיגער פאקטאר אין אונזער אידישען רעליגיעזען לעבען פון אמעריקא. און איך האף און בעט צו גאט, אז די קומענדע קאנווענשאן זאל שטאטפינדען אין ירושלים עיר הקודש ושבו בנים לגבולים במהרה בימינו אמן.

דער פיהרער פון דער קאנווענשאן, רעוו. יעקב בלום, האט דאן פארגעשלאגען זעהר וויכטיגע פלענער אויף צו פארבעסערען די לאגע פון די שוחטים, וועלכע זיינען איבערגעגעבען געווארען צו דער רעזאלוציאנס קאמיטע, וועלכע האט אריינגעבראכט איהרע רעזאלוציעס ביי די קומענדע זיצונגען פון דער קאנווענשאן און זיינען גוטגעהייסען געווארען פון דער קאנווענשאן.

הרב קאוואלסקי, דער פארוואלטער פון ארץ ישראל'דיגע ווייגען אין אמעריקא, האט אדרעסירט די קאנווענשאן און האט אפעלירט צו קויפען די „תוצרת הארץ". די קאנווענשאן האט דאן באשלאסען אז די שוחטים, רבנים און אלע אידען זאלען אנווענדען אלע מעגליכקייטען צו העלפען פארשפרייטען די פראדוקטען פון ארץ ישראל, איבערהויפט די ברמל ווייגען פון ארץ ישראל, פון דער אגודת הכורמים פון ראשון לציון, זכרון יעקב און רחובות.

רעוו. מילצער, וויס פרעזידענט, לייענט פאר פאר די קאנווענשאן הארצרייסענדע בריעף פון שוחטים, וועלכע באקלאגען זיך אויף זייער שרעקליכער לאגע. עס האבען גערעדט וועגען דעם מצב השוחטים: הרב לייטער פון ניו יארק, רעוו. סאלאמאן פון פילאדעלפיא, רעוו. זלמן בער מאגאריק פון וואודרידזש.

די צווייטע זיצונג ווערט דאן געשלאסען.

---

## דריטע זיצונג

די דריטע און לעצטע זיצונג איז געפיהרט געווארען אונטער דער לייטונג פון דעם פרעזידענט רעוו. יעקב בלום. ער האט פארגעשטעלט הרב הגאון ר' שמואל מנחם הלוי פיין, פון דעטראיט, א פריינד פון שוחטים און מיטארבייטער פון די „שוחטים שטימע", וועלכע האט געגעבען זיין הארציגע ברכה צו די דעלעגאטען.

ס'איז דאן געלייענט געווארען די הארציגע באגריסונג פון די אגודת השוחטים פון פוילען. די שוחטים פון פוילען שרייבען אין זייער באגריסונג צו דער קאנווענשאן:

## אגודת השוחטים בפולין

לאחינו היקרים, השו"בים בארצות הברית וקנדה!

ליום ועידתכם למען יסד אגודה גדולה מהשו"בים בארצות הברית וקנדה, הננו לברככם בשם כל שו"בי פולין המאורגנים שרעיונכם הקדוש ישגשג ויעשה פרי קודש וכבוד השו"בים המדוכה והמושפל יתרומם בכל העולם!

אחים יקרים!

מי כמונו יודעים את הנחיצות לארגן השו"בים בחטיבה אחת ולא יהי' עסק השוחטים והשחיטות כדבר הפקר ולמרמס רגלים! מצב השו"בים במדינתנו הי'

למטה מן כל הבקורת. התקיפים למיניהם בכל עירות עשו את חיי השוחטים למשפחותיהם למשחק. כבר כשל כח הסבל וכמעט שזיק האחרון של תקוה לחיים אנושיים בעד השוחטים כבה.

אבל הסומך נופלים עורר זיק של התעוררות בין טובי השוחטים היחידים והם הקדישו את כל מרצם ועוזם להפיח בין שדרות השוחטים אומץ להלחם עם הרודפים והצוררים ולהודיע אותם נכונה כי גם לשו"ב העוסק במלאכת הקודש יש אישיות, שאינה סובלת בוז וקלון, ואם השו"בים לעידותיהם הם בתור מתבודדים חלשים, הם חזקים בתור חטיבה מאורגנת גדולה המקפת את כל השו"בים אשר במדינה בכל עירות פזוריהם ויש להם הרצון והאומץ לעמוד על נפשם ולהשגיח על כבודם שלא יורמס.

עבודתנו העיקרית היתה ליצור אורגן שו"בי בשם „די שוחטים שטימע" ובו להכריז על חיינו ומשאת נפשותינו ולדרוש את **דרישותינו הצודקות. עוד לא** הגיענו למטרה, אבל כבר עלה בידנו לעורר הוקרה וד"א בעד קיומנו ואנושיותנו. אם גם עכשיו התקיפים האכזרים יורדים לחיינו אנו, אבל השחוק כבר עבר מפניהם, כי יודעים הם שנצחונם במלחמה אין כל כך בטוח וחושבים הם על זה שמצד האגודה המאורגנה של השו"בים ימצאו התנגדות עזה וחריפה. מלחמה עם השוחט כבר אינה מלחמת יחיד, רק מלחמת רבים ועל ידי הכרה הזאת לא פעם נתפגם החפץ של התקיפים להתנפל על השו"בים.

בעצם עבודתנו לארגן „אגודת השו"בים" בפולין ולשכלל כלי מבטאה „די שוחטים שטימע" ידענו על בורי' כי מעט מאתנו לארגן רק השו"בים במדינת פולין; באנו תיכף לידי הכרה כי עניני השו"בים בכל ארצות פזורינו ענין אחד הוא ומחויבים אנו לעמוד על המשמר שרעיון הארגון יתפשט מחוץ לגבולות מדינתנו ויהי' לקנין כללי של כל השו"בים אשר בעולם. **הרעיון הזה לא אחת הבענו ב„שוחטים שטימע" ובטוב טעם עשינו תעמולה לזה.**

ואם עכשיו אנו רואים כי הרעיון הזה הכה שורש גם מעבר לים — בארצות הברית וקנדה וגם יעשה בעזה"י פרי — איך לא ישמח לבנו, איך לא תגל נפשנו על המחזה הנהדר הזה אשר אליו חכינו וגם בא בא?

בתשומת לב מיוחדת אנו מחדרים אל תוך תוכה של תנועתכם ובגיל נפש אנחנו רואים אשר דרך השכלול של תנועתנו. גם לכם אורגן בשם „די שוחטים שטימע" כמו לנו והנה עורכו הרה"ג ר' שמריהו ליב הורוויץ שליט"א עושה גדולות להגן על עניני השוחטים והשחיטות כיד ה' הטובה עליו. ולטוב יזכר אצלנו גם נשיאכם השו"ב מו"ה ר' יעקב בלום נ"י אשר רחש לבו דבר טוב להיות לאב השוחטים ולהגן על עניניהם בחרף נפש.

והיום, ביום כניסתכם לשם שמים להגן על עניני הכשרות המתרופפים בעו"ה, הננו מברכים אתכם שה' הטוב ינהל אתכם בדרך האמת והצדק ויברך את מעשיכם ופועל ידכם בהצלחה. ויום הזה של ועידתכם יהי' יום היסטורי בעד הפרחת קרן השו"בים וקרן היהדות בכלל, ואז נכריז יחד אתכם:

**זה היום אשר קוינוהו והוא בא!**

הנשיאות אל „אגודת הושחטים":

**יצחק מאיר טרויבע,**

**יואל סירקיש,**

**אברהם זאנדמער.**

מזכיר האגודה ועורך העתון „די שוחטים שטימע",

**ישראל איסר פייגענבוים.**

מנהל הלשכה, **שמואל שלמה ראבינאוויטש.**

דער בריעף פון אגודת השוחטים בפוילן האט באגייסטערט די קאנווענשאן. עס איז קענטיג געווען אז די שוחטים פון פוילען און די שוחטים פון אמעריקא און קאנאדא זיינען אחים לצרה ואחים לדעה.

א גרויסען איינדרוק האט געמאכט אויף דער קאנווענשאן דער הארציגער באגריסונגס-בריעף פון די אגודת השובי"ם בארץ ישראל.

די שוחטים פון ארץ ישראל שרייבען:

# אגודת השו"בים בארץ-ישראל.

ב"ה, יום כף לח' שבט תרצ"ג.

יום חמישי לסדר „אם את הדבר הזה תעשה וצוך אלקים ויכלת עמד. וגם כל העם הזה על מקמו יבא בשלום", שנת ישועתי ועזרת"י לפ"ק.

שלמא רבא ונפישא יסגי לאגודת השו"בים בניו יורק רבתי ובראשם להרב המופלא המפורסם לשבח ולתהלה, שמו נודע בשערים, כ"ש מפארים מוהר"ר שמריהו ליב הורוויץ נ"י, עורך הירחון „ש"ש והשומר", ישאו ברכה מאת ה' השוכן בציון.

בשמחה רבה קבלתי מכתבכם מיום כ"ד בטבת, בהודעה גלויה על דבר ועידתכם הארצית הגדולה כל השו"בים באמריקה וקנדה במטרתכם הכי נשגבה ונעלה. לאחד באחד את כל השו"בים בארץ. והנני אסיר תודה לכם על מפעלכם הטוב הזה בכלל, ובפרט על הודעתכם אותנו מזה, ועליכם וכיו"ב נאמר „איש טוב מבשר טוב" ומשמיע ישועה, כי מאמינים אנחנו כי בועידה כללית תלוי ישועתנו ועזרתנו בין במצב הרוחני ובין במצב החומרי, ומחשבותיכם היא מחשבותינו, ודרככם היא דרכנו, כי כל מטרתנו ביסוד אגודתנו בארץ ישראל היתה תחילת המחשבה לסוף המעשה. באיגוד כל השו"בים מכל הארצות. ברם מפני כמה מכשולים העומדים על דרכנו לא יצאה מחשבתנו לפועל. ומובן כי בהגיענו הבשורה הטובה על דבר איחודתכם כל השו"בים באמריקה וקנדה שמחנו לקראת השמועה הטובה מאד. כי בזה נוכחנו לדעת, כי גם רוח הקודש הזה הופיע באגודתכם וממנה אולי נוושע. ובכן בקראי בירחונכם מס' 10 על דבר מחשבתכם הטובה בהכנה לועידה כללית, הקדמתי נעשה לנשמע וצויתי את ברכותינו לכם בכתב מפורש יוצא מפי כל **אגודתנו** פה בארץ בלב שלם ובנפש חפצה, בברכת „כל כנסיה שהיא

לשם שמים סופה להתקיים", ויהי נעם ה' עליכם, וחפץ ה' היא חפצכם, יצליח בידכם. והנני גם להוסיף עליכם היום ברכה, כי תהיה הועידה הזאת התחלה לטובה, כברכת ה' אחד לישראל גוי אחד קדוש, להרים קרן תורת ה' ומשמשיה במלאכת הקודש. „כי לא ניתנו המצוות אלא לצרף בהן את הבריות" (אישר על וה אעריך מאמר אָרוך ב„השומר") ועל פי פשוט מלת לצרף פישוטו כמשמעו היא צירוף ואיחוד. כי בלא האיחוד והצירוף אי אפשר לקיים מצוות ה' בכללן כמובן. וביחוד בדבר השחיטה שהכתוב „אמרת אלוה צרופה" נאמר על פי דרד"ל, על השחיטה כאז"ל „וכי מאי איכפת לי' להקב"ה בשוחט מן העורף" וכו'. כוונו בזה רז"ל דבר איחוד בין השוחטים, כי ידוע שהעורף הוא בבחינת פנו אלי עורף ולא פנים. מוכח מזה כי אם יפנה אחד לחברו עורף אין זה שחיטה כשרה, ואין להאריך בזה כי ידוע לכל השו"בים כי כן היא. וכן מצינו ביצחק אָבינו שהוא היה המורה הראשון שלומד הלכות שחיטה המרומז בפסוק וצוד"ה לי ציד, והוא פשט צוארו על גבי המזבח, ולא ערפו, ובזה הורה לנו כי השחיטה בבחינת עורף לא שחיטה כשרה היא, רק כל אחד יפנה לחברו השו"ב בפנים מאירות, בפנים שמחות, כמים הפנים לפנים כן לב האָדם לאָדם. ובזה נקוה כי בהאגדכם יחד באגודה אחת לכונן ולשכלל מצב השחיטה בחומר וברות, בזה תמצאו חן בעיני ה' ואָדם. ויהיה נא חלקנו עמכם. והננו משלימים למען המברכים אתכם בברכה המשולשת: „יברכך, יאר, ישא וישם לכם שלום", כי לא מצא הקב"ה כלי מחזיק ברכה לישראל אלא השלום, וגדול השלום שנאמר „מה נאוו על ההרים רגלי מבשר משמיע שלום", ובזה נזכה לגאולת עולם, בביאת משיח צדקנו, לראות פני ה' בבנין בית הבחירה היא מקדשנו, בבוא כל ישראל לארצנו במהרה בימינו אָמן.

בטח נתקבל כבר ברכתנו הראשונה — מיום כ"ו טבת — ובהצטרף אותה לזאת הברכה, ויהיו שניהם כאחד טובים, השנים מן האח"ד.

ובזה הנני חותם על הברכות בשם כל אגודת השו"בים בארצנו הקדושה,

יושב־ראש נחום מרדכי פרום,
שו"ב בתל־אָביב.

דער בריעף פון די אגודת השובי"ם דארץ ישראל האָט געשטורעמט די קאָנווענשאָן.

## די שוחטים פון מאָנטרעאָל באגריסען

די שוחטים פון מאָנטרעאָל, קענעדע, האָבען ארייגגע־שיקט אַ בריעף, אַ באַגריסונג צו די שוחטים קאָנווענשאָן. דער בריעף איז געווען געשריבען אין אַ וואונדערבארען גוטען העברעאיש מיט בריליאַנטענע אויסדריקע און טיפע געדאנקען, וועלכער האָט געמאכט זעהר אַ טיפען און גוטען איינדרוק אויף די דעלעגאטען פון דער קאָנווענשאָן. נאָך פילע באַגריסונגען זיינען אָנגעקומען, און אויס מאנגעל אין פלאץ איז פשוט אוממעגלאך צו דרוקען אלע באגריסונגען.

דער ועד הבחירות האָט נאכהער ארייגגעבראכט די ליסט פון די נייע־ערוועהלטע בעאמטע פון די ניי געגרינדעטע אגודת השובי"ם דארצות הברית. רעוו. יעקב בלום ווערט דאן איינשטימיג ערוועהלט פרעזידענט פון דער נאציאָנאלער שוחטים אָרגאַניזאַציע פון אמעריקא און קענעדע. יוסף ראזענמאַן, וויצע פרעזידענט; אליהו מעלצער, סעקרעטער־טרעזשורער; ישראל באַשקאָוויץ, סעקרעטער. פון דער פּראָווינץ, זיינען ערוועהלט געוואָרען פאָלגענדע וויצע־פרעזי־דענטען: רעוו. שפיגעל — קליוולאנד; רעוו. סאָלאָמאָן — פילאדעלפיא; רעוו. ליבער — באָסטאָן; רעוו. מרדכי עהרענ־קראנץ — נוארק; רעוו. מתתיהו בוקין, פּעטערסאָן; רעוו. זלמן בער מאגאריק, וואודרידזש; רעוו. סיגעל, באָפאַלאָ; רעוו. טשערנווינסקי, בעיאָן; רעוו. מאהאדאווסקי, דעטראָיט; רעוו. יואל הורוויץ, האָדסאָן; רעוו. שמואל גאָרדאָן, ניו יאָרק; רעוו. אהרנסאָן, נוארק; רעוו. שילדקראוט, עליזאבעטה, ניו דזש.; רעוו. א. גוטניק, ברוקלין; רעוו. שערמאן, אַטלאַנטיק סיטי; רעוו. פרידמאן, ספרינגפיעלד; רעוו. לוריא, באָסטאָן; רעוו. מעסעראָף, פיטסבורג; רעוו. וויינבערג, האַרטפּאָרד; רעוו. ווילנער, וואוסטער; רעוו. א. אוללמאן, ליבערטי; רעוו. בן ציון בולאָוו, פאסייק; רעוו. שיינפעלד, באָסטאָן; רעוו. ליבערגאָט, באָפאלאָ; רעוו. קאמין, מאָנטיסעלאָ; רעוו. אברהם העללער, ברוקלין, נ. י.

## החלטות

די פאָלגענדע רעזאָלוציעס זיינען איינשטימיג אָנגע־נומען געוואָרען:

1) וויסענדיג די לאַגע פון שוחטים, שחיטה וכשרות דאָ אין לאנד גרינדליך, זיינען מיר געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דער איינציגער וועג ווי אזוי צו פאַר־בעסערען די לאַגע פון די שוחטים, פון שחיטה און כשרות איז דאָס עס זאָל געגרינדעט ווערען אַן אגודה השו"בים דארצות הברית וקנדה. און דאָס יעדער שוחט פון אמעריקא און קאנאדא זאָל זיך אָנשליסען אלס טרייער איבערגעבענער מיטגליד אין די אגודת השוחטים פון לאנד.

2) באשלאָסען צו שאפען אַ פאָנד פאַר קראַנקע שוחטים ווען זיי ווערען לא עלינו קראַנק און אונפעהיג צו דער ארבייט, אויך צו באזאָרגען אַ שוחט לעת זקנתו, ווען ער ווערט אונפעהיג צו מלאכת השחיטה צוליב זיין אַלטקייט, און לאחר מאה ועשרים שנה זאָל די אלמנה און די פאמיליע באזאָרגט ווערען ווי געהעריג איז.

3) וויסענדיג אַז נאָר דאן קענען די שוחטים פון לאנד ווי געהעריג אָרגאַניזירט זיין און פונקציאָנירען ריכטיג אלס אַן אָרגאַניזירטע מאכט, ווען זיי וועלען האָבען אַן אייגענעם אָרגאן, וועלכער זאָל קענען קעמפען פאר זייערע אינטערעסען, מבית ומחוץ, איז דערפאר באשלאָסען געוואָרען ביי אונז איינשטימיג דאָס דער שוחטים אָרגאן, „די שוחטים שטימע", וועלכע איז ערשינען ביז איצט אלס אַ מאָנאַטליכער זשורנאל, זאָל פון איצט אָן ערשיינען דורך די אגודת השו"בים דארצות הברית וקנדה אלס אַ וועכענטליכער זשורנאל, וועלכען יעדער חבר פון די אגודת השוחטים פון לאנד זאָל באקומען פריי, אלס מעמבער פון די אגודת השו"בים.

4) אנערקענענדיג דעם פאקט אַז לטובת חזוק הדת

בכלל און כשרות בפרט, איז זעהר נויטיג דאס רבנים און שוחטים זאלען ארבייטען צוזאמען לטובת הדת והכשרות, און די שרעקליכע הפקרות וואס עס הערשען איצט אין דער אידישער גאס אויף דעם געביט פון רעליגיעזען לעבען בכלל און כשרות בפרט איז שולדיג אין דעם א גאנץ גרויסער טייל די ניט פאראייניגונג פון רבנים און שוחטים צוזאמען, ווי עס האט געדארפט זיין, און ליידען דערפון ליידען שרעקליך אי די רבנים אי די שוחטים אי דאס יודענטום בכלל, און אנערקענענדיג דעם פאקט דאס ווען רבנים און שוחטים וואלטען זיך באמת פאראייניגט צוזאמען בלב ונפש פאר חזוק הדת בכלל און פאר כשרות בפרט, וואלט דאן געלייזט געווארען די שרעקליכע פראבלעמע פון דער ביטערער לאגע פון רבנים, שוחטים און כשרות.

דערפאר האבען מיר באשלאסען אז עס איז נויטיג דאס דער אנערקענטער ארגאניזירטער ראבינאט מיט דעם אנערקענטען ארגאניזירטען שוחט פון לאנד אונטער דעם נאמען „אגודת השו"בים דארצות הברית וקנדה" (ניט אנערקענען רבנים אדער שוחטים יחידים, נאר די ארגאניזירטע אנערקענטע לאנד קערפערשאפטען) זאלען שאפען פון זיך א ועד משותף (דזשאינט קאמיטע), וועלכע זאל ארבייטען האנד אין האנד פאר חזוק הדת בכלל און כשרות בפרט. רבנים און שוחטים צוזאמען.

5) די קאנווענשאן פון די שוחטים פון לאנד אנערקענט דאס היילִיגע רעכט פון די שוחטים זיי זאלען זיין פארטראטען אין יעדער שטאדט און שטעדטעל בכל מקום שהם אין דעם עקזיסטירענדען ועד הכשרות פון יעדער קהלה.

6) ווייסענדיג דאס כשרות איז איינע פון די וויכטיגסטע יסודי היהדות און אנערקענענדיג דעם טרויעריגען פאקט דאס זעהר פיעל פון דעם אלטען דור און איבערהויפט דער נייער אידישער דור אין אמעריקא ווייס ניט די היילִיגקייט, און נויטיגקייט פון כשרות, דערפאר איז ביי אונז באשלאסען געווארען איינשטימיג ארויסצוגעבען א פאמפלעט אין העברעאיש, אידיש און ענגליש, אין וועלכען עס זאל ערקלערט ווערען וויסענשאפטליך ליטעראריש די קדושה פון כשרות.

7) די קאנווענשאן אנערקענט דעם היילִיגען אמת אז דער יסוד פון יודענטום היינט צו טאג איז די רעליגיעזע ערציהונג פון דעם יונגען אידישען דור און עס איז העכסט וויכטיג און נויטיג דאס דער יונגער דור זאל וויסען די תרי"ג מצוות, וועלכע זיינען דאס אידענטום גופא. דערפאר באשליסען מיר צו ערוועהלען א קאמיטע פון רעליגיעזע מחנכים און פעדאגאגען, וועלכע זאלען ארויסגעבען פאר אונזערע קינדער א ספר המצוות, וועלכער זאל ערקלעהרען די תרי"ג מצוות לויט דער מיינונג פון די היילִיגע חכמי ישראל. דער ספר זאל דינען אלס א טעקסט בוך פאר אונזערע ישיבות און תלמוד תורה'ס פון לאנד.

8) ווייסענדיג דורך די „שוחטים שטימע" פון ווארשא, אז די לאגע פון אונזערע ברידער שוחטים אין פוילען איז שרעקליך; זיי ווערען אכזריות'דיג פארפאלגט פון די ראשי הקהלות, וועלכע זיינען ממש יורדים לחייהם, און אנערקענענדיג אז אזא לאגע איז געפערלאך ניט נאר פאר די שוחטים, נאר אויך פאר שחיטה און דת, ווייל, ווען א שוחט איז ערנידעריגט, פארשקלאפט און הונגעריג קען ער ניט טאן זיין מלאכת הקדש ווי געהעריג איז, האט די קאנווענשאן פון אלע שוחטים פון גאנץ אמעריקא און קאנאדע דא אויסגעדריקט א שארפען ביטערען פראטעסט געגען יעדע ראשי הקהל. און די קאנווענשאן האט באשלאסען דאס אויב די ראשי הקהל פון פוילען וועלען ניט חרטה האבען אויף זייערע אכזריות'דיגע מעשים בנוגע די שוחטים פון לאנד, וועלען דאן די פאראייניגטע **שוחטים פון אמעריקא** און קאנאדא זיך ווענדען צו דער פוילישער רעגירונג מיט א פייערדיגען פראטעסט צוזאמען מיט א בקשה דאס די רעגירונג זאל העלפען די שוחטים אין זייער שרעקליכער פארצווייפעלטער לאגע.

9) עס איז באשלאסען געווארען איינשטימיג דאס די שוחטים בכל מקום שהם זאלען שטיצען די „מזרחי" ארגאניזאציע, ווי אויך צו העלפען דעם קרן ארץ ישראל פון „מזרחי", וועלכער שטיצט די אמת'ע ריכטיגע רעליגיעזע אידישע ערציהונג, ווי אויך וועלכע שטיצט רבנים און שוחטים אין די אידישע קאלאניעס פון ארץ ישראל.

10) די „אגודת השו"בים דארצות הברית וקנדה" זאל עפענען א ביורא, וועלכע זאל פארזארגען מיט שוחטים די קהלות וועלכע נויטיגען זיך אין א שוחט.

11) קיין שוחט טאר ניט לערנען קיין שחיטה צו קיינעם, סיידען דער שוחט וועט קריגען ערלויבניש פון דעם צענטראל ועד.

12) יעדען יאהר זאל גערופען ווערען א קאנווענשאן פון אלע שוחטים פון די ארצות הברית וקנדה. דער פלאץ פון דער קאנווענשאן זאל באשטימט ווערען דורך דעם נאציאנאלען ועד הפעל.

13) די אגודת השו"בים הארצות הברית וקנדה, פארזאמעלט אין א קאנווענשאן אין ניו יארק ז' אדר תרצ"ג, באגריסט די גרינדונג פון די ראשון לציון אידזשענסי, וועלכע מאכט מעגליך צו קויפען די וויכטיגסטע פראדוקטען פון ארץ ישראל פאר צוגענגליכע פרייזען, ספעציעל די כרמל ווייז פון די קעלערען פון ראשון לציון, וועלכע ווערען אריינגעבראכט נאך אמעריקא, געבאטעלט און פאר'חתמ'עט אין ארץ ישראל, און פאדערט אויף אלע אידישע קהלות זיך לעגאל צו באנוצען מיט דער געלעגענהייט.

הרב שמריהו ליב הורוויץ, דער רעדאקטאר פון די „שוחטים שטימע", האט געהאלטען די שלוס־רעדע, וועלכע האט אנגעצונדען די קאנווענשאן מיט היילִיגע באגייסטערונג, און האט געוואונשען אז די קומענדע שוחטים קאנווענשאן פון אלע שוחטים פון דער וועלט זאל פארקומען אין ארץ ישראל. דער רעדנער איז שטארק אפלאדירט געווארען. מען האט געזונגען „ברוך אלקינו" און „התקוה" און אין א היילִיגע,

# אונזערע דעלעגאַטען

## דאָס איז די רשימה פון די אנגעזעהענסטע און וויכטיגע דעלעגאַטען וואס האָבען גענומען אַן אקטיווען אנטייל אין די דעבאַטען פון דער קאָנווענשאָן:

לאם, בעיאָן, ניו דזש.; מארוויט, בעיאָן, ניו, דזש.; בריסקין, ווילקעסבערג, פּא.; קליין, איסטערן פּא.; גובמאן, פליינפילד, ניו זש.; גיטניק, ברוקלין, פּרעז. אגודת השוחטים גסות ודקות דברוקלין ; פּאסבערג, פּיטסבורג, פּא.; גארפינקעל, אלענטאון, פּא.; טאשליטיז, טרענטאָן, ניו דזש.; מאלעדאָווסקי, דעטראָיט, מיש.; שאָנפעלד, וויס-פּרעז. אגודת השוחטים ניו ענגלאנד; מען, פּאסעיק, ניו דזש.; מארגאָלים, ברוקלין, נ. י.; פריד, ניו יאָרק; גאָלדבערג, ריטשמאָנד היל; וויס, דזשוירזי סיטי; גרינבערג, ראָזעלל, ניו דזש.; קליינמאן, לינדען, ניו דזש.; הורוויטץ, האָדסאָן, ניו דזש.; גאָלד, ניו דזשוירזי, ניו דזש.; פּיאסקאָפּסקי, ניו דזש., ניו דזש.; ביידאָן, יוניאָן סיטי, ניו דזש.; סילווערמאן, ניו יאָרק; ענגעל, גרינפילד, לאָנג איילאנד; א. שולמאן, ברוקלין, נ. י.; גאָלדענבערג, מאריסטאון, ניו דזש.; טשעפּלער, ניוטאָן ניו דזש.; שניידער, פּעטערסאָן, ניו דזש.; שעכטער, ברוקלין, נ. י.; פּיאסיק, ניו יאָרק; ל. קאץ, עלענוויל, נ. י.; קאָלפּמאן, וואָטערבורי, קאָנג.; י. בערנארד; שאָלץ, סאראטאָגא ספּרינגס ; מאירסאָן, ברוקלין, נ. י.; גאָלדשטיין, ראָדמאן'ס ש'ד; אָקון; טשייסען, שאמאָקין, פּא.; מ. שערמאן, אטלאָנטיק סיטי, ניו דזש.; מ. קורמאן, אטלאָנטיק סיטי, ניו דזשוירזי ; פּרוכטער, נוארק, ניו דזש.; שיינבוים, בראָנקס, נ. י.; ל. לאסקער, בעיאָן, ניו דזש.; א. אראָן, טוטען, מאסס.; סלאָכאָפּסקי, מט. פּרידאָם, ניו דזש.; י. בראון, ניו בריטאָן, קאָנג.; ש. שילדקרויט, עליזאבעטה, ניו דזש.; סוהל, בעיאָן, ניו דזש.; קאץ, ראקאָווי ביטש; שמוקלער, נוארק, ניו דזש.; פּלאטאָוו, פּאסעיק, ניו דזש.; מעזעראָף, פּיטסבורג, פּא.; גראָסמאן, פּראנקלין, ניו דזש.; האָרטזבערג, מאָריסטאון, ניו דזש.; טאָרין, דאָווער, ניו דזש.; ראָזענבערג, גרינפילד, פּא.; גאָלדסטין, בעיאָן, ניו דזש.; גליק, ריטשמאָנד, וואַ.; ליבערגאל, באָפאלאָ, נ. י.; צוקערמאן, פּעטערסאָן, ניו דזש.; סאָוינאָר, בעיאָן, ניו דזש.; רובענסטין, פּאסעיק, ניו דזש.; דזאפּי, פּאסעיק, ניו דזש.; סאָקעלאָפּסקי, פּאסעיק, ניו דזש.; שערר, ניו דזשוירזי; פּאָזנער, ניו דזשוירזי; מאטשויף, ברוקלין, נ. י.; בעקער, הארטפאָרד, קאָנג.; פּרידמאן, ספּרינגפּילד, מאסס.; בוקין, פּעטערסאָן, ניו דזש.; סיגעל, באָפאלאָ, נ. י.; אמסטערדאם, ניו דזש.; ווארשאָוויק, פּאסעיק, ניו דזש.; קנאפּף, פּעטערסאָן, ניו דזש.; א. קאפּלאן, דזשוירזי סיטי, ניו דזש.; א. לעווין, ניו דזש.; פּרידמאן, וואָטערטאון, נ. י.; ס. מיללער, ניו דזש.; פּעניץ, באלטימאָר, מד.; וואָלטמאן, האַרטפאָרד, קאָנג.; נאָביל, סקרענטאָן, פּא.; ראָזען, פּאטסוויל, פּא.; ד. סימסאָן, ניו דזש.; פּרידמאן, מעריידען, קאָנג. שפּיגעל, קליוולאנד, אָהייאָ; הערטסבורג; דזשייקאָבסאָן, באטאוויע, נ. י.; שולמאן, ברוקלין, נ. י. סילווערמאן, פילאדעלפיא, פּא.; היימאָוויץ, פילאדעלפיא; שטערענבערגער, נ. י.; אסקאָווסקי, ניו דזש.; בייגען, פּעטערסאָן, ניו דזש.; ה. לעווין, ספּרינגפּילד, מאסס.; דאָנענבערג, ספּרינגפּילד, מאסס.; ווערניקאָף, מידלטאון, קאָנג.; קערנער, סקרענטאָן, פּא.; ריווקין, פּעטערסאָן, ניו דזש.; וויינבערג, הארטפאָרד, קאָנג.; פּאוגעלמאן, פּעטערסאָן, ניו דזש.; פּאקס, פּעטערסאָן, ניו דזש.; מאָרגנשטערנער, רבי, אלענטאָן ,פּא.; א. לאזאָוויק, פילאדעלפיא, פּא.; מ. ליבערוויט, ניו בראָנזוויק, ניו דזש.; דובין, ניו בראָנזוויק, ניו דזש.; סילווערסטין, ריטשמאָנד, וואַ.; זלמן בער מארגאריק, וואודרידזש, נ. י. סאפּיר, פּאָלסבורג, נ. י.; קאץ, מאָנטיסעלאָ, נ. י.; רבי מאזיר, נוארק, ניו דזש.; אולמאן, ליבערטי, נ. י.; ל. גאָלדבערג, לינהאָרסט, נ. י.; קליין, ניו בראָנזוויק, ניו דזש.; סופר, סאראטאָגא ספּרינגס, נ. י.; דזוראוויל, ברוקלין, נ. י.; סעלסקי, מאָונטענדייל, נ. י.; קייגען, פּעטערסאָן, ניו דזש.; פּריעד, פּאָלסבורג, נ. י.; ערענקראנץ, נוארק, ניו דזש.; אראָנסאָן, נוארק, ניו דזש.; ביילאָוו, פּאסעיק, ניו דזש.; שארפּמאן, נוארק, ניו דזש.; שלימאָוויץ, טרענטאָן, ניו דזש.; מ. לוריא, ווינטראָפּ, מאסס.; ליבער, באָסטאָן, מאסס.; וועללער, מידעלטאון, נ. י.; ווארשאָוויק, נוארק, ניו דזש.

פיערליכע און באגייסטערטע שטימונג האָט זיך געשלאָסען די ערשטע גרויסע היסטאָרישע קאָנווענשאָן, אויף וועלכער עס איז געגרינדעט געוואָרען די נייאָרגאניזירטע אגודת השו"בים דאמעריקא וקנדה.

רעוו. יחזקאל ראָזען,
סעקרעטער פון דער קאָנווענשאָן.

### די אגודת השוחטים באַדויערט און בעט ענטשולדיגונג

פון הרב הגאון המפורסם ר. ישראל דושאָוויץ, דער פּרעזידענט פון ועד הרבנים דנויאָרק רבתי און אויך פון אונזער חשובן און טיכטיגען חבר רעוו מרדכי עהרענקראנץ, יושב ראש לאגודת השוחטים בפלך — ניו דזשוירזי — וואָס צוליב אַ פארזעהען מצד דער אראנדזשמענט קאָמיטע פון דער קאָנווענשאָן, זיינען זיי ניט גערופען געוואָרען צו באַגריסען די קאָנווענשאָן, כאָטש זיי זיינען איינגעלאדען געוואָרען און זייערע נעמען זיינען געווען גערדרוקט אין דעם סדר היום פּראָגראם, וואָס איז פארטיילט געוואָרען צווישען די דעלעגאַטען.

ואתם הסליחה,

אגודת השו"בים דארצות הברית וקנדה.

# די ערשטע קאָנפערענץ פון דעם ועד הפועל דאגודת השוחטים דארצות הברית וקנדה

זונטאג, כ"ח אדר, איז אין 233 איסט בראָדוויי, ניו יאָרק, אָפּגעהאַלטען געוואָרען דער ערשטער צוזאַמענקונפט פון דעם גרויסען ועד הפועל פון דער נייגעגרינדעטער אגודת השו"בים דארצות הברית וקנדה. ס'זיינען אַנוועזנד געווען אַלע מיטגלידער חברי ועד הפועל.

דער פּרעזידענט, יעקב בלום, האָט געעפענט די קאָנפערענץ און האָט געגעבען אַן איבערבליק איבער די הייליגע און פּרוכטבאַרע ארבייט וואָס איז געטאָן געוואָרען ביז איצט און וואָס עס דאַרף געטאָן ווערען אין דער נאָהענטער צוקונפט. דער ערשטער וויס־פּרעזידענט פון די פאַראייניגטע שוחטים פון לאָנג, רעוו. יוסף ראָזענמאַן, האָט געגעבען אַ קורצען איבערבליק איבער די דערגרייכונגען פון דער נישט לאַנג אָפּגעהאַלטענער ערשטער היסטאָרישער קאָנווענשאַן.

עס זיינען ארומגערעדט אין פיל דעבאַטירט געוואָרען פאַרשידענע פּאַרשלעגע און פּלענער ווי אַזוי אויפצובויען און שטאַרק מאַכען די ניי־געגרינדעטע אָרגאַניזאַציע. עס האָט זיך אַנטוויקעלט אַ היציגע דעבאַטע וועגען פאַרשידענע וויכטיגע לעבעדיגע פּראָבלעמען וואָס זיינען נוגע דעם מצב השחיטה והשוחטים און די פאָלגענדע אַנוועזענע חברים פון ועד הפועל האָבען זיך באַטייליגט אין די דעבאַטען:

רעוו. בלום, פּרעזידענט; יוסף ראָזענמאַן, וויס־פּרעזידענט; הרב משה מאיר הכהן ראַבינאָוויץ, סגן הנשיא; אליהו מעלצער, טרעזשורער און סעקרעטער; ישראל באַשקאָוויץ, סעקרעטער; משה מרדכי לוריא, פון באָסטאָן; ברוך אראָנסאָן פון נוארק; מתתיהו בוקין פון פּעטערסאָן; בן ציון בולאָוו פון פּאַסעיק; מיכל פּורדער פון נוארק; משה יקותיאל משערוועוונסקי פון בעיאָן; זלמן בער מאַגאַריק פון וואָודרידזש; אברהם אולמאַן פון ליבערטי; יוסף דוב פרידמאַן, פון ספּרינגפילד, מאַסס.; שמואל גאָרדאָן, ניו יאָרק; אליהו גוטניק פון ברוקלין; שמואל מרדכי דאַנענבערג פון ספּרינגפילד, מאַסס; יצחק שיינפעלד פון באָסטאָן; מיכל באַראָן פון פּעטערסאָן; מרדכי עהרענקראַנץ, פון נוארק, און פילע אַנדערע.

נאָך פילע דעבאַטען האָבען זיך די פאַראַמעלטע געאייניגט אויף די פאָלגענדע וויכטיגע החלטות:

א) אויפפאָדערען יעדען שוחט פון אמעריקא און קענעדאַ אַנצושליסען זיך אַלס חבר אין דער אגודת השו"בים דארצות הברית וקנדה.

ב) יעדער שוחט, וואָס וויל באַלאַנגען צו דער אגודת השו"בים דאַרף אויספילען אַן אַפּליקיישאַן. אַזאַ אַפּליקיישאַן בלאַנק קען ער קריגען אָדער ביי דער אגודת השוחטים פון זיין שטאָט אָדער סטייט, אָדער זיך ווענדען דירעקט צו דעם צענטראַלען אָפיס פון די אגודת השו"בים דאמעריקא וקנדה, אין 233 איסט בראָדוויי, ניו יאָרק, און אַזאַ אַפּליקיישאַן וועט איהם באַלד צוגעשיקט ווערען.

ג) די דיוס פון איין (1) דאָלאַר אַ חודש, וואָס איז באַשלאָסען געוואָרען ביי דער קאָנווענשאַן, זאָל זיך אָנפאַנגען פון חודש ניסן תרצ"ג, און אויפפאָדערען יעדען איינעם אריינצושיקען זיין דיוס אַזוי שנעל ווי מעגליך.

ד) צו עפענען אַ באַנק אַקאַונט אויף דעם נאָמען פון אגודת השו"בים דארצות הברית וקנדה, און אַלע הכנסות זאָלען אריינגעטראָגען ווערען אין באַנק אויף דעם אַקאַונט, און אַלע הוצאות זאָלען געמאַכט ווערען נאָר דורך טשעקס, כדי אויף אַזאַ אופן זאָל יעדער סענט און דאָלאַר קענען גרינג קאָנטראָלירט ווערען.

ה) ארויסצוגעבען די „שוחטים שטימע" אַלס אַ וועכענטליכע צייטונג, לויט דעם באַשלוס פון דער קאָנווענשאַן, ביי דער ערשטער מעגליכער געלעגענהייט, אַזוי שנעל ווי די חברים־דיוס וועט אָנהויבען אריינצוקומען אין אָפיס. אַלענפאַלס זאָל די „שוחטים שטימע" אַלס וועכענטלאַבע צייטונג נישט אָפּגעלעגט ווערען שפּעטער ווי חדש אלול דיזען יאָהר.

די דאָזיגע רעזאָלוציע האָט ארויסגערופען שטאַרקע ויכוחים, ווייל אַלע חברים פון ועד הפועל האָבען אויסגעדריקט דעם וואונש אַז דער באַשלוס פון דער קאָנווענשאַן ארויסצוגעבען די שוחטים שטימע אַלע וואָך זאָל גלייך אריין אין קראַפט. רעוו. בלום, דער פּרעזידענט, און רעוו. ראָזענמאַן, דער וויס־פּרעזידענט, האָבען אָבער ערקלערט די חברי ועד הפועל, אַז ארויסגעבען אַ וועכענטליכע צייטונג איז פאַרבונדען מיט גרויסע הוצאות, וואָס כל זמן עס איז נאָך נים אריינגעקומען גענוג געלט, קען דער באַשלוס לײדער נים דורכגעפיהרט ווערען באַלד. אָבער אַזוי שנעל ווי געלט וועט אריינקומען וועט די „שוחטים שטימע" אָנהויבען צו ערשיינען וועכענטליך.

ו) עס איז אויך אָנגענומען געוואָרען דער באַשלוס צו שיקען די „שוחטים שטימע" צו יעדען ועד הכשרות פון יעדער שטאָט און קהלה איבער גאַנץ אמעריקא און קענעדע און בעטען ביי זיי פינף דאָלאַר אַ יאָהר.

ז) עס איז באַשלאָסען געוואָרען גוטצוהייסען דעם פאָרלאַגג פון די חברים. רעוו. פרידמאַן פון ספּרינגפילד, מאַסס., און רעוו. שיינפעלד פון באָסטאָן, אַז אַ קאָמיטע פון אגודת השו"בים דארצות הברית וקנדה זאָל קומען צו דעם וויכטיגען מיטינג וואָס די שוחטים פון ניו ענגלאַנד סטייט פאַררופען אויף זונטאַג, גלייך נאָך פּסח, מיט דעם צוועק צו פאַראייניגען אַלע שוחטים פון ניו ענגלאַנד סטייטס.

מיט אַ האַרציגער רעדע האָט דער פּרעזידענט ר' יעקב בלום, געשלאָסען די ערשטע קאָנפערענץ פון דעם ועד הפועל דאגודת השו"בים דארצות הברית וקנדה.

# משכני אחריך נרוצה

פון רעזו. זלמן בער מאגאריק

יושב ראש דאגודת השוחטים דסולייוואן ואלסטער קאנטיעס וסביבותיה.

אלס איינער וואס האט אנטייל גענומען אין דער קאנווענשאן פון שוחטים פון אמעריקע און קאנאדע, אלס איינער וואס האט זיך באטייליגט אין אלע פארהאנדלונגען וואס זיינען פילזייטיג דיסקוטירט און אנגענומען געווארען; אלס איינער וואס האט צוגעזעהען דעם געבורט פון דער נייער גרויסער ארגאניזאציע „אגדות השוחטים דארצות הברית וקנדה”, און צולעצט אלס איינער וואס האט געהאלפען דורכצופיהרען און געשטימט פאר די החלטות וואס זיינען אויף דער קאנווענשאן אנגענומען געווארען — איז אלס אזעלכער פיהל איך זיך בארעכטיגט ארויסצוזאגען מיין מיינונג אין דעם גאנצען ענין.

פון די אלע רייד וואס זיינען ארויסגעזאגט געווארען ביי דער קאנווענשאן, איבערהויפט פון די רייד וואס זיינען געקומען פון די דעלעגאטען פון אויסער ניו יארק, צווישען וועלכע עס האבען זיך געפונען שוחטים פון די פארווארפענסטע ווינקלען פון גאנץ אמעריקא, איז געווען צו מערקען אז יעדער איינער האט מיט זיך געבראכט א היבשען פעקעל פון צרות וואס דריקט שוין א לאנגע צייט זיין הארץ און ווייטיגט זיין נשמה. די קאנווענשאן האט געגעבען די געלעגענהייט ארויסצוזאגען זיך אפען וועגען די אנגעווייטאגטע פראבלעמען וועלכע שטעהען בעפאר אונז און פאדערען זייער תיקון. פילע שוידערליכע אמת'ען זיינען געהערט געווארען און מיר האבען פעסטגעשטעלט די דיאגנאזע פון אונזער קראנקהייט און איצט דארפען קומען די מיטלען ווי אזוי די חולאת ממארת צו היילען.

מיר האבען אנגענומען החלטות און אויסגעקליבען בעאמטע פאר דער נייער אגודה. די נייע בעאמטע זיינען אלע כמעט די אלטע בעאמטע פון דער ניו יארקער שוחטים יוניאן. איך האלט, אז דאס איז געווען איינע פון די וויכטיגסטע אויפטואונגען אויף דער קאנווענשאן צו ערוועהלען די וואונדערליכע טוער פון דער ניו יארקער שוחטים יוניאן, ווייל ווער נאך ווי זיי פארשטעהען די לאגע פון אונזערע ברידער, און ווער נאך ווי זיי קענען און וויסען ווי אזוי דעם צושטאנד, דעם הפקר'דיגען צושטאנד, פון די שוחטים זאל געהיילט און אויסגעבעסערט ווערען. זיי, מיט זייער ערפארונג, זיינען א גליק פאר דער ניי־געגרינדעטער ארגאניזאציע און אונטער זייער פיהרערשאפט זיינען מיר זיכער צו דערגרייכען צו אונזער ציעל. אמת, עס כאפט זיך אריין א מורא טאמער וועלען זיי, די פיהרער, זייענדיג פארנומען מיט זייערע אייגענע אינטערעסען, פארנאכ־לעסיגען די אינטערעסען פון דער אלגעמיינער ארגאניזאציע, אבער די מורא, האלט איך, איז נישט קיין באגרינדעטע. ראשית, זיינען זיי דאך געווען די איניציאטארען פון דער קאנווענשאן און די נייע ארגאניזאציע איז דאך זייער קינד און עס לעגט זיך דעריבער אויפ'ן שכל, אז דאס קינד איז זיי ליעב און טייער; והשנית, וועלען מיר שוחטים, מיר וואס זיינען אזוי בלוטיג פאראינטערעסירט אין דעם בנין, זיי נישט לאזען רוהען. מיר וועלען זיי צווינגען צו טאן מעשים ממשיים, אז אונזער נייע ארגאניזאציע זאל בליהען און וואקסען, און אז די נייע אגודה איז דער שוץ־פונקט צו וועלכען מיר שוחטים פון אמעריקע און קענעדע ווענדען זיך בלב ונפש, אין דעם איז גאר לית מאן דפליג. מיט יעדען שוחט וואס מיר איז אויסגעקומען צו רידען, האב איך געפיהלט אז די ניי־געגרינדעטע אגודה האט פאר זיי אנגעצונדען א ליכט פון האפענונג צו וועלכען זיי ציהען זיך מיט זייער גאנצען וועזען און זיינען גרייט מיטצוהעלפען און צולייגען א האנט.

קיינער לייגט זיך נישט קיין פויגעלאך אין בוזים צו גלויבען אז די ישועה וועט קומען באלד, אז די פארפאלגטע שוחטים וועלען געהאלפען ווערען גלייך ווי די אגודת השוחטים וועט אנהויבען צו פונקציאנירען. מיר וויסען אז דער וועג איז א ווייטער און א שווערער. אונצייליגע מכשולים ליגען אין וועג, סאי פון אינווייניג און סאי פון דרויסען. מיר גלויבען אבער באמונה שלמה, אז אויב מיר וועלען זיך נעמען פאר דער ארבייט מיט איבערגעבענהייט, מיט זיכערקייט און מיט צוטרויען — וועלען מיר בלי ספק אויפבויען דעם גראנדיעזען בנין וואס דער פונדאמענט פון איהם איז געלייגט געווארען אויף דער קאנווענשאן.

און אז די דעלעגאטען האבען געפיהלט דעם גרויסען ערנסט איז געווען צו זעהן פון די פארהאנדלונגען וועגען די רעזאלוציעס, ווי יעדער החלטה איז באטראכט געווארען בכבוד ראש און באהאנדעלט געווארען מיט איבערגעבענהייט און אויפריכטיגקייט.

און דארום זאגען מיר צו אייך, איהר ערוועהלטע אפיסערס פון דער אגודת השוחטים דארצות הברית וקאנאדע, טרעט צו צו דער ארבייט מיט דעם פולסטען צוטרוי, הויבט אן צו בויען דעם גרויסען בנין, און מיר וועלען זיין די ציגעל־טרעגער, הבונים בחומה, מיר וועלען אייך העלפען טראגען די משא, מיר, די שוחטים פון איבער'ן לאנד, ווארטען אויף אייער רוף פון טעטיגקייט. מיר זיינען גרייט אויף אלעמען כדי צו שטאר־

קען אייערע הענט, די הענט פון אונזערע פיהרער. לאזט הערען אייער שטימע ווייט און ברייט איבער'ן גאנצען לאנד. זאל די בשורה פון דער ניי-געגרינדעטער אגודת השוחטים דארצות הברית וקנדה אריינדרינגען אין יעדען פארוואָרפענסטען ווינקעלע וואו אונזערע ברידער זיינען צוזייט און צושפרייט. שטארקט זייערע הערצער, זייט מיט זיי אין שטענדיגער פארבינדונג דורך אונזער צייטשריפט. אם ראשיתך מצער אחריתך ישגב מאד. דער פאקט אליין אז אזא ארגאניזאציע עקזיסטירט, טוט ממשות'דיגע ארבייט, טראכט און דיינקט וועגען די קריוודעס פון די ברידער שוחטים, דאס אליין איז גענוג צו שטארקען דעם גייסט און געפיהל פון יעדען שוחט ער זאל זיך פיהלען ניט אזוי נידערגעשלאגען. עס וועט שטארקען זיין געמיטה און וועט צו דערזעלבער צייט דינען אלס א ווארנונג געגען די יעניגע וואס לייגען ארויף זייערע שמוציגע שווערע לאפעס אויף דעם שוחט'ס עקזיסטענץ, דער שוחט וועט האבען דעם מוטה אויס-צושרייען „הענדס אָף, פליעז!"

ברידער פון דער עקזעקוטיוו קאמיטע! איך גלויב אז איהר ווייסט און פיהלט אז נישט נאר די דעלעגאטען פון קאנווענשאן זיינען דער איינציגער מאסשטאב פון דעם מענשען מאטעריאל, אויף וועלכען איהר דארפט זיך פארלאזען און בויען. ניין! טויזענטער שוחטים איבער'ן גאנצען לאנד שטעהען מיט פארדריקטע הערצער און מיט אָפענע אויערען גרייט אויפצוכאפען יעדען וואָרט פון אייער רוף צו טעטיגקייט. זיי האבען אין אייך דעם פולסטען צוטרוי און זיינען גרייט נאכצו-פאלגען אייערע פוס-טריט. — משכני אחריך נרוצה.

עס האט גענומען א לאנגע צייט איידער די קאָנ-ווענשאן איז גערופען געווארען. חדשים לאנג האט איהר זיך אָנגעפרעגט דורך אייער ווערטהער צייטונג, „די שוחטים שטימע", צי אזא קאנווענשאן זאל גערופען ווערען. דער אָפּקלאנג פון אייערע אָנפראגען פון אייער ישוב הדעת איז געווען א פאזיטיווער. די קאנווענשאן איז גערופען געוואָרען, די נייע אגודה איז געגרינדעט געוואָרען. עס איז פאר אונז אלעמען קלאָר וואס מיר ווילען. איהר זייט די ערפאהרענע פיהרער, טא לאמיר זיך נעמען פאר דער ארבייט מיט באגייסטערונג, מיט גלויבען און דער עיקר מיט ענטשלאסענעם רצון, וועלען מיר זיכער אונזער ציעל דערגרייכען. אין לך דבר שעומד בפני הרצון.

געדיינקט, אז אונזער צוקונפט ליגט ביי אייך אין די הענט און מיר קענען זיך נישט ערלויבען דורכצו-פאלען אין אינזער הייליגער גרויסער אונטערנעמונג.

# חג האביב

מאת הרב הלל יעקב הורוויץ שו"ב
גאלוועסטאן, טעקסאס.

תור האביב זה הגיע
משנתו הקיץ והתעורר
ובנועם שפתיו לי הביע
קום, היה גם כן משורר!

העשבים כולם צצו
בירקרק דשא התקשטו
על העצים פרחים נצו
ובעלים התעלטו.

כל האויר יטיף נופת
תחת כפור וקרח
רוח אומץ דרור וחופש
ישיב ציץ ופרח.

וגם עמי עם ישראל
יחוג חג חרותו
זכרון ימים עת הגאל
קץ שם לעבודותו.

ורוח חיים בו יפוח
המעיר בו תקותו
עוד מעט והוא ינוח
ישוב אל נחלתו.

און ווידער שטראלען פול מיט פרידען
די ליבע שעהנע פרילינגס געסט,
און ווידער פייערען די אידען
זייער ליבען פרייהייטס פעסט.

כ'אוועק דער לאנגער קאלטער ווינטער
מיט זיינע וואלקענדיגע טעג:
א קלארער הימעל, זונען שטראלען
צייגען אן א נייען וועג.

ווען דער ליבער חג האביב
מיט פריידען ווידער ווערט בעגייט,
מיט פרישען לעבען, פרישען האפען
צו ווערען אויף דאס נייע בעפרייט.

גענוג פאר פרעמדע פעלקער שקלאפען,
גענוג צו קנעטען פרעמדען ליים,
צייט צו שטרעבען און צו שאפען
פאר זיך אן אייגען רוהיג היים.

גענוג צו פרעגען: „מה נשתנה",
ווארום פארענדערט זיינען מיר
און הערען אלץ דעם זעלבען תירוץ
„עבדים", שקלאפען זיינען מיר.

# השומר

ירחון מוקדש לחזוק התורה והיהדות לבירור ולבון שאלות החיים על פי רוח התורה והאומה

יוצא לאור ע"י אגודת שוחטי עופות דניו יארק רבתי במדינת אמעריקא. הרב שמריהו ליב הורוויץ, העורך.

## יום טוב אצל הכותל המערבי

(רשימה)

מאת הרב חיים קרלינסקי.

שביעי של פסח בבוקר. רוח אביבית קלה נושבת, עב לבן דק כסה את פני השמש הבהירים — שעוד לא נתרחקה ממעון הליל שלה, טפות קטנות של גשם נופלות ומתגלגלות כמרגליות ברחובות המאובקים של ירושלים.

השעה מוקדמת ושינוי האויר בא לפתע פתאום, ובכל זאת מלאים כבר רחובות ירושלים המוני בני אדם. קבוצות קבוצות הולכים הם ומשוחחים, בעוררם את הדממה החגיגית שברחובות הנרדמים עוד למחצה.

וכה מגוונות הן הקבוצות! אתה רואה כאן את הטפוסים השונים של היהדות האירופאית, מעורבים יחד עם הטפוסים השונים של היהדות המזרחית: אשכנזים, ספרדים, תימנים, בוכרים, אנשים נשים וטף — איש איש בבגדי החג המסורתיים שלו — וגם הרבה ערבים ונוצרים. כולם הולכים בדרך אחת, כולם נוהרים למרכז אחד — לשער־יפו, הדרך המובילה לכותל המערבי.

משער־יפו ולמטה שוטף קהל אנשים חוגגים, בני גזעים ודתות שונים, מלובשים בבגדים שונים ומגוונים בצבעים. בבל של גוונים וערבוביה של בני גזעים שונים מתמזגים לנהר אחד הקולח ויורד, ומתפצל לנחלים קטנים היורדים תוך המבואות הצרים, האפלוליים והסודיים של עיר „ציון" העתיקה.

נדחפתי בין ההמון ואני נסחף עם הזרם. ופתאום מרחפת ברוחי תמונת החיים של עם ישראל לפני שנות אלפים — לפני החורבן.

עם ישראל יושב עוד במנוחה ומתערה בארצו... בית המקדש מתנשא בכל יפי זהרו ותפארתו על הר המוריה ואלפים ורבבות יהודים מכל קצוי הארץ נוהרים בהמון בין סימטאות צרות ואפלוליות כאילו להקריב את קרבן היום בבית המקדש... ואני שוקע בהרהורי ומסיח את דעתי מן ההוה ונדמה לי כי כל האנשים האלה הולכים גם עתה לבית המקדש להקריב קרבנות... עוד איזו רגעים ואראה את המקדש בכל יפיו ומראהו המקסים, את הכהן הגדול בתארו היפה והנהדר לבוש בבגדי כהונה... עוד מעט ואשמע את שירי הלויים ומנגינותיהם... איזה כח טמיר לפפני וישאני על כנפי הדמיון...

צעקה גדולה פראית של ערבי המעורבת יחד עם נעירת חמורו הפסיקה את חלומי והוציאה אותי מעולם הדמיון. קץ לחלומי היפה בהקיץ. נזכרתי כי האנשים האלה הולכים לא לבית המקדש, אלא להתפלל „מפני חטאינו"...

מדלג ומקפץ אני בין ההמון על המדרגות שבסימטאות המובילות לכותל המערבי, ואני פוגש על כל צעד בקצינים ובשוטרים אנגלים וערבים העומדים על משמרתם ומפקדים בלשונותיהם ובמגלביהם על היהודים העוברים כבני מרון... תחת לפגוש במשמרות הלויים ובמבטיהם הקדושים־נוחים, שעליהם חלמתי לפני איזו רגעים, רואה אני משמרות שוטרים ומבטי שנאה ובוז... במקום שירות הלויים — פקודות השוטרים הערבים...

המבטים והמגלבים מזכירים לי את הז'נדרמים הפולנים ואת הגלות... במהירות אני עובר בגיהנום זה, והנה אני בחצר הצרה של הכותל. מאות אנשים ונשים עומדים צפופים בחצר הצרה שלפני הכותל ומתפללים בלחש ובקול עצוב המעורב בבכי חנוק המתפרץ לעתים קרובות, דמעות חמות נושרות מהעינים, מתגלגלות על הפנים ונופלות ומרטיבות את האבנים הקרות של הכותל הדור־דורי... הרבה נרות דולקים על הגדרה של רחבת הכותל, וגם הם כאילו בוכים ומבליחים מטפות הדקות של הגשם הנופלות עליהם... אומרים תפלת „יזכור"...

והנה תפלת מוסף. החזן קורא „ומפני חטאינו". ממלה למלה קולו מתגבר וחודר אל הלבבות ומוציא דמעות. הקהל מתפרץ בבכי. הבכיה תגדל מרגע לרגע ותהיה להתיפחות הקורעת לבבות. פני האנשים, שרק לפני איזו רגעים צהלו משמחת החג, נתקדרו בתוגה עמוקה. שמחת החג נהפכה לקינה על החורבן, תשעה באב ממש... מראה הכותל הישן נראה עתה יותר נורא מתמיד, ונדמה לי כי הטפות הקטנות הללו הנופלות מהעננים לא טפות גשם הן, כי אם דמעות הכותל הבוכה יחד עם עם ישראל על חורבנו ועזובתו... הכותל שראה את חגו של העם העברי לפני שנות אלפים ורואה את חגו כיום אינו יכול להתאפק מבכי.

עצוב ושקוע במחשבותי אני עומד בין האנשים הבוכים ואני בוכה אתם בדממה. הערבים והערביות עם ילדיהן הנדחקים מזמן לזמן בין קהל המתפללים — כדי לעבור לבתיהם, מגדילים את הדוחק הגדול שבחצר הצרה, מכאיבים הם מאד את לבבי ומוסיפים צער לצערי, ואני מרגיש את החורבן בשלמותו...

החזן גומר תפלת מוסף. הבכיה מתמעטת ומשתתקת. רק מזמן לזמן נשמע עוד קול בכי חנוק של אשה או בחורה שאחרו לבוא ואומרות עכשיו „יזכור"...

מצב־רוח העצבון והאבלות עובר וחולף לאט לאט... אומרים את הקדיש האחרון והשראה חגיגות של יום־

# „דרך ארוכה וקצרה"

מוקדש לועידת שוחטי עופות דאמריקא וקאנאדא, ביום ז'—ח' אדר, תרצ"ג, בעיר ניו יארק.

מאת הרב שמואל מנחם הלוי פיין,
רב בעיר דעטראיט, מיש.

ד"א אמון אומן, התורה אומרת אני הייתי כלי אומנתו של הקב"ה. בנוהג שבעולם מלך ב"ו בונה פלטין אינו בונה אותה מדעת עצמו אלא מדעת אומן, והאומן אינו בונה אותה מדעת עצמו אלא דיפתראות ופנקסאות יש לו, לדעת איך הוא עושה חדרים, האיך הוא עושה פשפשין, כך היה הקב"ה מביט בתורה וברא את העולם. (מדרש רבה בראשית פרשה א').

וכונת המדרש היא כמו שבארתי בספרי זכרון שמואל, חלק א', פ' בא, שחוקי הטבע והבריאה אינם מתנגדים לתורה, אך כמו שלהבת האחוזה בנר שמדובקים יחדיו ולא יתפרדון, כן דיני ומשפטי התורה הם מדובקים ומלוכדים יחד בחוקי הטבע והאדם. ומי שאינו מודה בזה ומתנהג בחיי הטבע שלו היפך מדיני התורה איש כזה ישקול למטרפסיה בהאי עלמא וסופו יהיה מהצועקים ואינם נענים, והדברים ארובים ועתיקים.

ומאחר שהתורה היא הכנית (פלאן) העולם, על כן צריכים ומוכרחים להיות התכנית והבנין העצמי מכוונים יחד שוה בשוה באין שום ניגוד וסתירה ביניהם אף כמלוא נימא. ובחוקי הטבע והחיים, הנה מי שרוצה לבוא למטרתו ולמבוקשתו, ההכרח לו לילך בדרך ארוכה וקצרה, וכמה יגיעות יגע אדם הראשון עד שמצא פת לאכול, חרש וזרע, וקצר, ועמר, ודש, וזרה, וברר, וטחן, והרקיד, ולש, ואפה, ואחר כך אכל (ברכות נ"ח), וזהו דרך ארוכה. עבד ועמל הרבה, וקצרה, שבא למבוקשתו שאפה לחם ואכל, ושבע, אבל לא הלך בדרך קצרה, והיינו שלא היה חורש ושודד, או שלא היה מעמר וטוחן, אז היתק לו דרך ארוכה שלא היה בא למטרתו ולמבוקשתו לאכול לחם. כן גם בכל עניני התורה והחיים עלינו ללכת בדרך ארוכה וקצרה ואז נבוא למטרתנו. וזהו סוד האחדות והשלום, סוד הסדר והמשמעת, שבה נשתבחו המדות האלו, האחדות והשלום, בתורה ובחז"ל, וסדר ומשמעת נתקבל לחוק וגזרה אצל כל בני תרבות ואצל כל העמים המתוקנים. ואין פוצה פה ומצפצף לחלוק על זה. והכל מודים.

והנה כשהאדם יחשוב ויתעניין אך בצרכיו מה שנוגע לו ולגופו, אך בעסקיו שלו, ולא יחשוב ויתעניין באינטירעסיו של חברו, זהו דרך קצרה, יען שחביב עליו גופו ומאודו, הוא מרגיש אך ביסוריו שלו, ולא ביסורי של חברו אבל באמת דרך זו היא רחוקה, הוא רחוק מאד לבוא למבוקשתו ומטרתו, יען שאז עליו ללחום בעד קיומו עם הרבה יחידים וכל הסובבים אותו, יען שאינ־טירעסו של כל יחיד ויחיד הוא שונה מזה של חברו, וכל אחד רואה אך זכות לנפשו וחובה בעד חברו ועליהם ללחום תמיד זה עם זה. ובדרך זו אין מי שינצח, וכל הלוחמים אבודים הם, וגם אפילו המנצח הוא מנוצח.

אבל אם אלה היחידים יתארגנו ויתאחדו ויתאגדו יחדיו, וכל אחד ידאוג גם לטובת חברו, ויקיים את הפסוק ואהבת לרעך כמוך במלוא מובן המלה, הנה דרך זו היא ארוכה ורחוקה, יען שהרבה כחות צריך לשקוע לארגן ולאחד וכל אחד ישתדל לזולתו, אבל היא קצרה, שאז נבוא למטרתנו ולמבוקשתנו להיטיב לכל אחד ואחד, והכל על מקומו יבוא בשלום.

ולהכרה זו באו שוחטי עופות בניו־יורק רבתי, הבנת והכרת רוח התורה, הכרת והבנת חוקי הטבע והחיים, וזו היא דרך ארוכה וקצרה.

וביחוד באו להכרה זו העומדים בראש התנועה לאחד ולאגד את כל השוחטים באמעריקא וקאנאדא, והם הנשיא והסגנים והמזכירים של האגודה, אשר באמת הם אנשים של צורה, בעלי דעה, היודעים את אשר לפניהם, ורוצים הם באמת ועובדים בכל כחם ומרצם לגמור את אשר החלו, לטובת כל השוחטים והשחיטה, והועידה הראשונה הנ"ל אשר התנהלה על ידיהם היא ראויה שתכתב לדורות. הועידה התנהלה בסדר נכון ומשטר, בחכמה ודעת, והרבה החלטות טובות שראויות להעלותן לגנס נתקבלו בה בהסכם כל הועידה.

ואם תרצו אין זו אגדה. ועל השוחטים שבכל רחבי אמעריקא וקאנאדא למהר ולבוא וליתן יד להאגודה של השוחטים, בכדי שתהיה היכולת להוציא לאור ופעולת ידים את כל התקנות, שיביאו באין ספק הרבה טובה וברכה ואור. וכבר הגיעה השעה! ואתם ראשי האגודה, לכו בכחם זה להושיע ושמכם יהיה חקוק בתולדות ישראל מהזוכים ומזכי את הרבים, וברכת כל הישרים והתמימים הרוצים בתקות ישראל עליכם תבוא.

על ידי שפע החומר שבגליון זה לרגלי הועידה הארצית של השו"בים הושמטו בגליון זה המדורות הקבועים, „הרמב"ם ותורתו", „הלכות שחיטה" להרב רש"ל הורוויץ, גם המדור הקבוע „פון אונזער אלטען הייליגען קוואל".
**המערכת.**

---

טוב שוררת שוב בין הקהל. השמחה חוזרת ותוקפת את המתפללים, והפנים צהובים וצוהלים... אין זכר עוד לאבלות וחורבן...

מכל הצדדים נשמעות ברכות יום־טוב, וכל הקהל מקטן ועד גדול, מחסידים ועד חלוצים שרים „יבנה המקדש"...

מטמורפוזה בת־רגע של עם ישראל...

# בשורה להורים ומורים

יצא לאור ספר למוד חדש

## חג הפסח

מאת הרב שמריהו ליב הורוויץ

ללמד בני יהודה את הדינים וטעמי המנהגים של חג הפסח, יחד עם קורות חג הפסח.

**המחיר 30 סענט**

לפנות אל הרב המחבר

RABBI S. L. HURWITZ
1503 Eastern Parkway, Brooklyn, N. Y.
Telephone: HAddingway 3-9698

---

קויפט דירעקט פון מאנופעקטשורער

**פרוכת'ן, מענטעלאך, חופות, בענערס, טישטיכער, מצה דעקלעך א. ז. וו.**

אלעס אין גאלד הענד עמבראידערי. די שענסטע פראכטפולע ארבייט.

אייער אלטער פריינט פאר פילע יאהרען

## יצחק נעכעס

**40 קאפאלק סט., ניו יארק, נ. י.**

(נעגענאיבער דעם פאסט־אפיס)

---

## א שיינן אהן א רעזיאר

סופערהיומען שייווינג פאודער — גאראנטירט ניט צו ברענען די הויט. האט קיין גערוך

40 סענט א פונט

ספעשעל פאודער פאר ליידים — 60ס. א פונט. פולע צופרידענהייט גאראנטירט. ווען ניט גיבען מיר אייך צוריק אייער געלד. שרייבט פאר א פרייען סעמפעל.

„סופערהיומען העיר רעסטארער" ברענגט צוריק דעם נאטירליכען און יוגענדליכען קאליר פון גרויע האר.

באטעל — 50 סענט

IMPROVED SHAVING POWDER CO.
107 Norfolk Street, New York, N. Y.

---

# יעקב בראנפמאן

מאנופעקטשורער פון

**אלע מינים כשר'ע פלייש־פראדוקטען**

באגריסט די שוחטים פון אמעריקא און קאנאדא צו זייער קאנווענשאן!

**JACOB BANFMAN**
**178 Delancey St. New York, N. Y.**

---

# בארנעט בראדי

איז דער איינציגער מאנופעקטשורער פון

## כשר פלייש פראדוקטע

וואס שטעהט אונטער דער השגחה פון

**ועד הרבנים דניו יארק רבתי**

אלע אידען וואס זיינען נזהר אין כשרות זאלען געברויכען בלויז די פראדוקטען פון בארנעט בראדי.

קאנטרי־ארדערס פינקטליך אטענדעט.

ווענדעט זיך צו:

**BARNET BRODY, Inc.**
**127 Walton St., Brooklyn, N. Y.**
Telephone: EVergreen 6-0318

---

# מאיר וואלאזין

50-52 עלדרידזש סטריט, ניו יארק

טעלעפאן ארטשארד 4—4511

**מאנופעקטשורער**

פון וואלענע און סילקענע טליתים, פרוכת'ן, מענטעלאך, חופות, מכסות לשלחן ולארון.

**אימפארטער**

פון די בעסטע ספרי תורה, תפילין ומזוזות.

**דיסטריביוטאר**

פון אלערהאנד זילבערנע כלי קודש, עץ חיים'ס, ציץ'ן, ידי'ן, קידוש־בעכערס, שבת־לייכטער א. ז. וו.

די בעסטע מילערס חלפים און מוהל מעסערס, שארף און גלאט שטיינער.

—— אלעס צו שפאט ביליגע פרייזען ——

---

# מדפיסי ספרים אנחנו זה יותר מחמש־עשרה שנה

## בעברית, אידית ואנגלית

ספרים לאלפים ולרבבות יצאו, במשך הזמן הזה, מתחת מכבש הדפוס שלנו מאת מחברים מפורסמים המפוזרים בכל רחבי ארצות הברית — וכולם פה אחד מהללים ומשבחים אותנו.

תעודות ומכתבים המעידים על אמיתת דברינו נוכל להמציא לכל דורש.

פנו אלינו ותוכחו.

**ORIOM PRESS, Inc.**
42 WEST 18th STREET, NEW YORK, N. Y.
Telephone: CHelsea 3-8164

## די שוחטים פאַר ראשון לציון כרמל וויין

די קאָנווענשאָן פון שוחטים אָפּגעהאַלטען אין ניו יאָרק ז' אָדר תרצ"ג, האָט איינשטימיג באַשלאָסען צו באַגריסען די

# ראשון לציון כרמל וויין אַגענטור אין אַמעריקא

### פון 24 סטאָון סטריט, ניו יאָרק

וועלכע איז די איינציגע וועלכע אימפּאָרטירט די וויין פון די ראָטשילד וויין קעלערען, געבאָטעלט און פאַר'התמ'עט אין ארץ ישראל, דירעקט צום יונייטעד סטייט באָנדעד ווערהויז, פון וועלכען פלאַץ עס ווערט דעליווערט דירעקט צו אייך.

ווענדעט זיך צו די

**ראשון לציון אַגענטור**

24 סטאָן סטריט, ניו יארק

Telephone: BOwling Green 9-0223

פאר די איינציגע און אמת'ע

ראשון לציון כרמל וויין

RISHON LE ZION AGENCY

24 Stone Street, New York, N. Y.

Telephone: BOwling Green 9-0223



## המצאה חדשה להסיר המכשלה

כאשר רבים נכשלים בגלות הזקן בתער שעוברים על המשה לאוין, מפאת שקשה להם גלוח הזקן במספרים, או השחתה בסם מפני הכאב משריפת הפנים, תקנה גדולה להנצל ממכשול, לעשות גלוח הזקן בתספורת חשמלית המכונה

Schick's Bladeless Electric Shaver



תספורת חשמלית זאת הוא כעין מכונת מספרים המכונה קליפער, ועושה פעולת הגלוח כהרף עין בלי איבוד זמן, ואיננו מסרט הפנים שום פעם, ועוד מרפא אותו. הכתובת :

**REV. P. WACHSMAN**

**150 Rodney Street, Brooklyn, N. Y.**

EVergreen 6—3634






מאנישעוויטץ מצה, מצה פארפעל, קעיק מעהל, אייער מצות, האול וועיט מצות, היידזשיעניק מצות, מצה סיריעל.

RABBI S. L. HURWITZ, Editor

הרב שמריהו ליב הורוויץ, רעדאַקטאָר

# די שוחטים שטימע
# SCHOCHTIM SHTIMME

מאָנאַטליכער זשורנאַל, ארויסגעגעבען דורך די אַגודת שוחטי עופות דניו יאָרק רבתי

Monthly Magazine, published by the Poultry Schochtim Union of Greater New York

Affiliated with the American Federation of Labor, Local 440

233 EAST BROADWAY, NEW YORK, N. Y. Telephone: ORchard 4—1938 — 9602

Vol. II. No. 2. April, 1933. ב"ה ניו יאָרק, ניסן, תרצ"ג צווייטער יאָהרגאַנג, נומער 2

## אינהאַלט:

עדיטאָריעלס: די נייגעגרינדעטע אַגודת השו"בים דאַמעריקא וקנדה.
חד וחלק (פעליעטאָן) — — — — — — — — — — — — — א. לין
דבור ומעשה — — — — — — — — — — — הרב שמואל מנחם הלוי פיין
די שטילע בויער — — — — — — — — — — הרב הלל יעקב הורוויץ
בריעף פון שוחטים: מאָנטרעאָל, ליבערטי, דענווער, קליוולאַנד.
וואָס ארץ ישראל מיינט — — — — — — — — — — דר. אברהם לבסקי
תלמודישע ווערטלאך — — — — — — — — — אחד השוחטים המרגישים
וועגען נייע ספרים אין דער דר״ש ליטעראַטור — — — — — — — המבקר
שמחות ביי שוחטים.

## השומר

אחרי הועידה — — — — — — — — — — — — — — — ש. ל. ה.
מוסר התורה — — — — — — — — — — — — — — ש. ל. הורוויץ
גאוה, ענוה וגאון לאומי — — — — — — — — — — הרב שמואל ד. מהרש"ק
השוחטים והחנוך — — — — — — — — — — — — — ברוך הערשענאָוו
נחלת השבים (שיר) — — — — — — — — — — — — — שלמה אונגאַר
מילי מעליותא — — — — — — — — — — — — זלמן ריטשמאַן, שו"ב
הרמב"ם ותורתו — — — — — — — — — — — — הרב שמריהו ליב הורוויץ
הצילו את מרכז התורה — — — — — — — — — — הרב אברהם יצחק הכהן קוק
מודעות.

Subscription Price, $3.00 a year. סובסקריבשאָן 3 דאָלאַר אַ יאָהר.

Entered as second-class matter, August 15, 1932, at the Post Office at New York. N. Y., under the Act of March 3, 1879.

RABBI S. L. HURWITZ, Editor

הרב שמריהו ליב הורוויץ, רעדאַקטאָר.

# די שוחטים שטימע

# SCHOCHTIM SHTIMME

מאָנאַטליכער זשורנאַל, אַרויסגעגעבען דורך די אגודת שוחטי עופות דניו יאָרק רבתי

Monthly Magazine, published by the Poultry Schochtim Union of Greater New York

Affiliated with the American Federation of Labor, Local 440

233 EAST BROADWAY, NEW YORK, N. Y. Telephone: ORchard 4—1938 — 9602

Vol. II. No. 2. April, 1933. ב"ה ניו יאָרק, ניסן, תרצ"ג צווייטער יאהרגאנג, נומער 2

## אינהאַלט:

עדיטאָריעלס: די ניי־געגרינדעטע אגודת השו"בים דאמעריקא וקנדה.
חד וחלק (פעליעטאָן) — — — — — — — — — — — —
א. לץ
דבור ומעשה — — — — — — — — — — — — — — הרב שמואל מנחם הלוי פיין
די שטילע בויער — — — — — — — — — — — — — הרב הלל יעקב הורוויץ
בריעף פון שוחטים: מאָנטרעאָל, ליבערטי, דענווער, קליוולאַנד.
וואָס ארץ ישראל מיינט — — — — — — — — — — — דר. אברהם לבסקי
תלמודישע ווערטלאַך — — — — — — — — — — — אחד השוחטים המרגישים
וועגען נייע ספרים אין דער דרוש ליטעראַטור — — — — — — — המבקר
שמחות ביי שוחטים.

## השומר

אחרי הועידה — — — — — — — — — — — — — — — ש. ל. ה.
מוסר התורה — — — — — — — — — — — — — — — ש. ל. הורוויץ
גאוה, ענוה וגאון לאומי — — — — — — — — — — — הרב שמואל ד. מהרש"ק
השוחטים והחנוך — — — — — — — — — — — — — — ברוך הערשענאָוו
נחלת השבים (שיר) — — — — — — — — — — — — — שלמה אוננאר
מילי מעליותא — — — — — — — — — — — — — — זלמן ריטשמאַן, שו"ב
הרמב"ם ותורתו — — — — — — — — — — — — — — הרב שמריהו ליב הורוויץ
הצילו את מרכז התורה — — — — — — — — — — — — הרב אברהם יצחק הכהן קוק
מודעות.

Subscription Price, $3.00 a year. סובסקריבשאַן 3 דאָלאַר אַ יאָהר.

Entered as second-class matter, August 15, 1932, at the Post Office at New York, N. Y., under the Act of March 3, 1879.

## וויכטיגער מיטינג פון די אגודת השוחטים דפלך ניו דזשוירזי.

זונטאג, כ"ז ניסן, איז אפגעהאלטען געווארען א וויכטיגער מיטינג פון די אגודת השוחטים דפלך ניו־דזשוירזי אין נוארק, נ. דזש.

דער ועד הפועל האט אפגעגעבען אן אויספיהרליכען באריכט פון די גוטע און נוצליכע ארבייט וואס איז געטאן געווארען ביז יעצט פאר דעם וואהל־אונבעסטען פון דער אגודת השוחטים דפלך ניו דזשוירזי.

עס איז אויך אפגעגעבען געווארען א באריכט פון דער גרויסער ניי־געגרינדעטער נאציאנאלער ארגאניזאציע אגודת השובי"ם דארצית הברית וקנדה. דער באריכט איז אויפגענומען געווארען מיט גרויס באגייסטרונג.

עס איז באשלאסען געווארען, דאס אזוי שנעל ווי זיי וועלען באקומען די אפליקיישאנס פאר מעמבערשיפ אין דער אגודת השובי"ם דארצית הברית וקנדה, זאלען די אפליקיישאנס גלייך אויסגעפילט ווערען פון יעדען שוחט און זאל אריינגעשיקט ווערען אין דעם אפיס פון די אגודת השובי"ם דארצות הברית וקנדה, 233 איסט בראדוויי, ניו יארק, און אריינשיקען די דיוס (איין דאלער א חודש), אנפאנגענדיג פון חודש ניסן.

עס איז אויך פארהאנדעלט געווארען א רעקאמענדיישאן אז אין פאל פון א סטרייק זאל א סטרייקענדער שוחט קריגען אויסגעצאהלט 50 פראצענט פון זיינע שכירות.

א ספעציעלער פאנד פאר דעם צוועק זאל געשאפען ווערען דורך דעם וואס יעדער שוחט פון דעם סטייט זאל געבען 2 פראצענט פון זיינע פארדינסטען.

עס איז איינשטימיג אנגענומען און באשלאסען געווארען, אז די שוחטים מיט דער הילף פון די לאקאלע רבנים זאלען שאפען א סימן כשרות אויף יעדען עוף, ווייל עס איז באוויזען געווארען אז זומער, ספעציעל שבת בייטאג, נבל'ט מען טשיקענס און אין אווענט, ווען דער שוחט קומט, בלייבט איהם איבער צו שחט'ן בלויז עטליכע טשיקענס.

עס איז איבערגעגעבען געווארען צו דער סטייט עקזעקוטיווע אויסצוארבייטען דעם פלאן מיט אלע איינצעלהייטען ווי אזוי דאס צו פארווירקליכען.

פארשידענע רעקאמענדאציעס זיינען פון פילע חברים פארגעבראכט געווארען און איבערגעגעבען געווארען צו דער עקזעקוטיווע צו באטראכטען וועלכע פון זיי זיינען פראקטיש און דורכפיהרבאר.


**לאגודות שוחטים בכל מקום שהם!**

שיקט אונז אריין באריכטען פון אייערע מיטינגען, ווי אויך פון אנדערע טעטיגקייטען פון אייער אגודה, און מיר וועלען מיט פארגעניגען אייערע באריכטען דרוקען אין אונזער זשורנאל.

די רעדאקציע.


## וועגען נייע ספרים אין דער דרוש ליטעראטור.

ניט לאנג צוריק איז ערשינען דער דריטער חלק פון דעם ספר „משל ומליצה" פון דעם באוואוסטען רב און דרשן, הרב ר' אברהם נפתלי גאלאנטי, דער רב פון דער שוהל „ת"ת בית אברהם" אין די בראנקס פאר די לעצטע צוואנציג יאהר.

הרב גאלאנט איז ניט קיין פנים חדשות אין דער רבני'שער דרוש ליטעראטור. זיינע פריערדיגע ספרי דרוש „חזיונות אברהם", „דבר בעתו", „מועדים לשמחה", דריי טייל „משל ומליצה" אויף דער תורה און זיין וואונדערבארער ספר „המדרש והמשנה" האבען געמאכט א רעש, און זיינען אנערקענט געווארען ביי די רבנים און דרשנים פון היינטיגען דור אלס אמת'ע גוטע נוצליכע ספרי דרוש מיט וועלכע דרשנים קענען זיך גאנץ גוט באנוצען אויף דער בימה.

דער יעצטיגער נייער דרוש ספר „משל ומליצה" אויף ספר ויקרא איז באמת א נויטווענדיגקייט פאר יעדען דרשן, ווייל ספרי דרוש אויף ספר ויקרא זיינען ניטא פיל, מחברים דרשנים האבען געדרוקט אויף ספר בראשית און שמות, האבען אבער ניט זוכה געווען צו פארטזעצען זייער ארבייט און צוליב געלט מאנגעל האבען זיי ניט געקענט דרוקען אויף ספר ויקרא, דערפאר וועלען זיך דרשנים פרעהען מיט דעם נייעם ספר אויף ספר ויקרא פון הרב גאלאנט.

דער נייער ספר צייכענט זיך אויס אזוי ווי זיינע פריהערדיגע ספרים מיט וואונדערבאר שעהנע אינטערעסאנטע חסידישע מעשה'לאך וועלכע דעם מחבר געלינגט אימער אריינצופלעכטען זיי אין צוזאמענהאנג מיט א פסוק, א מדרש, א גמרא, און צופאסען צו דברי מוסר וועגען לעבעדיגע צייט־פראגען. דער מחבר באהאנדעלט די וויכטיגסטע צייט פראגען און אידישע פראבלעמען זעהר שארף און קלוג דורך א חסידישע מעשה'לע צוגעפאסט צו א מדרש. זיינעם א ווארט קען מען שטענדיג איבערזאגען. דער עולם האט וואס צו הערען און עס געפינען זיך אין דעם נייעם ספר וויכטיגע מאמרים, טיפע געדאנקען און איז א גוטער בייטראג צו אונזער דרוש ליטעראטור. — המבקר.


קויפט דירעקט פון מאנופעקטשורער

**פרוכת'ן, מענטעלאך, חופות, בענערס, טישטיכער, מצה דעקלעך א. ז. וו.**

אלעס אין גאלד הענד עמבראידערי. די שענסטע פראכטפולע ארבייט.

אייער אלטער פריינט פאר פילע יאהרען

**יצחק נעכעס**

**40 סאפאלק סט., ניו יארק, נ. י.**

(גענעאיבער דעם פאסט־אפיס)

# די שוחטים שטימע

ניסן, תרצ״ג

צווייטער יאהרגאנג. — נומער 2


# די ניי־געגרינדעטע אגודת השו״בים דאמעריקא וקנדה

די אגודת שוחטי עופות דנין יארק רבתי האט געגרינדעט דעם חודש־זשורנאל „די שוחטים שטימע", אן ארגאן וועמעס צוועק איז צו קעמפען פאר אלעם וואס ביי אידען איז הייליג און טייער און אויך פאר די שוחטים־אינטערעסען — צו אויפהויבען דעם פרעסטיזש פון די שוחטים, צו פאראייניגען זיי אין א גרויסען שטארקען פארבאנד און דערמיט פארבעסערען זייער לאגע ברוחניות ובגשמיות.

די „שוחטים שטימע" האט אימער אגיטירט, אז עס זאל גערופען ווערען א קאנווענשאן פון אלע שוחטים פון לאנד מיט דעם צוועק צו לעגען דעם גרונדשטיין פאר א נאציאנאלע ארגאניזאציע פון שוחטים. אזא קאנווענשאן האט קיין מאל ניט שטאטגעפונדען און מען האט ניט געגלויבט אז עס וועט מעגליך זיין צו פאראינטערעסירען די שוחטים פון אמעריקא און קאנאדא, אז זיי זאלען קומען צו אזא קאנווענשאן. זיי זיינען אבער געקומען — שוחטים־דעלעגאטען פון פארשידענע שטעדט און שטעדטלאך, פון די גרעסטע און פון די קלענסטע קהלות פון אמעריקא און קאנאדא, זיינען געקומען צו דער קאנווענשאן. אזא הייליגע באגייסטערטע שוחטים־קאנווענשאן האט נאך דאס אמעריקאנער אידענטום ניט געזעהן. דעם ערשטען מאל אין דער געשיכטע פון אידען אין די פאראייניגטע שטאטען און קאנאדא האט שטאטגעפונדען די גרויסע היסטארישע שוחטים־קאנווענשאן, וואו די שטימע פון דעם עלענדען פארפאלגטען שוחט האט זיך געלאזען הערען. די יעניגע שוחטים וועלכע האבען בייגעוואוינט אלע זיצונגען פון דער קאנווענשאן וועלען קיין מאל ניט פארגעסען די יום־טוב'דיגע הייליגע שטימונג וואס עס האט געהערשט ז׳—ח׳ אדר תרצ״ג אויף די זיצונגען אין בראדוויי סענטראל האטעל און ביי דעם פראכטפולען באנקעט וואס עס איז געגעבען געווארען צו די שוחטים־דעלעגאטען אין „גרייט סענטראל פאלאס".

די קאנווענשאן האט אנגענומען פארשידענע החלטות וועלכע זיינען אלע נויטיג און נוצליך. די וויכטיגסטע רעזאלוציעס פון דער קאנווענשאן זיינען אבער די פאלגענדע צוויי: א) צו גרינדען אן אגודת השו״בים דארצות הברית וקנדה, און דאס יעדער שוחט מומחה ומוחזק דארף זיך אנשליסען אלס מיטגליד אין די אגודת השוחטים פון לאנד, ווי אויך ב) אז דער איינציגער שוחטים זשורנאל, וועלכער ערשיינט אין אמעריקא און קאנאדא, „די שוחטים שטימע", זאל ערשיינען דורך די אגודת השו״בים דארצות הברית וקנדה אלס א וועכענטליכער זשורנאל.

דיביידע אויבען דערמאנטע רעזאלוציעס זיינען אנגענומען איינשטימיג און מיט גרויס באגייסטערונג ביי די פינף הונדערט שוחטים דעלעגאטען פון לאנד, פארזאמעלט אויף זייער קאנווענשאן.

די שוחטים פון לאנד פיהלען און פארשטעהען, אז ווען ניט א גרויסע שטארקע אגודת השוחטים וועמעס אויפגאבע זאל זיין צו באשיצען דעם כבוד און די פרנסה פון יעדען שוחט, איז די לאגע פון די שוחטים א שרעקליכע. עס איז פשוט ניטא קיין צוקונפט פאר זיי און זייערע עלענדע פאמיליעס. און וואס ווייטער אלץ ערגער און האפנונגסלאזער, ווייל נאר א גרויסע שטארקע שוחטים ארגאניזאציע פון אלע שוחטים פון אמעריקא און קענדע איז בכח צו קעמפען פאר די אינטערעסען פון אלע שוחטים, און טאקע דערפאר האט די ערשטע גרויסע היסטארישע קאנווענשאן פון אלע שוחטים פון לאנד באשלאסען איינשטימיג צו גרינדען א נאציאנאלע שוחטים־ארגאניזאציע.

אזא ארגאניזאציע איז באשאפען געווארען אויף דער קאנווענשאן אונטער'ן נאמען „אגודת השו"בים דארצות הברית וקנדה".

דער אפים פון די אגודת השו"בים ווערט פאר־פלייצט מיט הונדערטער און טויזענדער פייער־דיגע און באייסטערטע בריף פון שוחטים פון גאנצען לאנד, וועלכע ווילען זיך אנשליסען מיט פרייד און ענטוזיאזם אלס חברים פון דער ניי־געגרינדעטער נאציאנאלער ארגאניזאציע — די „אגודת השו"בים דארצות הברית וקנדה".

קיין שוחט וויל ניט און טאר ניט בלייבען עלענד און הילפלאז אין א צייט ווען אלע און אלעס ווערט פאראייניגט. ווייל אין פאר־אייניגונג ליגט קראפט און מאכט. דאס וואס דער יחיד קען ניט טאן קען אבער טאן א גרויסע וועלט־ארגאניזאציע, און די אגודת השו"בים פון לאנד וועט נאר דאן קענען אנגעהן מיט איהר הייליגער נוצליכער ארבייט לטובת השוחטים והשחיטה, ווען זי וועט האבען איהר אייגענעם ארגאן, ווען די „שוחטים שטימע" וועט ערשיינען יעדע וואך און וועט שטעהן על המשמר צו קעמפען אונערשראקען פאר די אינטערעסען פון שוחטים, שחיטה און כשרות על פי דת.

מיר גראטולירען די שוחטים פון אמעריקא און קאנאדא מיט זייער ניי־געגרינדעטער לאנד אר־גאניזאציע. מיר האפען, אז זיי וועלען מאכען פון זייער ניי־געגרינדעטער ארגאניזאציע א גרויסען קאנסטרוקטיווען כח לטובת הדת און לטובת השוחטים.

פון יחידים ווערט א כלל. ווען יעדער איינ־צעלנער שוחט בכל מקום שהוא וועט זיך אנשליסען אן די אגודת השו"בים דארצות הברית וקנדה און וועט גלייכצייטיג אויך פאראינטערע־סירען און אריינברענגען אין דער אגודה זיינע חברים און פריינט, וועט דאן די ניי־געגרינדעטע אגודת השו"בים זיין א ברכה פאר די שוחטים בכלל און פאר'ן אידענטום בפרט.

# חד וחלק

פון א. לץ (פעליעטאן)

אמר הלץ הגדול הגבור והנורא. איך בין באמת אין כעס אויף די שוחטים און גלייכצייטיג האב איך אויף זיי רחמנות. אין כעס בין איך, ווייל ביי זייער לעצטע קאנ־ווענשאן וועלכע איז אפגעהאלטען געווארען אין בראדוויי סענטראל האטעל האט זיך ניט געפונען אפילו איין שוחט וועלכער זאל מאכען א פארשלאג מען זאל אויפרופען דעם לץ פון דער „שוחטים שטימע" ער זאל זאגען א פאר ווער־טער. צו לצנות ווי שכרה? — האב איך זיך אליין גע־פרעגט. כמעט יעדען טאג קום איך, לץ, און פראווע לצנות און אמוזיר די שוחטים. ווען נויטיג, דערלאנג איך א זעץ, א בוכטע, א שטאך, ווי עס פאסט פאר א לץ. און ביי אזא גרויסע שוחטים קאנווענשאן זאל קיינער ניט וועלען זעהן דעם לץ, הערען איהם, ווי קוקט ער אויס? ווער איז ער? א שוחט? א רב? א שרייבער? אדער פשוט גלאט א לץ. עס האט מיך באמת געקרענקט, עס האט מיך פארדראסען. איך האב געמיינט אז אין דעם קאנווענשאן־נומער פון דער „שוחטים שטימע" וועט די ניי־געגרינדעטע אגודת השו"בים דארצות הברית וקנדה בעטען ביי מיר ענטשולדיגונג אזוי ווי זיי האבען געטאן צו אנדערע ביי אזא געלעגענהייט. אבער וואו? וואס? ווען? מיין נא־מען איז אפילו ניט דערמאנט געווארען.

ווען אבער איך דערמאן זיך די רעדעס פון די שוחטים אויף דער קאנווענשאן וועגען זייער שרעקליכע פארצווייפעלטע לאגע. בין איך זיי מוחל מיט'ן גאנצען הארצען. עס ליגט זיי פשוט אין זינען ניט קיין לצים און קיין לצנות. זייער לאגע איז שרעקליך. און איך וועל אייך זאגען א סוד, די לאגע פון שוחטים איז קיינמאל ניט געווען צו גוט. שוחטים פלעגען אמאל אין די קליינע שטעטלאך פון יוראפ אויך גענוג ליידען צרות. מיין פאטער ז"ל איז געווען א שוחט אין א קליין שטעדטעל אין פוילען, דאס מען ניט געטארט קויפען קיין נייע מעבעל, קיין ריכטיגען נייעם מלבוש, ווייל די בעלי בתים וועלען באריידען דעם שוחט און וועלען איהם חושד זיין, אז ער מאכט, חס ושלום, א לעבען ווי אלע מענשען, באהיטע גאט...

⁂

די וועלט דערצעהלט אז צו רבי יהושע'לע קוטנער זיי־נען אמאל געקומען עטליכע גערער חסידים פון א דערבוי־איג שטעדטעל מיט א קלאגע אויף זייער שוחט, אויף וועמען זיי האבען אויסגערעדט כל דבר אסור, און האבען פאר־לאנגט, אז רבי יהושע'לע זאל אסר'ן זיין שחיטה. דער קוטנער רב האט גענומען חוקר ודורש זיין און איז דער־גאנגען, אז די איינציגע סיבה פון זייער התנגדות צום שוחט איז בלויז דאס, וואס ער געהערט נישט צו זייער חברותא און ער פאהרט צו אנאנדער רבין...

איצט — רופט זיך אן צו זיי דער קוטנער רב — איז מיר שוין פארשטענדליך, פאר וואס דער רבונו של עולם האט צוגעגרייט פאר די צדיקים לעתיד לבא א שור הבר מיט א לויתן. אין פלוג: וואס דארף מען ביידע זאכען? וואלט דען נישט גענוג געווען, לאמיר זאגען, א שור הבר אליין? נאר דער תירוץ איז: דער רבונו של עולם האט מורא, טא־מער וועלען, למשל, די גערער חסידים נישט וועלען עסען פון זיין שחיטה, ווייל ער איז נישט קיין גערער חסיד, האט ער דעריבער צוגעגרייט אויך א לויתן — זאלען זיי כאטש עסען א שטיקעל פיש...

⁂

אמאל האט א שוחט געליטען ווייל ער איז ניט א גערער חסיד. היינט, אין אמעריקא, קען ער ליידען דער־פאר וואס ער איז א גערער חסיד, אדער ווייל ער איז א חסיד בכלל, און אמאל אויך דערפאר וואס ער ערלויבט זיך צו שעכטען על פי דין פון שלחן ערוך. עס איז דא אזעלכע קהלות וואו דער שלחן ערוך איז ביי זיי ניט קיין „מעמ־בער" און האט דערפאר קיין דעה ניט און האט קיין רעכט ניט לויט די קאנסטיטוציע צו מישען זיך אין די אינער־

# „דבור ומעשה"

פון הרב שמואל מנחם הלוי פיין, רב בדעטראיט.

דער ערפאלג פון יעדער אונטערנעמונג, אויף אלע פארשידענע געביטען, מאטעריעל ווי מאראליש, ליגט נאר אין דעם כח פון ארבייט (מעשה). נאכ'ן ריידען מוז קומען ארבייט. נאך טעאריע מוז קומען פראקטיק. מיט דעם ריידען אליין, ווי קלוג און שארף עס זאל נים זיין, קען די קלענסטע זאך נים אויפגעטאן און געשאפען ווערען. דער עיקר איז מעשה. און דעריבער איז דער גאנצער ארטאדאקסישער אידענטום דא אזוי צובראכען. די הפקרות הערשט אין אלע עיקרי היהדות, ווייל עס פעלט ארבייט. ביי די פארשידענע קאנווענשאנס וואס מען קומט זיך צונויף צו באטראכטען מיטלען ווי אויפצוהאלטען די תורה, דעם דת, דאס אידענטום, איז ווייטער ווי ריידען גייט עס נים. די שיינע רעדעס ווערען פארשריבען און געדרוקט און מער נים. די ברכה פון גאט איז אויך נאר אין מעשה: וברכתיך בכל אשר תעשה. דער תנא אין אבות זאגט: אמור מעט ועשה הרבה.

צדיקים וואס זייער ארבייט איז שטענדיג גאנץ און פרוכטבאר, ווערט אויך געזאגט: צדיקים אומרים מעט ועושים הרבה. זיי ריידען ווינציג אבער טוען פיל, וואס דיזעס מיינט אויך, אז די הויפט זאך איז נור ארבייט.

פראקטיק, וואס דאס איז דער גרעסטער פאקטאר אין לעבען, דער גרעסטער לעהרער (אין חכם כבעל הנסיון) איז נור אויך אין מעשה און אין שאפען. און דער ערפאלג פון דער אגודת שוחטי עופות אין ניו יארק ווייזט זיך ארויס אז די פיהרער פון דער אגודה זיינען מענשען פון טאט, פון ארבייט, פון שאפען. די ארגאניזירונג פון דער אגודת שוחטי עופות אין ניו יארק אליין, אין אזא פארצווייגטער שטאט, מיט אזוי פיל סעקשאנס, אונטער אזעלכע שווערע אומשטענדען און באדינגונגען, ווייזט אויף זעהר אויסערגעוועהנליכער ארבייטס־פיאיגקייט. צוזאמענצורופען אין אזא קורצער צייט די שוחטים פון אמעריקא און קאנאדא, און אוועקליינען א שטארקען יסוד פאר אן אלגעמיינע אגודת השובי"ם דאמעריקע וקאנאדא, באשטעטיגט אויך זייער שאפונגס כח.

און די שוחטים פון אלע שטעט אין אמעריקע וקאנאדא, גרעסערע ווי קלענערע, דארפען נאכטאן דעם ביישפיל פון דער אגודת שוחטי עופות אין ניו יארק, און נים אפקומען מיט ריידען אליין נאר טאן רעאלע פראקטישע ארבייט. שאפען און ארגאניזירען אגודות השוחטים אין זייערע שטעט און שטעטליך און זיך אנשליסען אן דער אגודת השובי"ם דאמעריקע וקאנאדא.

אבער עס איז זייער ראטזאם און ווינשענסווערט און עס וואלט געבראכט גוטע רעזולטאטען, ווען א מיטגליד פון די אגודת השובי"ם דארצית הברית וקנדה זאל באזוכען די מעהר גרעסערע שטעט אין לאנד, ווי שיקאגא, פילאדעלפיע, קליוולאנד, דעטראיט, באסטאן, באלטימאר, פיטסבורג, לאס אנדזשעלעס, סיינט לואיס, א. ז. וו., צו קאנפערירען מיט די לאקאלע שוחטים און העלפען זיי גרינדען אדער פארשטארקען די לאקאלע אגודת השוחטים.

מיט דעם אנקומען אין שטאט פון א מיטגליד פון די נאציאנאלע אגודת השוחטים, וואלט געווארען מעהר לעבען און אלע שוחטים וועלען ווערען פאראינטערעסירט און די אגודת השוחטים אין דער שטאט וואלט געגרינדעט געווארען אדער פארשטארקט געווארען. און אויך א מיטגליד פון דער ניו יארקער אגודה אלס פראקטישער מענש, וועלכער איז דורכגעגאנגען אלע שבעה מדורי גהינום ביז וואנען די ניו יארקער אגודה איז געגרינדעט געווארען, וואלט געדארפט מיטפאהרען און ווייזען דעם ריכטיגען וועג פון זיינע ערפאהרונגען ווי צו שאפען און גרינדען אן אגודת השוחטים אויף שטארקע און געזונטע יסודות אשר לא תמוט, לטובת היהדות וטובת השחיטה לטובת השוחטים.

און אויך צו ווירקען אויף יעדען שוחט פון לאנד אנצושליסען זיך אלס חבר אין די אגודת השובי"ם דאמריקה וקנדה.

---

ליבע אנגעלעגנהייטען פון דער קהלה ווי שחיטה און כשרות א. ד. ג. און פאקט דערפאר דארפען די שוחטים האבען אן אייגענע גרויסע אגודה צו לערנען בלק מיט די בעלי בתים וואס געהען נים אין דעם דרך התורה און רודפ'ן דעם שוחט, און דארפען האבען א „שוחטים שטימע" מיט א לין ווי איך בין, צו דערלאנגען אמאל מיט דעם קאנטשיק דעם יעניגען חברה־מאן וואס פארדינט שמיץ.

און יעצט, ווען די נייגעגרינדעטע לאנד־ארגאניזאציע פון די שוחטים האט באשלאסען ארויסצוגעבען די „שוחטים שטימע" יעדע וואך, וועט איהר פון מיר אפט הערען. איך גרייט צו א נייעם שארפען קאנטשיק, פאר אונזערע פיהרער־פארפיהרער און פאר פארשידענע קהל'שע פאסקודניאקעס; פאר אונזערע פארזארגער וואס פארזארגען זיך; פאר אונזערע נים קאמפעטענטע הכשרים־געבער און פאר פארשידענע קהל'שע שרצים ורמשים.

⁂

עיקר שכחתי. המן הימלער האט גע'אסר'ט די שוחטים פון דער גאנצער וועלט בכלל און די שוחטים פון דייטשלאנד

# די שטילע בויער

פון הרב הלל יעקב הורוויץ, גאלוועסטאן, טעקסאס.

עס געפינט זיך א קלאס פון טעטיגע, ענערגישע בויער, אניטאטארס און וועקערס צום לעבען; א קלאס, וועלכע, א דאנק זייער איינפלוס, עקזיסטירען פילע אינסטיטושאנס, א דאנק זייער ענערגיע איז דער אידישער פונק וואס האט געהאלטען ביים פארלאשען ווערען ביי די פראווינציעלע אידען, איז צוריק אויפגעבלאזען געווארען. און א דאנק זייער אונערמידליכע ארבייט און ווארימהארציגע אידישע רעדעס איז דער אידעאל פון ציוניזם געווארען פארשפרייט אין פאלק און די יוגענט נאציאנאליזירט, און א דאנק זייער השפעה פליסען אריין שטראמען געלד אין יעדע אידישע אונטערנעמונג, וואס האט א ווירדיגען פונדאמענט.

א סטאטיסטישע אנפראגע ביי די פיהרער פון די פארשידענע אנשטאלטען און ארגאניזאשאנס, וועט באשטעטיגען די ריכטיגקייט פון מיין סטייטמענט. און דאך איז דיזער קלאס געבליבען אין הינטערגרונד. און דאך האט ער נאך ביז היינטיגען טאג ניט געקראגען זיין ווירדיגע אנערקענונג. און זאגאר אין דער לעצטער צייט, ווען דער גלגל החיים האט זיך אזא האסטיגען דרעה געגעבען און האט געשאפען אנדערע לעבענס באגריפען, איז דאס פאלק געבליבען קאלט, קאנסערוואטיוו, הינטערשטעליג אין אנערקענונג פון דיזען קלאס מענשען, פונקט ווי זיי וואלטען נאר ניט געווען מיט דער מאסע און דער באוועגונג פונ'ם לעבענס-שטראם, נאר עפעס אזוי ווי דער גלגל החוזר האט זיי איבערגעלאזען אין הינטערגרונד.

איך מיין די אומגליקליכע כלי קודש, די קאונטרי שוחטים. ווער ווייסט עס ניט דאס א דאנק זייער טעטיגקייט ווערט דאס אידישע לעבען אין די קאונטרי שטעט פארשטארקט און פארבעסערט, א דאנק זייער איינפלוס ווערט אריינגעבראכט אין די אפגעזיהלטע אידישע הייזער ווארימע שטראלען פון דער תורה דורך די קינדער וועלכע גייען אין די ת"ת און דער קאונטרי שוחט איז דאך דער לעהרער פון ת"ת, און זיי, די קינדער ווערען אויפגעוואקסען שטאלצע אידען, באפאנצערט מיט די גייסטרייכע בילדער פון דער אידישער היסטאריע און מיט די גייסטרייכע אידעאלען פון די נביאים און תלמידי חכמים און זיי שטעלען אפ דעם שטראם פון התבוללות.

א דאנק זייערע הייסע רעדעס זיינען געשאפען געווארען ציוניסטישע און הדסה ארגאניזאציעס, וועלכע פולסירען מיט לעבען און געלד פאר'ן נאציאנאל פאנד, קרן היסוד, הדסה און מזרחי.

א דאנק זייער אומערמידליכע ארבייט העלפען זיי די פארשידענע משולחים, קאלעקטארס און סאליסיטארס פון די היגע יוראפיאישע און ארץ ישראל'דיגע אינסטיטוציעס צו עקזיסטירען. ווער קען אויסרעכענען זייער הייליגע און כמעט „מארטירער"-טעטיגקייט?

איך באדריק אבזיכטליך דאסווארט „מארטירער" ווייל ניט אימער זיינען די קאנטרי אידען די בע"ב צופרידען מיט די ארבייט וואס זייער שוחט אדער רעוו. פיהרט זיך ארום מיט'ן משולח אדער אורח צו די בע"ב, און די בע"ב ווייסען אז זייער שוחט אדער רעוו. איז די סיבה פון דיזע אפטע (ניט געבעטענע) געסט, ווייל דארטען, וואו ס'איז ניטא קיין שו"ב אהין קומען ניט קיין צדקה קאלעקטארס.

ווי הויך, ווי געאכט און געשעצט האבען דיזע „כלי קודש" געדארפט זיין ביים פאלק, און דאך שטייען זיי אין הינטערגרונד. זייערע שטעלעס אין די קאונטרים האבען ניט קיין באפעסטיגונג. יעדען מאנטאג און דאנערשטאג קען מען זיי לייענען די פרשת לך-לך, כאטש מען האלט ביי כי תבא. גאנץ אפט ווערט א שו"ב ענטזאגט פון זיין שטעלע ווייל פיליכט האט ער בשוגג פארפעלט א גוט-מארגען צו איינעם פון די

בערג. ניטא קיין אידישע שחיטה אין דייטשלאנד. היטלער וויל אז נאר איין שוחט זאל זיין אין דייטשלאנד, און דער שוחט זאל זיין נאר ער אליין. ער פארגעסט אבער וואס אין דער הגדה שטעהט, אז „ואתא הקב"ה ושחט לשוחט!"... און מיר אלע ווארטען און האפען, אז די ווערטער פון דעם בעל-הגדה זאלען מקוים ווערען אין אונזערע טעג, נאר אין גיכען; אז היטלער דער פסול'ער טריפה'ר שוחט זאל האבען א שרעקליכע מפלה — ווי ער האט דאס כשר פארדינט.

הלואי, רבונו של עולם!...

♣

עס עפערעט די גאנצע וועלט וואס אמעריקא איז ארויס פון דעם גאלד-סטאנדארד, און קיינער ערט ניט וואס פאר די לעצטע עטליכע יאהר זיינען די ישיבות און תלמוד תורה'ס פון אמעריקא ארויס ניט נאר פון דעם גאלד סטאנדארד נאר אויך פון דעם געלט סטאנדארד בכלל, און אלע ישיבות און תלמוד תורה'ס זיינען אין געפאהר צו שליסען זיך, און דער נייער אידישער דור וועט ניט וויסען פון וועמען ער שטאמט, מיר וועלען בלייבען קינדערלאז. און קיינער ערט דאס ניט. וואלטען אונזערע קינדער געווען בשר'ע וואורשטלאך אדער דעליקאטעסען, וואלט מען כאטש גערעדט וועגען זיי. אזוי אבער ווי זיי זיינען קינדער, איז שא שטיל...

הכל תלוי במזל!... וואו זיינען אונזערע פרומע אידען? האט איהר זייער אדרעס?...

# בריעף פון שוחטים

## דער מצב פון שוחטים און כשרות אין אמעריקא

### מאנטרעאל, קענעדע.

צו די אגודת השוחטים דניו יארק רבתי.

אזוי ווי איהר ווילט פאראייניגען אלע שוחטים פון אמעריקא וקאנאדא, און דאס קען נאר זיין ווען אין יעדער שטאט זאלען אלע שוחטים זיין פאראייניגט, דערנאך קענען זיך אלע שטעט פאראייניגען. ביי אונז אין מאנטרעאל האבען זיך עטליכע מאל שוין אנגעהויבען צו פאראייניגען די שוחטי עופות און געטרייעט צו מאכען אן אגודה, אבער צום באדויערען עקזיסטירט זי נים לענגער ווי עטליכע מאנאטען. און יעצט איז שוין ווידער עטליכע וואכען ווי מיר האבען אנגעהויבען אויפסניי צו ארגאניזירען אן אגודה, אבער מיר זעהען נים קיין ערפאלג. עס קען זיין אז עס ווערט ניט גוט אוועקגעשטעלט די ארדנונג. אין מאנטרעאל זיינען פאראן 35 שוחטי עופות און אלע שטייען ביי טשיקען-דילערס אדער בוטשערס. און איינער וויל אויסכאפען ביים צווייטען, און מען קאנקורירט איינער מיט'ן אנדערן. דער פרייז פון שחיטה איז 5 סענט. זיינען פאראן שוחטים וואס שוחט'ן און פליקען פאר 5 סענט, כאפען זיי אריין וואס מעהר בוטשערס און זיי זיינען די ערפאלגרייכע שוחטים און מאכען א סך.

די ארענטליכע שוחטים וואס פליקען נים, ווייל עס איז דא אויך א תקנה פון די רבנים אז מען זאל נים פליקען, מאכען ביי 6 ביז 7 דאלאר א וואך, און די וואס פליקען מאכען 30 דאלאר א וואך.

יעצט ווילען מיר ארגאניזירען די אגודה אויף אזא סיסטעם אז מען זאל איינטיילען די טשיקען דילערס מיט די בוטשערס אזוי אז יעדער שוחט זאל האבען אויף צו מאכען א לעבען און זאל נעמען 5 סענט פאר שחיטה, און קיין שום שוחט זאל נים פליקען. איז די וואס האבען אנגעכאפט א סך בוטשערס ווילען נים אוועקגעבען, און מיר האבען נים קיין מיטלען מיט וואס צו זיין זיכער אז די שוחטים וואס זאגען צו אז זיי וועלען נעמען 5 סענט פאר שחיטה, וועלען דאס מקיים זיין. און וואס וועלען מיר טאן, ווען א שוחט וועט נים מקיים זיין די אלע רעגולאציעס וועלכע וועלען אנגענומען ווערען ביים מיטינג?

יעדענפאלס, אזוי ווי ביי אייך איז מן הסתם אויך געווען אין אנפאנג שווער צו ארגאניזירען די אגודה, און מן הסתם זיינט איהר שוין דורכגעגאנגען די אלע שוועריגקייטען, בעטען מיר אייך איהר זאלט אונז שרייבען אן עצה ווי אזוי איינצוארדענען ביי אונז א ריכטיגע אגודה מיט א ריכטיגער סיסטעם, זי זאל קאנען עקזיסטירען.

ברגשי כבוד,

אהרן ראזענבערג שו"ב,
בשם אגודת שוחטי עופות דפה, מאנטרעאל.

---

### ליבערטי, נ. י.

ווערטהער רעדאקטאר!

אין מיין בריף, וואס איהר האט אפגעדרוקט אין „שוחטים שטימע" נומער 12 פון חודש שבט, האב איך פארגעשלאגען א פראקטישען פלאן, וואס זאל זיין אלס יסוד פאר דעם בנין פון די אגודת השובי"ם דארצות הברית וקנדה. עס איז א פאקט, וואס יעדער בר דעת קאן עס לייכט באגרייפען, דאס אלע איבלען אין מצב השוחטים במדינה הזאת זיינען נור די פאלגען פון דעם עיקר העיקרים וואס יעדער שוחט האט מורא דאס ער וועט בלייבען מחוסר לחם ח"ו. דיזע מורא מאכט זיין שטעלונג ביי יעדער אונטערהאנדלונג (הן מיט דעם מארקעט מאן והן מיט דעם בוטשער והן אויך מיט זיינע בע"ב) שוואכער. וכשזה נופל זה קם ווערט ממילא דער אנדערער צד שטארקער, און דאס איז די אמת'ע סיבה כמעט פון אלע לײדען פונ'ם שוחט, ומכלל הן אתה שומע לאו דאס באם עס זאל זיין א אופן דאס דער שוחט זאל קיין מורא נים האבען אז ער קאן בלייבען אהן ברויט ח"ו וואלט זיין שטעלונג אין יעדען פרט שטארקער געווארען, און דאס וואלט זיין דער פאונדיישאן מחזק צו זיין דעם גאנצען בנין.

אלס מעמבער פון ועד ההחלטות ביי אונזער קאנווענשאן האב איך מיט אלע כחות געטרייעט דעם פלאן ביי דער קאנווענשאן צום אויסדרוק צו ברענגען. מיט גרויס אנשטרענגונג איז מיר געלונגען א גרויסען טייל פון דעם פלאן אלס החלטה צום פלאר

---

כאטש מען האלט ביי כי תבא. גאנץ אפט ווערט א בני סורח (שלא מתו). אין פיעלע שטעטלאך איז נאך פעדלען טעגליך מיט'ן חלף און אנקלאפען אין די טירען און פרעגען ביי יעדער יאכנע אדער יענטע אויב זי דארף שח'טן א טשיקען, און וועה, אויב ער האט חו"ש פארגעסן אמאל.

איז נאך א פראגע צי שוחטים דארפען זיך פאראייניגען אין איין מעכטיגער אגודה, וועלכעס וועט זיי דערהויבן צו דעם שטאנד ווי די חז"ל זאגען, דאס נים נאר רוב מצוין אצל שחיטה מומחין נאר אויך מוחזקין?! עס איז דערפאר קלאר דאס יעדער שוחט מוז בעלאנגען צו די אגודת השוב"ים דאמעריקה וקנדה.

פון קאנווענשאן צו ברענגען. אונזער פרעזידענט, חבר בלום, האט אנגעוויזען דאס דער פלאן דארף ערשט אויסגעארבייט ווערען פון פאכלייטע א. ז. וו. דער פלאן איז דאדורך איבערגעגעבן געווארן צום ועד הפועל אויסצוארבייטען איהם מיט אלע איינצעלהייטען (באמת איז דאס גאנץ דייטליך אנגעמערקט אין מיין בריף).

אבער בעפאר דער ועד הפועל וועט זיך פארזאמלען וויל איך אויסנוצען די שפאלטען פון דער „שוחטים שטימע" צו געבען יעדען חבר פון ועד הפועל די געלעגענהייט צו באקענען זיך ריכטיג מיט די גרענעצען פון דעם פלאן איך זאל האבען צייט צו באטראכטען די פראקטישקייט פון דעם אמת וויכטיגסטען פלאן.

מיר דערלעגאטען ביים שוחטים קאנווענשאן האבען געהערט שילדערונגען פון די צרות און לידען וואס די שוחטי עופות דניויארק רבתי האבען יאהרען לאנג געליטען פון די נידעריגסטע עלעמענטען בפועל ממש ערגער ווי די שווארצע שקלאפען, און ערשט ווען זייער אגודה איז געווארען א פאקט אין לעבען זיינען זיי ארוים מאפילה לאור גדול ומשיעבוד לגאולה.

פרעגט זיך די שאלה, מיט וועלכען כח איז געקומען די געוואלדיגע ענדערונג צום בעסערען? וואס איז געוועזען די אמת'ע סיבה דאס דער זעלבער עלעמענט וואס האט זיי בעפאר אזוי שרעקליך געשטיקט און געדריקט, באהאנדעלט זיי יעצט מענשליכער? האט זיך די נאטור ביי דיזע עלעמענטען געבעסערט? ניין. היהפוך כושי עורו ונמר חברבורותיו? דער אמת איז גאנץ פשוט און פארשטענדליך ווי פאלגט: די שוחטים האבען געזעהן דאס עס איז שוין באו מים עד נפש, האבען זיי מיט איבערמענשליכע כחות געבראכען די חבלי ברזל מיט וועלכע מען האט זיי געהאלטען געשמידט און געשאפען אזא כח דאס קיין שוחט האט ניט מורא דאס מען וועט איהם ארויסווארפען פון זיין פרנסה. און אזוי ווי די מורא איז אוועק חלף הלך לו, האבען זיי ממילא געקענט ווערען וואס זיי זיינען יעצט לע"ה. בלא זה וואלטען זיי נאך ביז יעצט געשקלאפט 20 שעה אין מעת לעת פאר 12 דאלאר א וואך.

יעצט וועלען מיר אנאליזירען די לאגע פון די חברים שוחטים פון אלע אנדערע מקומות, און אז מיר וועלען וויסען און זיך באקענען מיט דער מכה, וועט ניט שווער זיין צו געפינען די תרופה. די שוחטים קאנווענשאן האט געהערט דעם וועה געשריי פון די חברים שוחטים פון פילאדעלפיע אויסגעדריקט דורך די מעכטיגע שטימע פון זייער חשוב'ן דעלעגאט. ער האט געשילדערט דעם טרויעריגען מצב גייסטיג און מאטעריעל פון די 150 חברים שוחטים, וועלכע ער האט ביים קאנווענשאן פארטראטען. עס איז דערגאנגען צו אזא נידעריגע שטופע דאס זיי האבען מורא אנצושליסען זיך אין אונזער אגודה. זייערע ברוטאלע בעלי בתים וועלען זיי דערפאר ארויסווארפען. דער זעלבער דעלעגאט האט געשטעלט די פראגע צו דער חשוב'ער קאנווענשאן: מיט וואס וועל איך יעצט קומען צו מיינע חברים? מיט וואס וועט אוועק די מורא ופחד פאר חסרון לחם ח"ו?

און ער האט געפאדערט פון דער קאנווענשאן! טיילוויז דאס וואס איך האב אין מיין פאריגען בריף פארגעשלאגען. באמת האבען מיינע חברים אין ועד ההחלטות דאמאלס פון מיר געפאדערט איך זאל עפענטליך אויפטרעטען און זאל אפעלירען צו דער קאנווענשאן דאס מיין פלאן זאל אנגענומען ווערען אלס יסוד מוסד פון דעם ריזיגען בנין וואס מיר ווילען בויען. און האבען מודה געווען על האמת אז נור דער פלאן באם ער זאל אויסגעפיהרט ווערען בשלימות האפשרי איז בכח צו זיין א ווירקליכע הילף צו כמעט אלע שוחטים. איך האב עס אבער ניט געטאן ווייל דער ווערטער פרעזידענט, חבר בלום, האט הארציג געבעטען דאס דער פלאן זאל ערשט ביים ועד הפועל דעבאטירט ווערען, ניט ביי דער קאנווענשאן, ווייל עס וועט ארויסרופען צו היציגע דעבאטען. און איך האלט זעהר פון דיסציפלין און איבערהויפט בין איך איינער פון די חברים פון ועד הפועל. דאפיר האב איך באשלאסען ביי דער קאנווענשאן ניט צו ריידען. דאנעגען ביי דער קומענדער פארזאמלונג פון ועד הפועל וועל איך אי"ה אויפהויבען מיין שטימע זעהר הויך און מיט אלע מיינע כחות וועל שטעהן על המשמר, אז דער פלאן זאל אנגענומען ווערען און אז די אגודה זאל דאס מוציא זיין מכח על הפועל במקדם האפשרי. און איך וואלט וועלען באנוצען די געלעגענהייט דאס יעדער חבר פון אונזער אגודה זאל לעזען דיזע צייל ען און זעהן בעאיינפלוסען אלע חברים פון ועד הפועל דאס זיי זאלען העלפען און מיטארבייטען צוזאמען צו פארווירקליכען דעם ריזיגען פלאן וואס איז בכח צו ברעכען די שקלאפען קייטען פון אלע שוחטים.

איך וויל דא נאכאמאל פארמולירען דעם פלאן בקיצור. אין לעצטען נומער פון „שוחטים שטימע" האב איך באריכות געשריבען, יעדער שוחט קאן עס דארט לייענען, זייטע 194.

יעדער שוחט וואס באלאנגט צו אונזער אגודת השובי"ם דארצות הברית וקנדה, זאל פון דער אגודה באזארגט ווערען מיט א אינשורענס פאליסי דאס באם ער פארלירט זיין מצב פרנסה, דורך וועלכער סיבה עס זאל ניט זיין (סיידען דער שוחט איז אליין שולדיג אין דעם) זאל ער קריגען 60-50 פראצענט פון זיין פארדינסט. דאס דארף געמאכט ווערען ווי פאלגט: די אגודה דארף זיך פארבינדען מיט איינע פון די גרויסע אינשורענס קאמפאניעס, און אלס קאלעקטיוו אינשורענס וועט עס ניט זיין צו טייער, דאס באם וועלכער חבר פארלירט זיין פרנסה הן דורך קראנקהייט אדער דורך מחלוקת מיט'ן בוטשער, מיט'ן בע"ב אדער א רב, און לויט זיין פארדינסט דארף ער, למשל, קריגן

288



25 דאָלאר א וואך, זאָל די קאָמפּאני דארפען צאָהלען צוויי־דריטעל און די אגודה זאָל דארפען צאָהלען איין־דריטעל. דאָס וועט פּראָטעקטען די קאָמפּאניע פון יעדען מין שווינדעל. ווארים באם אז די אגודה וועט דארפען צאָהלען וועט זי שוין אנווענדען אלע מעגליכע מיטעל זי זאָל ניט דארפען צאָהלען. און אויך אז דער שוחט וועט נור קריגען 50 אדער העכסטענס 60 פּארצענט פון זיין פאַרדינסט, וועט ער טרייען אלע אופנים האפשרים אז ער זאָל בלייבען אויף זיין פּלאַץ. די פּאָליסי וועט נאָר פארשטארקען די פּאָזיציע פונ'ם שוחט מיט דעם וואס ער וועט זיכער זיין דאָס איך שיהיה וועט ער ניט בלייבען מחוסר לחם ח"ו וממילא קאָן דאָס אויך זיין דער כח הקיום, דער צעמענט פון דעם בנין. עס וועט האלטען אלע באטייליגטע הן די פיהרערס פון דער אגודה און אויך די מעמבערס זעהר אקטיוו דורך די פליכטען וואס איינער האָט צום צווייטען.

זעלבסטפארשטענדליך דאס יעדער שוחט וועט דארפען צאָהלען א געוויסע פּרימיום לויט זיינע יאהרען און לויט זיינע פאַרדינסטען און אפשר אויך לויט זיינע געזונדהייטס אומשטענדען, לויט די אינסטראקשאָנס פון די אינשורענס עקספּערטען. אבער דאָס זיינען נור טעכנישע פראגען וואס דארפען פארהאנדעלט ווערען ביים ועד הפועל. און עס וועט יעדען שוחט ווערטה זיין צו צאָהלען די פּרעמיום. יצא הפסדו בשכרו.

איך האָף צו זעהן בקרוב אלע נויטיגע פארבעסערונגען אין דעם שוחטים מצב, און ווינש דאס אונזער בנין זאָל זיין בר קימא. זאָל מאריך ימים זיין ותחזינה עינינו בשוב השי"ת שבות ציון וירושלים.

ברגשי כבוד,

אברהם אוללמאַן, דליבערטי, נ. י.

---

ווערטהער רעדאקטאָר!

אין דער פראגע ווי צו העלפען באוואָרענען די שוחטים, וואלט איך וועלען אויך ארויסזאגען וואס איך דענק און פיליכט וועט עס געפעלען ווערען. איך בעט צו געבען פּלאַץ פאר דיזע ווערטער אין אייער ווערטהען זשורנאל.

די שוחטים, ספּעציעל אין דער פראווינץ, אין די קלענערע שטעדטלאך, זיינען דאָס רוב אנגעוויזען בלויז אויף די חסדים פון די בוטשערס, און אין מאַנכע שטעטלאך דארפען זיי זיך חנפ'ענען אויך צו די בעלי־הבתים מיט דעם פּרעזידענט, און נישט זעלטען אויך דער פּרעזידענטיכע, און עס מאכט זיך גאנץ אָפט אז אין א שעהנעם פריהמאָרגען, אויב דער שוחט געפינט ניט די לייטזעליגקייט אין זייערע אויגען, הייסט מען איהם אין גאנצען מוחל זיין און מען לערנט מיט איהם די פּרשה לך לך. אדער מען פארשאפט איהם אזוי פיל צרות, מען גיט איהם אזעלכע קעסט, דאס ער מוז נעבאך אליין אנטלויפען. דארף דער פּראווינץ שוחט האָבען ווער עס זאָל זיך פאַר איהם אנענעמען, ווער עס זאָל פאר איהם ריידען א גוט ווארט, און א מאָל אויך א הויך ווארט, לערנען מיט זיי אביסל דרך ארץ, לויט ווי עס פאדערען די אומשטענדען, און עס קען זיך מאכען דאָס עס דארף קאסטען געלד. דאָס מיינט אז דער פּראווינץ שוחט דארף האָבען מאנכעס מאָל שטיצע פאר זיין היינט, פאר זיין עקזיסטענץ, אום ער זאָל נישט ארויסגעווארפען ווערען, ער זאָל נישט בא'גזל'ט ווערען אין זיינע שכירות.

אויך דארף יעדער שוחט, סיי פון די גרויסע שטעט און סיי פון דער פּראווינץ זיין פארזארגט אויף זיין עתיד, אויף דער עלטער, ווען ער קען שוין קיין שוחט נשיט זיין, אדער אין פאל פון א סיבה, א רדענס, אדער חלילה א טויטען פאל, זאל ער זעלבסט אדער זיין פאַמיליע זיין פארזארגט מיט א געוויסער סומע, דאס ער זאָל נישט דארפען פאלען צו לאסט און חלילה אָנקומען צו צדקה.

איז מיין מיינונג, דאס אזוי ווי די צוקונפטיגע יוניאן פון אלע שוחטים פון יונייטעד סטייטס און אמעריקא און פון קאנאדא וועט באשטיין פון בערך צעהן טויזענט שוחטים, כן ירבו, זאָל יעדער שוחט צאָהלען א טעקס צו דער יוניאן און דאס געלט וועט געהן אויף צו העלפען די שוחטים אין פאל פון א סכנה פאַר זיין עקזיסטענץ און זיין היינט, זיין הוה, און באוואָרענען איהם פאר זיין עתיד, למשל, אויף דער עלטער, אדער אין פאל פון א סבה ר"ל, וואס ער קען צוליב דעם שוין מעהר קיין שוחט ניט זיין. זאָל די יוניאן פארוואלטונג אינשורען אלע שוחטים אלס א גרופּע, אזוי ווי עס איז אָהן אן עין הרע א גרויסע גרופּע פון צעהן טויזענט מענשען, וועט עס קאָסטען נישט טייער און מען וועט באקומען זעהר גוטע רעזולטאטען. מיר דאכט אז דאָס איז גוט און פּראקטיש.

ברגשות כבוד,

„הלל בן שחר".

---

## דענווער, קאָל.

לאגודת השוחטים בניו יארק!

מיר מאכען באקאנט אז אלס אגודת השו"בים פון דענווער, באשטעהענד פון 8 שוחטי עופות און שוחטי דקות וגסות, זיינען מיר אינטערעסירט אנצושליסען זיך אין אייער ארגאניזאציע. מיר אלס שוחטים אנערקענען מיר די גרויסע נויטווענדיגקייט און וויכטיגקייט פון א נאציאנאלע אגודת השו"בים פון גאנץ אמעריקא. דאָס הפקרות אין דיזער פּראפעסיאן איז שוין ווייט אריבער יעדע גרעניץ. מענשען מיט נידעריגע כאראקטערע האָבען זיך אָנגעהויבען צו באשעפטיגען זיך מיט דער מלאכה הס', און זיינען משיג גבול די היימישע שוחטים און מאכען די פּראפעסיאן

ווי א פערלעריי ביזנעס. איך גלייב אז ווען אלע שוחטים אין אמעריקען זאלען זיין פאראייניגט אין איין נאציאנאלע יוניאן וואלט זעהר פיעל גוטעס געשאפען געווארען פאר דעם בענעפיט פון די שוחטים. און דערפאר מוז יעדער שו"ב בעלאנגען צו די אגודת השו"בים דאמעריקא וקנדה.

מיט אכטונג,

בצלאל שו"ב העללער,

מזכיר לאגודת השו"בים בדענווער.

---

## קליוולאנד, אהייא.

אונזער ארטאדאקסישע קליוולאנד געהט יעצט, ממש, אויף רעדלאך. דער מחלוקת פייער איז יעצט אין ריכטיגען ברען, דער זלזול פון רבנים אויף רבנים, דער בזיון התורה ר"ל, רייסט פשוט באם הארצען יעדען אידען, וועלכער אידישקייט איז ביי אים ליב און טייער. ס'איז א חרפה פאר'ן פאלקס-מענש, וועלכער גלויבט נאך עטוואס דעם רב. ער ווייסט אז דער רב פסקנ'ט כשר, דארף זיין כשר, דער רב זאגט טריפה, דארף זיין טריפה. ער האלט אז ס'איז דא איין שלחן ערוך פאר אלע אידען און אלע רבנים. אבער אז איין רב זאגט טריפה, זאל א צווייטער זאגען כשר, דאס קען שוין דעם פאלקס-מענשענ'ס מוח ניט באנעמען, כאטש גאה לערן מיט יעדען אידען פונ'ם פאלק ש"ע און מאך פאר אים קלאר אלע הקישים, פלפולים, קושיה'ס והוויה'ס פון יו"ד און ח"מ, און אויך דאן וועט אפשר דער פאלקס-מענש ניט משיג זיין וואס ס'קומט פאר ביי רבנים און ער וועט נעבאך תמ'עוואטע פרעגען: איז טאקע כשר, טריפה? איז טאקע טריפה, כשר?... און וואו די פראגען פונ'ם פאלק, און די זלזולים פון רב צו רב קומען פאר, ווייסט איר וואו? טאקע דוקא אין דער עפענטליכקייט, אין דער היגער אידישער צייטונג, אלע לעזען און טומלען זיך, וכדי בזיון!... די סיבה פונ'ם מחלוקת איז פאלגענדע:

צוויי היגע שוהלען האבען בשותפות אראפגעבראכט א באוואוסטען רב, און ווי די מאדע איז, מוז א באוואוסטער רב באלד נאך זיין אנקומען אין א שטאט אריין, פרואווען זיין מזל, איינצופיהרען כשרות אויף זיין שטייגער, ער מוז עפעס נייעס אויפטאן, אזוי האט אויך דער באוואוסטער רב געטאן. ער האט באלד ארגאניזירט א ועד הכשרות פון בעלי בתים דעלעגאטען פון עטליכע שוהלען. ליידער אבער ניט פון אלע שוהלען. דיזער ועד הכשרות מיט דעם רב בראשם האבען צוגעצויגען צום ועד, איינינע היגע רבנים, אבער אויך, ליידער, ניט אלע רבנים. דארף דאך דער ועד הכשרות געלד אנצושטעלען משגיחים אויף כשרות, אויך וויל דער ועד ארויסהעלפען די היגע צוויי ישיבות וועלכע זיינען היינט זעהר אין א קריטישער לאגע, האבען זיי צוגעצויגען די היגע אגודת שוחטי עופות צום ועד הכשרות. די אגודה האט זיך מתחייב געווען אראפצוגעבען 2 סענט פון יעדען גע'שוחט'ענעם עוף צום ועד הכשרות (ביי אונז איז 10 סענט א עוף שחיטה-געלט). בתנאי, אז די אגודת הקהלות מיט די רבנים בראש, דארפען ווירקען אויף דער ארטאדאקסיע, אז שחיטה געלד פון יעדער עוף מוז באצאהלט ווערען ניט וויינינער פון 10 סענט, פון וועלכע דער ועד הכשרות קריגט דורך א צונעטשעפעטען רינגעל צו יעדען עוף 2 סענט און דאס איז דער מקור המשפיע פון געלד אנצוהאלטען משגיחים און שטיצען די ישיבות איז דאך דאכט זיך וואויל און פיין, האבען זיי אבער ניט באמערקט, ניט די אגודות הקהלות, ניט די רבנים, ניט די אגודת שוחטי עופות, אז ניט אלע שוהלען, ניט אלע שוחטי עופות זיינען מיט זיי, און זיי האבען ארויסגעגעבען א איסור סיי אויפ'ן עוף, סיי אויפ'ן שוחט, וועלכער וועט ניט אנטשעפען א רינגעל צו יעדען גע-שחט'ענעם עוף, וועלכעס מען קויפט פאר 2 סענט ביי דעם ועד הכשרות. איז ארויס א שוחט, אין וועמענס פלאץ ס'קומט אריין רוב מנין ורוב בנין פון שחיטת עופות אין קליוולאנד, און דער שוחט ניט געבענדיג אכט צו דעם איסור, וויל קיין רינגלאך ניט געבען. זיינען דאך זיינע געשחט'ענע עופות טריפה, און ער, דער שוחט, שחט'עט באיסור, איז געווארען א ויצעקו. איז ארויס א רב מיט א מודעה אין צייטונג, אז דער שוחט איז כשר און זיינע גע'שחט'ענע עופות זיינען כשר, ויאכלו ענוים וישבעו... נו, ווי מיינט איר, טומלט זיך דאס אביסעל, זלזולים אויף רבנים, פון רבנים, זידלערייען, שמוץ ווארפעריי, בזיון התורה ר"ל, אז ס'איז אוי לאזנים שכך שומעות!

איינס איז וויכטיג צו באמערקען, דאס גראדע די רבנים מובהקים פון קליוולאנד, די גרעסטע קהלות פון שטאט, די רייכסטע שוחטים, וועלכע האבען דעם רובא דרובא פון שחיטת עופות, זיינען געגען דעם ועד הכשרות. פרעגט זיך יעצט: וועט זיך ניך נעמען א סוף צו דעם מחלוקת? וועט נאך, חס ושלום, לאנג דויערען דער חילול השם און בזיון התורה ר"ל? ד' יודע...

א איד.


### אונזער נייער אדרעס

מיר קריגען פילע בריף אויף אונזער אלטען אדרעס, לאזען מיר ווידער אמאל וויסען, דאס מיר האבען זיך אריבערגעקליבען אין אן אנדער דירה, וואו עס געפינט זיך דער אפיס פון דער שוחטים יוניאן און אויך פון דער „שוחטים שטימע".

ווענדעט זיך צו אונז אויפ'ן נייעם אדרעס:

233 East Broadway, New York, N. Y.

Telephone ORchard 4—1938-9602

# וואָס ארץ ישראל מיינט

פון דר. אברהם לבבסקי

## ערשטער קאַפּיטעל
## „ארץ ישראל" אלס נאָמען

די נעמען „ארץ ישראל" אָדער „ארץ הצבי" האָבען אימער געדינט פאַר דאָס אידישע פאָלק אלס באַגריפע נים נאָר אין טעריטאָריאלען זין זאָנדערן אויך און איבערהויפּט אלס פּסיכאָלאָגישע קאָנצעפּציעס.

ארץ כנען, ארץ שבע אומות, ארץ פלשתים, אָדער ווי מען רופט עס היינט „פּאַלעסטיין"; מעג יעדערער פון זיי זיין א פּאַסענדער נאָמען פון היסטאָרישען שטאַנדפּונקט, אָבער דאָך ענטהאַלטען זיי נים דעם אמת נשמה'דיגען תוך און וואַרימעם געפיהל וואָס די נעמען „ארץ ישראל" אָדער „ארץ הצבי" ענטהאַלטען.

ווען מיר לערנען די געשיכטע פון אברהם'ס אויסוואַנדערונג פון אור כשדים נאָך „ארץ כנען" — נאָך בעפאָר מיר דערגרייכען צו א נאָמען „ישראל" — האָבען מיר שוין דעם געפיהל פון עפּעס אַן „אייגענע לאַנד", א סאָרט „אברהם-לאַנד", נאָמ'ס „אויסדערוועהלטער ווינקעל", און ווען מיר שפּרעכען אוים דעם נאָמען „ארץ כנען" פיהלען מיר אז לאו שמא גרים... דאָס איז נאָר א זייטיגער נאָמען פאַר אונזער אייגענטום וואָס איז באַשטימט געוואָרען נאָך משׁשת ימי בראשית.

די אַלע זייטיגע נעמען זיינען געווען און וועלען פאַרבלייבען נאָר אלס טעריטאָריעלע טערמינען פאַר א באַגרעניצטען שטח וועלכעס קען קיינמאָל נים געענדערט ווערען, אָבער די נעמען „ארץ ישראל" אָדער „ארץ הצבי" באַזיצען א וויטלויפענדען שוואונג און הויכען באַגריף און סימבאָליזירען נים נאָר א טעריטאָריאַלען טערמין נאָר אויך און איבערהויפּט א גייסטיגעס וועזען און נשמה'דיגען געגוס סיי פון רעליגיעזען שטאַנדפּונקט און סיי פון נאַציאָנאַלען באַנעהר, סיי אַלס א שאַץ פון דער פאַרגאַנגענהייט און סיי אַלס אידעאַל פאַר דער צוקונפט.

„ארץ ישראל" מיינט נים נאָר א לאַנד פ א ר ישראל, זאָנדערן אויך א לאַנד ג ל י י ך צו ישראל. אַזוי ווי דאָס פאָלק ישראל איז נצחי, אַזוי אויך זיין לאַנד. „ארץ הצבי" מיינט נים נאָר א גלוסטיגעס לאַנד, זאָנדערן אויך א לאַנד ג ל י י ך צום צבי (כדרשת חז"ל), א טערמין וועלכעס דריקט אוים א הרחבת גבולין, א התפשטות השטח, ווי עס איז געווען בימי דוד ושלמה און ווי מען קען האָפען אויף נאָך מעהר אין דער צוקונפט.

זעהען מיר, אז די נעמען „ארץ ישראל" אָדער „ארץ הצבי" רעפּרעזענטירען אַם בעסטען אונזער אידעאַליסטישע שטרעבונג, אין וועלכער עס ליגט פאַרבאָרגען דער „סוד הקיום" סיי פאַר די „ארץ" און סיי פאַר דעם „ישראל"; ווייל ווען א פאָלק פאַרעקשנ'ט זיך און האַלט זיך פעסט ביי א „ארץ" מיוחדת, נים קוקענדיג אויף די שווערע נסיונות און ליידונגען וועלכע ער האָט אויסצושטעהן צוליב זיין „ארץ'דיגען" אידעאַל, איז א סימן מובהק אז זיין יצירה איז געווען בבחינת „עפר מן האדמה", גענומען געוואָרען פון יענע „ארץ", און סוף כל סוף מוז ער צוריק זיך איינפלאַנצען דאָרטען.

דעסגלייכען א „ארץ" וועלכע פוסטעוועט אָפּ טויזענדער יאָהרען, נים קוקענדיג וואָס פילע אַנדערע פעלקער האָבען איהר באַזעסען און געטרייט איהר צו קולטיווירען, און מיט אַמאָל, ווי נאָר דאָס אידישע פאָלק האָט אָנגעהויבען אריינשטעלען אהין א פוס, האָט זי זיך צובליהט — איז א סימן, אז די „ארץ" פיהלט זיך צופיל עמפּפינדליך און קען נים פאַרטראָגען קיינע אַנדערע פעלקער — נים די ידי עשו און נים דעם רובה קשת... אפילו די בני עשרת השבטים זיינען ביי איהר קנאַפּע מיוחסים. אַזאַ „ארץ" וויל און מוז האָבען א מנוחה'דיגעם פאָלק, א קול יעקב. זי ענטבעהרט איהר אירדישען כח נים נאָר מיט דער קראַפט פון פיאַש מיט'ן גראָב-אייזען, נאָר דער עיקר, ווייל בשעת מען גראָבט אין איהר ווערט זי באַזונגען און באַנעצט מיט דעם הייסען שווייס פון א פאָלק וועלכעס קען טשעמפּיאָנעווען אין די גאַנצע וועלט אַלס דער גרעסטער און שטאַרקסטער שוויצער...

דאַרום דרינגען מיר דערפון, אז „ארץ" און „ישראל" מוזען אימער געהן האַנד אין האַנד, געבונדען און געפלאָכטען צוזאַמען „ארץ-ישראל". און דאָס קען קיינמאָל נים פאַרביטען ווערען אויף אַנדערע טערמינען.

---

## תלמודישע ווערטלאך

פון אחד השוחטים המרגישים

ביי די לערנער איז די תורה באַליבט אַלע זייערע יאָהרען, פונקט ווי אין טאָג ווען זי איז אויפ'ן באַרג סיני נעגעבען געוואָרען. (ברכות, ס"ג).

אידען זיינען ביי גאָט מעהר געשעצט ווי די מלאָכים אויבען; די מלאָכים זאָגען שירה איינמאָל אין טאָג, און אידען טוען איהם יעדע שעה לויבען. (חולין, צ"א)

# השומר

ירחון מוקדש לחזוק התורה והיהדות לבירו
ולבון שאלות החיים על פי רוח התורה והאמו

יוצא לאור ע"י אגודת שוחטי עופות דניו יארק רבתי במדינת אמעריקא.

הרב שמריהו ליב הורוויץ, העורך


## אחרי הועידה

הנה נתקיימה בז' אדר תרצ"ג ועידה היסטורית גדולה וחשובה עד מאד מאת השוב"ים דארצות הברית וקנדה, הועידה הצליחה, נתקבלו החלטות חשובות עד מאד, הלואי שתתגשמנה בחיים בזמן קרוב באופן הכי טוב והכי יפה. וביחוד יש לשמוח על ההחלטה רבת הערך: לאחד ולארגן את כל השוב"ים דארצות הברית וקנדה באגודה אחת מוצקה בעלת השפעה כלפי פנים וכלפי חוץ. וכבר נתאספו חברי ועד הפועל הגדול של אגודת השוב"ים דארצות הברית וקנדה והחליטו לגשת אל עבודה פוריה באמת.

השער של היכל התורה והקדושה ושמחת החיים בעולם השוב"ים היה סגור, ועכשיו על ידי התאחדות הכחות נפתח השער, וחכמי המשנה ז"ל ברוח קדשם אמרו (מס' תמיד, פרק ג', משנה ז') „לא היה **שוחט השוחט** עד ששומע קול שער הגדול שנפתח, מיריחו היו שומעין קול שער הגדול שנפתח". והנה השוב"ים דארצות הברית וקנדה **שמעו** קול השער שנפתח. זה השער להשוב"ים שבאמריקה, שוב"ים מובהקים ומומחים בני תורה ויראה יבואו בו. עכשיו הגיעה השעה באמת **להתאחד**, להסתדר, לאחד את כל הכחות שיש לנו לכח אחד גדול נאדר ונהדר בקודש.

ובמס' מדות, פרק א', משנה ב', „איש הר הבית היה מחזר על כל משמר ומשמר ואבוקות דולקין לפניו, וכל משמר שאינו עומד, אומר לו איש הר הבית, שלום עליך! ניכר שהוא ישן, חובטו במקלו, ורשות היה לו לשרוף את כסותו, והם אומרים מה „קול" בעזרה? קול בן לוי לוקה, ובגדיו נשרפים שישן לו על משמרו".

השוב"ים באמריקה **שומרים** את משמרת הקודש באמונה, אבל עת לעשות היא, אל שינה ואל תרדמה, ומי שהוא ישן בזמן הזה, יש צורך לחבוט במקל ולשרוף את כסותו, כסות השו"ב, אסור לשו"ב מובהק ומומחה לישון על משמרו, ומי שישן לוקה, ומה הקול בעזרת השוב"ים באמריקה? **קול השוב"ים** הוא (די שוחטים שטימע) קול שמעיר את הישנים, קול שהוא **קול החיים**, קול שקורא למלחמה בעד כל היקר והקדוש לנו.

כשלא היו השוב"ים מאורגנים ומאוחדים לאגוד אחת, היו **הרבה** „קולות", אבל **קולות בלת נשמעים**, עכשיו יש לנו **קול אחד**, קו השוב"ים המאוחדים („די שוחטים שטימע"), והקו הזה בוקע רקיעים, עושה רושם, מעיר נרדמים, מעור נחשלים, עושה גדולות ונפלאות, קרא לועידה היסטורית חשובה, גרם ליצירת אגודה ארצית גדולה ועוד ידו נטויה, והרבה צפון בחיק העתיד, ובלבד שיתנו השוב"ים את ידם לנו, יד כהה עכשיו, אבל **יד חזקה** בעתיד קרוב.

ובמס' קנים, פרק ג', משנה ו', „א"ר יהושע כשהוא **חי קולו אחד**, וכשהוא מת קולו שבעה, שתי קרניו, שתי חצוצרות, שתי שוקיו, שני חלילין, עורו לתוף, מעיו לנבלים, בני מעיו לכנורות".

**כשהוא חי קולו אחד**, השו"ב באמריקה נזדעזע, הקיץ המת, קם לתחיה, ו„כשהוא **חי קולו אחד**". („די שוחטים שטימע") „קול השוחטים" מרכז סביבו מיטב הכחות שלנו, כחות ספרותיים וכחות של בעלי השפעה. ואל נא יצחקו וילעגו בעלי הבטול וה„איפכא מסתברא" שלנו. יבוא יום ו„אבן מאסו הבונים היתה לראש פנה" ומאת ה' תהיה זאת לנו. השו"ב שהוא עמוד ברזל ויסוד היסודות בבנין היהדות צריך להיות מאושר בחייו ולא אומלל ובודד כמו שהיה עד עכשיו, ואין מי שעודד את רוחו.

ברוכים העובדים!

ואל נא תרפינה ידיכם! כל התחלות קשות. התחלתם בעבודה פוריה וקדושה: **אחוד הכחות**, המשיכו את עבודתכם. בעקשנות ובמרץ, בבטחון, בתקוה ובאמונה חזקה בה' שישלח את עזרתו מקודש לעובדי עבודת הקודש.

ואלה שרוצים בבנין נהדר בקודש, שולחים את ברכתם **לאגודת השוב"ים דארצות הברית וקנדה** ולחברי הועד הפועל הגדול ומוכנים להושיט לכם יד אחים, עזרה מוסרית, ויהא חלקנו עמכם בעולם הזה ובעולם הבא, בהוה ובעתיד.

הלאה יאוש, הלאה רפיון ידים, תנו לנו **חלוצים** אדירי אמונה ופועלי אמת שפעולתם אמת, ומהם ועל ידם יבנו השוב"ים בארצות הברית וקנדה.

שמריהו ליב הלוי הורוויץ.

# מוסר התורה

ילקוט קטן של מוסר השכל וטוב טעם, דעות ומדות שנמצאים בפסוקי התורה, עם רעיונות יפים עמוקים ודקים, על חמשה חומשי תורה.

## א) בראשית.

תנן, הקנאה והתאווה והכבוד מוציאין את האדם מן העולם, כי הם הוציאו אדה"ר וכל זרעיו לדורות מן העולם, הנה הקנאה והתאווה לחוה, וכן חוה ראתה כי **תאוה** לעינים... ורדפה אחר **הכבוד** להיות כאלהים. עוד לקחת מוסר להראות כל עמל האדם **לפיהו**, דהיינו **לשון הרע**, וגם **מאכל פיהו האסור לו**. לכל היתה תקנה זולת לנחש שדברה לשון הרע. ואדם וחוה חטאו במאכל האסור להם, ועץ אשר תדע כי לא עץ מאכל הוא אותו תכרות... ע"כ להזהר מאד בקדושת מאכלים שלא יהיה בו נדנוד ספק ספיקא. יחזקאל הנביא לא אכל מבהמה שהורה בה חכם, רק כל אכילתו בקדושה שבמותר, וכמו שהאכילה מסטרא דשמאלא גורמת מיתה, כן האכילה הקדושה הנרמז במה שאמר מכל עץ הגן תאכל, והרמז — אם כל חי, אם כל, אותיות מאכל.

וילמוד כל אדם מקונו להיות נדיב לב, להיטיב לזולתו מצד נדבת לבו, לא על מנת לקבל גמול, כי זה אינו נקרא נדיב רק **סוחר**, כי חושב: אני לדודי ודודי לי, וילמוד מהקב"ה אשר ברא את העולם מצד נדבתו להיטיב לזולתו, להנבראים, ואין צורך להקב"ה בהעולם, רק בראו בנדבה, רצה להמציא מציאות שיקבלו טובה ממנו.

עוד יש ללמוד מהקב"ה ולקחת מוסר השכל ממדת **הענוה** מהש"י שהיה נמלך בקטן, כמו שפירש"י בפסוק נעשה אדם בצלמנו (של"ה).

**קנאה**. — הקנאה היא מדה מגונה ושפלה עד מאד, ושומר נפשו יתרחק ממדה רעה זו. המקנא מצטער תמיד בטובת אחרים, ועינו רעה בהצלחת חברו, ולפעמים מתוך קנאה הוא שמח ברעה אשר תמצא לרעהו. הקנאה מוציאה את האדם מן העולם. וכל מי שיש לו קנאה בלבו עצמותיו מרקיבות, שנאמר (משלי י"ב ל') ורקב עצמות קנאה.

המקנא גרוע מן החמדן, ומעשה במלך אחד שאמר למקנא ולחמדן: שאלו ממני מה שאתם רוצים ואני אמלא את רצונכם. החמדן שאל, שיתן לו כפלים מכל מה שיתן לחברו; והמקנא שאל: שינקרו לו עין אחת, כדי שינקרו לחברו שתי עינים.

הקנאה מביאה לשנאה ולכל הרעות שבעולם, ואין לך מדה רעה הימנה, ואמרו עליו על עוף אחד, שהוא מלא קנאה מטבעו, שאפילו כשהוא רואה את בניו שמשתמנים הם, הוא מתמלא קנאה להם ומכה אותם בחרטומו, עד שהם מכחישים, וכן אמר שלמה המלך בחכמתו: ומי יעמוד לפני קנאה (משלי כ"ז ד').

נחש הקדמוני קנא באדם וחוה, וחפץ להרוג את אדם ולישא את חוה, והקב"ה אמר לו: ארור אתה וכו', על גחונך תלך (בראשית ג' י"ד).

אין מספר להמאמרים שבספרות התלמודים, המדרשים, הלקוטים וספרי מוסר שמדברים בגנות מדת הקנאה, שהיא מדה רעה עד מאד.

**והתאוה** — מעיד אני עלי שמים וארץ, שלא נתקבצו בני אדם למיתה, ואין כל בריה יורד לידי צער, אלא מתוך אכילה ושתיה ושמחה, שאדם אוכל ושותה ומשמח הוא עם אשתו ובניו ועם בני ביתו עד שהוא נפטר לבית עולמו (תנא דבי אליהו זוטא פ"ג).

כל הנותן ארבעה דברים על לבו הרי זה חוטא: העושר, והאשה, ויצר הרע, והריב (ברייתא דמס' כלה). תנא, יצרו של אדם מתגבר עליו בכל יום, שנאמר וכל יצר מחשבות לבו רק רע כל היום, מכאן דרשו רבותינו: הרהור מביא לידי תאוה, ותאוה מביאה לידי אהבת, ואהבה מביאה לידי רדיפה... ורדיפה מביאה לידי מעשה, להודיעך כמה קשה חזרתו מזו לזו, וכנגדן בתשובה פרישות מביאה לידי זהירות וכו' (שם). ברזילי הגלעדי שטוף בזמה היה, וכל השטוף בזמה זקנה קופצת עליו (שבת קנ"ב). א"ר יוחנן, אבר קטן יש באדם משביעו רעב, מרעיבו שבע (סוכה נ"ב). אמר רב נחמן הרהורי עבירה קשין מעבירה (יומא כ"ט).

לשעבר אם לא היה אדם רואה לא היה מתאוות, ועכשיו בין רואה ובין אינו רואה הוא מתאווה (פסיקתא רבתי פט"ו). האשה תובעת בלב והאיש תובע בפה (עירובין ק'). זה יצרו מבחוץ, וזו יצרה מבפנים (כתובות ס"ד). אין אדם יוצא מן העולם וחצי תאותו בידו, אית ליה מאה בעי דיעבדון תרתי מאה וכו' (קה"ר פ"א י"ג). הנותן עיניו באשתו שתמות ויירשנה או שתמות וישא את אחותה, לסוף היא קוברתו (תוספתא סוטה פ"ה, אד"ר פ"ג).

**הכבוד**. — א"ר נחמן גסות הרוח שהיתה בו בירבעם טרדתו מן העולם וכו'. תפשו הקב"ה לירבעם בבגדו א"ל חזור בך, ואני ואתה ובן ישי נטייל בגן עדן, א"ל ומי בראש? א"ל בן ישי בראש, אמר אי הכי לא בעינא... (סנהדרין ק"ד).

אותן ארבעים ושנים אלף שנהרגו בימי יפתח הגלעדי מפני מה נהרגו? יפתח נדר שלא כהוגן, היה לו ליפתח לילך אצל פנחס ויתיר לו נדרו, ולא הלך, זה אמר: אני ראש לכל ישראל ואלך אצל זה? זה נוהג גדולה בעצמו וזה נוהג גדולה בעצמו. אוי לה לגדולה שקוברת את בעליה, אוי לה לגדולה שלעולם אינה גורמת טובה. (תנא רבי אליהו רבא, פרק י"א).

כל מי שבורח מן השררה השררה רודפת אחריו. שאול ברח מן השררה, בשעה שבא למלוך הנה הוא נחבא אל הכלים, וכשבאו ואמרו לו דבר המלוכה א"ל

# גאוה, ענוה וגאון לאומי

מאת הרב שמואל ד. מהרש"ק,
שו"ב בראָטשעסטער, נ. י.

ישראל עזים שבאומות. אמר ר' אמי, אתה סובר שהוא לגנאי ואינו אלא לשבח (שמו"ר פ' מ"ב).

חברה, אגודה, קהל, עדה: אלה הם שמות לקבוץ של יחידים, המון פרטים רבים, המתאגדים יחד בשביל שאיפה אחת כללית, אשר בכחותיהם הפרטיים אין לנשמה.

גוי, אומה או עם: זהו הרכבה של קבוצים פרטיים, של אגודות הנפרדות למטרות שונות, וגם של יחידים העומדים מחוץ למפלגות השונות, והרכבה זי מחברת אותם יחד לחטיבה אחת כללית הטבועה בחותם לאומי, שבכחו ללקט ולאסוף את הכחות האינדיבידו־אליים, את הניצוצות המפוזרים בלב כל יחיד ויחיד ולעשותם לעמוד אש גדול, המאיר לפניהם את דרכם והשומר עליהם מאבני נגף וצורי מכשול.

רגש לאומי: זהו הכח הכללי המביא את הרעיונות והמחשבות שבלבות הפרטים, היחידים והקיבוצים — לידי בטוי, נותן להם עוז ועצמה לצעוד לבטח דרכם, מעורר בהם מרץ ורצון, ובורא את היכולת ואת האמצעים לסדר את חייהם גם על יסודות חברתיים ואידיאלים מוסריים.

נמצא, שכל פרט ופרט הוא חלק מהכלל, כל יחיד ויחיד הוא אבר מהגוף הכללי, הנקרא „עם" ו„אין בכלל אלא מה שבפרט", כלומר, אין הכלל בא להוסיף על מדותיו ותכונתו של הפרט ולא לשנות את טבעו ומהותו, כי אם שומר הוא על אפים ותכונתם של הפרטים, מפתח את כשרונותיהם לפי דרכם, טבעם, רוחם ומהותם, ובהתלכדם יחד להרמוניה אחת כללית, היא מקבלת צורה של תכונה וצביון לאומי, המבדילה אותם מיתר העמים.

אפס, שלא כל המדות הנאות להפרט יפות הנה גם להכלל, וישנן הרבה מדות מגונות של פרט הן מזיקות ומשפילות את ערכו, והן הנה השומרים המגינים על התמדת קיומו של הכלל, אלו הן סם החיים הנותן לעם כח ואון להחזיק מעמד ולבלי ליפול תחת תנאי המקום הסובבים אותו והמכבידים עליו.

שפלות־רוח, בושה, הכנעה לפני גדול ממנו, וויתור, העברה על מדותיו וסבלנות: אלה הן המדות הטובות שמנו חכמים באיש פרטי, אולם, אוי לו לעם אם אלה לו; עם שאינו מעריך את ערכו ואינו מתימר בכבודו, כי אם חושב את עצמו לשפל ונבזה וכתולעת זוחלת הוא מרכין את ראשו, כופף את קומתו ומכניע את רוחו בפני העמים התקיפים שהשעה משחקת להם, בדומיה הוא סובל את הלהג והשיקוצים שהם משליכים עליו, ובלבו הוא מודה על שפלותו ודלות מהותו ונותן צדק ללענם, — עם כזה לא ירבה ימים, אך ילך הלוך וקטן, הלוך ומתנוונה, עד כי ירד מעל במת החיים.

אם אָמנם שיהירות־שוביניסתית, בבחינת „אני ואפסי עוד" ו„כל הגויים כאין נגדי", מעידה על עריצות־פראית בעם, הנוטעת בלב בניו עזות וגסות־רוח, ועם כזה כורה בבלי דעת שוחה לרגליו — בה יפול, מרבה לו שונאים ואויבים המחכים לאסונו ושמחים לאידו; אולם גאון לאומי, עם המתפאר באלהיו, בתורתו, בנימוסיו, במדותיו, בשפתו ובמצבו התרבותי, עם שאינו שוכח מי הוא, מעריך את ערכו העצמי, מתימר בכבודו ומתפאר בקניניו, — עם כזה יש לו זכות־הקיום, הוא לא יטמע בין הגויים ולא יהיה נבלע במלתעות הכפירים התקיפים הרוצים להדקו ולגרד את עצמותיו, עם כזה גם בעת צרה לא יאמר נואש, ותקותו תעודדהו שהעתים הרעות תעבורנה וקם על רגליו ויחי, ולמרות רודפיו ומסנאיו ילך הלוך והשתגשג, הלוך והתפתח וכחו יגדל מיום אל יום.

גם משה רבנו, זה שהכתוב מעיד עליו שהוא „עניו מאד מכל האָדם אשר על פני האדמה" (במדבר י"ב ג'), גם הוא בבואו לספר בשבחו של עמו, התפאר בו, שהוא „עם סגולה מכל העמים אשר על פני האדמה" (דברים ז' י'), „רק עם חכם ונבון הגוי הגדול הזה" (שם, ד' ו'), ובדבריו אלה אין בהם משום תאוה־שוביניסתית ותשוקה נפרזה להיות עליון ולהשתרר על כל העמים, אין בהם משום יהירות והתפארות בכח גדול, ביד חזקה ובחיל רב, כי הלא „אתם המעט מכל העמים" (שם, ז' ז'). אך גדולתו של עמו היא בזה „אשר לו אלהים קרובים אליו" (שם, ד' ז'). המוסר האלהי, הנימוסים היפים וההתפתחות התרבותית — הם המה תפארת העם וגאותו.

---

אין אָני ראוי למלכות, והשררה רדפה אחריו, שנאמר הראיתם אשר בחר בו ה'? כי אין כמוהו בכל העם! ואבימלך בן ירובעל רדף אחר השררה וברחה ממנו (ילקוט שמואל פ"י). ואָמרו: שנא את המכבדך יותר־מדאי (ד"א זוטא פ"ט). בא זה שרץ אחר הכבוד אחר זה שברח מן הכבוד (ירושלמי סוטה סוף פ"ט). העושר והכבוד נאה לצדוקים (אָבות פ"ו). הכל מכבדין למי שהשעה עומדת לו (תנחומא, פ' ויחי). היודע בחברו שהוא גדול ממנו אפילו בדבר אחד, חייב לנהוג בו כבוד (פסחים קי"ג). יהי כבוד חברך חביב עליך כשלך (אָבות פ"ב).

ש. ל. הורוויץ.

אמנם כמו שגאוה יתירה מעבירה את האדם הפרטי על דעתו, מטמטמת את לבו ונוטעת בו מדות משחתות, כן גם ענוה נפרזה, היא אחת מהמדות המזיקות לו; שפלות־רוח עד בלי די, ביטול ישותו העצמית והמתת כל האנכיות שבקרבו — מחלישים את נטיתו, מאוויו וחשקו לשפר את מדותיו וגוזלים ממנו את הרצון, האון והמרץ להביא תועלת לסדר החיים החברתיים.

וכבר אמר הלל (אבות פ"א) „אם אין אני לי", אם אבטל את כל ישותי והאנכיות שבי, אם נפשי כעפר לכל תהיה, את גווי אתן לדוש ולא ארגיש בכלימות ורוק, אם אשבע חרפה ולהג ואצדיק עלי את הדין שכך נאה ויאות לי השפל, הנבזה והחדל־אישים, כי אז „מי לי", כלומר, מה אתי? איזה יתרון יש לי על ההולכים על ארבע ומה הוא ההבדל ביני ובין אלה השקצים והתולעים הרומשים? ואף גם „כשאני לעצמי", כלומר, בהיותי בעצמי ברשותי, מרגיש אני אמנם את ה„אני" שבקרבי, יודע אני אז את הוויתי ומתעורר בי הרצון להבליט את ישותי, אבל בבואי בחברת אנשים, אז פג טעמי ומהותי והנני מפקיר את עצמי להיות למטרה לצחוקם, להגם ולעגם, — גם אז „מה אני?" אין לי כל ערך וזכות־קיום.

ולכן אמרו „תלמיד חכם צריך שיהא בו משמונה שבשמינית גאוה" (סוטה ה', עמוד א'), אין הוא רשאי לבטל את כל ישותו העצמית, להיות נכנע ביותר ולתת את גוו למרמס.

ואף שה„שמונה שבשמינית" הזה, כלומר, הרגשת האנכיות שבקרבו, איננה מתבטאת אצל כל אדם בשווה, אצל הנדיב היא מתגלה בנדיבותו ואצל הקמצן — בקמצנותו, אצל החרוץ — בחריצותו והעצלן — בעצלותו, אצל העסקן — בעבודתו לטובת הכלל ואצל הבטלן — בבטלנותו וכו', אולם הצד השווה שבהם, שכל אחד ואחד מרגיש, גם בעשותו וגם באי־עשותו, את ה„אני" שבקרבו, משביע את רצונו ורוצה להבליט בזה את ישותו. גם העני הזקן הזה, שכבר גמר את חשבונותיו עם הבלי העולם הזה, יושב בדד כל היום בפנתו וספר התהלים בידו, גם הוא מרגיש את האנכיות שבקרבו, בזה שהוא מזמין לו צידה לדרך כל האדם שהוא עתיד ללכת בה ומגדיל את שכרו לעולם הבא.

וכיון שאין לך אדם שכבר מת בו ה„אני" שבקרבו, והאנכיות זו הלא היא מסורה למשפטו, דינו וטעמו שלו, לכן אמר ר' לויטס איש יבנה (אבות פרק ד') „מאד מאד הוי שפל רוח", כלומר, אף על פי שבשאר מדות הדרך האמצעית היא המשובחת, אבל במדת הגאוה אינו כן, משום שרוב בני אדם נכשלים בה וצריך לעשות לה הרחקה יתירה (ברטנורה). ואף שידמה האדם שכבר התרחק עד קצה גבול האחרון של ענות, הלואי שיעמוד אז על הדרך האמצעית. מספרים על אחד, שכל האנשים שעמדו אצל מטתו בשעת יציאת נשמתו חשבו אותו כבר למת והתחילו להספידו ולספר בשבחיו, שהוא היה צדיק, חסיד, ישר ותמים וכו', ובאמת היה החולה רק במצב של התעלפות, ובהקיצו ושמעו את כל התהלות והשבחים שהם מפזרים עליו, פנה אל המספידים ושאל אותם: מדוע פסחתם גם על מדת הענוה שאני הייתי מצטיין בה?

# השוחטים והחנוך

*אלכה לי אל הגדולים ואדברה אותם*
*כי המה ידעו דרך ד' (ירמיה ה').*

בורא העולם נטע בטבע מין האנושי לעלות דור אחר דור מעלה מעלה בהשכל ודעת. ובמקום שדור זה כלה מושכלותיו — שם יחל הדור הבא אחריו לעלות משם על סולם החכמה הלוך ועלות. זה אראה בקראי העתון החדשי „השומר" אשר יופיע בצירוף הירחון „שוחטים שטימע". אמרים יקרים בהשכל נאמרים, שהעורך ידידי הרב הגאון ש"ל הורוויץ יתן עין בוחנת על דרכי התורה והחכמה ועין חוקרת על צפוני כחות החנוך אשר יחשוף כחותיה הצפונות ויוציאם מן הכח־אל הפועל. תורתו ואמונתו — מגמתו, וחכמתו — מנתו לעסוק במלאכת החנוך לעורר האבות על חובתם לחנוך בניהם בלמוד טוב ומתוקן בשחר טל ילדותם. ואם אמנם אנכי לגבי העורך כננס לגבי ענק, בכל זאת ארהיב עוז בנפשי לחוות דעתי אף אני.

הן אמת וצדק אשר החובה מוטלת על האבות לעבוד בחנוך בניהם, אבל גם בנו נטע ד' כח החמלה שהיא תפארתנו בין העמים לרחם על הילדים הרשים ועל אבותם המצטערים לראות באבדן בניהם שמגודלים כעיר פרא ונעדרים מידיעות ד'. היש צדקה גדולה מזאת לעזור להאבות אשר בניהם לא ילכו בטלים מלמוד התורה ומרקדים בחוצות ומשחקים מבוקר ועד הנשף. ועל מי מוטל החוב אם לא עלינו שהבנים הנדכאים יהיו עוסקים בתורת ד' שאר שעות ביום. ועצתי אשר השו"בים היקרים בעירנו העוסקים במלאכת הקודש באמונה, אשר המה יודעים דרך ד' ישתדלו גם מכחם ואונם „לא רק מהונם" לבוא לעזרת ד' בגבורים שיעבודו בשעות הפנויות להם לעשות תעמולה להחזיק ולסעד את בתי הישיבות והת"ת אשר עומדים להסגר ח"ו, כי רק המה מוכשרים ומסוגלים במלאכת הקודש וגם מלאכת החנוך, כי רק להשוחטים היקרים והישרים המבינים מלאכת החנוך ועשר ידות להם בחכמה ודעת והם בעלי ברית המוסר ויראת אלהים ראויים לטעת על תלמי לבב הנערים תורת אלהים ויראת שמים. והנסיון יורה לי בכל עת אשר אנכי עובד בישבת רבי חיים ברלין זה יותר מעשרים שנה אשר נזקקים אנחנו לא רק בתומכי נדבות, לא רק במפזרי כסף, אבל גם במפזרי עת ואון ועצמה לעבוד לטובת הישיבות והת"ת ועוסקים במוסדות באמונה בעצתם הנכונה, כי נחוצים כאויר לנשימה. ואם השוחטים ישימו גם מעינם לעבוד עבור בתי החנוך, אז בטח גם החניכים ידעו דרך ד' וישגשגו על ויהיו לגאון ולתפארת כנפש.

**ברוך הערשינאָוו.**

# נחלת השבים

מאת שלמה אונגאר.

מכנף הארץ, ארץ נחלת אבות,
נשמע זמירות, וקול מבשר בשאון,
בת קול מכרזת, בקול חוצב להבות,
„שובו, שובו בנים לגבולכם בגאון,
כי האיר ה„מזרח", נתפזרו העבים,
וכבוד ה' זרח על נחלת השבים".

מנחלת השבים, יפה נוף משושנו,
השתולה עץ כל פרי, ושדות כל שית,
הנושאה על שכמה תקות תקותנו,
נשמע צעדי הגאולה, פעמי משיח.
נורידה הכנורות שתלינו בערבים
ונשיר שירי ציון על נחלת השבים.

נחלתנו נהפכה לפרדסים וגנים,
נטועים יערות תפוחים מוזהבים,
שם ינץ השקד, אשכלות רעננים,
גם דבש תמרים, וכרמי ענבים.
לא נוסיף ללחום לחם עצבים,
הכל מוכן לסעודה בנחלת השבים.

שמעו נא, אחים, מה תשבו שמה,
בחשכת הגולה, חשוכי חופש ודרור?
כבר כלתה מכים הפרוטה, מנוף הנשמה,
אתחלתא היא דגאולה, הגיע התור.
קומו, עלו קוממיות, לא כבושת גנבים,
החלו רש, וכבשו את נחלת השבים.

נחלת השבים לקראתכם נכונה,
כאם רחמניה תחלוץ לכם שד,
תניק, תעניק לכם מעשרה והונה,
שבחיק אדמתה צפון מעולמי עד.
ובכן החלצו חשים נערים וגם שבים,
השתקעו בארץ ברוכה, נחלת השבים.

# מילי מעליותא

(מזכרונות דבי רב)

אחת מן המדות המצוינות אצל הגאון ר' חיים בריסקער זצ"ל היתה מדת הצדקה. מדת פזרנותו היתה עד להפליא. מספרים עליו שפעם אחת אחר קבלת שבת הכל היה מוכן ומזומן לקידוש הערב, אבל „מעשה שטן" לא נמצא הכוס של קידוש. הרבנית התאוננה באזני הרב כי נדמה לה שנגנב הכוס, כי בשום אופן לא יכלה למצוא את הכוס. אבל הרב ז"ל הניח דעתה באמרו ח"ו לא נגנב, רק שכחתי להגיד לך כי נתתי לר' זעליג שימשכן את הכוס להכין לו צרכי שבת!

והנה עוד מאורע אחד ומעשה שהיה כך היה:

בעת שהתחוללה מלחמת העולם, מלחמת הזועות, ניתן צו בפקודת הצאר ניקאלאי שאוכלוסי היהודים הדרים בק"ק בריסק יעזבו תיכף את העיר. כמובן אפשר לתאר בנפשנו את החורבן. נורא מאד היה אז גורל האומללים שבמשך של ב' ג' ימים מוכרחים היו לעזוב את בתיהם, את רכושם, את הונם וקנינם, את בתי התורה והתפילה, רוחם ונשמתם וכל דבר היקר להם מחייהם, ולצאת בגולה נעים ונדים בעירום ובחוסר כל. בעטף עולל ויונק ברחובות קריה, בהשתפך נפשם אל חיק אמותם מרדף על צואריהם מפחד האויב ובראשם הגאון ז"ל, יען כי הוא היה באמת הכח החיוני של הגולים, הוא דבר על לבם ונחם אותם.

לרגלי הגלגולים של ימים ולילות וכתות רגלים, נתגלגלו אז מספר רב מן הגולים לעיר פרוזשאני, מקום משרתי אזי בקודש בתור שו"ב ובתוכם הגאון ז"ל. פני העיר חרדו לקראתו וקבלוהו בכבוד גדול. בני העיר החזיקו ליתר האומללים. נתנו להם די מחסורם ומקום לנוח. אבל לא נח הגאון ר' חיים בריסקער ז"ל. הכסף שנתנו לו למחיתו היה נותן עד הפרוטה האחרונה לאומללים ולעניים, ובביתו היה תמיד מחסור. וכעבור איזה ימים התאכסן אצלו הרה"ג ר' דוד טעבעלע, אב"ד ור"מ דמאלטש, ובהדי דקא שקיל וטרי בהדיה שאלהו לר' חיים ז"ל ע"ד פזרנותו יותר מדי, הלא מאמר מפורש בכתובות דף ע"א, אמר ר' אילעא באושא התקינו המבזבז אל יבזבז יותר מחומש?! והרא"ש מביא בשם הירושלמי שפעם הראשונה יכול לבזבז חומש הקרן ומכאן ואילך בכל שנה ושנה יתן חומש הריוח ולא יותר, והלואי שהיה נשאר אצל כת"ר חומש הקרן? ענהו הרה"ג ר' חיים בריסקער ז"ל תוך כדי דבור: יש לי גמרא ערוכה, ממש להיפך הגמרא דכתובות! לפי מה דאיתא בקידושין דף ח' ע"ב התקדש לי בככר תנהו לעני, אינה מקודשת אפילו עני הסמוך עלה, מ"ט דאמרה ליה כי היכי דמחייבנא ביה אנא הכי מחייבת ביה את, ואם איתא כדאמרינן בכתובות הלא קשה מדוע לא תהא מקודשת? אפשר כי הוא נתן כבר חומש ע"כ כיון דאינה מקודשת מטעם דאמרה ליה ש"מ מזה ואין החיוב מוטל עליו יותר והיא עוד לא נתנה מכבר חומש והחיוב עוד מוטלת עליה ותהא מקודשת? אלא דאין שיעור לצדקה ומחויבים לבזבז אפילו יותר מהחומש

# הרמב"ם ותורתו

(הרצאה שהרצה בעברית הרב שמריהו ליב הורוויץ)

(המשך)

השופט והדיין בישראל. ראוי לכל משכיל להתבונן בדברי הרמב"ם כשמדבר לנו על תפקידו של הדיין והשופט, מורה הוראה בישראל, וז"ל (שם): „רצה לזכור במסכת זו מוסר כל חכם מן החכמים ע"ה כדי שנלמד מהם המדות הטובות, ואין אדם צריך לזה הדבר כמו הדיינים, שעמי־הארץ כשלא יהיו בעלי מוסר אין ההיזק לכל ההמון אלא לבעליו בלבד, אבל השופט כשלא יהיה בעל מוסר וצנוע יזיק עצמו ויזיק לבני אדם, לפיכך היה תחילת דבריו במסכת אבות מוסר הדיינין, כמו שאמר הוו מתונים בדין, ואל ימהר פסק דין, וכו' ואל יחלל נפשו בחברת עמי־הארץ שמא יהיה לבוז, ואל יתעלם מבני אדם עד שלא יוכלו לראותו בכל עת שיצטרכו אליו, שמא יאבד האביון, ואל יבקש מנוחה ותענוגים, פן יאבד האמת, ולא תמשכהו התאוה, וכו' ועל דרך כלל צריך שיהיה השופט כרופא בקי, שבכל זמן שיוכל לרפא במזונות לא ירפא ברפואות, אבל כשרואה שהחולי חזק ואי אפשר להתרפא במזונות, ירפא ברפואות קלות, קרובות אל טבע המזון, כגון המשקים והמרקחות המבושמות והמתוקנות וכו', כן השופט ישתדל לעשות פשרה, ואם אינו יכול לשפוט בנחת וירצה לבעל הריב בדבר רך, ואם לא יוכל מפני האכזריות אחד מהמריבים ושהוא רוצה להתגבר בעול וחמס, יתחזק עליו ויהרוס רשעים תחתיו, וצריך לשופט שלא ירבה לרדוף אחר תענוגי העולם ואהבת העושר והמעלה כמו שאמר הכתוב (שמות י"ח) שונאי בצע וכו' ואמרו ע"ה מלך במשפט יעמיד ארץ כו' (כתובות דף ק"ה) אם דומה הדיין למלך שאינו צריך לכלום יעמוד ארץ, ואם דומה לכהן המחזר על הגרנות יהרסנה" (הקדמת הרמב"ם לסדר זרעים).

דרשות. — הדרש הנמצא בתלמוד אין ראוי לחשוב מעלתו מעוטה ותועלתו חסרה, אבל יש בו תבונה גדולה, מפני שהוא כולל חידות פליאות וחמודות נפלאות, כי הדרשות ההם כשיסתכלו בהם הסתכלות שכלי יובן בהם מה טוב האמתי מה שאין למעלה ממנו, ויגלה מהם מן הענינים האלהיים ואמתת הדברים מה שהיו אנשי החכמה מעלימים אותו ולא רצו לגלותו, וכל מה שכלו בו הפילוסופים דורותיהם. ואם תביט אותו על פשוטו, תראה בו ענינים רחוקים מן השכל שאין למעלה ההם, ועשו דבר זה לענינים נפלאים. האחד מהם: ללטוש רעיוני התלמידים וללבב לבותם, ועוד. כדי לעוור עיני הכסילים שלא יזהירו לבותם מעולם, ואילו היו מראין להם זוהר האמתות, יסבו פניהם מהם כפי חסרון טבעיהם, שנאמר בהם ובדומיהם אין מגלין להם את הכבוד, מפני שאין שכל שלם כדי לקבל את האמתות על בוריים. וכן החכמים לא היו רוצים לגלות קצתם לקצתם סודות החכמה, וכבר זכרו (חגיגה כ"ב, דף י"ג) שאיש מן החכמים נכבד (פחה) לאנשים בקיאים בחכמת מעשה בראשית, והוא היה בקי במעשה מרכבה. אמר להם: למדוני מעשה בראשית ואלמדכם מעשה מרכבה, ואמרו: טוב הדבר! וכאשר למדוהו מעשה בראשית נמנע הוא מללמוד להם מעשה מרכבה. וחס ושלום שעשה זה מפני רוע לב למנוע החכמה או בשביל יהיה לו יתרון עליהם, שהמדות האלה מגונים באחד מהטפשים, קל וחומר באלו החסידים הנכבדים, אבל עשה הדבר בשביל שראה בעצמו ראוי לקבל מה שיש אצלם, ושאינם ראויים לקבל מה שיש אצלו. והביא על ענין זה דברי שלמה (שיר השירים ד') דבש וחלב תחת לשונך, ופירשו עליהם השלום ואמרו, שענין דבר זה, שהחכמות המתוקות שהנפש תנעם בהם, כמו שינעם החיך בדבש וחלב, צריכים להסתירם, ושלא ידובר בהם, ואל יעלו על שפת לשון בשום פנים, וזהו שאמר: תחת לשונך, שהענינים האלה אינם מה שראוי ללמוד ולהגות בם בישיבות החכמה, ואולם ירמזו בכתוב מהם רמזים נעלמים, וכשיגלה הקב"ה מסות הסכלות מלב מי שירצה אחרי אשר ייגע וירגיל בחכמות, אז יבין מהם כפי שכלו, ואין לאדם עם החכמה ודרישתה, והשתדלותה אלא לעזוב עניניו ביד הבורא, ולהתפלל אליו, ולהתחנן לבונגהו ולהורותו ולגלות לו הסודות הגנוזות בכתוב, כמו שמצאנו דוד ע"ה עשה כן באמרו (תהלים קי"ט) גל עיני ואביטה נפלאות מתורתך, וכשיגלה הקב"ה את עיני האדם ויראהו לו מה שהראה, ראוי לו לגנזם, כמו שאמרנו...

ואם ירמוז מהם במעט ירמוז למי שיש לו שכל שלם ונודעה אמתתו, כמו שבארו וגלו במעשיות רבות בתלמוד, ועל כן אין ראוי לאיש חכם לגלות מה שידע מן הסודות אלא למי שהוא גדול ממנו, או כמוהו, שאם יגלה אותו לכסיל, אעפ"י שלא יגנהו לא ייטב בעיניו, ועל כן אמר החכם (משלי כ"ג) באזני כסיל אל תדבר, כי יבוז לשכל מליך. ועוד שהלמוד להמון העם צריך שיהיה בדרך חידה ומשל, כדי שיהיה כולל הנשים והנערים הקטנים, עד אשר ישלם שכלם, ואז יתבוננו וישכילו עניני הרמזים ההם. ולענין זה רמז שלמה ע"ה באמרו (שם א') להבין משל ומליצה, דברי

---

כדאיתא באו"ח דאין מחשבין חשבונות של צדקה, משום דאין בודקין למזונות, וכמבואר בחומש דברים נתון תתן וכו'.

כל המסובין התפלאו על גודל חריפותו ועמקתי של הגאון החריף שר התורה ר' חיים בריסקער ז"ל. והנני מוסר את זה כפי שנחרת על לוח לבי!

ברגשי כבוד, זלמן ריטשמאן, שו"ב.
חבר לאגודת שוחטי עופות דנויארק רבתי.

חכמים וחידותם, ומפני אלו הסיבות סדרו חכמים ע"ה דבריהם בדרשות על ענין שירחיקהו שכל הכסיל לפי מחשבתו. ואין ראוי לסמוך החסרון אל הדרש ההוא, אבל יש לחשוב שהחסרון בא משכלו, וכשיראה משל ממשליהם שהוא קשה להשכיל אפילו פשוטו, ראוי לו להשתומם מאד על שכלו, שלא הבין הענין עד אשר חסרו בעיניו האמונות בתכלית הרחוק, שהרי הדעות יש להם יתרון זה על זה כפי יתרונות המזגים. וכמו שנמצא מזג איש אחד שהוא ישר ממזג איש אחר, כן יש שכל איש אחד שלם משכל איש אחר, ואין ספק שאין שכל מי שידע דבר נכבד כשכל מי שישכיל הדבר ההוא, שהאחד נקרא שכל בפועל, והאחד שכל בכח. ובשביל זה יש דברים שהם בעיני אנשים בתכלית האמת והביאור, ואצל איש אחר הם רחוקים ונמנעים מהיותם על פי המעלה בחכמה. וכו'. קל וחומר יהיה הענין במי שאין לו חכמה כלל, ולא הרגיל נפשו בדרך מדרכי החכמות הלמודיות, אבל היה נסעו משכל אמו לשכל אשתו... שנשאל שאלה משאלות האלהיות שהם צפונות בדרשות, אין ספק שהם רחוקים בעיניו כרחוק השמים מן הארץ. ויקצר שכלו להבין דבר מהם, ועל כן ראוי שנדון הדרשות ההם לכף זכות ונטיב לעיין בהם, ואל נמהר להרחיק דבר מהם, אבל כשירחק בעינינו דבר מדבריהם, נרגיל נפשינו בחכמות, עד שבנין עניניהם בדבר ההוא, אם יוכלו להכיל לבותינו הדבר הגדול הזה, שהרי החכמים אעפ"י שהיה להם מן התאוה ללמוד, וטיב הרעיון והיגיעה, וחברת החסידים הנכבדים, והרחקת העולם בכל מה שיש בו, היו מיחסים החסרון לנפשם, כשהם מעריכים נפשותם לפי מה שקדם אותם, והוא מה שאמרו (עירובין דף נ"ב) לבם של ראשונים כפתחו של אולם ושל אחרונים אפילו כמחט סדקית. וכ"ש אנחנו שהחכמה נעדרה ממנו, וכאשר הודיענו הקב"ה ואבדה חכמת חכמיו ובינת נבוניו תסתתר (ישעיה כ"ט).

יחד הכתוב כל אחד ממנו בארבעה דברים, כחולשת השכל, וחוזק התאוה, ועצלות בבקשת החכמה, והזריזות בבצע העולם, ארבעת שפטיו הרעים, ואיך לא נסמוך החסר לנפשותינו כשנעריך אותה עליהם, ומפני אשר ידעו ע"ה בענין זה שכל דבריהם ברורים ונקיים, ואין בהם סיגים, צוו עליהם והזהירו שלא ילעג אדם עליהם ואמרו (גיטין דף נ"ז) כל המלעיג על דברי חכמים נדון בצואה רותחת וכו' ואין לך צואה רותחת גדולה מן הכסילות אשר השאיתו להלעיג, ועל כן לא תמצאו לעולם מרחיק דבריהם, אלא איש מבקש תאוה ונותן יתרון להנאות המורגשות אשר לא העיר לבו בדבר מן המאורים הבהירים, ומפני שידעו אמתת דבריהם כלו בעסק ההוא כל ימיהם, וצוו לשקוד עליו כל הלילה ומקצת היום, ושמוהו תכלית החכמה, וכן הוא, ואמרו (ברכות דף ח') אין לו להקב"ה בעולמו אלא ארבע אמות של הלכה בלבד, והשב לבך לזה הדבר, שאם תסתכל אותו על פשוטו תמצאנו רחוק מאד מן האמת, כאילו ארבע אמות של הלכה בלבד היא התכונה הנדרשת, ושאר החכמות והדעות מושלכות אחר גיוו, אבל אם תעיין זה הדבר עיון שכלי תראה בו מן החכמות דבר פלא, ותמצאנו מוסף בכלל גדול מן המושכלות, ואני אבארם לך כדי שיהיה לך דמיון לשאר מה שיבוא לידך, ולכך שים לבך אליו כראוי.

(המשך יבוא).

---

# הצילו את מרכז התורה

אל כל ישראל, אוהבי תורה וחובבי ארץ חמדה, הנני פונה בדרישת עזרה תכופה לבית מקדש־התורה שלנו אשר בירושלים, המכון המרכזי לבצרונו של אור התורה בישראל ובארץ ישראל, „הישיבה המרכזית העולמית" הק' בירושלים.

בשעה קשה זו, שמעטה מחשכים של מצוקות חיים מעברים שונים, פרוש באופקה של כנסת ישראל, הנני קורא לאומתנו כולה מלומדת־הנסיונות, לחשוף את עז כחותיה הפנימיים, ולחזק במסירות את אור התורה אשר בציון וירושלים בו צפון כל יסוד החיים וקשר ההוד של התקומה לעם ה' כולו, וארץ קדשו.

איום ומחריד מאד הוא מצבה הכלכלי של ישיבתנו הק', הוא יצא מכלל משבר והגיע לידי סכנת הקיום. מה נורא ומר כאב לבבי על עלבונה של תורה ובוניה־ תופשיה הדגולים במרום קדשה.

אל כל אשר בשם ישראל יכונה, אל כל מי אשר בלבו לא הועם הזיק הטהור של נשמת ישראל, המרגישה בכאב האומה ועלבון תורתה וקדשיה — הנני פונה בשועתי הגדולה:

קנאו נא לכבוד שמים לכבודה של תורה בבית־ חיינו, לכבודה של ירושלים עיר קדשנו ותהלתנו ת"ו, לכבודם של גדולי מצויני תורה ויראה, וחושו נא בהסדם להצלתה של ישיבתנו המרכזית הקדושה, ולהצלת הנפשות היקרות ופדיון השבויים של בחורי צעירינו תופשי התורה מרוסיא, שאנחנו עוסקים בהעלאתם הנה. חובת האומה כולה היא זאת, חובת הכלל והפרט.

יחלץ נא כל רב בקהלתו, כל עסקן נעלה בפעליו וכל נדיב מרגיש בתרומתו — את עזרת כולכם הנני דורשים להצלתו ולשכלולו של מבצר התורה המקודש, הישיבה המרכזית העולמית הק' בעיקות"ו, בחסדי השי"ת וישועתו.

אל דמי לכם המזכירים את ה' וירושלים עיר קדשו, פסגו ובצרו בה את ארמון התורה המרכזי, וברכת ה' עליכם תבוא מקודש ומציון.

כנפש אחיכם הנאמן העומד לשרתכם בקודש, המצפה לישועה קרובה מהר הקודש מירושלים.

**הק' אברהם יצחק הכהן קוק.**

נדבות לשלוח על־פי הכתובת של המשרד בניו־יורק:
**Universal Yeshivah, 38 Park Row, New York.**

# שמחות ביי שוחטים

ניט לאנג צוריק איז נעפראוועט געווארען א שעהנע חתונה ביי איינעם פון די שעהנסטע שוחטים פון ברוקלין, רעוו. מ נ ח ם  ד י י װ י ד ס א ן. רעוו. דייווידסאן מיט זיין פרוי האבען נעפיהרט זייער שעהנעם און נערא׳טענעם זוהן, לייב איסר, צו דער חופה מיט דער שעהנער כלה פעריל ווערניק. די חתונה איז נעפראוועט נעווארען מיט גרויס פראכט און גלאנץ אין יוסטינא האל, פון קוני איילענד עוועניו.

הרב שמשון איז געוועזן מסדר קדושין. רעוו. מישקין האט זייער שעהן נעזונגען די ברכות אונטער דער חופה. גלייך נאך דער חופה איז סערווירט נעווארען א פראכטפולע סעודה פון כל טוב. אלס טאאסטמייסטער איז אפאינטעט געווארען מר. גוטקין, א קאזין פון מחותן. הרב שמשון האט נעהאלטן די ערשטע רעדע. אלס קאמיטע פון די אגודת שוחטי עופות דניו יארק און אויך אלס פריינד זיינען געוועזן אנוועזענד רעוו. האלפערין און רעוו. שאליט. רעוו. האלפערין האט מיט הארציגע ברכות געוואונשען חתן כלה פיעל גליק. רעוו. שאליט האט אין א שעהנע רעדע פרעזענטירט א טשעק פון די אגודת שוחטי עופות דניו יארק צו דער חתן כלה.

דער נעקסטער רעדנער איז געוועזן ר׳ שמואל דייווידסאן, א קאזין פון מחותן און גאר צו לעצט האט גערעדט דער מחותן אליין רעוו. דייווידסאן. ער האט גערעדט פון זיין שעהנע און יחוס׳דיגע פאמיליע שוחטים און תלמידי חכמים. ער האט נעהאלטען א בריליאנטענע רעדע.

די אגודת השוחטים ווינשט זיי גליק.


## ווייכטיג פאר שוחטים

אין ווארשא (פוילען) ערשיינט א מאנאטליכער חודש ארגאן אונטער׳ן נאמען „ד י  ש ו ח ט י ם  ש ט י מ ע” (6טער יאהרגאנג) וועלכער איז געווידמעט אלע שוחטים אינטערעסען.

**דער פרייז פאר אמעריקא און אנדערע לענדער איז בלויז $1 א יאהר.**

ווענדעט זיך לויט פאלגענדען אדרעס:

**RED. DIE SZOCHTEM-SZTYME**
Warszawa, Muranowska 4, m. 30, Poland



## באַרנעט בראָדי

איז דער איינציגער מאַנופעקטשורער פון

## כשר פלייש פּראָדוקטען

וואָס שטעהט אונטער דער השגחה פון

## ועד הרבנים דניו יאָרק רבתי

אלע אידען וואָס זיינען נזהר אין כשרות זאָלען נעברויכען בלויז די פּראָדוקטען פון ב א ר נ ע ט  ב ר א ד י.

קאָנטרי־אָרדערס פּינקטליך אטענדעט.

ווענדעט זיך צו:

**BARNET BRODIE, Inc.**
**127 Walton St., Brooklyn, N. Y.**
Telephone: EVergreen 6-0318



## מאיר וואַלאַזין

50-52 עלדרידזש סטריט, ניו יאָרק
טעלעפאָן אָרטשאַרד 4—4511

### מאַנופעקטשורער

פון װאָלענע און סילקענע טליתים, פּרוכתן, כּעָכּטעלאך, חופּות, מכסות לשלחן ולארון.

### אימפּאָרטער

פון די בעסטע ספרי תורה, תפילין ומזוזות.

### דיסטריביוטאָר

פון אלערהאנד זילבערנע כלי קודש, עץ חיים׳ס, ציץ׳ן, יד׳ן, קידוש־בעכערס, שבת־לייכטער א. ז. וו. די בעסטע מילערס חלפים און מוהל מעסערס, שארף און גלאט שטיינער.

——— אלעס צו שפּאָט ביליגע פּרייזען ———



## מדפיסי ספרים אנחנו זה יותר מחמש־עשרה שנה

### בעברית, אידית ואנגלית

ספרים לאלפים ולרבבות יצאו, במשך הזמן הזה, מתחת מכבש הדפוס שלנו מאת מחברים מפורסמים המפוזרים בכל רחבי ארצות הברית — וכולם פה אחד מהללים ומשבחים אותנו.

תעודות ומכתבים המעידים על אמיתת דברינו נוכל להמציא לכל דורש.

פנו אלינו ותוכחו.

**ORIOM PRESS, Inc.**
42 WEST 18th STREET, NEW YORK, N. Y.
Telephone: CHelsea 3-8164

האט איהר שוין
דעם נייעם וויכטיגען ספר?

**הלכות דעות פון רמב״ם ז״ל**

מיט דעם וויסענשאפטליכען באור פון
**הרב שמריהו ליב הורוויץ**

ווען איהר האט נאך ניט, איז כדאי איהר זאלט איהם האבען, גרויסע אידישע געלעהרענטע אויף דער גאנצער וועלט באוואונדערען איהם. א נוצליכער ספר פאר רבנים, שוחטים און בני תורה.

פרייז 1 דאלער

ווענדעט זיך צום מחבר:
RABBI S. L. HURWITZ
1503 Eastern Parkway Brooklyn, N. Y.
Telephone: HAddingway 3—9698

**א שייוו אהן א רעיזאר**

סופערהיומען שייווינג פאודער — גאראנטירט ניט צו ברענען די הויט. האט קיין גערוך

40 סענט א פונט

ספעשעל פאודער פאר לידים — 60ס. א פונט. פולע צופרידענהייט גאראנטירט. ווען ניט גיבען מיר אייך צוריק אייער געלד. שרייבט פאר א פרייען סעמפעל.

„סופערהיומען העיר רעסטארער" ברענגט צוריק דעם נאטירליכען און יונגענדליכען קאליר פון גרויע האר.

באטעל — 50 סענט

IMPROVED SHAVING POWDER CO.
107 Norfolk Street, New York, N. Y.

**באקאנטמאכונג צו אונזערע סובסקרייבערס**

די אלע וואס האבען ביי זיך דעם ערשטען יאהרגאנג פון דער „שוחטים שטימע" און ווילען דאס עס זאל געבונדען ווערען אין איין שעהנעם באנד, כדי עס זאל בלייבען ביי זיי לזכרון עולם, זאלען ארייסשיקען זייערע 12 נומערען און מיר וועלען דאס פאר זיי בינדען פאר דעם פרייז פון $1.50.

SHOCHTIM SHTIMME
233 East Broadway
New York, N. Y.

**ווילט איהר לאנג לעבען?**
**זא קויפט אייך דאס פאר יעדען אידישע שטוב נויטיגעם און וויכטיגעם ספר**

# „חיים הנצחיים"

יזייל מיט דעם ספר וואס איז א מוסטער־האפטע ענציקלאפעדיע מיט די ה״י סמנים ושס״ה סעיפים וואס אין זיי איז צוזאמענגענומען פון ש״ס ופוסקים ראשונים ואחרונים עד אחרון שבאחרונים, און פון פיל ספרי מוסר ודרוש אלע דינים ומנהגים מאבילות וקבורה, קדיש וכל כוונותיה ופרטותיה, אלע לימודים ותפילות ובקשות מכל ימי אבילות והיאהרציטען צווישען זיי אלע 22 פרקים משניות פון א׳ ביז ת׳ מיט פירוש ברטנורא ועתוי״ט מיט א אידישע איבערזעצונג אויף יעדען ווארט פון משניות שיהי׳ דבר השוה לכל נפש, אלע דינים ומנהגים פון מצבה שטעלען, יאהרצייט ליכט־צינדען אין יאהרצייט, אלע דינים ומנהגים וסדרים פון קבר אבות, מיט אלע תפילות ובקשות צו זאגען אויף די קברים פון דעם מענה לשון והזכרת נשמות. ליסטאראציע פון מצבות צו פארשרייבען יאהרצייטען, וועט איהר קאנען גרינג צוקומען צום לאנגען לע־בען וואס השי״ת האט מבטיח געווען פאר כיבוד אב ואם צו געבען (מכבדו בחייו ומכבדו במותו, קדושין ל״א).

דאס ספר ענטהאלט ערך 400 עמודים שעהנע דרוק און פאפיר מיט אן אינהאלט־פארצייכניש (לוח המפתח) און איז געדרוקט אין 2 אויפלאגעס: 1) בלויז לשון קודש, 2) מיט לשון קודש און אידיש אויף יעדען בלאט פון אינמיטען, און איז צו באקומען ביים המחבר ה״ה הרב הגה״צ המפורסים בחיבוריו היקרים וכו׳ ר׳ צבי הירש פרידלינג שליט״א אב״ד דק״ק ביטקיביץ והגליל (בעהמ״ס „רץ כצבי", „קיום העולם" ועורך הבאר) צו זעהר בילינע פרייזען:

**מיט דער אידישער איבערזעצונג און פראכטפולען בונד — פרייז 1 דאלאר**
**בלויז לשון קודש — פרייז 70 סענט**

לפנות אל:

Rabin H. Friedling
Biskupice n. W. z. Lub. (Poland)

באמריקא אצל:

**השו״ב דניאל שפיגעל,**

D. Spiegel, 601 Oak Terrace, Bronx, N. Y.

RABBI S. L. HURWITZ, Editor

הרב שמריהו ליב הורוויץ, רעדאקטאר

# די שוחטים שטימע

# SCHOCHTIM SHTIMME

מאנאטליכער זשורנאל, ארויסגעגעבען דורך די אגודת שוחטי עופות דניו יארק רבתי

Monthly Magazine, published by the Poultry Schochtim Union of Greater New York

Affiliated with the American Federation of Labor, Local 440

233 EAST BROADWAY, NEW YORK, N. Y. Telephone: ORchard 4—1938 — 9602

Vol. II. No. 3. May, 1933. ב"ה ניו יארק, אייר, תרצ"ג צווייטער יאהרגאנג, נומער 3

## אינהאלט:

עדיטאריעלם: דער שוחט טאר ניט בלייבען עלענד און הילפלאז.

פון מאנאט צו מאנאט — — — — — — — — — — — הרב שמריהו ליב הורוויץ

די שוחטים און זייער צייטונג — — — — — — — — — רעוו. זלמן בער מאנאריס

חד וחלק (פעליעטאן) — — — — — — — — — — — — — א. ליץ

וואס ארץ ישראל מיינט — — — — — — — — — — — דר. אברהם לבסקי

בריעף פון שוחטים: שיקאגא, קענעדע.

נעשה ונשמע — — — — — — — — — — — — — — רעוו. הלל יעקב הורוויץ

למנצח (שיר) — — — — — — — — — — — — — — שלמה אונגאר

## השומר

הרמב"ם ותורתו — — — — — — — — — — — — — הרב שמריהו ליב הורוויץ

היינו דאמרי אינשי — — — — — — — — — — — — רעוו. יעקב גובמאן

מקום תורה ותורת המקו[illegible] — — — — — — — — — הרב שמואל דוב מהרשק

המחוקק והחיים — — — — — — — — — — — — הרב שמואל מנחם הלוי פיין

מילי דבדיחותא — — — — — — — — — — — — אחד השוחטים המרגישים

ספרים חדשים — — — — — — — — — — — — — — — בן דוב

להרים מכשול — — — — — — — — — — — — — ברוך יעקב זמודזיאק

מודעות.

Subscription Price, $3.00 a year.

סובסקריבשאן 3 דאלאר א יאהר.

Entered as second-class matter, August 15, 1932, at the Post Office at New York, N. Y., under the Act of March 3, 1879.

# מתיבתא

ב"ה,

טייערע אידען חובבי ומוקירי תורה!

א דרינגענדער אפיל קומט צו אייך פון דער הייליגער מתיבתא, וועלכע איז אלעמען גוט באקאנט מיט איהר גרויסען גייסטיגען תורה פארנעם, אט דער הייליגער מוסד, וועלכער ערציהט בחורים גדולי תורה, צווישען זיי אויך מוסמכים מיט די גרעסטע און שענסטע תורה'דיגע השגות, — דיזער גרויסער מוסד התורה געפינט זיך יעצט אין דער גרעסטער געפאהר. ער האט ניט ווער עס זאל איהם העלפען און האט גישט קיינע וויכטיגע מקורים פאר הכנסות. און אין דעם יעצטיגען מאמענט זיינען צוגעקומען פארשידענע פראבלעמען וועלכע דראהען איהם מיט א פאקטישען אונטערגאנג, חלילה. דארום אפעלירען מיר צו אייך, טייערע ברידער, ראטעוועט די הייליגע פאלקס שיף פון אונטערגאנג! שיקט גלייך אייער זאפארטיגע הילף, אייערע דאנײשאנס זא לאנג ס'איז נאך צייט, איהר זאלט קענען מיט שטאלץ זאגען אין דער צוקונפט, אז איהר האט געראטעוועט די מתיבתא, און בזכות קיום התורה וועט איהר געהאלפען ווערען מיט כל טוב.

הנהלת המתיבתא.

אלע געלדער בעטען מיר צו שיקען אין רעדאקציע פון „שוחטים שטימע", וואו יעדער דאנײשאן וועט קוויטירט ווערען.

## אנמערקונג פון דער רעדאקציע.

די „מתיבתא" איז א הייליגע גרויסע נוצליכע אינסטיטוציע. זי האלט יעצט ביי שליסען זיך אין גאנצען, חס ושלום, אויב מען וועט ניט קומען איהר צו הילף אזוי שנעל ווי מעגליך. די תלמידים פון דער מתיבתא זיינען פארטיפט אין ש"ס ופוסקים, פון זיי קענען ארויסקומען די גדולי ישראל, די גייסטיגע אידישע פיהרער, לומדים און יראי שמים, די ראשי ישיבות זיינען רבנים גדולים בתורה ויראת שמים טהורה וכל מדה נכונה. דאס איז א ה י י ל י ג ע ר א נ ש ט א ל ט, אן אמת'ער מ ק ו ם ק ד ו ש. עס איז די הייליגע פליכט פון יעדען אידען צו שטיצען די „מתיבתא" ב א ל ד, אזוי שנעל ווי מעגליך. מיט פארגעניגען וועלען מיר פארעפענטליכען אין די „שוחטים שטימע" די נעמען פון אלע מנדבים.

## לאגודות שוחטים בכל מקום שהם!

שיקט אונז ארײן באריכטען פון אייערע מיטינגען, ווי אויך פון אנדערע טעטיגקייטען פון אייער אגודה, און מיר וועלען מיט פארגעניגען אייערע באריכטען דרוקען אין אונזער זשורנאל.

די רעדאקציע.

## רעוו. גאלדבערג איז געוועז א דעלעגאט צום קאנווענשאן.

דורך א פארזעהן איז ניט דערמאנט געווארען צווישען די שוחטים דעלעגאטען צו דער שוחטים קאנווענשאן דער נאמען פון רעוו. חיים נתן גאלדבערג, שו"ב מובחק פון פעטערסאן, נ. דזש., וטעות לעולם חוזר.

## לזכרון רבנו מרן הגרי"ש סלנטר זצ"ל.

לרגלי מלאת חמשים שנה להסתלקותו של אותו גאון וצדיק רבן ישראל, מרן רבי ישראל סאלאנטר זצ"ל, הופיעה חוברת מיוחדת של הירחון התורני „שערי ציון" בעה"ק ירושלים ת"ו, מוקדשת לכבודו ולזכרונו של רבנו הגרי"ס זצ"ל.

חוברת זו — רבת הכמות והאיכות — מכילה חומר רב ועשיר; חדושי תורה מאת רבנו הגרי"ס זצ"ל (טרם ראו אור הדפוס), מאמרי הערכה מאת גדולי הרבנים, שיחות, אמרות טהורות, פתגמים וספורים, תולדות וקורות ימי חייו, 8 מכתבים מעצם כתי"ק של רבנו הגרי"ס זצ"ל (טרם נתפרסמו עד היום), מאמרי הערכה שבאו בעתונות העברית בשנת תרמ"ג, ועוד ועוד. — החוברת הזאת יצאה בהדור רב ועל נייר יפה. — להשיגה על פי הכתובת:

Rabin S. Blazer
P. O. Box 210, Jerusalem (Palestine).

קויפט דירעקט פון מאנופעקטשורער

פרוכת'ן, מענטעלאך, חופות, בענערס, טישטיכער, מצה דעקלעך א. ז. וו.

אלעס אין גאלד הענד עמבראידערי. די שענסטע פראכטפולע ארבייט.

אייער אלטער פריינט פאר פילע יאהרען

יצחק נעכעס

40 סאפאלק סט., ניו יארק, נ. י.

(נעגענאיבער דעם פאסט-אפיס)

א ש י י ו ו א ה ן א ר ע י ז א ר

סופערהיומען שייווינג פאודער — גאראנטירט ניט צו ברענען די הויט. האט קיין גערוך

4 0 ס ע נ ט א פ ו נ ט

ספעשעל פאודער פאר לײדיס — 60ס. א פונט. פולע צופרידענהייט גאראנטירט. ווען ניט ניבען מיר אייך צוריק אייער געלד. שרייבט פאר א פרייען סעמפעל.

„סופערהיומען העיר רעסטארער" ברענגט צוריק דעם נאטירליכען און יונגענדליכען קאליר פון גרויע האר.

ב א ט ע ל — 5 0 ס ע נ ט

IMPROVED SHAVING POWDER CO.
107 Norfolk Street, New York, N. Y.

# די שוחטים שטימע

אייר, תרצ״ג

צווייטער יאהרגאנג. נומער 3


# דער שוחט טאָר ניט בלייבען עלענד און הילפלאָז

די „שוחטים שטימע” דרוקט אין יעדען נומער „בריף פון שוחטים”. דארט איז א ווינקעל פאר יעדען שוחט אויף דער גאנצער וועלט צו אויסריידען זיין הארץ, דערצעהלען דער וועלט בכלל און די שוחטים וועלט בפרט, ווי אזוי ער ליידט, דאגה בלב איש ישיחנה לאחרים — זאגט די גמרא, און ווען מען רעדט זיך אויס, מען ליידיגט אפ דעם פעקעל צרות פון וועלכען מען ליידט, ווערט גרינגער אויפ'ן הארצען. דער רובריק „בריף פון שוחטים” איז אזוי ווי א פלאץ וואו שוחטים פון דער גאנצער וועלט קומען זיך צונויף איין מאל אין חודש, מען האלט אפ א „מיטינג”, מען רעדט זיך דורך, איינער דערצעהלט דעם אנדערען אלע זיינע צרות, דער שוחט פון ניו יארק שמועסט זיך דורך מיט דעם שוחט פון א פארווארפענע שטעדטעלע אין קענעדע. דער „בריף פון שוחטים” איז „א בית ועד לשוחטים”, און דער צוקונפטיגער היסטאריקער, וועלכער וועט אמאל שרייבען די היסטאריע פון שחיטה און שוחטים אין אמעריקע און קענעדע, וועט דא געפינען אן אוצר פון שטאף פאר זיין נויטיגע היסטארישע ארבייט. ער וועט דא געפינען אינפארמאציע וועגען שחיטה און שוחטים וואו ער קען ניט געפינען אין קיין אנדער צייטונג אין דער גאנצער וועלט, נאר אין דעם אפיציעלען ארגאן פון די שוחטים, אין זייער „שוחטים שטימע”.

ווען איהר לייענט די „בריף פון שוחטים” כאפט אייך ארום א שרעקליכער אומעט, און איהר מוזט פיהלען אז עפעס מוז געטאן ווערען, מען טאר ניט איבערלאזען דעם שוחט, וועלכער איז דער יסוד פון די אידישע אמונה, וועמעס ארבייט איז הייליג און נויטיג, וואס קיין אמת'ער פרומער איד אויף דער גאנצער וועלט קען ניט אויסקומען אהן די מלאכת הקודש פון דעם שוחט, אט דער שוחט וועמען מיר מוזען האבען, ער טאר ניט זיין עלענד און הילפלאז, ער מוז זיין רוהיג און באזארגט מיט פרנסה, ער טאר ניט ליידען פון זיינע בעלי בתים, ווייל נאר דאן ווען זיין קאפ איז רוהיג קען ער טאן זיין מלאכת הקודש ווי עס באדארף צו זיין, ווי דער דין פאדערט.

א שוחט וועמען בעלי בתים מאכען פגימות אויף זיין נשמה, מוזען זיך פיהלען אט די פגימות אויפ'ן חלף, און נאכהער אויף די הארץ און נשמה פון דעם אידען וועלכער עסט פון זיין שחיטה. עס איז, פשוט, א סכנה, א גרויס געפאהר צו פארפאלגען אדער באליידיגען דעם שוחט וועלכער איז דער שליח פון דעם שלחן ערוך, דער פארטרעטער פון די אידישע רעליגיאן, וועלכער טוט אונזער גרויסע הייליגע רעליגיעזע ארבייט, צו וועלכער עס פאדערט זיך א רוהיגע קאפ אהן דאגות און אהן הארץ קלעמעניש.

ווען די שוחטים זיינען ניט פאראייניגט אין איין גרויסען מעכטיגען שוחטים פארבאנד, ווען יעדער שוחט איז פאר זיך אליין, מוזען זיי זיין עלענד און פארפאלגט און לעבען א ביטערען עלענדען לעבען, ווען אבער יעדער שוחט פון לאנד זאל באלאנגען צו די אגודת השו״בים דארצות הברית וקנדה וואלט דער שוחט געווען זיכער און שטארק ביי זיך, ניט עלענד און הילפלאז, ווייל דער מאטא פון דעם שוחטים פארבאנד איז: „איינער פאר אלעמען, און אלע פאר איינעם”.

די עופות שוחטים פון גרויס ניו יארק האבען געלעבט ערגער ווי אונזערע עלטערען אין מצרים, הונגער, שקלאפעריי, ערנידערונגען, פארפאלגונגען. האבען זיי זיך אבער פאראייניגט אין א שטארקע שוחטים יוניאן, און יעצט האבען די אגודת שוחטי עופות דניו יארק רבתי א שטארקע יוניאן, האבען איינגעפיהרט ריכטיגע כשרות, שטיצען ברידער שוחטים, האבען פיל געהאלפען ישיבות און תלמוד תורה'ס, גיבען ארויס די „שוחטים שטימע”, האבען גערופען א קאנווענשאן פון אלע שוחטים פון לאנד, וועלכע האט פארשאפט כבוד און פרעסטיזש

# פון מאָנאַט צו מאָנאַט

פון הרב שמריהו ליב הורוויץ

די אידען אין דייטשלאַנד. — יסורי הגוף און יסורי הנפש. — גייסטיגע אסימילאַציע. — דייטשען פון אידישען גלויבען, וועלכע האָבען קיין גלויבען נים. — אמאָליגע קדושים און היינטיגע גייסטיגע שקלאַפען. — די גרויסע לעקציע פון דער השגחה העליונה. — משיח'ס צייטען. — דער אידישער קאָנגרעס און דאָס „ווייסע הויז". — ווען אַ סענאַטאָר ווערט אַ מגיד און אַ מוסר־זאָגער. — דער אַלטער חרם אין אַ מאָדערנער פאָרם. — פאַרגעסענע בלום שריים: באָיקאָט!!!

---

די לאַגע פון די אידען אין דייטשלאַנד איז שלעכט, אונערטרעגליך, ערגער פון ערגער. זיי ווערען געטראָטען אונטער די פיס פון ברוטאַלע מערדער, פון אַ כוליגאַנישער גענגסטער־רעגירונג. זיי לײדען קערפערליך, עקאָנאָמיש און אויך גייסטיג. די יסורי הנפש זיינען נאָך ערגער פון די יסורי הגוף. דאַרפען מיר מאַכען אַ חשבון הנפש. אם רואה אָדם יסורים באָים עליו — זאָגט די גמרא — יפשפש במעשיו, און דעם חשבון הנפש מאַכט אין די פּראָגרעסיווע וועכענטליכע צייטונג „די ניישאָן" איינער פון זיי, דער באַוואוסטער לודוויג לואיסאָן. ער שרייבט אַ פּאָר ווערטער, וועלכע דאַרפען געשטודירט ווערען נים נור ביי די אידען פון דייטשלאַנד נור אויך ביי די אידען פון דער גאַנצער וועלט.

צעהן יאָהר גיפטיגע אַנטיסעמיטישע נאַצי־פּראָפּאַגאַנדא, און וואָס האָבען די דייטשע אידען געטאָן? — פרעגט לואיסאָן — און זיין ענטפער איז: גאָר נים!... און יעצט קלאָגט דער צענטראַל פעראיין פון די דייטשע אידען, מיט ווירדע און מוט וועלען מיר וויסען ווי אַזוי צו פאַרטראָגען אויף דער ערד פון אונזער היימלאַנד די פאַרפאָלגונגען פון די דייטשען גענען דייטשען... וואָלטען אָבער די דייטשע אידען געווען אמת'ע אידען, גאַנצע אידען, באַוואוסטזיניגע אידען, וואָלטען זיי פאַר יענע צייט געגרינדעט אידישע גימנאַזיעס, אידישע אוניווערזיטעטען, אַ אידישע פּאַרטיי, וואָלטען געמאַכט שטאַרקע פייערדיגע אַפּילס קיין זשענעוואַ פאַר מינאָריטעטען־רעכט און שוץ פאַר די לעצטע צעהן יאָהר.

זיי זאָגען זיי זיינען פון אידישען גלויבען? זיי זיינען דאָס נים! זיי האָבען קיין מאָל נים פּראָטעסטירט געגען דעם פאַרבאָט אויף שחיטה. זיי האַלטען אין איין קלאָגען אַז זיי זיינען דייטשען, זייערע אורעלטערען זיינען געשטאָרבען ווי העלדען מיט שמע ישראל אויף די ליפען — די פאַרפאָלגטע אידען פון דייטשלאַנד האָבען קאַפּיטולירט גייסטיג צו זייערע פאַרפאָלגער, זיי האָבען פאַר פילע דורות אויסגעוואָרצעלט פון זייער באַוואוסטזיין יעדער אידישען אינהאַלט, און פון זייער פּאָליטישען און מאָראַלישען לעבען יעדע אידישע פאַרבינדונג. דעם ערשטען אַפּריל, אין טאָג פון באָיקאָט, זיינען קליינע אידישע קינדער אַרויסגעטריבען געוואָרען פון די סקולס — וועלכעס איז שרעקליכער אַלס אַ מאָראַלישע ערשיינונג — די ברוטאַליטעט פון די יעניגע וואָס האָבען געטריבען די אידישע קינדער פון די סקולס. אָבער די מאָראַלישע ירידה פון די אידישע עלטערען, וואָס האָבען אין יענעם טאָג, אום שבת, געשיקט די קינדער זייערע אין די סקולס?!...

דאָס זיינען מוסר־ווערטער פון איינעם פון זיי, פון לודוויג לואיסאָן.

מיר גלויבען, אַז דאָס דאַרף זיין אַ גוטער מוסר־השכל פאַר דעם היינטיגען אידען פון אַמעריקא און פון דער גאַנצער וועלט צו פיהלען די גרויסע סכנה פון אַ גייסטיגע אַסימילאַציע, און ווי אַזוי אידען דאַרפען בלייבען געטריי צו זיך אַליין און בלייבען גאַנצע אידען, אומקערען זיך צוריק צום קוואַל, צום מקור פון אידישקייט, צו ארץ ישראל, צום הייליגען שבת, צום למוד פון תנ"ך, ש"ס און פוסקים, און צו געבען

---

צום שוחט אין אַמעריקא, און האָבען געגרינדעט די „אגודת השו״בים דארצות הברית וקנדה".

שוחטים מוזען רופען סטייט קאָנווענשאָנס, אום אַנצושליסען יעדען שוחט אין דעם שוחטים פאַרבאַנד פון לאַנד. ווען אַלע שוחטים פון לאַנד וועלען באַלאַנגען צו די „אגודת השו״בים דארצות הברית וקנדה", וועט דאַן די לאַגע פון יעדען שוחט פאַרבעסערט ווערען ברוחניות ובגשמיות, און דער שוחט וועט צוריק געפינען דעם כבוד און הייליגען רעספּעקט צו וועלכען ער איז באַרעכטיגט.

„נעשין השובי״ם אגודה אחת, מיד הם נגאָלים".

די יונגע אידישע קינדער א גוטע אידישע ערציהונג.

געווען צייטען ווען דער אסימילירטער איד האָט אוועקגעגעבען זיין קאָפּ, האַרץ, פעהיגקייטען, נשמה, טאַלאַנט און געפיהלען — צו דער גויאישער וועלט. אידען האָט ער איבערגעלאָזען א ירושה זיין טויטען קערפּער, מען האָט איהם געבראכט צו קבר ישראל. האָבען די נאַצים אין דייטשלאַנד באַנראַבען ניט לאַנג צוריק בערג פון אידישע הרוגים און פון די יעניגע וועלכע האָבען באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, — אויף א גויאישען בית עולם. זיי האָבען דערמיט גענעבען א ווארנונג אז א איד וועלכער אנטלויפט פון זיין פאָלק און פון זיין תורה דאַרף אין גאַנצען באַלאַנגען צו די גוים, זיין נשמה און קערפּער צוזאַמען!... די השגחה העליונה האָט אונז געגעבען יעצט א שרעקליכע לעקציע. עס האָבען יעצט אויפגעלעבט פאַר אונז די ווערטער פון יחזקאל הנביא: והעולה על רוחכם היה לא תהיה, אשר אתם אומרים נהיה כגוים וכמשפחות הארצות, חי אני, נאום ה' אם לא בחמה שפוכה וביד חזקה אמלוך עליכם!... און די חמה שפוכה און די יד חזקה פון דעם רבונו של עולם פיהלען איצט די אידען פון דער גאַנצער וועלט. וועט דאָס פיהרען צו תשובה?...

⁂

מיר גלויבען באמונה שלמה אז היטלער און זיינע נאַצים וועלען האָבען די כשר פאַרדינטע מפּלה. עס וועט זיין ימח שמם וזכרם. אידישע הייליגע בלוט וועט ניט שווייגען, דמם לא נקוהו. אָבער בלוט וועט ניט שווייגען, דמם לא נקיתי. ליגע תשובה פון אידען צו אַלעם וואָס ביי אונז איז הייליג און טייער. אָט האָט זיך יעצט אָנגעפאַנגען א קאַמפּיין אין ענגלאַנד צו באַזעצען די דייטשע אידען אין ארץ ישראל. מיר גלויבען, אז ארץ ישראל איז דער איינציגער מקום מקלט קערפּערליך און גייסטיג פאַר די דייטשע אידען. א קאָנפערענץ אין לאָנדאָן מיט ראָטשילד אַלס פאָרזיצער האָט ארויסגעלאָזען אַן אַפּיעל פאַר דיזען הייליגען צוועק צו שאַפען א פאָנד פון א האַלבען מיליאָן פונט, און אפילו אַזאַ רעפאָרם איד און אַנטי־ציוניסט ווי קלאָוד מאָנטעפיאָרע האָט געהאַלטען א פייערדיגע ריהרענדע רעדע און האָט שטאַרק אַפּעלירט פאַר א פאַראייניגטען אידענטום צו העלפען די דייטשע אידען צו באַזעצען זיי אין ארץ ישראל. מיר זעהען די געטליכע השגחה. נור א בלינדער זעהט ניט און א טויבער הערט ניט די שטאַרקע שריט פון משיח, פון די אידישע גאולה, וועלכע קלאַפּט יעצט אין אונזערע טירען! און מיר שרייען צו אַלע אמת'ע אידען: הכינו עצמכם לגאולה! אידען, זייט גרייט צו די אידישע גאולה. מיר לעבען יעצט אין משיח'ס צייטען, און מיר דאַרפען באמת תשובה טאָן אום צו זיין ריין און הייליג און ווירדיג גענוג צו קענען זיין דער דורו של משיח!...

⁂

און דער אידישער קאָנגרעס האָט געהאַט זיינע זיצונגען אין וואשינגטאָן, ניט ווייט פון „ווייסען הויז", און די דעלעגאַטען האָבען ניט געפיהלט ווייסקייט נור שוואַרצקייט. ניט קיין שטראַהל פון האָפענונג, מוט אָדער טרייסט איז געקומען פון ווייסען הויז צו די שלוחים פון א פאָלק וועלכעס טרינקט זיך יעצט אין בלוט און טרערען, נור קאַלטקייט, פרעמדקייט, עלענדקייט. אונזער פּרעזידענט וויל ניט הערען אונזער קרעכץ, וויל ניט פיהלען אונזער שרעקליכען וועהטאָג. ספּיקער רעיני, וועלכער האָט געזאָלט זיין אירנער פון די רעדנער ביים באַנקעט פון אידישען קאָנגרעס, האָט פּלוצלינג געכאַפּט א „פאַרקיהלונג" וועלכע האָט איהם כלל נישט געשטערט גלייך אויף מאָרגען אָנצופיהרען דעם פּרעזידיאום פון „הויז" מיט זיין געוועהנליכער קראַפט; און סענאַטאָר נאַי פון נאָרטה דאַקאָטאַ האָט דערלאַנגט א פּאַרציע מוסר די דעלעגאַטען, אז מען דאַרף נישט שרייען צו הויך וועגען די היטלער־רדיפות, נאָר זיך בעסער פאַרנעמען מיט די עקאָנאָמישע פּראָבלעמען פון לאַנד, און ער האָט געסטראַשעט די אידען און נביאות געזאָגט וועגען „עפּעס ערגערס פון היטלעריזם", וואָס דראָהעט די אידען פון אַמעריקא. מען רופט דעם סענאַטאָר פאַרדאַמען אונזערע בלוטיגע שונאים און — לקוב אויבי לקחתיך והנה ברכת ברוך!...

ווי טיף די וואונד, ווי גרויס און שמערצליך איז אונזער וועהטאָג! א קליין שוואַך שעפּסעלע צווישען אַזוי פיל וועלף!

און מיר מוזען באָיקאָטירען די נאַצי־דייטשלאַנד! די שטימע פון די אומגליקליכע פאַרצווייפעלטע פערציג טויזענט אידישע פליכטלינגע, וועלכע וואַנדרעווען יעצט ארום האָפענונגסלאָז איבער אייראָפּא; די פאַרגאָסענע בלוט פון אונזערע מאָדערנע קדושים שרייט צו אונז: באָיקאָט! באָיקאָט! נאַצי דייטשלאַנד מוז אריינגעלענט ווערען אין חרם ביי די אידען פון דער גאַנצער וועלט!!

## אַרטיקלען און בריף

מאמרים און אַרטיקלען פאַר דער „שוחטים שטימע", ווי אויך בריף בנוגע רעדאַקציאָנעלע אנגעלעגענהייטען (אויסער געלט ענינים), שיקען דירעקט צום רעדאַקטאָר לויט פאָלגענדען אדרעס:

**Rabbi S. L. Hurwitz**

**1503 Eastern Parkway, Brooklyn, N. Y.**

# די שוחטים און זייער צייטונג

פון רעוו. זלמן בער מאגאריס

יושב ראש דאגודת השוחטים דסוליוואן ואָלסטער קאָונטיס וסביבותיה.

די ערשטע קאָנפערענץ פון דעם ועד הפועל דאגודת השו"בים דארצות הברית וקנדה, וואָס איז לעצטענס אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין ניו יארק ביי וועלכער איך אלס חבר פון ועד הפועל האָב זיך באטיילינט, האָט אָנגענומען א רייהע פון וויכטיגע באשליסע, וועלכע זיינען געווען געדרוקט אין דעם פריהערדיגען נומער פון דער „שוחטים שטימע".

אין דער דורכפיהרונג פון די אנגענומענע החלטות הייננט אָפּ דער ערפאָלג פון אונזער ניי געגרינדעטער אגודה, אַז זי זאָל אָנהויבען צו פונקציאָנירען, צוצוטרעטען צו מעשים ממשיים, אָנצופאַנגען צו רעאַליזירען די פּאַרצווייגטע און וויכטיגע פּראָגראַם פון טעטיגקייט וואָס זי האָט זיך געשטעלט.

איך וויל זיך יעצט נישט אָפּשטעלען און ריידען וועגען דער וויכטיגקייט פון אונזער אגודת השו"בים, ווייל איך האַלט, אַז יעדער שוחט בכל מקום שהוא פיהלט אַז די נייע אגודה איז ארויסגעוואַקסען פון דער גרויסער נויטווענדיגקייט פאַר אַזאַ פאַרבאַנד פון אַלע שוחטים, וואו אונזערע כחות זאָלען זיין פאַראייניגט באגודה אחת צו זאָרגען פאַר אונזער מצב בכלל און פאַר יעדען שוחט בפרט.

אין מיינע קומענדע שורות וויל איך זיך אָפּשטעלען בלויז אויף דעם טרויערינען פונקט וואָס דער ועד הפועל איז געווען געצוואונגען אָפּצולעגען די החלטה וואָס עס איז אָנגענומען געוואָרען אויף דער קאָנווענשאָן, אַז די „שוחטים שטימע" זאָל אָנהויבען צו ערשיינען וועכענטליך. דער ועד הפועל איז געווען געצוואונגען אָפּצולעגען די ערשיינונג פון דער „שוחטים שטימע" וועכענטליך צוליב אַ גאַנץ פּשוט'ער אורזאַכע — ווייל ארויסצוגעבען אַ צייטונג וועכענטליך דאַרף קאָסטען אַ היבשע מטבע און קיין געלט איז נאָך דערווייל נישטאָ, האָט דער ועד הפועל דארום באשלאָסען אָנצופאַנגען באַלד אַ מעמבערשיפּ קאַמפּיין פון די שוחטים פון לאַנד און אַזוי שנעל ווי עס וועט אריינקומען די ערשטע געלדער פון די מעמבערשיפּ דיוס זאָל די „שוחטים שטימע" אָנהויבען ערשיינען וועכענטליך, איז אָט צו דער געלעגענהייט וויל איך ארויסזאָגען מיין מיינונג וועגען האָבען אַן אייגענע פּרעסע, און וועגען די בענעפיטען וואָס מיר וועלען דורך אַן אייגענער צייטונג ערדייכען.

מיר לעבען אין אַ צייט, וואָס אַ געדרוקטער וואָרט פון דער פּרעסע האָט אין זיך מעהר קראַפט ווי דער קראַך פון אַ קאַנאָן. מיט דעם כח פון דער פּרעסע ווערען באוועגונגען געבוירען און אנדערע געטויטעט.

דאָס איז היינט צו טאָג ביי קיינעם קיין סוד נישט. אַלע באוועגונגען פון אידענטום אין אַמעריקא, אַלע באוואוסטע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס האָבען זייערע אייגענע אָרגאַנען וואו זיי פיהרען זייער פּראָפּאַגאַנדע און פאַרטיידיגען זייערע פּאָזיציעס. און פונקט ווי אַן ארמיי קען נישט עקזיסטירען אָהן אַמוניציע — אַזוי קען היינט צו טאָג קיין אַקטיווע לעבעדיגע און שאַפענדע אָרגאַניזאַציע נישט עקזיסטירען אָהן איהר אייגענער צייטשריפט, וועלכע זאָל באַשעמפּען איהרע געגנער און שטאַרקען די הענט פון איהרע אָנהענגער.

עס איז שוין נישט איינמאָל ארויסגעזאָגט געוואָרען און עס איז פילע מאָל באַטאָנט געוואָרען די גרויסע נויטווענדיגקייט אַז אויך מיר שוחטים זאָלען האָבען אַן אייגענעם אָרגאַן, אַן אייגען ווינקעל וואָס זאָל זיין אינגאַנצען אונזערס, וואָס זאָל דינען אונזערע אינטערעסען, אויפקלערען אונזערע פּראָבלעמען און אויסקעמפען אונזערע רעכטע.

און לאָזט מיר אייך זאָגען מיינע חברים שוחטים, אַז קעמפען האָבען מיר זעהר פיל, גרויסע און שווערע אבני נגף שטעהען אונז אין אונזער וועג, הן בכלל והן בפרט און סאי אין רוחניות און סאי אין גשמיות. די יסודות פון אונזער לעבען וואָס זיינען אוועקגעלעגט געוואָרען פון אונזערע אָבות אבותינו, און וועלכע מיר האָבען אויפגעהאַלטען און אָפּגעהיט ממש מיט מסירת נפש, איז אָט די יסודות ווערען שוואַכער פון טאָג צו טאָג, עס פיהלט זיך אַ רפיון הכוח, די פעסטונגען פון אידישקייט ווערען שוואַכער פון דעם דרוק פון דער דרויסענדיגער וועלט, מען גרייפט אָן אונזערע עיקרי הדת והאמונה, לעצטענס וויל מען אַפילו פאַרווערען שחיטה, ווי עס איז געשעהן אין דייטשלאַנד.

מיר דאַרפען זיך די אַלע פּראָבלעמען קלאָר מאַכען, מיר דאַרפען לאָזען הערען אונזער שטימע, אַפילו נישט קיין זעהר שטאַרקע אָבער דאָך אַ שטימע און אַן אויפריכטיגע וואָס קוואַלט ארויס פון די טיפסטע טיפעניש'ען פון אונזער אָנגעווייטאָגט אידיש הארץ, און עס איז דאָך אַן אַלטער כלל, אַז דברים היוצאים מן הלב . . .

אויך מיט אונזער עקאָנאָמישער לאַגע קענען מיר זיך פיל נישט באריהמען. עס איז אמת, אַז מיר זיינען פאַררעכענט אין דער קאַטעגאָריע פון ארבייטער, און ארבייטער צייטונגען וואָס פאַרטרעטען די ארבייטער אינטערעסען זיינען פאַראַן אייניגע, אָבער דער פאַקט וואָס מיר טוען אַ מלאכת הקודש איז גענוג אַז מיר זאָלען זיין אויסגעשלאָסען פון דער אַלגעמיינער

ארבייטער קאטעגאריע, ווייל עס איז צום באדויערן א טרויעריגער פאקט, וואס אלע באוועגונגען וואס האבען א שייכות מיט עקאנאמישע פראגען ליגען אין די הענד פון ראדיקאלען, וועלכע האבען נישט קיין שום באציהונג צו רעליגיעז געשטימטע ארבייטער, און עס איז דארום אין אונזערע אינטערעסען אז אפילו אונזערע עקאנאמישע פראבלעמען זאלען באלויכטען ווערען אין אונזער אייגענער צייטונג.

און איך וועל זיך ערלויבען ארויסצוזאגען נאך א ביטערען אמת, אן אמת וואס פארדריסט, וואס טוט וועה, וואס ריהרט אן ביי דער נשמה, עס איז אבער דאך אן אמת וואס מוז קאנסטאטירט און פארצייכענט ווערען, און דאס איז, אז אפילו צווישען דעם ארטאדאקסישען קלאס זיינען מיר אויך א קלאס פאר זיך אליין. אפילו צווישען די רבנים פיהלען מיר זיך אויך עלענד, איינזאם, און עפעס קלעפט זיך נישט די באציהונגען אונזערע. על פי שכל וואלט דאך באדארפט זיין, אז די רבנים זאלען זיין אונזערע נאהענטסטע און איבערגעבענסטע ידידים און פריינט, איבערהויפט ווען מיר זיינען ביז א געוויסען גראד אנגעוויזען אויף זיי, אונטערווארפען זייער השפעה און הנהגה און אפילו טיילווייז פון זיי אפהענגיג, אבער עפעס אזעלכעס ליגט צווישען אונז וואס קען אונז נישט פארבינדען ווי עס איז נויטיג און ווי עס וואלט באדארפט צו זיין.

איך וויל זיך נישט ארייגלאזען אין די גרונט סיבות פאר וואס דאס איז אזוי. איך ווארף נישט די שולד אויף קיינעם, איך קאנסטאטיר נאר דעם טרויעריגען פאקט — און שטרייך אונטער, אז מיר פון אונזער זייט האבען די בעסטע כוונות, מיר ווייסען נאר אז מיר טוען אונזער ארבייט בשלימות, מיר זיינען עובדי עבודת הקודש באמונה, מיר האבען נישט צו טאן מיט הכשרים וואס הללו אוסרין והללו מתירין, מיר האבען נישט צו טאן מיט גיטין וקדושין, מיר נעמען נישט קיין פסק־געלד, מיר זיינען נישט אפהענגיג מיט אונזער חיונה פון קהל און קהל'שע פארזארגער, מיר פארדינען אונזער ברויט בזיעת אפים, מיט אונזערע פינף פינגער פארדינען מיר אונזער חיונה דורך שווערער הארעוואניע און פראצע.

און אט פון דעם שטאנדפונקט האלט איך, אז מיר זיינען אין א מעהר גינסטיגער און בעסערער לאגע צוריידען וועגען די אנגעוועהטאגטע פראבלעמען פון ארטאדאקסישען אידענטום, צו ריידען פריי און אפען אהן קיינע פערזענליכע פניות, און אויך דאס איז איינע פון די סיבות ווארום מיר מוזען האבען א ן א י ג ע נ ע צ י י ט ו נ ג, וואו מיר זאלען פון צייט צו צייט ארויסזאגען אונזער ווארט אויך וועגען אונזערע רעליגיעזע פראבלעמען, שטארקען די יסודות פון אונזער טראדיציאנעלען אידענטום. באהאנדלען די אלע צווייגען

# חד וחלק

(פעליעטאן) פון א. לץ

אמר הלץ הגדול הגבור והנורא, איך האב בעשלאסען צו זוכען א ווארשט פעקטארי וואו איך וועל געבען השגחה און וועל דערפאר קריגען עטליכע טריפה „טולערס". ווייל נאך אלעמען, משה רבנו — זאגען די חז"ל — איז רייך געווארען פון די פסולת פון די לוחות, פון די לוחות אליין קען מען קיינמאל נים זיין רייך, ווי דער חתם סופר זצ"ל האט געזאגט: וזה מעשה המנורה — די מנורה דאס איז דער תלמיד חכם, די תורה — האט מען צו טאן מיט דער תורה, איז מ ק ש ה ז ה ב, זעהר שווער צו באקומען פון איהר געלט, און אמאל טרעפט אז במראה אשר הראה ה' את משה בהר סיני — וואס ער האט דארט נים געהאט קיין ברויט — כן עשה את המנורה. דער אמת'ער גרויסער תלמיד חכם איז גלייכצייטיג דער אמת'ער קבצן, דער אמת'ער ארימאן. פון די הייליגע לוחות קען מען קיין לעבען נים מאכען, אבער פון די „פסולת" ווערט מען רייך. פון אן אמת'ע כשר'ע ווארשט פעקטארי אדער אנדערע אמת'ע כשרות קען מען גאנץ ווינציג האבען, אבער פון „פסולת", פון טריפות קען מען אמאל רייך ווערען. אמת'ע רבנים, צדיקים, וועלכע באזיצען באמת יראת שמים טהורה, האבען דערפאר מורא צו האבען צו טאן מיט הכשרים אין אמעריקע. איך בין זיכער, אז דער ווילנער גאון און ר' ישראל סאלאנטער זכרונם לברכה וואלטען נים געגעבען קיין הכשרים אין אמעריקע. אבער די יעניגע וועלכע גיבען הכשרים און מאכען דערפון א פאר דאלער, יענע — בין איך נים מקנא. אבער דאס וואס א רב טאר נים טאן, מעג א לץ טאן, ווייל די גאנצע כשרות אין אמעריקע איז געווארען די לעצטע צייט א — שטיק לצנות. באמונות, אויב אן אמת'ע כשר'ע ווארשט פעקטארי האט געקענט מאכיל טריפות זיין אן אלפים ורבבות מישראל און קיינער האט נים געוואוסט, בלייבט די קשיא: איז דא נים די גאנצע כשרות מיט די השגחה אן אמת'ע לצנות?! און ווי באלד דאס שמעקט מיט לצנות, וואו בין איך? איך בין דאך דער אמת'ער לץ פון „די שוחטים שטימע" און אפילו אזא בארימטער זשורנאליסט ווי מרדכי דאנציס פון „טאג" ברענגט אין „טאג" וואס איך, לץ, זאג צו די לעזער פון די „שוחטים שטימע" און ער גיט זיין הסכמת אז איך בין „א וויציגער פעליעטאניסט", און אזוי ווי די גאנצע השגחה דא איז נים מער ווי א וויץ, א לצנות, פאר וואס, פרעג איך, זאל די השגחה פון כשרות נים באלאנגען צו מיר און צו אלע אמת'ע לצים פון דער גאנצער וועלט, פאר וואס נים, הא?!

איך וועל אייך זאגען דעם אמת, רבותי, אז איך אליין, נים זייענדיג א רב און נים א שוחט, און בין גאנץ ווייניג באקאנט מיט די רבנים בכלל און מיט די הכשרים געבער בפרט, איך קען נים פערזענליך אט די הכשרים געבער, אבער איך שטעל זיך פאר, אז א הכשרים געבער מוז זיין א איד מיט א גרויסע לאנגע באָרד (א געלע צי א שווארצע) און וועלכער גלאצט מיט די אויגען צום הימעל, שעפטשעט מיט די ליפען: כשר! כשר! כשר! און טאפט בשעת מעשה מיט די הענט, זוכט א פאר טאלער. אט אזא איד — פרעג איך זיך — ווי אזוי וועט מען איהם קענען ארויגבאפען אין גיהנם אויפ'ן עולם האמת? ווער וועט דאס וואגען נעמען אזא צדיק און פארפאקען אין גיהנם? ווער וועט האבען די „גוירוו", די חוצפה, צו נעמען א אידען

פון אונזער רעליגיעזען בוים פארזיכטיג, עהרליך, אהן קיין שום פניות, בלי משא פנים, און אויב א צוויי־נעלע הויבט אן טריקענען און דארען און מען דארף דאס ארונטערשניידען, זאלען מיר דאס טאן מיט א ריינעם געוויסען, מאכע די נויטיגע אפעראציע אהן קיין שום מורא פאר קיינעם בלויז פאר גאט ב"ה אין זינען האבענדיג בעת מעשה, אז מיר טוען דאס לטובת דעם גאנצען בוים.

יעדע נייע באוועגונג וואס וועט ארויפשווימען אין דער אידישער גאס, וואס וועט זיך שטעלען אלס אויפגאבע צו שטארקען די יסודות פון אידישקייט, וועט פון אונז געשטיצט ווערען און מיר וועלען דורך אונזער ציימונג פראפאגאנדירען און פארשפרייטען איהרע אידעען, שטארקען איהר איינפלוס און ערמו־טינען איהרע טאטען. דא האב איך באריהרט בלויז איינינע פונקטען וואס אונזער צייטונג וועט אויפטאן פאר דעם אלגעמיינעם אינטערעס פון אידען און אידיש־קייט, פאר אונז שוחטים אליין, פאר אונזער עקזיס־טענץ איז די צייטונג א נויטווענדינקייט, א מוז, א יסוד אויף וועלכען מיר וועלען בויען אונזער צוקונפט און אונזער וואוילזיין אלס טריידס מענשען. זי וועט אונז אפהיטען פון אלע צרות און פגעים רעים צו וועל־כע מיר זיינען אונטערוואָרפען. די „שוחטים שטימע" וועט אונז דינען ווי א מין אינשורענס גענען אונ־פאראויסגעזעהענע איבלען וואס קענען קומען אויף אונז.

ב ר י ד ע ר ש ו ח ט י ם ! כדי די „שוחטים שטימע" זאל עקזיסטירען און ערשיינען וועכענטליך איז נויטיג אז 2,000 שוחטים זאלען זיך אנשליסען אין דער ניי געגרינדעטער אגודה. דאס איז, לויט מיין מיינונג, זעהר גרינג צו דערגרייכען. זאל זיך יעדער שוחט אריינווארפען אין דער ארבייט בלב ונפש. שליסט אייך אן אין דער אגודת השו"בים דארצות הברית וקנדה מיט איין דאלאר א מאנאט דיום. זאל די ניי־געגרינדעטע אגודה אייך פארטרעטען, אייך פארהיטען פון צרות — ווייל ווען די צרה קומט שוין דאן איז אפטמאל צו שפעט צו היילען. כאטש דאר־מאלט, אין דער עת צרה, געפינט זיך שוין גענוג געלד צו ראטעווען זיך, אבער לרוב איז דאס ארויסגעוואר־פענע געלט, דער וואס היט זיך אבער באצייטענס ראטעוועט זיך שטענדיג פון חלאים רעים ופגעים רעים און שפארט א היבש ביסעל געלט אויך.

לאמיר, חברים, זיך א נעם טאן פאר דער אר־בייט און אונזער נייער בנין וועט וואקסען און בליהען לשם ולתפארת ולתהלה.

מיט א גרויסע בארד, א איד א צדיק, און ארייגהאקען איהם אין גיהינם צוזאמען מיט „בוטשערס חמאתים", מיט מחללי שבת, שקצים ורמשים פרעסער, קאמוניסטען און היטלעריס־טען און אלע פאסקודניסטען, ווי אזוי וועט דאס קענען פאסירען, הא, ווי אזוי ?!

און אט ווי אזוי דאס וועט פארקומען: אייגער פון די מלאכי חבלה וועט זיך שטעלען אין גיהנים, וועט ארויס־קוקען פון פענסטער, און ווען א הכשרים געבער, וועלכער איז מאכיל טריפות צו אידען וועט געהן פארביי דעם גיהינם, וועט דער מלאך חבלה שרייען צו איהם: רבי, רבי, קומט אריין, מען דארף האבען א הכשר אויף די קוילען מיט וועלכע מען דארף ברענען די רשעים, און וועט איהם ציינען א ביגמעל מיט דאלערס. ווען דער רבי, דער הכשרים געבער, וועט דערזעהן ריבטיגע אמעריקאנער דאלערס, וועט ער גלייך א שפרונג טאן אין גיהנים אריין, כאפען די דאלערס, דא וועלען באלד די מלאכי חבלה צוזאמען מיט דעם שר של גיהנים פארהאקען די טירען פון גיהנים און דער הכשרים געבער וועט שוין בלייבען פארפאקט אין גיהינם לאורך ימים, און וועט מוזען עסען די זעלבע ווארשט וועלכע אידען האבען געגעסען פון זיין הכשר, טייענדיג אז דאס איז כשר, און די ווארשט וועט זיך פרעגלען אויף דעם גיהינם פייער און וועט ברענען און פארברענען דעם הכשרים געבער, אז פון איהם וועט בלייבען א קופע אש, און אט די קופע אש וועט צוריק ווערען א הכשרים געבער און וועט ברענען און ברענען אהן א סוף, אהן אן עגד...

און גלויבט מיר, רבותי, אז די קדשי קדשים אונ־זערע, אט אזעלכע צדיקים וואס געבען זיך אונטער צו געבען עסען כשר אלע אידען צוליב א פאר טאלער, אט די קדשי קדשים שחיטתן בצפון (צפון מיינט געלט, מצפון זהב יאתה), זייער שחיטה וועט זיין דורך א דאלער!... זיי לאזען קוילען זייער געוויסען, זייער נשמה צוליב א פאר דאלער! זיי קוילען זיך אליין!... איז נים א רחמנות אויף זיי, הא?...

און דערפאר געת איך יעצט ארגאניזירען אלע לצים פון אמעריקע, אז מיר, לצים, זאלען איבערנעמען די השגחה אויף כשרות, נים רבנים און נים די „בשרות אסאסיאיישאן", און איך, דער לץ פון „די שוחטים שטימע", וועט זיין דער פרעזידענט פון דער נייער ארגאניזירטער קראפט, וועלכע וועט זיך רופען „די גיהינם כשרות השגחה פון אמעריקא און קאנאדא".

קיין געלט וועט אונז נים פעלען, די אייגענטימער פון ווארשט פעקטאריס, בוטשער שעפער, דעליקאטעסען סטארס, וכדומה וכדומה, וועלען אונז שטיצען מיט'ן פולען האנט. אלעס וואס מיר דארפען איז גוטע גיהינם משגיחים, דער משגיח מוז זיין אן עם הארץ און א גרויסער עזות פנים, און די צייטונגען זאלען אונז געבען „פובליסיטי", און פאר געלט, כידוע, קריגט מען גענוג „פובליסיטי".

אלזא, איך, דער לץ הגדול הגבור והנורא, ווער דער פיהרער פון א גרויסע ריזיגע ארגאניזאציע וועמעס צוועק וועט זיין צו מאכען פון טריף כשר, געבען הכשרים צו יעדערען וואס קען נאר געבען א פאר דאלער, און דאן וועל איך פטור ווערען פון די שוחטים, פון דעם רעדאקטאר, און איהר וועט פטור ווערען פון א לץ. און עס וועט זיין שלום על ישראל.

ווייסט איהר עמעס פון פעהיגע משגיחים, וועלכע זאלען אבטונג געבען אז מען זאל נים כאפען די טריפות פעקטארים און מען זאל וועגען זיי נים שרייבען אין די „פייפערס"?! אויב איהר ווייסט, שיקט זיי צו מיר, צום לץ, אדער — שיקט זיי גלייך אין גיהינם אריין, וואס פריהער — אלץ בעסער!...

# וואס „ארץ ישראל" מיינט

פון דר. אברהם לבסקי.

צווייטער קאפיטעל.

## ארץ ישראל און ציוניזם אין דער צוקונפט.

פילע קיבעצערס פון ראדיקאלען חדר מאכען שפאט פון דאס פיצינקע „טל ומטר"דיגע ארץ ישראל. זייער טענה איז: אז אזא קליין לאנד ווי ארץ ישראל וועט קיינמאל ניט קענען אויסהאלטען א גרויסען ישוב פון די 17-16 מיליאנען אידען און פאלגליך, קומט אויס אז דער ציוניזם ענטהאלט ניט קיין רעאלן יסוד, זאנדערען עס איז א סארט „אידיע פיקס", א פאנטאזיע, וועלכע איז לכתחלה ענטשטאנען אלס רעזולטאט פון גזרות רעות, גרושים און צרות צרורות אהן א שעור אויפ'ן אידישען פאלק, און דארום טראגט עס א נעגאטיווען כאראקטער אבער ניט קיין פאזיטיווען אימפולס אן און פאר זיך זעלבסט.

דוכט זיך, אז אויבערפלעכליך האבען זיי רעכט, כאטש געבען זיי א גלעט איבער'ן בעקעל, ווער שמועקט נאך צו איינשטעלען א דעבאטע מיט זיי, איז דאך געוויס חס מלהזכיר.

אזוי ווי אבער מיין וויינינקייט פארלאזט זיך ניט אויפ'ן חוש השמועה אליין, האב איך דארום — נאך אן אבוועזענהייט פון די לעצטע עלף יאהר — אליין חוקר ודורש געווען דעם ענין ארץ ישראל און ציוניזם טאגע אויפ'ן פלאץ זעלבסט צום צווייטען מאל היינטיגען זומער, און אט וואס איך האב אויסגעפונען.

געאמעטריש איז טאקע ארץ ישראל פארלויפיג זעהר קליין אין פארגלייך צום שטח פון אנדערע גרויסע לענדער, נאך וויניגער אלס א שמינית שבשמינית. ווען מיר בעטראכטען אבער איהרע מעגליכקייטען אין דער וויטער צוקונפט, איהרע אונגעהויערע נאטירליכע אוצרות און פערספעקטיווע סיי אין קוואנטיטי און סיי אין קוואליטי, דאן קומט מען צום באשלוס, אז ארץ ישראל, אונטער די אידישע ענערגישע הענד, סיי אין ארבייט און סיי אין קאפיטאל, וועט געוויס קענען ארייננעמען א גאר גרויסען ישוב אין דער צוקונפט, אויב ניט דאס גאנצע אידישע פאלק (וועלכעס איז גאר א קינדהייט צו טראכטען אז עס איז אבסאלוט נויטיג) אבער א גרויסען טהייל וועט עס זיכער קענען ארייננעמען, ווייל מיר זעהען דאך שוין יעצט די שטויגענדע ענטוויקלונג און האסטיגען פראגרעס וואס דאס לאנד האט געמאכט אין די לעצטע 10 יאהר, און עס איז צו האפען, אז מיט יעדעס יאהר ווייטער, וועט די ענטוויקלונג שטייגען, ניט נאר פראפארציאנעל אן און פיר זיך זעלבסט, זאנדערען אויך, לויט דעם לאנישען חשבון פון „מאה מכם רבבה וכו'", ווי רש"י פיגורירט אין פרשת בחקותי.

מאנכע וועלען פילייכט פרעגען: און וואס איז מכח די אראבער? אבער מען טאר ניט רעדען פון ארץ ישראל אין איין אטהעם מיט א פאליטישען פראבלעם. כלל זה נקוט בידך אז, דער ציוניזם איז באזירט אויפ'ן פרינציפ פון יושר און גערעכטיגקייט, וועלכעס קען ניט זיין בכפיפה אחת מיט פאליטיק... אי די יעצטיגע שוועריגקייטען? מוז מען פארלויפיג לאזען די גלות אידען אנגעהן מיט זייער „מה־יפית" פאליטיק, וועלכעס איז, אין תוך גענומען, גאר ניט קיין ציוניזם — געוויס ניט אזעלכעס, ווי די נביאים אונזערע האבען פראפעציהעט — זאנדערן א סארט תערובת פון חירות בתוך עבדות און ווען די צייט וועט קומען וועט דיעזער סארט פאליטיק אויסגעוועבט ווערען. „מה שיעשה הזמן לא יעשה השכל" א פשיטא שוין די פאליטיק איז דאך געוויס ניט וויכטיגער פון שכל...

ווען די וועלט וועט ווערען אביסעלע מעהר געסטאטסעוועט. די פינאנסען איבעראל וועלען זיך סטאביליזירען, דער קאמערציעלער פארקעהר וועט ווערען געזיכערט, און בכלל די געמיטהער פון יעדער פאלק, ראסע, נאציאן און מלוכה, וועלען ווערען מונטערער, עטוואס מעהר ליבעראל, דאן וועט די אראבישע פראגע אין ארץ ישראל מוזען פארשווינדען כהרף עין. ווייל וואס א שטיגער קענען די אראבער פאדערען? ארץ ישראל אלס א נאציאנאלע היים זייערע, איז דאך לעכערליך. די אראבישע נאציאן אלס א גאנצע, האט קיינמאל ניט ארויסגעצייגט דעם ווילען צו שטעהן פאראייניגט אונטער איין פאהן, ווען זאגאר זיי האבען ניט געהאט קיין מכלומר'שטען תירוץ פון ציוניזם. חעדזשאס, מעסאפאטאמיען, סיריען, נעזשעד, א. ד. גל., אט די אלע פראווינצען, וועלכע יעדע פון זיי וואלט געקענט ארייננעמען די אראבישע נאציאן אונטער איהרע פליגעל, זיינען אימער געווען צוברעקעלט און צוריסען. דער „טראנסזשארדאנא" זעלבסט, וועלכעס איז היינט א מלוכה פיר זיך זעלבסט און א ריינע אראבישע פראווינץ, קען ארייננעמען, ניט נאר די ביסעל אראבער פון ארץ ישראל, זאנדערן 6 מאל אזוי פיל, און דאס לאנד דארט איז געוויס ניט ערגער ווי דאס נאך פארלויפיג אונענטוויקעלטע ארץ ישראל.

טו וואס זשע קענען די אראבער פאדערען אין ארץ ישראל מעהר ווי וואוין רעכט פיר די ביז איצטיגע סיטיזענס? און אויב אזוי, איז דאך די אראבישע

שרעק נאָר א חלום. נאַטירליך, אויב דער ציוניזם וועט אַנגעהן מיט דער פּאָליטיק פון א רחמנות פנים־דינען כאַראַקטער, וועלען די אראבער אלץ שטעהן דאַנענען, ווייל דאָס ליגט אין זייער בלוט און פּסיכאָלאָגיע צו וועלען וואַיעווען איבער'ן שוואכען. אומגעקעהרט אָבער, ווען דער ציוניזם זאָל זיך ארויסשטעלען אלס א נעזעצליכע פאדערונג מיט די מאָראלישע און יורידישע שטיצע פון דער וועלט, דאן וועלען די אראַבער מוזען בויגען דעם קאָפּ.

נאָך א וויכטיגער פונקט מוז דאָ באמערקט ווערען, אז די יעניגע, וועלכע דיינקען דאָס דער ציוניזם האָט באקומען זיין ריכטיגע התעלות הרוח און אויסטייטש דורך די באלפור דעקלאַראַציע, מאכען זיי א מיאוס'ן טעות.

אין גענענטייל, ווען ניט די דעקלאראציע וואָלט דער ציוניזם ניט באַפלעקט געוואָרען מיט די אומריינע גערענקען און פּאַלשע כונות וועלכע געפינען זיך אין דער דעקלאראציע, ווייל דער ציוניזם איז ניט נאָר א באגעהר צו מאכען די ערמעגליכונג פון אידישע קאָלאָניזאציע אין „ארץ ישראל", זאָגדערן אויך, אין דער עיקר, צו מאכען ארץ ישראל א יודען־שטאַט פּאָליטיש ניט ווייניגער ווי ענגלאנד פאר ענגלענדער. און אין דעם ליגען די חלוקי דעות פון פילע ציונים זייט די אחד העם'יסטען און הערצל'יסטען.

ביים יעצטיגען מאָמענט מוז מען אָבער אויסקלייבען דאָס בעסטע פון דאָס ערגסטע וואס איז שוין געשעהן. אבער אין יעדענפאל, ניט ווערען אבהענדיג און ענטמוטיגט. מיר מוזען צוריק ערוואכען אין דעם גייסט פון א נחמיה'ן. מיט איין האנד זיך פּראטעקטען פון בייזע פּאָליטישענס... און מיט דער צווייטער האנד בויען און פלאנצען און סוף הכבוד לבא, ווייל די ארץ ישראל וואס מיר ערווארטען איז ניט א באגרעניצטע פון קאנטארא ביז נאָך עכו אדער פון ים הגדול ביז'ן ירדן, ניין! דאס קען נאָר דיענען אלס קעפּיטאל אליין, אלס ווארצעל, אבער די צווייגען — די ברייטע שיכטען פון אידישען פאָלק וועלען געוויס זיך צושפּרייטען רעכטס און לינקס ווייל די צוקונפטיגע דורות וועלען האָבען דעם זכות אבות וואס מיר ארבייטען יעצט פאר זיי. אונזער געלד און שוויס, מיהע און זאָרג, פּיין און אנגסט וואס מיר פּארפלאנצען יעצט אין די קלייניגקע ארץ ישראל, מוז און וועט געוויס ארויסשפּראצען און זיך צובליהען אין גרויסע צווייגען פון א ריזיגע ארץ ישראל.

דעסגלייכען דער ציוניזם, מוז ענטפּלעקט ווערען אין זיין אמת'ן גייסט, נישט ווי פילע דיינקען אלס „אידיע פיקס" זאָנדערען, אלס פּאָזיטיווער נשמה־דראנג צו עטוואס הערליכעס און פּראכטפול, פון וועמעס קוועלע עס זאָל ארויסשפּרודלען א מאָראל פאר דער גאנצער וועלט, א ליבעראליזם פאר אלע ראסען און נאציאנען, און א תורה, א יוניווערסאלע לעהרע פאר'ן גאנצען ערד קוגעל.

# בריעף פון שוחטים

## דער מצב פון שוחטים און כשרות אין אמעריקא

### שיקאגא

שיקאַגער אגודת השוחטים איז איינע פון די גרעסטע פון אַמעריקא, זי צעהלט 160 מעמבערס. אין דער קורצער צייט פון איהר עקזיסטענץ האָט זי דורכגעמאַכט פילע קאַמפּען. די קאַמפּען זיינען געווען פיל מאָל זעהר שווערע, נאָר דורך די גוטע טאַקטיק פון איהרע פיהרער איז איהר געלונגען צו איבערקומען שוועריגקייטען.

די מעמבערס, ווען זיי דערמאָנען זיך אָן זייער פינסטערען עבר, ווען זיי זייגען געווען עבדים ביי די טבחים און האָבען געארבייט עבודת פרך פאר איינציג דאָלער א וואָך, דאַנקען השם יתברך פאר זייער יעצטיגען צושטאַנד אונטער דער אגודה, אָבוואָהל דער פארדינסט פון פילע מעמבערס איז ווייט פון צו קענען ערנעהרען זייערע פאַמיליעס. דאָס איז די שולד פון דער צייט. די שלעכטע צייט שאַגעוועט קיינעם, עס רופט זיך אויך אָפּ אויף די שוחטים. די אגודה פון איהר זייט אָבער טוט אַלעס מעגליכעס צו העלפען די ליידענדע מעמבערס — מיט קליינעם ערפאָלג. מען טרייסט זיך דאָך מיט דער האָפנונג, אז א פאַרבעסערונג אין דער אַלגעמיינער לאַגע וועט אויך ברענגען א פאַרבעסערונג אין דער אגודה.

די הויפּט סופּאָרטערס פון דער אגודה זיינען יעצט די רבנים יחיו, זיי זיינען איהרע בעסטע און טרייעסטע פריינד. זיי האָבען די השגחה איבער די פעהיגקייט און קאָמפּעטענס פון די שוחטים אלס שוחטים און זיי פּאַסען אויף, אז עס זאָל ניט פּאָרקומען קיין הסגת גבול צווישען די שוחטים און אויך אז די אגודה זאָל ניט טאָן וועלכע אונרעכט צו א מעמבער. געפינט א מעמבער אז מען האָט איהם ניט געגעבען זיין רעכט, רופט ער די אגודה צו א דין תורה און די אגודה מוז נאָכקומען דעם פּסק דין פון די רבנים.

די אגודה פון איהר זייט איז ניט כפוי טובה, זי ווייס ווי צו שאַצען איהרע סופּאָרטערס און אמת'ע

310



פריינד און באצאהלט ווי ווייט זי קען. אזוי האבען זיי צוםביישפיל פאריגען יאהר זיך פארפליכטעט צו שאפען פאר דעם ועד החנוך פינף טויזענט דאלער. דאס איז א גרויסע סומע יעצטיגע צייטען.

היינטיגען פאר פסח האבען די געעהרטע רבנים ביי א מיטינג אין דער אגודה געמאכט אן אפיל פאר די תלמוד תורה טיטשערס און די אגודה געשאפען טויזענט דאלער. דאס האט מען געטאן ניט קוקענדי־ דערויף וואס מען האט נעהאט נענוג אויך אייגענע שוחטים מעמבערס וואס מען האט באדארפט געבען מעות חטים.

אויסער דעם האבען די שוחטים פון דער אגודה געשלאכט זעקס טויזענט עופות פאר מעות חטים פאר א גאנץ קליינעם פרייז, אום צופרידענשטעלען די קהלה וועלכע האט געמענרזשט די אויסטיילונג פון די מעות חטים.

וואלט אלעס דאך גוט געווען ווען עס וואלט ניט געווען אנדערע צרות וואס מאכט די עקזיסטענץ פון דער אגודה אונזיכער און פארשאפט איהר ניט אזוי ווייניג זארג. איין צרה איז אן אויסערליכע, און די צווייטע איז אן אינערליכע, און זי איז די גרעסטע און געפעהרליכסטע.

די אגודה האט אויסצושטעהן פיל פון א טייל זעלבסטגעווארענע שוחטים, וועלכע שלאכטען ביי גויים און שעדיגען דאמיט די פרנסה פון די קצבים, ווי אויך פון די שוחטים. אויסער דעם וואס זייער כשרות איז אהן קאנטראל־השגחה און איז א ספק־ספיקא. די קהלה האט געטרייט צו ברענגען זיי צום טרייעל, און מען וויים ניט ווי עס וועט נעהן, ווייל ליידער געפינען זיך אונפאראנטווארטליכע רבנים וואס שטיצען די צווייפעלהאפטע שוחטים, און זיי קימערט ניט וואס דורך זייער שטיצע זיינען זיי מאכיל טריפות און ברענגען צו א חלול השם ביי גויים און ביי אידען. זייערע קליינליכע אינטערעסען שטעהען ביי זיי העכער פאר כשרות און אלעם וואס הייסט יהדות. אהן זייע־ שטיצע וואלטען די עבריינים שוחטים קיין קאפ ניט געקענט הויבען און וואלטען געמוזט זיך אומקערען צו זייערע פריהערדיגע פרנסות, אבער האבענדיג א טייל רבנים אלס העלפערס, האבען זיי געמאכט א געגענקלאגע און האבען אנגעקלאגט די רבנים פון וע־ השחיטה אויף הונדערט טויזענט דאלער. דעם אויסגאנג פון דעם שענדליכען טרייעל וועט מען שפעטער זעהן. אין יעדען פאל וועט עס קיין געזונט און כבוד צו דער אגודה ניט צוגעבען.

מען זאגט אז איין צרה איז קיין צרה. דער שפריכווארט פאסט זייער גוט צו דער אגודה. ניט גענוג וואס מען האט צו קעמפען מיט אויסערליכע שונאים, האבען מיר אויך אינערליכע שונאים, און די לעצטע טוען דער אגודה פיל מעהר שאדען ווי די אויסערליכע, — ישמרני ד' מאוהבי ומאויבי אשמיר את עצמי. א טייל מעמבערס לאזען ניט צו אז די אגודה זאל מאכען ארדער אין איהר פיהרונג, און דערמיט שטארקען די אגודה אינערליך, א זאך וואס זי האט פארנאכלעסיגט אין דער גאנצער צייט פון איהר עקזיסטענץ, און האט איהר ניט געלאזען מאכען איין שריט פארווערטס.

די אינטעליגענטע מעמבערס זעהען איין, אז די אגודה, צוליב איהר אונארדנונג, ווערט געטריבען צו א קאטאסטראפע, און אגיטירען שטארק פאר א באלדיגע ענדערונג, אזוי לאנג ווי עס איז נאך ניט צו שפעט, אבער, ליידער, די זאגענאנטע רעדעל פיהרער מיט קליינע מוחות לאזען ניט צו. ווארום — איז ניט שווער צו פארשטעהן, ווייל אין קאלעמוטנע וואסער איז לייכט צו כאפען פיש.

אום צו כאראקטעריזירען דעם צושטאנד אין דער פיהרערשאפט וויל איך ברענגען איין פאקט פון פילע, און דאס וועט זיין גענוג צו באווייזען דעם כאאטישען צושטאנד.

פאר א קליינע צייט צוריק האט מען עלעקטעט א נייעם פרעזידענט, א מאן מיט ענערגיע און שטארקען ווילען. מען האט געהאפט, אז ער וועט וואס אויפטאן, האט מען איהם אבער געצוואונגען צו מאכען אן עקזעקוטיוו פון 40 מעמבערס. האט איהר געהערט, 40! האבענדיג אזא גרויסען סטעף פון יועצים, איז ער געווארען בטל בששים, און עס איז לעבעדיג! און מיינט מען פיליכט אז עס ענדיגט זיך מיט די 40? ניין! עס איז דא נאך 33 לייטע פון ועד השחיטה וואס נעמט זיך א גרויסע דעה אין דער הנהגה פון דער אגודה. אלזא, צוזאמען איז 73 אפיסערס אין א יוניאן פון 160 מעמבערס.

איז נאך ניט צייט צו עפענען די אויגען פון די מעמבערס און זיי זאלען איינזעהן, אז עס מוז עטוואס געטאן ווערען, און טאקע באלד?!

שמואל בראנדהענדלער.

---

ווערטהער רעדאקטאר פון די שוחטים שטימע:

איך בעט אייך מיר צו געבען אן עצה אין מיין יעצטיקער פארצווייפעלטער לאגע. איך בין דער ערשטער אנצוהאלטען די יעצטיקע שטעלע 10 יאהר צייט אין א שטעטעל פון 60 אידישע פאמיליעס פארמעגליכע אידען. דער דעפרעשען האט דא אויך געטראפען, אבער דיזע שטעדטעל האט א נאמען אפילו אין דער יעצטיקער קריטישער לאגע אז אידען מאכען דא בעסערע ביזנעס ווי איבעראל. אבער פאר שוחטים איז דא אדמער געווען גרויסע צרות, קיין לאנגע יאהרען האבען זיי ניט נעהאט, נאר גרויסע צרות. איך, אלס יונגער מאן אנקומענדיג 35 יאהר, האב איך זיך איבערגעגעבען מיט מיין גאנצען פייער צו מיין ארבייט, אויפגעטאן פילעס פאר אידישקייט מיט מיין כח און מיט מיין געלר. אפילו פאר דורכפאהרער, וועלכע איך האב זיי דא 4 און 5 א וואך, איז מיין הויז געווען פתוח

לרוחה און נאך א נדבה צוגאב. איך האב געשאפען פאר די 10 יאהר צייט א גוטען נאמען פאר מיין קהלה דורך מיינע באהאנדלונגען. הן ביי קריסטליכע סביבה, הן ביי דער אויסערליכער וועלט. געטאן מער וויפיל מיין אגרימענט האט מיר ערלויבט, טאג און נאכט געווען ביזי, זיי צופרידענגעשטעלט אין אלע אופנים, ווייל איך דארפט וויסען, ראשית, איז זעהר שווער צופרידענצושטעלען 60 ב"ב און ספעציעל אין א קליין שטעטעל; והשנית, אז זיין דער שוחט פון א קליין שטעטעל מיינט זיין אלעס, און דאס בין איך: חזן, שוחט, מלמד, מוהל, און אלעס וואס א קהילה פאדערט האט מען אין מיר נעפונען, אפילו א חברה קדישא מאן. אבער, ווי אלע מאל, האט מען אין דעם קליינעם שטעטעל פיינט געהאט דעם קהל'שען מענשען. ספעציעל אין מיין יעצטיגען שטעטעל. לעצטען יאהר האט מען מיינע שכירות פארקלענערט אויף 15 פראצענט. איך מוז אייך באמערקען, אז פאר די אלע זאכען מיט מיין שווערע ארבייט האב איך קיין גרויסע שכירות ניט באקומען, כאטש מיין פאמיליע באשטייט פון 8 נפשות, וועלכע מוזען ארויסקוקען אויף מיין הילף, דערצו זיינען די הוצאות אין א קליין שטעטעל פיל גרעסער פון דער גרויסער שטאט, ספעציעל אין דיזער שטעטעל. מיין האפענונג איז אלע מאל געווען אז אידען וועלען מיט דער צייט שעצען מיין גוטע ארבייט און פארשטיין מיין ווערדע. אבער די זאך לאזט זיך אויס גאר פארקערט. יעצט האב איך אפיסערס גרויסע עמי הארצים און מען האט פאררופען א מיטינג און געפאסט 14 אקענען 12 פאלגענדע קאנדישאנס: אז ראשית, מוז איך אליין נעמען אויף זיך דעם חדר, עס הייסט איך דארף אליין פארהאנדלען מיט די עלטערען פון די קינדער, און די קאנגרעגיישאן גאראנטירט מיר 1 דאלאר פון א קינד. דאס הייסט, ביי יעצטיגער צייט, 16 קינדער. אויף דעם סמך נעמט מען פון מיר אראפ פרישע 50 דאלער א מאנאט. דאס מיינט, אז פון מיינע קליינע שכירות ווערט אראפגענומען 50 פראצענט.

ראשית גלויב איך ניט, אז עס איז פאראן א קהילה, וועלכע זאל האבען געמאכט אזא געזעץ, אז ווייל די קאנגרעגיישאן קען ניט אדער וויל ניט אויסהאלטען די תלמוד תורה, זאל מען דאס ארויפווארפען אויף דעם ארימען שוחט, ער זאל דאס אויסהאלטען. והשנית, אראפצונעמען 50 פראצענט פון קליינע שכירות, וואס הן דער פראפאזישאן הן דער צווייטער, מיינט פשוט מיין אונטערגאנג.

די אורזאכע, ווי עס זעהט אויס, איז אז זיי ווילען פון מיר פטור ווערען, האבען זיי מיר נעגעבען אזעלכע קאנדישאנס איך זאל אליין אנטלויפען. ווייל זיי ווייסען אז אין דער איצטיקער קריטישער צייט איז שווער צו באקומען א שטעלע, ספעציעל אזא פאמיליע ווי איך, און דערצו אזוי ארים, פארמאג ניט מיינע איינענע אפילו 100 דאלאר, נאך דערצו נאר א בעל חוב. נאר זיי האבען יעצט א געלעגענהייט צו נעמען נקמה פון א שוחט. פאדער איך פון זיי 500 דאלאר און 3 חדשים נאטיס ארער מען זאל ברייננען א רב און זיך פארלאזען אויף איהם. אבער זיי ווילען ניט ווערען פון חזקה. זיי טענה'ן אז איך בין אלע מאל געשטאנען ביי זיי אויף אן אגרימענט. און יעצט איז מיין צייט געענדיגט. אויב איך וויל ניט אננעמען זייערע קאנדישאנס קען איך זיך גיין.

איך האב קיין אנדער ברירה ניט געהאט ווי צו סטאפען מיין ארבייט, ווייל איך קען בשום אופן ניט אננעמען קאנדישאנס צו ווערען א פריוואט מלמד וועלכעס וואלט געמיינט סיי ווי ניכע ענדע, און דערצו איז מיר ניט מעגליך צו מאכען א לעבען. איינינע שיקען נאך בשר אין דער גרויסער שטאט, וועלכע איז 175 מייל ווייט פון מיר. איך דיינק אויך ארייגצושטעלען אין די פייפערס אן אזהרה לשוחטים. סיי ווי עס איז זייער טרויעריג מיין יעצטיגע לאגע. נעמען זייערע קאנדישאנס איז מיר ניט מעגליך. ראשית, וואלט איך געווען דער ערשטער אפילו אין קענעדע און אויך אין די סטייטס צו מאכען אן אנפאנג אז דער שוחט דארף אויסהאלטען א תלמוד תורה, והשנית קען איך אפילו אזוי ניט מאכען אפילו אן ארים לעבען. ווענד איך זיך צו אייך וועגען אן עצה. איל וויל אייך באמערקען, אז אין מיין יעצטיקע לאגע קען איך אפילו ניט אנהאלטען אויף לאנג מיין אזהרה, וועלכע קאסט זייער טייער.

האפענדיג אז איהר וועט מיר געבען אין ניכען אייער עצה תשובה, הן פריוואט, הן דורך די „שוחטים שטימע".

דער קאנטרי שוחט.

---

אנמערקונג דער רעדאקציע.

מיר בעטען אונזערע לעזער בכלל און די שוחטים בפרט שרייבען זייער מיינונג דורך די „שוחטים שטימע" וואס קען געטאן ווערען פאר דיזען פארצווייפעלטען ברודער שוחט: וואס זאל ער יעצט טאן ?!


## אונזער נייער אדרעס

מיר קריגען פילע בריף אויף אונזער אלטען אדרעס, לאזען מיר ווידער אמאל וויסען, דאס מיר האבען זיך אריבערגעקליבען אין אן אנדער דירה, וואו עס געפינט זיך דער אפיס פון דער שוחטים יוניאן און אויך פון דער „שוחטים שטימע".

ווענדעט זיך צו אונז אויפ'ן נייעם אדרעס:

**233 East Broadway, New York, N. Y.**

**Telephone ORchard 4—1938-9602**

312



# נעשה ונשמע!

פון הלל יעקב הורוויץ, שו"ב גאלוועסטאן, טעקסאס

פילע טויזענדער יאהרען זיינען געלעגען אויסגעשפרייט איבער פארשיידענע בתי קברות, איבער בערג און טאלען טויטע אויסגעטריקענטע ביינער, צוואוארפען אהן א סדר, ניט וויסענדיג צו וועלכע קערפערס זיי באלאנגען און צו וועלכע גלידער זיי שליסען זיך. מענשען געהען פארביי, ווארפען א בליק אויף די קופעס מענשען־ביינער, גיבען פיליכט א קרעכץ, לעזען אפשר איבער א פאר מצבות: פ"נ פלוני בן פלוני, און געהען ווייטער. קיינער פאלט גאר ניט איין אין געדאנק, אז די קופעס מתים, די פארשפרייטע, צוואוארפענע, אויסגעטריקענטע ביינער קענען זיך צוזאמענשליסען גליד צו גליד און פארמירען קערפערס און ווערען אנגעפילט מיט פלייש, מיט הויט, מיט אדערן און נערוועז, מיט מארך און מיט לעבען.

שטעהט דער גלות־נביא יחזקאל, באטראכט זיין גלות־פאלק וואס ווערט געטריבען פונ'ם פיינד, ערגער ווי פיה (ווייל פאר פיה איז דאך פאראן א „צער בעלי חיים סאסייעטי"), קיין רחמנות פאר זיי. און זיי, די לעבעדיגע מתים, ווי טרוקענע ביינער, לאזען זיך וואלגערען אהן שום פראטעסט. און פון יחזקאל'ס פארטריבט הייסעם הארץ לאזט זיך ארויס א געשריי: „א, ג', התחיינה העצמות היבשות האלה?"

און דער נביא בלייבט ניט שטעהן פארצווייפעלט. ער פאנגט אן זיין געטליכע אויפלעבונגס ארבייט: ער שרייט, ער רופט, ער וועקט! און, מערקווירדיג — עס ווערט א שטורם, עס הערט זיך א באוועגונג, עס הויבען זיך אן רוקען און באהעפטען ביין צו ביין, ביז זיי פארמירען סקעלעטען. דער נביא לאזט ניט אפ. ער ארבייט מיט מעהר פלייס, מיט מעהר ענערגיע, און ער דערזעהט ווי די סקעלעטען ווערען אנגעפילט מיט פלייש, מיט הויט, מיט מוסקולס, מיט אדערן, מיט נערוועז און מארך. אבער עס פעהלט נאך לעבען אין זיי. די געטליכע השגחה קומט איהם אבער דא אויך צו־הילף, און עס ווערען איינגעבלאזען אמת'ע נשמות אין די ערשט געוועזענע טויטע טרוקענע ביינער, און זיי שטעהען אויף — א גרויס, גרויס, מעכטיג פאלק!

ניין, דאס איז ניט קיין פאנטאזיע, נאר א ווירקליכקייט. שרי לי מרי דער תנאי ר' יהודה, וועלכער זאגט אז משל היה. איך בין מסכים מיט'ן תנאי ר' יוסי הגלילי, אז די מתים שהחיה יחזקאל עלו לא"י, נשאו נשים והולידו בנים ובנות; און ר' יהודה בן בתורה איז מעיד אויף זיך, אז ער איז אן אייניקעל פון זיי, און האט זאגאר די תפילין פון זיין זיידען (סנהדרין צ"ב).

יאהרען און יאהרען איז די לאגע פון די שוחטים דא אין לאנד געווען א מיזעראבעלע, ווייל דער פונדאמענט זייערער, דער כח התורה פון די רבנים, אויף וועלבען זיי האבען זיך סומך געווען, איז אליין געווען ווי א קנה רצוץ. דאס פאלק איז געווען גלייכגילטיג און די שרי הטבחים, ד"ה די בעלי בתים פון די שלאכט־הייזער, די מארקעט־לייט און די בוטשערס האבען געקוקט אויף די רבנים מיט די שוחטים ווי אויף א מין אנשיקעניש ר"ל, אדער ווי א סארט איבעל וואס מען מוז זיך האלטען אן זיי צוליב ביזנעס, איז דארום וואס ווייניגער מען צאהלט זיי, וואס ערגער מען באהאנדעלט זיי, אלץ בעסער. אזוי לאנג ווי די פראספעריטי האט אנגעהאלטען און די בעלי בתים האבען זיך געווארפען מיט טויזענדער אויף אלע פארגעניגענס, האבען זיי זיך ווייניג געקימערט אויב עס האט זיי געקאסט מיט עטליכע דאלאר מעהר אויך אט די „כלי קודש חברה".

אבער דער רעדעל האט זיך א דרעה געגעבען אויף צוריק, און גלייך האבען עס גענומען פיהלען די רבנים און ספעציעל די שוחטים, און העלפען קענען זיי זיך ניט. ווי די ווירדיגע שוחטים הלל בן שחר בצלאל העלער א. אנ. שרייבען: מיר זיינען אין דער בחינה פון יענע עצמות היבשות. און דא קומט די אגודת השוחטים מיט דעם יחזקאל־גייסט און מיט דער געטליכער „שוחטים שטימע", אזוי ערהאבען, אזוי גייסטרייך, אזוי איבערצייגענד, וואס נאר אזא גייסטיגער ריז, אזא גאונות'דיגע פערזענליכקייט ווי הרה"ג ר' ש"ל הורוויץ אלס רעדאקטאר קען ארויס־

# למנצח

מאת שלמה אונגאר.

אלהי הרוחות, רוכב גבהי רמים,
אהה! שור בשפלתי, ראה מצבי,
כצנה הכתרתי משנאים וקמים,
ישטמוני על ולא חמס, יפלחו לבבי.

אנשי רשע המה, קציני סדום,
מתגוללים על נקי, ישביעוני כלימה.
יבוססוני, ירמסוני, רמוס והלום,
ירדפוני חנם, ירדיכוני על בלי־מה.

יגרשוני מן גו, כמצורע, כמנוגע,
מחוץ למחנה הרחק, ישימו מנוחתי.
ההו בינתי תסתתר, והייתי משוגע
מפסיעותיהם הגסות בקרקע נשמתי.

מדוע תתנשאו, תרומו ראש בגאוה,
כמו מחומר נעלה רוחכם קצצה.
ואני נעלב, נאלח, מוצג לראוה,
כמו מאוצר ערפל נשמתי קורצה.

אלהים ימאס מנחתכם, מנחת קין,
תועבת ד' אנשי שחץ, מדברים גבות.
הוי! אכזרים כיענים, צרי עין,
התדמו, כי גנבתם גם את אלוה?

שופט כל הארץ לא יעשה עול,
זאת תורנו תולדותנו, ותורת האל.
עדים המה יון ורומא, אשור ובבל,
אשר תמו לנצח בהתגרם בישראל.

ואני, צורי! אם החריבו היכלי, ומזבח־זהבי,
אחזיק בקרנות ספרך אשר כתבת.
עוד נשאר במעמקים מזבח־לבבי,
ואקריב עליו מטעמים כאשר אהבת.

ואשא עיני למזרח, מקום חבלתני הורתי,
שם ערש ילדותי, גם ארץ תקותי.
שם אתנה בששון תוקף צרתי והותי
ששבעתי בגולה, טרם בא מציון עזרתי.

---

געבען, — קענען מיר האפען, אז מיר וועלען זעהן די עצמות היבשות פאראייניגט אין קערפערשאפטען מיט אמת'ן רוח החיים.

אבער ביז יעצט, דענק איך, איז נאר געוועזן ביי אונז דער „נשמע" בעפאר דעם „נעשה" (משום עת לעשית ל"ד הפרו . . .), יעצט איז געקומען די צייט פון „נעשה" און נאכדעם ערשט „נשמע". דער צוועק פון דער גרויסער קאנווענשאן וואס איז אפגעהאלטען געווארען וועט ניט פארפאלקאמט ווערען סיידען אלע שוחטים פון אמעריקא וקענעדע וועלען זיך אנשליסען אן דער אגודה, און אום דיזעס צו ערדייכען מוז די אגודה ווידמען דיזען יאהר פאר סטייט קאנ־וועגשאנס, ד. ה. די שוחטים פון יעדען סטייט און פון יעדער שטאדט און שטעדטעלע זאלען זיך צוזאמענקומען אין איין געוויסען פלאץ, אין איין באַ־שטימטען טאג און דארטען זאל זיך געפינען אויס־דריקליך א. פארטרעטער פון דער אגודה. ערשטענס, ;וייל אין חבוש מתיר עצמו מבית האסורים, און צווייר טענס טאקע צו הערען און זעהן די נביאי זמננו, וועלכע וועלען אייך געבען א רוח חיים. און ווען די סטייט שוחטים וועלען זיין אלע פאראייניגט און פארזיכערט פון הסגת גבול און אנדערע פורעניות, וועט ווערען די אגודת השוחטים לויט דעם פלאן פונ'ם ועד הפועל ווי עס דריקט זיך אויס ר' אברהם אולמאן אין זיין בריף (ש"ש, 2—2) איינע פון די שטארקסטע און שעהנסטע אגודות וואס וועט פארבעסערען דעם מצב הרבנות און דעם מצב היהדות בכלל ובפרט. אמן הללי"ה.

# השומר

ירחון מוקדש לחזוק התורה והיהדות לבירור ולבון שאלות החיים על פי רוח התורה והאומה

יוצא לאור ע"י אגודת שוחטי עופות דניו יארק רבתי במדינת אמעריקא. הרב שמריהו ליב הורוויץ, העורך.


## הרמב"ם ותורתו

(הרצאה שהרצה בעברית הרב שמריהו ליב הורוויץ)

(המשך)

**האדם ותעודתו בתבל.** — בדרך כלל יש לדעת שכל הנמצאים שתחת גלגל הירח נמצאו בשביל האדם לבדו, וכל מיני החיות יש מהם למאכלו כצאן ובקר וזולתם, ויש מהם לתועלתו בזולת המאכלים כמו החמור לשאת עליו מה שלא יוכל להוליך בידו, והסוסים להגיע בהם מהלך דרך רחוקה בימים מועטים, ומהם מינים שלא נדע להם תועלת, ויש בהם תועלת לאדם ולא יכיר אותם, וכן האילנות והצמחים מהם למאכלו ומהם לרפאותו ממחלותיו, וכן העשבים ושאר המינים. וכל מה שתמצא מן החיות והצמחים שאין להם תועלת מזון ואין בו לפי מחשבתך שום תועלת, דע שהדבר ההוא לחולשת שכלנו, ואי אפשר לכל עשב ולכל מין מבעלי החיים, מן הפילים עד התולעים, שלא יהיה בהם תועלת לאדם, והמופת על זה שהחי בכל דור ודור יגלה לנו עשבים ומיני פירות שלא נגלו לקדמונינו ויש בהם תועלות גדולות, ואין ביכולת אדם להיות דעתו כוללת תולעת כל צמח הארץ, ואולם נגלה ענין כדרך הנסיון על הדורות החולפים.

אבל אם תאמר מדוע נבראו הסמים הממיתים, כגון עשב הנקרא בי"ש ועשב הדם אשר ימות בה האדם ואין בהם תועלת, ראוי לך לדעת **שיש בהם תועלת**, שאם תמית בעת שיאכלו אותה, לא תמית בעת שיתבשו בה על גבי הגוף, וכשתכיר כי תועלת גדולה יש לאדם באפעה ובנחשים קל וחומר במה שהב מוטעים מהם בהיזק, וכאשר מצאו שתכלית כל אלו הענינים הוא למציאת האדם, הוצרכנו לחקור כמו כן למה נמצא האדם? ומה היתה כוונת יצירתו? וכאשר האריכו לחקור בענין זה מצאו לאדם פעלים רבים מאד, שהרי כל מיני בעלי חיים והאילנות יש להן פעל א' בלבד או ב' פעלים, כמו שאנו רואין הדקלים שאין להם פעל אלא להוציא התמרים, וכן שאר האילנות, וכן החיות נמצא בהם מי שיארוג בלבד כמו העכביש, ומי שיבנה כמו השממית והוא צפור דרור המקננת בבתים בזמן החום, ומי שיטריף כאריה, אבל האדם יעשה מעשים רבים משתנים זה בזה. וחקרו על כל פעולותיו פעל לדעת **תכלית בריאתו** מאלה הפעלים, ומצאו, כי תכליתן פעל א' בלבד, **ובשבילו נברא**, ושאר פעליו הם לקיים עמידתו כדי שישלם בו הפעל האחד ההוא, והפעל הזה הוא לצייר בנפשו הסודות המושכלית, ולדעת האמתות על פי מה שהם עליו, **שהדעת נותן ששוא ושקר להיות תכלית האדם לאכילה ולשתית ולבעילה** או לבנות קיר, כי כל אלה מקרים מתחדשים עליו לא יוסיפו על כחו הפנימי, ועוד שהוא משתתף בזה עם רוב הברואים, והחכמה היא אשר תוסיף על כחו הפנימי, ותעתיק אותו ממעלת בוז למעלת כבוד, שהרי היה **האדם בכח** וחזר **אדם בפועל**, והאדם קודם שישכיל וידע, הוא נחשב כבהמה, לא נבדל משאר מין החיות אלא **בהגיון**, שהוא **חי בעל הגיון**, רוצה לומר: בהגיון שהוא מציין לנפשו המושכלות, והנכבד שבמושכלות; **לצייר לנפשו אחדות הקב"ה** וכל הנלוה לענין ההוא מהאלהיים, **ששאר החכמות אינן אלא להרגיל בהן עד שיגיע לדעת האלהי**, והדבור בזה הענין עד כלותו יאריך מאד, אבל עם ציור המושכלות יתחייב להרחיק רוב התענוגים הגופניים, כי תחילת השכל יצייר **שחורבן הנפש בתקון הגוף, ותקון הנפש בחורבן הגוף**, שהאדם כשיהיה רודף תאוות ומגביר המורגשות על המושכלות, ומעביר שכלו לתאוותיו עד יחזור כבהמה אשר לא תצייר לנפשה אלא האכילה והשתיה והתשמיש, אז לא יתוודע **הכח האלהי**, רוצה לומר: **השכל**, וישוב אז כאילו הוא בריה נזורה ושוחה בתוך ים ההיולי, ופירוש ים היולי תוהו.

(המשך יבוא).

---

## היינו דאמרי אינשי

מרגלי בפומא דאינשי לומר: „א חזן איז א נאר".

למה?

אך לפי המשנה (ברכות ל"ד) „המתפלל וטעה, אם שליח צבור הוא סימן רע לשולחיו". למה? והלא משנה ברורה היא (ב"ק נ"א:) „השולח את הבערה ביד חרש שוטה וקטן חייב (המשלח) בדיני שמים, ביד פקח פקח חייב".

לפי זה פשיטא שהחזן הוא אחד מג' דברים דרישא, ולכן המשלח חייב.

רעוו. יעקב גובמאן.
פליינפילד, נ. דזש.

315



# מקום תורה ותורת המקום

מאת הרב שמואל דוב מהרשק
שו"ב ברוטשסטר, נ. י.

אמר ר' יוסי בן קסמא, פעם אחת הייתי מהלך בדרך ופגע בי אדם אחד וכו', אמרתי לו מעיר גדולה של חכמים ושל סופרים אני, אמר לי, רבי, רצונך שתדור עמנו במקומנו ואני אתן לך אלף אלפים דינרי זהב ומרגליות, אמרתי לו אם אתה נותן לי כל זהב ואבנים טובות ומרגליות שבעולם, איני דר אלא במקום תורה (אבות פ"ו).

כל ימי, כשהייתי מגיע לאגדה זו, היה לבי הומה בי, קשה היה לי לירד לדעתו של ר' יוסי ולהבין את נמוקיו, שבעבורם דחה את הצעת אותו האיש, שהציע לפניו לדור במקומו, להיות שם רועה רוחני ולהפיץ דעת תורת ה' בין אנשיה.

אם טוב אמנם להיות „זנב לאריות ולא ראש לשועלים" כדברי ר' מתיא בן חרש (אבות פ"ד ט"ו), אבל מה יעשו אלה שעירם אינה מגדלת חכמים בקרבה? האם גזרה היא על עיר כזו להיות תמיד בלי רב ומורה דרך ועל אנשיה להיות נמקים והולכים בבערותם וסכלותם? האם אין זו מחובתו של תלמיד חכם לשים משכנו בתוכם, כדי לפקח על דרכם ולהזהיר עליהם, לטעת בקרבם אהבת תורה ויראת שמים ולהורותם „את הדרך ילכו בה ואת המעשה אשר יעשון"?

והלא כבר אמר הלל (שם, פ"ז ה') „במקום שאין אנשים (לישב בראש ולהורות הוראות, ברטנורה), השתדל להיות איש", כלומר, עליך החובה להורות ולהפיץ שם דעת ויראת ה'. ועוד אמרו „כל המלמד תורה במקום שאין תלמידי חכמים, דומה להדס במדבר" (ר"ה כ"ג עמוד א'), שהוא חביב לכל ומשיב נפש העוברים והתועים שם. ואם כן, מדוע דן ר' יוסי על השאלה הזאת רק מנקודת מבטו ותועלתו הפרטית: שטוב לו לדור במקום תורה, ולא שם לבו למצבם ותועלתם של אנשי אותו המקום, אשר אין להם מנהל ומנהיג להורותם דעת וללמדם תורת ה'? האם מדת חסידות היא זו: לעזוב קהלה שלמה לנפשה, מבלי להתעניין בדלות מצבה הרוחני ומבלי להרים אותה משפלותה ובערותה?

אולם אם נדקדק היטב בסגנון הדברים שבין ר' יוסי ובין אותו האיש המחזר אחרי רב לעירו, נקבל מושג ברור על סירובו של הראשון ועל אי רצונו לקבל עליו את משרת הרבנות שם.

אלמלי הסתפק אותו האיש רק בדבריו אלה: „רבי, רצונך שתדור עמנו", כלומר, אתה תהיה לנו לרב ורועה רוחני, למנהיג ומנהל, ואנחנו נטה אוזן קשבת לדברי תורתך ומוסרך הטוב, את פקודתך נשמור ואת כל אשר תצוותו נעשה, — אז ודאי שלא היתה שום הצטדקות לר' יוסי לדחות את הצעתו ולהשיב את פניו ריקם.

אבל מההערה „במקומנו" שהוסיף האיש המציע הבין ר' יוסי: שלא הרי המקום שמשם הוא יוצא כהרי „הארץ החדשה" שלשם נתבקש. היהדות באותה ארץ היא רק טקט של עסק (ביזנעס, צירימוניא בלע"ז), תורה לא יבקשו מפיהו, שאלות איסור והיתר הוכשרו אצלם זה כבר וגם בעניני אישות לא מפי הרבנים הם חיים, נשיאי בתי הכנסיות ויתר פקידי ה„קונגרגיישונס" הם הם המפקדים על „עסקי" היהדות שם, ועליו בתור רב להיות משועבד וכפוף להם ולתת את הסכמתו לכל דבריהם ומעשיהם, וחובתו יהיה גם כן לקבל בסבר פנים יפות ובקידה של הכנעה את פני כל ה„חברים" של הקונגרניישון שלו ולהגיד להם שבחם בפניהם, שצדיקים ישרים המה ולא עולתה בהם.

ואם מוכנים ומזומנים הם להוזיל זהב מכיסם ולהוציא „אלף אלפים דינרי זהב" כדי למנות עליהם רב, אין זאת אלא מפני שגם בזה יש משום אבק של „עסק", כי בתתם את תמונת הרב ביחד עם תמונת הש"ץ המפורסם שלהם, על המודעות שיפיצו לפני הימים הנוראים, יוכלו להוסיף באותיות של קידוש לבנה ולהודיע ש„פלוני הרב הגאון, רבנו החביב, הדרשן המצוין, פה מפיק מרגליות, אשר כל שומעיו תצילנה שתי אזניו, ישא מדברותיו וירעיש את הלבבות בדרשותיו הנחמדות בבית הכנסת ... בשני ימים טובים של ראש השנה וביום הכפורים, ולהשומעים יונעם ויהיו מובטחים בכתיבה וחתימה טובה, בשנת חיים ושלום אמן", הכל באורח וכמנהג „הארץ החדשה", ומובן מאליו שאחר מודעה צעקנית כזו ירבו הקופצים על סחורתם, כלומר, יתרבו שוכרי המקומות (סיטס בלע"ז) בבית הכנסת שלהם, כדי להתענג על זמרת הש"ץ ועל דרשות הרב, ובזה תבואתם טובה והכנסתם שלמה.

ונוסף לזה ישמש להם הרב גם בתור מקונן, להספיד את הנפטרים „הליידים והג'נטלמן" שלהם, ובעבור זה יקבל אמנם מתנות יפות „אבנים טובות ומרגליות", הכל לפי מדת ההספד, לפי קצב הניגון, לפי כמות התהילות והתשבחות, שיפזר לכבודו של הנפטר ולפי רוב הדמעות שיצליח להוזיל מעיני בני משפחתו, מכריו ויתר המלווים.

ולכן דחה ר' יוסי את הצעתו ואמר לו: „אם אתה נותן לי כל זהב ואבנים טובות ומרגליות שבעולם, איני דר אלא במקום תורה", חלילה לי לעזוב את עירי, שהיא „מקום תורה" וללכת למקומך ולקבל עלי את „תורת המקום". גם בעד כל הון שבעולם לא אמכור את נשמתי וכבודי. טוב לי לאכול פת חרבה ולשבת בעיר שהיא „של חכמים ושל סופרים", כלומר, העיר בה ספוג רית תורה וחכמה, היהדות צועדת בה קוממיות, אינה מרכין את ראשה ואינה נכנעת בפני התקיפים סניאי החוצפה, — מלכת אתך ולהיות שם „חכם בעיר", אבל בזוי בעיני הבריות ונמאס בעיני עצמי.

# המחוקק והחיים

מאת הרב שמואל מנחם הלוי פיין, רב בדיטרויט.

כל מחוקק שבא לחוק חוקים צדיקים, ומשפטים ישרים בעד עמו וארצו, חוקים ומשפטים בעד הכלל והפרט, איך תתנהג המדינה בכללה, ואיך יתנהג היחיד בפרט, והכל על מקומם יבואו לשלום, — אז על המחוקק לידע את טבע הארץ ואת אפיו של העם, ויתאמו יחדיו ויכוונו בד בבד עם החוקים והמשפטים, ואז יהיה הרמוניא שלמה, ודוקא אז יתאזרחו ויתחזקו החוקים והמשפטים בקרב הארץ ובשדרות העם, וכמו שממילא יתקיימו ויצאו לאור ופעולות ידים, באשר שדבוקים ואחוזים זה בזה. (ועיין בספרי זכרון שמואל חלק א' לפ' בא).

ובהיות הדבר כן, אז ההכרח שהמחוקק יוולד ויתחנך ויתגדל בהארץ מקטנותו, וטבע העם ושבילי הארץ יתגלו לפניו כמו בראי מלוטש, ואז יהיו להמשפטים שלו מהלך בין החיים ויקיימו אותם. ומתוך השקפה זו יובן לנו פסק הרמב"ם בהלכות מלכים פרק א' הלכה ד'. אין מעמידים מלך מקהל גרים אפילו אחר כמה דורות עד שתהיה אמו מישראל, ולא למלכות בלבד, אלא לכל שררות בישראל, ועיין שם במפרשים את מקורי להלכה זו. ולכאורה צריך להבין תורתנו הקדושה, שאינה מחלקת בין גר ובין אזרח ולפני כם משפטה הכל שוים, וחוקה אחת ומשפט אחד לכם ולגר ולאזרח הארץ. ואם כן, מדוע פסלה התורה מינוי מלך ושאר המינויים מגרים, ואינם כשרים אלא אך מישראל? וכי זהו חוקה אחת ומשפט אחד?!

אבל כפי שבארנו הוא ניחא. המלך שבידו להחיות ולהמית, בידו להיטיב ולהרע, בידו להעלות ולהוריד, בידו להשפיל ולרומם. וכל דבר קטן או גדול מהחוקים והמשפטים, אם לא יהיה עליו גושפנקא מהמלך איננו שוה כלום. ואם כן, אם לא יהיה מישראל, ודם היהודים לא יהיה שוטף ונוזל בעורקיו וגידיו, ואז לא יהיה על החוקים והמשפטים שחוקק וגוזר חותם תכנית של טבע עם ישראל, השונה מטבע עמים אחרים, ולא יהיו להם מהלכים בין השדרות הרחבות של העם, ואז יביא שואה ומשואה על העם ועל הארץ. ועל כן פסלה התורה גרים מלהיות מלך ושאר המינויים. ופוק חזי במדינת אמריקא שהיא ארץ החופש ולפני כם משפטה הכל שוים, הנה גם היא פסלה למנות פרעזידענט עד שיהיה נולד על אדמתה. הוא גם כן מטעם הנ"ל.

טבע העם האמריקאני הוא שונה מהעמים אשר באירופא, והפרעזידענט שבידו תלוי הרבה אם לחוק החוקים, או למנוע אותם, ואם לא יהיה נולד על אדמת אמריקא מזגו וטבעו לא יהיה שוה עם טבע הארץ והעם, ואז תחת להיטיב להמדינה והעם עוד ירע להם, ותחת לתקן עוד יקלקל. ומתוך הכרה זו הסביר משה לישראל, שהחוקים והמשפטים שהוא מלמד ומצוה להם אינם מדעתו, אך כן קבל מפי הגבורה. וזהו הביאור בפ' ואתחנן, ראה למדתי אתכם חוקים ומשפטים כאשר צוני ד' אלהיך ולא מלבי הוצאתי אותם, יען לעשות אותם בקרב הארץ אשר אתם באים שמה לרשתה, ואני לא אבוא שמה, ואינני יודע את הארץ ואת טבעה, ואם היו החוקים מלבי, איך הייתי יכול ללמדם שתקיימו אותם בארץ ההיא? והלא אפשר שהחוקים והמשפטים הם נגד טבע הארץ, אלא כאשר צוני ד' אלהיך והוא יודע שהחוקים והמשפטים מתאימים לטבע הארץ. ומה רמה ונשגבה מליצת הפסוק סוף אחרי, ולא תקיא הארץ אתכם וגו', תלה הכתוב בארץ. הארץ תקיא אותם אם לא יקיימו החוקים והמשפטים, יען שמכוונים יחד עם טבע הארץ.

---

# מילי דבדיחותא

מלוקטים על־ידי אחד השוחטים המרגישים.

פעם בא סוחר גבינות אחד לפני הגאון הצדיק רבי משה סופר זצ"ל בעהמ"ס „חתם סופר" מפרסבורג, ובקש ממנו שיתן לו שטר־הכשר על הגבינות שלו, שהוא מובילן לעיר הקרובה על ה„יריד" שם.

הרב הגאון חקר ודרש היטב ונתוודע לו, כי הגבינות הנ"ל אינן בחזקת כשרות... ויכתוב על פסת ניר בזו הלשון:

„וככה תאכלו אותו: מתניכם חגורים", וימסור לאיש סוחר הגבינות.

אחר כך כאשר בא לעיר אחרת הביא את ההכשר להרב דמתא. הרב העיף עין בו וירא מה שכתוב ויתפלא מאד, אך כאשר עיין מצא, כי על הפסוק „ומתניכם יהיו חגורים" תרגם אונקלוס „וחרציכון יהיו אסורין"... וזה רמז הגאון בשכלו החד מה שכתוב: „ואת חריצי החלב" (שמואל א'), שכוונתן גבינות. אז ירד לסוף דעתו של בעח"ס ואסר את הגבינות...

* * *

בימי המלחמה הגדולה, כידוע, קראו לצבא אנשים מבן ארבעים שנה ומעלה. היה אברך אחד, בעל אשה ומטופל בבנים והגיע זמנו לצאת לצבא. אך ניחם את עצמו בזה שישלחו אותו לחפשי מטעם מחלות עיני, כי היה קצת קצררֹאי.

יום קודם הקומיסיה הצבאית הלך אצל הדוקטור העברי לבדקהו.

— אינני רואה בך שום מום או חסרון, — ענהו הדוקטור לאחר בדיקה ממושכה, — לפני דעתי, ראוי אתה להלקח לצבא!

לשמוע דברים כאלה נפחד האברך מאד ויצא מדעתו...

כשהגיע הדבר להרב הגאון ר' אליעזר הגדול זצ"ל, אב"ד במינסק, ענה ואמר: אין אני מתפלא מזה, הלא הוא כמו שכתוב בתורה: „והיית משוגע ממראה עיניך אשר תראה"... כלומר: תבואנה עתים אשר אם יאמרו לך על מראה עיניך כי הנך רואה, מזה תהיה למשוגע...

# ספרים חדשים

## שהגיעו אל המערכת.

ספר „ילקוט יהושע" יכלכל ביאורים וחדושים, הוד חכמת חכמים ובינת סתרי נבונים, שערים נעולים נפתחים, עיני מעיינים מאירים, הדר האגדה וסתריה, עמקי רמזיה וסודותיה, שעשועים לחוקריה ודורשיה, ישמחו בפתרון חידותיה, לעת יבינו פלאותיה, לקוטי בתר לקוטי, זעיר שם אשר חנני יוצרי ברחמיו המרובים לחדש בדברי חז"ל הנאמנים. ילקוט הוא לרועי צאן ולא לרועי בקר, אבל תמן אמרו באתר דמארי דביתא תלא קולבא רעיא קולתיה תלא, כל דברי בניתי ב"ה על הקדמות לקוחות מפי ספרים ומקובלות מפי סופרים אשר על פי ההקדמות אלה עלה לי לבאר בחסד ה' כמה אגדות פליאות בדברים ערבים ומתוקים כשמש בצהרים מבהיקים, ישמחו בהם אלה המעמיקים, כל אלה עשתה ידי בחסד ה' עלי בזכות אבותי הקדושים ספרא זעירא בישראל יהושע העשיל ממאניס־טערישצע, בן אדוני אבי מורי ורבי, הרב הקדוש הר' יצחק יואל מקאנטעקאזעווע יע"א. גר אנכי בארץ פה בראנזויל, ניו יארק, מגולי עיר אומאן אשר באוקריינא יע"א. בעמה"ס דברי יהושע עה"ת וספר תורת אבות על מסכת אבות, ועוד ספרים אשר המה בכתובים.

זהו ספר בן 209 עמודים באותיות רש"י מלא וגדוש בדברי תורה וחכמה, יש בו רעיונות עמוקים וביאורים נפלאים באגדות הש"ס. מזיגה נפלאה של דרוש, הגיון, מחקר, בקורת, חסידות וקבלה.

הספר מעיד על מחברו כי גדול הוא בתורה וחכמה ובעל רעיון נפלא, הרב הג' הצדיק ר' יהושע העשיל המכונה המאניסטערישצער רבי. הוא אחד מבני עליה ויחידי סגולה שבדור, ומצוה להביא את ספרו אל כל בית בישראל, כי כל המכנים את ספרו של הרבי אל ביתו ברכה מרובה הוא מכנים אל תוך ביתו, וכדאי שיתפשט ספר זה במדה מרובה בין אוהבי תורה בישראל.

רב וסופר, ילקוט מרגליות — חומר דרושי לשבתות השנה, מועדים והזדמנויות שונות בחיי הכלל והפרט, לנשואין, שבוע הבן והספד, לחזוק התורה, חנוך הבנים ובנין הארץ, על המפלגות, האגודות ופרנסי הדור, השקפות על מהות היהדות, תעודתה ותקותה.

העורך והמסדר הוא הרב החכם והסופר המובהק ר' ראובן מרגליות, בלבוב, ומלאכה גדולה ומצוינה עשה הרב הסופר הזה, יש בו אוצר של חומר לדרוש מן המובחר בקצור לשון ומיטב הגיון, והיא באמת כלי יקר וספר שמושי הגון לדרשנים ומטיפים.

**בן דוב.**

# להרים מכשול

